וועגן דארף אסטראוו, וואס האט עקזיסטירט נאך פאר אסטראווצע, האבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות, אויסער איין ידיעה אין רעגיסטער־בוך פון יאר 1578 אין וועלכן עס ווערט דערמאנט, אז דאס דארף אסטראוו האט זיך געפונען אין דער פאראפיע שעווגע און איז געווען דאס אייגנטום פון א געוויסן פיאטר זאבאראווסקי. צו דער שעווגער פאראפיע זיינען אויך צו יענער צייט געווען צוגעטיילט די ארומיקע ישובים טשענסטאטשיץ און דענקוו, וועלכע געפינען זיך היינט צו טאג נישט ווייט פונעם דארף אסטרוועק. לויט דער דאזיקער ידיעה, איז מעגלעך, אז די שטאט אסטראווצע איז אנטשטאנען שפעטער.

די כראניק גיט אונדז אויך איבער א צווייטע ידיעה וועגן דער אנטשטייאונג פון דער נייער אסטראווצע, אז אין יאר 1614 האט דער שעף פון דער שטאט, פרינץ יאנוש אסטראווסקי, אויפגעבויט די פאראפישע קירכע

פון שטיינער און נישט פון האָלץ. דער גרויסער שיינער קאָשטשאָל (די תיפלה — ווי יידן האָבן עס גערופן) איז געשטאַנען אויף אַ בערגל און אָנגעזען זיך פונדערווייטנס. ווייל דער פּרינץ האָט נישט געקאַרגט קיין געלט אויף רעליגיעזע צוועקן און האָט זיך באַמיט אויפצושטעלן אַ הערלעכן בנין.

זינט איר אַנטשטייאונג איז די שטאָט אָסטראָווצע געווען דאָס אייגענטום פון די שלאַכטשיצעס, וועלכע האָבן גערן געזען דעם יידישן ישוב אין זייער שטאָט, וואַרשיינלעך צוליב דעם עקאָנאָמישן נוצן, וועלכן די יידן האָבן געברענגט דער מדינה, אָדער אפשר גאָר צוליב זייער לעבנס־שטייגער, מנהגים און זייער יידיש, וואָס האָט געקלונגען ענלעך צו דייטש. די דאָזיקע הערן האָבן זיך אָפט געביטן. אָסטראָווצע איז נישט געווען זייער איינציקער באַזיץ, נאָר זיי האָבן אויך פאַרמאָגט גיטער אין דער אַרומיקער געגנט און געהאַלטן אין איין פאַרשאַפן זיך נייע, כדי אַזויאַרום צו פאַרגרעסרן זייער איינפלוס אין פוילישן סיים און אין דער מדינה.

ביים שילדערן דעם יידישן ישוב אין אַסטראָווצע, מוז מען אויך וויסן, ווער זיינען געווען אירע באַלעבאַטים און וואָסערע זיינען געווען זייערע באַציאונגען צו זייערע יידישע שכנים.

די באַלעבאַטים פון דער שטאָט אָסטראָווצע און פון די פיל גיטער אין דער אַרומיקער געגנט זיינען געווען די פאַמיליעס: אָסטראָגסקי, סאַנגושקאָוו, לובאָמירסקי, ווישניוווצקי, דאָמבראָווסקי, טשאַרטאָריסקי. שפּעטער איז אָסטראָווצע מיט אַלע אירע גיטער אַריבער אין באַזיץ פון דער פּוילישער באַנק, וועלכע האָט זיך באַמיט צואַנטוויקלען די אייזן־אינדוסטריע אויפן אָרט. אין אַ צייט אַרום האָט די אַלע גיטער אָפּגעקויפט דער באַראָן פרענקעל און צום סוף די אַריסטאָקראַטן־משפחה ווּיעלאָפּאָלסקי, וועגן וועלכער עס וועט אונדז נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן.

מיר האָבן נישט קיין ידיעות וועגן די פאַמיליאַרע אָדער עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן דעם גרינדער פון דער שטאָט אָסטראָווצע מאַטשעיאָווסקי און דעם פּרינץ יאַנוש אָסטראָגסקי, דער באַלעבאָס פון דער שטאָט, וועלכער האָט אין יאָר 1614 אויפגעשטעלט דעם קאָשטשאָל. מען ווייסט בלויז, אַז די פאַמיליע אָסטראָגסקי שטאַמט אָפּ דירעקט פון ראָמאַן משטשיסלאַוו, דעם פּרינץ פון וואָלין, וועלכער האָט נאָך אין דער תקופה פון לעשעקן באַקומען די שליטה איבער האַליטש און אין יאָר 1205 געפאַלן אין קאַמף ביי זאַוויכאָסט. זיין אייניקל דאַניעל איז געווען דער ערשטער פּרינץ אין אָסטראָג, דובנאָ און זאַסלאַוו אין דער תקופה פון גרויסן קאַזשימיעזש, און זיין אייניקל דאניעל פידאַר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן רופן מיטן פאַמיליע־נאָמען אָסטראָגסקי. יאַנוש אָסטראָגסקי איז געווען אַ זון פון פּרינץ אָסטראָגסקי, וועלכער האָט געוווינט אין אָסטרוג (די שטאָט פון מהרש"א), און וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער גביר און גרויזאַמער הערשער, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אפילו אויף זיינע אייגענע פאַמיליע־מיטגלידער און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 100 יאָר אין 1608. זיין זון יאַן, וועלכער האָט פאַרנומען הויכע פּאָסטנס אין דער מדינה, געווען קרייז קאָמענדאַנט אין וואָלין און סענאַטאָר, האָט לאַנג געלעבט, נאָר נישט געהאַט קיין זין, נאָר צוויי טעכטער. מיר ווייסן נאָר, אַז ער האָט אין אָסטראָווצע אויפגעשטעלט דעם קאָשטשאָל, אָבער אַז ער האָט געזאָלט מערער עפּעס אויפטאָן פאַר דער שטאָט אָסטראָווצע — איז נישט באַוווּסט. וועגן רייכטום פון דער פאַמיליע אָסטראָגסקי זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס. בלויז זיינע אומבאַוועגלעכע גיטער זיינען אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף 200 מיליאָן זלאָטעס. אין זייערע גיטער האָבן זיך געפונען ביז 600 רוימיש־קאַטוילישע קירכעס און עס האָבן זיי באַדינט מער פון 2000 משרתים. די דאָזיקע פאַמיליע האָט זיך שפּעטער משדך געווען מיט דער אַדעליקער פאַמיליע סנגושקאָ, און נאָכן טויט פון יאַנוש אָסטראָגסקי, איז אָסטראָווצע אַריבער אין באַזיץ פון סאַנגושקאָ.

סאַנגושקאָ, פון אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, האָט באַקומען דאָס אייגנטום־רעכט אויף אָסטראָווצע צוליב זיין קרובהשאַפט מיט די פריערדיקע אייגענטימער. דער עלטסטער פון דער דאָזיקער פאַמיליע, יאַנוש, האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער געשיכטע פון די מלחמות צו יענער צייט. אויך ראָמאַן סאַנגושקאָ פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער געשיכטע פון פּוילן. שמעון שמואל סאַנגושקאָ (אינטערעסאַנט, אַז צווישן די אַלטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אין פּוילן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן תנ"כישע נעמען ווי ביי יידן) האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס קריגס־העלד אין דער מלחמה קעגן די שוועדן מיט כאָדאַקעוויטשעס אַרמיי און איז געוואָרן ביז גאָר באַרימט.

פון דער פאַמיליע סאַנגושקאָ איז אָסטראָווצע אַריבער אין באַזיץ פון דער פאַמיליע לובאָמירסקי, וועלכע איז געווען איינע פון די אָנגעזעענסטע פאַמיליעס אין פּוילן. דער נאָמען לובאָמירסקי ווערט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון פּוילן אַלס איינער פון אירע גרעסטע בויער און עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס פיל פון די דאָזיקע פאַמיליע־מיטגלידער האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פאַרשידענע געביטן און דערוואָרבן זיך אַ גרויסן נאָמען. די לובאָמירסקיס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גוטע מעשים לטובת די יידן, און מיר האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן אויף פיינטלעכע־אַקטן מצד זיי, ווייל זיי האָבן, ווייזט

אויס, פאַרשטאַנען, אַז די יידן ברענגען אַ סך נוצן דער פוילישער מדינה. עס איז בײַט באַוווּסט ווילאַנג עס האָט אַנגעהאַלטן זייער אייגענטום־רעכט אויף אָסטראָווצע און וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן פאַר דער דאָזיקער שטאָט.

און ווידער איז די שטאָט אַריבער פון די לובאָמירסקיס אין באַזיץ פון דער באַוווּסטער פאַמיליע ווישניאָוויצקי, וועלכע האָט ביזן כמעלניצקי־אויפשטאַנד פאַרמאָגט ריזיקע ערד־שטחים אין מזרח־אוקראַינע, זיך אויסגעצייכנט מיט יחוס און רייכטום און געווען שטאַרק אָנגעזען ביי די פוילישע מאַכטהאָבער. פון דער דאָזיקער פאַמיליע פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט: יערעמיאַש מיכאל (1612 — 1651), וועלכע האָט בעתן כמיעלניצקי־אופשטאַנד געשאַפן אַן אייגענע אַרמיי און דערפאָלגרייך אַרויסגעטרעטן קעגן די אויפשטענדלער און אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלע פוילנס פיינט. ער איז געווען איינער פון די חסידי אומות העולם און ענערגיש אַרויסגעטרעטן אין פאַרטיידיקונג פון די יידן קעגן די אָנפאַלן אויף זיי מצד די קאָזאַקן, וועלכע עס איז אים געלונגען צו פאַרטרייבן און אַזוי אַרום צוריקגעשטעלט דעם שלום אין פוילן. אַלס אויסצייכנונג פאַר זיין אָפּראַטעווען פוילן פון קאָזאַקישן איבערפאַל, איז זיין זון מיכאל קוריבאַט טאָמאַש (1638—1673) באַשטימט געוואָרן אַלס קעניג פון פוילן (די יידן אין פוילן האָבן תמיד מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט זיין נאָמען — זייער רעטער בעת די קאָזאַקישע פאָגראָמען). די איבערגעגעבנקייט צו די יידן מצד דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע. און ס׳איז קיין צווייפל נישט, אַז די דאָזיקע פאָזיטיווע באַציאונג זייערע צו די יידן אין פוילן בכלל איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין באַצוג צו די יידן פון דער שטאָט אָסטראָווצע.

פון די ווישניאָוויצקעס איז אָסטראָווצע אַריבער צו דער פאַמיליע דאָמבראָווסקי, און פון די דאָמבראָווסקיס — צו דער באַרימטער פאַמיליע טשאַרטאָריסקי, וועלכע האָט געשפילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין פוילן אין 18־טן יאָרהונדערט. אַדאַם טשאַרטאָריסקי איז געווען באַוווּסט אַלס הייסער אָנהענגער פון קאָזשעניצער מגיד רבי ישראל ז״ל. אין אָסטראָווצע האָבן די מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַמיליע געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט זייערע יידישע שכנים.

און צום סוף — די באַרימטע פאַמיליע ווישלאָפּאָלסקי, וועלכע האָט געטראָגן דעם עמבלעם „סטאַריקאָן“ (שני לוחות הברית) און פון 17־טן יאָרהונדערט איז זי פאַרעכנט געוואָרן צווישן די סענאַטאָרן פון קראָקע. זייערע אורעלטערן זענען געווען באַקאַנט צווישן די איינוווינער פון קראָקע אונטערן נאָמען „בוכנער“ אין דער תקופה פון קעניג לודוויק צום סוף פון 14־טן יאָרהונדערט.

פון דער דאָזיקער פאַמיליע האָט אויך געשטאַמט דער גראַף אַלעקסאַנדער ווישלאָפּאָלסקי (1803—1877) — אַ פוילישער פּאָליטיקער, וועלכער איז אין יאָר 1827 נאָמינירט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער געזעצגעבערישער קאָמיסיע פון קאָנגרעס־פוילן און ער האָט פאָרגעלייגט דער צאַרישער מאַכט אויסצובררייטערן די רעכט פון די יידן. פון דער דאָזיקער פאַמיליע האָט אויך אָפּגעשטאַמט מאַריאַ יאָהאַנאַ ווישלאָפּאָלסקאַ (געב. 1884), פון די ערשטע פוילישע שרייבער, וועלכע האָבן געשטיצט דעם ציוניזם, ווייל זי האָט נישט געזען אין דער אַסימילאַציע קיין לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע. זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען: „פעלקער־פאַרברידערונג“. דער גראַף ווישלאָפּאָלסקי, דער הערשער פון דער שטאָט אָסטראָווצע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פאָטערלעכער באַציאונג צו די יידן אין שטאָט. דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל, ווייל ער האָט דאָס איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערן וועלכע האָבן במשך פון דורות אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט די יידן. די פריינטשאַפט צו יידן איז ביי דער דאָזיקער פאַמיליע שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע. זיי האָבן גערנוויליק איבערגעגעבן די יידן אין אַרענדע וועלדער, קרעטשמעס, מילן און אַנדערע גיטער. די יידן פון אָסטראָווצע פון עלטערן דור געדענקען נאָך ר׳ מאיר היינעס, וועלכער האָט געהאַלטן אין פאַכט אַ וואַלד אין דער נאָענטער געגנט, ר׳ שמואל דענקאָווער וועלכער האָט איבערגענומען אין פאַכט פון ווישלאָפּאָלסקין די גרויסע וואַסער־מיל אין דענקאָוו, און נעמען פון אַ סך אַנדערע יידן, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיינה פון זייער אַרענדע ביים דאָזיקן שליאַכטשיץ.

די שטאָט אָסטראָווצע איז געלעגן אויף אַ הויכקייט, איינגעטונקען אין גרינס, אַרומגערינגעלט מיט פעלדער, וועלדער, טייכן און טייכלעך. פון רעכטס האָט געפלאָסן דאָס וואַסער פון שמאָלן טייך „קאַמיענגאַ“ (די יידן האָבן עס גערופן „קאַמיך“), וועלכער איז געווען קענטיק אין שטאָט. דער טייך הויבט זיך אָן ביי אָדראָ־וואָנש צווישן די שטעט קאָנסק און שידלאָווצע און פון דער שטאָט וואָנכאָצק און ווייטער פליסט ער דורך אַ שיינעם און פרוכטבאַרן טאָל, ביז ער פאַלט אַריין אין דער ווייסל נישט ווייט פון וואָלאַ פאַוולאָווסקאַ. פון דרום־מזרח־זייט דערגרייכט דער טייך ביז טשמיעלוו, דרייט זיך אויס אין צפון־זייט און דורך באַלטוו פליסט ער ווידער אין דער ריכטונג פון צפון־מזרח. דער טייך שניידט דורך דעם וועג דורך וועלדער און פעלדער. אין טייך קאַמיענגאַ פאַלן אַריין די טייכלעך לאָנטשנאַ און קאַטשקאַ, ביידע פון רעכטן ים־ברעג. נישט ווייט פונעם ים־בריג געפינען זיך די גרויסע אויוונס פון די אייזן־און מעטאַל־גיסערייען

אין מראָטשקאָוו, סטאַראַכאָוויץ, בזשעזשין, מאַרטשינקאָוו, וואָנכאָצק און מיכאַלאָוו.

פון רעכטס איז, אלזאָ, געפלאָסן דער טייך „קאַמין״. וועלכער איז פאַרצייכנט אין אַלע טראַדיציאָנעלע יידישע דאָקומענטן, ווי כתובות, גיטין א.א. פון לינקס האָט געפלאָסן דער ברייטער טייך „לאַס״, וואָס פון זיינעביידע זייטן זיינען די ברעגעס געווען באַדעקט מיט הויכע טאָפּאָלן אין געדיכטע קוסטעס, און די שטאָט־איינוואוינער פלעגן זיך דאָרט גערן באָדן אין די זומער־חדשים.

אָסטראָווצע איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטן מיט דערפער און שטעטלעך. איבערן טייך האָט געפירט אַ לאַנגע בריק צו דער באַן־סטאַציע און קיין קלימקעוויטש מיט איר גרויסער פאַבריק און טויזנטער אַרבעטער. פון דער צווייטער זייט, אויף יענער זייט בריק, האָט זיך אָנגעהויבן דער שאָסיי, וועלכער האָט געפירט קיין אַפּט (אָפּאַטאָוו) און צויזמיר (סאַנדאָמיעזש). דער שאָסיי האָט זיך געענדיקט ביי זאַוויכאָסט און צויזמיר, ביים ברעג פון דער ווייסל, וועלכע איז צו יענער צייט געווען דער גרענעץ־טייך צווישן רוסישן פוילן און דער עסטרייכישער גאַליציע.

אָסטראָווצע — אַן עיר ואם בישראל

די געשיכטע פון פוילישן יידנטום פלעגט פאַרצייכנט ווערן אין די פנקסים פון די קהילות, זי איז געווען אויסגעקריצט אויף די מצבות פון די אַלטע בתי־עלמין, אויף די ווענט פון די שולן און אויף די רעשטלעך פון אַלטערטימלעכקייטן. אויך די אָסטראָווצער קהילה האָט פאַרמאָגט פנקסים, וועלכע האָבן אין זיך אַנטהאַלטן וויכטיקע פרטים וועגן יידישן לעבן אין דער דאָזיקער קהילה. די דאָזיקע קהילה־פנקסים זענען,ליידער, מיט דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. די לעבנס־באַדינגונגען אין די תפוצות האָבן נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו זאָרגן פאַר געהעריקע אַרכיוון, אין וועלכע עס זאָלן אָפּגעהיטן ווערן די דאָקומענטן, וואָס זאָלן שפּעטער דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר פאָרשער און היסטאָריקער, און דאָס וואָס ס׳איז יאָ איבערגעבליבן, איז ליידער פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

מוזן מיר זיך דעריבער באַנוצן מיט די ווייניקע איבערגעבליבענע רעשטלעך פון צווייטן מקור, פון איין פנקס, וואָס איז געווען אין דער אַמאָליקער אָסטראָווצער קהילה, און די פערזאָנען, וואָס האָבן אים געזען און געלייענט, געדענקען פיל וויכטיקע פרטים וועגן די אַמאָליקע אינסטיטוציעס פון דער דאָזיקער קהילה.

די ערשטע דאַטע, וועגן וועלכער מיר ווייסן עפּעס, איז דאָס יאָר תע״ד (1713). לויט אַ ידיעה פון פנקס־אָסטראָווצע, פון וועלכן מען האָט באַוויזן עפּעס צו פאַרצייכענען, דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאָר תע״ד איז אָסטראָווצע ווידער אָפּגעבויט געוואָרן נאָך אַ גרויסער שריפה, וועלכע איז אויסגעבראָכן אין שטאָט און פון אַלע הייזער איז מער נישט איבערגעבליבן, ווי דאָס בית־המדרש און די אַלטע שול. די קליינע צאָל יידן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין שטאָט, האָבן אָפּגעקויפט ביים גראַף וויעלאָפּאָלסקי דעם נידעריקסטן טייל פון דער שטאָט און דאָרט אויפגעשטעלט אַ מקווה. די הילצערנע שול איז ווידער אָפּגעבויט געוואָרן ביי דער מיטהילף פון געוויסע צוויי יידן — ר׳ הערצקע און ר׳ שמעון בן אהרן דאַפּט — און דעם שניצער ר׳ יחזקאל פון ראַקאָוו, וועלכער האָט אויך געמאַכט דעם ארון־קודש. האָבן מיר דעריבער אַן אויטענטישע ידיעה וועגן דער ווידער אויפריכטונג פון דעם הילצערנעם בית־הכנסת.

פון יאָר 1524 ביזן יאָר 1713 — קנאַפּע 200 יאָר — טרעפן מיר אָן אַ ליידיק בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן אָסטראָווצע. מ׳ר ווייסן די דאַטע, ווען מען האָט אָפּגעבויט די שול נאָך דער גרויסער שריפה, מיר פאַרמאָגן אָבער נישט קיין שום ידיעות אין וועלכן יאָר מען האָט אין אָסטראָווצע אויפגעבויט די ערשטע שול, ווען עס איז אַנטשטאַנען די קהילה און ווען עס האָבן זיך באַזעצט די ערשטע יידן אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט און ווי האָבן זיי געהייסן. גאַנץ מעגלעך, אַז יידן האָבן נאָך געוווינט אין דאָרף אָסטראָוו, אײדער ס׳איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט, ווי אויך אין די אַרומיקע דערפער. עס איז אָן שום צווייפל, אַז אַגעוויסע צאָל יידן האָבן זיך געפונען אין אָסטראָווצע נאָך איידער זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ זעלבשטענדיקער קהילה, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַ סך יידישע קהילות אין פוילן. אַן אָסטראָווצער ייד, וועלכער געפינט זיך היינט אין תל־אביב, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין אַלטע ספרים ווערט דערמאָנט „אָסטראָווצע נישט ווייט פון דענקווו״. דאָס איז דענקווו, וועלכע איז אָפּיצ״על געוואָרן אַ שטאָט אין יאָר 1564, ד. ה. 40 יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון אָסטראָווצע. מען קאָן דעריבער אָננעמען, אַז אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט איז נאָך נישט געווען קיין יידישע קהילה אין שטאָט, בעת דאָרט זיינען שוין געווען יידן, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן רעליגיעזע פאַרבינדונגען מיט די יידן פון דענקווו און פון אַנדערע אַרומיקע ישובים. אין דענקווו איז שוין צו יענער צייט געווען אַ גרעסערע צאָל יידן און גאַנץ מעגלעך, אַז ס׳איז שוין דאָרט אויך געווען אַ קליינע יידישע קהילה, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט די יידן פון די נאָענטע דערפער.

וועגן דעם אויפקום פון דער ערשטער שול אין

אָסטראָווצע זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. טייל מיינען, אַז די שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַ 400 יאָר צוריק. אַנדערע ווידער זענען מערער פאָרזיכטיק און האַלטן, אַז די שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַן ערך 300 יאָר צוריק. לויט דער ערשטער מיינונג איז די שול אויפגעשטעלט געוואָרן בערך אין יאָר 1560, ד.ה. 36 יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער שטאָט. לויט דער צווייטער מיינונג איז דאָס פאָרגעקומען בערך אין יאָר 1660. וואַרשיינלעך איז די שול טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר 350 יאָר צוריק, ד.ה. אין יאָר 1610. די ערשטע אַריינגעוואַנדערטע יידן אין אָסטראָווצע זיינען נישט געווען קיין רייכע און זיינען נישט געווען אימשטאַנד אויפצושטעלן אַ געמויערטע שול. האָבן זיי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ הילצערנעם בנין, וועלכער איז, ווי זיך ווייזט אויס, שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן בעת די גרויסע שריפה.

די שול אין דער יינגער אָסטראָווצע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינקייט און אַרכיטעקטור, איז, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, געווען דער צענטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן. די שול האָט געדינט נישט נאָר אַלס בית־תפילה, נאָר אויך אַלס אָרט, ווו יידן האָבן געלערנט תורה, געהאַלטן דרשות און איינגעאָרדנט די עפנטלעכע אסיפות, אויף וועלכע עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די וויכטיקסטע פראַגן פון דער קהילה. אין יענער צייט האָבן זיך די יידן באַמיט צו בויען זייערע שולן אויף הויכע ערטער, מיט אַ סך פענצטער און פלעגן זיי באַפוצן און באַשיינען אויף אַ קינסטלערישן אופן. און גאָר באַזונדערס די וואַנט, וואָס שטייט מיטן פנים צום בית־המקדש און ירושלים, ווו עס האָט זיך אויך געפונען דער ארון־הקודש מיט די ספרי תורה. אַלטע לייט פון אָסטראָווצע ווייסן צו דערציילן, אַז דער מאָלער, וועלכער האָט געמאָלן דעם סופיט פון דער שול, איז בעת דער אַרבעט אַראָפגעפאַלן פון לייטער און אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן. זיין טויט האָט גורם געווען גרויס צער און איינגעהילט אין טיפן טרויער אַלע יידן פון אָסטראָווצע און פון דער אַרומיקער געגנט. דער באַלקאָן איז שוין אַזוי פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט. אַרום דעם טויט פונעם דאָזיקן מיסטעריעזן מאָלער האָבן זיך במשך פון דורות געוועבט פאַרשידענע לעגענדעס.

די ערשטע שול איז געווען דער „פיאָנער" פון אַלע אינסטיטוציעס פון דער נייער קהילה אין אָסטראָווצע און האָט אין זיך איינגעזאַפּט פיל „געשיכטע": צווישן אירע ווענט זיינען פאָרגעקומען פיל געשעענישן און זיי זיינען געווען עדות פון פרייד און צער, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער יידישער ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט במשך פון דורות. די שול איז אויך געווען אָפגעטיילט מיט אַ מויער פון עזרת־נשים.

אויסער דער אַלטער שול, איז נישט פאַרבליבן קיין שום זכר און פאַרבינדונג מיט די פריערדיקע דורות פון יידישן ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט, גלייך ווי ס'וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין יידיש לעבן נישט עקזיסטירט. לויט דער לעגענדע, האָבן די דאָזיקע דורות נישט קיין מנוחה און רו אין זייערע קברים און זיי זוכן אַ תיקון פאַר זייערע בלאָנדזשענדיקע נשמות — אין דער איבערגעבלי־בענער אַלטער אָסטראָווצער שול. זיינען טאַקע אין דער יידישער אָסטראָווצע אַרומגעגאַנגען אַ סך לעגענדעס וועגן די דאָזיקע „שוכני עפר", וועלכע פאַרזאַמלען זיך יעדע נאַכט נאָך חצות אין דער אַלטער שול.

יעדן אויפדערנאַכט, נאָך חצות, — דערציילט די לעגענדע — פלעגן די יידישע מתים אַרויסגיין פון זייערע קברים אויפן אָסטראָווצער בית־עלמין, און זיך פאַרזאַמלען אין דער ליידיקער און פאַרשלאָסענער שול און דאָרט אָפּריכטן זייערע תפילות. זיי פלעגן אַרויסנעמען אַ ספר תורה, געליינט מיט גרויס באַגייסטערונג און איינגע־אָרדנט אזכרות נאָך די פאַרגעסענע נשמות פון די אַמאָליקע דורות — וועלכע קיינער פון צווישן די לעבעדיקע וועט מער נישט דערמאַנען און נישט מזכיר זיין. אָסטראָווצער יידן האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז פון דער פאַרשלאָסענער אַלטער שול פלעגט זיך יעדע נאַכט הערן אַ שרעקלעך געוויין און געיאָמער, און קיינער האָט נישט געוואַגט אין די דאָזיקע נאַכט־שעהן אַדורכצוגיין נאָענט פון דער שול...

דערציילט מען אַז דער אָסטראָווצער קברן, וועלכער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין פחדן, איז אַמאָל ביינאַכט אַדורכגעגאַנגען נאָענט פון דער שול. פּלוצלונג האָט ער געהערט אַ דייטלעכן „יעמוד", דאָס האָבן אים די מתים אין שול אויפגערופן צו דער תורה. דער קברן איז געוואָרן ווי אויפגעציטערט און פאַרגליווערט, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצושרייען „שמע ישראל" איז ער שוין געשטאַנען אינעווייניק אין שול אויפן בעלעמער פאַר אַן אָפענער ספר־תורה און אַרום און אַרום — מתים, איינגע־הילטע אין טליתים און תכריכים. און אַז דער שמש האָט צומאָרגנס אינדערפרי אויפגעשלאָסן די שול — האָט ער געטראָפן דעם קברן ליגן אַ טויטן אויף די שטיגן פון בעלעמער...

וועגן דער אַלטער אָסטראָווצער שול קאָן מען נאָך צוגעבן, אַז ביים אַריינגאַנג, ווי אויך ביים אַריינגאַנג אויפן בית־עלמין, איז געווען איינגעריכטעט אַן אייזערנער רינג, אַ „קונע", מיט וועלכער מען פלעגט אַרומנעמען דעם האַלדז און די הענט פון פאַרברעכער, און יעדער דורכגייער האָט געהאַט דאָס רעכט אים אָנשפייען אין פנים. מיטן דאָזיקן מיטל האָט זיך די קהילה באַנוצט קעגן די יידן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט אויפן רעליגיעזן, מאָראַלישן אָדער געזעלשאַפטלעכן געביט. אין פיל פאַלן

זיינען אויך אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די ווידער שפּעניקע גרויסע געלט־שטראָפן. די גרעסטע שטראָף איז געווען דער חרם, וועלכן די קהילה פלעגט אָנווענדן קעגן געלט־פעלשער, באַנקראָטניקעס און מאָראַליש־פאַרדאָרבענע עלעמענטן.

די צווייטע זאַך, וואָס די קהילה האָט דורגעפירט, איז: דאָס שאַפן אַ בית־עלמין. ווי עס דערציילן די אַלטע לייט פון אָסטראָווצע, האָט זיך געפונען אַן אַלטער יידישער בית־עלמין אויפן וועג קיין באַלטאָוו. דעם באָדן פאַרן בית־עלמין האָט די קהילה באַקומען פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און ער איז אין אָנהויב געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פלויט. אַזוי דערציילט מען אויך, אַז יעדן תשעה־באב פלעגט דער אָסטראָווצער ייד אברהמעלע פישל פלטיאלס אהינגיין אויף יענעם בית־עלמין און פאַרגיסן טרערן אויף חורבן ירושלים. אויפן דאָזיקן בית־עלמין האָבן זיך געפונען אַ סך אַלטע מצבות, אויף וועלכע די אויפגעקריצטע אויפשריפטן זיינען מיט דער צייט אָפּגעריבן געוואָרן, אַזוי אַז עס איז שווער עפּעס צו דערגיין פון זיי. אַדאַנק אָבער דעם דאָזיקן אַלטן בית־עלמין, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ ביז גאָר וויכטיקן פּרט: ווער ס'איז געווען דער ערשטער רב פון דער אָסטראָווצער קהילה, וואָס אַחוץ זיין נאָמען און דאָס יאָר פון זיין פּטירה ווייסן מיר נישט קיין שום פּרטים וועגן זיין פּערזענלעכקייט.

אַן אויפשריפט אויף איינער פון די דאָזיקע אַלטע מצבות טראָגט דעם נאָמען פון ערשטן רב אין אָסטראָווצע. דאָס איז געווען ר' נפתלי בן ר' הערצקע, וועלכן די קהילה האָט באַשטימט אַלס רב, וואַרשיינלעך לויט די רעקאָמענדאַציעס פון די אָנגעזעענסטע רבנים צו יענער צייט אין פּוילן. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תצ"ד (1733). וויפל יאָרן ער האָט אַמטירט אַלס רב אין אָסטראָווצע און פון וואַנען איז ער געקומען אַהער און די נעמען פון די רבנים, ביי וועלכע ער האָט באַקומען סמיכה — דאָס בלייבט פאַר אונדז אַ סוד. פון דער דאָזיקער דאַטע דערוויסן מיר זיך אָבער, אַז די קהילה גופא האָט נאָך עקזיסטירט פריער, איידער זי האָט אויפגענומען אַ רב. מעגלעך, אַז צוליב עקאָנאָמישע סיבות האָט זיך אָסטראָווצע צו יענער צייט אַרויסגעהאָלפן מיט אַ רב פון איינער פון די נאָענסטע יידישע ישובים.

וואָס שייך דער מצבה פון רב אויפן אַלטן בית־עלמין, האָט מען געפונען אין שטאָט־פּנקס פאַרצייכנט, אַז זיין מצבה איז געשטאַנען אויסגעדרייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג פון אַלע אַנדערע מצבות און ס'איז זי געווען לייכט צו דערקענען. במשך פון דער צייט איז די מצבה איינגעזונקען אין דער ערד. אין יאָר 1926 האָט דער וועד הקהילה אויפגעפרישט די דאָזיקע מצבה.

די דאָזיקע לעגענדע ווערט אַביסל אַנדערש דערציילט אין אַ חסידישן ספר. אויך דער נאָמען איז געענדערט. דאָרט ווערט דערמאָנט „הרב מאיר ר' הערצקעס מאָס־ראָוועצע" (אַ זון פון באַרימטן רב ר' אריה ליבוש פון פּשיטיק), וועלכער איז געווען איינער פון די תלמידים פון חוזה פון לובלין און פון מגיד ר' יחיאל מיכל פון זלאָטשעוו און ער האָט זיך גערופן ר' הערצקעס אויפן נאָמען פון זיין שווער. אויף זיין מצבה אין אָסטראָווצע שטייט אויפגעשריבן, אַז קיינער זאָל נישט קומען צו קבורה אין די ד' אמות נאָענט צו זיין קבר, און ס'איז אָנגעצייכנט „ד' מצבות לד' רוחות".

אויפן אַלטן יידישן בית־עלמין אין אָסטראָווצע זיינען געקומען צו זייער אייביקער רו באַרימטע גאונים און צדיקים. די אָסטראָווצער יידן האָבן אָבער באַפאָרצוגט אין די ערשטע צייטן דעם אַלטן יידישן בית־עלמין אין דער נאָענטער שטאָט אַפּט, וועלכע האָט געשמ'ט מיט אירע רבנים און גאונים אין דער יידישער וועלט. במשך פון דער צייט האָט אויך אָסטראָווצע אַרויסגעגעבן פון זיך צדיקים, חסידים און גדולי התורה, האָבן באַרימט געמאַכט די שטאָט ביים פּוילישן יידנטום. ביים אַריינגאַנג אין אָסטראָווצער בית־עלמין געפינען זיך דריי אוהלים: פון אַלטן רבין פון שידלאָוו, פון הרבי פּסח פון ליפּסק און פון אַלטן רבין דעם שווער פון ר' גוטמאַן, ווי אויך דער נייער אוהל פון גרויסן צדיק הדור — רבי מאיר יחיאל הלוי האַלשטאָק ז"ל.

די יידישע קהילה אין אָסטראָווצע

אויסער די שוין דערמאָנטע פּרטים וועגן אויפבויען די ערשטע שול און דעם ערשטן יידישן בית־עלמין, פאַרמאָגן מיר נישט קיין שום ידיעות וועגן דער תקופה פון דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער קהילה אין אָסטראָווצע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז נישט געשאַפן געוואָרן באַלד ווי די יידן האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט, נאָר ערשט שפּעטער, ווען די צאָל יידן אין שטאָט האָט זיך פאַרגרעסערט און מען האָט זיך שוין גענויטיקט אין אַ זעלבשטענדיקער יידישער קהילה. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט און די איניציאַטיוו איז געוויס געקומען מצד די פּוילישע מאַכט אָרגאַנען, וועלכע האָבן זיך גענויטיגט אין די יידישע קהילות, כדי מיט זייער הילף אויפצומאָנען די פאַרשידענע שטייערן פון די יידן. די נייע יידישע קהילה אין אָסטראָווצע האָט, אין דער ראַם פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, געהערט צו דער „מדינה קראָקע־סאַנדאָמיעזש" (קליינפּוילן), אין וועלכער עס זיינען געווען אָנגעשלאָסן די קהילות פון דער וואָיעוואָדזטווע קראָקע, סאַנדאָמיעזש, א טייל פון קויאַווי און לענטשיץ ווי אויך

אַ געוויסע צאָל קהילות פון וואָיעוואָדזטווע רייסן און בעלז. קראָקע און סאַנדאָמיעזש האָבן זיך גערעכנט פאַרן צענטער פון דער מדינה. אָבער שפּעטער האָט קראָקע פאַרלוירן די העגעמאָניע. באַלד ביי איר אַנטשטייאונג, איז די נייע קהילה אין אָסטראָווצע, ווי אַלע אַנדערע יידישע קהילות אין פוילן, איינגעשלאָסן געוואָרן אין אויטאָנאָמען יידן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט עקזיסטירט און פאַרוואָרצלט זיך נאָך אין מיטלאַלטער אין דער פאָרם פון קהילות, האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין 16־טן און אין 17־טן יאָרהונדערט און איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצענטרירטן אַפּאַראַט, אונטערן נאָמען „ועד ארבע ארצות", פון וועלכן די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געהאַט זייער אַסאַך נוצן.

מיטן אַנטשטיין פון דער יידישער קהילה אין אָסטראָווצע, איז צוגעקומען אַ פונקט אויף דער מאַפּע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. און מיטן גרינדן פון ועד ארבע ארצות, איז איר נאָמען דערשינען אויף דער ספּעציעלע מאַפּע, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטאָרישן דאָקומענט אין דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן, דאָס איז די „מאַפּע פון ועד ארבע ארצות", אין וועלכער עס זיינען איינגעשלאָסן די נעמען פון די יידישע הויפּט־קהילות. דאָס גרינטלעכע קעמערל פון דער יידישע אויטאָנאָמיע אין פוילן — די קהילה — האָט עקזיסטירט פון אָנהייב פון באַזעצן זיך פון די יידן אין פוילן. שוין אין דער ערשטער פּריווילעגיע, וועלכע איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אין יאָר 1264 דורכן פּרינץ פון קאַליש, באָלעסלאַוו, האָבן די יידישע קהילות באַקומען ברייטע רעכט. דער קהילה איז דערלויבט געוואָרן צו שאַפן אירע לעבנסוויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי: אַ שול, אַ בית־עלמין, שפּיטעלער חדרים, ישיבות און זי האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער אויסהאַלטונג. די קהילה האָט אָנגעפירט מיטן אינערלעכן לעבן פון די יידן. די וויכטיקסטע דערגרייכונג אָבער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן איז געווען, וואָס זיי האָבן געהאַט פון אייגענע געריכטן און זיי זיינען נישט געווען אונטערגעאָרדנט דעם שטאָטישן געזעץ. די אויבדערמאָנטע פּריווילעגיע פון פּרינץ באָלעסלאַוו דעם חסיד און די שפּעטערדיקע פּריווילעגיעס פון קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז יידישע ציווילע אָדער קרימינעלע נישט־וויכטיקע ענינים קאָנען פאַרגעבראַכט ווערן פאַר אַ יידישן געריכט. די קרימינעלע משפּטים זיינען פאָרגעקומען אין די געריכטן פון וואָיעוואָדע אָדער פאַר זיין פאַרטרעטער דעם „יידן־ריכטער", אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַלס ראַטגעבער די „זקני היהודים". פאַקטיש האָבן יידן אויסגעמיטן צו ברענגען זייערע ענינים פאַר די גויישע געריכטן. „קיינמאָל — שרייבט נתן נטע האַנאָווער אין זיין ספר „יון המצולה" — איז אַ יידישער ענין נישט פאָרגעבראַכט געוואָרן נישט פאַר די ריכטער פון די פעלקער און נישט פאַר קיין שום מיניסטער און אַפילו נישט פאַרן קיסר יר"ה. און ווען אַ ייד וואָלט געגאַנגען זיך משפּטן אין די געריכטן פון די פעלקער, וואָלט מען אים באַשטראָפט מיט גרויסע חרפּות".

די נייע קהילה אין אָסטראָווצע, וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער ועד ארבע ארצות, איז אַזוי אַרום געווען די ערשטע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע האָט פאַרמיטלט צווישן דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג און דער אַרומיקער געגנט און די שטאָטישע און מלוכישע מאַכט־אָרגאַנען. די קהילה האָט רעגולירט דאָס עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון אירע מיטגלידער און זי האָט געהאַט פיל אויפגאַבן. בראָש פון דער קהילה זיינען געשטאַנען פּרנסים, וועלכע האָבן באַדאַרפט זאָרגן פאַרן בודזשעט פון דער קהילה און פירן אירע פינאַנסיעלע ענינים, רעפּרעזענטירן די קהילה פאַר די שטאָטישע און מלוכה'שע מאַכט־אָרגאַנען און דינען אַלס ראַטגעבער אָדער פאַרטרעטער אין „יידישן געריכט" פון וואָיעוואָדע. זיי פלעגן אויך באַקומען הלוואות און אָפּצאָלן חיבות, זיי פלעגן נאָמינירן רבנים, קאָנצעלאַריסטן, שמשים און די באַאַמטע פון דער קהילה. אחוץ דעם פלעגן די פּרנסים אויסקלויבן פון צווישן זיך קאַנדידאַטן צו די קרייז־קאָמיסיעס (ועדי הגלילות) און צום צענטראַל־קאָמיטעט (הועד המרכזי).

ווען ס'איז אַנטשטאַנען די אָסטראָווצער קהילה, האָט נאָך נישט עקזיסטירט דער „ועד ארבע ארצות", וועלכער איז ערשט געשאַפן געוואָרן בערך אין יאָר 1580. אַלס הויפּט־קהילות זיינען אין דער מאַפּע פאַרצייכנט די שטעט פון דער אַרומיקער געגנט: אָפּט, צוזמיר, כענטשין, שידלאָוו און פינטשעוו, און אַלס געוויינלעכע קהילות: אָסטראָווצע, טאַרלע, ראַקוו, יוזעפאָוו, כמיעלניק, אָפּאָלע, שידלאָווצע א.א.

אַלס דעלעגאַט פון דער אָסטראָווצער קהילה האָט זיך אין ועד ארבע ארצות באַטייליקט רבי יחזקאל בר' אביגדור פפד"א תקי"א דף לג ע"ב: מוהר"ר יחזקאל נר"י אויף עטלעכע ערטער אין פּנקס פון ועד. אויף אַן אויפרוף וועגן אָפּדרוקן דעם ש"ס איין אַמסטערדאַם, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון כ"ח מנחם־אב אין קאָסנאַטין, געפינט זיך צווישן די אונטערשריפטן פון פיל רבנים אויך די אונטערשריפט פון „הצעיר יחזקאל בהגאון הנ"ל החונה בק"ק אוסטרובצי יצ"ו". און אונטער דער אונטערשריפט קומט פאָלגנדיקע באַמערקונג: „נזכר בספר „תבנית אות יוסף" לאחיו ר' יוסף בר' אביגדור פפד"א תקי"א דף לג ע"ב: מוהר"ר יחזקאל נר"י

אשר הוא כעת אב"ד דק"ק אוסטרובצה הסמוכה לק"ק אַפּטאַ".

זיין נאָמען ווערט אויך דערמאָנט אין פאָלגנדיקן סכסוך: די אַשכנזישע רבנים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן די חרמות פון ועד ארבע ארצות, וואָס זענען דורכ־פירט געוואָרן אָן זייער וויסן און אָן אַ פריערדיקער וואָרנונג, און במשך פון יאָרן האָט זיך וועגן דעם געפירט אַ בריף־אויסטויש צווישן די רבנים פון אַמסטערדאַם, פון דייטשלאַנד, און פון פוילן. איינער פון די טעטיקסטע אין דאָזיקן סיכסוך פון צווישן די אַשכנזישע רבנים איז געווען ר' יהושע העשל בר' אהרן לבוב אב"ד דק"ק סוואַבאַך. אין אַ בריף פון דינסטיק ד' חשון תקכ"ד צו ר' שאול בר' אריה לייב אב"ד דק"ק אַמסטערדאַם טרעט ער צוו. אַנד. אַרויס קעגן אויבנדערמאָנטן ועד, דערמאָ־נענדיק צווישן די נעמען פון די רבנים אויך דעם רב פון ק"ק אָסטראָווצע.

עס איז נישט באַוווּסט וויפל יאָרן דער דעלעגאַט פון דער אָסטראָווצער קהילה האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פונעם ועד און צו ער איז געווען אַקטיוו אין די וויכוחים און אויב ער האָט זיך אין אַ גענוגנדיקער מאָס אָריענטירט אין די באַהאַנדלטע פראַגן. מיר וויסן אָבער, אַז ער איז געווען אַ גרויסער למדן און גאון, ווי עס ווייזן די הסכמות פון אָנגעזעענע רבנים אויף זיין ספר „השיב ר' אליעזר ושיח שדה".

עס איז גאָרנישט באַוווּסט וועגן די ערשטע פאָלקס־ציילונגען פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע. די באַפעלקערונגס־ציילונגען אין אַמאָליקן פוילן האָבן זיך געשטעלט פאַרן הויפּט־ציל דאָס איינמאָנען שטייערן. מען מוז זיך אָבער באַציען מיטן גרעסטן רעזערוו צו די פאַרעפנטלעכטע סטאַטיסטישע ציפערן און אויספירן פון יענער תקופה ביזן אָנהויב פון 12־טן יאָרהונדערט. די סטאַטיסטיק אין מיטעלאַלטער און אַפילו די פאָלקס־ציילונגען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט — זיינען גאַנץ ווייט נישט געווען קיין פינקטלעכע. אזוי די קריסטן, ווי אויך די יידן האָבן זיך נוהג געווען נישט אויפצוגעבן די פרעמדע מאַכט־אָרגאַנען די ריכטיקע צאָל נפשות, און גאָר באַזונדערס די צאָל קינדער. די מקורות פון יענער תקופה (ווי די זכרונות פון בער באָליכאָווער) באַשטעטיקן פולשטענדיק דעם דאָזיקן פאַקט. אַ מער ריכטיקער יסוד פאַר פאַר־גלייכונגען און אויספירן זיינען די סטאַטיסטישע מקורות פון 19־טן יאָרהונדערט.

מיר קענען אויך נישט אָננעמען די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג פון די אָסטראָווצער יידן אין יאָר 1761 (תקכ"ה). לויט דער דאָזיקער פאָלקסציילונג האָט אין יאָר 1965 די צאָל יידישע שטייער־צאָלער אין אָסטראָווצע באַטראָפן 904. עס איז מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע צאָל אַנטשפּרעכט גאַנץ ווייט נישט דער ווירקלעכקייט.

די תקופה פון פאַרפאָלגונגען, פאָגראָמען און שחיטות

דאָס 16־טע יאָרהונדערט, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די שטאָט אָסטראָווצע, איז געווען אַ תקופה פון אויפשטייג פאַר די יידן אין פוילן און זייער איינפלוס איז געווען ביז גאָר קענטיק אין פאַרשידענע ישובים. אַלע יידישע קהילות זיינען צו יענער צייט געווען אָנגעשלאָסן אין די הויפּט־קהילות אין קליינפוילן קראָקע און צוויזמיר, און די קאָמ־פּעטענץ פון הויפּט־רב איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלע קהילות. אויך אָסטראָווצע איז אונטערגעאָרדנט דער קהילה קראָקע־צוויזמיר. נאָך דער שפּאַלטונג צווישן די צוויי הויפּט־קהילות האָט אָסטראָווצע אָנגעהערט צו דער צוויזמירער קהילה.

עס איז אָן שום צווייפל, אַז זינט עס איז אַנטשטאַנען די יידישע קהילה אין אָסטראָווצע, האָט זי פאַרמאָגט רבנים און דיינים, וועלכע זענען געווען דער שטאָלץ פון דער שטאָט. ביזן „גאון פון אָסטראָווצע" האָט די שטאָט טאַקע נישט געהאַט קיין רבנים פון אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט ווי דער רמ"א, מהרש"ל, דער ב"ח א.ד.גל. אָבער דאָך האָט שוין אויך אָסטראָווצע דעמאָלט געהאַט באַרימטע רבנים גדולי התורה, וועמענס איינפלוס האָט געגרייכט ווייט איבער די גרענעצן פונעם שטעטל. ליידער זיינען פאַרלוירן געגאַנגען די קהילה־פנקסים, אין וועלכע עס זיינען געוויס געווען פאַרצייכנט זייערע נעמען. אין אָנהויב, איידער די יונגע קהילה האָט זיך עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט, האָט זי זיך וואַרשיינלעך באַטייליקט אין אויסהאַלטן אַ בשותפות־דיקן רב מיט איינער פון די נאָענטע שטעט, ווייל אויסהאַלטן אַן אייגענעם רב איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן, און נישט יעדע קהילה האָט זיך דאָס געקאָנט דערלויבן.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידן אין פוילן איז אָבער אונטערגעבראָכן געוואָרן דורך די גרויזאַמע געשע־ענישן אין די יאָרן ת"ח—ת"ט (1648—49) צוליב די שרעקלעכע יידן־פאַרפאָלגונגען און שחיטות. זייער פּאָלי־טישער מצב האָט זיך נאָך געהאַט פאַרערגערט פיל פאַר די דאָזיקע געשעענישן, און דאָס צוליב פאַרשידענע סיבות, צו וועלכע מען קען אויך צורעכענען די שלעכטע באַציאונג צו זיי, צוליב שנאה און קנאה (הגם אין אָסט־ראָווצע האָט עס זיך געלאָזט וויניקער פילן צוליב מאַנגל אין קאָנקורענץ מצד די קריסטלעכע בעלי־מלאכות), און דעם איינפלוס פון די יעזואיטן, וואָס האָט ביז גאָר שטאַרק געטראָפן די יידן.

עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן גענוי די צאָל

צעשטערטע קהילות און די צאָל אומגעבראַכטע יידן בעת די גזירות פון די יאָרן ת״ח־ת״ט. דער גאון ר׳ שבתי כהן האָט פאַרצייכנט אז עס זיינען צעשטערט געוואָרן מערער פון 300 וויכטיקע יידישע קהילות און עס זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן מער פון 100 טויזנט נפשות. לויט אַן אַנדער רשימה זיינען צעשטערט געוואָרן 744 קהילות און עס זיינען אויסגעהאַרגעט געוואָרן קרוב צו 650 טויזנט נפשות. כמיעלניצקיס באַנדעס זענען טאַקע נישט דער־גאַנגען ביז אָסטראָווצע און דער אומגעגנט. עס איז אָבער קיין צווייפל נישט, אַז די גרויסע שרעק, וועלכע איז צו יענער צייט באַפאַלן די יידן אין אַלע שטעט און שטעט־לעך אין פוילן — האָט אויך נישט אויסגעמיטן די יידן פון אסטראָווצע וועלכע האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אויפן אָרט און צוגלייך מיט אַלע אַרויסגעלאָזט זיך זוכן א מער זיכערן מקום מקלט פאר זיך און פאר זייערע פרויען און קינדער.

נישט ווייניקער גרויזאם פון יידן־חורבן אין ווייס־רוסלאַנד, זיינען געווען די שחיטות אין גרויספוילן, אויסגעפירט דורך די פוילישע אַרמייען פון העטמאַן טשארניעצקי, וועלכע האָבן, נאָכדעם ווי דאָס פוילישע מיליטער האָט אין יאָר 1656 פאַרטריבן די שוועדן פון לאַנד, — אָפגעטאָן גרויזאַמע מעשים: פאַרגוואַלדיקט יידישע פרויען, קאַלטבלוטיק געמאָרדעט קינדער, שרעקלעך געפייניקט די קרבנות פאַרן טויט. דאָס איז געווען דער מיט בלוט באַפלעקטער וועג פון טשאַרניעצקיס אַרמייען אויך אין קליין־פוילן צו וועלכער עס האָט צו יענער צייט אויך געהערט אָסטראָוצע — זיינען אָפגעמעקט געוואָרן קרוב 20 קהילות מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון עטלעכע טויזנט נפשות. דער נאָמען טשאַרניעצקי וועלכער איז אין דער פוילישער טראַדיציע פאַרהייליקט ווי דער סימבאָל פון פאַטריאָטיזם און העלדישקייט — איז אין דער יידישער טראַדיציע פון פוילן ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן דער סינאָנים פון אַ רשע, אַ רוצח און שונא־ישראל געגנוי ווי דער נאָמען פון גרויזאַמען כמיעלניצקי.

וועגן דעם מיט בלוט דורכגעווייקטן „שפּאַציר“ פון צורר טשאַרניעצקי אין דער געגנט פון אָסטראָווצע ווערט דערציילט: „... פון דאָרט איז ער אַריין אין דער הייליקער קהילה אַפּט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 200 רייכע בעלי־בתים. אַלע זיינען אויסגעהאַרגעט געוואָרן אין זייער געבעט־הויז, ווי אויך שידלאָוו, פינטשעוו, כמיעלניק, כענטשין, ראַקאָוו („טיט היוון“ פון ר׳ שמואל פייביש ב״ר נתן פייטל פון ווין). אויב אָסטראָווצע ווערט דאָרט נישט דערמאָנט, איז עס וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן באַוויזן זיך אָפּצוראַטעווען און אַנטלאָפן אין אַן אַנדערער שטאָט, אָדער זיי זיינען גאָר אומגעקומען אויף זייער וואַנדער־וועג.

די גרויזאַמע קאַטאַסטראָפעס פון די יאָרן 1648 — 1656 האָבן פאַרקלענערט די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן ביז אַ העלפט. עס זענען אַדורכגעגאַנגען צענדליקער יאָרן ביז יידישע קהילות האָבן באַוויזן זיך אויפצובויען פונסניי פון זייערע חורבות. עס האָט אָבער געדויערט ווייניקער פון הונדערט יאָר, צום סוף פון צווייטן דריטל פון 18־טן יאָרהונדערט, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון פוילן פאַרגרעסערט כמעט פירפאַכיק. די יידן אין פוילן האָבן זיך אויך געהאַלטן אין איין מערן און פאַר־גרעסערן צוליבן נאַטירלעכן צוווקס. אָסטראָווצע איז געווען צווישן די קהילות, וועלכע האָבן זיך פונסניי אויפגעבויט און איר באַפעלקערונג האָט פאַרהעלטניש־מעסיק געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיך.

אויף די חורבות פון דער אָסטראָווצער קהילה, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן דורך די ארמייען פון פוילן, שוועדן און די זאַקסן, איז אויפגעקומען א נייע קהילה. און נאָכדעם, ווי די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך דאָרט געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, זיינען געשאַפן געוואָרן די געהעריקע אינסטיטוציעס. און די געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזע ענינים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון פרנסים און גבאים, פון וועלכע פיל זיינען טאַקע געווען עוסקים בצרכי ציבור באמונה, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עס איז ווערט צו פאַרצייכענען צום שבח פון די יידן אין אָסטראָווצע אז נישט קוקנדיק אויף די גרויסע צרות און גזירות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין במשך פון דורות — האָבן זיי דאָך באַוויזן איינצוהאַלטן זייער נאַציאָ־נאַלע אייגנאַרטיקייט און פאָלקסטימלעכקייט און פארבלייבן טרייע יידן.

די באַנייטע קהילה

במשך פון פיל יאָרן פון גזירות און מלחמה־געשעענישן, איז די שטאָט אַסטראָווצע אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן, וועלכע זיינען אנטלאָפן אין די נאָענטע שטעטלעך און דערפער און דאָרט געוואַרט „עד יעבור זעם“. שווער צו וויסן, ווי גרויס ס׳איז געווען דער חורבן אין אָסטראָווצע בעת די דאָזיקע מהומות. מיטן אויפבויען פון דער שטאָט, האָבן זיך פונסניי דאָרט באַזעצט יידן און לויט אַ באַגלויבטן מקור, האָט זיך פון די פליטים קיינער נישט אומגעקערט, ווייל זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט און באַזעצט אין אַנדערע ערטער, נאָר ס׳זיינען אָנגעקומען יידן פון די נאָענטע שטעטלעך: אַפּט, טאַרלע, דרילדזש, אָזשאַראָוו און ליפּסק. אויך די דאָזיקע שטעטלעך האָבן פיל געליטן פון די געשעענישן, זיי זיינען אָבער פריער אויפגעבויט געוואָרן.

צוליב מאַנגל אין מקורות, פאַרמאָגן מיר נישט קיין

שום אינפאָרמאַציעס וועגן רבנים, פרנסים, דיינים אָדער געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אָסטראָווצע פאַר איר ווידעראויפריכטונג. ערשט פון אַ שפּעטערער תקופה באַקומען מיר ידיעות וועגן דער קהילה און אירע אינסטיטוציעס. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן אָפּבוי פון דער שטאָט נאָך דער גרויסער שריפה אין יאָר תע״ד (1713) און וועגן דער פּטירה פון ערשטן רב פון שטאָט אין זעלבן יאָר.

מיטן אָנקומען פון הרב ר׳ אליעזר ב״ר שלמה זלמן ליפשיץ, האָט אָסטראָווצע באַקומען אַ רב אַ גאון, וועלכער האָט געשמ׳ט אין דער רבנישער וועלט מיט זיין בקיאות אין תלמוד און אַלס מחבר, וואָס האָט באַרייכערט די רבנישע ליטעראַטור מיט זיין ספר „השיב ר׳ אליעזר ושיח השדה“ (נייאַוויט, תק״ט). אין זיין בריוו צו ר׳ יונתן אייבשיץ שרייבט ער זיך אונטער: „אליעזר בן ר״ש זלמן ליפשיץ רב באוסטרובצה“. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״י. זיין דערמאָנטער ספר דינט ווי אַ מורה־דרך פאַר לומדים און ישיבה־בחורים, ווייל אין יענער תקופה איז מען געווען זייער פאָרזיכטיק מיט צוטיילן דעם טיטל גאון.

צווישן די גרויסע רבנים פון אָסטראָווצע איז באַרימט ר׳ יוסף תאומים, אויף וועמענס מצבה עס זענען אויס־געקריצט די ווערטער: „אב לחכמים, זקן ויושב בישיבה של מעלה מו״ה יוסף ממשפחת תאומים ראב״ד בקהילתנו, אשר יגע בתורה כל ימיו ושם לילות כימים זי״ע וינוח על משכבו בין ישרים תמימים, הרב הה״ג דק״ק אוסטרוב־צה, עלה לשמים בזוג הסוכות, שנת תקי״ח לפ״ק, תנצב״ה“.

הרב עוזיאל מייזליש, וועלכער האָט אַמטירט אין אָסטראָווצע אַלס רב, איז בשעתו געווען גוט באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט אַלס גאון, געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים פון מעזריטשער מגיד. און זיין חבר רבי אלימלך פון ליזשענסק האָט אויף אים עדות געזאָגט, אַז דער מעזריטשער מגיד האָט געהייסן דרוקן זיינע ספרים און געזאָגט, אַז זיינע דברי תורה זיינען ווי געגעבן געוואָרן אויפן בארג סיני. ער איז דער מחבר פון די ספרים „תפארת עוזיאל“ אויף תנ״ך און די פינף מגילות, וואָס זיינען דערשינען אין דריי אויפלאַגן, „מנורה הטהורה“ (לוואָוו, תרמ״ג), „עץ הדעת טוב“ (אין דריי אויסגאַבן: לעמבערג, וואַרשע און ניו־יורק) „תפארת צבי“ (זשולקאָוו, תקס״ג), „קונטרס פירושים“ (פון תפארת עוזיאל, בני־ברק תשי״ט). ער איז נפטר געוואָרן כ״ח כסליו תקס״ו.

רבי שמואל־שמריה בן־יעקב, אויך אַ רב אין אָסט־ראָווצע, האָט געשמ׳ט אַלס למדן, וועמענס יחוס האָט דערגרייכט ביזן רמ״א און „בית שמואל“. ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים פון חוזה פון לובלין, פון קאָזשעניצער מגיד און פון ייד הקדוש פון פשיסכע. ער האָט אַמטירט 50 יאָר אַלס רב אין אָסטראָווצע און אויפ־געשטעלט אַ סך תלמידים, צווישן זיי דעם גאון ר׳ שמעון אב״ד קינצק און ר׳ דובריש אב״ד זשעליכאָוו. פון אים איז איבערגעבליבן אַ ספר „זכרון שמואל“ אויף ש״ס און תנ״ך (דערשינען אין דריי אויסגאַבעס) (וואַרשע תרס״ח, בערדיטשעוו תרפ״ה, ירושלים תשו״ח). ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון ניין און ניינציק יאָר כ״ט סיון תר״ז. צווישן זיינע אורקינדער איז געווען, צווישן אַנדערע, ר׳ יוסלע פערלמוטער, אַן אָנגעזעענער אָסטראָווצער בעל־בית ביז 1929. צווישן די גרעסטע רבנים אין אָסטראָווצע האָט זיך גערעכנט הרב יחזקאל מרגליות, דער שווער פון דעם באַרימטן בריסקער רב ר׳ בעריש. ער איז געווען באַרימט ווייט אויסער אָסטראָווצע און דער אַרומיקער סביבה. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ן.

ר׳ חייב בהרב ר׳ יוסף האָכגעלערנטער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס רב אין אָסטראָווצע אין עלטער פון 19 יאָר. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות אין תלמוד. ער איז אומגעקומען בעת דער כאָלערע־מגיפה אין יאָר תקס״ט אין גראַבאָוו, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אַגעוויסע צייט.

מיר האָבן דאָ בלויז דערמאָנט די אָנגעזעענע רבנים, עס האָט זיך אונדז אָבער נישט איינגעגעבן צו באַקומען אַ רשימה פון אַלע רבנים, וועלכע האָבן במשך פון פאַר־שידענע תקופות פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין אָסטראָווצע.

אין יאָר 1888 האָט זיך אָסטראָווצע געניטיקט אין אַ ראש בית־דין און פאַרשידענע רבנים האָבן פאָרגעלייגט זייער קאַנדידאַטור. דער וויכטיקסטער קאַנדידאַט צום אָסטראָווצער כסא רבנות איז געווען דער באַרימטער גאון רבי גרשון חנוך ליינער פון ראַדזין. דער באַקאַנטער אין דער חסידישער וועלט מיט די ציציות־תכלת. צום סוף האָט ער רעזיגנירט פון זיין קאַנדידאַטור, האַלטנדיק אַז אין דער רוישיקער אָסטראָווצע וועט ער זיך נישט קאָנען אָפּגעבן מיט זיין פאָרשונגס־אַרבעט.

צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן אין אָסטראָווצע דער יונגער עילוי פון סאָבין ר׳ מאיר יחיאל הלוי האַלשטוק מיט רעקאָמענדאַציעס פון סקערניעוויצער רבין, פון הרבי ר׳ אלימלך שפירא פון גראָדזשיסק, פון באַרימטן הרב ר׳ אליהו חיים מייזלס פון לאָדזש. ער האָט פאַרנומען דאָס כסא רבנות אין שטאָט איבער פערציק יאָר. ער איז נפטר געוואָרן י״ט אדר תרפ״ח.

אין אָסטראָווצע זיינען אויך געווען גרויסע למדנים, צווישן וועלכע עס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אַ געוויסער למדן ר׳ יאָסעלע, דער מחבר פון אַ ספר מיטן נאָמען „ברכת־יוסף“.

וווּקס פון יידישן ישוב אין אָסטראָווצע

מיטן וווּקס פון יידישן ישוב אין אָסטראָווצע איז שוין די גרויסע שול נישט אימשטאַנד געווען אַריינצונעמען אַלע מתפללים. האָט מען נישט ווייט פון דער שול אויפגעשטעלט דעם גרויסן בית־המדרש, וועלכער איז אָפּגעבראַנט געוואָרן נאָך דער גרויסער שריפה אין שטאָט.

מען דערציילט, אַז יונגערהייט האָט אין דאָזיקן אַלטן בית־המדרש געלערנט רבי ישראל, אַ זון פון איינבינדער ר׳ שבתי פון אַפּט, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס קאָזשעניצער מגיד.

אויסער דעם אַלטן בית־המדרש, איז אויך געווען אין אָסטראָווצע דאָס „נייע בית־המדרש״. און אין זעלבן קאָרידאָר, אַראָפּצוגיין עטלעכע שטיגעלעך, האָט זיך געפונען דאָס „קליינע בית־המדרשל״. אין „קליינעם בית־המדרשל״ פלעגט שבת דאַווענען דאָס פּראָסטע פאָלק, באַלע־גאָלעס, טרעגערס, וואַסער־טרעגערס, שניידערס, שוסטערס. שבת פלעגט מען דאָרט אָפּדאַווענען גאַנץ פרי, כדי זיי זאָלן נאָך האָבן צייט אויסצושלאָפן זיך און אויסרוען די מידע ביינער נאָכן אָפּהאָרעווען שווער און ביטער אַ גאַנצע וואָך...

אין „קליינעם בית־המדרשל״ איז אַ גאַנצע וואָך געווען טעטיק אַ „תלמוד־תורה״, אין וועלכער אַ מלמד פון אַלטן דור פלעגט לערנען דאַווענען און חומש מיט אָרעמע און באָרוועסע קינדער, וועמענס עלטערן זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָלן קיין שכר־לימוד. דער „בעלפער״ פלעגט יעדן פרייטיק מיט דער פּושקע פון ״תלמוד־תורה״ אַרומגיין צווישן די שטאָטישע באַלעבאַטים און צונויפנעמען גראָשנס אויף צו דעקן די הוצאות פון דער תלמוד־תורה פאַר די אָרעמע קינדער. פון דער דאָזיקער „בילדונג״ האָבן נאָר גענאָסן די יינגלעך, אָבער נישט מיידלעך.

צו יענער צייט האָבן די אָסטראָווצער יידן — ווי אין אַנדערע שטעטלעך אין פּוילן — זיך אָפּגעהאַלטן פון שיקן זייערע קינדער אין די גויאישע שקאָלעס. די טעכטער פלעגן זיצן אינדערהיים און צוגעהאָלפן די מוטערס אין שטוב־אַרבעט. עס פלעגט אַריינקומען אַ מלמד אין שטוב עטלעכע מאָל אין וואָך און פלעגט לערנען די טעכטער מאַכן די ברכות, דאַווענען און אויך אַביסל שרייבן. און אַז ס׳איז געקומען די צייט, פלעגט מען זיי חתונה־מאַכן. מיט דער צייט זיינען געבוירן געוואָרן קינדער און זיי האָבן ווייטער ממשיך געווען דעם אַלטן לעבנס־שטייגער פון אַמאָליקע דורות.

אין אָסטראָווצע זיינען געווען פאַרשידענע מלמדים: דרדקי־מלמדים, וועלכע פלעגן לערנען לייענען און שרייבן און אויך חומש; גמרא־מלמדים, מלמדים אין תלמוד־תורות און ראשי ישיבות. דאָס חדר האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל אויפן געביט פון יידישן דערציאונגס־וועזן. דער מלמד האָט אין יענער צייט אויסגעפילט אַ וויכטיקע פונקציע אין לעבן פון די יידישע מאַסן אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, און אַדאַנק טאַקע אָט די מלמדים זיינען ביי



די אָסטראָווצער שול און נעבן אים — דער דאַך פון דער אַלטער שול.
אין פאָדערגרונט — דער מרחץ

יידן תמיד געווען ווייניק אַנאַלפאַבעטן אין אַלע צייטן. די מלמדים האָבן זיך געפונען אין די בתי־מדרשים און אין די שטיבלעך. אין אַלטן בית־המדרש פלעגן זיי לערנען מיט די עלטערע בחורים גמרא מיט מפרשים, חושן משפט, יורה דעה א.א.וו.

די אָסטראָווצער קהילה איז לויט דער פונאַנדער־טיילונג פון ועד ארבע ארצות פאַרעכנט געוואָרן פאַר א קליינע קהילה. אָבער אַפילו אין דער קלענסטער קהילה איז איר מאַכט אַריינגעדרונגען אין אַלע געביטן פונעם לעבן פונעם יחיד און אַן אַ דערלויבעניש פון דער קהילה האָט קיין שום ייד נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט קיין שום זאַך.

צו דער געשיכטע פון חסידיזם אין אָסטראָווצע

ווען מיר באַטראַכטן דעם געפאַלענעם פּאָליטישן און עקאָ־נאָמישן מצב פון די יידן אין פוילן אין 18־טן יאָרהונדערט, ווערן מיר ממש דערשטוינט אינם אָנבליק פונעם פאַר־שטאַרקטן לימוד התורה אין אַזעלכע גרויליקע צייטן. און נישט ווייניקער דערוועקט זיך ביי אונדז די פראַגע, ווי אַזוי האָבן די יידן באַוויזן צו יענער צייט צו שאַפן אַ נייע באַוועגונג, ווי דער חסידיזם און אָפּצוגעבן זיך מיט דעם בלב ונפש.

פוילנס עקאָנאָמישער מצב צו יענער צייט איז געווען אַ ביז גאָר שווערער צוליב די אָפטע אינערלעכע און אויי־סערלעכע מלחמות. אויך דער מצב פון די יידן איז געווען אַ ביז גאָר שווערער. די מאַכט אין די קהילות איז גאַנץ אָפט אַריבער אין די הענט פון אַ גרופּע גבירים און תקיפים, וועלכע האָבן מפקיר געווען די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, אויך אין אָסטראָווצע איז דער מצב נישט געווען אַנדערש, ווי אין אַנדערע יידישע קהילות אין פוילן.

אין 18־טן יאָרהונדערט זיינען די יידן געווען דער רוב מנין און רוב בנין פון כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. די גרויסע צאָל יידן אין פוילן און זייער באַזונ־דערע וואָגיקייט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָט געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל ביים געשטאַלטיקן זייער עקאָנאָמישע און גערעכטלעכע פּאָזיציע. דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר איז אָבער געווען דער עקאָנאָ־מישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער מצב פונעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען.

און צו יענער צייט, ווען ס׳איז געוואָרן איבערגעפולט די מאָס פוןליידן און דאָס פאָלק האָט זיך געבראָכן אונטער דער שווערער לאַסט פון צרות און לייד — איז אויפגע־קומען די באַוועגונג פון חסידיזם. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום האָט זיך באַוויזן אַן אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וועלכע איז אַרויס אין קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון גבירים, למדנים און תקיפים, און געפאָדערט אין דער פולער מאָס די רעכט פון פראָסטן פאָלק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים.

און בעת אין דער נישט ווייטער אַפּט האָט דער חסידיזם באַלד אין אָנהויב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער קעגנערשאַפט מצד ר׳ יחזקאל לאַנדאו (מחבר פון „נודע ביהודה״) און אַנדערע לומדים און גדולי התורה, האָט דער חסידיזם אין אָסטראָווצע כמעט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום קעגנערשאַפט. דער חסידישער מנהיג, דער צדיק ר׳ משה לייב סאַסאָווער, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין אַפּט, פלעגט אָפט באַזוכן די שטעט און שטעטלעך פון דער אַרומיקער סביבה, צווישן זיי אויך אָסטראָווצע, און דאָרט פאַרשפּרייטן די חסידישע תורה. ר׳ משה לייב איז געווען אַ גרויסער למדן, איינער פון די בעסטע תלמידים פון ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, און דאָך האָט ער זיך אויפגעפירט ווי איינער פון פראָסטן פאָלק און געווען באַקאַנט אַלס גרויסער בעל־צדקה אין קעגנזאַץ צו די למד־נים וועלכע האָבן געקוקט אויף די פאָלקס־מאַסן פון אויבן אַראָפּ און באַטראַכט זיי פאַר נידעריקע באַשעפענישן. „ביין משה לייבס — פלעגט ער אָפט זאָגן — קענען נישט דאַווענען אַלס מנין, דאַקעגן צען שניידערס זענען זיך מצטרף צו אַ מנין״. ער איז אָנגעגאַנגען אַלס פאָטער פון אַלע יתומים, אלמנות און אָרעמע לייט, פון אַלע גערודפטע און געפּלאָגטע.

אין אָסטראָווצע גופא איז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען קיין קאַמף קעגן חסידות. וואַרשיינלעך אַז די יידן אין אָסטראָווצע — ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן — האָבן געזען אין חסידיזם אַ גרויסע האָפענונג אין זייער שווערן מצב.

רבי ישראל בעש״ט האָט באַזוכט אָסטראָווצע ביי דער געלעגנהייט פון זיין באַזוך אין אַפּט ביי רבי שבתי דעם איינבינדער — און פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער חסידיזם גענומען מער פאַרשפּרייטן אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט.

דורך אָסטראָווצע זיינען דורכגעגאַנגען יידן מכל המי־נים. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, וועלכער איז יונגערהייט געווען אַ הייסער אָנ־הענגער פון די מקובלים און פון אר״י הקדוש — האָט אויך אַמאָל באַזוכט אָסטראָווצע, און לויט זיי עס איז געווען פאַר־שריבן אין „פּנקס אָסטראָווצע״. האָבן אים די בעלי־בתים פון שטאָט איבערגעגעבן אַ גרויסע סומע געלט אויף פדיון שבויים. צוזאַמען מיט זיין ברודער ר׳ זישע פלעגן זיי אַרומגיין אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, געלעבט אין גרויס

דחקות און געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן די חסידישע תורה צווישן די אָרעמע פאָלקס־שיכטן. עס איז נישט באַוווסט, צו איז דאָס געווען דער איינציקער באַזוך פון רבין ר׳ אלימלך אין אָסטראָווצע, אָדער עס זיינען דערנאָך געווען נאָך באַזוכן. עס איז אָבער מער ווי זיכער, אַז דער דאָזיקער צדיק האָט אַ סאַך צוגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דאָס חסידות אין אָסטראָווצע.

רבי ישראל, דער קאָזשעניצער מגיד, האָט געפילט אַ גאָר באַזונדערע קרובהשאַפט צו אָסטראָווצע, וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פון זיין געבורט־שטאָט אַפּט. שוין אַלס דרייצן־יאָריק ייִנגל איז ער אַריבער קיין אָסטראָווצע, כדי דאָרט צו לערנען אין דער ישיבה פון שטאָט־רב, הגאון רבי יחזקאל (דער פאָטער פון מחבר פון די שאלות ותשובות „הר הכרמל״). אין „פנקס אָסטראָווצע״ איז פאַרצייכנט, אַז רבי ישראל האָט געלערנט אין אלטן בית־המדרש און פלעגט גאַנצע נעכט אָפּזיצן אויפן בערגל נעבן בית־הכנסת, וואָס איז געווען פול מיט פסולת, און דאָרט פייניקן זיין גוף. נאָך דער פטירה פון הגאון ר׳ יחזקאל אין יאָר תק״י, האָט דער קאָזשעניצער מגיד רבי ישראל פאַרלאָזט אָסטראָווצע.

מיט איין זאַך איז דער קאָזשעניצער מגיד געווען ענלעך צום שפּעטערדיקן אָסטראָווצער רבין רבי מאיר יחיאל הלוי: ביידע זענען זיי געווען גרויסע גאונים און ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון פּראָסטן פאָלק. דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט צו דער יאָרצייט נאָך זיין פאָטער גיין אויפן בית־עולם און זיך משתטח געווען אויף זיין קבר. איינמאָל איז ער געשטאַנען אַנגעלענט אויפן קבר און געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום שמש: „מיין פאָטער איז געווען אַן אַיינבינדער. און אויך איך האָב צונויפגענומען און געבונדן וועלטן איינע מיט דער אַנדערער״. און עס איז דאָך באַוווסט, אַז אויך דער פאָטער פון אָסטראָווצער גאון רבי מאיר יחיאל הלוי, איז געווען אַ פשוטער ייד, אַ בעקער.

אָסטראָווצע איז במשך פון דער צייט געוואָרן אַ חסידישע שטאָט אין פּוילן זין פון וואָרט. און כמעט יעדער ייד איז געווען צוגעבונדן צו אַ וועלכן נישט איז צדיק און געדאַוונט אין זיין שטיבל. אין שטאָט זיינען געווען שטיבלעך פון לובלינער, אַלעקסאַנדערער, ווורקער, סקערניעוויצער, קוזמירער, ביאַלאָבזשעגער, מאָדזשיצער שידלאָווצער, אָזשאַראָווער, פּוריסאָווער, גערער חסידים א.אנד.

און אויף דעם באָדן איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן איינער פון די וווּנדערבאַרסטע טיפן, דער גאון און צדיק, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אהבת ישראל און אהבת התורה, הרב רבי מאיר יחיאל האַלשטאָק. וועלכער איז געווען באַליבט ביי אַלע שיכטן פון די אָסטראָווצער יידן.

אָסטראָווצער יידן צווישן האַמער און קאָוואַדלע

צום סוף פון יאָר 1764 האָט די פּוילישע רעגירונג איינגעאָרדנט אַ פאָלקס־ציילונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט האָבן זיך צו יענער צייט געפונען 904 יידן. די דאָזיקע פאָלקס־ציילונג איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָפּ־שטייער, וועלכן די יידן האָבן צו יענער צייט באַדאָרפן צאָלן לויט דער צאָל נפשות אין יעדער קהילה, און נישט אַן אַלגעמיינע סומע ווי פריער. פון קאָפּ־שטייער זיינען נאָר געווען באַפרייט קינדער ביז איין יאָר, און צוליב דעם האָבן זיי נישט פיגורירט אין די רשימות פון דער ציילונג. און אזוי ווי דער ציל פון דער פאָלקס־ציילונג איז געווען צו העכערן די שטייערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך די יידן באַמיט אויפצוגעבן אַ וואָס קלענערע צאָל נפשות. און גאָר באַזונדערס האָט מען דאָס אָנגעוואָנדן לגבי קינדער, וועלכע עס איז לייכט געווען צו פאַרבאַהאַלטן. לויטן געזעץ האָט דער רב אָדער דער פרנס אין יעדער שטאָט באַדאָרפן אַרומגיין מיטן שמש אין דער באַגלייטונג פון אַ שליאַכטשיץ פון שטוב צו שטוב און פאַרשרייבן די צאָל נפשות. אַזוי אַז ס׳איז אָנצונעמען אַז די צאָל יידישע נפשות אין אָסטראָווצע האָט צו יענער צייט באַטראָפן פיל מערער ווי די אָפיציעל אָנגעגעבענע ציפער.

מען קאָן אָבער אויך אויפן סמך פון דער דאָזיקער פאָלקס־ציילונג פעסטשטעלן, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע און אין דער אומגעגנט האָט צו יענער צייט באַטראָפן נישט ווייניקער פון 904 נפשות, הגם עס לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן די גענויע צאָל. עס ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז די אָסטראָווצער קהילה איז געווען אַ הויפּט־קהילה, אין וועלכער עס זיינען געווען אָנגעשלאָסן פיל שטעט און דערפער פון דער אַרומיקער סביבה. פון יאָר 1764 ביזן יאָר 1827 פאַרמאָגן מיר נישט קיין שום סטאַטיסטישע אָנגאַבן וואָס שייך דער צאָל יידן אין אָסטראָווצע.

מיט וואָס האָבן צו יענער צייט די יידן אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט זיך באַשעפטיגט און פון וואָס האָבן זיי געצויגן זייער חיונה? פונקט ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, האָבן אויך די יידן אין אָסטראָווצע זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל, מיט מלאכה און זיי זיינען געווען פאַרמיטלער צווישן דער שטאָט און דאָרף. אַ געוויסער טייל פון זיי האָט זיך אויך געפונען אין די דערפער אַרום אָסטראָווצע און זיך פאַרנומען מיט אַרענדע פון גיטער און מילן, מיט אָפּדינגען שענקען, קרעטשמעס א.א.וו.

אין 18־טן יאָר הונדערט האָבן די יידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אינערלעכן האַנדל פון פּוילן. אָסטראָווצע ווערט נישט דערמאָנט צווישן די וויכטיקע צענטערן פון די יאַרידן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין קרוין־פּוילן אין די שטעט יאַראָסלאַוו, ריטשיוואָל, פּינ־טשעוו, צו וועלכע עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַסאַך יידן פון אַלע שטעט און שטעטלעך, אַזוי אַז דער „ועד ארבע ארצות" פלעגט דאָס אויסנוצן און דאָרט אָפּהאַלטן זיינע באַראַטונגען. אָבער אויך אין אָסטראָווצע און אין די אַרומיקע שטעטלעך פלעגן פאָרקומען אָפטע יאַרידן, פון וועלכע די יידן האָבן געצויגן זייער פּרנסה. גרעסערע יאַרידן פלעגן צו יענער צייט פאָרקומען אין אָסטראָווצע 6 מאָל במשך פון יאָר, און די אָסטראָווצער יידן פלעגן אויך באַזוכן די יאַרידן, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין אַנדערע שטעט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט האָבן די יידן אין אָסטראָווצע זיך געפילט באַקוועמער ווי אין אַנדערע שטעט. קודם כל צוליב דעם, וואָס דער ישוב איז געווען אַ נייער און אין שטאָט האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין אַזאַ דינאַמישן עלעמענט ווי די יידן, און די שטאָט־באַלעבאַטים זענען דאָך געווען פאַראינטערעסירט אין אַ וואָס שנעלערער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און זיי האָבן דעריבער געגעבן די יידן פאַרשידענע הבטחות און פּריווילעגיעס, אַבי זיי זאָלן קומען און זיך באַזעצן אין שטאָט. אין אָסטראָווצע איז נישט געווען קיין אָרט פאַר קאָנקורענץ צווישן יידישע און קריסטלעכע האַנט־ווערקער, ווייל די לעצטע זיינען צום גרעסטן טייל געווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן אין אָסטראָווצע און אין אַרומיקער געגנט און זיי האָבן זיך נישט גענויטיקט צו אַרבעטן אַלס זעלבשטענדיקע האַנטווערקער און דערביי קאָנקורירן מיט די יידן. והשנית: די ווירטשאַפטלעכע נויטווענדיקייט אין די יידן און זייערע גרויסע לייסטונגען פאַרן האַנדל האָבן גובר געווען די פיינטשאַפט־געפילן, וועלכע זיינען אַזוי שטאַרק געפלעגט געוואָרן דורך די גלחים און יעזואיטן.

די שליאַכטע אין פּוילן האָט בדרך כלל אָפּגעשאַצט די עקאָנאָמישע דינאַמישקייט פון דער יידישער באַפעלקע־רונג און אירע פאַרבינדונגען מיט נאָענטע און ווייטע לענדער און האָט זיי באַדאָרפן ווי די פאַרקויפער פון זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. דאָס יידישע אָסטראָווצע האָט געהאַט אַ באַזונדערן מזל צו זיינע שטאָט־באַלעבאַטים, וועלכע האָבן כמעט אַלע זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו די יידן און געוווסט ווי אָפּצושאַצן זייערע פעאיקייטן.

בעת דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן (1795) איז אָסטראָווצע מיט דער גאַנצער געגנט פון אַפּט און צויזמיר אַריבער צו עסטרייך און איז איר געווען אונטערגעוואָרפן ביזן יאָר 1809. עס זיינען צו יענער צייט פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע און אין די באַדינגונגען פון דער יידישער קהילה, וועלכע האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו די געזעצן אין דער עסטרייכישער מדינה, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַרשידענע באַגרענעצונגען אויפן האַנדלס־געביט און ביי דורכפירן הייראַט־אַקטן.

מיט דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען און דאָס אָנשליסן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום צו רוסלאַנד איז, לויטן באַשלוס פון ווינער קאָנגרעס אין יאָר 1815, אַנטשטאַנען די פּוילישע מלוכה אין דער ראַם פון דער רוסישער אימפּעריע. אין דער דאָזיקער תקופה האָבן זיך ביי די פּוילישע יידן דערוועקט נייע האָפענונגען בשייכות מיט דער פאַרבעסערונג פון זייער מצב.

די יידן אין אָסטראָווצע ווי אין גאַנץ פּוילן זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון די נייע געשעענישן און רעזשים־ענדערונגען און נאָכן איבערגיין צום צאַרישן רוסלאַנד, האָט זיך געעפנט א ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון זייער לעבן.

אין דער תקופה פון דער פּוילישער מלוכה אין דער ראַם פון דער רוסישער אימפּעריע נאָכן יאָר 1815, האָט אָסטראָווצע געהערט צו דער צויזמערער וואָיעוודסטוואָ און צום אַפּטער קרייז. די יידישע באַפעלקערונג פון אָסטראָווצע איז געווען אונטערגעוואָרפן דער קהילה, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט די קלענערע קהילות אין די נאָענטע שטעטלעך ווי אויך די יידן פון די אַרומיקע דערפער.

אין יאָר 1827 האָט די אַלגעמיינע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן באַטראָפן 377,754 נפשות, און די צאָל יידן אין אָסטראָווצע — 1064 נפשות (57% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג), דאָס הייסט, אַז די יידן האָבן שוין דעמאָלט געבילדעט אַ מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. עס איז אָבער אָנצונעמען, אַז די אָנגעגעבענע ציפער איז נישט קיין ריכטיקע, ווייל אַסאַך יידן אין אָסטראָווצע, גענוי ווי אין אַנדערע שטעט, האָבן זיך צוליב פאַרשידענע סיבות אָפּגעהאַלטן פון רעגיסטרירן. במשך פון דרייסיק יאָר, פון יאָר 1827 ביזן יאָר 1856, האָבן מיר נישט קיין שום פּרטים וועגן די פאָלקסציילונגען אין שטאָט און וועגן דער צאָל יידן דאָרט. אין יאָר 1856 האָט די צאָל יידישע נפשות אין אָסטראָווצע באַטראָפן 2675, וועלכע האָבן געבילדעט 80% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מיט פיר יאָר שפּעטער איז ווידער פאָרגעקומען אַ פאָלקס־ציילונג, לויט וועלכער די צאָל יידישע נפשות אין אָסטראָווצע האָט באַטראָפן 2675 נפשות פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג

פון 3366 נפשות. פאַראַן אַ סברה, אַז די יידן פון אָסטראָווצע זיינען געווען פאַראינטערעסירט צוליב וועלכער נישט איז סיבה, אויסצובאַהאַלטן דעם פאַקט אַז זיי באַטרעפן אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט. פון דער צווייטער זייט איז טאַקע מעגלעך, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע האָט זיך פאַרקלענערט בעת די לעצטע צוויי פאָלקסציילונגען אויף זעכציק נפשות. צי די דאָזיקע וואַקלונג איז געווען אַ ממשותדיקע אָדער צופעליקע — איז שווער פעסטצושטעלן. נאָך פינף יאָר נאָך דער גרויסער שריפה אין שטאָט, האָבן זיך די ציפערן פון דער פאָלקסציילונג נישט געענדערט. און אין יאָר 1865 האָט ווידער די צאָל נפשות פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט באַטראָפן 2675 נפשות פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 3366 נפשות, ד.ה. אַז מען האָט פשוט אָנגעגעבן די ציפער פון דער פריערדיקער פאָלקסציילונג.

פון וואָס האָבן צו יענער צייט געלעבט די יידן אין אָסטראָווצע? צוליב די באַגרענעצונגען פאַר יידן און דאָס נישט לאָזן זיי אַריינדרינגען אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט במשך פון הונדערטער יאָרן, זיינען די יידן אין זייער גרעסטער מערהייט געווען געצווונגען צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל מלאכה, קונסט־אויסאַרבעטונגען ווי אויך פאַרמיטלעריי און מעקלעריי. דער גרעסטער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון קליינהענדלער, קרעמער, גאַסן־הענדלער און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געבילדעט אַ שוואַכע סאָציאַלע שיכט, אַ פאַראָרעמטע צוליב די שטענדיקע פאַרפאָלגונגען, גזירות און אַנטיסעמיטיזם. עס זענען אויך געווען דיינים, רבנים מלמדים שוחטים, ישיבה־בחורים און בעלי־בתים. די ברייטע מאַסן פון „עמך” האָבן געהערט צו די „חברות” פון פאַרשידענע בעלי־מלאכה.

אויך אין אָסטראָווצע, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן די יידן, און גאָר באַזונדערס די האַנטווערקער, געליטן פון שווערן עקאָנאָמישן מצב, וועלכער האָט געהערשט צו יענער צייט אין פוילן צוליב די אָפטע מלחמות און פאָליטישע ענדערונגען און דער עיקר צוליב די פאַרשידענע שטייערן, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, נישט רעכענענדיק זיך מיט אירע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן.

אין אָסטראָווצע זיינען אויך צו יענער צייט געווען קלעזמאָרים, בדחנים און חזנים. די קלעזמאָרים פלעגן שפּילן אויף יידישע און קריסטלעכע חתונות או זיי פלעגן אויך איינגעלאַדן ווערן דורך די גוט־באַזיצער צו שפּילן אויף זייערע פאַרוויילונגען און בעלער און ווילן דעם עולם אין זייערע פּאַלאַצן.

אָסטראָווצע נאָכן אויפשטאַנד פון 1831

נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1831 האָט זיך פאַרענדיקט די זעלבשטענדיקייט פון פוילן, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעריטאָריע פון דער רוסישער אימפעריע. דאָס האָט דערפירט צו גרויסע עקאָנאָמישע און גייסטיקע ענדערונגען אין לעבן פון די יידן אין פוילן. די באַגרענעצונגען פאַר די יידן אויף פאַרשידענע געביטן האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן און די שטייערלאַסט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און אומדערטרעגלעכער. צו יענער צייט איז אין פוילן אויסגעבראָכן די כאָלערע־מגיפה, וועלכע האָט צוגענומען זייער אַסאַך קרבנות צווישן דער באַפעלקערונג. אויך די יידן פון אָסטראָווצע האָבן זייער פיל געליטן פון דער דאָזיקער מגיפה און פיל משפחות זיינען געוואָרן פאַראַבלט צוליבן טויט פון זייערע נאָענטסטע און טייערסטע.

די שווערע גזירה פון 1840 נישט צו דערלויבן די פוילישע יידן צו טראָגן זייערע ספּעציפישע יידישע קליידער און אַז די יידישע פרויען זאָלן נישט טאָרן אָפּגאָלן זייערע האָר פארן אַרונטערגיין אונטער דער חופה; די גזירה פון 1843 וועגן 15־יאָריקן מיליטער־דינסט, וואָס האָט דערפירט צו דער באַרימטער אין דער יידישער געשיכטע פרשה „קאַנטאָניסטן” דאָס פאַרכאַפּן מיט געוואַלד יידישע יוגענטלעכע און זיי אָפּרייסן אויף לאַנגע יאָרן פון זייערע עלטערן, פון וועלכע אויך אַ סך זיינען געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצושמדן — דאָס אַלץ האָט זיך אויך געלאָזט טיף אָפּפילן אין דער יידישער אָסטראָווצע, ווי מען האָט זיך דערציילט גרויליקע מעשיות וועגן „ניקאָלאַייס סאָלדאַטן” אין די ווייטע סטעפּעס פון רוסלאַנד.

די יידן אין אָסטראָווצע האָבן, צוגלייך מיט די יידן אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, פיל געליטן פון דער גזירה פון דער צאַרישער מאַכט קעגן יידישן „חדר”. אין מאַי 1855 האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז במשך פון צוואַנציק יאָר זאָלן ליקווידירט ווערן די „חדרים”, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דערציאונגס־וועזן פון די יידישע מאַסן אין פאַרלויף פון פיל דורות. די רעליגיעזע יידן האָבן אויך נישט געגרן אויפגענומען דאָס איינפירן דעם לימוד פון דער רוסישער שפּראַך אין די „חדרים”. אין יאָר 1875, דער ענדגילטיקער טערמין פון ליקווידירן די יידישע „חדרים”, האָט זיך די צאַרישע רעגירונג איבערצייגט, אַז זי איז נישט אימשטאַנד איינצוברעכן דאָס עקשנות פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דעם יידישן „חדר” איז ווייטער דערלויבט געוואָרן צו עקזיסטירן.

עס איז באַקאַנט די באַציאונג פון די אָסטראָווצער יידן בעתן אויפשטאַנד פון יאָר 1863. דער ליפּסקער רבי,

ר׳ יהודה לייביש פסח פרימער (זיין זון ר׳ ירחמיאל האָט געוווינט אין אָסטראָווצע), האָט געזאַמלט געלט און קליידער אין אָסטראָווצע פאַר די אויפשטענדלער, און די יידישע שניידערס האָבן גענייט פאַר זיי די נויטיקע מלבושים. די יידן אין אָסטראָווצע האָבן אויך געהאָלפן די אויפשטענדלער מיט עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן.

די פּאָליאַקן פון אָסטראָווצע און דער סביבה האָבן נישט פאַרגעסן די הילף מצד די אָסטראָווצער יידן פאַר די אויפשטענדלער. אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט האָט אַ פּרוי פון אַ באַוווּסטן פּוילישן שליאַכטשיץ געשאָנקען אַ מיט גאָלד אויסגעהאָפטן פּרוכת פאַרן ארון־קודש אין דער שול. די זקני העיר וויסן צו דערציילן, אַז אויפן פּרוכת איז געווען אויסגעהאָפטן דער נאָמען פון דער שפּענדערין מיט די אותיות „פּ.ר.”. די גאַנצע צייט, וואָס פּוילן האָט געהערט צו רוסלאַנד, האָט מען זיך נישט באַנוצט מיטן דאָזיקן פּרוכת, מורא האָבנדיק פאַר אַן „עין הרע” מצד די צאַרישע מאַכט אָרגאַנען... ערשט נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן פלעגט מען דאָס דאָזיקע פּרוכת, וועלכעס האָט סימבאָליזירט די פריינטשאַפט צווישן יידן און פּאָליאַקן אין אָסטראָווצע און אין דער סביבה, — אַרויסהענגען אויף יום־טוב אויפן ארון־הקודש.

אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט האָבן די יידן געלעבט אין גוטע באַציאונגען מיט זייערע פּוילישע שכנים. די יידישע האַנטווערקער פלעגן גוט אויפגענומען ווערן אומעטום און זיי זיינען אויך געווען באַשעפטיקט ביים בויען קירכעס. די גלחים אין אָסטראָווצע און אין דער אַרומיקער געגנט פלעגן אין די קירכעס פּרעדיקן צו לעבן בשלום מיט יידישע שכנים און זיי פלעגן אָפט דערמאָנען די בשותפותדיקע אַקציעס פון פּאָליאַקן און יידן אין די בלוטיקע קאַמפן בעתן אויפשטאַנד פון יאָר 1863. געווען גלחים, וועלכע פלעגן לאָזן אויפנייען זייערע סוטאַנעס דווקא ביי יידישע שניידערס, וועלכע האָבן געשמ׳ט פאַר גוטע בעלי־מלאכות. די דאָזיקע אידיליע פון פרידלעכע באַציאונגען צווישן יידן און פּאָליאַקן האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1896, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גיפטיקע אַגיטאַציע מצד איינעם פון די גלחים אין שטאָט, און דאָס רואיקע לעבן צווישןביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג איז פיל געשטערט געוואָרן.

דער מאַטעריעלער מצב פון די יידן אין אָסטראָווצע האָט זיך אָבער צו יענער צייט פיל פאַרבעסערט. מיטן פאַרלייגן אַ באַן־ליניע ביז אָסטראָווצע, האָט מען אויך אויפגעשטעלט די אייזן־גיסעריי („זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקיע”), וווּ עס האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אַ געוויסער ייד פרענקעל. די יידן אין שטאָט און אין דער אַרומיקער געגנט האָבן געצויגן זייער חיונה פון די טויזנטער באַשעפטיקטע אַרבעטער אין די פאַבריקן. עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ הורט־האַנדל מיט די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, פון וועלכע יידן פלעגן קומען קיין אָסטראָווצע איינקויפן שפּייז־פּראָדוקטן און פאַרשידענע שטאָפן. די באַן פלעגט קומען קיין אָסטראָווצע צוויי מאָל אין טאָג, געבראַכט און אַרויסגעפירט פאַרשידענע סחורות. די יידן אין שטאָט האָבן געלעבט פון אַרבעט, פון האַנדל און פון קרעמעריי. אלי אבוש לעדערמאַן און זיין זון ר׳ דודל האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע גאַרבעריי, וועלכע האָט אויך באַשעפטיקט קריסטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. פיל יידן אין אָסטראָווצע האָבן זיך גוט אויפגעאַרבעט און ס׳איז געווען צווישן זיי אַ היפּש ביסל גבירים. אויף שריט און טריט האָט מען געפילט, אַז דער מאַטעריעלער מצב האַלט זיך אין איין פאַרבעסערן.

אַסטראָווצע נאָך דער שריפה

דער פּסוק „שבע יפול וקם” (זיבן מאָל פאַלן און צוריק אויפשטיין) איז אויך מקויים געוואָרן אין אָסטראָווצע, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון איר לאַנג־יאָריקער עקזיסטענץ דורכגעמאַכט פיל שריפות, פיל מאָל פאַרברענט און חרוב געוואָרן און אויף אירע חורבות ווידער אויפגעבויט אַ נייע שטאָט און פונסניי אָרגאַניזירט דאָס קהלישע לעבן. גאָר באַזונדערס פלעגן די אָפטע שריפות אָנמאַכן אַ חורבן אין די ענגע יידישע געסלעך. די יידן פלעגן אַנטלויפן אין די אַרומיקע שטעטלעך און אָסטראָווצע איז פיל מאָל געוואָרן אויסגעליידיקט פון יידן. שפּעטער זענען געקומען אַנדערע יידן, אָפּגעבויט די חורבות און אויפגעשטעלט אַ נייעם יידישן ישוב.

מיר פאַרמאָגן נישט קיין גענויע דאַטעס וועגן די אָפטע שריפות אין אָסטראָווצע. מיר ווייסן בלויז, אַז אין יאָר 1713 (תע״ד) איז די שטאָט פונסניי אָפּגעבויט געוואָרן נאָך אַ גרויסע שריפה, פון וועלכער עס זיינען איבערגעבליבן בלויז די אַלטע שול און דאָס אַלטע בית־המדרש. אַ צווייטע אינפאָרמאַציע דערציילט אונדז וועגן אַ גרויסער שריפה אין יאָר 1861, ווען די גאַנצע שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן און עס זיינען אויך אומגעקומען עטלעכע יידן בעת אַ חתונה. די יידן אין שטעטל האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז נישט כדאי צו בויען הילצערנע הייזער. אויב ס׳פלעגט אויסברעכן אַ שריפה אין איין הויז, פלעגט זיך דאָס פייער תיכף אַריבערטראָגן אויף אַנדערע בנינים און אַלע זיינען אַוועק מיטן רויך. און קיין אָרגאַניזירטע פייערלעשער־געזעלשאַפט איז צו יענער צייט נישט געווען. האָבן זיך טאַקע נאָך יענער גרויסער שריפה גענומען באַווייזן אין די יידישע געסלעך וואָס מערער געמויערטע הייזער און די שריפות האָבן שוין נישט געקאָנט אָנמאַכן אַזאַ חורבן ווי פריער און בכלל זיך פאַרקלענערט.

פון דער דאָזיקער שוידערלעכער שריפה איז איבערגעבליבן אויפן אָסטראָווצער בית־עלמין אַן אָנדענק אין געשטאַלט פון אַ דאָפּלטער מצבה פון אַ מאַן און ווייב, וועלכע זיינען צוזאַמען אומגעקומען אויף אַ יידישער חתונה, ווי אויך רעשטלעך פון פיר גרויסע און אַכט קליינע מצבות נאָך די אומגעקומענע יידן בעת דער דאָזיקער שריפה.

די אָסטראָווצער יידן האָבן אָפּגעקויפט ביים גראַף וויעלאָפּאָלסקי שטיקער באָדן פון זיינע גיטער און אויפ־געשטעלט נייע הייזער און גאַסן. די שטאָט האָט זיך אויסגעברייטערט און עס איז אויפגעקומען דער קוואַרטאַל מיט זיינע נייע הייזער, דער אַזוי גערופענער „סטאַוו". עס איז פאָרגעקומען אַ כסדרדיקע מענטשן־וואַנדערונג פון די נאָענטע שטעטלעך: טאַרלע, ליפסק, ראַכעוו, קלימענטאוו א. אנד. אויפן בערגל נישט ווייט איז געשטאַנען דער גרויסער קאָשטשאָל מיט זיין הויכער שטיינערנער ווייסער מויער. אַז פרומע יידן פלעגן אַדורכגיין נישט ווייט פון קאָשטשאָל, פלעגן זיי אין דער שטיל שעפּטשען דעם פסוק: „שקץ תשקצנו"

דער מאַרק אין אָסטראָווצע איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גאַסן און געסלעך, וועלכע זיינען געווען אויסשליסלעך באַוווינט דורך יידן ווי: טילנע, זאַטילנע, נאָווע, סטאַראַקונאַוויסקאַ, מלינסקאַ און אַ גרויסער טייל פון אילזשעצקא (דרילדזשער־גאַס). אין די דאָזיקע ענגע געסלעך זיינען געווען קאָנצענטרירט כמעט אַלע „הדרים" פון אָסטראָווצע מיט זייערע מלמדים און אין די זומער־חדשים פלעגן פון די אָפענע פענצטער זיך לאָזן הערן די יונגע שטימעלעך פון די תלמידים, וועלכע האָבן פלייסיק געלערנט תורה פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט. געווען אויך אין אָסטראָווצע דאָס שול־געסל און דאָס „טומאה"־געסל, דער קונאָווער וועג, דער אַפּטער וועג און דער סטאַוו, וועלכער האָט געפירט צו דער באַן־סטאַנציע. אַלע געוועלבער אין מאַרק אויף אַלע פיר „ציילן" זיינען געווען יידישע. אָסטראָווצע איז צו יענער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישער שטאָט. אין דער יידישער וועלט איז די שטאָט ביזן היינטיקן טאָג מערער באַקאַנט אונטערן נאָמען אָסטראָווצע, און נישט אָסטראָוויעץ, ווי זי הייסט אָפיציעל.

אָסטראָווצע איז מיט דער צייט פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ עיר ואם בישראל. עס זענען איינגעפירט געוואָרן די גרויסע יאַרידן, אויף וועלכע די יידישע בעלי־מלאכות פלעגן אַרויסברענגען און פאַרקויפן זייערע אויס־געפאַרטיקטע סחורות. דער האַנדל אין שטאָט האָט גענומען בליען און עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן האַנדלס־באַציאונגען מיט די גרעסערע שטעט אין דער מדינה.

דער בראָנפן־מאָנאָפּאָל (פּראָפּינאַציע) איז אַריבער אין יידישע הענט, צוערשט צו ר׳ יחיאל מינץ און שפּעטער צו ר׳ פינטשע מינצבערג. צווישן, די רייכע יידן אין שטאָט צו יענער צייט זיינען אויך געווען באַקאַנט די ברידער היינע און ר׳ ליפּא בוימשטיין, וועלכער האָט געפירט אַ האַנדל אין ברייטן מאַסשטאַב.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אָסטראָווצע איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער עסטרייכישער אַרמיי, האָבן די עסטרייכישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרלענגערט די באַן־ליניע ביז צוזמיר, ראָז־וואַדאָוו און ווייטער — און פאַרן יידישן האַנדל אין אָסט־ראָווצע האָבן זיך געעפנט נייע האָריזאָנטן.

צוויי מאָל אין וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק — פלעגן פאָרגעקומען אין אָסטראָווצע יאַרידן און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן זיך צונויפפאָרן אין שטאָט אַריין און מיטברענגען פון כל־טוב. יידישע שניידערס שוסטערס, היטלמאַכערס און קרעמערס פלעגן אַרויסשטעלן אין מאַרק זייערע סחורות צו פאַרקויפן. די פויערים האָבן פאַרקויפט זייערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטן און פלעגן קויפן אַלץ, וואָס איז זיי נויטיק געווען פאַר זייער באַלעבאַטישקייט. אין טאָג פון יאַריד זיינען אַלע שענקען אין שטאָט וועלכע האָבן אין גרעסטן טייל געהערט צו יידן, געווען איבערפילט מיט פויערים און פויערטעס, וואָס האָבן נאָכן פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, געמאַכט אַ כוסה און פיל האָבן זיך טאַקע אָנגעשיכורט ביזן פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין. אין מאַרק פלעגן זיך אין דעם טאָג באַווייזן פיל קונצנמאַכערס און טרעפּערס, וועלכע די פויערעם און פויערטעס פלעגן צווואַרפן זייערע פאַר גראָשן.

דאָס יידישע אָסטראָווצע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. צו יענער צייט זיינען געווען באַקאַנט אין שטאָט די למדנים ר׳ לייבקע און ר׳ קנא פון די מינצעס. באַרימט איז אויך געווען דער למדן ר׳ יאָסעלע, וועלכער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט א ספר אונטערן נאָמען „ברכת יוסף" און פון דער פאַמיליע מלכה, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט איר שוך־געשעפט, האָט אָפּגעשטאַמט דער למדן און מורה־הוראה ר׳ יאָסל, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „דער לאָמער יאָסל". אין שטאָט האָבן זיך געעפנט „שטיבלעך" פון אַלע מינים: קאָצקער, גערער, לובלינער, אַלעקסאַנדרער, סקערניעוויצער, אַמשינאָווער, סוכעדניאָ־ווער, קאַלושינער, ליפּסקער, קוזמירער, טריסקער א.א. עס האָבן זיך אויך געשאַפן פריוואַטע מנינים און עס זיינען אַנטשטאַנען פאַרשידענע חברות, ווי חברה ש"ס, חברה תהילים, וועלכע איז צומייסט באַשטאַנען פון מענטשן פון פּראָסטן פאָלק.

אָסטראָווצע צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט

די יידן פון אָסטראָווצע זיינען געווען די הויפּט־בויער פון דער שטאָט און נאָר זיי האָבן מיט זייער פלייס און ענערגיע אַנטוויקלט דעם האַנדל און די אינדוסטריע אין דער דאָזיקער געגנט. אַ וויכטיקע ראָל אין איר אַנטוויקלונג און פּאָרשריט האָט געשפּילט איר געאָגראַפישע לאַגע און די נייע אייזנבאַן־ליניע, וועלכע האָט דערמעגלעכט אַ פאַרבינדונג מיט די גרעסערע שטעט אין לאַנד.

אָסטראָווצע האָט צו יענער צייט געהערט צו ראַדאָמער קרייז און גובערניע, וועלכע איז געווען איינע פון די צען גובערניעס אין קאָנגרעס־פּוילן. די גרענצן פון דאָזיקן קרייז האָבן דערגרייכט אויף דרום־זייט ביז דרילדזש, פון מערב־זייט ביזן קעלצער קרייז, פון דרום־זייט ביזן צויזמירער קרייז און פון מזרח־זייט האָט די ווייסל געשאַפן אַ נאַטירלעכע גרענעץ, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון יאַנאָווער קרייז.

פון אַדמיניסטראַטיוון שטאַנדפּונקט איז דער קרייז באַשטאַנען פון צוויי שטעט: (אַפּט) און אָסטראָווצע, 10 שטאָטישע פּונקטן (קונאָוו, וואָשניעוו, גליניאַני, אָזשאַראָוו, לאַסאָטשין, טשמיעלאָוו, סלופּיא, לאַגאָוו, ראַקאָוו, אײַוואַנסק) און 556 אַרומיקע דערפער און דערפלעך.

דער הערשער פון אָסטראָווצע איז דעמאָלט געווען דער גראַף וולאַדיסלאַוו וויעלאָפּאָלסקי, וועלכער איז געווען אין זייער גוטע באַציאונגען מיט די יידישע שכנים. מען דערציילט, אַז ווען ער פלעגט באַגעגענען דעם אָסטראָווצער רב, ר׳ מאיר יחיאל הלוי ז״ל, פלעגט ער אַנידערקניען און נישט אויפשטיין ביז דער רב האָט אים אָנגענומען פאַר די הענט און אים אויפגעשטעלט. ער האָט געהערט צו די רייכסטע שליאַכשיטשעס אין פּוילן, פאַרמאָגט אַ סך פעלדער, וועלדער, גיטער, טאַרטאַקן, אָזשערעס און וואַסער־מילן, וועלכע ער פלעגט אָפּגעבן צו יידישע פאַכטער אויף גוטע באַדינגונגען. דעם גרויסן און געדיכטן וואַלד אין וועלכן עס האָט זיך אויך געפינען אַ טאַרטאַק מיט פיל הייזער האָט ער פאַרדונגען דעם לובלינער חסיד ר׳ מאיר היינע. אינטערעסאַנט, אַז דער אָפּמאַך צווישן זיי איז נישט געמאַכט געוואָרן שריפטלעך, נאָר בלויז אויף „הן צדק״ צווישן גראַף און די יידן. די וואַסער־מיל ביים טייך קאַמיעננא האָט ער פאַרפאַכטעט צו ר׳ שמואל דענקאָווער (פּשעפּיורקע), וועלכער האָט דאָס איבערגענומען פון פריערדיקן פאַכטער ר׳ נפתלי דאַלוסער.

פון וואָס דער עיקר האָבן צו יענער צייט געצויגן זייער חיונה די יידן אין אָסטראָווצע? מען קאָן פעסטשטעלן, אַז די אָסטראָווצער יידן האָבן אין דער תקופה פון דער צאַרישער הערשאַפט פאַרמאָגט דריי עיקרדיקע פרנסה־קוואַלן.

דער ערשטער קוואַל איז געווען די ריזיקע שטאָל־און אייזן־גיסעריי, וועלכע האָט באַשעפטיקט קרוב 10 טויזנט קריסטלעכע אַרבעטער און זייער צאָל האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. צוויי מאָל אין חודש פלעגן די אַרבעטער דאָרט באַקומען אויסגעצאָלט זייער געהאַלט. זיי האָבן געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און גאַנץ ווייט נישט אויסגעקומען מיט זייער מאָגערן פאַרדינסט. און דאָ איז זיי געקומען צוהילף דער יידישער קרעמער און סוחר אין שטאָט, וועלכער פלעגט געבן פּראָדוקטן און פאַרשידענע סחורות אויף באָרג ביז דער נאָענסער „וויפּלאַטע״. מען האָט פאַרשריבן אין „ביכל״ און שפּעטער ביסלעכווייז געסילוקט דעם חשבון.

דער צווייטער מקור פון פרנסה פאַר אָסטראָווצער יידן צו יענער צייט זיינען געווען די מאַרק־טעג, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין שטאָט צוויי מאָל אין וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק. פון דער אַרומיקער געגנט פלעגן זיך לאָזן די פּויערים אויף וועגענער מיט זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אויפן יאַריד קיין אָסטראָווצע. נאָכן פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, פלעגן די פּויערים און פּויערטעס אַרומגיין איבער די יידישע געוועלבער און דאָרט איינגעקויפט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

דער דריטער קוואַל פון פרנסה איז אין שפּעטערדיקע יאָרן באַשטאַנען פון דער שטיצע, וואָס אויסגעוואַנדערטע יידן קיין אַמעריקע און קאַנאַדע פלעגן כסדר אַריינשיקן צו זייערע איבערגעבליבענע קרובים אין דער אַלטער היים. און אַזוי האָבן די יידן אין אָסטראָווצע ווי נישט איז געלעבט — אַמאָל ערגער און אַמאָל בעסער.

אויסער די דריי פרנסה־קוואַלן, פון וועלכע די אָסטראָווצער יידן האָבן געצויגן זייער חיונה, דאַרף מען נאָך צוגעבן די האַנטווערקער און בעלי־מלאכות, פאַכמענער, וועלכע האָבן פאַרמעגט אייגענע וואַרשטאַטן אָדער געאַרבעט ביי יענעם אַלס לוין־אַרבעטער.

אין יאָר 1894 האָט זיך אָסטראָווצע באַטייליקט אין די פייערונג פון דער קרוינונג פון לעצטן רוסישן צאַר, ניקאָליי דער צווייטער. אויך די יידישע קהילה איז געווען געצוווּנגען זיך צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער פייערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין שול ביי דער אָנוועזנהייט פון העכערע באַאַמטע, אָנגעזעענע שטאָט־לייט און גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. נאָכן מאַכן דעם געהעריקן „מי שברך״ פאַרן צאַר און פאַר דער מלכה און נאָכן אָפּזינגען דעם צאַרישן הימן „באָזשע, צאַריאַ כראַני״ (גאָט, באַשיץ דעם צאַר), האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש, וועלכע האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט

אין פארגלייך מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן צו יענער צייט, האָבן אין אָסטראָווצע פאַרהעלטנישמעסיק געהערשט גוטע באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן. ביזן יאָר 1904 זיינען אין אָסטראָווצע נישט פאַרצייכנט געוואָרן 32 — אָסטראָווצע יידיש — — גיערייייישפאוזאאגה 32 קיין שום איבערפאַלן אויף יידן מצד זייערע פוילישע שכנים. קיין אָסטראָווצע זיינען אָבער שוין דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פון דער אַנטיסעמיטישער פראָפּאַגאַנדע, וועלכע איז געוואָרן געשטיצט דורך דער צאַרישער מאַכט. די גלחים האָבן אויסגענוצט דעם אַנטיסעמיטיזם אין זייער קאַמף קעגן די אַפּיקורסישע סאָציאַליסטן און זיי האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען אין קאַמף קעגן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיי געדינט ווי אַ מיטל צו ווענדן דעם צאָרן פון פאָלק קעגן די יידן.

אין יאָר 1904 איז אין אָסטראָווצע געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פרווו פון אַן אָרגאַניזירטן פאָגראָם קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. די גלחים צוזאַמען מיט דער צאַרישער רעאַקציע, מיט דער פאָליציי און אַ טייל פון דער אונטערוועלט זיינען אַרויס מיט אַ שטאַרקער כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישער העצע קעגן די אָרטיקע יידן. די בלוטיקע געשעענישן האָבן אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי מעתלעת, בעת וועלכע איין ייד איז דערהאַרגעט געוואָרן, פיל זיינען געוואָרן פאַרווּנדעט און יידיש האָב־און־גוטס איז געראַובט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. די יידישע זעלבסטשוץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון טרעגערס, באַלעגאָלעס קצבים און מענטשן פון פראָסטן פאָלק, האָט זיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט און זיי פאַרטריבן.

די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין 1905 האָבן אויך דערגרייכט קיין אָסטראָוויצע. אויך די יידישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן, וועלכע זענען אונטערדריקט געוואָרן ביי דער צאַרישער מאַכט סיי אַלס פראָלעטאַריער און סיי אַלס יידן — זענען אַרויס מיט פאָדערונגען אויסצובעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען און גענומען ביסלעכווייז אויסגלייכן דעם רוקן. די יידישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן האָבן געלעבט ביי די שווערסטע באַדינגונגען, אַרבעטנדיק 12 שעה אַ טאָג און מערער. און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי זענען די ערשטע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט געלאָקט מיט אויסזיכט פון אַ בעסערער צוקונפט. פיל פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון פ.פ.ס. און פון „בונד" און ס'איז פאָרגעקומען אַ דערנענטערונג צווישן פוילישן און יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק.

דאָס יאָר 1905 האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע סביבה און ביי דער גרויסער פאַבריק אין אָסטראָווצע האָבן זיך גענומען זאַמלען אַרבעטער מיט רויטע פענער און סאָציאָליסטישע לאָזונגען. אין דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (פ.פ.ס.) אין אָסטראָווצע זענען אויך געווען טעטיק יידן. דוד פרענקל, אַ זון פון ישראל פרענקל פון ראַדאָם, איז געווען איינער פון די טעטיקסטע טוער אין די רייען פון פ.פ.ס. אין דער געגנט פון ראַדאָם, אָסטראָווצע, אַפּט און צויזמיר. ער האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין אָסטראָווצע און געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן.

עס האָבן אויך נישט געפעלט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע קיין מוסרים, וועלכע האָבן איבערגעגעבן די שטרייקערס און רעוואָלוציאָנערן אין די הענט פון דער צאַרישער פאָליציי.

אין די יאָרן 1906—1907 האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון טעראָר מצד דער צאַרישער מאַכט. דוד פרענקעל איז צוליב אַ מסירה אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אליהו ווייצמאַן, וולאַדיסלאַוו פעניגשטיין, ד"ר יצחק וויינבערג, פיאָטר פרענקעל, אָזשאַ וויינבערג, אַדלער ליפּמאַן און אַנדערע. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און שפּעטער פון דאָרט אַנטלאָפן קיין עסטרייך. פיל פון די דאָזיקע יידישע מוסרים האָבן שפּעטער באַצאָלט מיט זייער לעבן, ווייל זיי זיינען אומגעקומען פון די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן וואָס זענען צוריקגעקומען אין באַפרייטן פוילן אַלס פוילישע לעגיאָנערן.

בעת די דאָזיקע געשעענישן, האָט זיך אָנגעהויבן די אויסוואַנדערונג פון די יידישע מאַסן פון פוילן. גענוי ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, האָבן אויך די יידן אין אָסטראָווצע פאַרויסגעזען די געפאַר וואָס דערנענטערט זיך און גענומען אויסוואַנדערן פון דער שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט פון דורי דורות.

געווען נאָך אַ סיבה פאַר דער יידישער עמיגראַציע צו יענער צייט: די מורא מאָבליזירט צו ווערן אין דער צאַרישער אַרמיי און אַוועקגעשיקט צו ווערן אין די ווייטע סטעפּעס פון רוסלאַנד ווו עס איז געווען אוממעגלעך אָפּצוהיטן יידישקייט און ס'האָט געדראָט די געפאַר מיט דער צייט אינגאַנצן צו ווערן פאַרגויאישט.

אין אַ געוויסן פרייטיק האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אין שטעטל, אַז די פאַבריק־אַרבעטער גרייטן זיך נאָך דער אַרבעט דורכצופירן אַ פּאָגראָם איבער דער יידישער באַפעלקערונג. דער רב האָט צונויפגערופן אויף אַ געהיימער באַראַטונג די גמינע־דאָזאָרעס פון יענער צייט, צווישן זיי: ר' ברוך גראָסמאַן, משה'לע בייגעלמאַן, בנימין קעסטענבערג און אַנדערע. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז די יידן זאָלן זיך פאַרטיידיקן און אַנטקעגנשטעלן די

פאָגראָמשטשיקעס מיט אַלע כוחות און נישט לאָזן זיך אויסשעכטן. אין אָסטראָווצע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען ביז 5000 יידן.

די אָסטראָווצער יידן האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו פאַרטיידיקן זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע פרויען און קינדער. עטלעכע הונדערט יידן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער גרויסער שול און ביים אַריינגאַנג צום מאַרק. ווי נאָר עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם אין שטאָט, האָט בערל טשאָטשקע, יאָסל באַלאַס און זכריה לאַמפּ אָרגאַניזירט די יידישע קצבים, טרעגערס און אַלע שטאַרקע בחורים פון שטאָט און זיי באַוואָרנט מיט מעסערס, העק, אייזערנע פרענטן און אַנדערע מכשירים. אויך דעם רב'ס איידעם, דער גאָסטינינער רב ר' דודל סילמאַן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון רב'ס הויז מיט אַן אייזערנעם פרענט אין האַנט, גרייט אַנטקעגנצושטעלן זיך די פּאָגראָמשטשיקעס, און ער האָט דערביי געהאַלטן אין איין איבערחזרן דעם פּסוק: „תמות נפשי עם פלשתים!". ווען די פאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך דערנענטערט צו די יידישע גאַסן און געזען ווי די יידן גרייטן זיך צו פאַרטיידיקן זייער לעבן — האָבן זיי זיך מיט חרפּה צוריקגעצויגן און די יידן אין אָסטראָווצע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

דעם ערשטן אויגוסט פון 1941 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט אייראָפּע. גאָר באַזונדערס האָבן בעת דער דאָזיקער מלחמה געליטן די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין געביטן, וואָס זיינען אין דער צייט פון מלחמה איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און מען האָט זיי געהאַלטן אין איין באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש און צוהעלפן דעם שונא. די מיליטערישע געריכטן האָבן אַרויסגעטראָגן פיל האַרבע אורטיילן אויף יידן, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין פאַרברעכנס, וועלכע זיי זיינען אַבסאָלוט נישט באַגאַנגען.

אויך דאָס יידישע אָסטראָווצע האָט נישט אויסגעמיטן דעם ביטערן גורל פון אַלע אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן אין יענער תקופה. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען גענומען „זאַקלאַדניקעס" פון צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן באַדאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גוטער אויפפירונג פון די יידישע מאַסן אין שטאָט בעת דער מלחמה. עס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן פאָלגענדע בעלי־בתים: אשר הערץ, קלמן בוימפעלד, בערל ראָזענמאַן, משה ווייַנבערג, זיסל שאַפּיראָ (זיסל מאַניסעס), יוסף פעפער, פינטשע מינצבערג א.א. נאָך גרויסע באַמיאונגען ביי דער צאַרישער מאַכט זיינען זיי נאָך אַ געוויסער צייט באַפרייט געוואָרן.

מיטן אַריינקומען פון די עסטרייכער קיין פּוילן, האָט זיך דער מצב פון די יידן אין אָסטראָווצע פיל פאַרבעסערט און דאָס לעבן איז געוואָרן פרייער.

שפּעטער האָט זיך דער מצב ראַדיקאַל געענדערט, אַלס רעזולטאַט דערפון וואָס די רוסן האָבן צוריק פאַרנומען די גאַנצע געגנט. אין שטאָט זיינען שוין אָנגעקומען ידיעות וועגן יידן־אומרוען אין כטאַשעוו, טאַרלע, יוזעפאָוו, ראַדאָם און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. דער רב האָט זיך דעמאָלט געווענדט מיט אַ הייסן רוף צו אַלע יידן פון שטאָט, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין מקבל פּנים זיין דאָס צאַרישע מיליטער מיט ברויט און סיגאַרעטן. און ווען די ערשטע צאַרישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט און זיי האָבן געזען דעם דאָזיקן קבלת־פּנים, איז עס זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן די יידן געלאָזט צורו.

און ווידער איז עפּעס פאָרגעקומען אין אָסטראָווצע, וואָס האָט כמעט דערפירט צו פּאָגראָמען איבער דער יידישער באַפעלקערונג מצד די צאַרישע סאָלדאַטן און קאָזאַקן. ומעשה שהיה כך היה: עס איז געווען פאַר פּסח. די בעקערייען אין שטאָט, וועלכע זיינען איינגעשטאַנען אין יידישע הענט, האָבן געבאַקן מצות אויף פּסח און צוליב דעם האָט אויסגעפעלט ברויט פאַרן רוסישן מיליטער. די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געדראָט, אַז אויב ס'וועט אויספעלן ברויט פאַר דער אַרמיי, וועלן זיי זיך נוקם זיין אין די יידן.

דער רב האָט האַרט פאַר ערב־פּסח צונויפגערופן אַלע בעקערס פון שטאָט און זיי באַפוילן אין דער ערשטער ריי צו באַקן ברויט פאַרן מיליטער. „כדי אָפּצוראַטעווען כאָטש איין יידיש נפש האָט דער רב געזאָגט צו די בעקערס — נעם איך אויף מיר דעם חטא פון באַקן ברויט אום פּסח און אויך די שטראָף פאַרן דאָזיקן חטא, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן פּיקוח נפש". און אָסטראָווצע איז טאַקע אַדאַנק דעם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּאָגראָם.

די אָסטראָווצער יידן פון עלטערן דור ווייסן אויך צו דערציילן, אַז אין יענער צייט האָבן די רוסן אַמאָל שפּעט ביינאַכט פאַרהאַלטן אין גאַס דעם דרדקי־מלמד פייוועלע ראָזענבערג. זיי האָבן אים חושד געווען אין שפּיאָנאַזש לטובת די עסטרייכער און עס האָט אים געדראָט טויט־שטראָף. אַז דער רב האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער באַפוילן דעם שמש, אַז ער זאָל אים אַריבערפירן צום מיליטערישן קאָמאַנדיר. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין קיין כוח צו גיין צוליב די תעניתים, וועלכע ער האָט געפאַסט אַזוי פיל יאָרן — האָט מען אים געטראָגן צום קאָמאַנדיר אויף אַ שטול. דער רב האָט לאַנג גערעדט מיטן

צאַרישן קאָמאַנדיר און אים ענדלעך איבערצייגט, אַז ער קען גוט דעם דאָזיקן מלמד און ער ווייסט, אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן. דעם רב׳ס ווערטער האָבן געווירקט און ר׳ פּיוועלע איז טאַקע אויפן אָרט באַפרייט געוואָרן פון יעדער שולד.

אין יאָר 1915, נאָך זייער מפּלה ביי דער ווייסל, האָבן זיך די רוסישע באַוואָפנטע קרעפטן צוריקגעצויגן פון פוילן, וועלכע איז ווידער אָקופּירט געוואָרן דורך די עסטרייכער און דייטשן.

די יידישע באַפעלקערונג אין אָסטראָוועצע, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן אין יענער תקופה, האָט פרייער אָפּגעעטעמט. עס האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן און די יידישע יוגנט איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מערב־קולטור. צו יענער צייט איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן די „באַלפור־דעקלאַראַציע״, וועלכע האָט אויפגערודערט די יידישע וועלט און דאָס גרויסע פּוילישע יידנטום און האָט נאָך מער דערנענטערט די יידישע יוגנט צו דער גרויסער מערב־קולטור.

די יידישע פּראָגרעסיווע יוגנט האָט זיך גענומען וועקן צו אַ נייעם לעבן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ פאָלקס־ביבליאָטעק, וועלכע זאָל באַזאָרגן מיט גייסטיקער שפּייז די יידישע יוגנט אין אָסטראָוועצע, וואָס האָט געלעכצט נאָך בילדונג.

נאָך שווערע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען איז ענדלעך געלונגען צו שאַפן די ערשטע ביבליאָטעק וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ גרייסן אויסוואַל פון יידישע און העברעאישע ביכער. אין דער ביבליאָטעק, וועלכע האָט געטראָגן אַן אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער, זיינען געווען פאַרטרעטן די ציוניסטן, דער „בונד״, פועלי ציון און די אומפּאַרטייאישע יוגנט. די ביבליאָטעק איז אָבער געווען ווי אַ דאָרן אין אויג פון די יידישע פאַנאַטיקער אין שטאָט וועלכע האָבן נישט געקאָנט איינשטימען מיט דעם געדאַנק, וואָס די יידישע יוגנט רייסט זיך צו לערע און בילדונג און וויכט אָפּ פון די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגן. אין אַ געוויסן אָוונט זענען טאַקע עטלעכע יידישע פאַנאַטיקער באַפאַלן די ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דרילדזשער גאַס אין שיטאַרסקיס הויז, און גענומען רייסן די בילדער פון די ווענט, ברעכן שטולן און אויסהאַקן די שויבן. גוט, וואָס דאָס איז פאָרגעקומען אין אָוונט, ווען אַ סך יוגענטלעכע זיינען געווען פאַרזאַמלט אין דער ביבליאָטעק. די פאַרזאַמלטע האָבן באַזייטיקט די פאַנאַטיקער און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט די ביבליאָטעק, וועלכע די יידישע יוגנט האָט אויפגעבויט מיט אַזוי פיל פלייס, מי און ענערגיע.

ווי אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, האָט זיך אויך די יידישע יוגנט אין אָסטראָוועצע גענומען אָרגאַניזירן אין פּאַרטייען, פון עקסטרעם־רעכטע, „אגודת ישראל״ — ביז קאָמוניסטן.

צו יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין אָסטראָוועצע די ערשטע יידישע מאָדערנע פאָלקס־שול. בראש פון די גרינדער זענען געשטאַנען: די ברידער אליעזר און יחיאל לעווי, הלל בראַפמאַן, אברהם מלאך, לייזער סאַטאַנאָוויטש, ש. מינצבערג, א. י. מינצבערג און מעניע בלאַנקמאַן. דער לייטער און לערער פון דער שול איז געווען א. קעסטענבערג פון דרילדזש. אין דער שול האָבן געלערנט ביז 120 קינדער. שפּעטער איז אויך געגרינדעט געוואָרן דורך די עסקנים יהושע קופערמאַן, משה לעדערמאַן א.א. די מזרחי־שול אונטער דער לייטונג פון לערער א. ווינער ביי דער מיטהילף פון לערער ערליך. אין שטאָט איז צו יענער צייט אויך געווען טעטיק אַ „תלמוד־תורה״.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1918 איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד. אויף די חורבות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַנטשטאַנען דאָס פרייע פוילן.

אין די חדשים נאָוועמבער 1918 — יאַנואַר 1919 זענען פאָרגעקומען כוליגאַנישע איבערפאַלן מצד פוילישע אנטיסעמיטן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. גאָר באַזונדערס האָבן געלאָזט זיך וווילגיין און געווילדעוועט די טרייעריק־באַרימטע „האַלערטשיקעס״, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט פון שערן און אויסרייסן די בערד פון די יידן און שלאָגן זיי מכות רצח.

אויך די יידן אין אָסטראָוועצע האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט שווערע טעג. די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין לעמבערג, פינסק, ווילנע, לידע און אין אַנדערע שטעט האָבן אויך אויפגעטרייסלט די יידישע באַפעלקערונג אין אָסטראָוועצע. עס זיינען פאָרגעקומען פיל פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די דאָזיקע בלוט־פאַרגיסונגען. און די יידן זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זייער גורל אויף דער פּוילישער ערד...

אסטראווצע אויף דער נייער מאפע פון פוילן נאך דער מלחמה



אוסטרובצה במפה החדשה של פולין אחרי המלחמה

אוסטרובצה הצטיינה במנהיגיה הרוחניים, אשר עיצבו את האופי הדתי של הקהילה, שבה לא פסק קול התורה לא ביום ולא בלילה. להלן שורה של רבנים ואדמו"רים שהוציאו את שמה לתהילה ולתפארת בעולם היהודי

מ. ש. גשורי

רבנים ואדמו"רים באוסטרובצה

בגלל חוסר מקורות אין אנו יודעים כלום על רבני אוסטרובצה בתקופתה הראשונה, במאות ה־16 וה־17. שואת ת"ח־ת"ט של המאה ה־16 ומלחמת השוודים והזאפסים בפולין במאה ה־17 לא פסחה גם על קהילת אוסטרובצה, שאמנם לא סבלה מן השחיטות. אך אנשי הקהילה נמלטו מפני מחנות חמלניצקי, שהגיעו עד ללובלין, והצטרפו לפליטים הרבים, שהציפו את הדרכים. הישוב נחרב כולו ואתו ירדו לטמיון הפנקסים, שבין יתר העניינים הכילו גם שמות הרבנים ותקופת כהונתם במקום.

מסיבה זו ידועים לנו רק שמות הרבנים ששרתו בקודש בקהילת אוסטרובצה אחרי ששוקמה מחדש בסוף המאה ה־17. גם שמות אלה לא נלקחו מפנקס הקהילה, שלא הגיע לידינו, אלא ממקורות שונים, בעיקר מספרים רבניים שונים, שבהם נזכרים רבני אוסטרובצה ותקופת פעולתם.

הרב רבי נפתלי

הרב הראשון של אוסטרובצה ששמו ידוע לנו הוא ר' נפתלי (או ר' מאיר), חתנו של ר' הרצקה. לפי פרטים שפורסמו בספר חסידים, היה בנו של ר' אריה לייבוש מפשיטיק, מתלמידי רבי יצחק יעקב „החוזה מלובלין" ורבי יחיאל מיכל המגיד מזלוצ'וב. הוא היה „מאנשי הבשורה" של התנועה החסידית בפולין, ועשה למען התפשטותה באוסטרובצה.

ר' יחזקאל בהג"מ אביגדור יוסף

הרב השני של אוסטרובצה אחרי תקופת השיקום ששמו ידוע לנו, היה ר' יחזקאל בהג"מ אביגדור יוסף, אבי הגאון אבד"ק חנצ'ין בעל הספר „הר הכרמל". הוא ייצג את קהילת אוסטרובצה ב„וועד ארבע הארצות". לא נשארו פרטים רבים על פעולותיו כרב קהילת אוסטרובצה.

ר' אליעזר בר' שלמה זלמן ליפשיץ

עם הכתרתו של ר' אליעזר ב"ר שלמה זלמן ליפשיץ כרב העיר זכתה אוסטרובצה במנהיג רוחני שיצאו לו מוניטין בעולם הרבנות כגאון שהעשיר את הספרות הרבנית בספריו החשובים „השיב ר' אליעזר" ו„שיח־שדה", המשמשים עד היום מעין מדריך ללומדים לבני ישיבות.

היה ממשפחה מיוחסת של לומדים וגאונים. אשתו היתה נינה ונכדה לבעל מג"א והרמ"א מקראקא.

מאוסטרובצה עבר לקראקא ומשם לנייאוויט, שם נפטר בשנת תק"ח (1748).

רבי שמואל שמריה בן ר' יעקב מזבולין

רבי שמואל שמריה כיהן כרב באוסטרובצה בדור השני של כיבוש החסידות בפולין. מוצאו משושלת יוחסין של רבנים וגאונים ששרתו בקודש בקהילות גדולות בפולין.

היה תלמיד מובהק של „החוזה מלובלין", של המגיד מקוז'ניץ ושל „היהודי הקדוש" מפשיסחה וספג אצלם תורה וחסידות. אחרי פטירתם עבר להסתופף בצל רבי משה'לי מקוז'ניץ ורבי ירחמיאל מפשיסחה, שחילקו לו כבוד גדול. הרביץ תורה בעירו והעמיד מבין תלמידיו רבנים גדולים ומפורסמים, בהם ר' שמשון אבד"ק קינצק (רבו של הצדיק רבי נתן דוד משידלובצה) ור' דוב בריש, הרב ר' משה יהודה מקאָסנטין ועוד. חיבר את הספרים „זכרון שמואל" ו„תורת שמואל" על הש"ס ותנ"ך, שהוצאו במהדורה חדשה בירושלים בשנת תש"ז, במלאת מאה שנה לפטירתו, על־ידי צאצאי צאצאיו היושבים בישראל.

ספר

זכרון שמואל

על התורה בדרך פרד"ס ועל הש"ס בדרך פלפול

חלק שני
על סדר במדבר דברים

מאת כבוד הרב הגאון הצדיק המקובל המפורסם בוצינא קדישא חסידא ופרישא זקן ויושב בישיבה שלשלת היוחסין כקש"ת מוה"ר **שמואל שמרי'** זצוקללה"ה אבד"ק **אסטראוואצא** תלמיד מובהק של הגה"ק **המגיד מקוזניץ** זצללה"ה **והרבי מלובלין** זצללה"ה **והיהודי הקדוש מפשיסחא** זצללה"ה, נין ונכד **להרמ"א ולהבית שמואל** זצללה"ה ולמעלה בקודש זיע"א.

נדפס בשנת תרס"ח בהוצאות האחים הגבירים המופלגים החסידים המפורסמים: אבי זקני מוה"ר **שמואל שמרי'** ז"ל ודודי מוה"ר **ארי' ליבוש פישל** ז"ל **היינה** מאסטראוואצא, במוה"ר יוסף מאיר ז"ל חתן הרה"ח המפורסם מהו' אפרים פישל זצ"ל בן רבינו המחבר זצ"ל.

ועתה הבאתיו מחדש לדפוס והוספתי בעזהי"ת קונטרס בשם

זכרון יצחק

שאספתי מגנזי אבי מו"ר זצ"ל, וממה שחנני השי"ת
יהודה ארי' לייב בן הרב החסיד המנוח
מוה"ר **יצחק אהרן אפרים פישל** זצ"ל בן הרה"ח
מוה"ר **שמואל שמרי'** ז"ל **היינה**, נכד הרה"ק המחבר זצ"ל
ונכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מגור

פעיה"ק ירושלים תובב"א
שנת **תש"ז** לפ"ק

מספרים, שבשעת פטירתו ישבו אצלו למדנים רבים, ביניהם רבי שמשון מקינצק שהיה תלמידו המובהק, והביאו לפניהם שאלת ריאה. הנוכחים התווכחו בלחש, כדי לא להפריע לרבם ברגעיו האחרונים. שאל רבי שמואל שמריה על מה מתווכחים, אך הם לא רצו להטרידו, כי היה במצב גסיסה. אך הרב לא נתן להם מנוח ודרש שיגידו לו את דבר השאלה, שנראתה בעיניהם **בחזקת** טריפה. אחרי שנמסרו לו פרטי הענין גנח ואמר: „אימתי תלמדו לפסוק שאלה כהלכה. תנו לי גמרא חולין". הגישו לו את המסכת והוא הראה להם בתוספת שהריאה כשרה, ותוך כדי דבריו יצאה נשמתו.

הוא היה בן צ"ט שנים בפטירתו (תר"ז—1947). כיהן בכתר הרבנות באוסטרובצה חמשים שנה ונטמן בבית הקברות שלה.

הגאון ר' יוסף תאומים

ר' יוסף תאומים ב"ר הגאון אריה לייב מקרישוב היה מבין גדולי רבני אוסטרובצה. היה נכד לגאון רבי יונה תאומים, אבד"ק הורודנה, מיץ וניקלשברג, מחבר ספר „קיקיון ביונה", ונכד הגאון מהרש"ל ויחוסו מגיע עד לגאון „בעל המאור". שמו מופיע בפנקסי קהילת לובלין, וכן גם בפנקס „קובץ פסקים" ובפנקס ביהכנ"ס ר' צבי הירש דוקטור. חתם יחד עם האב"ד שאול מרגליות על כרוז שפורסם בביהכ"נ הגדול של המהרש"ל האוסר להרבות מניינים, בזה הלשון: כבוד הרב הגאון והזקן הרב"ד יצ"ו האב"ד דאוסטרובצה אשר חשכו הרואות בארובותיו ועיניו קמו מלצאת ולבוא השכם והערב גלל כן רשאי לו לעשות מנין בביתו, מלבד שלא יתפללו שם בעלי סכומות וכו'.

לרבי יוסף היו ארבעה בנים גדולים בתורה, והם: שאול יהושע יחזקאל פייבל תאומים־פרנקל, ששימש רב באוסטרובצה אחרי שאביו עבר לפוזן לשמש שם דרשן וראש ישיבה, אריה־לייב תאומים, שמואל ויעקב.

בשנת תקמ"ה עבר ר' יוסף תאומים מפוזן ללובלין שם כיהן אב"ד עד פטירתו בשנת תקמ"ג.

רבי שאול יהושע יחזקאל פייבל תאומים־פרנקל

בנו בכורו של רבי יוסף תאומים וחתנו של רבי יששכר בריש הלוי אבד"ק צ'יחאנובצה כיהן כרב באוסטרובצה עד פטירתו בשנת תקל"א (1771), ועל המצבה שלו בבית הקברות באוסטרובצה חקוק: „גדע ממנו ונגנז ארון ה' הוא כבוד אדוננו ורבינו ומורנו הרב המאור הגדול מוהר"ר שאול חזקיהו יהושע פייבל ז"ל בהרב האי גאון מהור' יוסף תאומים אב"ד ור"מ ק"ה י"צ מת משה עבד... תקל"א ע"נ בג"ע ביום שבת קודש ששה ימים בחודש אייר. צדקתו כהררי אל, כעמוד אש תורתו. האיר לנו הדרך ללכת בדרכי האל ועתה בטל הכבוד משמת רבינו.

רבי עוזיאל מייזליש אב"ד אוסטרובצה ועיר־חדש

היה משושלת יוחסין גדולה, בן הרב הנודע צבי, נין ונכד להרמ"א ולגאון הגדול רבי נפתלי הרץ מגזע רש"י, ונין ונכד לב"ח ולמהר"ם מלובלין. ביחוסו הגיע עד לדוד מלך ישראל.

היה תלמיד מובהק לרבי דובר המגיד ממזריטש וחבר

נאמן לאחים הגאונים רבי שמלקה בניקלשבורג ורבי פנחס בעל „הפלאה״ ולאחים רבי אלימלך מליז׳נסק ורבי זושא מהאניפולי, לרבי לוי־יצחק מברדיצ׳וב ולשאר תלמידיו הגדולים של המגיד.

היה בעל מוח כביר, חודר ונוקב עד התהום, צדיק חסיד, שהעמיד תלמידים הרבה בנגלה ובנסתר. פעל רבות להפצת החסידות בחוג הלמדנים בפולין. מתוך ספרו „תפארת עוזיאל״ מוכח שהיה מתלמידי הבעש״ט. ופעם אחת הוא מזכיר ד״ת ששמע בעצמו „מפי איש קדוש וטהור ר׳ ישראל בעש״ט ז״ל״. כן הוא מציין דברי־תורה ששמע מפי ר׳ נחמן קאסובר, אף הוא מבני חוגו של הבעש״ט. בספר „שם הגדולים החדש״ כותב עליו ר״א ולדן גדולות ונצורות ומכתירו בתוארים: „הוא הגאון הגדול, עוקר הרים, חסידא קדישא ומקובל אלהי, קדוש יאמר לו הרביץ תורה בקדושה ובטהרה בכמה קהילות קדושות בפולין ומהם בריטשיבול, אוסטרובצי ועיר־חדש והעמיד תלמידים הרבה בנגלה ובנסתר״.

חיבר חיבורים גדולים, שהגדול בהם הוא „תפארת עוזיאל״ הנקרא בשם „עץ הדעת טוב״ שכוונתו ותכליתו להעלות אור תורת החסידות בלב ישראל. ספר זה נדפס בגולה שלוש פעמים וזה מכבר אזל מהשוק ונעשה יקר המציאות. בישראל נתעורר נכדו ר׳ פ. מ. הוכרמן והדפיס אותו מחדש בהידור רב ובהגהה מדויקת. המהדורה הראשונה נדפסה בשנת תרכ״ג (1863) בוורשה (בדפוס נתן שריפטגיסר) ובה הסכמות מגאוני גדולי הדור, כמו הרב דובריש מייזלס מוורשה, רבי יצחק מאיר מגור, הרב ישעיה מושקט מפראגה, רבי יהושע השיל אשכנזי מלובלין, הצדיקים החסידיים יהודה לייב איגר מלובלין, יעקב דוד מאמשינוב, יעקב אריה מרדזימין, רבי חיים מצאנז, ר׳ שמעון האדמו״ר מקראקא (בן החתם־סופר), רבי יוסף שאול הלוי נטנזון מלבוב, רבי יהושע מסוסנוביץ בן רש״ל מלנטשנה ואחרים.

שמעו של הרב עוזיאל מייזליש היה הולך לפניו בכל הארץ. אך הוא נסתלק בדמי ימיו, בכ״ח כסליו תקמ״ו.

הרב יחזקאל מרגליות

הרב יחזקאל, שהיה חותנו של ר׳ בריש, הרב הנודע מבריסק, היה מגדולי רבני העיר. היה בעל השפעה עצומה על חוגים רחבים בפולין וברוסיה כולה. נפטר בשנת תר״ן.

הרב ר׳ חיים בה״ר יוסף הוכגלרנטר

הרב ר׳ חיים נתמנה לרב באוסטרובצה בהיותו בן י״ט שנים בלבד. היה למדן מובהק ששמו יצא לתהילה למרחקים. אחר עבר לכהן ברבנות בעיר הרובישוב, ואח״כ לעיר גראבוב, שם נספה במגפת הדבר של שנת תקס״ט.

רבי גרשון חנוך ליינר

בשנת 1888 היתה אוסטרובצה זקוקה לראש בית־דין, ורבנים שונים הציעו עצמם למשרה זו. כמועמד הרציני ובעל הסיכויים הטובים ביותר היה גאון־הדור רבי גרשון חנוך ליינר מראדזין — הוא הרבי הנודע בעולם החסידות שהנהיג בין חסידיו חוט תכלת בציציות. לבסוף הסתלק מהצעתו לכהן רב באוסטרובצה, במוצאו שהעיר הומיה ושוקקה יתר על המידה ולא יוכל להתמסר ללימודים ולעבודת המחקר שלו.

באותו זמן הגיע לעיר עילוי צעיר יליד סובין, ר׳ מאיר יחיאל הלוי האלשטוק, כשבידו כתב־הסמכה מאת הרבי מסקרנביץ, הרב רבי אלימלך שפירא מגרודז׳יסק, והרב הנודע רבי אליהו חיים מייזלס מלודז׳. הרב מאיר יחיאל הפך במשך הזמן אחד האישים המפורסמים ביותר בעולם הצדיקים והחסידים, ובשנות כהונתו כרב וכאדמו״ר של העיר. יצאה שמה של אוסטרובצה לתהילה ברחבי העולם היהודי. לרבי מאיר יחיאל שהיה תופעה יחידה במינה בתנועה החסידית הפולנית אנו מקדישים מקום נרחב להלן במדור זה.

צדיקות ליפסק־אוסטרובצה־ראדום

אחת הדמויות הבולטות בשורת האישים שפעלו בראדום — היא ללא ספק דמותו של „הצדיק מאוסטרובצה״ שישב בראדום כמה עשרות שנים. פרשת חייו היתה עלילה נסערת בחיי החסידות. הוא היה בן הדור השלישי לאדמו״רי משפחתו. שלושה ארזים נטעה שושלת זו בכרם החסידות במשך שלשה דורות, וכל ארז פעל כמנהיג מחונן, הראוי להמשיך בניהול עדת חסידים מפוארת. שושלת זו לדורותיה לא נזכרה במיוחד בספרות החסידית, אף שצדי־קיה לא ביישו את התנועה. גם בחסידות היו צדיקים ושושלות שהמזל לא האיר להם פנים בפרסום. החסידות לא רשמה בספר את כל צדיקיה, וביחוד בדורות האחרונים לקיומה. מאז פטירתו של „רושם הרשימות״ הרב הנודע רבי יוסף לוונשטין מסירוצק בעל „דור ודורשיו״ לא נמצא ממלא מקום וממשיך ברישום הצדיקים ותלמידיהם, ואפילו ברישום ספרי החסידים שהופיעו במספר לא קטן. ומוצא אני לנכון בהזדמנות זו לסקור גם את קודמיו של רבי משה שלנו ולדעת את יחוסו.

רבי יהודה לייביש פסח פרימר מליפסק

הוא נקרא על שם העיר ליפסק, אף שקדמו לה מקומות מגוריו בזוולין וביוזיפוף־גדול. ליפסק נמצאת במרחק 32 ק"מ מראדום בקרבת וירז'בניק־אוסטרובצה. והוא שירה אבן־הפינה הראשונה לאותה השושלת. הוא היה בנין־אב והשורש, וממנו התענפו והסתעפו עצים רמים ונישאים, שבצלם מצאו מאות ואלפי נשמות משתוקקות את סיפוקן הרוחני ומרגוען העילאי.

ווען דער אַלטער קאָזשיניצער איז נפטר געוואָרן און ער איז דעמאָלט געווען אין קאָזשיניץ, האָט זיך גלייך נאָך שבעה פאַנאַנדערגעטיילט די קאָזשיניצער דינאַסטיע צווישן די צוויי זין זיינע און רבי מאיר יחיאל. איין זון געווען רב אין גראַדזיסק, דער עלטסטער איז געבליבן אין קאָזשיניץ. פלעגט אַרומגיין אַ ווערטל וואָס די ליצנים האָבן געשאַפן, אַז ביים קאָזשיניצער איז געבליבן דאָס קרענצל; ביים גראַדזיסקער — דאָס טענצל, און ביים אָסטראָווצער — דאָס אָרעמע רענצל. געמיינט האָט מען מיט „דאָס אָרעמע רענצל״ וואָס צו אים האָבן זיך באַהאָפטן די גרעסטע בני תורה וואָס האָבן נישט געוווסט פון קיין צורת המטבע, און האָבן זיך דערנעענטערט צו זיין לעבנס־נוסח מיט געוויסע פשרות.

ס׳האָט אויך געטראָפן אַז אַ טייל פונעם אָסטראָווצערס חסידים, פונם שניט פון רבי הערשעלע שידלאָוצער, וועלכע זיינען נאָך אַוועק ווייטער פונם רבין. אַזוי האָט מען געקענט זען, ווי אין הושענה רבא ביינאַכט האָבן זיי אַריינגעקוילערט גרויסע שטיינער אינם רבינס בית־המדרש, צו לייגן זייערע מידע קעפּ צום קורצן דרעמלען זייערן. אָבער ס׳פלעגן אויך קומען פילע חסידים, רייכע סוחרים פון וואַרשע און לאָדזש, טאָמאַשאָווער־זגערזשער טעקסטיל־פאַבריקאַנטן אויף שבתים און יום־טובים, צו הערן דעם גאונס חריפות און זיך וואַרעמען אין זיין עניוות און צדקות, און אים — פאַרן שיידן זיך מיט אים — אונטערשטופּן גרויסע סומעס געלט, כדי ער זאָל קענען אָנגיין מיט זיין תמיכות־עניים און צדקה בסתר.

נישט לאַנג האָט אויך אָנגעהאַלטן זיין פונקציע אַלס רב פון שטאָט אינם זין פון פסקענען שאלות און דין־תורות. מ׳האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שטעלט אויף זיך זייער פיל, אין זיין דרך פון כשרן די טריפהנסטע על־פּי־דין שאלות. ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט ביי אַן אָרעמען קצב און דער שוחט־ובודק פלעגט געפינען אַ סירכא און עס טריף מאַכן, פלעגט דער קצב לויפן צום רב מיט אַ געוויין, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע פאָר גראָשן, ער וועט ווערן בדלות און וועט נאָך, חלילה, מוזן אָנקומען צו קצבה — דעמאָלט האָט דער רב דאָס גלייך געכשרט.

און ווען רבי בערל דער שוחט איז פריער מיט דער סירכא געלאָפן צו די דיינים, און זיי האָבן באַשטעטיקט דעם פסק פון רבי בערל, האָט רבי מאיר יחיאל זיי איבערצייגט, דורך פּלפּול און חריפות, אַז ס׳איז כשר. אַזוי איז געווען מיט אַלע שאלות און דין תורות. די אויבערהאַנט האָט נישט גענומען דער געשריבענער געזעץ. זיין שולחן־ערוכ׳דיקער צוגאַנג איז געווען די מידת הרחמים,ריידן צום האַרץ פון דעם מענטשן. נאָר דורך דער פּריזמע האָט ער געפּסקנט און געאורטיילט.

אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן מורמלען קעגן אונטערוואַרפן זיך צו אַזעלכע דרכים. פריער די לומדים, מיט ערנסטע וויכוחים. אויפצווייזן, אַז נאָר ער, מיט זיין הייליקן גייסט און געפיניקטן גוף קען זיך פאַרגינען אַזוי צו שטעלן אויף זיך אָבער אַ גאַנצע עדה קען דאָך ניט אָפּטרעטן פון בפירושדיקע געזעצן און נאָך אַן אַסיפה, האָט די שטאָט געשיקט צו אים אירע פאָרשטייער מיט אַ החלטה אַז היות, מיר זענען חלילה נישט פוגע כבוד אין אים אין רבין, נאָר מיר קענען עס מער נישט, מיר זענען נישט ראוי צו זיינע דרכים, דערפאַר בעטן מיר ביי אים, אַז מהיום והלאה זאָל ער מער קיין שאלות ניט פסקענען, און מער מיט קיין דין־תורות זיך נישט פאַרנעמען.

און די אָסטראָווצער פאָרשטייער האָבן אין גרויס פייערלעכקייט פאַרענדיקט זייער שליחות צום רבין כהאי לישנא:

— איר בלייבט אונזער רב, אונזער קרוין, אונזער באַשיינונג. זיצט און לערנט תורה. און זייט אונזער וועגווייזער מיט אייערע מידות טובות. און אין אייער זכות און באַשיצונג פילן מיר זיך ניט פאַריתומט ביי גאָט. מיר בעטן אייך, רבי, אָנצונעמען אונזער החלטה.

דער רבי ר׳ מאיר יחיאל האָט זיך אונטערגעוואָרפן צום דעת הקהל, און זיך מער מיט קיין שאלות און דין תורות נישט אָפּגעגעבן, חוץ מיט שאלות ותשובות וואָס רבנים פון גאַנץ פוילן האָבן זיך געווענדט צו אים. די אַסטראָווצער עדה האָט זיך געפרייט וואָס דער רבי האָט אָנגענומען איר החלטה, און די גרויסע פאַרערונג צו אים איז נאָך אויסגעוואַקסן שטאַרקער ווי פריער. פון קליין ביז גרויס איז ביים פאָלק געווען אַזאַ אהבהדיקע באַציאונג צום רבין, אַז ביים לייענען קריאַת־שמע, פאַרן שלאָפן

גיין, ווען מ׳גיט איבער די נשמה אַלס פקדון צו גאָט, האָבן אַלעמענס בליקן און הערצער, אין יענע מאָמענטן, די נאַכטיקע, געגאַנגען שלאָפן רוהיק, מיטן טיפן גלויבן און זיכערקייט, אַז איבער זיי וואַכט דער שומר ישראל.

און כאָטש עס זענען געווען אַזוי פיל כיתות פון חסי־דים, און — ווי דער שטייגער פון יענער צייט — פלעגן זיך שאַפן מחלוקתן צווישן די פאַרשידענע חסידים איבער זייערע רביים איז דאָס אין אָסטראָווצע קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. ווייל נישט קוקנדיק וואָס זיי פלעגן פאָרן על פי טראַדיציע, קיין גער, צי קיין אַלעקסאַנדער, קיין לובלין, צי קיין מאָדזשיץ, — אָבער ביי זיי אַלעמען איז געווען דאָס געפיל אַז זייער רבי איז נישט סתם אַ רבי וואָס פאַרטרעט אַ שיטה, אָדער אַ דרך, נאָר אַז ער שטייט איבער אַלע שיטות און איבער אַלע דרכים.

אָט־די באַציונג פלעגט קומען צום העכסטן אויסדרוק יעדן ערב יום כפור, פאַר כל נדרי.

עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז ווען רבי מאיר יחיאל פלעגט ערב יום כפור גיין פון זיין בית המדרש צום דאַוונען אין דער אַלטער שול, פלעגן אַלע יידישע שטיבער זיך אויסליידיקן, און יעדער יידישער נפש האָט זיך, אין איילעניש, געצויגן צום רבין. דאָס איז געווען אַ ספּאָנטאַנע הערלעכע דעמאָנסטראַציע פון פאַרגעטערונג פון רבין. די גאַנצע יידישע געמיינדע, פון קליין ביז גרויס, פלעגט זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען; און ווען דער רבי אין ווייסן, מיטן געלבן פנים און זיינע גרויסע ליכטיגע אויגן פלעגט זיך באַווייזן, פלעגט אויסברעכן אַ געיאָמער עד לב השמים, מיט געבעטן און יללהדיקע געשרייען, אַז ער, דער רבי, זאָל זיך אָננעמען ביי גאָט פאַר זייערע מוראס, זייערע תפילות, זייערע פאַרלאַנגען. און ווען דער רבי, מיט זיין שוואַכע שטימע, פלעגט אַרויס־מורמלען: „גוט יום טוב! בעט זיך אויס אַ גוט־יאָר", פלעגן זיך אַלע דעמאָלט פאַנאַנדערגיין אין זייערע חסידים־שטיבלעך, אין די בתי־מדרשים, אין די שולן.

די גאַנצע עדה יידן האָט פלוצלונג דערפילט אַ דער־לייכטערונג און אַ דערלויכטונג פון זיינע ברכות פאַר דעם יום הדין.

ס׳האָט איינמאָל פּאַסירט אין 1906 ווען רבי משה׳ל פנחסנס איז אַרעסטירט געוואָרן פון דעם זשאַנדאַרמסקן פּאָלקאָווניק פאָן גליק, און אים געפייניקט מיט אינקווי־זיציע־פיינען, ער זאָל זיי זאָגן, וווּ עס געפינט זיך זיין זונדל דער רעוואָלוציאָנער־פע־פע־עסניק, וואָס האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן ביי זיינע פוילישע חברים אויפן כטאָר, און שפּעטער אַנטלאָפן מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט קיין וואַרשע. משה״ל פנחסנס האָט זיין זון נישט אויסגעגעבן, אונטערן דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום. און ווען דער רב האָט זיך פון דעם דערוווסט, האָט ער אַ פאַרציטערטער, פאַרלאָזן

זיינע ספרים, און זיך געלאָזן גיין צום מאַגיסטראַט, וואָס איז געווען אַ ווייטע שטרעקע פאַר אים — דעם אויסגע־צערטן. און ווען מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַריינזעצן אין מאירל יידזשיס וועגעלע, אים צוצופירן, האָט ער געענטפערט, אַז ווען אַ ייד ווערט געפייניקט — ווי קען איך פאָרן? האָט ער זיך אַזוי צופוס געשלעפּט מיט אַלע זיינע כוחות, און נאָך אים זיינען טויזנטער יידן, פון פאַרשיידענע שיכטן, פאַרלאָזנדיק זייערע וואַרשטאַטן און קראָמען נאָכגעגאַנגען. מיט די פני פון שטאָט איז ער אַריין צו מלכות — בעטן פאַר דער באַפרייאונג פון משה׳ל פנחסנס. ער האָט ערוב געווען פאַר אים, אים אַרויסגעפירט אַ באַפרייטן און אים אַהיים געפירט, ביז צום הויז. יידן האָבן זיך אָנדערציילט פאַרשיידענע מעשיות וועגן דעם: וועגן זיין אויפנאַמע ביי דער זשאַנדאַרמעריע, און פון זיין באַפעל, אַז ער וועט נישט אַרויס, סיידן מ׳גיט אים אַרויס אַ באַפרייטן גלייך אויפן אָרט.

די לעצטע יאָרן זיינע גרינדעט ער אַ מאָדערנע ישיבה. נישט מיט „טעג" עסן ביי בעלי הבתים. נאָר מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און וווינונגען פאַר די ישיבה־לייט. ער ווערט נאָך אַ גרויסער בעטער פאַר גאָט. מען גיט איבער, אַז ער האָט טאַקסירט אַלע זיינע רייכע חסידים פאַר דעם און פלעגט נאָך אַרומגיין אַליין יעדע וואָך צו די שטאָט־בעלי־בתים און קלייבן געלט פאַר די עקסטרע באַדער־פעניש פון דער ישיבה. דער ישוב איז געוואָרן קלענער, צוליב די רדיפות וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פוילן אין זייער אַ פאַרשאַרפטער פאָרם, זינט דעם יאַגעלאָ־אינצידענט, ווו די ענדעקעס, נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט. אַ האַלבע שטאָט וואַנדערט אויס קיין קאַנאַדע, מייסטנס, קיין טאָראָנטאָ. דער יידישער מצב ווערט ערגער. ווערן זיינע, ר׳ יחיאלס, זאָרגן גרעסערע. און ווען עס פאַנגט זיך אָן דער ערשטער וועלט־קריג און די יידישע לאַגע אין פוילן ווערט שווערער, און יידן, אויס פאַרצווייפלונג און אַלטער שנאה צו די רוסן, נעמען אויף די עסטרייכישע דייטשן מיט פריינטלעכקייט, וואָגט ער אַרויסצוטרעטן קעגן דעם און וואָרנט די יידן קעגן דער געפאַר מיט די ווערטער אויב די רוסן האָבן אונז נאָר געוואָלט פייניקן אונזערע גופים, וועלן די דייטשן צונעמען ביי אונז דעם רוח השם. עפּעס ענלעכע ווערטער פון אונזער ד״ר נחמן סירקין צו יענער צייט.

פאַר זיין פטירה וועקט ער דעם גייסט פון בטחון אין זיין שטאָט און צווישן די יידן פון גאַנץ פוילן, ווו זיין איינפלוס איז געווען זייער גרויס. די לעצטע טעג באַווירקט ער קהל אין דאָזאָרעס, וואָס איינער פון זיי איז דעמאָלט געווען דער זעלבער משה׳ל פינחסנס. ער איז

געווען געוויילט פון די בעלי מלאכות. וואָס זיינען שוין דעמאָלט געווען אָרגאַניזירט אין אַ האַנטווערקער פאַראיין, מיט אַן אייגענעם באַנק־וועזן און אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס.

ער האָט געפאָדערט אַז זיי זאָלן אים צוזאָגן, אַז נאָך זיין פּטירה וועלן זיי מאַכן פאַרן רבי פון אָסטראָווצע זיין זון ר׳ יחזקאל׳ה און זיי גיבן אים אַזאַ הבטחה.

רבי יחזקאל׳ה פאַרנעמט דעם כסא הרבנות נאָכן טויט פון זיין פאָטער. מען דערציילט, אַז כאָטש ער איז נישט געווען אַזאַ גאון, ווי זיין פאָטער, איז ער אָבער געגאַנגען אין זיינע וועגן. אַז מען פלעגט פרעגן רבי יחזקאל׳ה וואָרום וויינט ער אַזוי פיל ביים דאַווענען, בעת זיין פאָטער פלעגט דאַווענען אַזוי שטיל, פלעגט ער ענטפערן מיט ענוות: „כ׳וויין צו גאָט, ער זאָל מיך שטאַרקן אין מיין קליינקייט, אום ניט צו פאַרשעמען מיין טאַטנס גרויסקייט״.

אין יענער צייט האָב איך מיר אַדורכגעשריבן מיט אים, אַלס זיין חבר, ווען מיר האָבן צוזאַמען געלערנט ביי אַ מלמד. ער און יעקאלע ביירעכס און איך זיינען געווען אונטער דער השגחה פון זיין גרויסן פאָטער דעם צדיק הדור, רבי יחיאל זכרונו לברכה.

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, 1953.

י. אַפּאַטאָשו

דער אָסטראָווצער

דער אָסטראָווצער רבי האָט „באַאַרבעט די טבע״. ער האָט געפייניקט דעם גוף, אים אויסגעהונגערט, און נישט קיין חדשים, נישט קיין יאָרן האָט ער אָפּגעריכט תעניתים — דאָס האָט ביי אים אָנגעהאַלטן אַ האַלבן יאָרהונדערט. אין די אָוונטן פלעגט ער עפּעס איבערכאַפּן, אבי צו דערהאַלטן די נשמה און אַזוי פון שבת צו שבת. פון אַ ייד אַ גבר, וואָס האָט יונגערהייט ביים פאָטער אין דער בעקעריי, געקענט פאַרקנעטן איינער אַליין, אַ געבעקס ברויט, איז איצט קיין זכר נישט געבליבן. די פּלייצעס, די הענט, די פיס — אַלץ איז קלענער געוואָרן, אַלץ איז איינגעפאַלן. אפילו ס׳בערדל, וואָס איז אַמאָל געווען רויט, האָט איצט אינגאַנצן קיין קאָליר נישט געהאַט. ס׳בערדל איז געוואַקסן שיטער און בלויז אַרום דער גאָמבע.

דעם רבין האָט מען נישט געקענט דערוואַרעמען. פון קעלט איז ער גאַנצע טעג געלעגן אין בעט. אויף די אויסגעדאַרטע פיס — פוטערנע זאָקן, אויף די טרוקענע הענט — פוטערנע הענטשקעס. וואָס ס׳לייב איז ביי אים קאַלט, האָט ער זייך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. ער האָט אָבער יאָ שטאַרק געליטן, וואָס ס׳איז אים קאַלט אויף דער נשמה, וואָס ער איז נישט קיין „בר־אבהן״. איז דאָך דער פאָטער זיינער געווען אַ בעקער, וואָלטן זיי כאָטש געווען „תהילים־יידן״, איז דאָס אויך נישט. מען האָט זיך אויפגעכאַפּט מיטן שפּראָץ אויפן טאָג, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, געזאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער און צו דער אַרבעט מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל, פאַרזאָרגט אַ שטעטל יידן מיט זעמל, מיט לאַבנס ברויט, געהאָלפן שטאָפּן דעם הימל די ריעבעדיקע מאַגנס. דערפאַר האָט דער אָסטראָווצער רבי אָפּגעריכט תעניתים אַ האַלב יאָרהונדערט. געיאָגט אָפּגעווינען דעם מאָגן פון עסן, דערמיט אַרויסשלעפּן דעם טאַטן פון חומריות. געוואָלט זיי דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה. דאָס האָבן געוווּסט דעם אָסטראָווצערס מקורבים די לייב־חסידים וואָס זענען נישט אָפּגעטראָטן פון אים.

צווישן די לייב־חסידים האָט פּנחסל פאַרנומען דעם אויבנאָן. ער איז גראָד געווען אַ גבר, אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, ברייט אין געזעס. די האָר — שוואַרץ, די גרויסע אויגן, תאווה־אייגן — שוואַרץ, און ס׳זיידענע בערדל — שוואַרץ ווי פעך, די ליפּן — רויט, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס טועם געווען אַ געבראָטנס.

אָן פּנחסלן האָט דער רבי זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָ האָט פּנחסל געדאַוונט פאַרן עמוד, דאָ — געלייענט די תורה, דאָ — געזאָגט מיט אַ ברען אַ שטיק זוהר. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן פאַרן רבין. דער רבי האָט, דאַכט זיך, צו קיין זאַך זיך נישט צוגעהערט. פון טיפער עלטער, פון גרויס שוואַכקייט, איז ער געלעגן איינגעטוליעט אין קאָלדרעס און געדרעמלט. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אַ וועק געטון, צעעפנט די קליינע גרויע אויגן, טרויעריקע אויגן, וואָס געזעגענען זיך מיט דער וועלט. פּנחס האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן רבין, אים אַנטקעגן־געטראָגן די רויטע תאווה־ליפּן:

האַ?

— הערסט, פּנחסל, ווי לאַנג דער מענטש לעבט דאַרף

ער באַאַרבעטן די טבע, דאַרף אָפּגעווויִנען „די כלי פון עסן"...

פּנחסל האָט דאָס געוווּסט. ער האָט געוווּסט, אַז דער רבי האַלט אין איין אָפּגעוווינען די „כלי", האַלט אין איין „באַאַרבעטן די טבע". ער האָט אויך געוווּסט, אַז דער רבי דרימלט שוין ווידער.

צו זעקס־און־זיבעציק יאָר איז דער אָסטראָווצער אינגאַנצן געווען פאַרביי. האָט שוין גאָר קיין כוח נישט געהאַט.

פּנחסל האָט געטאָן זיינס. ער איז זעלטן אויסגעקומען מיטן טאָג. דאָ האָט ער געדאַוונט, דאָ — געלערנט, דאָ געזאָגט חסידות. און אַלץ האָט ער געטאָן מיט אַ ברען, ווי ער וואָלט איבערן קאָפּ געזעסן אין דער עבודה, וואָלט געהאָלפן דעם רבין זיך אויסטאָן פון חומר. און אַז פּנחסל דער קנאפּער למדן, מיט די רויטע ליפּן, מיט די תאווה־אויגן, איז געשטאַנען איבערן אָסטראָווצער, האָט ער נישט אויסגעזען ווי דעם רבינס אַ לייב־מענטש, נאָר ווי אַ סיטרא אַחרא וואָלט חוזק געמאַכט פונעם אָסטראָווצער.

דערפאַר האָט הענעך חריף, אַליין אַ גרויסער בעל־תענית, אַ פאַסטער, איינגעלייגט וועלטן. ער האָט געזוכט עצות דער רבי זאָל אויפהערן פאַסטן, זאָל זיך אַליין נישט אומברענגען פון דער וועלט. הענעך האָט נישט ליב געהאַט פּנחסן. ער האָט אים פיינט געהאַט. וואָס פאַר אַ האַפט האָט פּנחס'עס נגינה, ווען דאָס קול זיינס ווורצלט אין דער תאווה, פירט צו מרידה. און אויב פּנחס איז דעם רבינס יצר־הרע, איז ער — הענעך, דער יצר־טוב.

און הענעך, דער יצר־טוב, האָט צוגערעדט דעם רבין ער זאָל נישט האַלטן קיין ברוגז מיט גער. אין דעם סכסוך איז גערעכט דער אָסטראָווצער, נישט דער גערער. טאַקע דערפאַר דאַרף דער רבי פאַרבייגיין זיינס. דאַרף ווייזן דער וועלט, אַז דער אָסטראָווצער קען בייקומען די גאווה, קען זי מבזה זיין. אַזוי האָט הענעך גערעדט. אין דער אמתן האָט ער געהאָפט, אַז ווי נאָר זיי וועלן זיך באַקענען, וועט דער גערער פּועלן ביים אָסטראָווצער ער זאָל אויפהערן פאַסטן.

פּנחסל האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט — אַזוי און אַזוי — אַזאַ נסיעה, קאַטשן, באַנען, און דער רבי איז אַ חלש'ן, אַ גרויסער חלוש.

דאָס מאָל האָט הענעך חריף אויסגעפירט. דער אָסטראָווצער האָט צו זעקס־און־זיבעציק יאָר איינגעוויליקט צו פאָרן קיין גער.

ווי אַ שטאָט, ווי אַ שטעטל, גאַנץ קריינק־פּוילן האָט אַ סך דערוואַרט פון דער באַגעגעניש.

אָסטראָווצער חסידים האָבן אָפּגעדינגען אַ באַזונדערן וואַגאָן, ווו דער רבי איז געלעגן אויף אַן אויסגעבעט געלעגער. אויף די פיס — פוטערנע זאָקן, אויף די הענט — פוטערנע הענטשקעס, און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונג בחורל נאָך אַ פאַרשלעפּטער קרענק. צוקאָפּנס איז געזעסן פּנחסל. ער האָט געשיילט אַ פּאָמעראַנץ, געלייגט די פּעניצלעך זיך אין מויל אַריין און אונטער־געברומט אַ ניגון. צופוסנס דעם רבין איז געזעסן הענעך — דאַר און בייז, ווי אַ הונגעריקער וואָלף. ער האָט אויף שטום־לשון געטריבן די חסידים, וואָס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן אַריינגאַנג קאָפּ אויף קאָפּ.

אין גער האָט מען זיך געריכט אויפן אָסטראָווצער. הענעכס „מענטשן" זענען שוין געווען אין גערער הויף. זיי האָבן געבעטן דעם גערער רבין ער זאָל זיך באַמיען, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו די תעניתים. אַנדערש איז דער אָסטראָווצער פאַרביי.

דער גערער האָט צוגעזאָגט.

גאַנץ גער האָט זיך געלאָזט צו דער באַן, איז געגאַנגען מקבל־פּנים זיין דעם אָסטראָווצער. די שענסטע גערער חסידים האָבן אַריינגעזעצט דעם אָסטראָווצער אין אַ פלושענעם פאָטעל, אים געטראָגן מיט געזאַנג אין הויף אַריין. אַטלעסענע פּאָלעס זיינען זיך צעפלויגן ביז די געפלאָכטענע גאַרטלען. ס'האָט געבלאַנקט מיט טלית־קטנס, מיט ווייסע זאָקן, מיט געלאָקטע פּאות. אַ חסיד, „קרוע בלוע", האָט זיך דורכגעריסן צווישן די אַטלעסענע קאַפּאָטעס און זיך צעשריגן דעם רבין אין פּנים אריין:

„———אוי, ס'איז טאַקע נצח ישראל".

פון הויף איז מען אַנטקעגנגעגאַנגען דעם אָסטראָווצער מיט זיבן־רעריקע ליכטער. די בלייכע ליכט־פלעמעלעך האָבן זיך געשפּיגלט אינעם אַטלעס. אויף אַ פריער האָט געשפּרייזט דער גערער רבי, געשפּרייזט מיט גרויס פרייד, געשפּרייזט צום אָסטראָווצער.

— שלום עליכם, אָסטראָווצער רבי.

— שלום עליכם, גערער רבי.

דער אָסטראָווצער האָט אויסגעטאָן די פוטערנע הענטשקעס און דערלאַנגט אַ הענטל, ווי אַ קינד. ביידע האָבן זיך אַ ווייל אָנגעקוקט. דעם אָסטראָווצערס האַנט איז געווען קליין און קאַלט. דעם גערערס — פולע און וואַרעם. דער אָסטראָווצער האָט פון תענוג אזש פאַרמאַכט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— ס'איז מיר, לא עליכם, קאַלט.

— מען זאָגט — האָט דער גערער אָנגעהויבן — אַז דער אָסטראָווצער רבי פייניקט זיך צו פיל, עסט נישט... דער „שפת אמת" האָט עס נישט געטאָן. דער „חידושי הרי"מ" האָט עס נישט געטאָן. אין דער קאָצקער האָט עס אויך נישט געטאָן...

„— און איך, דער אָסטראָווצער, זאָג, אַז מען קען באַאַרבעטן די טבע, אַז גלייכער אָפּצוגעוווינען די כלי פון עסן.

— פיקוח־נפש איז וויכטיקער ווי תענית, ס׳איז דוחה אַ תענית... —

— איך, גערער רבי, איז גוט — האָט דער אָסטראָווער אַריינגעשטעקט דעם גערער ביידע קאַלטע הענט, זיך געוואַרעמט אָן אים, ווי אַ געפרוירן קינד וואַרעמט זיך אָן אַ מוטער — איר, גערער רבי, האָט „זכות אבות״. ס׳איז דאָ אַ פּאָדפּאָרע, אַ יחוס — דער „שפת אמת״ איז אַ זיידע, דער „חידושי הרי״מ״ איז אַן עלטער־זיידע און דער קאָצקער איז אַ פעטער. און אַז דער טאַטע איז אַ בעקער, דער זיידע אַ בעקער און פון אַן עלטער־זיידן ווייס איך שוין אין גאַנצן נישט, דאַרף אַזאַ ייד ווי איך באַאַרבעטן די טבע, דאַרף אָפּגעווינען די „כלי״. האַ? וואָס זאָגט איר, גערער רבי? וואָס שווייגט איר?

די לעצטע ווערטער האָט דער אָסטראָווצער אַרויסגעזאָגט שוין גאָרנישט ווי קיין חלוש. אַז איר ווילט, אַפילו מיט רוגזה. אויפן הויף איז געווען שטיל. דער עולם, אַ צונויפגעפרעסטער, איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער, מויל און אויערן אָפן. און ווי אַלע האָבן געוואַרט אויפן גערערס תשובה, האָט הענעך „חריף״ זיך אַרויסגערוקט אין זיין קרוע־בלוע הולך. ער האָט אַ צי געטאָן דעם לאַנגן האַלדז, פאַריסן דעם קאָפּ און זיך גיכער צעוואָיעט, ווי צעשריען:

— אָסטראָווצער רבי, ווי לאַנג וועט איר נאָך אַזוי מבזה זיין אַ לייבלעכן טאַטן?

די שטילקייט אויפן הויף איז געוואָרן טיפער, שווערער, די שטילקייט וואָס הענגט צווישן איין דונער און אַ צווייטן. פון ענגשאַפט האָבן זיך די ליכט געלאָשן. דער גערער האָט אַ הויב געטון די באָרד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן פאַרשטעלן די אויגן. דער אָסטראָווצער האָט זיך צעוויינט...



הרב האדמו״ר הגאון רבי מאיר יחיאל הלוי בשנותיו האחרונות

ד״ר חיים שאַשקעס

דער אסטראווצער זעט פארויס דעם חורבן

דאָסמאָל בין איך געפאָרן אַלטמאָדיש, מיט אַ געווענלעכן אייזנבאַן קיין טאָראָנטע, קאַנאַדע. די דאָרטיקע יידן האָבן געוואָלט איך זאָל זיי דערציילן וואָס איך האָב זיך אָנגעזעען אין פאַרשידענע וועלט־טיילן און איבערהויפּט אָפּגעבן אַ גרוס פון מיין לעצטן באַזוך אין קעמפענדיקן ארץ־ישראל.

שטיי איך אַזוי און קוק זיך אַרום אין גרויסן זאַל „אַמאַלגעמייטעד״ ווי די טייערע געסט זיצן אַרום די לאַנגע טישן און כאַפּן איבער דאָס האַרץ מיט מילכיקס און פרוכט.

ס׳קומט אַריין אין זאַל מיין פריינט — דער אַדוואָקאַט ר׳ לייבוש צוקער, וואָס שטאַמט פון דער חסידיש־יחסנ׳דיקער שטאָט אָסטראָווצע. און ווי איך זע אים דאָ אין וויטן קאַנאַדע באַפאַלן מיר זכרונות פון דער שטאָט און פון גרויסן פאַסטער, דער אָסטראָווצער רבי, רבי מאיר יחיאל הלוי.

מיט איינקע און צוואַנציק יאָר צוריק בין איך צום

ערשטן מאָל געקומען אין דער דאָזיקער אַלטער קהילה מיט אירע זעכצן טויזנט יידן. איך בין פאַרפאָרן צו יחיאל צוקערמאַן אין „האָטעל", וואָס איז געווען אין אַ קעלער. און דער שלאָף־צימער איז באַשטאַנען פון איין גרויסן „קאַמער", אין וועלכן עס זענען געשטאַנען אַרום צען אייזערנע בעטן. אַרום מיר האָבן זיך געדרייט יידן מיט צעקלאָטשעטע בערד פון אַלע קאָלירן, אין קאַפּאָטעס און סאַמעטענע יאַרמולקעס, דאָס זענען זיי געקומען אויף אַ באַזוך בײַ זייער גרויסן רבין. און ווייל אַזאַ באַזוך איז דאָך אַ יום־טוב, טרינקט מען צוביסל „לחיים" אמתע פינף־און־ניינציקער ספּירט און מען פאַרבייסט מיט דעם באַרומטן געבראָטענעם „גענזנס", צו וועלכן — אויסער אין לובלינער און קאָלצער קרייז — איז קיין גלייכן נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט... אַזאַ מין געבראָטענע גאַנז מיט קנאַקעדיקן הויט פון סאַמע גריווענעס מיט דעם פּיקאַנט־געזאַלצענעם גשמאַק פון ברוינלעכן פלייש, האָב איך שוין מער אין ערגעץ נישט געטראָפן.

אַט אין דעם קעלער האָב איך זיך אָנגעהערט פאַרכאַפּענדיקע מעשיות פון אָסטראָווצער הויף, וועלכע זענען דאַן געווען אַ רעאַלע ווירקלעכקייט, אָבער זענען אַריבער צו די שפּעטערדיקע דורות אַלס וואַרשיינלעכע לעגענדעס.

— דער רבי פאַסט שוין כמעט 40 יאָר! — האָבן מיר באַשטעטיקט סיי חסידים און סיי די אַפּיקורסים פון שטאָט.

— וואָס הייסט? — פרעג איך — ער עסט גאָרניט דעם גאַנצן טאָג?

— טאַקע ניין! נאָר נאָך מעריב דערלאַנגט אים די רביצן אַ טעלער מילך מיט וואַסער און אַ גלאָז טיי... פרייטיק צו נאַכטס עסט דער רבי אַ קליין שטיקל פיש, אַ פליגעלע פון אַ הון, און אויף מאָרגן, כאָטש שבת, איז ער כמעט גאָרניט טועם.

זיצט ער ביים טיש און זינגט מיט חסידים זמירות „אזמר בשבחין", וויינט ער זיך פלוצלינג פאַנאַנדער. פרעגט מען פאַרוואָס וויינט ער? קרעכצט ער: „איך זע נישט קיין שמחה אין אונזער וועלט. די שכינה איז אין גלות. מיר אַלע זענען פאַרטריבן פון גאָטס קוואַל..." און קיקט דערביי אַזוי אומעטיק אַרום זיך, אַזוי ווי ער וואָלט געפילט, אַז אַלע, אַלע אַרום, חסידים, זיינע קינדער, און קינדס־קינדער, זענען פאַר'משפט, אַזוי ווי ער וואָלט געזען דעם מאַרש צו די קאַלך־אויוונס... „אזמר בשבחין" — זינגט דער רבי דורך טרערן — פאָרט שבת...

אורחים פלעגט דער רבי ברענגען פון שול נאָר אַזעלכע, וועלכע קיין בעל־בית האָט נישט געוואָלט נעמען: קאַליקעס אָדער פאַרשמוצטע...

דער מקובל, ר' לייבוש אָזשעראָווער, האָט אַמאָל פאָרגעוואָרפן דעם רבין, פאַרוואָס ער פייניגט זיך אַזוי דורך פאַסטן. אויף דעם האָט ער באַקומען אַ תשובה: „אַט פאַסט איך שוין צענטליקער יאָרן און דאָך העלפט מיך גאָט מיט כוחות. איך זע גאָרנישט, אַז אַנדערע רבנים, וועלכע האַלטן פון עסן, זאָלן זיין געזונטער פון מיר"...

צי פון נישט דערעסן, צי פון נישט דערשלאָפן (דער אָסטראָווצער איז געווענלעך געשלאָפן נאָר צוויי שעה אַ נאַכט), פלעגן דעם רבין מאַטערן בייזע חלומות. ווי דער מנהג איז, האָט ער איינגעאָרדנט דאַן אַ „הטבת חלום". (אויסטייטשן אַ חלום צום גוטן).

דאָס איז געווען אַ גאַנצע צערעמאָניע. דריי פּשוטע חסידים, דווקא נישט קיין לומדים, נאָר וועלכע דער רבי האָט געהאַלטן פאַר איבערגעגעבענע פריינט, האָבן זיך געזעצט אַנטקעגן צדיק און ער האָט זיך געקלאָגט פאַר זיי. איבער'חזרנ'דיק פיל מאָל די ווערטער: „חלמא טבא חזאי" (אַ גוטן חלום האָב איך געזען). און די דריי יידן האָבן אויך אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס ווידערהאָלט די פאַרטיקע תשובה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט: „חלמא דידך טבא הוא" (דיין חלום איז טאַקע אַ גוטער).

אינטערעסאַנט, אַז צווישן די דריי אַמאָליקע „פּסיכאָ־אַנאַליסטן", וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם רבינס שווערע חלומות, איז לאַנג געזעסן אַ גרויסער עם־הארץ, אַ געוועזענער צאַרישער סאָלדאַט, חאצקל קאַווקאַזער. ער איז געווען אַ ביסל אַ צעדרייטער, אָבער ערלעכער אָרימאַן, נאָך וועלכן יינגלעך האָבן זיך געיאָגט אין די גאַסן, נאָכגעוואָרפן שטיינער, אָבער דער רבי האָט עפּעס אויספּילט אין אים אַזעלכעס, וואָס סימבאָליזירט דעם אומשולדיק פאַרפאָלגטן פּשוטן ייד. האָט ער אים דאַריבער מקרב געווען, געזעצט נעבן זיך ביים טיש צוזאַמען מיט די שענסטע חסידים.

דער אָסטראָווצער איז געווען דער איינציקער גרויסער רבי אין פוילן, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אויך רב אין שטאָט. אָבער צוויי רבנישע פונקציעס האָט זיך דער רבי שטענדיק אָפּגעזאָגט אויסצופירן: ער האָט קיין גט נישט געגעבן און נישט דערלויבט אָפּלאָזן קיין תנאים, כדי נישט מבייש זיין אַ יידישע טאָכטער. אויב די זאַך איז געווען נויטווענדיק צוליב געזונט־טעמים האָט דער רבי אָפּגעשיקט די צדדים צו זיינע דיינים.

מיר איז זייער געפעלן דער מנהג וואָס מען האָט איינגעפירט אין די לעצטע יאָרן פון אָסטראָווצערס לעבן, צו טראָגן יום כיפור צו „כל נדרי" דעם אָפּגעשוואַכטן רבין איבער די גאַסן אין שול אַריין. טויזנטער חסידים, צווישן זיי רבנים און גדולי התורה פון גאַנצן לאַנד, האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָצעסיע, ווען דער רבי ווינטשט אַלעמען אַ „גוט יאָר"...

זיין ליבע צו ציון האָט דער רבי אויסגעדריקט מיט דעם, וואָס דריי מאָל אַ יאָר צו די שלוש רגלים, האָט ער

געשיקט קיין ארץ־ישראל צו דריי הונדערט רובל. אַזוי ווי דער אָסטראָווצער האָט זעלטן פאַרמאָגט אַזאַ סומע (ער אַליין האָט פון קיין צורת מטבע נישט געוווּסט), האָט ער דאָס געבאָרגט פון שוחטים אויפן חשבון פון זיין שכירות.

דער רבי האָט איבערגעלאָזט אַ סאַך שריפטן, פון וועלכע, שוין נאָך זיין טויט איז דערשינען דער ספר „אור תורה״. בלעטערנדיק אין דאָס דאָזיקע ווערק, שטויסט מען זיך אָן אויף אָריגינעלע מאַטעמאַטישע אויפגאַבן, וועלכע זאָגן עדות אויף דעם שאַרפן חוש פאַר חשבון פון אָסטראָווצער גאון. איז איין פלאַץ האָב איך געפונען אַ קאָמפּליצירטע אויסרעכענונג וועגן דעם, ווי אַזוי דער אויבערשטער, נאָך דעם ווי ער אַרבעט אָפּ זיינע פאָר שעה אַ טאָג אין הימל „לויפנדע ענינים״ הויבט אָן באַרייזן די אַלע וועלטן פון קאָסמאָס אויף זיין לייכטן וואָלקן. עס וויקלען זיך אַסטראָנאָמישע ציפערן, וועלכע שטימען איינע מיט די אַנדערע. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דעם רבין זענען געווען אומבאַקאַנט די לאָגאַריטמישע טאַבעלן און דיפערענציאַלע און אינטעגראַלע מעטאָדן פון הויכער מאַטעמאַטיק. ער פלעגט די ריכטיקע תשובות באַקומען מיט פרימיטיווע מיטלען פון געוויינלעכן אַריטמעטיק און געניאַלע מוח־אַרבעט.

אַ בן־יחיד האָט דער רבי געהאַט, ר׳ יחזקאל, אָדער חאַצקעלע, וועלכער האָט איבערגענומען דאָס רבנות אין שטאָט אַלס זיין ממלא מקום נאָכן טויט פון זיין פאָטער אין יאָר תרפ״ח (1928). צוועלף יאָר שפּעטער איז ר׳ יחזקאל מיט זיינע צען קינדער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן אין היסטאָרישן צוויזמיר (ביים ווייסל).

„דער מאָרגן־זשורנאַל״, יאַנואַר 1948.

ש. פּיעטרושקאַ

דער אסטראָווצער גאון

איך וויל דאָ איבערגעבן אַ ביסל פּערזענלעכע זכרונות וועגן דעם מערקווירדיקן אָסטראָווצער רבין, וואָס איז די טעג נפטר געוואָרן. איך האָב אַלס יינגל געלערנט אין אָסטראָווצע. איך האָב דעם רבין גוט געקענט, געהערט פון אים אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, געהערט אויך פון אַלטע חסידים, איך וויל דאַריבער אויפצייכנען, וואָס איך געדענק.

וועגן געבוירן ווערן פון אָסטראָווצער רבין האָב איך געהערט אַזאַ מעשה.

זיין פאָטער, אַ פּשוטער ייד, אַ בעקער אין אַ קליין שטעטל סאָבין, פלעגט פאָרן צום אַלטן מאָגלניצער רבין. דער מאָגלניצער רבי האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן מנהג: יעדעס יאָר פּורים ביינאַכט נאָך דער סעודה, פלעגט ער מאַכן פון זיין פאַטשיילע אַ קנויל, אָנבינדן עס אין אַ גאַרטל, און בשעת דער עולם האָט שטאַרק געטאַנצט, פלעגט ער וואַרפן דעם קנויל אויפן עולם. מען האָט עס גערופן, די דאָזיקע קנויל, די „פּיטקע״. ווער עס האָט געכאַפּט די פּיטקע, האָט זיך געקאָנט אויסבעטן וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. איינמאָל פּורים האָט דער פּשוטער בעקער פון סאָבין געכאַפּט די „פּיטקע״, און ער האָט זיך אויסגעבעטן, אַז ער זאָל האָבן אַ גוטן זון, און דער מאָגלניצער רבי האָט דאָס אים צוגעזאָגט...

די דאָזיקע ברכה איז נישט אַזוי שנעל מקויים געוואָרן, ווייל דער מאָגלניצער רבי איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ט, און דער אָסטראָווצער רבי איז געבוירן געוואָרן מיט 5 יאָר שפּעטער, אין יאָר תרי״ד. ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט אים דער פאָטער אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם מאָגלניצער רבין „חיים מאיר יחיאל״.

ביי וועמען האָט דער אָסטראָווצער רבי געלערנט אין זיינע יוגנט־יאָרן?

איך געדענק: איינמאָל האָט אונז דער אָסטראָווצער רבי דערציילט אַזאַ געשיכטע: ווען ער איז געווען אַ יינגל, האָט ער געלערנט אין גראָדזשיסק, אין דעם בית־המדרש פונם פאָריקן גראָדזשיסקער רבין רבי אלימלך. אין גראָדזשיסק איז געווען אַ יינגער־מאַן, אַ גרויסער למדן. מען האָט אים גערופן „בערל עילוי״. ווען דער אָסטראָווצער רבי פלעגט רעדן פונם דאָזיקן בערל עילוי, האָט ער נישט געהאַט גענוג לויב־ווערטער וועגן זיין גרויס לומדות. ביים דאָזיקן יינגערמאַן האָט דער אָסטראָווצער רבי יינגלוויז געלערנט, און פון אים האָט ער גענומען זיין גאַנצן דרך־הלימוד. דערביי האָט אונז דער אָסטראָווצער רבי אויך דערציילט פאָלגנדיקן עפּיזאָד: איינמאָל האָט אים בערל עילוי אויפגעגעבן צו טרעפן אַ קשיא (ער האָט אונז זאָגאַר געזאָגט די קשיא, אין דער גמרא שבת, אין דער שיטה פון י״ח דבר „לא אלו מטהרין אלא אלו ואלו מטהרין״). דערווייל האָבן די חסידים פון בית־מדרש געדאַרפט

בראָנפן, האָבן זיי אים, דעם יונגען חיים יחיאל, געגעבן אַ פלעשל מיט אַ זעקסער. ער זאָל גיין ברענגען בראָנפן. צוריקגייענדיק מיט דעם בראָנפן, איז ער געווען פאַרטאָן אין דער גמרא און טאַקע געטראָפן די קשיא. אָבער דערווייל איז ער געפאַלן אויף א שטיין און צעבראָכן דאָס פלעשל מיטן בראָנפן. ווי ער איז אַרייַנגעקומען אין בית־המדרש און די חסידים האָבן דאָס דערזעען, האָבן זיי אים אַרויפ־געצויגן אויפן טיש און אים מקיים פסק געווען. אַראָפּ־קריכנדיק פונם טיש, איז ער צוגעלאָפן צו בערלען און אויסגערופן: „אָבער די קשיא האָב איך געטראָפן", און געזאָגט די קשיא. פון דאַמאָלס אָן האָבן די חסידים אים שוין מער נישט באַנוצט אין קיינע שליחות.

דאָס „לערנען" אין אָסטראָווצע פלעגט פאָרקומען אַזוי:

יעדן אינדערפרי פלעגן מיר, יונגע בחורים׳לעך מיט גוטע קעפּ (איך בין דאַמאָלט נאָך נישט געווען בר־מצוה), אַרייַנקומען צום רבין אין צימער. דער רבי איז האַלב־ליגנדיק געזעסן אויף אַ שטול, די פיס זענען געווען אויסגעצויגן אויף אַ צווייטער שטול, אָדער גאָר האַלב אויפן טיש; דער רבי איז געווען סיי זומער און סיי ווינטער איינגעטוליעט אין וואַרעמע פוטער־מלבושים. נעבן אים אויפן טיש איז שטענדיק געלעגן אַ גמרא. ווי מיר זענען אַרייַנגעקומען, האָט איינער פון אונדז געפרעגט א קשיא. דער רבי האָט דאַרויף געפרווט אָפּענטפערן מיט אַ פשעט׳ל; אינמיטן האָט איינער פון אונדז איבערגעריסן דאָס פשט׳ל און געפרווט אָפּוועדן. דער רבי האָט זיך נישט געלאָזט און גענומען ווייזן אַז ער איז גערעכט. דאַרויף האָט ווידער אַן אַנדערער געהאַט עפּעס אָפּצופרעגן.

און אַזוי האָט דער פלפול־שמועס זיך געצויגן אַ צווי שעה. אין די פשט׳לעך פלעגט דער רבי אַרויסווייזן אַ געוואַלטיקע חריפות, קאָמבינירטע צונויפפאָרונגען פון פאַרשידענע גמרות, וואָס זענען בעצם געווען פרעמד איינע צו דער צווייטער. דאָס זענען דער באַרימטער טיפּ „אָסטראָווצער פשט׳לעך", וואָס טייל לומדים, ספּעציעל די ליטווישע, באַציען זיך דערצו זייער קריטיש. דער רבי פלעגט די זעלבע פשט׳ל־מעטאָדיע אויך אָנווענדן און אויסקאָמבי־נירן פאַרשידענע רעכנונגען אין דער גמרא און מדרש. די רעכנונגען פלעגן זיין אַזוי אייסגעקאָמבינירט, אַז זיי האָבן געשטימט פונקט אויף אַ האָר.

דער אָסטראָווצער רבי האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן מנהג: שבת און יום־טוב האָט ער נישט גערעדט יידיש, נאָר לשון־קודש. אויך אין מיטן דער וואָך פאַרן דאַווענען פלעגט ער רעדן נאָר לשון־קודש. דער לשון־קודש זיינער איז געווען נישט זייער רייך אין ווערטער, און דאַריבער פלעגט ער די נישט־דערזאָגטע ווערטער צומאַכן מיט דער האַנט: „נו, נו". מילא, ווען מען האָט געלערנט די פשט׳לעך איז עס נישט געווען קיין גרויסע שטערונג, וואָרום די אַלע בחורים׳לעך, וואָס זענען אַרייַנגעגאַנגען צום רבין, האָבן געהאַט גוטע קעפּ, און עס איז גענוג געווען פאַר זיי איין וואָרט, אַז מען זאָל זיך משער זיין די רעשט. נאָר אַזוי, אין געוויינלעכע געשפרעכן, איז דער „לשון קודש" מיט דעם זאַפּאַס־ווערטער און דקדוק, וואָס דער רבי האָט באַנוצט, נישט געווען זייער גענוג. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ער איז פון דעמדאָזיקן מנהג ניט אָפּגעטרעטן. ביי אים איז עס ווירקלעך געווען די הייליקע שפּראַך.

מיט דעם פאַסטן איז ביים אָסטראָווצער רבין באמת

גוטע ווערטער פונם אָסטראָווצער רבין

ו„תטענו בגבולנו"

ו„תטענו בגבולנו" — רבונו של עולם, זאָלסט זיך אויסטענהן מיט אונז „בגבולנו", אין אונזערע גרענעצן, ד. ה. אין אונזער אייגן לאַנד, נאָר נישט אין גלות; נאָר דאַן ווען מיר וועלן האָבן אַ בית־המקדש וועט זיין „ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו" — וועלן מיר דיר באַצאָלן אַלע חובות, אָבער יעצט ווען מיר זענען אין גלות האָבן נישט קיין צוועק אַלע טענות קעגן אונדז: מיר האָבן נישט פון וואַנען צו באַצאָלען, ווייל מיר זענען דאָ נישט קיין בעלי־בתים אפילו איבער זיך אַליין; יעדן טאָג זענען מיר „נחשבנו כצאן לטבח יובל", „להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה" „ובכל זאת לא שכחת" — און דאָס טאָרסטו נישט פאַרגעסען...

„נתן תתן לו", „ולא ירע לבבך בתתך לו"

זאָגט רש"י כל נתון תתן לו אפילו מאה פעמים. דערויף באַמערקט דער אָסטראָווצער רבי: אויב וועסט צוגעווינען דיין האַנט צו געבן וועט דער הרגל ווערן אַ טבע וממילא ו„לא ירע לבבך בתתך לו" — אפילו ווען דו וועסט געבן הונדערט מאָל אַזויפיל וועט עס דיר אָנקומען לייכט ווי גאָרנישט.

„והאיש משה עניו מכל האדם"

„אדם" איז די ראשי־תיבות פון אברהם, דוד, משה — וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ענוות. אברהם האָט געזאָגט: „ואנכי עפר ואפר"; דוד האָט געזאָגט: „ואנכי תולעת ולא איש"; משה איז געווען דער גרעסטער עניו פון צווישן די דריי „והאיש משה עניו מאד"; ער האָט געזאָגט „ונחנו מה"...

„קדושים תהיו"

די פרשה הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „קדושים תהיו" און ענדיקט זיך מיט די ווערטער „דמיהם הם", כלומר אפילו עס זאָל אייך דאַרפן קאָסטן בלוט זאָלט איר אויך זיין קדושים...

ר׳ בן־ציון ראטטער

געווען אַן אומגעוויינלעכע זאַך. ווען איך דערמאָן מיך איצט דאָס דאָזיקע פאַסטן, איז עס ביי מיר באמת אַ דבר פלא.

דער אָסטראָווצער רבי פלעגט דערציילן אַז אַלס יינגל איז ער געווען אַ גיבור און געבראָכן אייזן. אָבער דער דאָזיקער מאַן האָט דאָך באמת כמעט גאָרנישט געגעסן. נאָר אַמאָל פלעגט ער איינפאַך פאַסטן „משבת לשבת״, פשוט פון שבת־צו־נאַכטס ביז פרייטיק־צו־נאַכטס, נישט טועם געווען אַפילו אַ קאַלט ביסל וואַסער. ווען איך בין געווען אין אָסטראָווצע, געדענק איך נישט „אַזעלכע „תעניתים״. אָבער אפילו געוויינלעך האָט ער דאָך כסדר געפאַסט אַ גאַנצן טאָג. און אויך אויף דער נאַכט, ווען ווען מען פלעגט שוין צוגרייטן פאַר אים דאָס ביסל מילך מיט אַן אַלט שטיקל איינגעוויקטן זעמל, האָט ער אינמיטן איינגעדרעמלט, געהאַט עפּעס אַ חלום, און ווידער באַשלאָסן נישט צו עסן. אין וואָס די דאָזיקע „חלומות״ זענען באַשטאַנען, האָט ער קיינמאָל נישט געזאָגט. די דאָזיקע תעניתים זיינע האָבן געווירקט אויך אויף זיינע חסידים. עס זענען געווען אַ סאַך אָסטראָווצער חסידים, וואָס האָבן פּראַקטיצירט דאָס פאַסטן גאָר אויפן הויכן שטייגער. איך געדענק אַ וואַרשעווער ייד, יחזקאל מעט, פלעגט ער נאָכטאָן דעם רבין אין פאַסטן משבת לשבת, גאָרנישט גענומען אין מויל און מען האָט אים איינמאָל קוים אָפּגעראַטעוועט. די חסידים וואָס פלעגן קומען צום רבין אויף ראש־השנה און יום־כיפור, האָבן געהאַט אין הויף אַן אַלגעמיינע קיך. מיט דער „קיך״ האָט „פאַרוואַלטעט״ אַן אַלטער חסיד חיים יחיאל סטאָבניצער, וועלכער פלעגט צונויפנעמען ביי די רייכע חסידים געלט און קאָכן קאַרטאָפל מיט מילך און געבן יעדן אַ טעלער מיט קאַרטאָפל און אַ האַלב ברויטל. אָבער דאָס פלעגט מען געבן נאָר ביינאַכט; בייטאָג האָבן אַלע געפאַסט. פאַסטן — דאָס האָט דאָמינירט אין אָסטראָווצער חסידות, פאַסטן און פשט׳לעך.

איצט, ווען דער אָסטראָווצער רבי איז נפטר געוואָרן וועט יעדער וועלן אין אים געפינען רמזים און סימפּאַטיעס פאַר זיין צד, פאַר „מזרחי״, „אגודה״ וכדומה. דער אמת איז, אַז ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון יעדער מאָדערנער באַוועגונג, פון יעדן סאָרט השכלה, פון ציוניזם אַוודאי און אַוודאי. דער אָסטראָווצער רבי פלעגט אַלס רב פירן די גרעסטע דין־תורה׳ס און האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אַלץ, נאָר ער איז געווען באמת אַ שאַרפער קעגנער פון יעדער מאָדערנער באַוועגונג. איך ווייס נישט, ווי ווייט ער האָט געהאַלטן פון דער „אַגודה״. מעגלעך, אַז ער האָט אויך פון איר נישט געהאַלטן. אָבער פון ציוניזם און „מזרחי״ איז ער געווען אַ שטרענגער קעגנער. ווער שמועסט „השכלה״, בילדונג — איז געווען פאַר אים טריפה. ווען ער איז געוואויר געוואָרן וועגן איינעם פון זיינע תלמידים, אַז ער איז נעבעך אַרויס „לתרבות רעה״, גענומען זיך צו בילדונג, האָט ער געהאַט גרויס צער. ווען זיין איידעם, דער פאַרשטאָרבענער גאָסטינינער רב, רבי דוד סילמאַן, איז געוואָרן אַ מזרחיסט, האָט ער געהאַט דערפון עגמת־נפש. איך געדענק, אַז אַ גרופּע יונגעלייט, אָסטראָווצער תלמידים (צווישן זיי אויך דער מזרחישער דעפּוטאַט הרב שמואל בראָט פון ליפּנאָ), האָבן אויסגעהאַלטן אין פּלאַצק דעם רוסישן עקזאַמען אויף רבנים, האָבן זיי דעם רבין דעפּעשירט. האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט: „אַ בשורה טובה, אַ שמחה, זיי קענען שוין רוסיש!״ די אָסטראָווצער חסידים פלעגן אַפילו זאָגן, אַז דער רבי אַליין קאָן יאָ רוסיש; ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, אָננעמענדיק דאָס כסא הרבנות אין סקערניעוויץ. אָבער איך געדענק, אַז ווען מען האָט געדאַרפט רעדן מיט די „נאַטשאַלסטוואָ״, פלעגט זיין אַן איבערזעצער.

אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד:

דער רבי פלעגט דאַווענען אין אָסטראָווצע ראש־השנה און יום כיפור נישט מיט די חסידים אין זיין בית־המדרש, נאָר אין דער שטאָט־שול מיט די בעלי־בתים, אַלס רב פון דער שטאָט. איינמאָל איז געקומען אַ חזן מיט אַ כאָר און געדאַוונט כל־נדרי. ביים „כי הנה כחומר״, וואָס ענדיגט זיך מיט „לברית הבט ואל תפן לייצר״, האָט דער חזן זיך אויסגעדרייט צום כאָר און גענומען דיריגירן אַ גאַנצע קאָמפּאָזיציע. דער רבי איז, אַן אויפגערעגטער, צוגעלאָפן צום חזן און אים געזאָגט, ווייזנדיק אויפן מחזור צום עמוד: „לברית הבט״, — און דערנאָך, ווייזנדיק צום כאָר, — ואל תפן ליצר״...

„היינט״ ווארשא, ד׳ ניסן תרפ״ח.

הלל צייטלין

דער גרויסער קדוש פון אסטראָווצע

אויב מען איז מחויב צו נוהג כבוד זיין אין א מענטשן, וואָס מען האָט פון אים געלערנט איין פרק, איין הלכה, איין פסוק און אפילו איין דיבור און איין אות, וויפיל בין איך מחויב צו נוהג כבוד זיין דעם, וואָס זינט איך האָב אים דערקענט איז ער תמיד געשטאַנען פאַר מיינע אויגן ווי אַ געשטאַלט פון עקסטער קדושה, טיפסטער, ערנסטער עניוות, אהבת ישראל, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין גרויסן פחד ה׳, וואָס דערמאָנט אין דעם פחד פון „מלאכי השרת״.

נישט פיל מאָל האָב איך אים באַזוכט, צו איך בין געוועכט, צו אומגערעכט. נאָר מיין טבע איז שוין אזא: איך האָב נישט ליב דאָס קריכעריי, דאָס ווען אויסזעען צווישן חסידים דווקא אַלס „אחד־משלנו׳דיקער״, דאָס אָנציען אויף זיך דעם לבוש פון אַן אדוק אין דעם אָדער יענעם רבין דווקא און מיטמאַכן אַלע תנועות און העוויות פון די אָדער יענע חסידים, ובפרט נאָך פון די, וואָס האַלטן זיך פאַר „שאַרפע״ און „מקורבים״.

איך האָב אים דאָך איניקע מאָל באַזוכט און טיילמאָל פאַרבראַכט מיט אים אין אַ שמועס; וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע שעות און האָט באַרירט פיל עומקי תורה און איבערהויפט — דעם גרויסן צער פון ישראל, די רוחניות׳דיקע סיבות פונם לאַנגן גלות און די גרויסע האָפנונגען אויף גאולה.

איך ווייס נישט צו עס איז דאָ צווישן די צדיקי הדור (אויסער דער „חפץ חיים״) נאָך איינער, וואָס זאָל אַזוי אויסוואַרטן, ממש ווי מיטן זייגערל אין האַנט, ציילנדיק יעדע מינוט, ביאַת המשיח.

ער האָט פאַרפאָלגט מיט אַ באַזונדערער ערנסטקייט אַלע גרויסע געשעענישן פון דער וועלט, כאָטש ער האָט קיין צייטונגען נישט געלייענט און האָט אין אָט די אַלע געשעענישן געוואָלט זען נאָר סימנים פון דער גאולה שלימה, וואָס ווערט אַלץ נענטער און נענטער...

און ווען ער האָט דערזען, אַז אויף דעם אָרט פון דער דערוואַרטעטער גאולה קומען נאָך אָן צרות אויף צרות, אומאויפהערלעכע רדיפות, פּאָגראָמען, שחיטות, אָרעמקייט, דערנידערטקייט, חרפה און שאַנד, האָט ער עס צוגעשריבן נאָר דער גרויסער זינד פון שנאת־חינם, וואָס ציט זיך, לויט זיין שיטה פון שנאה, זינט יוסף׳ס ברידער האָבן פיינט געהאַט יוספן, און גייט דורך אַלע דורות; ווערט באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון „עקבתא דמשיחא״, און וועט פאַרשווינדען נאָר דאַן, ווען עס וועט אָנהויבן אַריינשיינען אין יידישע נשמות די אמתע האָרה פון משיחן.

אַמאָל האָט ער ביי מיין געזעגנען זיך מיט אים אָנגענומען מיין האַנט אין זיינע ביידע הענט, זייער האַרציק געדריקט זי און פאַרענדיקט דערביי זיין לאַנגן שמועס וועגן גאולה מיטן פסוק אין פ׳ יתרו: „ה׳ דבר טוב על ישראל״.

אַלע מיינע שפּעטערדיקע באַזוכן ביי אים פלעג איך דאַריבער אָנהויבן מיט די ווערטער: „רבי! איך האָב צו אייך אַ טענה. איר האָט דאָך פאַרזיכערט „ה׳ דבר טוב על ישראל״. ווו זעט מען יעצט עפּעס אָט דעם טוב״.

איך האָב גוט באַמערקט, אַז ער פלעגט זיך פילן דערביי ווי ער אַליין וואָלט טאַקע שולדיק זיין דערין, וואָס דער צוגעזאָגטער „טוב״ איז נישט געקומען... ער פלעגט שווייגן אַ צייט, דערנאָך פלעגט ער אָנהויבן זיפצן, ווי זיין שטייגער איז געווען און אָנהויבן אונטערמורמלען: „וואָס קאָן מען מאַכן... אַלץ דער אַלטער חטא... אַז מען קאָן אַלץ איינע די אַנדערע נישט סובל זיין... שנאת ח׳נם״... דאַן פלעגט זיך אָנהויבן אַ ברייט פאַרצווייגטער שמועס, וואָס פלעגט אַרומנעמען פיל תקופות פון דער יידישער געשיכטע, פלעגט באַרירן, אגב אורחא, פיל ענינים פון דער קבלה, פלעגט אָנרירן צייטנווייז פאַרשידענע סוגיות אין ש״ס, פלעגט באַלויכטן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן גאוניש־חסידישן אופן פאַרשידענסטע מדרשים, און די לעצטע שורה פלעגט אַלץ זיין, אַז דער עוון פון מכירת יוסף, כאָטש ער איז געשעען מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט ער נאָך עד היום נישט באַקומען זיין פולן תיקון, מחמת אין יעדן דור ווערט ער כסדר באַנייט דורך אונדזער אַלעמענס אוימאויפהערלעכע שנאת־אחים. עס איז יעצט, פלעגט ער זאָגן, געוויס געקומען די צייט פון תיקון השלם... מיר זענען אָבער אַליין מדחה בידיים דעם תיקון. לאָמיר אויפהערן צו פיינט האָבן איינע די צווייטע. לאָמיר אויפהערן צו מיינען תמיד, אַז מיר אַליין זענען גערעכט און אַלע אַנדערע זענען אומגערעכט. לאָמיר אויפהערן צו זוכן חטאים איינע אויף די צווייטע אַזוי ווי יוספס ברידער האָבן געזוכט אויף יוספן, און מיר וועלן אַלע דערזען, אַז די גאולה שלימה קען טאַקע קומען במהרה בימינו.

איך וועל דאָ נישט מאַריך זיין וועגן וואָס עס איז אַלעמען באַוווּסט, וועגן דער געוואַלטיקער גאונות פונם נפטר, וועגן זיין חריפות, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן

אַלץ וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן וועגען דעם; וועגן די אומצייליקע חידושי־תורה זיינע, וואָס זענען צעזייט און צעשפרייט אין פיל געדרוקטע ספרים און אין פיל כתבי־יד וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך זיינע פילע תלמידים און חסידים; וועגן זיינע תעניתים און סיגופים אין משך פון 45 יאָר, וועגן זיין דאַווענען תמיד מיט האַרצרייסנדע בכיות; וועגן זיין גאַנצער עבודה מיט עקסטער מסירות־נפש; וועגן זיינע פיל צדקות און גמילות חסדים א.ד.גל.

איך וועל דאָ נאָר אָנצייכנען דאָס, וואָס איז אפשר נישט אַלעמען גוט באַוווּסט, אַז דער הייליקער נפטר איז מיט אַלע זיינע חושים און מחשבות, מיט אַלע זיינע גרעסטע און קלענסטע מעשים און מיט אַלע זיינע התנהגותן געווען ענג פאַרבונדן מיטן גאַנצן כלל־ישראל און האָט זיך געהאַלטן אַלס איינער פון די, וואָס טראָגן אויף זיך די אחריות פאַרן גאַנצן דור; זיינע פילע תעניתים און סיגופים זיינען אַרויסגערופן געוואָרן נישט נאָר דורך דער שטרעבונג צו דער גאולה, ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען, נאָר אויך, און איבערהויפּט, אַלס קבלת יסורים פאַר כל ישראל.

ער האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן זיינע חלומות, וועלכע האָבן אים געצווּנגען צו מיטיב־חלום זיין טאָג־טעגליך און אַמאָל אייך איניקע מאָל אין איין נאַכט. עס איז זייער לייכט צו דערקלערן אָט די שווערע חלומות מיטן שטענדיקן הונגערן און מיט שטענדיקן אינערליכן פחד. די גרויסע באַדייטונג, וואָס ער האָט אָבער צוגעגעבן זיינע חלומות, כאָטש ער איז אין תוך געווען זייער קלוג אין האָט אויסגעצייכנט געוויסט די רייך־פיזיאָלאָגישע סיבה פון זיינע שווערע חלומות באַווייזט, אַז זיי זענען ביי אים שטענדיק פאַרבונדן געווען מיט זיינע אינערלעכסטע זעאונגען און זייער טיפע, שטאַרקע זאָרגן פאַרן גורל פון אַלע יידן.

מיטן זייגערל אין האנט

איך האָב שוין אויבן געשריבן, אַז אויסער דעם „חפץ חיים" ווייס איך נישט נאָך איינעם פון די צדיקי הדור, וואָס זאָל איינפאַך שטיין מיטן זייגערל אין האַנט און אויסקוקן ממש די מינוט — אָט, אָט קומט משיח...

זיינע פיל פשט'לעך און גמטריאות וועגן ביאת המשיח זענען אַלזאָ נישט ווי מען מיינט סתם חריפות, נאָר אַ פועל יוצא פון דער אומאויפהערלעכער דערוואַרטונג: ער קומט, ער קומט...

אַמאָל האָט ער געשמועסט מיטן סטריקאָווער רבין, דער וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער שמירת־שבת־אַקציע אין לאָדז און וועלכער גייט אין פיל הויכע ענינים אין זיינע, דעם אָסטראָווצערס, דרכים, וועגן דער וועלט־מלחמה און דעם דערוואַרטעטן שלום. דאָס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה און מען האָט דערוואַרטעט דעם שלום פון טאָג אויף טאָג. דער שמועס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט די ווערטער:

„מיר זענען נישט מתפלל סתם אויף שלום. שלום... מענטשן קערן זיך אום, זה לזיתו, זה לכרמו... צו וואָס וועלן זיך אָבער יידן אומקערן? ווו זענען זיי עפּעס, אונזערע זיתים וכרמים?... ניין! מיר זענען מתפלל אויפן סוף... נאָר אויפן סוף... אויף ביאַת המשיח..."

אַ קליינער שטריך דערצו:

מיט אַ וואָך צוריק קומט אַריין אַ ייד אין רעדאַקציע מיט אַ מכתב־מליצה פונם אָסטראָווצער זצ"ל (ער האָט געגעבן מכתבי־המלצה יעדן אָרימאַן). דער בריף איז געשריבן מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק. אויבן שטייט אַ „לפ"ק", ווי דער שטייגער איז אין רבנישע און רביאישע בריוו. ווייסט איר אָבער, וואָס פאַר אַ „לפ"ק" דער אָסטראָווצער רבי האָט געפונען פאַר נויטיק צו שרייבן היינטיגעס יאָר אַפילו אין אַ געוועגלעכסטן וואָכדיגסטן בריף? — „של משיח"...

זיין באַציאונג צו ארץ ישראל און ציוניזם

אַז ער איז נישט געווען קיין ציוניסט — דאָס איז געוויס. אַז ער האָט אויך נישט גורס געווען דעם „מזרחי", — דאָס איז אויך געוויס. אַז ער זאָל זיך אָבער האָבן באַצויגן גלייכגילטיק אָדער גאָר פיינטלעך צו דער ציוניסטישער אָדער מזרחישער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל — דאָס איז בפירוש פאַלש. ער האָט נישט גורס געווען דעם ציוניזם אַלס שיטה און האָט אויך נישט גורס געווען דעם מזרחי אַלס שיטה. ער האָט אָבער ממש פאַרגעטערט יעדע אַרבעט וואָס ווערט געטאָן לטובת דעם ישוב אין ארץ־ישראל. אין יאָר תרפ"ה, בעת דער פערטער עליה זענען די אָסטראָווצער חסידים, וועלכע האָבן געוויס קיין מינדעסטע זאַך נישט געטאָן אָן דער דעה פון זייער רבין, געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געגרינדעט אַן ארץ־ישראל חברה.

ווען איך האָב אים צום לעצטן מאָל באַזוכט אין אָטוואָצק האָב איך אַליין געהערט פון אים פאָלגענדען דיבור:

„וואָס וויל מען פאָרט האָבן פון די היינטיקע שבי־הגולה אין ארץ־ישראל? צו וואָס פייניקט מען זיי מיט מחלוקת? זענען דען די שבי־הגולה אין די צייטן פון עזראָ ונחמיה, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל נושאי נשים נכריות און מחללי שבת, געווען שענערע יידן פון די היינטיקע?"

מיט איניקע יאָרן צוריק האָב איך אים איבערגעגעבן אַ שמועס פון אַ זשורנאַליסט מיטן בעלזער רבין זצ"ל, אין וועלכן דער בעלזער האָט געזאָלט אויסדריקן זיך, ווי

עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די צייטונגען, אַז די ציוניסטן זענען נישט קיין לאָיאַלע בירגער פון לאַנד.

ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער בעלזער רבי האָט עס געזאָגט. דער בעלזער רבי, האָט ער געטענהט, איז אַ צדיק. ווי קען עס זיין, אַז אַ פה קדוש זאָל אַזעלכעס זאָגן אויף יידן?

און דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ שמועס ייעגן שנאת חינם. דער אָסטראָווצער רבי האָט דאַן גערעדט איבער 4 שעה, און ווען איך וואָלט דאַן נישט געמוזט גיין אַהיים וואָלט איך געקענט הערן נאָך עטלעכע שעה יענעם שמועס, וועלכער איז שוין אַריין אין גאָר הויכע דרכים, אין צירופי אותיות, מילואים און מילואים דמילואים...

דערמיט ווערט אָבער נישט אויסגעשעפּט די גאַנצע באַציאונג פונם אָסטראָווצער רבי זצ״ל צו ארץ־ישראל און צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. זיין באַציאונג צו ארץ־ישראל איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע. פון איין זייט — ברענענדע תשוקה צו ארץ־ישראל און גרויס ליב־שאַפט צו אַלע וואָס אַרבעטן דאָרט. און פון דער צווייטער זייט — גרויס פחד פאַר ארץ־ישראל.

צו ארץ־ישראל, פלעגט ער טענהן, באַדאַרף מען באַזונדערס זוכה זיין. ארץ־ישראל איז אַזאַ גרויסע קדושה, אַז מען קען פשוט פאַרברענט ווערן אין איר פייער. דער מינדעסטער פגם דאָרט מאַכט חרוב עולמות. די וואָס גרייטן זיך צו ארץ־ישראל באַדאַרפן דאַריבער באַזונדערס עולה זיין אין קדושה וטהרה. ער האָט אַזוי ווייט פערהייליקט ארץ־ישראל דאָס ער האָט געצווייפלט צו איז ער אַליין אַפילו ראוי פאַר ארץ־ישראל...

עס זענען דאָ, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, דרייערליי מענטשן: א) אמתע קדושים וטהורים; ב) אַזעלכע מענטשן ווי מיר. מיר זענען נישט קיין רשעים, חלילה, אָבער אויך נישט קיין קדושים וטהורים; ג) מענטשן, וואָס זענען נעבאַך גאָר אַריינגעפאַלן אין קליפּה ר״ל. די „קדושים וטהורים״ הייסן עולים, ווייל זיי זענען אָנאויפהער עולה אין קדושה וטהרה; די וואָס זענען אין קליפּה ר״ל הייסן „יורדים״. וואָס קאָן זיין אַ גרעסערע ירידה פון עמקי שאול?

ווי־זשע הייסן מיר, מיטעלע מענטשן? — מיר הייסן „יושבים״. נישט מיר גייען אין דער הויך, נישט מיר פאַלן אין דער נידער ח״ו.

אין ארץ־ישראל קאָנען זיך איינהאַלטן „עולים״ אָדער „יורדים״. עולים — דורך גרויסער קדושה; יורדים — ווייל מען רעכנט זיך לגמרי נישט מיט זיי און זיי זענען אין ארץ־ישראל בבחינת „גויים מרקדים בהיכלו״...

שלעכט איז איבערהויפּט מיט אונדז „יושבים״. מען רעכנט זיך מיט אונדז זייער שטאַרק, און עס פעלט אונדז דער כוח צו זיין אמתע „עולים״.

די מרגלים האָבן דאַריבער געטענהט, אַז ארץ־ישראל איז אַן „ארץ אוכלת יושביה״. ארץ־ישראל קאָן נישט אַריבערטראָגן די „יושבים״, די מיטעלע מענטשן...

וואָס האָט אָבער דאַרויף כלב בן יפונה געזאָגט? „עלה נעלה וירשנו אותה״. מיר ווילן גאָר נישט זיין פון די „יושבים״. מיר ווילן גיין אַלץ העכער און העכער...

האָט עמעצער גערעדט עטוואָס שלעכטס אויף די שבי הגולה איז דער אָסטראָווצער רבי געקומען מיט זיין לימוד זכות: האָט אים אָבער עמעץ ערנסט געפרעגט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, האָט ער געהייסן קודם כל מכין זיין זיך צו דעם דורך תשובה מעומקא דליבא און אומאויפהערליכע „עליה״...

„דער מאַמענט״, 30 מערץ 1928.

ש. פלמוני

א פערציק־יאָריקער קאַמף קעגן גוף

דער באַקאַנטער וואַרשעווער מאָגן־דאָקטאָר, ד״ר פאַפּיערני, וועלכער האָט לעצטנס כסדר געהיילט דעם אָסטראָווצער רבין, גיט איבער אַ ריי אינטערעסאַנטע פרטים וועגן דעם לעבן פון דער אַזוי אייגענאַרטיקער פערזענליכקייט, וועלכע עס איז געווען דער אָסטראָווצער עילוי.

ווי באַוווסט, האָט דער נפטר געפירט אַ לעבן פון אַן אַסקעט. ביז זון־אונטערגאַנג פלעגט ער נישט טועם זיין קיין שום זאַך, אַפילו נישט קיין געטראַנקען. נאָך מעריב, פלעגט ער ערשט נעמען עפּעס אין מויל אַריין, און דאָס בלויז פליסיגקייט. שבת און יום־טוב, ווען מען טאָר נישט פאַסטן, פלעגט ער זיך וואַשן צום עסן, אָבער ער פלעגט קיין פליייש נישט עסן, נאָר בלויז איינטינקן אַ שטיקל חלה אין פיש־יויך, וואָס פלעגט דינען אַלס סעודה.

בעת מען פלעגט צו אים צושטיין, פלעגט ער אָפּ־סמאָטשקען אַ ביינדל, און דאָס האָט אים געדינט אַלס פליייש.

די לעצטע יאָרן האָט דער נפטר געליטן אויף סקלעראָז. אויפֿן האַרץ, און דערביי איז ער געווען אנעמיש. נאָר פון דעם אַלעמען פלעגט ער זיך נישט מאַכן וויסן און עס האָט אים אַבסאָלוט נישט געאַרט. דאַקעגן האָט ער געליטן אויף שטאַרקע עצירות, וואָס עס האָט אים פערשאַפט גרויס צער. מיט 3 יאָר צוריק — דערציילט ד״ר פּאַפּיערני — איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צום רבין, וועלכער האָט געוויילט אין וואַרשע און איז געווען קראַנק. נאָכן אונטערזוכן דעם חולה איז פאַרן דאָקטאָר אַנטשטאַנען זייער אַ שווערע פראַגע: פון איין זייט איז דער חולה געווען שרעקלעך אויסגעמאָגערט און אָפּגעשוואַכט און וואָלט בעדאַרפט באַקומען דערנערונג. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ד״ר פּאַפּיערני מורא געהאַט צו ווירקן צו פארשטאַרקן די דערנערונג, ווייל די קישקעס ביים חולה זענען געווען שרעקליך איינגעדאַרט און יעדע גרעסערע נאָרמע דערנערונג, ווי דער חולה פלעגט כסדר נוצן, וואָלט זיך געקענט זייער פאַטאַל אָפּרופן אויפֿן געזונט־צושטאַנד פון רבין.

אַ צווייט מאָל — דערציילט ד״ר פּאַפּיערני — איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צום רבין שפּעט ביינאַכט. דער רבי האָט זיך געקלאָגט, אַז ער ליידט שטאַרק אויף עצירות.

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט ליידן, אַז איר עסט נישט?

— וואָס הייסט, איך עס נישט? איך עס אַ סך אַ סך...

ווען ד״ר פּאַפּיערני האָט שפּעטער געפרעגט דעם שמש וואָס דער רבי האָט געגעסן אַ גאַנצן טאָג, האָט ער געגנט־פערט, אַז אייגנטליך נאָר גאָרנישט, נאָר אויף דער קיך איז פאַראַן אַ פיינער באַרשט...

מיט 2 יאָר צוריק — דערציילט ווייטער ד״ר פּאַפּיערני — האָט זיך דער רבי געפונען אין אָטוואָצק. עס איז דאַן געווען אַ הייסער זומער־טאָג. ווען מען האָט אים, ד״ר פּאַפּיערני, אַרויסגערופן צום רבין האָט ער אים געטראָפן זיצן אין פוטער און שטריימל און דערביי איז אים געווען שרעקלעך קאַלט.

דער רבי האָט דאַן דערקלערט דעם דאָקטאָר, אַז די לעצטע טעג איז אים זייער קאַלט און לויט דעם שמשס מיינונג קלאַפּט דער דופק זייער שוואַך. ער פרעגט דאַריבער דעם דאָקטאָר, וואָס זאָל דאָס באַדייטן.

ד״ר פּאַפּיערני האָט דאַן אונטערזוכט דעם רבין און געפונען, אַז דער דופק איז אין אָרדנונג, נאָר די קעלט איז פון נישט דערנערן זיך.

ביים געזעגענען זיך האָט דער רבי געזאָגט צום דאָקטאָר: „עס גייט יום־כפּור. מען דאַרף תשובה טאָן״.

דער דאָקטאָר האַלטענדיק, אַז דער רבי מיינט אים, האָט געענטפערט.

— איך האָב נישט אַזוי פיל עבירות...

— ניין, איך מיין נישט איך — האָט דער רבי געענטפערט — איך מיין זיך, זיך מיין איך...

— אויפֿן רבין וועט קיינער נישט זאָגן, אַז ער איז זינדיק — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— ווייס איך — האָט דער רבי געגעבן צו פאַרשטיין דעם דאָקטאָר — עס איז אַ גרויסער טעות. מיר זענען מער זינדיק פון יעדן בשר־ודם. אויף אונז גיט מען מער אכטונג... מען האָט אונדז אויפֿן אויג.

„מאָמענט״ וואַרשע, 14 מערץ 1928.

י. בראַנשטיין

די לעצטע מינוטן פון אסטראָווצער גאון

ביי קריאת התורה

„זאָלסט וויסן, עס איז נישט היינט אַזוי ווי שטענדיק״.

די דאָזיקע ווערטער האָט דער אָסטראָווצער רבי געזאָגט דער רביצין שבת 4 אַ זייגער בייטאָג. די רביצין האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און דער רבי האָט געהייסן דאַווענען מנחה. דאָס געוויין פון דער זקנה האָט אויף די חסידים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, און אין גרויס בהלה האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען.

בליל שבת התרוקנו הבתים מאדם; בתי הכנסת ובתי המדרש מלאים מתפללים. מכל החלונות נוצצים נרות שבת. בבית סבי יושבת סבתי בלומלה בקרן־זווית ליד התנור ולומדת חומש ורש״י, לא ,צאינה וראינה׳, אלא חומש ורש״י ממש. סבתי זו היתה בתו של הרב הפיטרקובי ר׳ אליעזר שלום ז״ל ונכדתו של זכרון צבי מנחם. לפי דברי הרב האוז׳רובי בספרו „אשדת״ קיימת קבלה בידי צבי מנחם שייחוסו נמשך עד רש״י דרך ר׳ יוחנן הסנדלר, הילל הזקן ועד מלכות בית דוד. סבי ר׳ פינטשה חזר מתפילת ליל שבת מבית החסידים של מינץ ששם התפללו כ־50־60 איש, כולם בני משפחה, למרות שנשאו את השם מינץ, פפר, פרוכטגארטן, גולדפינגר ועוד.

בשבת בשעות הבוקר התאספו בבית אבי חסידי אלכסנדר וסתם ידידים, אחדים עברו על פרשת השבוע, ואחרים עיינו בספרים. מאוחר יותר מביאים מן האופה קפה ריחני, והשיחות מתמשכות עד שיוצאים לתפילת שחרית במנין השני. ברחובות זורמים חסידים ב„שטריימ־לעך״ מלווים על ידי ילדיהם. אחרי הצהרים — תפוסים הספסלים שמשני צדי רחוב שירוקי — רחוב המינצים — על ידי סבתות, בנותיהן ונכדותיהן, מקושטות בשביסי ראש, ובבגדי קטיפה ומשי. הרחוב מלא טיילים, הזוכים למבטי ביקורת ולקצת רכילות מכל הצדדים. הבילוי במוצאי־שבת הצטיין במיוחד אצל דודי ר׳ ניסל. דודתי פייגלה היתה דמות ידועה בעיר והיתה ידועה כ„טמרל מאוסטרובצה״. לא היו לה ילדים אך גידלה משפחות שלמות, שסיגלו לעצמן אחר כך את שמה, כמו חנה׳לה פייגעלעס, מאיר פייגעלעס, יחזקאל פייגעלעס ועוד ועוד. היא הורתה בשעתה לכתוב כמה ספרי־תורה, ועל עץ החיים של אחד מספרי התורה האלה תלתה מחרוזות פנינים שלה ובכתר התורה שיבצה יהלומים מתוך תכשיטיה. כשחזר דודי ניסל במיצ״ש משלוש־הסעודות הגישה לי דודתי את חלוק המשי הלבן. מלובש בשטריימל ובפוזמקאות לבנים עשה הבדלה ואחר הדליק את מיקטרת־הציביק שלו והיה מוכן לקבל את האורחים. את בני המשפחה הרבים וסתם ידידים שהיו אורחיו הקבועים במוצאי שבת. זכורני שבין האורחים היה יהודי פיקח ר׳ מאיר׳ל צוקר, סבו של עורך־דין לייבוש צוקער החי עתה בטאראנטא, קאנאדה. דודי היה מספר סיפורי חסידים ורביים. בבית כולו נישא ריח גן־עדן.

ימי חג ומועד באוסטרובצה

לפני עיני מרחפות תמונות של רגעים חגיגיים בימי חג בשנים רומאנטיות ואידיליות אלו. ליל תשעה־באב: אימה גדולה ואבל עמוק משתלטים על פני כל העיירה. יהודים מתהלכים בבגדים מהוהים ובנעליים בלות, כשקוצים תקועים בזקנם והאבל נסוך על פניהם כאילו בית המקדש רק אתמול נחרב. מבתי הכנסת ובתי המדרש נישא ניגון ה„איכה״. דרך חלונות הבתים האפלים מטיל האור המרצד של הנרות אימה ועצב על פני כולם.

בראש השנה הופכת העיר מרכז חסידי חשוב: חסידים מכל רחבי המדינה, ביניהם רבנים, לומדים, גבירים וסתם יהודים שרצו לזכות לראות לפחות פעם אחת את הגאון ר׳ מאיר־יחיאל ז״ל, מגיעים לעיר. באירוח החסידים עסקו השמשים ר׳ חיים זונדל, ר׳ יהושעלה משמש ור׳ שאול משמש. זוכרני את ר׳ יחיאל איתמר וולגלרנט, יהודי בעל זקן לבן, שאצלו

יכלו החסידים לסעוד לבם בכוס תה עם עוגיה. רובם הגדול של החסידים התפלל בבית המדרש של הרבי, והוא עצמו הלך בלווית מספר חסידים לבית הכנסת העירוני הגדול, שם היה רגיל להתפלל כרב העיר. אני זוכר את בעל התפילה ר׳ דוד אפטר, שהיה אומר ל„דוד מזמור׳ במתיקות רבה והשאיר את רישומו על המתפללים ימים רבים אחרי עבור החג.

ערב יום כיפור

ערב יום כיפור היה יום מיוחד במינו בעיר. עד לשעות אחרי הצהרים נהרו היהודים למקווה וממנה כשפיאותיהם עדיין דבוקים ממי המקווה. לפנות ערב משתררת אווירה של פחד ואימה בעיר. גם עתה שנים רבות אחר כך, קשה לשכוח את התמונה של הליכתו של הרב לבית-הכנסת. הרב נישא ממש על כפיים עד לחצר בית הכנסת. בכל מקום בו הוא עובר נשמע בכייתם ויללתם של הנשים והילדים המלווים את הרבי עד לבית הכנסת. מתוך בית הכנסת מתפרצת תפילת „כל נדרי״ מפי החזן והמשוררים, שמהדהדת בסימטאות וברחובות העיר הריקים מאדם.

תמו הימים השקטים והשלווים

זכרונותי מתקרבים לתקופת הסער של השנים 1903 — 1903—1905, שבה החלה ההתעררות של החיים היהודים הפאטריארכאליים, שנמשכו מאות שנים. התנועה המהפכנית שהקיפה את כל האימפריה הרוסית, ופולין בתוכה, הגיעה גם לעירנו. נערכו ההפגנות הראשונות של אחד במאי, שבהן השתתפו גם מהפכנים יהודים, שלא היו עדיין מאורגנים במסגרת יהודית מיוחדת והצטרפו לשורות המהפכנים הפולנים. בזכרוני עולה הפגנה גדולה אחת, בה הופיעו המהפכנים היהודים, שנשאו דגל גדול מקטיפה וממשי ועליו סיסמאות ביידיש וגם השירים ששרו היו ביידיש. מן החברים של התקופה ההיא אני זוכר את מאָטעלע פוקס, שהיה אחד הפעילים הראשיים בתנועה המהפכנית. אני זוכר את הימים הגדולים של שנת 1905, כשהצאר העניק לעם את הקונסטיטוציה הראשונה. היו אלה ימים גדולים של התפרקות מעול של שעבוד. ההפגנות היו חופשיות באין מפריע וההמונים הורידו את השלטים הרוסיים מעל פתחי החנויות והשליכו אותם על האדמה. בהפגנה גדולה אחת שהיתה משותפת ליהודים ולפולנים, השתתף גם סבי ר׳ פינטשה מינצברג, וקהל מפגינים גדול שהתאסף בחצר בית הכנסת הרימו למעלה את סבי ואת הנוטריון הפולני לשעבר סאוויצקי וקראו: „תחי פולין החופשית!״ ואחר כך, כשיצאה הפקודה הראשונה על

ייסוד ה„דומה״ — הפרלמנט הראשון ברוסיה הצארית. הבחירות ל„דומה״ הראשונה, לא היו ישירות אלא באמצעות אלקטורים. המועמדים לאלקטורים מאוסטרובצה היו סבי פינטשה מצד האוכלוסיה היהודית וד״ר גלוגאווסקי — שביתו נהפך אחר כך לבית העיריה — מצד האוכלוסיה הפולנית. אנחנו הצעירים השתתפנו כבר במסע הבחירות. סבי נבחר כאלקטור, אך בגלל איומים מצד אנטישמים נאלץ להתפטר מן התפקיד.

כך נמשכו ימי ה„חירות״ במשך כל שנת 1905, עד שה־צאר פיזר את ה„דומה״. אז התחיל המצוד הגדול על המהפ־כנים, נעשו מעצרים בין הפעילים שביניהם. זוכרני את הבהלה שתקפה את העיר שעה שז׳אנדארמים רוסיים רצו להכריח את היהודים בכוח לתלות מחדש את השלטים הרוסים מעל החנויות. פעילים רבים מבין המהפכנים ירדו למחתרת. בתקופה ההיא נורו כמה יהודים בידי אנשי הפקר, בגלל חשד שמסרו את מקום מחבואם של מהפכנים שהרשות חיפשה אותם. הנגישות גברו מיום ליום, וכך נמשך המצב עד לפרוץ מלחמת העולם הראשונה בשנת 1914.

קיץ 1914, בו פרצה מלחמת העולם הראשונה, משמש נקודת מיפנה בהיסטוריה של העולם. המאורעות הגורליים שהתרחשו בעולם כולו טבעו את חותמם גם על חיי היהודים באוסטרובצה. בא הקץ לתקופה הפאטריארכלית בחיי היהודים, שלא חזרו עוד להיות כפי שהיו קודם. זה התחיל ערב תשעה באב תרע״ד (1914), שהפך לאחד התאריכים המכריעים בהיסטוריה החדשה. זוכרני כשהגיע המברק לעיריה ובו הידיעה ברוסית „גרמניה הכריזה עלינו מלחמה״. מיד אחר כך בא מברק שני „אוסטריה־הונגריה הכריזה מלחמה״. הידיעה התפשטה במהירות הבזק ובעיר קמה בהלה גדולה, כי כולם הרגישו שמתקרבת סערה אשר תעקור מן השורש אורחות-חיים מסורתיים ואולי גם תהרוס משפחות מבוססות ותחריב ישובים יהודיים ותיקים. לא היה זה פחד שווא, כפי שהוכיחו המאורעות שהתרחשו בארבע השנים הבאות: מלכים אדירים באירופה הודחו והצאר הרוסי האדיר נרצח יחד עם בני משפחתו. ישובים יהודיים רבים נהרסו ותושביהם הוגלו למרחקים. למחרת פרוץ המלחמה נערך הגיוס הכללי. מכל בתי העיר נשמע בכי הנשים והילדים, שראש משפחתם נקרא להתייצב לצבא. התחילה בהלת אגירה של חומרי מזון, שהיא תופעת־לוואי לכל בהלת מלחמה. הצבא הרוסי, שנחל תבוסות גדולות מידי הצבא הגרמני־אוסטרי, נסוג לכיוון מזרח. השלטונות הרוסיים ערכו חיפושים אצל יהודים, שנחשדו בריגול למען האויב. אך למזלם של היהודים היתה נסיגת הרוסים מבוהלת והופיע חיל החלוץ הגרמני. אחריהם מגיע הצבא הסדיר ובראשם תזמורת צבאית. בשורות הצבא האוסטרי נראים קצינים וחיילים יהודים רבים, המתבלטים במראה היהודי המיוחד שלהם. העיר נשמה לרווחה, אך

הקלה זו אינה נמשכת זמן רב. האוסטרים סובלים את אבידותיהם הגדולות הראשונות מידי הצבא הרוסי בהרי הקארפאטים, והם התחילו לסגת. הצבא הרוסי מתקדם וימים אחדים אחרי יום־כיפור הופיע שוב הצבא הרוסי באוסט־רובצה. אימה תוקפת את יהודי העיר. הגיעה הידיעה העצובה שבסטאשוב ניתלו 11 יהודים ובראשם הצדיק רבי פייבלה דנציגר, בנו של הרבי מאלכסנדר! אחרי כניסת הרוסים לעיר, בשבת לפנות ערב, פקד מפקד העיר על סבי ר׳ פינטשה מינצברג, ר׳ משה ויינברגר, ר׳ משה בייגלמאן ור׳ ברוך גרוסמאן — כולם יהודים באים בימים — להתייצב לפניו בבנין העיריה. הוא נשא בפניהם נאום אנטישמי והאשים את כל היהודים בריגול. הוא פקד עליהם לספק במשך 24 שעות לחם לחיל המצב הרוסי, ולקראת סוף הראיון — היכה על ראשם של היהודים הנכבדים בשוט שבידו. עדיין עומדת נגד עיני תמונת סבי, כשהוא עוזב את בנין העיריה וראשו זב דם. בין יהודי העיר קמה מהומה גדולה. אספו מיד את כל אופי העיר, ריכזו את כל הקמח שהיה בנמצא והחלו מיד באפיית הלחם בשביל הצבא. ימים קשים התרגשו אז על יהודי העיר. הקוזקים השתוללו לעין כל, ונלקחו בני ערובה מבין נכבדי היהודים, ביניהם גם בעל הבנק ר׳ יוסל פפר ור׳ איטשה טננבוים. גם אבי נעצר כבן־ערובה, אך עפ״י נס הצליח להשתחרר. התחילה התקופה הקשה של חורף 1915 עם הגירושים של יהודי העיירות הסמוכות: שאֶננה, ליפסק וטארלה. היהודים הפליטים רוכזו בעירנו, ואין לשער את גודל הבהלה שהשתררה אצלנו, אך למרות הסבל והמצוקה השתדלו יהודי העיר לעזור לפליטים בכל שידם משגת. נוצר ועד לעזרת הפליטים שהשתדל למצוא בשבילם מקום מגורים. כן נוסד מטבח ציבורי, שדאג שלא יהיו רעבים ביניהם. כך נמשך המצב במשך החורף. בקיץ 1915 התחילה התקפת הנגד של הצבא הגרמני־אוסטרי. אחרי שהצבא הרוסי נחל תבוסות גדולות התחיל שוב לסגת בבהלה גדולה ושוב ראינו בכניסתו של הצבא הגרמני לעיר. היהודים נשמו לרווחה, אך מאורע אחד פגם ברגש ההקלה שחש הציבור היהודי בעיר: יחד עם הצבא הגרמני הכובש חזרה גם מחלקה של לגיונרים פולנים, שהתארגנו כיחידה של הצבא האוסטרי. מיד אחרי כניסת הלגיונרים לעיר נראו בכיכר השוק שני חיילים ורובים בידיהם וביניהם אברהמ׳לה ראטשמייר, בעל־בית יהודי בעיר. אחר דקות מספר נשמעו שתי יריות, ומיד אחרי־כן הובא היהודי ההרוג לעיר. היה זה מעשה נקם על מקרה שקרה לפני עשר שנים — כלומר בשנת 1905. המהפכנים של התקופה היא האשימו את ראטשמייר שגילה לשלטונות את מקום מחבואם של חבריהם, שהסתירו עצמם מעיני השלטונות הצאריים. שני אלה הצליחו לברוח מעבר לגבול ושם הצטרפו לכוחות האוסטריים, עתה, עם שובם לעיר, נפרעו מן היהודי הזה. בין הלגיונרים שנכנסו לעיר היה גם מי שהיה אחר כך מיניסטר הדואר הפולני — וורנר. מתחילה תקופת הכיבוש האוסטרי, שנמשכה עד 1918. אורחות החיים של יהודי העיר נשתנו ללא היכר. התפתח המסחר בכל־הבא־ליד ובעיקר עסקו היהודים בהברחת מיצרכי מזון דרך גבולות אוסטריה וגרמניה. כפי שקורה בתקופות מיפנה כאלה, הופיע מעמד חדש של סוחרים ועשירים ואילו הסוחרים המבוססים שבעבר, שלא יכלו להתאים עצמם לזמנים החדשים — ירדו מגדולתם. כך נמשכו ימי הכיבוש עד לסיום המלחמה והקמת המדינה הפולנית העצמאית.

בימים הראשונים של פולין העצמאית התרגשו זמנים קשים על יהודי המדינה. הפוגרום בלבוב הסעיר את כל יהדות פולין. יהודי אוסטרובצה ערכו אספת מחאה בבית הכנסת הגדול. הזמנתי את הרב מוויז׳בניק ר׳ יעקב אהרן גרין ז״ל, אשר קיבל רשות לכך מאת הרב שלנו ר׳ מאיר־יחיאל, לשאת את נאום ההספד. המלים הנרגשות של הרב גרין הסעירו את הקהל הגדול שפרץ בבכי ובילללות שנשמעו גם ברחובות מרוחקים. גם ההתנפלויות של חיילי גנרל האלר על יהודים שהתבטאו במריטת זקנים של יהודים זקנים והשלכת נוסעים יהודים מן הרכבת תוך כדי מהלכה — סימני פתיחה עגומה לחייה העצמאיים של המדינה הפולנית.

בינתיים גדלה האוכלוסיה היהודית באוסטרובצה, שאליה הצטרפו גם הפליטים מן הערים הסמוכות, ובעיקר פליטי שיננה, שלא חזרו עוד לעירם. יהודי העיר עזרו להם להשתקע בעיר ולשקם את פרנסתם. התחילה גם פעולת עזרה חשובה של יהודי אמריקה לטובת הפליטים ונציגים של ועד העזרה האמריקאי הגיעו גם לאוסטרובצה כדי לעמוד על העזרה הדרושה מהם. כנציגי הישוב היהודי בועד האמריקאי בעירנו נבחרו ד״ר וואכהנדלר ז״ל וכותב השורות האלה, וכממלא־מקום — יעקב מנדיל גולדפינגר. ד״ר וואכהנדלר, שהצטיין בתכונותיו התרומיות והשקיע את כל מרצו בפעולת העזרה למען הפליטים, מת מות קדושים בשואה. פעולת העזרה נמשכה עד שאחרון הפלי־טים שרצה בכך חזר למקום מגוריו.

בינתיים מתחילה המדינה הפולנית להתבסס. חלה הרגעה בחיי היהודים ומתחילה תקופה של חיים חברתיים אינטנסיביים. בעירנו קמה הספריה הציבורית הראשונה, שנוסדה על ידי העסקנים הציונים הוותיקים, האחים שמואל ועזרא בומשטיין, הספרן אליעזר הלוי, וכותב השורות האלה. בספריה היו ספרים רבים בעברית, יידיש ובפולנית, ורבים מבני הנוער נהרו אליה. תחת אותו הגג של הספריה התחילו להתארגן גופים ציבוריים רבים, שהרוב היה שייך למפלגות הציוניות, אך היו גם נציגים של „בונד״, פועלי ציון שמאל וימין ועוד. בתוך מסגרת תרבותית זו נערכו ערבי ויכוחים בין המפלגות השונות, שאליהן הוזמנו מנהיגי

המפלגות השונות מן המרכזים היהודים הגדולים בפולין. זוכר אני את עצרת הרצל הגדולה שנערכה בספריה בכ׳ תמוז. באולם המקושט בתמונתו של הרצל ובדגלים ציוניים התאספו מטובי העיר ומצעיריה. שם הופעתי בנאום הבכורה שלי לכבוד ד״ר הרצל. כך התנהלה הפעולה התר־בותית באולם המשותף של הספריה. לבסוף התחילו להתבלט הניגודים המפלגתיים, ופרצו ויכוחים תכופים בין הציונים, בונדאים ופועלי ציון. השותפות התחילה להתערער וכל תנועה פתחה לה סניף לעצמה. התנועה הציונית נשארה באולם הספריה, וה„בונד״ ופועלי ציון פתחו להם אולמות משלהם. וכך התחילו להתפתח החיים היהודיים בין שתי מלחמות העולם על בסיס מפלגתי. נוסדו בתי ספר שבהם היתה שפת הלימודים עברית ויידיש. פעילות יפה פותחה על ידי „מזרחי״, שיסד בית ספר עברי משובח. ברצוני כאן להזכיר אחד מראשי המייסדים של „המזרחי״ בעיר, ר׳ משה לדרמן הי״ד — יהודי יקר, שכל חייו היו קודש לפעילות ציונית בעיר. כן ראויה לציון דמותו העדינה של ר׳ יהושע קופרמאן, וכן הלמדן מבני משפחת הרב, ר׳ לייבוש האלשטוק ז״ל.

השתתפותי בחיים החברתיים באוסטרובצה נמשכה עד שנת 1923, כשנאלצתי לעזוב את העיר ולעבור לוויז׳ב־ניק, אך הקשר הרגשי שלי לאוסטרובצה נמשך במשך כל ימי חיי.

כשביקרתי כשריד שארית הפליטה בשנת 1945, אחרי השואה הגדולה בעיר מולדתי וחיפשתי את המקומות שם ביליתי את ימי ילדותי ובחרותי מצאתי, לשברי הגדול, רק חורבות. מכל הסביבה שבקירבת חצר בית הכנסת, וגם בית הכנסת העתיק ובתי המדרש שבה, לא נשאר סימן. ועלה במחשבתי הפסוק: על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו, על גבי חרשו חורשים האריכו למעניתם. בעד החלינות בהם זהרו נרות שבת של יהודים — מציצים פנים של נכרים, נעלמו החיים היהודים היפים ומן ההמונים היהודים לא נשאר זכר.

ה׳ ינקום דמם.

יוסף וישנגרד

אוסטרובצה בעיני אורח

שמע העיר אוסטרובצה הגיע אלי רק בזכות הרבי שישב בתענית ארבעים שנה. אך בשנת 1930 נשלחתי להכשרה בעיר הנ״ל מטעם מרכז החלוץ המזרחי, והיתה לי ההזדמנות להכירה מקרוב.

מיד עם רדתנו מן האוטובוס הרגשנו שנקלענו ל„מדינה יהודית״ בזעיר־אנפין. כל התושבים היהודים, ורבים מן הנוער, היו לבושים בבגדים ארוכים ובכובעים „יהודיים״ קטנים. אפילו היידיש שבפיהם היתה מיוחדת, אשר רק במאמץ רב הצלחנו להבינה. נדמה היה שכאן שולט אחד השבטים שנאבדו לנו בימי קדם.

כל המסחר הסיטוני והקמעוני היה בידי יהודי העיר. גם טחנת הקמח המקומית שסיפקה חשמל לתושבי העיר, היתה בידיהם. השפעת היהודים על כלכלת הסביבה היתה ניכרת בירידים, שהיו חלים בימים קבועים בשבוע, אך אם חל ביום זה חג יהודי — נדחה היריד ליום אחר. השבת והחג שלטו שליטה מוחלטת בעיר, ורק גויים של שבת נראו כשידיהם מלאות עבודה בהספקת שרותים חיוניים לעיר.

על אף טרדתם הרבה של יהודי העיר בעניני פרנסה מצאו להם פנאי לדאוג למקומות עבודה לחברי הקיבוץ ולהקל עלינו את המעבר הקשה מחיי בטלה בחיק הבית החם לחיים של עבודה קשה ומפרכת, כהכנה לקראת עלייתנו לארץ ישראל.

מחשבות רבות השקיעו יהודי העיר כדי ליצור עמדות עבודה בשבילנו. הורקת המים הדלוחים מן המקווה, שנעשתה בדליים, נמסרה לידינו. כן אספנו את ה„שמות״ בבית־הכנסת, שלא היה להם מקום עוד לאיחסון, וקברנו אותם בבית־הקברות. כן נמסרה לידינו העלאת הסיד מן הבור שלרגלי ההר לראש ההר, ששם נמצא בית־הכנסת באמצע בניינו. היתה זו עבודה מפרכת שהפועלים הגויים, ואף בעלי השרירים שביניהם, לא יכלו לעמוד בה. החלוצים הראשונים כמעט שהתמוטטו במאמצם הקשה להעלות אלונקה עם סיד למעלה ההר, אך חיש מהר המציאו חגורות מיוחדות לקשירת האלונקה לכתפיים, והודות לכך יכלו להחזיק מעמד בעבודתם, להתפעלותם של יהודי המקום, עד להשלמת בנין בית הכנסת. חגורות אלה לקחתי אתי ארצה למזכרת, והן מצויות עד היום אצלי.

לאט־לאט חדרנו גם לתעשיה המקומית. עבודתנו המסורה הוציאה לנו שם טוב במפעלי הסביבה, שהזמינו אצלנו פועלים לעבודות שונות, עד שהיו מקרים של חוסר ידיים עובדות אצלנו.

הקיבוץ הפך למרכז חשוב לנוער היהודי בעיר. רבים מהם היו באים אלינו לבלות שעות אחדות באווירה הציונית, ששררה אצלנו.

בשבתות ובחגים היינו יוצאים לסייר ב„שטיבלאך״ הרבים, כדי ללמוד ניגונים חסידיים חדשים. בייחוד משך תשומת־לבנו בית־הכנסת הגדול העתיק, שהיה בנוי מעץ והיה מפורסם בפולין הודות לסגנונו המיוחד. אגדה התהלכה בעיר, שחזן בבית־כנסת זה אינו מאריך ימים יותר משלוש שנים, ובכל זאת לא חסרו קופצים לשמש בו כחזנים.

הריהוט שלו בפנים היה כרגיל בכל בתי הכנסת בפולין: לכל מתפלל היו מקום קבוע („שטאָט״), שעבר בירושה מאב לבן. ועל הקיר המערבי היה לוח מודעות, ועליו מצאתי הודעה מיוחדת באותיות דפוס על פח משנת תק״י וזה תוכנה (לפי זכרוני): היות ונתרבו הפליטים (עיברי אורח) שנזדמנו בעירנו לשבות את שבתם, והיות ורק יחידים מהם הוזמנו לסעודת־שבת לבתי בעלי־הבתים וחלק גדול מהם נשאר רעב ללא פת לחם לכן נתארגנו ראשי הקהילה והחליטו שמהיום ואילך על כל בעל־בית לקבל פלאָיט לביתו בשבת לפי תור. כל מי שיסרב לקיים את ההחלטה הרשות בידי הגבאים להיכנס לביתו של המסרב לפרוץ את התנור ולהוציא את המאכלים הנמצאים בו ולחלקם בין האורחים העניים. וכל בית ישראל ישמעון וייראון!

בהתקרב הימים הנוראים, היה מורגש באוויר שיום הדין ממשמש ובא. כל הפנים נעשו רציניים ואיחולים לשנה החדשה נישאו בפי כל. לשיא המתיחות הגיעו בערב יום־הכיפורים כשמכל החלונות נישא בכי היהודים, שעה שברכו את ילדיהם לקראת יום־הדין.

זרם אין־סופי של יהודים נהר לבית הכנסת הגדול, שנתמלא מהר עד למחנק. כולם נדחקו לרבי יחזקאל, לקבל את ברכתו. רק אחר כך מתפזר כל אחד לבית־מדרשו להתפלל לביתו ולכל בית ישראל.

רק חדשים אחדים שהיתי בעיר זו, אך לעולם לא אשכח את חיוניותה של עדה קדושה זו, שנעקרה מן השורש בשואה האיומה.

יעקב גולדרייך

שני עולמות בעיר אחת

אוסטרובצה עיר מולדתי, בה גדלתי, בה מתה אמי בצעירותה ובה שיכלתי אח יקר, שהצטיין כעילוי וכמתמיד. נדד מישיבה לישיבה, ישן על ספסלים קשים בסמוך לקירות טחובים ולבסוף חלה בשחפת ומת בדמי עלומיו.

עוד משחר ילדותי היתה בי התחושה כאילו אני חי בין שני עולמות הרחוקים זה מזה כרחוק מזרח ממערב: עולמו של אבא ו„החדר" של „קריאת שמע" לפני עלותי על משכבי, ובין עולמם הגס והרצחני של הגויים, שבא לידי ביטוי בנחירת החזיר בחצרותיהם של השכנים, ברוח הפיגול שבא מבתיהם, בנביחת הכלבים, ובמכות שספגנו מן „השקצים".

עוד בהיותי ילד הרגשתי את העבדות הקשה בה נמצאנו, וספגתי בי את הסיפורים המתוקים על המשיח שיבוא במהרה, יגאל אותנו מן הגלות, ויביאנו מעל גשר של נייר לארץ ישראל.

עדיין עומדים לפני עיני רחובות העיר המושלגים בערבי החורף הלבנים, שעה שחזרנו בריצה מן החדר הביתה, כשבידנו פנסים דולקים, רדופים מפחד הגויים ומסיפורים על שדים המתנפלים על עוברים ושבים בלילה, ועושים בהם שפטים...

במיוחד נחרתה בזכרוני כיכר השוק, שהיתה המרכז הכלכלי של העיר, וממנה התפרנסו רוב יהודי העיר. כל החנויות שהקיפו אותה מכל ארבעת הצדדים היו שייכים ליהודים, פרט לבית המרקחת ולשני בתי המרזח שנמצאו שם. בימי שני וחמישי של השבוע התמלא כל שטח השוק בעגלות ועליהן כל טוב של כפרי הסביבה: אווזים ותרנגולים, מלפפונים וכרוב, תפוחי אדמה ובצל, פירות מכל המינים והצבעים המודיעים על תקופות השנה השונות, ביצים ארוזים בקש, וחמאה עטופה בעלי כרוב גדולים. האיכרים שבאו על העגלות, אחרי שמכרו את תוצרתם, צבאו על הדוכנים ועל החנויות של היהודים כדי לקנות משם את כל מה שדרוש להם, כגון כלים לעבודות בית ושדה, וכן לבוש להם ולבני משפחתם. כל זה סיפקו להם היהודים, שעמדו בקשר עם מרכזי התעשיה והמסחר הגדולים, והביאו משם את הסחורות הדרושות להם לימי היריד. לקראת סיום היריד ובגמר העיסקות שלהם, היטיבו לבם בדברי מתיקה ובשתיית יי"ש, וקולותיהם הצרודים מרוב שתייה בקעו מחלונות שני בתי המרזח הפולניים שהיו בשוק.

מאחורי השוק, לצד מערב, נמשכים רחובות צרים ובהם בית ליד בית, שחצרותיהם גדורות ללא סימן עץ ודשא. בבתים אלה ישבו יהודים שחוחי־גב על יד מכונות־תפירה ותפרו מבוקר עד ערב בגדים זולים בשביל האיכרים, כשלחנים של תפילות מימים־הנוראים ושירים מהפכניים ליוו את טרטור מכונות־התפירה. אחרי החייטים, תפסו את מקומם בעיירה בעלי המלאכה היהודיים האחרים כמו סנדלרים, רצענים ומסגרים, שמילאו את האוויר בשאון של יצירה ועמל כפיים; פחחים היו מטפסים במומחיות רבה על גגות משופעים והתקינו מרזבים בבתי יהודים וגויים. היה זה עם עובד, חרוץ ומוכשר, טוב־לב וישר־דרך, שהאמין באלהים או, להבדיל, במהפכה.

האדמו"ר הזקן מאוסטרובצה שכן גם הוא ברובע העמלים של העיר. מכאן, ואולי גם מפני שהוא עצמו מוצאו ממשפחת עמלים, הקשר הנפשי שנוצר בינו ובין אנשי עבודה ועמל בעיר. כל אנשי העיר היו גאים בכך, שלרב שלהם נוהרים גדולי יהדות פולין, לזכותו ולהשפעתו המרגיעה קשרו את העובדה, שהעיר אוסטרובצה ניצלה בימי מלחמת העולם הראשונה מפורענויות, מהן סבלו כל הערים והעיירות היהודיות בסביבה. קשה לתאר את גודל החיבה ויחס הכבוד של יהודי העיר לרב חלוש זה, שצם ארבעים שנה, ונחשב לפלא רפואי בעיני חכמי הרפואה בפולין כולה.

בית הכנסת הגדול והישן נמצא במורד של גבעה. מצד הרחוב הסתירה אותו גדר של אבנים, כדי שלא יבלוט יתר על המידה. לימינו נמצאו שני בתי־המדרש: אחד היה של פשוטי עם, ששימש לתפילה משעות הבוקר המוקדמות עד לשעת הצהרים, ומלפנות ערב עד אחרי תפילת מעריב; בית המדרש השני שימש לתפילה וללימודים, בו ישבו בחורי ישיבה ותלמידי חכמים מבני העיר. מאחורי בית המדרש נמצאו יתר מוסדות הציבור: המקווה, בתי השימוש ובית המטבחיים. בימי רביעי וחמישי עמדו שורות שוחטים ועסקו בשחיטה, כדי לספק בשר כשר ליהודי העיר לקראת שבת. במרכז השטח עמד בית הכנסת מעץ. התקרה הקעורה היתה מלאה תמונות מצוירות, פרט לחלק אחד ממנה, שנשארה בלתי צבועה. זקני העיר סיפרו, שלקישוט התקרה הובאו אמנים יהודים מקראקא, שעשו מלאכתם באמונה. אך בהתקרב אחד האמנים במלאכתו לארון הקודש הגבוה מעד ונפל מן הפיגום. הקהל החליט לא להשלים את המלאכה ולהשאיר חלק זה של התקרה בלתי גמור לזכר הצבע האלמוני.

מחלקו השני של השוק נמשכה סימטה צרה שמשני צדדיו נמצאו חנויות של כלי־כסף, תכשיטים ומי בושם.

ממנה נפתח מראה רחב על הכנסיה, שהיתה בנויה אבנים, עם גג הנחושת שלו והצלם שהטיל את מרותו על העיר כולה. צללי הפעמונים שנישאו ממגדל הכנסייה חדרו לכל בית יהודי, והטילו אי־שקט ופחד על הגרים בו, ובעיקר על ילדיהם, שהאינסטינקט הילדותי הבריא לימד אותם להישמר ולהתרחק מכל מה שהכנסיה הזו מייצגת. לרגלי הגבעה של הכנסיה היה ביתו של הכומר, ה„גלח" בפינו: איש בעל קומה ממוצעת, רחב כתפיים, תמיד לבוש במעיל שחור ארוך ועל פניו סבר פנים חמור. בעיר מסרו מפה לאוזן שהוא יודע „עברית כמו רב" וכי הוא איננו שונא־ישראל...

תמיד הבטנו על הסביבה הנכרית שמסביבנו בבוז, והאמנו שאמונתנו היא האמונה האמיתית, וכי בסופו של דבר ייווכחו גם הגויים בכך, אם לא בעולם הזה, אז בעולם הבא... השקפנו על התהלוכה הדתית שלהם כעל מעשה תועבה. הכומר הראשי צעד מתחת לחופת ארגמן, והקהל הרב העצום של איכרים ואנשי עיר הלך בשורות מסודרות, בצעד קצוב, ושר שירי דת. גם בחגים הלאומיים, שהקיפו, כביכול, את כל אזרחי המדינה, הרגשנו עצמנו זרים לחלוטין ובעבור המיצעד הצבאי הבטנו עליו ממקום מחבואנו והסתלקנו חיש מהר, כדי להתחמק מעיני ה„שקצים" שחיכו לנו מוכנים להראות לנו את נחת זרועם כיאות לאדוני הארץ...

הייתי אחד ממאות בני הנוער שחי בעולמו המסוגר והנבדל מעולם הסביבה. היו אלה בחורי ישיבה, הנוער של „אגודת ישראל" ו„בנות יעקב" שדבקו בתורת ישראל סבא ועסקו כל ימיהם בלימוד תורה ופוסקים. הנוער הדתי־הלאומי שילב תורה וציונות וראה את תיקון עולמו בהקמת עם יהודי בארץ ישראל. הנוער החלוצי הסוציאליסטי שאף להגשמה עצמית על ידי חזרה לעבודת האדמה בארצו. תנועת הנוער הסוציאליסטי האמינה בשוויון ובחופש של ההמונים היהודים במקום מגוריהם. הנוער הקומוניסטי הנועז, הלוחם, שהתגרה בשלטון המדינה על ידי הנפת דגלים אדומים על חוטי הטלפון בחשכת הלילה, וסיכן את חייו בהפצת כרוזים מאחורי גבו של השוטר האמין שהמהפכה קרובה וכי קרוב יום השחרור של העמלים כולם, כיהודים וכפולנים גם יחד.

מאות בני נוער טוו את חלום חייהם, כל אחד לפי דרכו ולפי השקפתו, וביום בהיר אחד נחרב עולמם ובאה המציאות המרה, שלא היתה כמוה מאז נברא האדם. כולם נרצחו על לא עוול בכפם ופשעם היחיד היה שהם שייכים לעם היהודי, הרוצה לתקן את העולם...

ליד הבאר   ביים ברונעם

יהושע אלטמאַן

מיין אסטראָווצע

אַמאָל איז געווען אַ אידישע שטאָט
איינגעטונקען אין זיידענעם יחוס,
ווען דער גוי האָט נאָך געהאַט אַ גאָט,
און זיין האָן האָט געוועקט צו סליחות...

וואָס איז ווייט און וואָס איז נאָענט?
וואָס זענען מיילן און וואָס זענען יאָרן?
בלויז אַ מיראַזש אויפן האָריזאָנט,
אַ פאַרנעפּלטע וויזיע אינם זכרון.
חלומות׳דיגע אַגונגען, דינע
לאָזן זיך נישט דערציילן;
ווי שפּילן אַ ליבע מיט דער שכינה
אין אַ לאַבּירינט פון טויזנט היילן...

אפשר אָנפאַנגען מיט דער הויכער צייל,
ווו איך קען יעדע טיר;
אָדער פאַרהאַלטן זיך אַ וויל
מיט די טרעגער, די גבורי דעיר?
אַריינגיין אין בתי מדרשים,
אַ קוש טון צעריסענע גמרות,
אַרויפקלעטערן צו דער עזרת נשים,
און זען פונדערווייטנס דאָס בית הקברות...

אויף דער הויכער צייל שמועסן יידן
רעדן פון דעם און פון יענעם
טוט איינער אַ זיפּן אַ מידן:
— אַ וועלט משטיינסגעזאָגט, אַ גיהנם.
אַ באַלייבטע יידענע טראָגט אַ פּעקל,
שמייכלט — דאָס וועטער איז לינד.
אַ שדכן דרייט מיטן שטעקל,
ער זוכט אַ חתן אַן אײדל קינד.
דער פרומער שאול מיט נאַסע פאות
זיפּט די לופט מיט פאַרמאַכטע אויגן.
דאָס איז אָנגעשטאָפּט מיט גאות
ווי אַ הערינג; אַ בויך מיט רויגן.

רעדער רעדלען אויף די בריקן.
פאָרן גויים אויפן יאַריד.
קיינער דערוואַרט נישט קיין גליקן;
אָבער פיש אויף שבת דאַרף אַ ייד?!
נחום דער בעל עגלה גלעט די פערד.
סטראַגאַנאַרקעס טאַפּן אינ׳ם וואָגן.
גױ׳שע וואָנצעס און יידישע בערד
ווייסן נישט וואָס צו זאָגן.
אַ פאַראַדנע לויה מיט שלאַמוין.
אַפריער דער גלח, אַ פאַרשייטער.
אַ קונה מעסט־אָן אַ פאָר הויזן
אין מיטן מאַרק ביים טאַנדייטער.

די געוועלבער פול ביזן ראַנד.
מען זשאָפּט קיין עין הרע;
נאָר דער פאָליציי־קאָמענדאַנט,
געפאַקט אַן עברה און פאַרשריבן קאַרע.
צווישן די פערד און געשפאַן
כאַפּן אַ נאַש יידישע ציגן.
אַ גױ׳ע שלעפּט אַ שיכור׳ן מאַן.
אַ דזשאַר שפּילט אַ צעבראָכענעם ניגון.

אין בית המדרש זיצט ר׳ יאָשע,
קוועטשט דעם תוספות מיט הסברה.
מ׳האָט אים היינט געפרעגט אַ קשיא,
קנייטשט ער דעם שטערן, זוכט אַ סברא.
דער חב״ד׳ניק אין זאָקן ווייסע
קומט צעלויפן פון דער מקווה.
ער טראַכט וועגן רזין דאוריתא,
וועגן סוד פון זוכרא ונוקבא.
איינער אַ בקי דער צווייטער אַ חריף,
צוויי יונגעלייט אויף קעסט
פירן דעם וויכוח שאַרף
אין עילוי׳שן פאַרמעסט.

ביים עמוד אין אַ שוואַרצן טלית
שמייכלט צופרידן ר׳ יאַקל:
— שוין היינט אַנגעטאָן אַלעס;
פאַרענדיקט די פרשה אין חק׳ל.

מורמלט, מורמלט ר׳ נפתלי.
וואָס ער זאָגט ווייסט נישט קיינער.

ביים אויוון אַ בעל עגלה
וואַרעמט אויס די מידע ביינער.
צוויי ווייבער איינגעבויגן
פראַלן אויף דעם ארון.
די טיכלעך איבער די אויגן:
— שענק איר באַנייטע יאָרן!
שרה בת טאָבע!
אַ רפואה פונם גן־עדן!
זאָל זיך מיען איר באָבע.
אינם זכות פון איר הייליקן ייִדן.

די שול איז פון האָלץ,
עלטער פון אַלע זקנים.
ייִדן זענען אַזוי שטאָלץ
אויפ׳ן געשניצטן ארון־קודש שיינעם.
די מאַלערייען אויף די ווענט
מיט שפינוועב באַשפינען.
הייִנטיקע דורות אַזעלכע הענט
קען מען מער נישט געפינען.
אַלע נאַכט קומען מתים,
לייענען פסול׳ע ספרי תורות.
טראָגן פסול׳ע טליתים
פון לאַנגע — פאַרגאַנגענע דורות.
און פאַליש דאָס טהרה ברעט
דערשטיקט אַלע פאַרלאַנגען.
דער שמש שמייכלט, ווען ער זעט
באַלד דאַלעבן די חופה שטאַנגען.

אין באָד אויף דער הויכער באַנק;
ווער איז אָרעם און ווער איז רייך?
מיט׳ן בעזים אין דער האַנט
פרייבן אַלע ייִדן גלייך.

זיצט דער רב שפעט ביינאַכט,
אַרבעט אויף זיין חיבור.
טוט אַ זיפץ ער פאַרטראַכט:
— דער עול פון צרכי צבור!
תלמוד תורה, לינת הצדק
און די גמילות חסדים קאַסע...
אַלע קעשענעס זענען ליידיק;
פול איז בלויז די שווערע משא.

זיצט און פלאַנעוועט די עליטע.
ס׳מאַטערט די אייביקע דאגה:
און אַז מען וועט הערן די שחיטה,
בלייבט אַלץ די זעלבע לאַגע.
פאַראַן אַזוי פיל נעמער,
אין די הכנסה איז קליין.
יעדער קומט מיט אַ עמער.
— גיב זיי וואַסער פון אַ שטיין.

נישטאָ מער דער גוטער אַמאָל.
נישטאָ מער די באַלעבאַטישע הכנעה.
נישט דער רב און נישט קהל
האָבן איצט די קלענסטע השפעה.
דער שטן פאַנעוועט אומעטום.
קורצע אַרבל און אייגענע האָר.
יונגען מיט מיידן לויפן אַרום
אין אַלדאָ וויסטע שוואַרץ יאָר.
יונגען מיט מיידן צוזאַמען
שיקט מען אין די שקאַלעס.
פאָלגט מען מער נישט דער מאַמען;
שפרינגט מען פון די האַלאַבאַלעס.
לאָזט מען איבער די גמרא,
און מען גייט אַוועק אין ביבלאָטעק.
פאַרפירט זיי דאָרט דער יצר הרע
ווו דער טייוול האָט אַן עק.

אבֿרהם יעקבֿ איז אַ ציוניסט.
ער פֿאַרקױפֿט שקלים אין שטיבל.
ער גיט אַװעק אומזיסט,
אױבֿ עמיץ האָט פֿאַראיבל.
שוסטער און שנײַדער געזעלן
לאָזן זיך פֿלוצלינג הערן.
קענען דאַכט זיך, קײן צװײ נישט צײלן,
געװאָרן רעװאָלוציאָנערן.
שיסט מען װי פֿון אַ האַרמאַט,
מען קאָכט זיך װי אַ װיכער:
— „קאַפּיטאַל" „פּראָלעטאַריאַט"!
און נאָך װערטער פֿון די ביכער.
שנײַדער, שוסטער, גאַרבער
סטרײַקן לשם מצוה;
װערט די לאַגע האַרבער,
קומט מען אָן צו קצבֿה.
מאַכט מען אַ רויטן פֿאָן
פֿון דער באָבעס פֿאַלערינע...
איצט פֿאַנגט עס זיך אָן.
סע ברויזט די גאַנצע מדינה.

לויפֿן פּאָליצײ מיט הינט,
קלאַפּן אין אַלע טירן.
װער סע קען פֿאַרשװינדט:
— זאָלן אַנדערע מאַרטירן.

אָט אַזוי האָט געלעבט אַ שטאָט
אײדער, אײדער, אײדער...
מאַמעס האָבן געהאָפֿט צו גאָט,
און קינדער זענען געגאַנגען אין חדר.
מאַמעס האָבן געבאַקן חלות;
און טאַטעס האָבן געסלוק'ט נדנים.
בחורים האָבן געקראָגן כּלות,
און מײדלעך חתנים.
שבת איז געװען זמירות,
בראַנפֿן נאָך די פֿיש.
געװױנט אין געירש'נטע דירות,
געפֿירט אַ באַלעבאַטישן טיש.

אַמאָל געפֿאַסט, אַמאָל געגעסן...
מען קוקט נישט אויף דער צונג.
דער שכן האָט די אַדרעסן,
און ער פֿאַרשטײט אויפֿן װונק.
אַמאָל אויף יום טובֿ אַ קאַפּאָטע.
אַמאָל אויף שבת אַן אורח.
אַז גאָט העלפֿט, פֿאַראַן די זלאָטע,
איז אַ ייִד נישט קײן קורח.
געהאַט פֿרײַנט, געהאַט שכנים.
באַהאַנדלט זיך קעניגלעך.
נישט פֿײַנט געהאַט חלילה קײנעם,
און ליב געהאַט די אײניקלעך.

אַ מענטש מוז דאָך שטאַרבן אַמאָל.
אײביג לעבט דאָך נישט קײנער;
איז געװען אַ קדיש, קבֿר ישׂראל,
איז געבליבן אַ דור אַ שײנער.

איצט איז דאָס בלויז זכרון.
אויסגעריסן מיטן שורש.
װײ איז אונזערע יאָרן,
אַז מיר האָבן נישט קײן יורש.

אליעזר קופּערמאַן

אַ שטאָט צווישן צוויי טייכן

אויף אַ באַרג איינגעטונקען אין גרינס, אַרומגערינגלט פון פעלדער, וועלדער, טייכן און שליאַכן האָט זיך געפונען אַן אַלטער יידישער ישוב: אָסטראָווצע.

אויף רעכטס — דער שמאָלער טייך „קאַמין", וואָס איז פאַרצייכנט אין אַלע יידישע טראַדיציע־אַקטן, ווי כתובות, גטין. אויף לינקס — דער ברייטער טייך „ליאָס".

איבערן גרויסן וואַסער ציט זיך נאָך היינט די לאַנגע בריק, וואָס פירט צו דער באַן און דאָס דאָרף קלימקאָוויטש — מיט זיין אייזן־פאַבריק און זיינע טויזנטער אַרבעטער, און נאָך אַנדערע גרויסע פאַבריקן און שטאָל־גיסערייען, וועמעס הויכע, העל־ציגלדיקע קוימענס גרייכן די הימלען — די „פּיטסבורג" פון פּוילן. און פון דער צווייטער זייט, נאָך דער בריק, הויבט זיי אַן דער שאָסיי־שליאַך קיין אַפּט און צויזמער.

דער שליאַך האָט זיך פאַרענדיקט ביי זאַוויכאָסט און צויזמער — ביים ראַנד פון דער ווייסל — דער דעמאָלטי־קער גאַליציש־עסטרייכישער גרענעץ.

אַרומגערינגלט פון שפּע'דיקע דערפער און פאַבריק־שטעט, האָט זיך געבויט אַסטראָווצע, געוואָרן גרייס און גרעסער. ס'איז אויסגעוואַקסן די פאַרשטאָט „דער סטאַוו". ס'האָבן געצויגן אַהין מענטשן פון אַלע נאָנטע און ווייטע שטעטלעך. די יידישע באַפעלקערונג האָט שוין געציילט איבער זעכצן טויזנט נפשות.

דער „קאַמין"

ביים ברעג פון „קאַמין" זיינען געזעסן אויף ברייטע, לענגלעכע ברעטער יידישע דינסטן און גויעס, באָרוועסע, מיט רויטע נאַקעטע קניען, און געוואַשן זייערע וועש.

נישט ווייט פון זיי האָבן יידישע וואַסערטרעגער געשעפּט זייערע קאָנען וואַסער. דאָס האָבן זיי געטראָגן אין די הייזער מיט זייערע העלצערנע „יאָרזשמעס", וואָס פאַלן ווי אַרונטער פון זייערע העלדזער און אַקסלען, מיט קורצע שטריק אָדער קייטן ביי ביידע זייטן, די קאַנען וואַסער צו באַהעפטן.

אַביסל ווייטער צו אויף לינקס — די הויכע רויט־ציגלדיקע וואַסערמיל און דאָס שיינע, ברייטע הויז דערנעבן, ווו ס'האָט געוווינט ר' שמואל דענקעווער, וואָס האָט געהאַלטן די מיל אין אַרענדע פון דעם פּריץ גראַף ווילעלאָפּאָלסקי — פון דער פּריצישער גזע, וואָס האָט נאָך דאָרטן געהערשט בימי אַלט־פּוילן.

ר' שמואל, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, איז געווען אַ מפונק, אַ חסידיש־געפּוצטער, גבירישער פּזרן און בעל־צדקה. ער האָט געפּראַוועט זיינע קינדערס חתונות מיט גרויסע, פייערלעכע שמחות, מיט געדעקטע טישן ביים טייך פאַר אָרעמעלייט — חתונה־שמחות וואָס האָבן אָנגעהאַלטן צו זעקס וואָכן.

דער טייך האָט זיך געשלענגלט צווישן גרינע לאָנקעס, געוואָרן שמעלער און טיפער אַקעגנאיבער דער שול און די בתי־מדרשים און זיך ווייטער אַוועקגעריסן פונם נידעריק־איינגעפאַלענעם שטאָטישן מרחץ. דאָס אָרט, ווו טייך דערנענטערט זיך צום פונקט אַנטקעגן דעם קינעווער שאָסיי, האָט מען גערופן „דאָס ברייטע שטיק".

דער טייך ציט זיך ווייטער, דאָ ברייטער, דאָ שמעלער, פאַרביי די גרינע פעלדער און גרויסן געדיכטן וואַלד לעבן בית־עולם, ווו ס'האָט זיך געפונען דער טאַרטאַק, די גרויסע זעג־מיל, מיט די הייזער און שלעסער.

די וואַלד־מלוכה

די וואַלד־מלוכה האָט געהאַלטן אין אַרענדע ר' מאיר העינע, דער לובלינער חסיד, אַ למדן און אַן אַריסטאָקראַט.

ר' מאיר האָט געפירט די מלוכה ביד־חזקה, מיט פיל באַדינער און משרתים, גוישע האָלצהעקער, מיט נאַכט־וועכטער, גאַיאָוועס אין גרינלעכע מונדירן, וואָס האָבן געטראָגן קליינע מעשענע טראָמפּייטלעך אויף רויטלעכע געפלאָכטענע שנירלעך אויף צו געבן פאַרשידענע סיגנאַלן; טייל פון זיי האָבן אויך געטראָגן צוויי־רעריקע ביקסן אויף די רעכטע אַקסלען.

דאָרטן זיינען אויך געווען יידישע, ברייט־פּלייציקע וואַלד־שרייבער, מיט קורצע קורטקעס אום זומער, און שווערע פעלצן מיט פוטערנע היטלען אום ווינטער — זיי האָבן פאַרשריבן די צאָל געשניטענע קלאַפּטער־האָלץ, אין גלייכע שערענגעס אויסגעלייגטע; און די אונטער־האַקטע אָדער אונטערגעזעגטע ביימער.

דאָס געהילץ האָט מען געקוילערט באַרג־אַרונטער און גרויסע, שטאַרקע פערד האָבן עס דערנאָך געשלעפּט אינעם טאַרטאַק אַריין מיט די גרויסע זעג־מאַשינעס.

לעבן טאַרטאַק האָט זיך געפונען דאָס גרויסע הויז, ווו די העינעס האָבן געוווינט זייט דורות. זיי, די ענערגישע בויער פון דער וואַלד־מלוכה, האָבן געצאָלט שטענדיק פאַר צען יאָר אין פאָראויס דעם גראַף ווילעלאָפּאָלסקי. זיי

האָבן געהאַט אַ שטענדיקן אָפּמאַך פאַר כּך־וכך קלאַפּטער און קוביק געזעגטע און געהאַקטע געהילץ. דער אָפּמאַך איז נישט געווען קיין געשריבענער, נאָר בלויז אויף זייער נאמנות, זייער הן־שלי צום גראַף און זיין פּאַרוואַלטער.

גראַף וויעלאָפּאָלסקי

וויעלאָפּאָלסקי איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מיט אַן איידל־געשניצט געזיכט, בלאָנדע האָר, גרויסע פּאַרדרייטע וואָנצן, און מילדע בלויע אויגן. ער איז געווען רירעוודיק, ווי קוועקזילבער. שטענדיק געטראָגן אַ ביטשעווקע אין דער האַנט.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, טראַגנדיק אַ קאַפּעליושל מיט אַ גרינער פעדער ביי דער זייט, פלעגט ער אַריינ־קומען אין מאַרק אין זיינע רייט־הויזן, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזוזן מאַסיווע, גוט־פּאַרמירטע פיס. ער האָט אַלע סאָרטן יידן — סוחרים, בעלי־מלאכות, מעקלער — באַגעגנט מיט זיין ליבן שמייכל.

ווען די יידן האָבן געצויגן זייערע פּוילישע קאַשקעטן און זיך געבויגן פאַר אים, איז דאָס חלילה נישט געטאָן געוואָרן מחמת מורא אָדער־חניפה, נאָר פון אינערלעכן דרך־ארץ און וואַרעמען געפיל צו זייער גוטן פּריץ, פון וועמען ס'האָט אַרויסגעלויכטן אמתע נאָנטע פריינטשאַפט — זיי האָבן אים ליב געהאַט אהבת־נפש.

און נישט אומזיסט. די יידן פון דער שטאָט האָט ער באַטראַכט פאַר אַ טייל זיין אייגן לעבן, ווייל יידן זיינען שוין לאַנגע דורות געווען פאַרבונדן מיט זיינע אבות. די פריינטשאַפט צו יידן איז שוין געווען אַ טראַדיציע ביי די וויעלאָפּאָלסקיס.

אַז ער פלעגט באַגעגענען דעם אָסטראָווצער רב, איז ער געפאַלן אויף זיינע קניען אפשר נאָך מיט מער יראַת־הכבוד איידער פאַר זיין שטאָט־גלח. און ער האָט זיך ניט אויפגעהויבן, ביז דער רב האָט אים גענומען ביי די הענט און אויפגעשטעלט.

דער גראַף מיט זיינע מקורבים פלעגן זיך אָפּט באַוויזן אין שטאָט אין זיין קאַרעטע מיט די געשפּאַנטע קאַרע פערד נאַשפּיץ. זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן אויף דער הויכער צייל ביי יאָסעלע פּעפּערס עלעגאַנט־פּריצישן ווייַן־געשעפט, אָדער ביי דער ישעיה'כע אויף דער צייל ביים טומאה־געסל.

אין די צווייַ רייכע, שיינע שענקן פלעגן זיי פאַרפאָרן טרינקען די בעסטע אונגאַרישע טאָקאַיען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. נאָכדעם פלעגן זיי נעמען די ביליאַרד־שטעקנס, צעברעכן אַלע פלעשער טייערע ווייַנען און באַצאָלן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר די היזקות.

וויעלאָפּאָלסקי איז קיינמאָל נישט געווען אין כּעס אַפילו ווען ער איז געקומען אַמאָל אַ שיכּורער צו מאיר העינע, רייטנדיק אויף זיין גאַלאָפּירנדיקן פערד. ר' מאיר האָט אים דעמאָלט געהאָלפן אַראָפּשפּרינגען פונם פערד, ער זאָל זיך חלילה נישט אויסגליטשן, און די דינער האָבן באַלד אַוועקגעפירט זיין פערד.

ר' מאיר, וואָס האָט גערעדט דעם שענסטן פּויליש, האָט אים אָפּגעגעבן כּבוד, ווי אַ קעניגלעכן פירשט אים אַריינגענומען אינם גרויסן זאַל, געוווירקט אויף אים, אַז ער זאָל זיך אַוועקלייגן אויף דער שענסטער קאַנאַפּע, געהאָפּטן מיט די שענסטע פראַנצויזישע האַנט־גאָבעלינען.

אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער בשעת דער גראַף האָט איינגעדרימלט. נאָכן אויפשטיין האָט ער טועם געווען פון זיינע באַליבטע נאַשערייען, די רוסישע קאַוויאַרן, די רויטע און שוואַרצע, די סיבירישע גערויכערטע סטוירדזשען־פישן, פאַרשיידענע פראַנצויזישע און שווייצאַרישע קעזן. ער האָט פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזער פון די ווייַנען, וואָס ער האָט אויסגעקליבן.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַ נאַטירלעכער התקרבות, וואָס ר' מאיר העינע האָט געפילט צום גראַף, און יענער איז אַלעמאָל געקומען אומגעריכט צו אים, נישט אַזוי וועגן די האַלץ־געשעפטן, ווי זיך אַראָפּריידן פונם האַרצן, סיי ווען ער האָט געליטן פון זיין ווייבס משוגענע קאַפּריזן, און סיי פון זיינע אייגענע דערדריקנ־דיקע אומעטן, וואָס זיינען אים באַפאַלן.

דער גראַף איז דאַן געקומען זוכן אַ טרייסט ביי ר' מאירן, און פאַרלאָזט אים שטענדיק אַ פריילעכער און אויפגעמונטערטער, ווי ער וואָלט אין אים אַ נייַע נשמה אַריינגעזעצט מיט די מעשיות און ווערטלעך פונם רבין, פון חז"ל, צוגעפּעפּערט מיט זיין אייגענעם קוואַלנדיקן הומאָר.

דער לובלינער רבי

אַרום הויז, פול מיט דינער און דינסטן, האָט זיך געפונען דער גרויסער לאַנגער בית־מדרש, מיט די לאַנגע טישן. ביי דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען דער הילצערנער, מיט שיינע קאַרניזן אויסגעשניצטער ארון־קודש, באַהאַנגען מיטן טונקל־רויטלעכן פּרוכת. אַ גאַנצע וואָך האָט דאָרטן געדאַוונט מיט אַ מנין ר' מאיר העינע מיט די וואַלד־שרייבער, וואָס האָבן געווינט אַרום טאַרטאַק אין אייגענע שטיבער.

אין פייערלעכע טעג פון חתונות און שמחות איז דער בית־מדרש געוואָרן אָנגעפּולט מיט פיל אורחים, ווי מיט ר' מאירס ליבע געסט, די לובלינער חסידים פון אַרום, און מען האָט געפּראַוועט טישן אויף אַ חסידיש־ברייטן שטייגער.

ס׳איז שוין געווען אַזאַ חזקה, אַז ר׳ אברהמלע, דער לובלינער רבי, זאָל נאָך שבת נחמו קומען צופאָרן יעדעס יאָר אַלס גאַסט פון די העינעס. דאַמאָלט זיינען די טישן פייערלעך געפּראַוועט געוואָרן אינם וואַלד־בית־מדרש, ווו דער רבי האָט געזאָגט תורה פאַר אַלע לובלינער חסידים פון אָסטראָווצע און די אַרומיקע שטעטלעך.

אָפּט איז דאָס פאָרגעקומען בין מנחה למעריב. דער גאַנצער בית־מדרש איז נאָר געוואָרן באַלויכטן פון דעם נר־תמיד, וואָס איז געהאָנגען איבערן ארון־קודש. אַלע וואָס זיינען געזעסן ביי לאַנגע טישן און די וואָס זיינען געשטאַנען הינטער זיי האָבן געקוקט אָנגעשטרענגט צום רבין וואָס האָט גערעדט מיט רמזים פון געטלעכער התגלות.

אַרום הויז זיינען דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן ביידלעך, ווו סהאָבן גענעכטיקט די חסידים פון דער פרעמד. דער אַרומיקער וואַלד איז געוואָרן אַ לאַגער פון געצעלטן. ר׳ מאיר העינע האָט באַזאָרגט אַלעמען מיט מאָלצייטן.

באַשטריימלטע חסידים האָבן באַגלייט דעם רבין אויף זיינע לאַנגע וואַלד־שפּאַצירן. דער רבי האָט זיך געקוויקט מיט די פּרעכטיקע וואַלד־ריחות פון די אייביק־גרינע סאָסנע־בוימער. די ווייכע גרין־באַגראַזטע און מאָכיקע ערד האָט געשפּרייט זיך ווי פּערסישע דיוואַנען און טעפּיכער.

דעמאָלט האָט דער רבי פאַרזוּיגן אַ שטילן ניגון, וואָס איז געוואָרן באַגלייט דורכן פויגל־געקלאַנג און אינזעקטן־געזשום. אַפילו דאָס זינג־זאַנג פון די זעגן אינם טאַרטאַק האָט זיך אויסגעמישט מיט די געזאַנגען.

אַזוי פאַרחושט האָבן די חסידים שפּאַצירט מיטן רבין, זינגענדיק, ביז די רויטלעכע ליכטשפּאַרעס פון דער זיך־זעצנדיקער זון האָבן זיי דערמאָנט, אַז ס׳איז באַלד צייט צו דאַווענען מנחה, און זיי האָבן געאיילט צוריק אין בית־מדרש.

ר׳ אברהמעלע אייגער, אַן אייניקל פון גרויסן פּויזנער גאון ר׳ עקיבא אייגער, האָט געזאָגט דאָרטן תורה אינם נוסח פון התגלות הבורא אַפילו אינם מינדסטן גרעזל, און אַז דער מענטש, דער בחיר פון דער יצירה, מוז דורך מעשים־טובים אויסשטראַלן דעם חסד ורחמים צו אַלץ און צו אַלעמען.

נאָך מעריב, ווען דער רבי איז אַריין אין דעם חדר מיוחד, וואָס ר׳ מאיר העינע האָט פאַר אים צוגעגרייט, האָט זיך ערשט גענומען פאַרטייטשן די רמזים פּנחס נעשעס, דער אייביקער קעסטניק, וואָס זיצט יומם ולילה איבער די הייליקע ספרים. פּנחס האָט מסביר געווען באַריכות פאַר די חסידים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, די תורה פון לובלינער רבין. די חסידים האָבן אָנגעקוואָלן פון דער טיפקייט און שיינקייט פון ר׳ אברהמעלעס דרך.

הינטערן באַרג

צופוסנס פונם באַרג, וואָס פירט אַרויף צו דער שטאָט האָט געוווינט אין אַן אַלט הייזל ר׳ מלך שענקער, אַ לאַנגער דאַרער ייד, מיט אַ העל בערדל, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שטיקל אכסניה. ער האָט נאָך געדענקט די צייטן, ווען דאָרטן איז געווען די „שלאָגבאַנק“, ווו מען האָט געצאָלט מס צו די גראַפן וויעלאָפּאָלסקי.

די אַרענדע פונם פּריץ איבער דעם מאָנאָפּאָל פון בראָנפן, האָט געהאַלטן ר׳ פּינטשע מינצבערג, דער יידישער אַריסטאָקראַט פון דער באַוווסטער פאַמיליע אין פּוילן — די מינצעס.

ביים סוף פונם באַרג, וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט — ווייל דער שאָסיי האָט זיך געקרייזלט אַרום און פאַרביי דאָס דענקעווער געסל — זיינען געווען עטלעכע גרויסע אויבסט־סעדער, וואָס עס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע יידן סאַדאָווניקעס.

דאַרע, שטאַרקע און זון־פאַרברענטע יידן ווי שניידער־געזעלן, אַנדערע באַלעמעלאָכעס און דינסט־מיידלעך, פלעגן זומער קומען אַהער רייסן קאַרשן. שבת פלעגן זיי בייסן די קאַרשן פון די בוימער מיט די מיילער. אין האַרבסט־צייט פלעגן זיי קומען קלויבן אויבסט און פלעגן באַצאָלן דעם סאַדאָווניק צען גראָשן פאַר יעדן שאָקל פון אַן אויסגעקליבענעם פּרוכטבוים.

די בלינדע קלעזמער

אויפן אַלטן מאַרק האָבן זיך אַרומגעדרייט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט שעפּטל און סראָל, די צוויי האַלב־בלינדע קלעזמער.

שעפּטל אַ הויכער, דינער, מיט זומער־שפּרענקעלעך אויפן גאַנצן פּנים, אין אַלטע קליידער — וואָס האָבן אָבער געבלאַנקט מיט זייער זויבערקייט — מיט אַ ווייס־געוואַשענעם גומענעם קאָלנער און שוואַרצן קראַוואַטל, וואָס זיינען געגלעט געוואָרן פון זיין שיין־פאַרשוירן, בלאָנד־פראַנצויזיש, שפּיציק בערדל.

סראָל, אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברייטער, אַ טונקעלער, איז געווען דער היפוך פון זיין קאָלעגע. סראָל איז געווען נאַכלעסיק, אָפּגעלאָזן, ניט אַכטונג געגעבן אויף הילוך און ריינלעכקייט.

ביידע האָבן געשפּילט אין יחיאלס קאַפּעליע אויף אַלטע פידלען ווי סעקונדאַנטן. מיט זייער גוטן געהער האָבן זיי געמאָסטן די אָפּגעהאַקטע טענער, געהיטן זיך נישט אַרויסצוגעבן מיט זייערע סמיטשיקעס קיין פאַלשן טאָן, חלילה.

יחיאל, וואָס האָט געהאַט אַ רונד פּנים ווי אַ קיילעכדיקע שיסל, מיט גרויע לאַכנדיקע אייגעלעך, האָט געריימט זיינע סעקונדאַנטן: „אַזעלכע אַקוראַטנע אונטערשפּילער וועט איר נישט געפינען, נישט אין וואַרשע, נישט אין פּיטערסבאַרג".

שעפּטל און סראָל האָבן זיך געפילט זייער געהויבן, הערנדיק וועגן זייער חשיבות און אָנגעלייגטקייט אין דער קאַפּעליע. אָבער וואָס טויג די פּאָלקע־מאַזורקע, אַז... זיי קריגן אַזוי ווייניק פאַר זייער שפּילן? זיי זענען געווען בייז און פאַרביטערט צוליב זייער שלעכטן מצב — זיי האָבן באַקומען בלויז צו אַנדערטהאַלבן גראָשן פון יעדן גילדן, וואָס קומט אַריין פאַר דער קאַפּעליע פון חתונות, פון בעלער ביי וויעלאָפּאָלסקין, אָדער פון שפּילן אויף די גאַסטראָלן פון די שוישפּילער פון וואַרשעווער אָפּערעטעטעאַטער.

און האָרעווען האָבן זיי געמוזט גאָר אַ סאַך ביי דעם. למשל, אַז ס'פלעגן קומען די וואַרשעווער געסט, האָט מען אויף שנעל געמוזט מאַכן פּראָבע אינם הילצערנעם טעאַטער אויפן „סטאַוו".

ראובעלע, דער דאַרער, שוואַרצער קלעזמער, מיטן טונקל־רויטן פידעלע, וואָס ער האָט געהיט ווי אַן אתרוגל, איז געווען דער גרעסטער קענער פון לייענען נאָטן — געלייענט אַ בלאַט נאָטן, ווי אַ ייד אַ למדן אַ בלאַט גמרא אָדער „עין יעקב", צי „משניות". אמת, אין שפּילן לויט די נאָטן איז עס צוגעגאַנגען נישט אַזוי לייכט. די מבינים פלעגן פונדעסטוועגן אויסרופן מיט אַנטציקונג: — אוֹוואַ, וואָס פאַר אַ קענער דער ראובעלע איז!

יחיאל'ס זון, מענדל, וואָס געהאַט אַ געוועלב פון קאַפּעליושן און געשפּילט אויף אַ פלייט, האָט אויך געקענט לייענען נאָטן. די אַנדערע קלעזמער ווי לאָזער, שאַיע, בערל, האָבן געשפּילט אויף טראָמפּייטן. זיי האָבן זיך דאָס אויסגעלערנט ביים דינען אין מיליטער. דאָס ביסל נאָטן־לייענען, וואָס זיי האָבן אַמאָל געקענט, האָבן זיי אויך פאַרגעסן צוליב זייער שטענדיקער פאַרנומענקייט אין די יאַטקעס ווי קצבים. פלעגן ראובעלע און מענדל איבערשפּילן די טעאַטער־שטיק עטלעכע מאָל פאַר די אַנדערע קלעזמער. די אַ גאַנצע וואָך פאַרהאָרעוועטע קלעזמער, וועלכע האָבן זיך געפילט אין דער קאַפּעליע ווי די לוויִים אין בית־המקדש, פלעגן הערן מיט אָפענע מיילער, שטיין פאַרחלומטע מיט זייערע פידלען, טראָמפּייטן, קלאַרנעטן, פּויקן, טאַצן, און פּאַגאַפּטע שלינגען די טענער פון דער שיינער מוזיק, ווי אין דער אָפּערעטע „די לוסטיקע אלמנה", ביז זיי האָבן צוביסלעך שוין געקענט שפּילן אויף אויסווייניק.

יחיאל אַליין, וואָס פלעגט שטיין דערביי, האָט אויך נישט געקענט לייענען קיין נאָטן. ער האָט אָבער געהאַט אַזאַ גוטן געהער, אַז אים איז גענוג געווען איינמאָל צו הערן אַ שפּיל, האָט ער עס שוין געקענט ביז דער לעצטער נאָטע. ער איז דאָס געווען דער, וואָס פלעגט ביים שפּילן געבן מיט זיין סמיטשיק די סיגנאַלן צו די אַנדערע קלעזמער, ווען און ווי אַזוי אונטערצוהאַלטן, זיך איינהאַלטן, אַריינקומען, אַריינפאַלן, ווען זיי דאַרפן זיך די הענט צעפירן און ווען זיך אָפּצושטעלן. ער האָט אויך געגעבן די סיגנאַלן צו די שוישפּילער, אַקטיאָרן, אַקטריסעס, אַמאָל אויך טענצער, ווען זיי דאַרפן זיך צעזינגען און ווען צעטאַנצן.

חיימקע, דער וואַסער־טרעגער, אַ יונג מיט ביינער, האָט געשפּילט אויף דער פּויק און די מעשענע טאַצן. און ער האָט טיילמאָל געזעצט מיט אַזאַ גבורה אויף די אינסטרומענטן, אַז יחיאל האָט פאַרגעסן צו געבן די סיגנאַלן און אַליין געוואָרן מיטגעריסן, געריבן מיטן סמיטשיק אויף זיין פידל, אַזש די סטרונעס האָבן געפּלאַצט.

און ס'האָט אויך געטראָפן, אַז די פּוילישע טרופּע איז געקומען אין אַ מאַרק־טאָג און מ'האָט געמוזט שנעל

מאַכן די פּראָבע — דעמאָלט האָט ראובעלע געפינען דעם צווילינג, שעפטלען מיט סראָלן, אויפן מאַרק.

וואָס טוען זיי אויפן מאַרק? אייגנטלעך האָבן זיי גאָרנישט געקויפט — נישט געהאַט מיט וואָס. צו טאַפּן און פאַרזוכן די אויסגעשטעלטע פּראָדוקטן, און כאַטש דורכדעם זעטיקן דעם הונגער און דורשט. — אויך דאָס האָבן זיי זיך געשעמט צו טאָן, נישט געהאַט גענוג מוט און חוצפּה. זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרטריקנטע מיילער.

זיי האָבן נאָר געקוקט מיט זייערע האַלב־בלינדע אייגן אַנגעשטרענגט צו דער ערד, גענישטערט מיט זייערע בליקן, אפשר וועט זיי גאָט, אָדער אליהו הנביא, אונטערוואַרפן אַ פאַרלוירן בייטעלע, אַ קניפּל מיט עטלעכע גילדן, אַ גאָלדן רינגל, צי גאָר אַ בריליאַנט...

שעפּטל און סראָל זיינען ביידע געגאַנגען ווי שותפים, געשאַרט מיט זייערע פיס אין זאַמד און אין דער בלאָטע, ביז ס'האָט אַמאָל געגעבן אַ בליאַסק, — אין די מערסטע פאַלן איז עס געווען אַ שטיקל בלעך, — האָבן זיי דאָס אויפגעהויבן, צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן, באַקוקט און באַטאַפּט עס פון אַלע זייטן, און עס אַוועקגעוואָרפן מיט אַנטוישונג. טיילמאָל האָבן זיי אויפהויבן אַ גלאַנציק שטיקל גלאָז — נישט קיין בריליאַנט, נאָר אַ שפּליטער פון אַ גלאָז פלאַש צי פּאַטשערקע.

אָבער ס'האָט אַמאָל געטראָפן, אַז זיי האָבן געפונען אַ גאַנץ זילבערנעם פּעריציקער. נאָך זעלטענער האָבן זיי געפינען אַ האַלבן רובל שטיק. און ס'האָט שוין געטראָפן, אַז שעפּטל האָט איינמאָל, נאָר איינמאָל אין זיין לעבן, געפינען אַפילו אַ גאָלדענעם פינף רובל שטיק, אַן אימפּעריאַל.

איז וואָס מיינט איר האָבן זיי געטאָן? זייענדיק ביידע אַחים־לצרה, איז דאָס שותפים־פּאָרל אַוועק צו הערשל כאַליערע אין דער טריפהנער שענק, אויפגעגעסן אַ פערטל געגנזנס מיט אַן אָנגעפילט מעגעלע, געמאַכט צוויי שנעפּסלעך, און די איבעריקע פיר און אַ האַלב קערבלעך צעטיילט גלייך אויף גלייך.

האָבן זיי קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן דאָס גרויסע געפינס, דעם גאָלדענעם אימפּעריאַל... אָבער געוויינטלעך האָבן זיי אַזוי געשאַרט אַ גאַנצן מאַרק־טאָג מיט די פיס און נישט געפונען קיין גראָשן. האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין מיד און פאַרביטערט געווען פון שאַרן מיט די פיס, האָט אויפגעזוכט ראובעלע, געהייסן לויפן שנעל אַהיים נאָך זייערע פידלען, און קומען אינם טעאַטער אויפן „סטאַוו" צו מאַכן פּראָבע.

סראָל האָט זיך דאַן געוויצלט מיט שעפּטלען:

— נו, באַשערט אַן אומגליק, מיר וועלן זיכער צוליב דעם פאַרלירן אַ זשמעניע גאָלדענע אימפּעריאַלן...

און שעפּטל האָט אים שפּאָטיק אָפּגעענטפערט:

— דערפאַר וועלן מיר באַלד נעמען אין אונזערע מוזיקאַלישע הענט אַריין די פערטלעך געגנזנס.

דאָס האָט ער אַזוי גערופן די פידלען, וואָס גיבן זיי נישט קיין פּרנסה, קיין עולם־הזהדיקס. זיי האָבן אויך געוווסט, אַז נאָך דער פּראָבע וועט מען מאַכן אַ כוסה ביי יחיאלן און מ'וועט ווידער קריגן ביז אים עטלעכע גילדן אויף שבת. זיי האָבן מיט אים געהאַט אַ שטענדיקן אָפּמאַך צו קריגן אין פאָרויס אויף שבת און ימים טובים. זיי זענען געווען אייביקע בעלי־חובות צו אים. זיי האָבן אים דערפאַר ליבער געהאַט פון אַן אייגענעם ברודער.

זיי האָבן אויך אָנגעקוואָלן פון זיינע יינגלשע שטיפערייען, אַפילו פון זיין פאַרגינען צו קנייפּן די שענסטע מיידלעך ביים טאַנצן אויף חתונות.

בייטאָג אויפן אַלטן מאַרק

אויפן באַרג איז אויך געשטאַנען די גרויסע תיפלה, מיט איר הויכער שטיינערנער, ווייסער און אַרומגעצוימטער מויער. באַוועצט מיט אַלטע דזשאַדעס — בעטלער — וואָס מורמלען הייליקע קריסטלעכע געבעטן.

יידן וואָס פלעגן לויפן אין מאַרק אַריין דורכן שמאָלן טומאה־געסל, האָבן נישט פאַרגעסן צוצוהאַלטן זייערע קליינע פיליש־יידישע קאַשקעטלעך, כדי דער ווינט זאָל, חלילה, נישט פאַראורזאַכן זייער גילוי־ראש פאַר דער דער טומאה און זיי זאָלן דערביי נישט פאַרגעסן צו זאָגן „שקץ תשקצנו".

אינעווייניק אינעם מאַרק האָט אַדורכגעשניטן דער שאָסיי. אין דער מיט זיינען געשטאַנען פיר ציילן נידעריקע און הויכע הייזער — ווי אַ געשלאָסענע פעסטונג. צוויי מאָל אין וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק — זענען געווען די מאַרק־טעג, יאַרידים. ווו ס'פלעגן קומען אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער און ברענגען צום פאַרקויפן מכל טוב. יידישע שניידער, טאַנדעטניקעס פון ביליקע ציגענע פויערישע קליידער, היטל־מאַכער, סטאָליאַרעס מיט אַלערליי פויערישע הויז־חפצים, יידישע שטאַרק־פּלייצעדיקע באַנדאַרעס מיט אַלערליי וועגענער — אַלע האָבן צעשטעלט זייערע סחורות אויף די אויבערשטע ציילן פונם מאַרק, עטוואָס באַרג־אַרויף. דאָרטן האָבן געוווינט די פּני: יידישע סוחרים און גבירים, ווי די מינצעס און פּעפּערס, מיט זייערע שיינע געוועלבער.

אונטערן בערגל אינם מאַרק איז געווען אַ רעש און געפילדער פון פערד און חזירים, וואָס די פויערים האָבן געברענגט צום פאַרקויפן. דער גרויסער מאַרק איז געווען געפּאַקט מיט וועגענער, פול ווייצן און קאָרן, הינער און גענז. ביי דער זייט צייל זיינען געזעסן מיט פאַרלייגטע



כיכר השוק

דער מארק־פלאץ

פיס אויף די שטיינערנע טראָטואַרן די דאָרפס־פּויערטעס אין זייערע ציצענע קליידער מיט פולע שטיינערדיקע טעפּ פּוטער און קעז, צוגעדעקט מיט פריש־גרינע בלעטער. נאָנט דערביי זענען געשטאַנען פּויערישע וועגענער מיט אַלערליי קוישן אויבסט, פולע טעפּ מיט יאַגדעס און ווינפּערלעך.

אַלע שענקען זיינען פול געווען מיט פּויערים און פּויערטעס. אין דרויסן, לעבן דער פּראָפּאַנאַציע, האָבן זיי געקנאַקט פלעשער בראָנפן אין די אָפענע הענט מיט פּויערישער קראַפט, אַזש די קאָרקעס זענען געפלויגן אין דער לופטן, מיט אַ ליאַרם און האַרמידער. פּויערים זענען געשטאַנען ביי יידישע געשעטלן, געמאַסטן און גע־דינגען זיך מיטן צוקלאַפּן אין די אָפענע הענט. די געוועל־בער זיינען פול געווען מיט קונים. יידן האָבן געהאַנדלט מיט ברען, אויסגעקויפט ביי די פּויערים זייער געברענגטע סחורה, קאָנקורירט איינער מיטן צווייטן, געוויגן און געמאָסטן. צווישן זיי האָבן זיך געדרייט אַסאַך אָרעמעלייט, און געבעטן נדבות. מייסטנס זענען זיי געווען פון די פרעמדע נאָנטע שטעטלעך פון אַרום.

חנא דער הויקער

צווישן זיי האָט זיך אויך אַרומגעדרייט חנא דער הויקער. ער האָט געהאַט רויטע קיילעכיקע בעקעלעך, אַ קורץ בלאָנד בערדל, מיט העלע גרויע אייגעלעך, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס — נאָר צושטאָלץ צו בעטלען. אין די צוויי פּאָר אים גליקלעכע טעג האָט ער געטאַפּט יעדע סחורה, מעשה סוחר. ער האָט געפרעגט אויף פּרייזן, געדונגען זיך — אָן אַ גראָשן אין קעשענע. ער האָט פאַרזוכט פון אַלע טעפּ קעז און יאַגדעס, פון אַלע פּירות אין די קוישן — די איינציקע פריידיקע טעג פון אָנעסן זיך צו זאַט. ער האָט געהאַט הנאה פון בלאָזן מיטן מויל די געבונדענע הינער און געגנז אין זייערע אונטערשטע טיילן — צו זאָגן מבינות אויף זייער פעטקייט. לצים און יינגלעך־קונדסים האָבן דערביי געלאַכט און חנא האָט געשאָלטן זיינע אויסלאַכער, הלמאי מ׳פאַרגינט אים נישט דאָס טאַפּן און בלאָזן און געמורמלט פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן: „וואָס אַרט עס אייך? לאָמע מיינען אז כ׳האַנדל" — און דאָס איז געוואָרן אַ ציניש ווערטל וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל.

דאָנערשטיק האָבן זיך געשטעלט די פישער־הענדלער מיט זייערע גרויסע, הויכע פעסער לעשטשעס, סענדיקעס און קאַרפּן, און פאַרקויפט זיי שנעל צו די באַלעבאָסטעס. די זיצערינס, מייסטנס אַלמנות, האָבן געהאַט אַ גוטן פדיון די צוויי טעג פון ערב־שבת. אַזוי אויך די קצבים. זיי האָבן געהאַקט מיט העק און לאַנגע מעסערס זייערע פליישן, ווי אויך די הינער און געגנז, וואָס פיל באַלע־באָסטעס קויפן אויף שבת.

שבת אין שטאט

פרייטיק בייטאָג איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע פיר ציילן פונם מאַרק דער שטאָט-שמש מאיר פאַרבער, וואָס איז טאַקע געווען אַ פאַרבער, און זיינע הענט האָבן דערפון געהאַט אַלערליי קאָלירן, און גערופן מיט אַ פאַמעלעכן אויסגעצויגן-זינגענדיקן קול: אין באָד אַריין! אַביסל שפעטער האָט ער געקלאַפט מיט אַ הילצערנעם האַמער אין די טירן פון אַלע קראָמען און הייזער, אַ צייכן און אָנזאָג, אַז דער ליבער און הייליקער שבת קומט אָן, און ס׳איז צייט צו פאַרמאַכן די קראָמען און בעלי-מלאכהשע וואַרשטאַטן. דער מאַרק פאַרנאַכט-צו איז געוואָרן אויסגעליידיקט, פוסט. אין אַלע אויבערשטע פענסטער איבער די קראָמען האָבן זיך באַלד אָנגעצונדען די פאַרשידענע הענגלאָמפן.



ביי די שבת-ליכט אין מעשענע און זילבערנע לייכטער און קאַנדעלאַברעס אויף די ווייס-געדעקטע טישן זיינען געשטאַנען צניעותדיקע מאַמעס און באָבעס, אַרומגערינגלט פון קליינע און דערוואַקסענע טעכטער, אויסגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע, מיט פאַרפלאָכטענע צעפ — פול מיט יידישן חן.

זיי זענען געשטאַנען מיט זייערע הענט-באַדעקטע אויגן און געפליסטערט הייליקע געבעטן אין אלט-יידיש, פול מיט שטילן עקסטאַז און שטילן געוויין, — געבעטן גאָט אויף גוטע זיווגים פאַר זייערע טעכטער און זין.

— יידן זיינען שוין אַריין אין שטריימלעך און אַטלאַסענע קאַפאָטעס, אַנדערע — אין שוואַרצע, לאַנגע סורדוטן, מיט סאַמעטענע און זיידענע פויליש-יידישע קאַשקעטן. טייל ווייבער זענען געווען אויסגעצירט מיט אַריינגעשטעקטע ציטער-שפילקעס, מיט שנירן פערל און דימענטענע קאָליעס אויף זייערע העלזער — אַלע זענען געגאַנגען שטיל-שבת׳דיק, פסיעה-קטנה׳דיק, אין דער גרויסער שול אַריין, וואָס איז שוין איבער פיר הונדערט יאָר אַלט. די קיילעכדיקע, זייער הויכע שול, געבויט פון ריינעם פימפסן-האָלץ, אָן אַ נאָגל אין איר, נאָר ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק, מעור אחד, איז ערשט נישט לאַנג אונטערגעבויט געוואָרן מיט אַ נייעם פונדאַמענט.

ס׳האָבן געשיינט מיט שבתדיקע חדוה׳קייט די גערער, די אַלעקסאַנדערער, די לובלינער, די קאָזשעניצער, די מאָדזשיצער אין זייערע חסידים-שטיבלעך. זיי האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון שול, מיט אירע דריי בתי-מדרשים און אַרומגערינגלטן שטיינערנעם מויער מיט זיינע דריי טויערן — אָפענע אַריינגאַנגען. יידן בעלי-מלאכות און טרעגער, ברייט-פלייציקע, מיט געקרייזלטע שבתדיק-פאַרקעמטע בערד, האָבן געצויגן אין דער שול און אין די בתי-מדרשים צום קבלת-שבת. דער מאַרק איז געווען הויל און ליידיק. די ברענענדיקע שבת-ליכט און לאָמפן פון די פיר זייטן האָבן אויסגעזען ווי אַ פייערלעכע אילומינאַציע פאַרן געטלעכן, הייליקן, קעניגלעכן שבת.

ווען אַ פויערישער וואָגן האָט זיך געלאָזט גאַלאָפ איבערן שאָסיי, וואָס שניידט דורך דעם מאַרק, האָט זיך געהערט אַן עכאָ, אַ ווידערקול אינם חלל אַריין, וואָס האָט נאָך בילטער געמאַכט די מנוחת-שבת פון אַ גרויסער עדה יידן, וואָס לעבט גאַנץ מיט איר גאָט און זיינע הייליקע געבאָטן, און מיט איר געשאַפענעם נוסח און לעבנס-שטייגער.

דער אַלטער בית-המדרש

דער אַלטער בית-המדרש איז געשטאַנען אויף רעכטס אינעם שול-הויף. פון צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָבן זיך געצויגן צו אים די לומדים פונעם שטאָט. ר׳ פישעלע, דער קליינער דאַרער מלמד מיטן שמאָלן בערדעלע, וואָס האָט געלערנט מיט די דערוואַקסענע בחורים, איז געקומען דער ערשטער. ביי אַ לאַמטערן האָט ער אריינגעכאַפט אַ שווערן חושן-משפט, אָדער אַ יורה-דעה, איידער עס זענען געקומען זיינע פיר תלמידים. דערנאָך זענען געקומען אַנדערע, געצויגן ספרים פון די שענק, וואָס זענען געהאָנגען אויף שוואַרצע ווענט, און געלערנט ביי נאָך שוואַרצערע טישן. שפעטער, אַרום זעקס אין דער פרי, זומער און ווינטער, איז דער אַלטער בית-המדרש געווען איבערגעפאַקט. ער האָט געהאַט הויכע פענצטער און לאַנגע טישן פון דריי זייטן, ווי א חי״ת, מיט בענק אַרום און אַרום פוןביידע זייטן, מיט אַ גרויסן ווייס-געקאַלכטן אויוון

ביים אַריינגאַנג, און לעבן דעם כיור — דער גרויסער קופערנער קוואָרט צו וואַשן די הענט.

אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן האָבן געצויגן פון אַלע געסלעך מיט די לאַמטערנעס אין זייערע הענט די יונגע בית־המדרשניקעס אינעם אַלטן בית־המדרש אַריין צו לערנען. אַלע האָבן געמוזט פאַרבייגיין דעם פּאָליש פון דער שול, ווו פּאָרנט, ביים אַריינגאַנג, האָבן געהאָנגען אויפן הילצער־נעם סלופּ צוויי אייזערנע האַלז־קלאַמערן, — די „קונע" — אַ זכר נאָך פון די אַמאָליקע צייטן ווען מהאָט אַ חוטא איינגעקלאַמערט זיין האַלז, און יעדער פאַרבייגייער האָט אים געשפּיגן אין פּנים בכדי ער זאָל אָפּקומען פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד, געלייטערט צו ווערן דורך דער שאַנד און צו ווערן אַ חוזר למוטב.

אַ ביסל ווייטער אויף לינקס, לעבן ארון, ווו מ'וואַרפט אַריין די שמות, איז געשטאַנען דאָס גרויסע טהרה־ברעט, אויבן עטוואָס פאַרשפּיצט אַן אימה און פורכט פאַר אַלע, וואָס ציען מיט די לאַמטערנעס אין בית־המדרש אַריין צו לערנען און צו דאַוונען.

דער בית־המדרש איז שנעל געוואָרן אָנגעפילט, אַלע טישן באַזעצט. די שפּעט־געקומענע האָבן געמוזט אַדורכ־שטופּן זיך מיט די פּיס, כדי צו געפינען אַ שטיקל פּלאַץ. יעדער — מיט אַ גמרא אין האַנט. טייל האָבן געלערנט זאַלבעצווייט. ביי די ראַנדן פון די טישן זענען געזעסן, אַ דאַנק אַ חזקה, עטלעכע שטאָט־מלמדים מיט זייערע תלמידים. ביים ערשטן טיש אויבנאָן, ביי דער מזרח־וואַנט, לויט אַן אַלטן מנהג, האָט דער רב פון שטאָט מדריך געווען די יונגע בית־המדרשניקעס און אויך בייהילפיק געווען אַלעמען מיטן ענטפערן אויף שווערע קשיות און סוגיות.

קעגנאיבער, ביים אַנדערן עק טיש פאַרן איינגאַנג, איז געשטאַנען ר' נפתלי דאַלוסער, אַ דאַרער ווי אַ לולב, ביי אַ הייסן סאַמאָוואַר, און געבלאָזן מיט אַ כאָלעווע די האָלץ־קוילן, כדי צוצוגרייטן דאָס וואַסער מיט מילך. ער איז געווען אַ „יורד", פאַרלוירן זיין וואַסערמיל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אין דאַליס פונם פּוילישן פּירשט. ער האָט חלילה נישט מתרעם געווען אויף זיין אָרעמער ירידה, נאָר מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, פול מיט התלהבות, האָט ער פון אויסנווייניק געזאָגט קאַפּיטלעך תהלים. און אויב ער האָט מער נישט געקענט העלפן פאַרבייפאָרנדיקע אָרעמעלייט און שיקן וועגענער מיט קאַרטאָפל און האָלץ אלס מתן־בסתר צו די פאַרבאָרגענע אביונים אויף ווינטער, האָט ער איצט אונטערגעלענט די הערצער פון אָרעמע בית־המדרשניקעס און אָרעמע בעלי־מלאכות אויף דער עלטער מיט גלעזער טיי און וואַסער מיט מילך. ער האָט דערפאַר גערעכנט צוויי גראָשן און אויך געגעבן אויף באָרג צו די וואָס האָבן נישט געהאַט ביי זיך די צוויי גראָשן. יעדער איז ביי אים געווען אַ בעל־בטוח, ווייל איבער אַלעמען איז דאָך גאָט דער בעל־רחמים, וואָס פאַרגיטיקט אַלעמענס שולדן.

די חסידישע, גבירישע באַלעבאַטים פון ר' אשר הערצס שניט, וועלכע האַלטן זייערע ווייכע געטאָקטע הענט מיט ווירדיקער רחבות אין זייערע זיידענע גאַרטלען; די קינסטלער־באַלמעלאָכעס פון משהל פנחס'עס שניט (וואָס האָט אויסגעזען מיט זיין ברוינעם לאַנגן געזיכט, מיט זיין אָדלער־נאָז און גרויסע, ליכטיקע וואַרעם־ברוינע אויגן, און מיט זיין זויבערן־געקרייזלטן שוואַרצן בערדל ווי אַן אָריענטאַלישער פּרינץ. איבער אים האָט מען זיך געסודעט, אַז ער האָט יעדן שבת מחלוקתן מיט זיין צווייטער ווייב, דאַכע. זי פּאַקט אים אַלעמאָל ביים קומען פון מקווה פאַרן דאַוונען גיין, אַז ער האָט פאַרטאַכלעוועט די ריינע וועש, אַוועקגעבנדיק עס צו אַן אָרעמען חסיד, און קומט אַהיים מיט זיינע אַלטע וועש אויפן לייב און זי מוז אים געבן אַנדערע וועש זיך איבערצוטאָן) — זיי, אָט די יידן, אין זייער שפּע'דיקער רחבות, האָבן געוואָלט נישט אַנדערש. נאָר צו האָבן דעם גרעסטן גאון פאַר זייער רב.

יחיאל מגיד־ראָזעבערג ז״ל

די יידישע יוגנט פאַרווײַלט זיך

יחיאל מגיד־ראָזענבערג ז״ל — דער מחבר פון דעם אַרטיקל און פון פיל אַנדערע אַרטיקלען אינעם יזכור־בוך און איינער פון זיינע איני־ציאַטאָרן — איז געשטאָרבן אין סאַו־פּאַולו, בראַזיל, אין חודש מערץ 1970, און נישט דערלעבט צו זעען דאָס יזכור־בוך אין דרוק.

אָסטראָווצע האָט געהייסן אין פּויליש: אָסטראָוויעץ־נאַד־קאַמיענע, צוליבן טייך וואָס האָט זיך גערופן „קאַמיענע". אין דער ווירקלעכקייט זענען אין אָסטראָווצע געווען צוויי טייכן: איינער האָט געהייסן „קאַמיענאַ" און האָט געהערט צו קריסטן, ווייל ער איז געווען אין דער קריסטלעכער געגנט. דאָרטן האָט מען זיך געבאָדן און געבראָטן אויף דער זון נאָר אין באַד־קאָסטיומען, ערשטנס ווייל דאָרטן האָבן זיך געבאָדן יונגוואַרג, מענער און פרויען צוזאַמען אויפן מאָדערנעם גרויסשטעטישן אופן; צווייטנס איז עס געווען אַ געגנט מיט פיל דורכגייער, אויף דעם אַזוי גערופענעם „וואָעל", ווי מען האָט עס גערופן אויף יידיש.

ווי געזאָגט האָבן דאָרטן געוווינט בלויז קריסטן, נאָר דאָרטן האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט באָדן יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן געוווינט אויף דער אַלייע גאַס און אין דער אומגעגנט. פון דאָרטן איז געווען נאָענט צום טייך און זיי פלעגן געבן אַ שפרונג אַריין אין טייך און צוריק אַהיים. דאָס זענען געווען יוגנט וועלכע זענען געגאַנגען קורץ געקליידעט, אָבער אַ ייִנגל מיט אַ יידיש היטעלע און אַ לאַנגע קאַפּאָטע האָט זיך ניט ריזי־קירט צו גיין אַהין זיך באָדן. ביז ער איז דערגאַנגען צום טייך האָט ער דערווייל אַריינגעכאַפּט קלעפּ און זידלערייען און אַמאָל אויך אַ לאָך אין קאָפּ פון אַ שטיין. פיל מאָל האָבן יידישע בחורים מלחמה געהאַלטן מיט די שקצים ביים קאַמיענע־טייך און נישט איינמאָל האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די טעריטאָריע, ווייל די קריסטן זענען געווען די מערהייט דאָרטן.

עס איז אויך געווען אַ יידישער טייך, אַ טייך פון וועלכן די יידישע געזעלשאַפט האָט געצויגן נוצן. דער דאָזיקער טייך איז געווען געטיילט אויף פיר טיילן: די מיל, וואָס איז געווען אין יידישע הענט און איז געטריבן געוואָרן דורך דעם וואַסער פון טייך; דאָרטן איז געוואַשן געוואָרן די וועש פון די אָסטראָווצער יידן, דערביי פלעגן די פרויען צוזאַמען מיט זייער וועש מיטנעמען די קינדער און זיי אויסבאָדן אין טייך; דאָרט איז אויך געווען אַן אָרט, וואָס מען האָט גערופן „דער־קעסל־גרוב" און אַהין האָט מען ניט געלאָזט די קינדער שווימען, ווייל עס איז געוואָרן דורך דעם וואַסער פון טייך; דאָרטן איז געוואַשן געשען אַן אומגליק; די מיל האָט אויך געגעבן דער שטאָט עלעקטרישע באַלייכטונג, אָבער עס האָט אַסאַך מאָל געטראָפן, אַז עס איז ניט געווען גענוג וואַסער אין טייך, האָט זיך די מיל אָפּגעשטעלט און אויך די עלעקטרישע באַלייכטונג האָט אויפגעהערט, אַזוי אַז מען האָט זיך געמוזט צוריק נעמען צו די נאַפט־לאָמפּן און לויפן קויפן ביי חנה־רבקה אין געוועלב אינמיטן מאַרק אין צענטער שטאָט אַ קווערטל נאַפט.

די צווייטע טייל פון טייך איז געווען ביי די ציגעלניע. בחורים פון דער ישיבה „בית יוסף" דנאָוואָראָדאָק. דער דאָס שטיקל טייך האָבן באַנוצט אַ גאַנצן זומער די ישיבה טייך איז דאָרטן געווען פאַרשטעלט מיט דער ציגעלניע און מיטן גרויסן הויף, ווו עס זענען געוואַקסן ביימער און דאָרטן האָבן זיי זיך געבאָדן אין די הייסע זומער טעג.

אויך תשליך האָט מען געפּראַוועטביים דאָזיקן טייך, ווייל עס איז געווען נאָנט פון בית המדרש.

אַביסל העכער איז געווען מאַטעס וואָרמאַנ'ס גאַרבאַרניע. דאָרטן זיינען געווען בענק אויף אויסצוטאָן די קליידער און טרעפּ אויף אַראָפּצוגיין אין וואַסער אַריין און אַן אָנהאַלט ביי דער זייט, טאַקע ממש ווי אין אַ ספּעציעלע באָד. דאָס אָרט איז געווען בלויז פאַר מענער און מען האָט זיך דאָרטן געבאָדן אינגאַנצן נאַקעט. דער אָפּצאָל איז געווען 10 גראָשן. פּאָרנט איז אויך געווען אַ צוזאַמענגעקלאַפּטע סוכה פון ברעטער, וואָס האָט געדינט פאַר אַ מקווה; טיף אין דער גאַרבאַרניע איז געווען נאָך אַזאַ סוכה פון ברעטער פאַר פרויען, דאָרטן האָט שוין געקאָסט 20 גראָשן. פּאָרנט איז געזעסן מאַטעסעס יונגסטער זון, גרשון, און איינקאַסירט די אָפּצאָלן. פרייטיק איז דאָרטן געווען אַ גרויסער טומל און אין די הייסע זומער טעג האָט דאָרט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק.

אַביסל העכער איז געווען די „דאַלעס", ווייט פון דורכגאַנג פאַר מענטשן און אויך דאָרט האָט מען זיך געבאָדן מוטער־נאַקעט. נאָר דאָרטן איז שוין געווען שטילער און מען האָט דאָרטן געקאָנט זיצן און ליינען אַ ביכל אין געהיים, וואָס מען האָט ניט געקאָנט טאָן אין שטוב. דאָרטן האָט מען זיך אָפּגעשמועסט מיט פריינט צו טרעפן און שמועסן וועגן פאַרבאָרגענע ענינים. טיילמאָל האָט מען זיך דאָרטן אויך געטראָפן מיט אַ מיידל אין געהיים כדי קיינער זאָל ניט וויסן. דאָס אָרט האָט מען גערופן די ראָפּציזניס.

אויף דער צווייטער זייט פון די ראָפּציזניס הינטער דודל לעדערמאַנ'ס גאַרבאַרניע איז געווען אַ גרויסע לאָנקע וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום ווייסן יאָסל'ס הויז. די לאָנקע איז געווען אין אַ טאָל און אין ווינטער האָט זיך דאָרטן אָנגעלייגט דער שניי און ווען עס האָט געלאָזט דער פראָסט איז דאָס אָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייך, און ווייל ער האָט זיך פאַראייניקט מיטן טייל פון די ראַפּציזניס האָט עס אויסגעזען ווי אַ ים אויף וועלכן עס קענען פאָרן שיפן. ווען דאָס דאָזיקע וואַסער איז געווען פאַרפרוירן איז עס געווען דער אידעאַלער פלאַץ צו גליטשן זיך.

דער הויפּט־אַריינגאַנג צו דעם פאַרוויילונגס־פלאַץ איז געווען דורך דער קיניווער גאַס, נעבן דעם ווייסן יאָסל'ס הויז. ווייל קיין אָפּצאָל האָט מען ניט געדאַרפט צאָלן פלעגן קומען אַהין אָרעם און רייך, ווער מיט ליזשוועס און ווער מיט די האַלב־צעריסענע שיך און שטיוועלעך. קיין מורא דערטרונקען צו ווערן איז דאָרטן ניט געווען, ווייל אויב דאָס אייז האָט זיך אַפילו איינגעבראָכן האָט מען בלויז געקאָנט אַריינפאַלן אין וואַסער ביזן האַלבן קערפּער און זיך פאַרנעצן.

די גרעסטע צרה איז געווען ווען דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט, אַז דער תכשיט זיינער איז שוין אייניקע טעג ניט געווען נאָכמיטאָג אין חדר און אָפּגענאַרט דעם רבין זאָגנדיק אים, אַז די מאַמע האָט אים ניט געלאָזט גיין אין חדר צוליב דער קעלט, און אין דער אמתן איז ער גאָר געווען אויפן גליטש. גליטשן פלעגט מען זיך נאָר נאָך מיטאָג, ווייל אין די פרימאָרגן שעהן איז דער פראָסט געווען צו שטאַרק. ווען דער פאָטער האָט זיך געכאַפּט ווי די שטיוועלעך פון זיין תכשיט זענען צעריסן פון גליטשן זיך און דערצו האָט ער נאָך אָפּגענאַרט דעם רבין אין חדר, איז געווען לעבעדיק אין הויז און די מאַמע, ווי תמיד, האָט זיך אַריינגעמישט און ניט געלאָזט דעם יינגל שלאָגן מיטן פּאַס, אָדער מיט דעם ספּעציעלען רוט, צוזאָגנדיק אַז ער וועט שוין מער ניט גיין. פאַרשטענדלעך, אַז אויך די שמיץ האָבן נישט געקענט פיל ווירקן, ווען פון דער נאָענט האָט געלאָקט די ווייסע בלאַנקדניקע גליטש, און נישט געלאָזט צורו...

מאַקס גראַסמאַן

די שטאָט פון מיינע קינדער־יאָרן

מיין קינדהייט־נעסט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע ליפסק, נעבן אָסטראָווצע, ווו איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט; אָבער מיינע חלומות און שטרעבונגען זענען געוועבט געוואָרן אין אָסטראָווצע. ווייל לגבי מיין שטעטעלע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אָסטראָווצע אַלס אַ גרויסע שטאָט, און אויך צוליב וואָס אַ גרויסע טייל פון מיין משפחה האָט זיך דאָרט געפונען.

מיין פאָטער, אַ חסיד פונם אָסטראָווצער רבי, וואָס האָט נישט פאַרפעלט צו פאָרן צו אים אויף די ימים נוראים האָט מיך אויך מיטגענומען צום רבין, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אין זיך איינזאַפּן די מידות און דאָס חסידישע לעבן, און זיין אונטער די השפּעה פונם רבין; כ׳זאָל ווערן אַ גרויסער לערנער. מיין ייִנגלשע פרייד איז דאַמאָלט געווען זייער גרויס.

פון די אָפטע באַזוכן ביים רבין אין אָסטראָווצע, האָט זיך די שטאָט ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, און באַזונדערס איצט, ווען פון דער גרויסער יידישער שטאָט איז געבליבן חורבות, און די נשמות פון די קדושים שוועבן אַרום אין דעם רוים פון שטאָט, רופט אַרויס ביי מיר אַ בענקעניש און דעריגערונגען וועגן אָסטראָווצע, וואָס איך געדענק מיט פערציק יאָר צוריק.

אַ שטאָט פון האַרעפּאַשניקעס און חסידים

אָסטראָווצע, אַ שטאָט ווי אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, נאָר מיט אַ גרעסערן פאַרנעם. אַ גרויסער מאַרק, קליינע און גרויסע הייזער אַרום; קראָמען קליינע און גרויסע. אייניקע הייזער האָבן געהאַט הויפן מיט שווערע טויערן. אין די הויפן זענען געווען מאַגאַזינען־סקלאַדן פאַר סחורה.

פון ביידע זייטן פונם מאַרק זיינען געווען גאַסן און געסלעך ווי די שוואמע־גאַס, די שול־גאַס, דאָס טומאה־געסל, וואָס האָבן געפירט צו וועגן מיט זייער כאַראַקטעריסטישע נעמען: ווי אַפּטער וועג, קיניווער וועג, דער סטאַוו, וואָס האָט געפירט צו דער ראַמפּע און באַן־סטאַציע.

אין קאָנטראַסט צו די גרויסע הייזער פונם מאַרק און סטאַוו, ווו עס האָבן געוווינט די בעלי־בתים, די נגידים, אין די ברחבותדיקע דירות, האָט מען אין אַרומיקע געסלעך, ווו די אַרבעטערשאַפט און אָרעמע האָבן געוווינט, געזען איינגעבויגענע הייזלעך. ווען די זון האָט נישט געשיינט, איז אין זיי געווען פינצטערלעך. פיל מאָל, אפילו ביי טאָג, האָבן דאָרטן געברענט נאַפט־לעמפּלעך, וואָס האָבן געלויכטן מיט אַ טונקל אומהיימלעך רויטלעכן שיין.

אין די אָרעמע דירות האָט מען געקאָנט זען: דאָ איז אַ קאַמאַשנמאַכער ווי ער שניידט און שטעפּט כאָלעוועס; דאָ זיצט אַ נייטאָרין איינגעבויגן ביי דער ניי־מאַשין און נייט ציכן, העמדער; דאָ זענען די שוסטערס, זיצנדיק אויף זייערע דרייפיסיקע בענקלעך, קלאַפּן טשוועקעס, ציען דראַטוועס, לעקן די פּאָדעשוועס, פאַרלאַטען אַלטע שיך; שניידערס זיצן אויף די טישן, פאַרלייגט די פיס אונטער זיך און ציען פאַסטריגעס. זיי ניצעווען איבער אַלטע כאַלאַטלעך, אנצוגן, פאַלטענעס. און כדי צו פאַרטרייבן זייער אומעטיק און אָרעם לעבן האָט זיך געהערט אַ זינגען. דאָס האָבן זיי צוגעברומט. בשעת זיי האָבן געאַרבעט, מיט ימים־נוראים׳דיקע ניגונים׳לעך און לידלעך.

דאָס יידישע לעבן אין אָסטראָווצע איז געווען איינגעטיילט אין חסידים־שטיבלעך: גערער, אַלעקסאַנדערער, קאָצקער, קוזמירער, סאָכאַטשאָווער, ווו יעדער האָט זיך געהאַט זיין נוסח, זיין שטייגער. די גרייסע שול און די צוויי בתי־מדרשים — דאָס אַלטע און נייע — זענען אַלע מאָל געווען פול מיט דאַווענדיקע יידן און לערנער. אין די חדרים האָבן די מלמדים געלערנט מיט די קינדער. די ייִנגלעך אין בחירים האָבן נישט אַרונטערגעמאַכט די פּאות הינטער די אויערן, נאָר די פּאות האָבן זיך נאָכגעבאַמבלט פריי פון ביידע זייטן, מ׳האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן אין די גאָרטלען, מיט די גמרות אונטערן אָרעם. שבת זענען פריי אַרומגעגאַנגען חסידים מיט אַטלעסענע קאַפּאָטעס און מיט שטריימלעך אויף די קעפּ.

אין דעם גייסטיקן חסידיש לעבן, האָט אָסטראָווצע פאַרנומען גאַר אַ באַזונדער אָרט, צוליב דעם אָסטראָווצער רב, רבי מאיר יחיאל הלוי האַלשטאָק ז״ל: אַ הויכער, מיט אַ קליין שיטער בערדל, מיט טיפע פאַרחלומטע אויגן און אויסגעבליכט פנים. די הויט געל ווי פאַרמעט. אַלעמאָל האָט ער געטראָגן אַ גרויסע אַטלעסענע זשופּיצע, צוליב די וואַטאָווע שפּאַנצערס, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט ער אויסגעזען אַפילו זומער ווי אָנגעפּעלצעוועט, געפאַסט האָט ער אַלע טאָג; בלויז יעדן אויפדערנאַכט, האָט ער טועם געווען אַ כזית פון אַ חלהלע, וואָס איז ספּעציעל געבאַקן געוואָרן פאַר אים. ער האָט נישט געשטאַמט פון קיין יחוס נאָר פון פּשוטע מענטשן, אַרבעטער. אָבער ער איז

געוואָרן אַ גרויסע רבנישע אויטאָריטעט און נישט בלויז געווען רב פון שטאָט, נאָר געהאַט טויזנטער חסידים. זיי זענען נישט געפאָרן צו אים אָפּצוגעבן אַ קוויטל, נאָר טאַקע הערן זיינע טיפע דרשות און פּילפּולים, ווייל זיי אַליין זענען געווען גרויסע לומדים. און טאַקע אין דעם גרויסן, לאַנגען בית־המדרש, ווי מען האָט עס גערופן „דעם רבס בית־המדרש", האָב איך די ערשטע חסידישע תורה פונם רבין געהערט און נאָכגעזאָגט מיט אַלע תנועות און באַוועגונגען.

צווישן די מלמדים פון שטאָט האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון שימשעל מלמד, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „שימשעל שטשאָרע", אַ נידעריקער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין בערדל, און אַ טונקל פּנים. אַלע מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ גאַרטל איבערן כאַלאַטל, דער קאָלנער פון העמד אָפן, די פּאָלעס צעשפּרייט, אַז די בלויע פּאַסן פונם ארבע כנפות מיט די ציצית האָבן זיך אַרויסגעזען. ער איז שוין נישט געווען קיין דרדקי־מלמד; ער האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ גמרא־מלמד. זיינע תלמידים זענען געווען גמרא און תוספות אינגלעך. בטבע איז ער געווען אַ שטילער, אַ רואיקער. אָבער צו די תלמידים זיינע האָט ער זיך באַנומען זייער שטרענג. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז זיי צו רייסן ביי די אויערן, אויב זיי האָבן נישט איבערגענומען זיין לערנען. און נישט איין אינגל איז אַהיימגעגאַנגען פאַרוויינט און מיט רויטע אויערן. איך דערמאָן זיך זיין חדר־שטוב ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען: אַ שטוב ד' על ד', אַ לאַנגער טיש מיט לאַנגע בענק אַרום, יינגלעך זיצן ביי אָפענע גמרות. אין ווינקל זענען געשטאַנען צוויי בעטן, און צווישן זיי — די קיך מיטן אויוון, וווּ עס זענען געשטאַנען און זיך געקאָכט טעפּלעך פון וועלכע עס האָט געשמעקט מיט ריישעכטס. דורך די פּייערקעס האָט זיך געקאָפּטשעט דער רויך פון דעם נאַסן האָלץ, וואָס האָט נישט געוואָלט ברענען. אין אַן אַנדער ווינקל איז געשטאַנען אַ שלאָפבאַנק מיט אַ ניי־מאַשין, וווּ עס זענען געזעסן אייניקע יונגע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט זיין נייטאָרנס ביי זיין דערוואַקסענער טאָכטער. אויף דער שלאָפבאַנק איז געווען אָנגעוואָרפן מיט ציכלעך, איינשיטן, העמדער פּאַרטיקע און נאָך אין דער אַרבעט. די ווענט זענען געווען באַצירט און באַהאָנגען מיט קופּערנע פאַנען, פענדלעך, טעפּלעך. דאָס גבירישקייט איז חלילה נישט געווען זייער אייגנס. דאָס זענען געווען משכנות, וואָס מען האָט איינגעלייגט אַז דאָס מיידל, וואָס האָט זיך איינגעדונגען אויף צו לערנען, זאָל אויסזיצן די לערן־צייט.

שבת בייטאָג איז דער סטאַוו־וועג געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע מיידלעך און יינגלעך. אויפן וועג צו דער ראפּציזנע, וווּ דאָרט האָט מען זיך נענטער באַקענט און אפילו ראָמאַנען געפירט, זענען פאַרליבטע פּאָרלעך געלעגן אין גראָז, געשטיפּט מיט אַ יוגנטלעכן ברען, גענאַשט צוקערקעס און געקנאַקט באַניקערן. אַז ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן זיך די מיידלעך געאיילט אַהיים צו גיין, צו הערן דאָס הבדלה־מאַכן פון טאַטן, וואָס האָט באַדאַרפט אַהיימקומען — ווער פון שול, בית־מדרש, אָדער פון שטיבל, און אויך צו פאַרדעקן, אַז די מאַמע און טאַטע זאָלן נישט האָבן קיין פאַרדאַכט, אַז זיי פירן אַ ליבע אָן אַ שדכן.

אַזוי דערמאָנט זיך מיר דאָס אידילישע לעבן פון אָסטראָווצע, וואָס איך געדענק פון מיט פערציק יאָר צוריק. איך האָב בלויז דאָ פאַרצייכנט אַ קליינע צאָל בילדלעכע שילדערונגען, וואָס זענען ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון.

אפרים וואַרטמאַן ז״ל

דער שול־הויף – דער צענטער פון יידישן לעבן

דאָס האַרץ ווערט דערציטערט ווען איך הייב אָן זיך דערמאָנען אָן מיין געבורטשטאָט אָסטראָווצע. אַזויפיל פריינט און חברים, אַזויפיל באַקאַנטע און משפחה, מיינע שוועסטער און שוואָגערס מיט זייערע קינדער און מיינע חברים, וואָס מיר זענען צוזאַמען געוואַקסן און דערצויגן. פון קיינעם איז קיין זכר ניט געבליבן — די נאַצישע רוצחים האָבן אַלעמען אומגעבראַכט.

עטלעכע און צוואַנציק יאָר אָפּגעלעבט אין דאָזיקן שטעטל, יעדעס געסעלע, יעדער שטיין איז דיר היימיש, באַליבט און באַקאַנט. ניין, דאָס איז שווער צו פאַרגעסן...

אייגנטלעך איז אונדזער שטאָט געווען אַ שטאָט ווי אַלע אַנדערע שטעט אין פוילן, עס זענען אין איר געווען יידן גרויסע לומדים, שאַרפע קעפּ, בקיאים אין ש״ס און פוסקים, און עס זענען אויך געווען יידן פּראָסטע, פשוטע האָרעפּאַשנע יידן. איבער אַלעמען האָט זיך אַרויסגעהויבן דער גרויסער ייד, דער אָסטראָווצער רבי, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געפאַסט. איך דערמאָן זיך ווי ער פלעגט אין די פרימאָרגן שעהן גיין שפּאַצירן מיט לאַנגזאַמע טריט אַראָפּ די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו דער מקווה. מיט אים איז געגאַנגען זיין משמש. מיר ייִנגלעך פלעגן אויסניצן די דאָזיקע געלעגנהייט און אים אָפּגעבן שלום. ער פלעגט האַלטן אונדזער האַנט אין זיינער און זיך אויספרעגן ווי מען הייסט, ווי דער פאָטער הייסט און געהייסן ווידער קומען.

די גרויסע, אַלטע שול האָט זיך געהויבן מיטן שפּיציקן דאַך צום הימל. ווי אַלט די שול איז ניט געווען האָבן מיר זיך געפילט אין איר זייער גוט. שיין און וואַרעם איז געווען אינעווייניק און ליבלעך האָבן אַראָפּגעקוקט צו אונדז די ווונדערלעכע מאָלערייען פון הויבן רונדן סופיט, ווער ווייסט וואָסער גרויסער קינסטלער האָט דאָרטן זיינע קונסט מאָלערייען געמאָלן. איבער פיר הונדערט יאָר איז די שול געשטאַנען. די דאָזיקע שול מיט אירע הילצערנע ווענט איז פאַקטיש געווען דער עדות פון די דאָרטיקע יידן, זייערע ליידן און פריידן. אַלע געשעענישן האָבן געהאַט זייער אָפּקלאַנגען אין דער דאָזיקער שול. עס איז קיינמאָל ניט געווען צו ענג פאַר יידן צו פאַרזאַמלען אין דער דאָזיקער שול, פאַר יעדן איז תמיד געווען דאָרטן פּלאַץ.

דער שול־הויף מיט די וואַנט וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם באַרג פלעגט אין די שבתים און ימים טובים זיין דער צענטראַל־פּונקט פון אַלע יידן פון שטעטל. פון אַלע גאַסן און געסלעך פלעגן יידן שטראָמען אין די שיינע זומער פאַרנאַכטן צום שול־הויף. דאָרטן האָבן רעדלעך פון פאַרשיידענע קרייזן געפירט זייערע שמועסן, ווער עס האָט געשמועסט וועגן תורה ענינים, אַ מעשה פון רבין, אָדער גאָר פּאָליטיק און מיר, ייִנגלעך, פלעגן זיך אומדרייען אַרום די דאָזיקע רעדלעך שמועסערס און געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן אַן אינטערעסאַנטע מעשה פון א רבין, א תורה־וואָרט, אָדער גאָר א שאַרפן אויפטו אין לערנען. אזוי פלעגט פאַרגיין דער טאָג און די זון פלעגט זיך אַזוי שיין זעגענען אויפן האָריזאָנט. אז נאָך היינט בענקט זיך נאָך יענע גליקלעכע מינוטן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פון שטעטל איז דער פּאַרק מיט די צוויי טייכן, וועלכע האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם פּאַרק. אין דאָזיקן פּאַרק איז געווען אַ ים פון בלומען מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן און שטענדיק האָבן דאָרטן געקלונגען די געזאַנגען, דער געלעכטער און די פרייד פון יידישע קינדער.

דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל דער דאָזיקער אַמאָל איז אונדז ליב און טייער. אָבער היינט טרעט דאָרטן ניט קיין יידישע פוס, פאַרשטומט איז דער יידישער געלעכטער, און פאַרשניטן זענען אונדזערע נאָענטע און טייערע.

מרים וואַרטמאַן־ראָזנצווייג

זיסע חלומות פון א פאַרגאַנגענער וועלט

איך געפין זיך שוין אין ישראל 27 יאָר, אָבער מיינע זכרונות פון שטעטל לעבן נאָך פריש אין מיין זכרון. ווי איצט שטייט מיר אַלץ פאַר די אויגן: זיסע חלומות, נאַטור בילדער, די שיינע גרינע פעלדער, די ריזן וועלדער אין וועלכע מיר האָבן שפּאַצירט.

מיר האָבן געוווינט נאָכן שעכט־הויז, אויף שנינסקע, אין אַן אייגן הויז מיט אַ שיינעם גרויסן גאָרטן מיט פיל ביימער. אין גאָרטן איז געווען אַן אַלטאַנע, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ טיש מיט פיר שטילן, און מיין פאָטער, וואָלף זינדל'ס ראָזנצווייג ז״ל, מיט זיינע חברים בערל ליפּעס, שמריהו יאַקובאָוויטש און אַנדערע זיינען דאָרט געזעסן און געלערנט. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט דעם שיינעם ניגון פון זייער לערנען.

געענדיקט לערנען זייער שיעור פלעגן זיי שפּאַצירן אויף די גרינע פעלדער אַרום, דאָרט האָט זיך געשלענגלט אַ קליין טייכל, און ווען זיי פלעגן ווערן מיד פלעגן זיי זיך אַוועקזעצן ביים טייכל און געניסן פון דער פרישער ליפט ביז ס'איז געוואָרן צייט צו דאַווענען מנחה. די זון האָט דאַן געוואָרפן אירע לעצטע שטראַלן אויף די בלאַסע איידעלע פּנימער און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען צום ליפּסקער רב צו מנחה און מעריב.

אַלס אַ קליין מיידעלע פלעג איך זיי נאָכגיין און באַאָבאַכטן. שטענדיק ליגט מיר אין זכרון אונדזער הייזל, דער גאָרטן, די גרינע פעלדער, דאָס טייכל און די שיינע נאַטור בילדער... די נאַטור, די זון און די לבנה, מאַכן נישט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן, פאַר זיי זיינען אַלע פעלקער גלייך. נאָר די מענטשן זיינען פאַרדאָרבן און דאָרשטיק נאָך בלוט, און אויב בלוט, איז דאָך דער ייד דער פּאַסיקער קרבן, זיין בלוט איז דאָך ביליק...

אין אַ געוויסן זונטיק האָבן זיך, ווי געוויינלעך, די גוים אָנגעשיכורט און צווישן זיי איז געווען אַ באַוווּסטער מערדער, וועלכער איז תמיד געווען דאָרשטיק נאָך יידיש בלוט. האָט זיך די דאָזיקע גרופּע אַוועקגעשטעלט אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו די פעלדער און מיט ליכט געזוכט אַ יידישן קרבן. מיין האַרץ האָט אויפגעציטערט ווען איך האָב דערזען פונווייטנס מיין פאָטער מיט זיינע חברים גיין נעבן די זעלנערשע קאָשאַרן. איך לאָז זיך לויפן אויף קידוש השם און מיט אַלע כוחות דערגרייך איך זיי און עס געלונגט מיר צו ראַטעווען די דאָזיקע טייערע יידן. זיי זענען אַריין אין הויז פון יומע פיש, קעגנאיבער סאַסאַקי, און אַזוי נאָך זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

די מערדער האָבן מיך באַמערקט לויפן און האָבן פאַרשטאַנען וואָס איך בין אויסן צו טאָן. זיי זענען מיר נאָכגעלאָפן און גפרווט פאַרהאַלטן, נאָר אַלס יונג מיידל בין איך געווען פלינקער פאַר זיי און עס איז מיר געלונגען דערגרייכן די טייערע יידן. די רוצחים האָבן שוין געהאַט גרייט זייערע מעסערס און אַ צייט לאַנג האָבן זיי געוואַרט, אין דרויסן, אָבער מיר זענען אַלע געווען פאַרמאַכט אין הויז. ערשט ווען ס'איז דורך אַ פּאָליציאַנט האָבן מיר אונטער זיין שוץ פאַרלאָזט דאָס הויז און זיך געלאָזט גיין יעדער צו זיך אַהיים. שבת האָבן די יידן געבענטשט גומל... ווען איך דערמאָן זיך דעם פאַקט גרוילט נאָך אויף אין מיר דער באַוווּסטזיין ווי ביליק ס'איז געווען יידיש בלוט ביי די פּאָליאַקן, איבערהויפּט — יידן מיט בערד און פּיאות.

אַ געוויסן פאַרנאַכט, פאַרבייגייענדיק נעבן סאַסאַק'ס גאָרטן מיט מיין איצטיקן מאַן, זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען דריי פּוילישע סטודענטן און געפאָדערט פון מיר איך זאָל ניט שפּאַצירן מיט אַ יידישן בחור. ענטפער איך זיי, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער און אַז דאָס איז מיין געליבטער. זיי טראַכטן ניט לאַנג און הייבן אונדז אָן דערלאַנגען קלעפּ. מיר האָבן געפּרווט שרייען, נאָר קיינער איז אונדז נישט געקומען צו הילף. זיי האָבן צוגעכאַפּט מיין האַנט־בייטל מיט אַ ביסל געלט און געלאָזט מיר מיט אַ צייכן אויפן פּנים. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו דער פּאָליציי און אַריין אין קאָמיסאַריאַט. אויף דער פראַגע פון פּשאָדאָווניק, וואָס מיר ווילן, האָבן מיר אים דערציילט ווי מען האָט אונדז אַטאַקירט אָן אַ פּאַרוואָס. דער דאָזיקער מיאוסער מנוול פוילט זיך ניט און זאָגט אונדז:

— יידן האָבן אַ פּאַסקודנע טבע, איידער מען דערהאַרגעט זיי שרייען זיי נאָך... מען האָט דאָך אייך ניט דערהאַרגעט וואָס־זשע זענט איר געקומען זיך קלאָגן? גייט, איכ'ל שוין מאָרגן שיקן אויספאָרשן.

פאַרן פאַרלאָזן דעם קאָמיסאַריאַט האָב איך אים געזאָגט, אַז מער וועלן מיר ניט קומען צו אים זיך פאַרקלאָגן. מיר פאָרן אַוועק קיין ישראל.

אויף דעם ענטפערט ער מיר:

— נעם מיט אַלע יידן פונדאַנען, ווער דאַרף זיי דאָ האָבן?

דעם באַשלוס האָבן מיר דורכגעפירט גלייך נאָך דעם

פאַל און געפאָרן קיין ארץ־ישראל. הלוואי וואָלטן אַלע אַסטראָווצער יידן געטאָן דאָס זעלבע...

אָפּגעלערנט אַן אַנטיסעמיט

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד. מיין ברודער יחיאל ראָזנצווייג („דער שוואַרצער יחיאל") האָט געאַרבעט ביים רעיענט פיל יאָרן און אַלץ איז געווען גוט און פיין. פּלוצים שיקט מען אַראָפּ קיין אָסטראָווצע אַ נייעם רעיענט, אַ גרויסן אנטיסעמיט, אַן ענדעק. ווען דער נייער רעיענט האט איבערגענומען די קאַנצעלאַריע האָט ער איינמאָל באַמערקט ווי עס זיצט דאָרטן אַ מענטש מיט אַ באָרד. ביים שליסן די קאַנצעלאַריע רופט ער צו מיין ברודער און זאָגט אים איידל, אַז עס פּאַסט נישט אַז מען זאָל זען זיצן אַ ייד מיט אַ באָרד אין קאַנצעלאַריע. מיין ברודער האָט אים אויפן אָרט געענטפערט אַז ער איז אַ ייד און וועט זיך נישט שיידן מיט זיין באָרד און אויב אים געפעלט עס נישט וועט ער מער נישט קומען צו דער אַרבעט. דער רעיענט בעט אים נאָכאַמאָל קומען צו דער אַרבעט, מיטן באַדינג ער זאָל אַראָפּנעמען די באָרד. מיין ברודער איז אַוועק און מער נישט געקומען צו דער אַרבעט.

אין שטאָט האָט זיך געמאַכט אַ שטילער באָיקאָט קעגן נייעם רעיענט, יידן האָבן אויפגעהערט ניצן דעם רעיענט און זענען געגאַנגען צום צווייטן רעיענט, אין שטאָט. מיין ברודער איז אַריין אַרבעטן ביים צווייטן רעיענט וועלכער האָט אים אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט און נאָך געגעבן אַ העכערן געהאַלט. ביי דעם דאָזיקן רעיענט איז דערווייל געוואָרן אַ גרויסע שפע פון יידישע קליענטן און דעם אַנטיסעמיטישן רעיענט׳ס קאַנצעלאַריע האָט געפּוסטעוועט.

ווען דער דאָזיקער אַנטיסעמיט האָט געזען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן, איז ער איינמאָל אַ פרייטיק צו נאַכט געקומען צו מיין ברודער אין הויז און געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז יידן מאַכן זייער גוט געפילטע פיש, איז ער געקומען בעטן מען זאָל אים מכבד זיין מיט אַ פאָרציע פיש. דאָס איז פאַרשטייט זיך געווען בלויז אַ תירוץ. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער רעיענט האָט געבויגן דעם קאָפּ און פאַרגעסן זיין גאַנצן שטאָלץ און געבעטן מיין ברודער ער זאָל אַלץ פאַרגעסן און קומען צוריק אַרבעטן אין זיין קאַנצעלאַריע. מיין ברודער האָט אים אַפילו נישט געבעטן זיצן און אים געזאָגט ער זאָל פאַרגעסן וועגן אים.

— איך פאַרדין איצט פיל מער און מיט גרויס כבוד און מיין באָרד שטערט קיינעם נישט — האָט מיין ברודער מיט שטאָלץ אים געגעבן צו פאַרשטיין.

דער דאָזיקער אנטיסעמיט האָט נאָך געפּרוווט פאָרלייגן מיין ברודער נאָך אַ העכערן געהאלט ווי ער האָט פאַרדינט ביים צווייטן רעיענט, נאָר מיין ברודער איז געבליבן שטאָלץ ביי זיך און אַלע זיינע פאָרשלאַגן זיך איבערצובעטן אָפּגעוואָרפן.

שמואל שטרייטמאַן, ניו־יאָרק

גאַסן און מענטשן אין אָסטראָווצע

כמעט אַלע שטעטלעך אין פּוילן האָבן געהאַט דעם זעלבן אויסזען און דעם זעלבן פּרצוף: אַלטע הילצערנע הייזער, אייניקע מיט שטיינער ברוקירטע גאַסן מיט אַ פּירעקיקן מאַרק אין מיטן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם מאַרק און די אַרומיקע געסלעך, דאָרט האָבן די יידן געהאַט זייערע געשעפטן און קרעמלעך. די בעלי־מלאכות האָבן געבראַכט זייערע סחורות אין מאַרק אויף די ירידים, וואָס זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אַוואָך: די מאַפּע פון יעדע שטעטל איז געווען ענלעך איינע צו די אַנדערע דערמיט, וואָס אַלע גאַסן און געסלעך האָבן געפירט אין מאַרק אריין.

אָבער טראָץ דעם וואָס די גאַסן זענען געווען געקניפּט און געבונדן איינס מיט די אַנדערע האָבן זיי זיך דאָך פאַנאַנדערגעטיילט אין פאַרשידענע געגנטן, וואָס יעדע פאַר זיך האָט געהאַט איר ספּעציפישן כאַראַקטער, מערסטנטייל אַ דאַנק די מענטשן וואָס האָבן דאָרט געוווינט און איר באַאיינפלוסט.

אונדזער געגנט האָט מען גערופן די טומאה־גאַס, ווייל זי איז געווען באַהערשט פון דער הויכער קירכע אויפן טומאה־באַרג. די געגנט האָט זיך געצויגן פון שמאָלן געסל ביז עקיבא ראָסעטס הויז, און פון איין זייט איז געווען אַ טייל פון דער מיל־גאַס און פון דער צווייטער — אַ טייל פון דער דענקאָווער גאַס מיטן גלח׳ס גאָרטן.

דער רעליגיעזער צענטער האָט זיך געפונען ביי עקיבא ראָסעט וועלכער האָט באַזאָרגט די געגנט מיט אַ שטיבל צו דאַווענען, וואָס האָט אויך געדינט פאַר פאַרשידענע וווילטעטיקע צוועקן, ווי למשל פאַר די חברת ביקור חולים, בית לחם און דער גמילות חסדים קאַסע, אונטער דער אָנפירונג פון יאָקאַלע הערציג, וואָס איז געווען, צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתר־רחל די לאָדזשערין, אַן אינסטיטוציע פאַר זיך.

יעדן שבת אינדערפרי נאָכן דאַוונען האָט מען געקאָנט זען יאָקאַלע מיט זיינע אָנהענגער גיין פון הויז צו הויז מיט גרויסע קוישן און אויסרופן: אַגוט שבת יידעלעך! העלפט אייערע אָרעמע ברידער און שוועסטער!״ די קוישן זענען שנעל אָנגעפילט געוואָרן דורך באַרעמהאַרציקע באַלעבאָסטעס, מיט שבתדיקע חלות, וואָס זענען שפּעטער צעטיילט געוואָרן צווישן נויטבאַדאַרפטיקע משפחות אויף אַ דיסקרעטן אופן, כדי זיי חלילה נישט מבזה זיין.

ביקור חולים איז געווען יאָקאַלעס צווייטע טעטיקייט.

ער מיט זיינע חברים פלעגן אָפּזיצן גאַנצע נעכט ביי קראַנקע, וואָס זייערע שטובמענטשן זענען שוין געפאַלן פון די פיס פון שטענדיקן אַרומגיין אַרום זיי. די חברה האָט אויך אויסגעבאָרגט אומזיסט פאַרשידענע סאַניטאַרישע און מעדיצינישע כלים די קראַנקע, וואָס זענען נישט אימשטאַנד געווען צו באַצאָלן.

יאָקאַלע הערציג איז געפאַלן ווי אַ קדוש בעת דער אויסזידלונג פון אָסטראָווצע: ער איז אַרויס אין גאַס אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און איז אַזוי דערשאָסן געוואָרן פון אַ דייטשישן רוצח.

כדאי צו ווידמען אַ פּאָר ווערטער די בעלי־בתים וואָס האָבן באַוווינט אונדזער געגנט און האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט זייער חותם: עקיבא ראָסעט, מתתיהו וואָרמאַן, יאָקאַלע וואָרצמאַן, אהרן מילשטיין, הערש קליימאַן, חיים מייערטשיק, בערל ניסקער, שמחה בולקא, אבישל שטרייטמאַן, ווי אויך דאָס קאָלירפולע הויז פון די בלומענשטאָקס (פאַוראָזשניקעס) מיט זייערע פאַרצווייגטע משפחות.

פון דער אלעיע, אָדער „סטאַוו״, אויסער די גרענעצן פון אונדזער געגנט זענען געקומען דאַוונען אין אונדזער שטיבל ראובלע שפּילמאַן מיט זיין איידעם ישראל ראָזענבערג — אַ גלענצנדער בעל־תפילה מיט אַ שיינע שטימע, ווי אויך שמואל גרשון ווינציגסטער, און אין די וואָכן־טעג דער באַוווסטער חזן כמיעלניצקי, פון ראָוונער אָפּשטאַמונג, ביי וועמען איך בין געווען אַ משורר.

אונדזער געגנט איז אויך געווען באַקאַנט מיט אירע פאָלקס־טיפּן מיט זייערע אייגנאַרטיקע צונעמען, ווי למשל: בערל טשאָטשקע, משה אויער — דער וואַסערטרעגער, יעקל גאָנער, פישעלע קלאַפּער, ליפּא גלאָמפּ, יאקיל לאַקס, ישראל הויקער און אנד.

די היטלער עפּאָכע האָט אַלע אויסגעגלייכט — שיינע בעלי בתים, לומדים און פאָלקס־מענטשן — אַלע זענען אומגעקומען אין די פלאַמען פון טרעבלינקע.



אהרן אורבאס

פון מיינע קינדער יאָרן

ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, האָב איך געלערנט ביי ר׳ לייביש־פסח אין חדר.

דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ייִנגל מיטן נאָמען ישראל. מיר זענען שפּעטער געוואָרן צוויי גוטע חברים. ווער עס זענען זיינע עלטערן, האָב איך נישט געוווּסט. נאָר איך געדענק, אַז ער האָט געוווינט אויף דער גלאַוואַצקי־גאַס און זיין מוטער האָט זיך פאַרנומען מיט וואַשן־וועש. כאָטש ער, ישראל, איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר, האָבן מיר זיך דאָך זייער גוט פאַרשטאַנען. מיר זענען אָפטמאָל געזעסן צוזאַמען, געלערנט צוזאַמען און אויך געשטיפט צוזאַמען.

איינמאָל, ווען מיר זענען ביידע געזעסן אויף אַ נידע־ריק בענקעל, האָבן מיר זיך צוגעקוקט צום „בעלפער״, צו הערשלען, וואָס האָט פונקט געשיילט צוויי אייער. מיר האָבן געוווּסט פאַר וועמען די אייער זענען געווען באַש־טימט — פאַר די צוויי רייכע קינדער, די ברידער זייפמאַן.

נישט יעדער תלמיד ביי ר׳ לייביש־פסח אין חדר האָט זיך געקאָנט דערלייבן צו עסן אייער.

קוקנדיק אַזוי אויף די אייער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, פרעגט מיך ישראל:

— גיט דיר דיין מאַמע אויך אַמאָל אַן איי?

איך האָב אים נישט געענטפערט. ער האָט געוווּסט, אַז מיר זענען גרויסע קבצנים.

באַלד איז ישראל צו צום פענסטער, ווו עס איז גע־לעגן דאָס עסנוואַרג פאַר די תלמידים. שטילערהייט, בגניבה, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן צוויי שטיקלעך ברויט און מיט זיי אָפּגעלאָפן אין אַ זייט. געגעסן האָבן מיר דאָס ברויט באַהאַלטענערהייט, אַז קיינער זאָל אונדז ניט באַ־מערקן. ווייל אויב מען וואָלט אונדז געכאַפּט, וואָלט מען אונדז גערופן „שנאָרער״. און דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז די גרעסטע באַליידיקונג...

איינמאָל, ווען מיר זענען אַזוי געזעסן אין חדר, איז פאָרגעקומען צווישן אונדז אַזאַ שמועס:

— גייט דיין טאַטע דאַוונען?

— יאָ! — ענטפער איך אים.

— ווו דאַוונט דיין טאַטע?

—ביים רבין ר׳ מענדעלע.

— ווי אַזוי דאַוונט דיין טאַטע?

— וואָס הייסט ווי אַזוי ער דאַוונט?.. ער דאַוונט אַזוי ווי אַלע יידן דאַוונען...

און איך שילדער אים טאַקע אויפן אָרט ווי אַזוי מיין טאַטע דאַוונט איינגעבויגענערהייט, מיטן טלית איבערן קאָפּ. אַ סך מאָל, ווען ער קומט צו „אהבת־עולם״, פאַר־שטעלט ער אינגאַנצן זיין פנים. פאַרוואָס ער פאַרשטעלט זיין פנים, ווייס איך נישט. נאָר ווען ער דעקט צוריק אָפּ דאָס פנים, איז צו מערקן אַז ער האָט פייכטע אויגן... מסתמא וויינט דער טאַטע. און איך פרעג ישראל, צי אַ טאַטע דאַרף טאַקע וויינען?

— ניין! — ענטפערט ער מיר. — אַ טאַטע דאַרף נישט וויינען! אַ טאַטע דאַרף זיין אַ שטאַרקער מענטש... אַ שמשון הגיבור... אַ טאַטע דאַרף זיין אַ קעמפער!..

אַזוי האָט ער מיר ישראל געענטפערט.

זינט דעמאָלט איז שוין אָפּגעפלאָסן קאַרצע פופציק יאָר. נאָר אָט דער ענטפער זיינער, אַז „אַ טאַטע דאַרף זיין אַ קעמפער״, איז מיר פאַרבליבן אויף שטענדיק טיף איינגעקריצט אין זכרון...

איך האָב זיך באַגעגנט מיט ישראלן אויך מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געווען דערוואַקסענע בחורים.

דער „בלוטיקער מאָנטיק״

אין יאָר 1926, אין חודש יולי, זענען פאָרגעקומען אין אָסטראָווצע גרויסע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן דערפירט צום „בלוטיקן־מאָנטיק״. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך דעמאָלט געהערט שיסן. די פּאָליציי האָט געשאָסן אויף די ארבעטער, וועלכע זענען אַרויס פון דער פאַבריק און זיך פאַרזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן א לאַנגע צייט. גאַנץ אָסטראָווצע איז געווען אויפגעטרייסלט. די פּאָליציי איז געווען געצוווּנגען אויף אַ געוויסע צייט זיך צוריקצוציען, זי האָט זיך פאַר־באַריקאַדירט אין קאָמיסאַריאַט און פון דאָרט געשאָסן דורך די פענצטער. די פאַרביטערטע אַרבעטער האָבן באַוואָרפן די פּאָליציאַנטן מיט שטיינער און אויך געשאָסן צו זיי.

עס זענען געווען קרבנות פון ביידע צדדים. אין יענעם טאָג זענען געהרגעט געוואָרן עטלעכע פּאָליציאַנטן און אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. געווען אויך אַ סך פאַר־וווּנדעטע.

אין דער לוויה פון די געפאַלענע אַרבעטער האָבן

זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן צווישן זיי פיל יידישע אַרבעטער.

אַ צופעליקע קויל האָט אויך געטראָפן אַ ייד פון שטעטל און אים אַוועקגעהאַרגעט אויפן אָרט.

באַלד נאָכדעם זענען פאָרגעקומען פיל אַרעסטן, צווישן די אַרעסטירטע זענען געווען צוויי יידן — י. גראַ־כאָווער און מאיר טראַמפּער.

פריידענקער־פאַריין

אין אָסטראָווצע איז געווען אַ „פריידענקער־פאַריין". ווער האָט אים געשאַפן — האָב איך נישט געוווּסט.

נאָר די ערשטע פאַרלעזונג, וואָס איך האָב דאָרט געהערט, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ בייגעשמאַק.

גערעדט האָט, ווי איך האָב זיך דערוווּסט אינמיטן דער לעקציע, אַ מענטש מיטן נאָמען יהושע ביק. נאָכפאָל־גענדיק זיינע רייד, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער קריטי־קירט די רעליגיע, עטלעכע ספרים, בעת, קאַנטיק, ער האָט די רעליגיע נישט געקאַנט און נישט די קריטיקירטע ספרים. דאָס איז מיר געווען דערווידער. עס איז געווען אַ נישט־ערלעכקייט. ריידן וועגן זאַכן פון וואָס מען האָט קיין באַגריף נישט. און כ'האָב זיך טאַקע באַלד אויפגע־שטעלט, געמאַכט אַ צווישנרוף, און געזאָגט עס אים אין די אויגן פון אַלע אַנוועזנדע.

נאָך דער פאַרלעזונג, איז דער לעקטאָר צו מיר צו־געגאַנגען און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים.

דער עולם איז געוואָרן זייער אויפגעקאָכט. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי לאַגערן: איין טייל האָט געהאַלטן מיט מיר, געדענקט אַז איך האָב רעכט; דער צווייטער טייל האָט פאַרטיידיקט דעם לעקטאָר, יהושע ביק. צווישן די, וואָס האָבן מיך פאַרטיידיקט, איז אויך געווען בעריש פיינגאָלד. דאָס האָט מיר פאַרשאַפן גרויס באַפרידיקונג, ווייל ער איז געווען ווי אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע, אַ גרויסער אינטעלעק־טועלער מענטש.

נאָך אָט דער סצענע אין „פריידענקער־פאַריין", בין איך געוואָרן שטענדיק אַרומגערינגלט מיט יוגנטלעכע. מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל געבן לעקציעס, לייענען פאַרלעזונגען און אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן. ווען איך בין נאָר געווען צו דעם צוגעגרייט, האָב איך עס גערן געטאָן.

איינמאָל האָט מען פאַר מיר צוגעגרייט אַ לעקציע אין וואַלד אין אַ שבת־נאָכמיטאָג. איך האָב זיך צוגעגרייט מיט דער טעמע: דער קדושת לוי, שלום־עליכם און מאַק־סים־גאָרקי. איך האָב געפּרוּווט מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די דריי גרויסע מענטשן.

צו מיין דערשטוינונג, זענען אין וואַלד צו מיין לעקציע אָנגעקומען הונדערטער יידישע יוגנטלעכע.

ר' משה־נאַטע

צווישן די זעכצן אָדער זיבעצן טויזנט יידן אין אָסטראָווצע, האָט אַ העלפט נישט געהאַט חלות אויף שבת. און אַ גרויסער טייל האָט ממש געהונגערט. אין אַזעלכע באַדינ־גונגען זענען געשאַפן געוואָרן מיטלען, אויף צו באַקעמפן די אָרעמקייט און נישט דערלאָזן, אַז קינדער זאָלן חלילה שטאַרבן פון הונגער... איין מיטל איז געווען — אַ פּרימי־טיווער און זייער אַ נוצלעכער. מיט דעם מיטל האָט זיך באַנוצט דער ייד ר' משה־נאַטע.

ר' משה־נאַטע, פון פאַך אַ שוסטער, איז יעדן דאָנער־שטיק און פרייטיק אַרומגעגאַנגען איבער די רייכע הייזער, צונויפגעזאַמלט חלות און ברויט אין זעק אַריין. וואָס מער חלות, וואָס מער ברויט ער האָט געזאַמלט, מער וועט ער שטילן דעם הונגער פון אָרעמע בכבודיקע יידישע הייזער. דאָס צונויפגעזאַמלטע גוטס האָט ער צעפּירט צווישן די אָרעמע לייט, בעיקר צווישן די וואָס האָבן געליטן הונגער אין דער שטיל. די פאַרבאָרגענע אביונים האָבן אים זייער געשעצט פאַר די הילף וואָס ער האָט זיי צוגעשיקט יעדע וואָך.

דער רבי ר' מענדעלע

דער רבי ר' מענדעלע, וועמען מען האָט גערופן אין אָס־טראָווצע „ליפּסקער רבי", איז געווען אַ מיטלווּקסיקער, דאַרער, אידעלער ייד, מיט אַ גייסטרייך פּנים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין באַשיידנקייט.

ער איז געווען זייער באַליבט ביים פּשוטן פאָלק. נאָך דער פּטירה פון אָסטראָווצער גאון ר' מאיר יחיאל הלוי זצ"ל, זענען געווען אַ סך יידן אין דער שטאָט וועלכע האָבן אים געוואָלט האָבן פאַר דעם הויפּט־דיין.

צווישן זיינע ספרים, האָבן זיך אויך געפונען ביכער וועגן מעדיצין. פאַרוואָס? ער האָט געוווּסט אַז ער מוז העלפן אָרעמע, וואָס האָבן נישט קיין געלט אויף דאָקטוירים.

געקומען איז מען צו אים נישט בלויז מיט אַ דין־תורה, און נישט בלויז זיך אָראָפּצורייידן פון האַרצן, נאָר אויך בעטן עצות פאַר קראַנקע.

ווען מיין פאָטער ע"ה איז קראַנק געווען אויף אַ

טיפוס, איז דער ערשטער דאָקטער זיינער געווען דער רבי ר׳ מענדעלע.

די ליבע צו אים האָט זיך אין מיר קיינמאָל נישט געמינדערט. נישט אין די טעג פון מיין לאַנגן קאַמף קעגן פאַשיזם, נישט צווישן די ווענט פון אָשוויענטשים און דאכאו, און נישט אנדערשוואו, ווען איך האָב פאַר זיך געזען אַן ערלעכן ייד, האָב איך זיך תמיד דערמאָנט אָן ר׳ מענ־דעלע ז״ל.

מיין טאַטע און זיין פריינט ישראל ראָזענבערג

צוויי מענטשן פון זעלבן עלטער פון זעלבן הייך מיטן זעלבן גלויבן און — אויך פון זעלבן טעמפעראַמענט... כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פריינטשאַפט ביי מענטשן, ווי די פריינטשאַפט צווישן מיין טאַטן און ישראל ראָזענבערג. איך פלעג זיך פיל פרעגן: וואָס איז די סיבה פון אַזאַ פריינטשאַפט צווישן צוויי מענטשן?

ביידע, חסידים פון רבין ר׳ מענדעלע, האָבן פאַר־בראַכט צוזאַמען לאַנגע שעה׳ען, צוזאַמען באַהאַנדלט פראָבלעמען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און אויך פון זייער פריוואַט־לעבן. דאָס אָנפאַרטרויען איינס דאָס אַנדערע די אינטימסטע פראָגן האָט פיל פאַרלייכטערט זייער שווער לעבן.

ישראל ראָזענבערג איז געווען אַן אַרבעטס־מענטש. דעם גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען און געפרעסט אָדער געפאַרבט מלבושים. ער האָט נישט געמאַכט קיין ווערן פון זיין חכמה, פון זיין למדנות. נישט דאָס איז דער עיקר, דער עיקר איז — יראת־שמים. און יראת־שמים הייסט — נישט טאָן יענעם קיין שלעכטס, נאָר טאָן בלויז גוטס. ווער עס פאַרמאָגט אָט דאָס געפיל איז ווי אַ זייל אין לעבן, אויף וועלכן עס האַלט זיך די וועלט.

איך געדענק, ווען מיין טאַטע ע״ה, כאָטש אַליין אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, האָט זיך געלאָזט אין ווייטן וועג, אין אַ פראָסטיקן, שנייאיקן טאָג, אַוועקטראָגן עטלעכע אָפגעשפאָרטע זלאָטעס צו אַ קראַנקן מענטשן, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין רפואות, האָט ישראל ראָזענבערג, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, אים מקנא געווען. דערפאַר האָט ער געזוכט עפעס אַנדערש צו טאָן, געזען אַז יתומים זאָלן האָבן עסן אויף שבת.

ביידע האָבן מורא געהאַט פאַרן לעבן... די מורא איז אַרויסגעוואַקסן פון זייער אָפגעהיטנקייט. אָפגעהיטן נישט ווי צו טאָן קיינעם...

אַזאַ איז געווען ישראל ראָזענבערג.

אַזאַ איז געווען מיין טאַטע, יצחק־דניאל.

נאָכן טאַטנס טויט און נאָכן טויט פון רבין ר׳ מענ־דעלע איז ישראל געבליבן ווי פאַריתומט... ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין רבין ר׳ משה, ר׳ מענדעלעס זון. אַלע זיינען שוין איצט אויפן עולם־האמת.

יהושע אלטמאן

א מעשה

געווידמעט מיין טאכטער

איך זע, מיין קינד אין דיין אויג א טרער.
דיין האָרין טוט ווי דיר פאַר דיין טאַטן,
וואָס לאַכט נישט מער און ווייַנט נישט מער,
איז אַליין דער מת, אַליין דער אָבל,
און אַליין די מצבה. ווי אַ בידנער טאַוויר
מיט אַ שוואַרצן אויפשריפט אַ גרויסן :
„אַט בלאָנקעט אַ מענטש פון גאָט פאַרשטויסן
און פון טאָג און נאַכט פאַראַטן."

איך וויל דערציילן דיר אַ מעשה
פון אַמאָל, אַמאָל איז געווען :
אַמאָל איז געווען אַ שטוב אַ ווייסע,
און אין דער שטוב דער ווייסער
האָט גנעדיקט געהערשט אַ קייסער,
פעטער עמנואל און מומע הענע ;
אַ בת־מלכּה פון דער צאינה וראינה.
און טעכטער צוויי,ביידע כּלות
אין צוגעקעמטן פיינעם דלות
מיט צעפּ ווי שבתדיקע חלות,
און געשייערטע לייכטער גאַנצע צען.

אַמאָל איז געווען אַ שטאָט, אַ זקנה,
מיט גראָז אויף געביקטע דעכער.
האָבן דאָרט געלעבט די אָבות דיינע
מיט מזמורי תהלים און סליחות,
באַזאַכט געשלעפּט דעם אַלטן יחוס
ווי געשפּאַנטע אָקסן אין האַרטע יאָכן,
און פאַר׳יום־טוב׳ט דעם אינדערוואָכן
מיט יום־כּפּור־קטן און מעמדות,
מיט שווערע ש״ס׳ן אין קאָמאָדעס
און מיט בשמים־ביקסן און קידוש־בעכער.

אויפן שול־פּאַרג אין ווילדע גראָז
זענען אַרומגעשפּרינגען ווייסע ציגן
און הדר־יינגלעך ווי פלינקע האָזן
האָבן אויסגעלאַכט דעם רבי׳נס קנוט :
— יפה — סאיז גוט. שעה אחת — איין מינוט...
דער פּאַרג איז געווען דער הר הבית,
די ציגן — היילקע חיות,
וואָס שפּרינגען „קדוש" ביי קדושה,
מאַכן אַ ברכה אויף דער פּאַשע
און מעקן מיט אַ גמרא ניגון.
און די שול איז פון רויטע ברעטער,
הויכע פענסטער פאַרגלאָצט צום הימל.
און אויף די ברעטער די שריפט פון בעטער
און אויף די פּרעטער די שריפט פון וועטער
פון צוויי יאָר־הונדערט און אַ האַלבן.
און אין טליתים מחנות שוואַלבן
לויפן־אוּם און שפּרינגען־אוּם,
לויבן גאָט אין דאַווענען פרום,
און בוקן זיך כּסדר מודים.
און אונטערן דאַך אויפן בוידים
בערגער שמות אין גרינעם שימל.

און אין פּאָליש דאָס טהרה־ברעט.
און אין דער שול פאַרטיפטער שטענדער,
מזרח שטעט און מערב שטעט
דורכגעווייקט מיט דורות טרערן.
און הענגלייכטער מיט הונדערט רערן.
און דער נר־תמיד תמיד ברענט.
און געמעלן אויף די ווענט
פון חיות און עופות פון ווייטע לענדער.

און אליהו הנביא׳ס שטיבל
איז אויסגעבעט מיט בלויען זייד.
און ווען קיינער איז נישטאָ אין שול,
קומט די שכינה אַראָפּ פון הימל,
לייגט זיך צו, כאַפּט אַ דרימל.
און דורך שפּין־באַוועבטע שויבן
פאַלט אַראָף אַ שטראַל פון אויבן,
טוט אַ קוש דאָס פּרוכת
באַגיסט מיט גאָלד די אַלטע לוחות,
און איז משתטח זיך אויף דער בימה.
דאָס ארון קודש וואַרפט אָן אַן אימה,
אַ פאַנטאַזיע פון אַן אַלטן שניצער,
אַ פּשוט׳ער ייד, אַ מצבה קריצער,
וואָס איז שוין טויט אַ לאַנגע צייט.

און ביינאַכט קומען מתים,
זקנים און זקנות פון ווייטע דורות
אין תכריכים און טליתים.
פול די שול, קעפּ אויף קעפּ
און די עזרת נשים ביז די טרעפּ.
זיי שמעקן דאָרט גן־עדן טאַביק,
דאַוונען פון מעבר יבוק,
און לייענען פּסולע ספרי תורות.

און אַ בית־המדרש איז געווען דאָרט,
אַ שפּייכלער פרייד ביז׳ן דאַך.
די וועלט פאַרמאָגט גאָרנישט אַזאַ אָרט,
וואָרעם, ליכטיק און באַקוועם,
פריי פאַר יעדן, — קום און נעם
עולם הזה, עולם הבא!
טו אַקאָרשט אַ פרעג דעם גבאַי.
ווילסטו? — דאַוון. ווילסטו? — לערן.
אַ פרעמדער, אַ היגער — מען האָט אייך גערן,
און גרייט צו דינען מיט יעדער זאַך.

יונג און אַלט, רייך און אָרעם,
גליק פאַר יעדן אין זיין שטח:
פאַרן לומדן שווערע ספרים,
פאַרן פּראָסטאַק אַ פיינער מגיד,
און אַן אורח הגון, פאַרן נגיד.
שווערע טישן, שווערע בענק
אין דער ברייט און אין דער לענג.
מזרח, מערב, צפון, דרום,
אַלט די שענק, און אַלט די ספרים.
און אויב עס איז אייך עפּעס קשה,
זיצט אין ווינקל דאָרט ר׳ יאָשע
און פּראַוועט סעודה פון ברויט מיט רעטאַך.

און אפשר ווילט איר הערן נייעס,
טוט אַ פרעג ר׳ מאיר׳ל ישראל׳ס.
ער דערציילט אַ מעשׂה — שמן זית.
ס׳לאָזט זיך גאָר ביי אים נישט אויס.
איר מעגט אויך קענען ר׳ יונה הויז,
אַ ייד, אַ בייזער, וואָס זאָגט פאַרקערט
ביז ה׳געלטן איז דאָס ווערט.
מישט זיך נישט שווייגט און הערט;
ר׳ יונה שמש קען דערלאַנגען.
ער איז באַלעבאָס איבער די חופּה שטאַנגען,
כאָטש די שטאַנגען זענען קהל׳ס.

און אפשר דאַרפט איר אַ זיווג הגון
און אייער טאָכטער איז דאָס ווערט:
דאָס בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן
געפינט איר דאָ אַרום די טישן.
אָט איז ישראל׳ס, שאול׳ס גבאי ראשון
פון קנין־ספרים און תומכי עניים.
ער האָט אַקאָרשט געמאַכט אַ סיום
אויף בכורות מיטן רי״ט אלגזי.
פאַרגינט זיך, כ׳לעבן, עולם הזה
און הערט זיך איין אין די ויכּוחים.
דאָ איז יעדער בחור אַ תלמיד חכם
מיט אַ שכל ווי אַ שאַרפע שווערד.

אויך דיין פאָטער איז אַ שפּליטער
פון יענער וויסט געוואָרענער וועלט.
געשטאַנען דאָרט מיט דיין מוטער
אויף יענעם שול־הויף אונטער דער חופּה.
ווי איינער פון דער געקרויזנטער גרופּע.
איז אָפּט זיין פּויסט געווען זיין קישן.
אויף אַן אָרט ביי יענע טישן
איז אויסגעקריצט געווען זיין נאָמען,
ווו יעדן מאָרגן צו השכמה
ער האָט זעלטן ווען געפעלט.

געווען אַ מאַרק מיט פיר צייל̈ן
און באַלעפּאָטים מיט תורה און גדולה.
געווען אויך ווייבער צווישן די „זיילן“.
וועמעס וואָרט האָט געגאָלטן אין שטאָט.
בעסער, ערגער, — געווען אַ גאָט,
און אַ מאָס פאַר גוטס און שלעכטס.
יעדן טאָג אַ ביסל געקעכטס,
אַ שטיקל פליש פון צייט צו צייט,
זין און איידעמס ביי דער זייט,
און טעכטער פרומע און שטילע.

אויף דער הויכער צייל, די מיוחסים.
שאַרפער וויץ און קלוגער שמייכל.
געווען ימים־טובים, געווען שבתים,
אַזעלכע שיינע, לאַנגע טעג.
אויסגעטרעטן איז געווען דער וועג,
און אויסגעפּוצט געווען דאָס יאָר
מיט אגדות אויפן וואָר,
מיט תעניתים, יומא דפּגרא׳ס
זיס און זויערס ווי גרינע אַגרעס.
צו עסן און צו נאַשן
פון קרעפּלעך און המן־טאַשן,
פון פּורים׳דיקן פלאָדן זיסן,
און חנוכּה לאָזן אייך גריסן
דאַרע גריוון און דער אויבער אייכל.

און דאָס שוואָמען־געסל, ווו גרויע נויט
האָט צעפרעסן אַלע דילן,
ווו צעפּוילט איז יעדער פּלויט,
ווו ס׳נישטערן אין קויט
דאַרע קעץ און זוכן ברויט,
ווו פאַרקרענקטע קינדער דינע
צוזאַמען ווייגען מיט דער שכינה
ביים צוקאָפּנס פון חולאים,
ווו עפּעלעפּטיקער און משוגעים,
קינדער צעבויגענע פון ראַביטים
זענען נזהר אין פרומע מידות,
זאָגן ברכה און לייגן תפילין.

דאָס אַלץ, מיין קינד, איז געווען אַמאָל,
ווען פרייד און לייד האָט געהאַט אַ זין,
ווען געלעבט האָט נאָך אַ פאָלק ישראל,
וואָס האָט געציטערט איבער זיין ירושה,
ווען דער בלאָנדער כאַם האָט געוויסט פון בושה
פאַר אַ קינד אַ לאַך אַ טרער פון אַ מאַמען
איידער עס האָבן געפלאַצט די צוימען
פאַר דעם טמא־פליין פונ׳ם מענטשן־מין.

אַט גרייכט מיין מעשה שוין דעם סוף;
נישטאָ מער גאָרנישט, וואָס צו דערציילן.
וועלף בלייבן וועלף און שאָף איז שאָף,
און אַ שאָף איז כשר פאַר אַ קרבן.
ניין, דער קרבן איז נישט געשטאָרבן,
ווי לאַנג ס׳ברענען די מזבחות
און דער שטן שמעקט די ריחות
פון געבראָטן פליש און בלוט.
און דיין בלוט גיסט זיך גוט
איבער די פינגער פון קאַניבאַלן.
הער, הער ווי די קולות שאַלן!
עס קומט דער הייל־מאַן פון די היילן.

קהילת אוסטרובצה הצטיינה בהווי היהודי המקורי שלה ובצביון המיוחד של ימי החג והמועד. בקהילה זו נשמרו מנהגים וטקסים עממיים, שלא היו ידועים כמעט ביתר הקהילות היהודיות בפולין.



פנחס סורוקה, תל אביב

יהודים שורשיים בעלי הווי חיים מקורי

אוסטרובצה שבמחוז קילץ, היתה עיירה יהודית טיפוסית בעלת אוכלוסיה יהודית שמנתה כ־17 אלף נפש. בשלל הטיפוסים היהודיים השורשיים, שהיו מצויים בדרך כלל בקהי־לות היהודים בפולין, התבלטה האישיות הדגולה של הצדיק הגאון רבי מאיר יחיאל זצ״ל, ששמו הלך לפניו בכל תפוצות הגולה. לאחר פטירתו כיהן במקומו בנו, רב יחזקאל׳ה, אף הוא גדול בתורה ובחסידות. הוא ניספה בצויזמיר על קידוש השם בימי השואה. כן הצטיינה אוסטרובצה בלמדניה, במיוחסיה ובני טובים שלה. כל חיי העיר התרכזו בבתי התפילה, „שטיבלעך" של החסידים, בבית הכנסת העתיק ובשני בתי המדרש הישן והחדש, שקול התורה לא פסק בהם בכל שעות היממה.

גוון חדש הכניסה לחיי העיר ישיבת נובארידוק, שב־ראשה עמד גיסי הר״ר מרדכי שמעונוביץ מעיר דרבנה. ישיבה זו, וישיבת „בית מאיר" הפכו את העיר למרכז לימודי בסביבה כולה, ומאות תלמידים נהרו אליה, כדי להתקבל לאחת משתי הישיבות, ששמותיהן יצאו לתהלה בפולין כולה. גם יהודים „מכל השנה" קבעו עיתים לתורה מי בחברה ש״ס, מי בחברת משניות או בחברת תהילים.

קולותיהם של תינוקות של בית רבן התערבו בניגונים הערבים של סעודות מצווה, שהיו מעשה יום־יום בעיירה זו שהיתה ספוגה תורה ומעשים טובים.

לנגד עיני עומד „די הויכע שול", ואני רואה את הסבלים שישבו על המדרגות וציפו לפרנסה, וממולם העג־לונים, כולם יהודים עסיסיים, שכל ימי השבוע היו טרודים בדאגות פרנסה ובערבי שבתות וחגים פשטו צורה ולבשו צורה, ואי אפשר היה להכירם כלל: הם הופכים ליהודים מצוחצחים למשעי שהנשמה היתירה קורנת מפניהם. והנה ה„משהלעך" וה„שלמהלעך" במשחקיהם בסמטאות העקל־קלות של ה„שול הויף". וכיצד לא להזכיר את אותם היהודים שהיו מוכנים ללכת באש ובמים כדי לעזור לנפש אחת מישראל. רואה אני את כולם בצערם ובשמחתם כמשפחה גדולה אחת.

זוכר אני את התמונה שחזרה כל ארבעה שבועות, כשהיו מוציאים על כורסה את הרבי ז״ל, שגופו הצטמק אחרי ארבעים שנות צום היו נושאים אותו ל„שול הויף" לקידוש לבנה. התהלוכה הזאת נשאה אופי של טקס, בחינת הארון הנושא את נושאיו. והעיירה כולה חיכתה לתהלוכה זו במוצאי־שבת, ששימשה סיום הולם ליום שבת קודש.

יהודי אוסטרובצה — הווי חיים מקורי

עוד בשחר נעורי, כתלמיד ישיבת נובורודוק שנדד ממקום למקום אחרי שנעקרתי מבית אבא שברוסיה הבולשביסטית נזדמן לי להכיר ערים ועיירות רבות, ונוכחתי לדעת שדומים הם מנהגיהם של בני ישראל בכל אתר ואתר משום שכולם יונקים ממסורת העתיקה שלנו. אך אוסטרובצה היתה מעין יוצאת דופן במובן זה, ובשורות אלו ברצוני לעמוד על ההווי המיוחד שלה.

לא עיר גדולה היתה אוסטרובצה, אבל בגלל המוניטין שיצא לה בישובי היהודים, בגלל החיים התוססים שבה ובעיקר בזכותו של הרב ר׳ מאיר יחיאל האלשטוק ז״ל, שהיה מגדולי האישים שבין המנהיגים הדתיים ביהדות פולין, נצטיירה דמותה בין יהודי פולין כעיר גדולה בעלת אוכלוסיה יהודית רבה ותוססת. אמנם, קשה היה למצוא בין הקהילות היהודיות בפולין עיר ציורית יותר מבחינת הקשת הרחבה של טיפוסים עממיים ומבחינת השמירה על טקסים דתיים, שספק אם נשמרו עוד במרכזים יהודיים אחרים בפולין.

פעם, בלכתי אור לערב חג הפסח לישיבה, והנה מגיע לאוזני קול שאון של המוני אדם. מיד הבחנתי בקבוצות גדולות של אנשים ובידיהם כדי חימר, הנוהרים לנהר כדי לשאוב „מים שלנו״ לאפיית מצה שמורה. והצטרפתי לקהל והשתתפתי בשירת ההלל ובשירת „המארש״ החדש שנתחדש זה לא מכבר אצל הרבי ממודז׳יץ. נדמה היה לי שאלה הם יוצאי מצרים עצמם החוגגים את שחרורם מן העבדות הקשה. מי שלא ראה מחזה זה במו עיניו אינו יכול לתאר לעצמו, שיהודים קשיי־יום ונדכאים יכולים פתאום להעביר עצמם בדמיונם למציאות אחרת ולחיות אותה כאילו היתה זו המציאות היומיומית שלהם.

הדביקות של השירים והריקודים היתה כה גדולה עד שלא הרגישו שהם רוקדים בבוץ העמוק, שכיסה את כל העיר בימים של חודש ניסן, כשהשלג מתחיל להפשיר. כדי למנוע את לכלוך הקפוטות בבוץ הרימו היהודים את כנפי בגדיהם ותקעום לתוך החגורות והאבנטים.

בהגיעם לנהר התפזרה החבורה לאורך החוף ובדחילו ורחימו התחילו לשאוב את מי הנהר תוך כדי סינון המים דרך מטלית צחה ונקייה. פתאום מתפרץ אחד מהחבורה, משול כמצביא עליון שכולם עומדים לפקודתו, בקול אדיר: חצקיל, וואס שוויגסטו! וחצקיל כחיל ממושמע מחליק את זקנו המטופח ופותח בשירה, וכל החבורה הקדושה מלווה אותו בשירתה בהתלהבות רבה ובהשתפכות הנפש ונדמה שהנה מתקרבים הם לעולם האצילות. אילולא נשמע קולו של שימעליע מלמד „יידן־לעבעדיק!״ שעורר את כולם מעולם ההזיות — מי יודע מתי היו מגיעים עם המים לעיר... שימעלע מלמד פתח בריקוד בתוך הבוץ וזירז את היהודים לחזור תוך כדי שירה עליזה לשול־הויף. בתפילת מעריב ובאיחולים לבביים שנזכה לשנה הבאה, נסתיימה ההילולה הזאת.

יום שני של חג השבועות

ביום־טוב שני של גליות מחג השבועות, יום הסתלקותו של נעים זמירות ישראל, דוד המלך ע״ה, התאספו יהודי העיר בבית הכנסת עתיק־היומין לאמור תהילים. בית הכנסת התמלא עד אין־סוף יהודים מכל השכבות, ביניהם חסידים, אנשי מעשה ו„עמך״. אחרי כל סיום של ספר התהילים, היו אומרים בציבור את „מי שברך״ לרב ולאדמו״ר הגדול. כך חזרו ונישנו עד הגיעם למזמורי שיר המעלות. כאן חלה הפסקה קצרה והגבאי עלה על הבימה ומכר את מזמורי „שיר המעלות״ לכל המרבה במחיר. יהודים משתדלים להתחרות זה בזה ולהרבות במחיר. אחרי גמר המכירה הפומבית הורגשה תכונה בלתי רגילה שלא

תקרית בגלל „ברכת המזון״

היה זה בשנת 1928 כאשר „השטיבל״ של חסידי אוז׳רוב היה בביתם של המינצברגים. שלושת מניני המתפללים שהתאספו בו מדי שבת בשבתו היו בעיקר מפשוטי העם שבאו לשמוע דברי תורה מפיו של נפתלי רוזנברג (נפתלי משה׳ל אבעליס) וסיפורי חסידים. את „ברכת המזון״ לסעודה השלישית נהגו למכור במכירה פומבית לכל המרבה במחיר. פעם התחרו על „ברכת המזון״ אברהם גרינברג (אברהמ׳ל „זומב״) ואליעזר מינצברג (אליעזר „שייגעץ״), שהיו גרים באותו בית. אברהם גרינברג הוסיף תמיד על המחיר ולא נתן לאליעזר מינצברג לזכות במצווה זו. לבסוף התרגז אליעזר ועזב בכעס את ה„שטיבל״. כשהתאספו כעבור זמן קצר המתפללים שוב לסעודת „מלווה מלכה״ לא רצו להאמין למראה עיניהם: כל זגוגיות החלונות היו מנופצות, תנור ההסקה מונח, כשהוא שבור, על הרצפה, השולחנות והספסלים שבורים, חוטי החשמל קרועים! חושך ואפלה מסביב ומן החלונות השבורים נושבת הרוח הקרה של הסתיו. כולם נדהמו בראותם את החורבן, ולא היה ספק בליבם מי עשה זאת.

הקהל הנרגז מצא את אליעזר כשהוא ישן שנת ישרים. העירו אותו משנתו והכריחוהו להתיצב מיד לדין־תורה לפני המו״צ איטשה מאיר הוכרמן. בדין תורה שהתקיימה בו בלילה בשעה מאוחרת העידו כל המתפללים נגד החשוד, והלה נאלץ להודות שמעשה ההרס נעשו על־ידי על שלא נתנו לו לזכות במצווה של „ברכת המזון״. המו״צ הטיל עליו לשכור למחרת בבוקר השכם פועלים ולתקן את כל הנזק באופן שלא יכירו בכך כלום. רק אחרי שאליעזר מינצברג חתם על התחייבות לקיים את פסק־הדין נרגעו הרוחות, וכל הנוכחים התפזרו לבתיהם.

י. בירנצוייג

הבנתי את פשרה. והנה מופיע יהודי עבדקן שכל ימות השנה הוא מרויח את לחמו מעבודת הסבלות, ובריל צ׳וצ׳קס שמו, ובידו נר שעווה גדול ויוצא בראש כל הנוכחים במקום בדרך לבית הרבי. בדרך לשם המשיכו לשיר את פסוקי „שיר המעלות״ וכל כמה פסיעות נעצרו כדי לאמר תפילת „מי שברך״. ליד הכניסה לבית הרבי פרץ ויכוח, כבכל שנה בשנה, מי יכובד בתפקיד הנעלה להושיב את הרבי בכורסה ולשאת אותו לבית הכנסת. החסידים טוענים שרק הם זכאים לכך, כי לשם כך הם טבלו היום במקווה וטהרו עצמם כדי להיות ראויים לשאת את הרבי לבית הכנסת; אנשי „עמך״ מחברת „מגידי תהילים״ טוענים שכל השמחה היא שלהם, כי זה יום פטירתו של אנעים זמירות ישראל; ועוד טענה בפיהם: הם המתפללים הקבועים בבית הכנסת הגדול וכי כל שבת הם גומרים את ספר התהילים ולכן מגיע הכבוד להם.

ותוך כדי ויכוח והחלפת דברים חריפה מופיע מאי־שם יהודי, שכל השנה הוא ידוע כנחבא אל הכלים, צדיק ותלמיד חכם מובהק, ר׳ חצקיל מעד, המכונה „חאצקיל גאָט״, ומרים ידו כלפי ההמון ומרוב דרך־ארץ ליהודי יקר זה משתתקים כולם. הוא תובע מן הקהל לקחת על עצמו את הדין ולהשלים עם כך, שהוא יקבע מי ומי הזוכים לשאת את הרבי לבית־הכנסת. וכך היה — „חאצקיל גאָט״ פסק והקהל הסכים.

והנה נתגלה לפני מחזה בלתי רגיל: דלתות הבית נפתחו לרווחה והרבי הופיע כשהוא ישוב בכורסה, הנישאת על כתפי יהודים, שזכו למצווה גדולה זו. גופו התשוש של הרבי, שצם ארבעים שנים, הופיע מול לראשי ההמונים שצבאו ליד ביתו, וכולם נדחקו אליו, כדי לזכות בחוויה הגדולה ולגעת בכורסה, כמו להבדיל בספר תורה, בעת שמוציאים אותו מן הארון לפני קריאת התורה. כך חזר ההמון הרב, עם צ׳וצ׳קה בראשם, כשהנר הדלוק בידו ומלווים את רבם לבית הכנסת. אחרי שסיימו פעם נוספת את כל מזמורי התהילים ואחרי לגימת „לחיים״, נסתיימה ההילולה המקורית הזאת.

פייגוש וויינטרויב־פערציק, ישראל

שבת ביי מיין פאטער אין שטוב

מיין פאָטער, ר׳ לייביש פערציק ז״ל, איז געווען אַ גערער חסיד און איז ווי געוויינלעך, געווען פאַרנומען מיט דאַגות־פּרנסה, אָבער טראָץ זיין פאַרהאַרעוועטקייט, האָט ער יעדן טאָג געזוכט אָפּצושפּאָרן אייניקע שטונדן פאַר „עולם הבא״. אויפשטייענדיק 6 אַזייגער אינדערפרי האָט ער זיך גלייך געזעצט לערנען, מיט דעם טראַדיציאָנעלן גמרא־ניגון, וואָס האָט זיך אַזוי זיס איינגעבאַקן אין אונ־זערע הערצער. ביז היינט גייט מיר נאָך דער קול פון זיין זאָגן „אמר ר׳ פפא״...

פרייטיק נאָכמיטאָג, מיטן דערנענטערן זיך פון שבת, האָט זיך אַלץ פּלוצלינג געביטן, עס איז פאַרשוואונדן די וואָכעדיקייט און עס איז אָנגעקומען דער הייליקער שבת. מיין אידעלע מוטער, די צדקת חנה גיטל ז״ל, גרייט זיך ליכט בענטשן, און אַ פייערלעכע שטימונג האָט באַהערשט מיך און מיינע פיר שוועסטער. ביים שבת־טיש זענען מיר אַלע געזעסן מיט טאַטע־מאַמע, און עס איז קיינעם נישט אַרויף אויפן זינען די מעגלעכקייט אַז אַ קינד זאָל פעלן ביים טיש. גרויס איז געווען דער דרך־ארץ פאַרן טאַטן און פאַרן שבת.

מיין פאָטער איז געווען אַ חבר אין דער חברה „שומ־רי שבת״ און זיין אויפגאַבע איז געווען צו גיין שבת צו דער באַן־סטאַציע, זען ווער עס קומט אָן און פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך כדי צו פועלן ביי אים אַז ער זאָל מער נישט מחלל שבת זיין. ער האָט געהאַלטן אַז שבת איז דער יסוד פון יידישקייט, דערביי איז ער געווען קעגן אַננעמען שטרענגע מיטלען קעגן מחללי שבת.

שבת באַטאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט פאַרהערן די ישיבה בחורים. זייענדיק אַ גרויסער למדן איז דאָס פאַרהערן זיך ביי אים נישט געווען קיין לייכטער ענין און די בחורים האָבן זיך גוט צוגעגרייט צו דעם.

עס איז שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק אַז מיינע טייערע עלטערן, מיינע פיר שוועסטער מיט זייערע קינדער און אַ ברייטע פאַרצווייגטע משפחה אַרום איז פאַרניכטעט געוואָרן אָן איבערצולאָזן אַ שפור...

אהרן אורבאס, רמת השבים

מיין פאטער אין שבת

פרייטיק פאַר ליכט צינדן האָט מיין טאַטע, אומקערנדיק זיך פון מקווה, אָנגעטאָן די שבתדיקע מלבושים און אַוועק צום רבין ר׳ מענדעלע ז״ל מקבל־שבת זיין.

ער איז אַהיימגעקומען אין זייער א געהויבענער שטי־מונג, זיך אַוועקגעשטעלט זאָגן שלום עליכם. זיין פּנים האָט געשטראַלט און די אויגן האָבן געלויכטן. איך, זייער אַ פרום יינגל, בין געווען זיכער, אַז אויף אים לייכט די שכינה. די שטוב איז געווען ווי אויסגעפילט מיט מלאכים.

נאָך דעם קידוש, פאַרן עסן, האָט יעדער באַזונדער געמוזט זאָגן „לכבוד שבת קודש״, און צוגעבן ווי אין די וואָכן־טעג — „איך עס כדי כ׳זאָל האָבן כוח צו לערנען״. אַזוי האָט אונדז דער טאַטע דערציגן.

נאָכן בענטשן האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען צום רבין ר׳ יחיאל מאיר הלוי. דער רבי איז קוים געזעסן אויף זיין שטול, און מען האָט אים קוים געהערט. דער טאַטע איז געשטאַנען נאָענט צום רבין און זיך טיף איינגעהערט צו זיין זאָגן תורה.

צומאָרגנס אינדערפרי איז דער טאַטע אַוועק אין מקווה, דערנאָך אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ער האָט מיט מיר מעביר געווען די „סדרה״ און דערנאָך מיך פאַרהערט וואָס כ׳האָב געלערנט דורך דער גאַנצער וואָך אין חדר.

נאָך דעם זענען מיר אַוועק צום ליפּסקער רבין ר׳ מענדעלע דאַווענען. דער טאַטע איז בעתן דאַווענען קיינמאָל נישט געזעסן, נאָר געשטאַנען, געדאַוונט וואָרט ביי וואָרט און אַז ער איז צוגעקומען צו „אבינו אב הרחמן״ איז זיין קאָפּ געווען אַרומגעהילט מיטן טלית. ווען דער בעל־תפילה האָט געענדיקט די שמונה־עשרה, האָט דער רבי זיך אַוועק־געזעצט און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, ביז דער בעל־תפילה, ר׳ ישראל ראָזענבערג, האָט פאַרענדיקט. דאַן האָט ער געהייסן זאָגן „אתה הראת לדעת״.

נאָך דער שבת־סעודה — זענען מיר ווידער אַוועק צום רבין. איך געדענק, אַז דער טאַטע און ר׳ ישראל ראָזענבערג זענען שטענדיק געזעסן צוזאַמען נעבן רבין ר׳ מענדעלע. ווען איך האָב אַמאָל באַקומען פון רבין שיריים, בין איך געווען ווי אין זיבעטן הימל, און אין זיך מתפלל געווען: כ׳זאָל נאָר ראוי זיין צו דעם.

חיים גאַלדזאַץ

א שטום געבעט

די אַלט־יידישע שטאָט אָסטראָווצע טובלט זיך אין בלייכן לבנה־ליכט, וואָס פאַרגיסט די שלאָפנדיקע גאַסן איינגעהילט אין פייערלעכער שטילקייט ווי אין אַ דורכזיכטיקן טלית. דער ביינאַכטיקע הימל איז געדיכט באַזעצט מיט פינקלענדיקע שטערן ווי אַ זילבערנע עטרה מיט פליטערלעך, וואָס צאַפלען זיך, צינדן און לעשן זיך און בליצן ווידער אויף. פון צייט צו צייט ווערט די שטילקייט איבערגעריסן מיטן קרייען פון די הענער.

איטשע „מזיק" ליגט איינגעדרייט אויף זיין בעט. ס'נעמט אים נישט דער שלאָף. זיין געהער איז אָנגעשפּיצט. ער כאַפּט אויף יעדן שאָרך וואָס קומט פון דרויסן. עפּעס הערט ער אַ מורמלען, א ברומען, וואָס טראָגט זיך צו אים פון דער אַלטער הילצערנער שול אנטקעגן זיין שטוב. אפשר איז עס אַ ווינטל וואָס דראַפּעט זיך אויף גלייכע ווענט, צי גאַר מתים ?... יוי מען דערציילט זיך אָן איז די האַלב־חרובע אַלטע שול פול מיט טויטע ביינאַכט ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין מזוזה ביים אַריינגאַנג. זיי שוועבן אום, די מתים, דאַווענען ליינען די תורה נאָך צוועלף באַנאַכט, שרייען און קרעכצן ביז די הענער הייבן אָן צו קרייען. דאַמאָלט אַנטלויפן זיי צוריק אין זייער רו אַריין...

אַן איבערגעשראָקענער איז איטשע „מזיק" האַסטיק אַראָפּ פון געלעגער, זיך אַ וואַקל געטאָן און געבליבן שטיין אַ רגע אַן איינגעהערטער. ער האָט דערטאַפּט די בלעכענע שעפּ, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען ברומען „מודה־אני".

אַ קיל ווינטל האָט איטשען מחיהדיק געבלאָזן אין פּנים אַריין און אים אויפגעפרישט. פון אונטער די גרויסע ברעמען האָבן זיינע אויגן געבלאָנדזשעט אין אַלע זייטן. די אומבאַוווּסטע מורא איז אַלץ נישט אָפּגעטרעטן פון אים. די פענצטער־לעכער פון דער שול האָבן פינצטערע געקוקט צו זיין באַלקאָן־גאַנעק, וואָס פירט מיט עטלעכע טרעפּ אַראָפּ צו דער גאַס. טיף אין זיך, נישט באַוועגנדיק מיט די ליפּן האָט ער געזאָגט „שמע ישראל" און מיט אימפּעט גענומען אַראָפּלויפן פון די שטיגן.

די הייזער אַרום זענען געשטאַנען טייל פאַרשאָטענטע און טייל באַזילבערטע פון דער פולער לבנה — פאַרזונקענע אין סודות. קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך נישט געוויזן פון ערגעץ. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ מיטן געסל ווו ס'איז געשטאַנען אַ ווייסגעקאַלכטע מויער מיט צוויי קיילעכדיקע געוועלבן וואָס האָבן געפירט אין שול־הויף אַריין. ווען ער איז געקומען אינעווייניק אין הויף איז די מורא ווי פון זיך אַליין געוואָרן אויסגערונען, צעגאַנגען ווי אַ רויך. אַ ליכטיקייט האָט זיך געשפּרייט דורך די פענצטער פונם שטאָטישן בית־מדרש פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ זיס תורה־קול מיט אַ נאָגנדיקן ניגון.

די שווערע מאַסיווע טיר האָט זיך קוים געעפנט. אַ זויערלעכער ריח האָט איטשען אַ שלאָג געטאָן צום פּנים. ס'האָט אים אַזש פאַרפּעלט אָטעם. די געדיכטע טעמפּיקע לופט אין בית־מדרש האָט זיך געטראָגן פון די שלאָפנדיקע יידן הינטערן קאַכלע־אויוון, יידן מדינה־גייער וואָס זענען געקומען אַהער פון פאַרשידענע מקומות.

דאָס בית־מדרש האָט נאָך געפּוסטעוועט. ביים טיש — אנטקעגן דער טיר — זענען געזעסן עטלעכע בחורים געבויגן איבער גמרות, פאַרטון אין לערנען. באַלד זענען אַריינגעקומען נאָך עטלעכע יונגעלייט. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום צווייטן טיש אין דער זייט פון די פענצטער, אָנגעצונדן ליכט אויף די בלעכערנע טעלערלעך מיט די שפּאָרערס און זיך גענומען וויגן איבער די צעעפנטע פאַרגעלטע גמרות. אויף די אנטקעגנדיקע ווענט זענען אויסגעוואַקסן זייערע געבויגענע שאָטנס צעוויגטע ביז איבערן סופיט. איניקע האָבן אונטערגעברומט אַ ניגון. אַנדערע זענען געזעסן פאַרטראַכט, געבלאָנדזשעט מיט די בליקן איבער די ווענט, צו די פענצטער.

איטשע „מזיק" איז יעדע פּאָר מינוט געשטאַנען ביי אַ צווייטן לערנער, אים געקוקט אין פּנים וואָס איז געווען רויט באַשלאָגן פונם ליכטלדיקן שיין. ער האָט זיי מקנא געווען וואָס זיי קענען אַסאַך און ווייסן אַלץ וואָס ס'שטייט אין די קליינע אותיותלעך.

הינטער דער גרויסער הילצערנער שול פון וואַנען ס'הייבט זיך אָן די מויערן־וואַנט, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פונם באַרג־געסל און פירט צו דער מקווה, איז איצט איטשע געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער נאָכן פאַרלאָזן דאָס בית־מדרש. ער האָט געגאַפט ווייט, ווייט ווו הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען. ער האָט זיך געחידושט וואָס אין דער סאַמער ווייטסטער ווייט זענען הימל און ערד — איינס — צונויפגעגאָסן ווי איין שטיק, ווי פון איין און דעם זעלבן שטאָף. אין דער זעלבער צייט האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק, וואָס אַזוינס טו איך,

איטשע „מזיק", אויף גאָטס וועלט? כ'האָב אַ ווייב, קינדער — זין און טעכטער — אַלע אָן עין־הרע געזונטע ווי די ניס. איין זאַך האָט געהאַמערט, אין זיין מוח וואָס ס'האָט אים געמאַכט אויפציטערן — יענע וועלט... אָט טאַקע דאָרט, ווו ס'עקזיסטירט נישט מער קיין אונטערשיד צווישן ערדישן און הימלישן... די צווייטע וועלט פון כולו רוחניות האָט אים נישט געלאָזן רוען.

עפּעס האָט ער געהערט פון יידן לערנערס, בני־תורה, אַז ס'זענען פאַראַן למד־וואָו'ניקעס, גרויסע צדיקים, מענטשן פאַרבאָרגענע, וואָס זענען שוסטערס, שניידערס, באַלעגאָלעס, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף זיי, ווייל ווען נישט די ל"ו צדיקים וואָלט חלילה קיין זכר נישט געבליבן פון גאַנצן גוטס אויף דער וועלט.

איטשע האָט פאַרגלאָזט די אויגן צום הימל, געבליבן שטיין ארומגערינגלט פון ספקות וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. ווער איז דאָס? און וואָס איז ווער? אין האַרץ ביי אים האָט גענומען צאַפּלען אַן אפשר? — אפשר טאַקע אני הקטן, איך, איטשע מזיק?... עפּעס פריידיקס האָט גענומען גלעטן זיין האַרץ. די פרייד איז צעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב־און־לעבן. פון זיך אַליין האָבן די הענט זיך פאַרלייגט אויף הינטן, ווי איינער וואָס איז פאַרנומען מיט שווערע רעיונות. ער האָט גענומען גיין מיט די הילצערנע טרעפּ וואָס האָבן געפירט אויף אַראָפּ, נאָך דעם זיך פאַרנומען אויף לינקס. אז ער איז צוגעקומען צום בריקל, וואָס פירט אין דער מיל, איז ער געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט ווי ס'וואַסער שוימט זיך, קאָכט און שאַרגעט ווי דער סמבטיון. אָט אַזוי ווי ס'קאָכט איצט אין אים מיט עפּעס זאַכן וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט פון זיי, גייען אויף אין אים ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג.

די זאַנגען אויפן פעלד שטייען געבויגענע מיט פולע שווערע קעפּ און כוואַליען זיך גינגאָלדיק אַנטקעגן דער זון. אַ שטאַרקער דופטיקער ריח טראָגט זיך פון פעלד. דער הויכער קוימען פון דער ציגעלניע שטייט געשטרעקט צו די הימלען און שפּייט מיט קנוילן רויך, ווי ער וואָלט זיך אונטערגענומען צו פאַרשוואַרצן דעם הימל.

ביי איטשען אין זכרון ווערט עפּעס געבוירן, עפּעס אַ גרויסע ליכט גייט אין אים אויף, וואָס ער האָט נישט קיין נאָמען דערפאַר און ווייסט נישט פון וואַנען עס קומט. זיין גאַנצער גוף פלאַטערט אויף. ער גיט אַ געשריי ווי נישט מיט זיין קול:

— שבת־קודש איז די וועלט. קודש־קדשים איז דער מענטש. לשון־קודש איז מיין יידיש לשון, וואָס איך רעד און וואָס איך שווייג. וואָס איך טראַכט און וואָס איך חלום. נאָר ווער בין איך אַליין? נאָר וואָס פירט זיך דער אין הימל מיט מיר אַרום ווי מיט עפּעס רעכטס, ווי מיט אַ מחותן אויף אַ חתונה? וואָס זאָגט ער מיר אונטער זאַכן וואָס געהערן נישט צו מיר, וואָס זענען וווייט פון מיר? וואָס קען איך וואָס ווייס איך? איך בין דאָך ביי אַלע אויף חוזק? מען קוקט דאָך אויף מיר פון אויבן אַראָפּ? וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיל איך ביי ווענען? איך בין דאָך נאָך ווינציקער ווי אַ ווערעמל אַקעגן דיין גרויסן באַשאַף. טאָ וואָס־זשע האָסטו אויסגעקליבן מיך און נישט די מתמידים און לומדים, פאַרוואָס קומט עס מיר צו האָבן ביי דיר מער חן אין די אויגן ווי זיי וואָס זענען מיך מבטל? ס'מוז דאָך עפּעס זיין דערביי וואָס דו פאַרטרויסט זיך מיר און נישט זיי? הייסט עס, אַז איך... יאָ, איך... גרויסער גאָט... דו מיינסט עס ערנסט? דו חוזקסט נישט פון מיר ווי יענע דאָרט?... בין איך עס טאַקע ווערט?...

ווי אַ קינד וואָס פרייט זיך מיט אַ שפּילצייג, אַזוי האָט זיך איטשע מזיק געפרייט מיט זיין אנטפּלעקונג, מיט זיין נייעם באַנעם פון זיין אָרט אויף דער וועלט. פון גרויס באַגייסטערונג האָט ער געטאָן אַ נדר, געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט זיך אַליין: יעדן שבת וועט ער אַרויסגיין אין פעלד. דאָ קען ער באַנעמען זאַכן וואָס אין שטאָט דערגייען זיי נישט צו זיין פאַרשטאַנד. אין די קאַלטע ווינטער־שבתים וועט ער אַכטונג געבן אַז דער אויוון אין בית־מדרש זאָל זיין גוט געהייצט, די לערנערס זאָל זיין וואַרעם. זומער וועט ער ברענגען עמערס קאַלט וואַסער אַז יידן זאָלן זיך דערקוויקן זייערע הערצער. אָן ווערטער האָט ווער אין אים געפּליסטערט:

— גוט אַזוי, איטשע, ווייל און ליכטיק וועט זיין דיין לעבן דערפאַר...

און הויך אויפן קול האָט זיך איטשע „מזיק" צעזמר'ט ווי די לערנערס אין בית־מדרש:

— איך דאַנק דיר, גאָטעניו, ליכטיקער פאָטער אין הימל. מיט וואָס האָב איך זיך עס פאַרדינט ביי דיר? איך וועל דיר אָפּדינען מיט מצוות און מעשים־טובים... איך וועל דיר דערפאַר נישט בלייבן קיין בעל־חוב... איך וועל דיר אָפּצאָלן מיט גאָלע גוטס. איך זאָל טאַקע ווערט זיין דיין גנאָד, דיין גרויס חסד וואָס דו טוסט מיט מיר... וואָס דו האָסט זיך דערקענט אויף מיר, מיך אויפגעזוכט און דערהויבן אין דיינע אויגן, כ'זאָל קאָנען גיין איבער דער וועלט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

✶

דער פרייטיקצונאַכט איז געשטאַנען אַ ליכטיקער און געטובלטער אין זיבן וואַסערן. יידן גייען שוין פון דאַווענען, פון די בתי־מדרשים, פון שול, פון חסידים־שטיבלעך. עדות יידן ציען איבער די שבתדיק־אויפגערוימטע געסלעך. פון אַלע זייטן הערט זיך:

— גוט־שבת, יידן!

— גוט־שבת, גוט יאָר!

אָסטראָוועצער גאַסן שײַנען צניעותדיק און פרום. אין אַלע פענצטערלעך צאַפּלען זיך די שבת־ליכט. דער שײַן פאַלט איבער די שטעטל׳שע גאַסן און געסלעך ווי אַ פײַערלעכע אילומינאַציע. די שכינה רוט אין יעדן הויז, און די מנוחה און שלווה ביי יעדן שבתדיקן טיש.

איטשע „מזיק״ איז ווי תמיד אַריינגעקומען אין זיין שטוב מיט אַן אויפגערוימטן „גוט־שבת!״. זיין ווייב איז געווען אָנגעטון אין אַ רביצין־קופּקע מיט ציטער־שפּיל־קעס און פּערל. זי האָט אויפגענומען דעם מאַנ׳ס „גוט־שבת!״ נישט פילנדיק קיין שום ענדערונג אין איר מאַנ׳ס אופן לעבן. גיכער האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי האָט עפּעס פאַרהערט... ווייל שטענדיק נאָכן „גוט־שבת!״ האָט ער עפּעס געפרעגט, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וואָס האָבן נאָך געהערט צום אינדערוואָכן. נאָר באַלד איז איר עפּעס קלאָר געוואָרן פאַר וועלכן זי האָט זיך דערשראָקן. איר מאַן האָט, אָנשטאָט צו רעדן, ווי אַלעמאָל, מיט אַ גראָבן וויץ, מיט אַ הלצה׳לע, דברי חול: וואָס דער זאָגט אויפן רב און וואָס יענער זאָגט אויף דער רביצין — גענומען רעדן וועגן זאַכן וואָס זי הערט זיי דאָס ערשטע מאָל פון זיין מויל זינט זי קען אים, נאָך פון יינגלווייז אָן, נאָך פון פאַר דער חתונה.



שפּעטער, ביי דער שבתדיקער סעודה, ווען די קינדער ביים טיש האָבן גענומען דערציילן מעשיות פון שטעטל, וועגן פאַרטייען, מסחר, פרייזן פון תבואה, פויערן אויפן יאַריד און דאָס גלייכן, — האָט איטשע „מזיק״ גענומען טופּען מיט די פיס, דראָען מיט די פויסטן און שרייען אויף די קינדער ביים טיש:

— נו, דברים־בטלים... שטיל זאָל זיין. כ׳וויל נישט הערן אַזעלכע זאַכן ביים שבת־דיקן טיש. היינט איז שבת־קודש אויף דער וועלט. יעדעס וואָרט וואָס ווערט אַרויס־געזאָגט דאַרף זיין הייליק, דאַרף האָבן אין זיך קדושה... איך וויל נישט הערן פון אַזעלכע זאַכן ביי מיין טיש. דברי־חול לאָזט איבער אויף אַ גאַנצער וואָך. איר זאָלט זיי מער נישט אַרויסברענגען אויפן שבתדיקן טיש...

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און זייטיק געקוקט אויפן טאַטן ווי ער וואָלט געווען חסר־דעה און פון דעמאָלט אָן אים געהאַלטן פאַר אַן עובר־בטל וואָס רעדט שוין נישט צו דער זאַך.



יאָרן זענען געלאָפן. אַלע קינדער האָט איטשע „מזיק״ חתונה געמאַכט. די באָרד זיינע איז געוואָרן גרייז־גרוי, צוזאַמען מיט די געדיכטע ברעמען־בערשטלעך איבער די אויגן. די שטאָט האָט, ווי שטענדיק, ווייטער חוזק׳דיק נאָכ־געמאַכט זיין מאָדנע התנהגות אין שבת. ווי ער וואָלט, געווען אַ רבי, אַ צדיק. יינגלעך, לאָבוסלעך און אפילו דערוואַקסענע האָבן אים, כלומרשט אומגערן, געשטופּט און געשטויסן בכדי מען זאָל הערן זיינע פּסוקים און פאַר־שטעלטע תורה־רייד, פון וועלכע מ׳האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

איטשע „מזיק״ האָט זיך נישט געמאַכט דערפון, און ווייטער אין הייכע שבתים, געבראַכט קאַלט וואַסער אין בית־מדרש אַריין, יידן זאָלן זיך דערקוויקן. זיין פּנים האָט געשיינט, ווען ער האָט געזען ווי יידן מאַכן ברכה איבערן קאַלטן טרונק־וואַסער וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט. די אויפגעגאַנגענע פרייד אין אים האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, ווי ער וואָלט דערגרייכט דאָס העכסטע גליק, וואָס אַ בשר־ודם קאָן דערגרייכן אויף דער וועלט.

יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט דער שבת־בין־השמשות, אין די ווינקלען פון בית־מדרש האָט גענו־מען צאַפּלען דאָס לעצטע ביסל טאָג־ליכט און דורך די פענצטער האָט זיך געזען דער צעפלאַקערטער זונפאַרגאַנג, איז אים געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה.

אין מערב־זייט האָט דער הימל רויט געשרפהט ווי מען וואָלט ערגעץ וווּ צעלייגט ריזיקע פייערן, שייטער־הויפנס. איטשע „מזיק״ האָט דעמאָלט פאַרקלעמט ביים האַרץ. דאָס הייצט מען איצט איין די קעסלען אין גיהנום, מען גרייט די קאַלך־אויוונס פאַר די רשעים. יענע דאָרט וועט מען באַלד ברענען און בראָטן, שמייסן און קאַטעווען, און ער דאָ זיצט במנוחה ביים טיש, צוזאַמען מיט דער

עדה יידן ביי שלוש־סעודות און ס׳גיט זיי נישט צומאָל קיין טשעפּ, קיין ריר. מען עסט במנוחה ברויט מיט הערינג, וואָס דער בעקער, יחיאל־טוביה, גרייט צו יעדן שבת צום טיש, און ער אַליין, בערעלע בעקער, זיצט אויבן־אָן און פירט אָן מיטן כאָר. איטשע „מזיק" זינגט מיט, הייס, צעפלאַמט, התלהבותדיק איבערגענומען, ווי אַלע יידן. דאַרף עס טאַקע אַזוי זיין אויף דער זינדיקער וועלט? קאָן זי טאַקע נישט קריגן קיין תיקון?

בערעלע בעקער פּרוווט אַלעמען איבערשרייען. אין מיטן זינגען קלערט ער שוין וועלכן פרישן ניגון צוצופּאַסן צום פרישן זמר. צומייסטן זענען די ניגונים פריילעכע, לעבעדיקע מאַרשלעך. אנדערע ניגונים זיינען פירן אַוועק אין די עולמות העליונים מיט זייער דביקות און געדעמפּט־קייט פון די פאַרבענקטע טענער. ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז באַלד וועט ער מוזן הייצן זיין אויוון, מען דאַרף זיך שוין באַלד שטעלן באַקן בייגל ער שוועבט איצט אויף די פליגל פון געזאנג. ער הערט נישט און זעט נישט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער איז אין גאנצן ווי אויסגעטאָן פון דער וועלט. זיינע אַלע איברים זענען דורכגענומען פון תענוג־נגינה וואָס פאָכעט צעפלאַטערט און צעפליגלט איבער חלל פונעם בית־מדרש, רייסט זיך אין דרויסן אַרויס און שוועבט אַוועק ווייט איבער געסל און הויך צו די הימלען, ווי טשאַטעס זילבערנע טויבן.



צווישןביידע מיטלסטע פענצטער זיצט איטשע „מזיק" אַ צעוויגטער מיט געשלאָסענע אויגן. די ניגונים פלאַטערן איבער זיין קאָפּ. טיף אין זיך בעט איטשע „מזיק" פאַר זיין בני־בית, פאַר די קינדער מיט די אייניקלעך, פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, אויך פאר די זינדיקע און געפייניקטע, פאַר אלע ליידנדיקע, אויף דער גאולה־שלמה. נישט מיט קיין ווערטער, נישט מיט קיין געבֿרום קומט אויף אין אים דאָס געבעט. דאָס שטומע געבעט גייט אויף אין אים ווי אַ זון־אויפגאנג, אָט ווי ס׳איז אויפגעגאַנגען אין זיין געמיט דעמאלט אויפן פעלד, ווו ער האָט אָפגעריכט התבודדות, זיך באַהאָפטן מיט דער גאַנצער תשוקה פון זיין נשמה מיטן וווּנדערלעכן וועלטבאַשאַף, און צוריקגעקומען בין־השמשות אין בית־מדרש צו שלוש־סעודות מיט אַ ניי שטום געבעט — אַ דערמונטערטער און געלייטערטער מיט דער ריינקייט און פּשטות פון אַ ייד אַ למד־וואָו׳ניק.

מענדל הארטשטיין

ימים נוראים אין שטאט

אַ רב האָט אַמאָל געלערנט זיין זון ווי אַזוי צו פירן דאָס רבנות, וואָס ער נעמט איבער:

— הער זיך איין! — האָט ער געזאָגט — טאָמער וועסטו טענה׳ן צו די דאָזאָרעס, אַז דער רב דאַרף קריגן אַ הוספה אויף די שכירות, וועלן זיי טענהן, אַז מען דאַרף אַ דאַך אויף דער מקווה; און טאָמער וועסטו טענהן, אַז מען דאַרף אַ דאַך אויף דער מקווה, וועלן זיי טענהן אַז דער רב דאַרף באַקומען אַ הוספה.

וואָס איז פון דעם געדרונגען?

פון דעם איז געדרונגען, אַז אַ רב דאַרף משפיע זיין אויפן עולם אומדירעקט. דאָס איז געווען דער פאַל מיטן אָסטראָווצער רב.

דירעקט האָט ער זיך גאָר ווייניק געמישט אין שטאָטישע ענינים; אומדירעקט אָבער איז זיין השפעה געווען אויסערגעוויינלעך גרויס, ממש אומבאַגרענעצט. אויף יעדער זאַך וואָס איז פאָרגעקומען אין אָסטראָווצע, מען וואָלט געקענט אויסרעכענען פיל פאַלן, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט די השפעה פונם צדיק, אָבער דער בולטסטער פאַל איז דער ערב יום־כפור אין אָסטראָווצע.

דאָס איז געווען אַ ספּעקטאַקל, וואָס האָט ניט געהאַט זיינס גלייכן אין גאַנץ פּוילן, און ווער עס האָט דאָס איינמאָל געזען, וועט דאָס מער אין זיין לעבן ניט פאַרגעסן. דאָס איז געווען אַ סצענע פון קיינעם צוגעגרייט, פון קיינעם ניט רעזשיסירט, נאָר געשאַפן ספּאָנטאַן פון זיך אַליין.

כידוע, האָבן זיך די יום־נוראים אין אָסטראָווצע נישט אָנגעהויבן מיט פאַרקויפן בילעטן אין שול אַריין און מיט פאַרהערן אַ חזן. ביי אונדז האָבן די ימים־נוראים זיך אָנגעפאַנגען אין ראש־חודש אלול מיט „לדוד אורי וישעי" און מיט תקיעות שופר.

באַלד ווי עס האָט זיך געהערט דער ערשטער בלאָז, האָט דורכגעציקט אַ ציטער דורך יעדן איינעם. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען אַריינגעטאָן אין זיך און געטראַכט וועגן דעם קומענדיקן יום־הדין. מען האָט געדאַוונט פרומער. ממש געהיט זיך מיט אַ וואָרט. ווייבער האָבן געטראָגן זייערע קרבן־מנחה סידורים מיט די טאַשן־טיכלעך אינעווייניק, און געגאַנגען, ווער אין שול אַריין צו אַ פשוטן וואָכעדיקן דאַוונען, און ווער אויפן בית הקברות זיך דורכשמועסן מיט פאַרגאַנגענע דורות, אויסוויינען זיך.

מיט יעדן טאָג נענטער צו ראש־השנה איז דער פחד געוואַקסן, ביז שבת־צו־נאַכטס פון די ערשטע סליחות. דעמאָלט זענען געקומען אין שטאָט אַריין דאָרפסלייט פון די דערפער אַרום, מיט שאַליקעס אַרום די העלזער. זיי זענען געשטאַנען אין בית־המדרש ביי דער טיר און זיך געשאָקלט מיט פחד.

און אַז עס איז געקומען ערב ראש־השנה, זענען ממש טייכן טרערן פאַרגאָסן געוואָרן אין דער ווייבערישער שול. דאָס האָט מען זיך אָנגעזעצט אויפן רבונו־של־עולם און אים פשוט נישט אָפּגעלאָזט שטונדן לאַנג. דאָס בלויזע אויפשטעלן זיך און צוריק אַנידערזעצן איז גענוג געווען אייַנצומאַטערן אונדזערע אויסגעהאָרעוועטע מאַמעס און באָבעס.

אינעם חסידים־שטיבל איז דאָס געווען אַ ביסל לייכטער. מען פאַרוויכט די ערשטע סליחות מיט מלוה־מלכה פון קאַרטאָפל מיט באָרשט צוויי אַזייגער ביינאַכט, און מען האָט איבערגעהיפּט אַ העלפט פון די ערב ראש־השנהדיקע סליחות.

שבת תשובה האָט דער רב געדאַרשנט אין שול. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין דרשה אינם פשוטן זין פונם וואָרט. ער האָט אַריבערגעוואָרפן דעם טלית איבערן קאָפּ און גערעדט שטילערהייט צו זיך אַליין. געקומען צו דער דרשה זענען הונדערטער, און בלויז עטלעכע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום האָבן געהערט אפשר אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

עס איז ערב יום־כפור. פאַרטאָג שלעפּט די מאַמע די קינדער פונם בעט, ווי עס וואָלט געווען אַ שרפה — כפרות שלאָגן! און דער טאָג איז קורץ. עס איז פאַראַן אַזויפיל צו טאָן דעם דאָזיקן טאָג. ממש קיין צייט ניט פאַראַן צו עסן; און עסן דעם טאָג איז גראַדע אַ גרויסע מצוה, אַזוי גרויס ווי פאַסטן אום יום־כפור.

פונדעסטוועגן זענען אַלע ווייבער פרי פאַרטיק געוואָרן, געצונדן ליכט א גוטע שטונדע פאַר די שקיעה און פול געמאַכט די גאַסן און די הייזער מיט מוראדיקע געוויינען. אַלע זענען זיי געלאָפן, אָנגעטאָן די בעסטע קליידער, מיט גרויסע מחזורים אין די הענט און פאַרוויינטע פנימער, זען ווי דער רבי גייט אין שול אַריין... טויזנטער זיינען זיי

זה ספר

אליאב
בן אחיסמך

חורש וחושב בתכלת ובתולעת שני

ממני הק' סענדר פרידענבערג, מלפנים אבדק"ק פראשוויץ ועתה מו"צ באסטראווצע

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם יוסף קליימאן ווארשא נאלעווקי 41.

פיעטרקוב

שנת חמשת אלפים אעת"ר לפ"ק

СЕФЕРЪ ЭПЫОВ БЕН АХИСУМОХ

הספר „אליאב בן אחיסמך", הדן בעניני תכלת, חובר על ידי המו"צ מאוסטרובצה, ר' סענדר פרידענבערג.

געקומען: יידן מיט טליתים, ווייבער מיט איבערגעשראָקענע קינדער, האָבן פול געמאַכט די גאַסן פון רבינ׳ס טיר ביז צום שול הויף, קעפּ אויף קעפּ, ממש ניט געווען ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן, פול די באַלקאָנען און די דעכער. טרעגער און שטאַרקע מענטשן האָבן פאַר די הענט זיך געהאַלטן, געמאַכט אַ וואַרע, אַז דער רבי זאָל קענען דורכגיין.

— „דער רבי גייט!" — אַזוי ווי אַ ווינט, האָט דורכגעשלאָגן אַ טומל דורך דער מענטשן־מאַסע, און זיך איינגעשטילט, ווייל דער רבי איז נאָך נישט געווען פאַרטיק, דאָס איז אַ חסיד איילענדיק ארויסגעלאָפן פונם רבינ׳ס הויז.

— דער רבי גייט!

עס האָט אויסגעבראָכן אַ טומל אַזוי ווי די ערד וואָלט זיך איבערגעקערט און די הימלען וואָלטן זיך געשפּאָלטן. און וואָס נענטער דער רבי איז געקומען, אַלץ שטאַרקער זענען געווען די געשרייען. טויזנטער ווייבער האָבן געשריגן מיטן גאַנצן כוח און מיט הילכיקע געוויינען:

— „הייליקער רבי!.. זייט מתפּלל פאַר אונדז!"

— „מיין קינד זאָל באַשירמט ווערן פון גוישע הענט!"

— „מיין טאָכטער זאָל בשלום איבערקומען!"

— „מיין מאַן — אַ רפואה שלימה!"

— „הייליקער רבי!.. הייליקער רבי!"

דער רבי איז געגאַנגען איינגעבויגן אין דרייען, דאָס האָט אויסגעזען ווי די יסורים פון דער עדה יידן פאַלן אים אין קאָפּ אַריין ווי שווערע שטיינער. מען האָט אים ממש אַריינגעטראָגן אויף די הענט אין שול אַריין.

דעמאָלט איז יעדער אַוועק צו זיין מנין צו כל־נדרי. נאָך דער דאָזיקער איבערלעבונג האָבן זיך געזאָגט די תפילות גאָר אויף אַן אַנדער אופן. דער גאַנצער גוף איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יום־כפּורדיקער אימה.

אַזוי האָט אויסגעזען אָסטראָווצע מיט איבער זעכצן טויזנט יידן, וועמעס חורבן מיר באַוויינען שוין צענדליקער יאָרן.

יחיאל מגיד־ראזענבערג

שבת און יום־טוב אין אסטראוועצ

טראָץ וואָס עס זענען שוין פאַריבער קאַרגע 30 יאָר זינט די נאַצישע טמאים האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונדזער שטאָט אָסטראָווצע, איז נאָך ביי מיר פריש אין זכרון די דאָזיקע גרויליקע תקופה.

איך בין דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהינום פון די נאַצישע געטאָס און טויט־לאַגערן. איך קען נישט פאַרגעסן די האַרצרייסנדיקע סצענעס און די הימלשרייענדיקע קולות און געוויין פון די צום טויט־פאַרפייניקטע אומשולדיקע באָבעס און זיידעס, טאַטעס און מאַמעס, זין און טעכטער, ברידער און שוועסטער און קליינע קינדער.

מיט טיף צער און ווייטיק דערמאָן איך יענעם שוואַרצן טאָג, ווען מען האָט מיך סוף 1944 צוזאַמען מיטן רעשטל איבערגעבליבענע יידן אין שטאָט, אַרויסגעפירט פון דער פאַבריק „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע" אויפן וועג קיין אוישוויץ.

איך האָב גוט געקענט אונדזער אָסטראָווצע פון פאַרן חורבן, ווען זי איז נאָך געווען אַן עיר ואם בישראל. געגנוי ווי ווילנע, ירושלים דליטא, האָט שטאָלצירט מיט איר גאון, מיט אירע באַריכטע רבנים, תלמידי חכמים און ישיבות, אַזוי האָט אויך אונדזער שטאָט אָסטראָווצע שטאָלצירט מיט איר גאון ר׳ מאיר יחיאל הלוי האלשטוק ז"ל און מיט די אנדערע אירע רבנים, תלמידי־חכמים און ישיבות.

אָסטראָווצע האָט פאַרמאָגט איבער 20 חסידים־שטיבלעך, 2 גרויסע בתי־מדרשים און 2 קליינע בתי־מדרשימלעך — וואַכנעס בית־המדרשל און ר׳ עקיבא ראָסעטס בית־המדרשל אויפן גאָרן אין זיין גרויסן הויז — און אַן אַלטע הילצערנע היסטאָרישע שול.

אָסטראָווצע איז אויך געווען באַרימט מיט אירע צוויי ישיבות: די נאָוואָגראָדקער ישיבה „בית־יוסף" און די ישיבה „בית־מאיר", אין וועלכע עס האָבן געלערנט קנאַפע דריי הונדערט תלמידים. מיט דער ישיבה „בית מאיר" האָט אָנגעפירט דעם אַלטן אָסטראָווצער רבינס זון הרה"ג ר׳ יחזקאלע ז"ל. דאָרט האָט אויך געגעבן אַ טאָג־טעגלעכן שיעור אין תלמוד ר׳ לייבוש יאָשעס ז"ל, וועלכער איז צו יענער צייט געווען מורה הוראה, געזעסן אין בית־דין־שטיבל און געפסקנט שאלות. אַ סך תלמידים האָבן דאָרט אַרויסבאַקומען סמיכה אויף רבנות, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן ראש־ישיבה צוזאַמען מיטן ראב"ד פון קראָקע, ר׳ משה ישראל סילמאַן ז"ל, אַן אייניקל פון אַלטן אָסטראָווצער רבין, וועלכער האָט שוין צו יענער צייט גשמט אַלס עילוי, און ר׳ לייבוש יאָשעס ז"ל.

נאָך היינט צו־טאָג קומט מיר אויס צו טרעפן אין דער ברייטער וועלט יידן בני תורה, וועלכע שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זיי האָבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געלערנט אין ישיבת „בית־יוסף" אָדער אין ישיבת „בית־מאיר" אין אָסטראָווצע און זיי דערמאָנען די דאָזיקע הערלעכע תקופה אין זייער לעבן מיט גרויס באַגייסטערונג.

איבער די גאַסן און געסלעך פון דער יידישער אָסטראָווצע האָט זיך תמיד געלאָזט הערן דאָס קול פון די גמרא־לערנער, דער „אמר אביי" און „אמר רבא" פון די בתי מדרשים און חדרים. דער דאָזיקער האַרציק־זיסער גמרא־ניגון פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט דיך דורכגענומען אין די יונגע יאָרן וועט דיך תמיד באַגלייטן אויף דיין גאַנצן לעבן.

פאַרטאָג זענען די בתי־מדרשים אין אָסטראָווצע געווען געפּאַקט מיט מתפללים. „עמך" איז געקומען אָפּדאַווענען און אויך אויף שנעל אַריינכאַפּן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, און נאָכן „איבערכאַפּן" עפּעס אין דערהיים, זיך געלאָזט יעדער איינער צו זיין אַרבעט און באַשעפטיקונג.

דאָס זעלבע איז אויך געווען פאַרנאַכט צו מנחה־מעריב, ווען זיי זענען געקומען אין בית־המדרש אַריין נאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּהאָרעווען שווער און ביטער אויף פרנסה, וואָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט... נאָך מנחה־מעריב איז זיך שוין נישט געווען וואָס צו איילן און מען האָט זיך אויך געקענט דערלויבט הערן אַ וואָרט וועגן „פּאָליטיקע" וועגן דעם וואָס עס שרייבן די „גאַזעטן" מכוח די קלעפּ, וועלכע עס באַקומט „פּאַניע חזיר" אין דער מלחמה מיט די יאַפּאַנער דאָרט אין ווייטן מאַנדזשוריע. און ערשט שפּעטער האָט מען זיך געלאָזט און גענומען אַהיים עסן די בידנע וועטשערע מיט ווייב און קינדער.

שוין פרייטיק אינדערפרי איז געווען צו דערקענען אין שטעטל, אַז ס׳איז ערב־שבת און באַלד קומט אָן דער שבת־קודש. דער ליאַרעם פון די פישערס אין מאַרק און די ווייבער מיט די קיישלעך אין די הענט, וואָס האָבן איינגעקויפט אויף שבת וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די לעבעדיקע פיש האָבן זיך געוואָרפן אין די באַליעס מיט וואַסער און געלאָקט פונדערווייטנס. אפרים נעיזשו איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע פיר ציילן פון מאַרק און אין אַלע יידישע געסלעך און געהאַלטן אין איין רופן הויך

אויפן קול: „אין ב־אָ־אָ־אָ־ד אַ־ריי־יין!“ פאַרנאַכט איז דער שול־קלאַפּער אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל און מיט זיין הילצערנעם האַמער אָנגעקלאַפּט אין די טירן און פענצטער פון אַלע יידישע שטיבער און געשעפטן און מודיע וועגן אָנקומענדיקן שבת.

צו קבלת שבת איז די שול, די בתי־מדרשים און אַלע חסידים־שטיבלעך איבערגעפולט געוואָרן מיט מתפללים, און זייערע קינדער אָנגעטוענע אין זייערע שענסטע בגדים, אַרומגעוואַשענע און אויסגעפּוצטע לכבוד שבת. איבערן שטעטל האָט זיך צעטראָגן דאָס געזאַנג פון „לכה דודי“ — יענץ דערהויבענע ליד, מיט וועלכן אונדזער פאָלק נעמט אויף וואָך־איין וואָך־אויס די שבת מלכתא, די טייערע פרינצעסין שבת, וועלכע באַפרייט אונדז אויף איין מעת־לעת פון אַלע אונדזערע זאָרגן און זי ברענגט אַריין פריילעכקייט אין יעדן ווינקעלע פון אונדזער היים.

„לכה דודי לקראת כלה,
פני שבת נקבלה“.

אַהיימקומענדיק פון בית־המדרש, האָט זיך געלאָזט הערן דער הילכיקער „גוט שבת“ און מען האָט אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם די מלאכי השרת און גענומען זאָגן „אשת חייל מי ימצא“ — אָט דאָס דאָזיקע לויב־געזאַנג פאַר דער פרוי, דער עקרת הבית, וועלכע באַשיינט אונדזערע יידישע הייזער. נאָכן קידוש האָט מען זיך אַוועקגעזעצט און גענומען עסן די שבתדיקע סעודה. ווער עס איז געזעסן ביי אַ פיין־געדעקטן טיש מיט כל־טוב,

מיט צוויי גרויסע חלות, מיט לעבעדיקע קאַרפּן, מיט אַ פעטער יויך, מיט אַ שטיק עוף און מיט אַ גוטן צימעס צום סוף — און ווער עס האָט זיך נעבעך געמוזט באַנוגענען מיט צוויי קליינע בולקעלעך און מיטן געקויפטן לכבוד שבת ביסל „דראָביאַזג“, וואָס איז באַשטאַנען פון פיסעלעך, פליגעלעך און העלדזעלעך, פון וועלכע די פרוי האָט אָפּגעקאָכט אַ בידנעם קרופּניק. און במקום שאין איש — איז אַ שטיקעלע הערינג מיט אַ קראַץ־באָרשט אויך פיש...

נאָכן אָפּזינגען די זמירות און נאָכן בענטשן, האָט זיך ווער גענומען לערנען אַ שטיקל חומש־רשי, און ווער עס האָט גאָר גענומען מעביר זיין די סדרה „שניים מקרא ואחד תרגום“. און אַזוי איז מען איינגעשלאָפן ביים טיש, זייענדיק מיד פון האָרעווען אַ גאַנצע וואָך, און פון דער זאָרג ווי אַזוי צו ברענגען די „פּינוסע“ אין שטוב אַריין...

שבת פאַרטאָג זענען שוין די בתי־מדרשים און די גרויסע שול געווען געפּאַקט מיט די יידן פון דער חברה תהילים. שפּעטער האָט מען זיך גענומען דאַווענען שחרית און נאָכן דאַווענען געגאַנגען אַהיים. אין גאַס האָבן זיך באַוויזן די יידן פון „חברת לחם“ מיט גרויסע קוישן און אויף זייער „גוט שבת, יידעלעך“, האָבן ווייבער אַרויסגעטראָגן קיכלעך, חלות, קוכן, שטרודל, בולקעלעך און וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. שא־שטיל האָבן די „גוט שבת יידעלעך“ דאָס פונאַנדערגעטיילט צווישן די אָרעמע לייט, אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס און עפנטלעך בעטן אַ נדבה. דער „מתן בסתר“ איז שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן און קיינער אין שטאָט האָט נישט געטאָרט וויסן, ווער עס געניסט פון דער דאָזיקער הילף. די פרויען פון די „גוט שבת יידעלעך“ האָבן פאַר ליב גענומען דאָס, וואָס זייערע מענער זענען יעדן שבת אַהיימגעקומען שפּעט צום טשאָלנט, ווייל זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע מצווה און געווען העכסט צופרידן, וואָס זייערע מענער גיבן זיך אָפּ מיט דעם פרייוויליק, טאַקע לשם שמיים.

אין אָסטראָווצע איז געווען אַ מנהג, אַז ראש חודש אלול, ערב יום כיפור און תשעה באב פלעגט מען גיין אויפן הייליקן אָרט. ל״ג בעומר פלעגן די קינדער אַרומלויפן מיט פייל־און־בויגן און תשעה באָב — מיט הילצערנע שווערדלעך, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די חדרים פון זייערע מלמדים. חמש־עשר־בשבט, צום ראש השנה לאילנות, פלעגט מען אין אַלע חדרים מאַכן אַ סעודה. יעדער תלמיד האָט געברענגט פון דערהיים אַ פּאָר גראָשן און די רביצין האָט פאַר דעם איינגעקויפט אַ ביסל באָקסער, פייגן און טייטלען און ס'איז געווען פריילעך.

פאַר חנוכה פלעגט מען לערנען אַ פּשטל פון דער

סוגיא אין דער גמרא שבת כ״א: „כבתה זקוק לה או אין זקוק לה? אסור להשתמש לאורה או מותר להשתמש לאורה?״. חנוכה פלעגט מען עסן לאַטקעס און גריוון פון די געבראָטענע גענדז, וואָס מען האָט אויסגעלאָזט שמאַלץ אויף פסח. די קינדער פלעגן זיך שפּילן מיט די צינענע חנוכה־דריידלעך, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין חדר. די דריידלעך האָבן געטראָגן די פיר אותיות: נ.ג.ה.ש. געהייסן האָט עס: „נס גדול היה שם״. און מיר, חדר־יינגלעך, האָבן עס אויסגעטייטשט: „נאַטע גנב האַקט שלעסער״.

פורים פלעגט בערל טשאַטשקע און דער קלעזמער אָן אַ נאָז מיט זייערע פורים־שפּילערס אַרומגיין איבער די הייזער פון די יידישע גבירים און פאָרשטעלן דעם „מכירת יוסף־שפּיל״. הונדערטער יידן, מענער און פרויען, פלעגן שטיין הינטערן פענצטער פונעם גביר און אויפכאַפּן יעדעס וואָרט פון די פורים־שפּילערס. די קינדער פלעגן זיך אַרומדרייען מיט די הילצערנע גרעגערס, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין חדר, און בעתן לייענען די מגילה, האָבן זיי אָנגעהויבן גרעגערן ווי נאָר עס האָט זיך געהערט דאָס וואָרט „המן״.

פאַר פסח האָט מען אויפגעהערט צו גיין אין חדר. דאָס עלטערע יינגל האָט אויסגעלערנט אין חדר א פשטל אויף פסח און דאָס יינגסטע קינד האָט געלערנט די פיר קשיות, אַז ער זאָל זיי קענען אויף פסח צום סדר און נישט פאַרשעמען די עלטערן... זיין קאָפּ איז אויך שוין געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק, ווי אַזוי אין דער סדר־נאַכט אַוועקצוגנבענען דעם אפיקומן... צווישן קינדער איז פסח געווען זייער פאַרשפּרייט דאָס שפּילן אין טערקישע ניס.

ערב שבועות פלעגן מיר, חדר־יינגלעך גיין צום טייך, אויסגעריסן פרישע גרינע טאַטרעס, אַהיימגעבראַכט און אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע פון אַלע צימערן. די שויבן פון די פענצטער האָבן מיר באַצירט מיט פאַר־שידענע בילדער, וואָס מיר האָבן גערופן „רייזעלעך״.

דעם צווייטן טאָג שבועות, צו דער יאָרצייט פון דוד המלך, איז אין אָסטראָווצע פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון פירן דאָס ליכט אין שול אַריין. בראש איז געגאַנגען דער אַלטער רבי ז״ל און אַ גרויסער עולם פון „עמך״, פון דער „חברת תהילים״, וועלכע האָבן דאָס באַטראַכט פאַר זייער יום־טוב. דאָס ליכט איז געטראָגן געוואָרן דורך איינעם פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע תהילים־יידן און יעדער איינער פונם עולם האָט געהאַלטן פאַר זיין חיוב אָנצורירן דאָס ליכט מיט זיינע פינגער.

אַריינקומענדיק אין שול אַריין, וועלכע איז געווען באַצירט מיט גרינס לכבוד שבועות האָט מען אַוועק־געשטעלט דאָס אָנגעצונדענע ליכט און ר׳ וועלוועלע גרינ־בערג האָט גענומען זאָגן „לדוד מזמור״ און שפּעטער האָט מען אויפן אָרט אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים.

ערב תשעה־באב פלעגן מיר, חדר־יינגלעך, זיך באַזאָרגן מיט שטעכלקעס און בעת די קינות אין די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך, פלעגן מיר מיט זיי פאַר־וואַרפן דעם עולם, וועלכער איז געזעסן אויף די איבער־געקערטע בענק. נאָך די קינות פלעגן מיר אַרויס אין גאַס אַריין און באַוואַרפן מיט שטעכעלקעס די שפּאַצירנדיקע מיידלעך, וועלכע האָבן פאַר דעם שטאַרק מורא געהאַט, ווייל אויב אַזאַ שטעכלקע פלעגט אַריינפאַלן אין די האָר, איז אָנגעקומען זייער שווער דאָס אַרויסצונעמען.

ערב יום כיפור פלעגן יידן ליגן אויסגעצויגן אין פּאָליש פון דער אַלטער שול און געבעטן דעם שמש, אַז ער זאָל זיי שמייסן אויפן הוילן לייב. דאָס האָט געהייסן „שלאָגן מלקות״, כדי אַזוי אַרום מכפר צו זיין פאַר די באַגאַנגענע זינד.

גאָר באַזונדערס איז ביי אונדז איינגעקריצט אין זכרון דאָס פירן דעם אַלטן רבין ערב יום כיפור פאַרנאַכט אין דער גרויסער שול אריין צו כל נדרי. דאָס גאַנצע יידישע אָסטראָווצע, יונג און אַלט, מענער און פרויען, האָבן באַגלייט דעם רבין אויף זיין וועג ביזן שול אַריין און די יידישע זעלנער פון אָסטראָווצער פולק האָבן געשלאָסן א קייט, כדי צו דערמעגלעכן דעם רבין דורכצושטופּן זיך דורך דעם גרויסן פיל־טויזנטקעפּיקן עולם, וועלכער האָט באַלאַגערט דעם שול־הויף. דאָס געוויין און די געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט מיטן כוח און זכות פון רבין זיך אויסבעטן אַ גוט און געזונט יאָר.

עטלעכע טעג פאַר סוכות האָבן מיר, חדר־יינגלעך, געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. צוזאַמענגעשטעלט די סוכה פון פאַרשידענע אַלטע ברעטער און לייסטן האָבן די טאַטעס און די דערוואַקסענע, אָבער דעקאָרירן די סוכה, אַז זי זאָל האָבן אַ לייטישן אויסזען און עס זאָל זיין באַקוועם אין איר צו זיצן — דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון אונדז, יינגערע חדר־יינגלעך.

און צום סוף — עטלעכע ווערטער וועגן אַלטן אָסט־ראָווצער רבין, הרב ר׳ מאיר יחיאל הלוי ז״ל. נאָך ביי זיין לעבן פלעגן טויזנטער חסידים קומען צו אים קיין אָסטראָווצע אויף יעדן יום־טוב און גאָר באַזונדערס אויף די ימים נוראים. צום יאָרטאָג פון זיין פטירה פלעגן קומען קיין אָסטראָווצע מאַסן יידן פון אַלע עקן פוילן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אָפּצוגעבן כבוד זייער רבין ז״ל און אַריינוואַרפן אַ קוויטל אין זיין אוהל.

שוין פון נטע קאָוואַלס קוזשנע אָן ביז דירעקט צום בית־עולם זענען געווען אויסגעשטעלט טישלעך, ביי וועלכע עס זענען געזעסן יידן און געשריבן קוויטלעך. אין דער נאַכט פון דער יאָרצייט איז פאָרגעקומען אין רבינס הויף אַ גרויסע סעודה. אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג

האָט מען געהאַלטן אין איין גיין אויפן בית־הקברות. די שטאָט איז געווען געפּאַקט מיט חסידים, רבנים, רביים און דיינים פון גאַנץ פּוילן. אַסאַך פאַמיליעס האָבן פאַרדונגען, אָדער בחינם אָפּגעגעבן, זייערע דירות אויף געלעגערס פאַר די עולי רגל צום רבינס קבר.

אָרעמע־לייט פון גאַנץ פּוילן זענען צום רבינס יאָרצייט אַראָפּגעקומען קיין אָסטראָווצע, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס און קיינער פון זיי האָט זיך, חלילה, נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן. דער „פּדיון" איז געווען גאַנץ נישקשהדיק...

אויפן וועג צום בית־עולם זענען געווען אויסגעשטעלט טישלעך מיט קערות פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס מיט אויפשריפטן: „ישיבת בית־מאיר", „ישיבת בית־יוסף", „תלמוד־תורה", „לינת־הצדק", „ר' מאיר בעל הנס", „צדקה מתן בסתר", „כנסת כלה", „עזרת נשים", „קרן קיימת", קיבוץ המזרחי", „קיבוץ של אגודת־ישראל" א.א.וו. מיר איז אויסגעקומען צו שטיין מיט דער קערה פון „ישיבת בית־מאיר", ווייל כ'האָב אין דער דאָזיקער ישיבה געלערנט אַ לענגערע צייט און זי איז מיר געווען זייער טייער.

ביים קבר פונם רבין ז"ל זענען אין דעם טאָג פאָרגעקומען האַרץ־רייסנדיקע סצענעס. טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען, יונג און אַלט, האָבן באַלאַגערט דעם אוהל. דאָס געדויך פון די ברענענדיקע ליכט האָט זיך געפילט איבערן גאַנצן בית־עלמין, דער אוהל איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט טויזנטער קוויטלעך, אין וועלכע מענער און פרויען האָבן אויסגעדריקט אַלע זייערע באַגערן און פאַרלאַנגען, און דאָס געוויין און די געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים...

★

זאָלן די דאָזיקע דערינערונגען מיינע דינען ווי אַ מצבה און אַ הספד אויפן קבר פון די אָסטראָווצער יידן־קדושים, וועלכע זענען אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן דורכן באַרבאַרישן נאַצישן עמלק.

חיים גאָלדזאַץ

כל נדרי (בילד)

אַ פּחד הויערט איבער דער שטאָט. פלעמלעך פון גרויסע ליכט צאַפּלען אין זייערע זאַמדיקע קעסטלעך. זיי טראָגן אין זיך מיסטעריעזע אומהיימלעכקייט, פאַר עפּעס אומזעבאַרעס, אומבאַשטימטעס, וואָס דראָט מיט צאַפּלדיקער מורא...

יידן, אַ טייל איינגעהילטע אין טליתים מיט ווייסע זאָקן אויף זייערע פיס, שפּאַנען איבער די גאַסן פון דער שטאָט אָסטראָווצע. זיי באַגעגנען זיך מיט אַנדערע יידן, מען דריקט זיך די הענט — אַ גמר חתימה טובה! ווייבער איילן זיך אין שול אַריין, באַגעגנען אַנדערע פרויען און ווינטשן זיך אין אַ ריינעם יידיש „אַ געזונט יאָר! אַ גוט קוויטל!” יינגלעך שטייען נעבן זייערע טאַטעס, מיט טרויריקע אויגן און אינערלעכן שרעק... מיידלעך בלייבן אין די שטובן און אַ טיפער טרויער ווייעט פון זייערע אויגן.

דער שול־הויף איז געפּאַקט מיט מענער, יינג און אַלט, אין אַ דרוקנדיקע ענגשאַפט. פרויען שטייען אויף די טרעפּ און אויף די באַלקאָנען וואָס פירן אין דער ווייבערישער שול: באַלד דאַרף קומען דער רבי! דער אָסטראָווצער גייט נישט צופיס צוליב זיין שוואַכקייט פון יאָרן פאַסטן; יידישע זעלנער טראָגן אים אויף זייערע אַקסלען. דעם רבין איז נישט ניחא, וואָס ער ווערט געטראָגן אויף זעלנערישע אַקסלען. מען זעט אין זיין גרימאַסע אַז ער מורמלט עפּעס אונטער, נאָר קיינער ווייסט נישט וואָס. ער קראַכצט אַן אָנגעווייטיקטן „אוי־אוי!”

— מאַכט אַ וועג! — הערן זיך געשרייען — לאָזט אַדורך!

ווען דער רבי דערנענטערט זיך צום שול־הויף ווערט אַזאַ געשריי אַז די לופט ציטערט אויף. ווייבער פּאָכן מיט די הענט, שרייען און וויינען, ווי אַ ריזיקע ים פון כוואַליעס וואָלט זיך צעברומט. דער אָסטראָווצער זיצט אויף די אַקסלען פון צוויי זעלנער און וויינט אין זיך אַריין:

— אוי גאָט, גאָט־ט־ט!

ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן און פילט ווי הייסע קולות נעמען אים אַרום און פרעסן זיין אויסגעצערטן גוף...

מיט אַ ספר אין האַנט גייט דער רבי אַרום דעם באַלעמער, שטעלט זיך אָפּ יעדע עטלעכע טריט, שרייט אויס מיט אַ שוואַך, אָבער טיף האַרציק, געבעט־קול:

— אור זרוע לצדיק, לישרי לב שמחה!

יידן כאַפּן אונטער דאָס געזאָגטע מיט גרויס אויסגעשריי. דער חזן שטייטביים עמוד, ברומט עפּעס צו זיינע משוררים. אַ שטילקייט נעמט אַרום די שול, און דער עולם פאַרהאַלט דעם אָטעם. און ווי נאָר דער כאָר גיט אַ ברום אַרויס דעם ערשטן „אאא!” — הערן זיך עטלעכע טעמפּע קלעפּ אין הילצערנער וואַנט, ביי וועמען דער רב שטייט:

— שאַ־שטיל!...

עפּעס מיסטישעס באַהערשט דעם עולם... מען קוקט זיך איבער, נאָר מען וואַגט נישט קיין וואָרט אַרויסצורעדן. אַזוי גייען אַדורך עטלעכע מינוטן ביז דער חזן הייבט אָן מיטן כאָר „כל נדרי”. דער רבי קלאַפּט אין וואַנט. ער וויל קיין געזאַנג צולאָזן צו זיך... ער רוקט דעם טלית איבערן קאָפּ, צעוויגט זיך... נעמט אַריין דאָס פּנים אין זיינע הענט און צעוויינט זיך...

יחיאל מגיד־ראָזענבערג

"עמך" פירט אַ ספר אין שול אַריין

היינט פירט אָסטראָווצע אַ ספר־תורה אין שול אַריין. די גרויסע שמחה אין שטאָט — איז נישט צו באַשרייבן. אָרעם און רייך, קליין און גרויס, פּראָסטע יידן און אַריסטאָקראַטן, עמי הארצים און לומדים, מענער און פרויען — אַלץ מאַכט מיט דעם גרויסן יום טוב אין שטעטל פון פרייען זיך מיט דער תורה.

די יידישע קלעזמאָרים מיט זייערע קאַפּעליעס גרייטן זיך שוין חדשים־לאַנג צו דער דאָזיקער פייערלעכער צערעמאָניע. אַז ס׳איז אייך אויסגעקומען אַדורכצוגיין אויפן סטאַוו פאַרן הויז, ווו עס האָט געוווינט ראוב׳על׳ע שפּילמאַן אָדער פאַר דעם פריזיר־אַנשטאַלט פון שימקע שערער — האָט איר שוין פונדערווייטנס געקאָנט הערן דאָס גרימפּלעריי פון די פידלען, דאָס געקלאַפּעריי פון די פּויקן דאָס בלאָזן פון די טרומפּייטערס און דאָס זעצן פון די ברייטע מעשענע טאַצן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן ווי ווייט און פאַרטויבט די גאַס.

גאָר באַזונדערס האָט זיך דאָס געלאָזט פילן אין די לעצטע טעג פאַרן ספר־פירן. גאַנצע טעג און נעכט פלעגן זיי סטראָיען די פידלען און צימבלען אויף די אַנדערע כלים און צוגעגרייט זיך צום גרויסן יום־טוב, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן ווי געהעריק אַזוי, אַז מזאָל, חלילה, נישט פאַרשעמט ווערן און ס׳זאָל זיין מיט וואָס זיך צו באַווייזן פאַרן אָסטראָווצער עולם.

אויך די דראָזשקאַזשעס האָבן געהאַט פילע הענט מיט אַרבעט ביים צוגרייטן זייערע פערד צום אויפמאַרש אין טאָג פון ספר־פירן. יעדער דראָזשקאַזש האָט זיך באַמיט, אַז זיין פערד זאָל זיין דאָס שענסטע און זאָל אַמבעסטן אויסנעמען ביים עולם. מען האָט געהאַלטן אין איין פּוצן די פערד און זיי צוגעשוירן די ווידלען.

אין טאָג פון פירן דאָס ספר אין שול אַריין, האָט בערל טשאָטשקע און דער בלינדער יעקב וויסער — די צוויי עלטסטע טרעגערס אין אָסטראָווצע — באַלד אינדערפרי צונויפגערופן אַלע טרעגערס אין מאַרק אַריין אויף דער הויכער צייל ביים פּאָרענטש און זיי געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין דעם טאָג.

אַכט אַזייגער אינדערפרי זיינען זיי שוין אַלע געשטאַנען אויסגערוטע, אָפּגעוואַשענע און אויסגעפּוצטע אין זייערע שענסטע שבת׳דיקע און יום־טוב׳דיקע בגדים.

ר׳ בערל טשאָטשקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פּאָרענטש און אין א פייערלעכע שטימונג און אין זיין פאָלקסטימלעכן פּשוטן יידיש זיי געגעבן אָנווייזונגען:

„הערט זעך צי, חברה!

אין זכות פון דער הייליקער תורה לעבט מ׳אינדז אַלע. ווען נישט די תורה וואָלט מ׳אינדז שוין לאַנג געהאַט אויסגעצויגן די קאָפּעטעס. יאַך קען ענק זאָגן, אַז וואָס דאָרט שטייט געשריבן, היט מ׳אינדז אָפּ בעסער פין אַלע „שיינע יידן". איז דעריבער האַנט אינדזער יום־טוב און אינדז וועמער זעך פרייען ווי גאָט האָט געבאָטן.

יאַך וויל ענק זאָגן, אַז האַנט איז נישט קאַ פּראָסטער טאָג — האַנט איז אַ הייליקער טאָג. אָבער זאָל ענק גאָט אָפּהיטן, ממזרים וואָס עטץ זענט. אויב עטץ וועט האַנט רעדן גראָבע און געמיינע רייד, ווי עטץ זענט דאָס געוווינט צי טין יעדן טאָג באַ דער אַרבעט... דער שלאַק וועט ענק טרעפן. אויב עטץ וועט זעך זידלען און גראָב אַריינזאָגן איינער דעם צווייטן אין אַזאַ הייליקן טאָג.

האָרכט־זשע, חברה, וואָס יאַך זאָג ענק און זעט, אַז עטץ זאָלט אינדז נישט פאַרשעמען און זיין ווילע יאַטן כאָטש האַנטיקן טאָג!"

דערנאָך האָט גענומען אַ וואָרט יעקב וויסער און געזאָגט: „אינדזער בערל, וועלכער איז מער געלאַרנט פון אינדז אַלע, האָט ענק שוין אויפגעקלערט וועגן האַנטיקן גרויסן טאָג און וועגן דער הייליקער תורה. יאַך וויל, אַז עטץ זאָלט גיט געדענקען די דאָזיקע וואַרטער זאַנע. האַנט דאַרפט עטץ זעך אויפפירן סטאַטעטשנע, וואַל האַנט איז עפּעס אַנדערש פון אַלע טעג... האַנט פירט מען בא אינדז אין אָסטראָווצע אַ ספר־תורה אין שיל אַריין — עטץ פאַרשטייט, ממזרים, וואָס דאָס הייסט אַזוינס? אַ בראָך וועט זאַגן צו אייערע יאָרן, אויב אינדז וועמער האָבן פין אַך האַנט חרפּות און בישות. דער טאַוול וועט ענק נישט נעמען, אויב עטץ וועט זעך אויפפירן האַנט אַביסל לאַטישער ווי שטענדיק.

מאָרגן וועט עטץ ווידער זאַגן פרייע מענטשן, אָבער האַנט מיזט עטץ זעך איינהאַלטן. געדענקט, וואָס מ׳זאָגט ענק אָן!"

די טרעגערס האָבן רואיק אויסגעהערט די רייד פון זייערע צוויי פירערס, האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, און זיך וואָס גיכער געלאָזט אַהיים, כדי מיט עפּעס איבערצוכאַפּן דאָס הארץ און צוגרייטן זיך צו דער שמחה.

יאַנקל קאַץ, דער אייגנטימער פון דער שענק אין שול־

געסל, בנימין קעסטענבערג און לייבל קערבל האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק באַקומען אָנגעזאָגט פון די טרעגערס, אַז זונטיק, אין טאָג פון פירן דאָס ספר אין שול אַריין, זאָלן זיי נישט פאַרקויפן יידן קיין בראָנפן, מחמת ס׳קען זיך נאָך ווער אָנשיכורן און ס׳וועט קומען צו סקאַנדאַלן.

זונטיק גאַנץ פרי האָט זיך ראובעלע שפילמאַן — דער ראש פון די אָסטראָווצער קלעזמאָרים — אויסגעפוצט אין זיין שיינעם שווארצן פראַק, אָנגעטאָן אין דעם שטייפן הוט, צוגעקעמט דאָס שיינע בערדל און זיך געגרייט צו דער שמחה. אויך שימקע שערער האָט זיך צוגעשוירן זיין קמץ־בערדל און אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שוואַרצן סמאָקינג.

די ווייבער פון שטעטל האָבן געוווסט, אַז היינט, אין טאָג פון ספר־פירן, טאָר מען נישט אַרויסגיסן, חלילה, קיין פאָמישאַף אין דרויסן פאַר דער טיר. מען האָט געקערט, געריייניקט און אַרויסגעהאָנגען קלאָרע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער.

ר׳ לייבוש האַלשטאָק איז געבוירן געוואָרן אין קאַליש אין יאָר 1884 און לאַנגע יאָרן געלערנט אין די דאָרטיקע חדרים און ישיבות. שפּעטער חתונה געהאַט פון אַסטראָווצע און דאָרט זיך באַזעצט. געווען אַ נאָענטער קרוב פון אַסטראָווצער רבין, ר׳ מאיר יחיאל הלוי האַלשטאָק זצ״ל. געשמ׳ט אַלס גרויסער תלמיד־חכם, און ווי נאָר אַ שווערע דין־תורה פלעגט מען אים רופן. אַ לענגערע צייט געווען סעקרעטאַר פון „מזרחי״ און געשטאַנען בראש פון ועד החינוך. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען טעטיק אַלס פרנס אין די יידישע קהילה אַלס פאָרשטייער פון די רעליגיעזע יידן. געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַפילו זיינע פּאָליטישע קעגנער פון פאַרשידענע לאַגערן האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט. ער האָט געזאָרגט, אַז זיינע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין נאַצ־יאָנאַל־טראַדיציאָנעלן גייסט.

ער איז אַוועק מיט דער ערשטער אויסזידלונג אין 1943 און געגאַנגען מיטן לעצטן וועג פון אַלע אומגע־בראַכטע אַסטראָווצער יידן...

כבוד זיין אָנדענק!

יהודה און מרדכי ראָזענבערג

ראובן און חיה׳לה שפּילמאַן ז״ל

ראובעלע שפּילמאַן איז געווען אַ פּערזענלעכקייט אין אַסטראָווצע און אומגעגנט. אַלע, וועלכע האָבן אים געקאַנט, האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט און באַ אַלעמען איז ער געווען באַליבט, באַ יידן ווי באַ קריסטן.

אויסער אַ טאַלאַנטירטער מוזיקער איז ראובעלע אויך געווען אַ זייער דערפאָלגרייכער לערער פון מוזיק. צווישן זיינע שילער זיינען פאַראַנען גרויסע מוזיקער, וועלכע האָבן געשפּילט אין דער וואַרשעווער און לאָדזשער פילהאַרמאָניע. אייניקע פון זיינע שילער זיינען שפּעטער געווען באַרימט אויך אויף אַנדערע געביטן אין עפנטלעכן לעבן, ווי מיניסטער בערנער, למשל.

אין יאָר־טאָג פון פוילנס באַפרייונג האָט ראובעלע,

מיט זיין אָרקעסטער, און מיטן חזן און זיין כאָר דיריגירט אין דער גרויסער שול באַ דער אָנוועזנהייט פון הויכגעשטעלטע פוילישע מלוכה־מענער און אַלעמען האָט ער באַגייסטערט.

עס איז געווען אַ גאָר גרויסער כבוד, ממש אַן איבערלעבעניש, צו קענען האָבן אויף אַ שמחה ראובעלע שפּילמאַן מיט זיינע זין און אייניקלעך.

טראָץ דעם וואָס ראובעלע איז געווען זייער באַליבט אין די קריסטלעכע קרייזן, האָט ער שטרענג אָפּגעהיטן יידישקייט. נישט איינמאָל האָט געטראָפן אַז אַ קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט מיט רעספּעקט געוואַרט מוצאי־שבת ביזן באַווייזן זיך פון די שטערן אויף ראובעלע און זיין אָרקעסטער, ווייל פריער, האָבן זיי געוווסט, וועט ראובעלע ניט אָנהייבן שפּילן. ניט איינמאָל פלעגט געשעען, אַז ער האָט אינמיטן איבערגעריסן דאָס שפּילן און אַוועק אין אַ ווייט ווינקל און זיך געשטעלט דאַווענען מנחה אָדער מעריב.

שיין און באַשיידן האָט זיך געלעבט ראובעלע שפּילמאַן מיט זיין פרוי, חיה׳לע, ביז עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אָנגעטראָגן די נאַצישע רוצחים אויפן שטעטל.

זיין פרוי חיה׳לע איז נאָך געשטאָרבן פאַרן קריג. ביז ניט לאַנג פאַר איר טויט איז זי געווען די סעקרעטאַרין פון דאָרטיקן פרויען פאַריין, וועלכער האָט פיל געהאָלפן די נויטבאַדערפטיקע. זי איז געווען זייער אַ קלוגע און זייער פיל מענטשן פלעגן קומען צו איר באַראַטן זיך אין פּראָבלעמען פון משפּחה און אַנדערע לעבנס פראַגן. מיט איר גרויסער חכמה און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע לעבנס־פּראָבלעמען, פלעגט זי העלפן אָפּשאַצן ריכטיק די אומשטענדן און אַזויערנאָך באַגרייפן דעם אמתן הינטערגרונט פון זייערע פּראָבלעמען און ממילא געפינען צו זיי אַ לייזונג.

אָט איז איינער פון פיל פאַלן, ווי חיה׳לע שפּילמאַן האָט געלייזט די פּראָבלעמען פין די נויטבאַדערפטיקע:

אויף דער אַלייע, ניט ווייט פון דער בריק באַ די גרעלעצקעס האָט אין אַ הילצערנעם קאַמער געוווינט אַן אָרעמער און קראַנקער שניידער, ר׳ משה׳לע, מיט זיין גרויסער משפּחה. עס איז דאַן געווען דאָס יאָר 1928 מיט די זייער גרויסע פרעסט, און חיה׳לע ראובעלעס, ווי מ׳פלעגט איר ליבלעך רופן, האָט זיך דערוווסט וועגן טרויעריקן מצב פון דער דאָזיקער משפּחה, וועלכע הונגערט און זיצט אין די דאָזיקע פרעסט אין דער קאַלטער הילצערנער קאַמער. זי האָט געשיקט אירע טעכטער, רחטשע און חנטשע, זיי מיטגעגעבן פעלצן און פיל אַנדערע וואַרעמע קליידער און געהייסן נעמען די קינדער און די גאַנצע משפּחה און זיי ברענגען צו זיך אַהיים. זי האָט די משפּחה באַזעצט אין איר גרויסן סאַלאָן, זיי געשפּייזט און געקליידט ביז איבער די פרעסט.

מיטן דאָזיקע זשעסט פון ערלעכער מענטשלעכקייט, האָט חיה׳לע דערוועקט דאָס רחמנות באַ די סטאַוורמענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעלייגט און אויפגעזאַמלט אַ געוויסע סומע און געדונגען אַ דירה פאַר דער דאָזיקער אָרעמער משפּחה באַ ערליך דעם פאָטאָגראַפיסט. די באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן נישט געלאָזט דינגען קיין פור אויף אַריבערפירן די חפצים פון דער משפּחה, נאָר האָבן אַליין געשלעפּט אויף די פּלייצעס דאָס ביסל אָרעמקייט פון דער משפּחה אין זייער נייער היים.

ביים אַרויסשיקן דעם ערשטן טראַנספּאָרט פון שטעטל אין די גאַז קאַמערן, איז ראובעלע שפּילמאַן מיט נאָך יידן פון שטעטל פאַרבייגעגאַנגען זיין שיין הויז אויף דער אַלייע און אונטערן אָרעם געטראָגן זיין באַליבט פידעלע, וואָס האָט אים באַגלייט זיין גאַנץ לעבן און אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד און גליק, און גרויס כבוד און אָנזעען.

איצט איז דאָס פידעלע געווען פאַרשטומט און זיין שפּילער איז געגאַנגען זיין לעצטן וועג...

גערהייליקט זאָל זיין זייער אָנדענק!

ר׳ ישראל ראָזענבערג

אונזער פאָטער איז געווען אַן אמתער אוהב ישראל און ארץ ישראל. ער האָט געהאַט אַ וועשעריי און פאַרבעריי, אָבער ווי ער זאָל ניט זיין פאַרנומען מיט זיין פרנסה האָט ער שטענדיק געפונען צייט זיך צו באַטייליקן אַקטיוו אין אַלע יידישע הילפס אינסטיטוציעס. ער האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר יידן אין אַן עת צרה, דערביי האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט צו זיין צווישן די זיצערס אויבנאָן.

איינמאָל איז אונדזער פאָטער פרייטיק צונאַכטס נאָכן עסן געקומען צום רבין ר׳ יחזקאלע ז״ל אין בית־המדרש אריין. היות עס איז שוין געווען אַ גרויסער עולם, האָט ער זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל און צוגעהערט זיך צו דער תורה פון רבין, אָבער דער רבי האָט אים באמערקט און אים צוגערופן און געהייסן זיצן נעבן אים.

דער טאַטע איז טעג נאָכדעם אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערט און די מאַמע האָט חושד געווען, אז ער איז נישט מיט אַלעמען. איז זי צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל איר זאָגן וואָס איז ער אזוי פאַרטרויערט. ניט האָבנדיק קיין ברירה האָט ער דער מאמען פאַרטרויט דעם סוד פון זיין עגמת נפש:

— צי האָב איך מיר דען פאַרדינט אַזאַ כבוד? וואָס האָט דער רבי מיר אָפּגעגעבן אַזאַ כבוד צו זיצן אויבנאָן באַ זיין טיש — האָט ער געטענהט צו דער מאַמען. מען האָט געקאָנט זען, אַז ער האָט ווירקלעך צער דערפון.

ער איז געווען אַ חסיד פון אַלע רביים און גוטע יידן, וואָס האָבן געקאָנט לערנען. הויפּטזעכלעך איז ער געווען אַ חבר פון די יידן, וועלכע זענען געווען גרייט צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן און ערשט פון די נויטבאַדערפטיקע גופא, פון די אַלטע, קראַנקע און עלענדע איז ער געווען אַ חבר און אַ פריינד.

איניקע אינטערעסאַנטע פאַלן ווילט זיך מיר דאָ איבערגעבן אַלס אילוסטראַציע צו די טויזנטער פאַלן, וועגן וועלכע מיר האָבן זיך אַפילו ניט דערוווּסט.

פרייטיק נאָך דער אַרבעט פלעגט דער פאָטער גיין אין מקווה אַריין, איז האָט אים די מאַמע מיטגעגעבן פרישע, ריינע וועש. איז געשען אַז ער איז צוריקגעקומען פון מקווה אָן די פרישע וועש. ווען די מאַמע האָט אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ער עס אָוועקגעמאַכט מיטן האַנט: מען האָט עס צוגעגנבעט... ווען עס איז אַזוי געשען מערערע מאָל, איז די מאַמע שוין געוואָרן ביי׳ז און געוואָלט באַ אים דערגיין וואָס עפּעס מען גנבהט צו באַ אים יעדן פרייטיק די וועש. דאַמאָלסט האָט ער איר אייס־געזאָגט דעם סוד, אַז ער זעט אַן אָרעמאַן וואָס טוט אָן צוריק זיין אַלט פאַרלאַטעט העמד, האָט ער אים אָוועק־געגעבן זיין וועש, ווייל ער האָט דאָך אנדערע וועש אין דער היים...

אין אַ הויז וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער גרויסער שול האָט געוווינט אַן אַלטער בלינדער ייד, אַ תלמיד חכם, אויף אַ בוידעם שטיבל. אונדזער פאָטער פלעגט יעדן טאָג כמעט, נאָך דער שווערער אַרבעט גיין צום דאָזיקן אַלטן און שעה׳ן געזעסן באַ זיין בעט און געלערנט מיט אים תורה. דאַביי פלעגט אונדזער פאָטער מיטנעמען פון הויז אַ ריין ליילעך און דעם אַלטן אַרומ־וואַשן און ריין מאַכן דאָס בעט, ווייל זיין פרוי האָט זיך געמיאוסט צוצוגיין צו זיין בעט.

אין מרחץ האָבן מיר אַמאָל געזען אונדזער פאָטער איז זיך מטפל מיט אַן אַלטן, קראַנקן ייד, ער זייפט אים און וואַשט אים ווי אַ קליין קינד און נאָכדעם האָט ער אים אַרויסגעטראָגן אויף די הענט צו דער דראָשקע, וואָס האָט געוואַרט אויף צו פירן אים צוריק אַהיים. דער קריסט, וואָס האָט געאַרבעט אין מקווה, זעענדיק אונדזער באַוווּנדערונג און ניט וויסנדיק, אַז דאָס איז אונדזער פאָטער, האָט אַרויסגענומען אַ ליסטע פון אַלטע לייט, וואָס אונדזער פאָטער פלעגט אים צאָלן ער זאָל זיי ברענגען אין מקווה אַריין, זיי העלפן זיך אַרומוואַשן און זיי צוריק־פירן אין זייערע היימען.

יעדן אָרעמאַן איז ער אַנטקייגנגעלאָפן און אים גע־הייסן זעצן ביים טיש און עסן. אַזוי פלעגן שוין פיל אָרעמע וויסן, אַז זיי קענען קומען צו אונדז אין הויז און אָפּעסן צו דער זאַט. היות באַ אונדז איז געווען אַ וועשעריי און מייסטן פלעגן די קריסטן קומען מיט זייערע קליידער צים רייניקן, האָבן מיר מורא געהאַט אַז די דאָזיקע פאַר־לייזיקטע אָרעמעלייט וועלן נאָך ברענגען אַ שלעכטן שם אויף אונדזער וועשעריי. ווען מיר האָבן דאָס איינמאָל געזאָגט דעם פאָטער, האָט ער זיך ניט געפוילט און אַוועק ערגעץ און געבראַכט אַ פאַרלייזיקטן, שמוציקן אָרעמאַן, אים אַריינגענומען אין דער וועשעריי, אים אַרומגעוואַשן, אויסגעוואַשן זיין וועש און די קליידער און אינטערן אָרעם אים אריינגעבראכט אין שטוב און אונדז געזאָגט:

— אדרבא. זעט קינדערלעך, אַז ער איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. בלויז די נויט פון ניט האָבן קיין היים אין ניט קענען זיך האַלטן ריין, האָט אים פאַרשמוציקט, וואָס איז ער נעבעך שולדיק? איר, קינדערלעך, זייט צו־פרידן און לייבט גאָט פאַר אַלעם.

אין זיינע מעשים טובים האָט אים פיל צוגעהאָלפן אונדזער מוטער, רחטשע, ראובעלע שפּילמאַנס טאָכטער. דער טאַטע פלעגט זי רופן „צדקת״ און זי איז טאַקע געווען אַ צדקת. זי איז אויך געווען אַ זייער אינטעליגענטע אין געבילדעטע פרוי.

אונדזער פאָטערס משפחה האָט געלעבט אין לובלין און אומגעגנט. אין דער משפחה, וואָס האָט געציילט איניקע הונדערט נפשות, האָט מען אונדזער פאָטער גערופן „בעל שם טוב״. טייל אָסטראָווצער יידן פלעגן זאָגן, אַז ער איז פון די ל״ו צדיקים. דאָס איז געווען אונדזער פאָטער, ראובעלע שפּילמאַנס איידעם, דאָס קליינע יידעלע, און דער גרויסער מענטש, ר׳ ישראל ראָזענבערג ז״ל.

דעם פאָטער האָבן די דייטשן דערטרונקען אויף אַ שיף אין ברעמען; די מוטער און צוויי שוועסטער, עטעלע און שיינדעלע, זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע; דעם עלטסטן ברודער, אהרן־לאָזער האָבן די דייטשן אומגע־בראַכט אין וואָלינער געגנט; דער יינגסטער ברודער, שמואל, איז אויסגעגאַנגען פון הונגער אין בוכנוואַלדער לאַגער בלויז 24 שעה פאַר דער באַפרייונג.

געהייליקט זאָל זיין זייער אָנדענק!

משה זאַלצמאַן

דער אויפשטייג און אומקום פון א משפחה

...הייליק זאָל זײַן,
נישט געאַקערט, נישט געזייט,
הייליק זאָל זײַן...

(י. ל. פרץ, „די גאָלדענע קייט")

די דאָזיקע פּאַראַפראַזע פון „שבת זאָל זײַן", פון פּרצ׳ס ר׳ שלמהן קומט מיר אויפן זינען שטענדיק, ווען כ׳ריר זיך נאָר בלויז צו אַ טראַכט צו טאָן וועגן אונדזער גרויסן פאָלקס־אומגליק און פּערזענלעכער בראָך, וואָס מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו פאַרטויִשן מיטן אייציקן וואָרט: „שואה". ס׳איז איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט און קיין שום אַנדער וואָרט שטייט נישט אין דער מינדסטער פּראָפּאָרץ צו דעם געשעענעם און אַנטשפּרעכט נישט די גרייס און געוויכט, וועלכע שווערט, דריקט און דערדריקט — און וועט אונדז שוין אַזוי דריקן ביזן לעצטן אָטעמצוג...

דאָס וואָס איז געשען מיט אונדזערע נאָענטסטע און טײַערסטע איז אַ נאָמענלאָזער „עפּעס" וואָס לאָזט זיך נישט אײַנראַמען אין ראַמען פון וועלכע ס׳איז באַגריפן, גענומען פון מענטשלעכן לעקסיקאָן און איז איבער דער נאַטור פון מענטשלעכע כוחות אפילו בלויז צו טראַכטן דערוועגן. אומקום. קאַטאַסטראָפע. קאַטאַקליזם. חורבן. פאַרלענדונג. פינצטערניש. וויסטעניש איז נאָך אַלץ נישט די ריכטיקע פאַרב, די ריכטיקע קאָליר פונעם „בילד".

דאָס פאַרברעכן איז געווען פון קאָסמישער גרייס און אַזאַ — זענען די יסורים פון די לעבנגעבליבענע.

★

מיר רופן זיי „קדושים" און מיר ציילן זיי אין די מיליאָנען. יאָ, מיר זענען אַ פאָלק פון מיליאָנערן... קיין אומה ולשון קען זיך מיט אונדז נישט פאַרגלייכן... „נסים" און קדושים האָבן מיר לרוב, אויף עקספּאָרט. מיר וואָלטן מיט אַ לייכט געמיט אָפּגעטראָטן אַביסל פון דער סחורה אונדזערע שונאים. — זאָלן אויך זיי זיך ראַטעווען דורך נסים און מאַגאַזינירן קדושים... מיר ציטערן פונדעסטוועגן אויף דער דערמאָנונג פון יעדער פאַרשניטענער משפחה באַזונדער.

וועגן אײנער אַזאַ משפחה, וועגן מײַן קוזין, דעם תושב אָסטראָוצע, הערש קליימאַן און זײַנע נאָענטסטע, וויל איך דאָסמאָל דערציילן.

הערש קליימאַן

רוב פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן מיט זייער אָנשטענדיק, מענטשלעך לעבן און הייליקן טויט נישט פאַרשעמט דעם מענטשנמין... אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, שוין עטוואָס מאָדערן, מיט אַ פײַן־פאַרשוירן בערדל, אַ מקפיד אויף דער ריינקייט פון דער הלבשה, ווי אויף זײַן אויסערלעכן אויסזען. אַ מאָל, פלעגט ער זײַנע קורצע, אַזוי גערופענע, אייראָפּעישע בגדים נוצן נאָר אויף זײַנע נסיעות וועגן מסחר. דעמלט פלעגט ער זיך נאָך צוכאַפּן קיין גער צום רבין אויף אַ רגל. מיט דער צײַט, ווען זײַנע קינדער הייבן אָן, נישט אָן די עלטערנס הסכמה, לערנען אין גימנאַזיעס, הערט הערש אויף צו פאָרן צום רבין, כדי נישט אַרײַנצופאַלן אין סתירה מיט זיך אַליין און בעיקר — אין צביעות. זײַן ייִדישע הלבשה נוצט ער פון דעמלט אָן בלויז אין די שבתים און ימים־טובים און אויף משפּחה־שמחות.

הערש קליינמאַן איז נישט געווען קיין פּזרן; ער האָט זיך מיט קיין געלט נישט געוואָרפן... זײַן באַשיידן פאַרמעגן האָט ער דערוואָרבן גענוג שווער, מיט פיל מי און האָרעוואַניע און געמוזט זאָרגן תכלית פאַר זײַנע פיר אונטערוואַקסנדיקע קינדער, פאַר זייער דערציִונג. אָבער הערש פאַרגעסט קיינמאָל נישט אינעם נויטבאַדערפטיקן, אין דעם „וחי אחיך עמך"... וויפל מאָל ער זאָל מיך נישט האָבן געטראָפן אין גאַס, אָדער אין שטוב, האָט ער נאָכן אויספרעגן זיך אויף זײַנע עלטערן, אויף מײַן מוטער — זײַן מומע און אויף די קינדער פון זײַן אין יונגן עלטער פאַרשטאָרבענער שוועסטער, חנה׳לע, קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָנצושטעקן מיר אַ וואָגיקע מטבע:

— נאַ, משה, וועסט זיי דאָרט איבערגעבן, פאַר די קינדער...

דאָס איז געווען אַזוי זיך, געלעגנהייטלעך, מחוץ פון דער פּערמאַנענטער הילף וואָס ער פלעגט שיקן אָדער אַליין ברענגען יעדן חודש.

★

זיין שוואָגער, דער ראש־ישיבה ר׳ מתתיהו ווייצמאַן הי״ד, פלעגט וועגן אים זאָגן:

— הערש איז אַן אײדעלער יונגערמאַן. — ער פלעגט גלייך צוגעבן: — נאָר עפּעס איז זיין הויז און ער אַליין צופיל אויסגעפּוצט... דאָס האָט געמיינט, אַז אין ענינים שבין אדם למקום איז הערש נישט איבעריק אָפּגעהיט... פאַרשטייט זיך, אַז אינעם באַגריף פון דעם אויסגעטאָנענעם פון עולם הזה ראש־ישיבה, איז זיין שוואָגער געווען צו ווינציק אָפּגעהיטן — צופיל עולם־הזהדיק... טאַקע זיין פיין־פאַרשוירן בערדל, די שוין דערמאָנטע קורצע בגדים, אפשר אויך די צו־נאָענט קעגן זיך שטייענדיקע בעטן אין שטוב האָבן אין די אויגן פון דעם עקסטרעם־פרומען שוואָגער זיינעם אויסגעזען צו פריצת־גדרדיק...

אין דער אמתן איז הערש קליימאַן געווען געוואָרנט אויף אַ „קוצו של יוד“, ער האָט זיכער קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין מנחה־מעריב, אָפּגערעדט פון אַנדערע, מער יסודותדיקע מצוות. ער איז אָבער אין דער פאָטענץ שוין געווען דער נייער, מאָדערנער ייד, מיט אַ גרויסער טאָלעראַנץ און בעיקר — ער האָט פאַרשטאַנען שוין דעמאָלט דאָס, וואָס אַנדערע גוטע־יידן, חסידים און אנשי־מעשה האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין ערשט האַרט פאַרן חורבן. ער האָט אפשר נישט געאַנט וועגן פּיישן אומקום פון אידישער פאָלק; ער האָט אָבער פאַרשטאַנען און קלאָר באַנומען, אַז אָן דער ראַם פון אַן אייגענער מדינה, וועלן מיר נישט קענען אויפהאַלטן אונדזער אייגנאַרט, אונדזער אייגן יידיש פנים ווי אַ פאָלק. ער האָט טאַקע געהערט צום מסורהדיקן טייל אינערהאַלב דעם ציוניזם — צו „מזרחי“. פאַר זיין שוואָגער אָבער און פאַר זיין פאָטער, דעם פרומען ייד און גערער חסיד, נח קליינמאַן, איז דאָס געווען אַביסל צו פיל:

— וואָס הייסט — האָבן זיי געטענהט — גייסט טאַקע דוחק קץ זיין? און מיט וועמענס כוח, מיטן כוח פון דעם אַ הערצל?...

חוץ אַ פעיקער און אָנשטענדיקער סוחר איז הערש קליינמאַן אויך אַ יודע ספר. אין קיין ישיבות האָט ער טאַקע נישט געלערנט, דערפאַר אָבער פאַרלאָזט ער צו צוועלף יאָר זיינע עלטערנס הויז און קומט אָן צו אונדזער פעטער, דעם באַקאַנטן אין דער יידישער וועלט בוכהענדלער און ספרים־פאַרלעגער שמחה פעדער אין לובלין. אַליין אַ תלמיד חכם און אײדעלער ייד, מיט אַ וועלט־נאָמען, פלאַנצט שמחה פעדער איין אין דעם ייִנגל גוטע מדות און אַ זעלטענע אײדעלקייט. הערש אַרבעט אין זיין פעטערס געשעפט ביז זיין חתונה מיט דער בת־טובים, שרה מייזעלס. נאָך דער חתונה, עפענען זיי אַ קליין בוך־געשעפט אין אָסטראָווצע. אַ דאַנק זייער אַרבעטספלייס אין הייכער האַנדלס־מאָראַל דערשלאָגן זיך די קליימאַנס, נאָך יאָרן, פאַרשטייט זיך, צו אַ העכערן מאַטעריעלן מעמד און מיט דער צייט — פאַרגרעסערן זיי דאָס געשעפט, בויען אויף אַ צוויי־שטאָקיק הויז, אויף קאָשטשעלני־גאַס. דאָס הויז שטייט ביזן היינטיקן טאָג.

שרה קליימאַן

צייט צו ווידמען אַ פּאָר ווערטער דער צווייטער העלפט משפחה, דער פרוי שרה אָדער „שרה׳לע“, ווי מהאָט זי היימישלעך גערופן, שרה קליימאַן־מייזעלס האָט געשטאַמט פון אַלט־יידישן יחוס. פון די מייזעלס. איר גרויסער זיידע הרב ר׳ דוב בער מייזעלס, רב און מנהיג פון דער עיר ואם קראָקע און שפּעטער — פון דער פּוילישער קרוין־שטאָט וואַרשע, רעוואָלוציאָנער און גרויסער פּוילישער פּאַטריאָט. וועגן אים זאָל אַ געוויסער פּוילישער פּאַטריאָט (לובאָמירסקי?) האָבן געזאָגט: „דער רב האָט מיטגעברענגט אין אונדזערע רייען דעם גייסט פון די מכביים...“ איר פאָטער, יאָסל קאָוועקס, האָט געהאַט געהערט צו די אײדעלסטע יידן פון סטאַשעוו, מיט אַ שם אין דער גאַנצער סביבה. די מוטער — אַן אָפּצווייג פון די האַלבערשטאַטס און אייגערס. שרהס ברידער: לייבוש, איטשע, חיים און פיניע — אַלע בני־תורה מיט גרויס אָנזען — אויך ביי פּאָליאַקן. נישט איין גזירה איז בטל ומבוטל געוואָרן אַ דאַנק זייער שתדלנות. באַזונדערס אַ דאַנק לייבושן, וועלכער איז אַ חוץ אַ שתדלן געווען אויך אַן אַדוואָקאַט. היינט אירע שוועסטער: דאָברע, פריידע און זי אַליין — שרה — מוסטערן פון יידישער שטאָלץ און צניעות.

אַנדזשע מייזעלס

גאַנץ באַזונדערס שטייט זייער שוועסטער אַנדזשע מייזעלס. כ׳האָב זי געזען אין גאַנצן צוויי מאָל, ביי די קליימאַנס. יאָ, און איינמאָל אין איר באַשיידענער, צוויי־צימערדיקע וווינונג אין „סאַוואָי“ אין לאָדזש. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר צוזאַמען מיט איר פּרעכטיק געשטאַלט און נאָמען קומען אין מיר שטענדיק אויף די נעמען פון די באַרימטע פרויען־געשטאַלטן: הענריעטאַ סאָלד און אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פונעם פאַרגלייכס־צייכן צווישן אָט דעם דריילינג. — אַ נישט געוויינלעך הדרת־פנים. איר קאָפּ האָט געלויכטן מיט אַ ווייס ליכט — אַ ליכט פון אַנדערע וועלטן... דאָס זעלבע די אויגן — קוואַלן פון גוטסקייט, ליבשאַפט און רחמנות. נאָך אין גאָר יונגען עלטער גייט אַנדזשע אַוועק נישט בלויז פון פרומען יידישן דרך, נאָר אויך פון די עלטערנס הויז.

אין די יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע שווימט זי פּלוצים אַרויף אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, פאַרקערט דאָרט אין די העכסטע קרייזן פון דער רעוואָלוציע. אַנדזשע געפינט זיך אין דער סביבה פון לונאַטשאַרסקין, דזשערזשינסקין, לענין, זינאָוויעוו א״א.

נאָכן זיג פון באָלשעוויזם קומט אַנדזשע צוריק קיין פּוילן. אַן אַנטוישטע, פאַרוואונדעט אין איר הומאַניסטיש געפיל, זונדערט זי זיך אָפּ פון מענטשן, וווינט דאָס גאַנצע לעבן איינע אַליין אין האָטעל „סאַוואָי״ אין לאָדזש.

אירע קאָנטאַקטן אין פּוילן — אַ חוץ מיט די קליימאַנס — איר שוועסטער, שוואָגער א״א קרובים — זענען געווען אויסשליסלעך אינטעלעקטועלע קרייזן. מ׳האָט געוווסט וועגן איר פריינדשאַפט מיטן פּראָגרעסיוון שרייבער און דענקער אַנדזשעי סטרוג, וועגן דעמלט נאָך יונגן הומאַניסט פּראָפ. קאָטאַרבינסקי א״א.

אין דער געטאָ־צייט איז אנדזשע אַריין אין טראַנס פון אירס עפּעס אַן אינדיווידועלן גלויבן, אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זי שטאַרק געגלויבט אין איר פּערזענלעכער רעטונג. אירע פּוילישע פריינד האָבן געמאַכט באַמיאונגען אויסצובאַהאַלטן זי אויף דער אַרישער זייט, אָבער אָן דערפאָלג. אַנדזשע וואַרפט אָפּ יעדן פאָרשלאַג. זי איז זיכער, אַז גאָט איז מיט איר אויף יעדן טריט און שריט און מיט אַלע רמ״ח אברים גלייבט זי אין דער גוטער באַשערטקייט פון איר גורל... איז עס באמת געווען אַזאַ טיפער גלויבן? און אפשר גאָר — אַן אויסדרוק פון איר טיפן הומאַניזם, וועלכער האָט איר נישט דערלויבט צו באַלעסטיקן מיט זיך אַנדערע? ווער ווייס...

אומגעקומען איז אַנדזשע וואַרשיינלעך אין אָשוויענטשים צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע יידן הי״ד.

✶

אומקערנדיק זיך צו די קליימאַנס: קיין וווּנדער, אַז דאָס הויז פון די קליימאַנס ווערט אַ בית ועד לחכמים. עס זאַמלט זיך דאָרט דער פער (פאַר) פון אָסטראָווצער יידנטום; אויך קריסטן: פּראָפעסאָרן, לערער, גלחים זענען אָפטע איינגייער אין דאָזיקן הויז. די קליימאַנס, באַזונדערס שרה׳לע קליימאַן, האָבן פאַרמאָגט טאַקט, פשטות און חכמה אין זייער באַנעמונג — אַז זייער הויז ווערט שנעל אַ צוציאונגס־אָרט פאַר אַלע יענע וואָס זוכן אַן עצה, אַ טרייסט בעת אַן אומגליק, אָדער אַנטשפּאַנונג אין זייערע שווערע זאָרגן. שפּעטער, ווען די קליימאַנס קינדער וואַקסן אונטער, ווערט דאָס הויז אַ זאַמלפּונקט אויך פאַר יוגנט.

דאָס ערשטע מאָל געדענק איך די קליימאַנס פון מיין שוועסטערס חתונה. איך בין דעמלט אַלט געווען 8 יאָר; ס׳איז געווען שוין נאָכן דרשה־געשאַנק און נאָכן מצווה־טענצל. כ׳בין אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פונעם טאַנץ אויפן טיש פון ניינציק יאָריקן יהושע העשל. דער ישיש האָט געטאַנצט אַ חסידישן „קאָזאַטשאָק״ צווישן גלעזער, פלאַשן און טעלער מיט פּרוכטן. די לינקע האַנט פאַרשטעקט אין גאַרטל און אין דער רעכטער — זיין רויטע פאַטשיילע, מיט וועלכער ער האָט געפאָכעט אין אַלע פיר זייטן ווי מיט אַ פאָן...

דער עולם האָט געפּליעסקעט מיט די הענט און פאַרגאַפט געקוקט ווי דער זקן זשאָנגלירט מיט זיינע אַלטע פיס צווישן גלאָז, פאָרצעלאַן, נישט פאַרטשעפּנדיק קיין זאַך.

כ׳האָב זיך אויך נישט געקענט באַפרייען פונעם כישופדיקן שפּילן פון אָריש קלעזמער, מיט זיינע זין, און פון דער שפּיל פונעם גרויסן קינסטלער, דעם פרומען ייד, מאיר־וואָלף לעוואַק, וואָס האָט מיט זיין פידל באַשאַפן און איינגעוואָרפן וועלטן. איך וועל דאָס בילד קיינמאָל נישט פאַרגעסן. וועגן מאיר־וואָלפן, אין פאַרבינדונג מיט יענער מיין שוועסטערס חתונה, האָב איך שוין געשריבן אויף אַ צווייט אָרט *) דאָך קאָן איך זיך נישט העלפן און מוז זיך דאָ אַליין ציטירן:

...איך זע אים נאָך אַצינד, מאיר־וואָלפן ווי ער פאַרמאַכט די אויגן, וואַרפט אַוועק דעם בויגן און ווי מיט געציינדענע פינגער לויפט ער מיט זיי איבער די סטרונעס... אנגסטן, שווערע שוויס־טראָפּנס פאַלן פון זיין שטערן, פון זיינע באַקן, קייקלען זיך אין זיין געדיכטער באָרד אַריין. זיינע פינגער לויפן שנעל איבער די סטרונעס ווי אויף הייסע, גליאיקע קוילן... און ס׳דוכט זיך דיר דאָס פידעלע ברענט, אַ רויך זעצט פון זיי, פון די פינגער...

...„מיט אַמאָל, די חתונה געסט בלייבן שטום, אַפילו קינדער האַלטן דעם אָטעם איין און קוקן מיט שרעק אויפן פידעלע, אויף אים אַליין, ווי אויף עפּעס אַ מכשף... איך קוק זיך אַרום — אַלע האַלטן איצט די אויגן געשלאָסן; חסידים, פרומע יידן האָבן איצט „התגלות״ און ער אַליין — מאיר־וואָלף — הגם איך זע אים דאָ שפּילן צווישן די מחותנים, צווישן די געסט, דאָך פילט מען בחוש, אַז ער איז נישטאָ, דאָ איז זיין שאָטן בלויז... ער אַליין איז ערגעץ ווייט, אין הימל איז ער, רעדט זיך דורכן פידעלע דורך מיטן בורא, מיט כביכול, און לויפט — על דעת המקום — אנטקעגן אליהון, וועלכער איז געקומען מבשר זיין די בשורה פון ביאת הגואל״...

ווי געזאָגט, איז עס שוין געווען נאָכן דרשה־געשאַנק און נאָכן מצווה־טענצל. דער רוב מחותנים און געסט זענען זיך שוין געהאַט צעפאָרן. פאַרבליבן זענען נאָר די נאָענטסטע קרובים פון חתן־כלה. הערש און שרה

*) זע „ספר אַפּטאַ״ ז״ז 329—328.

זענען איצט געווען דער צענטער פון דער מסיבה. אין דרויסן האָט שוין געגומען שאַריען אויף טאָג און די קליימאַנס האָבן בלויז געוואַרט אויף דער באַשטעלטער דראָזשקע, וואָס זאָל זיי אַהיימפירן קיין אָסטראָווצע. מוזן זיי דאָך פאָרן עפּענען דאָס געשעפט. האָט מען דערווייל געשמועסט, פאַרצויגן אַ פאָלקסליד, נאָך איינס, כ׳געדענק דאָס ליד „מאירקע מיין זון" און פרוגס ליד „דער בעכער". שרה האָט געזונגען מיט גרויס געפיל:

...גאָט אין הימל האָב רחמנות
לאָז אין כוס אַריין אַ טרער!

מיר האָט זיך געדוכט אַז כ׳זע גאָטס טרער אינעם כמעט שוין פולן בעכער. און אַז היינט מאָרגן וועט פאַלן די לעצטע טרער און... משיח וועט קומען. כ׳בין נאָך אַלץ געווען אונטערן כישוף פון מאיר־וואָלפס פידעלע, פונעם אומגעוויינלעכן „טאַנץ אויפן טיש" פון ניינציק יאָריקן יהושע העשל. דער דאָזיקער מיסטישער טאַנץ, ווי דאָס פידעלע האָבן מיך פאַרטראָגן אין ווייטע, פרעמדע וועלטן...

פלוצים דערפיל איך עפּעס אַ ווייכע, וואַרעמע פרויען־האַנט אַרום מיין האַלדז. כ האָב זיך נאָך נישט געהאַט אין גאַנצן אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות — אַ קוש פרעסט זיך איין אין מיין באַק... איך טו אַ קוק, ס׳איז שרה — אירע דינע פינגער האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין מיינע פאהלעך... כ׳האָב זיך דערשראָקן! כ׳איז טאַקע שרה, אָבער פאָרט אַן אשה... כ׳האָב מיט דער האַנט געריבן דאָס אָרט פונעם קוש אויף דער באַק ווי דער קוש וואָלט מיר געברענט...

מיין מאַמע האָט אויפגעכאַפּט די שרעק מיינע און געזאָגט שמייכלענדיק:

— משה, ס׳אי דאָך אַ מומע!...

דאָס זענען געווען די קליימאַנס און אַזעלכע זענען זיי פאַרבלייבן אין מיין זכרון און האַרץ ביז אייביק.

✶

און אָט וואָס עס שרייבן וועגן זייערע עלטערן די צוויי לעבנגעבליבענע טעכטער זייערע:

...כמעט פון סאַמע אָנהייב מלחמה איז אונדזער הויז פול מיט פליטים פון קאָנין, לאָדזש א״א שטעט. מיינע עלטערן האָבן אַלעמען געהאָלפן מאַטעריעל און מאָראַליש. די מאַמע האָט טאָג־טעגלעך געקאָכט פאַר די אומגליקלעכע פליטים און פאַר די נירן־און צוקער־קראַנקע — אין שפּיטאָל, הגם ס׳איז וואָס אַמאָל אַלץ שווערער געוואָרן מיט פּראָדוקטן. אַליין אַ קראַנקע אויף אַ כראָנישן מאָגן־קאַטאַר, האָט די מאַמע פון דעסטוועגן אומדערמידלעך געאַרבעט אין געשעפט און אינדערהיים, אויסבאַהאַלטנדיק איר מאַן און זון פאַר די דייטשע „לאַפּאַנקעס" אויף צוואַנגס־אַרבעט.

איר עלטערער זון, אונדזער טייערער ברודער יאָסעלע האָט געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ, אַרבעטנדיק ווי ביזן קריג אַלס בוכהאַלטער און ביוראָ־לייטער אין דער באַקאַנטער פאַרמאַצעווטישער פירמע „פּשטשולקי". אין די אָפּטע בריוו באַקלאָגט זיך יאָסעלע אויף דער אויפגעצווינגענער אָפּגעריסנקייט פון די נאָענסטע. נישט געקוקט אויף די פאַרזיכערונגען מצד דעם דייטשן „טרויהענדער", אַז די אַרבעט וועט אים אָפּראַטעווען דאָס לעבן, גייט יאָסעלע אַוועק צום טויט שוין אַזוי פרי, ווי אין יוני 1942, מיטן ערשטן גרויסן גירוש־וואַרשע. די ידיעה טרעפט אונדזער הויז ווי אַ דונער...

...נאָכן פאַרלירן דעם עלטסטן זון, קעמפט די מאַמע ווי אַ לייבעכע פאַרן אָפּראַטעווען די איבעריקע קינדער אירע. מיט סכנת־נפשות ממש פאַר איר אייגן לעבן, גיט זיך איר איין, נאָך לאַנגע און פאַרצווייפלטע באַמיונגען צו שאַפן פאַלשע א. ג. „אַרישע" פאַפּירן פאַר אירע צוויי טעכטער און אידעם און אַן אַרבעטס־אָרט פאַר איר צווייטן זון, אונדזער טייערן, אומפאַרגעסלעכן ברודער לעאָן.

...נאָך אַ האַרצרייסנדיקע געזעגענונג אויף אייביק, שטופּן הערש און שרה קליימאַן אַרויס ממש מיט כוח פריער זייער איינציק, דורך זיי פאַרגעטערט אייניקל, שפּעטער אונדז ביידע, זייערע טעכטער, מיטן אידעם.

...אַצינד וואַרטן זיי שוין מיט סטאָאישער רו פון רעזיגנאַציע אויפן אייגענעם אומפאַרמיידלעכן סוף...

...אין טאָג פון גירוש זענען זיי געגאַנגען מיט פאַרשטיינערטע בליקן אין ריי צו די וואַגאָנען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. פלוצים האָט די מאַמע פון צווישן געדראַנג פון די נייגעריקע פוילישע שכנים אויפגעכאַפּט דעם בליק פון אַ פוילישן שכן. זי וואַרפט אים אַ פּעקעלע אין האַנט: „דאָס זענען שיך פאַר לעאָנען". דאָס איז געווען דער גאַנצער באַגאַזש וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַרנומען מיט זיך אויפן וועג קיין טרעבלינקע...

...אויך לעאָן (לייב בער, וועלכער האָט מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען פון אונדזער גרויסן זיידן, דעם רב פון וואַרשע; בער מייזעלס) האָט די מלחמה נישט איבערגעלעבט. אין מערץ 1943 אַנטלויפט ער פון דער פאַבריק קיין וואַרשע. נישט לאַנג אָבער פרייט ער זיך מיט דער „פרייהייט". פוילישע שאַנטאַזשיסטן האָבן אים אַנטדעקט און איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשע הענקער, וועלכע האָבן אים דערשאָסן אין איינעם פון די ביי וואַרשעווער וועלדער. הי״ד.

גאָט, ווו געפינען זיך די קברים פון הערש, שרה, יאָסל און לייבל קליימאַן?...

✶

יאָ, מיר האָבן אפשר נישט באַדאַרפט צוריקגיין צום „ציווילן" לעבן...

איז אָבער אַזוי נישט געשען, נאָר מיר גייען ווייטער אָן מיטן לעבן: פּראַווען יאָרצייט, גיבן אַרויס יזכור־ביכער, חזנים מאַכן פרנסה פון „אל מלא", אַנדערע נעמען אויך פּיצויים...

אפשר איז אַזוי בעסער! אפשר איז עס אַ שפּיצל פון מיין קוזינעס „גוטער" נאַטור? אפשר בעסער פרייען זיך מיט די לעבעדיקע?...

מאיר בלאנקמאן

אסטראָווצער פעלדשערס

די ביינערמאַן־דינאַסטיע

דער ערשטער יידישער פעלדשער אין אָסטראָווצע, וועלכן איך געדענק, איז געווען אַלטער ביינערמאַן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער גערופן האָט מען אים אין שטעטל: „אַלטער בוליאָק".

אַ געזונטער, ברייט־פּלייציקער ייד, אַ דיקלעכער מיט א פּיין אונטערגעשוירן בערדל און תמיד מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל. און גערעדט האָט ער מיט אַ גראָבער באַס־שטימע. אַזעלכער איז ער פאַרבליבן אין מיין זכרון. די יידן אין אָסטראָווצע האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן און נישט ווייניקער פּאָפּולער איז ער געווען ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

וואָס אַלטער האָט געזאָגט — אַזוי האָט מען געטאָן און נישט אַנדערש. אַפילו ווען אַ ייד אין שטעטל איז שוין געווען אַזוי קראַנק, אַז ער האָט שוין געמוזט אָנקומען צום דאָקטאָר מאַלינגער — האָט מען זיך פריער שואל עצה געווען מיט אַלטערן, צי מען זאָל טאַקע נעמען די רפואות, וועלכע ד"ר מאַלינגער האָט פאַרשריבן. און ס'זענען טאַקע געווען פאַלן, ווען אַלטער פעלדשער האָט געפּאַסקנט: „איך הייס נישט נעמען די דאָזיקע רפואות, כ'וועל אייך פאַרשרייבן אַנדערע". האָט מען טאַקע אַוועקגעשטעלט די רפואות, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן, און גענומען די, וועלכע אַלטער ביינערמאַן האָט פאַרשריבן. אַזוי גרויס איז געווען דער צוטרוי צו אים מצד די יידישן מאַסן אין אָסטראָווצע און גאָר באַזונדערס פון די ווייבער.

און צו וועמען איז מען געגאַנגען מיט צאָן־ווייטיק און אַ געשוואָלענער באַק, אויב נישט צו אַלטער בוליאָק? אין יענע צייטן האָט מען נאָך נישט געוווסט אין אָסטראָווצע פון קיין דענטיסטן און פון פּלאָמבירן קאַליעדיקע ציינער. מיט אַ געשוואָלענער באַק איז מען תיכף געלאָפן צו אַלטערן און ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געגעבן דיר אַ באַפעל: „עפן דאָס מויל!" גענומען די צוואַנג אין האַנט און אויפן אָרט דיר ארויסגעריסן דעם קאַליעדיקן צאָן.

נאָך ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך, ווי כ'בין געלעגן אין דערהיים מיט א געשוואָלן פּנים ווי אַ באַרג און זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ר' אַלטער איז ארויפגעקומען צו אונדז אין שטוב, צוגעגאַנגען צו מיר און שטרענג באַפוילן: „שוין זאָלסטו עפענען דאָס מויל!" גענומען דאָס צווענגעלע אין האַנט און מיט איין קנאַק מיר אַרויסגעריסן צוויי ציינער. איך האָב דערביי טאַקע געזען די עלטער־באָבע. און נאָך היינט גייט מיר אַדורך אַ שוידער איבערן לייב, ווען כ'דערמאָן זיך דעם שרעקלעכן ווייטיק ביים אַרויסרייסן די ציינער. הגם עס האָט געדויערט נישט לאַנג...

גאָר באַזונדערס איז אַלטער פעלדשער געווען פּאָפּולער ביי די פּויערים און פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער.

צוויי מאָל אין דער וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק — פלעגן אין אָסטראָווצע פאָרקומען יאַרידן און עס פלעגן זיך צונויפפאָרן אויפן מאַרק אַסאַך פּויערים און פּויערטעס פון די ארומיקע דערפער, וועלכע האָבן דאָ פאַרקויפט זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

אין די דאָזיקע צוויי טעג איז אַלטער מיט זיינע זין געווען פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט אַרבעט. יעדער פּויער און פּויערטע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געגאַנגען צו אלטער פעלדשער — ווער מיט אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן, ווער מיט אַ געשוואָלענער באַק פון צאָנווייטיק און ווער מיט אַ ברעכעניש אין דער פּלייצע.

אין זיין ראַזיר־אַנשטאַלט אין שמאָלן געסעלע פלעגן דעמאָלט ליגן אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע פּויערים און פּויערטעס. אַלטער מיט זיינע זין זענען געשטאַנען מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל און געריסן ציינער, געשמירט פּלייצעס, געשטעלט באַנקעס און פּיאָווקעס און געמאַכט קאַנעס איינס נאָך ס'אַנדערע.

ר׳ אַלטער האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם פון היילן קראַנקע. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון אַ קאַנע. און אז ס׳איז ווער אפילו געקומען צו אים מיט אַ צעקאַליעטשעטן פינגער, פלעגט ער קודם כל הייסן מאַכן אַ קאַנע. ווייל אַלע צרות און וויטיקן — אַזוי האָט ער געהאַלטן — נעמען זיך פון אַ פאַרדאַרבענעם מאָגן...

נאָך ר׳ אַלטערס טויט האָט פון זעלבן צוטריי אין שטעטל געגאַסן זיין עלטסטער זון אברהמטשע. אייך פון אים האָבן די אָסטראָוועצער יידן געהאַלטן מערער ווי פון אַלע דאָקטוירים. אַז אברהמטשע האָט געזאָגט צו אַ קראַנקן ייד: „איך זאָג אייך, אַז ס׳וועט אייך גאָרנישט זיין", איז מען שוין פון דעם אַליין געזונט געוואָרן...

עס פלעגט אָפט זיין אַן „אונטערגאַנג" אין שטעטל: קינדער האָבן געגומען הוסטן. באַקומען רויטע העלדזלעך און אַ לויזן מאָגן. דאָ האָט שוין אברהמטשע געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. ער פלעגט ממש נישט קענען דורכגיין רואיק די גאַס. פון אַלע זייטן האָבן ווייבער געהאַלטן אין איין שרייען: „ר׳ אברהמטשעשי, דערבאַרמט אייך, דאָס קינד גייט מיר, הלילה, אויס!" אין אַזאַ פאַל האָט אברהמטשע מאָביליזירט אַלע זיינע ברידער: שמאי, אייזיק, עבער און נפתלי. אַלע זענען זיי געגאַנגען איבער די יידישע שטיבער און געפּענדזלעוועט העלדזער, געשטעלט באַנקעס, געמאַכט קאָמפּרעסן, געהייסן טרינקען הייסע טיי און נעמען פּראָשקעס עטלעכע מאָל אין טאָג.

גענוי ווי זיין פאָטער. האָט אויך אַברהמטשע נישט פאַרטראָגן די רפואות, וואָס עס פלעגט פאַרשרייבן ד״ר מאַלינגער. אַזעלכע רפואות האָט ער באַלד געהייסן אַוועקשטעלן, נאָר נעמען דאָס, וואָס ער וועט פאַרשרייבן. „אויב איר ווילט זיין געזונט — פלעגט ער זאָגן צום חולה — טאָ טוט וואָס איך הייס אייך, און לאָזט אייך נישט פאַרדרייען קיין קאָפּ פון די דאָקטוירים, ווייל זיי ווייסן אַ קרענק". און געהאָרכט האָט מען טאַקע, וואָס אַברהמטשע האָט געזאָגט...

אברהמטשע איז אויך געווען טעטיק אין „לינת־הצדק", וו ער האָט אַוועקגעגעבן פיל פון זיין צייט און ענערגיע. דאָרט פלעגט ער זיצן און אויפנעמען אָרעמע יידן און ווייבער מיט קליינע קראַנקע קינדער, וועלכע האָבן געגאַסן פון אומזיסטער מעדיצינישער הילף. אַלע האָבן אים גוט געקענט, ווייל ער האָט געלאָזט צו זיך רעדן און טאַקע אויף מאַמע־לשון. ער איז געווען אַן אמתער פאָלקס־מענטש אין פולן זין פון וואָרט.

אַחוץ דעם איז אברהמטשע געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז געווען דער פירער פון די לינקע פועלי ציון אין אָסטראָווצע, מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע און זי אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון.

אין דער אַלטער אָסטראָוויצער שול פלעגט מען אויף יעדן יום־טוב אַרויסהענגען אויפן אָרון־קודש אַ הערלעכן זיידענעם פרוכת. דאָס דאָזיקע פרוכת האָט געשאָנקען אין שול אַריין אַברהמטשע ביינערמאַן און אויף אים איז געווען אויסגעשטריקט מיט גרויסע גאָלדענע אותיות: „נדב אברהם ביינערמאַן בן ר׳ אלתר ז״ל".

מיט אברהמטשע ביינערמאַן האָב איך מיך דאָס לעצטע מאָל געטראָפן בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין אָסטראָוויצע. די דייטשישע סאָלדאַטן האָבן אונדז, אַ גרעסערע גרופּע יידן, געכאַפּט אויף אַרבעט און אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט. דאָרט האָט מען אונדז געצוווּנגען צו רייניקן מיליטערישע קלאָזעטן מיט די בלויזע הענט און מיר האָבן זיך נישט געטאָרט באַנוצן מיט די שמאַטעס און עמערס. וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. שפּעטער האָבן זיי אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וועלכער איז געווען פאַרקריטיקט מיט פערדס־דרעק און מיר האָבן דאָס געמוזט אָפּרייניקן במשך פון אַ קורצער צייט. אברהמטשע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גרויסן, טיפן קאַפּעליוש. האָבן זיי אים געצוווּנגען אַראָפּצונעמען דעם קאַפּעליוש און אין אים אַריינלייגן דאָס פערדס־דרעק און אַזוי טראָגן הין און צוריק. און זיי, די נאַצישע אויפזעער אינדזערע. זענען געשטאַנען פונדערווייטנס, זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און אָנגעקוואָלן פונעם ספּעקטאַקל, וואָס עס האָט זיי פאַרשאַפט דער „דרעקישער יודע"...

איך געדענק אויך דעם אַלטן מענדל פעלדשער מיט זיינע ברילן צוגעבינדענע מיט שטריקלעך הינטער די אויערן. זיין רעזורע איז געווען אויף קונאָווער גאַס נעבן אייזיק מענדל שוחט. אויך ער האָט דער עיקר געלעבט פון שטעלן באַנקעס, פּענדזלעווען העלדזער און מאַכן קאַנעס. אין דער מלאכה האָט אים צוגעהאָלפן אויף די עלטערע יאָרן זיינער אַ שוין דערוואַקסענער זון.

און ווער פון די אָסטראָווצער יידן פון עלטערן דור געדענקט דאָס נישט מאַליע די רופאהטע? ווי זי פלעגט אין די קאַלטע פינצטערע ווינטער־נעכט אַרומגיין איבערן שטעטל מיט אַ לאַמטערן אין האַנט און באַזוכן קראַנקע יידישע פרויען. זי איז געווען אַ גרויסע ספּעציאַליסטקע אין איר „פאַך" און זי האָט שוין געזאָגט גענוי, ווען מ׳דאַרף רופן פייגע מינדל די הייבאַם, וועלכע האָט אָפּגענומען אַלע קינדער ביי די יידישע ווייבלאַך אין אָסטראָווצע...

עס דערמאָנט זיך אייך משה ביינערמאַן — אויך אַ פעלדשער. ער האָט געהאַט אַ ראַזיר־אַנשטאַלט קעגנאיבער דער קירכע. אין זיין „רעזורע" איז געווען אַרויפצוגיין אויף עטלעכע טרעפּ. אויף וויפיל איך דערמאָן זיך, איז ער געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער און פעסטגעבויטער מאַנספּאַרשוין.

שפּעטער איז געקומען קיין אָסטראָווצע פון טאַרלע

נחמן אַלאַן — אַן איידעם פון אַלטער ביינערמאַן. אויך ער האָט זיך פאַרנומען מיט פעלדשעריי און געוואָרן גאַר גיך פּאָפּולער אין שטעטל ביי יידן און קריסטן. ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ רענצל אין האַנט, אין וועלכן עס זענען געלעגן די אינסטרומענטן און פאַרשידענע שמירעכצער אויף צו מאַכן איינשפּריצונגען און אָפּאַטרונקעס. אין אָסטראָוויצע און אין דער אַרומיקער געגנט האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין קראַנקע און ס׳איז געווען גענוג אַרבעט פאַר אַלע יידישע פעלדשערס.

אינטערעסאַנט, אַז אַלע מיטגלידער פון דער ביינער־מאַן־דינאַסטיע זענען סיי פעלדשערס און סיי פריזירערס. די דאָזיקע צוויי פאַכן זענען ביי זיי געגאַנגען געפּאָרט און איינס האָט דערגענצט דאָס צווייטע.

נאָך ר׳ אַלטערס טויט האָבן פאַרגעזעצט די אַרבעט אין דער „רעזורע״ זיינע זין שמאַלן געסל זיינע זין שמאי און עבער און שפּעטער נפתלי.

נחמן אַלמאַן האָט געהאַט זיין ראַזיר־אַנשטאַלט אויף סטאַראָ־קונאָוסקע גאַס, נישט וויט פון מאַרק און פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך געגרענעצט מיט דער גוזשוסטע, נישט וויט פון טייך. איך האָב יאָרן־לאַנג מיך דאָרט געשוירן און כ׳געדענק גוט די דאָזיקע רעזורע. שפּעטער, אַז אייזיק ביינערמאַן האָט געעפנט אַ „רעזורע״ נעבן אונדז אויף דרילדזשער גאַס ראָג שעראָקע — בין איך אַריבער צו אים און געוואָרן זיין שטענדיקער קליענט.

אין די דאָזיקע רעזורעס אין אָסטראָוויצע האָט מען נישט נאָר זיך געשוירן און ראַזירט. נאָר אויך הייס דעבאַ־טירט וועגן אַלץ און וועגן אַלעמען. עס פלעגן דאָרט פאָר־קומען לייזנשאַפטלעכע דיסקוסיעס צווישן די יוגנטלעכע פון אַלע ריכטונגען, וועלכע פלעגן דאָרט אַריינקומען שערן זיך און ראַזירן. מען האָט דיסקוטירט וועגן ציוניזם, קאָ־מוניזם, בונד, פועלי־ציוניזם, רעליגיע — און וועגן וואָס דען נישט? יעדער איינער האָט מיט ברען און היץ פאַר־טיידיקט זיין פּאַרטיי און זיינע איבערצייגונגען, פון וועלכע מען האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן אויף אַ האָר. און נישט איינמאָל האָט מען פאַרשפּעטיקט אַהיים אויף מיטאָג צוליב די דאָזיקע דיסקוסיעס...

✡

מיטן טראַגישן אומקום פון דער יידישער אָסטראָוויצע דורך די נאַציישע תליינים, זענען, אויך אומגעבראַכט געוואָרן די פעלדשערס, די מיטגלידער פון דער גרויסער ביינערמאַן־דינאַסטיע מיט זייערע פרויען און קינדער, וועלכע זענען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן פאַרפייניקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן פון היטלערישן גיהינום.

אייזיק ביינערמאַן, טאָראָנטע — קאַנאַדע

פאָלקס־טיפּן פון אמאָליקער אסטראָוויצע

בערל טשאַטשקע

זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען בערל ניינודל. דעם צונאָמען „טשאַטשקע״ האָט ער באַקומען צוליב זיין קליינעם קיילעכדיקן נעזל, און אַזוי האָט מען אים אַלע יאָרן גערופן אין אָסטראָוויצע.

שוין פון דער פריסטער יוגנט האָט בערל געמוזט זאָרגן פאַר זיין פּרנסה און קיום, ווייל זיינע עלטערן זענען אים אָפּגעשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייגגל, און ער איז אַזוי אַרום פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יתום.

צו יענער צייט איז נאָך די באַן נישט געהאַט דערגאַנ־גען ביז אָסטראָוויצע, און פאָרן קיין וואַרשע פלעגט מען אין גרויסע בוידן, איינגעשפּאַנטע אין פערד. פלעגט בערל מיטפאָרן מיט די יידישע סוחרים קיין וואַרשע, און פלעגט העלפן שלעפּן די שווערע משאות און אויפלאָדענען די געפּעק מיט סחורה אויף די וועגענער. און אַהיימקומענדיק קיין אָסטראָוויצע, פלעגט ער ווידער שלעפּן די קאַסטנס אין די געוועלבער לויט די באַשטעלונגען אין דער רשימה. און די סוחרים האָבן צו אים געהאַט דעם פולסטן צוטרוי, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

און אַזוי איז בערל אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט הייך, שיין און גלייך ווי אַ דאָמב. ער איז געווען געזונט און שטאַרק און מיט זיינע גרויסע הענט האָט ער געקענט ברעכן אייזן. זומער און ווינטער, בעת די גרעסטע היצן און פרעסט, פלעגט ער טאָן גערודלדיק זיין אַרבעט אינ־דרויסן און קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל.

און אַז ס׳האָט אַמאָל געטראָפן אונטערוועגס, אַז נאָך די האַרבסטיקע רעגנס אויף די שלעכטע פּוילישע וועגן איז דער אָנגעלאָדענער וואָגן אריין אין אַ בלאָטע און די פערד האָבן אים נישט געקענט רירן פון אָרט — האָט

זיך בערל נישט פאַרלוירן. ער איז נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און נישט פאַרצווייפלט. ער האָט אונטערגעשטעלט אַן אַקסל און צוזאַמען מיט די פערדלעך דעם וואָגן אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע. מיט בערלען ביסטו קיינמאָל נישט פאַרלאָרן געוואָרן.

בערל האָט שטענדיק געטרוימט װעגן גיין דינען אין רוסישן מיליטער. דאָרט װעט ער האָבן אַלץ, און װאָס ער נויטיקט זיך. עס האָט אים געלאָקט צו פאָרן אין װייטע מקומות און דער עיקר — אַרויסרייסן זיך פון דער גרויערווירקלעכקייט אין אָסטראָווצע. עס האָט אים אָבער נישט אָפּגעגליקט. אין דער מאָבילעזיר־ביוראָ האָט ער אַרויסגעצויגן אַ גרויסן נומער — און ער האָט דעריבער געמוזט בלייבן זיצן אין דערהיים.

מיט דער צייט באַקענט זיך בערל מיט אַ מיידל, פאַרליבט זיך אין איר ביז איבער די אויערן און האָט מיט איר שפּעטער חתונה. ער האָט שוין אַן אייגענע היים. זי, דאָס ווייבל זיינס, חיה, איז אַ רירעוודיקע, אַן אמתדיקע אשת־חיל, און איז אים בייהילפיק מיט פּרנסה. זי האַנדלט צו ביסלעך מיט פּרוכטן און מיט פיש און ברענגט אַריין יעדן טאָג אַ פּאָר גראָשן אין שטוב אַריין.

שפּעטער באַקומט בערל באַשעפטיקונג ביי די גרויסע קי־הענדלער, די יאַסנערס פון סאָסנאָווצע. ער טריבט זיך דאָרט אויס און פירט גרויסע טראַנספּאָרטן מיט בהמות צו דער דייטשיישער גרענעץ. זיינע באַלעבאַטים נעמען אים מיט אין די פּריצישע הייפן, ווו זיי קויפן קי און ווילדע אָקסן, צו וועלכע קיינער וויל זיך נישט צורירן. בערל האָט שוין דערפאַרונג. ער נעמט אַן דעם ווילדסטן אָקס ביי די הערנער און שאָקלט מיט אים ווי מיט אַ לולב. די פּריצים קענען זיך זאַט נישט אָנקוקן און קוועלן גאָר אַן פון דער העלדישקייט פונעם שטאַרקן „זשידעק”, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַר אַ ווילדן אָקס.

צו יענער צייט לעבט זיך בערל גאַנץ באַשיידן אָבער נישט שלעכט. זיין ווייבל האָט אים באַשאָנקען מיט עטלעכע שיינע און געראָטענע קינדערלעך. בערל וויזט זיך אַרויס אַלס געטרייער מאַן און איבערגעגעבענער פאָטער, וועלכער זאָרגט שטאַרק פאַר זייער אויסהאַלטונג און דערציאונג.

און אַז ס'איז אין 4־טן יאָר אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין אָסטראָווצע, כוליגאַנעס זענען באַפאַלן יידן, געראַבעוועט, געשלאָגן און געמאָרדעט — האָט בערל נישט לאַנג געטראַכט, גענומען אַ האַק אין האַנט און צוזאַמען מיט זיינע חברים זיך אַוועקגעשטעלט פאַרטיידיקן די אַלטע גרויסע שול. און אַז די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך דערוווסט, אַז דער „שטאַרקער בערעק” שטייט דאָרט צוזאַמען מיט זיינע חברים, גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף — האָבן זיי שוין נישט געוואָגט אַהינצוגיין. און טאַקע אַדאַנק בערל טשאַטשקע איז די באַרימטע אָסטראָווצער שול דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

און אַז יעדן ערב־יום־כיפּור פלעגט דער אַלטער אָסטראָווצער רבי, ר' מאיר יחיאל הלוי ז"ל, גיין אין שול אַריין צו כל נדרי, און טויזנטער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, האָבן באַלאַגערט דעם שול־הויף און צוליבן גרויסן געדראַנג איז געווען אוממעגלעך אַדורכצוגיין — פלעגט בערל נעמען דעם רבין אויף זיינע שטאַרקע הענט און אים דורכן גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם גלייך אַריינגעטראָגן אין שול אַריין. בערל איז געווען זייער באַליבט ביי דער יידישער אַרבעטנדיקער און אָרעמער באַפעלקערונג פון אָסטראָווצע. ער איז געווען אַ „נאַש בראַט” און ער האָט נישט פאַרטראָגן. ווען מען האָט װעמען נישט איז שלעכט באַהאַנדלט אָדער באַעוולט, ער איז תמיד געשטאַנען אויף דער זייט פון באַליידיקטן און געקריוודעטן.

ווען די קי־הענדלער, די יאַסנערס פון סאָסנאָווצע, זענען געשטאָרבן און דער האַנדל איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט, איז בערל געווען געצווינגען צו זוכן אַן אַנדערע באַשעפטיקונג, פון וועלכע ער זאָל קענען פאַרדינען אויף חיונה פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

בערל איז אַריין אין מאַרק און זיך געוואַנדן צו די טרעגערס. זיי האָבן אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווייל זיי האָבן אים גוט געקענט, געוווסט וועגן זיין אַרבעטפעאיקייט, וועגן זיין גוטן כאַראַקטער און וועגן זיין אויסגעצייכנטער באַציאונג צו מענטשן בכלל און צו אַרבעטנדיקע מענטשן בפרט. אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, צווישן אייגענע יאַטן, האָט זיך בערל געפילט זייער גוט. זיינע חברים־טרעגערס האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַרן קאַסירער פון זייער פאַריין, אָבער בערל האָט אָפּן דערקלערט, אַז ס'איז אים לייכטער צו טראָגן אַ שווערע אייזערנע קאַסע אויף זיינע פּלייצעס אײדער צו האָבן צו טאָן מיט קאָמפּליצירטע חשבונות...

בערל מיט זיין פרוי חיה האָבן דערצויגן זייערע קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן שטאָלצע יידן און ערלעכע אַרבעטער. זיין עלטסטער זון, פּסח, האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי־ציון אין אָסטראָווצע. שפּעטער האָבן זיי אויסגעוואַנדערט מעבר לים און ביזן היינטיקן טאָג זענען זיי ממשיך זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

בערל האָט אויך פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. די יידן אין שטעטל האָבן שטענדיק געזוכט זיין געזעלשאַפט. אַרום אים האָבן זיך תמיד געזאַמלט פיל מענטשן, וועלכע ער האָט דערציילט זיינע מעשהלעך און וויצן, פון וועלכע זיי האָבן האַרציק געלאַכט און פאַרגעסן אויף אַ ווייל אין אַלע זייערע צרות און דאגות.

אין שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ דערציילונג, ווי אַזוי בערל האָט אַמאָל אָפּגעראַטעוועט אַ פּולן וואַגאָן יידן פון צאָלן שטראָף פאַר פאָרן אָן בילעטן:

אין די צאַרישע צייטן פלעגן אַלע באַאַמטע נעמען כאַבאַר. אויך די קאָנדוקטאָרן אויף די באַנען פלעגן נעמען כאַבאַר באַ די פּאַסאַזשירן און זיי געלאָזט פאָרן אָן בילעטן גאַנץ ווייטע שטרעקעס, פאַר וועלכע זיי האָבן געדאַרפט צאָלן אַסאַך געלט. אַזוי איז מען געפאָרן קיין לאָדזש פון אָסטראָווצע פאַר אַ דריטל פון דער פרייז פון אַ בילעט.

איינמאָל, ווען אַ פולער וואַגאָן יידן איז געפאָרן אָן בילעטן, איז גאַנץ אונדערוואַרטעט געקומען אַ קאָנטראָלער און די אַלע רייזנדע יידן האָבן זיך דערשראָקן, ווייל אויב מען כאַפּט זיי אָן בילעטן דאַרפן זיי באַצאָלן דאָפּלט. אָבער בערל טשאָטשקע, וואָס איז געפאָרן מיט אַ בילעט, האָט אַלעמען באַרויקט און זיי געהייסן זיצן רויק אויף זייערע ערטער: ער וועט שוין אָפּטאָן אַ שפּיצל דעם קאָנטראָלער.

געזאָגט און געטאָן. בערי לייגט זיך אַוועק אונטערן באַנק, דאָרט ווו דער קאָנטראָלער דאַרף אַריינקומען אין וואַגאָן און שטעקט אַרויס אַ פוס, אַזוי אַז דער קאָנטראָלער און דער קאָנדוקטאָר זענען שיעור געפאַלן איבער זיין פוס. דער קאָנדוקטאָר וויל באַווייזן ווי ער איז פלייסיק, הייבט ער אים אָן צו שלעפּן ביים פוס און זידלט אים דערביי פאַרן וועלן אָפּנאַרן נאַטשאַלסטוואָ און גנבהנען אַ יאַזדע אָן אַ באַן בילעט. דער קאָנדוקטאָר קען אים אָבער נישט רירן פון אָרט. אויך דער קאָנטראָלער העלפט אים שלעפּן ביים פוס און עס גייט נישט.

בערי ליגט זיך באַקוועם אונטערן באַנק און מעקעט ווי אַ קעלבל. ווערן ביידע באַן באַאַמטע שוין גאָר אין כעס: „האָסט אַריינגעשמוגלט מיט זיך אַ קעלבל אונטערן באַנק?". וויפל זיי שלעפּן אים באַ די פיס קענען זיי אים ניט רירן פון אָרט. בערי איז געווען אַ גבור און יעדעס מאָל וואָס זיי האָבן אים אָנגעהויבן שלעפּן באַ די פיס האָט ער זיי מיט אַ שטויס אומגעוואָרפן אויף דער וואַנט.

נישט האָבנדיק קיין ברירה גרייטן זיי זיך אים לאָזן אַרעסטירן ווען זיי וועלן אָנקומען אויף דער באַנסטאַציע אין לאָדזש. נאָר דאָ געשעט אַ מאָדנע זאַך: ווען מען קומט צו צו דער לאָדזשער באַנסטאַציע קריכט בערי לאַנגזאַם אַרויס פון אונטער דער באַנק און ווען דער קאָנטראָלער וויל אים נעמען צום באַן נאַטשאַילניק, ווייזט ער אים זיין בילעט. דערווייל זענען אַלע יידן אַראָפּ אויף דער סטאַציע אין לאָדזש און געגאַנגען זייער וועג...

אין שטאָט האָט מען געוווסט, אַז בערל האָט שטאַרק ליב געזאַנג, מוזיק און טענץ. ער פלעגט תמיד בעת דער אַרבעט אונטערברומען עפּעס אַ לידל אָדער אַ חזניש שטיקל. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער טרופּע, וואָס האָט יעדן פורים אויפגעפירט דאָס „מכירת־יוסף־שפּיל", וואָס האָט אַריינגעבראַכט פיל פרייד און היימלעכקייט אין יידישע היימען.

מיט בערל טשאָטשקעס טויט איז אוועקגעריסן געוואָרן אַ שטיק לעבעדיק און לאַכנדיק אָסטראָווצע. ס'איז אַוועק אין קבר אַריין אַ שטאָלצער ייד און האַרציקער פאָלקס־מענטש פון דער אַמאָליקער יידישער אָסטראָווצע.

כבוד זיין אָנדענק!

עליע קוואָקע

זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען שערמאַן, אָבער וועגן דעם האָט אין אָסטראָווצע כמעט קיינער נישט געוווסט. אין שטאָט איז ער ביי אַלעמען געווען באַקאַנט אַלס עליע קוואָקע.

דעם צונאָמען „קוואָקע" האָט ער באַקומען צוליב דעם וואָס ער איז געווען באַוואָרפן מיט קליינוואַרג ווי אַ הון מיט הינדעלעך. געהאט אסאַך קינדער, איינס קלענער פון צווייטן. זיי פלעגן ביי אים געבוירן ווערן און וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און געווען פול אין אַלע ווינקעלעך.

עליע איז אַמאָל געווען אַ גרויסער טאַנדייטער און געצויגן חיונה פון שניידעריי. די אויסגעפּאַרטיקטע הויזן און מאַרינאַרקעס פלעגט ער פאַרקויפן די פויערים בעת די יאַרידן אין אָסטראָווצע יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. קיין גרויסע גליקן זענען נישט געווען, אָבער מען האָט דאָך ווי נישט איז געלעבט. געבוירן קינדער, געמאַכט בריתן, דערצויגן און חתונה געמאַכט זין און טעכטער און אַזוי אַרום ממשיך געווען דעם קיום פון יידישע שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן פוילן.

איך געדענק עליע קוואָקע שוין אַלס אַלטן מאַן. ער האָט שוין נישט געאַרבעט. און ווי אַ קוואָקע אַרום אירע הינדעלעך, אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן זיינע זין און טעכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך און געשעפּט נחת פון דעם נייעם געזונטן דור, וועלכן ער האָט דערלעבט אויפצושטעלן.

איך געדענק זיינע קינדער: אברהמעלע קוואָקע, זיסל קוואָקע, שימשל קוואָקע, חנה קוואָקע און נאָך און נאָך, וועלכע ס'איז מיר שווער אויסצורעכענען אלע ביי די נעמען. אַ פאַרצווייגטע פאַמיליע געווען, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן און פאַרמערן פון דור צו דור.

אַלע קוואָקעס זענען יאָרן־לאַנג געווען שניידערס. פונקט ווי זייער פאָטער און זיידע ר' עליע ע"ה, פלעגן זיי נייען הויזן און מאַרינאַרקעס און זיי פאַרקויפן אויף די יאַרידן די אָנגעפאָרענע פויערים פון דער אַרומיקער

געגנט. קיין פּרנסה איז אָבער. ווייזט אויס. פון דעם נישט געווען און נישט איין מאָל איז אויסגעקומען גאַנץ נישקשה־דיק אונטערצוהונגערן, זיצנדיק ביי דער ניי־מאַשין...

די קוואָקעס האָבן מיט דער צייט פאַרלאָזט די ניי־מאַשינען, אַרויס אין גאַס און געוואָרן טרעגערס. און פון די דאָזיקע שניידערלעך מיט די בלאַסע פּנימער פון זיצן יאָרן־לאַנג אין די ענגע דושנע שטיבלעך — זענען אויס־געוואַקסן שיינע, הויכע, געזונטע, קרעפטיקע און שטאַרקע יידן ווי די דעמבעס, מיט אַנטוויקלטע מוסקולן און מיט הענט, וואָס האָבן געקענט ברעכן אייזן.

אַזוי זענען די זין, אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון טאַנדייט־שניידער עליע קוואָקע ע״ה, אַריין אין דער באַרימטער טרעגער־משפּחה פון אָסטראָוועצ, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס זענען צו יענער צייט געשטאַנען די באַקאַנטע בערל טשאָטשקע, יאַנקל ווייסער און יאָסל באַלאַס.

יאַנקל ווייסער

יאַנקל ווייסער איז געווען אַ ייד אַ גבור. אַ הויכער אַ ברייט־פּלייציקער און גוטמוטיקער מענטש. זייט איך געדענק אים, איז ער געווען אינגאַנצן בלינד אויף ביידע אויגן. אָבער ער האָט געוווּסט און זיך גוט אַריענטירט ווו ער געפינט זיך און מיט וועמען ער רעדט. אין אַזוי פלעגט ער אַלס טרעגער שלעפּן אויף זיינע פּלייצעס די שווערסטע משאות. ווען אַ חבר־טרעגער האָט אים געפירט ביי דער האַנט און ער איז געגאַנגען אינטער דער משא ווי אַ טאַנק...

יאַנקל האָט זיך נאָך ביים לעבן אויסגעקליבן אַ קרקע אויפן יידישן בית־עולם אין אָסטראָוועצ און שטענדיק האָט ער נאָר געחלומט וועגן „גוטן אָרט". ווען ער פלעגט צוזאַמען מיט נאָך טרעגערס אַוועקשטעלן אַ מצבה, האָט ער נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט זיך אַוועקגעלייגט און אויסגעצייגן אויף דער קרקע פון זיין צוקונפטיקן קבר. דאָס בעסטע פאַרגעניגן זיינס איז געווען זומער־צייט צו מאַכן אַ שפּאַציר צו זיין „דאַטשע" — אַזוי האָט ער אָנגע־רופן דאָס אָרט, ווו ער האָט פאַרברענגט אין די הייסע זומער־שעהן אויפן אָסטראָווצער בית־עלמין נעבן אַלטן דעמבענעם בוים, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן פון אַלעביימער.

און ווען עס איז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע געקומען דער באַפעל פון די היטלער־מערדער, אַז אַלע יידן פון געטאָ זאָלן זיך שטעלן אין מאַרק אַריין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ — האָט זיך יאַנקל אויסבאַהאַלטן און מען האָט אים נישט געפונען, הגם די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן גוט אַרומגעזוכט און גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך.

אין אַ פינצטער רעגנדיקער נאַכט האָט יאַנקל ווייסער גענומען זיין אַלטן פאַרגעלטן טלית, אַרומגעוויקלט מיט אים זיין קערפּער, פון אויבן אָנגעטאָן די יום־טובדיקע קאַפּאָטע, און אַזוי קריכנדיק אויף אַלע פיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו זיין באַליבטן אָרט, צו זיין קרקע ביים אַלטן דעמבענעם בוים אויפן אָסטראָווצער יידישן בית־עלמין.

ער איז אַזוי געקראָכן הינטנאַרום דורך דער מלינסקע אַרויף צום שול־באַרג, אָנטאַפּנדיק מיט זיינע הענט יעדן שטיין, וועלכן ער האָט גוט געקענט. און אפשר האָט ער זיך טאַקע געזעגנט מיט אָט די שטיינער אויף שטענדיק, אויף אייביק?... אויפן וועג איז אים באַפאַלן אַ דייטשישער בלוט־הונט, וועלכן יאַנקל האָט מיט איין שטאַרקן זעץ איינגעשטילט אויפן אָרט.

און אַזוי איז ער ווייטער געקראָכן דורך די הינטער־געסלעך, ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען צום יידישן בית־עולם. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין באַליבטן אָרט, צו דער קרקע, וועלכע ער האָט נאָך אויסגעקליבן מיט פיל יאָרן צוריק, זיך אַוועקגעלייגט און דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט.

אינדערפרי האָבן אים יידישע פאַרעטער אויסגעגעבן. עס איז געקומען אַ עס־עס־מאַן און אים אויפן אָרט דער־שאָסן. און שפּעטער האָט מען אים קובר געווען אויפן זעלבן אָרט, ווו ער האָט זיך נאָך ביים לעבן אויסגעקליבן די קרקע.

און זיין מצבה איז דער אַלטער 500־יאָריקער דעמבע־נער בוים, וואָס איז פאַרבליבן אויפן אָסטראָווצער בית־עלמין. כבוד זיין אָנדיינק!

יאָסל קאַבאַלע

יאָסל קאַבאַלע איז אַלע יאָרן געווען אַ דראָזשקאַש און פון דעם האָט ער געצויגן זיין חיונה. ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער פון דריי ווייבער. נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, האָבן זיך ביי אים קיין ווייבער לאַנג נישט געהאַלטן. ער האָט חתונה געהאַט פון וואָשניעוו מיט איין שוועסטער נאָך דער אַנדערער.

ווען מען זאָל געווען זאָגן אין אָסטראָוועצ „יאָסל דראָזשקאַזש", וואָלט קיינער נישט געוווּסט ווער דאָס איז, אָבער אַז מען האָט געזאָגט „יאָסל קאַבאַלע", האָבן שוין אַלע אין שטאָט געוווּסט וועמען מען מיינט. זיין ריכטיקן פאַמיליע־נאָמען האָט כמעט קיינער נישט געקענט אין שטאָט. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ער פלעגט שמחת־תורה אין שול באַקומען אַ הקפה „עוזר דלים" פלעגט דער גבאי אויסרופן הויך אויפן קול: „ר׳ יאָסל קאַבאַלע, מכבד מיט כבוד התורה".

מערסטנטייל איז יאָסל קאָבאַלע געווען אַ נאַכטדראָזשקאַזש, ווייל קיין שיינע דראָזשקע האָט ער, וואָס אַן אמת, נישט געהאַט און די קאָבאַלע זיינע איז אויך נישט געווען פון די בעסטע ערשטקלאַסיקע פערד. אַזוי זיך אַ בידנע פערדל, וואָס האָט קיינמאָל נישט פראָטעסטירט און געדולדיק פאַרנומען די שמיץ איבער רוקן, וועלכע זיין באַלעבאָס האָט אים פון צייט צו צייט דערלאַנגט מיט דער בייטש. דאָס פערדל האָט זיך אַפילו נישט באַקלאָגט אויפן שלעכטן עסן, אויף די גראָכאָווינעס, וואָס זיין באַלעבאָס פלעגט אים צוטיילן יעדן אינדערפרי נאָך אַ לאַנגער נאַכט פון פאָרן אַהין און אַהער.

איידער עס זענען אויפגעקומען די אויטאָבוסן אין אָסטראָווצע, האָט נאָך יאָסל קאָבאַלע געהאַט ווי נישט איז פרנסה, מען האָט געכאַפּט פון צייט צו צייט אַ „יאַזדע" קיין אַפּט, און דאָס האָט שוין געשמעקט מיט אַ שיינע פאָר זלאָטעס. ווייל אַלע אָסטראָווצער סוחרים פלעגן פאָרן קיין אַפּט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער פאָוויאַט פון דער אַרומיקער געגנט און אָסטראָווצער סוחרים האָבן אין דאָרטיקן „אוזשאָנד סקאַרבאָווי" געמוזט דערליידיקן זייערע שטייערן.

פון אָסטראָווצע ביז אַפּט איז געווען 17 קילאָמעטער. פאָרן מיט אַ דראָזשקע קיין אַפּט האָט געדויערט צוויי שעה און דער פרייז איז געווען אָנדערטהאַלבן זלאָטעס פון אַ פּאַסאַזשיר. ווען עס זענען אויפגעקומען די אויטאָבוסן, האָבן זיי נישט גענומען טייערער, די רייזע האָט אָבער געדויערט בלויז אַ האַלבע שעה.

האָבן פּאַסאַזשירן טאַקע גענומען פאָרן מיט די אויטאָבוסן, אויף וועלכע די רייזע איז געווען בעסער, באַקוועמער און שנעלער און מיט דער צייט האָבן זיי טאַקע צוגענומען אַלע פּאַסאַזשירן.

איז יאָסל קאָבאַלע אַ גאַנצן פרייטיק געשטאַנען מיט זיין דראָזשקע נישט ווייט פון ליפּע אָסטראָקערס סקלאַדעס, געוואַרט און געוואַרט און קיין „פּאַטשאָנטעק" נישט געהאַט. האָט ער זיך דערבייזערט און פאַרלוירן דאָס געדולד. און אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן שאָסיי, פאַררוקט דאָס היטל אין אַ זייט, אויפגעהויבן אַ געביילטע פויסט און גענומען שרייען און דראָען הויך אויפן קול: „עס וועט אייך, אויטאָבוסן, דער רוח נעמען. יאַך האָב שוין אַפילו נישט אין מיין שעניק קיין ביסל גראָכאָווינעס פאַר מיין פערדל אויף שבת!"...

שייע גזלן

שייע גזלן איז אַלע יאָרן געווען אַ פישער און אויבסטהענדלער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון טאָן וועמען אַ גמילות־חסד, שטענדיק געשטיצט אָרעמע און קראַנקע יידן, געווען תמיד גרייט אַרויסצוהעלפן אַ חבר און אַ פריינט אין אַן עת־צרה. טאָ וואָס עפּעס פלוצלינג — גזלן? פונוואַנען נעמט זיך צו אַזאַ האַרציקן ייד אַזאַ בייזווילליקער צונאָמען?

קיין קינדער האָט שייע גזלן נישט געהאַט. מיט זיין פרוי האָט ער געלעבט ווי צוויי טייבעלעך. געלעבט רואיק און באַשיידן און ווי נישט איז פאַרדינט אויף חיונה. אמאָל בעסער און אַמאָל ערגער — נישט צו פאַרזינדיקן. מען האָט, חלילה, נישט געהונגערט און גאָט האָט נישט פאַרלאָזט.

ביי זיין שוואָגער, דעם שוסטער אברהמעלע צווייגמאַן, האָבן באַקאַנטע יעדן שבת איינגעאָרדנט אַ מנין, און דאָרט האָט אויך שייע גזלן געדאַוונט אַלע יאָרן. ער האָט שוין געהאַט די חזקה אויף „מפטיר". און טאָמער האָט ווער געוואָלט אייסדינגען ביי אים דעם „מפטיר" — איז ער גרייט געווען צו גיין אויף קידוש השם, כדי נישט צו ברעכן די לאַנגיאָריקע חזקה. נאָכן דאַווענען האָט מען, ווי דער שטייגער איז, געטרינקען „לחיים" און זיך מחיה געווען מיט טשאָלנט און קוגל, וואָס עס האָט צוגעגרייט אברהמעלעס פרוי — שייע גזלנס שוועסטער.

קיין רייבער איז שייע גזלן נישט געווען, מיט קיין גנבֿ קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן, ער האָט אפילו אין מיליטער נישט געדינט, קיינמאָל אין וואַלד קיינעם חלילה נישט באַפאַלן. ער האָט געשמט אין אָסטראָווצע אַלס ערלעכער מענטש און קיינמאָל ביי קיינעם קיין גראָשן נישט צוגענומען. ווי אַזוי האָט זיך אָבער פאָרט צו אים צוגעקלעפּט דער צונאָמען „גזלן"?

דער אמת איז געווען, אַז שייע גזלן האָט טאַקע נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולה. ווען אַ דאָרפס־ייד פלעגט קומען אין שטאָט אַריין מיט אַ ביסל פרוכטן צו פאַרקויפן האָט אים שייע נישט געלאָזט אָפּנאַרן, און אַז מען האָט אים נישט אָפּגעגעבן אַ חוב צו דער צייט, פלעגט ער אָפּט שרייען: „ווי קען מען זיין אַזאַ גזלן"? און אויך אין זיינע האַנדלס־באַציאונגען מיט פאַרשידענע סוחרים, ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז ס'פירט זיך ווער נישט אויף ערלעך און קאָרעקט, פלעגט ער אויפהויבן זיין שטים, זיך אופרעגן און אויסשרייען: „ווי קאָן מען זיין אַזאַ גרויסער גזלן"?

און אַזוי ווי ער האָט זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן אויסדרוק, האָט זיך אים צוגעקלעפּט דער דאָזיקער צונאָמען, פון וועלכן ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געקענט באַפרייען און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן אין אָסטראָווצע אַלס שייע גזלן...

מאיר בלאנקמאן

אסטראָווצער פאלקס־טיפּן

„נפתלי פון דער טיי"

„נפתלי פון דער טיי" — אַזוי האָט מען אים גערופן אין אָסטראָוצע, און אַזוי איז ער פאַרבליבן אין מיין זכרון.

איך געדענק נאָך היינט, גאָך אַזויפיל יאָרן, ווי ער האָט אויסגעזען: אַן עלטערער ייד, אַ נידעריקער און אַ דאַרער, מיט אַ שיטער בערדל און לאַנגע פאות, און מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן, צוגעבונדן מיט שטריקלעך הינטער די אויערן.

ער פלעגט זיצן אין אַלטן בית־המדרש פון גאַנץ פרי ביז גאָר שפּעט אין אָוונט. ביי דער זייט אייפן טיש איז געשטאַנען דער גרייסער מעשענער סאַמאָוואַר, וועלכער האָט תמיד געהאַלטן אין איין זידן און ר' נפתלי האָט געהאַלטן אין איין צוגיסן וואַסער, אַז עס זאָל, חלילה, נישט אויספעלן קיין טיי פאַרן עולם.

ווינטער פאַרטאָג, ווען דער פראָסט אינדרייסן האָט געקנאַקט און אַ ביטערע קעלט האָט דורגענומען די ביינער, פלעגט זיך דער עולם מתפללים פשוט מחיה זיין מיט ר' נפתליס אַ וואַרעם גלעזל טיי גלייך פון זידיקן סאַמאָוואַר אַרויס. נאָכן אָפּדאַווענען שחרית, האָט מען זיך אויך געקענט ביי אים אויפן ניכטערן מאָגן דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ וואַרעמען בייגל, מיט אַ הייסער טאַטאַרטשאָכע אָדער גאָר מיט אַ מאָן־קיכל, וואָס איז געווען מלא טעם.

און אַז ווער פון די מתפּללים האָט געהאַט יאָרצייט, האָט שוין ר' נפתלי פון פריער געזאָרגט, אַז ס'זאָל נישט אויספעלן דאָס ביסל משקה. מען האָט געטרונקען בראָנפן, געווונטשן זיך „לחיים" און פאַרביסן מיט ר' נפתליס מאָן־קיכלעך, וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים.

און טאָמער האָט ווער פון די מתפללים פונקט נישט געהאַט ביי זיך אין קעשענע קיין פּאָר גראָשן — איז אויך נישט געפערלעך. ר' נפתלי האָט גוט געקענט יעדן איינעם פון די מתפללים און לערנער אין אַלטן בית־המדרש און ער פלעגט געבן אויף באָרג און קיינעם נישט חלילה אָפּגעזאָגט. „נישקשה — פלעגט ער זאָגן — נעמט אייך אַ וואַרעם גלעזל טיי מיט עפּעס צוביסעכץ, און אַז איר וועט אם ירצה השם האָבן געלט, וועט איר דאַמאָלט באַצאָלן"

די חובשי בית־המדרש, די בחורים, וועלכע פלעגן זיצן גאַנצע טעג ביים לאַנגן טיש, פאַרטיפטע אין די שווערע סוגיות פון דער גמרא — האָבן גאָר שטאַרק הנאָה געהאַט פון זיינע געפעפערטע אַרבעס, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן פאַר איין גראָשן אַ גלעזעלע, און פון די פרישע הייסע טאַטאַרטשאָכעס, ערשט אַרויס פון פרעץ בעקערס אויוון, וואָס בעתן עסן זיי האָט מען געפילט דעם טעם גן־עדן.

אין אַ ספר פלעגט ר' נפתלי האַלטן עטלעכע בלעטלעך פון אַן אַלטן אָפּגעריבענעם העפט, אין וועלכע ער פלעגט פאַרשרייבן די חובות. און האָט אים ווער אָפּגעגעבן אַ חוב, פלעגט ער מישן און אַזוי לאַנג זוכן מיט זיינע שוואַכע אויגן אין די פאַרגעלבטע און פאַרפלעקטע בלעט־לעך, ביז ער האָט ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן נאָמען און אויסגעשטראָכן דעם חוב. דאָרט פלעגט ער אויך פאַרשרייבן די חובות, וואָס ער איז שולדיק געווען די בעקערס פאַר די צוגעשטעלטע טאַטאַרטשאָכעס, בייגל און מאָן־קיכלעך, ווי אויך אַלע איינקויפטן און אויסגאַבן פון זיין יאָרן־לאַנגער „אונטערנעמונג" אין בית־המדרש.

אין בית־המדרש האָבן אַלע געוווּסט, אַז ר' נפתלי איז אַ ביז גאָר ערלעכער מאַן. ער וועט, חלילה, נישט נעמען דאָס, וואָס אים קומט נישט, און מען האָט דעריבער געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי. אויב ער זאָגט אייך, אַז אייער חוב באַטרעפט אַזוי פיל פאַר, לאָמיר זאָגן, פינף טאַטאַרטשאָכעס, צוויי גלעזער טיי און דריי מאָן־קיכלעך — מעגט איר אים הייליק גלייבן, אַז אַזוי איז עס. ווייל דרייען, שווינדלען, זאָגן ליגן און אָפּנאַרן, חלילה, — אויף דעם איז ר' נפתלי גאַנץ ווייט נישט פעאיק.

יעדן פרייטיק פאַרמיטאָג, ווען אויך דער סמבטיון האָט שוין אויפגעהערט צו שטורעמען און וואַרפן שטיינער און זיך ביסלעכווייז גענומען איינשטילן לכבוד שבת — האָט ר' נפתלי אויסגעלאָשן דעם סאַמאָוואַר, אַרויסגעוואָרפן פון אים דאָס אָנגעזאַמלטע אַש פון אַ גאַנצע וואָך, צונויפגענומען די גלעזער און דאָס ביסל איבערגעבליבענע סחורה, דאָס אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע, און געגאַנגען אַהיים צוגרייטן זיך צו קבלת שבת. באַפרייען זיך כאָטש אויף איין מעת־לעת פון אַלע וואָכעדיקע דאגות און זיך אַביסל אויסרוען. באה שבת — באה מנוחה.

ר' נפתלי האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די וועלט איז דאָך סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַ פּרוזדור, אַ קאָרידאָר, דורך וועלכן מען גייט שנעל אַדורך איידער מען קומט אָן אַהין אין טרקלין, אין סאַלאָן אַריין. און נאָך הונדערט און צוואָנציק יאָר טאָר מען דאַרט אַהין נישט

קומען מיט ליידיקע הענט. מען מוז זיך מיטברענגען אָ געוויסן באַגאַזש פון מצוות און מעשים טובים. ער האָט זייער גוט געדענקט דעם באַוווסטן מאמר חז״ל: „התקן עצמך בפרוזדור כדי שתיכנס לטרקלין״.

האָט ער טאַקע דאָס גאַנצע לעבן געהאַלטן אין איין צוגרייטן זיך צום „טרקלין״. און אַזוי פלעגט ער אַלע יאָרן, זיצנדיק אין בית־המדרש ביים טיש מיטן גרויסן סאַמאָוואַר, — האַלטן אין איין לערנען, דאַווענען, זאָגן תהילים און פאַרטיפן זיך אין מוסר־ספרים, כדי צו פאַר־גרעסערן וואָס מער דעם באַגאַזש פון מצוות און מעשים טובים און נישט אַהינקומען דאָרט, חלילה, מיט ליידיקע הענט...

אלי גאָלדע יוינטשעס

ווער פון עלטערן דור אין אָסטראָווצע האָט נישט געקאָנט אלי גאָלדע יוינטשעס אָדער „אלי קראַצער״ — ווי מען פלעגט אים רופן אין שטעטל?

דאָס איז געווען אַ ייד אַ גרויסער ירא־שמים, אַ שרעק־לעכער פאַנאַטיקער און דערצו נאָך אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום פשרות אין טאָג־טעגלעכן לעבן און נישט געוואָלט מוותר זיין אַפילו אויף אַ קוצו של יוד פון זיין יידישקייט.

אין בית־המדרש פלעגט ער תמיד מקפיד זיין, אַז קיינער זאָל נישט, חלילה אַרויסריידן אַ וואָרט בעת די תפילות און נישט דאַווענען, חס ושלום, אָן אַ גאַרטל. און טאָמער פלעגט ווער אַריינקומען חול־המועד פסח אָדער סוכות אין בית־המדרש אַריין נישט אָנגעטאָן אין דער זיידענער קאַפּאָטע און אין סאַמעטענעם היטל — האָט ער פון ר׳ אלי באַקומען יענעם פסק, אַז ס׳איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער פלעגט דאַן אַרויס פון די כלים, געבייזערט זיך און געזידלט און אויפגעוויזן יענעם, אז ער באַגייט אַ גרויסן אומפאַרגעבלעכן חטא מיט דעם, וואָס ער איז אַ מבזה את המועדים.

געדענק איך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אָסט־ראָווצע מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, ווען מען האָט גענומען רעדן וועגן פאַרבייטן די נאַפט־לאָמפּן אין אַלטן בית־המדרש אויף מאָדערנע עלעקטרישע לעמפּלעך. ווי דער דאָזיקער קאָמפּראָמיסלאָזער פאַנאַטיקער ר׳ אלי קראַצער איז מיט זיין גאַנצער קראַפט און ענערגיע אַרויס־געטרעטן קעגן דער דאָזיקער „רעפאָרם״, וועלכע קאָן, חלילה — לויט זיין מיינונג — דערפירן צו אַלדאָס בייז.

איך געדענק, ווי ער האָט געהאַלטן אין איין בייזערן זיך, שרייען און ליאַרמען, אַז אַ בית־המדרש איז נישט קיין „טריאַטער״ אָדער, להבדיל, אַ טומאה, און געהאַלטן זיך אין איין שווערן, ביי אלץ, וואָס איז אים טייער און הייליק, אז „אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וועט איר דאָס נישט אויספירן!״.

עס האָבן זיך צו יענער צייט געשאַפן צוויי לאַגערן אין שטעטל: פאַר און קעגן עלעקטרישע לעמפּלעך אין בית־המדרש. בראש פון די, וואָס האָבן באַקעמפט די נייע רעפאָרם אין בית־המדרש אין געשטאַלט פון עלעקטרישן לעמפּל — האָט זיך געשטעלט ר׳ אלי קראַצער. גאַנצע טעג און נעכט האָט מען געהאַלטן אין בית־המדרש אין איין קריגן און אַרומרייסן זיך און צי ליידנשאַפטלעכע וויכוחים האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען.

געזיגט האָט אָבער כּוף־כּל־סוף דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וועלכעס האָט זיך מיט שטורעם אַריינגעריסן אין אַלטן בית־המדרש און מיט דער צייט אויך אין אַלע אַנדערע בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך און פון דאָרט שטופּנווייז אַרויסגעשטויסן די טראַדיציאָנעלע נאַפט־לאָמפּן, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט במשך פון פיל דירות די שטעטלדיקע יידן בעתן דאַווענען און לערנען.

אלי קראַצער און זיינע מקורבים האָבן נישט אַזוי לייכט און שנעל אויפגעגעבן זייער פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער דאַזיקער „גזירה״, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אינדזער שטעטל און באַדראָט זיין קיום, רחמנא ליצלן... עס זענען טאַקע געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוון צו צעברעכן דאָס ערשטע עלעקטרישע לעמפּל, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אין אַלטן בית־המדרש און די געשרייען און קריגערייען צווישןביידע לאַגערן האָבן אָפּ־געהילכט איבערן גאַנצן יידישן שטעטל.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער קאַמף קעגן „פּראָגרעס״ איז פון פאָרויס געווען אַ פאַרשפּילטער. דאָס עלעקטרישע לעמפּל אין אַלטן בית־המדרש האָט אָפּגע־האַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון.

און דער פרומער, פאַנאַטישער און קאָמפּראָמיסלאָזער ר׳ אלי קראַצער האָט אויף די עלטערע יאָרן מיט אַ פאַרווייטיקט הארץ געמוזט קאַפּיטולירן פאַר דער טעכניק און פּראָגרעס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אויך אַריינגעדרונגען אַפילו אין אַלטן בית־המדרש אין געשטאַלט פון עלעקטרישן לעמפּל...

חיים גאָלדזאַץ

ס'וועט נישט גיין פאַרלוירן

צווישן באַרגיקן געסל, וואָס ציט זיך פון טילנע און זאַטילנע, אַנטקעגן דעם קליינעם בית־מדרשל און צווישן געסל־שיפּוע, וואָס פירט אין דער שוואַמער־גאַס צום רבּ'ס הויף; צווישן די צוויי באַרגיקע גאַסן שטייען עטלעכע הייזער פון וואַנען עס הערן זיך קולות פון קינדער. דאָ וווינען די מלמדים פון שטעטל. אַ ביסל ווייטער, ווו אַן אַלטער פאַרשימלטער פּאַרקן נעמט אַרום אַ שטיקל הויף — לינקס ביים אַריינגאַנג — לויפן הילצערנע שטיגן מיט אַ גאַניקל סאַמע אין דער הייך. דאָ וווינט דער לאַנגער דוויד, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער שטאָט און אין אַלע שטעטלעך אַרום ווי דער באַזינגער און באַוויינער פון אַלע חתנים און כלות.

אַז מען קומט אַרויף צו דווידל בדחן און מ'גייט אַריין אין זיין וווינונג, טרעפט מען זיך אָן אויף אַ לאַנגער שמאָלער שטוב וואָס טונקלט אין דער טיף. רעכטס שטייט אַ טיש און לינקס ביי דער ניימאַשין זיצט דער לאַנגער דוויד און נייט אַרויף פוטערנע קעלנער אויף פּאַלטנס. אין די יונגערע יאָרן האָט ער געאַרבעט שניידעריי אויף אייגענער האַנט. איצט, ווען ער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די פופציקער, נעמט ער אַרויס ביי שניידערס אינטערצונייען פוטערס, אַרויפגעבן פוטערנע קעלנער. און ווי אַ צולאָג צו דער פּרנסה דינט אים דאָס בדחנות, וואָס ער האָט עס ליב פונקט אַזוי ווי דאָס שניידעריי.

זיצט ער זיך אַזוי ר' דווידל מיטן קאַפּל אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן פינגערהוט אויפן מיטלסטן פינגער און שטופּט די נאָדל אינעם פעלענעם קאָלנער. אַז די נאָדל גייט נישט, קוויטשעט ווי ס'וואָלט איר וויי געטון, גיט ער מיט איר אַ רייב אין די האָר אַהין־אַהער און זי לויפט שוין ווידער רויק מיט אירע נאָדלשטעך אין די פעלעכלעך.

אַ ביסל ווייטער כמעט אין מיטן שטוב, זיצט ביים גרויסן טיש דווידל בדחנ'ס ווייב, שיינדל־דינה, און קינטשעט אַרויס די שטיקלעך אַרבעט. פון מאָל צו מאָל גיט זי אַ טיפן זיפץ, צו מיינסט ווען זי כאַפּט אַ בליק אויף די ווענט, ווו ס'הענגען די בילדער פון אירע זין מיט זייערע ווייבער און קינדער; אירע אייניקלעך, וואָס זי קען נאָר פון די בילדער. דאָס האַרץ פאַרקלעמט איר אַזוי, קוקנדיק אויף זיי, אַז זי וואָלט זיך צעוויינט אָט דאָ ביים טיש.

— דו וויינסט שוין ווידער? — פרעגט איר דער מאַן מיט זיין באַסאָווער שטים — וואָס ווערסטו אויסוויינען פרעג איך דיך? אַ גוט יאָר?

— יאָ — גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ, — איך וויין שוין ווידער.

זי ווענדט אָפּ דעם קאָפּ פון דער וואַנט און טוט זיך ווייטער איר אַרבעט וואָס זי באַגלייט מיט זיפצן און שלוכצן.

ווען דער לאַנגער דוויד גייט אין גאַס ווייזט ער זיך אויס ווי אַ גרויס־האַלטער ווייל זיין גאַנג איז אַ געשטרעקטער. זיין אשיק־גראָ בערדל איז ציכטיק פאַרקעמט, זיין בליק לויפט פאַרייס. ווי ער וואָלט קיינעם אַרום זיך נישט געזען. דאָס איז אָבער נישט צוליב דעם וואָס ער בלאָזט פון זיך. דאָס פילט ער ווי ס'ריזלען אין אים ניגונים און ווערטער. די גראַמען גאַלאָפּירן אין זיין מוח ווי אַ פּאָר צעבריקעוועטע פאַטשטאָווע פערדלעך. ער קאָן זיי קוים איינהאַלטן צוימען.

אָט איז מאַרגן אַ חתונה. ווי נאָר מע וועט אים דערזעען וועט מען פון אים פאָדערן:

— נו, ר' דווידל בדחן, ווייזט עפּעס וואָס איר קענט.

— עפּעס אַ נייע זאַך, ר' דווידל.

ביים בדחן אין קאָפּ נעמען זיך מישן די ווערטער, טרויעריקע האַרצרייסנדיקע. מע דאַרף דאָך עפּעס מאַכן וויינען חתן־כלה, מחותנים און סתם ווייבער פאַר דער חופּה. וואָס מער זיי וועלן וויינען אַלץ מער וועלן זיי צאָלן. און אַזוי גייענדיק גיט ער זיך אַ צעזאָג מיט זיין בדחניש מענדל:

אוי, כלהשי, כלהשי
זאָלסט זיך נישט פאַרלירן,
באַלד וועט מען דיך צו דער חופּה פירן.

און אָט גיבן די בליצלאָמפּן אַ בלענד פאַר די אויגן צוזאַמען מיטן צירונג אויף ווייבערישע הענט, העלדזער און קעפּ. עס שאָרכן אויף די זיידענע און טאַפטענע קליידער מיט די בריליאַנטענע שפּילקעס אין די שייטלען און קאָפּקעס. ר' דווידל שטייט אויף אַ בעלעמער אין דער זיידענער קאַפּאָטע און דערלאַנגט לשון מיט זיין שאַרף געשליפן בדחניש צינגל. אין אַרום די קלעזמאָרים האַלטן אים אונטער, גלייך ווי סוואָלט זיך צערוישט און צעריזלט מען צוגעפּאַסטע לויט די נעמען פון די מחותנים, משפחה אַ צעכוואַליעטער טייך. די שורות מיט די גראַמען שטראָ־ — פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע, וואָס ווערן איינגעלאַדן אויף דער שמחה, אַז ס'קאָן רירן אַ שטיין. אַלץ גאַפט און האָרכט. אַלע זענען זיכער אַז די טויטע זענען טאַקע דאָ

צוזאַמען מיט אַלע, געקומען זיך מיטפרייען מיטן יונגן פּאָר. די לאָמפּן און די ליכט שיינען העל און ס'דאַכט זיך ווי זיי וואָלטן זיך נאָך העלער צעצונדן. דאָס מתיקותדיק קול, וואָס קומט אַרויס פונעם הויכן געשטרעקטן בדחן מיטן גראָלעכן בערדל, נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען. דאָס שוועבט אַזוי ר' דווידל בדחן אין די עולמות־העליונים. די קלעזמאָרים, וואָס העלפן אים מיט, ווייסן גאָרנישט אַז מיט זייערע פידלען, טראָמפּייטן און פלייטן שטופּן זיי אָפּ זיין וואָכעדיקן אומעט, זיינע זאָרגן, זיין גראָ־שניידעריש לעבן פון אונטערנייען פוטערס און אַרויפגעבן קעלנער אויף וואַטאָווע שפּענצערס און מאַרינאַרקעס.

שוין צומאָרגנס נאָך דער חתונה פאַרשווינדט דער גאַנצער יום־טוב און ס'קומט צוריק דער פּראָסטער אינ־דערוואָכן ווי קיינמאָל גאָרנישט. די וואָך גיט אַ לויף אָפּ ווי דאָס רעגן־וואַסער אין פרילינג. שבת אין דער פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך און מען דאַרף זיך נישט אויפהייבן צו גיין צו דער אַרבעט, קאָן זיך ר' דווידל פּאָרט נישט פאַרגינען דאָס ביסל רו. עס הייבט אים פון געלעגער. ערשטנס, בענטשט מען היינט ראש־חודש טבת. ער מוז זיין אין שול, ווייל אַלץ — קינד און קייט — קומט הערן דעם חזן אין דער אַלטער הילצערנער שול. צווייטנס האָט ער שוין אַ שפּאָר שטיקל צייט נישט געזאָגט קיין קאַפּיטל תהילים. ווי לאַנג ס'איז דאָ דאָס ביסל אַרבעט אין סעזאָן איז מען אַ פאַרקויפטער מענטש, און מען לייגט אָפּ אויף שפּעטער. און אויב נישט שבת טאָ ווען?

דער דרויסן איז אויסגעבעט מיט אַ ווייס־בלאָען שניי, וואָס איז אויסגעפאַלן איבער נאַכט און האָט אַלץ איינגע־הילט און פאַרדעקט. ר' דווידל שטעלט די ערשטע טריט אינעם טרוקענעם שניי וואָס סקריפּעט אונטער די פיס. ער טרעט אויס אַ וועג פון זיין שטוב צום בית־מדרש, ווו יידן זענען שוין פאַרזאַמלט אַרום דעם קאַכלענעם אויוון און וואַרעמען זיך מיט אַ מחיהדיקן „א־א־א". די וואַרעמקייט צעגייט אין יעדן אבר...

די הילצערנע שול איז פול מיט מענער, אַלט און יונג. דורך די קליינע הילצערנע קראַטן־פענצטערלעך קוקן אַרויס די ווייבער, הערן זיך איין ווי דער חזן מיט זיינע משוררים זינגען די „חיימס" פון ראש־חודש־בענטשן. אַלע קוויקן זיך מיט די שיינע חסידישע קאָמפּאָזיציעס און האַרמאָניש־איינגעזונגענע פאַרשידענע שטימען וואָס בילדן דעם כאָר. ווי דער געברום פון צעוויגטע ביימער אין שטורעם טראָגט זיך די באַס־שטימע פונעם לאַנגען דוויד. ווען ער ענדיקט דאָס דאַווענען טראָגן זיך יישר־כוחס צום חזן און צו ר' דווידן, וואָס לייגט פּאַוואָליע צונויף דעם טלית, מיטן בליק זיינעם פאָרויס ווי תמיד, בעת סלויפּט אין אים אָן דער שטראָם פון שורות וואָס שטעלן זיך צום גראַם. אויך איצט האָט זיך אַ לייטזעליקייט צעלייגט אויף זיין פּנים. אין

זיין געדאַנק זענען אויפגעשווומען געגראַמטע ווערטער:

„יישר־כוח, ר' דוויד,
איך בין זייער צופרידן,
איר האָט געזונגען מיט האַרץ —
אַ פאַרגעניגן צו הערן.
נאָר ווייסן זאָלט איר,
מיינע טייערע יידן,
אַז פון „יישר־כוח" אַליין
קאָן מען קיין שטוב נישט דערנערן..."

די ווערטער גייען אויף אין אים אין געאָרדנעטע רייען, ווי פון זיך אַליין, און באַגלייטן אים אויפן גאַנצן וועג ביז ער קומט צו זיך אין שטוב אַריין מיט אַ ברייטן „גוט־שבת".

ער האָט געטראָפן זיין ייִנגסטן זון, אַברהמ'לע, שטיין ביים טיש אַ פאַרקלערטן אין מיטן ברומען אַ ניגון פון אַ נייַ ליד וואָס זיין ברודער פון אַמעריקע האָט אים געשיקט צוזאַמען מיט די נאָטן.

דער גלאַנץ פון די אויגן ביי ר' דווידן איז געווען אַ בייזער ווען ער האָט געזען זיין זון אַ פאַרטועטעם אין די נאָטן.

— הער נאָר, תכשיט, האָסט שוין היינט געדאַוונט, צי דו קלייבסט זיך ערשט גיין דאַווענען?

די טענה איז נישט דערגאַנגען צום הויכן דאַרן אַברהמ'על מיט די ברילן אויף דער לענגלעכער נאָז און מיטן לויפנדיקן קנאָפּ, וואָס קוקט אַרויס פון זיין דינעם האַלדז, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אַראָפּשלינגען נאָר ס'גייט נישט דורך דער קעל. ער איז געשטאַנען ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט גוט געקענט זיין טאַטנס טבע. באַלד וועט אים איבערגיין דער כעס.

נאָר אַז אַברהמ'על האָט נאָך דער שבתדיקער סעודה גענומען זינגען הויך אויפן קול מיטן באַנגלעך־טרויעריקן ניגון: „אויף וועמענס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?" איז אויך אויך דווידלען אַליין אַדורך אַ ציטער איבערן לייב, גלייך ווי מוראַשקעס וואָלטן אים געקראָכן אונטער דער הויט. כאָטש זיין ווייב האָט אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז ער זאָל זיך גיין צולייגן נאָכן עסן, כאַפּן אַ דרעמל, ס'איז דאָך שבת: — גיי, דווידל. כ'האָב דיר אַריינגעלייגט אַ וואַרעמען ציגל אין בעט. גיי, כ'לעבן, דערוואַרעם זיך אַביסל — איז עס אים אין איין אויער אריין און פון אנדערן אַרויס. דער נייער ניגון מיט די האַרציק־אומעטיקע שורות האָבן אים צוגעפירט צום זון, אים געשטעלט אין איין ריי מיט אַברהמעלען. אוןביידע — דער טיפער באַס און דער יונגער באַריטאָן — האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט.

ר' דווידל האָט געפילט ווי ער וואָלט עפּעס יונגער

גוואָרן; אַז ער קריגט נאָך בײַם לעבן אַ תּיקון. זײַן זון אַבֿרהמעלע טראָגט אין זײַן האַרציק קול נגינה אין קליינעם שטעטל און זײַן טאָכטער שׂרהלע, דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, קלאָגט אויס מענטשלעכע לײַדן, ייִדישן צער און בטחון אויף דער טעאַטער־בינע פֿאַר טויזנטער צוהערער. דוד׳ל בדחן ליגט זיך אין די בלוטן. אפֿשר וועלן די אייניקלעך און אוראייניקלעך אויסזינגען דאָס שיינע לעבנסליד וואָס ער האָט נישט געקענט און נישט באַוויזן, ווײַל ער האָט נישט געטאָרט... דער עול פֿון לעבן האָט אים נישט דערלויבט, דאגות פּרנסה האָבן אים נישט געלאָזט זיך אָפּגעבן מיט העכערע זאַכן, מיט שאַפֿן גרויסע קאָמפּאָזיציעס צום פּיוט, צום תּהילים וועגן וואָס ער האָט געחלומט אַ גאַנץ לעבן.

שטייט דער טאַטע מיטן זון בײַם פֿענצטער, קוקן אַרויס אין דרויסן אויפֿן ווײַסן ליכטיקן שניי, וואָס ליגט אַזוי הויך, און בײדע זינגען זיי: „צי אפֿשר אויף מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?“ אמת, ר׳ דוויד׳לס בערדל איז שוין גראָלעך צו ביסלעך. ער איז נאָך אָבער אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט נאָך פֿאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. און זײַן זון אַבֿרהמעלע, ער איז נאָך גאָר אַ יונג בחורל. זײַן, דוויד׳לס, קול גייט טיפֿער. דעם זונס קול — העכער, בײדנס שטימען צוזאַמען קאָנען רירן אַ שטיין. און אַ צופֿרידנקייט נעמט אַרום זײַן גאַנץ לײַב־און־לעבן. זײַן גוזאַנג האָט ער איבערגעגעבן אין די בלוטן פֿון זײַנע קינדער, וואָס וועלן עס צעטראָגן איבער דער וועלט... ס׳וועט גאָרנישט גיין פֿאַרלוירן...

מאיר בלאַנקמאַן

אַסטראָווצער וואַסער־טרעגערס

איך געדענק ווי אַלע די דרײַ וואַסער־טרעגערס, וועלכע האָבן צו אונדז געטראָגן וואַסער במשך פֿון פֿיר יאָרן: שלמה דוד, זײַן זון מאירעלע און דאָס אייניקל חיים יהושע. גאָר באַזונדערס האָט זיך בײַ מיר שטאַרק אײַנגעקריצט אין זכרון דער וואַסער־טרעגער מאירעלע, וועלכער האָט אונדז באַדינט אַ גאָר לאַנגע צײַט. אַלע האָבן זיי געהאַט געבויגענע פּלייצעס פֿון יאָרנלאַנג טראָגן די שווערע יאַרמעס מיט די פֿולע וואַסער־עמערס.

בײַ אונדז אין קיך איז יאָרן לאַנג געשטאַנען אַ גרויסע קופּערנע פֿאַס אויף וואַסער — אַ ירושה פֿון שוין לאַנג פֿאַרשטאָרבענע באָבעס און זיידעס. פֿון אַלטקייט האָט זיך דאָס פֿאַס מיט דער צײַט אָפּגענוצט. געצומען רינגען פֿון אַלע זײַטן, און מיר האָבן מיט גרויס האַרץ־ווייטיק געמוזט זיך שיידן מיטן דאָזיקן טײַערן שטוב־חפֿץ און אים אויסמײַשן אויף אַ געוויינלעכע הילצערנע פֿאַס.

איך דערמאָן זיך ווי ווינטער, אין די גרעסטע פֿרעסט שנייען און זאַווערוכעס, פֿלעגט זיך פֿאַרטאָג פֿלוצלינג הערן אַ שטאַרק געקלאַפּערײַ אין דער טיר פֿון אונדזער שטוב. איך האָב דאַן געמוזט אַ פֿאַרשלאָפֿענער אַראָפּקריכן פֿון וואַרעמען בעט, אײַנגעהילט זיך אין אַ וואַטענער קאָלדרע און אַרײַן אין דער קאַלטער קיך אויפֿשליסן די טיר. דער וואַסער־טרעגער איז אַרײַן מיט די שווערע שטיוועליעס, אויף די וואָנצעס האָבן אים נאָכגעהאַנגען די לאַנגע אײַז־צאַפּנס און אינגאַנצן איז ער געווען באַדעקט מיט שניי פֿון קאָפּ ביז פֿיס. די טיר האָב איך שוין מער נישט פֿאַרשלאָסן. און אַזוי איז ער געגאַנגען עטלעכע מאָל מיט די עמערס הין און צוריק, ביז דאָס פֿאַס איז געוואָרן פֿול מיט וואַסער.

אַזוי איז געווען אין אַ געוויינלעכן ווינטער־טאָג. איז אָבער געקומען פֿרײַטיק פֿלעגן די וואַסער־טרעגערס מוזן אויפֿשטיין נאָך האַלבער נאַכט, אַרויפֿלייגן די יאַרמעס אויף די אַקסלען און לאָזן זיך אין וועג אַרײַן צו דער אַרבעט, ווײַל „היום קצר והמלאכה מרובה“. דער טאָג איז קורץ און מען מוז דאָך באַזאָרגן מיט וואַסער אַלע באַלע־באַטים און בעקערייען אין שטעטל, און נאָך שפּעטער באַווײַזן זיך אַרומצוואַשן, אַרויפֿכאַפּן אויף זיך די שבת־דיקע קאַפּאָטע און לויפֿן אין בית־המדרש אַרײַן צו קבלת־שבת.

שבת פֿלעגן די וואַסער־טרעגערס אויפֿשטיין גאַנץ פֿרי און זיך לאָזן גיין אין קליינעם בית־המדרשל אַרײַן. אַלע האָבן זיי געהערט צו „חברת תּהילים“. פֿלעגן זיי אויסזאָגן צוזאַמען מיט גאַנצן עמך די קאַפּיטלעך תּהילים, און נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן השכּמה־דאַווענען, זיך געלאָזט אַהיים. דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ, פֿלעגן זיי דערנאָך אָנידערפֿאַלן מידע און פֿאַרמאַטערטע פֿון שווער־אָפּגעהאָרעוועטע טעג און נישט־דערשלאָפֿענע נעכט פֿון אַ גאַנצער וואָך.

אין די הייסע זומער־חדשים, ווען אין קליינעם און דושנעם שטיבעלע ד׳ על ד׳ איז נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן — פֿלעגן זיך די וואַסער־טרעגערס שבת באַלד אינדערפֿרי אַרויסלאָזן מיט ווײַב און קינדער אויף

דער נאָענטער „בלאָניע" נעבן טייך, אויסגעצויגן זיך אויפן גראָז, אַריינגעאָטעמט אין זיך פרישע לופט. געקנאַקט באַניעקערן און דערנאָך געכאַפּט אַ מחיהדיקן שבתדיקן דרימל אויפן שויס פון דער נאַטור. „שינה בשבת תענוג", נאָך דערצו אויף דער „בלאָניע" ביי טייך מיט אַזאַ מחיהדיקער לופט, נאָך אַ שווער־אָפּגעהאָרעוועטער וואָך...

און אַז אַ וואַסער־טרעגער פלעגט, רחמנא לצלן, אַמאָל קראַנק ווערן — און דאָס האָט טאַקע זייער אָפט פּאַסירט — פלעגן אים זיינע פאַך־קאָלעגן פאַרטרעטן ביי דער אַרבעט אויף דער צייט פון דער קראַנקייט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט צווישן זיך מיט זיינע קונדן און שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז קיינער פון זיי זאָל, גאָט באַהיט, נישט בלייבן אָן אַ טראָפּן וואַסער.

אויב מען האָט זיך געגרייט וואַשן וועש — און וועש פלעגט מען וואַשן אין דערהיים, ווייל ס'זענען דעמאָלט נישט געווען קיין וועשערייען ווי היינט — פלעגט מען מוזן מיט עטלעכע טעג פריער באַשטעלן דעם וואַסער־טרעגער, ווייל אין די צוויי־דריי טעג האָט מען באַדאַרפן מער וואַסער ווי תמיד. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט אַסאַך מאָל דער וואַסער־טרעגער זיין געצווונגען איינצושפּאַנען צו דער אַרבעט זיין מינדעריעריק יינגל, וועלכער האָט אים צוגעהאָלפן טראָגן וואַסער צו די באַלעבאַטים.

איך דערמאָן זיך אַ פאַקט, ווי איינמאָל אין מיטן וועש־וואַשן האָט די קריסטלעכע וועשין ביי אונדז אין שטוב געמאַכט אַ געוואַלד: „אָלאַ באָגאַ, ניעמאַ אַני קראָפּלי וואָדי" (גאָט אין הימל, ס'איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער!) דאָס פאַס איז טאַקע געווען אויסגעליידיקט ביזן לעצטן טראָפּן וואַסער. און איך האָב געמוזט אַרומלויפן איבער דער גאַנצער שטאָט אין אַלע גאַסן און ביי אַלע פּלומפּן און געהאַלטן אין איין זוכן אונדזער וואַסער־טרעגער...

עס פלעגט אָפט טרעפן אין ווינטער אַז דער גרויסער פּלומפּ אין מאַרק פלעגט קאַליע ווערן צוליב די שטאַרקע פרעסט און דער פּלומפּ אין שול־געסל איז געווען באַלאַגערט מיט פיל מענטשן און ס'איז גאָר נישט געווען מעגלעך צוצוקומען צו אים — פלעגן דאַן אַסאַך וואַסער־טרעגערס מוזן שלעפּן דאָס וואַסער פון דעם פּלומפּ אויפן סטאַוו ביי די פּייערלעשער, און דאָס האָט נאָך מערער באַשווערט זייער פינצטער לעבן.

די וואַסער־חשבונות האָט געפירט די מאַמע מיינע ע"ה. יעדן זונטיק פלעגט זי זיך אַוועקזעצן מיט שלמה דוד וואַסער־טרעגער און צוזאַמען האָבן זיי געניי באַרעכנט די עמערס וואַסער פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. געווען טאַקע פאַלן ווען דער חשבון האָט נישט געשטימט. עס מאַכט זיך אַמאָל אַ טעות. האָט מען נאָכאַמאָל גערעכנט און סוף־כל־סוף געקומען צו אַ טאָלק.

איך געדענק אויך אַנדערע וואַסער־טרעגערס אין אָסטראָווצע, ווי: זעליק קולבע, משה הלל, שיעלע דזשאָבאַס א. אַנד. זומער און ווינטער פלעג איך זיי אָפט זעען אין גאַס, טראַגנדיק אויף זייערע אַקסלען די שווערע יאַרמעס מיט די פולע וואַסער־עמערס ביי די זייטן. אַלע מיט געבויגענע פּלייצעס און שווער־פאַרהאָרעוועטע פון דער פאַרמאַטערנדיקער אַרבעט.

און אַז שלמה דוד וואַסער־טרעגער איז געשטאָרבן, האָט זיין זון מאירעלע באַלד צומאָרגנס נאָך דער שבעה גענומען דעם פאָטערס יאַרמע מיט די עמערס און גענומען טראָגן וואַסער צו די באַלעבאַטים, וואָס ער האָט באַקומען בירושה נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

און מיט יאָרן שפּעטער האָט די זעלבע יאַרמע געטראָגן אויף זיינע אַקסלען און באַזאָרגט מיט וואַסער די זעלבע באַלעבאַטים — דאָס יונגע אייניקל חיים יהושוע. דור הולך ודור בא...

★

מיינע דערינערונגען וועגן לעבן פון די וואַסער־טרעגערס אין דער אַלטער היים, וועל איך פאַרענדיקן מיט אַ טראַגישן עפּיזאָד. באַלד אין די ערשטע טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, זענען מיר אין אָסטראָווצע אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז די טיפענישן פון דער נשמה צוליב אַ בעסטיאַלישן מאָרד אין מיטן העלן טאָג.

אַ סאַדיסטישער עס־עס־מאַן האָט פאַרטשעפּעט אין גאַס אַ וואַסער־טרעגער, אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און מיטן אויסגעשריי: „דו, פערפלוכטער יודע!" אים אַריינגעלאָזט אַ קויל אין קאָפּ אַריין און אַוועקגעלייגט אַ טויטן אויפן אָרט.

מ. בלאַנקמאַן

אסטראָוועצער משוגעים

די משוגענע רייזל

ווער פון עלטערן דור אין אָסטראָוועצע האָט נישט געקענט די משוגענע רייזל? איך געדענק ווי זי פלעגט אַרומגיין זומער און ווינטער אָן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע. תמיד אויפגערעגט און בייז אויף דער גאנצער וועלט. פלעגט זי האלטן אין איין זידלען און שעלטן וועמען זי האָט נאָר אָנגעטראָפן אין גאס.

איך געדענק, ווי מיר, חדר־ייִנגלעך, פלעגן זי פאַרטשעפּען און זיך מיט איר רייצן, און זי האָט אָפּגעענטפערט מיט געבײַלטע פויסטן און ביטערע קללות, באַוואָרפן אונדז מיט שטיינער און אויסגעגאָסן אויף אונדז איר גאַנצן צאָרן.

בייטאָג, פון גאַנץ פרי ביז שפעט אין אָוונט, פלעגט זי אַרומלויפן אין מארק און איבער די יידישע געסלעך, און פאַרהילכן די לופט מיט אירע ליאַרמען און געשרייען. די ווייבער פלעגן אויף איר רחמנות האָבן און איר ציגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט, אַ בייגל אָדער אַ קיכל און פון צייט צו צייט איר דערלאַנגט א גלאָז טיי אין אַ ביסל געקעכטס.

נאָכן אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, איז זי אין די שפעטע אָוונט־שעהן, אַ מידע און פאַרמאַטערטע, געגאַנגען אַהיים. איר שטענדיקער מקום־מנוחה איז געווען אויף שעראָקע גאַס ביי ר׳ פינטשע מינצבערג אין קאָרידאָר נעבן דער קעלער־טיר. דאָרט אין ווינקל איז זי אָפּגעלעגן גאנצע יאָרן. דאָס איז געווען איר היים, דאָ איז זי געשלאָפן ביינאַכט און אויסגערוט זיך נאָך א שווערן פאַרמאַטערנדיקן טאָג.

אָבער שוין פאַרטאָג זענען אַלע איינוווינער פון די אַרומיקע געסלעך אויפגעציטערט געוואָרן פון רייזלס קללות און געשרייען, וואָס זענען דערגאַנגען עד לב השמים. אויף די באַלקאָנען האָבן זיך באַוויזן האַלב־נאַקעטע מענער און פרויען מיט זייערע קינדער, וועלכע זענען געשטערט געוואָרן אין זייער טיפן שלאָף צוליב רייזלס פרימאָרגנדיקן „קאָנצערט״.

זי איז געווען אַ געזונטע און קרעפטיקע יידענע און ווי א ווולקאַן תמיד געשפיגן מיט פייער. די קללות פון איר מויל האָבן זיך געשאָטן ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק. און טאָמער האָט איר זי באַליידיקט מיט עפּעס אַ שלעכט וואָרט — איז זי אייך נישט געבליבן שולדיק און איר האָט זיך שוין נישט געקאָנט פון איר אויסקויפן.

די ווייבער אין אָסטראָוועצע האָבן געוווסט צודערציילן וועגן רייזעלס שווער לעבן, וועגן אַ שרעקלעכער פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס האָט צעשטערט איר פסיכישן גלייכגעוויכט, צעטרייסלט אירע נערוון און זי דערפירט צו אַזאַ טרויעריקן מצב.

שמחה פלאַכטע

אַ פילשטענדיקער קעגנזאַץ צו דער משוגענער רייזל איז געווען שמחה פלאַכטע. ער איז געווען אַ שטילער, אַ רואיקער און אַ געלאַסענער. קיינמאָל קיינעם נישט באַליידיקט און נישט פאַרטשעפּעט. שטיל און אומבאַמערקט פלעגט ער דורכגיין די גאַס.

ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער און קיין גראָשן ביי דער נשמה האָט ער, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט געהאַט. פלעגט ער אַזוי אַרומגיין גאַנצע טעג איבער די גאסן און זיין „באַשעפטיקונג״ איז באַשטאַנען אין אויפקלויבן רעשטלעך פון אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן. ער איז געווען גליקלעך, אויב ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן צו געפינען א נישט־דערראויכערטן פּאַפּיראָס און צו כאַפּן עטלעכע „ציי״. און אז ס׳האָט זיך איבער אים געגעבן א גאנצן פּאַפּיראָס, איז ער גאָר געווען אין זיבעטן הימל.

ווינטער, בעת די גרויסע פרעסט, שנייען און זאַוויערוכעס, פלעגט שמחה פלאַכטע אָפּליגן גאַנצע נעכט אין אַלטן בית־המדרש אין אַ ווינקל הינטערן אויוון. די מתפללים פלעגן זיך איבער אים מרחם זיין, אים געגעבן פון צייט צו צייט עפּעס איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ און אויך פּאַפּיראָסן צום רויכערן.

און ווי נאָר עס האָבן נאָכגעלאָזט די פרעסט, דער שניי איז צעגאַנגען און עס האָט גענומען בלאָזן דאָס ערשטע פרילינג־ווינטל — האָט זיך שמחה פלאַכטע ווידער אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן פון אָסטראָוועצע און געהאַלטן אין איין קלויבן די רעשטלעך פון אויסגערויכערטע ציגאַרעטן...

יצחק שנער

נאָכן טויט פון די ערשטע צוויי משוגעים, רייזל און שמחה פלאַכטע, האָט זיך אין שטאָט באַוויזן אַ נייער משוגענער — יצחק שנער. געוווינט האָט ער אין קליינעם שטעטעלע שענע און קיין אָסטראָווצע פלעגט ער בלויז אַראָפּקומען פון צייט צו צייט אויף „גאַסטראָלן".

יצחק שנער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים און אַ תלמיד־חכם. יונגערהייט האָט ער יאָרנלאַנג געלערנט אין ישיבות, געווען אַ גרויסער מתמיד, געזיצן אין בית־המדרש על התורה ועל העבודה און אַרומגעשוווּמען אין טיפן ים־התלמוד. ער האָט געוווּסט, אַז „אין התורה נקנית אלא למי שממית עצמו עליה", אַז די תורה קריכט נישט אַריין אַליין אין קאָפּ אַריין, נאָר מען מוז אויף איר שווער האָרעווען.

שפּעטער האָט יצחק חתונה געהאַט, געוואָרן שוחט אין שענע, גאַנץ פיין זיך איינגעאָרדנט און גענומען לעבן מיט לייט גלייך — אָבער אַ שווערע פאַמיליע־טראַגעדיע האָט אים אויפגעטרייסלט און דערשיטערט ביז די טיפע־נישן פון דער נשמה, רואינירט זיין לעבן אין פולשטענדיק צעמישט זיינע געדאַנקען.

בעת זיינע אָפטע וויזיטן אין אָסטראָווצע, האָט ער זיך שטאַרק געלאָזט הערן. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט ער אַרומגיין אין מאַרק און אין די יידישע געסלעך או געהאַלטן אין איין לערנען הויך אויפן קול מיטן אַלטן גמרא־ניגון, געזאָגט פשטלעך און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיפט אין אַ שווערער סוגיא פון דער גמרא.

די חדר־ייִנגלעך און שטעטלדיקע קונדסים האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין זינגען, ווייל יצחק איז אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, געווען בעל־תפילה אין שענע. פלעגט ער איצט צוזאַמענגעמען דאָס קליינוואַרג, אוועק־שטעלן זיך אין מיטן גאַס און פאַר זיי אויסזינגען אַלע שבתדיקע זמירות און ימים־נוראימדיקע תפילות.

און אָסטראָווצער עלטערע יידן, זעענדיק יצחקן אין אַזאַ געפאַלענעם מצב, פלעגן טרויעריק שאָקלען מיט די קעפּ און אים שטאַרק באַדויערן. און נישט איינעם פון זיי האָט פיינלעך געמאַטערט די אַלט־נייע פראַגע: „זו תורה וזה שכרה?" זאָל דאָס טאַקע זיין די באַלוינונג פאַר זיצן גאַנצע טעג און נעכט על התורה ועל העבודה?!...

און אַזוי איז עס תמיד געווען. נאָכן אַרומדרייען זיך אַ לענגערע צייט אין אָסטראָווצע, פלעגט יצחק פּלוצלינג פאַרשווינדן. פאַרבענקט זיך, ווייזט אויס, אַהיים נאָך זיין געבוירט־שטעטל. אַזוי האָט ער ביזן לעצטן טאָג פון זיין טראַגישן לעבן געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון שענע קיין אָסטראָווצע, און פון אָסטראָוויצע — צוריק קיין שענע...

אפרים נעיזשו

אפרים נעיזשו איז באַלד געבוירן געוואָרן אַ „נישט־דער־באַקענער" און דעם צונאָמען „נעיזשו" האָט ער באַקומען צוליב זיין קרומער און פלאַטשיקער נאָז.

אפרים האָט אויסגעפילט אין שטעטל געוויסע פונק־ציעס, אויף וועלכע ער האָט יאָרן־לאַנג געהאַט אַ חזקה און קיינער האָט אים אין דעם נישט געשטערט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז זיין אַרבעט און דאָס דאַרף ער טאָן.

איז, רחמנא לצלן, געשטאָרבן אַ ייד אין אָסטראָווצע, פלעגט איר זעען ווי אפרים גייט פאַמעלעך פון קברות־הייזל געבויגן אין דרייען מיטן ברייטן טהרה־ברעט אויף די פּלייצעס, צוגעבונדען מיט אַ גראָבן שטריק. די ווייבער, דערזעענדיק דאָס, פלעגן פאַרברעכן די הענט און זאָגן איינע צו דער צווייטער: „אוי, גאָטעניו, מ'זאָל שוין מער פון קיין שלעכטס נישט וויסן!" שפּעטער, שוין נאָענט פאַר דער לויה, פלעגט איר ווידער זעען ווי ער גייט פאַמעלעך און טראָגט אויף די פּלייצעס די שווערע מיטה.

און אַז ס'איז געשטאָרבן אַ גרויסער קבצן אין שטעטל, אַן איינזאַמער און אַן עלנטער אָן פאַמיליע און אָן קרובים — האָט שוין די חברה קדישא געזאָגט אפרים נעיזשו, וואָס ער האָט צו טאָן. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין די יידישע געסלעך און אין מאַרק אַריין, אַרומגעגאַנגען איבער אַלע פיר ציילן און געדאַלטן אין איין שרייען הויך אויפן קול: „מ"מ־מת מצווה!" האָבן יידן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך געגרייט מקיים צו זיין די גרויסע מצווה פון הלוויית־המת.

און אַז גאָט האָט געהאָלפן און מ'האָט געהייצט דאָס באָד לכבוד שבת, לאָזט זיך אפרים נעיזשו אַרויס פרייטיק פאַרמיטאָג אָנזאָגן די יידן אין שטעטל די דאָזיקע פריי־לעכע בשורה. פאַמעלעך און געלאַסן גייט ער איבער אַלע יידישע געסלעך און איבער אַלע פיר ציילן פון ברייטן מאַרק, און האַלט אין איין רופן און שרייען אָן אויפהער: „אין באָאָאָד אררררייין!".

אפרים נעיזשו האָט קיינמאָל נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין יידישע שמחה אין שטעטל. אַ חתונה, אַ ברית, אַ ספר־פירן — אומעטום האָט ער געמוזט זיין. אַן אַפּעטיט האָט ער, ברוך השם, געהאַט אַ גאַנץ נישקשהדיקן. פלעגט ער זיך טאַקע נישט לאָזן בעטן. און נאָר ער האָט דערזען אַ יינג יידיש ווייבל, פלעגט ער איר האַרציק צוווינטשן: „זאָלסט מאַכן אַ ברית".

גאָר שלעכט און ביטער איז אים געווען, אויב ס׳פלעגן פאָרקומען אין אָסטראָווצע צוויי־דריי חתונות אָדער צוויי־דריי בריתן אין איין טאָג. ער האָט זיך דאַן אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרסמ׳טע מויז און נישט געוווּסט וווּ פריער צו גיין און וווּ עס לוינט זיך בעסער...

אברהמ׳לע מאטשיק

שוין אין די פריע יוגנט־יאָרן האָט אברהמ׳לע מאַטשיק געצויגן זיין חיונה פון שווערער פיזישער אַרבעט. ער איז געווען אַ הויכער און געזונטער בחור, אַ גוט־אַנטוויקעלטער און ברייטפּלייציקער מיט קרעפטיקע הענט, וואָס האָבן געקענט ברעכן אייזן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום אַרבעט, ווי שווער זי זאָל נישט זיין.

אין די שפּעטערע יאָרן, שוין אַלס פאַמיליע־מאַן, האָט ער געאַרבעט אַלס טרעגער און זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאַרצווייגטער יידישע טרעגער־דינאַסטיע אין אָסטראָווצע אין דער שפּיץ פון וועלכער עס זענען צו יענער צייט געשטאַנען די באַקאַנטע בערל טשאָטשקע, יאַנקל ווייסער יאָסל באַלאַס און שימשי היואַקע. יאָרן־לאַנג האָט ער צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט, געשלעפּט פאַרשידענע זעק אין פּעק און אויסגעטראָגן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס די שווערסטע משאות.

איך געדענק ווי עס פלעגן אָנקומען גרויסע טראַנספּאָרטן מיט סחורה צו ר׳ שמואל לוי אויף דריידזשער גאַס, און ווי לייכט, שנעל און פלינק אברהמ׳לע מאַטשיק מיט זיינע חברים פלעגן אויסלאָדענען די גרויסע און שווערע פלאַקס־באַלן און זיי אַריינטראָגן אין שפּייכלער. ס׳איז ממש געווען צו באַוואונדערן די הערלעכע אַרבעט־סימפאָניע פון די דאָזיקע קרעפטיקע יידישע האָרעפּאַשניקעס מיט זייערע אויסגעגלייכטע רוקנס און אַנטוויקלטע מוסקולן, פון וועלכע עס האָט געשפּראָצט מיט געזונט, כוח, מוט און ענערגיע.

און אַז אין אָסטראָווצע זענען פאָרגעקומען אומרוען און אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס פלעגן פאַרטשעפּען און באַפאַלן יידן אין די גאַסן, איז אברהמ׳לע מאַטשיק צוזאַמען מיט זיינע חברים־טרעגערס — פשוטע עמך־מענטשן און טייערע האַרציקע יידן — געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישן כבוד און פון די יידישע אינטערעסן. ער האָט נישט געהערט צו די פחדנים, און מיט זיינע געזונטע ידיים האָט ער געקענט דערלאַנגען אַזאַ פיינעם „גלעט” אַן אַנטיסעמיטישן כוליגאַן, אַז יענער זאָל עס האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן...

מיטאמאָל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אין שטאָט, אַז אברהמ׳לע מאַטשיק איז נישט, ר״ל. ביי די קלאָרע געדאַנקען, עפּעס אַביסל „גערירט אויפן קאָסטן”. צוערשט האָבן דאָס באַמערקט זיינע חברית־טרעגערס ביי דער אַרבעט און שפּעטער איז דאָס מער פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען.

און פון דעמאָלט אָן, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, פלעגט אברהמ׳לע מאַטשיק אַרומלויפן אין מאַרק און אין אַלע יידישע געסלעך און ווייזן מיט דער האַנט אויפן הימל און דערביי געהאַלטן אין איין שרייען: „מיליאָנען עראָפּלאַנען, מיליאָנען עראָפּלאַנען, מיליאָנען עראָפּלאַנען”. און ער האָט טאַקע באַלד באַקומען אין שטאָט דעם צונאָמען „אברהמ׳לע מאַטשיק מיט די מיליאָנען”. און תמיד האָבן אים אַרומגערינגלט און באַגלייט די יידישע קונדסים, וועלכע האָבן פון אים אָפּגעחוזקט און אָפּגעלאַכט און שטאַרק הנאה געהאַט פון זיינע „מיליאָנען”.

און נישט איין מאָל האָט עס פאַרקלעמט ביים האַרץ, צוזעענדיק אין וואָס פאַר אַ קלאָגעדיקן מצב עס געפינט זיך דער דאָזיקער האַרציקער פאָלקס־מענטש, דער אמאָליקער ריז און מעכטיקער דעמב — איינער פון די וויכטיקסטע זיילן פון דער באַוווּסטער יידישער טרעגער־דינאַסטיע אין דער אַמאָליקער יידישער אָסטראָווצע...

יהושע אורבאַך

איך קאן דיך, מאמע, נישט פארגעסן!

נישט פֿאַרגעסן קאָן איך פֿון דיר מאַמע, ניין!
מיין האַרץ עס בענקט מיט ווייטיק כ'דערמאָן
געגרייט אַ פעקל כ'האָב אין וועג געלאָזט זיך גיין
— אַרויס מאַמע אין אַ געוויין ביסטו, אין אַ געוויין...

כאָטש נאָך אַ קוק טאָן אויף דיין זון דו'סט געוואָלט
אַ רוף געטאָן דו האָסט כ'זאָל בלייבן שטיין
אַ ציטער דיין האַנט נישט געזעגנען דו'סט געקאַנט
ווי פֿאַרקלעמערט דיין האַרץ — דאָס מויל פֿאַרשלאָסן איז געווען...

נאָר ס'האָבן גערעדט דיינע אויגן, מאַמע, וואָס, פֿאַרשטיין קאָן אַ זון
געגלאַנצט ווי פערל דיינע טרערן און געפרעגט זיי וואָ־אַהין?
— זיי געזונט, מאַמע, אַ וודאי פירן וועט מיך גלייך דער וועג
נישט אויסקוקן, וואַרטן זאָלסטו, ווייל לאַנג ציען זיך די טעג...

וואַנדער איך מיט מיין פעקל עלנט אין דער פרעמד
באַטאָג איז עס אַ זעקל, ביינאַכט — אַ קישן
אַן אָנדענק געבליבן איז מיר אַ שטיקל פון העמד
אויגן נאַסע די ביטערע טרערן אויסצווישן...

דערמאָן איך מיט בענקשאַפט, ווי צאַרט דיין האַנט
מיט ווייטיק אַ האַרץ — כ'פיל מאַמע דיינע טרערן
דיין זון צווישן מענטשן פרעמדע אין אַ צווייט לאַנד
נישט פֿאַרלוירן זאָל ער גיין, נישט אויסגיין זאָל אַ שטערן...

בעטן אַזוי מאַמעס טרערן — מאַמעס טרערן...
פרידן זאָל ווערן, פרידן, פרידן זאָל ווערן...

ילדי היהודים באוסטרובצה התחנכו עד שנות העשרים של המאה בחדר ובישי־בה בלבד, אך הרוחות החדשים שהחלו לנשב בעולם היהודי לא פסחו על העיר הזאת. הוקמו בתי ספר חילוניים ואף בתי הספר הדתיים סיגלו לעצמם אופי חינוכי מתקדם יותר.

מ. בלאַנקמאַן

אסטראָווצער מלמדים

פיניעלע

איך פיל אַ באַזונדערע נאָנטקייט צו מיין מלמד ר׳ פיניעלע. ער איז אין משך פון פיל יאָרן געווען אונדזער פאַמיליע־מלמד. אַלע מיינע קוזינען פון די מינצבערגס און לוי׳ס האָבן געלערנט אין זיין חדר און ער איז ביי אונדז געווען זייער באַליבט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער שטראָם האָט מיך אַוועקגעטראָגן העט ווייט פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, פלעג איך ר׳ פיניעלען פון צייט צו צייט באַגעגענען אין שטעטל. איך האָב זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת־הכבוד, האָב אים שטענדיק אַנטקעגנ־געטראָגן דעם „גוט מאָרגן" און „גוט שבת" און ער פלעגט מיך תמיד פרעגן: „נו, מאירשי, וואָס מאַכסטו? האָסט כאָטש נישט פאַרגעסן דאָס לערנען?" און אַז איך פלעג אים אָפּענטפערן: „ניין, רבי, איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן פון דעם, וואָס כ׳האָב ביי אייך געלערנט, ווייל „גירסא דינקותא לא משתכחין" — איז ער געווען זייער צופרידן און מיר פריינטלעך געדריקט די האַנט... ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט טאָלעראַנץ. הגם איך בין שוין געגאַנגען געקליידעט גויאיש און שוין נישט געטראָגן קיין פיאות און געווען ראַזירט, געדענק איך נישט, אַז ער האָט מיר ווען כ׳איז געזאָלט זאָגן מוסר אָדער, חלילה, באַליי־דיקט מיט אַ שלעכט וואָרט.

ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דארער, געטראָגן אַ קליינטשיק שוואַרץ־שיטער בערדל. ער איז געווען אַ לובלינער חסיד און פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן אויף אַ יום־טוב צום רבין קיין לובלין, און אַהיימקומענדיק פלעגט ער מיט התפעלות דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געהערט און געזען אין דער שטאָט פונעם „חוזה".

ר׳ פינעלע פלעגט ליב האָבן בעתן לערנען, ווען ער איז געווען אין א גוטער שטימונג, דערציילן אונדז פאַר־שידענע מעשיות און פרעגן רעטענישן. אויף וועלכע מיר, תלמידים, האָבן באַדאַרפן געבן אַן ענטפער. דריי אַזעלכע רעטענישן זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון און איך וויל זיי דאָ איבערדערציילן.

אין אָסטראָווצע פלעגט מען צו יענער צייט דעם קוגל אויף שבת אַריינשטעלן אין טשאָלנט אין אַן ערדענעם טעפל, וואָס מען פלעגט דעמאָלט רופן „קוגל־שאַרבן". דער קוגל־שאַרבן איז געווען פון אונטן שמאָל און פון אויבן ברייט. געדענק איך ווי דער רבי האָט אונדז געשטעלט די פראַגע: „זאָגט מיר, פאַרוואָס איז אַ קוגל־

שאַרבן פון אונטן שמאָל און פון אויבן ברייט און פאַרוואָס נישט פאַרקערט — פון אויבן ברייט און פון אונטן שמאָל?" ער האָט געשטעלט די פראַגע אַזוי שנעל, אַז מיר, תלמידים, האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס איז אייגנטלעך איינס און דאָס זעלבע...

די צווייטע רעטעניש איז געווען: פאַרוואָס אַז אַ בעל־עגלה וויל פאָרן שנעלער, דערלאַנגט ער די פערד עטלעכע שמיץ מיט דער בייטש און די פערד הויבן אָן צו לויפן וואָס גיכער. איז דאָך די קשיא: פונוואַנען ווייסן די פערד, וואָס דער בעל־עגלה איז אויסן מיט זיינע שמיץ? איז דער תירוץ, אַז ווען די פערד פילן די בייטש איבער זייערע פלייצעס הויבן זיי אָן וואָס שנעלער אַנטלויפן, כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע שמיץ. און אַזוי ווי זיי זענען צוגעבונדן צו די האָלאָבליעס — שלעפּן זיי ממילא מיט זיך דעם וואָגן צוזאַמען מיטן בעל־עגלה...

איצט זאָגט מיר — האָט זיך דער רבי געווענדעט צו אונדז — ווער פון אייך האָט געזען אַמאָל ווי אַ קראָ פליט אין דער הויך און אַ הונט זיצט אויפן ווידל? מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן שרייען אין איין קול, אַז דאָס לאָזט זיך נישט גלויבן, ווייל ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער הונט זאָל בעתן פליען נישט אַראָפּפאַלן פון דער קראָ? איך געדענק, ווי ר' פיניעלע האָט געהאַלטן אין איין לאַכן פון אונדז, זעענדיק, אַז קיינער פון אונדז כאַפּט זיך דאָך נישט אין וואָס דאָ גייט. שפּעטער האָט ער אונדז אויפגעקלערט דאָס רעטעניש, אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן: אַ קראָ איז טאַקע געפלויגן אין דער הויך — און אַ הונט איז געזעסן אונטן אויף דער ערד אויף זיין אייגענעם ווידל...

איך דערמאָן זיך ווי אין אַ געוויסן ווינטער־אָוונט נאָכן לערנען האָבן מיר נישט געקאָנט אַהיימגיין פון חדר, ווייל אינדרויסן איז געווען אומרואיק און פונדערווייטנס האָבן זיך געהערט אָפּקלאַנגען פון שיסערייען. מיר זענען געבליבן נעכטיקן אין חדר. די רביצין ברכה האָט אונדז געגעבן צו עסן וועטשערע און שפּעטער אונדז אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע און ווי אַ געטרייע מאַמע אונדז צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמער פּערענע. אינדרייסן איז געווען אַ קנאַקעדיקער פראָסט, אָבער אין חדר איז געווען אַזוי וואַרעם און מיר האָבן געהאַלטן אין איין שטיפן און לאַכן ביז האַלבער נאַכט...

איך געדענק ווי פאַר שבועות פלעגט ר' פיניעלע מיט אונדז לערנען מגילת רות און ביז איצט, נאָך עטלעכע צענדליק יאָר, איז מיר פאַרבליבן אין זכרון די האַרציקע מעלאָדיע, מיט וועלכער מיר האָבן באַגלייט די ווערטער פון דער דאָזיקער שיינער אידיליע. איך האָב מיך שטאַרק איבערגענומען מיטן גורל פון נעמי, וועלכע איז געבליבן אַן עלנטע אלמנה נאָכן טויט פון איר מאַן אלימלך און אירע צוויי זין מחלון און כליון. און גערירט ביז טרערן בין איך געווען, ווען נעמי איז אָנגעקומען מיט איר שנור רות קיין בית־לחם און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: „הזאת נעמי?" און זי האָט געענטפערט: „אל תקראנה לי נעמי, קראן לי מרה... אני מלאה הלכתי וריקם השיבני אדוני". און איך בין געווען ביז גאָר צופרידן, וואָס רות האָט פאַרזיכערט איר שוויגער, אַז זי וועט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן: „כי המות יפריד ביני ובינך".

נאָך שבועות, אין די הייסע זומער־טעג, פלעגן מיר בעת די הפסקות ארויס פון חדר און זיך שפּילן אויף דער „בלאָניע" אָדער אויסבאָדן זיך און כאַפּן פישעלעך אין נאָענטן טייך, דאָס איז פאַר אונדז געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן.

איך געדענק ווי פאַר שבת־חזון האָבן מיר געלערנט די הפטורה און פיניעלע האָט אונדז פאַרטייטשט דעם פסוק: „בנים גידלתי ורוממתי והם פשעו בי". דערנאָך זענען מיר אַריבער צו „איכה" און ווי טרויעריק עס האָט געקלונגען אין רבינס מויל דער פסוק: „אין לה מנחם מכל אהביה, כל רעיה בגדו בה היו לה לאויבים". מיר האָבן אויך געלערנט אין דער גמרא די געשיכטע פון קמצא און בר־קמצא און זיך געחידושט צו וואָס אַ פאַטאַלער טעות קאָן דערפירן.

גאַנץ אַנדערש האָבן אין אַ וואָך אַרום געקלונגען אין ר' פיניעלעס מויל די ווערטער פונעם נביא ישעיה: „נחמו, נחמו עמי יאמר אלוהיכם!" נאָך די טרויעריקע טעג פון די „דריי וואָכן", האָט איצט געהערשט אין חדר אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג.

פאַר סוכות פלעגט ר' פיניעלע מיט אונדז לערנען קוהלת. איך געדענק ווי ער האָט אונדז פאַרטייטשט „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת" און „אין כל חדש תחת השמש". אין דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטיין און תופס זיין, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען כ'פלעג מיך גאָר אָפט פאַרטיפן אין די געדאַנקען פונם דאָזיקן טיפזיניקן ספר'ל.

פון ר' פיניעלעס פאַמיליע איז מיר פאַרבליבן אין זכרון זיין פרוי ברכה, אַן איידעלע און שיינאַכע פרוי, און זיין זון שיעלע, וועלכע האָט זיך געשניטן אויף אַן עילוי און ארויסגעוויזן אַ נייגונג צו זיין אַ חוקרן.

מיט ר' פיניעלע האָב איך מיך באַגעגנט אין די ערשטע וואָכן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין אָסטראָווצע. ער איז געווען שוין אָן אַ באָרד, אַ פאַרביטערטער און דערשלאָגענער. איך געדענק ווי ער האָט מיך געפרעגט: „נו, מאירשע, וואָס וועט זיין פון אונדז. גאָט וועט זיך אַזוי צוקוקן גלייכגילטיק, ווי די רשעים פייניקן אונדז?"

מער האָב איך אים נישט געזען...

מרדכי יאַנקל

ר׳ מרדכי יאנקל מלמד האָט געוווינט אויף טילנע גאַס אין א נידעריק הייזל. דאָס פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אריין. קעגנאיבער האָט געוווינט הירש יצחק גאָלדשמיד און מיר, תלמידים, פלעגן בעת די הפסקות ארויסכאפּן זיך פון חדר און אַריבערגיין צום גאָלדשמידס פענצטער, כדי צו באַוווּנדערן די שיינע זאַכן, וואָס ער פלעגט אויסאַרבעטן פון זילבער און גאָלד.

איך געדענק אים, ר׳ מרדכי יאַנקלען, ווי אַ ייד פון מיטעלן וווּקס מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד. אויך זיין ווייב, די רביצין, איז מיר פארבליבן גוט אין זכרון און זיינע צוויי טעכטער מיט די שוואַרצע צעפּ, פון וועלכע די עלטסטע, מלכה, האָט שפּעטער התונה־געהאַט מיט לייבל סאַמבערג און אויסגעוואַנדערט קיין בראזיל. ביידע, ווי איך דערוויס זיך, זענען שוין געשטאָרבן און דער גורל פון דער יינגערער טאָכטער איז מיר אומבאַקאַנט ביזן היינטיקן טאָג.

ווען איך דערמאָן נאָך אַזוי פיל יאָרן מיין מלמד מרדכי יאַנקל, איז מיר אוממעגלעך נישט צו דערמאָנען דערביי זיין ברוך־גאַרטל מיט וועלכער ער האָט זיך באַניצט. ער האָט געהאַט א ״הילע״ נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, און געטראָגן אַ ברוך־גאַרטל. פון צייט צו צייט פלעגט ער זי אַבער אויסטאָן און אַוועקלייגן איפן בעט. און אַז ער פלעגט אויף עטלעכע מינוט ארויס פון חדר און איבערלאָזן דעם בריך־גאַרטל — האָבן מיר תלמידים גענומען זיך מיט איר שפילן און מאַכן פארשיידענע קונצן. און אַז ער האָט פליצלינג געעפנט די טיר און אונדז געכאַפּט ביי דער דאזיקער ״מלאכה״ — האָט ער אויפגעהויבן אַ געוואלד, וואָס איז געגאַנגען עד לב השמים. עס פלעגט זיך אַריינמישן די רביצין און גענומען אים באַרויקן, אָבער דאָס האָט זיך איר נישט אזוי לייכט איינגעגעבן. ער איז מכיש אַרויס פון די כלים און אויסגעגאָסן אויף אונדז זיין גאַנצן צאָרן.

פון דער נאַטור איז ער דווקא געווען אַ צוגעלאָזענער מענטש, אַ רואיקער, אַ באַשיידענע און אַ געלאַסענער אין זעלטן זיך געכּעסט. איך געדענק די ווינטער־טעג און נעכט ביי אים אין חדר, אין קליינעם וואַרעמען שטיבל מיטן פון פראָסט פאַרקאָוועטן פענצטער. איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב זיך שטאַרק איבערגענומען, ווען מיר זענען צוגעקומען אין פרשת וישלח צו די ווערטער: ״ותמת רחל ותקבר בדרך אפרתה היא בית לחם ויצב יעקב מצבה על קבורתה היא מצבת קבורת־רחל עד היום״. מיר, תלמידים, האָבן זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ דעם פאַקט, וואָס די שיינע רחל איז אוועקגעשטאָרבן אויפן וועג צוליבן שווערן געבורט פון איר זון בנימין. און מיר האָבן טיף באַדויערט דעם גורל פון אונדזער יעקב אבינו, וואָס האָט אויפן וועג פאַרלוירן זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין.

און ביזן היינטיקן טאָג קלינגט מיר אין די אויערן דער אומעטיק־האַרציקער ניגון פון ״ואַני״, מיט וועלכן ר׳ מרדכי יאַנקל האָט באַגלייט די ווערטער פון יעקב אבינו, וואָס איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט פאַרן טויט און זיין זון יוסף איז צו אים געקומען מיט זיינע צוויי אייניקלעך מנשה און אפרים, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין מצרים. יעקב, אַן אָפּגעשוואַכטער און בלינדער אויף דער עלטער, האָט אַרומגענומען און געקושט די אייניקלעך, און דערציילט יוספן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין מוטער רחל: ״ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל בארץ כנען בדרך בעוד כברת־ארץ לבוא אפרתה ואקברה שם בדרך אפרת היא בית־לחם״.

באַלד נאָך פורים איז געוואָרן לייכטער דאָס לערנען אין חדר. איך געדענק, ווי ר׳ מרדכי יאַנקל פלעגט מיט אונדז לערנען תרגום שני. וועגן דער מלכה שבא און שלמה המלך, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אַלע חיות און פייגל און זיך געקאָנט מיט זיי פאַרשטענדיקן. דאָס האָט שטאַרק גערייצט אונדזער קינדערישע פאַנטאַזיע. און שפּעטער ווען שלמה המלך איז פאַרטריבן געוואָרן און ער האָט געהאלטן אין איין שרייען: ״אני שלמה!״ און קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלויבן — האָט עס אונדז, תלמידים, זייער ווי געטאָן...

פאַר פסח פלעגט דער רבי מיט אונדז לערנען ״דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען״ — שיר השירים. געהייסן האָט עס, אַז ס׳איז גאָר געווען א ליבע צווישן גאָט און דער כנסת־ישראל און נישט צווישן שלמה המלך און דער שיינער שולמית — ווי איך האָב זיך דאָס דערוווּסט ערשט מיט פיל יאָרן שפּעטער...

מיר האָבן פרייער אָפּגעטעמט נאָכן שווערן ווינטער און פלעגן זיך מערער שפּילן אין גאַס ווי לערנען. און אַז די רביצין האָט זיך געגרייט אויסצוווייסן דאָס חדר אויף פסח, האָבן מיר צוגעהאָלפן אַרויסטראָגן אַלע זאַכן אין גאַס אריין און שפּעטער נאָכן אויסווייסן — דאָס אַלץ צוריק אריינטראָגן. איך דערמאָן זיך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, מיט וואָס פאַר אַ פרייד מיר, חדר־יינגלעך, פלעגן טאָן די דאָזיקע ארבעט. נאָכן אויסקאַלכן האָבן זיך אין חדר באַוויזן די מצות, וועלכע דער רבי האָט אויפגעהאַנגען אין אַ שניי־ווייסן טישטוך אויף א האָק אין סופיט. די רביצין, מיט אירע צוויי טעכטער, האָט גענומען כשרן, שייערן, וואַשן און רוימען אויף פסח.

אין אַ געוויסן טאָג האָט אונדז דער רבי מודיע געווען: ״קינדערלעך, פון מאָרגן אָן דאַרפט איר נישט קומען אין חדר ביז נאָך יום־טוב. איך ווינטש אייך אַלע א כשרן פסח״. פאַר אונדז האָט זיך געעפנט א נייע וועלט...

ר׳ מרדכי לייזער אברהמעלעס

אַ הויכער און קרעפטיקער ייד מיט אַ הדרת־פּנים און ברייטער באָרד — אַזוי שטייט ער ווי היינט פאַר מיינע אויגן. דאָס חדר האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק אין מאַרק אויף דער „קליינער צייל״ און מיר, תלמידים, פלעגן תמיד אַרויסקוקן דורכן קליינעם פענצטערל און געזען, ווי די פויערים און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער קומען זיך צונויף יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אויפן יאַריד אין שטעטל.

מיר פלעגן גיין אין חדר אַריין גאַנץ פרי און אהיימקומען שפּעט אין אָוונט. איך געדענק ווי מיר פלעגן ווינטער אין שטאָק־פינצטערע נעכט אַהיימגיין פון חדר מיט די לאַמטערלעך אין האַנט, געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע ביז איבער די קנעכל, און דערביי צוגעזונגען אַ לידל, וואָס איז מיר ביז היינט פאַרבליבן אין זכרון, דאָס איז געווען אַזאַ מין לויב־געזאַנג צו גאָט:

„אַ שיינער איז ער אויבן,
אַ שיינער איז ער אונטן —
סיי אונטן, סיי אויבן,
טוען מיר אים אַלע לויבן
השם אחד ושמו אחד,
גאָט איז איינער, און ווייטער קיינער״

פאַר פורים, ווען די טעג זענען געוואָרן גרעסער און די נעכט וואָס אַמאָל קלענער האָט מען אויפגעהערט צו לערנען ביינאַכט און אָנגעהויבן אַהיימגיין פריער! איז צו יענער צייט געווען אַ מנהג איינצואָרדענען אַ פייערלעכע סעודה, ווען מען האָט אויפגעהערט צו לערנען ביינאַכט. געדענק איך טאַקע גוט יענע טראַדיציאָנעלע סעודה אין חדר פון מיין מלמד ר׳ מרדכי לייזער אברהמעלעס, וואָס האָט מיר איינגעקריצט טיף אין זכרון.

מיט עטלעכע טעג פריער פלעגט אונדז דער רבי מודיע זיין, אַז אין דעם און דעם טאָג הערט מען אויף צו לערנען ביינאַכט. יעדער תלמיד דאַרף דעריבער ברענגען פונדערהיים אַ פּאָר גראָשן אַלס צושטייער צו דער סעודה.

מיר, אַלע תלמידים, זענען געזעסן אַרום אַ פיין־געדעקטן טיש. אויבן־אָן איז געזעסן דער רבי, אָנגעטאָן אין די יום־טובדיקע בגדים. מיר זענען אַלע געווען פריילעך און די שטימונג איז געווען אַ ביז גאָר געהויבענע. מיר האָבן גענומען צו קליינע כּוסעלעך וויין און זיך צוגעווונטשן „לחיים״. דערנאָך האָט די רביצין דערלאַנגט צום טיש דעם הערינג מיט קראַץ־באָרשט, נאָכדעם די הייסע גריץ מיט באָבעלעך, יעדן איינעם אַ פּאָרצע רינד־פלייש און צום סוף אַביסל צימעס. צווישן איין פּאָרציע און דער צווייטער האָט דער רבי דערציילט פאַרשידענע מעשיות און מיר האָבן צוביסלעך אינטערגעזונגען, ווייל ס׳איז אַלעמען געווען פריילעך אויף דער נשמה. עפּעס אַ קליינקייט — מיר הערן אויף צו לערנען ביינאַכט!

ווען עס איז געקומען דער ליבער זומער האָבן מיר פרייער אָפּגעעטעמט. ביי מיר האָבן זיך באַזונדער איינקריצט אין זכרון די זומער־שבתים ביים דאָזיקן מלמד. שבת נאָכמיטאָג פלעגן מיר גיין אין חדר אַריין מיט די סידורימלעך אין האַנט, כּדי צו לערנען „פּרק״. דאָס חדר איז געווען אויפגערוימט שיין און ריין. דער טיש באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסן טישטוך. די שטימונג ביי אונדז, חדר־ייִנגלעך, איז געווען אַ שבתדיק־געהויבענע און אויך דער רבי און אפילו די רביצן זענען ניש׳ט געווען די זעלבע, וואָס אין די וואָכעדיקע טעג... בעתן לערנען „פּרק״ האָבן מיר ניש׳ט געפילט די שטרענגקייט און אָנגעצויגנקייט, וואָס מיר האָבן געפילט אין די וואָכעדיקע טעג בעתן לערנען.

פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון אונדז, תלמידים, באַקומען פון דער רביצן אַ גרויסן טשייניק אין האַנט אַריין, כּדי אַרויפצוברענגען וואַסער פון נאָענטן ברונעם אין מאַרק. איך געדענק ווי כ׳פלעג אַ פריילעכער לויפן צום ברונעם מיטן טשייניק אין האַנט, אויפגעבונדן די קייט און אַראָפּגעלאָזט דעם ליידיקן עמער, שפּעטער געדרייט מיט דער קאָרבע אַזוי לאַנג ביז ס׳איז אַרויסגעקומען דער עמער מיט וואַסער. איך האָב דאַן אָנגעשעפּט אַ פולן טשייניק מיט וואַסער און שנעל אַרויף מיט אים אין חדר אַריין.

די רביצין האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש קליינע טעפּעלעך. דער ערשטער האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ טעפּעלע וואַסער דער רבי און געמאַכט דערביי דעם הויכן „שהכל״. שפּעטער האָט ער דערלאַנגט דער רביצין אַ טעפּעלע וואַסער און דערנאָך האָבן מיר, תלמידים, באַקומען צוביסלעך וואַסער.

שוין עטלעכע צענדליק יאָר זענען פאַריבער זינט יענערצייט, און נאָך ביז היינט פיל איך דעם זיסן טעם פון יענעם קאַלט־דערקוויקנדיקן וואַסער, וואָס איך האָב געטרונקען שבת נאָכמיטאָג בעתן פּרק־לערנען אין חדר פון ר׳ מרדכי לייזער אברהמעלעס אין אָסטראָווצע...

חיים דוד

חיים דוד איז געווען אַ דרדקי־מלמד. איך געדענק אים ווי אַ ברייטפּלייציקן ייד פון מיטעלן וווּקס מיט אַ געלבלעכער באָרד. געוווינט האָט ער אויף זאַטילנע גאַס נישט ווייט פונם בית־המדרש, און דאָרט אין אַן ענג שטיבל האָט זיך געפונען דאָס חדר. ווינטער פלעגן מיר זיצן אויף

דער פּאָדלאָגע, זיך געשפּילט אין קנעפּלעך און געוואַרט ביז דער רבי אָדער זיין געהילף פלעגט איינעם פון אונדז צורופן צום טיש צו קנעלן די שווערע „עברי״.

גאַנץ פרי נאָך, ווען אינדרויסן איז נאָך געווען פינצ־טער, פלעגן די בעלפערס אַרומגיין איבערן שטעטל און צונויפנעמען די תלמידים אין חדר אַריין. איך געדענק, ווי כ׳בין געלעגן מיט פאַרשלאָפענע אויגן און ס׳האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע בעט, ווען אינדרויסן האָט געקנאַקט א שטאַרקער פראָסט. די מאַמע ע״ה פלעגט מיר מיטגעבן אין חדר אַריין פון בעסטן און שענסטן, וואָס זי האָט נאָר פאַרמאָגט: פלעצלעך און בייגל מיט פּוטער ווי אויך עטלעכע קיכלעך פון די וואָס זענען פאַרבליבן פון שבת. מיטאָג פלעגט מען אונדז ברענגען אין טעפּלעך אין חדר אריין. פאַרנאַכט פלעגט אונדז דער בעלפער ווידער צונויפנעמען און אָפּפירן יעדן איינעם צוריק אַהיים.

זומער־צייט איז אונדז, חדר־יינגלעך, אָנגעקומען דאָס לערנען פיל לייכטער ווי אין ווינטער. מיר האָבן נישט געמוזט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין ענגן און דעמפּיקן שטיבל און איינזאַפּן אין זיך דעם שטויב. מיר פלעגן זיך שפּילן אינדרויסן פאַרן חדר. איך געדענק, ווי מיר פלעגן זיצן ביי די רינשטאָקן פון ביידע זייטן געסל, ווו עס איז אָן אויפהער געפלאָסן דאָס פּאָמיע־וואַסער, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ שרעקלעכן געשטאַנק אויף אַ קילאָמעטער ווייט. אונדז האָט דאָס ניט געשטערט. פאַרקערט, מיר האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם, ווייל מיר פלעגן אַריינוואַרפן שטיקלעך פּאַפּיר און זיך צוגעקוקט מיט גרויס הנאָה, ווי דער שטראָם האָט דאָס פאַרטראָגן באַרג־אַראָפּ צום בית־המדרש.

ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די שוואַרצע יאַגדעס, האָט איר דאָס געקאָנט דערקענען אויף אונדזערע פּנימער. מיר זענען געווען אויסגעשמירט און אויסגעפּאַטשקעט פון די שטריצלעך מיט יאַגעדעס, וואָס אונדזערע מאַמעס פלעגן אונדז מיטגעבן אין חדר אַריין. די פּויערטעס פלעגן פאַרטאָג ברענגען די יאַגדעס אין גרויסע קרוגן פון די אַרומיקע וועלדער, און אין שטעטל פלעגן יידן באַקן שטריצלעך מיט יאַגדעס, וואָס האָבן געהאַט דעם טעם גן־עדן.

פון דאָזיקן חדר איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון דאָס טייטהעלצל און גאָר באַזונדערס דער קאַנטשיק, מיט וועלכן דער רבי פלעגט זיך באַנוצן בעתן לערנען. וואַר־שיינלעך, האָט מען אויך מיר נישט איין מאָל אין חדר אַראָפּגעצויגן די הייזלעך און אַריינגעצימבלט אויפן הוילן לייב, ווי דאָס איז געווען דער מנהג אין יענער צייט אין חדרים איבער אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. איך אָבער קאָן זיך נישט דערמאָנען.

חיים דוד איז געווען מיין ערשטער מלמד אין אָסטראָווצע, וועלכער האָט מיך באַקענט מיט די צוויי־און־צוואַנציק פּירקאַנטיקע יידישע אותיות, מיט וועלכע איך באַנוץ זיך ביזן היינטיקן טאָג. און ערשט איצט, אויף דער עלטער, הויב איך אָן וואָס אַמאָל מערער פילן און פאַרשטיין, וויפיל טרערן, און געוויין ליגן אין די אותיות...

יחיאל מגיד־ראָזענבערג

א שטאָט פון בתי מדרשים און חדרים

ואָתא מיא וכבה לנירא — עס איז געקומען אַ ווילד וואַסער און האָט פאַרלאָשן די ליכטיקע תורה׳דיקע שטאָט אָסטראָווצע, וועלכע מען האָט גערופן: אות־תורה־רובצה... בשם האדמו״ר הרה״ג רבי מאיר יחיאל הלוי זצ״ל. אָסטראָווצע איז געווען פול מיט גאוני התורה, מורי הוראות און דיינים, און אפילו סתם יידן, באַלעבאַטים, זענען געווען בקיאים און חריפים אין ש״ס און פוסקים. אָתא מיא וכבה לנירא... און מיט איינמאָל איז דאָס אַלעס פאַרניכטעט געוואָרן...

אין שטאָט זענען געווען עטלעכע און צוואַנציק חסידים שטיבלעך ווו מען האָט דריי מאָל אין טאָג געדאַוונט בציבור, געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און דעם דף יומי; דאָרט האָט מען עוסק געווען אין חסידות: יעדן שבת געמאַכט אַ קידוש, געטרונקען לחיים, געפּראַוועט בציבור שלוש־סעודתן, און מלווה מלכה׳ס, געפּראַוועט יאָרצייטן פון די פאַרשידענע רביים, געזונגען זמירות און מקיים געווען דעם עובד את ה׳ בשמחה וברננה. דער עולם פון חסידים שטיבל איז געווען ווי איין משפּחה. איינער האָט געהאָלפן דעם צווייטן מיט געלט־שטיצע, שוין אָפּגערעדט פון אַ גמילת־חסדל.

אין שטאָט זענען געווען צוויי ישיבות. די ערשטע איז געווען די נאָוואָראָדקער ישיבה „בית יוסף״ מיט אירע איבער צוויי הונדערט תלמידים, וועמען די שטאָט האָט אויסגעהאַלטן מיט עסן טעג. די עלטערע בחורים האָבן געגעסן אין אַן אייגענער קיך און געשלאָפן באַ פאַרשידענע משפּחות. די דאָזיקע ישיבה האָט פאַרנומען דאָס נייע בית המדרש און די צוויי קליינע בית המדרשלעך פון ר׳ יחזקאל שענער און ר׳ שלמה׳קעלע טשעשלער. דאָס אַלטע בית המדרש איז געווען פריי פאַר די שטאָטישע בית־מדרש בחורים. די ישיבה בחורים זענען מייסטן

בית ספר „יבנה״ של „מזרחי״



חדר „אור תורה" של „מזרחי"

געווען פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, און יעדע פאַמיליע איז געווען גליקלעך אויסצוהאַלטן אַ בחור מיט געבן עסן אַ טאָג אין דער וואָך אָדער גאָר אַ שבת. דער וואָס האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען צו געבן עסן אַ טאָג, ווייל זיי האָבן אַליין געהונגערט, האָבן אַריינגענומען אַ בחור צום שלאָפן, אַבי צו האָבן אַ מצווה.

די צווייטע ישיבה, „בית מאיר", אויפן נאָמען פון אַלטן אָסטראָווצער רבין, רבי מאיר יחיאל הלוי זצ"ל, האָט געהאַט ביי הונדערט און פופציק בחורים, וועלכע זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך די שטאָטישע באַלעבאַטים. די דאָזיקע ישיבה האָט מען גערופן „די חסידישע ישיבה". אין דער ישיבה האָט מען געלערנט גמרא מיט תוספת מיט אַלע מפרשים, ווי: ש"ך, ט"ז, קצות־החושן, פּני יהושע, שיטה מקובצת, חידושי הרי"ם, אָפּגערעדט פון מהרש"א, מהר"ם, מהרש"ל, רא"ש. מען האָט אויך געלערנט הילכות שחיטה און יורה דעה. אָנגעפירט מיט דער ישיבה האָט דער יונגער רבי ר' יחזקאלע, דער זון פון אַלטן רבין. ער פלעגט אַרויסגעבן סמיכת שוחטים און רבנים.

די אָסטראָווצער האָרעפּאַשניקעס האָבן כמעט ניט געהאַט קיין ברויט צו דער זעט, אָבער יעדן פרימאָרגן כעלות השחר איז מען געלאָפן דאַווענען בציבור אין בית המדרש און אָפטמאָל האָבן זיי נאָך צייט געהאַט אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. דאָס זעלבע איז געשען פאַרנאַכט, נאָכן ווערן אויסגעפּרוירן אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק, אויסקוקנדיק צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. אַזוי זיינען דער באַלעגאָלע, דער טרעגער, דער וואַסער טרעגער, אָדער גאָר דער שניידער, שוסטער און אַנדערע באַלעמעלאָכעס נאָכן טאָג אַרבעט געלאָפן אין די בתי מדרשים צו מנחה־מעריב. נאָך מעריב האָט מען זיך געזעצט צו די טישן, ווו מען האָט געלערנט „עין יעקב", „אורח חיים", אָדער גאָר דעם דף־יומי. יעדער איינער האָט שוין געהאַט זיין חברה און יעדע חברה האָט זיך געהאַט איר טיש ווו זיי האָבן געלערנט צוזאַמען יעדן פאַרנאַכט.

ווען עס איז געקומען אין שטאָט אַריין אַ מגיד האַלטן אַ דרשה אין אַלטן בית־מדרש, אַדער אין דער גרויסער שול, זיינען אַלע געקומען הערן דעם דרשן און יעדער

האָט אַרויסגעקראַצט די לעצטע פּאָר גראָשן אַריינצוּוואַרפן אין דער קערה פאַרן דרשן, וואָס איז געשטאַנען באַ דער טיר. אָפטמאָל האָבן די האָרעפּאַשניקעס ניט איבערגעלאָזט פאַר זיך קיין פּאָר גראָשן צו קויפן אַ שטיקל ברויט, אָדער עטלעכע זעמל און מילך פאַר די קינדער. „אויף מאָרגן וועט גאָט זאָרגן" — האָבן זיי באַ זיך געטראַכט...

שבת אינדערפרי זיינען אַלע בתי־מדרשים, די גרויסע און די קליינע, ווי אויך די גרויסע שול געווען אָנגעשטאָפּט מיט האָרעפּאַשניקעס און באַלעמעלאָכעס, וועלכע האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די וואָכעדיקייט. און היות ס'איז נאָך געווען פרי צום דאַווענען האָט מען דערווייל געשטעלט זאָגן תהילים בציבור מיט התלהבות. אויסער די בתי מדרשים און די גרויסע שול זענען אויך די חסידים־שטיבלעך געווען איבערפולט.

אין דער גרויסער תלמוד־תורה האָבן אָרעמע קינדער געלערנט גאַנץ אומזיסט. דאָרט איז געווען אַ לערער דער געלער אָשר פון באָדזעכאָוו. די קינדער האָט מען דאָרטן אויך געלערנט לייענען און שרייבן יידיש און פּויליש אין אויך חשבון. די תלמוד־תורה איז געווען אינמיטן שטאָט, אין מאַרק, אין וואַכנעס בית־המדרש, כדי עס זאָל זיין נאָענט פאַר די אָרעמע יידישע קינדער. דער מנהל פון דער תלמוד־תורה איז געווען ר' משה'לע אָרענשטיין (ר' משה הענעכס) און צווייטער מנהל איז געווען ר' ישראל גוטערמאַן (מאַרמע ביילעס); די מלמדים זענען געווען: ר' אליעזר, ר' שמעון מרדכי, ר' לייבל דער געלער, ר' חיים בנימין און ר' איטשע־מאיר.

אין תלמוד־תורה האָט מען אָנגעהויבן לערנען אלף בית מיט אַ דרדקי־מלמד און דערגאַנגען ביז גמרא. מיט תוספת. ווען מען האָט געענדיקט לערנען אין דער תלמוד־תורה איז מען מייסטן אַריין אין דער ישיבה „בית יוסף", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ישיבה קטנה און אַ ישיבה גדולה. אויסער דעם זיינען נאָך געווען אין שטאָט באַ אַ טוץ חדרים מיט זייער גוטע מלמדים, וועלכע האָבן געלערנט פריוואַט מיט קינדער פון פאַרמעגלעכע משפחות.

חבל על האי שופרא דבלי בארעא... חבל על דאבדין ולא משתכחין...

יחיאל רוזנברג

ישיבת המוסרניקים „בית יוסף"

אחרי המהפכה הסובייטית של 1917 הועמדו הישיבות הרבית שהיו בתחום רוסיה במצב קשה, כי השלטונות הסיבייטיים החדשים אסרו כל פעילות דתית בתחומיהם. לכן החליטו ראשי היהדות הדתית להעביר את הישיבות על אלפי הבחורים שבהן לפולין, שקמה אז לתחיה, ושבה נמצא הריכוז הגדול ביותר של יהודים בעולם.

הישיבה הראשונה שהועברה לפולין היתה זו של המוסרניקים, שהתמקמה בנובורדוק, פוליסיה, שעל גבול ברית המועצות. הישיבה נקראה „בית יוסף", על־שם ראש הישיבה המהולל ר' יוסף יויזיל. אחרי הנסיון הזה, שהצליח מעל למשוער, נפתחו סניפים רבים לישיבה זו במרכזים יהודים רבים בפולין, קודם בשטחי ליטא ופולסיה, ואחרי כן גם בפולין הקונגרסאית, ועד לוארשה הבירה.

יום אחד הגיעה לאוסטרובצה קבוצה של כעשרים בחורי־ישיבה מרוסיה, ובראשם שני אברכים: ר' ישראל רוזנברג ור' מרדכי שימאנוביץ, מיד עם הגיעם רצו כל אנשי העיר לחצר בית המדרש, שבה התמקמה קבוצת הבחורים, לראות את האורחים „המשונים", שכמיהם לא ראו מעודם. בעיקר עורר תשומת ליבם לבושם, שהיה דומה יותר ללבוש איכר ריסי מאשר ללבושו המסורתי של היהודי הפולני. במקום „הכובע היהודי" שהיה סימן היכר לכל יהודי פולין הקונגרסאית חבשו הבחורים האורחים כובעים פולניים עם מצחיות אריכות או מגבעות, שנחשבו בין יהודי פולין כלבוש „גויי". במקום „הקאפוטה" הארוכה של היהודי הפולני לבשו הבחורים מעילים קצרים כשמתחתם מציצות הציציות הארוכות המגיעות עד לברכיהם.

הקבוצה היתה מורכבת מבחורים מצטיינים, אך בעיקר התבלטו ביניהם שלושה, שהוכיחו בקיאות רבה בש"ס ובפוסקים, והם: צבי חאַרסונר, איסר זוואנקר ויצחק „בעל הכתם על הפנים". „החוט המשולש" הזה, כפי שנקראו בפי אנשי העיר, לקח חלק פעיל בניהול הישיבה ונחשבו לעמוד התווך שלה. הם גם הצטיינו בכוח שיכנועם ובכושר ההטפה מעל במת בתי הכנסת, ויהודי העיר היו באים בהמוניהם כדי להקשיב לדרשותיהם מעל

מכינה של ישיבת „בית יוסף"

במת בית המדרש. הודות למרצם הרב של ראשי הישיבה ו„החוט המשולש" התפתחה הישיבה בצעדים מהירים וכעבור זמן קצר הגיע מספר הלומדים בה למאתיים.

השתלבות הישיבה בחיי העיר היתה מושלמת. אופן אמירת התהילים ולימוד המוסר של בחורי הישיבה עורר התפעלות אצל כולם והשתפכות הנפש שלהם חדרה ללב היהודים הרבים, שנכחו במקום. עד מהרה הפכה הישיבה למרכז החיים הדתיים בעיר. אם היה חולה קשה בין יהודי העיר שהיה זקוק לרחמי שמים, היו פונים לישיבה, תורמים סכום כסף לצדקה, מדליקים נרות ובחורי הישיבה כולם הפסיקו את הלימודים ופתחו באמירת תהילים, שנגמרה ב„מי שברך" לחולה. אחרי אמירת תהילים כזו, שנעשתה בהתלהבות בלתי רגילה עד כדי שיכחה עצמית, היו כולם משוכנעים, שאם תבוא הישועה לחולה הרי היא תבוא לא מידי אברהמ'טשע החובש, ואף לא מידי הרופא ד"ר ווחודלר, אלא מידי הרשל חארסונר ובחורי הישיבה שלו.

בתקופה הראשונה התקשו בעלי הבתים של העיר לקיים את הישיבה, אשר למעלה ממחצית תלמידיה באו מן הערים בסביבה, ולפרנס אותה. מלחמת העולם הרא־שונה שאך זה נסתיימה, רוששה את יהודי העיר, שלא הצטיינו גם לפני כן בעושרם המיוחד, אך למרות זאת נעשו מאמצים כבירים כדי לספק את הבחורים במזון ובלבוש. הועד המיוחד שהוקם לצורך זה הטיל על בעלי הבתים ל„אמץ" לעצמם בחורי ישיבה, ולספק להם לפחות מקום לינה. נשי העיר, ובעיקר מן השכבות העממיות, לקחו על עצמן לכבס את בגדי הבחורים ולתקנם, כדי לתרום את חלקן במאמץ המשותף של יהודי העיר לקיים את הישיבה, שהוציאה את שם העיר לתהילה בסביבה כולה.

כעבור שנים אחדות כאשר התפתחה התעשיה בסביבה ובית החרושת שבעיר הגדיל את מספר פועליו והתחיל לעבוד בשלוש משמרות, שופר מצבם של יהודי העיר, וכתוצאה מכך שופר גם חלקם של בחורי הישיבה. בעלי הבתים הזמינו אותם לסעוד על שולחנם, ולפעמים עלתה הדרישה לבחורים על מספר הנזקקים, ובעיקר קרה זה בשבת, כשיהודי העיר נאבקו על זכותם לקחת הביתה בחור־ישיבה כאורח לסעודת שבת.

לאמיתו של דבר, היתה גם סיבה אחרת לכך, שיהודי



העיר התחרו ביניהם על אירוח בחורי הישיבה בבתיהם; בנותיהם של בעלי הבתים גדלו בינתיים והגיעו לפרקן, והישיבה נהפכה למקור עיקרי לחתנים, בעיקר לבנות המשפחות הדתיות, שהיו רוב מנין ורוב בנין של יהודי העיר. ואכן, בחורי ישיבה רבים שבאו מרוסיה ומן הערים הסמוכות השתקעו באוסטרובצה, אחרי שנשאו להם נשים מבנות העיר.

כעבור שנים אחדות פרץ סכסוך בין שני ראשי הישיבה, ר׳ ישראל רוזנברג ור׳ מרדכי שימאנוביץ, על השיטה שבה יש לנהל את הישיבה. ר׳ ישראל התנגד לשיטת המוסר׳ניקים שנוסדה על ידי רבי ישראל מסאַלאַנט, ושהיתה מבוססת על התבטלות היש ועל „טיפוס על הקירות". הוא רצה לסגל לה את שיטת ישיבות ליטא, כמו ראַדין ומיר, שהיתה יותר אנושית ופחות מנותקת מן החיים. במאבק זה היתה ידו של ר׳ ישראל על התחתונה, והוא נאלץ לעזוב את ישיבת „בית יוסף" ולעבור לעיירה קרובה, סטאשוב, בה יסד, יחד עם אחד הבחירים של „החוט המשולש", יצחק „בעל הכתם על הפנים", ישיבה חדשה. במשך הזמן נתמנה ר׳ ישראל רב בסטאַשוב ור׳ יצחק נעשה מנהל הישיבה במקומו.

אחרי עזיבתו של ר׳ ישראל נשאר ר׳ מרדכי מנהל יחיד של ישיבת „בית יוסף" באוסטרובצה. הוא מילא את תפקידו באמונה כל זמן קיום הישיבה, עד לחיסולה בימי הנאצים.

בשעת הגירוש הראשון של יהודי אוסטרובצה בידי הנאצים, התחבא ר׳ מרדכי יחד עם ילדתו היחידה שנולדה לו אחרי צפייה של עשר שנים, בעליה של בית הניה ברחוב דרילדזש. הגרמנים גילו את המחבוא. הם הפרידו בין הגברים, שהיו מסוגלים לעבודה, ובין ילדיהם, שהיו מיועדים להישלח לטרבלינקה. ר׳ מרדכי לא רצה למסור לידי המרצחים הגרמנים את הילדה והסתיר אותה תחת מעילו. אנשי ס.ס. שגילו אותה היו נאלצים להוציא אותה בכוח מידו. ירצחו איתה לעיני אביה. ר׳ מרדכי ירק בפני המרצחים וקילל אותם, כתגובה לכך ירו בו החיות הנאציית והוא נהרג במקום.

איסר בוימפעלד, ריא דע זשאַנעיראָ

דער אויפקום פון מאָדערנעם שול־וועזן

ווי אַ געבאָרענער אָסטראָווצער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אין דער שטאָט די בעסטע יוגנט־יאָרן, פיל איך אַ שטאַרקן ווילן צו דערציילן וועגן די גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס דער באַוווסטזיניקער טייל פון דער אָסטראָווצער יידישער באַפעלקערונג האָט געמאַכט צו מאָדערניזירן זיין דערציונגס־סיסטעם און עס צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון דער נייער צייט און די נייע באַדערפנישן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין אונדזער שטאָט ווי אין אַנדערע שטעט פון יידישן פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די יידישע קינדער אין אָסטראָווצע דערצויגן געוואָרן לויטן באַקאַנטן מוסטער. זיי האָבן אָנגעהויבן ביים דרדקי־מלמד, וואָס האָט מיט זיי געלערנט אלף־בית. שפּעטער זענען זיי איבערגעגאַנגען צום מלמד, וואָס האָט מיט זיי געלערנט חומש מיט רש״י. נאַכהער איז געקומען דער מלמד, וואָס האָט געלערנט גמרא, אָנהויבנדיק פון די „ארבעה אבות נזיקין״, איבערגייענדיק צו שווערערע מסכתות ווי „נדרים״. צו גמרא מיט תוספות און צו „יורה־דעה״.

איך דערמאָן זיך נאָך דעם דרדקי־מלמד פון מיין צייט ר׳ אשר־לייב, אַ הויכער ייד, אַ ברייט־פּלייציקער אין די 50־קער. געלערנט האָט מען ביי ר׳ אשר־לייבן אין אַ גרויסן סאַלאָן, אין וועלכן עס איז געווען איין לאַנגער טיש מיט צוויי בענק פאַר ר׳ אשרן און איין קלענערער טיש מיט צוויי בענק פאַר זיין געהילף אָדער בעלפער. צוזאַמען האָבן ביי ר׳ אשרן געלערנט אַרום 60 קינדער.

ביי ר׳ אשרן אין חדר, האָט נאַטירלעך נישט געפעלט דער טראַדיציאָנעלער פאַר יענער צייט קאַנטשיק, מיט וועלכן מ׳האָט געהאַלטן די קינדער אין פּחד.

חומש מיט רש״י האָט ביי אונדז געלערנט ר׳ אַביש. ביי ר׳ אבישן האָט מען שוין אויך געלערנט גמרא: בבא קמא, בבא מציעא, קידושין. ר׳ אביש האָט שוין נישט באַנוצט קיין קאַנטשיק, נאָר אַ מין ווירע, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט פון אַ דין ברעטל. אַ קלאַפּ מיט דער ווירע האָט נישט איינמאָל געמאַכט דעם קינד געשוואָלענע הענטלעך.

אַ העכערע מלמד איז ביי אונדז געווען ר׳ חיים, וועמען מען האָט גערופן חיים דער פּראָצענטניק. ביי אים האָבן אינגאַנצן געלערנט 8 תלמידים. ער האָט געלערנט גמרא מיט תוספות, די מסכתות פון די ימים־טובים. ער האָט אויך געלערנט לייענען אין דער ספר־תורה מיט טראָפּ.

ביי ר׳ חיימען האָט מען געלערנט דעם שיעור אינדערפרי און בייטאָג אַליין איבערגעחזרט. ר׳ חיים איז נאָכמיטאָג אָדער געשלאָפן אין זיין אַלקער, אָדער געווען פאַרנומען מיטן אויפנעמען די קליענטן, וואָס האָבן ביי אים גענומען הלוואות פון 5 ביז 10 רובל.

ר׳ חיים האָט נישט געהאַט קיין קאַנטשיק און נישט קיין ווירע. אָבער אַז ר׳ חיים האָט אָנגעדרייט די אויערן, האָט מען עס געפילט אויף אַ לאַנגע צייט. ער האָט אויך געהאַט אַנדערע אופנים צו באַשטראָפן די אומגעהאָרכזאַמע תלמידים. אַזאַ ייִנגל האָט געמוזט העלפן דער רביצן אין דער שטוב־אַרבעט אָדער גיין אין שליחותן.

בר־מצוה־ייִנגלעך האָבן ביי אונדז געלערנט ביי ר׳ עזריאלן. אַ קליין איינגעדאַרט יידל פון הויט און ביין מיט אַ שפּיציק בערדל. ר׳ עזריאל האָט זיין גאַנצע נשמה אַריינגעלייגט אין די תלמידים און זעלטן געגעסן צו דער זעט. זיין אַמביציע איז געווען, אַז זיינע תלמידים זאָלן קאָנען מיט כבוד זיך לאָזן פאַרהערן ביי די פּני־העיר. ביי ר׳ עזריאלן האָט מען געלערנט די מסכתא „נדרים״ מיטן פּירוש פון רמב״ן און „יורה דעה״.

די וואָס איך האָב דערמאָנט זענען נישט געווען די איינציקע מלמדים אין אָסטראָווצע. זיי זענען געווען די מייסטנס באַקאַנטע.

אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס עפּנטלעכע לעבן אין שטאָט איז געווען באַהערשט פון אַלטן לעבנס־סדר, האָט אין געהיים אָנגעהויבן אַריינדרינגען די השכלה. איך געדענק ווי איינמאָל האָב איך געזען אין בית־המדרש, ווו עס האָבן געלערנט די דערוואַקסענע בחורים יהושע ראָזענמאַן, ראובן האַלפּערן און שלמה נאַפּאַרסטיק, אַז מען באַהאַלט עפּעס אונטער די גמרות. דאָס האָט מיך אינטריגירט און איך האָב נישט גערוט ביז איך האָב זיך דערוווסט, אַז דאָס זענען די דאַמאָלס באַקאַנטע ביכער: „התועה בדרכי החיים״ און „קבורת חמור״ פון פּרץ סמאָלענסקין. עס האָט מיך צוגעצויגן און ביסלעכווייז בין איך געוואָרן נאָענט מיט די אויבנדערמאָנטע בית־המדרש־בחורים און זייערע פאַרמיטלער ביים איבערטראָגן פון איינעם צום צווייטן די „הצפירה״ און די יידישע און העברעאישע השכלה־ביכער, ווי „אהבת ציון״, „אשמת שומרון״, „אבן נגף״ או אַנדערע. די ביכער האָב איך מערסטנס גענומען ביי דעם סעקרעטאַר פון הערנעס קאַנטאָר, וועמען מען האָט אין אָסטראָווצע גערופן „דער פילאָזאָף״, ווייל

ער האָט ליב געהאַט צו רעדן פון רמב"ם און זיין „מורה נבוכים". דאַכט זיך, אַז ער האָט געהייסן חיים גינזבורג. די פרומע יידן האָבן אים גערופן „דער נשמה־כאַפּער"; פונדעסטוועגן ביי אַ בוררות און אין געשעפטס־ענינים האָבן זיי זיך געווענדעט צו אים און געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן רעספּעקט. אין יענער צייט בין איך אַלט געווען 14 יאָר.

צווישן די משכילים פון אונדזער שטאָט דאַרף מען פאַררעכענען מיין עלטער־פעטער זונדעלע בוימפעלד, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס מתנגד. מיין זיידע, ר' קלמן יאַשעס, זיין ברודער, האָט מיט אים קיין שלום נישט געהאַט. מיין זיידע, וואָס איז געווען אַ טיש־זיצער ביים גערער רבין, האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן גדאַנק, אַז זיין ברודער זאָל זיין אַ מתנגד. אין מיין פעטערס שטוב איז געווען אַ רייכע ביבליאָטעק און ביי אים אין הויז זענען באַשלאָסן געוואָרן פיל קהלישע ענינים פון אונדזער שטאָט.

בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין דער יידישער סביבה אין פוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַנט־וויקלען אַן אינטענסיוו קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן, האָט אויך דאָס לעבן אין אָסטראָווצע באַקומען אַן אַנדער פּנים. דער אָנהויב איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענער. אין יאָר 1914 איז געגרינדעט געוואָרן אַ גמילת־חסד־קאַסע, וואָס איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון זעלבסט־אַקטיווי־טעט פון דער נייער, אויפגעקומענער יידישער יוגנט. די קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן אין הויז פון דער פאַמיליע מינץ ביי דער מיטבאַטייליקונג פון דעם שרייבער פון די שורות. אין דער סביבה פון דער גמילת־חסד־קאַסע זענען שפּעטער אויפגעקומען נייע אינסטיטוציעס: אַ פאָלקס־ביבליאָטעק, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, „מזרחי", „פּו־עלי־ציון", פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלטלעכע שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס.

די גרינדער פון דער קאַסע זענען געווען: מעניע בלאַנקמאַן, די ברידער יחיאל און אליעזר פאַנצער, יחיאל האַלפּערן, זימל האַלפּערן, משה כץ, שמחה מינצבערג, מאיר ראָזענמאַן, א. קרוינגאָלד, יעקב וויינבערג און איסר בוימפעלד.

די אָרגאַניזאַציע „מזרחי" איז געגרינדעט געוואָרן דורך מאָטל שיינער, משה כץ, דוד בירנבוים, ראובן מאַנ־דעלבוים, אפרים כץ, לייביש האַלשטאַק, יהושע קופּערמאַן, אלימלך האַלפּערן, מרדכי־מאיר ניסקער, אברהם דוד קרוינגאָלד, יעקב קאַפּער, איסר בוימפעלד און אַנדערע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אברהם מלאך, לייזער סאָטינאָוויטש, אברהם יעקב מינצבערג, די ברידער יחיאל און אליעזר לעווי, די ברי־דער שמואל און עזרא באָמשטיין, שמחה מינצבערג, די ברידער בלאַנקמאַן, אליעזר מינצבערג, די ברידער יחיאל און אליעזר פאַנצער, יחיאל מאַלינאַק, יחיאל האַלפּערן, יחיאל וויינבערג און אַנדערע.

די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן דורך איציק בענקער, פייוול שטיינבאַק (געשטאָרבן אין בראַזיל), שמואל שאַרפשטיין, יצחק נוסינאָוויטש, הערש קודלאָוויטש, יאָסל פינקלשטיין, שמואל שפּייזמאַכער און איטשע לוסטמאַן.

דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן דורך אברהם שערצמאַן, איטשע זינגער, שמואל בייגלמאַן, ש. פישמאַן, א. גראַבער, י. פרומערמאַן, מאַרמטשע וועלמאַן, ראָזע טייטלבוים, אייזיק ביינערמאַן, וועלוול פּאַצאַנטעק און יצחק וואַגשאַל.

די דערמאָנטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן געשאַפן די באַוועגונג פאַר גרינדן מאָדערנע יידישע שולן אין אָסטראָווצע. די ערשטע מאָדערנע שול אין אָסטראָווצע איז געווען די תרבות־שול. אירע גרינדער זענען געווען: אברהם מלאך, א. י. מינצבערג, שמחה מינצבערג, יחיאל און אליעזר לעווי, א. י. מינצבערג, שמחה מינצבערג, יחיאל מאיר בלאַנקמאַן. דירעקטאָר פון דער שול איז געווען א. קעסטענבערג. עס האָט אים געהאָלפן אין דער אַרבעט זיין פרוי. אין דער שול האָבן געלערנט 120 קינדער.

נאָך דער תרבות־שול איז געגרינדעט געוואָרן די מזרחי־שול, אין וועלכער עס האָבן געלערנט 350 קינדער. פיל קינדער האָבן נישט געקאָנט אָנגענומען ווערן צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ. די גרינדונג פון דער שול איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטלעכן טוער משה לעדערמאַן, וואָס איז געווען לאַנגיעריקער פרעזעס פון מזרחי, לאַווניק אין שטאָט־ראָט, וויצע־פּרעזעס

פאלקס־שול "תרבות"

ערשטע יידישע תלמידים אין דער אסטראווצער מענער גימנאזיע

פון דער קהילה און ווען אַלע אין שטאָט האָבן געשעצט און ליב געהאַט. דירעקטאָר פון דער שול איז געווען א. ווינער, און אירע לערער זענען געווען: ערליך, שאַכער, ראַבינאָוויטש, רומיאַניק, מאַנדלבוים, ברידער זילבערבערג, טעמשע אייגער. אין קינדער־גאָרטן האָט געלערנט בלומע מושקעס און אַנדערע. עס איז געווען אַ יאָר, ווען די מזרחי־שול האָט צוליב דער דרינגענדער פאָדערונג פון עלטערן, מיטגלידער פון „מזרחי", אַריינגענומען ביז 380 קינדער, וואָס עס איז געווען איבער אירע מעגלעכקייטן און האָט דעריבער נישט געקאָנט אָנגעהאַלטן ווערן.

שפּעטער האָבן די „פּועלי ציון" געגרינדעט די „פאָלקס־שול", אין וועלכער עס האָבן געלערנט 150 קינדער, אונטער דער לייטונג פון די לערער זאַמיעט־שקאָווסקי, פּייוול שטיינבאַק און אַנדערע.

די נייע, מאָדערנע שולן האָבן געשאַפן גלענצנדיקע דערציאונגס־מעגלעכקייטן פאַרן יידישן קינד. די שולן האָבן געהאַט גוט צוגעפּאַסטע לאָקאַלן מיט דעם נויטיקן מעבל, מאַפּעס, בילדער און מכשירים. אין די שולן האָט מען זיך באַנוצט מיט די בעסטע פּעדאַגאָגישע דערציונגס־מעטאָדן. די שול איז געוואָרן פאַרן קינד די צווייטע היים. די קינדער האָבן ליב געהאַט די לערער, וואָס האָבן פאַר־שטאַנען ווי אַזוי צו געווינען דעם צוטרוי פון קינד. זיי זענען געגאַנגען אין שול אַריין מיט חשק. ביי די שולן זענען געשאַפן געוואָרן עלטערן־קאָמיטעטן און זענען ביי די געהעריקע געלעגנהייטן אָרגאַניזירט געוואָרן שול־ימים־טובים, אויף וועלכע עלטערן און קינדער האָבן צוזאַמען פריילעך פאַרברענגט.

די מאָדערנע שולן האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער צוגעצויגן דאָס יידישע קינד, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ שוואַכן ווילן צו גיין אין אָפּגעשטאַנענעם חדר. די פרומע רעליגיעזע יידן זענען דעריבער אויך געצוווּנגען געווען צו רעפאָרמירן זייערע דערציונגס־אַנשטאַלטן. עס אַנטשטייען דאַמאָלט מאָדערנע תלמוד־תורות, וווּ מען לערנט אויך וועלטלעכע קענטענישן און די קינדער טראָגן שול־אוניפאָרמען. די מאָדערנע תלמוד־תורות האָבן אָבער גע־האַט ווייניקער דערפאָלג ווי די מזרחי־שולן וואָס האָט געהאַט איר לאָקאַל אין צענטער פון שטאָט, גוטע לערער און גוטע איינריכטונגען. די מזרחי־שול האָט געשמ'ט מיט אירע קינדער־פאָרשטעלונגען און זי איז דערפאַר אָפט מאָל אַרויסגערופן געוואָרן אין די שכנישע שטעט, בכדי צו געבן די אָדער יענע פאָרשטעלונג.

די מאָדערנע דערציונג האָט זיך איינגעבירגערט אין אָסטראָווצע, ביז... היטלער ימח שמו האָט אַלעס חרוב געמאַכט...

החיים האידיליים והשקטים של הקהילה נסתיימו עם חדירת רעיונות חברתיים חדשים אשר ערערו את יסודות הדת שהדריכה בעבר את כל חיי הקהילה. בין הרעיונות השונים הצליחה במיוחד הציונות לחדור ללב הנוער היהודי בעיר הצמא לגאולה.

פלטיאל בריקמאַן

ווילטעטיקע יידישע אינסטיטוציעס אין שטאָט

אסטראָוועצע, געגנוי ווי אַלע אנדערע פּראָווינץ־שטעט אין פוילן, האָט זיך ניט ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט איר סאָציאַלן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָרעמקייט, דחקות און מאַנגל פון סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען געווען כמעט ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. וווינונגען, וווּ מען האָט געלעבט צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל קינדער אין איין צימער, העכסטנס מיט אַן אַלקער, און דאָס פעסל מיט וואַסער, די פאָמיניצע און דעם אויוון צו באַקן און קאָכן צוזאַמען מיט דער הרובע, זענען געווען אַ זייער נאָרמאַלע דערשיינונג אין די גאַסן פון דער אָרעמקייט.

צוליב די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, איז די קהילה געצוווּנגען געווען צו אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע ווילטעטיקע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן. מיר וועלן דאָ פּרוּוון פאַרצייכענען אייניקע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס און זייערע טעטיקייטן:

לינת הצדק

די אינסטיטוציע איז געווען אויף דער שענער גאַס. אָנגעפירט מיט דער אַפּטייק פון לינת הצדק האָט אַ מאָגער יידל מיט אַ שיטער געל בערדל, יחיאל יאַנאָווסקי. ער איז געווען כמעט אַ גאַנצער אַפּטייקער. געוווּסט וואָס צו געבן אַן אַלטן ייד קעגן זיין פאַרקילונג, אַן אָרעמע מאַמע פאַר אירע קינדער, וועלכע האָבן געמאָזלט, געהאַט פּאָקן, אָדער גאָר סתם אַזוי היץ; יידן זענען אויך געקומען נאָך אַ שטיקל וואַטע, אַ פלעשעלע יאָדינע.

ביקור חולים

די אויפגאַבע פון ביקור חולים איז געווען אַ פאַרצווייגטע: פון גיין נעכטיקן צו אַ שווער קראַנקן ביז אויסבאָרגן פאַרשיידענע מעדיצינישע אינסטרומענטן אין וועלכע דער קראַנקער האָט זיך גענייטיקט. עס איז געווען זייער אַ שווערע און הייליקע אַרבעט און יאַנקעלע הערצאָג איז געווען דער געטרייער אָנפירער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ צווייטע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך גערופן „גוט שבת, יידעלעך”. דאָס איז געווען אַן אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען באַזאָרגן אָרעמע משפחות מיט חלות אויף שבת. יעדן שבת אינדערפרי פלעגן צוויי יידן טראָגן באַ די אויערן אַ גרויסן קויש און מיטן „גוט שבת, יידעלעך!” האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין די יידישע הייזער און פון אומעטום האָט

מען זיי מיט פרייד אַרויסגעגעבן חלות, וואָס מען האָט עקסטראַ געבאַקן פרייטיק פאַר דעם צוועק. שמואל פּאַוואָזשניק מיט נאָך אַ יידן האָבן שוין געהאַט אַ חזקה אומצוגיין מיטן קויש און רופן: גוט שבת, יידעלעך!

גמילת־חסד קאַסע

כמעט יעדער האָט געדאַרפט אָנקומען צו דער גמילת חסד קאַסע, אָדער אַליין באָרגן געלט, אָדער געבן אַ זשירע פאַר אַ פריינד, אָדער אַ שכן. אין דער גמילת־חסד קאַסע האָט מען געבאָרגט פון 100 ביז 500 זלאָטעס און צוריק־צאָלן פלעגט מען די הלוואה אין וועכנטלעכע ראַטעס פון 1 ביז 5 זלאָטעס. עקיבא ראָסעט האָט געגעבן אַ שטוב צום דאַוונען אויף זיין הויף, אין דאָזיקן מנין איז זיך צונויפגעקומען דער קאָמיטעט פון דער קאַסע יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און יידן זענען דאָרט געקומען אָפּצאָלן זייערע ראַטעס. דער איינציקער וואָס האָט גענומען געצאָלט פאַר זיין אַרבעט אין דער קאַסע, איינציקע זלאָטעס אַ חודש, איז געווען יאָסל, מאָטל שאַמליס עלטסטער זון. דער לעצטער פרעזידענט איז געווען מענדל בריקמאַן און זיינע מיטהעלפער: פּיניע וואַטשאַרש שערמאַן, יאַנקעלע תרשיש, חנה רבקה׳ס איידעם און אַנדערע.

הכנסת אורחים

די דאָזיקע נאָבעלע מידה פון העלפן היימלאָזע און פאַר־וואָגלטע האָט זיך אַנגעזעען ווען די יידן פון קאָנינע זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין אָסטראָוויצע. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל האָט אויפגענומען די פּליטים ווי אייגענע ברידער. אין פאַל זאָל דערלויבט זיין דאָ ברענגען אַלס אילוסטראַציע: אַ פרוי, מאָנטשקע האָט זי געהייסן, איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק מיט איר שוועסטערס אַ טאָכטער און פון זייער מצב האָט מען גע־קענט פאַרשטיין ווי זי פילן זיך פּלוצים אַלס אויסגע־וואָרצלטע פון זייער היים און פאַרוואָרפן אין אַ שטאָט, וווּ זיי האָבן ניט קיין פריינד און קיין גואל. איז צו זיי צוגע־גאַנגען איינער פון די שטאָט באַלעבאַטים, יחזקאל וויינבערג, און זיי אַריינגעפירט צו זיך אין הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט צוזאַמען מיט זיין משפּחה ביז מען האָט זיי אַלע צוזאַמען אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

עפנטלעכע קיך

אין לאָקאַל פון „מזרחי״ האָט דער יידנראַט איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע קיך, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַרום 1000 מיטאָגן טעגלעך. אין דער אָנפירונג זענען געווען טעטיק: משה ליכט, חיים פישל סילמאַן, איטשע ווישליצקי, מענדל בריקמאַן און יהודה ראַטשימאָראַ.

ישיבות

אין שטאָט זענען געווען צוויי ישיבות. איינע האָט זיך גערופן „דעם רבינס ישיבה״ און זי איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די חסידים פון שטאָט און פון אַנדערע שטעט; די צווייטע האָט געהייסן „נאָוואָראָדקער ישיבה״ און די גאַנצע לאַסט פון אויפהאַלטן די ישיבה איז געפאַלן אויף די אָסטראָווצער יידן. די בחורים פון דער ישיבה האָבן געגעסן „טעג״ ביי די באַלעבאַטים פון שטאָט. אויסער דעם איז איין מאָל אין יאָר פאָרגעקומען אין די בתי מדרשים אַ ברויט־אַקציע און יעדער באַלעבאָס האָט זיך פאַרפליכטעט צו געבן יעדע וואָך אַ קילאָ, אָדער צוויי קילאָ, ברויט פאַר די ישיבה בחורים. די בחורים פון דער ישיבה האָבן געלעבט אַרום דעם אַלטן און נייעם בית־המדרש אין די שול. די דורכגייערס אויף סטאַרא קוניאָוו־סקאַ גאַס האָבן געהערט דעם באַרימטן מוסר־ניגון ביים לערנען. דער הילך פון די דאָזיקע בחורים האָט זיך ספּעציעל געוואָרפן אין די אייגן: אַ גרייסער שוואַרצער קאַפּעליוש, אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַן אָפן העמד, צע־כראַשטשעט...

אין אָסטראָוויצע זענען געווען נאָך קליינע הילפס־אינסטיטוציעס און אום פורים צו דער סעודה פלעגן אויסער די געוויינלעכע אָרעמע, אויסגיין פאָרלעך זאַמלען געלט פאַר הכנסת כלה און אַנדערע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן פונקציאָנירט אין שטעטל.

זאָלן מיינע דאָזיקע שורות זיין אַ לעבעדיקע מצבה פאַר דער הייליקער אַרבעט, וואָס די יידן אין אָסטראָוויצע האָבן געטאָן כדי צו קומען צו הילף מיט צדקה צו זייערע פאַראָרעמטע ברידער.

ח. פליישמאַן

„חבֿרא קדישא" פאַרלאַנגט אַ פּרייז

אין יאָר 1900, ווען מיין פאָטער, אלי יעקב פליישמאַן, איז דערוויילט געוואָרן אַלס ראש הקהל, איז די שול געווען כמעט אָן אַ דאַך און דאָס בית הקברות אָן אַ פאַרקן. קיין געלט איז נישט געווען אין דער קהלישער קאַסע.

מען דערציילט, אַז אין יענע יאָרן איז געווען איינגע־פירט, אַז די רעקרוטן, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן אין חודש חשוון, פלעגן באַקומען אַ פעלצל, אַ באַשליק און הענטשקעס. האָט איינער, אַ ראש הקהל דאָס ערשטע יאָר וואָס ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם אַמט, געקויפט פאַר די רעקרוטן די אַלע נייטיקע זאַכן. אָבער ווען דאָס צווייטע יאָר איז געקומען, האָט ער גאָרנישט געקויפט פאַר די רעקרוטן. האָבן זיי אים געפרעגט: פאַרוואָס האָבן די רעקרוטן פון פאַרגאַנגענעם יאָר באַקומען די אַלע זאַכן און מיר באַקומען גאָרנישט?

זיין ענטפער איז געווען: דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָב איך זיי ווירקלעך אַלץ געקויפט פאַר קהלס געלט. אָבער איך האָב אויסגעפונען, אַז קהלס געלט איז מיין געלט. טאָ ווי קענט איר פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל אַוועקגעבן מיין אייגן געלט?

אין אַזאַ צושטאַנד איז געווען די קהלישע קאַסע אין דאָס פירעכץ. אַזוי ווי אין יענע יאָרן האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָט „עמך" דער פּראָסטער עולם, די שניידערס, שוסטערס, סטאָליאַרעס, און קצבים זיך אָרגאַניזירט אין באַשלאָסן: געגונג מיט ר' חיים שמואלס, מיט ר' הערצעלע מיוחס אַלס אונדזערע פאָרשטייער. מירן אויסקלייבן אַן אייגענעם מענטשן, אַ „נאַש בראַט". אין דעם יאָר איז מיין פאָטער אלי יעקב געוואָרן ראש הקהל. ער האָט באַלד געוואָלט מאַכן אַ דאַך איבער דער שול אין אַ פאַרקן אַרום בית־הקברות. אָבער אַזוי ווי מיין פאָטער האָט געפונען אַ ליידיקע קאַסע, איז אויסגעקומען צו וואַרטן ביז ווער פון די רייכע וועט שטאַרבן און דעמאָלט קריגן די נויטיקע סומע. אין דעם זעלבן יאָר איז קראַנק געוואָרן חנה אברהמלעס, אַ רייכע פרוי, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער. דאָ האָט קהל גערעכנט אַריינקריגן דאָס געלט.

פסח ביים אָפּריכטן דעם סדר, קלאַפּט מען אין פענצ־טער. מיר האָבן זיך דערשראָקן, און מיין פאָטער פרעגט: ווער איז דאָס? אין דעם ענטפער האָבן מיר דערקענט די שטימע פון אברהמ'לע ראַטשימאָרע. ער האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז חנה אברהמ'לעס איז געשטאָרבן.

צומאָרגנס איז געקומען יאָסל זעליקס. אַזוי ווי ער איז געווען אַ קרוב פון חנה אברהמ'לעס, האָט ער געפאָ־דערט פון מיין פאָטער אַ דערלויבעניש צו באַערדיקן די פאַרשטאָרבענע.

דער ענטפער איז געווען, אַז עס וועט קאָסטן פיר טויזנט רובל, ווייל זי לאָזט נישט איבער קיין קינדער, נאָר אַ גרויסן פאַרמעגן, איז גאַנץ יושרדיק, אַז מען זאָל פאַר דעם געלט מאַכן אַ דאַך צו דער שול און אַ פאַרקן צום בית־הקברות. יאָסלס ענטפער איז געווען, אַז ער איז וויליק צו געבן 500 רובל, אָבער פיר טויזנט איז אוממעג־לעך און האָט געדראָט, אויב ער וועט נישט קריגן קיין דערלויבניש פון מיין פאָטער, וועט ער זיך ווענדן צום נאַטשאַלניק פון קרייז און מאַכן אַן אָנקלאַגע, אַז דער ראש הקהל וויל פיר טויזנט רובל פאַר אַ דערלויבעניש צו באַערדיקן אַ פאַרשטאַרבענע פרוי. דאָס האָט געשמעקט מיט מסירה אין טורמע.

ער האָט באַלד טעלעגראַפירט קיין אָפּט און דער נאַטשאַלניק לאַפינאָוו איז גלייך געקומען קיין אָסטראָווצע און פון מאַגיסטראַט האָט ער געשיקט רופן מיין פאָטער.

אַריינקומענדיק אין מאַגיסטראַט איז דער נאַטשאַלניק אַרויס מיט אַ געבייזער אויף דעם רוסישן שטייגער און געפרעגט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט פאָדערט מיין פאָטער פיר טויזנט רובל? ווען, לויט דעם געזעץ איז דער פּרייז צען רובל ערשטע קלאַס, פינף רובל צווייטע קלאַס און 2.50 רובל דריטע קלאַס.

מיין פאָטערס ענטפער איז געווען: „איך פאַרלאַנג נישט מער ווי די צען רובל פאַר דעם קבֿר. אָבער מיר יידן האָבן אַ געזעץ, אַז איידער מען באַערדיקט דעם מת, מוז מען אים אַרומוואַשן און צוגרייטן צו דער קבֿורה. דערויף איז דאָ אַ „חבֿרה קדישא", און פאַר דער אַרבעט פאַרלאַנגען זיי פיר טויזנט רובל".

דער נאַטשאַלניק, הערנדיק די געשיכטע, האָט באַפוילן צו ברענגען אין מאַגיסטראַט דעם ראש פון די „חבֿרה קדישא". מען האָט גערופן אלי שאַכער. ווען דער נאַטשאַל־ניק האָט געזען די פיגור זיינע: אַ ייד, הויך ווי אַ דראָנג, איין אויג האָט געקוקט צו מזרח און דאָס צווייטע צו מערבֿ, די הלבשה ווי טוביה דער מילכיקער, מיט אַ גרויסן שטעקן אין איין האַנט און אַ טאַבאַק־פושקע אין דער צווייטער האַנט, אַ גרויסע פאַטשיילע האָט אַרויסגע־האָנגען פון דער קעשענע פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע,

וואָס האָט געהאַט קאָלירן ווי פון אַ רעגנבויגן, האָט ער אָנגעהויבן לאַכן און געזאָגט צו מיין פאָטער: „פאַר פיר טויזנט רובל וועל איך דיר ברענגען דעם גרעסטן מעדיצין־פּראָפעסאָר פון פּאַריס אָדער בערלין, און דער ייד וויל פאַר אַזאַ נישטיקער אַרבעט אַזאַ גרויסע סומע?" ער האָט געפרעגט ביי אלי שאַכער, ער זאָל אים דערקלערן וואָס פאַר אַן אַרטיסטישע אָפּעראַציע ער דאַרף מאַכן עס זאָל דארפן קאָסטן אַזאַ גרויסע סומע?

אלי׳ס ענטפער איז געווען, אַז ער זעלבסט האָט מיט דער דאָזיקער אַרבעט גאָרנישט צו טון, ווייל ווען אַ פרוי שטאַרבט האָט די חברה קדישא אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשטייט פון אַכט פרויען און זיי טוען די אַרבעט. זיי זענען עס די יעניקע, וואָס פאַרלאַנגען די סומע.

דער נאַטשאַלניק האָט גלייך געשיקט נאָך די פרויען. ווען די גאַבעטעס, ווי די לאַנגע שרה די טיקערן, די שוואַרצע פייגע, די לאָמע רבקה, די בלינדע רויזע און די טויבע איטע אא״וו האָבן אַריינמאַרשירט אין מאַגיסטראַט אַריין, האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט מיין פאָטער מיט אַ געבייזער: „ווי וואַגסטו צו מאַכן שפּאַס פון מיר? איך קען עס נישט גלויבן, אַז די אָרימע פרויען, זאָלן האָבן אַ השגה צו פאַרלאַנגען פיר טויזנט רובל". ער האָט געפרעגט ביי די גאַבעטעס, אַז זיי זאָלן אים זאָגן צי דאָס איז ריכטיק?

איינע פון די פרויען האָט אויף אַ צעבראָכענעם פויליש געענטפערט: „אונדזער אַרבעט באַשטייט פון ריניקן און וואַשן דעם מת און אויפנייען די תכריכים. ניינציק פּראָצענט טוען מיר די אַרבעט בחינם. מיר באַקומען נאָר דעמאָלט באַצאָלט, ווען עס פּאַסירט, אַז עס שטאַרבט אַ רייכע פרוי און לאָזט נישט איבער קיין קינדער. דעמאָלט ווילן מיר האָבן באַצאָלט פאַר אונדזער אַרבעט".

די ענדע פון דער געשיכטע איז געווען, אַז דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט צו יאָסל זעליקס: באַגראָבט אייער קוזינע זעלבסט, אָן די יידישע צערעמאָניעס און עס וועט דיר גאָרנישט קאָסטן. און ווען איר ווילט האָבן די אַלע יידישע צערעמאָניעס, קען איך די פרויען נישט צווינגען זיי זאָלן טון די אַרבעט אומזיסט".

זיי האָבן באַצאָלט די סומע. און ווי מיר אלע געדענקן, האָט מען געמאַכט אַ בלעכענעם דאַך צו דער שול און אַ פּאַרקן צום בית־הקברות.

אליעזר קופּערמאַן

פּאַרטייען און חברות אין שטאָט

די עלטסטע חברה אין שטאָט איז געווען די חברה קדישא, זי איז באַשטאַנען פון ערלעכע בכבודיקע יידן פון אַלע שיכטן. מרדכי נעשעס, דער צעלניק סוחר, אָפּשטאַמער פון דורות לומדים, לובלינער חסידים, איז אַלע יאָרן געווען דער גבאי.

געווען אויך אַ חברה משניות, אַ חברה תהילים און אַ חברה לינת הצדק. די חברה לינת הצדק פלעגט שיקן מענטשן נעכטיקן בא קראַנקע, אָן אונטערשייד, צי אָרעם, צי רייך און צו נויטבאַדערפטיקע פלעגט זי אויך ברענגען רפואות פאַרן קראַנקן, אָפּט אויך וועש אויף צו האַלטן דעם קראַנקן ריין. די דיזשורנעס פון לינת הצדק האָבן גענעכטיקט ביי די קראַנקע כדי די שטוב־מענטשן זאָלן זיך קענען אויסרוען און קענען אומגיין אַרום קראַנקן באַטאָג. בכלל פלעגן די שליחים פון לינת הצדק אַריינברענגען אין הויז פון חולה אַ געפיל, אַז זיי זענען ניט פאַרלאָזט און עס דאָ ווער עס זאָרגט פאַר זיי. אָפּט איז דער דאָזיקער באַזוך פון לינת הצדק כמעט געווען אַזוי ווי אַ רפואה פון אַ דאָקטאָר.

די פרויען פלעגן זיך אָפּגעבן מיט די קראַנקע פרויען און דערצו פלעגן זיי נאָך ברענגען הייסע געקעכץ, פרישע יויך, פּאָמעראַנצן און אַנדערע מאכלים אויף צו דערקוויקן דאָס האַרץ פון קראַנקן און אויך פון דער משפחה. דעם דאָזיקן איידעלען מנהג פון העלפן איינער דעם צווייטן אין אַזעלכע פאַלן, האָבן די לאַנדסלייט אין ניו־יורק באַלד נאָכגעטאָן אין זייער נייער היים. איידער עס איז נאָך געווען אַ רייד פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון אָסטראָווצע, האָבן די אָסטראָווצער אין ניו־יורק איינגעפירט דעם שיינעם מנהג פון לינת הצדק און דאָס זעלבע האָבן נאָכגעפאָלגט די לאַנדסלייט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין שטאָט איז געווען די יידישע פּ.פּ.ס., די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זי האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין 1903 און איז געגרינ־

דעט געוואָרן דורכן אַסימילירטן ראָדעמער ייד פרענקל, וואָס איז געווען אַ בוכהאַלטער אין באַנק פון יאָסעלע פעפער.

אין אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג בין איך דאָס ערשטע מאָל געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די יידישע פ.פ.ס אין וואַלד. שמואל גראַזדעי, אַ געגריוועטער שוסטער, וואָס האָט געאַרבעט אין וואַרשע, האָט מיר אַ נעם געטאָן גאַנץ אומדערוואַרטעט מיט זיינע שטאַרקע הענט, אַרויפגעשטעלט אויף אַ פּיען פון אַן אָפּגעשניטענעם בוים און געהייסן רעדן צום עולם אויף יידיש. זיין פאַרשטעלן מיר איז געווען אומגעפער אַזוי:

— זאָל דער געוועזענער בית־המדרשניק, אליעזר משה׳ל פנחסעס, רעדן צו אונד סאָציאַליסטן אויף יידיש און אונז אויפקלערן ווי אַזוי צו באַפרייען פוילן פון די הענט פון רוסישן פאַרהאַסטן צאַר ניקאָלאַיקע; ווי אַזוי איינצופירן באַ אונז דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

איך, אַן אויסגעדאַרט ייִנגל, נאָר וואָס אַראָפּ פון די בית־המדרש בענק, האָב, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען מיט אַלע דערמאָנטע פאָדערונגען פון מיין „פּראָטעקטאָר״ און דאָס אַלעס האָב איך אויסגעטייטשט אויף יידיש אין פשטלמעסיק געבראַכט פסוקים פון פרקי אבות, דורך וועלכע איך האָב באַוויזן, אַז עס איז גאָרנישט נייטיק קיין מלך ער זאָל אונטערדריקן דאָס פוילישע פאָלק און אויך די יידן. דערביי האָב איך באַוויזן, אַז ווען דאָס פוילישע פאָלק וועט באַפרייט ווערן וועלן אויך די יידן זיין פריי. ווי משה רבנו האָט באַפרייט די יידן פון שקלאַפעריי אין מצרים און איז געגעבן מן צו עסן אין דער מדבר. פאַר אונד איז דער מן דאָס וואָס מיר וועלן אויסקעמפן אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין דערווייל זאָלן מיר נאָר אַרבעטן פון זיבן אינדערפרי ביז זיבן אינאָוונט און ניט ווי ביז איצט — פון פרי ביז צוועלף באַנאַכט און דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט.

מיין רעדע, וואָס איז געווען אַ געמיש פון מאָדערניזם און מגידות, איז ווייזט אויס געפאָלן דעם עולם און די לערייִנגלעך און עלטערע אַרבעטער האָבן מיר אויסגעקליבן אַלס זייער פאָרשטייער. פרענקל איז געווען דער פאַרבינדער צווישן פוילישן מיטן יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן געקראָגן פון ראַדאָם פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין געהיים אין אַלע וואַרשטאַטן.

איך האָב שוין דאַמאָלסט געלערנט זייגערמאַכעריי באַ שלום זייגערמאַכער אין טומאה־געסל און פלעג יעדן שבת נאָכן טשאָלענט לערנען מיט די לערייִנגלעך סאָציאַליסטישע פרומקייט אין וואַלד. די עלטערע באַלעמלאָכעס פלעגן באַ הינדל רויזעס טרינקען ביר און אַנדערע זענען געגאַנגען אין נייעם בית־המדרש הערן ר׳ יאָשען אויסטייטשן אויף יידיש אַ קאַפּיטל „עין יעקב״. די קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען אין אָוונט פלעגן מיר אָפּהאַלטן באַ מאַניעלע, ליפּע אָסטראָווקער׳ס טאָכטער. אַ פאַרפּוילישטע, געלערנט אין אַ פויליש־פּריצישן פּענסיאָנאַט, פלעגט זי אונדז אין די אָוונטן אַריינלאָזן אין איר רייכער דירה צו האַלטן די זיצונגען פון קאָמיטעט. אין דער דאָזיקער רייכער דירה אויסערן שטאָט זענען מיר געווען זיכער פון אַ „גוט אויג״ פון די רוסישע זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן געלויערט אויף די רעוואָלוציאָנערע קראַמאָלניקעס. אָפט זענען צו די דאָזיקע זיצונגען געקומען פאָרשטייער פון אַנדערע פאַרטייען, פון „בונד״, ס.ס. און „פּועלי ציון״, פון וואַרשע און ראַדאָם. נאָר מיר האָבן נישט דערלאָזט גרינדן קיין שום אַנדערע פאַרטיי.

אין 1905, אין די געציילטע פרייע טעג, האָט אונדזער פאַרטיי פאַקטיש רעגירט אין שטאָט. עס איז איינגעפירט געוואָרן מיט געוואַלד דער 12 שעהדיקער אַרבעטס־טאָג — פון זיבן ביז זיבן: אין מאַרק זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פרייע פאַרזאַמלונגען. מאָטל פוקס אַן אייניקל פון אַפּטער רב, האָט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיי אַרבעט. נאָך זיין אַרעסט האָבן די פוילישע טעראָריסטישע גרופּן געשאָסן עטלעכע יידן אין שטאָט וועמען מען האָט חושד געווען אין מסירה. פון די פאַרטיי־טוער זענען אַסאַך אַוועק קיין וואַרשע און די רוסישע רעאַקציע האָט געבושעוועט אין פוילן.

אין 1907 בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע און געזעסן אין בריסקער פעסטונג. אין 1909 האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן אַרעסטן אין פוילן און דאַן האָט מען אַרעסטירט כמעט אַלע אָסטראָווצער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שטעטל. אין מען האָט זיי געפירט מיטן עטאַפּ קיין ראַדאָם. אין דער ראַדאָמער טורמע האָב איך דאַמאָלסט שוין געטראָפן אַרום דרייסיק אָסטראָווצער. מיר האָט מען „בכבוד גדול״ אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, באַגלייט פון צוויי זשאַנדאַרמען, געבראַכט אין ראַדאָמער טורמע, צוזאַמען מיטן פּראָוואָקאַטאָר, יעקב הערשעלע דער קאַמאַשנמאַכער.

די זשאַנדאַרמעריע פון צאַר האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ פּאָליטישן פּראָצעס. נאָר היות ווי אין די דאַמאָלסטיקע צאַרישע צייטן האָט נאָך עקסיסטירט אין רוסלאַנד יורידישע יושר און געזעצגעבונג און לויטן געזעץ איז קיין פּאָליציי פּראָוואָקאַטאָר ניט געווען באַגלייבט אַלס עדות, האָט מען אונדז באַפרייט צוליב מאַנגל פון באַווייזן און געשטעלט אונטער פּאָליציי אויפזיכט. אין 1910 האָט מען אויך אַרויסגעלאָזט, עליע באַקסנבוים. איך האָב אים באַגעגנט אין טאָראָנטאָ צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַמאָליקע אַרעסטירטע אין ראַדאָמער טורמע, צווישן

זיי דעם אַלטן טורעק, אַ פרומער איש תמים, וואָס איז אומשולדיקערהייט געזעסן אין טורמע צוליב אַ מסירה פון מסור אברהמעלע ראַטשיעמאָרע, וואָס האָט זיך סתם איזדיעקעוועט און נוקם געווען אין אומשולדיקע יידן צו־ליב פערזענלעכע טעמים.

דעם דאָזיקן מוסר האָבן די פוילישע טעראָריסטן געפּרוּווט דערשיסן, זיי האָבן אים אָבער בלויז פאַרוווּנדעט. ערשט ווען די פילסודסקי לעגיאָנערן זענען אין 1915 אַריין אין שטאָט מיט דער עסטרייכישער אַרמיי, האָבן זיי אים בפני כל עם ועדה דערשאָסן אינמיטן מאַרק. דאָס איז געווען דער איינציקער מוסר אין אָסטראָווצע. די אַנדערע דערשאָסענע יידן, וועמען די טעראָריסטן האָבן דערשאָסן אונטערן פאַרדאַכט פון מסירה זענען פּאַקטיש אומגעקומען אַלס רעזולטאַט פון רעוואָלוציאָנערן ווירוואַר פון יענער צייט. די אָסטראָווצער יונגע רעוואָלוציאָנערן האָבן ניט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין פאַררעטערס. גאַנץ מעגלעך, אַז עס האָט משפיע געווען אויף דער דאַמאָלס־טיקער יוגנט די הייליקע געשטאַלט און לויטערע פערזענ־לעכקייט פון רב און רבי, ר' מאיר יחיאל ז״ל.

★

עלף יאָר נאָכן אויסוואַנדערן פון שטעטל, אין 1921, בין איך געקומען אויף אַ באַזוך אין שטעטל. עס זיינען געווען די שווערע יאָרן פון אינפלאַציע און פון נגישות און רדיפות פון דער פוילישער סאַנאַציע רעגירונג. דאָך האָב איך געטראָפן אין שטעטל אַ רייך קולטורעל לעבן און פאַרשידענע פאַרטייען פון די גאָר פרומע ביז די עקסטרעם לינקע קרייזן. אויף אַ צוזאַמענקום פון די לינקע פועלי־ציון האָב איך באַוווּנדערט דעם טיפן וויסן און אינטעליגענץ פון די באַטייליקטע.

די מאָדזשיצער חסידים האָבן שוין דאַן געהאַט געגרינדעט אַ גרופּע עולה צו זיין קיין ישראל, דאָס איז געווען די גרופּע וואָס האָט געגרינדעט כפר אתא נעבן חיפה. ווי מ'האָט דאַן דערציילט אין שטעטל האָט זיי דער אָסטראָווצער גאון און צדיק הדור געבענטשט און דער־מוטיקט זיי זאָלן עולה זיין און זיך באַזעצן אין ישראל. מיט זייער מסירת נפש און אַרעמע מיטלען, האָבן זיי געהאָלפן איינער דעם אַנדערן ביז אַלע חברים פון דער גרופּע זענען עולה געווען און זיך באַזעצט אין ישראל.

אייזיק ביינערמאַן, טאָראָנטע

דער אנהייב פון דער סאציאליסטישער באוועגונג

אָסטראָווצע האָט מען אי באַזונגען, אי באַוויינט אין משך פון די פאַרלאָפענע יאָרן. ווען איך האָב נאָך געלערנט ביים רבין, נחמיה דעמסקי, איז אָסטראָווצע באַשטאַנען פון אַ גרויסן מאַרק, נישט ברוקירט, מיט הינטער־געסלעך, אַ טומאה־באַרג, ווו די ווייבער פלעגן נעמען זאַמד אָנצו־שיטן אין די הייזער אויף שבת; די שול און דער באַרג הינטער דער שול, ווו די יידענעס פלעגן וואַרפן זייערע מיסט, פאַר וועלכן זיי האָבן ניט געפונען קיין בעסער אָרט; דער באַרג פון הינדל רויזלס ביז צו שלאָמקע סטאָלאַרזש'ס באַרג און ביז צום טייך, ווו עס האָט געוווינט די יידישע אָרעמקייט פון שטעטל. דאָס איז געווען אַרום די יאָרן 1905—1906.

עס האָבן געזונגען אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט צו 16 שעה אַ טאָג: עס האָבן געזונגען די חסידים ביים רבין און עס האָבן אויך געזונגען בית המדרש־ניקעס זייער ניגון ביז אין די שפּעטע שעהן אין דער נאַכט.

ביזן פינפטן יאָר איז דאָס שטעטל געמיטלעך געשלאָפן ווי אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך. נאָר מיטן אָנקום פון פינפטן יאָר האָבן אָנגעהייבן בלאָזן נייע ווינטן. דער אַרבעטער האָט פאַרלוירן די מורא פאַרן באַלעבאָס און פאַרן צאַר און מען האָט דאַן געזונגען נייע לידער. אָט די דאָזיקע נייע לידער האָבן ניט געשמעקט דעם צאַר און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די כוואַליעס אַרעסטן פון אַרבעטער און אַ טייל פון קליינבירגערטום האָט מיטגע־האָלפן די צאַר־ישע מאכט. עס זענען געווען פול די טורמעס און פיל זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און אויף קאַטאָרגע.

איך מיט מיין ברודער, שמאי, האָבן זיך אויך געפונען צווישן די אַרעסטירטע און מיר זענען אָפּגעזעסן צוויי און אַ האַלב יאָר אין טורמע און דריי יאָר געווען פאַרשיקט אין סיביר. מיר זענען דאָרטן נישט געווען אַליין, עס

זענען געווען מיט אונדז פאַרשטייער פון אַלע פעלקער, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטערן צאַרישן יאָך.

בעת די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך געענדיקט, זענען אַנטשטאַנען נייע מלוכות פון צווישן די פעלקער, וועלכע האָבן פריער געשמאַכט אונטער דער הערשאַפט פון צאַר, צווישן זיי איז אויך געווען פוילן. אין דער ערשטער צייט נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן, בעת ס׳זענען באַ דער מאַכט געשטאַנען די פּ.פּ.ס., האָבן זיך געגרינדעט אַרבעטער קלובן, פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פון רעכטע און לינקע און אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, וועלכע האָט דערפירט אַז די באַלעבאַטישע טאַטנס זינדלעך זאָלן זיך גיין לערנען פאכן און זיך גרייטן אויסוואַנדערן און אַרבעטן אין ארץ ישראל.

ווען ס׳זיינען געקומען צו דער מאַכט די פּאָלאַקן, האָט אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן דער אַנטיסעמיטיזם און אין רשע האָט געזוכט איבערצישטייגן דעם צווייטן אויפן חשבון פון אָרעמען יידישן קרעמער און באַלעמעלאָכע.

חשבוין פון אָרעמען יידישן קרעמער און באַלעמעלאָכע. עס איז אויפגעשטאַנען גראַבסקי מיטן סיסטעם פון שטייערן, פאַר וועלכע ער האָט צוגענומען די צעבראָכענע בעטן פון אָרעמען יידישן קרעמער; פאַר די יידישע געוועלבלעך האָט מען אַוועקגעשטעלט סטודענטן צו זעען עס זאָלן קיין פויערים נישט קויפן באַ יידן; זיי האָבן אויפגעעפנט „ספּולקעס”, קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער, און געפּרעדיקט אין די קירכעס מען זאָל ניט קויפן באַ יידן, כדי די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן זאָלן אויסוואַנדערן קיין ישראל.

די מאַכט האָט אָרגאַניזירט אַ געהיים־פּאָליציי אויפן שטייגער פון דער אַמאָליקער אָכראַנע און יעדן אַרבעטער האָבן זיי געשטעמפּלט אַלס קאָמוניסט. די טורמעס זענען ווידער געווען פאַרפולט מיט יידישע אַרבעטער און מיטגלידער פון די לינקע פאַרטייען. ווער עס האָט נאָר געהאַט אויף הוצאות איז אַוועק פון פוילן וווהין ער האָט נאָר געקאָנט. אומגעשטערט איז נאָר געווען טעטיק די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס איז אַנטשטאַנען די חלוצים באַוועגונג, וועלכע האָט אַריינגעשריבן אַ הערלאָיש קאַפּיטל אין לעבן פון אונדזער שטעטל — אָסטראָווצע.

איסר בוימפעלד ריאָ־דע־זשאַנייראָ

ס׳בלאזן נייע ווינטן

אָסטראָווצע, אַ שטאָט מיט אַ באַן־סטאַציע אין קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט, איז באַקאַנט געווען צוליב דער גרויסער אייזן־פאַבריק, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט 24 טויזנט מאַן אין דריי שיכטן. אין שטאָט האָבן געלעבט 17.000 יידן.

אָסטראָווצע איז זייט דעם ערשטן וועלט־קריג אין 1914 געוואַקסן מיט אַ שטאַרקן פאַרנעם. אין שטאָט זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קרייזן, ביבליאָטעקן, שולן, דראַמעקרייזן, כאָרן און אַנדערע.

דאָס האָט אויך געגעבן דעם אימפּולס צו פאַרוואַנדלען די אַלטע חדרים מיט מלמדים און באַהעלפערס אין מאָדערנע חדרים — תלמוד־תורה׳ס. גלייכצייטיק האָבן עקזיסטירט ישיבות, חסידים־שטיבלעך און בתי־מדרשים מיט שיעורי־בוקר און שיעורי־ערב.

די יידישע האָרעפּאַשניקעס האָבן אָנגעהויבן זייערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט נאָך אין דעם יאָר 1905 אין דער רעוואָלוציאָנערן באַוועגונג קעגן דעם רוסישן צארישן רעזשים. אייניקע פון זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר זייער אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט.

די שטאָט אָסטראָווצע איז געווען כמעט אַ ריין יידישע. אין אַלע פיר קאַנטן פונם מאַרק זענען געווען יידישע הייזער. אין די הויפּט־גאַסן האָט זיך זעלטן באַזעצט אַ קריסט. 70 פּראָצענט פון דער יידישער אָסטראָווצער באַפעלקערונג האָט געצויגן איר פרנסה פון האַנדל; 20 פּראָצענט פון מלאכה, ווי שוסטערס, שניידערס, בעקערס, סטאָלערס, גלעזערס, שמידן, בלעכערס, בוי־אַרבעטער און אַנדערע; 10 פּראָצענט זענען געווען כלי־קודש, מלמדים, לערערס, אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפּטייקערס און אַנדערע.

די איבערוויגנדע צאָל יידן אין אָסטראָווצע איז געווען שטאַרק רעליגיעז. איך וויל דערמאָנען אַ פאַקט פון מיין פעטער, דודל בוימפעלד (דודל קלמן יאָשעס, באַקאַנט אַלע אָסטראָווצער), דער אָנפירער פון די שומרי־שבת. יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכטצינדן, איז ער אַרויס־

געגאַנגען מיט זיין חברה אין שטאָט און געפּאָדערט צו פאַרמאַכן די געשעפטן און אַ סך מאָל געמאַכט שאָדנס אין די ראַזורעס, וואָס האָבן געשוירן אָדער געגאָלט די בערד אַביסל שפּעטער אין דער נאַכט אַריין. מאָנטיק אין דער פרי האָט ער באַצאָלט פאַר אַלע שאָדנס. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט פיל מאָל.

דער יונגער דור האָט געשאַפן נייע וועגן אויף אָפּצושאַפן די אָפּגעשטאַנענקייט אין שטאָט. אין יאָר 1914 איז פאָרגעקומען די ערשטע יוגנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין מינצעס בית־המדרש, אין וועלכער עס האָט אָנטיילגענומען דער שרייבער פון די שורות. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט איז געשאַפן געוואָרן אַ גמילות־חסד־קאַסע, בכדי אַרויסצוהעלפן די האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן נישט געקענט אויסצאָלן דעם וועכנטלעכן געהאַלט זייערע געזעלן, ווייל דער בעל־הבית איז געווען אין באָד, אָדער גלאַט געשלאָפן נאָכן מיטאָג און נישט מיטגעפּילט די שניידערס, שוסטערס אָדער סטאָלערס, וואָס זייערע אָנגעשטעלטע האָבן געוואַרט, אַז דער מייסטער זאָל ברענגען דאָס געלט פאַר זייער אויסצאָל. פיל מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער מייסטער איז ערשט געקומען שפּעט אין דער נאַכט בכדי נישט צו טרעפן וואַרטנדיק זיינע אָנגעשטעלטע, און אַליין האָט ער אויך נישט געהאַט אויף שבת. די קאַסע האָט אַסאַך געהאָלפן, אויסבאָרגנדיק ביז 5 רובל פאַר יעדן מייסטער, וואָס האָט אין לויף פון די וואָך זיי צוריקגעצאָלט.

די ערשטע יוגנט־פאַרזאַמלונג האָט אויך געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער ערשטער ביבליאָטעק אין אָסטראָווצע, וואָס האָט עקזיסטירט ביז צום אונטערגאַנג פונם גאַנצן אָסטראָווצער יידישן קיבוץ.

ארבעטער ספארט־קלוב „יוטזשענקא״

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, נאָך דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק, איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע בונדישע גרופּע.

אַ קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יענע יאָרן צווישן די אַגודה׳ניקעס און דעם מזרחי, וואָס איז געווען זייער גרעסטער קאָנקורענט אויף דער השפּעה אויף די יוגנט פון די שטיבלעך און בתי־מדרשים.

דער בלאָק פון די מזרחי, צעירי־מזרחי, ציוניסטן, צעירי־ציון, פּועלי־ציון, פאָלקיסטן, אין וועלכן עס האָט אַמאָל אויך אָנטיילגענומען דער „בונד״, האָט געפירט אַן אַקטיווע אַרבעט ביי די וואַלן צו דער גמינע אָדער צום שטאָט־ראַט און באַקומען די געהעריקע פאָרשטייערשאַפט מיט וועלכער די „אגודה״ האָט זיך געמוזט רעכענען.

דער ערשטער פאַרמעסט מיט דער „אגודה״ איז פאָרגעקומען דעם 2־טן נאָוועמבער 1917, ווען עס איז געפייערט געוואָרן די באַלפור דעקלאַראַציע מיט אַ מאַסן־מאַניפעסטאַציע פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון רעכטס און לינקס, שומרים, ספּאָרט קלובן, פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, תרבות און מזרחי־שולן, יעדער גרופּע מיט איר פאָן. אייניקע זענען געקומען מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער. טראָץ דעם וואָס די „אַגודה״, ווי אויך דער ראַבינאַט, האָבן געאַרבעט נישט צו דערלאָזן צו גאַסן מאַניפעסטאַציעס, ווי אויך צו דער פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער שול, זענען דאָך אַ דאַנק דער אַרבעט פון אונדזערע דאָזאָרעס מיטן וויצע־פאָרזיצער פון דער גמינע, משה לעדערמאַן, אַלע שטערונגען באַזייטיקט געוואָרן. דאָס האָט באַוויזן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער יוגנט, וואָס האָט מיט דער מיטהילף פון די סימפּאַטישע עלעמענטן געמאַכט אַ סוף צו די פּריווילעגיעס פון די רעליגיעזע דאָזאָרעס וואָס האָבן לאַנגע יאָרן קיינעם נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַן אַנדער באַציונג צו דער יוגנט אין אונדזער געבורטסשטאָט אָסטראָווצע.

דאָס רעליגיעזע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין 40 חסידישע שטיבלעך. אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אַרויסגערוקט די גערער און אַלעקסאַנדערער חסידים. די צוויי גרויסע בתי־מדרשים האָבן פאַרנומען בעלי־מלאכות, ווי אויך מתנגדישע בעלי־בתים. דאָס קליינע בית־המדרש האָט געהערט צו די שניידער. מ׳האָט עס טאַקע גערופן: דאָס שניידער בית־המדרש. זיי האָבן געהאַט אַ טראַדיציע צו זאָגן טאָג־טעגלעך תהילים פאַרטאָג.

די גרויסע שול האָט געהערט צו די פאָלקס־מענטשן: האָרעפּאַשניקעס, האַנטווערקער, אַרבעטער, טרעגערס, קצבים. זיי זענען געווען די טאָן־געבערס פון דער שול, רעכענדיק זיך אָבער שטענדיק מיט דער מיינונג פון אָסטראָווצער רבין.

ר׳ מאיר יחיאל האַלשטאָק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין סאָבין תר״י, האָט באַלויכטן די שטאָט מיט זיין צדקות און גאונות זינט דעם יאָר 1888. נאָך צען יאָר רבנות אין סקערניעוויץ איז ער אַראָפּגעקומען אַלס רב קיין אָסטראָווצע אין יאָר תרמ״ט. זייער שנעל איז ער באַליבט געוואָרן ביי אַלע שטאָט־איינוווינער, אפילו אויך ביי קריסטן. ווען אַ קריסט האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ ייד, האָט ער ניט געוואָלט גיין צום געריכט נאָר צום „ראַבין״.

עס איז ווערט צו פאַרצייכנען אַז איינער פון די תל־מידים פון אָסטראָווצער צדיק הרב ר׳ מאיר יחיאל הלוי ז״ל איז געווען הרב ר׳ שמואל בראָדט, וואָס איז שפּעטער געווען סיים־דעפּוטאַט פון מזרחי. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרלאָזן דעם סיים אין וואַרשע און זיך אַריבערכאַפּן קיין אָסטראָווצע, בכדי אַדורכצורעדן זיך מיט זיין רבין. אַלץ איז געלאָפן קיין אָסטראָווצע געניסן פונעם גרויסן תורה־ליכט וואָס האָט געלויכטן אין אָסטראָווצע און באַשטראַלט די גאַנצע יידישע וועלט. אויך אין ריאָ דע־זשאַנייראָ האָבן מיר אַ תלמיד פונעם אָסטראָווצער רבין ז״ל, ר׳ בעריש דיאַמאַנד שו״ב.

מ. פּילצמאַכער

אסטראווצע ווערט וועלטלעך

אויף דרום פון ראַדאָם און מזרח פון קיעלץ, אין דרום׳דיקן טייל פון אַזוי־גערופענעם „קרוין־פּוילן״, שפּרייט זיך אויס באַרג אַרויף אַ טיכטיקע, פּראָדוקטיווע און אינדוסטריעלע האַנדלס־שטאָט — אָסטראָווצע. די שטאָט האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר פּוילן און איז אויך געווען באַקאַנט אין דער גרויסער וועלט.

דער נאָמען פון דער שטאָט אויף פּויליש איז געווען אָסטראָוויעץ, אָבער אַלע, אפילו פּאָליאַקן, וועלכע זענען געקומען אין שטאָט אַריין האַנדלען און איינקויפן, האָבן דעם נאָמען פון דער שטאָט אַרויסגערעדט ווי די יידן — אָסטראָווצאַ.

קוקנדיק אויף דער שטאָט פון קלימקעוויטש, פון דער זייט פון דער פאַבריק־געגנט, אָדער פון דער באַן־סטאַציע, איז אַ העלפט פון דער שטאָט געווען ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען; די העלפט וואָס ציט זיך באַרג אַרויף האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די הייזער זענען געבויט איינער איבערן צווייטן און איין הויז קוקט אַריין אין שכנותדיקן הויז.

אויף אַ באַרג רעכטס איז געשטאַנען די שטאָטישע קירכע, וועלכע געפינט זיך ביים סאַמע עק פון דער אונטערשטער פּוילישער געגנט — דער סטאַוו. עס איז דאָרטן געווען אַ געמיש פון יידן און פּאָליאַקן און בלויז אַ קליין געסעלע האָט געפירט פון קירכע פּלאַץ צום מאַרק, מיט זיינע גאַסן און געסלעך, וואָס איז געווען געדיכט באַוווינט בלויז פון יידן.

אויף אַ באַרג לינקס איז געווען דער צענטער פון יידישקייט: דאָרט איז געשטאַנען די אַלטע הילצערנע שול, אַרומגעמויערט מיט אַן עזרת נשים, וואָס איז וואַרשיינלעך צוגעבויט געוואָרן שפּעטער ווען דער ישוב איז זיך צעוואַקסן; דער שול־הויף מיט אַ מויער און דריי פאַרונדיקטע טויערן, וואָס איז אויך געווען דער הויף פון די בתי מדרשים; דער אַלטער בית־המדרש איז שטענדיק געווען פול מיט מתפללים, מיט לערנער, מיט גמרא־מלמדים און זייערע תלמידים. אויף די ווענט זענען געווען פּאָליצעס אָנגעפּאַקט מיט ספרים און אַרום די אַלטע, צעקאַרבטע טישן זענען געזעסן יונג און אַלט און געלערנט מיט התלהבות; קעגנאיבער אַלטן בית־המדרש איז געווען דער נייער בית־המדרש, וועלכער איז געווען אַביסל מער

אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „גוויאזדא״

אויפגעראַמט און ווינציקער טומלדיק. דאָרט האָבן געדאַוונט אַ באַשיידענע, אָבער פרומע אַריסטאָקראַטיע; מיט עטלעכע טרעפּ נידעריקער איז געווען דאָס קליינע בית־מדרשל, ווו עס האָבן געדאַוונט די מער־מאָדערניזירטע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, השכמות, שבתים און ימים טובים. אין קליינעם בית־מדרשל פלעגט אַ גאַנצע וואָך לערנען אַן אַלט־פרענקישער מלמד אָרעמע יינגלעך דאַווענען און אַ פרשה חומש מיט רש״י. דאָס איז געווען דער תלמוד־תורה־חדר. ווו ס׳האָבן געלערנט יינגלעך, וועמענס עלטערן האָבן נישט געקאָנט צאָלן שכר־לימוד און יעדן פרייטיק פלעגט דעם מלמד׳ס באַהעלפער גיין איבער די הייזער מיט אַ פושקע פון תלמוד תורה און אַזויערנאָך אויפגעזאַמלט זייער וועכנטלעכן לוין פאַרן לערנען אין דער תלמוד תורה מיט די אָרעמע קינדער.

אין 1918, ביים סוף פון ערשטן וועלט קריג, ווען די יידישע אַרבעטער באַוועגונג איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן, האָבן די „פועלי ציון" געשאַפן אין שטאָט די ערשטע יידישע פאָלקס שול, ווו עס האָבן געלערנט די קינדער פון די סאַמע אָרעמסטע היימען פון ביידע געשלעכטער. אין שול האָט מען אויף אַ מאָדערנעם שטייגער געלערנט די קינדער ליינען און שרייבן יידיש און פויליש, רעכענען און אַנדערע נייטיקע קעגנשטאַנדן. די פרייד פון די קינדער און זייערע עלטערן איז געווען אין לשער.

די פוילישע מלוכה האָט שפּעטער אויך איינגעפירט אָבליגאַטאָרישע דערציִונג פאַר קינדער פון שול־עלטער אָן אונטערשייד פון גלויבן און געשלעכט.

אויך די „מזרחי" און „שלומי אמוני ישראל", וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט געגרינדעט, האָבן איינגעפירט אַ מאָדערנעם חדר און אַראָפּגעבראַכט מאָדערנע מלמדים פון די גרויסע שטעט. עס איז געוואָרן אַ בהלה צווישן די שטאָטישע מלמדים און אין אַ געוויסן אָוונט האָבן זיך געמאָלדן אין דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט די פועלי־ציון, אַ דעלעגאַציע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע מלמדים און האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי אָננעמען אַלס מיטגלידער אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און פאַרטיידיקן זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן. זיי האָבן נישט געקראָגן תיכף קיין אַנטשיידנדיקן ענטפער, נאָר מען האָט זיי צוגעזאָגט צו באַטראַכטן זייער פאַרלאַנג און געבן אַ תשובה. דער באַשלוס פון צענטראַל ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען איז געווען, אַז מלמדים זענען ניט קיין אָנגעשטעלטע ביי קיינעם און זיי קענען ניט געהערן צו קיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און ממילא קען זיי די צענטראַלע ניט נעמען אונטער איר שוץ, ווי זיי האָבן עס פאַרלאַנגט.

די יידישע אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז געווען זייער גוט אָרגאַניזירט אויפן פּראָפעסיאָנעלן און אויך אויפן קולטורעלן געביט, איז זעלטן ווען געקומען אין וועלכן עס איז צוזאַמענשטויס מיט די רעליגיעזע יידן פון שטאָט. דאַקעגן האָבן זיי זיך נישט איינמאָל אָנגעטראָפן אָן פיינטלעכע באַציִונגען פון זייערע קלאַסן־ברידער, די פוילישע אַרבעטער. זאָל אונדז דערלויבט זיין דאָ צו ברענגען אַן עפּיזאָד פון דער דאָזיקער שנאה: עס איז געווען נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אין פרילינג פון דער זעלבסטשטענדיקייט, ווען אין אינדוסטריעלן אָסטראָווצע האָבן פאַקטיש געהערשט די „רויטע" גוואַרדיסטן פון פ.פ.ס.. האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון די פ.פ.ס. געהאַט אין זייערע הענט די ממשלה איבער די עפנטלעכע ארבעטן, וועלכע די שטאָט האָט דורכגעפירט כדי צו לינדערן די נויט פון די אַרבעטער. איז צו די אָנפירער פון פ.פ.ס. אַוועק אַ דעלעגאַציע פון פועלי־ציון און געבעטן מען זאָל צולאָזן צו די עפנטלעכע ארבעטן אויך יידישע אַרבעטער. די פאָליאַקן האָבן אָפּגעוואָרפן די בקשה פון זייערע חברים, די יידישע אַרבעטער...

דאָס לעבן אין שטאָט איז געווען יידיש פאָלקסטימלעך און אייגנאַרטיק. עס זענען געווען יידישע קרעמערס, באַלעמלאָכעס, אַרבעטער, סוחרים, באַלעגאָלעס, טרעגערס און אַלע אַנדערע טיפּן, וואָס יעדעס יידישע שטעטל אין פוילן האָט פאַרמאָגט. דעם אַלגעמיינעם דלית האָט מען נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן און אין דראַנג אויסצובעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע זיינען אָסטראָווצער יידן תמיד געלאָפן ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דערפאַר זענען אָסטראָווצער „קאָלאָניעס" צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט.

אַוודאי דערמאָנען זיך אָט די אַלע אָן זייער אַמאָליקער היים, ווו זיי זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן, ווו זיי האָבן געלעבט, געהאָפט און צום סוף געמוזט פון דאָרטן עוקר זיין כדי צו געפינען בעסערע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. היינט איז אָסטראָווצע אָן יידן. וואָס זשע איז פאַר אונדז די דאָזיקע שטאָט אָן יידן? היינט איז עס ניט מער אָסטראָווצע, היינט איז עס צוריק אָסטראָוועץ...

עבער ביינערמאַן

דאָס יידישע ארבעטער לעבן

אָסטראָווצע איז געווען איינע פון די אינדוסטריעלע צענטרען אין פוילן און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, ווי שניידער, שטעפּער, סטאָלאַרעס, שוסטער און אַנדערע. אַ דאַנק דעם האָט זיך אין דער שטאָט אויסגעפאָרמירט אַ לעבהאַפט געזעלשאַפטלעך לעבן.

דאָס אָנגעזעענסטע אָרט האָט צו יענער צייט, צווישןביידע וועלט־מלחמות, פאַרנומען די פּועלי־ציון. אין אַ גרויס־שטאָקיקע געביידע ביי עקיבא ראַסעס האָט זיך קאָנצענטרירן דאָס פּאַרטיי־לעבן אין אירע אינסטיטוציעס: די יוגנט אָרגאַניזאַציע, די ביבליאָטעק, די אַרבעטער־קיך, אָוונט קורסן און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. די אַלע אַנשטאַלטן האָבן געגבן דער פּאַרטיי דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג. דאָס אָנפירנדע אָרט האָט פאַרנומען איציק בערגער, וואָס האָט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און רעדנער אויך געשפּילט אַ דאָמינירנדע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אָסטראָווצע. אַנדערע פירער און אַקטיוויסטן פון פּועלי־ציון זענען געווען: משה פילצמאַכער, פּייוול שטיינבאָק, יאָסל פינקלשטיין, שמואל שפּייזמאַכער, יצחק נוסעָנאָוויטש, העניך און שמואל שאַמשטיין. מיט דער יוגנט באַוועגונג האָבן אָנגעפירט: יואל שניידער, אביש מענערמאַן, משה קאָטיק, גידיינסקי א. אנד.

די אָוונט־קורסן זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך איינעם פון די בעסטע אינטעלעקטואַלן אין שטאָט, זאַמיעטשקאָווסקי, און אונטער זיין אָנפירונג איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע שול.

אַ וויכטיקע אָרט אין די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אָסטראָווצע האָט אויך פאַרנומען דער „בונד". זיין לאָקאַל האָט זיך געפונען ביי פּרץ זייגערמאַכער אונטערן נאָמען „גראָסער קלוב". דער „בונד" האָט אויך געהאַט אַן אייגענע ביבליאָטעק און האָט איינגעאָרדנט עפנטלעכע שמועסן איבער געזעלשאַפטלעכע טעמעס. די אָנפירנדע בונדיסטן זענען געווען: שערצמאַן, איטשע זינגער, שימעלע פישמאַן, מארמאלע וועלמאַן, שמואל בייגלמאַן און יוסף פרימערמאַן.

אויף דער בירגערלעכער גאַס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רייכע יידיש־העברעאישע ביבליאָטעק און אַ קינדער־שול. די ציוניסטישע אָנפירער זענען געווען: עזרא באָמשטיין, א. י. מינצבערג, לייזער און יחיאל לעווי און שמואל באָמשטיין. מיט דער יוגנט האָבן זיך פאַרנומען משה קופּערמאַן, יחיאל גרינער און נטע קופּערמאַן. אויך די מזרחי־שול האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין אונדזער שטאָט מיט די לערער ערליך און טומשע אייגער.

דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער שול־באַוועגונג האָט פאַרנומען די פאָלקס־שול פון פּועלי־ציון, וווּ ס'האָבן געלערנט ביז 150 קינדער, און זומער־צייט האָבן די קינדער פאַרבראַכט די פעריען אין ספּעציעלע זומער־קאָלאָניעס, ווייט פון דער שטאָט. אין דער שפּיץ פון דער שול זענען געשטאַנען זאַמיטשקאָווסקי, קעסטנבערג און דער באַליבטער יידיש־העבראישער פּעדאַגאָג פּייוול שטיינבאָק (געשטאָרבן אין בראַזיליע).

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט אַרומגענומען אַלע אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער פון אַלע פאַכן, און איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אַ לאַנגע צייט איז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין אָסטראָווצע געווען באַהערשט דורך די לינקע פּועלי־ציון.

די אָנפירערשאַפט פון די יידישע אַרבעטער אין אָסטראָווצע האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין די אַרבעטער צענטרען אין פוילן, וווהין זיי זענען דעלעגירט געוואָרן. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט יוסף שלושנע, זעלינגער און ווייספעלדער. יוסף שלושנע האָט אויך אָנגעפירט מיטן באַרימטן שטרייק פון די מצה־

דראמאטישער קרייז

אַרבעטער אין 1922, וואָס האָט אויפגעבראַוזט די שטאָט און האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון די אַרבעטער.

אין יאָר 1924 ברייטערט זיך אויס די טעטיקייט פון די אַרבעטער באַוועגונג אין שטאָט. אברהמטשע ביינער־מאַן, דער שטאָטישער פעלדשער, איז געשיקט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון די לינקע פועלי־ציון אין דער קהילה און אין שטאָט־ראַט. ער איז געווען טעטיק לאַנגע יאָרן ביז די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט. דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט אַ צווייטער אַקטיווער פאָרשטייער — נחמן אַלמאַן.

אַ וויכטיק אָרט אין גייסטיקן לעבן פון די יידישע אַרבעטערשאַפט, און די יידישע באַפעלקערונג בכלל, האָבן פאַרנומען די צוויי דראַמאַטישע קרייזן. בראש פון איין קרייז, פון די פועלי־ציון, איז געשטאַנען לאַנגע יאָרן בירקנוואַלד, וואָס האָט געהאַט אַ ליטעראַרישן צוגאַנג צום יידישן טעאַטער.

אין דער שפּיץ פון צווייטן טעאַטער־קרייז, פון בונד און פון לינקן רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער יידישע אַרבעטערשאַפט, איז געשטאַנען יצחק גראַבער, אַ טאַ־לאַנטפולער אינטעליגענטער רעזשיסאָר, וואָס האָט אַרויפּ־געפירט אויף זיין בינע שווערע פאָרשטעלונגען ווי „דער ישיבה בחור" און זיך פאַרמאַסטן מיט זיי. ער איז געווען יאָרן־לאַנג טעטיק אויף דעם געביט ביז זיין טויט אין טאָראָנטע (קאַנאַדע).

עס האָט אויך זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ ספּאָרט באַוועגונג, ווי למשל דער ספּאָרט־קלוב „שטערן", וואָס דער שרייבער פון די שורות איז געווען זיין גרינדער, אָבער צוליב די שיקאַנעס פון דער פּאָליציי איז דער קלוב פאַרמאַכט געוואָרן.

עס האָבן אויך עקזיסטירט צוויי אַרבעטער־קיכן איינע פון די פועלי־ציון און די צווייטע ביים „בונד", וואָס איז נאָך אַ קורצע צייט ליקווידירט געוואָרן.

אין יאָר 1923 הויבן אָן בלאָזן נייע ווינטן. די שפּאַל־טונגען פון די לינקע פועלי־ציון און אין „קאָם־בונד" דערפירן צו נייע גרופּירונגען אין די אַרבעטער באַוועגונג. עס קומען אַרויס נייע פירנדע כוחות: מאַמאַלע וועלמאַן, שמואל בייגלמאַן, יוסף פרימערמאַן, אלי גאָלד־בערג א. אַנד.

בעת דער ערשטער מאי דעמאָנסטראַציע אין 1926, בשותפות מיט די פּ.פּ.ס. איז פאָרגעקומען צו גרויסע צו־זאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. נאָכדעם האָט די פּאָליציי אַרעסטירט פיל יידישע אַרבעטער.

דעם 10־טן יוני איז געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּאָליציי צוליב דריי אינזשינערן אין דער אייזן־פאַבריק אין קלינקעוויטש. עס האָט זיך פאַר־



„פועלי ציון" אין 1918

מירט אַ ריזן דעמאָנסטראַציע צום מאַגיסטראַט, וואָס איז באַהערשט געוואָרן דורך די אַרבעטער במשך 24 שעה. אַלס רעזולטאַט פון די צוזאַמענשטויסן מיט די פּאָליציי און מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען זענען געפאַלן פיר געהרגעטע און פיל פאַרוואונדעטע. נאָכדעם האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די יידישע אַרבעטער, און ספּעציעל די אָנפירערשאַפט. פיל זענען אַרעסטירט געוואָרן און אַנדערע זענען געווען געצוווּנגען פאַרלאָזט פוילן.

אינטערעסאַנט צו פאַרצייכנען די גרויסע דעמאָנ־סטראַציע אין טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין אָסטראָווצע. אין דעם טאָג זענען די יידישע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון אידעאָלאָגיע, אַרויס אין די גאַסן מיט רויטע פענער, צו דעמאָנסטרירן זייער סאָלידאַריטעט מיט דער גרויסער ציוניסטישער באַפרייאונגס באַוועגונג פון יידישן פאָלק.

דעמאָנסטראַציע פון האַנטווערקער פאַריין אין דריטן מאי. פון רעכטס נאָך לינקס: נטע בריקס, קאַסירער פון נאָדל־פאַריין (אומגעקומען); אברהם שטארקמאַן, פאָרזיצער; ישעיהו צווייגמאַן, סעקרעטאַר; דער פאָן־טרעגער — בנימין מינץ.

מ. פילצמאכער

געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אין שטאָט

געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען זענען אַ קאָנסעקווענץ פון דער צייט, אומשטענדן און באַדינגונגען אין וועלכע מען לעבט. און טראָץ דעם, וואָס די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען זענען די פאַרגייער, די פאָנענטרעגער פאַר נייע דערגרייכונגען, אין וועלכע די געזעלשאַפט נויטיקט זיך, צו וועלכע, די געזעלשאַפט גאַרט, פאַרוואָס זי קעמפט, און ספּעציעל די מיטלען ווי אזוי זי קעמפט, שפּיגלען אָפּ די אייגנאַרטיקייט פון דער צייט, דעם אופן ווי דאָס פאָלק לעבט.

דאָס ערשטע האַלבע יאָרהונדערט איז רייך אין געשעענישן, אין סאָציאַלער און פּאָליטישער איבעראַנדערשונג פון די פאַרהעלטנישן און במילא שטופנווייזע ענדערונגען אינעם גאַנצן לעבנסשטייגער.

ווען מיר כאַפּן אַ בליק אויף אינדזער שטאָט אָסטראָווצע, איר יידישע לעבנס־שטייגער, אירע קאַמפן אין די לעצטע פופציק יאָר, גענויער: ביזן אונטערגאַנג, ביזן צעשטערן דעם יידישן ישוב דורך די נאַציישע באַנדיטן: זעען מיר פאַר זיך אַ ראַשיקע, כסדר פּראָגרעסירנדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, וואָס פאַרכאַפּט מיט איר שנעלקייט.

ביזן אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט איז די יידישע אָסטראָווצע געווען דורכאויס רעליגיעז. וואָס האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון פאָלק, הגם עס זענען שטענדיק געווען קלאַסן: דער אייבערשטער שיכט מיוחסים, גבירים, חסידים, ווילקענער, וועלכע האָבן געקוקט מיט ביטול פון אייבן אַראָפּ אויפן „פּראָסטן המון”. האָט אָבער דער „המון” ווייניק וואָס רעבעלירט, האָט באַנומען זיין מיזערנע עקזיסטענץ אַלס „גאָטס שטראָף”, אויף וועלכער מען דאַרף בעטן „מחילה”, אָבער מ׳טאָר נישט מורד זיין...

דער אָרעמער, אָדער „פּראָסטער” קלאַס, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ביסל האַרעפּאַשניקעס, בעלי־מלאכות, האָבן פאַר זייער באַקוועמלעכקייט, בכדי צו פילן זיך היימיש צווישן אייגענע, זיך געשאַפן זייערע „חברות”, מנינים צום דאַווענען, פון דאַרט האָבן זיי געשעפּט זייער גייסטיקע הנאה, זייער נשמהדיקע באַפרידיקונג. פאַר מער האָבן זיי סיי־ווי־סיי קיין צייט נישט געהאַט. די האַרעוואַניע האָט זיי בלויז צייט געגעבן צו דאַווענען, אַריינכאַפּן אַ „ברכו” און „קדושה”, אויף שנעל אַראָפּשלינגען די פאָר „לעפל וואַרעמס” און ווייטער גיין אין שפּאַן. דער אַרבעטער געזעל, ווי גרויס דער טאָג האָט נישט געזאָלט זיין, האָט נאָך געמוזט אויסלייען אַ פאָר שעה ביי דער נאַכט פאַר זיין אַרבעט, כדי צו שטילן דעם הונגער פון זיין הויז־געזינד.

ווען מיר כאַפּן איצט אַ בליק אויף צוריק, אויף יענער צייט, וועלכע ציילט ערשט קאַרגע 50 יאָר, כאַפּט אונדז אָן אַ גרויל.

וואַל־אויפרוף פון פועלי־ציון צו די שטאָט־ראַט וואַלן

יודישע ארבייט געבער!

אייערע שטימען [illegible] אסימילאַטאָרען, וואס [illegible]

[illegible]

אייערע שטימען [illegible] קאַריערסטען וואס [illegible]

[illegible] לעבען [illegible] קראַנקע [illegible] פאַר [illegible] כסדר [illegible]

[illegible] אַ אייגענע פרנסה, [illegible] אונטער דעם [illegible] אייגענע ארנא־ [illegible]

נידער מיט די אָפענע אַסימלאַטאָרען!

נידער מיט די קאַריערסטען און פרנסה זוכער אויפן קאַרק פון די אָרימע קראַנקע און ארבייט געבער!

נידער מיט די וואס האבען זיך פארדינט אין דער קאַסא כאַריך דעם שיינעם נאָמען „נאַש זשידעק”

נידער מיט די בונדאָווצעס אונטער דער מאַסקע פון האַנדווערקער!

שטימט נאָר פאר די וואָס קומען צום כלל נישט נעמען נאָר געבען!

שטימט נאָר פאַר די וואָס זענען ריין פון יעדען שמוץ

Nr. 4 דאָס איז די ליסטע

שטימט פאר די, וואס ארבייטען כסדר לטובת הכלל און נישט פאַר זייערע אייגענע פריוואטע אינטערעסען!

שטימט פאר די איינציגע, וואס זענען פעהיג צו פאַרטיידיגען אייערע אינטערעסען אפען און ערליך דאס זענען די קאַנדידאַטען פון די ליסטע

№ 4

אברהם [illegible]מאַן (2 [illegible] (3 שלמה גרויכמאַן

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט האָט די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד קעגן דער דעספּאָטישער זעלבשטהערשאַפט פונעם צאַר איבער דער גרויסער אימפּעריע, באַגלייט מיטן שטרעבן פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, — אויך דערגרייכט אָסטראָוועצע.

דאַמאָלט איז אַנטשטאַנען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, אונטערן איינפלוס פון דער באַוועגונג פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און אונטער דער טאָפּלטער רעכטלאָזיקייט פון די יידן אַלס יידן און אַלס סאָציאַליסטן.

מיטן אַנטשטיין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, האָט גלייכצייטיק אָנגעהויבן אַן אויפקלערישע קולטור־טעטיקייט, און עס זענען געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען אויף צו ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישן די אַרבעטער מאַסן.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהאַט אויסצושטיין אומגעהיירע שוועריקייטן. ערשטנס, ווייל ביים טראַדיציאָנעל־קאָנסערוואַטיוון עלעמענט אויף דער יידישער גאַס האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ „חילול הקודש" ר"ל...

און ווען די יונגע פּרימיטיווע אַרבעטער־באַוועגונג אין יענער צייט האָט נאָך גענומען שטרייקן, כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די „געזעלן", וועלכער פלעגט מערסטנס אַרבעטן אויפן „זמן" און קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין באַשטימטער אַרבעטס־שעה און אין פיל פאַלן פלעגט נאָך דער אַרבעטער־געזעל אַרבעטן ביים באַלעבאָס מיט קעסט און שלאָפן — קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ אומצופרידנקייט עס האָבן אַריינגעבראַכט אַט די „חוצפּהדיקע ציצעליסטן" צווישן די (אין תוך האָרעפּאַשנע) באַלעבאַטים.

נאָך שאַרפער איז געווען די אומצופרידנקייט ביי די קלעריקאַלן. עס האָט זיך דאַן אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון פּראָוואָקאַציעס, מסירות און טעראָר, וועלכער האָט זיך

וואַל־אַגיטאַציע צו די שטאָט־ראַט וואַלן אין 1927

10 וואהל קאמיטעט פון יודישען נאציאנאלען בלאק אין אסטראוויעץ. 10

יודען, וועהלער!

זונטאג, דעם 12 מאי קומען פאר וואהלען צום היגען שטאדט ראט.

[illegible]

דעריבער

וועהלט נור אזעלכע וואס האבען מיט זייער ביזיעצטיגע קאנסעקווענטע, אביעקטיווע און מסירת נפשדיגע ארבייט בעוויזען אז זיי זענען פעהיג צו פערטיידיגען די יודישע אינטערעסען;

וועהלט נור אזעלכע צו וועמען דער וועהלער האט שטענדיג א פרייען און דרייסטען צוטריט;

וועהלט נור אזעלכע וואס האבען א קלארען פראגראם אין זייער געזעלשאפטליכע ארבייט;

אלזא, אלע ווי איינער שטימט פאר די ליסטע № 10, אויף וועלכע עס פיגורירען די ה'ה משה לעדערמאן, אהרן יוסף רובינשטיין א. אנד.

Obywatelu-żydzie!

Jeżeli chcesz, by praw twoich broniono i skrupulatnie takowych przestrzegano w przyszłej Radzie Miejskiej—**to głosuj na jedyną narodowo-żydowską listę**

Nr. 12.

איד און בירגער!

אויב דו ווילסט, אז דיינע רעכט אויפן ווירטשאַפט־ליכען און נאַציאָנאַל־קולטורעלען געביעט זאָלען זיי געהעריג אין שטאָט־ראַט פערטיידיגט ווערען?

אויב דו ווילסט, אז מען זאָל שטעהען אויף דער וואַך פון דיין פערמעגען, וועלכעס דו האָסט ביגיעת כפים נאָך אזוי פיעל מיה ערוואָרבען — **טא גנעה און שטים פאַר דער איינציגער אידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע Nr. 12.**

געשיצט אונטער די פליגל פון דער צאַרישער אַכראַנע. מאַסן אַרבעטער זענען געוואָרן איינגעזעצט אין די טורמעס און פאַרשיקט אויף סיביר. אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען אומלעגאַל, האָבן אָפּגעענטפערט מיט טעראָר. פון צייט צו צייט זענען געפאַלן צאַרישע טשינאָווניקעס וואָס האָבן זיך באַצויגן גרויזאַם צו די רעוואָלוציאָנערן און היימישע פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן געדינט דער צאַרישער אַכראַנע.

דער דאָזיקער קעגנזייטיקער טעראָר האָט אָנגעהאַלטן ביז דער מלחמה אויפן באַלקאַן און זיין פינאַל איז געווען אין יאָר 1915 ווען אַ פּאַטראָל פון פּוילישן לעגיאָן האָט אויף אַ ספּעקטאַקולאַרן אופן דערשאָסן דעם גרעסטן מסור פון יענער רעוואָלוציאָנערער צייט, אַברהמ'לע ראַטשעמאַראַ.

נאָכן אויספירן דעם דאָזיקן נקמה־מאָרד, האָט דער פּאַטראָל זיך צוריקגעצויגן, און אָסטראָוויצע איז ווידער געבליבן אויף דער שטרעקע פון „קיינעמס לאַנד", צווישן די רוסישע און עסטרייכישע אַרמייען. ס'איז, דאַכט זיך, דאַמאָלט נישט געווען קיין איין ייד אין שטאָט, וואָס זאָל נישט באַטראַכטן די דאָזיקע שטראָף פאַר אַ פאַרדינטער...

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען גאַנץ פוילן איז שוין געווען אָקופּירט פון די דייטשע און עסטרייכישע אַרמעען, ווען דאָס פאָלק האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום רעזשים פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט איז צייט געווען גענוג און באַשעפטיקונג — ווייניק. אין דער האָפענונג פאַר דער נאָענטער צוקונפט נאָך דער מלחמה, האָבן זיך גענומען ביי דער יוגנט אויספּיקן נייע אידייען, נייע שטרעמונגען. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ מין באַגינען, ווען ס'הייבט זיך אָן ווידער שאַרייען אויף טאָג.

דאָס ערשטע, דאָס לעגאַל־מעגלעכע איז געווען צו טאָן קולטור־אַרבעט, הגם אויך דאָ האָט נישט געפעלט דער קאָנטראָל פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

סוף ווינטער 1916 האָבן זיך צונויפגענומען אַ גרופּע באַלעבאַטישע יונגעלייט, סטודענטן, ביוראַליסטן פון די גרעסערע יידישע אונטערנעמונגען, אייניקע געוועזענע





די פּאַרטייאישע צעשפּליטערטקייט צווישן די אָסטראָווצער יידן, צוגלייך ווי אין גאַנץ פוילן, צו די שטאָט־ראַט וואַלן

קעמפער פון „5־טן יאָר" און האָבן גענומען טראַכטן וועגן טאָן קולטור־אַרבעט.

די היימיש־באַלעבאַטישע יוגנט איז געווען גענויגט צום ציוניזם, וואָס האָט דעמאָלט גענומען אין פוילן פאַנאַנ־דערוויקלען אַן אינטענסיווע באַוועגונג, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַציאָנאַלער האָפענונג, מיט ראָמאַנטיזם. דאָס האָט די באַלעבאַטישע יוגנט שטאַרק געלאָקט.

קיין שטאַרקע אָנגעצויגענע באַציאונגען זענען צווישן דער פאַרשידן־דענקענדיקער יוגנט נישט געווען. אידעאָ־לאָגיש האָט זיך אין תוך נישט געהאַט אויסקריסטאַליזירט קיין שום קאָנקרעטעס. עס האָט זיי אָבער אַלע פאַראייניקט דער ווילן צו טאָן קולטור־אַרבעט.

די ערשטע שוואַלבן פון דעמדאָזיקן נייעם קולטור־באַגינען זענען געווען גתן ערלעכס עלטסטער זון (פאָטאָג־ראַף), לייזער און יחיאל לעווי (שמואל לעווינס זין), שמחה מינצבערג, לייזער מינצבערג, אברהם מאַלעך, וועלוול אייזענבערג (אַ דרילדזשער, ראובן שפּילמאַנס אידעם), איידלמאַן (אַן אַפּטעקער, וואָס האָט געהאַט אַ שפּילקאָווע שוסטער־וואַרשטאַט אויף קאָשטשעלנאַ גאַס), יחזקאל זייגערמאַכערס עלטסטער זון און אַנדערע, וועמענס נעמען ס'איז שווער זיך צו דערמאָנען. דאָס זענען אַלץ געווען אינטעליגענטע מענטשן און די וויכטיקסטע טוער אינעם סאַמע אָנהויב. שפּעטער, מיטן פאַנאַנדערוואַקסן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, זענען צוגעקומען פיל נייע טוער.

די ביבליאָטעק — ערשטע קולטור־אינסטיטוציע

די ערשטע וויכטיקע איניציאַטיוו איז באַשטאַנען אין שאַפן אַ יידישע ביבליאָטעק. און כדי מעגלעך צו מאַכן איר רעאַליזירונג, איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ דראַמקרייז אונטער דער אָנפירונג פון וועלוול אייזענבערג. דער ערשטער אויפטריט איז באַשטאַנען אין סקעטשן, איינ־אַקטערס, צווישן זיי שלום עליכמס „אַן עצה" און „ס'אַ ליגן". שפּעטער איז אויך געשפּילט געוואָרן „דער ישיבה בחור", וואָס איז מיט גלאַנץ אויפגעפירט געוואָרן און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג

די ביבליאָטעק האָט זיך איינגעאָרדנט אויפן סטאַוו אין אַ פיינעם לאָקאַל. אַזוי איז אַנטשטאַנען די נייע היים פאַר דער קולטורעלער יוגנט אין אָסטראָווצע.

פאָרמעל און אָפיציעל איז די דאָזיקע „יידישע ביב־ליאָטעק" געווען אַן אומפּאַרטייאישע און אָן שום קלאַסן־דיפערענץ. אָבער די בירגערלעכע יוגנט האָט פאַקטיש דאָמינירט אין דער אינסטיטוציע און זי פאַרוואַנדלט אין אַ באַזע פון ציוניסטישער טעטיקייט.

די דאָזיקע לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביז הערבסט פון 1917. אין יענער צייט איז שוין אין אָסטראָווצע געווען אַ יונגע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אַן אומלעגאַלע אין שטרענג־קאָנספּיראַטיווע. זייער רעוואָלוציאָנערע אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַנאַנדערשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדע־מאַ־טעריאַלן פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג און קעגן דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, פּאַראַלעל מיט דעם האָבן זיי זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין דער „יידישער ביבליאָ־טעק", פאַרנעמען אַ פּאָזיציע פאַרן פּשוטן אַרבעטער־פאָלק און באַקעמפן די באַלעבאַטישע איינפלוסן.

אונטען וואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם קעגן מלחמה און אויסלענדישער אָקופּאַציע, קעגן הונגער וואָס


שטימט פאַר די ליסטע 6

Żydzi Wyborczy
i Wyborczynie!

w NIEDZIELĘ, DNIA 12 MAJA.

Głosujcie wszyscy
na listę Nr. 6.

GŁOSUJCIE NA LISTĘ

יודען, וועהלער!

זינטאג דעם 12־טען מאי קימען פאר וואהלען צום אסטראוו־צער שטאָדט־ראט.

מענשען, צו וועלכע די אָסטראָווצער יודישע בעפעלקערונג האט דעם פולסטען צוטרוי;
מענשען, פאר וועלכע איך, די נישט יודישע בעפעלקערונג האט רעספעקט און אכטונג;
מענשען, צו וועלכע מען בעציהט זיך אין די רעגירונגס־ספע־רען מיט אכטונג,
מענשען, זענען נישט אויסען זייערע פריוואטע אינטערעסע;
מענשען, צוליב וועלכע עס וועט קיין צושפליטערונג ביי די וואהלען פון יודישע לאווניקעס נישט זיין, ווייל זיי זענען נישט אויסען זייער לאווניק־בענקעל;
מענשען, וואס נעהמען נישט קיין אנטייל אין דעם מיאוסען שאכער־מאכער פאליטיק וואס קימט שוין יעצט פאר ארום די לאווניקעס־וואהלען.

בירגער, יודען!

אלזא שטימט אלע ווי איינער
Nr. 6.
אויף די ליסטע
קיין איין שטימע טאר נישט פעהלען
אלע צו די וואהלן פאר די ליסטע

שטימט פאר די ליסטע 6

Druk. M. Grinbela w Ostrowcu.

די מלחמה האָט פאַראורזאַכט, איז אַלץ געשטיגן דער באַוווסטזיין פון די יונגע אַרבעטער־עלעמענטן און עס איז שנעל געוואַקסן זייער איינפלוס.

מיטן צוזאַמענבראָך פון דער עסטרייכישער אימפעריע איז די ביבליאָטעק שוין געווען אַ באַהערשטע פונעם יידישן אַרבעטער קלאַס. דער קולטור־בונד פון דער ביז דאַמאָלט פאַראייניקטער יידישער קולטור־באַוועגונג איז געווען צעטיילט און דעפינירט אונטער פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס.

די פאַרטייאישע פאַנאַנדערטיילונג

דער ציוניסטישער לאַגער אַליין האָט זיך צעטיילט אין: אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחיסטן, און „שומרים", וועלכע זענען געווען הויפּטזעכלעך אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די אין אָנהויב דערמאָנטע פערזאָנען.

דער יידישער אַרבעטער־לאַגער האָט זיך אין יענער צייט צעטיילט אין צוויי פאַרטיי־גרופן: אַ פועלי־ציוניסטישע און אַ בונדישע, וועלכע האָבן זיך, וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער באַקעמפט, אוןביידע — יעדע אויף איר שטייגער — האָבן באַקעמפט דעם בירגערלעכן ציוניזם. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קיין „לינקער" פועלי־ציוניזם איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען, האָבן די אָסטראָוועצער פ״צ שוין דאַמאָלט זיך שטאַרק אָפגעגרענעצט פון דער בירגערלעך־ציוניסטישער אידייען־שותפות.

די פ״צ האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון די יינגערע אַרבעטער מיט רעוואָלוציאָנערן ברען, און דער „בונד" — פון אייניקע געוועזענע רעוואָלוציאָנערן פון „5־טן יאָר", וועלכע זענען געווען אַן „אויסגעלאָשענער ווולקאַן", מעסיק אין זייער דענקען און האָבן געשפילט די ראָל פון „אינטעליגענטן" און „אַלטע רעוואָלוציאָנערן".

די ערשטע טוער פון דער פ״צ־באַוועגונג אין שטאָט זענען געווען: איציק בערגער, אַ טוער פון אַ הויכן גראַד רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין און געזעלשאַפטלעכער אחריות. אָט דער דאָזיקער נאָך גאָר יונגער מענטש, פונעם פּראָסטן פאָלק, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס האַרץ און די נשמה פון דער ניי אויפגעלעבטער אַרבעטער־באַוועגונג אין אָסטראָוועצע. פון זיין אומדערמידלעכער אָנגעשטרענגטער אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן פון פאַרטייאישער פּראָפעסיאָנעלער און קולטור־טעטיקייט, איז ער צו די 20 יאָר אַטאַקירט געוואָרן פון טובערקולאָז. אין מיטן 1920 איז ער אַוועק צו זיין ברודער קיין אַמעריקע און אַ יאָר שפּעטער דאָרט געשטאָרבן.

זיינע נאָענסטע און ערשטע מיטאַרבעטער פון דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע ביזן פאַרלאָזן פוילן, זיינען געווען הערש קודלאָוויטש (היינט — לערער פון די „אַרבעטער־רינג" שולן אין קליוולאַנד) און דער שרייבער פון די שורות. מיט דער אויסברייטערונג און באַפעסטיקונג פון דער פ״צ־באַוועגונג זענען צוגעקומען מער אינטעליגענטע טוער פונעם אָרטיקן חסידישן מיטל־קלאַס, ווי פייוול שטיינבאָק (געשטאָרבן אין בראַזיל), מאיר בלאַנקמאַן און אַנדערע. עס זענען אויך געקומען לערער און סטודענטן פון הויכשולן, ווי קעסטענבערג, הערש זאַמיעטשקאָווסקי, יעקב קאָפּער, סאָניע קאַנטאָר, משה ווייס פעלנער, יחזקאל רוטמאַן, שליפקע און דער אונגאַר זעלינגער.

ווען די פ״צ־באַוועגונג איז געווען שוין אַ היפּש פאַרשפּרייטע אין אָסטראָוועצע און אומגעגנט, האָבן זיך אין איר אויך באַטייליקט דער באַקאַנטער פעלדשער, רעוואָלוציאָנער פון פינפטן יאָר, אברהמטשע ביינערמאַן און דערנאָך — זיין שוואָגער נחמן אַלמאַן וועלכער האָט געשטאַמט פון טאַרלע. ביידע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

דער „בונד" איז געוואָרן אָנגעפירט דורך אברהם שערצמאַן, זיין פרוי ראַזאַ טייבלום (ביידע נישט קיין אָסטראָוועצער), איטשע זינגער („איטשע שבתי מאירס"), הערשל פאַצאַנטיק, יצחק וואַגשאַל און איציק גראָבער (געשטאָרבן אין טאָראָנטע, קאַנאַדע).

די פ״צ האָבן געהאַט זייער קלוב „אַרבעטער־היים", אַן אַרבעטער־קיך, אַ ביבליאָטעק. זיי האָבן דאַמאָלט באַהערשט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס ביי ניינציק פּראָצענט. זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַ פאָלקס־שול, אָוונט־קורסן און פּאָפּולערע קורסן פון וויסנשאַפט פאַר אַרבעטער. פאַר די זומער־חדשים — אַ קאָלאָניע פאַר קינדער פון 4 ביז 12 יאָר און אַ מוסטערהאַפטן דראַמקרייז, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון בירקנוואַלד און האָט אויפגעפירט די מאָדערנסטע ליטעראַרישע פּיעסן פון יענער צייט, אונטערן איינפלוס פון די אויפפירונגען פון דער „ווילנער טרופּע".

שפּעטער האָט אויך דער „בונד" געשאַפן אַזאַ דראַמקרייז אונטער דער אָנפירונג פון איציק גראָבער וועלכער האָט באַזיצט גוטע טעאַטראַלע פעאיקייטן.

רעליגיעזע פאַרטייען

ווען ס'האָבן זיך גענומען דעפינירן אידעאישע פאַרטיי־גרופן, איז אַנטשטאַנען די פאַרטיי „מזרחי" (1918), וועלכע איז געוואָרן אָנגעפירט פון ראובן מאַנדעלבאום, משה לעדערמאַן (דוד'ל גאַרבערס זון), אַ ביז גאָר טאַלאַנטירטער און אינטעליגענטע פערזאָן, אַ ראַטמאַן אין שטאָטראַט

און דאָזאָר אין דער יידישער גמינע, שמואל וועסטל, לייבוש האַלשטאָק (עטעלע חנה עבערס אַן איידעם), שיע קופּערמאַן אין פון די יינגערע — אשר בירנבוים (געפינט זיך אין בראַזיל).

עס איז אויך אַנטשטאַנען די „אגודת שלומי אמוני ישראל" אונטער דער אָנפירונג פון שאול קעסטנבערג, פיניע ראָזענמאַן און אַלטער מאָרע.

די „מזרחי" ווי די „אגודת ישראל" האָבן געשאַפן אַ מאָדערנעם חדר פאַר קינדער, וועלכע די מלמדים האָבן באַטראַכט ווי אַ קאָנקורענץ צו זייער „פאַך", און האָבן געפּרוווט שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע צו פאַר־טיידיקן זייערע אינטערעסן. זיי האָבן אפילו געפּרוווט זיך ווענדן נאָך הילף צו דער „צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען", וועלכע איז אָבער נישט גענומען געוואָרן אין אַכט איבער פאָלגענדע טעמים: ערשטנס, ווייל די מלמדים זענען געווען זעלבסטשטענ־דיקע, נישט פארדונגען צו אַ באַשטימטן באַלעבאָס; צווייטנס, ווייל די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט געהאַלטן פאַר ריכטיק צו שיצן דעם אַלטן ווי דעם ניי „מאָדערניזירטן" רעליגיעזן לימוד.

בעקאנטמאכונג

אין הסכם מיט דער פאַראָרדנונג פון מיניסטעריום פאר קולטור און רעליגע פון 25|II 1921 מאכען מיר באקאנט, אז לויטן רעסקריפּט פון אפּאַטאָוער סטאראָסטווע פון 24|III 1927 L. 7262|5|27 זענען מאנטאג דעם 2|V 1927 פאָרגעקומען, אין לאָקאַל פון דער יודישער גמינע, וואהלען פון א מו"ץ.

אין רעזולטאַט פון די וואַהלען איז געווארען אויסגעקליבען אַלס מו"ץ ר' יעקב האלשטאק.

וואהל־קאָמיסיע ביים ראט פון דער יודישער קהילה אין אָסטראָוויעץ.

אסטראוויעץ 3|V 1927

Druk. Grünbala w Ostrowcu ul. Górzysta, dom p. Saskiego

משה ראַזענבערג

דער "החלוץ" באַהערשט די יוגענט

עס איז נאָך יעצט שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס יידישע אָסטראָווצע מיט אירע ישיבות, תלמוד תורה׳ס און ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געברויזט מיט אַזאַ אימפּולסיוו לעבן, איז אונטערגעגאַנגען און עקזיסטירט מער נישט. די דעראינערונגען שווימען אויף איינע נאָך די אַנדערע.

אָט דערמאָן איך מיך אין דעם ערשטן צוזאַמענטרעף פון אַ טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון די רעכטע פּועלי־ציון. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעטרעטן דער אַקטיווער ציוניסט ד"ר שיבער. אין זיין רעפעראַט האָט ער אויפקלערט די צילן פון „החלוץ" און גערופן צו זעלבסטפאַרווירקלעכונג פון די צילן פון ציוניזם. ער האָט אונטערשטראָכן, אַז אָנשליסן זיך אין „החלוץ" קאָן נאָר דער, וועלכער איז גרייט צו ענדערן זיין לעבנסשטייגער און עולה זיין קיין ארץ ישראל, כדי העלפן בויען אַן אייגן יידיש לאַנד.

באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אינהאַלטסרייכן רעפעראַט האָבן זיך פאַרשריבן ביי 50 חברים און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער אָסטראָווצער „החלוץ". די יוגנטלעכע וואָס האָבן געפירט ביז יעצט אַ באַלעבאַטישן לעבנסשטייגער זענען געווען דורשטיק נאָך אַקטיוויטעט און טעטיקייט און געשטרעבט צו ווערן פּראָדוקטיוו און זוכן פיזישע אַרבעט.

פאַקטיש גענומען זענען אין אָסטראָווצע געווען זייער שוואַכע מעגלעכקייטן איבערצוגיין צו אַן אַרבעטנדן לעבנשטייגער. די גרויסע אייזן פאַבריק „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע" איז געווען געשלאָסן פאַר דער יידישער יוגנט. פון דער פאַבריק האָט דער יידישער יוגנטלעכער נאָר געקענט געניסן פון הערן די סיגנאַלען אין באַשטימטע שעה׳ן און רעגולירן לויט זיי זיין זייגערל. ווילנדיק פאַרווירקלעכן זייער אידעאַל האָבן די ערשטע פאַרשריבענע חלוצים געמוזט אַרויספאָרן אין די הכשרה־פּונקטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע שטעט אין פּוילן.

די עלטערן פון די חלוצים האָבן אָבער נישט געוואָלט מסכים זיין אַז זייערע קינדער זאָלן פאַרלאָזן זייער היים און פאָרן אין דער פרעמד. עס איז שווער געווען זיי אויפצוקלערן די באַדייטונג פון דעם ענין.

איך דערמאָן מיך אין עטלעכע אינצידענטן וועלכע זענען אויסגעבראָכן צוליב דעם וואָס קינדער האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען. דער געלער זלמן יאַיטשאַרזש האָט זיך געוואָנדן צו דער פּאָליציי מיט אַן אָנקלאַגע, אַז מען האָט ביי אים אַוועקגערויבט זיין טאָכטער באַשע. דער געהיים־אַגענט וויקערעק איז דאַן געקומען אין לאָקאַל פון „החלוץ" אויסצופאָרשן ווו די פאַרלוירענע באַשע געפינט זיך. איך דערמאָן מיך אין אַ צווייטן אינצידענט, וועלכער קלינגט כמעט אומגלויבליך: דער שוחט פון שטעטל שענבע מיט זיין פרוי זענען אַריינגעקומען שבת־צו־נאַכט אין לאָקאַל פון „החלוץ", פאַרסאָפּעטע פון לאַנגן שפּאַציר. דאָס שוחט׳ל האָט אַרויסגעצויגן זיין חלף, אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש און געשריגן: „שעכט אונדז, ווייל מיר האָבן נישט מער צו וואָס צו לעבן, נאָכדעם ווי איר האָט פון אונדז אַוועקגערויבט אונדזער טאָכטער באַשע!"... באַשע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אָסטראָווצער „החלוץ", ווייל אין שענבע איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע נישט געווען. זי איז אַוועקגעשיקט געוואָרן דורכן „החלוץ" אויף הכשרה, נאָכדעם איז זי עולה געווען און אין אַ צייט אַרום אַראָפּגענומען אירע עלטערן קיין ארץ־ישראל. מיטן חלף וואָס ער האָט געבעטן אַז מען זאָל אים שעכטן, שעכט ער היינט־צו־טאָג עופות אין תל־אָביב׳ער געגנט. אַ דאַנק דער „פאַרלוירענער" טאָכטער זענען די עלטערן געבליבן לעבן...

איך דערמאָן זיך אין פאַרשידענע קולטורעלע און פּאָליטישע אונטערנעמונגען וואָס דער סניף פון „החלוץ" אין אָסטראָווצע האָט אַדורכגעפירט. מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט פאַרשידענע קינסטלער אויף אַרויסטרעטונגען, ווי זשאַק לעווי און מנחם קיפּניס מיט זיין פרוי זעליגפעלד. מיר האָבן אַדורכגעפירט אַ דרייסטע אונטערנעמונג וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות: מיר האָבן



קיבוץ „גאולה"

איינגעלאַדן אויף אַ רעפעראַט דעם פּרעזעס פון יידישן „קאָלאָ" אין סיים, יצחק גרינבוים. כדי דורצופירן די אונ־טערנעמונג, האָבן מיר געליען געלט ביי פיל מענטשן. אַ טאָג פאַר דער פאַרזאַמלונג באַקומען מיר אַ פּלוצלינגע טעלעגראַמע, אַז גרינבוים מוז אָפּלייגן זיין קומען אין אונדזער שטאָט, ווייל ער מוז האַלטן אַ קאָנפערענץ מיט אַ פּוילישן מיניסטער. די ידיעה האָט אונדז זייער שטאַרק באַאומרואיקט, ווייל ס'האָט אונדז געדראָט מיט שליסן דעם לאָקאַל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. מיר זענען אַריין אין חובות, וועלכע מיר זענען נישט געווען אומשטאַנד צוריקצוצאָלן.

מיר האָבן דאַן געשיקט קיין וואַרשע אַ ספּעציעלן שליח, דעם חבר ישראל הערציג, ער זאָל זיך פאַרשטענ־דיקן מיט גרינבוימען. ער האָט געפונען דעם אָנגעזעענעם פירער נאָך אַ שלאָפנדיקן. גרינבוים האָט אים דערקלערט, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך פאַרציען ביז דריי אַזייגער און נאָכדעם איז ער גרייט צו פאָרן. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן קאָמוניקאַציע מיטל, האָט ער גענומען אַ ספּע־ציעלע טאַקסי און געלאָזט זיך מיטן רעפערענט אין וועג אַריין אין אַ שנייאיקן טאָג. צו אונדז האָט ער טעלעפאָנירט דאָס גרינבוים וועט אָנקומען אין זעלבן אָוונט. מיר האָבן צוגעגרייט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים. דער „הנוער הציוני" מיט נאָך דעלעגאַציעס זענען אַרויס אין קינעווער וואַלד אָפּוואַרטן דעם הויכגעשטעלטן גאַסט. צוליבן פראָסטיקן וועטער איז געשען מיט דער טאַקסי איין פּאַנטשער נאָכן אַנדערן. מיר האָבן געוואַרט אין וואַלד ביז 10 אַזייגער און די טאַקסי איז נאָך נישט געווען. דערווייל איז דער עולם וועלכער איז געזעסן אין זאַל, געוואָרן אומגעדולדיק און געפאָדערט צוריק דאָס געלט פאַר די בילעטן. דער רע־פעראַט האָט זיך אָנגעהויבן 11 אַזייגער באַנאַכט. דער זאַל איז ווידער געוואָרן פאַרפולט און גרינבוים האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד". נאָכן רעפעראַט האָט מען איינגעאָרדנט אַ באַנקעט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז גאַנץ פרי. נאָכן דעקן אַלע אויסגאַבן איז אונדז נאָך פאַרבליבן אין דער קאַסע מער ווי 200 זלאָטעס.

א. הלוי

מפעולות בני הנוער בעירנו

חברת גמילות חסדים

בסוף העשור הראשון למאה הנוכחית התקיימה אסיפה של בני נוער, בה הוחלט לייסד חברת גמילות חסדים. נבחר ועד בהרכב: מנדל בלנקמן, יששכר פיש, גוטמן מרחוב סטודולנה, אליעזר מינצברג (אחיו של שרגא) ואנוכי. את סכום הכסף הראשון למתן הלוואות קיבלנו מאת הסבא פינצ'י מינצברג, מהירשל פיש ומאבי. בתחילת הקיץ של שנת 1914 הגיע הון החברה ל־100 רובל. לעתים נתנו לנו הורינו הלוואות לשם הרחבת הפעולה. גובה ההלוואות שחילקנו לנצרכים הגיע עד 6 רובל לאיש, ובמקרים מיוחדים עד 10 רובל. ההלוואות ניתנו בלי ריבית, אבל גבינו מאת הלווה 1% לכיסוי ההוצאות ול־הגדלת ההון.

מקרה אחד שתחילתו עצובה וסיומה בכי טוב נחרת בזכרוני: לפני חג הפסח שנת 1914 הלווינו לעגלון, שכנם של הירשל פיש והענעך רוזנמן, 6 רובל וקבלנו ממנו עגילים כמשכון. הקופה והמשכונות נמצאו תמיד אצלי. ובשעת בדיקת החשבונות נתגלה לנו שהעגילים נעלמו. נדהמנו ולא ידענו מה לעשות. לפי עצתו של מנדל בלנקמן, שהיה המבוגר ביותר בינינו, פנינו לאבי בבקשת עזרה. אבי פסק שעל הגזבר לתת 30 רובל ועל החברה להוסיף 20—30 ר' למתן פיצויים ללווה על אבדן המשכון. הוטל על בלנקמן ועלי לגשת אל העגלון לשם משא ומתן

אתו. שמחנו כאשר נודע לנו מפיו שהמשכון לא אבד, אלא הוחזר לו בערב החג, כדי לאפשר לאשתו ללכת בחג לבית הכנסת, כי בלי עגילים באזנים אי אפשר היה לאשה להיראות בבית הכנסת. החברה זכתה אם כן ב־30 רובל, כי אבי סירב לקבל חזרה את הכסף שנתן עבורי, משום שכספי צדקה אין מקבלים בחזרה.

הפעולה למען הפליטים

בקיץ שנת 1915 עם תבוסת הצבא הרוסי ע״י הוויסלה, הגיעו לעירנו פליטים יהודים רבים שגורשו ע״י הצבא הרוסי מאוז׳רוב, ליפסק, אילז׳א וראכוב. תחילה שוכנו הפליטים בבתי המדרש שע״י בית הכנסת הגדול ובבתי התפילה של החסידים. עבדנו ימים ולילות כדי לספק להם מצרכי מזון. כעבור כמה חדשים נוכחנו שלא די במתן צדקה לפליטים, עלינו להגיש להם עזרה קונסטרוקטיבית. בחודש כסלו שנת תרע״ח ניגשנו אני, אחי יחיאל ופרוכטגרטן לעבד תכנית פעולה לעזרה קונסטרוקטיבית כגון לימוד מקצוע, המצאת עבודה וכו׳. הוטל עלי לנאום בפני תושבי העיר ולהסביר להם את הצורך בפעולה קונסטרוקטיבית, אולם העליתי חרס בידי וכל מאמצינו היו לשוא. אז החלטנו שלשתנו לעזוב את הוועד למען הפליטים.

הספריה

עזבנו את הוועד, אולם קשה היה לנו להירגע, לא יכולנו לשבת בידים ריקות והיינו צמאי פעולה. בידינו היו 100 רובל, הון חברת גמילות חסדים, סכום שיכול לשמש כיסוד לרכישת ספרים לספריה. התקשרנו עם שמואל ועזרא בומשטיין והגשנו בקשה לשלטון הצבאי האוסטרי בדבר מתן רשיון לייסד ספריה. כעבור זמן־מה קיבלנו את הרשיון.

השומר הצעיר



סניף „גורדוניה״

הספריה היתה צריכה לעמוד לרשותם של כל הנוער היהודי בעיר בלי כל הבדל של השתייכותם המפלגתית. נדמה לי שזה היה אחד המוסדות הבודדים בעירנו שהיו משותפים לכל המפלגות. תחת שלט הספריה ניהלנו אנחנו פעולה ציונית ואנשי ה„בונד״ — פעולה סוציא־ליסטית.

היסוד לספריה היו הכסף מחברת גמילות חסדים וספרים שאספנו. אולם מיד בהתחלה קרתה לי תקרית שהיתה עלולה לגרום לפיצוץ המוסד. הוטל עלי, כמזכיר הספריה, להזמין את הספרים והזמנתי 90% ספרים עבריים. הדבר העלה את חמת היידישאים. נקראה אסיפה של הקוראים, חברי המוסד. זכורני שבתשובה להתקפות עלי עניתי: וכי מי קורא ספרים ביידיש? הוחלט אז שההזמנות תבוצענה ע״י כל חברי הוועד.

הספריה התקיימה משלהי שנת 1915 עד תחילת 1919. פרשה עגומה אחת מתולדות הספריה נשארה בזכ־רוני עד היום, והיא — השתלטות הבונדאים על הספריה. בבוקר בהיר אחד הופיעו אצלי שנים מחברי ה„בונד״ ובקשו ממני את מפתח הספריה לשם קיום אסיפת פועלים. מסרתי להם את המפתח וכרגיל במקרים כאלה היה עליהם להחזירו לי בשעה ארבע, למען אוכל להחליף ספרים לקוראים. עברה השעה הקבועה ואת המפתח לא קבלתי. הלכתי לספריה (היא היתה אז בביתו של שיטרסקי) ומצאתי את הדלת סגורה, דפקתי בדלת ואין תשובה. אחרי זמן־מה קבלתי תשובה: „הספריה שלנו״. והימים ימי חוסר שלטון בעיר, רק מועצת פועלים, שבראשה עמד פולני בשם פונצ׳ק, ניהלה את הענינים. פנינו אליו בתלונה וביקשנו את יישוב הסכסוך. אחרי ישיבות ודיונים רבים פסק פונצ׳ק שהאולם והספריה העבריים ישתייכו לציונים והספרים ביידיש ל„בונד״. דבר זה העכיר את היחסים בין הציונים וה„בונד״ עד כדי כך, שהחברים שלי שורצמן ואידלמן, שהיו חברי ה„בונד״, לא דיברו עוד אתי.

משה בלייברג

„הנוער הציוני" מעורר את היהודים לעליה

שנת 1927, ואנו קבוצת צעירים בני 13—15 גומרי בית־ספר „מזרחי", המלאים הכרה ציונית שהחדירו בנו מורינו. הגעגועים לארץ־ישראל מוצאים את ביטויים בשפה העב־רית שבה דיברנו בינינו ובין עצמנו ובקריאה בכל המופיע באותה התקופה בעברית — בשירה ובסיפור. ב„ארץ" שורר המשבר הגדול והירידה גוברת מיום ליום. „עלית גראַבסקי" נכשלה. וגם בני עירנו בין ה„יורדים": סוחרים של ה„הויכע צאַל" של השוק המפורסם — מוציאים את דיבת הארץ. גם צעירים שעלו ארצה — רובם חזרו לעיר מיואשים וסגורים בתוכם — ומצפונם נקפם על שלא ידעו לעמוד במבחן המשבר בארץ. כשהיו מזדמנים לפע־מים באולם הקן של „השומר הלאומי" היינו לומדים מהם את „שירי המשבר" („הו—הו נעליים...", „תשרי סבא...". „בלויים אנו..."). באווירה זאת קם „השומר־הלאומי", שהפך כעבור זמן ל„הנוער־הציוני" — ונעשה למקום שוקק חיים וערגה לעליה לארץ.

מורינו ומחנכינו הרעיוניים

מוצא אני לנכון להזכיר את מורינו ובני העיר השונים שהטביעו את חותמם עלינו והביאו בעקיפין להתארגנותנו ולהקמת קן תוסס שהקיף מאתיים בני נוער ואשר השפיע לא מעט על שינוי האווירה ששררה בנוער באותו זמן.


אויף ראש־השנה תש״א (1940) בין איך אָנגעקומען צוריק קיין אָסטראָווצע. דאָס לעבן אין שטאָט איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק צו יענער צייט געווען „נאָרמאַל״ אין פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיקע ביטערע יאָרן. עס פלעגן נאָך קומען יידן פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך איינ־קויפן סחורה אין אָסטראָווצע. ערשט שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס און מען האָט געזוכט שניט־סחורה און לעדער, וואָס יידן האָבן באַהאַלטן אין קעלערס און אויף בוידעמער. עס האָבן נישט געפעלט קיין אייגענע מוסרים און נידערטרעכטיקע נפשות, וואָס האָבן פון דעם געמאַכט אַ לעבן. יידן פלעגן גיין אין גאַס און באַווייזן זיך אַפילו אויף דער „בערזע״ אויף דער הויכער צייל.

דער לעצטער וועג...

הדרך האחרונה...

נאָר טאָמער האָט מען געהערט, אַז עס גייט דער באַקאַנטער סאַדיסטישער עס־עס־מאַן פעטער מיט זיין הונט — זיינען אַלע יידן אַנטלאָפן ווו נאָר איינער האָט געקענט. גאָר באַזונדערס האָט מען אויסבאַהאַלטן די פרויען און קינדער.

איך דערמאָן זיך ווי כ'בין שבועות תש"ב געגאַנגען אויף שענער גאַס מיט מיין חבר ישראל־לייב זאַכטשינסקי ז"ל. פלוצים דערהער איך אַן אויסגעשריי: „נעם אים!" און שוין שטייט פעטערס הונט ביי מיר און רייסט פון מיר שטיקער. דער הונט האָט אַזוי לאַנג געריסן פון מיר די הויזן, ביז ער האָט מיטגעריסן פון מיר אַ שטיק פלייש פון פיס. איך האָב דערנאָך געמאַכט אַ ברכה: „ברוך המקום בזול", ווייל איך האָב געקענט פיל ערגער אָפּשניידן...

איך וויל דאָ דערמאָנען צום גוטן דעם קריסטלעכן איינוווינער פון אָסטראָוויצע סטאַניסלאַוו סאַסקי, וועלכער האָט מאַטעריעל פיל געהאָלפן אונדזער פאַמיליע אין די שווערע צייטן פון די אָקופּאַציע־יאָרן. ער האָט געהאָלפן מיין טאַטן ע"ה מיט איינאָרדענען אים די קאַשע־מיל. ער האָט ספּעציעל געשיקט אַ וואָגן מיט פערד קיין טאַרלע און אויפגעקויפט פאַר אים תבואה. סאַסקי האָט אויך פיל אַרויסגעהאָלפן מיט פרנסה דעם אַלטן יואָלף שווערדשאַרף ז"ל.

שפּעטער האָט דער זעלבער סאַסקי זיך משתדל געווען פאַר מיר. איך געדענק ווי ער האָט פאַראָרדנט זיין סעקרעטאַרין און זי האָט טעלעפאָנירט אין אַרבעט־אַמט, אַז מען זאָל מיר געבן אַרבעט ביים גרויסן אויוון אין די „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע", ווייל דאָרט איז געווען אַ רעגולערע 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג. כ'האָב דאָרט אָפּגעאַרבעט גאַנצע דריי יאָר ביז כ'בין קראַנק געוואָרן און שוין נישט געקענט שטיין אויף די פיס. איך דערמאָן זיך ווי שווער און ביטער ס'איז אונדז געווען אויפן האַרצן, מיר און דעם טאַטן ע"ה, ווען צו „כל נדרי" פלעגט ער זיך אַרומהילן אין טלית און גיין דאַווענען, און איך פלעג נעמען דאָס פעקל און גיין צו דער אַרבעט אין די זאַקלאַדן...

מיר פלעגן אין די אָונטן פיל מאָל אַריינגיין אין דער בעקעריי פון שמעון בייגעלבעקער (קאָרנוואַסער), וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדז. איינמאָל, ווען די עס־עס־לייט זענען אַריינגעקומען נעמען ברויט, האָבן זיי אונדז דאָרט געטראָפן. זיי האָבן אונדז פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין קעלער פון געשטאַפּאָ. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. די נאַטירלעכע באַדערפענישן האָבן מיר געמוזט דערליידיקן אויפן אָרט און אַן עס־עס־מאַן מיטן נאָמען ווייער האָט אונדז געצוווּנגען דאָס אַרויסצורייניקן און דערביי נישט געשפּאָרט קיין קלעפּ. איינעם פון אונדז, פינטשע ראָזענבערג, האָט ער אַזוי צעשלאָגן, אַז ער האָט שוין נישט געהאַט אויף וואָס צו זיצן פון ווייטיק... שפּעטער האָבן זיי אים אַרויסגענומען אויף אַן אויספאָרשונג — און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען פאַר די אויגן. צומאָרגנס האָט מען אונדז אַלע געשלאָסן אין קייטן און אָפּגעפירט אין תפיסה. דורכן פענצטער האָבן מיר געזען ווי אינדרויסן דרייט זיך דער מאַכער און פאַרטרויאונגס־מאַן פון די עס־עס — פינטשל האָפמאַן. אין תפיסה האָב איך געהאַט יאָרצייט נאָך מיין מוטער ע"ה און איך האָב געזאָגט קדיש מיט אַ מנין און דערביי געטרונקען און געווונטשן זיך לחיים.

צומאָרגנס נאָך דעם באַרימטן מאַסן־מאָרד אין אָסטראָוויצע, ווען מען האָט עטלעכע צענדליק יידן אַרויסגענומען אין גאַס און זיי דערשאָסן, האָט מען אונדז באַפרייט פון תפיסה. איך האָב נאָך צו יענער צייט געלעבט פון אַרבעט ביים גרויסן אויוון אין די זאַקלאַדן. אין שטוב ביי אונדז האָט מען שוין היפּש אונטערגעהונגערט.

אין יאָר 1942 האָט די יידישע פּאָליצײ נישט דערלויבט די יידן שטיין אין מאַרק, און ווי נאָר דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליצײ פ. פלעגט זיך באַווייזן זענען זיך אַלע יידן שנעל צולאָפן אַהיים. אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן געהאָנגען צוואַנציק פּאָליאַקן אין מאַרק אינמיטן טאָג, ווען די אַרבעטער זענען געגאַנגען פון דער אַרבעט. צווישן די געהאָנגענע האָט זיך אויך געפונען סטאַניסלאַוו סאַסקי, וועגן וועלכן איך האָב שוין אויבן געשריבן.

דער יודענראַט פלעגט אַרויפלייגן פאַרשידענע קאָנטריבוציעס אויף דער יידישע באַפעלקערונג און ווער עס האָט נישט באַצאָלט, האָט מען קעגן אים אָנגענומען שטרענגע מיטלען. אַזעלכער פלעגט ווערן אַרעסטירט דורך דער יידישער פּאָליצײ און אָפטמאָל איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די עס־עס.

נאָך סוכות 1942, שבת בראשית, ווען כ'בין אהיימגעקומען 12 בייגאַכט פון דער אַרבעט אין די זאַקלאַדן, האָט שוין געהערשט אין אָסטראָווצע אַ שרעקלעכע פּאַניק צוליב די קלאַנגען, אַז די שטאָט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע און אַז עס גרייט זיך אַ „ווישעדלעניע". איך געדענק ווי מיין טאַטע ע"ה האָט צו מיר געזאָגט: „דו, מיין זון, וועסט אפשר איבערלעבן דאָס אַלץ, איך אָבער בין שוין אַלט, קראַנק און צעבראָכן און וועל דאָס געוויס שוין נישט איבערהאַלטן".

איך בין אַנידערגעפאלן אַ מידער פון דער אַרבעט,

5 אַזייגער פאַרטאָג איז געקומען צו לויפן די מומע ברכה לוקסעמבורג, משה טאַרלערס פרוי, און מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיטנעמען אַ פעקל מיט ווערטזאַכן און דאָס איבערגעבן איר זון שמואל, וועלכער האָט אויך געאַרבעט אין די זאַקלאַדן, כדי דאָס דאָרט צו באַהאַלטן. איך האָב איר דערקלערט, אַז צו דער אַרבעט גיי איך ערשט מאָנטיק אינדערפרי. ס'איז אַריינגעקומען דער יידישער פאָליציאַנט מענטע און באַפוילן אַלעמען אַרויסגיין אין מאַרק אַריין. דער טאַטע האָט מיטגענומען טלית און תפילין. איך האָב גאָרנישט גענומען מיט זיך און ביידע זענען מיר אַרויס צוזאַמען אין מאַרק אַריין. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם וואַסער־טרעגער משה האַלאָ מיט זיין זון גימפל, און איך דערמאָן זיך ווי מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אונטערגעברומט דאָס באַקאַנטע לידל: „וווהין זאָל איך גיין ?"...

אין מאַרק זענען שוין געווען פאַרזאַמלט זייער פיל יידן — מענער, פרויען און קינדער. צוקומענדיק צו דער הויכער צייל האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם יידישן פאָליציאַנט משה מאיר וו., וועלכער האָט מיך באַלד געשיקט אויפן פלאַץ פלאָריאַנסקי נעבן מאַגיסטראַט, אין דעם טאַטן האָט ער באַפוילן צו גיין צו דער צייל פון מענדל פיש. איך האָב שוין נישט באַוויזן אַפילו מיטצוגעבן אים דעם טלית און תפילין. דער טאַטע איז אַוועק אויף זיין לעצטן וועג און מער האָב איך אים שוין נישט געזען ביזן היינטיקן טאָג...

אויפן פלאַץ פלאָריאַנסקי האָב איך צווישן די פיל יידן אויך געטראָפן מיין קוזין שמואל לוקסעמבורג און איך געדענק, ווי כ'האָב ביי אים גענומען אַ ציגאַרעט. ביינאַכט האָט מען אונדז אַראָפגעפירט אויף אַרבעט אין די זאַקלאַדן. צומאָרגנס איז אין די זאַקלאַדן געוואָרן אַן אַלאַרם. מען האָט אונדז אַלע אַרויסגעפירט אויף אַ פלאַץ און נאָך אַ רעוויזיע אַרויסגענומען דריי מאַן צום שיסן, ווייל מען האָט אויפן פלאַץ געפונען צעריסענע געלט־באַקנאָטן. איך בין געשטאַנען גרייט צו דער רעוויזיע מיט מיט אַ זאַק מיט אַנציגער און וועש פון מיין קוזין שמואל לוקסעמבורג. זיי האָבן ביי מיר אַלץ צוגענומען. צוויי מאַן האָט מען שוין געהאַט אַרויסגענומען צום שיסן און ס'האָט זיי צוגעפעלט אַ דריטער צו „מזומן". איך האָט דאָס געזאָלט זיין דער דריטער און מען האָט מיך שוין געזאָלט נעמען, איז צוגעגאַנגען אַן אוקראַאינער און פעסטגעשטעלט, אַז נישט דאָס בין איך פון די צעריסענע געלט־באַנקנאָטן, נאָר אַן אַנדערער, און אַזוי בין איך ניצול געוואָרן פון טויט אין דער לעצטער רגע. אויך ביים קוזין שמואל האָט מען צוגענומען דעם גאַנצן זאַק מיט זאַכן. פונדעסטוועגן

האָט זיך אים דאָך איינגעגעבן דורכצושמוגלען עטלעכע הונדערט דאָלאַר, און פון דעם האָבן מיר טאַקע געהאַט צו לעבן אַ לענגערע צייט ביזן יאָר 1944, ווען מ'האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אָסטראָווצע אויפן וועג קיין אוישוויץ.

נאָך דער ערשטער „ווישעדלעניע" בין איך אַריבער־געפירט געוואָרן אין קליינעם געטאָ. אוקראַאינער פלעגן אונדז פירן צו דער אַרבעט און צוריק אַ היים נאָך דער אַרבעט. גייענדיק זעקס אינדערפרי צו דער אַרבעט, פלעגן מיר זען ליגן אויפן וועג פיל טויטע, וועלכע זענען ביינאַכט דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

אין יאָר 1943 האָב איך געפילט ווי די שווערע אַרבעט ביים גרויסן אויוון אין די זאַקלאַדן לייגט מיך אַוועק. איך האָב מיך אָנגעהויבן פילן וואָס אַמאָל ערגער. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָנלאָדענען 12 וועגעלעך מיט רודע (1200 ק"ג) אין פאַרלויף פון 8 שעה און דאָס צופירן ביזן אויוון אַ מרחק פון 500 מעטער. די פיס האָבן שוין נישט געטראָגן. איך בין אָפט געגאַנגען צום דאָקטאָר פעקער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען גאָרנישט העלפן, אַז מיך קען נאָר ראַטעווען בוסק... מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרערגערן פון טאָג צו טאָג.

אין אַ געוויסן זונטיק האָב איך באַדאַרפט גיין 6 פאַרנאַכט צו דער אַרבעט אויף 12 שעה. איך האָב אָבער נישט געקענט גיין אַרבעטן און אינדערפרי דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק צום דאָקטאָר, וועלכער האָט מיך באַפרייט פון דער אַרבעט אויף 3 טעג. דער פאָראַרבעטער שווירסקי האָט באַמערקט, אַז איינער פעלט אים ביי דער אַרבעט. האָט ער באַלד טעלעפאָנירט אין לאַגער אַריין, אַז מ'זאָל אים צושיקן אַן אַרבעטער. אַ יידישער פאָליציאַנט האָט מיך מיט כוח אַראָפגעשלעפט פון דער פריטשע און מיך אָפגעפירט צום לאַגער־שעף אברהמעלע זייפמאַן אין זיין ביוראָ. ער האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס כ'בין נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. איך האָב געענטפערט, אַז כ'בין קראַנק און כ'קען נישט אַרבעטן. „האָסטו באַדאַרפן מעלדן מיט 3 חדשים פריער" — האָט ער צו מיר געזאָגט. ער האָט אויפגעהויבן אַ גראָבן שטעקן און מיר געוואָלט דערלאַנגען אין קאָפּ אַריין. צו מיין מזל בין איך אָפּגע־שפרונגען אין אַ זייט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם קלאַפּ.

נישט געקוקט אויף מיין קראַנקייט, האָט מיך די יידישע פאָליציי דעם זעלבן טאָג אָפּגעפירט צו דער אַרבעט אין די זאַקלאַדן. שווירסקי האָט אָבער געזאָגט, אַז ער וויל אַן אַנדערן אַרבעטער און נישט מיך, ווייל ער האָט געוווסט, אַז איך בין קראַנק און דער ווייל נישט פעאיק צו קיין

שום אַרבעט. נאָכן אָפּאַרבעטן 3—4 שעה בין איך אַוועקגעפאַלן אַ פאַרהלישטער. שווירסקי האָט מיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אַוועקגעשטעלט אויף מיין אָרט אַ קריסט.

נאָך דער צווייטער „ווישעדלעניע" אין יאָר 1943, האָט מען אונדז קאַשאַרירט אין אַ לאַגער ביי טשענסטאָטשיץ. נישט ווייט פון אָסטראָווצע. מיין קוזין שמואל לוקסעמבורג האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און צוריקגעקומען אַרבעטן אין די זאַקלאַדן. אין דאָזיקן לאַגער זענען מיר געווען ביז אַן 800 יידן און געהיטן האָבן אונדז אוקראַינער. באַלד אין ערשטן טאָג ווי מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין לאַגער, איז צו אונדז געקומען דער יידישער פּאָליציאַנט מיכאל ק. און אונדז חוצפה׳דיק געדראָט: „דאָ וועט איר שוין נישט מאַכן אַזאַ לעבן ווי ביז איצט. איר וועט שוין ביי מיר אַרבעטן מיט די זייטן". און ווען איינער פון אונדז האָט געפּרוווט געבן אַ שמייכל, האָט זיך קליינער אויף אים געוואָרפן און אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער.

בעת אַ רעוויזיע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די אוקראַינער, האָט מען ביי איינעם פון די ברידער זאַכטשינסקי געפונען הינטערן קישן 10 דאָלאַר און מען האָט זיי ביידע, ישראל־לייב און ירמיהו, דערשאָסן אויפן אָרט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונטערגעלעגט דאָס געלט האָט עמעצער אַנדערש.

זומער 1944 האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק רעדן, אַז די רויטע־אַרמיי דערנענטערט זיך. די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט די שמירה אַרום דעם לאַגער מען האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן זיי אונדז פאַר דער באַפרייאונג אַלע אויסשיסן. געוויסע מענטשן האָט זיך דאָך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. איך געדענק ווי יאָסל און מאָטל האָפּ האָבן אַריינגעשמוגלט ברויט, און אַ לעבל ברויט האָט געקאָסט 500 זלאָטעס.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און אַוועקגעפירט. קיינער פון אונדז האָט נישט געוווּסט וווהין מיר פאָרן. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער וועג פירט קיין אוישוויץ.

אין איינעם פון די יולי־טעג אין יאָר 1944 זענען מיר אָנגעקומען קיין אוישוויץ. מען האָט אונדז גלייך אויפגענומען און געפירט אין באָד אַריין. מיר האָבן שוין געוווּסט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס נאַצישע „באָד" און מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן פון דאָרט נאָך אַרויס לעבעדיקע. נאָכן באָד האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין ציגיינער־לאַגער, פון וועלכן מען האָט פריער אַרויסגענומען די ציגיינער און זיי אַלע דערשאָסן. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן דריי טעג. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער גיהינום. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט האָט מען אונדז געהאַלטן אין איין ציילן און דערביי געהאַלטן אין איין שלאָגן. אַ קאַפּאָ איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן און געהאַלטן אין איין דערלאַנגען. די ענגשאַפט איז געווען אומבאַשרייבלעך: מ׳איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ און די נאַטירלעכע באַדערפעענישן דערליידיקט אויפן אָרט. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי געמאָלדן וועגן אַ רעגיסטראַציע פון פּאַלייט. אַ סך האָבן זיך רעגיסטרירט אָבער שפּעטער זענען זיי זיך אַלע צעלאָפן. מיין קוזין שמואל לוקסעמבורג האָט זיך רעגיסטרירט אַלס שלאָסער, ער איז אַוועק — און פון דעמאָלט אָן האָב איך אים פאַרלוירן אויף אייביק.

פון ציגיינער־לאַגער האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין לאַגער בונא (אויפן שטח פון אוישוויץ). בעתן גיין אין באָד אַריין, האָט זיך מיר איינגעגעבן אַדורכצושמוגלען 2 „גוראַלן" (1000 זלאָטעס). מען האָט ביי אונדז צוגענומען די מלבושים און אינדז מזכה געווען מיט דער לאַגער־קליידינג אין פּאַסן. פון די 2 אָפּגעראַטעוועטע „גוראַלן" האָב איך געהאַט צו לעבן אַ לענגערע צייט. אַ ייד האָט מיר פאַר געלט צוגעשטעלט פּאָרציעס ברויט יעדע וואָך. אַרויסגייענדיק פון באָד, איז צו מיר צוגעקומען מאיר גאָלדוואַסער און מיר געבעטן טוישן זיך מיט די שיך, ווייל אין זיינע שיך האָט ער געהאַט באַהאַלטן עטלעכע גאָלד־שטיקלעך. איך האָב אים דאָס שפּעטער צוריקגעגעבן.

נאָכן אָפּזיצן 2—3 טעג אין לאַגער, האָט מען אונדז צוגעטיילט צו קאָמאַנדע־אַרבעט. איך בין אַריינגעפאַלן אין קאָמאַנדאָ 99 אין דער שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער קאַפּאָ זעפּ ימ״ש — אַ פאַרברעכערישער טיפּ פון דייטשלאַנד. ער איז געווען באַרימט אין לאַגער מיט זיינע מערדערייען און אַלע האָבן געזאָגט, אַז פון דאָרט קומט קיינער נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

במשך פון עטלעכע טעג האָב איך געאַרבעט ביים אויסלאָדן קאַרטאָפל. איך האָב דערביי יעדן טאָג געגנבעט קאַרטאָפל, אָפּגעקאָכט און געגעסן. אויך דער קאַפּאָ זעפּ פלעגט פרעסן פון די געגנבעטע קאַרטאָפל. אין אַ געוויסן טאָג איז ער צו מיר צוגעשטאַנען און מיך געפאַרשט ווער ס׳האָט געגנבעט קאַרטאָפל. איך האָב זיך מודה געווען און באַקומען גוט אָנגעשלאָגן די ביינער. יעדער איינער פון אונדז האָט באַקומען פון אים געשלאָגן מכות רצח. איך געדענק אָבער אַ פאַל ווען אַ פעלדפעבעל פון דער וועערמאַכט האָט אונדז צוגעהאָלפן באַקומען קאַרטאָפל, כדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו עסן.

איך האָב געהאַט באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז נוקם צו

זיין זיך אָן קאַפּאָ זעפּ פּאַר זיינע רציחות. איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט און „יגעת ומצאת — תאמין". מיר זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויפשטעלן באַראַקן פאַר דער ווערמאַכט. דאָרט איז געווען אַ מיליטערישע קיך. דער קאַפּאָ פלעגט דאָרט אָפט אַריינקומען פרעסן. ער האָט זיך דאָרט פאַרפלאָנטערט מיט אַ שיקסע, זיך אָנגעשיכורט און טאַקע צוליב דער שיקסע זיך צעשלאָגן מיט עטלעכע סאָלדאַטן. מיר האָבן געוואָלט מעלדן וועגן דעם דעם לאַגער־עלטסטן, אָבער מיר האָבן מורא געהאַט דאָס צו טאָן. ענדלעך האָבן מיר זיך דעצידירט, אַריין צו אים און דערציילט די גאַנצע מעשה. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים אַוועקגענומען פון אונדז, ער האָט באַקומען גוט געשלאָגן — און מער האָבן מיר אים נישט געזען פאַר די אויגן.

ענדע ווינטער 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך גענומען דערנענטערן צום לאַגער, האָט מען אונדז אַרויס־געפירט קיין גלייוויץ. מיר זענען געגאַנגען צופוס, דער וועג איז געווען איבערפולט מיט מאַסן מענטשן. ווער ס'האָט נישט געקאָנט גיין, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין גלייוויץ. אין גלייוויץ האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין וואַגאָנען און אָפּטראַנספּאָרטירט ווייטער. די נסיעה איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע. מיר זענען געפאָרן עטלעכע טעג און

יידן ווערן איבערגעפירט אין טויטן־לאַגער



יהודים מובלים למחנות המוות

מער ווי העלפט איז אומגעקומען אויפן וועג. איך געדענק ווי יהושע הערשל קעסטענבוים, דעם קליינעם הערשעלעס זון פון אָסטראָווצע, האָט געזאָגט, אַז ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן, און ווי אַזוי ער איז פאַרשוווּנדן אינמיטן וועג — וויס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. אָנקומענדיק אויף אַ סטאַנציע, פלעגט מען אַרויסוואַרפן די טויטע און אויף זייער אָרט אַריינגעשטופּט לעבעדיקע.

נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע טעג, זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער דאָראַ, אין דייטשלאַנד. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן נישט מער ווי איין טאָג און אונדז אָפּגעשיקט אין לאַגער ערליך. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ שרעקלעכן מצב. די מענטשן זענען געווען געשוואָלן פון הונגער, געגעסן מענטשן־פלייש און אונדז מקנא געווען. מיר זענען געווען באַשעפטיקט ביים דורכשניידן טונעלן. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן ביז דריי חדשים ביי די שווערסטע באַדינגונגען.

אין אַ געוויסן אָוונט האָבן זיך באַוויזן פיינטלעכע עראָפּלאַנען. מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון לאַגער און אָפּטראַנספּאָרטירט קיין בערגען בעלזן. ס'האָט שוין געהערשט אַ בהלה און אַ דעמאָראַליזאַציע צוליבן דער־נענטערן זיך פון די ענגלענדער.

אין אַפּריל 1945 האָבן זיך באַוויזן די טאַנקן פון דער ענגלישער אַרמיי און מיר זענען ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון נאַצישן גיהינום. איך בין געווען צווישן די גליקלעכע, וואָס האָבן דאָס דערלעבט. אַסך האָבן נישט אויסגעהאַלטן און אומגעקומען.

נאָך דער באַפרייאונג בין איך געווען זייער אָפּגע־שוואַכט, צעבראָכן פיזיש און גייסטיק. איך האָב געוווֹיגן עטלעכע און דרייסיק קילאָ אָנשטאָט זיבעציק אין נאָר־מאַלע צייטן. שוין נאָך דער באַפרייאונג איז מיר אויס־געקומען גאַנץ נישקשהדיק אונטערצוהונגערן. דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן פלעג איך אַרויסקריכן, געגנבעט שאָ־לעכץ פון קאַרטאָפל, כדי נישט שטאַרבן פון הונגער.

נאָך דער באַפרייאונג בין איך נאָך געווען אין דאָזיקן לאַגער ביז ענדע דעצעמבער 1945. פון דאָרט בין איך אָפּגעפאָרן קיין בעלגיע און פון בעלגיע — קיין ישראל, ווו איך געפין זיך ביזן היינטיקן טאָג צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע.

יהושע אורבאַס

דער אנפאנג

די נייעס, אַז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן איבער די געסלעך פון אָסטראָווצע און אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע בהלה. דאָס לעבן איז באַלד געוואָרן ווי פּאַראַליזירט.

אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ געלויף. עלטערן זענען געלאָפן צו קינדער, קינדער — צו עלטערן. מענטשן זענען אויך געלאָפן אין די געשעפטן, כדי זיך איינצושאַפן די נויטיקע שפּייז־פּראָדוקטן, מורא האָבנדיק פאַרן קומענדיקן הונגער.

אויף די גאַסן האָט מען אָנגעהויבן גראָבן שוץ־גראָבנס, עס זאָל זיין ווו זיך אויסצובאַהאַלטן אין פאַל פון אַ באָמבאַרדירונג.

אין משך פון עטלעכע שעה איז דאָס לעבן, דאָס פריער נאָרמאַלע, געוואָרן אינגאַנצן איבערגעקערט, נישט צום דערקענען...

באַלד איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע מאָביליזאַציע. ספּעציעלע קוריערן האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן און פאַרטיילט צווישן די איינוווינער איינלאַדונגען צוצושטעלן זיך צום מיליטער. מחמת עס איז נישט געווען קיין צייט דאָס צו דערליידיקן דורך פּאָסט האָט מען דערויף גענומען ספּעציעלע קוריערן.

אַזאַ פּאָוויעסטקע, איז אויך אָנגעקומען אין דער שטוב פון דער משפחה פאַלקמאַן. דאָס איז געווען פאַר יונתן, דעם פינף־און צוואַנציק יאָריקן.

אין שטוב איז קיינער נישט געווען, אַחוץ די קליינע קינדער. די מאַמע און דער זעכצן יאָריקער עזרא, וועלכער האָט שוין געהאָלפן דער משפחה אין דער פרנסה, זענען געווען ביי דער אַרבעט.

יונתן איז פונקט אָנגעקומען עסן מיטאָג. עס איז געווען צוועלף אַזייגער, די שעה פון זיין מיטאָג־איבערייס. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע אַקסלען די יאַרמע מיט די עמער און גענומען לייענען די פּאָוויעסטקע.

— יאָ, דאָס רופט מען מיך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. און דאָס פנים זיינס מיט דער ברייטער נאָז, האָט אַ ציטער געטאָן, פאַרלוירן אויף אַ רגע זיין נאַטירלעכע רויטע פאַרב. ער האָט זיך פאַרטראַכט...

צום סוף האָט ער גענומען עסן מיטאָג, צעשניטן אַ פּאָרציע ברויט, אַ קלענערע ווי אַלעמאָל, פאַרטרונקען מיט באָרשט.

דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פּאַקן זיין רענצל, דאָס זעלבע רענצל, מיט וועלכן ער האָט זיך מיט צוויי יאָר צוריק אומגעקערט פון רעגולערן מיליטער־דינסט.

ער האָט אַריינגעלייגט אין רענצל אַ פאָטאָגראַפיע — דאָס בילד פון מלכה, זיין כלה, עטלעכע קאָנווערטן, שרייב־פּאַפּיר און אַ ראַזיר־אַפּאַראַט. ער האָט אויך געוואָלט מיט זיך מיטנעמען אַ בילד פון זיין מאַמע און זייער באַדויערט פאַרוואָס די מאַמע האָט זיך קיינמאָל נישט פאָטאָגראַפירט. זי האָט עס נישט געטאָן, ווייל זי איז געווען אַ פרומע און גאָטספאָרכטיקע פרוי.

בעתן פּאַקן איז אָנגעקומען עזרא, דער זעכצן יאָריקער. ער איז געווען איבערגעשראָקן. דאָס פּאַקן האָט אויף אים שרעקלעך געווירקט. עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס אַוועקגיין פון זיין ברודער, יונתן, צום מיליטער לעבט ער שרעקלעך איבער...

אין אַ משפחה אַזאַ, ווו עס איז נישטאָ קיין פאָטער, טרעפט אָפט, אַז צווישן די קינדער שטעלט זיך איין אַ גאָר באַזונדערע האַרציקע באַציאונג, פון איינעם פאַר דעם אַנדערן און פאַר דער היים גופא.

נאָכן פּאַקן די זאַכן האָט עזרא אַ זאָג געטאָן:

— קום, איך וועל דיך באַגלייטן צום צוג, יונתן...

און געזאָגט האָט ער עס מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער דער שטוב ווי אַ צעבראָכענע כלי.

דאָך זענען זיי נאָך נישט געגאַנגען: מען האָט געוואַרט אויף דער מאַמען.

לאַנג וואַרטן, אָבער, האָבן זיי נישט געקאָנט. די פּאָוויעסטקע רופט דעם מאָביליזירטן זיך צוצושטעלן פונקט צוויי אַזייגער אויפן וואָקזאַל.

זוכן זי, האָבן די קינדער נישט געוווּסט ווו. זי, די מאַמע האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אויף איין אָרט, מחמת איר אַרבעט איז געווען אַזאַ פאַרשידענע, אַז זי האָט געמוזט אַרומלויפן אויף פאַרשידענע פלעצער.

עזרא איז אַרומגעלאָפן זוכן זי צווישן די שכנים. נאָר — אָן רעזולטאַטן.

★

צום סוף האָט יונתן אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס די קינדער, זיך האַרציק געזעגנט מיט זיינע שוועסטערלעך

— יוכבדן, רייזלען, מיט זיינע ברידערלעך — ירחמיאלן, חיימקען, פנחסן — זיי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און גענומען אויף זיך דאָס רענצל.

דער וועג צום וואָקזאַל איז נישט געווען קיין לאַנגער.

אָסטראָווצע, קאָן מען זאָגן, איז דאָך נישט קיין גרויסע שטאָט.

זי איז ווי איינגעטיילט אין צווייען: איין טייל שטאָט איז דער מאַרק, מיט דער אַרומיקער יידישע געגנט. דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן ערשט הינטערן באַרג, די לאַנגע, ברייטע אַלייע, וואָס פירט צו קריסטלעכע קוואַרטאַלן, צום פּאַרק, צו דער פאַבריק, אויך צו דער באַנסטאַנציע. אַ וועג — אַן ערך אַ צוויי קילאָמעטער.

נאָר דער וועג האָט די ביידע ברידער היינט אויסגעקוקט זייער לאַנג. אַ וועג, אַ ביז גאָר פיינלעכער... ווייל קיינער האָט נישט געוווסט ווו אַהין ער וועט דאָס איצט פירן?..

אויפן וועג האָבן די ברידער געהאַלטן אין איין שווייגן. ביידע האָבן געטראַכט פון זעלבן...

ער, יונתן, דער מאָבילריזירטער, האָט געטראַכט וועגן דער לאַגע, וועגן דער מאַמען מיט די קינדער, וועמען ער לאָזט איצט איבער אויף הפקר, אויסגעשטעלט אויף הונגער. ווי לאַנג ער געדענקט זיך, יונתן, זעט ער זיך אַלץ אין שטוב, אַרויסהעלפן דער משפחה. באַלד נאָך דעם ווי די משפחה איז געבליבן אָן אַ פאָטער, וועלכער איז אומגעקומען מיט אַ ניט־נאַטירלעכן טויט, איז אויף אים, יונתן, דער עלטסטער אין שטוב, דעמאָלט דער זיבצען יאָריקער, אַרויפגעפאַלן דער גאַנצער עול פון שפייזן די משפחה. אין שטוב איז געווען דאָס קליינוואַרג, מיט דער אומבאַהאָלפענער מאַמע, וואָס האָט אין דער קלאָגעדיקער לאַגע נישט געוווסט, ווו זיך צו ווענדן אין לעבן, כדי צו קענען ווי נישט איז עקזיסטירן. צוליב דעם האָט ער, יונתן, זיך נישט אויסגעלערנט אַ פאַך, נישט באַוויזן עס צו טאָן. ווייל באַלד האָט ער געמוזט נעמען זיך צו אַן אַרבעט, אַזאַ, פון וועלכער ער וועט תיכף אָנהויבן פאַרדינען. געוואָרן איז ער אַ וואַסער־טרעגער. ער האָט זיך געקויפט אַ יאַרמע, אָנגעהאָנגען אויף איר צוויי עמערס, גרויסע עמערס. און אָנהויב האָבן די וואַסער־טרעגער, וואָס אַן אמת, אים נישט ליב געהאַט, מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ... שפּעטער האָבן זיי געזען אין אים אַ גוטן פריינט: — ער האָט געהעכערט דעם פרייז, אָנשטאָט פינף גראָשן — זיבן גראָשן פאַר צוויי עמערס. דאָס וואַסער־טראָגן האָט אין אָנהויב אים געהאַרט, שפּעטער האָט ער זיך צו דעם צוגעוווינט. ער האָט זיך געפילט אין דער פּראָפעסיע, ווי ס׳רוב שוואַרצע אַרבעטער אין אויספילן אַ פונקציע, כדי צו פאַרדינען, כדי צו עקזיסטירן. אין אָוונט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען נאָכן אַרבעטס־טאָג, האָט ער דאָס פאַרדינטע־געלט אַוועקגעגעבן דער מאַמען, וועלכע האָט זיך אויך אין דער זעלבער צייט אומגעקערט אין שטוב אַ מידע פון איר אַרבעט. ביידע — זי און יונתן — האָבן פאַרלאָזט אין פריען פרימאָרגן די היים, ער — מיט דער יאַרמע און עמערס, זי — מיט אַ קאַן אין האַנט. ער האָט געטראָגן וואַסער, וואָס ער האָט געצויגן פון ברונעם אויפן גאַס. אין דער קאַן האָט זי געטראָגן מילך. אָנגעגאָסן די קאַן האָט זי אין דער מילכערײַ, שפּעטער דאָס צעטראָגן איבער די שטיבער. פון יעדן פאַרקויפטן ליטער מילך איז איר געבליבן ריווח צוויי גראָשן. דאָס האָט געדויערט ביי איר ביז צען אַזייגער. דאַן איז זי אַהיימגעקומען, געמאַכט פאַר די קינדער עפּעס עסן. דעמאָלט ווידער אַוועק, דאָסמאָל אויף אַן אַנדערע אַרבעט, וואַשן וועש, אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט ביי אַ צווייטן בעל־הבית אין הויז.

אין אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן לאַנגע יאָרן.

ער, עזרא, דער קלענערער, גייענדיק איצט באַגלייטן זיין ברודער צום וואָקזאַל, האָט אויך געטראַכט פון דער היים: דערמאָנט האָט זיך עזרא פון דעם צייט, ווען יונתן איז אַוועקגענומען געוואָרן צום מיליטער־דינסט. אַנדערטהאַלבן יאָר איז ער געווען אין דער פרעמד. געווען איז דאָס די שווערסטע צייט, ווי ער געדענקט זי... די מאַמע, מער פון אַלעמאָל, האָט געהאַלטן אין איין רעדן פון טאַטן... געוואָרן פאַרזונקען אַסך מאָל אין אירע געדאַנקען... געמוזט האָט מען אויך אויפגעבן די וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער און אַ קיך, פאַרטוישן זי אויף גאָר אַ קליין צימערל, אין וועלכן מען האָט נאָר געקענט אריינשטעלן די בעטן, מער נישט. דער לאַנגער טיש איז שוין ניט אַריין, בשום אופן ניט, עס האָט ניט געהאָלפן דאָס האַלטן אין איין מעסטן... נו, האָבן די קינדער זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען מאַכן די לעקציעס אויפן קליינעם טישל. טעג האָבן זיך געצויגן פיינלעכע. נעכט — הונגעריקע. אַסאַך מאָל האָט זיך אַזאַ אָוונט פאַרענדיקט מיט אַ געוויין פון גאָר די קליינע, חיימקע און יוכבד, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען, נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז מען מוז טאַקע אַמאָל אויך גיין שלאָפן אָן אַן אָוונט־ברויט. דערפאַר ווען יונתן איז צוריקגעקומען אַהיים, אָ, דעמאָלט איז אַלץ באַלד געוואָרן אַנדערש. דאָס לעבן איז אַוועק אויפן אַלטן, פריערדיקן וועג. די מאַמע איז געוואָרן פריילעכער. אויך די קינדער. זי האָט אויך אָנגעהויבן קאָכן אין פרימאָרגן אַ זופּ. „אַ זופּ איז שפּאָרעוודיק״. ער, דער גרויסער ברודער, איז אַמאָל אַוועק מיט די קינדער אין

אַ בוך־געשעפט. אַמאָל אויסגעבאָרגט פאַר זיי דאָס „נויטיקע בוך״ צווישן שכנים... די שטוב איז געוואָרן ריין, וואַרעם, ווי אַמאָל. מיט אים, יונתן, איז געווען הימלעך און גוט אין שטוב. איצט... איצט נעמט מען אים ווידער אַוועק. אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג, דענקסטו, וועט דויערן די מלחמה?

יונתן האָט נישט געענטפערט.

עזרא, פילנדיק פון וואָס יונתן טראַכט, האָט אים געוואָלט טרייסטן, עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט זיך ביי אים נישט געקאָנט באַוויגן.

דאָך, שוין זייענדיק נאָענט צום וואָקזאַל, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן:

— זאָרג זיך נישט, יונתן. איך וועל זיך באַמיען אַכטונג געבן אויף זיי... איך וועל אָנהויבן אַרבעטן שווער, שווערער ווי פריער, כדי די קינדער און די מאַמע זאָלן נישט דאַרפן הונגערן...

יונתן האָט פאַריכט אויף זיך דאָס רענצל, אָנגעקוקט זיין ברודער, געגנוי באַטראַכט עזראַן. און אויסגעוויזן האָט זיך אים, אַז ערשט איצט, דאָס ערשטע מאָל, דוכט זיך, כאַראַקטעריזירט ער אים, זיין ברידערל. וווּנדערט זיך אויף זיין קערפּער — אַזאַ דאַריר... אַזאַ קליינער און אויסגעמאָגערטער.

יונתן האָט געהערט זיינע רייד, געזען ווי דאָס בלוט קומט אים אין פּנים.

ערשט אויפן וואָקזאַל, ווען ער האָט אַריינגענומען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס זיין ברודערל, אים צוגעדריקט צו זיך, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, אַז דו וועסט עס טאָן. דו ביסט שוין אַ מאַן, נישט אַ קינד. ביזט אַ קינד קיינמאָל ניט געווען, ניט געקאָנט זיך עס דערלויבן... איצט ביזטו געוואָרן אַ מאַן. דו וועסט אַכטונג געבן אויף דער היים... איך — פאַרטראָגן האָב דעם טאַטן. דו — פאַרטרעטן וועסט פון איצטער אָן מיך. און... ווען איך וועל צוריקקומען, וועסטו שוין, מסתמא, זיין אַזוי הויך ווי איך, און אויך אַ גוטער פאַרדינער...

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט און צעקושט.

און יונתן האָט זיך געלאָזט צום צוג.

ביים צוג זיינען שוין געשטאַנען אַסאַך מענטשן, אַ גרויסער המון: אַחוץ די מאָביליזירטע, זענען אויך געשטאַנען פיל אַנדערע — טאַטעס, מאַמעס. מענער מיט פּעקעלעך אין די הענט. פרויען, יונגע, עלטערע.

עס האָבן זיך באַוויזן פרויען מיט בלומען אין די הענט פאַר די אָפּמאַרשירנדיקע סאָלדאַטן.

פּויערטעס און פּויערים — מיט לעבלעך ברויט, באַגלייטן זייערע זין אין וועג אַריין מיט אַלעם גוטן.

לענגאויס דעם צוג זענען געשטאַנען אָפיצירן. ביים טיר פון וואָקזאַל — אַן אָרקעסטער, וואָס האָט אויפגעשפּילט פאַרשידענע מיליטערישע מאַרשן.

עס איז געווען דער ערשטער צוג מיט מאָביליזירטע, אַלע אויסגעדינטע סאָלדאַטן — אַ צוג וואָס האָט באַדאַרפט אָפּגיין פון אָסטראָווצע אין דער קעמפּענדיקער אַרמיי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

מאַמעס האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן, טיכלעך האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן.

— זאָלסט צוריקקומען. זאָלסט צוריקקומען! — שרייט עזרא אַרויף צו יונתן בעת ער האָט זיך אומגעקערט מיט זיינע טריט צום וואַגאָן.

פּלוצים, אָט פאַרן אָפּגיין פון צוג, בעת יונתן איז שוין געשטאַנען אויפן לעצטן טרעפּל, מיט די רעכטע האַנט אָנגענומען דאָס הענטל פון דער טיר פון וואַגאָן, האָט מאָמענטאַל זיך דערהערט דאָס יאָמערלעכע פּייפן פון דער אַלאַרם־סירענע, זיך אַריינגעשניטן אין דער לופטן מיט אַ געוואַי, וואָס האָט אַלעמען אויפגעציטערט. דער עולם, אַן אויפגעציטערטער, האָט אָנגעהויבן לויפן. איבער זייערע קעפּ האָבן אָנגעהויבן פליען דייטשישע עראָפּלאַנען, פאַרצויגן דעם נידעריקן הימל. דאָס רוישן פון די עראָפּלאַנען האָבן זיך אויסגעמישט. עס איז געוואָרן אַ בהלה. נאָכן ערשטן אויפרייס זענען מענטשן אין ווילדקייט געלאָפן, געזוכט ערגעץ אַ שוץ־אָרט, עס איז געוואָרן אַ געדראַנג, אַ שטופּעריי, געפאַלן איז איינער איבערן צווייטן זיך אָנגעשטויסן און ווידער געלאָפן.

און די בהלה איז געשטיגן, ווען וואָלקנס־רויך האָבן נאָכן ערשטן אויפרייס אַרומגענומען די גאַנצע פּלאַטפאָרמע.

נאָכן ערשטן אויפרייס, האָט יונתן, נאָכדעם ווי ער איז מיט איין שפּרונג אַרויס פון צוג אויף דער שטיינערנער פּלאַטפאָרמע, אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע הענט זיין ברודערל עזרא און מיט אים אָנגעהויבן אַוועקלויפן פון צוג.

נאָכן צווייטן אויפרייס, האָבן זיי זיך צעשיידט, פאַרלוירן.

— יונתן, יונתן! — שרייט עזרא.

שטופּענדיק זיך אין געדראַנג, האָט ער לויפנדיק געזוכט זיין ברודער.

דאָס בראַזגעריי פון די וואַגאָנען האָט אים פאַרטויבט. ער האָט נישט געזען דאָס פאַלן, דאָס הילכיק קייקלען זיך פון די וואַגאָנען. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרטונקלט פון די שטיקער־רויך־וואָלקנס און שטויב, וואָס זענען געקומען אין רעזולטאַט פון די באָמבעס.

— יונתן, יונתן — רופט ער, אַן אַראָפּגעבויגענער, זיך פאַרשטעלנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ.

יונתן הערט אָבער נישט.

יונתן ליגט שוין אויסגעצויגן אויף דער ערד.

זיין קאָפּ, יונתנס, דער געדיכט־באַוואַקסענער מיט די לאַנגע שוואַרצע קודלוואַטע האָר ליגט מיטן פּנים אַרויף, דאָס מויל האַלב־אָפן: פונעם האַלב־אָפענעם מויל ריזלט איצט זיין בלוט. דאָס רענצל, דאָס מיליטערישע, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן, צווישן די אַקסלען, האָט זיך מיט זיינע לעדערנע־שנירלעך, בעתן פאַלן, אַריינגעשניטן טיף אינעם פלייש פון זיין אָרעם. ער אָטעמט שווער, כאָרכלענדיק. לעבן אים ליגט אַ שטיק פון אַ צעשטערטן וואַגאָן.

ווען עזרא האָט אים דערזען, איז ער צו אים אַ פאַל געטאָן, אַראָפּגעפאַלן מיטן פּנים אויף זיין קערפּער: — יונתן! — און נעמט אים מונטערן, טרייסלען, ווי מען טרייסלט אַ פאַרחלשטן, וועמען מען וויל אויפוועקן...

יונתן רעאַגירט נישט.

עזרא, אין גרויס פאַרצווייפלונג, קלאַפּט זיך מיטן קאָפּ אויפן שטיין.

באַלד נעמט ער זיך צואַמען, פּרוּווט אים העלפן, זיין פאַרוואונדעטן ברודער, פּרוּווט לויזער מאַכן אויף אים דאָס רענצל, לויזער מאַכן די שנירלעך אַרום זיין אָרעם. און רופט אין דער בהלה אַריין נאָך הילף.

זיינע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען מיט אַנדערע מוראדיקע געשרייען פון פיל מענטשן.

✶

אָפּגעריסן דאָס יינגל פון דעם פאַרוואונדעטן האָט מען ערשט, ווען אויף דער צעשעדיקטער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן די „גיכע־הילף". אַ קעטשל פון „רויטן־קרייץ" איז אָנגעקומען און אָנגעהויבן פאַרנעמען די פאַרוואונדעטע.

דאָס קעטשל, נאָכן אַריינגעמען אין זיך די פאַרוואונדעטע, האָט אָנגעהויבן רירן.

עזרא נאָך אים.

דאָס קעטשל האָט אָנגעהויבן לויפן.

עזרא — נאָך אים.

דאָס קעטשל איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן.

עזרא לויפט נאָך אַלץ אין דער זעלבער ריכטונג.

אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, אַ שווער־אָטעמדיקער, מיט בלוט־פלעקן אויף זיינע קליידער — דאָס בלוט פון זיין ברודער יונתן מיט וועלכן ער האָט זיך פריער אָנגענומען — איז דאָס יינגל עזרא אָנגעקומען אין שפּיטאָל־הויף.

די פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען פריער געלעגן אין קעטשל, זענען שוין איצט אויפן דיל, אין קאָרידאָר, בעת מען גרייט פאַר זיי ערטער אינעווייניק אין די צימערן פון שפּיטאָל.

עזרא האָט זיך דורכגעריסן אַ וועג צווישן די אָנקומענדיקע מענטשן, אָנגעהויבן זוכן צווישן די פאַרוואונדעטע זיין ברודער.

— אָט דאָ ליגט ער!..

זיין געשריי, דער פּלוצימדיקער געשריי פון אַ יינגל, אַ דערשראָקן, ספּאַזמאַטיש געשריי, האָט צו זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ פעלדשער, אַ דאָקטאָר.

די קראַנקן־שוועסטער, אַ יונג, פאַרזאָרגט מיידל, האָט דאָס יינגל אָנגענומען ביי דער האַנט.

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר דיר.

זי האָט אים אַרויסגעפירט פון קאָרידאָר.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. ער, עזרא, האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. וויפל מאָל מען האָט אים אַרויסגעפירט, אַזוי פיל מאָל האָט זיך דאָס יינגל צוריק באַוויזן נעבן זיין פאַרוואונדעטן ברודער.

צום סוף, ווען עס איז געלונגען דעם פּערסאָנאַל, מיט דער הילף פון פּאָליציי, צו באַפרייען דעם דרויסנדיקן שטח, דעם הויף, פון די פאַרצווייפלטע באַזוכער, לויזער געמאַכט דאָס אָרט צו דער טיר, איז עזרא אַלץ נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט נישט געקאָנט אַהיימגיין...

ער איז געבליבן שטיין הינטערן פענצטער פון שפּיטאָל, זיך גוט איינגעהערט אין די קולות פון די פאַרוואונדעטע, מיט די אויגן צום טיר, פאַרהאַלטן, ביי יעדער געלעגנהייט, יעדן אַרויסגייער — די קראַנקן־שוועסטער, דעם פעלדשער, דעם דאָקטאָר — מיט דער זעלבער פראַגע וועגן אים, זיין ברודער יונתן פאַלקמאַנס צושטאַנד...

— ער איז פאַרוואונדעט...

די קראַנקן־שוועסטער האָט, קאָנטיק, אויף אים רחמנות געהאַט, בכיוון אַרויסגעקומען צו אים עטלעכע מאָל, אים אַרויסגעטראָגן די לעצטע נייעס וועגן זיין ברודערס געזונט־צושטאַנד.

צום סוף איז זי אויך געוואָרן פאַרמאַטערט און געזאָגט:

— יינגל, גיי אַהיים, מיט דיין וויינען וועסטו דעם פאַרוואונדעטן מיט גאָרנישט העלפן...

דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אים דעם טיפן ווייטיק.

✶

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַ נאַכט אַ שטאָק־פינצטערע. צום סוף, אַליין אַ מידער, אַן אָפּגעשוואַכטער, אַ

געשפּאַנטער, און ניט קאָנענדיק אַהיימגיין, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז, געביסן די ערד מיט די ציין, שעפּטשענדיק, פליסטערנדיק אין דער טונקעלקייט אַריין:

— גאָט, פאָטער פון יתומים, דיין פון אלמנות (די ווערטער האָט ער אָפט געהערט פון דער מאַמע), העלף, אַז יונתן זאָל לעבן, ניט שטאַרבן... אויב שטאַרבן, איז איך, בעסער איך. ער איז פיל בילכער פון מיר...

אויפגעהערט וויינען האָט דאָס ייִנגל ערשט דעמאָלט, ווען צו אים איז דערגאַנגען די ביטערע בשורה, אַז זיין ברוּדער איז טויט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט. זיך געלאָזט לויפן. ניט וויסנדיק וואָס ער טוט, געלאָפן, געלאָפן, געהאַלטן אין איין לויפן.

ערשט נעבן דער טיר פון זיין שטוב, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרהאַלטן, זיך אָפּגעשטעלט, זיך געפרעגט:

— ווי אַזוי זאָל איך דאָס זאָגן דער מאַמען?..

ער האָט זיך די מאַמע זיינע פאָרגעשטעלט אין אַזאַ מצב, ווי נאָך קיינמאָל נישט געזען... אָט פאַלט זי. אָט חלשט זי. אָט ווייסט זי אַליין נישט וואָס זי טוט... זי קריגט זיך מיט גאָט... זי פאַרברעכט די הענט... און — וואָס נאָך וועט זי טאָן, דערהערנדיק אַזאַ איוב־בשורה?

גאָרנישט פון די אַלע זאַכן איז אָבער געשען.

די מאַמע איז אין שטוב נישט געווען.

אין שטוב זענען די קינדער נאָך געשלאָפן, אַחוץ רייזל, די עלף יאָריקע, וועלכע האָט זיך אויפגעכאַפּט באַלד מיט זיין אַריינקומען.

פּלוצלינג איז אָנגעקומען די מאַמע. זי לאָזט נישט קיין טרער. עזרא דערנענטערט זיך צו איר.

— מאַמע...

— וואָס?

— יונתן...

— איך ווייס שוין אַלץ, מיין קינד, איך ווייס שוין...

זי זעצט זיך אַוועק. איר פּנים ווערט פאַרצויגן מיט אַ גלעזערנער הויט...

ניין. די מאַמע וויינט נישט — זי איז נישט אימשטאַנד צו לאָזן אַ טרער אין איר גרויסער בראָך...

א גרופּע חברות פון „בנות אגודת ישראל". בלויז דריי פון דער גרופּע זענען געבליבן לעבן.

קבוצת חברות מ„בנות אגודת ישראל". רק שלוש מן הקבוצה נשארו בחיים.

אייזיקביינערמאן

כעלוניא!

גע‎ווידמעט מיין פרוי שרה׳לה און
מיינע צוויי טעכטער בוניאַ און כעלאַ.

וועו דו ביסט אַ קליין מיידעלע געווען
האָב איך דיך שווימען געלערנט
כדי מיין האַרץ זאָל רואיק זיין
ווען דו וועסט מיט דיינע חברטעס אין וואַסער גיין.

שווים, פישעלע מיינס
אין דעם לויטערן טייכל
זאָל דאָס הערצעלע דיינס
זיך קוויקן, נחמלה מיינס.

און די זאָרג פאַר מורא
איז ביי מיר פאַרשוווּנדן
פיליכט קען עפּעס געשען מיט דיר
ווייל שווימען קענסטו שוין מיט אַלע גלייך.

איך האָב גאָרנישט געדענקט
אַז אַנדערע געפאַרן לויערן אויף אייך
צוזאַמען מיט דיינע חברטעס צו ווערן דערטרונקענע
אין אַ בלוטיקן ים, וואָס די קינדער־מערדער,
די נאַצים, האָבן צוגעגרייט פאַר אייך.
מיין האַרץ וועט אייביק ציטערן, ביז ענדע פון מיין לעבן.

דיין טאַטושו אייזיק ביינערמאַן



כעלא ביינערמאן

לייבוש מילשטיין ז״ל

די ליקווידאציע פון אסטראווצער געטא

מיטוואָך, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939, נאָכמיטאָג, האָט אין אַסטראָווצע געהערשט אַ שרעקלעכע פּאַניק, וועלכע איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט, די ידיעות אַז די דייטשן שטייען שוין ביי דער שטאָט האָט אַרויסגערופן אַ פאַרצווייפלטע שטימונג ביי די יידן. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: בלייבן צוזאַמען מיט די משפחה אָדער אַוועק אַליין אויף דער צווייטער זייט ווייסל. דער סעקרעטאַר פון דער יידישער גמינע, ד״ר לעאָן בייגעלמאַן איז אַוועק, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם נייעם בירגערמייסטער, דער יידן־פרעסער מראָזאָווסקי, צוליב זיינע אָפטע קאָנפליקטן מיט אים אין שטאָט־ראַט. מיט אים זענען אויך אַוועק פיל פון דער יידישער אינטעליגענץ, ווי ד״ר יעלען, ד״ר שיבער, מיט זייערע פאַמיליעס, יחזקאל בייגעלמאַן און אַנדערע. אויסער די פרוי פון ד״ר שיבער איז קיינער פון זיי נישט צוריקגעקומען.

די ערשטע יידישע קרבנות

די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט צוזמאַרגנס, 7 סעפּטעמבער, 3 אַזייגער נאָכמיטאָג. שבת אין געפאַלן דער ערשטער יידישער קרבן: באַלד אין דערפרי איז דערשאָסן געוואָרן ישראל ראָזענבערג (ישראל פּוטין). שפּעטער דעם זעלבן טאָג זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך עטלעכע יידן. די קרבנות וואָס זענען געפאַלן די ערשטע טעג האָט מען באַלד קובר געווען; שפּעטער האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן די קרבנות אין אַ גרוב אויף שעראָקע גאַס און דאָרט זענען זיי געבליבן ליגן איניקע טעג ביז מען האָט דערלויבט זיי קובר זיין.

אין שטאָט האָט דאַן געהערשט גרויס פחד און די יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס צוליב די אָפטע שיסערייען און צוליב דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט, וואָס איז באַגלייט געווען מיט קלעפּ און פאַרשידענע שיקאַנעס.

נאָך אַ קורצער צייט איז אַנטשטאַנען דער יידנראַט מיטן אַדוואָקאַט זייסעל אַלס פּרעזעס, יאָסקע ראָזענמאַן אַלס וויצע־פּרעזעס און נאָך צען אַנדערע מיטגלידער. דער יידנראַט האָט געהאַט נאָר איין אויפגאַבע: באַזאָרגן אַרבעטס־קרעפטן פאַר די דייטשן. שוין אין די ערשטע טעג פון זיין טעטיקייט איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע פון אַ פערטל מיליאָן זלאָטעס, וואָס איז נאָכהער פאַרקלענערט געוואָרן אויף 200,000 זלאָטעס, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט באַדאַרפן אַריינטראָגן אין צוויי ראַטעס. מיט יעדן טאָג איז אויף דעם יידנראַט אַרויפגעלייגט געוואָרן נייע שווערע אויפגאַבן, ווי רעקווירירן מעבל, וועש, בעטגעוואַנט, צירונג און אַפילו פוטערס פאַר די עס־עס און די דייטשע אָפיצירן. עס האָט אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ דער בירגערמייסטער מראָזאָווסקי, וואָס האָט געמאַכט שוועריקייטן די יידן ביים דערליידיקן פאַרשידענע ענינים אין מאַגיסטראַט, ער האָט געהעצט די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען קעגן די יידן און אויך איבערגעטראָגן דעם מאַרק אויף אַ צווייטן אָרט, לויט זיין אַלטן ווינטש. דער יידנראַט האָט דאַן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרבינדן זיך מיט די עס־עס כדי צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די יידישע באַפעלקערונג און נישט דערלאָזן דעם אַנטיסעמיטישן בירגערמייסטער קומען צום וואָרט. מיט דער הילף כאַבאַר און טייערע מתנות איז געלונגען זיך פאַרבינדן מיט די דייטשישע מאַכט פון שטאָט און ווי־נישט־ווי פאַרלייכטערן אַביסל די לאַגע פון די יידן.

דער פאַרבינדער צווישן די יידן און די דייטשישע מאַכט איז געווען יאָסקע ראָזענמאַן. דעם 23־טן דעצעמבער 1939 זענען אין שטאָט אָנגעקומען פּליטים פון קאָנין און גאָלין (פּויזנער קאַנט). די יידישע היימלאָזע זענען זאָרגפעלטיק אויפגענומען געוואָרן דורך די אָסטראָווצער יידן, און אַ ספּעציעלער קאָמיטעט ביים יידנראַט האָט זיך פאַרנומען מיט באַזעצן זיי אין וווינונגען און באַשפּייזן ביז יעדער האָט געפונען אַ באַשעפטיקונג.

די טיפוס עפּידעמיע

דעם 18־טן יאַנואַר 1940 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאַראָרדנונג צו טראָגן ווייסע בענדער מיט אַ בלויען מגן־דוד אויף דעם רעכטן אָרעם. פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל האָט געדראָט טויט־שטראָף. אין פעברואַר ברעכט אויס אַ טיפוס־עפּידעמיע, און אין רעזולטאַט דערפון זענען די יידישע וווינונגען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דראָט און עס איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון דער פאַרצוימונג. אינערהאַלב דעם פאַרצוימטן שטח איז געווען דערלויבט אַרויסצוגיין פון די צימערן נאָר צוויי שעה אין

דער מחבר פון ארטיקל לייבוש מילשטיין ז״ל

דערפרי — פון 9 ביז 11 — און איין שעה נאָכמיטאָג — פון 4 ביז 5. די עפּידעמיע האָט אָנגענומען אַ דראַמאַטיקן כאַראַקטער, און זי האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג און איינגעשלונגען פיל מענטשלעכע קרבנות. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע, וועמענס ציל ס׳איז געווען צו באַקעמפן די עפּידעמיע. די בתי מדרשים זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל אונטער דער לייטונג פון ד״ר מאיר. די עפּידעמיע האָט אָנגעהאַלטן ביז אַפּריל 1940, און דורך דער גאַנצער צייט זענען די יידן געווען פאַרשפּאַרט ווי אין אַ תפיסה, געניסנדיק פון די פרייע לופט נאָר דריי שעה אַ טאָג. צוויי וואָכן פאַר פסח איז די פאַרצוימונג געוואָרן דערוויטערט און דאָס לעבן האָט זיך גענומען נאָרמאַליזירן. צווישן די פילע קרבנות פון דער עפּידעמיע איז אויך געווען דער וויצע־פּרעזעס פון יידנראַט יאָסקע ראָזענמאַן, וועמענס פּריציייטיקער טויט איז געוואָרן באַדויערט דורך דער גאַנצער שטאָט.

אויף זיין שטעל איז געקומען יצחק רובינשטיין, אַ באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן. אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט דער אַדוואָקאַט זייסל באַזייטיקט פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס פון יידנראַט און זיין אָרט פאַרנעמט יצחק רובינשטיין און אַלס וויצע־פּרעזעס ווערט באַשטימט משה אַלטערמאַן.

יידן ווערן באַרויבט פון זייער האָב־און־גוטס

דערווייל זענען פון טאָג צו טאָג די עס־עס לייט געוואָרן דאַרשטיקער נאָך יידיש געלט, זאַכן, צירונג און אַנדערע ווערט זאַכן. די יידן זענען געוואָרן אויפגעפּאַדערט איבערצוגעבן אין זייערע הענט די איבערגעבליבענע מעבל און בעטגעוואַנט. אויך זענען זיי געווען געצווונגען אַריינצוטראָגן מאַנאַטלעכע שטייערן דעם יידנראַט אַנשטאָט די זאַכן וואָס מען האָט נישט געקענט אַרויסנעמען פון די שטובן. אויך זענען די יידן געווען געצווונגען צו שפּייזן אייניקע עס־עס־לייט און באַזאָרגן זיי יעדן טאָג מיט ספּעציעלע מיטאָגן. דער פאַרבינדער מיט די עס־עס לייט איז געווען פינטשל האָפמאַן. אָבער טראָץ אַלע מתנות איז דער האַס פון די עס־עס לייט צו די יידן נישט געוואָרן קלענער. פיל פון זיי האָבן, אַרויסגייענדיק פון האָפמאַנס וווינונג מיט די באַקומענע מתנות אין האַנט, באַלד גענומען שלאָגן די יידן וואָס זיי האָבן געטראָפן אין גאַס און אַנגערייצט אויף זיי זייערע ווילדע הינט. ספּעציעל האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס יידן־מערדער די עס־עס־לייט פּעטער, ברונאָ און האַלווינג. ווען מען האָט זיי געזען גיין אויף דער גאַס, האָבן זיך דאַן אַלע אויסבאַהאַלטן אין די שטובן און די גאַסן זענען געוואָרן אויסגעליידיקט פון מענטשן. אויב ס׳איז ווער אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, איז זיין לעבן געווען אין גרויס געפאַר. זיי זענען שטענדיק געגאַנגען אין באַגלייטונג פון אַ הונט מיטן נאָמען „טשערטשיל״, און ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אויסגערופן: „טשערטשיל, האַס די יודן!״ דאַן האָט דער הונט אַראָפּגעריסן פונם אומגליקלעכן קרבן אַלע קליידער ביז ער איז געבליבן שטיין מוטער־נאַקעט, און פון די קליידער זענען געבליבן נאָר צעריסענע שמאַטעס.

פליטים קומען אָן אין שטאָט

14־טן מערץ 1940 איז קיין אָסטראָווצע אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון טויזנט ווינער יידן. ביים צוג האָט אַ קאָמיטעט פון יידנראַט באַזאָרגט די פליטים מיט עסן און מעדיצינישע הילף און זיי אַוועקגעשיקט אין די אַרומיקע דערפער, ווייל דער שטאָט־קאָמיטעט האָט זיי נישט דערלויבט באַזעצן אין שטאָט, מיטן אויסנאַם פון אַ קליינע צאַל,

וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אָסטראָווצע. די ווינער זענען כמעט אַלע געווען עלטערע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די שלעכטע באַדינגונגען וואָס האָבן דאַן געהערשט אין די דערפער, און אַ גרויס צאָל פון זיי איז אויסגעשטאָרבן אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט.

אין אַ זומער־טאָג פון 1940 זענען אַלע מענער צו־זאַמענגערופן געוואָרן אויפן פּלאַץ פאַרן יידנראַט, מכלו־מרשט צו הערן אַ רעפעראַט. באַלד איז דער פּלאַץ געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך עס־עס־לייט, זאָנדער־פּאָליציי און פּוילישע פּאָליציי. פון די פאַרזאַמלטע זענען אויסגעקליבן געוואָרן 150 יונגעלייט, וואָס זענען גלייך געוואָרן אַוועקגעשיקט קיין לובלין, מאַידאַנעק און בעלזשיץ אויף צו פאַרפעסטיקן די רוסישע גרענעץ.

אין פאַרלויף פון די יאָרן 1940—1941 זענען אין שטאָט צוגעקומען פיל פּליטים פון וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע גרויסע יידישע צענטרען, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דייטשישן „רייך". די צאָל יידן אין אָסטראָווצע איז אין יענער צייט דערגאַנגען ביז 16,000 נפשות.

דאָס שאַפן פון אָסטראָווצער געטאָ

אָנפאַנג 1941 האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז ידיעות וועגן געטאָס וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט. נאַטירלעך, אַז דאָס האָט אויך אָסטראָווצע נישט אויסגעמיטן. די פאַראָרדנונג וועגן קאָנצענטרירן די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט אין אַ געטאָ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוויי וואָכן פאַר פּסח, די ידיעה האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה און קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו טאָן: זאָרגן אויף יום־טוב אָדער זוכן אַ וווינונג. דער יידנראַט איז דאַן געווען פאַרנומען טאָג־און־נאַכט מיט איינאָרדנען די משפחות וואָס זענען אַריבער פון דער אַרישער זייט און האָבן באַלאַגערט די געביידע פון יידנ־ראַט. אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט איז געלונגען די אַלע באַזעצן אין וווינונגען ביז יום־טוב און די אַקציע איז געוואָרן פאַרענדיקט צום טערמין. דעם 10־טן אַפּריל, דעם צווייטן טאָג פּסח, איז שוין ביים אַרויסגאַנג פון „יידישן וווין־פערטל" געשטאַנען די יידישע פּאָליציי, וואָס איז דאַן צו דעם צוועק אַנטשטאַנען. אַלס קאָמענדאַנט פון

קבוצה של "ברית הכח", שרוב חבריה הושמדו על־ידי הנאצים

כמעט אלע פון דער גרופּע זענען פארניכטעט געווארן

דער יידישער פּאָליציי איז באַשטימט געוואָרן בער בלומענפעלד און אַלס זיין שטעל פאַרטרעטער — משה פּוטשיץ. מיט דער צייט האָט די יידישע פּאָליציי איבערגענומען אויך אַנדערע פונקציעס, ווי כאַפּן יידן אין גאַס צו פאַרשידענע אַרבעטן אָדער צו פאַרשיקן אין די פאַרשידענע לאַגערן, אַדורכפירן אַרעסטן פאַר נישט צאָלן שטייערן און אַרויסנעמען מעבל פון די שטובן. דערביי האָבן זיי אויך נישט פאַרגעסן שלאָגן זייערע קרבנות.

שמיני־עצרת האָט זיך די יידישע פּאָליציי, לויט אַ באַפעל פון דייטשישן אַרבעטס־אַמט, אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט און געכאַפּט 150 מענטשן אויף אַרבעט אין די סטראַכאָוויצער פאַבריקן.

אין שטאָט זענען געווען צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן — קאָטשמאַרעק און באמבעל — וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו קעמפען קעגן שוואַרצן האַנדל ביי יידן, זיי האָבן דורגעפירט אָפטע רעוויזיעס אין די וווינונגען, ווי אויך די ווענט, כדי צו אַנטדעקן באַהאַלטענע סחורה. זיי האָבן אויך דורכגעפירט רעוויזיעס ביי רייזנדע מענטשן און ביי זיי צוגענומען יעדעס ווערטפולע זאַך. מיט איין וואָרט: זיי האָבן פאַראומגליקט פיל מענטשן און אין קיין פאַל האָט מען נישט געקענט אויף זיי ווירקן אַז זיי זאָלן דערפון אָפּשטיין. בעת אַזאַ רעוויזיע, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אין וווינונג פון וועלוול גרינבערג („וועלוול שמאטשאש") האָט זיין פרוי באַקומען אַ האַרץ־שלאַק און געשטאָרבן אויפן אָרט.

עס איז דאַן אויך דערשינען די צרה פון אַפּוטרופּסים. קריסטן האָבן איבערגענומען יידישע געשעפטן אַלס אַפּוטרופּסים. דאָס האָט פאַרשאַפט פיל צרות, איבערהויפּט האָט דער הויפּט־אַפּוטרופּוס האַררי, אַ פאָלק־דייטש, פאַראומגליקט צענדליקער יידן און דערביי אויך גענומען פיל כאַבאַר. איינמאָל, איז פאָרגעקומען אַ ווערטער־אויסטויש צווישן האַררי און וויצע־פּרעזעס פון יידנראַט משה אַלטערמאַן, און באַלד נאָכדעם איז אַלטערמאַן דערוויטערט געוואָרן פון זיין אַמט לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער עס־עס. ס'איז געשען אַ נס וואָס איניקע יידן האָבן אָנגעגעבן אַ מסירה צו די עס־עס אַז האַררי נעמט שוחד און ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אויפן אָרט פון משה אַלטערמאַן איז געוואָרן וויצע־פּרעזעס פון יידנראַט דוד דיאַמענט.

20 דעצעמבער 1941 קומט פאָר די אַזויגערופענע „פוטער־אַקציע": די יידן זענען געווען געצוווּנגען איבערגעבן אַלע פוטערנע פּאַלטנס, קראַגנס און מופקעס. פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדנונג האָט געדראָט טויט־שטראָף. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון יידנראַט צוזאַמען מיט דער יידישער פּאָליציי האָט רעקווירירט פון די שטובן אַלעס וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פוטער". ביי דער אַקציע האָט די עס־עס אויך נישט פאַרגעסן זייער מלאכה און האָבן דערשאָסן אברהם בוימשטיין פאַר באַהאַלטן זיין פוטער ביי אַ באַקאַנטן קריסט.

די ערשטע מאָרד־אקציע

די אמתע טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 28 אַפּריל 1942 (י"א אייר תש"ב). פון דאַן אָן איז נישט אַוועק קיין טאָג אָן נייע גזירות אָדער זאָגאַר רציחות. די נאַכט פון 28 אַפּריל האָבן די דייטשן דורכגעפירט די ערשטע מאָרד־אַקציע דורך דערשיסן און פאַרשיקן קיין אוישוויץ. אין שטאָט איז געקומען אַ ספּעציעלע שטראָף־קאָמאַנדע פון עס־עס און מיט דער מיטהילף פון די אָסטראָווצער עס־עס, מיט פּעטער און ברונאָ בראַש, זענען זיי פון 4 אַזייגער פאַרטאָג געגאַנגען איבער די יידישע וווינונגען, אַרויסגענומען איינוווינער און זיי דערשאָסן אָדער אַרעסטירט. די וואָס האָבן געוווינט אויף דער סטאָדאָלנאַ גאַס זענען דערשאָסן געוואָרן אויף דער אילזשיצקא גאַס, די פון דער אילזשיצקאַ גאַס — זענען דערשאָסן געוואָרן אויף דער שענקעוויטשאַ גאַס, און די פון דער שענקעוויטשא — אויפן מאַרק־פּלאַץ. אַזוי איז פאַרגאָסן געוואָרן יידיש בלוט איבער גאַנץ אָסטראָווצע. די קרבנות זענען געלעגן אין די גאַסן עטלעכע שעה ביז ס'איז געגעבן געוואָרן די פאַראָרדנונג, אַז מען זאָל זיי אַראָפּרוימען פון די גאַסן. אין דער מאָרד־אַקציע זענען דערשאָסן געוואָרן 36 יידן און 72 זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. די עס־עס־לייט האָבן מאָטיווירט די מאָרד־אַקציע דערמיט, אַז די דערמאָרדעטע זענען געווען קאָמוניסטן... דער אויסרייד איז געווען נישט ווייניקער שרעקלעך ווי די מערדערלעכע מעשים אַליין, ווייל צווישן די קרבנות איז אויך געווען שאול מעטמאַכער, אַ גרויסער למדן און ירא־שמים, וואָס איז געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה; די לאַנגע פאַטריאַרכאַלע באָרד האָט עדות געזאָגט אַז ער איז ווייט פון צו זיין אַ קאָמוניסט. די רוצחים האָבן אויך דערשאָסן דעם געוועזענעם גמינע־פּרעזעס אַדוואָקאַט זיסל, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס קעגנער פון די קאָמוניסטן. עס איז אויך דערשאָסן געוואָרן דער דענטיסט וואַכאָלדער, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אַ ציוניסט. עס איז צו באַמערקן, אַז מיט איניקע וואָכן פריער האָט זיך דער יידן־מערדער פּעטער געמאַכט ביי וואַכאָלדערן גאָלדענע ציין, און ער האָט אים דערביי פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים „שטענדיק דאַנקבאַר זיין". עס איז ווירקלעך אַזוי געווען: ער האָט אים זעלבסט דערשאָסן, ס'איז אויך אומגעבראַכט געוואָרן יצחק קודלאָוויטש, א ייד פון זעכציק

יאָר. ס׳זענען אויך דערמאָרדעט געוואָרן יחיאל צוקערפיינס 50־יעריקע פרוי, אַלטער גרינבערג, חיים שטאַם, יהושע מינצבערג, שלמה קאַצענעלבויגן, און אנדערע וועמענס נעמען כ׳האָב שוין לאַנג פאַרגעסן. צווישן די פאַרשיקטע איז אויך געווען א „קאָמוניסט" ווי אַלטער פערוס — אַ בחור וואָס איז אין גאַס נישט אַרויסגעגאַנגען, צוליב די לאַנגע פיאות וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפ־מערקזאַמקייט...

די בהלה וואָס האָט אויסגעבראָכן יענעם טאָג איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. שרעק און פּאַניק האָט באַהערשט אַלע יידן אין שטאָט. פון די 72 מענטשן וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ איז נאָך אַ קורצער צייט אָנגעקומען טעלעגראַמעס צו זייערע נאָענטסטע, אַז זיי זענען געשטאָרבן אין לאַגער אויף לונגען־אָנצינדונג. דאָס בלוט פון די דערמאָרדעטע האָט באַפלעקט אַ לאַנגע צייט די גאַסן פון שטאָט.

יעדן טאָג זענען אַרויס קלאַנגען וועגן דערשיסן יידן פאַר איבערטרעטן די גרענעץ פון יידישן ווױן־פערטל. ס׳זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַרשידענע פאַראָרדנונגען וועגן איבערפירן יידן פון די קליינע שטעטלעך אין די גרעסערע שטעט, מיט דעם ציל צו קאָנצענטרירן אַלע יידן אויף אייניקע ערטער.

יידן זוכן אַרבעטס־פּלעצער

נאָך אַ קורצער צייט זענען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות וועגן דער ליקווידירונג פון וואַרשעווער געטאָ, דער פאַרשיקונג פון ראַדאָמער יידנטום א.א.וו. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די דעה, אַז טרויעריקע צייטן קומען אויף אָסטראָווצע. כדי צו פאַרזיכערן זייער לעבן האָבן אַלע גענומען זוכן אַזוי גערופענע „פּלאַצוווקעס" צו אַרבעטן, אַלע האָבן געגלויבט אַז דאָס איז די איינציקע רעטונג. יידן האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער אָסטראָווצער פאַבריק און אָנגעמאָלדן זיך צו דער אַרבעט. די פירמע יעגער וואָס האָט באַשעפטיקט פיל אַרבעטער אין דער ציגל־פאַבריק אויף די קילינסקי גאַס האָט איבערגענומען די פיש־סטאַוועס, וואָס האָבן ביז דאַן געהערט צו בערל לעדערמאַן. די אַרבעט ביי די סטאַוועס, וואָס זענען געווען

פרוי שוכהענדלערס ניי־ווארשטאט אויף דער אלייע גאס, וואָס האָט עקזיסטירט אויך אין געטאָ

קבוצת תופרות מביהמ"ל לתפירה של גב' שוכהענדלער. רוב הנשים שבתמונה הושמדו.

ווייט 5 קילאָמעטער פון דער שטאָט, איז געווען זייער אַ שווערע, און ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט גיין 10 קילאָמעטער צופוס הין און צוריק. די אַרבעט איז געווען אויף „אַקאָרד״, ד. ה. מען האָט געמוזט אַוועקפירן אַ געוויסע צאָל טאַטשקעס זאַמד אויף די אָנגעוויזענע ערטער, אָדער אויסגראָבן אַ געוויסע צאָל קוואַדראַט־מעטער, אין פאַרלויף פון אַרבעטס־טאָג. די יידן האָבן פיל געליטן פון די פּויִלישע אינזשינערן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. אויסער דער פירמע יעגער זענען געווען אַנדערע פירמעס, ווי בוימער און לעש, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַריכטן שאָסייען און בריקן, און אַנדערע אַרבעטס־שטעלעס, ווי יידן האָבן אַוועקגעגעבן זייערע שווייס און בלוט, כדי זיך צו ראַטעווען פון טויט.

אין אָנפאַנג איז נאָך לייכט אָנגעקומען צו קריגן אַרבעט, שפּעטער האָט מען שוין געברויכט פּראָטעקציע צום יידנראַט אָדער צום אַרבעטס־אַמט. נאָך שפּעטער האָבן יידן אָנגעבאָטן פיל געלט כדי צו קריגן אַן אַרבעטס־פּלאַץ. אויך די „כאַפּ־אַקציעס״ וואָס זענען פּאָרגעקומען אויף די גאַסן, וואָס אין איין פאַל זענען 150 יינגע מענער און פרויען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין סקאַזשיסק אין לאַגער, האָט געשטויסן דערצו אַז מען זאָל זיך פאַר יעדן פּרייז באַזאָרגן אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין שטאָט, כדי נישט אַוועקגעריסן צו ווערן פון דער משפחה און אַוועקגעשיקט ווערן אין אַ וויטן אַרבעטס־לאַגער.

דער יידנראַט האָט אויך איינגעאָרדנט ווערקשטאַטן, פאַר אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן צו 2000 זלאָטעס אין יידנראַט. ליידער זענען די ווערקשטאַטן נישט געווען אָפיציעל אָנערקענט אַלס „קריגס אונטערנעמונגן״. די פאַרצווייפלונג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן גרעסער. יידן האָבן גענומען אויספאַרקויפן די שטוב־זאַכן, איבערלאָזנדיק זיך נאָר דאָס נויטיקסטע. פיל פאַר־ביטערונג האָבן אויך אַרויסגערופן די „פּאָליציי היטלען״, וואָס האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן אויף די קעפּ פון אייניקע יידנראַט מיטגלידער. אַלע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די ערנסטע לאַגע און די באַדייטונג פון אַזאַ דערשיינונג.

עס איז אויך דאַן אַרויס אַ פאַראָרדנונג פון שעף פון דייטשישן אַרבעטס־אַמט קרעדעל, וואָס האָט באַגרענעצט די באַשעפטיקונג אין דער אָסטראָווצער פאַבריק פאַר אַרבעטער אין די עלטער ביז 35 יאָר. די באַדייטונג פון דער פאַראָרדנונג פאַר די עלטערע יידן איז געווען קלאָר, און זי האָט אַרויסגערופן גרויס אומרו. צום גליק איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ נייער וואַרשטאַט, פון דער ווינער פירמע „עליך״ פון עלעקטרישע מכשירים אין באָדזעכאָוו, פינף קילאָמעטער פון אָסטראָווצע, וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבניש צו באַשעפטיקן 200 יידן. אַלס לייטער פון די יידישע אַרבעטער איז באַשטימט געוואָרן אברהם איטשע קערבעל. כמעט אַלע באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק זענען געווען עלטער פון 35 יאָר, וואָס זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט אין די אָסטראָווצער פאַבריק.

דער חורבן דערנענטערט זיך

אזוי איז געוואַקסן די פאַרצווייפלונג צווישן די יידן אין שטאָט, און אַלע האָבן געטראַכט נאָר וועגן אַרבעט. זקנים האָבן זיך שוין אין גאַנצן מיאש געווען. אייניקע האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן און אַוועק קיין וואַרשע. פיל האָבן אַוועקגעגעבן זייערע קינדער צו קריסטן, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן. פיל ווערט־זאַכן איז איבער־געגעבן געוואָרן אין קריסטלעכע הענט מיט דער האָפענונג שפּעטער דאָס צוריק באַקומען. פיל האָבן זיך געבויט געהיימע בונקערן, אויף אויסצובאַהאַלטן זיך אין די קריטישע צייטן. איין איינציקע מחשבה האָט באַהערשט אַלע יידן: ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס לעבן. ליידער איז נישט געווען פיל צייט צו טראַכטן, ווייל דער טראַגישער טאָג פון פיל צייט צו טראַכטן, ווייל דער טראַגישער טאָג פון אומברענגען דאָס אָסטראָווצער יידנטום איז געקומען. דאָס איז געווען דער 10־טער אָקטאָבער 1942, א׳ חשון תש״ג.

צוויי טעג פאַר דעם טראַגישן טאָג האָט מען שוין געוווּסט אַז דאָס אומגליק איז נישט אויסצומיידן. פרייטיק פרי זענען אַלע פרומע יידן, מיט זייערע פרויען און קינדער, מיטן רב ר׳ יחזקאל הלוי האַלשטאָק בראש, אַוועק צום אוהל פון אַלטן אָסטראָווצער רבין און געזאָגט תהילים מיט גרויס־געוויין. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. די קריסטן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם מיט גרויס אַנט־שטוינונג, ווייל זיי האָבן אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געזעען. דער רב האָט זאָגאַר פון גרויס פאַרצווייפלונג אויסגעהאַקט די שויבן פון אוהל. אַלע יידן זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף די קברים פון זייערע נאָענטע און פון צדיקים אַ גאַנצן טאָג. צומאָרגנס, שבת, איז אָנגעקומען אין שטאָט אַן אָפּטיילונג פון עס־עס־לייט פון ראַדאָם און פאַרלאַנגט פון יידנראַט טיי, קאַווע, צוקער און אַנדערע כיבודים, נישט פאַרגעסנדיק דערביי צו שיסן אין דער לופט אין ביוראָ פון פּרעזעס רובינשטיין, כדי איבערשרעקן די אָנוועזנדע מיטגלידער פון יידנראַט. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן זיי איבערגעגעבן וואָס עס דערוואַרט צומאָרגנס די אָסטראָווצער יידן.

אַ ליד, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך לייבל פוקס, שילדערט די געוואַלטן און די געשרייען פון די יידן פרייטיק אויפן בית־עולם און די מהומה וואָס האָט אַרויס־

גערופן אין שטאָט דער באַזוך פון די ראַדאָמער עס־עס און די „בשורה״ וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן. שבת־צונאַכט זענען אַלע באַשעפטיקטע ביי דער פירמע „עלין״ אַרויס קיין באָדזעכאָוו כדי זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. פיל ייִדן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין די פאַבריקן, לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער פאַבריק־דירעקציע.

דער טאָג פון חורבן

זונטיק פאַרטאָג א׳ מרחשון תש״ג (10 אָקטאָבער 1942) איז די שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך עס־עס־לייט, שוץ־פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, ליטווינער און פּוילישע פּאָליציי. די ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען געגאַנגען איבער די שטובן און געצוווּנגען אַלע פאַרלאָזן זייערע היימען, די באַשעפטיקטע זענען געשיקט געוואָרן צום אַרבעטס־אַמט וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּלאָריאַן פּלאַץ, ביים מאַגיסטראַט, און די נישט־באַשעפטיקטע זענען פאַרזאַמלט געוואָרן אויפן מאַרק־פּלאַץ. פּלוצלינג האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי פון אַלע זייטן. אַלטע לייט און קינדער זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די קינדער זענען דערשאָסן געוואָרן אין די אויגן פון די עלטערן, און עלטערן — אין די אויגן פון זייערע קינדער. קראַנקע אין שפּיטאָל זענען דערשאָסן געוואָרן ליגנדיק אין די בעטן. די געזונטע האָט מען געטריבן מיט שטעקנס פון איין אָרט צום צווייטן, די באַשעפטיקטע האָבן זיך נישט געקענט צוקריגן צו זייער פּלאַץ, ווייל פון ביידע זייטן גאַס זענען געשטאַנען עס־עס־לייט מיט שפּיץ־רוטן אין די הענט און זיי נישט געלאָזט פאָרזעצן זייער וועג. די אייגנטימער פון די וואַרשטאַטן זענען, אין באַגלייטונג פון ייִדישע פאָרשטייער פון דער פירמע, געקומען מיט אַ ליסטע פון זייערע אַרבעטער אין האַנט, און זיי גרופּירט אין אַ ספּעציעלע רייע, ווו זיי זענען געשטאַנען ביז אָוונט, ווען זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף די אַרבעטס־שטעלעס.

די נישט־באַשעפטיקטע זענען געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק און זיך צוגעקוקט ווי זייערע נאָנטסטע און טייערסטע ווערן דערמאָרדעט אויף אַן אכזריותדיקן אופן. שפּעטער זענען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן פּלאַץ פון דער פּוילישער פאָלקס־שול אויף דער שענקעוויטשאַ גאַס. דאָרט זענען זיי געבליבן אונטערן פרייען הימל ביז דינסטיק אָן אַ טראָפּן וואַסער אָדער אַ לעפל עסן צו דערהאַלטן דאָס לעבן. דינסטיק, זענען זיי, אין גרופּן פון 100—120 פערזאָן, טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס קיין טרעבלינקע. בעתן טרייבן די אומגליקלעכע ייִדן צום צוג האָבן זייערע באַגלייטער געשאָסן אין די רייען און פיל ייִדן דערמאָרדעט. ביים אַריינגאַנג אין צוג זענען זיי באַרויבט געוואָרן פון אַלע זייערע זאַכן, און צום סוף האָט מען זאָגאַר פון זיי אַראָפּגעריסן די שטיוול פון די פיס.

נאָכן איבערציילן די אַוועקגעשיקטע און די איבערגעבליבענע באַשעפטיקטע האָבן די דייטשן פעסטגעשטעלט, אַז פיל ייִדן האָבן זיך וואַרשיינלעך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער, וואָס זיי זענען נישט אומשטאַנד צו געפינען. דער אַרבעטס־שעף קרעדעל האָט דאַן צו זיך גערופן דעם ייִדנראַט־פּרעזעס רובינשטיין און געמאָלדן, אַז ער נויטיקט זיך אין אַ צאָל אַרבעטער פאַר אַ נייע אַרבעטס־שטעלע אין סטראַכאָוויצע, און ווער ס׳וועט זיך צושטעלן פרייוויליק — וועט געשוינט ווערן. אַלע האָבן געגלויבט אַז ער מיינט עס ערנסט, און די ייִדישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פריער געראָטן זייערע עלטערן זיך אויסצובאַהאַלטן, האָבן זיי יעצט געראָטן זיך צוצושטעלן אויף די נייע אַרבעטס־שטעלע. אַנדערע האָבן זאָגאַר פאָרגעלייגט פיל געלט כדי זיי אַריינצונעמען צווישן די גליקלעכע נייע אַרבעטער. יענעם טאָג האָבן 2000 ייִדן פאַרלאָזט זייערע בונקערן און פרייוויליג זיך צוגעשטעלט אין אַרבעטס־אַמט. דעם זעלבן טאָג זענען זיי אַוועקגע־

ייִדן ווערן טראַנספּאָרטירט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען קיין טרעבלינקע



יהודים מועברים לטרבלינקה בקרונות סגורים

שיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. אַ חוץ דעם זענען דורכגעפירט געוואָרן שטרענגע רעוויזיעס, מיטן צוועק צו ענטדעקן די יידישע בונקערן, אַלע געפונענע זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אין די רעוויזיעס האָבן אַנטיילגענומען די פוילישע פּאָליציאַנטן קאָטשמאַרעק און באָמבעל, וואָס האָבן גוט געקענט די יידישע באַהעלטענישן פון פריער, און נישט איין אומגליקלעכער ייד איז דורך זיי דאַן דערשאָסן געוואָרן.

אין דער אויסראָטונגס־אַקציע זענען געפאַלן ביי טויזנט קרבנות, וואָס זענען באַגראָבן געוואָרן אין הויף פון בית־הקברות, אין אַ ברודער־קבר אין עטלעכע שיכטן איינער אויפן צווייטן. די מאַסן־קבורה האָט דורכגעפירט די יידישע פּאָליציי. באַלד נאָך דער אַקציע אין שטאָט זענען די עס־עס־לייט אַוועק צו דער פירמע „עלין" אין באָדזעכאָוו, ווייל ס׳זענען צו זיי דערגאַנגען ידיעות, אַז ס׳זענען דאָרט פאַראַן מער מענטשן ווי ס׳איז דערלייבט. הונדערט יידן מיט אַ צאָל קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די עס־עס. אין דער אַקציע, וואָס האָט געדויערט כמעט צוויי וואָכן, זענען אויסגעראָטן געוואָרן אַכציק פּראָצענט פון דער אָסטראָווצער יידישער באַפעלקערונג.

די לאַגע פון די איבערגעבליבענע יידן אויף די אַרבעטס־שטעלן איז אויך נישט געווען ווייניקער טראַגיש. יעדער פון זיי האָט פאַרלוירן זיינע נאָנטסטע קרובים און זיין געוויסן האָט אים נישט געגעבן קיין רו. זיי זענען געווען אָפּגעשלאָסן אין זייערע באַראַקן און געלעבט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון צוויי שטיקלעך ברויט און צוויי פּאָרציעס זופּ אַ טאָג. די ערשטע וואָך פון דער אַקציע האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס ס׳הערט זיך אין שטאָט. פון דער אָסטראָווצער פאַבריק, וואָס איז געווען נעבן באַנהויף, האָט מען געזען דאָס בעסטיאַלע אַריינוואַרפן די מענטשן אין די וואַגאָנען.

דאַס ליידן פון די איבערגעבליבענע

נאָך אַ וואָך אַרבעטן אין פאַבריק זענען אַלע 700 יידן צונויפגעזאַמלט געוואָרן ביים אַרויסגאַנג־טויער, נאָכדעם ווי מען האָט זיי באַפוילן מיטנעמען מיט זיך אַלע פּערזענלעך האָב־און־גוטס. ביים טויער האָבן אונז אָפּגעוואַרט די טרויריק־באַרימטע עס־עס־מערדער פּעטער און ברונאָ, דער שעף פון פאַבריק שטאַבס־קאַפּיטאַן זוויעזשינע און אייניקע באַוואָפנטע אוקראַינער. נאָכן פאַרזאַמלען אונדז האָט מען אונדז אָנגעהויבן יאָגן, מיט שיסערייען, אין דער ריכטונג פון דער צוקער־פאַבריק ביי טשענסטאָטשיצע. די וואָס האָבן נישט געקענט לויפן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער געפּעק. אויפן גאַנצן וועג ביז דער פאַבריק האָבן מיר באַקומען קלעפּ מיט די ביקסן־קאָלבעס.

נאָכן אָנקומען אויפן אָרט האָט זוויעזשינאַ באַפוילן אים איבערגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן. מען האָט אַלעמען געצווונגען אויסטאָן זיך מוטער נאַקעט און אַדורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אויפן נאַקעטן לייב. כדי אויסצומיידן יעדן פּרווו אויסצובאַהאַלטן ווערטפולע זאַכן האָט ער דערשאָסן עפנטלעך דריי יידן מיטן תירוץ, אַז זיי האָבן געפּרוווט אויסבאַהאַלטן געלט, דראָענדיק צו שיסן יעדן ייד, וואָס וועט טאָן דאָס זעלבע. באַלד נאָכדעם האָט זיך, פאַרשטענדלעך, גענומען שיטן געלט פון אַלע זייטן. מאַנכע האָבן אפילו צעריסן באַנקנאָטן, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די רוצחישע הענט. די אוקראַינער וואָס האָבן דאָס געזען האָבן וועגן דעם דערציילט דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן, וואָס האָט באַלד געמאָלדן אַז פאַר צערייסן באַנקנאָטן דראָט טויט־שטראָף. ס׳איז שווער איבערצוגעבן די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די אומגליקלעכע יידן: מען האָט פון זיי אַרונטערגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָגן, אפילו די שטיוול פון די פיס. די דאָזיקע אוממענטשלעכע רעוויזיע האָט געדויערט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, שפּעטער האָט מען אונדז צוריקגעפירט אין פאַבריק און די דערשאָסענע האָט מען באַגראָבן אויפן אָרט. גענוי אַזאַ געגויע רעוויזיע און צורויבן אַלע פּערזענלעכע זאַכן איז דורכגעפירט געוואָרן אין די פאַבריקן פון „עלין" און „יעגער" אין באָדזעכאָוו. די איבערגעבליבענע יידישע אַרבעטער אין אַלע וואַרשטאַטן זענען געבליבן אָן מלבושים און אָן מיטלען צום לעבן.

דער באַשרענקטער אָסטראָווצער געטאָ

צוויי וואָכן נאָך דידאָזיקע געשעענישן איז אין שטאָט, אויף דער לינקער זייט פון אילזשעצקער גאַס, איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געטאָ פאַר די איבערגעבליבענע יידן. יעדע ארבעטס־שטעלע האָט באַקומען אַ הויז אַדער צוויי הייזער, אָפּהענגיק פון די צאָל אַרבעטער. די גרויסע פאַבריקן האָבן געקריגן צוגעטיילט וווינונגען לויט די אָפּטיילונגען, און יעדער איז געווען געצוווּנגען צו שלאָפן נאָר אין די אָפּטיילונג וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן. די פאָלגן פון דער נייער אָרדנונג איז געווען, אַז נאָנטע קרובים, ווי עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער, האָבן זיך נישט געקענט צונויפטרעפן אַ לענגערע צייט. די סאַניטאַרישע באַדינגונגען זענען געווען אומדערטרעגלעך. אין גאַנצן געטאָ איז געווען נאָר איין ברונעם, און וואַסער

האָט מען געקענט באַקומען נאָר אין באַשטימטע שעהן. אויף הייצונג האָט מען געמוזט באַזאָרגן געהילץ פון די נישט־באַוווינטע אַלטע הילצערנע הייזער אָדער פּלויטן. שפּעטער איז דאָס אויך געוואָרן פאַרבאָטן.

די אָרדנונג אין געטאָ איז געווען געהיטן דורך די יידישע פּאָליציי, וואָס האָט גלייכצייטיק אויסגעפירט פאַרשידענע פאַראָרדנונגען פון די עס־עס אָדער פון די אייגנטימער פון די וואַרשטאַטן. דער פּאָליציי־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פיר מאַן: בער בלומענפעלד, יצחק רובינשטיין, משה פּוטשיק און דוד דיאַמענט. ס׳האָט אויך עקזיסטירט אַ יידיש ביוראָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַרבעט אין די פאַבריק. די יידישע פאַרוואַלטער פון פאַבריק זענען געווען אפרים שאַפּיר און אברהם זייפּמאַן, וואָס האָבן אויך אָנגעפירט מיט די אָרדנונג אין דער פאַבריק. באַנאַכט האָט די יידישע פּאָליציי דורכגעפירט רעוויזיעס אין די וווינונגען, כדי פעסטצושטעלן אויב עס געפינען זיך נישט דאָרט פרעמדע מענטשן וואָס געהערן נישט צום אַרבעט־פּערסאָנאַל.

צו דער אַרבעט אין פון איר זענען די אַרבעטער געפירט געוואָרן דורך די אוקראַינער. די יידישע פּאָליציי האָט אָפּגעהיטן די אָרדנונג אין אַלע אונדזערע אַרבעטסשטעלן און האָט געהאַט רעכט צו פאַרלאָזן דעם געטאָ.

דאָס לעבן אין געטאָ האָט געפאָדערט פיל געלט ווייל אַלעס האָט געקאָסט פיל טייערער ווי אויסער דעם געטאָ. דער הונגער וואָס האָט געדראָט די געטאָ־איינוווינער וואָס זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, האָט זיי געצוווּנגען צו מאַכן די אַזויגערופענע „וויסקאָקן”, ד. ה. אַרויסשמאָגלען זיך פון געטאָ, טראָץ וואָס ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־געפאַר. דער צוועק פון אַזאַ „וויסקאָק” איז געווען צו באַזוכן אין די אַלטע וווינונגען אין שטאָט, וווּ ס׳איז געווען באַהאַלטן געלט, סחורות און אַנדערע ווערטפולע זאַכן און אַריינשמוגלען דאָס אין געטאָ אַריין. נאָכדעם ווי ס׳איז שוין געלונגען צוריקצוקומען צום טויער פון געטאָ, נאָך אַזאַ געפערלעכע אונטערנעמונג, האָט די יידישע פּאָליציי געצוווּנגען אָפּגעבן זיי העלפט פון די זאַכן, און מאַנכמאָל אפילו אַלץ וואָס דער אומגליקלעכער ייד האָט באַוויזן איבערצופירן. דידאָזיקע אכזריותדיקע באַציאונג פון דער יידישע פּאָליציי האָט אָפּגעהאַלטן אַ געוויסע צייט די יידן פון מאַכן די „וויסקאָקן”. שפּעטער האָט מען זיך באַהאָלפן מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט באַקומען אַ העלפט פון די זאַכן. אין די ווייטערדיקע גאַסן, ווי למשל אויף די אַליי פון 3־טן מאַי, האָט מען זיך באַהאָלפן מיט דער שוץ־פּאָליציי אָדער עס־עס, וועלכע האָבן צוגענומען אַ העלפט פון איבערגעבליבענעם פאַרמעגן.

דער ביטערער גורל פון די אומבאַשעפטיקטע

אויב דאָס לעבן פון די באַשעפטיקטע איז געווען שווער, איז דאָס אָבער נישט געווען אין פאַרגלייך צום גורל פון די אומבאַשעפטיקטע, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון זייערע באַהעלטענישן אין געטאָ אַריין.

דאָס צוריקקומען אין געטאָ אַריין איז געווען פאַרבונדן מיט צאָלן גרויסע סומעס געלט די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען איבערפירן זיי אין געטאָ און אויסבאַהאַלטן זיי פון די אויגן פון די עס־עס אָדער די זשאַנדאַרמעריע. אַ טייל האָבן זיך באַהאָלפן, פאַרשטייט זיך, פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל, מיט יידישע פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פירן יידן דורך די גאַסן אין געטאָ אַריין און צוריק.

קומענדיק צוריק אין געטאָ האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבן די אמתע טראַגעדיע. זיי זענען געווען „אומלעגאַלע”, און האָבן נישט געקריגן קיין שלאָף־אָרט; עס איז זיי אויך נישט געווען דערלויבט שלאָפן ביי זייערע נאָענטע, ווי ביי קינדער, ברידער, שוועסטער א.א.וו. צוליב די אָפטע קאָנטראָלעס וואָס זענען פאָרגעקומען באַנאַכט. פון טאָג־צו־טאָג האָט זיך פאַרמערט די צאָל פון אַזעלכע „אומלעגאַלע” וואָס האָבן זיך געוואַלגערט טאָג און נאַכט אויף דער גאַס, און אפילו די נאָנטסטע האָבן זיי נישט געקענט אַריינגעמען צו זיך. אין אַ געוויסן טאָג זענען די אַלע אומלעגאַלע פאַרזאַמלט געוואָרן אין אַ הויז, וואָס האָט זיך געפינען אויפן הויף פון בית־הקברות. יידישע פּאָליציי איז געשטאַנען אויף די וואַך און אכטונג געגעבן אַז קיינער זאָל נישט האָבן צו זיי קיין צוטריט. די פאַרשפּאַרטע איז דערלויבט געווען צו געניסן פון די פרישע לופט נאָר איין שעה אין טאָג. אַזוי זענען זיי געווען אָפּגעשלאָסן אַ לענגערע צייט, ביז זיי זענען, אַ דאַנק אַן אונטערוועגנץ פון דעם דאַמאָלסטיקן פּאָליציי־קאָמענדאַנט ביי די עס־עס, באַפרייט געוואָרן און זאָגאַר זיי צוגעטיילט וווין־ערטער, שפּעטער האָבן זיי זיך אויך פאַרשאַפט אַרבעטס־שטעלעס, וואָס האָבן ליידער, נישט געהאַט קיין באַדייטונג ביי די ווייטערדיקע אַקציעס.

אין פאַרלויף פון דער צייט זענען אין געטאָ געפאַלן פיל קרבנות דורך די עס־עס רוצחים: אייניקע זענען דערשאָסן געוואָרן בעת אַ פּרווו צו פאַרלאָזן דעם געטאָ, און אַנדערע בשעת מען האָט זיי אַנטדעקט אין זייערע בונקערס. אין געוויסע פאַלן האָבן די עס־עס פאַראָרדנט די יידישע פּאָליציי אַרעסטירן אייניקע יידן אונטערן פאַרדאַכט, אַז זיי זענען פּאַרטיזאַנער. די אַלע זענען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן ביי דער וואַנט פון בית־הקברות אין דער זייט פון הענעך ראָזענמאַנס הויף און זיי זענען גלייך

אויפֿן אָרט באַגראָבן געוואָרן. פֿיל קרבנות זענען אויך געפֿאַלן ביי דער אַרבעט ביי „יעגער" אין דער ציגעלניע, ביי די סטאַוועס, אָדער ביי דער פֿירמע „עלין" אין באָד־זעכאָוו, די דאָזיקע קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויפֿן אָרט אין די וואַרשטאַטן.

די צווייטע אויסזידלונג

אין דעצעמבער 1942 איז אַרויס אַ פֿאַראָרדנונג פֿון פֿראַנק, וועגן איינאָרדנען פֿיר יידן־שטעט פֿאַר די נישט־באַשעפֿטיקטע יידן. די יידן פֿון אונדזער שטאָט זענען צוגעטיילט געוואָרן קיין צויזמיר. אין די ערשטע טעג האָט די פֿאַראָרדנונג אַרויסגערופֿן פֿיל פֿרייד ביי די אומבאַשעפֿטיקטע, און ס'האָט זיך זיי געדאַכט אַז עס באַדייט אַ פֿאַרבעסערונג פֿון זייער לאַגע, פֿון אַלע זייטן האָבן געגומען שטראָמען יידן קיין צויזמיר. פֿיל האָבן זאָגאַר פֿאַרלאָזט זייערע אַרבעטס־שטעלעס און צוזאַמען מיט זייערע נאָנטע, אומ־באַשעפֿטיקטע, אַוועק קיין צויזמיר. אויך דער אָסטראָווצער רב, רבי יחזקאל הלוי האַלשטאָק, האָט פֿאַרלאָזט אָסטראָווצע און אַוועק קיין צויזמיר.

די עס־עס־לייט זענען אויך אַוועק קיין באָדזעכאָוו און אַרויסגענומען פֿון צווישן די באַשעפֿטיקטע אין דער פֿירמע „עלין" הונדערטער יידן און זיי געטריבן צו פֿוס, אונטער אַ וואַך פֿון פּוילישע פּאָליציאַנטן, קיין צויזמיר. שווער און ביטער איז געווען זייער וועג. אין דרויסן האָט געהערשט אַ שטאַרקער פֿראָסט און די אומגליקלעכע זענען געטריבן געוואָרן אָן אַ מעגלעכקייט אָפּצורוען און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. פֿון גרויס מידקייט זענען זיי געווען געצוווּנגען זיך באַפֿרייען אויפֿן וועג פֿון זייערע אָרעם האָב־און־גוטס און אַוועקוואַרפֿן זייערע פּעק. אָנקומענדיק קיין צויזמיר האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין די גאַסן אונטערן פֿרייען הימל, נישט האָבנדיק ווו אַריינצוגיין אָנוואַרעמען זייערע געפֿרוירענע אברים.

דער יידישער קאָמענדאַנט פֿון דער אַרבעטס־שטעלע „עלין" איז געלאָפֿן פֿון איין אַמט צום צווייטן ביז ס'איז אים ענדלעך געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבניש צוריק־צוברענגען די באַשעפֿטיקטע אין דער פֿאַבריק קיין באָדזעכאָוו, ער איז גלייך אַוועק מיט אַ געהעריקע צאָל אויטאָס קיין צויזמיר, און צו זייער גרויסן פֿרייד, זיי צוריק־געפֿירט אין פֿאַבריק. עס זענען דאָן אויך „באַפֿרייט" געוואָרן פֿון דער אַרבעט אין דער אָסטראָווצער פֿאַבריק, לויט אַ פֿאַראָרדנונג פֿון שטאַבס־קאַפּיטאַן זוויעזשינא, ביי הונדערט יידן, וואָס האָט, פֿאַרשטענדלעך, אַרויסגערופֿן גרויס אומרו ביי די איינוווינער אין געטאָ, וואָס האָבן געזען דערין אַ סימן, אַז עס רוקט זיך אָן אַ גרויס אומגליק. אָפֿיציעל זענען די אַלע קלאַנגען געוואָרן אָפּגעלייקנט, און פֿאַרענטפֿערט דאָס „באַפֿרייען" די יידן פֿון דער אַרבעט מיטן שאַפֿן פֿון די „יידן־שטעט". אָבער קיין גרויס

פרויען און קינדער
ווערן אריינגעשטופט אין וואגאנען
וואס פירן זיי קיין טרעבלינקי

נשים וילדים נדחפים לתוך הקרונות
המובילים אותם למחנה טרבלינקי

צוטרוי האָט מען צו די אַלע באַרואיקונגען נישט געהאַט, און דאָס לעבן איז ווידער געוואָרן געשפּאַנט גענוי ווי קורץ פאַר דער אויסזידלונג פון 11־טן אָקטאָבער, 1942.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן איז דער פּחד נישט געווען קיין אומזיסטער, און קורץ נאָכדעם איז געקומען די צווייטע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געקאָסט אייניקע טויזנט קרבנות, פון די וואָס זענען על־פּי־נס איבערגעבליבן נאָך דער ערשטער אַקציע. דעם 10־טן יאַנואַר 1943 איז דאָס געטאָ אַרומגערינגעלט געוואַרן דורך עס־עס, זשאַנדאַרמעריע, פּוילישע פּאָליציי, אוקראַינער, און אַלע יידן וואָס זענען נישט געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק אָדער ביי יעגער זענען גלייך אויסגעזידלט געוואָרן. לויט אַ ליסטע זענען אַלע באַשעפטיקטע אָפּגעטיילט געוואָרן פון זייערע נאָענטע, וועלכע זענען גלייך ארומגערינגלט געוואָרן. דערביי זענען דורכגענישטערט געוואָרן אַלע בוידעמס און קעלערס און ווו מען האָט נאָר ענטדעקט אַ באַהאַלטענעם ייד, האָט מען אים אויפן אָרט דערשאָסן. אַזוי זענען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן ביי הונדערט קרבנות. ס׳זענען דאַן אויך אויסגעזידלט געוואָרן אַ טייל יידן פון דער באָדזיכאָווער פאַבריק. אַזוי זענען יענעם טאָג אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע ביי צוויי טויזנט יידן. גענוי אַזאַ אַקציע איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג אין אַזויגערופענעם פרייען „יידנשטאַט" צויזמיר און אַלע יידן, מיטן אויסנאַם פון אַ קליינע צאָל באַשעפטיקטע אין דאָרטיקן ליצעאום, זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן. ביים צוג האָבן די אומגליקלעכע באַקומען שרעקלעך געשלאָגן, און נישט־קוקנדיק אויפן גרויסן פראָסט וואָס האָט דאַן געהערשט, האָט מען פון זיי אַלעס צוגענומען און זאָגאַר אַראָפּגעצויגן די שטיוול פון די פיס. אייניקע האָבן געוואַגט שפּרינגען פון די וואַגאָנען וואָס האָבן זיי געפירט קיין טרעבלינקע און זענען צוריקגעקומען אין געטאָ.

נאָך דער צווייטער אויסזידלונג איז דאָס געטאָ פיל פאַרקלענערט געוואָרן, און פון דער גרויסער ברויזנדער יידישער באַפעלקערונג פון פאַר דער קריג איז אין אָסטראָווצע געבליבן ביי טויזנט יידן: 600 באַשעפטיקטע אין דער אָסטראָווצער פאַבריק, 300 באַשעפטיקטע ביי יעגערן, 30 באַשעפטיקטע אין די „רוים־קאָמאַנדע". וועמענס אויפגאַבע איז געווען אויסליידיקן די יידישע דירות פון יידיש האָב־און־גוטס, און די איבעריקע — די יידישע פּאָליציי מיט זייערע פאַמיליעס. אין געטאָ איז אויך פאַרבליבן אַ קליינע צאָל אויסבאַהאַלטענע אין פאַרשידענע בונקערן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער צווייטער אַקציע. אַלע האָבן געפילט אַז אין קורצן וועט אויך דער קליינער באַשרענקטער געטאָ ליקווידירט ווערן און אַלע האָבן געלעבט אין שטענדיקן טויט־שרעק. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ביטערע ידיעות פון די סטראַכאָוויצער און סקאַרזשיסקער לאַגערן, ווו מענטשן זענען בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער אָדער דערשאָסן געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען.

פאָלאַקן מאָרדן יידישע פאַרטיזאַנער

אין קורצן איז אויך באַשטימט געוואָרן אַזאַ לאַגער אין אָסטראָווצע, נעבן דער טשענסטאָטשיצער צוקער־פאַבריק, דער פּלאַץ וואָס האָט געדינט אַלס קאָנצענטראַציע־פּונקט בעת דער ערשטער אויסזידלונג. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט ביים אויפשטעלן באַראַקן, און עס איז געווען קענטלעך, אַז דער לאַגער דאַרף ווערן אויפגעשטעלט אין אַ גאָר קורצער צייט. יידן האָבן אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע וועגן איינצושליסן זיך צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד כדי נישט אַריינצופאַלן אין לאַגער אַריין. צו דעם צוועק האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג. דער ביטערער גורל האָט געוואָלט אַז די פאַרבינדונג זאָל געמאַכט ווערן מיט די מערדער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (א.ק.) און פון דער ערשטער גרופּע יידן פון 20 מענער און פרויען וואָס זענען אַוועק אין וואַלד האָבן זיי דערשאָסן צוועלף לייט, און די איבעריקע פאַרוואונדעט. אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד זענען די פאַרוואונדעטע צוריק־געקומען אין געטאָ אַריין. נאַטירלעך, אַז מער האָט קיינער נישט געפּרוּווט אַרייס אין וואַלד אַריין, אַנשטאָט דעם האָבן פיל גענומען פאַרזאָרגן זיך מיט אַרישע דאָקומענטן און אַוועק קיין וואַרשע אָדער אַנאַנדער גרויסער שטאָט. ליידער, זענען פיל איבערגעגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ דורך שאַנטאַזשיסטן, אין וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעטרויט. אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן אין קעלערס אָדער אַפילו אין איינפאַכע גריבער און איינצעלנע פון זיי האָבן אַפילו באַוויזן דאָרט זיך אויפצוהאַלטן ביז ענדע קריג. אָבער די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דערצו, האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן גורל וואָס דערוואַרט זיי אין לאַגער.

סוף פעברואַר אָדער אָנפאַנג מערץ 1943 איז דער לאַגער אין באָדזעכאָוו געוואָרן אויפגעלעזט און אַלע אינטערנירטע זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין סטראַכאָוויצער לאַגער. בלויז דעם יידישן לאַגער־פירער, קיערבעל, און נאָך אייניקע פּערזאָן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן פונאַנדערלאָזן דעם לאַגער אייניקע שטונדען פריער, איז געלונגען צו אַנטלויפן. דער פאַקט האָט אויפגעטרייסלט אַלע איבערגעבליבענע אין אָסטראָווצער געטאָ, בעיקר די וואָס האָבן געהאַט קרובים אין באָדזעכאָוו.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער זעלבער גורל דערוואַרט זיי די נאָנטסטע טעג.

קורץ נאָך דעם פֿאַל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז שוין באַשטימט געוואָרן דער טאָג אויף איבערצוגיין אין לאַגער: דער ערשטער אַפּריל. דעם טאָג איז אַראָפּ אַ שלאַגס־רעגן און ווען מען האָט איינגעשלאָסן די איבער־געבליבענע אָסטראָווצער יידן אין לאַגער האָט זיך געדאַכט, אַז די הימלען וויינען מיט מיט אונדז...

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך זייענדיק אין געטאָ איז פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע פון „פאַכלייט״, נישט־וויסנדיק צו וועלכן צוועק. אין טאָג פון איבערגיין אין לאַגער האָט מען 150 פון די רעגיסטרירטע אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בעלזיץ, און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעבראַכט געוואָרן.

דאָס איבערפירן אין לאַגער איז פאָרגעקומען אונטער דער וואַך פון אוקראַאינער, וועלכע האָבן באַלד באַזעצט אַלע פיר וואַך־טורעמס, וואָס זענען ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן כדי צו היטן אונדז טאָג און נאַכט. אין לאַגער האָט זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט דער ווערקשוץ־פירער גאַלדזיק, וועמען מיר האָבן שוין גוט געקענט. ער האָט אונדז באַפוילן, צו שרייען הויך אויפן קול „אַכטונג!״ ווען נאָר ער באַווייזט זיך פאַר אונדז און אַז מיר מוזן בלייבן שטיין ביז נאָכן איבערגעבן דעם ראַפּאָרט. ער האָט אויך יעדן צוגעטיילט זיין אָרט צו שלאָפן און דערביי דערלאַנגט שמיץ מיט זיין גומענעם רוט.

אין לאַגער זענען געשאַפן געוואָרן צוויי יידישע אינסטאַנצן: דאָס יידישע ביורא, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די אָרדנונג אין לאַגער, ווי למשל, אַכטונג געבן אַז אַלע זאָלן גיין צו דער אַרבעט, זאָרגן וועגן פלעגונג, מלבושים, וועש, און ווי אויך שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער דייטשער מאַכט אין דער פאַבריק, ד.ה. מיטן שטאַבס־קאַפּיטאַן זוויעזשינאַ און ווערקשוץ־פירער גאַלדזיק. אין דער שפּיץ פון יידישן ביוראָ זענען געשטאַנען אפרים שאַפּיר, און זיין שטעל־פאַרטרעטער — אברהם זייפמאַן. די צווייטע אינסטאַנץ איז געווען די יידישע פּאָליציי, וואָס האָט געפירט די מענטשן צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. די פּאָליציי האָט געזאָרגט פאַר די סאַניטאַרע באַדינגונגען פון לאַגער, אויסגעפירט פאַראָרדנונגען פון דער יידישער ביוראָ צו אַרעסטירן אָדער שלאָגן די אומגעהאָרזאַמע, און אויסגעפירט באַפעלן פון די דייטשישע מאַכט צוצושטעלן פאַרשידענע מענטשן, וואָס זענען געזוכט געוואָרן פון זיי. קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי איז געווען בער בלומענפעלד און זיין שטעל־פאַרטרעטער — משה פּוטשיץ.

דאָס לעבן אין לאַגער איז די ערשטע צייט נישט געווען אַזוי שלעכט ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. די אוקראַאינער איז נישט געווען דערלויבט אַריינקומען אין לאַגער, און ס׳זענען נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין רע־וויזיעס. יעדער האָט באַקומען 300 גראַם ברויט און אַ ליטער זופּ אַ טאָג. די וואָס האָבן געאַרבעט ביי „יעגער״ אין שטאָט האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אין לאַגער מכל טוב, זאַגאַר לעבעדיקע עופות. מיט איין וואָרט, דער וואָס האָט געהאַט געלט האָט נישט געהונגערט. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט, האָבן געהאַנדלט מיט לעבענסמיטל אָדער געאַרבעט פאַר אַ צווייטן אַלס זיין פאַרטרעטער און פאַרדינט פון 20 ביז 30 זלאָטעס אַ טאָג. די אַרבעט אין פאַבריק איז געווען לייכטער ווי ביי יעגער, ווייל דער אַרבעטסטאָג האָט געדויערט נאָר 8 שעה. ביי יעגער איז געווען בעסער אין אַנדערע הינזיכטן, ווייל אַרבעטנדיק אין שטאָט איז געווען אַ מעגלעכקייט פון טרעפן זיך מיט די קריסטן ביי וועמען מען האָט איבערגעלאָזט פאַרשידענע חפצים פאַר דער אויסזידלונג. אויך איז געווען אַ מעגלעכקייט צו קויפן אָדער פאַרקויפן פאַרשידענע זאַכן.

אין לאַגער איז אויך געווען אַ שפּיטאָל אונטער דער לייטונג פון ד״ר פּיקער פון ווין און נחמן אַלמאַן אַלס פעלדשער. אייך איז דאָרט געווען אַ באָד־אַנשטאַלט, אין אַ גאַנץ פיינעם צושטאַנד.

אפרים שאַפּיר און בער בלומענפעלד האָבן געזאָרגט פאַר דער אָרדנונג אין לאַגער און זענען געשטאַנען אין גוטע באַציאונגען מיט די דייטשע לייטונג פון דער פאַבריק.

די גוטע ידיעות פון לאַגער־לעבן זענען דערגאַנגען צו די וואָס זענען געבליבן אויף דער אַרישער זייט און געלעבט אין שטענדיקן שרעק. פיל פון זיי זענען צוריקגעקומען קיין אָסטראָווצע און אַריין אין לאַגער. זיי האָבן גלייך באַקומען באַשעפטיקונג צוליב מאַנגל אין אַרבעטס־קרעפטן און דאָרט איינגעמאָלדן געוואָרן.

הילפס־טעטיקייט אין לאַגער

אין יוני 1943 זענען געבראַכט געוואָרן אין לאַגער 150 יידן פון פּיעטרקאָוו און אייניקע פון סטראַכאָוויצע. אין הערבסט זענען אויך צוגעקומען 540 יידן פון פּלאַשאָוו. מיטן פאַר־גרעסערן זיך פון די באַפעלקערונג האָט זיך די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַגער פיל פאַרערגערט. איבערהויפּט די סאַני־טאַרישע באַדינגונגען. די ניי־געקומענע זענען געווען נאַקעט און באָרוועס, נישט האָבנדיק אפילו אַ העמד איבערצוטאָן.

אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען פון די פּלאַשאָווער יידן (מען האָט זיי גערופן „די קראַקעווער״) האָט אויסגעבראָכן אַ פלעקן־טיפוס עפּידעמיע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ

הילפס־קאָמיטעט אויף צו העלפן די אומגליקלעכע מיט ברויט און לעבנסמיטל־קאַרטן פון די אַנדערע, וואָס האָבן זיך נישט געניטיקט אין עסן פון דער אַלגעמיינער קיך. דער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן דורך משה אָרנשטיין און לייבל בלומענפעלד. דעם קאָמיטעט איז געלונגען צו באַקומען פון לאַגער־מאַגאַזין וועש און ווינטער־פּאַלטאָס, און דערמיט פאַרלייכטערן זייער לאַגע. ספּעציעל שווער איז געווען דאָס פּראָבלעם פון שיך, וואָס איז נישט געווען צו באַקומען פאַר קיין שום פּרייז. און די פריש־געקומענע זענען געווען געצוווּנגען צו גיין ווינטער אין די גרויסע שנייען אין האָלץ־טרעפּעס אָן זאָקן און אַפילו אָן אַ שמאַטע אויף די פיס. צו יענער צייט איז אויך צוגעקומען אַ גרויסע צאָל יידן פון ראַדאָם. צווישן זיי ד״ר קליינבערגער, וועלכער האָט גלייך איבערגענומען די לייטונג איבערן שפּיטאָל.

די לאַגע פאַרערגערט זיך

במשך דער צייט איז דערווייטערט געוואָרן דער ווערקשוץ־פירער גאָלדזיק און אויף זיין אָרט איז געקומען ראַדיע, וואָס האָט שפּעטער געהאַט דעם גאַנצן לאַגער אינטער זיין אויפזיכט און האָט געשפּילט אַ טרויעריקע ראָל אין אונדזער ווייטערדיקן לעבן. מיט זיין אָנקומען אין לאַגער האָבן זיך אָנגעהויבן די טראַגישע טעג, ווען ס׳זענען געפאַלן פיל קרבנות.

דעם לאַגער בלעגן אָפּט באַזוכן דער שעף פון ראַדאָמער עס־עס און די צוויי יידן־מערדער פון אָסטראָוויעצער און ברונאָ. זיי פלעגן אַרויסנעמען פון צווישן די אַרבעטער פיל מענטשן און זיי אַוועקשיקן, אָן שום סיבה.

ענדע 1943 זענען פון לאַגער אַרויסגעשיקט געוואָרן 38 מענטשן, וואָס זענען נישט געווען ביי דער אַרבעט, קיין פירלעי, נעבן ראַדאָם און דאָרט זיי פאַרגאַזט. די צאָל אַוועקגעשיקטע האָט געזאָלט זיין 60, נאָר נאָך אַן אינטערווענץ איז די צאָל געוואָרן פאַרקלענערט ביז 38.

אַ דערדריקנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט אין לאַגער דער אַרעסט פון די צוויי לאַגער־פירער שאַפּיר און בלומענפעלד, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק. 8 טעג נאָך זייער אַרעסט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. צוזאַמען מיט זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן נאָך איניקע לייט. שאַפּירס שטעלע האָט איבערגענומען אברהם זייפמאַן און אויף בלומענפעלדס אָרט איז געקומען משה פוטשיק.

באַלד נאָכדעם האָט זיך די לאַגע אין לאַגער פיל פאַרערגערט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע אינטרי־געס צווישן די צוויי נייע יידישע לאַגער־פאַרוואַלטער ביי דער דייטשער מאַכט. ראשית האָבן זיי באַגרענעצט די טעטיקייט פון די אַנדערע אָנגעשטעלטע. זיי האָבן צוגענומען פון דער קיך דאָס רעכט צו געבן ברויט־צוגאָבן אָן אַ ספּעציעלע דערלויבניש פון דער יידישער ביוראָ. זיי האָבן פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן די מענדעסטע זאַך פון באַקליידונגס־מאַגאַזין אָן אַ צעטל פון ביוראָ, כדי אָנצוקומען צו די צוויי „וויכטיקע פערזענלעכקייטן” האָט מען באַדאָרפן וואַרטן שעה׳ן לאַנג.

דער ווערקשוץ־פירער האָט באַנייט די רעוויזיעס ביים צוריקקומען פון יעגערס וואַרשטאַטן און צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט געפונען. אויך די אַרבעט אַליין איז געוואָרן פיל שווערער.

אין אַ געוויסן טאָג איז פאַראָרדנט געוואָרן נישט צו גיין צו דער אַרבעט, און דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט דורכגעפירט ביי אַלע אַ גרינטלעכע רעוויזיע, און מ׳איז געוואָרן אויפגעפאָדערט איבערצוגעבן געלט, וואַלוטע, צירונג און יעדעס ווערטפולע זאַך. ס׳זענען אויך געוואָרן גרינטלעך דורכגעזוכט די „פריטשעס” אויף וועלכע מ׳איז געשלאָפן און ווען ס׳זענען אַנטדעקט געוואָרן אויף די געלט־גערס פון די ברידער ישראל־לייב און ירמיהו זאַכטשינסקי 75 דאָלאַר האָט זוויעזשינאַ פאַראָרדנט זיי דערשיסן. די ברידער זענען געפאַלן אויף זייערע קני און געבעטן רחמים אויף זייער לעבן. אָבער דער בעסטיאַלער מערדער האָט זיי דערשאָסן אין די אויגן פון אַלע אַנוועזנדע. וועגן דעם טראַגישן טאָג איז שפּעטער פאַרפאַסט געוואָרן אַ ליד.

איניקע טעג שפּעטער האָט ברונאָ אַרעסטירט זיין בעסטן פריינט פינטשל האָפמאַן, וואָס איז געווען דער פאַרבינדער צווישן די יידן און די עס־עס. באַנוצנדיק זיך מיטן תירוץ אַז האָפמאַן האָט געפּלאַנט צו אַנטלויפן, האָט ער אים איבערגעפירט אויפן יידישן בית־הקברות און דאָרט דערשאָסן.

מענטשן הייבן אָן אַנטלויפן

דאָן איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז ס׳איז נישט דערלויבט צו האָבן קיין איבעריק העמד אָדער אַנדער מלבוש, חוץ דעם וואָס מען טראָגט אויף זיך. די יידישע פּאָליציי האָט שטרענג אַכטונג געגעבן אויף די פּינקטלעכע אויספירונג פון דער גזירה, און צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען אין די אָפטע רעוויזיעס וואָס זיי האָבן דורכגעפירט. מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן דער פחד פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווייל אַלע האָבן פאָראויסגעזען אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דער לאַגער ליקווידירט ווערן, בעיקר ווייל ס׳האָבן

זיך פאַרשפּרייט ידיעות וועגן די גרויסע רוסישע אָפּענסיוועס. פיל האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון לאַגער אין פאַרשידענע ריכטונגען. דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט צוזאַמענגערופן אַלע אינטערנירטע און זיי געפּרוווט באַרואיקן זאָגנדיק, אַז ער זעט נישט קיין סיבה אַז די מענטשן זאָלן זיין באַזאָרגט. ער האָט געוואָרנט מיט גוטן און מיט בייזן קעגן ווייטערדיקן אַנטלויפן. די באַרויקנדיקע ווערטער האָבן אָבער שוין נישט געקענט משפּיע זיין אויף די אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן ווייטער געזוכט מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן, איבערהויפּט די פון יעגערס אַרבעטס־שטעל, וואָס האָבן געהאַט בעסערע מעגלעכקייטן דערצו.

נאָכדעם ווי אייניקע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן האָט דער יידישער לאַגער־פירער פּ. באַפוילן אַז 10 אַזייגער מוזן זיך שוין אַלע געפינען אויף זייערע געלעגערס. אין פאַל פון ווייטערדיקן אַנטלויפן איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף זייערע שכנים און קרובים.

איין טאָג זענען פון לאַגער אַנטלאָפן די ברידער קאָפּל און משה שטיין (די זין פון בעריש שטיין). זייער פאַר־אַרבעטער ב. האָט דאָס באַלד באַמערקט און גלייך געמאָלדן דעם שעף. די שוץ־פּאָליציי האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אין געיעג נאָך די אַנטלאָפענע, און מען האָט זיי געכאַפּט. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אַדורכגעמאַכט שרעקלעכע עינויים און אין אָוונט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן אין די אויגן פון אַלע אינטערנירטע.

נאָך דעם פאַל האָט די יידישע פּאָליציי נישט אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט די מענטשן, וועלכע זענען פאַרדעכטיקט געווען אַז זיי גרייטן זיך צו אַנטלויפן, און זאָגאַר צוגענומען ביי זיי יעדעס ווערטפולע זאַך. אַזוי איז דורך דאָס לעבן אין טויט־שרעק ביז 25־טן יולי 1944, ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו דער ווייסל.

דעם טאָג איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז עס ווערט איבערגעריסן יעדע אַרבעט. פאַרשטענדלעך אַז די מעלדונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע מהומה. נאָכן דריטן טאָג פון זיין אָפּגעשלאָסן אין לאַגער האָט אָנגעהויבן הערשן אַ הונגער, ווייל ס'איז מער נישט אַריינגעפירט געוואָרן קיין פּראָוויאַנט דורך די וואָס פלעגן צוריקקומען פון יעגערס אַרבעטס־שטעלע. נאָך פינף טעג זענען אַנטלאָפן דער לאַגער־פירער אברהם זייפמן מיט זיינע צוויי ברידער — לייבוש און מאָטל, און דער פאַקט האָט נאָך מער אָנגעוואָרפן פּחד אויף די אינטערנירטע.

צומאָרגנס נאָך זייפמאַנס אַנטלויפן איז געקומען אין לאַגער דער שטאַבס־קאַפּיטאַן זוויעזשינאַ און געפּרוווט באַרואיקן די אינטערנירטע מיטן אויסרייד, אַז כדי אויס־

צומיידן אונדזער אַריינפאַלן אין די באָלשעוויסטישע הענט מוז מען אונדז איבערפירן אין אַ צווייטן ווערק אין דייטשלאַנד אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע, אָדער זאָגאַר נעבן דער דייטשער גרענעץ. דאָרט וועלן מיר ווייטער אַרבעטן לטובת דער דייטשער מאַכט ווי ביז איצט. דערביי האָט ער אונדז אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט פאַר אונדזער פּרוכטבאַרער אַרבעט ביז איצט. ער האָט אונדז אויך פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן מער נישט אָפּגעשיידט ווערן פון אונדזערע נאָנטסטע וואָס געפינען זיך נאָך אין לאַגער און אַז אין דער רייזע וועלן זיך באַטייליקן מענער און פרויען, קינדער און עלטערן, שוועסטער און ברידער. מיט איין וואָרט — משיח'ס צייטן. פאַרשטענדלעך, אַז קיינער האָט זיך נישט באַצויגן מיט צוטרוי צו די דאָזיקע גאָלדענע הבטחות, ווייל מען האָט שוין גוט געקענט דעם אמתן פּרצוף פון די דייטשישע פאַרברעכער. באַלד נאָך דער ווענדונג איז דער דראַנג צו אַנטלויפן געוואָרן נאָך שטאַרקער. מען איז געקראָכן דורך די דראָטן און מען האָט אויך אונטערגעהאַנדלט מיט די אוקראַינער, אַז זיי זאָלן העלפן אַרויספירן יידן פון לאַגער פאַר דאָלאַרן, אָבער זיי האָבן דווקא פאַרלאַנגט גאָלד. איין פּערזאָן אַרויספירן פון געטאָ האָט געקאָסט 20 גאָלד־דאָלאַר. צום סוף האָבן זיי צוגענומען דאָס געלט און נאָכן אַרויספירן אין גאַס אַריין האָבן זיי די אומגליקלעכע דערשאָסן צונעמענדיק ביי אים דאָס איבעריקע האָב־און־גוטס וואָס זיי האָבן ביי אים געפונען. אָפט האָבן זיי די קרבנות דערשאָסן ביי די דראָטפאַרצוימונגען פון לאַגער.

אייניקע יידן, וואָס די ידיעה וועגן מבטל מאַכן די אַרבעט איז צו זיי דערגאַנגען בעת זיי האָבן זיך געפונען אויף דער נאַכט־שיכט פון 24־טן יולי, זענען נישט צוריק געקומען אין לאַגער און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער פאַבריק. זיי זענען שפּעטער אַנטדעקט געוואָרן דורך די פּוילישע און אוקראַינער פּאָליציי און בעסטיאַל דערמאָרדעט געוואָרן. די קרבנות ביי יעגערן זענען באַגראָבן געוואָרן אין דער ציגל־פאַבריק, וווּ זיי האָבן געאַרבעט.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע אַז דאָס אַנטלויפן איז דאָס אייניציקע מיטל צו ראַטעווען דאָס לעבן, האָט די יידישע פּאָליציי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשטערט אַנדערע ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן, אַליין אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. דאָס האָט אַרויסגערופן פיל צאָרן ביי די איבעריקע אינטערנירטע. ס'האָט זיך געשאַפן אַן אַנאַרכיע אין לאַגער. די הונגעריקע האָבן זיך געוואָרפן אויף די שפּייז־מאַגאַזינען און די קיך, כדי צו שטילן זייער הונגער. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ „ציווילע מיליץ", כדי צו היטן די אָרדנונג אין לאַגער און כדי צו שטייןביים אויסגאַנג און קיינעם נישט אַרויסלאָזן. אין דער שפּיץ פון דער

מיליץ איז געשטאַנען הערש מאיר ראַבינאָוויטש (פּנחס לעדערמאַנס אײדעם) וואָס איז צום סוף אַליין אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אין לאַגער אַ ברודער. פּוטשיץ האָט באַקומען אַ דערלויבניש צו פאָרן יעדן טאָג אין שטאָט קויפן עסן פאַרן לאַגער. אין יענער צייט איז אין שטאָט זעלבסט שוין נישט געווען קיין שפּייז־מיטל און אַ לעבל ברויט האָט געקאָסט 500 זלאָטעס.

דער טראַגישער תשעה־באב

תשעה־באב זענען אַריבער די לאַגער־דראָטן דריי לייט, צווישן זיי — משה גוטהאַלץ (אַ זון פון געלן אשר פון באַדזעכאָוו). אייניקע מעטער פון לאַגער האָט מען זיי אַנטדעקט און זיי זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן אין לאַגער. דער ווערקשוץ־פירער ראַדע האָט פאַראָרדנט זיי גלייך דערשיסן. משה גוטהאַלץ האָט זיך געבעטן רחמים ביים ווערקשוץ־פירער, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן. נאָכדעם ווי דער אכזר האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך האָט אים גוטהאַלץ אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אויסגעשריגן: „מערדער, פאַרוואָס ווילסטו מיך דערשיסן!" דערביי האָט גוטהאַלץ מיט גרויס געשיקטקייט אַרויסגעכאַפּט פון ווערקשוץ־פירער זיין רעוואָלווער און אים געוואָלט דערשיסן. דער ווערקשוץ־פירער האָט אָנגעהויבן שרייען און די אוקראַינער וואָס זענען געשטאַנען דערביי האָבן אָנגעהויבן שיסן אין המון און אין די באַראַקן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט צילן אויף גוטהאַלץ וואָס האָט זיך געאַמפּערט מיט זיין מערדער, און געוואַלגערט זיך מיט אים אויף דער ערד. זיי האָבן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן אָנגעהויבן שלאָגן גוטהאַלצן אין קאָפּ ביז ער איז געפאַלן באַוווסטלאָז, און נאָר דאַן האָבן זיי געקענט ביי אים אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער פון דער האַנט, און אים דערשיסן. בעת דער שיסעריי אין המון און אין די באַראַקן זענען געפאַלן 6 קרבנות, צווישן זיי אַ יינגל פון 17 יאָר, אייזיק זייפמאַן — און אייניקע זענען שווער פאַרווונדעט געוואָרן. די אַלע קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויף „צעמענטאָוו פּלאַץ", נעבן לאַגער. בעת דער מהומה וואָס איז אַנטשטאַנען האָבן די אַנדערע צוויי צוריקגעפירטע אין לאַגער, באַוויזן ווידער צו אַנטלויפן אַזוי האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ פילפאַכיקן תשעה־באב.

די איבערשיקונג קיין אוישוויץ

אייניקע טעג נאָך דעם פאַל, דעם 10־טן אויגוסט 1944, איז דער לאַגער געוואָרן ליקווידירט. מיר זענען אָנגעלאָדן געוואָרן, צו 65 פּערזאָן אין אַ וואַגאָן, און מיטגעבענדיק אונדז פיל ברויט, אייער און צוקער, זענען מיר אַוועק, אין דער באַגלייטונג פון עס־עס־לייט פון אָסטראָווצע, נישט־ווויסנדיק וווהין מיר פאָרן. נאָך 24 שעה רייזע האָבן מיר זיך דערוווּסט וווהין מיר פאָרן: קיין אוישוויץ. נאַטירלעך האָבן מיר שוין געוווּסט די באַדייטונג פון דעם לאַגער און אַ יאוש האָט אונדז אַלע באַהערשט.

צו אונדזער גליק איז בעת אונדזער אָנקומען קיין אוישוויץ נישט דורכגעפירט געוואָרן ביי אונדז קיין סעלעקציע, ווי מ'האָט געטאָן שפּעטער מיט די טראַנספּאָרטן פון לאָדזשער געטאָ. מען האָט אונדז גלייך געפירט אין באָד און באַלד נאָכן אָפּוואַשן אונדז איבערגעטאָן אין פאַרשידענע בגדים מיט רויטע שטרייפן. מ'האָט אונדז איבערגעפירט אין ציגיינער־לאַגער און אונדז איינקוואַטירט אין צוויי בלאָקן — 600 מאַן אין יעדן בלאָק. דאָרט האָט מען סאָרטירט ווי ווערעמדיקע אַרבעס: פאַכלייט און נישט־פאַכלייט, און יעדעס פאַך באַזונדער אויסגעשטעלט. נאָכהער האָט מען אונדז אָנגעהויבן אַוועקשיקן מיט פאַרשידענע טראַנספּאָרטן, נישט־ווויסנדיק וווהין מען פירט אונדז.

אין פאַרלויף פון די ימים־נוראים, ראש השנה און יום כיפור, זענען פאַרגעקומען צוויי סעלעקציעס, און הושענה־רבא איז פאָרגעקומען די דריטע סעלעקציע. די דריי סעלעקציעס האָבן געקאָסט פיל לעבנס פון אָסטראָווצער יידן. די לעבן־געבליבענע האָבן זיך באַמיט גיך רעגיסטרירן אויף טראַנספּאָרטירט צו ווערן פון דאָרט,

אושוויץ, צוייר על ידי צייר מניצולי המחנה



כדי נישט צו זעען דאָס פייער, וואָס האָט געפלאַקערט טאָג און נאַכט פון קרעמאַטאָריום־אויוון. אַזוי זענען אָפּגע־טיילט געוואָרן די לעצטע אָסטראָווצער יידן איינער פון צווייטן. מיטן ליקווידירן פון אָסטראָווצער לאַגער איז די אָרטיקע יידן־פראַגע געלייזט געוואָרן. אָסטראָווצע איז געוואָרן יידן־ריין, און ס'איז מקוים געוואָרן דער טרוים פון די היטלעריסטן און פון אַנטיסעמיטישע פּאָלאַקן.

דאַס יידנריינע אַסטראַוועצע

דורך דער צייט וואָס מיר זענען געווען אין לאַגער, האָט מען אין שטאָט פונאַנדערגענומען אַלע יידישע הייזער און דאָרט געזוכט געלט, ווערטפולע זאַכן און אויך סחורות. די פּאָלאַקן האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט צו באַנוצן מיט די ציגל פון די יידישע חרוב געוואָרענע הייזער. ס'איז אויך גענצלעך פונאַנדערגענומען געוואָרן די שול, דער בית המדרש און אויך די העלפט הייזער פוןביידע זייטן מאַרק. ס'איז אויך נישט געבליבן קיין סימן פון די גאַסן טילנאַ, זאַטילנאַ און פון פיל אַנדערע יידישע גאַסן, אויך דער בית־הקברות איז כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן און די יידישע מצבות זענען פאַרנוצט געוואָרן אויף צו ברוקירן די טראָטואַרן.

נאַך דער באַפרייאונג

אָסטראָווצע איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי אין יאַנואַר 1945. נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט די יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך באַהאַלטן אין בונקערס אין שטאָט און אומגעגנט. נאָך זיי זענען צוריק־געקומען פּאַרטיזאַנער און די וואָס האָבן געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן אין וואַרשע, שפּעטער זענען אויך צוריק־געקומען יידן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אוישוויץ, גלייוויץ, בונא און בלאכהאַמער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ יידישער קיבוץ.

ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער קאָמיטעט מיט אהרן פרידענטאַל אַלס פּרעזעס. דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט אויפצושטעלן צוריק אין שטאָט אַ יידיש לעבן און צו זאָרגן פאַר די צוריקגעקומענע, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין הילף און שטיצע אין זייערע ערשטע שריט. אַ נייע האָפנונג האָט באַהערשט די געפייניקטע יידן, אַז אָט הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן אין אַ באַנייטער און גערייניקטער אַטמאָספערע.

אָבער באַלד זענען אונטערגעהאַקט געוואָרן די פליגלען און די אָסטראָווצער יידן האָבן זיך איבערצייגט אין זייער טרויעריקן טעות. דעם 12־טן מערץ 1945 האָט די פּוילישע א. ק. געמאַכט אַ מערדערישן איבערפאַל אויף דער וווינונג פון פנחס לעדערמאַן אויף סטאַכאַזאַקאָנאָווסקי גאַס און אויף אַ ברוטאַלן אויפן דערמאָרדעט פינף לייט, וואָס האָבן באַוויזן דורכצולעבן די שרעקלעכע קאַטאַסטראָ־פע, דורכגייענדיק שרעקלעכע געפאַרן, און אייניקע שווער פאַרוווּנדעט. די דערמאָרדעטע זענען געווען:

● לייבל לוסטיק, דער 17־יעריק אייניקל פון ראובן שפּילמאַן. ער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאָטער פון קאָנצענטראַציע לאַגער אין גלייוויץ. דאָס יינגל האָט זיך געבעטן רחמים ביי די מערדער אַז זיי



אויפן קבר פון לייבעלע לוסטיג, וואס איז דערמאָרדעט געוואָרן, צוזאמען מיט נאָך אנדערע דריי יידן אין לעדערמאנס הויז אין אָסטראָווצע — שוין נאָך דער באַפרייאונג. רעכטס — דער פאָטער פון דערמאָרדעטען, וואָס איז באלד נאָכדעם געשטאָרבן פון א הארץ־שלאג; לינקס — זיין שוואגער, אוריש לוסטיג.

זאָלן אים שענקען דאָס לעבן, אַנווייזנדיק דערביי אויפן נומער פון קאַצעט, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן.

● די טאָכטער פון יחזקאל קראַנגאָלד, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה מיט דער הילף פון אַרישע פּאַפּירן;

● חיה שיינדל שפּיגל, נפתלי שפּיגעלס טאָכטער, אויך זי האָט זיך דורכגעמאַכט די קריג לעבנדיק אויף אַרישע דאָקומענטן;

● אַ פרוי פון טשמיעלעוו, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט פון קריג אויף אַרישע פּאַפּירן.

די ביטערע אנטוישונג

נאָך דער דאָזיקער טראַגעדיע האָבן די יידן געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט, אָבער פרידענטאַל האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן משפיע געווען אַז זיי זאָלן נישט פאַרלאָזן אָסטראָווצע, מאָטיווירנדיק דערמיט, אַז דאָס אָרט האָט אַ גרויסע באַדייטונג אַלס זאַמלפּונקט פאַר אַלע דורכרייזנדע יידן און פאַר די וואָס קומען צוריק פון די לאַגערן. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט ער געהאַט רעכט, און אָסטראָווצע האָט געדינט במשך אַ צייט באַלד נאָך דער באַפרייאונג אַלס צייטווייליקער מקום-מקלט פאַר געפּייניקטע יידן פאַר זייער לאָזן זיך אין זייער ווייטערדיקן וועג צו זוכן אַ ניי לעבן.

אַ דאַנק פרידענטאַלס אינטערווענץ איז אויך געלונגען עקסהומירן אַלע דערמאָרדעטע יידן בעת דער נאַצי אָקופּאַציע און זיי ברענגען צו קבר ישראל אויפן יידישן בית-הקברות. אַזוי זענען געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אַלע קרבנות וואָס זענען באַגראָבן געוואָרן אויף דער צעמענטאָוואָ פּלאַץ, אין דער ציגעלנע און אויף דער קילינסקאָ גאַס. ס'איז אויך געעפנט געוואָרן אַן עפנטלעכע קיך ווו יעדער האָט באַקומען אומזיסט פרישטיק און מיטאָג.

יידן האָבן זיך שוין געהאַט צוביסלעך איינגעאָרדנט. פיל האָבן צוריקבאַקומען זייערע געשעפטן און הייזער און געהאָפט אַז אָט באַנייט זיך צוריק דאָס יידישע לעבן אין שטאָט. פיל יידן פון אַנדערע חרוב-געוואָרענע שטעט האָבן זיך אַנגעהויבן גרופּירן אין שטאָט און געטראַכט אָנהויבן דאָ אַ ניי לעבן.

אָבער מיטן אויסברוך פון קעלצער פּאָגראָם האָבן די אָסטראָווצער יידן געמאַכט אַ סוף צו זייערע חלומות און פאַרלאָזט די שטאָט. דערמיט האָט ענדלעך אויפגעהערט עקזיסטירן דאָס שיינע אָסטראָווצער יידנטום. ביים היינטיקן טאָג געפינט זיך נישט קיין איינציקער ייד אין שטאָט. נישטאָ אַפילו דאָס אַלטע בית-הקברות: די שיינע רויטע מויער און די מצבות זענען גענצלעך פאַרניכטעט געוואָרן.

די איינציקע זאַך וואָס מיר קענען טאָן צום אָנדענקונג פון די אָסטראָווצער יידנטום איז נאָר זאָגן די האַרצרייסנדע תפילה: יזכור אלהים את שמות הקדושים והטהורים של עיר אוסטרובצה, שנהרגו, שנשחטו, שנשרפו, שנטבחו ושנחנקו על קידוש השם וקידוש עם ישראל...

תנצב״ה. השם יקום דמם!!



א רב ווערט געפּייניקט
אין די אויגן פון זיין עדה

התעללות ברב
לעיני בני קהילתו

פרידמן

די ברידער זאַכטשינסקי

צום אָנדענק פון ישראל לייב
און ירמיהו זאַכטשינסקי.

אין אַ קאַלטן פרילינג־זונטיק
שטייען מיר אויף און טוען זיך אָן
גייען צו צום טויער כדי אָפּצופּאַרן
מיטן ערשטן צוג.

אין דעם זעען מיר — דאָס טויער איז אָפּגעשלאָסן
און אַ קאַלטער שווייס האָט אונדז באַגאָסן
מיר זענען שוין צוריק אין די באַראַקן
און וועג זיך צו גרייטן.

אין דעם וועג — דעם וועג דעם ווייסן
וווּ מען פילט קיין פראָסט, קיין קעלט
אין דעם וועג — דעם וועג אַ שוואַרצן
וואָס פירט גלייך אויף יענער וועלט.

מיר האָבן אייך געמיינט
אַז יעצט איז דער ריכטיקסטער מאָמענט
און אפשר נאָך היינט
וועלן מיר ווערן פאַרברענט.

אַ ווילדער געשריי האָט זיך פון אונדז אַרויסגעריסן
אַזוי ווי מיט האַמערס געשלאָגן אונדזער געוויסן

אַ! וואָרום זענען מיר ניט אַוועק נאָך נעכטן!
מיט אַזעלכע געדאַנקען זענען אַוועק צוויי שעה
יעצט ווערט מען אונדז ווי די דינער אויסשעכטן
גיט אַ קוק, דער אוקראַינער איז שוין דאָ.

ווי ביטער איז איצט דאָס האַרץ פון די מוטער
ווי טרויעריק איז דאָס לעבן, און ווי ביטער
אין ערשטן לאַגער האָט מען אונדז געפירט
און דאָרט האָט מען אונדז רעווידירט.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז געגעבן צו דערקלערן
אַז מען ברויך קיין געלט אויף מאָרגן
זיי וועלן שוין פאַר אונדז זאָרגן!

אַלזאָ! ווען עמען ס'איז ליב דאָס לעבן
זאָל דאָס געלט אָפּגעבן,
ווער ס'וויל דאָס געלט פאַרשטעקן
דעם וועט די ערד זאָפאָרט צודעקן!

נאָכן קאַפּיטאַנס שטאַרקן אַפּעל
האָבן מיר דאָס געלט אָפּגעגעבן שנעל
ר'איז פון דעם געווען צופרידן
און גלייכצייטיק געמאַכט אַ בלבול אויף צוויי יידן.

ער האָט ביי זיי געפונען אונטערגעוואָרפן געלט
און יעצט מוזן זיי אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט.

זיי קניען שוין מיט די הענט צעשפּרייט
און צוויי אוקראַינער הינטער זיי מיט ביקסן גרייט.

פלוצלונג האָט אונדז אַ ציטער אַרומגענומען
צוויי אומשולדיקע ברידער דורך מערדער אומגעקומען.

י. בארנשטיין

דער מארטירער־טויט פון שעברעשינער רב

מאיר בלאַנקמאַן, אַן אָסטראָוויצער ייד, וועלכער האָט די מלחמה־יאָרן פאַרבראַכט אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט צוריק־קומענדיק קיין פוילן פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „דאָס נייע לעבן" אין וואַרשא דעם פאָלגענדיקן אַנאָנס:

„ווער עס ווייסט עפּעס וועגן גורל פונעם שעברעשינער רב ר' יחיאל אברהם בלאַנקמאַן, ווערט געבעטן מודיע צו זיין אויפן אַדרעס: „יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין וואַרשע, יאַגעלאָנסקא 28, פאַר מאיר בלאַנקמאַן".

דער שעברעשינער רב איז געווען א תלמיד פון באַרימטן אָסטראָווצער גאון ר' מאיר יחיאל האַלשטאָק זצ"ל. ער איז געווען אַן אײדעם פון באַרימטן לוקעווער רב ר' שמואל שלמה בראון ז"ל, וועלכער האָט געפירט אַ גרויסע ישיבה אין לוקאָוו און זיין אײדעם, דער שעברע־שינער רב, איז געווען יאָרנלאַנג דער ראש־ישיבה.

די שטאָט שעברעשין, וועלכע ליגט אויפן וועג פון לובלין קיין זאַמאָשטש, האָט געשמט אַלס אַ גרויסע קהילה מיט חשובע רבנים.

ווען ס'איז פריי געוואָרן דאָס רבנות אין שעברעשין האָט דער אָסטראָווצער רבי געהייסן דער קהילה, אַז ר' יחיאל אברהם בלאַנקמאַן זאָל ווערן שעברעשינער רב. פאַרשטייט זיך, אַז די קהילה האָט מסכים געווען. דער שעברעשינער רב, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן, איז אויך געווען אַ ניח לבריות און איז פּאָפּולער געווען אין דער גאַנצער שטאָט און אויך אין דער אומגעגנט. הרב ר' יחיאל אברהם בלאַנקמאַן האָט מיטגעאַרבעט אין דעם פלפול־זשורנאַל „הפרדס" און כמעט אין אַלע אַנדערע רבנישע אויסגאַבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָכדעם ווי דער אַנאָנס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט זיך אָפּגערופן אַ שעב־רעשינער ייד מיטן נאָמען אברהם שלמה מאַנדלקער.

דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן, ווען מען לייענט זיין בריף, וועלכן מיר ברענגען דאָ וואָרט ביי וואָרט:

„לעזנדיק דעם בלאַט „דאָס נייע לעבן", אַז מען זוכט דעם הרב ר' יחיאל אברהם בלאַנקמאַן פון שעברעשין, קאָן איך אייך שרייבן, אַז איך בין געווען מיט אים ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב אַלץ צוגעזען. בעת דער לעצטער „אַקציע" האָט מען אים אַרויסגענומען מיט זיין ווייב רחלע, זיין זון מאיר, זיין שנור און אויך 180 שעברע־שינער יידן, און אַרויסגעפירט אויפן הייליקן אָרט. מ'האָט זיי געהייסן אויסגראָבן אַ גרויס קבר, און לעבעדיקערהייט אַריינגיין אין אים. דער רב האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו רעדן פאַר זיין עדה אַ פּאָר ווערטער, און מען האָט אים דערלויבט. דער רב האָט גערעדט 20 מינוט און געזאָגט מיט די יידן ווידוי. בשעת ער האָט אויסגעשריגן: „שמע ישראל!" — האָבן די דייטשן אָנגע־הויבן אַריינשיסן אין קבר אַריין. די רוצחים האָבן געהייסן, מזאָל דאָס קבר פאַרשיטן, בעת ס'זענען נאָך דאָרט געווען פיל לעבעדיקע — אַזוי, אַז די ערד האָט זיך נאָכן פאַרשיטן געוואָרפן אפשר דרייסיק מינוט. דאָס איז געשען אין יאָר 1942 אין חודש חשוון. דעם טאָג פון חודש געדענק איך נישט.

די גרעסטע ישיבה אין פוילן און אפשר אויך אויף דער גאַנצער וועלט איז געווען די „ישיבת חכמי לובלין", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן לובלינער רב הרה"ג ר' מאיר שפירא זצ"ל. הונדערטער תלמידים האָבן דאָרט געלערנט, און נישט איינער פון זיי האָט שפּעטער פאַרנומען אַ רבנישן פּאָסטן. צווישן די בעסטע תלמידים פון „ישיבת חכמי לובלין" איז געווען דער זון פונם שעברעשינער רב, מאיר. אַ חוץ זיין עילוישן קאָפּ איז ער אויך געווען אַ גלענצנדיקער מאָלער און צייכנער. דאָס איז ער, דער שעברעשינער רבס זון, געווען דער שעפער פון דעם ווערק „בית המדרש" פון דער „ישיבת חכמי לובלין". דאָס איז געווען אַ גרויס קינסטלעריש ווערק, וואָס איז באַוואונדערט געוואָרן דורך הונדערטער און טויזנטער באַזוכער פון דער ישיבה.

אויך מאיר בלאַנקמאַן — דער שעפער פון דעם דאָזיקן קונסטווערק — איז דורך די היטלעריסטישע רוצחים באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט זיין ווייב, זיינע עלטערן און 180 יידן פון שעברעשין".

„דאָס נייע לעבן" וואַרשע, 12 אָקטאָבער 1948.

חנה ויטנברג־גוטהולץ

הטמנת ספרי תורה בימי האימים

לזכר נשמתו המאירה של אבי, גרונים ישעיהו גוטהולץ ז״ל, שיצאה בטהרה במחנה אושוויץ, בשנת 1944.

נואשת עומדת עדת יהודי אוסטרובצה אחרי השלב השני של הגירוש בינואר 1943, תוהה ואובדת־עצות נוכח גל־הדמים הגובר והולך.

אחרי הפוגה של שלושה חדשים — שוב משתוללים בחוצות העיירה הרוצחים הצמאים לדם יהודים.

במחנק הגיטו הנצור, המוקף גדרות ומחסומים, מוטלות שוב גויות הרוגים — גברים, נשים וטף. הדם הקרוש על גופות החללים צועק מתוך השלג הצחור ותובע תשובה: למה? למה?..

אולם גם אבני המרצפות של הרחוב העזוב וגם השמיים ממשיכים בשתיקתם הנוקשת.

מה מסכנים וערירים היינו, בני גיטו אוסטרובצה, בשברנו הגדול. את ההרוגים הבאנו לקבורות והנשארים בחיים, סחוטים ומעונים, המשיכו בקיומם העלוב, בשארית כוחותיהם הכלים, בעבודות־כפייה מפרכות. הם יצאו עם שחר לסבלותיהם וחזרו עם חושך לבתיהם האפלים והאבלים.

כך עברו עלינו שלושה חדשי־הפוגה, נתונים לאימי ה„אקציה" החדשה שלפנינו.

והנה התקרב היום המר, שבו חוסל הגיטו באופן מוחלט — היום בו עמדו להעביר את היהודים מתחום הגיטו לצריפים, אשר הוקמו בשטח מפעלי הברזל באוס־טרובצה.

שונות היו התגובות של יהודי הגיטו לשמע בשורת האימים על ה„אקציה" המתקרבת. היו שהתרוצצו כמסו־ממים מרעל הפחד, חיפשו מוצא ושאלו: מה לעשות? לאן לפנות? היכן למצוא מחסה? איפה להסתתר? אולי לנטוש את הגיטו ולברוח ליערות?

ובלב האמהות פעמה רק שאיפה אחת ויחידה: איך לגונן על התינוקות שהצליחו בדרכים שונות להסתיר עד כה? היכן להסתיר אותם הלאה, שיד הרוצחת של הנאצים לא תשיג אותם?

היו גם כאלה, שנואשו לחלוטין מתקוות־הצלה כלשהי. הם שקעו בתהום האדישות והתעקשו כמאובנים: אנו לא נזוז מהגיטו! לא נברח מידי הגורל המר! נשים את מבטחנו באלוהים! הוא לא יעזבנו!

בעיצומה של תקופת־האימים, כשאפסה כל תקוה להצלה, ביצע אבי מיבצע יחיד במינו: טרח ויגע לאסוף את ספרי־התורה המקודשים, ששרדו עוד בעיירה וניצלו מידיהם הטמאות של הנאצים.

אבי ז"ל ידע לחרדת לבו, שכשתכלה הרעה לשארית היהודים לא תקום בו הרוח לעזוב את הגיטו, ולהפקיר את יריעות ספרי־התורה, אשר היהודים מסרו את נפשם עליהם ולא הפקירו אותם ברגעים הקשים ביותר משך דורות לאורך כל הגלות עקובת הדם.

למבצע־הצלה זה שיזם אבי ז"ל, הצטרפו עוד יהודים, ויחד אספו את ספרי־התורה, ועם רכושם היקר הזה עלו ל„אוהל" של הרבי מאוסטרובצה ובעפרו טמנו אותם.

וברקיע נשקף באותו ליל־אימים ירח אדום...

מגף נאצי עשוי מיריעות ספר תורה

א נאצי־שטיוול געמאכט פון א ספר־תורה

בינה ווײַנטרויב־שפּיראָ

אַ הספּד פון אַ מאַמע

שווער פאַר אַ מאַמע צו שרייבן וועגן איר אייגן קינד, בפרט ווען עס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען, אָבער דער ווילן און די פליכט אַז מיין טייער קינד זאָל נישט פאַרגעסן ווערן און עס זאָל פאַראייביקט ווערן צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון אָסטראָווצע שטויסט מיר צו נעמען די פעדער אין די האַנט.

אונדזער טאָכטערל מאַניה׳לה, וואָס האָט געהייסן נאָך מיין פאָטער מאנעס ז״ל, איז געווען די שטאָלץ פון אירע עלטערן אַ דאַנק איר שיינקייט און איר פעיקייט. אין „בית יעקב״ שולע איז זי געווען פון די בעסטע שילערינס, און פלעגט שטענדיק אַנטיילנעמען אין די פאָרשטעלונגען פון די תלמידים מיט גרויס דערפאָלג.

צו פערצן יאָר האָט מען איר טראַגיש אַוועקגעריסן פון אונדז. פערצן טאָג אין חודש חשון תש״ג איז זי צוזאַמען מיט טויזנטער אָסטראָווצער יידן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט איז זי אומגעקומען אויף קידוש השם — איינע פון אַ מיליאָן יידישע קינדער וואָס די דייטשע מערדער ימ״ש האָבן דערמאָרדעט.

איר ליכטיק געשטאַלט שטייט שטענדיק פאַר מיינע אויגן און מיין בלוטיק האַרץ שרייט נאָך נקמה...

חדר בגיטו

א חדר אין געטאָ

יהושע אורבאַס

חורבן אוסטרובצה

(פּאָעמע)

געהייליקט דעם טייערן אָנדענק פון מיין פאָטער יצחק־דניאל, וועלכן מען האָט געפונען אַ דער׳הרג׳עטן אין וואַלד; געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מוטער פעסל־שיינדל און אירע קינדער, וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. זאָלן די שורות זיין אַן אָנרעגונג אין קאַמף קעגן יעדן יידן־פיינט אויף דער ערד.

א

אָסטראָווצע מיין געבורט־שטאָט און מיין געוועזענע היים!
פאַרשטומט ביסטו איצט, אוי, פאַרוואָס אַזוי שטום?
טויט ליגן אירע גאַסן, אַ הויפן צעוואַלגערטער ליים.
איין שטיבל נאָר געבליבן איז, שטייט פאַריתומט און קרום.
פאַריתומט און קרום...

כ׳קוק אויף די פענצטער די צעקרומטע מיט די צעפּלאַצטע שויבן,
ווו רב־לייביש דער אַלטער געלעבט האָט אין שטיבל.
כ׳זע — זיין פאַרקלערט פּנים, די טיפע, ברייטע אויגן,
און שמות אָפּגעבריגטע זיך וואַלגערן אין שימל...
שמות און שימל...

כ׳קוק אויף אָט די שמות און דערמאָן — אַ טאָג אַ שטילן,
ווען מיך די מאַמע געפירט האָט אין זיין הדר,
דער אַלטער — געברומט דאַן האָט אַזאַ הארציקן, אַיאַ ניגון,
דער גמרה־ניגון געוואָרן איז ער מיינער.
מיינער...

געוואָרן איז ער מיינער, ווייל דער אַלטער פאַרשוווּנדן איז! דאָס שטיבל וויסט!
וויסט און שטום! עס בלאָנקעט נאָר אַ שטן אַרום.
עס בלאָנקעט דער שטן, ווי די שמות די פאַרברענטע, די לעצטע ער קלייבט
און בינדט זיי צוזאַמען. אַ ספר — פאַר דורות אַ פאַרבלייב!...

איך קוק אויף די שמות פון דורות פאַרברענטע און קיינמאָל נישט פאַרברענטע...

ב

אַ, רבי? ווו איז עס, אייער חדר? די תּלמידים? די יידן?
און איר, מיט אייערע ווייסע זאַקן, איר ווו זייט?
דער שטן — אַ פאַרבּרוּטיקטער — דאָן נעמט מיך פירן
אַהין, צו חורבה־ערד, אַהין צו קברים, אָפענע, שרייענדע...

זיי, די קברים, דערציילן מיר פון אַ ישוב אַן אַלטער, אַ געדיכט־צעוואַקסענער,
אַ ישוב אין פּראַצע, אין מי, אין פּיין, אין פרייד... —
אַ ישוב אַ רוישיקער, אַ קרעפּטיקער.
אומגעקומען איז אַ ישוב. אומגעקומען אין אַזוי פיל ליידן...

כ'שטיי אויף אַט די קברים, די אָפענע און כ'פיבער!..
ס'פיבערט אין מיר די אייזאַמקייט. כ'וויל יעמען אַרומנעמען.
פאַרלאָשן ווערט אָבער מיין האָפן! פאַרלאָשן ווערט מיר דער טרוים!
נאָר קברים איך זע, ס'איז דאָס אַש אין ריים...

יאָ, אויף וועלכע בערג, אויף וועלכע הייכן, ווייטערדייכן
איז דאָס אַש פון מיינע קרובים, פון מיינע נאָענטסטע געוואָרן פאַרטראָגן,
אַז איך, נאָר אַ מענטש, אַפילו מיט רעכטע וויסער
ניט קאָן טאַקע אויפן קבר פון מיינע אָבות אַרין ניט ווערגיין, ניט דערגרייכן...

כ'שטיי אַליין אויף די קברים און זע זיי —
ווי די יידן אין די וואַגאָנען די געפּאַקטע, אין די וואַגאָנען אָנגעלאָדענע —
יידן, ווי הערינגער, ווי העלצער, אַריינגעוואָרפענע, אַריינגעשליידערטע...
יידן, וואַגאָנען, פון דייטש צום טויט פאַרהתמעטע!...

עס פירט זיי אַט דער דייטש מיינע יידן צום שאַכט־הויז!...
עס פירט דער דייטש זקנים און קינדער, צוזאַמענגעדריקטע המונים!...
עס פירט זיי דער דייטש דערשטיקן פאַרגאַזן...
עס פירט זיי, יאָ, דער דייטש מיינע יידן שוין געשאָכטענע, געדערג'עטע
שוין קדושים...

מיין פאָלק האָט די הימלען געשפּאַרט. געשפּאַרט מיט אַט די וואָלקנס־רויך...
די ערד געעפנט האָט אַ מויל, זיי איינגעשלונגען.
די ערד געוואָרן איז אין פלאַמען, אין יסורים זיך געטרייסלט...
די ערד, די ערד, געוואָרן איז אַש...
די ערד, די ערד — אַ קבר אָן מתים, אָן תּכריכים...

איך שטיי אַלײן אויף די קברים און זע זיי, זע די ייִדן, מײַנע ייִדן.
עס טויכט אויף ווי אַ ליכט מיין שכן, מיין האַרציקער שכן
אַ בחור׳ל אַ צאַרטס. זיין נאָמען איז געווען אברהם וואַסערמאַן:
ס׳האָט דער דייטש, דער תּלין, געצוואונגען אַז דאָס קינד צו הרג׳ענען אַ ייִדן.

דער דייטש געוואָלט האָט זיך גאָר פאַרוויילן...
„הרג׳ע!.. הרג׳ע!..״
דאָס בחור׳ל, דאָס צאַרטע, האָט זיך דער׳הרג׳עט...
זיין קאָפּ דעם צאַרטן פאַרן תּלין האָט ער ניט געבויגן...

איך שטיי נאָך אַלײן אויף די קברים און זע זיי, די ייִדן, די פאַרשייַנדענע ייִדן.
כ׳זע אַ קבר. ביים קבר שטייען מיט געהויבענע־קעפּ צוויי ברידער.
זייערע נעמען זיינען געווען משה און קאָפּל שטיין.
צוויי ברידער, צוויי ייִדן פינעם פאָלק דעם האַרטן, דעם אויסגעפּרוּווטן...
ס׳האָט דער דייטש געצוואונגען די ברידער שטיין,
אַז זיי זאָלן אויסגעבן באַהאַלטענע־ייִדן... אויסגעבן ייִדן גאָר צום טויט!...

אַן ענטפער געקומען איז פון אַט די ברידער, די ייִדן די צוויי:
אַ שפּיי אויפן פּרצוף פון דייטש דעם תּלין!
אַן ענטפער געקומען איז פון די ברידער די יונגע די צוויי:
אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אויף דער מאָרדע דער טריפנ׳נער פון תּלין!...
אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ!.. און עס פאַלן די צוויי ייִדן. זיי קייקלען זיך אַראָפּ אין קבר.

ס׳האָט מיט זייער טויט אַט די ערד זיך אַ טרייסל געטאָן...
ס׳האָבן זייערע גופים זיך פאַראייניקט מיט די מכבייער...
נאָך זייער טויט — אַ צעפלאַקער געטאָן האָט זיך קעגן תּלין אַ ווידער־שטאַנד...

ג

פאַרשוווּנדן זיינען זיי די ייִדן, די ייִדן פון אָסטראָוויצע מיין שטאָט.
פון די געסלעך און גאַסן די געפּאַקטע — געבליבן איז אַ הויפן אַ צעשטערטער...
כ׳גיי אַרום אינם הויפן, אינם אַש פאַרייקלט איז מיין טראָט!..
כ׳שטיק זיך אין אַט דעם אַש אַ פאַרביטערטער, א פאַרגלייווערטער!..

כ׳גיי אַרום אַלײן אַ פאַרצאָרנטער, אַ פאַרגלייווערטער!
כ׳קוק אויף די שטיינער: אפשר וועלן די שטיינער צו מיר ריידן...
כ׳קוק אויף די שטיינער: אפשר אַ טריט פון אָפּגעטראָטענער
אַ לעצטער, אין בלוט, אין וויי. כאָטש דערהערן...

ד

אָ, שטיינער, זאָגט, אויף וועלכן פֿון אייך איז מיין מאַמע געפֿאַלן אַ פֿאַר'חלשט'ע?
ווען געזען זי האָט אירע קינדער שליידערן אין וואַגאָן?
אָדער זי האָט גאָר איר בלוט דאָ פֿאַרגאָסן?
איז זי? אויף וועלכן פֿון אייך? אויף וועלכן?!...

אָ, שטיינער! איר שווייגט, ווי איר וואָלט זיך גאָר שעמען?...
שעמען? איר?
אויף אייך האָבן דאָך די שענדער געטראָטן!...
אויף אייך האָבן דאָך די שענדער געשאָכטן!...

ה

באַווייז זיך פֿאַר מיר, מאַמע, כ'וויל דיך זען אין חלום,
דאָ אויפֿן בערגל דעם גרינעם, ווו דו האָסט אַלע יאָרן געשפּאַנט.
דאָ ווו אַרום דיין קבֿר באַהאָפֿטן האָבן זיך דיינע עופֿ'עלע, דיינע בנים,
ווען דו געצערטלט האסט זיי... ווען געשפּייזט האָסט זיי מיט דיין האַנט...

דיין האַנט, אַ מידע, איז תמיד געווען פֿון אַרבעט אַ שווערע —
שווער דיין לעבן: האָסט געגעבן זיי מענטשן צייט —
איין לעבן אין דיר — געווען ביסטו מאַמע!
דאָס צווייטע לעבן אין דיר — געווען ביסטו פֿאַר די קינדער דער טאַטע!...

ווייל ער, דער טאַטע, געווען איז דער ערשטער קרבן...
אים, אַ קדוש, געפֿינען האָט מען נאָך מיט יאָרן־יאָרן צוריק...
דער טאַטע, יאָ, געווען איז דער פֿאָרויסגייער, דער אָנזאָגער פֿון גרויסן חורבן...
אים דער'הרג'עט האָט נאָך פֿריער אַ פּאָלאַק, אַ „שכן", אַן אַנטיסעמיט!

אים, דעם ייִדן, פֿאַרנאַרט מען האָט, פֿאַרשלעפּט אין אַ פֿינצטערן וואַלד,
אין דעמבעוואָלער־וואַלד געפֿינען האָט מען דאַן דעם ייִדן, מיין טאַטן.
פֿון אים, שוין אַ טויטן־ייִדן, האָט דער גזלן זיין פֿאַרמעגן, צען זלאָטעס פֿון
קעשענע אַרויסגענומען...
און מיט דער האַק געלאָזט זיך האָט ער דאַן ווידער זוכן אַ צווייטן־קרבן...

די וועלט דאַן אַנטפּלעקט האָט זיך פֿאַר מיר מיט רשעות און גזילה...
די ערד מיט בלוט, מיט מיין בלוט, געווען איז אָנגעזויגן...

מיר געווען איז דאַן קוים זעקס יאָר אַלט.
אַ גוף פֿון זעקס, מיט אַ האַרץ שווער, ווי דאָס קבֿר אַליין...
דעם צער... געטראָגן האָט די מאַמע אויף איר יונגען און אַלטן פּנים...
דער צער ווי אַ נר־תּמיד געברענט האָט אין אירע אָנגעגאָסענע אויגן...

ס׳האָט דערמאָנט די ערדה יידן, אַן אומבאַהאָלפענע, מיטגעוויינט...
ביז אויך די ערדה איז צום טויט געוואָרן געטריבן,
ווו זי, די מאַמע אינדערמיט, מיט אירע עופ׳עלעך — זיבן...

ו

באַווייז זיך פאַר מיר, מאַמע, אין די פרייטיק־פאַרנאַכטן,
ווען מיט העכט־פאַרקנייטשע אויפן פּנים האָסט שטיל געוויינט.
דיין גוף ביי די ליכט־בענטשן איז געווען איינגעהילט ווי אין פראַכטן...
צעקלאָגט זיך, ווי געזען דו וואָלסט דעם חורבן היינט...

אַ רגע נאָר... דאַן אַ צעשטראַלטע געלאָזט זיך אין בית־התפילה גיין,
געשטעלט זיך מיטן סידור אין ווינקל, אין אַ באַשיידן־ווינקל:
געפרעגט, גע׳טענה׳ט, געזוכט פאַר דיין לעבן דעם שווערן עפּעס אַן ענטפער...
„פאַרוואָס — פאַרוואָס אַזאַ לעבן מיר״?...
דעם ענטפער האָסט ניט געפינען...

דאָך, כאָטש אַ לאַסט אַ שווערער דיין לעבן געווען איז,
האָסט געלעבט שטיל, ווי אַ טויב, אַ טייב.
ניין, נאָך שטילער... ווי אַ מאַמע!
אָבער ניט שטיל, אָ, גאָרניט שטיל
אויסגעהאָרכט דיין נשמה אין די מיידאַנעק־פלאַמען...

ז

מיינע ברידערלעך, מיינע שוועסטערלעך, מיט אייך געטיילט זיך דאַן כ׳האָב
מיטן הונגער, מיטן צער, טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר!
ס׳האָט קיינער, דוכט זיך, ווי איר דאָס געוויסט האָט, דערלערנט האָט
ווי צו לעבן עס דאָס לעבן, אפילו אין פּיין; האָפן, האָפן!

האָפן אויף אַ מאָרגן! האָפן אויף אַ טאָג א גאָלדענער־קאָיאָר!...

כ׳געדענק אייך, ווען מיט די פיסלעך די באָרוועסע געשפּילט זיך אין זאַמד...
כ׳געדענק אייך, ווען מיט די ביכלעך די געבאָרגטע געלאָפן אין שול.
כ׳געדענק אייך, ווען מיט די פּנימלעך־צעשטראַלטע באַוויזן ר׳האָט זיך מיט
„פּיפּטלעך״ אין האַנט.
און דער טיש געוואָרן איז לוסטיק, געוואָרן מיט אייך איז ער פול...

געגעסן ברייט דאָס ראָזאָווע, ווי די קאַרטאָפל מיט אַפּעטיט.
אַרום דעם טיש צען זיינען געזעסן. די מאַמע — אינדערמיט.
צען קינדער, צען קעפּ, ווי ביימלעך געוואַקסן, געבליט,
ביז... געקומען איז אָט דער המן מיט זיינע מוראדיקע טריט...

ח

ווינסט איז עס, דאָס שטיבל, פאַריתומט און שטום...
די ערד זינגט אַ ניגון, מיין ניגון אויס:
געווען זיינען יידן, מיינע אייגענע געווען
און מיטאַמאָל — אויס...

ט

איי ניט וויין האַרץ, ניט וויין! דיין טרייער אין זיך דערשטיק!
ס'איז דעם תלין נאָך ניט באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. נייז, ניין!
ער לעבט נאָך דער תלין! ער איז נאָך ניט פאַרמשפּט!
ער דרייט זיך נאָך אַרום, באַוועגט זיך אויף דער ערד פריי...

ניט וויין, האַרץ! נאָר זיך שטאַרק! איי, זיי געשטאַרקט!
פאַרוואַנדל דיין יעדער אָטעם־ציג אין אַ פלאַם. גריאיק!
פאַרוואַנדל דיין יעדער אָטעם־ציג אין אַ שאַרף! אין א שפּיז, שפּיזיק!
ריעך אויף דאָס געוויסן פון דער ערד, דער וועלט! וועק אויף צו א נקמה...

צעבלאָז מיט דיין האַרץ אַ פלאַם, צעטרייסל די ערד אויף וועלכע דו לעבסט.
זי, די ערד, איז טמא, עס גייט אויף איר דער מערדער
זי, די ערד, איז מיט אומרעכט, מיט שקר, מיט הפקרות.
זי, די ערד, טראָגט דעם תלין!... דעם מערדער פון מיין מאַמע!
אויף איר, די ערד, לעבט אַ מענטש, וואָס איז אַ קאַרגער, קאַרגט
דעם קאָפּ פון תלין!

אויף איר, די ערד, לעבט אַ מענטש, וואָס וויל נאָר מלחמה!...
ער דאָס קאַרגט דעם מערדער־קאָפּ, ער קאַרגט אים...
ער קאַרגט אים ווייל ער ראַנגלט זיך אַליין
פאַר זיין אונטערגיין...

ניט וויין, האַרץ! נאָר ווי לאַנג דו לעבסט מיט דיין ברודער, מיט דיין וויי,
זוך דעם מענטשן דעם ערלעכן.

ער איז פאַראַן...
אומעטום...
צו אים, צו זיין געוויסן רייד, צעפלאַקער זיין האַרץ...
דעם ווילן צו נקמה... אַ משפט זאָל זיין!
מיט אים, אָט דעם מענטשן, פלעכט דיין האַנט אין אַ צאָפּ.

לאָז איר אַראָפּ, דיין האַנט, אויפן תלינס קאָפּ,
אַז אַ מצבה זאָל אויף מיין חורבן שטיין,
און אַ ריינע, אָן רשעות, זאָל די ערד, אוי, אייביק שוין זיין,
אמן!...

מאַכטשע זילבערבערג־זשאַבנער

אונדזער בוידעם

פראַגמענטן פון אַ טאָג־בוך

דעם לעצטן שבת פאַר דער אויסזידלונג, זענען מיר אַ גאַנצן אָוונט געזעסן צוזאַמען מיט דער משפחה סטאַכלבערג, וועלכע האָט דאַן ביי אונדז געוווינט. מיר האָבן גערעדט אין דער שטיל, ווי ניט וועלנדיק אויפוועקן דעם אָנקומענדיקן טאָג, וועלכער האָט אונדז אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה, אַז דער טויט שוועבט שוין איבער אונדזער אָרעם שטעטל.

איך ווייס ניט ווי שפּעט עס איז געווען ווען מיין קוזינע, מאַכטשע וואַרשאַווסקי, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט ביי אונדז פון וואַרשעווער געטאָ מיט איר טעכטערל, ציפּורהקע, איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט אַ שכנה און אונדז מודיע געווען, אַז עס איז זיכער מאָרגן פרי די אויסזידלונג, דערביי האָט זי צוגעגעבן, אַז די וועלכע וועלן זיך אויסבאַהאַלטן האָבן אַן אויסזיכט איבערצולעבן. איר פּלאַן איז געווען מיר זאָלן אַלע אַרייף אויפן בוידעם פון אונדזער שטוב. מיר האָבן געהאַט דעם שליסל צום בוידעם האָבן זיי דערפאַר אונדז אַריינגענומען אין זייער סודותדיקן פּלאַן. אינדעראמתן איז אונדזער בוידעם ניט געווען קיין באַהעלטעניש, אַנטקעגן אונדז האָבן געוווינט פּאָליאַקן גרויסע אַנטיסעמיטן און זיי האָבן גוט געוווּסט ווי מען גייט אַרויף אויפן בוידעם, אָבער דער טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין דער שאַרף פון אַ שווערד...

מיין פאָטער ז״ל האָט בכלל ניט געגלויבט אין די אַלע פּלענער און אַפילו אין די אַלע ידיעות וועגן אויסזידלונג. ביי אים איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ השערה פון קרענקלעכע מוחות, ווייל זיי האָבן געהערט שיסן אין יודן־ראַט... זיין רעליגיעזער צוגאַנג צו ענינים האָט אים ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז די וועלט האָט זיך איבערגעקערט. וויפל ער האָט אַלץ ניט געקאָנט די דייטשע סאַדיסטן, האָט ער אָבער ניט געגלויבט, אַז צוליב אַביסל יידן וועלן זיי מחלל זונטיק זיין, דערפאַר איז ער געווען זיכער, אַז זונטיק וועט עס ניט פאָרקומען; נאָר ווען אַלע זענען צו אים צוגעשטאַנען מיט געוויסע באַווייזן, האָט ער מסכים געווען צו זיין צוזאַמען מיט כל ישראל און האָט געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אָפּקומעניש פון זיין ליבן נאָמען.

מיר האָבן גאָרניט געהאַט צוגעגרייט און זיך געמוזט איילן, ווייל די שעהן שטייען ניט. מיר מוזן אַרויף אין אונדזער אַזוי גערופן באַהעלטעניש ווען עס איז נאָך נאַכט. האָט יעדער פון אונדז גענומען אַ שטיקל חלה וואָס איז געבליבן פון שבת און נאָך אייניקע קליינע זאַכן אַריינגעפּאַקט אין רוק־זאַק, וואָס איך האָב אויף שנעל אויפגענייט, דער עיקר דעם פאָטער׳ס טלית און תפילין און אויף מער איז ניט געווען קיין צייט און קיין אָרט. אַזוי האָבן מיר זיך ווי שאָטנס אַרויפגעשלייכט אין דער פינסטערער נאַכט דורכן לייטערל אין אונדזער נייער „דירה״. צוזאַמען זענען מיר געווען זיבעצן מענטשן: איך און מיין פאָטער חיים־אהרון זילבערבערג, מאיר ערליך ז״ל מיט זיין פרוי און טאָכטער טעמע, מיין קוזינע מאַכטשע, מיט איר טעכטערל ציפּורהקע אלימלך ראָזענטאַל מיט זיין פרוי און טעכטערל פעלאַ, פון לאָדזשער געטאָ, פרוי סטאַכלבערג פון קאַליש מיט דריי קינדער — גושע, מאַלוש און בעני — און פרוי זילבערבערג מיט אירע צוויי טעכטערלעך — ריווטשע און אידאַ.

צווישן די אויבן אויסגערעכנטע זענען געווען דריי קליינע קינדער, צווישן דריי, פיר און פינף יאָר. דאָס זענען געווען בענוש, ציפּורהקע און פעליושאַ. אידאַ, וואָס איז שוין געווען ניין יאָר אַלט, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסע. דאָס קליינוואַרג האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און וויפל מען האָט זיי ניט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אַרויס אַ גזר־דין אויף זייערע יונגע לעבנס, האָבן זיי עס ניט געקאָנט באַגרייפן. אין דער לעצטער מינוט פאַרן פאַרמאַכן דעם בוידעם, האָט זיך ווי דורך אַ נס באַוויזן יאַנקל סטאַכלבערג מיט אַן עמער וואַסער, זיך שנעל מיט אונדז צעשיידט און שנעל אַוועק אויף זיין אַרבעטס פּלאַץ.

משפּחותווייז האָבן מיר זיך צעזעצט אין באַזונדערע ווינקעלעך און פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונדז איז ניט געשלאָפן די נאַכט, זייענדיק פאַרזונקען אין פינצטערע מחשבות. די טרויעריקע בשורה האָט ניט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. עס האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג און מיר האָבן געהערט ווי עס מאַרשירט מיליטער און זייערע קאָמאַנדירן גיבן קורצע באַפעלן. דאָס זענען געווען

די ליטווינער באַנדעס, וועלכע האָבן שוין פון די שפּעטע אָוונט־שעהן געהאַט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, באַלד האָט מען אויך געהערט ווי די יידישע פּאָליציי טרייבט אַלעמען אַרויס אין מאַרק אַריין.

איך קען ניט פאַרגעסן דעם פאַקט ווי טאָבטשע גינזבורג, אונדזער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט געוווינט איבערן בוידעם, האָט געזאָגט צו איר מאַן, ווען זיי זענען אַרויס פון שטוב:

— חיים, קנעפּל צו דעם פּאַלטן, עס איז קיל אינדרויסן, קענסט זיך נאָך פאַרקילן.

מיר ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט אין די אָדערן, טראַכטנדיק:

— רבון העולמים, מען פירט דיין פאָלק ישראל צו דער שחיטה און די וועלט שלאָפט. שטיל איז אַרום, ווי שטיל און פינצטער עס איז נאָך די האַלבע־נאַכט פינסטערניש, וואָס שלינגט זיי איין...

דער טרויעריקער עכאָ פון די טריט פון די אָוועקגייענדיקע, האָבן לאַנג אונדז געקלונגען אין די אויערן און מיר זענען געבליבן זיצן ווי אבלים נאָך אַ גאַנצער שטאָט יידן. פאַרשטיינערט זענען מיר אַזוי געבליבן זיצן, מורא האָבנדיק זיך אַ ריר צו טאָן. איך ווייס ניט ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט, דאָס קען מען ניט מעסטן מיט צייט.

די שכנים רויבן אונדזער האָב־און־גוטס

די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך די ווילדע קולות פון אונדזערע פּוילישע שכנים, וועלכע האָבן זיך מיט טומל און געלעכטער געלאָזט ווי רויבער איבער אונדזער שטוב און געשלעפּט אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פון דאָזיקן טומל האָבן זיך איבערגעוועקט די קינדער, וועלכע זענען מידע איינגעשלאָפן אויף דער ערד. מיר האָבן אַלע אויפגעציטערט פון גרויס שרעק אַנטדעקט צו ווערן דורך דעם געוויין פון די קינדער, וועלכע האָבן געקלאָגט און געבעטן עסן. גיי, גיב קליינע קינדער צו פאַרשטיין פאַר וואָס זייער פרישטיק איז אַ שטיקל טרוקענע חלה און אַז נאָך אַזאַ קאַלטע נאַכט דאַרף מען ניט פאָדערן עפּעס וואַרעמעס צום טרינקען. בכלל האָבן זיי דאָך קיין זאַך ניט געטאָרט טאָן: ניט ריידן, ניט באַוועגן זיך, ניט מאַכן קיין טומל און דערצו נאָך איז דאָס טרוקענע ברויט אויך ניט צו דער זעט... אונדזער פּראָוויאַנט איז געווען, אין בעסטן פאַל, גענוג אויף צוויי טעג און ווער האָט געקאָנט וויסן ווי לאַנג מיר וועלן דאָרטן מוזן פאַרבלייבן.

כדי צו באַרויקן די קינדער האָבן זיי די מוטערס געגעבן צוקערוואַרג, אָבער אויך צוקערקעס ענדיקן זיך שנעל און די קינדער איז לאַנגווייליק צו זיצן שטיל, נאָך ערגער איז געווען ווען די קינדער האָבן געוואָלט אַ טרונק וואַסער. דאָ האָבן מיר געמוזט שטאַרק שפּאָרן דאָס וואַסער עס זאָל זיין פאַר אַלעמען צו באַנעצן די ליפּן, וועלכע האָבן שטאַרק געטריקנט פון שטויב, וואָס איז געווען אָנגעוואָלגערט אויפן בוידעם, ווער ווייס פון ווי לאַנג.

איך שמועס זיך אויס מיט מיין פאָטער

עס דערמאָנט זיך מיר ווי מיין טאַטע האָט זיך ניט פאַרגינען דאָס ביסל וואַסער אויסצוטרינקען און מיט אַ טייל דערפון זיך געוואַשן די הענט ער זאָל זאָגן תהילים און דאַווענען. איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן ניט גערעדט און פאַרברענגט מיט מיין טאַטן אַזוי פיל ווי יענע טעג און נעכט אויפן בוידעם. דאָ איז אַוועקגענומען געוואָרן די מחיצה, וואָס האָט געהערשט אין רעליגיעזע הייזער צווישן קינדער און עלטערן. מען פלעגט ניט וואַגן אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג אין דער אָנוועזנהייט פון טאַטן, צוליבן גרויסן דרך ארץ און די אויטאָריטעט פון פאָטער אין דער משפחה און דאָ, האָט ער מיר זייער אָפּט אויסגעהערט און ניט נאָר אויסגעהערט, נייערט אויך געפרעגט מיין מיינונג וועגן געוויסע ענינים. ער האָט זיך מיר געוויזן אין זיינע שענסטע כאַראַקטער־שטריכן און זיינע דערהויבענע מעלות פון אַ מענטש פון גייסט, וואָס הייבט זיך אַרויס פון דער דאָזיקער מיאוסער וועלט מיט אירע ערדישע פאַרלאַנגען. ער האָט קוים געגעסן אַ כזית אויף צו דערהאַלטן דעם גוף, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער געווען דערשיטערט פון די געזאַנגען פון די ליטווינער מערדערס, וועלכע זענען אַוועק אין זייערע באַראַקן נאָך אַ טאָג פון מאָרדן...

— ווי קענען מערדערס אַזוי שיין זינגען, עס איז דאָך

אויסזידלונג... הגירוש...

אַן ענין פון האַרץ און געפיל? — האָט ער זיך ניט אויפגעהערט וווּנדערן איבער זייער שיין זינגען.

— וואָס פילט דען אַ מערדער! — האָט ער פילאָזאָפירט און דערביי האָט ער נאָך געגלויבט זיי איבערלעבן און דערלעבן זעען די נקמה אין היטלערן.

די טעג שלעפּן זיך, די נעכט ווערן קעלטער. אָבער באַ אונדזערע שכנים די פּאָליאַקן, זעען מיר דורך די שפּאַרונעס פון די ברעטער, ווי באַ זיי גייט אַלץ ווי געווען: מען טוט זיך אָן שיין, מען שפּאַצירט, מען לאַכט און זייערע קינדער שפּילן זיך אין גאַס מיט צעריסענע יידישע ספרים. אויף צו להכעיס איז אײַנדרויסן זייער אַ שיין וועטער, די זון וואַרעמט אַלץ די ערד, וואָס האָט אַזויפיל אומשולדיק יידיש בלוט אײַנגעזאַפּט.

צוזעענדיק דאָס אַלעס רייסן זיך בא מיר געשרייען פון פּראָטעסט:

— רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט עס אונדז און אונדזערע קינדער אַזאַ ביטערער גורל? פאַר וואָס מעגן די גוישע קינדער פריי לעבן, לאַכן און שפּילן און די קינדער פון דיין אויסדערוויילט פּאָלק, אָדער זיי לעבן שוין ניט, אָדער לעבן נאָך און דאַרפן ליגן פאַרשמאַכט, אָן לופט, אָן עסן, אָן טרינקען, ווי די דאַזיקע קליינע עופהלעך נעבעך... איך דערשטיק אין מיר מיינע טרויעריקע אַפּיקורסישע געדאַנקען ניט ווילנדיק אָנרירן מיין טאַטן און זיינע רעליגיעזע געפילן.

מיין פאטער וויל זיך אויפהענגען

אין אַ געוויסן טאָג רייסן זיך פלוצים אַריין אין אונדזער בוידעם געשרייען אין פּויליש און דייטש: דאָ איז עס! דאָ זענען אויסבאַהאַלט מענטשן! בא אונדז אַלע האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם און מיר זענען געווען איבערגעשראָקן אויף טויט. מיר שפּירן ווי אונדזער גורל איז אַ געחתמעטער. אונדזערע שכנים די פּאָליאַקן האָבן זיכער אויסגעגעבן אונדזער באַהעלטעניש און אָט קומען זיי אונדז נעמען פון בוידעם. מיין טאַטע, דערהערנדיק די געשרייען און זייענדיק זיכער, אַז אָט אָט און מען פאַרנעמט אונדז אַלע, זאָגט צו מיר אַזוי:

— טאָכטער טייערע, וועסט מיר מוזן מוחל זיין, אָבער לעבעדיק וועל איך זיך ניט לאָזן נעמען, איך וועל זיך אַ לעבעדיקער ניט לאָזן אַריינפאַלן אין די הענט פון די דאָזיקע טמאים און רוצחים...

דאָס זאָגנדיק, נעמט ער אַרויס זיין גאַרטל און וויקלט אים אַרום אַרום האַלדז. צו מיר זאָגט ער:

— דו ביסט נאָך יונג, דאַרפסט זיך זען ראַטעווען מיט אַלע מעגלעכקייטן, אָבער איך וועל זיך אויפהענגען אויפן אייבערשטן בעליק תיכף ווי די רוצחים וועלן אַהער אַריין אונדז אַרויסצופירן פונדאַנען.

איך האָב ניט געמאַכט קיין היסטעריעס און אים אפילו ניט געפּרוּווט אָפּריידן פון זיין זעלבסמאָרד־פּלאַן, אָבער שטיל און באַשלאָסן האָב איך אים געענטפערט:

— טאַטע, איך קום מיט דיר,ביידע וועלן מיר האָבן דעם זעלבן גורל. אָט האָב איך אַ שטריק... — דאָס זאָגנדיק האָב איך מיט אַ שטריק אַרומגעבונדן מיין האַלדז.

מיט אַ שווערן אָטעם און אַ געבראָכן קול זאָגט צו מיר מיין טאַטע:

— איך ווייס ניט וואָס דו וועסט טאָן, אָבער איך וועל זיין דער ערשטער, איך קען ניט צוקוקן און וויל ניט זען ווי דו וועסט הענגען.

ווי שטומע, פאַרשטיינערטע האָבן מיר זיך אוועקגעשטעלט בא די צוויי אייבערשטע בעלקעס, וועלכע האַלטן אונטער דעם דאַך, און געוואַרט אויף אונדזער ביטערן גורל... אונדזערע שכנים אויפן בוידעם האָבן זיך ביי אונדז געבעטן רחמנות צו האָבן און ניט באַגיין קיין טאָפּלטן זעלבסט־מאָרד, אָבער מיין טאַטע האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין אַז אויב די דייטשן כאַפּן אונדז, איז אונדזער לעבן סיי ווי גאָרניט ווערט...

מיר הערן ווי די קולות דערנענטערן זיך צום אַריינגאַנג פון אונדזער באַהעלטעניש און מיר קוקן די גאַנצע צייט צו דער טיר. אָבער זי איז פאַרמאַכט און קיינער פּרוּווט זי ניט עפענען פון דרויסן. פלוצים גיט אַ הילך אַ שאָס. מיר דערנענטערן זיך צו די בעלקעס, וויקלען אונדזערע העלדזער אַרום, איך מיטן שטריק און דער טאַטע מיטן גאַרטל, אָבער מיר קוקן אַלץ צו דער טיר. וועלכע קיינער פּרוּווט ניט אויפברעכן און זי איז נאָך פאַרמאַכט. אונדזערע אויערן כאַפּן אויף אַ געבייזער פון אַ דייטש אויף וועמען און די טריט מיט די קולות דערווייטערן זיך פון אונדזער שטוב און בוידעם. מיר גלויבן ניט, אַז דאָס זענען זיי אַוועק פון אונדזער באַהעלטעניש, אָדער אפשר איז עס — טראַכטן מיר — אַ שפּיצל אַזאַ אונדז אַרויסצונאַרן פון אונדזער באַהעלטעניש?. שטום קוקן מיר איינס אויפן אַנדערן און וואַגן ניט אַרויסצוזאָגן אונדזערע געדאַנקען, וועלכע זענען געווען פול מיט האָפענונג, אַז מיר וועלן דאָך לעבן און אפשר אויך איבערלעבן די רוצחים. אונדזער שטימונג איז געווען פון פאַרצווייפלונג און האָפענונג צוזאַמען.

עס קומט אָן די נאַכט און נאָך אַ פרישער טאָג און אונדזער לאַגע ווערט וואָס אַמאָל אַלץ ערגער. דאָס ביסל וואַסער אין עמער האָט זיך געענדיקט, די קינדער לעקן מיט די צינגלעך דעם ליידיקן עמער; מיין טאַטע רייבט די הענט אין זאַמד כדי צו קענען זאָגן תהילים און

דאָוועגען; די לופט ווערט שטיקנדיק, ווייל די מענטשלעכע באַדערפעניש האָבן אַלע געטאָן אין אַ ווינקל פון בוידעם... מיר באַראַטן זיך אין דער שטיל וואָס צו טאָן, ווייל אָן וואַסער איז דאָך אוממעגלעך צו קענען זיך אויסבאַהאַלטן און אויסער דעם וועט מען דאָך ניט קענען פאַרמיידן די קינדער זאָלן ניט וויינען פון הונגער און דאָרשט, איז וועט מען דאָך אונדז סיי ווי געפינען אין אונדזער באַהעלטעניש.

טראַכטנדיק וואָס צו טאָן, הערן מיר פּלוצים ריידן יידיש נעבן אונדזער שטוב און דאָס איבערצייגט אונדז, אַז עס זענען נאָך דאָ יידן געבליבענע אין געטאָ. צום ערשטן גלויבן מיר ניט אונדזערע אייגענע אויערן, אָבער מיר באַשליסן פּרווון אַראָפּגיין און זיך דערוויסן וואָסערע קולות דאָס זענען און וואָס עס קומט דאָרט פאָר, מיר טוען עס באַנאַכט אונטערן דעק פון דער פינסטערניש. די קוזינע, מאַכטשע וואַרשאַווסקי, גייט אַראָפּ, כלומרשט זוכן וואַסער, אָבער עס דויערט ניט לאַנג און זי קערט זיך אום מיט וואַסער און מיט גרויס פרייד דערציילט זי די גוטע בשורה, אַז אונדזער הויז מיטן הויף און די אַרומיקע הייזער זענען באַשטימט געוואָרן פאַרן ווױן-אָרט פון די געבליבענע יידן, וועלכע אַרבעטן אויף געוויסע אַרבעטס-פּלעצער און קערן זיך יעדן טאָג צוריק פון זייער אַרבעט אין געטאָ אַריין. אויך באַ אונדז אין שטוב וווינען יידן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייערע אַרבעטס-פּלעצער אין געטאָ — גיט זי צו מיט פרייד...

די יידישע פּאָליציי אַנטדעקט אונדז

הערנדיק אירע רייד וועקן זיך באַ אונדז אויף אַלע אונדזערע האָפענונגען צו לעבן. אַלע אויפן בוידעם ווערן אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער האָפענונג. אונדזער פרייד געדויערט אָבער ניט צו לאַנג. באַלד קומען אַרויף יידישע פּאָליציסטן און הייסן אַלעמען אַראָפּגיין פון בוידעם. עס איז פאַר אונדז אַ זייער ביטערע איבעראַשונג, וועלכע מיר קענען גאָרניט באַנעמען מיטן שכל. אָט איז נאָר וואָס געשען מיט אונדז אַ נס און די שרעקלעכע רוצחים האָבן אונדז ניט אַנטדעקט און דווקא די יידישע פּאָליציי האָט אונדז געפונען און טרייבט אונדז אין די הענט פון די מערדער, דאָס איז דער קולמינאַציע-פונקט, וואָס די דייטשע מערדערס האָבן צוגעטראַכט פּלאַנמעסיק. עס העלפט ניט די געוויינען פון די מוטערס און די קליינע קינדער, אַלע ווערן מיר מיט געוואַלד אַראָפּגעשלעפּט פון בוידעם און אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ צו סאָרטירן און אַוועקגעפירט צו ווערן.

דערזעענדיק דעם דאָזיקן ביטערן סוף, לויף איך זוכן הילף פון ערגעץ צו ראַטעווען מיין טאַטן; איך רייס זיך אַרויס פון פּלאַץ, וואָס איז אַרומגערינגלט, לויף זוכן אַ באַקאַנטן, אַ פריינד, אַ נאָענטן מענטש, אפשר וועט מיר ווער העלפן ראַטעווען דעם טאַטן. ווי פאַרצווייפלט בין איך אָבער געוואָרן ווען איך האָב צוגעזען דעם ווילדן שדים-טאַנץ און אַז עס וויל מיר קיינער ניט דערקענען און אויסהערן אין דער דאָזיקער גרויסער מהומה, וואָס הערשט אַרום... אַן אַנטטוישטע און מאַכטלאָזע קער איך זיך אום צוריק צום פּלאַץ אין איילעניש, אָבער דאָרט איז שוין קיינער ניטאָ. אַלע וועלכע מען האָט פריער אויס-סאָרטירט אויפן דאָזיקן פּלאַץ האָט מען שוין געהאַט אַוועקגעפירט... אַזוי איז מיין טאַטע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן, אַוועק זיין לעצטן וועג.

איך בין פאַרצווייפלט, אָבער די ווירקלעכקייט טרייבט מיר ווידער צו זוכן אַן אָרט, ווו זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער דאָס איז שוין אַ פריש קאַפּיטל.



אייזיק ביינערמאַן, טאָראָנטאָ

הזכרת נשמות...

די יידן פון אָסטראָווצע אין דער גאָרער וועלט, האָבן באַשלאָסן דעם יאָר־צייט נאָך די קדושים פון שטעטל איינאָרדנען ראש חודש מרחשוון.

פאַר די אָסטראָווצער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע נאָנטסטע, ניט זייענדיק דערביי, הייסט עס אַ געדענק־טאָג, אָבער די וואָס זענען על פי נס ניצל געוואָרן און איבער־געלעבט דעם גהינום, איז ניט גענוג אַ טאָג אין יאָר צו געדענקען, יעדע מינוט פון זייער לעבן פאַרגעסן זיי ניט די טראַגישע איבערלעבונגען און קיין זאַך איז ניט אומשטאַנד צו היילן זייערע ווונדן, וואָס בלוטיקן ביז היינט־צו־טאָג. אַפילו די, וועמען עס איז געלונגען אויפצו־בויען אַ ניי פאַמיליען לעבן, פול מיט צופרידנקייט, זענען די וואָרצלען פון דער דאָזיקער פרייד פול מיט סם און אין דער דאָזיקער כלומרשטער פרייד פילן מיר די ווייטיקן אויף דער וואַך און אין שלאָף.

איך ווייס ניט צי איך האָב דאָס רעכט מזכיר צו זיין די קדושים וטהורים פון אונזער שטאָט, אָבער מיינע גוטע און ערלעכע כוונות זענען אַן עדות, אַז איך בין בלויז אויסן צו פאַראייביקן די דאָזיקע קדושים וטהורים פאַר דער אייביקייט.

● **דער אָסטראָווצער רב, רבי יחזקאלע מיט זיין זון, דעם יונגן רב ר׳ יענקעלע** מיט זייער גאַנצער משפחה בין איך מזכיר ווייל זיי זענען געווען די ערשטע פאַר־שטייער פון אַלע טיילן פון דער יידישער קהילה, רעליגיעזע ווי פרייע: זיי זענען געווען די פאַרשטייער פון די חסידים און פון עמך; זיי האָבן געטראָגן האָפע־נונגען און טרייסט צו דער אָרעמער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן אין ליידן און פריידן אַרויפגעקוקט צו די מנהיגי הדור.

● **ר׳ חיים פישעלע סאַלמאַן מיט זיין פרוי און קינדער**, זענען געווען אַ טייערע משפחה. מיט זייער גוטסקייט און איידלקייט האָבן זיי געטראָגן הילף אין געטאָ צו די אָרעמע קראַנקע אויף טיפוס. פון קאָנטאַקט מיט די קראַנקע האָט ער זיך אַליין אַנגעשטעקט און איז געשטאָרבן אויפן אייגענעם בעט און געקומען צו קבר ישראל, אַזוי אז די נאַציישע מערדערס האָבן אים ניט באַפלעקט מיט זייערע בלוטיקע הענט. זיין פרוי און קינדער האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ בעתן אויפשטאַנד און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די קאַמפן קעגן די נאַציישע מערדערס, דאָרטן זענען אומגעקומען זייערע טעכטער און זון.

● **מיין עלטסטער ברודער, אברהמטשע**, איז געווען די גוטסקייט אַליין. ער האָט אימער געהאָלפן די אָרעמע באַפעלקערונג, יעדן אין זיין נויט; ער האָט ניט דערלאָזט מען זאָל איינלייגן די אָרעמע הייזלעך אויף דער שול־גאַס און אויך אויף דער מיל־גאַס, וועלכע די אַנטיסעמיטן האָבן געוואָלט צעשטערן, ווייל דאָרט האָט געוווינט די יידישע אָרעמקייט; געהאָלפן די אָרעמע און קראַנקע מיט זיין אייגן געלט און געזאָרגט פאַר זייערע באַדערפענישן.

● **מיין יינגסטער ברודער, עליע**, האָט זיך איינגעקויפט אין יידנראַט צו זיין אַ פּאָליציאַנט, אָבער ווען מען האָט אים אָוועקגעשטעלט ביים טויער פון געטאָ ער זאָל ניט לאָזן אַריינגיין אין געטאָ יידן פון דער אַרישער זייט, האָט ער געהאַט מוט און דרייסטקייט צו שליידערן דעם יודענ־ראַט אין פנים זיין פּאָליציייאישע היטל, ווייל ער איז ניט בכוח צו שלאָגן יידן, אָדער צונעמען בא זיי א שטיקל

ברויט, אָדער קאַרטאָפל, וואָס זיי ברענגען פון דער אַרישער זייט צו דערנערן זייער משפחה.

● **מיין ברודער שמאי און זיין זון היימי** און אויך מיין שוועסטערן זון, פייוול, וועלכע זענען געפאַלן מיט געווער אין די הענט אַלס פּאַרטיזאַנער אין די בליזשינער וועלדער אין קאַמף מיט די נאַצי מערדערס.

● **שימעלע פישמאַן מיט זיין זון.** ווען די מערדער האָבן אַרויסגענומען אים צו טויטן, האָט דער זון געזאָגט, אַז ער גייט מיטן טאַטן און זיי האָבןביידן דערמאָרדעט.

● **שלמה צווייגמאַן ביט נאָך עלף יונגעלייט,** אַלע פּאַרטיזאַנער זענען דורך דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אַרויסגענאַרט געוואָרן פון געטאָ און זענען דערשאָסן געוואַרן דורך די פּוילישע מערדערס. שלמה איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין אַ באַוואָסטלאָזן צושטאַנד צווישן די דערשאָסענע, באַגינען האָט ער זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צוריק אין געטאָ אַריין ווו ער האָט באַוויזן וואַרענען די וועלכע זענען געווען גרייט אַרויס צו די פּאַרטיזאַנער, אַז זיי גייען אויף אַ זיכערן טויט, און דורכדעם געראַטעוועט זייער לעבן. ער האָט באַקומען הילף פון פעלדשער, נחמן אַלמאַן. ער איז געשטאָרבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די זעכציקער יאָרן.

● **חיים מאַיערטשיק מיט זיין איינציקן זון.** דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו גיין מיטן טאַטן, ווען די דייטשן זענען אַריין אין זייער הויז און אַרויסגעשלעפּט דעם טאַטן. ביידע זענען אומגעקומען פון די דייטשע מערדערס.

● **די קדושים פון אַסטראָווצע,** וועלכע זענען אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים, און האָבן ניט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל און קיינער ווייסט ניט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. זיי, אונדזערע שוועסטער און ברידער, אַ טייל פון די זעקס מיליאָן קדושים וטהורים, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין גרויסן חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום, — זיי אַלע באַוויינען מיר און זענען מזכיר זייער הייליקן אָנדענק.

זאַל אונדזער יזכור זיין דער „אל מלא רחמים" און דער גרויסער קדיש אויף זייערע ניט פאַראַנענע קברים.



לייבל זשאַבנער

מיין פעטער ר׳ חיים אהרן זילבערבערג



אין די ערשטע טעג, ווען מיר זענען צוריק געבראַכט געוואָרן אין געטאָ נאָך דער ערשטער אויסזידלונג, און איך האָב דערזען מיין פעטער חיים־אהרון, האָט ער אויסגעזען ווי איינער, וואָס מען האָט נאָר וואָס אָפּגעשניטן פון דער תליה. ער איז געווען אויסגעבלייכט. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט מיט אַ העליש פייער און אויפן האַלדז האָט ער געהאַט אַרומגעבונדן זיין גאַרטל, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט שיידן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך געפונען אים מיט זיין טאָכטער, מאַכטשע. געפונען אים איז ניט דער ריכטיקער אויסדרוק, ווייל איך האָב ניט געהאַט דעם מינדעסטן באַגריף ווו ער קען זיך אויסבאַהאַלטן, נאָר דאָ האָט מיר צוגעהאָלפן ר׳ ישראל ראָזענבערג. איך האָב אים דערזעען אומגיין פראַנק און פריי אין געטאָ און זעענדיק מיין פאַרווונדערונג אויף זיין פילן זיך אַזוי פריי בעת יעדער איינער זוכט זיך ווו אויסצובאַהאַלטן, האָט ער מיר טרויעריק אָנגעוויזן אויף די וועשעריי, וועלכע באַדינט די דייטשן און אויך די יידישע פּאָליציי, אַזוי אַז ער איז אַ נוצלעכער עלעמענט און אים וועט קיין שלעכטס ניט געשען.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך זוך מיין פעטער חיים־אהרון, האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער, אַז זיי — און נאָך אַנדערע שכנים — זענען באַהאַלטן אויפן בוידעם פון הויז און זיי האָבן ניט קיין שטיקל ברויט און וואסער, איז דאַרף איך זעען זיי העלפן און אז איך וועל צוקומען צום אַרויפגאַנג אויפן בוידעם זאָל איך שרייען: „פּאָלאַ!״ וועלן זיי מיר עפענען און אַריינלאָזן. אָבער איך מוז אַכטונג געבן — האָט ער מיר אָנגעזאָגט — מען זאָל מיר ניט באַמערקן ווי איך גיי אַהין.

מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, וואָס איז אויך געווען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייערע לעבנס, האָב איך געקויפט אַ ברויט אין געוועלבל נעבן געטאָ, אויפגעזוכט אַ טשייניק פון דער גרויסער מענגע כלים, וועלכע האָבן געוואַלגערט אין געטאָ, נאָכדעם ווי מען האָט די באַלעבאַטים פון די הייזער צוגענומען, און מיטן ברויט און וואַסער האָב איך זיך געלאָזט מיט אַ ציטערדיק האַרץ צום קעמערל, וואָס פירט צום בוידעם.

אויסגערופן „פּאָלאַ!״ האָט זיך געעפנט אַ טירל און דער ערשטער וואָס האָט מיר דערזעען (איך דערמאָן זיך ניט ווער עס איז געווען די פּערזאָן) האָט אויסגערופן: „אוי, לייבל זשאַבנער!״ און באַלד איז מיין פעטער צוגעקומען, זיך אַראָפּגעבויגן צום טירל, ווי ער זאָל זיך וועלן אַריינוואַרפן אין מיינע אָרעמס...

— הער לייבל — שרייט צו מיר מיין פעטער — אויב דו ביזט געבליבן לעבן און קומסט אונדז העלפן, איז עס אַ סימן פון הימל, אַז מיר וועלן געראַטעוועט ווערן...

אין עפענונג פון בוידעם האָבן זיך באַוויזן נאָך באַקאַנטע פּנימער, אויסגעבלייכטע און פאַרחושכטע. עס האָט אויסגעזעען ווי מענטשן, וועלכע זענען באַגראָבן אין דער ערד, האָבן פּלוצים דערזען אַ שטראַל ליכט. איך האָב דאָרט לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן. ניט ווילענדיק זיי זאָלן אַנטדעקט ווערן, האָב איך זיי איבערגעגעבן דאָס ברויט מיטן וואַסער און שנעל אַרויס פון זייטיקן קעמערל.

דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך צוריקגעקערט צו מיין

„פלאַצוווקע״, אין טאַרטאַק פון דייטש שרעדער, ווו איך מיט מיין ברודער האָבן געאַרבעט, צוזאַמען מיט נאָך דרייסיק יידן, וועלכע זענען געבליבן נאָך דער ערשטער אויסזידלונג.

אייניקע טעג שפּעטער בין איך ווידער געשיקט געוואָרן מיט נחמיה פרידריך צוגרייטן אַן אָרט אין אַ ליידיקער וווינונג פאַר שרעדער׳ס מענטשן. געווען איז עס שבת פּרשת לך לך. פון ר׳ ישראל ראָזענבערג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אַלעמען געפונען אין זייער באַהעלטעניש און זיי געפינען זיך אין אַ זאַמל־פּונקט ביי הענעך ראָזענמאַן, ווו זיי וואַרטן אויף זייער גורל אַוועקגעשיקט צו ווערן מיטן נאָנטען טראַנספּאָרט.

מיט מיר האָב איך געהאַט צוויי לעבלעך ברויט, וואָס איך האָב געבראַכט פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ. אַזוי האָב איך זיך געלאָזט צום הויז, ווו עס איז געווען דער זאַמל־פּונקט. אין דעם פאַרטער שטיבל, ניט באַהייצט, זענען אַ מנין יידן געזעסן אויף צוויי בענק, אָנגעטאָן אין טליתים און קיטלען, און געזאָגט תהילים בכוונה. עס איז נאָך געווען פרי, אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז עס איז יום כיפור עס האָבן נאָר געפעלט די וואַקסענע ליכט.

צווישן די פאַרזאַמלטע האָב איך גלייך דערקאָנט דאָס גוטמוטיקע פּנים פון מיין פעטער חיים־אהרון. נעבן אים זענען אַלע פנימער געווען מיר זייער גוט באַקאַנט, ווי: ר׳ מאיר ערלעך, ר׳ משהלע גרינבאַל, דער פון דער דרוקעריי, אויך ר׳ הערש חיים ראַפּאָפּאָרט און אַנדערע גערער חסידים, וועמענס נעמען איך קען זיך שוין איצט ניט דערמאָנען. אַריינקומענדיק בין איך געבליבן שטיין ביי דער טיר, ניט־וואַגנדיק איבעררייסן די הייליקע שטילקייט. :

מיין פעטער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט הייסע קושן. די

פון גרויס איבעראַשונג זענען מיר אַרויסגעפאַלן פון האַנט די צוויי לעבלעך ברויט. האָט זיך דער פעטער איינגעבויגן און געוואָלט די לעבלעך ברויט מיר צוריקגעבן, נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ברויט איז פאַר אים, האָט ער זיך געווענדעט צו די יידן אַרום, אויפהייבנדיק די לעבלעך ברויט, און מיט גרויס שמחה אויסגערופן:

— גיט אַ קוק אַ וואָסער זכיה ער האָט מזכה צו זיין אַ עדה יידן מיט „לחם משנה״ צו דער שבתדיקער סעודה, אַ סעודה כדת וכדין...

אויף מיין פראַגע ווי ער פילט זיך האָט ער מיר געענטפערט:

מיר זענען דאָ צוזאַמען אַ מנין יידן, מיר זענען מער ניט באַהאַלטן. מיר קענען דאַווענען מיט אַ מנין ב״ה און מתפלל זיין בקול רם און מיר גרייטן זיך בקדושה וטהרה צו וואָס עס דערוואַרט אונדז... אפשר קענסטו כאָטש העלפן מאַכטשען זיך ראַטעווען...

״בית יעקב״ שולע, ווו ר׳ חיים אהרן זילבערבערג איז געווען מנהל
בית־ספר ״בית יעקב״, שר׳ חיים אהרן זילברברג היה מנהלו

שמחה און איטשע־מאיר בירנצווייג

פאטאגראפיעס פון אסטראווצער געטא

מיר ווילן פאַראייביקן אייניקע בילדער פון אָסטראָווצער געטאָ אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס ימח שמם. די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע קומען דאָ אַריין, זענען גע־נומען געוואָרן מיט מסירת נפש און זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן, און ערשט נאָכן קריג האָבן מיר זיי געפונען. דאָס זענען לעבעדיקע באַווייזן און וויכטיקער מאַטעריאַל פאַר די היסטאָריקער פון יענער צייט. דאָס איז אָן ספק אַ טייל פון דער טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אין די געטאָס אין דער צייט פון די יאָרן 1939—1945.

די גרענעץ פון געטאַ

ביילד 1 איז אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן אַראָפּגענומען צוזאַמען מיט אַ באַקאַנט מיידל, חיה מיצמאַכער, באַ דער גרענעץ פון אָסטראָווצער געטאָ אין יאָר 1941. אויף דער גרענעץ פון געטאָ איז געווען אַ שילד אין דייטש, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס איבערטרעטן די גרענעץ פון געטאָ ווערט באַשטראָפט מיט טויט. מיט מסירת נפש האָבן מיר די פאָטאָגראַפיע אַראָפּגענומען כדי עס זאָל בלייבן אַ לעבעדיקער דאָקומענט פון דער נאַצישער הערשאַפט אין געטאָ אָסטראָווצע.

אַזעלכע שילדן אויף דער גרענעץ פון געטאָ זענען געווען גאַנצע פיר: איין שילד באַ ליפּע גאָלדוואַסערס לאָנקעס, וווּ עס האָט זיך געצויגן דער וועג קיין דענקאָוו; אַ צווייטער שילד איז געווען באַ עקיבא ראָסעט׳ס הויז, נעבן די פייערלעשער; דער דריטער שילד איז געווען אויף שענקעוויטש גאַס, נעבן די ליכט־ציערס (מען האָט זיי אַזוי גערופן, ווייל זיי האָבן געמאַכט ליכט פון פאַראַ־

ביילד 1

ביילד 2

פין) ; דער פערטער שילד איז געווען באַ די העניעס הויז אויף דרילדזשער גאַס.

אויפן בילד זעען זיך אויך די אָרם־בענדער, וואָס די יידן האָבן געמוזט טראָגן און וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס שאַנד־באַנד.

נעמען דאָס בילד האָט מיר געטריבן דער ווילן צו פאַראייביקן איינעם פון די דאָזיקע שילדן, כאָטש עס איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס געפאַר. מיר זענען אַלע געווען איבערצייגט, אַז אויב עס וועט קיינער ניט פאַרבלייבן פון אונדז וועט זיין אינטערעסאַנט צו ווייזן די וועלט, איבערהויפט די יידישע, וואָס מיט אונדז איז פאַרגעקומען און ווי מיר האָבן געליטן.

באַשעפטיקונגס קאַרטע

דאָס צווייטע בילד איז פון דער צייט ווען מען האָט געהאַט אויסגעזידלט אַ טייל יידן פון געטאָ און די געבליבענע האָט מען גענומען צו דער אַרבעט אין דער אַסטראָווצער אייזן־פאַבריק. דאָרט האָט מען געאַרבעט איבער די כוחות אין די סאַמע אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען, אָבער יעדער איינער האָט זיך געהאַלטן מיט דער באַשעפטיקונג, אַז ער איז באַשעפטיקט אין דער אייזן־פאַבריק.

לויט אונדזער מיינונג איז די באַשעפטיקונגס־קאַרטע זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט פון יענער אכזריותדיקער צייט. יעדער האָט אָפּגעהיט זיין באַשעפטיקונג, ווייל דאָס איז געווען זייער וויכטיק מען זאָל אים ניט כאַפּן צו קיין אַנדערע אַרבעט. אָבער יעדער פון אונדז האָט זייער גוט געוווסט, אַז ביי אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען וועט קיינער ניט אויסהאַלטן צו לאַנג און ווען ער וועט שוין זיין אָן כוחות, איז זיין סוף אַ געזיגלטער.

באַשעפטיקונגס־קאַרטע פון שניידער־וואַרשטאַט

כרטיס עבודה מבימ״ל לחיטות


Zakł. Krawiecki

Rayonbürgermeister
in Ostrowiec
Naczelnik Rejonu
w Ostrowcu

AUSWEIS — PRZEPUSTKA

Ich rufe den Juden (die Judin) Chodorz
Wzywam żyda (żydówkę)
Elka für den 1.IV en 1942 zur Arbeit an.
na dzień go 1942 r. do pracy.

Er (sie) ist heutzutage berechtigt das Ghetto zu verlassen und nach der Arbeit ins Ghetto zurückzukehren.

Zezwalam mu (jej) na wyjście z Ghetta i powrót po pracy do Ghetta w dniu dzisiejszym.

Gültig einmalig. — Ważna jednorazowo.

Gültig bis / Ważna do

Staatsdruck „Aušra", Vilnius 2878

לייבל זשאַבנער

דער טראַגישער טויט פון ר׳ מרדכי שימאַנאָוויטש הי״ד



דעם דריטן טאָג פון דער אויסזידלונג איז עס געשען, מיר זענען דאַמאָלט געבליבן איינגעשלאָסן אין קליינעם שטח פון ר׳ שמואל העיניס הויז, אויפן בוידעם און אין די צוויי קליינע קעמערלעך, ווו עס איז אַמאָל געווען די קיך פון דער ישיבה. קורץ פאַר דער אויסזידלונג איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער וווינונג פון ר׳ מרדכי און זיין משפחה.

איינס פון די צוויי קעמערלעך האָבן פאַרנומען אייניקע בחורים, וועלכע זענען פאַרבליבן ווי אַ שארית הפליטה פון דער אַמאָל גרויסער ישיבה, מיט וועלכער ר׳ מרדכי האָט אָנגעפירט.

אין אַלע בתי מדרשים און שטיבלעך איז מער ניט געבליבן קיין אָרט, ווו צו קענען לערנען אָדער אפילו דאַווענען. אַן ענגשאַפט האָט געהערשט אין געטאָ. דער קליינער שטח פון קאָשטשעלניא ביז בראָוואַרנא מיטן מאַרק און מיט די פּאָר קליינע געסלעך אין דער זייט, האָבן קוים געקאָנט אַריינגעמען די גרויסע צאָל מענטשן, וועמען די דייטשן האָבן צוזאַמענגעטריבן פון דער גאַנצער סביבה, ווי: קאָנינער, לאָדזשער, לובלינער און אפילו יידן פון וואַרשע. עס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מען האָט געהאָפט, אַז דאָס אָרט וועט, צוליב דער פאַבריק, געשאַנעוועט ווערן. מענטשן זענען געקומען פון אַלע עקן פוילן און האָבן זיך באַזעצט אין יעדן ווינקעלע, ממש ווי אין אַ בינשטאָק.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די טיפוס עפּידעמיע, האָט דער „יידנראַט" געזוכט אַן אָרט פאַר אַ שפּיטאָל. דאַן האָט דער יידנראַט פאַראָרדנט, אַז דער גאַנצער שטח פון די בתי־מדרשים זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּי־טאָל. דער דאָזיקער שפּיטאָל איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן באַקאַנטן ד״ר מאיר ז״ל, מיט דער מיטהילף פון אַלע יידישע דאָקטוירים אין שטאָט.

דאָס אידעאַלסטע אָרט פאַר ר׳ מרדכי און זיין משפחה, צוזאַמען מיט די געציילטע ישיבה בחורים, איז געווען דער בוידעם. אויפן בוידעם זענען זיי געווען געשיצט פון די דייטשע שיקאַנעס, זיי האָבן דערוויל אַהין ניט דערלאַנגט און זיי האָבן דאָרטן געקאָנט זיצן און לערנען אומגעשטערט, ממש על התורה ועל העבודה, אָן פחד און אָן סכנה דינען השי״ת. ער פלעגט טאַקע אויסמיידן אַרויסגיין אין גאַס און ווען ער פלעגט זיך ווען עס איז באַוויזן אין גאַס, האָט ער געשפּרייט אַרום זיך אַ מין הימלישן פחד... אויסגעבלייכט פון ניטדערעסן און וויניק לופט, האָט ער מיט זיין שניי־ווייסער באָרד און גרוי־בלויע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט שטאַר און פאַרטראַכט, דערמאָנט אין עפּעס אַ הימליש וועזן...

דער הונגער און די קעלט האָט אים פּערזענלעך ניט געשטערט אין זיין פירונג, פאַרקערט: הונגעריק און דערפרוירן פלעגט ער זיך פילן העכער, געלייטערטער, ווי אויסגעטאָן פון די הבלי עולם הזה. אויך זיין הונגעריק ווייב און טעכטערל, ציטערנדיק פון קעלט, פלעגט ער טרייסטן מיט פּסוקים און משלים און געמיט זיך שטאַרקן אין זיי דעם בטחון אין השי״ת. בטחון איז געווען זיין טעגלעך ברויט, די לופט צום אָטעמען, אָן וועלכן קיין בשר ודם קען ניט אויסקומען.

עס האָבן אין געטאָ חלילה ניט געפעלט קיין הונגע־ריקע, ווי אין זיין משפחה, וועלכע פלעגן אַרומלויפן זוכן אַ מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיך עפּעס עסן: פאַרקויפן וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט כדי צו קויפן עפּעס עסן. נאָר ר׳ מרדכי האָט קיינמאָל ניט געפּרווט גיין זוכן עפּעס

עסן, פאַרקויפן פון זיך עפּעס האָט ער אויך ניט געהאַט, ביי אים אין שטוב האָט שטענדיק געפּייפט דער דלות אין אַלע ווינקעלעך. זייער הונגער פלעגט פון צייט צו צייט געשטילט ווערן דורך איינִיקע נשים צדקניות, וועלכע האָבן זיי ניט פאַרגעסן. זיי פלעגן אָפּשפּאָרן פון זייערע קינדער און זייער אייגן מויל און געבראַכט צו זיי און אַזויערנאָך ממש דערהאַלטן ביים לעבן די גאַנצע משפחה.

אין צייט פון דער טיפוס־עפּידעמיע איז אין איין בעט געלעגן, ציפּע, זיין פרוי און אין צווייטן בעט זייער טעכטערל. קיין דאָקטאָר, קיין רעצעפּט איז ניט געווען, מען האָט געדאַרפט דערצו פּראָטעקציע, אָדער געלט, און ער האָט ביידע ניט פאַרמאָגט. זיין איינציקער רעצעפּט איז געווען בטחון אין השי״ת. יעדן טאָג שטייט ער איבער די חולאים און דערקלערט זיי פון „מסילת ישרים״, „חובת הלבבות״ און אַנדערע הייליקע ספרים. ער שטאַרקט זיי, טרייסט זיי און דערלאָזט ניט ביי זיי קיין שמץ פון יאוש... עס געשעט אַ נס און זיי ווערן געזונט, כאָטש צו די כוחות זענען זיי שוין ניט צוריקגעקומען. ציפּע גייט אַרום פאַרחלומט, ווי אַ שאָטן; דאָס מיידל האָט קיין חשק ניט אויפצושטיין פון בעט, אָבער ווער קען עס זאָרגן פאַר אַזעלכע זאַכן? אַבי מען לעבט, נאָר דורכשטיפן. די גאולה איז נאָענט און וואָס גרעסער די חבלי לידה — אַלץ נענטער די ישועה.

עס קומען אַלץ נייע גזירות רעות. יעדער טאָג ברענגט אַלץ נייע בשורות רעות. עס זעט זיך ניט קיין שטראַל פון האָפענונג. אָבער ר׳ מרדכי האָט זיין בטחון ניט פאַרלוירן... פון די טעג ווערן וואָכן, פון די וואָכן — חדשים און פון די חדשים — יאָרן. דער כוס פון יידישע צרות איז נאָך אַלץ ניט פאַרפולט. חורבן לובלין, ראַדאָם, קעלץ און אַנדערע יידישע ישובים, מען זעט באַשיינפּערלעך ווי דער שטריק פאַרציט זיך אַלץ ענגער אויף אונדזער האַלדז, אָבער ר׳ מרדכי פאַרלירט ניט זיין בטחון, די ישועה איז נאָענט, קרובה לבוא.

די אויסזידלונג האָט זיי געטראָפן שוואַכע. פאַרחלומטע, כמעט ווי הימלישע, השי״ת וועט אונדז ניט פאַרלאָזן. אַלע זענען געלאָפן זיך פאַרשאַפן אַרבעטס קאַרטן, וואָס האָט דאַמאָלט אויסגעזעען ווי די איינציקע האָפענונג און רעטונג צו קענען בלייבן אויפן אָרט. ר׳ מרדכי איז געווען אַ שב ואל תעשה: רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום...

דעם לעצטן שבת, ווען מען האָט שוין געפילט די סכנה אין דער לופטן, האָט ער זיך ניט געלאָזט שטערן דעם קדושת שבת און איז געווען גליקלעך אויף יעדער מינוט, וואָס ער האָט געקאָנט אַריינכאַפּן און לערנען תורה. גרויס איז געווען זיין שמחה, ווען די יונגע רביצן, ר׳ יאַנקעלע האַלשטאָק׳ס ווייבל, האָט אַריינגעבראַכט פאַר זיי עסן, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איר משפחה. ער אַליין איז יוצא געווען מיט אַ כזית לכבוד שבת און די רעשט איבערגעלאָזט פאַר ציפּען מיטן קינד, וועלכע זענען געווען אַזוי שוואַך.

נאָכן עסן זענען ציפּע און דאָס קינד אַנטשלאָפן געוואָרן זאַטע. ר׳ מרדכי האָט ניט געקאָנט שלאָפן. מיטן „חובת הלבבות״ אין האַנט האָט ער געטראַכט וועגן די פינסטערע ידיעות וואָס מען האָט היינט געבראַכט און דאָס האָט אים צעשטערט זיין רואיקייט, זיין בטחון. ציפּען און דאָס קינד איז בעסער געוואָרן, זיי גלויבן אין אַלעס וואָס ער זאָגט זיי. אָבער ער, זיין האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער ווען ער טראַכט וואָס עס קען געשען. עס איז פינסטער געוואָרן. דער שבת קודש גייט אַוועק און אַ טרויער בלייבט אין האַרץ. אַ בענקשאַפט באַהערשט אים תמיד שבת בין השמשות. ער צינדט אָן אַ ליכטל אויף צו מאַכן הבדלה, ער פאַרשטעלט דאָס פענסטערל. מען זאָל ניט זען דאָס ליכט: עס דראָט טויט־שטראָף. ער וועקט דאָס ווייב און קינד מיט רחמנות און געלאַסנקייט, ער גיט זיי צו פאַרשטיין, אַז ער וויל זיי זאָלן הערן הבדלה. ציפּע כאַפּט זיך, אַז עס איז ניטאָ קיין וואַסער אין שטוב און באַלד וועט זיין די „שפּערע שטונדע״ און מען וועט ניט טאָרן גיין אינדרויסן. זי כאַפּט שנעל דעם עמער און לויפט אַראָפּ צום ברונעם, שעפּט אָן וואַסער און לויפט שנעל צוריק וואָס שנעלער צו זיין אין שטוב. אָבער זי דערגרייכט קוים דאָס ערשטע טרעפּל און זי הערט אַ רעוואָלווער־שאָס אין שכנותדיקן הויז, ווו עס איז די ביוראָ פון „יודן־ראַט״. זי הערט די טריפּהנע קולות פון דעם עס־עס־מאַן, פּעטער, שטאַרקע קלעפּ און געשרייען און געבעטן פון אַ געשלאָגענעם. שוין ווידער דאָ מיט אַ וויזיט — טראַכט זי — תמיד געפינט דער דאָזיקער רוצח זיינע קרבנות און אויב איינער גייט פון זיינע הענט אַרויס אַ לעבעדיקער איז ממש אַ נס. זיין רוצחישער סאַדיזם שטילט זיך ניט איין ביז ער זעט ניט ווי יידיש בלוט גיסט זיך...

אין גרויס איילעניש לויפט זי אַרויף אין קעמערל, ווו ר׳ מרדכי שטייט שוין דערשראָקן, ווייס ווי קאַלך, אין דערוואַרטונג זי זאָל צוריקקומען. אין גאַנצן הויז איז ניטאָ קיין לעבעדיקער מענטש, אַלע באַהאַלטן זיך אויס. די הערצער ציטערן. ווי דער רוצח וואָלט געשאָסן אויף זיי. יעדער פילט, אַז יעדע מינוט קען זיך אָן עפן טאָן די טיר און דער סאַדיסט זאָל אַריין אין הויז מיטן רעוואָלווער אין האַנט און מיט זיין בלוטדורשטיקן הונט, וועמען ער האָט אויסדרעסירט צו פּייניקן זיינע קרבנות. דאָס ערשטע רייסט דער הונט אַרונטער פון קרבן די מלבושים

און ווען יענער איז שוין נאַקעט, וואַרפט ער זיך אויף אים, בייסט אים אין קאַרק און פּנים און גייט ניט אַוועק פון קרבן ביז ער זעטיקט ניט זיין סאַדיסטישן פּאַטראָן מיט פריש רינענדיק יידיש בלוט.

די גאַנצע נאַכט האָבן די דריי קיין אויג ניט צוגעמאַכט, געזעסן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן אין דערוואַרטונג פון מאָרגן. דער אמת איז, אַז די דאָזיקע נאַכט האָט אין געטאָ קיינער ניט צוגעמאַכט קיין אויג. יעדער האָט געהאַט איינגעפּאַקט זיין קליין פּעקעלע, וואָס איז געווען דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך. די יידישע פּאָליציי האָט געמאָלדן, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך פאַרזאַמלען 7 אַזייגער אינדערפרי ווען די סירענע פון דער פאַבריק פייפט אויפן מאַרק. די וואָס האָבן אַרבעטס־קאַרטן דאַרפן קומען אייפן פּלאַריאַן פּלאַץ. יונג און אַלט זיצט און וואַרט ווי אויף זייער אייגענער לוויה. אין געטאָ הערשט אַ טויט שטילקייט, די ליפּט שטיקט ווי עס וואָלט אַלעמען אייסגעפּערט לופט אין געטאָ.

ר׳ מרדכי און זיין ווייב האָבן באַשלאָסן ניט אַרויסגיין ווען די סירענע פון דער פאַבריק וועט פייפן און ניט גיין מיטן אייגענעם ווילן צו די רשעים אין די הענט אַריין. כאָטש אין שטוב איז גאָרנישטאָ אויסער אַ שטיקל טריקן ברויט וואָס איז געבליבן פון שבת, פאַרן קינד וועט עס סטייען אויף נאָר אַ טאָג. און עמער וואַסער איז אויך דאָ אין שטוב. גאַנץ פרי מיטן פייף פון דער סירענע ווען אַלע האָבן פאַרלאָזן זייערע שטיבער ניט געזען און אונטער די קלעפּ און שיסערייען פון די רוצחישע אוקראַינער, זענען זיי געבליבן אין שטוב זיך פאַרמאַכט אינעווייניק ווי געיאָגטע חיות, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פון זייערע יעגערס.

צוויי טעג זענען פאַרביי. צוויי טעג פון דערוואַרטונג און פּיין זענען דאָס געווען, די ערשטע צוויי טעג נאָך דער אויסזידלונג. מען האָט מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, כדי ניט אַנטדעקט צו ווערן פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָט געזוכט די ניט־לעגאַלע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינבאַקומען אויפן שטח פון נייעם געטאָ. דאָס זענען מייסטן געווען משפּחות מיט קליינע קינדער, וואָס פאַר זיי איז קיין אויסוועג ניט געווען. הונגער און קעלט האָט זיי נאָך אַלץ ניט געבראָכן אין אין זייער נאַיוויטעט האָבן זיי געגלויבט, אַז היות ווי דאָס נייע געטאָ געפינט זיך אין זייער הויז וועלן זיי זיך קענען ראַטעווען און געזען אין דעם ממש אַ נס מן השמים.

דינסטיק אינדערפרי, דער דריטער טאָג נאָך דער אויסזידלונג, אַלעמען וועקט אויף אַ גרויסער רעש אין הויז. עס הערט זיך שוין ווידער דאָס מערדערישע קול פון רוצח, פּעטער, וועלכער לויפט אַרום אויפן הויף ווי משוגע און שרייט מיט באַנומענע קולות, מען זאָל אים אויף שנעל אַרויסגעבן אַלע אומלעגאַלע, אַלטע און קינדער, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אויפן שטח פון נייעם געטאָ. ער נוצט זיך אויך דאָס מאָל מיט זיין אַלט מיטל צו זען יידן זאָלן זיין קעגן זייערע אייגענע ברידער, וועלנדיק ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. ער מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך די יידישע פּאָליציי מיט זייערע קעפּ אויב זיי וועלן ניט אויסריייניקן דאָס געטאָ פון די אַלטע, קינדער און אומלעגאַלע. די יידישע פּאָליציי האָט זיך אויף שנעל גענומען צו דער אַרבעט און אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די האַלב־טויטע שאָטנס און אַזוי זענען זיי אויך אַריין צו ר׳ מרדכין און אים אַרויסגעטריבן אין הויף אַריין.

באַהאַלטנדיק דאָס קינד אונטערן פּאַלטן האָט ער אפשר געדענקט זיך דורכרייסן און קומען אויף אַ זיכער אָרט ערגעץ ווו. נאָר ניט לאָזן זיך אַוועקנעמען דאָס קינד — האָט ער בא זיך אָפּגעמאַכט. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיטן רוצחישן בליק פון פּעטערן, וועלכער איז געשטאַנען אויפן ערשטן שטאָק און קאָמאַנדירט די אַקציע. ער כאַפּט אים אָן ביים האַלדז און ווייל ביי אים אַרויסרייסן דאָס קינד פון אונטערן פּאַלטן. דאָס מיידעלע קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות אין פּאָטערס קערפּער. אויך דער פּאָטער לאָזט בשום אופן ניט אַרויסרייסן פון אים דאָס קינד, זיין איינציק קינד. אַזוי אַמפּערנדיק זיך פּאַלט ר׳ מרדכי מיטן קינד אַראָפּ פון אַלע טרעפּ. ער הייבט זיך שנעל אויף און פירט ווייטער זיין קאַמף צו ראַטעווען דאָס קינד, אָבער זיין גזר איז א געחתמעטער. דער רוצח שפּרינגט גלייך צו, כאַפּט אים אָן ביים קאַרק און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין קערפּער בויגט ער דעם שוואַכן ר׳ מרדכי אַראָפּ צו דער ערד און שיסט אַריין צוויי קוילן אין קאָפּ. ר׳ מרדכי באַוויזט נאָך אויסצושרייען „שמע ישראל” און פּאַלט אַ טויטער אין אַ קאַליוזשע בלוט. דער רוצח דרייט איבער זיין קערפּער מיטן שטיוול און אַזוי בלייבט ער טויט מיטן פּנים צום הימל...

ציפּע איז דערווייל געהאַט געלאָכן אין שטוב אַריינגעמען דאָס מאַנטעלע פאַרן קינד אָן, ווען זי איז צוריקגעקומען און געזעען איר אומגליק, הערט זי אויך דאָס געשריי פון איר קינד, וועמען מען האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן לאַסט־אויטאָ. ניט־וואַרטנדיק מען זאָל איר אַוועקנעמען מיט אַלע, איז זי צו צום נאָענטן ברונעם און זיך דערטרונקען. מיט גרויס מי האָט די פּאָליציי שפּעטער אַרויסגעקראָגן איר טויטן קערפּער פון ברונעם און אַוועקגעפירט, צוזאַמען מיט אַלע מתים צום ברודער־קבר.

כבוד זייער אָנדענק!

לייביל זשאַבנער

מיין מאמע גייט ארויס אין מארק

די בלאַסע קאַליר פון איר פנים, אַן עדות
פון די פולע תעניתים אין דער לעצטער צייט
לויפט יעדן טאָג אויף קבר אבות צו אירע זיידעס
ביים רבנ׳ס קבר, גאַנצע שעהן דאָרט זי שטייט.

איר האַרץ ווי פערשטיינערט, אירע אויגן אויסגערונען.
פון וויינען בעטן טאָג און נאַכט
רבונו של עולם, מ׳קאָן דאָך אַראָפּ פון זינען
פון טאָג צו טאַג אונדזער לאַגע ערגער ווערט ווי שלעכט.

די שערי רחמים האָסטו פאַר אונדז פאַרשלאָסן
פאַרמאַכסטו דיינע אויגן, ווילסט נישט זען אונדזער פיין
ווי פיל עס זאָל דיך נישט האָבן אויף אונדז פאַרדראָסן
מעג אַ טאַטע זיינע קינדער נישט פאַרלאָזן, ניין!!!

אַזוי טענה׳ט מיין מאַמע זיך אויס מיט בכיות — — —
די לעצטע צייט כמעט אַן אויפהער,
זי וויינט אויפן חורבן פון אירע קינדער, ווי די מאַמע רחל:
טאַטע אין הימל זע אונדזער ליידן און הער.

זונטיק פרשת נח אינדערפרי, אַ גרויסע מהומה,
אַלע יידן, יונג און אַלט, מוזן זיך שטעלן אין מאַרק
שרייען די דייטשן, און די יידן גייען אַבלדיק שטומע
די נאַהייקעס און שטעקענס פייפן איבער קאָפּ און קאַרק.

אויך אונדזער שטוב איז גרייט
מיין מאַמע גייט פאַראויס
ביי דער טיר זי פאַרהאַלט זיך, זי שטייט
די האַנט אויף דער מזוזה, און זי שרייט אויס:

— פאַרוואָס עפּעס נאָר אונדז ייִדן, גאָט אין הימל!
אויב זינדיק איז די וועלט, און ווילסט איר נישט פאַרגעבן.
שיק אויף יעצט — ווי ביי נוחן — אַ מבול, אַ צומישונג, און צעטומל
פאַרניכטע די וועלט, דאָס גאַנצע לעבן.

און אויב נאָר דער ייִדישער קרבן איז דיר ליב
טאָ זע ווי כ׳גיי צו דער עקידה מיט מיינע קינדער
איז טויט אונדז דאָ צוזאַמען אין אונדזער שטוב
צו וואָס נאָך שלעפּן יעדן איינעם באַזונדער.

די געוויינען און געשרייען פון די שכנים וואָס איילן אַוועק
וועקן אויף מיין מאַמען, און זי נעמט שנעל גיין
— „קומט קינדער, ריבקע, זאָל שוין נעמען אַן עק
דאַלט זיי מיט מיר צוזאַמען, חלילה נישט בלייבן אַליין!״

מרדכי ראזענבערג, אייניקל פון ריוואלע שפילמאן, איז געווען דער פּראָפעסאָר פון פיל געטא און לאגער־לידער, וואס זענען געזונגען געווארן אין געטאָ און אין אוישוויץ. ער האט דורכגעמאכט די שואה און געשטארבן אין ישראל פון קרענק און ווינדן, וואס ער האט באקומען אין די לאגערן.

מרדכי ראזענבערג ז״ל

אַסטראָוועצ מיין היים

געשאַפן אין יאר 1942,
נאָך די אויסזידלונג.

אין ליכטיקן טאָג, אַ שוואַרצער וואָלקן!
די גאַנצע וועלט, ווי פאַרשאָלטן!
שרעקלעכע טעג, גרויזאַמע נעכט,
מען פּייניקט אונדז אומשולדיק, ווי פאַרברעכער און קנעכט.
די נאַצישע חיה האָט אויפגעוואַכט
אויס בליענדע בלומען, אַ סוף געמאַכט!

עס שטאַרבן מענטשן גרויס און קליין,
נישט ס׳בלייבט קיין סימן פון געביין.
קיין באַשיצער איז דערביי,
ווען אַסטראָוועצ מיין שטעטל זי ברענט, אוי וויי!

ווער ס׳זעט דעם טאָג, זעט מער די נאַכט,
פרייד און לעבן פאַר אונדז פאַרמאַכט.
דערציילן וועלן נאָר שטעט און הייזער,
עס איז געווען אַ ווינט אַ בייזער,
ער האָט פאַרניכטעט און צעשטערט,
אַסטראָוועצ מיין היים פון אַזאַ טייערער ווערט!

מאכטשע זשאבנער־זילבערבערג

די שחיטה־נאַכט פון 28־טן אַפּריל

דעם 28־טן אַפּריל באַנאַכט האָבן זיך די שוואַרצע העמדער, מיט נאָך שוואַרצערע נשמות און טויטן־קעפּ אויף די היטלען, געלאָזט אין אַ שפּאַציר איבער די יידישע גאַסן און ביי יעדער טיר, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי געזייעט טויט.

יאָסל מאַליניאַק האָט מיט אונדז געוווינט במשך יאָרן אויף דער זעלבער גאַס און אַלטער גרינבערג, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, האָבן געוווינט באַ די אַבראַמאָוויטשעס אין הויז אויף דער אילזעצקי גאַס. אין דער דערמאָנטער שחיטה נאַכט האָט מען אויך באַ זיי אָנגעקלאַפּט און מיטגענומען די מענער. היות ווי אין אָוונטשעהן האָט מען ניט געטאָרט גיין אין גאַס, האָבן די פרויען ערשט אינדערפרי זיך דערוווּסט וועגן זייער אומגליק.

אינמיטן דער נאַכט זענען מיר אויפגעציטערט געוואָרן פון שיסערייען נעבן אונדזער פענסטער. מיר האָבן זייער גוט געוווּסט וואָס עס באַטייט, נאָר ניט געוווּסט וועמענס משפט עס איז געווען די נאַכט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָבן מיר דערהערט פון דער גאַס אַ פאַרשטיקט געוויין, מיר האָבן אָפּגעשפּאַרט אַ טייל פון פאַרמאַכטן לאָדן און מיר האָבן דערזען דעם גרויל: ביי דער טיר פון דער באַקאַנטער אַנטיסעמיטקע, בוטשניעוואַווי, זענען געלעגן די טויטע קערפּערס פון יאָסל מאַליניאַק און אַלטער גרינבערג און איבער זיי זענען געשטאַנען די איבער נאַכט פאַרעלטערטע פרויען און זייערע דערשראָקענע און פאַרשטומטע קינדער, וועלכע האָבן אפילו ניט ניט באַגריפן זייער גרויסן אומגליק.

די פרויען זענען שנעל אַוועק אויס מורא די קריסטן זאָלן ניט אָנווייזן אויף זיי, אַז זיי זענען געווען באַ די טויטע קערפּערס פון זייערע מענער. מיר האָבן אויף שנעל צוגעמאַכט די געעפנטע שפּאַרונע פון אונדזער לאָדן, ניט לאָזנדיק אַריינדרינגען די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ פרישן אויפקומענדיקן טאָג.

קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט, נאָר די שוואַרצע קראָען האָבן אָפטער געקראַקעט און געזוכט די קאָליוזשעס פון פאַרגאָסן יידיש בלוט, וואָס האָט זיי בעסער געשמעקט ווי דער געוויינלעכער מיסטקאַסטן.

דאס צונויפנעמען די קרבנות פון דער בארטאלאמיי־נאכט

איסוף הקרבנות מליל האימים

יחיאל מגיד־ראזענבערג ז״ל

די עקזעקוציע נאכט

גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
מאך שוין אן עק צו דער פינצטערע נאכט!
ווער ווייסט וויפל יידן די נאצישע מערדער
האבן היינטיקע נאכט שוין אומגעבראכט!

איך האב שוין צוויי מאל ווידוי געזאגט
און עס וויל נאך אלץ טאג נישט ווערן,
צו וואס טויג דיר, גאט, מיין דריטע ווידוי,
אז דו ווילסט מיינע תפילות אינגאנצן נישט הערן!

אסור מיר, צי דער פרימסטער ייד דא
האפט נאך היינט עפעס אויף א שטיקעלע נס,
וואס קען מען נאך האפן, וואס קען מען נאך דערווארטן
נאך אזא שוידערלעכן בלוטיקן מעת־לעת!

ס'איז אונדז שוין נמאס דאס לעבן אט דא,
שיק־זשע, גאט, גיכער דעם מלאך המוות
און זאל עס שוין נעמען א סוף און אן עק —
לאמיר שוין זיין דארט וווּ עס זיינען אונדזערע אבות!

עס ציען זיך אומאויפהערלעך טויט־פראצעסיעס,
לוויות פון אומשולדיקע קינדער און זקנים;
יונג און אלט, פרום, נישט פרום, מענער און פרויען,
אלץ גייט צום טויט, אלץ קומט אום אינאיינעם.

און אט וועט דאס געטא־טויער — דער איינציקער עדות
גרילציק א קרעכץ טאן אויף זיינע מאסיווע ריגלען,
און דאס שטאלענע קול פון תליין וועסטערהיידע
וועט זיין לעצטן מארד־באפעל מיט בלוט פארזיגלען!

גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
מאך שוין אן עק צו דער פינצטערער נאכט!
ווער ווייסט וויפל יידן די נאצישע מערדער
האבן היינטיקע נאכט שוין אומגעבראכט!

ישראל אהרן פרידענטאַל ז״ל

די גרוילעכע באַרטאַלאַמיי נאַכט

אדוואקאט פרידענטאל, געשטארבן אין ישראל
אדר תש״ל

די דייטשן אין אָסטראָווצע האָבן באַשלאָסן צו באַגעגענען דעם פרילינג 1942 מיט אַ ריזיקער בלוט־באָד, וואָס זאָל איבערשטייגן און פאַרבלאַסן זייערע ביז־איצטיקע רציחות. זיי זענען צוגעטרעטן צו דער שחיטה מיט דער פולסטער דייטשער פינקטלעכקייט.

אין דער נאַכט פון 28־טן אַפּריל האָבן די פאַרחושכטע יידישע איינוווינער פּלוצים דערהערט אַ שיסעריי, וואָס האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט.

אויף די ערשטע זאַלפן האָט מען נישט געלייגט קיין אַכט. מ׳האָט געוווּסט, אַז די דייטשע „קולטור־טרעגער" ווילן זיך און לעבן זיך נאָרמאַל אויס אין אָנפאַלן, שיסערייען און מאָרדן. מען האָט נאָר באַדויערט די אונטערגעהאַקטע יידישע לעבנס דורך יעדן שאָס. ווער ווייסט, ווער ס׳ענדיקט איצט זיין לעבן — האָט מען שטיל אויסגעזיפצט.

דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דער שיסעריי האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָ קומט פאָר עפּעס מער ווי איינצל־מאָרדן. עפּעס האָט מען אינסטיקטיוו דערפילט, אַז דאָס איז אַ פאַרמעסט אויף אַ גרויס אומגליק. מען איז דעריבער אַרויס פון די בעטן און געלאָפן זיך באַהאַלטן: ווער אויף אַ בוידעם, ווער אין אַ קעלער אָדער אַנדערשוווּ.

מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שכנים צו ליגן אויף אַ בוידעם. מיר האָבן די לייטער אַוועקגעשליידערט, כדי צו פאַרייבן די שפּורן נאָך זיך. דאָס בילד, וואָס מיר האָבן געזען דורך אַ לאָך פון דאַך האָט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. פאַר אונדזערע אויגן איז אַדורך די געסטאַפּאָ אין פולער באַוואָפענונג מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט. זיי האָבן געטריבן יידן און אַטייל געשאָסן אויפן אָרט. פאַר אונזערע אויגן זענען אין דער אונטערוועש דערשאָסן געוואָרן הערש דוד פאַנצער מיט זיינע 3 זין. אַ צווייטע גרופּע שופּאָס (זשאַנדאַרמען) האָט געיאָגט אברהם ביינערמאַן, אַ שטאַרק צעבלוטיקטן, אויך אין דער אונטערוועש, אין דער ריכטונג פון בית־הקברות.

די מערדער האָבן מיט סאַדיסטיש־ראַפינירטע פייניקונגען באַשווערט זייערע קרבנות די לעצטע מינוטן.

די מאָרד־אַקציע האָט דערווייל אומאויפהערלעך געבושעוועט אין די יידישע הייזער, מיר, די פאַרשטעקטע, האָבן קיין שום אַנונג נישט געהאַט, וואָס די דייטשן זענען אויסן דערמיט. מיר האָבן בלויז געזען צעיושעטע רוצחים, וועלכע זענען אַרומגעלאָפן איבער די הייזער און פאַרשניטן יידישע לעבנס. דעם אומדערוואַרטעטן מאָרד־אויסברוך האָט קיינער נישט געקאָנט אויפקלערן. מיר זענען געלעגן אין שרעק פון טויט־געפאַר, ציטערנדיק און פלאַטערנדיק פאַר יעדן קלענסטן שאָרך. יעדער קלאַנג איז פאַר אונדז געווען אַן אָנזאָג, אַז אָט גייט מען שוין נאָך אונדז.

אַרום 7 אידערפרי האָט זיך, ווי לויט אַ סיגנאַל, די מאָרד־וואַקכאַנאַליע אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דאָס דערקענט פון אונדזער אָבסערוויר־פונקט — פון בוידעם־לאָך. מען האָט געזען דערשראָקענע יידישע פּנימער, יידישע פרויען מיט פאַרבראָכענע הענט. באַלד האָט זיך אויך באַוויזן

די יידישע פּאָליציי. מיר זיינען אַראָפּ פון אונדזער באַהעל־טעניש געוואויר צו ווערן וועגן דעם שרעקלעכן נאַכט־אומגליק.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָבן מיר ערשט דערזען דעם גרויסן חורבן, דעם מאָרד־שניט פון דער מוראדיקער נאַכט.

אויף יעדן טריט זענען געלעגן יידן מיט דורכגעשאָסענע קעפּ, מיט די פּנימער צו דער ערד. דאָס האָבן די דייטשע „קולטור־טרעגער" פּראָפּאַנירט די קדושים נאָכן טויט.

די טראָטואַרן זענען געווען באַגאָסן מיט יידיש בלוט. די אומגעקומענע זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע מינים יידן, און דאָס האָט געשטערט פעסטצושטעלן און אויסצוגעפינען די סיבה פון דעם שרעקלעכן מאַסן־מאָרד. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ קריטעריום.

די פּסיכיק פון מענטש האָט געהייסן זוכן פאַרלייכטערונג־מאָטיוון פאַר די לעבן־געבליבענע. מען האָט זיך געוואָלט אָפּנאַרעריש באַרואיקן דורך איינריידן זיך, אַז דאָס איז נישט קיין אָנהויב פון אַ מאָרד־אַקציע קעגן יידן, נאָר עס איז בלויז אַ שטראָף קעגן פאַרזינדיקטע יידן.

אַ טייל האָבן עס אויסגעטייטשט אַלס שטראָף קעגן אומלעגאַלע סוחרים, — אַ באַווייז, די אומגעקומענע מאַיערטשיקעס. אַ צווייטע גרופּע האָט דאָס צוגעשריבן דעם קאַמף קעגן יידישע קאָמוניסטן — אַ סימן, די דערשאָסענע אלי ביינערמאַן, שמעון פישמאַן מיטן זון. אַ דריטע אויסטייטשונג איז געווען, אַז דאָס איז אַ קאַמף קעגן דער יידישער אינטעליגענץ — אָנווייזנדיק אויף די אומגעקומענע אדוו. צייסעל און ד"ר וואַכאָלדער. די טרויעריקע ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן דעם ביטערן אמת, אַז ס'איז דער אָנהויב פון פולשטענדיקן יידישן אומקום, וועלכער האָט זיך אין דער פולסטער גרויזאַמקייט אָנגעהויבן אין דער „גענעראַל־גובערניע" אין פרילינג 1942 און זיך פאַרענדיקט אין יאַנואַר 1943. יידן זענען דערגאַנגען דעם ביטערן אמת, אַז יידיש לעבן איז הפקר.

צווישן די קדושים פון דער מאָרד־נאַכט האָבן זיך געפונען ישראל מלמד, שאול מעטמאַכער און אַנדערע, וועלכע האָבן נישט געהערט צו די אַלע אויסגערעכנטע גרופּן. מען האָט אויפגעהערט זיך מאַכן אילוזיעס. מ'איז געווען זיכער, אַז אַלע יידן זענען פאַראורטיילט צום טויט. דער פולשטענדיקער חורבן איז אומפאַרמיידלעך.

די רעטעניש פון דער רשימה

דער טרויעריקער פּועל־יוצא האָט אָבער קיין מנוחה נישט געלאָזט. דער שרעקלעכער באַוווסטזיין, אַז מיר זענען לעבעדיקע מתים, האָט געפּייניקט בייטאָג און ביינאַכט. עלטערן האָבן שטיל באַוויינט זייערע קינדערלעך, וואָס זענען געשלאָפן אין די בעטן. אַ פינצטער לעבן פון פּיין און ציטערניש האָט זיך אָנגעהויבן. די לעבעדיקע איז געווען ערגער ווי די טויטע. ושבח אַני את המתים... און עינוי הדין קשה מן הדין — האָבן די יידן דערפילט אויף דער אייגענער הויט.

ביי דעם אַלעם האָט מען נאָך געגריבלט, מען האָט

יענקעלע הערציג, פון די "גוט־שבת, יידעלעך", מיט פרוי און קינד. ער איז דערשאסן געווארן דורך די נאציס אין טאג פון אויסזידלונג, זייענדיק אנגעטאן אין טלית און תפילין. (זע שילדערונג פון שלמה שטרייטמאן "גאסן און מענטשען אין אסטראווצע", ז. 148)

יענקעלע הרציג, ראש ה"גוט־שבת יידעלעך", עם אשתו וילדו. נורה על ידי הנאצים ביום הגירוש, כשהוא עטוף בטליתו ובתפילין.

ניִשט געקאָנט אויפקלערן דאָס רעטעניש, דעם יסוד פאַר דער איבערקלויבונג. די שטאָט האָט געציילט 17 טויזנט ייִדן, די מערדער זענען אָבער געגאַנגען אויף ספּעציעלע אַדרעסן, פון איין עק שטאָט ביז צום צווייטן, און אַרויס־געצויגן פון זייערע וווינונגען 81 קרבנות און זיי אומגע־בראַכט.

ווער האָט זיי אַזאַ רשימה געגעבן? ווער האָט אַריינ־געשטעלט פּונקט די 81 נעמען פון צווישן די 17.000 ייִדן? די פראַגן האָבן געעקבערט די ייִדישע מוחות. מען האָט געוואָלט אויסגעפינען די האַנט וועלכע דיריגירט מיט די מאָרד־אַקציעס.

דער גרויליכער גורל

נאָך לאַנגע גריבלענישן, זוכונגען און פאָרשונגען דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער שרעקלעכער אמת:

די מערדער האָבן אין זייער ראַפינירטער מאָרד־מאַשין אַריינגעפירט דעם גורל. געמאַכט איז עס געוואָרן אויפן דאָזיקן אופן:

אין יעדן ייִדנראַט האָבן זיך געפונען די עווידענצן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן אַרומגענו־מען אַלע ייִדישע איינוווינער פון דער באַטרעפנדיקער שטאָט, מיט זייערע גענויע אַדרעסן.

די געסטאַפּאָ־מערדער זענען געקומען אין ייִדנראַט אין דער עווידענץ־אָפּטיילונג און אַרויסגעטריבן פון דאָרט אַלע באַאַמטע. בלייבנדיק אַליין, האָבן זיי אָנגעהויבן דעם גורל־טויט־שפּיל, דורך אַרויסציען פון דער קאַרטאָטעקע אַזאַ צאָל קאַרטן, וועלכע האָט אַנטשפּראָכן דער קאָנטינ־גענט־צאָל פאַר דער נאָנטסטער נאַכט פון זייער מאָרד־אַקציע.

באַזיצענדיק די אַדרעסן האָבן זיי שוין לייכט אָפּגעזוכט זייערע אומבאַקאַנטע און אומשולדיקע קרבנות. דערמיט איז אויפגעקלערט געוואָרן דער מאָרד־איבערקלויב.

ייִדן האָבן שוין געוווּסט דערנאָך, אַז נאָך אַ באַזוך פון דער געסטאַפּאָ אין דער עווידענץ־אָפּטיילונג פון יודנראַט, מוז מען זיך ווי ווייט מעגלעך אויסבאַהאַלטן. אָבער ווו? מען האָט דאָך ניִשט געקאָנט וויסן, ווער ס׳וועט אַרונטערגעפאַלן אונטערן גרויליכן גורל.

עס זענען געווען פאַלן, ווען די געסטאַפּאָ האָט אַזאַ פאַרמשפּטן צום טויט ניִשט געטראָפן אין דער היים. ער איז צופעליק געווען ביי א שכן, און איז טאַקע ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. די צופעליק ניצול־געוואָרענע זענען אפילו דערנאָך שוין מער ניִשט געזוכט געוואָרן. די מערדער האָבן נאָכן פאַרענדיקן זייער בלוטיקע אַקציע צעריסן די קאַרטן אַלס טויטע, און דערפאַר זיי מער ניִשט געזוכט.

אַזוי האָט דער דייטשער גרויל־גורל אומגעברענגט מאַסן ייִדן אין אָסטראָווצע.



א גרופּע
פון אסטראָווצער
יינגעלייט.
אלע זיצנדיקע
זענען געווארן
פארניכטעט,
אלע שטייענדיקע
לעבן איז ישראל.

קבוצת צעירים
מאוסטרובצה.
כל היושבים
הושמדו.
כל העומדים
חיים בישראל.

יחיאל מגיד־ראזענבערג ז״ל

מיין פאטערס יארצייט

דער הימל איז פֿאַרמעט ווי פֿון אַ ספר־תורה
די שטערן — אותיות און די לבנה — אַ מנורה.
און יחיאל, זיין דריטער זון
איז איצט אַליין דער סופֿר, דער ריכטער.

און ביים שיין פֿון אַט דער מנורה
פֿאַרשרייב איך מיין פֿאָטערס יאָרצייט אויף דור־דורות.

ווי אַ שטערן צו אַ שטערן און ווי אַן אות צוזאַמען
אַזוי טו איך די לעצטע מינוטן פֿון מיין פֿאָטער דערמאָנען.
ער האָט נישט געוויינט, אפילו נישט געציקט מיט
די ברעמען
אין מאָמענט ווען דער מלאך המוות איז אים
געקומען נעמען.
ער האָט ווי אַ גרויסער צדיק ביי „קדוש" געוואַרט
און געשוויגן
און מיטן סידור אין האַנט אויפֿן דיל געבליבן ליגן.

קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען
וועלכער זכות איז אים ביי־געשטאַנען.
ער האָט זיך אַזוי געפֿרייט מיטן קומענדיקן ראש השנה
בעסער ווי מיט דער גרעסטער מתנה.
אַלס חזן ביים עמוד ביי נעילה
איז ער געווען זיכער אַז אָט־אָט קומט די גאולה.



איך גלויב אַז גאָט האָט אים צוגענומען דערפֿאַר
אַז ער זאָל נישט צוזען דעם עם הנבחרס צער.

אהרן ב״ר יצחק דניאל אורבאס און יהודה ראזענבערג

פארשניטן געווארן די רבישע דינאסטיע פון ר׳ מענדעלע

אויב איך שרייב דאָ וועגן אָסטראָוועצע, איז עס נישט וועגן די שטאָט; פון איר האָב איך פאַרגעסן און וויל זי בכלל נישט געדענקען! נאָר וואָס איך וויל אימער האַלטן אין זכרון און אייביק נישט פאַרגעסן — דאָס זענען דאָס יידישע עמך, די גרויסע תלמידי חכמים און רביים.

ביי אונדז אין שטאָט זענען געווען פיל תלמידי חכמים, ווי צ.ב. ר׳ לייביש יאָשעס, ר׳ אברהמ׳לע שאַכער און ר׳ יאָסל (יוסף) קאַלקאָ ז״ל.

אויסער תלמידי חכמים האָבן ביי אונדז געלעבט דריי רבנים זי״ע, וועלכע איך האָב גוט געקענט: דער הרב הגאון ר׳ מאיר יחיאל האַלשטוק זצק״ל, ר׳ אברהם חיים זצ״ל און דער רעבעניו ר׳ מענדעלע (מנחם) זצק״ל.

אין די שורות וויל איך פאַראייביקן דעם רעבעניו ר׳ מענדעלע (מנחם), דעם היימישן רבי וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין יעדן אָרעמען יידישן ווינקל. דער רבי, וואָס האָט געברענגט תורה און חכמה, אהבת הבורא און יראת שמים, נשמה׳דיק וואַרעמקייט און טרייסט אין יעדן אָרעמען ווינקל. דאָס איז געווען דער רבי ר׳ מענדעלע, דער הדרת קודש!

ווען איך האָב מיך געזעצט שרייבן די פאָר ווערטער לזכר דעם צדיק הדור ר׳ (מנחם) מענדעלע זצ״ל, האָב איך געבעטן איך זאָל נישט נכשל ווערן מיט שלעכטע מחשבות נאָר שרייבן „דברי שלום ואמת״.

איך גלייב באמונה שלמה אַז איך מעג פאַרגלייכן דעם רבי ר׳ מענדעלע מיטן גרויסן צדיק מכל הדורות, רבי חנינה בן דוסה, ער איז געווען, ווי די גמרא דערציילט וועגן רבי חנינה: „איש צדיק, נקי כפים ובר לבב״. אַזוי איז אויך געווען אונדזער הייליקער רבי ר׳ מענדעלע: נקי כפיים ובר לבב. עס זענען צו אים געקומען יונג און אַלט, איינער הערן תורה, איינער נאָך אַ עצה טובה, און איינער בעטן אַ רפואה שלמה. מיר איז באַוווסט אַז די אַפּטייק האָט די אָרעמע מענטשן געגעבן די רפואות אָן געלד, איך ווייס אַז מען האָט דעם אַפּטייקער פאַר די רעצעפּטן וואָס דער רבי האָט פאַרשריבן באַצאָלט, אָבער ווער עס האָט באַצאָלט דאָס איז מיר קיינמאָל נישט געלונגען זיך דערוויסן.

מען האָט אים אַמאָל געפרעגט וועגן ארץ ישראל, האָט ער געזאָגט יעדער ייד וואָס טוט עפּעס גוטס פאַר ארץ ישראל דערנענטערט דעם ביאת המשיח.

איך דערמאָן מיך, אַז ס׳איז געווען אַן אָרעמע אלמנה מיט איניקע קינדער. האָט דער רבי געהייסן יעדן ייד געבן פדיון־נפש געלט 18 גראָשן אַ קאָפּ. דאָס געלד זאָל יעדער ייד מנדב זיין לטובת די אלמנה פרייטיק צונאַכטס פאַרן קידוש מאַכן. די אלמנה האָט מיט דעם געלד זיך איינגעאָרדנט.

יעדער איינער, ווער עס האָט זיין הדרת פנים געזען שמחת תורה ביינאַכט ביי די הקפות — פאַר דעם האָט

אויפן ארט ווו ס׳איז געשטאנען דער ״אוהל״ פון ליפסקער צדיק ר׳ מענדעלע



המקום בו עמד ה״אוהל״ של הרבי מליפסק, רבי מענדעלע זצ״ל

זיך די שכינה נתגלה געווען. יעדער ייד וואָס האָט דעם רבין זצ״ל כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן געזען, דער וועט אין זיין זכות אַרויף אויפן דרך הישר.

די רעבעצין איז געווען אַ טאָכטער פון ליפסקער צדיק ר׳ ירחמיאל. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַזוכן קראַנקע איינזאַמע פרויען און געזעען אַז זייערע קינדערלעך זאָלן, חלילה, נישט ליידן פון הונגער און קעלט. זי האָט אויך געזאָרגט פאַר יתומים און אָרעמע כלות און פאַר די ישיבה בחורים וואָס האָבן געלערנט אין רבינס בית־מדרש.

און ווי דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים״, אַזוי זענען געווען זייערע קינדער: דער עלטסטער זון, דער רבי ר׳ משה׳לע זצק״ל, איז געווען דער ממלא־מקום פון זיין פאָטער און איז אויך געגאַנגען אין זיינע וועגן; ר׳ איטשעלע (יצחק) און ר׳ רפאל — זענען געזעסן אויף כסא רבנות אין פאַרשידענע שטעט; ר׳ ירחמיאל און די צוויי שוועסטער שרה׳לע און שפרה׳לה.

אָט דידאָזיקע הערלעכע געשטאַלטן זענען גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן און אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן אַ הערלעכע רבישע דינאַסטיע און פון דער פאַרצווייגטער משפחה איז געבליבן בלויז אַ טאָכטער פון ר׳ משה, לאה׳לע, וואָס געפינט זיך אין קאַנאַדע.

לעילוי נשמת העסקן משה לדרמן ז״ל

ר׳ משה בן ר׳ דודל לדרמן היה מהדמויות הבולטות בעירנו אוסטרובצה.

הוא היה עסקן ציבורי בעל שיעור קומה, העושה מלאכתו באמונה וללא כל הנאה פרטית.

הוא היה אישיות בעלת מידות תרומיות. ידו ולבו היו פתוחים לכל נזקק ונצרך לסעדו ולעודדו הן בחומר והן ברוח — כזה היה ר׳ משה לדרמן.

עם כיבוש אוסטרובצה על־ידי הנאצים היה מבין ראשוני העסקנים שנעצרו ונכלאו בכלא ראדום. במאמצים רבים ובהון תועפות עלה בידי בני משפחתו לשחררו ולהחזירו לביתו. צרת העם בכלל והטראגדיה של יהודי אוסטרובצה בפרט נגעו ללבו מאד והשפיעו על מצב נפשו ובריאותו.

העסקן הותיק והמסור, שסלד משתדלנות ודגל בכל חייו בתקיפות ובגאווה לאומית היה נאלץ להתרחק מעסקי ציבור, בחינת ״שומר נפשו ירחק מהם״ ולפנות מקומו לאחרים, שידעו להתרפס ולדבר לכובש העריץ בלשון אחרת, אם בלשון ״דמי לא יחרץ״ או בשפה שמשה לדרמן לא הסכין להשתמש בה.

זכה ולא זכה האיש. זכה והשיב נפשו לבוראו אחרי מחלה קצרה פתאומית כביכול בחול המועד פסח תש״ב, והובא לקבר ישראל בבית העלמין שבעיר כשכתר שם טוב לראשו.

אך לא זכה לראות בתקומת ישראל ומדינתו החפשית, שהיתה משאת נפשו וחלום חייו עד רגעיו האחרונים.

הבה נציב לו יד ושם בספר אוסטרובצה ועל ידי כך יוענק לו הכבוד והיקר להם הוא ראוי.

ללא כל ספק יזכרו אותו בני עירנו רבות בשנים ויזכירו את שמו לברכה; מי יתן וירבו כמותו בישראל.

י. א., המכבדו ומוקיר זכרו

מרדכי זאב טאָפּעל

ר׳ משה יעקב טאפּעל ברענגט צו קבר ישראל

די אינסטיטוציע וואָס איז געווען אַממייסטן באַשעפטיקט אין געטאָ איז געווען די חברה־קדישא, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין רואיקע מינוט די גאַנצע צייט פון אָנהייב פון דער נאַצישער אָקופּאַציע ביז די מאַסן־אויסזידלונג. הונדערטער מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער, קרענק און בעיקר פון דער טיפוס־עפּידעמיע, וועמענס קבורה־ברענגען איז געווען פאַרבינדן מיט גרויס געפאַר פון אָנשטעקן זיך מיט דער שרעקלעכער שטערבלעכער קרענק. הונדערטער אַנדערע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצי מערדער, וועלכע האָבן אין פיל פאַלן נישט געוואָלט דערלאָזן ברענגען די קדושים לקבר ישראל לויטן יידישן מנהג.

איינער פון די טיכטיקסטע חברים פון חברה קדישא, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען כדי צו ברענגען די געטאָ־קרבנות צו קבר ישראל איז געווען ר׳ משה יעקב טאָפּעל הי״ד, אַ לאַנגיעריקער חבר אין דער חברה. ער איז געווען דער זון פון ר׳ חיים נחום און חנה רחל טאָפּעל, און אייניקל פון אָסטראָווצער רב ר׳ דוד׳ל הכהן ראַפּאָפּאָרט, וואָס ציט זיין ייחוס פון ש״ך הקדוש און פון קאָצקער רבין זצ״ל. נאָך אַלס בחור האָט ער זיך אויסגעצייכנט צווישן די חשובסטע תלמידים אין אָסטראָווצער בית־מדרש און אויך אַלס אומאַנער חסיד. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער מיטגעהאָלפֿן גרינדן די „צעירי מזרחי״ אין שטאָט, געווען פיל יאָרן אין ועד פון דער אָרגאַניזאַציע און דעלעגאַט אויף קאָנפערענצן פון דער מזרחי באַוועגונג. במשך יאָרן האָט ער געזאָגט אַ שיעור פאַר אַפּאָר צענדליקער יידן אין אַלטן בית־מדרש. אין געטאָ האָט ער געזען פאַר זיין הייליקסטן פליכט אַז יידן זאָלן קומען צו קבר ישראל.

בעת דער אויסזידלונג איז ער טראַנספּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי פערעלע און צוויי טעכטער, ראַצע און רייזל, קיין אושוויץ. זיין זון, מרדכי זאב, האָט זיך על־פּי־נס געראַטעוועט און געפינט זיך איצט אין ניו־יורק.

א גרופּע מתפללים וואס די דייטשן האבן ארויסגענומען פון קודלאוויטשעס בית־מדרש. דער דריטער ייד פון רעכטס איז ר׳ ישראל ראזענבערג, און דער זעקסטער — חיים מאיערטשיק

יחזקאל מאַנדעל

די יוגנט עפנט א קינדער־היים אין געטא

דרייסיק יאָר זענען פאַרביי זינט דער רוצחישער דייטשער היטלער־שטיוול איז אַריינגעדרינגען טיף אין פוילישן לאַנד און אין 15 טעג איר דעראָבערט.

שוין דעם ערשטן טאָג פון קריג זענען דייטשישע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער אָסטראָווצע, אַראָפּגעלאָזט זיך נידריק און געשאָסן אויף די הילפסלאָזע אומבאַוואָפנטע באַפעלקערונג פון מאַשינען־געווער און געהאַרגעט אייניקע פון זיי. באַלד אין ערשטן טאָג פון קריג האָט ער אויפגעדעקט זיין רוצחישן פּרצוף און געלאָזט וויסן יעדן מענטש, ייד און נישט־ייד, צו וואָס ער איז פעאיק.

אינטערעסאַנט איז די פּאָעמע וואָס האָט אָנגעשריבן דער יינגער אָסטראָווצער העברעאישער פּאָעט משה גוטמאַן, אין די ערשטע טעג פון קריג. דאָס געלויף פון צענטליקער טויזנטער מענטשן אויף די וועגן וואָס פירן קיין וואַרשע ווו קליין און גרויס האָבן פאַרלוירן זייערע היימען און זייער האָב און גוטס און טויזנטער זענען געפאַלן אויף די וועגן דורך די דייטשישע עראָפּלאַנען — דאָס אַלץ איז גרויזאַם געשילדערט געוואָרן אין דער פּאָעמע פון משה גוטמאַן וואָס איז דאַן געווען אַ שילער אין העברעאישן סעמינאַר אין וואַרשע.

ווען משה גוטמאַן, וואָס איז געווען מיין נאָענטער חבר, איז צוריקגעקומען קיין אָסטראָווצע האָט ער פאַר אונדז פאָרגעלעזן זיין פּאָעמע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע בילדלעכע שילדערונגען פון די גרוילעכע געשעענישן פון יענע טעג.

משה גוטמאַן איז שוין דאַן געווען באַקאַנט אַלס יינגער העברעאישער שרייבער, די איינציקע העברעאישע טאָג־צייטונג אין פוילן פאַר דער קריג „בדרך", האָט פאַרעפנטלעכט פילע פון זיינע נאָוועלן און לידער. ספעציעל איז ער געווען ליטעראַריש טעטיק אין דער תקופה פון אָסטראָווצער געטאָ, און צוזאַמען מיט די אויפגאַבע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו לערנען די יידישע יתומים וואָס האָבן זך גרופּירט אין שטאָט, פלעגט ער אונדז אויך פאָרליינען זיינע לידער פון יענע טעג.

משה גוטמאַן איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע לייט בעת אַ רעוויזיע וואָס די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט, זוכנדיק געלט און ווערטפולע זאַכן. אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן איינעם פון די גרעסטע גייסטלעכע קרעפטן אין אָסטראָווצער געטאָ.

די ערשטע גזירות

אָסטראָווצע האָט אויפגענומען די דייטשן אָן איין שאָס, און טראָץ דעם האָבן גלייך אָנגעהויבן פאַלן יידישע קרבנות. די דייטשן האָבן אויסגעטראַכט פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי צו דערשטיקן די יידישע באַפעלקערונג. גלייך האָבן זיי אַרויפגעלייגט גרויסע קאָנטריבוציעס און האָבן געשאַפן דעם יידנראַט, וועלכער האָט באַדאַרפן אויספילן די באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט און איבערפירן דאָס יידישע פאַרמעגן אין זייער רשות.

דער צווייטער פון רעכטס פון די שטייענדיקע — איז משה גוטמאַן

השני מימין בקבוצת העומדים — משה גוטמן.

ביים יידנראַט איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע פּאָליצײ־אָפּטיילונג, וועמענס אויפגאַבע איז געווען היטן די אָרדנונג אין געטאָ. ווי אויך איז געשאַפן געוואָרן אַ סאַניטאַרע אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון באַליבטן פירער און לערער דיכטער. ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ גרויס יידיש האַרץ און איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער העברעאישער תרבות־שולע. ער האָט זיך אויסגע־צייכנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר, און האָט זיך אָנגעגעבן מיט הילף פאַר די אָרעמע ליידנדע קינדער אין געטאָ. די אויפגאַבע פון דער סאַניטאַרער קאָמיסיע איז געווען היטן די ריינקייט אין געטאָ, דורכפירן דיזינפעקציעס צווישן די אָרעמע מאסן, פירן אין באָד אריין, און אויספּאַרעווען זייערע מלבושים, כדי נישט דערלאָזן צו קיין טיפוס עפּידעמיע אין ענג־איבערגעפילטן געטאָ.

אַסטראַוועצע נעמט אויף פּליטים

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אויף דער באַן סטאַציע געפינען זיך אין וואַגאָנען הונדערטער פון קאַנץ און אומגעגענט, און ווי אויך יידן פון ווין. הונדערטער אָסטראָוועצער יידן, מיט דער הילף פון יידנראַט פּאָליצײ און דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, זענען אַוועק אויף דער באַן־סטאַציע מיט עמערס וואַסער און קעסלען עסן, ברויט און מעדיקאַמענטן. נאָך אַ השתדלות פון יידנראַט איז דערלויבט געוואָרן איבערפירן די פּליטים אין שטאָט און זיי דאָרט איינאָרדנען. צווישן די פּליטים זענען געווען אַסאַך יתומים, וואָס האָבן פאַרלוירן אויפן וועג זייערע עלטערן. די אָסטראָוויצער יידן האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן ברויט מיט די פּליטים, און ספּעציעל מיט די יתומים. און ווען דער געטאָ איז פאַרקלענערט געוואָרן, האָט מען זיך געטיילט מיט די וווינונגען, כדי די פרעמדע יידן זאָלן האָבן וווּ אַוועקצולייגן זייער קאָפּ. די בתי מדרשים זענען געווען פול מיט בעטן, ווו די פּליטים זענען געשלאָפן באַנאַכט.

די טיפוס עפּידעמיע

אין 1941 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע טיפוס־עפּידעמיע. הונדערטער יידן זענען געשטאָרבן מעגלעך. דער בית־המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ד״ר מאיר אבראַמאָוויטש און די אָפּטייקערין פרוי דיכטער, וועלכע געפינט זיך איצט אין ישראל. די פרוי דיכטער האָט, מיט דער הילף פון פריי־וויליקע באַרמהאַרציקע שוועסטערס, אָפּגעראַטעוועט פיל יידישע לעבנס.

בעת דער עפּידעמיע האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט די סאַניטאַר־קאָלומנע וועלכע האָט באַטאָג און באַנאַכט, אומאויפהערלעך, דיזינפעקצירט די הייזער אין וועלכע ס׳זיינען אַנטדעקט געוואָרן טיפוס־פאַלן. דאָס הויז איז געוואָרן הערמעטיש פאַרמאַכט אויף 24 שעה. און דאָס דאָס געזונטע הויזגעזינט איז אַוועקגעפירט געוואָרן אויסצופּאַרעווען און אויסבאָדן. אין דער אַרבעט האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט שלמה׳לה בירמאַן, איצט אין קאַנאַדע, און הירש גאָלדפינגער ז״ל, וואָס איז אומגעקומען דורך די דייטשישע רוצחים. אויך נטע קופּערמאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דעזינפעקציע אויוון, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט.

אין דער עפּידעמיע איז געפאַלן אַלס קרבן דער אָנפירער פון דער סאַניטאַרער קאָלאָנע, דער אַלגעמיין באַליבטער דיכטער. די ידיעה פון זיין טויט האָט אויפגע־טרייסלט אַלע יידן. קליין און גרויס האָבן געוויינט ביים באַגלייטן דער קערפּער אין יודנראַט און אין שול. זיין אַמט האָט איבערגענומען זיין שוואָגער קולינער, וואָס האָט זיך באַלד איבערגעבן לייב־און־לעבן דער אויפגאַבע.

די עס־עס הייבט אָן בושעווען

אין 1941 איז אין אַ שיינעם זומער־טאָג אָנגעקומען אַ ספּעציעלע עס־עס אָפּטיילונג, וועלכע איז געגאַנגען פון שטוב־צו־שטוב און געשלאָגן מיט נאַגייקעס קליין און גרויס, ביז צום נישט דערקענען. דער יידנראַט איז געווען געצוווּנגען צושטעלן יידן וועלכע זאָלן באַדינען די באַנדיטן און אויספירן פאַרשידענע אַרבעטן. אָפטמאָל זענען געכאַפּט געוואָרן יידן אין גאַס, אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, פון וועלכער זיי זענען שוין נישט מער צוריקגעקומען.

אין דער „באַרטאַלאָמיי־נאַכט״ פון 28 אַפּריל 1942 זענען די רוצחישע עס־עס באַפאַלן יידישע היימען מיט אַ צוגעגרייטע ליסטע אין זייערע הענט און אַרויסגענומען די בעסטע און אָנגעזעענסטע יידן פון געטאָ, און זיי דערשאָסן ביי די טויערן פון זייערע הייזער. אין דערזעלבער נאַכט האָבן זיי אָנגעפּאַקט צוויי אויטאָס מיט מענטשן, צווישן זיי מיין ליבער ברודער שמשון מאַנדעל, און זיי אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ. נאָך צוויי וואָכן האָבן מיר באַקומען פון דאָרט אַ פּעקל אין וועלכן ס׳זענען געווען זיינע קליידער צוזאַמען מיט אַ מעלדונג, אַז ער לעבט נישט מער. דער פאַל האָט שרעקלעך געווירקט אויף מיינע עלטערן. מיין ברודער שמשון האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, חוה׳לה, מיט אַ דריי־און־האַלב־יאָריק קינד, נתן. זיי לעבן היינט אין ניו־יאָרק.

די יוגנט אין געטאָ

אָסטראָווצע האָט זיך פאַר דער מלחמה אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער אָרגאַניזירטער יוגנט, ווי הנוער הציוני, השומר הצעיר, ביתר, מזרחי, השומר הדתי, דרור, החלוץ, רעכטע און לינקע פועלי ציון, ספּאָרט־קלובן פון פאַרשידענע שטרעמונגען, יידישע שולן, ווי אַ תלמוד תורה, יבנה־שולע פון „מזרחי" און פיל חדרים פון פאַרשידענע גרופּירונגען. אַ זייער פּראָגרעסיווער מלמד איז געווען ר' נחמיה דעמסקי ז"ל, ביי וועלכן יעדער תלמוד האָט געמוזט קענען אַ קאַפּיטל תנ"ך פון אויסעווייניק; ער האָט אויך געלערנט העברעאיש און דקדוק.

האָבנדיק אַזאַ דערציאונג האָט טאַקע די יוגנט אין דער צייט פון קריג, ווען ס'האָט זיך גענויטיקט פיל פּרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט כדי צו דערלייכטערן די לאַגע פון דער יידישער איינוווינער אין דער תקופה פון די נאַצי גזירות, גענומען אויף זיך אַ וויכטיקע אויפגאַבע.

די יידישע אָרגאַניזירטע יוגנט, בעיקר דער „הנוער הציוני", האָט זיך פאַרנומען מיט לערנען, באַקליידן און באַשפּייזן יידישע קינדער. דער „הנוער הציוני" האָט געעפנט אַ לאָקאַל צו דעם צוועק. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל די ענגשאַפט אין געטאָ איז געווען אומבאַשרייבלעך און ס'איז נישט געווען צו באַקומען קיין צימער, צווייטנס, די דייטשן האָבן פאַרבאָטן לערנען יידישע קינדער. אָבער נישט קוקנדיק אויף די געפאַרן וואָס דראָט זיי האָבן אַסאַך חברים זיך פאַרנומען מיט לערנען יידישע קינדער אין געטאָ. צווישן די טעטיקסטע זענען געווען: משה גוטמאַן ז"ל, יוסף וויינבערג (איצט אין ישראל), שמואל יחזקאל מאַנדעל (טאָראָנטע), בעריל רוזנצווייג, פּאָלאַ אָרענשטיין ז"ל, שושנה איידעלמאַן ז"ל, יקותיאל גאָלדבלום (בראַזיל), שרה ראָזענצווייג ז"ל, סאַלקע מאַכאַרובסקה ז"ל, שלמה רובינשטיין (ישראל), מיללער דעם אַדוואָקאַטס טאָכטער (לעבט), חנה הורוביץ (קאַנאַדע), מיין ברודער אברהם מאַנדעל ז"ל, ישראל ניידיק ז"ל.

אויך אַנדערע חברים פון אונדזער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַטייליקט אין דער הייליקער אַרבעט פון דערציען יידישע קינדער אין יידישן גייסט און לערנען זיי אויך אַלגעמיינע לימודים, ווי: משה פּעפּער (דערשאָסן

אין דער אסטראווצער קינדערהיים

במעון הילדים באוסטרובצה



געוואָרן בעת מען האָט אים געכאַפּט מיט אַרישע דאָקו־מענטן), זיין שוועסטער שיינדיל פּעפּער (אין ישראל), רינה ניסקער (ישראל), בתיה האַלבערשטאַדט (ישראל) און פיל אַנדערע, וועמענס נעמען איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען. אין דער צייט פון דער לערע האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלע וואַך כדי צו וואָרענען אונדז אין פאַל פון אָנקומען פון עס־עס־לייט אָדער פון דייטשישע פּאָליציי. נישט איינמאָל זענען מיר געווען געצווונגען שפּרינגען דורכן פענסטער פון „זשלאָבעק", ווי מיר האָבן גערופן דעם לאָקאַל. מיר האָבן געגלויבט אַז בלויז דורך דערציען די קינדער אין יידישן גייסט וועלן מיר זיי געבן דעם כוח אויסצוהאַלטן די שרעקלעכע צייט.

די גרופּע האָט אויסגעפּועלט ביים יודנראַט ספּעציעל עסן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון פאָלקס־קיך אין אַ גרויסן קעסל, און די זופּ איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די קינדער. דאָס זעלבע מיט קליידונג, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר די קינדער. עס איז געווען האַרצרייסנד צו הערן ווי די קינדער, מיט די גרויסע אייגעלעך, פרעגן אונדז, פאַרוואָס טוט מען אָן אַזעלכע גרויסע צרות אונדזער פאָלק, און מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, מיר האָבן זיך געפילט שולדיק קעגן די אומשולדיקע קינדער, פאַר זייער טראַגישע לאַגע. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך געוואָלט מאַכן מיט איינמאָל אַ סוף צו דעם אַלעם...

בעת ס'זענען אָנגעקומען די קלאַנגען וועגן אַ נאָענטע אַקציע האָבן מיר זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט די ליבע אומגליקלעכע קינדער. מיר האָבן שוין געהערט וועגן דעם העראָאישן טאַט פון גרויסן דערציער יאַנוש קורטשאַק, פון וואַרשע, וועלכער האָט זיך אַנטזאַגט צו ראַטעווען און איבערגעבן די יידישע קינדער פון זיין דערציאונגס־אַנשטאַלט אין דייטשישע הענט. אַלס פּראָטעסט קעגן די חיה'שע דייטשן איז ער געגאַנגען אין דער שפּיץ פון די קינדער, האַלטנדיק אַ קינד אויף דער האַנט, צום טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ און צוזאַמען מיט זיי פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

שבת פאַרנאַכט זענען אָנגעקומען אייניקע עס־עס־לייט אין ביוראָ פון יודנראַט און אָנגעהויבן שיסן פריער

פרויען ארבעטען פרייוויליק אין קינדערהיים

מתנדבות במעון הילדים

אין די ליכט, און שפּעטער אויך אין די מענטשן, וואָס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט. צומאָרגנס 11 אָקטאָבער, 2—3 פאַרטאָג האָבן די דייטשן, מיט דער הילף פון ליט־ווינער, אוקראַינער און דער פּוילישער פּאָליציי, אַרומ־גערינגלט דעם יידישן געטאָ. די יידישע פּאָליציי איז גע־גאַנגען איבער די וווינונגען, געקלאַפּט אין די טירן, געהייסן זיך אָנטאָן און זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ נעבן דער מאַגיסטראַט־געביידע. אייניקע יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע היימען, האָבן אָנגעטאָן טלית און תפילין, גענומען זאָגן תהילים און געוואָרט דערשאָסן צו ווערן אויף קידוש השם, אַזוי זענען אומגע־קומען יענקעלע הערציג ז״ל און פיל אַנדערע.

אברהם מאנדעל

די ערשטע קויל פון די צעיושעטע מערדער האָט באַקומען מיין ברודער אברהם מאַנדעל, וועלכער האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס טעכטערל פון 5 מאָנאַטן פון אונדזער שוועסטער ביילטשע. ער האָט געוואָלט דאָס קינד איבערגעבן צו פּוילישע שכנים, וועלכע האָבן באַקומען פיל געלט פאַר וועלן נעמען דאָס קינד צו זיך. זייענדיק פאַרווונדעט אין האַלדז האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין געטאָ, אָבער ס׳איז אים געלונגען צוגעטיילט צו ווערן צו זיין אַרבעט ביים טאַרטאַק און נאָך דריי טעג זיין אויס־באַהאַלטן אין טאַרטאַק פאַרווונדעטערהייט איז ער פאַר־שווונדן אָן איבעלאָזן אַ שפּור. אויך מיינע ליבע עלטערן און מיין ליבע שוועסטער ביילע האָב איך זינט יענעם טאָג מער נישט געזען, ווייל זיי זענען אַוועק צוזאַמען מיט אַנדערע 17,000 אָסטראָווצער יידן, צום טויט.

איך ווייס נישט צו דאָס איז געווען אַ גליק אָדער אַן אומגליק, וואָס איך בין געבליבן לעבן, דורך דעם, וואָס איך בין צוגעטיילט געוואָרן מיט אַנדערע 1,500 יידן, צו אַרבעטן אין דער אייזן־פאַבריק.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער טעטיקייט אין קינדער־היים, און אַזוי גרויזאַם זענען אוועקגעריסן געוואָרן אונדזערע טייערסטע און נאָנטסטע, און די פילע יידישע קינדערלעך, וועלכע האָבן אַזוי גיריק געלערנט יידישע געשיכטע כדי צו פאַרשטיין דעם ספּעציעלן יידישן גורל. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אייער לעצטן גוזאַנג פון „זאָגט נישט קיינמאָל אַז איר גייט דעם לעצטן וועג״. אַ דאַנק דעם קידוש־השם־גייסט וואָס לעבט אין אונדזערע יוגענט זענען מיר דערגאַנגען צו דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אַלטן חלום אין געשטאַלט פון מדינת ישראל און שיבת ציון.

א גרופּע אסטראָווצער יוגנט. דער גרעסטער טייל פארניכטעט.

קבוצת צעירים מאוסטרובצה. 90 אחוז מהם הושמדו.

איסר גרבר

איך דערמאָן זיך...

התנצלות פון מחבר: איך בין ניט קיין שרייבער, איך שרייב וואָס עס דיקטירט מיר מיין האַרץ. איך ווייס ניט ווי אַזוי אָנצוהייבן מיין דערציילן, אָבער איך שפּיר אַז מיין האַרץ איז מיר פול, אויף מיינע געדאַנקען הויערט אַ שווערע משא, אַ טייל וועל איך זיך באַמיען דאָ אויסלאָדן אין מיין באַשרייבן, אפשר וועט מיר דערפון לייכטער ווערן...

איך געפין זיך אין אָסטראָוועצ. איך בין יונג און שפּיר זיך אין די געסלעך. עס איז ערב שבת ווען די יידן גייען זיך רואיק צום דאַוונען ווער עס האָט געהאַט אָפּצועסן און ווער ניט; ווער עס וויל ניט דאַוונען און איך אויך צווישן זיי. נאָר עס פּאַסט דאָך ניט פאַר דער משפחה מען זאָל מיך ניט זען צווישן אַלעמען.

בא אונדז אין שטוב גרייט מען זיך איינצונעמען דעם הייליקן שבת די צוויי לייכטער גלאַנצן און די לייכט לייכטן. מיין פאָטער איז אין שטוב און וואַרט מיר זאָלן גיין צוזאַמען מקבל שבת זיין. ווייל היינט וועלן ניט פאַראַנען קיין קהל'שע עניים אין האַנטווערקער פּאַריין, עס קומען ניט פאַר קיין זיצונגען און מיין פאָטער דאַרף ניט זאָרגן אַז דער אָדער יענער האַנדווערקער זאָל קריגן קוילן אויף אנצוּוואַרעמען זיין שטיבל. דאָס איז געווען די ארבעט פון ברוך גרעבער. אַזוי האָט זיך מיין פאָטער געפירט...

איך האָב ליב געהאַט צו זעען ווי דער רבי ר' יחזקאלע פלעגט מיט זיינע חסידים גיין אינדערפרי פאַרן דאַוונען אין מקווה אַריין. איך דערמאָן זיך ווי אַ געוויסן שבת, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און באַמערקט ווי שלמהלע גוי'ס אַפּטייק איז אָפן, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט קעגנאיבער און געפאָדערט ער זאָל צומאַכן די אַפּטייק.

— עס איז שבת — האָט ער אַריבערגעוואָרפן צו דער אָפענער אַפּטייק און איז שטאָלץ אַוועק זיין וועג. איך בין געבליבן שטיין אויפן פלאַץ פאַר דער אַפּטייק צו זען וואָס עס וועט דאָ זיין, נאָר עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די טירן פון אַפּטייק האָבן זיך פון אינעווייניק געשלאָסן... עס איז מיר געווען מאָדנע, הייסט אַז אָט דער שלמהלע גוי האָט אויך מורא, פאַר וועמען? פאַר וואָס? איך האָב עס ניט געקאָנט באַגרייפן.

אין יאָר 1940 זענען אָנגעקומען קיין אָסטראָוועצ יידן פון קאָנין, וועמען מען האָט אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען. מיין זיידע, יאָסל איסערס, וואָס האָט געהאַט די וואַטע פאַבריק נעבן סאָסקעס בראָוואַר, האָט אַריינגענומען צו זיך זעקס משפחות און געמאַכט פאַר זיי פלאַץ צום וווי־נען. ווען עס האָט זיך געמאַכט שלעכט מיט פרנסה און עס איז ניט געווען וואָס אָפּצועסן, האָט מיין זיידע געזאָרגט פאַר די דאָזיקע משפחות זיי זאָלן האָבן פרנסה בכבוד. ער האָט געקויפט איינציקע האַנט־מילן צו מאָלן מעל און מיר יינגלעכע, זענען אויף ראָווערן אַרויסגעפאָרן אין די דערפער און געבראַכט פאַר זיי קאָרן צום מאָלן. פאַר די האַנט־מילן האָט דער זיידע ניט געוואָלט נעמען באַ זיי קיין געצאָלט... „ווען איר וועט האָבן פאַרדינט אייער אויסקומעניש וועט איר נאָכהער מיר באַצאָלן" — פלעגט ער זיי זאָגן. די מענטשן פלעגן מאָלן מעל און געבאַקן ברויט און געהאַט אַ בכבודיקן עקזיסטענץ.

אַזוי זענען געווען די אָסטראָוועצער יידן. דאָס געפיל, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאַרן צווייטן, דער דרך ארץ איינער פאַרן אנדערן, דאָס זענען די גרונטשטריכן פון די יידן אין אָסטראָוועצ.

אין די פאַבריק

שבת מיטאָג צייט, עס איז פאַר דער ערשטער אויסזידלונג, מיר האָבן שוין ניט געוווינט אויף דער קילינסקי גאַס, ווייל דאָס איז געווען אויסערן געטאָ, מיר האָבן דאַן געוווינט ביי ליפּע גאָלדוואַסער וואָס זיין הויז איז געווען אויף דער דענקיווער גאַס (אגב, ליפּע גאָלדוואַסערס פרוי איז געשטאָרבן אין לאַגער אין ציפערן, אין פּאָמאַ־גוסטאַ, איך האָב איר דאָרטן געשטעלט אַ מצבה). איך בין געגאַנגען אויף דער צווייטער שיכט אַרבעטן אין די

זאַקלאַדן ביי פערטשאַקן, אַזוי האָט דאָס פּלאַץ געהייסן אויפן נאָמען פונם אָנפירער. דאָרטן האָבן בלויז געאַרבעט איניקע יידן. ווען עס האָט זיך געענדיקט אונדזער שיכט, האָבן אונדז די אוקראַינער ניט געלאָזט אַהיימגיין. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן בעטן זיך באַ זיי זיי זאָלן אונדז לאָזן גיין, האָט איינער פון זיי אונדז געזאָגט, אַז עס איז בעסער פאַר אונדז צו בלייבן דאָ און ניט גיין אין שטאָט אַריין. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט. זינט דאַן האָב איך מיינע עלטערן און קרובים מער ניט געזען.

זונטיק איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג און פון דעם טאָג אָן איז יעדער טאָג געווען אַ קאַמף פאַרן עקזיסטענץ, צו לעבן און איבערהאַלטן די צרות.

איך בין איבערגעפירט געוואָרן צו אַרבעטן ביי גאַר־ניאַקן, ווייל אויפן ערשטן פּלאַץ האָט מען שוין ניט געדאַרפט קיין אַרבעטער. ביי גאַרניאַקן איז געווען איינ־געפירט, אַז יידן אַרבעטן אָן אָפּשטעל, 24 אָדער 48 שעה, פון איין וואַגאָן צום צווייטן. ער האָט מיר גענומען אויפן אויג ווי איך אַרבעט. איך געדענק ווען איך בין אַרויף אויף אַ וואַגאָן קאָקס, ווו דער אָנגעשיטער באַרג איז העכער פון וואַגאָן, אַזוי אַז, מ׳קען קיין טיר ניט עפענען. מיר האָבן געבראַכט אַ ברעט מיט אַ טאַטשקע און דעם קאָקס געדאַרפט אַריינוואַרפן אין דער טאַטשקע מיט די הענט און אַריבערפירן אויף דער צווייטער זייט. מיר זענען געווען דריי יידן און איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן און מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען דאָ פאַרלוירן און יעדער איינער פון אונדז האָט מורא אַרויפ־צוגיין אויפן וואַגאָן, ווייל מ׳קען זייער לייכט אַרונטערפאַלן און ברעכן האַלדז או נאַקן. מיר האָבן געטראַכט אַז ווען דער וואַגאָן זאָל זיין אָפּגערוקט אַביסל ווייטער וואָלט אונדז געווען לייכטער אויסצולאָדן דעם קאָקס. איינער זאָגט מיר איך זאָל צוגיין צו די מאַשיניסטן, ווו איך האָב פריער געאַרבעט, און זיי בעטן זיי זאָלן דעם וואַגאָן אַביסל אָפּשטופּן.

איך פאַרמעסט זיך מיט פוילישע ארבעטער

איך בין אַוועק צו די מאַשיניסטן ביי פּערטשאַקן און איך טרעף גראָד אָן אַ באַקאַנטן מאַשיניסט און דערצייל אים אין וואָסער לאַגע מיר זענען. דער מאַשיניסט זאָגט מיר:

א גרופּע אָסטראָווצער אין געטאָ

קבוצת אוסטרובצאים בגיטו

שנײַדער־װאַרשטאַט אין אָסטראָװצער געטאָ

בימ״ל לחייטות בגיטו אוסטרובצה

„דו װײסט דאָך, אַז איך דאַרף עס ניט טאָן און טאָר עס ניט טאָן, נאָר אַזױ װי איך דאַרף סײ װי אַרױסנעמען אײניקע לײדיקע װאַגאָנעס, װעל איך שױן אײער װאַגאָן צושטופּן אַהין װוּ איר דאַרפט אים האָבן צום אױסלאָדן״.

איך האָב געבראַכט אַ הײ־גאָפּל מיט 12 צײן, אָבער איך האָב ניט פאַרשטאַנען װי אַזױ װעל איך קענען אַרבעטן מיט אים, אַז איך קען אים ניט האַלטן גלײַך אין האַנט, אָבער מיר האָט פאַרדראָסן פאַר װאָס דער גױ, קאָלאָסע, קען יאָ מיט דעם אַרבעטן. װען איך בין אָנגעקומען אין די זאַקלאַדן האָב איך קײן לאָפּאַטע ניט געקאָנט האַלטן אין האַנט און דאָך האָב איך מיט דער צײַט זיך צוגעװױנט און געטאָן די זעלבע אַרבעט װאָס די קריסטן האָבן געטאָן, טראָץ װאָס זײ זענען געװען ספּעציאַליזירט. איך האָב גענומען פּראָבירן און איך האָב באַמערקט װי אין װאַגאָן װערן די קױלן אַלעמאָל װײניקער. גאָרניאַק האָט דאָס אַלעס באַמערקט, ער האָט אױך צוגעזען װי מיר האָבן געטאָן פאַרשײדענע אַנדערע אַרבעטן, איז פון דאַן אָן האָבן מיך אַלע גערופן „קאָלאָסאָ״.

מיר זענען געװען אַ גרופּע יונגע חברה און מיר האָבן אָנגעהױבן אונטערהאַנדלען מיר זאָלן קאָנען אַרבעטן אױף פּאָדריאַד, ד.ה. װען מיר װעלן פאַרטיק װערן מיטן אױס־לאָדן די װאַגאָנעס זאָל עס הײסן אָפּגעאַרבעט אַ שיכט און מיר זאָלן קענען צוריקגײן אין לאַגער אַרײַן. דאָס איז אונדז געלונגען און נאָכן אָפּאַרבעטן אַ שיכט, איז דאָס העמד אונדז שװער געװען אױפן קערפּער אין די גרעסטע פרעסט, אָבער אין לאַגער האָבן מיר געקאָנט זיך אַװעקלײגן אױף דער פּריטשע, אונדזערע כלומרשטע בעטן.

אַ צײַט האָבן מיר אָנגעהױבן לאָדן רעדער פון װאַגאָנעס, װאָס יעדער ראָד האָט אונדז גענוג צרות פאַרשאַפט. עס איז װינטער. די הענט זענען געפרױרן, אָבער דער קערפּער איז הײס דערשװיצט און אָפט האָבן מיר זיך ניט געקאָנט אױסגלײַכן נאָך דער דאָזיקער שװערער אַרבעט און דער רוקן האָט װײ געטאָן. אין אײנעם אַזאַ טאָג קומט צו דער פאָראַרבעטער, ער איז געװען פון טשמיעלאָװ, און רופט כ׳זאָל אַרײַנגײן צו גאָרניאַקן, ער װיל מיט מיר רײדן. אַ שױדער איז מיר דורך די בײנער. איך האָב ניט פאַר־שטאַנען װאָס ער קען עס װעלן פון מיר, און װאָס איך האָב מיר פאַרשולדיקט, אָבער קײן ברירה האָב איך ניט געהאַט. אַרײַנקומענדיק אין ביוראָ, האָט גאָרניאַק מיר אױפגענומען מיט אַ שמײכל, נאָר איך האָב געװוּסט פון

דערפֿאַרונג, אַז אַפילו ווען ער האָט אַ ייד געשיקט צו די „ווערק־שוץ״ האָט ער אויך געשמייכלט. דעם דאָזיקן „ברוך הבא״ געדענקט יעדער, ווער עס איז נאָר אַריינגעפֿאַלן ביי אים אין אומחן. איך שטיי און וואַרט וואָס ער וועט זאָגן. דאַן גייט ער צו צו דער שאַפֿע, נעמט אַרויס אַ פּאָר הענטשקעס און גיט מיר, דערביי זאָגט ער מיר, אַז דאָס באַקום איך ווייל איך בין אַן ערנהאַפֿטער אַרבעטער. איך האָב געשטוינט און ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אָבער דער פֿאַקט איז, אַז מיר איז געווען וואַרעם ווען איך האָב זיי אָנגעטאָן ביי דער אַרבעט.

איך ווער אַ קאָלאָנע פירער

אַ וואָך שפּעטער קומט ער צו צו מיר און זאָגט מיר, אַז איך וועל פֿון איצט אָן זיין אַ קאָלאָנע־פירער. אָפּגעזאָגט און ער גייט אַוועק. איך הייב אָן צו טראַכטן וואָס דער מענטש וויל פֿון מיר. קיין געלט האָב איך ניט אים צו געבן, מיינס קיין פֿריינט איז ער אויך ניט, טאָ וואָס וויל ער פֿון מיר? כאָטש די פּאָר שעה שלאָף איז געווען לעבנס נויטווענדיק, בין איך יענע נאַכט ניט געשלאָפֿן. טויזנטער געדאַנקען זענען מיר געקומען אין געדאַנק:

איך וועל מוזן מיינע חברים טרייבן צו דער אַרבעט, זיי יאָגן און זיי באַשטראָפֿן ווען זיי וועלן ניט קענען אויספֿירן די אַרבעט, וואָס מ׳וועט זיי הייסן אויספֿירן... פֿאַר וואָס טראַכט איך אין דער שלעכטער זייט? אפשר וועל איך קענען די גרופּע חברים, וועלכע איך וועל באַקומען אונטער מיין אויפֿזיכט יאָ העלפֿן מיט עפּעס? כאָטש ווי אַזוי איך וועל זיי קענען העלפֿן האָב איך ניט געהאַט קיין אַנונג...

איך האָב באַקומען די גרופּע און מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען. איך האָב אָפּטער זיך געזען מיט פֿערטשאַקן און מיט זיינע מאַשיניסטן און מיט זייער הילף זענען די שווערסטע וואַגאָנעס געוואָרן לייכט, גאַנץ פּשוט: די מאַשיניסטן האָבן אָפּגעשטופּט דעם וואַגאָן נאָך אַ פּאָר מעטער ווייטער און דאָס אויסלאָדן איז געוואָרן לייכטער. איך האָב געאַרבעט מיט זיי און אַלע צוזאַמען האָבן מיר אויסגעפֿירט די אַלע אַרבעטן צו דער צופֿרידנקייט פֿון די אויפֿזעער.

איך באַשליס צו אַנטלויפֿן

אין 1944, פֿאַר דער אויסזידלונג קיין אוישוויץ, טרעף איך מיין חבר, בומבעק, אין די זאַקלאַדן און איך זאָג אים, אַז איך האָב באַשלאָסן אַוועק פֿונדאַנען, איך וועל ניט וואַרטן מער. זיין ענטפֿער איז געווען, אַז ער האָט אַ ברודער און וועט בלייבן מיט אים צוזאַמען; איך האָב זיך געוואָנדן צו אַנדערע צוויי חברים, קוזינען פֿון אברהמטשע ביינערמאַן, זיי האָבן מיר אָנגעהויבן אויספֿרעגן צי איך האָב אַ „סכראָן״ (באַהעלטעניש), צי איך האָב געלט, א.אַז.וו. מיין ענטפֿער איז געווען, אַז איך האָב גאָרניט, איך וויל זיך אָנשליסן אָן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

מיר זענען שוין ניט אַוועק צוריק אין לאַגער אַריין און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אָרט, וווּ עס איז געווען אָנגעוואָרפֿן אָפּפֿאַל פֿון בלעך. האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן און פּלאַנירט וואָס צו טאָן מיר זאָלן קענען אַרויס אויף דער צווייטער זייט. ווען מיר וואָלטן געוווּסט די אמתע לאַגע אויף דער צווייטער זייט, ווי אומעטום זענען פּאַראַנען זשאַנדאַרמען, ווייס איך ניט צי מיר וואָלטן זיך אונטערגענומען צו אַנטלויפֿן. אָבער מיר האָבן דאָס ניט געוווּסט און באַשלאָסן אַריבער באַגינען צו דער זייט פֿון די פֿאַבריטשנע הייזער, ווען די פּוילישע אַרבעטער ענדיקן די נאַכט־שיכט, זיך אויסמישן מיט זיי און אַוועק קיין סעוונע.

מיר זענען אַריבער אין דער אַנדערער זייט און געוואַרט די אַרבעטער זאָלן שוין אַרויס און אָנהויבן שטראָמען קיין סעוונע. יעדע מינוט האָט אונדז אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. דאָ גייט פּלוצים אַרויס אַ דייטש פֿון אַ הויז און ווי ער האָט אונדז באַמערקט האָט ער צו אונדז געזאָגט מיר זאָלן ניט מורא האָבן, ער וועט אונדז ניט אויסגעבן און איז אַוועק זיין וועג. מיר האָבן ניט געהאַט צו אים קיין צוטרוי און באַשלאָסן ניט וואַרטן מער און גלייך אַוועק פֿון דאָרט. מיר פּרוּוון אַרויס פֿון צווישן די הייזער, עס איז אומעטום פֿול מיט זשאַנדאַרמעריע. גיין צוריק איז אויך געווען אוממעגלעך. מיר באַשליסן צו גיין פֿאָרויס. צום גליק זענען די אַרבעטער אין דער מינוט אַרויס פֿון זייער שיכט און אָנגעהויבן שטראָמען אויפֿן וועג אין דאָרף אַריין און אַזוי־ערנאָך זענען מיר אָנגעקומען קיין סעוונע.

ביי אַ וואָך צייט זענען מיר אָפּגעלעגן צווישן די סנאָפּעס אין פֿעלד. איין טאָג זאָגט יאַנקעלעס קוזין, אַז מיר מוזן זיך שיידן, עס וועט זיין לייכטער ווען יעדער וועט זיך גיין באַזונדער זיין וועג. איך מיט יאַנקעלען גייען אַוועק אין שטאָט. עד היום ווייס איך ניט וואָס מיר האָבן געדאַרפֿט גיין אין שטאָט אַריין. ער גייט צו צו אַ גוי אויף קאָשטשעלניע גאַס, ביי זילבערדראָט אין הויז, און איך גיי צו צו אַן אַנדער גוי אויף קילינסקי גאַס. זינט דאַן האָב איך אים מער ניט געזען און ווייס ניט וואָס עס איז מיט אים געשען. די קריסטין פֿון אונדזער הויז האָט מורא און וויל אַז איך זאָל וואָס שנעלער אַוועק פֿון דאָרטן.

איך נעם אַ פלאַש, גיס אין איר אָן וואַסער, שטעל זי אַריין אין מיין קעשענע פון רעקל און גיי צוריק אַוועק אין פעלד אויף סעוונע. איך האָב געהערט אַ שאָס און ווען איך האָב זיך אומגעקוקט האָב איך געזען ווי די שקאָצים שלעפּן אַראָפּ די שיך פון געטויטן יאַנקעלעס קוזין. פאַר שרעק האָב איך ניט געקאָנט גיין ווייטער, איך בין אַריין אין א דערנעבנדיקער סטאָדאָלע און זיך אַוועקגעלייגט. איך האָב ניט געוווּסט, אַז אין דער זעלבער סטאָדאָלע ליגן אויסבאַהאַלטן צווישן שטרוי אייניקע יידן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז דאָס זוכט מען זיי.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין אין די וועלדער פון שוויענטאָקזשיסקע. באַשרייבן די שרעק און איבערלעבונגען פון דער וואָך ביז איך האָב זיך אהין דערשלעפּט איז גאָרניט לייכט.

אונטער יעדן בוים האָב איך געזוכט זיך צו שיצן און ניט זיין אין אָפענעם פעלד. איינמאָל האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט א גרופּע שקאָצים, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין פעלד מיט געווער. איך האָב זיי אָנגערופן נעמען פון מיינע שול־חברים, ווען זיי האָבן, ווייזט אויס גוט געקאָנט. טייל פון זיי זענען געווען אין די וועלדער אַלס פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין אין מיר געלאָזט גיין. צוקומענדיק צו א טייך זיך אַרומצוואַשן, העט איך א געוויש צווישן די ביימער און האָב זיך טאַקע דערשראָקן נאָר פון דער זייט זע איך, אַז יענער דאָרטן צווישן די ביימער שרעקט זיך אויך. מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, זיין פאָטער האָט געהאַט אַ סקלאַד פון געהילץ אויף דער דרילדזשער גאַס און זינט דאַן זיינען מיר שוין געגאַנגען צוזאַמען. מיר זענען דורכגעגאַנגען די וועלדער און אָנגעטראָפן די ערשטע רוסישע זעלנער.

מיר זענען אַוועק קיין צויזמיר און לובלין, אַריין אין פּוילישן מיליטער, אין ערשטן מאָטאָריזירטן פּאָלק און אַזוי האָב איך דערגרייכט בערלין. פון בערלין בין איך געקומען צוריק קיין לאָדזש, אָבער מיר האָט זיך זייער געוואָלט ווידער זען דאָס שטעטל ווו איך בין געבוירן געוואָרן: אפשר איז ווער דאָרטן געבליבן און אפשר וועל איך דאָרטן אָנטרעפן אַ ייד. איך פאָר און טרעף דאָרטן אייניקע יידן. אָבער קיינער ניט פון מיין משפחה. דאָס שטעטל איז ניט געווען צו דערקענען. ניטאָ מער דאָס שטעטל וואָס איך האָב איבערגעלאָזט...

די שטיינער, אויף וועלכע איך האָב געטראָטן זענען געווען פון מיט יידיש בלוט און יעדער קריסט, וועמען איך האָב אָנגעטראָפן, איז געווען אַ מיטהעלפער צו דער גרויסער שחיטה. איך האָב מער דאָס שטעטל ניט געקאָנט פאַרטראָגן און בין אַוועק דורך דייטשלאַנד און פראַנקרייך קיין ישראל. ווו איך האָב אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אויפגעבויט זיך אַ פאַמיליע און בין דאָ גליקלעך און צופרידן. איך וועל דאָס שטעטל מער ניט זען. אָבער פאַרגעסן וועל איך עס אויך ניט.

יהודה רוזנברג, חולון

די רעטערס

ווען איך בין אין 1942 אַנטלאָפן פון לאַגער אין סקאַרזשיסק קיין אָסטראָווצע, האָב איך געאַרבעט מיט אַ גרופּע יידן ביים האָטעל פּאָלסקי. אַהיימגייענדיק פון דער אַרבעט זעען מיר ווי מען פירט צוויי פאַרוווּנדעטע יידן אויף אַ פור, מען רופט מיר און איך דערזע, אַז איינער פון זיי איז מיין ברודער מאָטעלע, דער צווייטער איז געווען משה זילבערמאַנס זון, יעקב. זיי זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן ביי דער אַרבעט אין דער אייזן־פאַבריק טראָגנדיק ברעטער פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער, האָבן פּוילישע כוליגאַנעס אַוועקגענומען דעם צודעק פון דעם פאַרע־קעסל, איבער וועלכן זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין, און זיי זענען אַריינגעפאַלן ביז די קני אין דעם הייסן קעסל.

אין געטאָ איז שוין דאַן ניט געווען קיין איין יידישער דאָקטאָר. די נאַציס האָבן שוין געהאַט אַלעמען דערמאָרדעט, עס איז בלויז געבליבן דער האַרציקער ייד, דער פעלדשער נחמן אַלמאַן, וועלכער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט פון ראַטעווען די צוויי פאַרוווּנדעטע, וואָס זייערע וווּנדן זענען געווען בראַנד־וווּנדן כמעט ביזן ביין און עס האָט זיי געדראָט מען זאָל זיי מוזן אַמפּוטירן די פיס. דער דאָזיקער האַרציקער יידישער פעלדשער האָט מיט מסירת נפש געראַטעוועט אַלע קראַנקע אין געטאָ. די לאַגע פון די צוויי פאַרוווּנדעטע האָט זיך פאַרבעסערט, אָבער דערווייל זענען מיר געוואָר געוואָרן אַז מען גייט ליקווידירן אונדזער געטאָ און אַלעמען איבערפירן אין לאַגער אַריין, וואָס נעבן דער פאַבריק. די פראַגע איז געווען ווי מען ראַטעוועט אַרויס די צוויי פאַרוווּנדעטע, בעת געזונטע האָבן געציטערט פאַר זייער לעבן.

מיין פאָטער ז״ל, וועלכער האָט געאַרבעט פאַרן שעף פון דער פאַבריק קאַפּיטאַן זוויערזשינא, האָט מיט טרערן אים געבעטן ער זאָל ראַטעווען די צוויי פאַרוווּנדעטע: „אָט, נאָך אַ ווײַלע — האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין — וועלן זיי געזונט ווערן און זיי זענען דאָך דיר באַקאַנט אַלס גוטע אַרבעטער, איז וועלן זיי קומען צוריק אין דער פאַבריק אַרבעטן, ווי פריער״. דער קאַפּיטן האָט מיין פאָטער צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַוועקשטעלן אַן אוקראַינער ביי דער שטוב און ניט לאָזן זיי רירן פון דאָרטן. שפּעטער ווען אַלץ וועט זיין רואיקער, וועט ער זיי אַריבערטראַנספּאָרטירן אין לאַגער אַריין.

דער פעלדשער נחמן אלמאן — איינער פון די צוויי רעטערס

החובש נחמן אלמאן — אחד משני המצילים

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ, זענען אָנגעקומען פון ראַדאָם און קעלץ די שרעקלעכע מערדערס און זיי האָבן אַלעמען אַרויסגעיאָגט אויפן פלאַץ. די אַלע „אומלעגאַלע״, וועלכע זענען מיט אַ פּאָר טעג פריער אַריין צוריק אין געטאָ, האָבן איצט געזוכט ווו זיך צו באַהאַלטן און די מערדערס האָבן זיי

דערשאָסן צוזאַמען מיט די אַנדערע הונדערטער יידן, וועמען זיי האָבן געפונען באַהאַלטן אין די קעלערס און בוידעמער. מיין פאָטער איז געלאָפן צום קאַפּיטאַן זוויערזשינאַ, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו טאָן, ווי ער האָט מיין פאָטער צוגעזאָגט, צוליב דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט געבושעוועט דאַן אין שטאָט. מיט געבראָכענע הערצער זענען מיר אַלע אַוועק אין לאַגער אַריין און געווען זיכער, אַז די צוויי פאַרווונדעטע, וועלכע זענען געווען ביי די סילמאַנס אין הויז, וועלן מיר שוין מער ניט זען...

די מערדערס האָבן זיך געלאָזט איבער די הייזער זוכן אַלע, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס. אויך אין הויז פון די סילמאַנס איז אַרויף איינער און דערזעענדיק זיי ליגן אין די בעטן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און געשריגן, אַז זיי האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן. דאָ האָט זיך מיין ברודער אויפגעזעצט און אים דערקלערט, אַז זיי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן באַ דער אַרבעט, זיי זענען פאַכלייט און אינגיכן וועט מען שיקן פון דער פאַבריק זיי אַריבערפירן אין לאַגער אַריין. זאָל ער זיך נאָכפרעגן ביים קאַפּיטאַן זוויערזשינאַ. ער האָט אַריינגע־לייגט דעם רעוואָלווער און געזאָגט, אַז ער וועט וואַרטן בלויז 15 מינוט, נאָך מער איז ער ניט צוריקגעקומען, ווייזט אויס פאַרגעסן אין גאַנצן ענין.

ווען מיר זיינען אַראָפּגעקומען אין לאַגער האָבן מיר געזען ווי מען שיקט אייניקע אויטאָס אין געטאָ אַריין אויף צו ברענגען פון דאָרטן די ניי־מאַשינעס. מיר לויפן צום טויער און זעען ווי ביי איין אויטאָ שטייט הערש־יואל בידערמאַן. האָבן מיר אים מיט געוויין דערציילט וועגן מאַטעלען און יעקב זילבערמאַן, וועלכע געפינען זיך ביי די סילמאַנס אויפן ערשטן שטאָק, און געבעטן אים זען צי ער קען זיי אַפּראַטעווען און אַריבערברענגען אין לאַגער אַריין. אין געטאָ האָבן געבושעוועט די מערדערס. אויף יעדן טריט און שריט זענען געלעגן טויטע קערפּערס. איז ער שנעל אַרויף אויפן ערשטן שטאָק צו די סילמאַנס און אויף די פּלייצעס אַרויסגעטראָגן די פאַרוואונדעטע, זיי אַריינגעלייגט אין אויטאָ, אַרויפגעלייגט אויף זיי די ניי־מאַשינעס און ווען די אוקראַינער זענען געקומען צוריק פון שענק, ווו זיי האָבן געטרונקען, האָט הערש־יואל געהייסן פאָרן און אַזויערנאָך זענען זיי אַריינ־געקומען אין לאַגער. נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגעלאָדן די ניי־מאַשינעס, האָט הערש־יואל אונדז געגעבן אַ ווונק און מיר האָבן דעם אויטאָ צוגעפירט צו אַ באַראַק און די פאַרוואונדעטע דאָרט אַריינגעפירט. דאָס האָט הערש־יואלן געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן, נאָר ער האָט ריזיקירט און עס איז אים געלונגען זיי צו ראַטעווען.

אונדזער פרייד איז ניט געווען צו באַשרייבן. מאַטעלע און יעקב זענען נאָך מאָנאַטן לאַנג געלעגן קראַנק און קיינער פון די לאַגער אָנפירער האָט ניט געטאָרט וויסן. נחמן אַלמאַן פלעגט יעדע נאַכט אַרויפקריכן צו זיי אויף דער פריטשע און איבערלייגן זייערע וואונדן ביז זיי זענען פאַלקאָם געזונט געוואָרן.

יעקב זילבערמאַן איז שפּעטער געפאַלן אין לאַגער אין דייטשלאַנד און מיין ברודער, מאַטעלע, האָט איבער־געלעבט די לאַגערן, איז אָבער אַרויס מיט אַ קראַנק האַרץ און קראַנקע פיס. ער איז געשטאָרבן דעם 19־טן אפּריל, 1966 אין ישראל, און איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער.

איך בין געבליבן איינער אַליין פון אונדזער גרויסער טייערער משפּחה.



רחל גוטהאַלץ־קעמפינסקי, ניו־יאָרק

דער בונקער

אַ שוואַרצער פרייטיק איז דאָס געווען, אַ טיפּישער כמורנער פּוילישער האַרבסט־טאָג. שוין פון פאַרטאָג איז דער הימל געווען שטאַרק פאַרוואָלקנט. מען האָט דערפילט אין דער לופט אַז עס דערנענטערט זיך אַן אומגליק אויף דער שטאָט.

מיר האָבן געוווינט נעבן בית־עולם. אינדערפרי האָבן אונדז אויפגעוועקט היסטערישע געשרייען פון מאַמעס, מיט קליינע קינדער אויף די הענט, וועלכע זענען געקומען צום „אוהל" פון אונדזער רבין, נישט בעטן, נאָר מאָנען, אַז עס זאָל קיין שלעכטס אונדזער שטאָט נישט פאַסירן. ס׳איז געווען אַ גייערײ אויפן בית־עולם ווי אין די אַמאָליקע יאָרן ערב יום־כיפור.

איך בין אויך מיטגעריסן געוואָרן דורך די שטימונג און בין צוגעגאַנגען צום „אוהל". ס׳האָבן געברענט צענדליקער נשמה־ליכט און דער „אוהל" איז געווען פול געפּאַקט. די געשרייען פון די פרויען זענען געגאַנגען עד לב השמים. אונדזערע מאַמעס האָבן געפילט, די שרעקלעכע טראַגעדיע, וואָס ס׳דערנענטערט זיך צו דער שטאָט. זייערע געשרייען האָבן געקענט עפענען נישט נאָר די זיבן הימלען, נאָך אויך טויזנטער הימלען, ווען מ׳וואָלט זיך נאָר צוגעהערט. ווייבער האָבן געשריבן מיט אויסטערלישע קולות: „רבי, דאָס איז אייער שטאָט, דאָ טאָר דאָס נישט פאַסירן! רייסט די טויערן פון בית־דין של מעלה. אַזוי ווי מיר רייסן אייער קבר, מיר האָבן זיך נישט צו וועמען צו ווענדן. איר זייט אונדזער פאָטער!". ליידער איז קיין בת־קול נישט אַרויס פון קבר...

די אָסטראָווצער יידן האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע פוילישע יידן. אין די יידישע הייזער האָט מען קיין שבת נישט געגרייט. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרסמטע. „וואָס טוט מען?" — די פראַגע איז געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן. איניקע האָבן זיך צוגעגרייט בונקערן, וואָס מיר האָבן אין פּויליש גערופן „סכראָן".

צו יענער צייט האָט זיך אין אָסטראָווצע געפונען אַ הכשרה־קיבוץ פון „החלוץ", מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט אַ סלאָנימער בחור, בערל ברוידע. איך פלעג דאָרט אָפט אַריינקומען. דער קיבוץ האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט וואַרשע. נישט איינמאָל פלעג איך דאָרט טרעפן שליחים פון וואַרשע מיט „גוטע" (גוישע) פנימער.

אין קיבוץ פלעגט אויך אַריינקומען אַ גרופּע יוגנטלעכע: באַשע און שרה סולמאַן, לייבל און אברהם אייגער (אַלע דעם לובלינער רבינס אייניקלעך), ישראליק הערמאַלין, דוד שולמאַן, פראַניא בעאַטוס (פון קאָנין) און אַנדערע.

ביי די סולמאַנס אין הויז אויף אילזעצקאַ גאַס האָבן די יוגנטלעכע, לויט בערל ברוידעס אָנווייזונגען, געבויט אַ „סכראָן". מען האָט פאַרבאָרגן אַ צימער און פאַרמויערט אַ טיר. דער אַריינגאַנג איז געווען א געהיימער — דורכן דאַך פון בוידעם. ווען איך בין דאָרט געקומען שבת מיט בערלען און מען האָט מיר געהייסן געפינען דעם אַריינגאַנג האָב איך בשום אופן נישט באַוויזן, ווייל ער איז געווען מוסטערהאַפט פאַרבאָרגן. אַרויס בין איך שוין נישט פון דאָרט. דעם זעלבן אָוונט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז דער אויסזידלונג פאַנגט אָן.

דער „סכראָן" איז באַשטאַנען פון אַ גרויס צימער. מיר זיינען דאָרט געווען ביי דרייסיק מאַן, ערשטנס. דער גאַנצער קבוץ — אַלע פרעמדע, נישט קיין אָסטראָווצער, און דאַן — איינוווינער פון שטאָט, וועמענס נעמען איך געדענק נאָך איצט:

רחל סולמאַן מיט אירע אייניקלעך באַשע, שרה און יאָסעלע; דער לובלינער רבינס אַ זון מיט עטלעכע שנורן און אייניקלעך; און זיין טאָכטער, פרוי רובין פון ביעלסק, מיט אַ יינגעלע „בובוש" — אַן אויסערגעווינלעך שיין קינד, וועלכער שטייט נאָך היינט פאַר מיינע אויגן: אַ קאָפּ מיט שוואַרצע לאָקן און צוויי יידישע אויגן אין וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעשפּיגלט דער צער פון אונדז אַלע. דאָס קינד האָט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון די לאַגע טראָץ זיין פריער עלטער. מערקווירדיק, אַז די גאַנצע צייט האָט ער נישט געוויינט, און אפילו נישט גערעדט. פון צייט־צו־צייט האָט די שיינע פרוי רובין זיך געווענדעט צו איר פאָטער מיט אַ פאַרצווייפלטע פראַגע „טאַטישי, ס׳קינד", אָבער דער זיידע האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און נאָר שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיר קוקן זיך צו צו דער אקציע

בערל ברוידע האָט צווישן אונדז יוגנט, פאַרטיילט „מאָלאָטאָוו קאָקטיילס". די עלטערע מענטשן האָבן דערפון נישט געוווּסט. ער פלעגט אויפהייבן אַ פלאַש און זאָגן: „ביי מיר וועלן זיי „בובושן" קיין לעבעדיקן נישט נעמען!".

אין „סכראָן" איז אויך געווען ישראליק הערמאַלין מיט זיין שוועסטערל סאַניאַ און א קליין ברידערל; די פאמיליע מענדעלעוויטש פון קיעלץ; ישראליק שולמאַן פון שעראָקא גאַס; יחזקאל קראָנגאָלד מיט זיין פרוי.

אין אונטן זענען אַלע יינגע מענער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק. אַרויס פון „סכראָן". מיר זענען געבליבן און געוואַרט. פאַרטאָג האָבן מיר דערהערט באפעלן פון עס־עס־לייט און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די אקציע הויבט זיך אָן.

דער „סכראָן" האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק, און געהאַט קליינע פענצטערלעך. אַזוי גערופענע „דימני־קעס". מיר האָבן פאַרהאָנגען די שויבן, און דורך די שפּאַרעס האָט מען געקענט זען וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט ווייסע־רייען און שטערבלעכע קרעכצן פון מענטשן. מיר האָבן געהאַט אָנגעגרייט פּראָוויאַנט נאָר ווער האָט געטראַכט פון עסן.

נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר אײַנגעפונען אַז מען ברענגט צונויף גרופּעס ייִדן אויף דעם הויף וווּ מיר זײַנען געווען באַהאַלטן. דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט אַרויסצו־גיין פון צייט צו צייט און זיך אויסמישן מיט אַנדערע מענטשן קריגן עסן ווי אויך וואַסער פון ברונעם וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף. איך וויל דאָ דערמאָנען דעם האַרציקן ייד מענדעלעוויטש פון קעלץ, וועלכער פלעגט איינשטעלן זיין לעבן אַראָפּגיין קויפן ברויט פאַר אַלעמען אַרויפ־ברענגען וואַסער און יעדן גלייך צוטיילן.

מיר זײַנען דאָרט אָפּגעווען קנאַפּע צוויי וואָכן. אין צווישן צייט האָבן די דייטשן געזוכט באַהעלטענישן אינעם הויז. מיר האָבן געהערט די דייטשע שטיוול און זייערע געשרייען זיי האָבן אויפן זעלבן הויף ענטדעקט אייניקע באַהעלטענישן, אָבער אונדזער „סכראָן" האָבן זיי נישט געקענט אַנטדעקן.

אַ גרופּע פאַרט צום וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

די גרופּע וואָס האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואַרשע כדי אָנטייל צו נעמען אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז באַשטאַנען פון אָנפירער בערל ברוידע, באַשע און שרה סולמאַן, לייבל אייגער, פראַניאַ בעאַטוס (וועלכע האָט געדינט אַלס קוריער און פלעגט פאָרן הין און צוריק פון וואַרשע), ישראליק שולמאַן, ישראליק הערמאַלין. אויב איך האָב עמעצן פאַרגעסן בעט איך אַנטשולדיקונג.

איינמאָל איז באַשע סולמאַן אַראָפּגעגאַנגען בייטאָג אין גאַס. זי האָט ביי זיך געהאַט אַן אויסווייז אַלס קריסטן. מען האָט זי צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע קריסטלעכע מיידלעך געכאַפּט אויף אַרבייט קיין דייטשלאַנד. זי איז אָבער אַנטלאָפן פון טראַנספּאָרט און צוריק געקומען אין „סכראָן", ווו זי האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. די באָבע אירע, רחל סולמאַן, האָט זי שטאַרק פאַרגעהאַלטן, פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, ווו זי האָט זיך געקאָנט ראַטעווען. אָבער באַשע האָט איר געענטפערט „באָבע, איך וויל נישט שטאַרבן מיט „קריס־טוס עלעקעס" אויף מיינע ליפּן!"

איך וויל דאָ איבערגעבן נאָך אַ וויכטיקן פאַקט וואָס האָט פּאַסירט אין „סכראָן":

אין מאָל איז בערל ברוידע אַריין אַ פאַרסאַפּעטער און דערקלערט „חברה, איך באַשווער אייך, ווער עס וועט בלייבן לעבן זאָל דאָס נישט פאַרגעסן: דער וויצע־קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי האָט מיך מיט זיינע אייגענע הענט צוגעשטעלט צום טראַנספּאָרט, נאָר איך בין אַנטלאָפן!"

איך גלויב אַז עס איז מיין הייליקער חוב צו מיין חבר בערל צו דערפילן זיין ווונטש. איך בין די איינציקע לעבן־געבליבענע פון דעם „סכראָן". פוטשיץ האָט געוווּסט וועגן די טעטיקייט פון בערל ברוידע.

דאַן האָט מען דאָס גאַנצע הויז ווי מיר זיינען געווען, ציגעטיילט פאַר די אַרבייטער פון די פאַבריק, אַזוי אַז מיר זיינען שוין ווייטער געבליבן אין גאַס. צופעליק האָב איך געטראָפן אויפן הויף שמואל זשאַבנער, אַ פּאָליציאַנט וועל־כער האָט מיט זיין מוטער געוווינט אין געטאָ, אין אונדזער הויז. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיין משפחה איז אויסבאַהאַלטן ביי אונדז אויפן בוידעם, אין אַ „סכראָן". איך האָב עס דערציילט מיינע פריינט און מיר זענען באַלד אַרויף צו אונדז אין באַהעלטעניש, און צווישן צייט איז די גאַנצע גרופּע אוועק קיין וואַרשע, די לעצטע צוויי זיינען אוועק לייבל ראַפּאַפּאָרט און דוד שולמאַן.

די גאַנצע גרופּע איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ און מיר אַסטראָווצער האָבן אויך צושטייער געגעבן צו די גבורה און העלדישקייט אין וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. די ערשטע איז געפאַלן שרה סולמאַן מיט געווער אין האַנט. הייליק איז ביי מיר דער טאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

איך וויל דאָ איבערגעבן אַ פאַקט, וואָס האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון: לייבל ראַפּאַפּאָרט, 18 יאָר אַלט, שרה סילמאַן, 17 יאָר, און דוד שולמאַן, 17 יאָר זענען אין אַ פינצטערע רעגענדיקע נאַכט אַרויס אונטערצינדן דעם מאַרק. זיי האָבן מיט זיך מעטגענומען ברען מאַטעריאַלן. זיי זענען אַריין צו פרידלעווסקי אין הויז אויף שעראָקע־מאַרק, אונטערגעצונדען דעם בוי־

דעם, האָפנדיק אַז דער ווינט וועט צובלאָזן דאָס פייער. ליידער האָט דער רעגן דאָס פייער פאַרלאָשן.

איך געדענק ווי זיי זענען אַריין אין „סכראָן" אויסגע־ווייקטע פון רעגן און אויסגערופן: „בערל, מיר האָבן אונטערגעצונדן!". וויפל מוּט האָבן זיי באַדאַרפט האָבן אונטערצונעמען אַזאַ אַקציע.

אין די לעצטע טעג האָט מען אין דער נאָנטער סביבה אַנטדעקט עטלעכע ענלעכע בונקערן. עס זענען צו אונדז געקומען נאָך מענטשן. דאָס אָרט איז געוואָרן צו פּאָפּולער און עס האָט שוין לאַנג נישט געקענט אויס־האַלטן. דאָס הויז איז געוואָרן צוגעטיילט דער פּאָליציי. צוויי פּאָליציאַנטן זיינען אַרויפגעקומען און מען האָט אונדז אַלעמען פון דאָרט אַרויסגעטריבן. אַ טייל האָט מען אַוועקגעשיקט נאָך טרעבלינקע. איך האָב זיך ווייטער געהאַלטן מיט די גרופּע פון קיבוץ. מיר האָבן געהאַט נאָך אַ באַהעלטעניש — בעסער געזאָגט: אַ לעבעדיק קבר — אין שטוב פון פראַניאַ בעאַטוס, די קאָנינערן. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ שאַנק. דער שופלאָד פון פראָנט איז געווען פאַרקלאַפּט נישט צום עפענען. אינעווייניק איז געווען אַ פאַרמאַסקירט ברעטל, וועלכעס מען האָט געקענט אַוועקנעמען, און אַזוי אַרום אַריין אין „סכראָן". די שאַנק האָט אויסגעזען נאָרמאַל פון אויסענ־ווייניק. ווען מען האָט זי אויפגעמאַכט, איז זי געווען פול מיט וועש און קליידער.

עס איז אויך אַ כבוד פאַר מיר צו דערמאָנען חנה׳טשע גרינבלאַט פון שעראָקע גאַס. מיט איר קינד אויף דער האַנט איז זי געגאַנגען אין דער שפּיץ פון אַלע אָסטראָווצער קינדער וועמען מען האָט אַוועקגעשיקט נאָך טרעבלינקע. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אונדזער יאַנוש קאָרטשאַק איז געווען חנה׳טשע גרינבלאַט פון שעראָקע גאַס.

ילדים יהודים מועברים למחנה מוות טרבלינקה

יידישע קינדער ווערן טראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע



אָסטראָווצער יוגנט קעמפט אין וואַרשעווער געטאָ

אָסטראָווצער יוגנט האָט זיך באַטייליקט אין אַ פאַרהעלט־ניסמעסיק גרויסער צאָל אין העראָאישן קאַמף פון וואַר־שעווער געטאָ, אין 1943. דאָ איז געגעבן די רשימה פון די אָסטראָווצער וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף אין געטאָ־אויפשטאַנד קעגן דעם נאַציסטישן אונטערדריקער:

אברהם אייגער

א חבר פון „דרור" אין אָסטראָוויצע. ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע פון זיין שטאָט אין הערבסט 1942 אַלס חבר פון אַ געשלאָסענע גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון בערל ברוידאָ. זיך באַטייליקט אין די קאַמפן אונטער דער קאָמאַנדאָ פון חנוך גוטמאַן אין שטח פון דער בערשטן־פאַבריק. געפאַלן אין עלטער פון 20 יאָר.

פראַניאַ בעאַטוס

געבוירן אין קאָנין. א חברה פון „דרור". א פאַרבינדערין מיט דער אַרישער זייט. אָנגעקומען קיין וואַרשע סוף 1942 אַלס מיטגליד פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון אויפשטאַנד פון אַפּריל 1943 האָט זי אָנגעהאַלטן פרייע טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען פון איר צימער מיטן געטאָ. באַטייליקט אין דער אונטערערדישער צייטונג פון די קעמפער. דעם 12־טן מאַי 1943 נאָך איניקע רעטונג־אַקציעס פון איר זייט איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אומבאַקאַנטע אומשטענדן אין עלטער פון 17 יאָר.

יעקב מאיר אַלעקסאַנדראָוויטש

א זון פון אַ האָלץ־סוחר אין אָסטראָוויצע, חבר פון השומר הצעיר, איינע פון די בעסטע שיסער. זיין אונטערערדי־שער נאָמען איז געווען „קלאָסטער מאיר". געפאַלן אין פערטן טאָג פון אויפשטאַנד אין געטאָ, אין עלטער פון 18 יאָר.

בערל ברוידאָ

געבוירן אין סלאָנים. חבר פון „דרור". געווען אויף הכשרה אין לאָדזש, און אַריבער נאָכהער קיין וואַרשע. אין 1942 אַריבערגעפירט א גאַנצע קאַמפּס־אָפּטיילונג פון אָסטראָוויצע קיין וואַרשע. 17־טן יאַנואַר 1943 געפאַנגען געוואָרן און איבערגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. נאָענט צום טויטן־לאַגער איז ער געשפּרונגען פון צוג און צוריקגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. אַלס אָנפירער פון די קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פראָנט־אָפּשניט מילאַ־זאַמענהאָף. 8־טן מאַי 1943 האָט ער זיך געפונען אין בונקער אויף מילאַ 18. ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם בונקער איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די נאַציס.

אבא גערטנער

א זון פון אַ צוקער סוחר אין אָסטראָוויצע און אַ תלמיד אין דער „יבנה" שולע. אַמיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע פון „השומר הצעיר" אין וואַרשעווער געטאָ. געפאַלן אין קאַמף ביי די „טעבענס־שולץ" פאַבריק, אין עלטער פון 19 יאָר.

ישראל ליבערמאַן

א זון פון א שפּייז־קרעמער אין אָסטראָוויצע און שילער פון דער „יבנה" שולע. געפאַלן אין קאַמף אין געטאָ אין 18־טן יאַנואַר 1943.

יצחק (איציק) מאַרגענלענדער

סעקרעטאַר פון „השומר הצעיר" אין אָסטראָוויצע און טעטיקער מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. זיך באַטייליקט אין די אַפּריל־קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ. נאָכדעם איז ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע פון בנימין וואַלד. פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער אין פּראַגע, צוזאַמען מיט אַלע חברים וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

באַשע און שרה (סויה) סולמאַן

צוויי שוועסטער, איניקלעך פון אָסטראָווצער צדיק, מיט־גלידער פון „דרור". זיי האָבן זיך צוגעשלאָסן צו דער קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" און אַוועק קיין וואַרשע כדי זיך באַטייליקן אין אויפשטאַנד פון געטאָ. זייער מוטער האָט זיך אין צייט פון אויפשטאַנד געפונען אויף דער אַרישער זייט און געפונען אַ מעגלעכקייט אַרויסצונעמען אירע טעכטער פון געטאָ, נאָר זיי האָבן זיך ענטזאָגט צו ראַטעווען זייער לעבן. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע קאַמפן פון 18־טן ביזן 21 יאַנואַר 1943. שרה (סויה) איז געפאַלן אין די יאַנואַר קאַמפן, אין עלטער פון 17 יאָר. באַשע איז געפאַלן אין חודש מאַי, אין עלטער פון 18 יאָר.

בלה שרובנה

לקורות אוסטרובצה בשנות השואה

עם כניסת הצבא הגרמני ללודז׳ בשנת 1939 עקרתי לאוסטרובצה.

בחדשים הראשונים לכיבוש הנאצי עוד שכנו יהודי אוסטרובצה בדירותיהם, אך נמנעו מלצאת לרחוב. אנשי ה־ס.ס. הגרמני ארבו ליהודים בכדי להעבידם בעבודות שונות, ותוך כדי כך התאכזרו להם ואף רצחום נפש.

כעבור 4—5 חדשים לכיבוש העיר הוציא המפקד מוצ׳אר פקודה, שהודבקה על בתי העיר, כי אסור ליהודים להחזיק אצלם יותר מ־150 זלוטי, ואת הכסף הנותר, זהב ותכשיטים, פקדו להכניס ל.ס.ד.ג. לעובר על הפקודה היה צפוי עונש מוות.

במועצה היהודית

באוסטרובצה קמה מועצה יהודית („יודנראט") שב־ראשה עמד מר רובינשטיין. הפקודות שניתנו ע״י הגרמנים עברו דרך המועצה היהודית שהקפידה שהפקודה תבוצע במלואה.

היהודים התיחסו למועצה היהודית בחוסר אמון בראותם בחבריה מכשיר הבא לסייע לגרמנים במילוי פקודותיהם.

ליד המועצה התארגן משרד עבודה ובראשו עמד מר שפיר. המשרד הזה קבע את מקומות העבודה לאנשים, והיה שולח כרטיסי עבודה לבתים תוך ציון מועד ומקום ההתיצבות.

באותו זמן פורסמה הפקודה המחייבת כל יהודי מגיל 10 ומעלה לענוד סרט לבן ועליו מגן־דוד כחול, על הזרוע הימנית. כל מי שנתפס ללא הסרט הזה נורה במקום.

בחודש אוגוסט 1940 ערכו אנשי ס.ס. בעזרת הז׳אנדארמריה והמשטרה הפולנית מצוד על יהודים. הנעצרים נשלחו למחנה עבודה על יד לובלין. מודעה שפורסמה באמצעות המועצה היהודית, פקדה על כל היהודים להתאסף על כיכר המועצה כדי להאזין לנאום המפקד הגרמני. כשהתכנסו היהודים הקיפו הגרמנים את הכיכר ואספו את הצעירים הגברים והנשים, וכשחסרו עוד אנשים למספר שקבעו לעצמם מראש, נתפסו אנשים ברחובות או הוצאו מהבתים, מהמרתפים ומהבונקרים. בפעולה זו נתפסו כ־600 יהודים וכל ה"טראנספורט" הוכנס למכוניות־משא והוסע מהמקום. כעבור זמן נודע, כי כולם הובאו למחנה רכוז על־יד לובלין. באותו זמן נתפרסמה גם פקודת הגרמנים, שעל היהודים למסור את פרוותיהם, וכל מי שלא ציית לפקודה תוך המועד שנקבע, צפוי היה לעונש מות — ומספר יהודים מצאו את מותם בנסיבות אלה.

הקמת הגיטו היהודי

בתחילת שנת 1941 נוסדה „השכונה היהודית" (הגיטו). פורסמה הודעה מטעם מפקד העיר, המאיימת בעונש מוות על כל מי שיעזוב את הגיטו. בפקודה זו פורטו הרחובות שנכללו בגיטו, והם: טילנה, השוק, קוניבסקה, מחצית רחוב שינינסקה, סטודלנה, גוז׳יסטה, אילז׳צקה, שירוקה, הצד הבלתי־זוגי מרחוב קושצ׳ילנה ומלינסקה.

ניתנה ארכה של 5 ימים להעתקת המגורים לגיטו, והותר לאנשים להביא אתם כל חפציהם. כ־16.000 יהודים נכנסו לגיטו, ביניהם פליטים מהסביבה כגון: קונין, לודז׳ ומערים אחרות שנכללו ב„רייך השלישי".

הצפיפות בגיטו היתה איומה. יהודים גרו בעליות ובמרתפים, הגיטו לא היה מגודר, אלא הוקף ע״י משטרה פולנית ויהודית.

היציאה מן הגיטו היתה אפשרית רק לפי תעודת־מעבר חתומה ע״י משרד העבודה ומאושר ע״י הס.ס. לפי היתר מיוחד מה־ס.ס. עבדו כמה מאות יהודים במקומות עבודה שונים בעיר ומחוצה לה.

משטרה יהודית

עם ייסוד הגיטו הוקמה המשטרה היהודית לפי הוראת מפקד המשטרה ל„יודנראט". כמפקד המשטרה שמנתה 50 שוטרים, מונה בלומנפלד.

בגיטו הוצאו לפעמים יהודים מבתיהם בלילות, הובאו מחוץ לעיר ונורו למוות. לאחר הרצח הודיעו ל„יודנראט", כי יש לאסוף את הגופות ולהביאן לקבורה.

בליל 28 לחודש אפריל 1941 ערכו אנשי ס.ס. ו־ס.ד. מצוד על אנשי האינטליגנציה מבין יהודי הגיטו לפי רשימות שהיו בידיהם. מתוך 61 רופאים, עורכי דין, מהנדסים ותעשיינים שנעצרו הומתו 36, מהם 4 נשים, לפני שערי בתיהם. למחרת בבוקר, כשיצאו היהודים והפולנים לעבודה, נתגלו הגופות לעיניהם בדרכם לעבודה. יתר הנעצרים הועברו לאושוויץ וכעבור 3 חדשים נתקבלה הודעה רשמית, המודיעה כי כולם מתו במחנה.

מהיהודים נשללה זכות המסחר ויהודי שנתפס בעיר

מפת העיר אוסטרוביץ - OSTROWIEC
ורובע היהודי דער יידישער קווארטל



ללא תעודת־מעבר נרצח במקום. על היהודים נאסר כל מגע עם פולנים, ואף אסור היה להחליף מילה עם הפולנים במקום העבודה המשותף.

הגירושים

ביום ראשון, 10 באוקטובר 1942 — נתקיים הגירוש הראשון. פורסמה הוראה, שעל כל היהודים מחוסרי עבודה להתרכז בכיכר השוק, ואילו על בעלי כרטיסי עבודה היה להתרכז בכיכר משרד העבודה הגרמני. כל מי שנמצא במחבוא נורה במקום. מכיכר השוק הובלו הנאספים ע״י אנשי ס.ס. למגרש מגודר, שכונה „סטאלאג״ — היה זה מחנה שבויי מלחמה פנוי. הנאספים חולקו ל־3 קבוצות. הקבוצה הראשונה נשלחה בו ביום, הקבוצה השנייה — ביום שלישי, והשלישית — ביום שישי של אותו שבוע. במשך כל השבוע היו היהודים שוכבים תחת כיפת השמים ללא מזון ומים. ביום הראשון שרר חום קשה מנשוא, והאנשים התחננו לטיפת מים, והיו מוכנים לשלם עבור בקבוק מים 1,000 זלוטי ויותר. אך הגרמנים מנעו זאת מהם במלוא אכזריותם. בימים שלאחר מכן סבלו המיסכנים מגשם סוחף, שחדר לעצמותיהם היבשות. במשך הימים האלה נורו כ־1,200 יהודים, שנמצאו במחבואים או בבונקרים. את גופות הנרצחים קברו היהודים שעדיין נשארו בכיכר משרד העבודה הגרמני.

המגורשים הוטענו בקרונות מישא, מאה בכל קרון, והקרונות נחתמו בחותמות. תוך כדי כך נלקחו מהמגורשים הבגדים או הנעלים שמצאו חן בעיני הגרמנים אשר ניצחו על הפעולה. למגורשים נאמר, כי הם נשלחים למחנות עבודה באוקראינה. לאחר מכן הוברר, כי כל שלושת הטראנספורטים נשלחו לטרבלינקה ושם הומתו כולם בגזים.

דבר זה נודע מפי בחור צעיר ושמו גוטמן, שהצליח לקפוץ מהקרון שעה שחנה בקרוב המרוחקת 5 ק״מ מטרבלינקה, בהשאירו ברכבת את כל משפחתו.

הצעיר סיפר, כי האוקראינים והליטאים שליוו את הרכבת היו יורים בדרך לתוך הקרונות. חוץ מאלה שנהרגו מן היריות נחנקו רבים מהצפיפות, הצמאון והמחנק.

בערבו של יום ראשון, 10 באוקטובר, הובאו כל היהודים בעלי כרטיסי עבודה ע״י האוקראינים לבלוק מיוחד ברחוב אילז׳צקה. למחרת נערך רישום חדש והאנשים נשלחו כרגיל לעבודותיהם מלווים ע״י האוקראינים.

לאחר ה„אקציה״ הופיעו ב„בלוק״ אלה היהודים שיצאו מהבונקרים. הם נתקבלו לא רשמית, אך לעבודה לא יצאו. באחד הימים הופיע ב„בלוק״ מפקד ס.ד. פטר לביקורת ומצא במגרש כארבעים ילדים יהודים, שחזרו מהמחבואים. בו במקום רצח את כולם ללא כל נקיפת מצפון. ראש ישיבה אחד סירב למסור את ילדו והחביאו תחת כנפי מעילו, והרוצח פטר שמצאו הרג את האיש יחד עם ילדו.

ארבעה שבועות לאחר הגירוש הראשון הודיעו ראש הפלך וראש העיר רשמית, כי עבור היהודים שנשארו בערים ובכפרים שבסביבה נוסדו 4 ערים יהודיות: בסאנדומייז׳ (צוזמיר), שידלוביץ, אויאזד וראדומסק. ליהודים נאמר, כי הם יכולים באופן חפשי — ללא צורך בתעודות מעבר — לעבור לאחת הערים הללו ולגור שם. יחד עם הודעה זו חלה גם הטבה ביחס הגרמנים ליהודים. היתה זו תחבולה שבאמצעותה רצו לרכז מספר גדול של יהודים לאחת הערים הללו. גם ל„בלוק״ שברחוב אילז׳צקה הוכנסו יהודים זרים שהובאו מן החוץ. היתה זאת ללא ספק מלכודת.

בסוף דצמבר 1942 נערך הגירוש השני. בסאנדומייז׳ היו אז כ־8,000 יהודים וביניהם רבים מיהודי אוסטרובצה, ובראשם רב העיר, רבי יחזקאל האלשטוק, שיצא אף הוא לסנדומייז׳. הרב רבי יחזקאל נרצח שם ע״י מפקד העיר קאלץ, לאחר שהובא אליו ע״י המשטרה היהודית — שהיתה צפויה לעונש מוות במקרה של אי בצוע הפקודה.

בעת הגירוש השני נשלחו כל יהודי ארבע הערים הנ״ל. הם הוטענו על קרונות משא, וכשעברה הרכבת דרך אוסטרובצה צורפו לטראנספורט 2000 יהודים מ„בלוק״ העובדים. במקום נשארו רק 1,000 יהודים, שעבדו במקומות חשובים ביותר. טראנספורט זה הובל לטרבלינקה. באפריל 1943 הקימו אנשי ס.ס. ממחוז ראדום מחנה הסגר בבליז׳ין על־יד סקארז׳יסקו. במשלוח הראשון למחנה זה היו 110 יהודים מאוסטרובצה, ואני בכללם.

במחנה העבודה

כחודש ימים קודם לכן ערכו הגרמנים רישום של בעלי המקצוע, בחרו מהם את הנחוצים ביותר, והטעינו 55 איש בכל קרון שנסגר הרמטית וללא כל מזון טולטלנו יממה שלמה.

בחודשים הראשונים חיינו שם בתנאים קשים ללא נשוא. קיבלנו 200 גרם לחם וליטר אחד מרק כרוב מימי לארוחת צהרים. במשך הזמן הזה לא קיבלנו לבנים נקיים. ואולם לאחר שהתארגנו בבתי מלאכה שונים לחייטות, סנדלרות, נגרות, מסגרות וכדומה, הוטבו התנאים במקצת. מנות הלחם הוגדלו בהדרגה עד 500 גרם ליום.

כל הזמן ישנו על קרשים ללא מזרונים. בינתיים הגיעו למחנה משלוחים גדולים של יהודי ראדום, קאלץ, ביאליסטוק וסמולנסק ומספרם הגיע עד 3,000 איש. פעמיים ביום התקיימו מיפקדים, שנמשכו שעה ארוכה. על העבירה הקלה ביותר, כגון עישון, החזקת כסף או החלפת לבנים, היכו אנשי ס.ס. עד זוב דם ולפעמים אף רצחו בדם קר. המחנה שלנו הכיל 13 בלוקים — עשרה לגברים ושלושה

לנשים. „זקני" הבלוק היו יהודים. יחסם אלינו היה טוב, מכיון שלמעשה לא היה להם מעמד מיוחד, והיה רצוי להם לשמור על תפקיד זה. גם במטבח עבדו יהודים. במחנה היו גם 350 פולנים, ששכנו בבלוק נפרד מוקף גדר, ואסור היה כל מגע אתם. הם עבדו בחפירת תעלות ובכריית אבנים. גם הם קבלו מנות אוכל דומות כשלנו אך קיבלו כל יום שבת גם חבילות מהבית.

היינו עדיין בלבוש אזרחי, היו נסיונות בריחה אחדים, ואלה שנתפסו בנסותם לברוח נורו במקום. במקרה שהצליח מישהו לברוח היה מפקד המחנה מוציא להורג בעת המיפקד את היהודים החלשים במקום אלה שנעדרו. במקרה אחד הבחין מפקד המחנה בעת הפסקת הצהרים ביהודי מנמנם, והוא המיתו במקום. ביער בליזין — 6 ק"מ מסקארז'יסק — נקברו גופותיהם של 1,200 יהודים שמתו מרעב או הומתו ע"י ס.ס.

בבוקרו של יום שבת אחד בחודש יוני 1944, בעת מיפקד הבוקר, הוקפנו ע"י אנשי ס.ס. ומפקד המחנה הודיע כי אנו מועברים לאושויץ. הוא ציווה למסור את בגדינו ותמורתם נתנו לנו תלבושת פסים. לא הורשינו לחזור לבלוק, אלא הועלינו ישר לקרונות — 60 איש בכל אחד — והדלתות ננעלו מאחורינו. כצידה לדרך קיבלנו 140 גראם לחם ו־10 גראם מארגארינה. הנסיעה ארכה שלושה ימים, וכל הזמן היינו ללא מים. בהגיענו לאושויץ הפרידו אנשי ס.ס. וה„קאפו" בין הגברים והנשים והובילו אותנו למרחץ. כאן נאלצנו למסור הכל וקיבלנו בגדים אחרים. לנשים גזזו את שערן. לאחר המרחץ הובילו אותנו אנשי „קאפו" לבלוק ההסגר. את החלשים והחולים הובילו לבלוק אחר.

בכל בלוק היו 400—600 איש. „זקן" הבלוק, „זקן" הבית והקאפו התאכזרו מאוד לאסירים. לכל אחד היתה שיטת עינויים משלו ואף היתה להם רשות להרוג יהודים מבלי

ברידער קבר קבר אחים



למסור על כך כל דין וחשבון. ה„אקציות" בוצעו בכל יום. הקרמטוריום נמצא במרחק 5 ק"מ מאושוויץ — בבירקנאו. היו שם ששה תנורים וארבעה תאי גז — שם החניקו את היהודים, כדי לשרפם אחר כך בתנורים. מהבלוקים שלנו נראו להבות התנורים וריחות עשן המשרפות הגיעו לאפינו. ליד המשרפות עבדו בעיקר אסירים גרמנים שנשפטו לתקופת מאסר ארוכה בשל מעשי רצח.

מתוך חשש של התקרבות תורי למשרפות השתדלתי להישלח לעבודה ללנדזין, ואחרי שלושה חדשים לשהותי באושוויץ נשלחתי אמנם למקום זה. שם עבדתי חמישה חדשים בבנין מכרות. בלנדזין עבדו 600 יהודים, ביניהם 200 מלודז' ומכל ארצות אירופה. התנאים כאן היו טובים יותר מאשר באושוויץ. גרנו ב־3 בלוקים כשבכל אחד נמצאים 200 איש. למרות התנאים הטובים יחסית היו ביניהם 40 אחוז „מוזולמנים", כלומר חולים שלא יצלחו עוד לעבודה. אלה נשלחו למשרפות באושוויץ. קיבלנו 500 גראם לחם, 20 גראם מארגארינה ופעמיים ביום מרק מימי. עבודתנו היתה קשה מנשוא. פקחו עלינו הקאפו והאסירים הגרמנים.

ישנו על דרגשי־עץ ב־3 קומות זה על גבי זה עם מזרונים ושמיכות. הקור היה עצום. למרות החימום סבלנו מאוד מן החורף הקשה. אסור היה לישון בבגדים או להתכסות במקטורן.

כעבור 3 חדשים לשהותי בלנדזין קרתה לי תאונה: בעת דחיפת קרונית שברתי רגל, וכל אחד מהמחנה בכה למר גורלי כי היו בטוחים שאשלח לאבדון. הובלתי למרפאה ושם שם הרופא הראשי, שהיה יהודי, את רגלי בגבס ובהשתדלותו החביאו אותי במשך 10 שבועות. כשהגיע הרופא הראשי מאושוויץ לביקורת נרשמתי ע"י הרופא בשמות שונים, והופעתי בכל פעם ברשימה כחולה חדש.

בינואר 1945 פונה המחנה. הובלנו לגלייביץ. כל מי שנעצר בדרך מאפיסת כוחות הומת ביריות על־ידי אנשי ס.ס., שליוונו בעגלות יחד עם מטענם.

המסע לגלייביץ נמשך שתי יממות ללא הפסקה. כאן שהינו 24 שעות ללא מזון ומים. למחרת היום הוטענו בקרוניות־פחם בצפיפות איומה ללא יכולת לזוז. במסע זה מת אחד שנשאר במצב עמידה, ונאסר עלינו להשליכו מהקרון. במרחק 2 ק"מ מהעיר הוכנסנו לתוך יער, ושם נשארנו בקרונות במשך יממה כשאנו קופאים מקור. אחרי 24 שעות עמידה נפתחו הקרוניות, הסתדרנו בחמישיות והובלנו לכיוון ברסלאו. אחרי צעדה של 5 ק"מ כיוונו אותנו ה־ס.ס. לתוך היער וכאן המטירו עלינו אש ממכונות יריה ורימוני יד. היה זה עשרה ימים אחרי שיצאתי מהמרפאה ולא יכולתי עדיין לצעוד על רגלי, והובלתי על־ידי חברים. עם פתיחת היריות ברחו כולם לכל

עבר להצלת חייהם. נפלתי בין המתים והעמדתי פני מת עד רדת הלילה. אנשי ס.ס. בדקו אם נמצא פצוע בין המתים וכשמצאו אחד שעודנו נושם השלימו את מלאכת הרצח. אחד מאנשי ה־ס.ס. בעט בי, אבל לא הראיתי סימן חיים. המשיכו לירות, וכך מצאו רבים את מותם תוך בריחה.

בלילה בהיווכחי לדעת, כי אין אנשי ס.ס. ביער, קמתי ונסיתי לצאת מערימת המתים. אפלה כבדה שררה במקום ולא ידעתי לאיזה כיוון לפנות. כן נדמה היה לי, כי אני שומע צעדים העוקבים אחרי.

בצאתי מן היער נתקלתי במכונית עם גרמנים אזרחיים הנוסעים לכיוון אגרספלד. בחשבם שאני שבוי פולני — לקחו אותי אתם. באגרספלד ירדתי בלילה מהמכונית והתחבאתי אצל אכר גרמני, שאשתו היתה פולניה. סיפרתי לה שאני פולני שברחתי ממחנה והיא החביאה אותי, מבלי לגלות דבר לבעלה.

באורווה ששם החביאה אותי האשה, שהיתי עד כניסת הצבא האדום.

עם כניסת הסובייטים נעצרתי כי חשדו בי שאני גרמני, אך בראותם את מספר הקעקע שבזרועי שחררו אותי. מסרתי להם על הרצח האכזרי שבוצע ביער אגרספלד והם נסעו לשם יחד אתי. מצאנו שם עוד שש גופות שלא הובאו לקבורה. אלוף וסרן סובייטי צילמו את היער ואת מקום הרצח ואחרי כן הובילוני סמוך ללודז׳.

תירגם מפולנית יחזקאל ארלי (ארליך)

אַבָּא

אֲצַפֶּה, אַבָּא, מִדֵּי לַיְלָה, מִדֵּי חֲלוֹם,
גַּם בְּדָכֵי הַשּׁוּק אֲבַקֶּשְׁךָ בַּיּוֹם.
אַרְגִּיז אֶת דְּיוֹקְנְךָ בְּמַעֲשֵׂי כְּשָׁפִים.
— עֲלֵה אֵלַי מִתּוֹךְ גֵּיא הַבְּלִימָה.

הַקִּיפֵנִי בִּגְוִילֶיךָ הַנִּשְׂרָפִים.
וּשְׂרָפֵנִי בַּהֲבֵל כְּלִימָה!
כֵּיצַד שָׁלִיתִי לַיְלָה וָיוֹם
בְּשַׁסַּע צַר תִּינוֹק וְעוֹלָל?

בְּהִתְקַדֶּשְׁךָ אַבָּא עַל הַגַּרְדֹּם
בִּנְךָ הַסּוֹרֵר סָבָא וְזָלַל.
לָמָּה הִלְעַטְתַּנִי פִּלְפֵּל חָרִיף,
לִמַּדְתַּנִי שְׂחוֹת בְּיַם הַתּוֹרָה?

מָוֶת וּשְׁכוֹל — מָוֶת עָדִיף.
כֵּיצַד שָׁלִיתִי בַּשָּׁעָה הַשְּׁחוֹרָה?
רִשְׁרוּשׁ מִשִּׁי שַׁבְּתוֹתֶיךָ
תּוֹבֵעַ לְדִין אֶת חֹל מוֹעֲדַי.

מַה אֲנִי לְהִדָּמוֹת אֵלֶיךָ!
אֲבוֹי לוֹ לְבֵן שֶׁאֵינוֹ כְּדַאי.

מלכה אפּעלבוים, בראַזיל

אַסטראָווצע, איך וועל דיך נישט פאַרגעסן

אַ פינסטערער וואָלקן איז מיט אַמאָל אויפגעגאַנגען אויפן ליכטיקן הימל. דאָס שטעטל אַסטראָווצע האָט מיט איין מאָל פאַרלוירן די תמיד־געווײנלעכע רואיקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גרויסע מיליטערישע לאַסט־אויטאָ־מאָבילן מיט ביקסן און מאַשינען. צום ערשט האָבן נאָכ־מאַרשירט איינצעלנע גרופּעס סאָלדאַטן, און דאַן האָט אַ ריזיק גרויסע אַרמיי גענומען מאַרשירן זינגענדיק הילכיק בריק־פּלאַכע ליבעס לידלעך.

עס ראַשט דער טרומייטער. עס קלאַפּט די פּויק, און דאַן איז דאָס אַלץ ניט אומשטאַנד איך איין פּראָצענט צו פאַרטויבן דעם וויי־געשריי פון די יונגע הערצער וועלכע פילן און וויסן פאָרויס, אַז זייער לעבן איז צו ענדע, אַז זיי די אָרעמע באַשעפענישן זענען ניט פעאיק צו קעמפן מיט דעם ברייענעם טיוול...

איך האָב נאָך רעכט קיין צייט געהאַט זיך געגוט אויסצווייינען אויפן ביטערן גורל פון אייראָפּע, וועלכע באַדט זיך שוין פריש אין אַ מבול פון מענטשלעך בלוט ווי אַ מחנה סאָלדאַטן האָבן אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. ארויסגענומען מיין מאַן פון בעט, באַפוילן שטרענג אויף דער גיך זיך אָנצוטאָן און מיטגיין מיט זיי.

איך האָב זיך אויף דער שנעל אויך אָנגעטאָן און געוואָלט מיטגיין, אָבער סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט האָבן מיר פאַרשטעלט דעם וועג. איך האָב קוים צייט געהאַט ארומצוואַרמען מיין מאַן, אים צוצודריקן צו מיין צעריסן האַרץ, געבן אים דעם אַפּשייד־קוש, און זיי זענען פאַרשוווּנדן.

דער טומל אין שטעטל איז דערוויל געוואָרן וואָס אַמאָר גרעסער, דאָס שיסן איז געוואָרן וואָס אַמאָל נענטער, שטאַרקער, מורא׳דיקער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַנט־לויפן וווהין די אויגן האָבן געטראָגן, אָבער איך האָב גאָר וועגן ענלעכעס ניט געטראַכט, כאָטש מען האָט מיך שטאַרק צו גערעדט צו דעם. איך האָב בכלל וועגן גאָרניט גע־טראַכט. מיין מח איז גאָרניט פעאיק געווען צו דעם. איך האָב זיך אַרומגעדרייט ווי אַ לעבעדיקער מת.

ערשט אין אָוונט, ווען מיין ליב טעכטערל איז אַ מידע פון אַ גאַנצן טאָג וויינען און בענקשאַפט איינגע־שלאָפן בין איך אַביסל צו זיך געקומען נאָך אַ גאַנצן טאָג שרעק און טומל.

איצט האָב איך ערשט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך, און וועגן מיין הייסגעליבטן לעבנס־באַגלייטער, וועלכן מען האָט אַזוי גרויזאַם אַוועקגעריסן פון מיר. און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין אויסגעבלייכט קינד, האָט מיין האַרץ געציטערט פון ווייטיק, וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז געקומען אין אַזאַ קורצער צייט.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך געפילט אַזוי גליקלעך אין די אָרעמס פון אידיליש־פאַמיליען גליק. אַ שיר השירים׳דיק געזאַנג, אַ הימלישער ניגון האָט געשוועבט אין דעם קליינעם באַשיידענעם שטיבל, ווי עס האָט אייביק געגעסטעט: ליבע, פאַרשטענדעניש און צופרידנקייט. און דאָ פּלוצים אַזאַ אומגליק. איך בין געלעגן וואַך. און בשום אופן ניט געקענט אויף אַ קליינע ווײַלע איינשלאָפן, כאָטש די אויגן האָבן זיך מיר פון מידקייט און וויינען געקלעפּט. יעדער רגע האָט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געהערט דאָס הילכיקע דינערן פון קאַנאָנען, ווי אַ האָגל זענען געפאַלן שויבן, און עס האָבן געציטערט די ווענט.

די שווערע געדאַנקען האָבן כסדר געעגבערט מיין מח און ניט געלאָזט מיך אפילו איינדרימלען.

ווי נאָר עס האָט זיך אויף מזרח־זייט אַ רויטער פּאַס באַוויזן, האָב איך זיך געלאָזט איבער די גאַסן פון מיין אָרעם געבורטס־שטעטל, מיט דער האָפענונג צו טרעפן נאָך אַזעלכע אַנגעווייטיקטע ווי איך, ביי וועמען איך וועל זיך אפשר קענען דערוויסן וווהין, און צו וואָסערע אַרבעט מען האָט זיי געפירט.

אָבער ווי ? מען זעט קיין שפּור פון אַ מענטשלעכן טריט, איבערהויפּט פון אַ יידן.

איך שפּאַן גאַס איין גאַס אויס ; עס ווערט העלער, ליכטיקער, דער הימל שיילט זיך אויס שטופנוויז פונם גרויען מאַנטל, אָבער אויפן האַרצן ווערט טונקעלער, שווערער. אַ בלייענע משא נעמט פרעסן דאָס האַרץ, צוזעענדיק דעם חורבן פון שטעטל אַסטראָווצע.

ניט נאָר אין דער יידישער געגנט, נאָר אין סאַמע צענטער, אין די שיינע פּראַכטפולע אַלעיאַ־גאַס, וועלכע האָט ממש באַצויבערט יעדן פרייש צוגערייזטן איז ליידיק און פּוסט.

די וויס־פּאָלירטע אַנלען־בענק, וואָס אַרום דעם שיינעם טייך קאַמיענאַ שטייען צעבראָכענע, איבערגע־קערטע.

פּראַכטפולע, לויטן נייעסטן שיינעם סטיל געמויערטע

קינאָ־לאָקאַלן און קאַפע־הייזער וועלכע פלעגן זיך טונקען אין אַ מבול פון עלעקטרישן ליכט, אילומינירט מיט בונטפאַרביקע לעמפּעלעך שטייען חושכ׳דיק פאַרמאַכטע. די בוימער, וואָס בילדן צוויי גרינע ווענט פון ביידע זייטן גאַס, שאָקלען זיך אַבל׳דיק פאַרוויינטע, גלייך ווי זיי וואָלטן פלוצלונג אַ מענטשליכן שכל באַקומען, און דערפילט דעם גרויסן צער און צאָרן וואָס האָט איינגעהילט די וועלט...

דער סטאַוו נעבן דער שטעטלדיקער מיל, ווו כ׳פלעג אין דער יוגנט־יאָרן אָפּזיצן לאַנגער שעהן, איז אויך אַן אַנדערער. די הויכע, טונקעלע, גלייך־אויסגעשטיפּטע אַלשינעס שטייען דאַכט זיך איינגעבויגן. דאָס וואַסער איז מוטנע, עפּעס גאָר ווי בלוט־קאָליר. דאָס ניט גלייך געשניצטע בערגל מיט די עטלעכע יונגע סאָסנע בוימלעך אַרום דער ראַוּוציזנע איז איינגעהילט אין אַ נעפּל־מאַנטל. די שיינע פריש אויפגעשטעלטע פּאָסט־געביידע קעגנאיבער, וועלכע פלעגט האַלטן חוצפה׳דיק פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און קוקן מיט גדלות אויף דער שטאָט, שטייט איצט אַן אָפּגעשיילטע, מיט אויסגעהאַקטע שויבן און אָפּגעריסענע שטיקער מאַרמאָר.

יאָ, איך וויין אויף דיין גורל מיין אָרעם געבוירנלאַנד, וואָס דו ביזט אַזוי פריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן פון לעבן. איך קוש די ערד, יעדער גרעזעלע און בלימעלע, אָבער ניט פון די שיינע מיט בלומען באַפּוצטע גאַסן, ווי מען האָט ברודיק געטראָטן די יידישע ווירדע, נאָר די ערד פון די קברים פון מיינע ליבע עלטערן. איך צערטל דעם אייז־קאַלטן צעבראָכענעם שטיין פון מיין פאָטערס מצבה, און עס גיסן זיך קוואַלנווייז טרערן פון מיינע אויגן. איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דעם צעטראָטענעם בערגל, און וויל אָפּפרעסן א הייס בענקענדיקן קוש, אָבער איך ציטער פלוצלינג אויף, דערהערנדיק ווי פון דער ערד אַרויס אַ שוואַך פאַרשטיקט קול, וואָס קלאָגט זיך אויף דער וועלט און מענטשן, וואָס שטערן אַזאַ צאַרט אומשולדיק באַשעפעניש די רואיקייט.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר — טענה׳עט דאָס קליינע בלימעלע. — פאַרוואָס וויקט מען מיך אין טרערן? פאַרוואָס צעפוילט מען מיינע וואָרצלען, מיינע דינע אידעלע וואָרצלען? פאַר וואָס טינקט מען זיי אין בלוט? צו פעלט אויס אויף דער וועלט וואַסער? וויניק טייכן, ימים זענען פאַראַן? מיט טוי פון פרימאָרגן, מיט וואַסער באַנעצט מיך, און ניט מיט טרערן — זאָגט דאָס בלימעלע מיט אַ געבראָכענער שטימע. דאָס פנים פלאַמט מיר פון בושה אויסהערנדיק די אויפריכטיקע ווערטער

דבורה׳לע

ס׳איז מיר שווער פאַרצושטעלן, אז אין אָסטראָווצע, מיין אָסטראָווצע, פון וואַנען ס׳איז נישט געבליבן קיין שפּור פון יידישן לעבן, זאָל דווקא אמאָל האָבן געוועזן א צענטער פון תורה. און דו, טאָכטער פון אָסטראָווצער רבין, וואס ביזט געווען מיין בעסטע שילערין, זאָלסט האָבן אומגעקומען און צו קבורה געקומען אין איר ערד. ניין, דו ביזט ניט דאָרט; דו ביזט אין הימל. איך זע דיך מיט די הימלבלויע אויגן און גאָלדנע לאָקן צווישן די מלאכים.

ערע און כבוד דיין אנדענק!

אין בילד פון מיר מיט מיינע שילערינס געפונען זיך דריי אייניקלעך פון דאַבריש פוקס, א טאָכטער פון לערנער, א זון פון מיין ברודער בעריש און אויך אנדערע אסטראווצער קינדער

פון דעם האַלב ווילדן בלעמעלע, וואָס נעסטעט אויף מיין פאָטערס קבר, און פון צייט צו צייט פאַרוואַרפּט עס דאָס קעפּעלע אויף דער דערנעבנדיקע וואַנט פון אַלטן אָסט-ראָווצער רבינ׳ס אוהל, ווייזט אויס פון מידקייט, פון הוידען זיך אויף דעם שוואַכן שטענגל, אָדער גאָר טאַקע פון צעפוילטקייט פון די שטענדיקע טרערן, מיט וועלכע אַנגעווייטיקטע מענטשן, וואָס קומען אַוועקלייגן קוויטלעך אויפן קבר פון אַלטן אָסטראָווצער צדיק, באַנעצן עס.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פאַרלאָז איך מיין טאַטנס קבר און נעם בלאָנדזשן איבער צעבראָכענע מצבות, צעטראָטענע האַלב-אָפענע קברים. עס באַפאַלט מיך אפילו אַ שרעק. איך ווער אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרקער מרה שחורה, אָבער די בענקשאַפט, דער פאַרלאַנג אויך אויף מיין מוטערס קבר אַ טרער צו פאַרגיסן, גיט מיר מוט און שטאַרקייט. איך שפּרייז איבער אַנגעוואָרפענע צעבראָכענע שטיקער מצבות און אפשר אויך איבער האַלב פאַרפוילטע אברים פון מתים, ווי איבער אַ גלאַטיקן אַספאַלט, און ווען כ׳בין שוין האַרט נעבן קבר פון מיין מוטער טאַ אַנשטאָט נאָך מער צו בויגן דעם קאָפּ, הויב איך אים גאָר אויף הויך און נעם אָבסערווירן מיין שטעטל, מיין ליב געבורט-שטעטעלע אָסטראָווצע, ווייל פון דאָרטן זעט מען עס כמעט אינגאַנצן, ווייל דאָס בית-הקברות געפינט זיך אויף אַ הויכן באַרג, איבערן נידעריקן געלעגער פון שטאָט.

צום ערשטן פאַלט מיין בליק אויף די ברייטע שענקע-וויטשאַ גאַס, וואָס שניידט זיך אַריין אין אַ לאַנגן, לאַנגן נאָדל-וואַלד, אַ וווּנדערבאַרער סאָסנע-וואַלד, וועלכער דערמאָנט מיך אין איבערלעבונגען, עפּיזאָדן, פון וואָס אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך אין די ביינער. באַלד טוישט זיך עס איבער אויגנבליקלעך אין אַ פּראָסטיקער קעלט, ווען מיין בליק פאַרהאַלט זיך אויף דער סטאַראָ-קונאָווסקאַ גאַס, ווי איך דערזע אויפן אָרט פון דער שול און בתי-מדרשים, אַנגעוואָרפענע האַלב פאַרקוילטע שטיקער קלע-צער, בעלקעס, בעטער, פאַרקאָפּטשעטע שטיקער מנורות, צעבראָכענע פאַרזשאַווערטע צדקה-פּושקעס.

צעריסענע ספרי תורות, צעהאַקטע שויבן, טיילן פון פאַרטריפטע מיט חלב טישן און בענק. שאַ!... דאַכט זיך אַז איך זע מענטשלעכע אברים אויך. יאָ! דאָרט, דאָרט, אָ-דאָרט וואַלגערט זיך אַ האַלבער שאַרבן פון אַ מענטשלעכן קאָפּ, אַ בינטל ביינער. אַביסל ווייטער, אַ פוס, אַ בינטל פינגער-ביינער, פּלייצעס-ביינער, צעבראָכענע הענט. אַך וואָס פאַר אַ חורבן! וואָס פאַר אַ גרויזאַמער חורבן! איך קוועטש פעסט די אויגנהייטלעך, ניט ווילענדיק זען דאָס שרעקליך מורא׳דיק גרויליכע בילד.

איך קוועטש אַזוי שטאַרק די אויגן הייטלעך ביז איך דערוואַך...

אַ שווערער זיפץ שניידט דורך די פאַרטאָגיקע שטיל-קייט, און וועקט אויף מיין זיס טעכטער׳ל, וועלכע וואַרפט מיר צו אַ פאַרשלאָפן שמייכעלע, וואָס גלעט מיין רואינירט האַרץ נאָך דעם שווערן חלום... ניין, איך וועל דיך מיין געבוירן שטאָט אָסטראָווצע ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ניט אין חלום און ניט אויף דער וואָך, ווייל כ׳בין מיט טויזנטער פעדים מיט דיר פאַרבונדן!

אָסטראָווצע, איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווייל, אַ חוץ וואָס כ׳בין מיט טויזנטער פעדים מיט דיר פאַרבונדן, ליגן אין דיין ערד די ביינער פון מיינע טייערע עלטערן, שוועסטער, ברידער, פלימעניקעס, חברים און שילער. און אויך מיינע פריידיקע קינדער טעג.

די מצבה וואָס איז נאָך דער באַפרייאונג אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן געשענדעטן קבר פון אָסטראָווצער גאון זצ״ל. אויך די דאָזיקע מצבה איז נאָכדעם צעשטערט געוואָרן דורך די פּאָלאַקן.

המצבה שהוקמה אחרי השחרור על קברו המחולל של הגאון מאוסטרוצבה זצ״ל. גם מצבה זו נהרסה אחרי כן על ידי הפולנים.

מ. גראַסמאַן, (פייבל שלמה זלמנ׳ס איינִיקל)
געוועזענער סעקרעטאַר פון אָסטראָווצער
הילפס־קאָמיטעט אין ניו־יורק

געבליבן בלויז חורבות...

ווו איז איצט די שטאָטישע פּרייד פון אַמאָל ?
ווו זענען די בתי מדרשים ? ווו איז די גרויסע שול ?
ווו זענען די יידישע היימען, ווו זענען די שטיבן ?
ווו זענען די בעלי־מלאכות, די הענדלער ?
קיינער ניט מער געבליבן ?
ווו איז דאָס הייליקע אָרט מיט די אוהל׳ס —
און די מצבות ?
פאַרניכטעט, געשענדעט, איז דאָס אַלעס געוואָרן —
געבליבן זענען בלויז חורבות.
אָסטראָווצע ! וואָס איז געוועזן מיין היים, טראָץ —
ניט דאָרטן געבוירן.
איז איצט בלויז געבליבן אין מיין יוגנט־זכרון.

די חורבות פון דער אסטראָווצער אלטער שול



שרידי בית הכנסת הישן שנהרס ע״י הנאצים

א. אלמוני

פוילישע מערדער

נאָכן לײדן הונגער און קריגן געשלאָגן פון די פּאָליאַקן, האָבן אײניקע זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע פון 12 מאַן און באַשלאָסן צו אנטלױפן אין די װעלדער אַרײן. אין אַ פינסטערער נאַכט האָבן זײ זיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעלצער ייִדן אויסבאַהאַלטן אין נאָענטן װאַלד. אײניקע פויערים פון דאָרף מאַיקאָװ װאָס האָבן זיך דערװוּסט װעגן דעם, האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל און געכאַפּט אכט מאַן. די איבעריקע זענען אַנטלאָפן.

זײענדיק בא דער ארבעט אויף די „שטשעטניצע” איז געקומען א פּאָליאַק פון דאָרף „מאַיקאָװ” און געזאָגט די דײטשן פון דער װאַך, אז ער האט געכאַפּט 4 ייִדן, אָבער דאָס געשעפט לױנט אים ניט פאר אײן קילאָ צוקער פאר א קאָפּ. אויב די װאַך װעט מער באַצאָלן װעט ער ברענגען מער. א שטונדע שפּעטער האָט ער געבראַכט נאָך 4 ייִדן און איבערגעגעבן. אז די רעשט זענען אנטלאָפן. די ייִדן זענען גלײך דערשאָסן געװאָרן. פאַרן טויט האָבן זײ אַריבערגעשריען צו אונדז מיר זאָלן נקמה נעמען פאַר זײער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

די דערשאָסענע זענען געװען: חיים שאָטלאַנד, בערנאַרד קאָהן, מ. זאָבערמאַן. דעם נאָמען פון פערטן איז אונדז ניט געװען באַקאַנט.

צװישן די גרױסע רוצחים אויפן װערק „צע” זענען געװען: שפּאַדלאָ, װעלכער האָט אויף זײן געװיסן טויזנטער קרבנות; װאַיטשיק און שעװטשוק, װאָס האָבן געהאָלפן די דײטשע רוצחים, ימח שמם, אויסצושיסן זעקס און דרײסיק טויזנט ייִדן, װעלכע זענען אומגעקומען אין סקאַרזשיסקער אָסאָב און איבערהויפּט אויפן װערק „צע”.

עס זענען געװען נאָך פיל הונדערטער פּאָליאַקן, װעלכע האָבן פאַרפּײניקט ייִדישע קרבנות. אויפן בוס איז געװען א שרעקלעכער מערדער, װעלכער האָט פיל ייִדישע קרבנות אויף זײן געװיסן. זײן נאָמען איז: קאָטלענגאַ אָלשאַװי.

א פאָלק װערט דערמאָרדעט — מאַרסעל יאַנקאָ

רצח עם — מארסל יאנקו

נחמיה וורמן

אוסטרובצה בשנות השואה

אבי היה יליד אוז׳נדוב ולפני המלחמה גרנו בקורוב. לאבי היה בית מסחר לספרים ומכשירי כתיבה. התמסר לעבודה צבורית וכיהן כיושב ראש המזרחי וחבר מועצת העיר, היהודי היחיד.

עם פרוץ המלחמה הפציצה האויריה הגרמנית, ב־8 בספטמבר 1939, את העיר קורוב ומן ההפצצה נפגעו בניני המשטרה, בית הכנסת ומרכז העיר שהיה מאוכלס יהודים, בעוד שהחלק המאוכלס פולנים לא נפגע.

עובדה זו עוררה חשד, כי מי שהוא מסר לגרמנים את תכנית העיר. אבי היפנה את תשומת לב המיליציה האזרחית נגד בעל התחנה „הפולקסדויטשה" אוהרליך. בחיפוש שנערך אצלו נמצאה תחנת שידור, הוא ובנו נעצרו ונמסרו לידי שלטונות הצבא — בהעדר כל מנגנון שיפוטי אחר בעיר. אוהרליך זה שוחרר עם בוא הגרמנים, ועם הופיעו בעיר הודיע, שעליו לחסל את וורמן.

לאור מצב זה החליט אבי להסתלק מהעיר יחד עם משפחתו ולשם טשטוש העקבות אמר לאנשים שמגמת פנינו למזרח. המשפחה נפרדה. אני ואחי פנינו לאוסטרוביץ — שם גר אחי אבי, ולעומת זאת אמי ושאר המשפחה פנו לאוז׳נדוב — מקום מגורי אחי. לדודי באוסטרוביץ היה בית מלאכה לפרוות — אצלו למדתי את המקצוע.

כשפרצה מגיפת הטיפוס בשנת 1941 נסגר הגיטו היהודי בו הצטופפו כ־16.000 יהודים. היציאה מהגיטו הותרה למשך שעתיים בלבד לקבלת מנת הלחם העלובה לפי כרטיסים.

דאָס לעבן אין שטאָט איז אָפּגעשטאָרבן. די געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. די דייטשן האָבן אָבער אַליין געעפנט די יידישע געשעפטן זיי באַרויבט און ווען זיי האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיטן יידישן האָב־און־גוטס, האָבן זיי אויך צעטיילט צווישן די פאָליאַקן.

אין שטאָט האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען פיל מיליטער. שפּעטער איז געקומען די דייטשע אַדמיניסטראַטיווע ציוויל־מאַכט.

אין חודש אָקטאָבער, איז געקומען די געסטאַפּאָ וועלכע איז באַשטאַנען פון 12 מאַן. זיי פלעגן זיך שטענדיק בייטן. נאָר צוויי פון זיי, פּעטער און ברונאָ, זענען געווען שטענדיקע. זיי האָבן מיט זייער אויסערגעוויינלעכע אכזריות אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף יעדן איינעם. מיט יידישע ענינים האָט אָנגעפירט אַ דייטש מיטן נאָמען טעסקאַ. איך געדענק אויך אַ געסטאַפּאָוועץ האָלוויג — ער האָט זייער גוט גערעדט פויליש. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען קאַרשטין, וואַגנער — און איינער וועלכן מען האָט גערופן „דער פרינץ”. עס זיינען אויך געווען צווישן זיי פאָלקס־דייטשן — איינער פון לאָדזש, מאַליצקי, און איינער פון וואַרשע, אָסטמאַן וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהייסן אָסטראָווסקי און געווען אַ באַקאַנטער ספּאָרטסמאַן. שפּעטער איז ער געהרגעט געוואָרן אין אָסטראָווצע דורך אַ פוילישע פּרוי פון פויזן.

פויזנער פאָלאַקן באַרויבן די יידן

אין סעפטעמבער איז געשאַפן געוואָרן דער יודנראַט. אין דעצעמבער האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אָסטראָווצע יידן פון אַנדערע שטעט, ווי לאָדז, פויזן, בכלל פון וואַרטעגאַל, ווייל אין אָסטראָווצע איז אין די ערשטע צייטן געווען עטוואָס רויקער ווי אין אַנדערע שטעט. עס זענען אויך געקומען אין שטאָט פאָליאַקן פון פויזן. אַ סאַך פון זיי האָבן שטאַרק פאַרפאָלגט די יידן. באַלד ביי זייער אָנקומען האָבן זיי צוגענומען ביי די יידן זייערע געשעפטן, און זענען דאָ רייך געוואָרן.

די פאָליאַקן פון פויזן האָבן אויך אַרויסגעטריבן די יידן פון זייערע דירות און אַליין זיי פאַרנומען. בכלל איז דאָס פּראָבלעם פון דירות געוואָרן שווער, ווייל אויסער יידן און פאָליאַקן זענען קיין אָסטראָווצע געקומען פיל רייכסדייטשן און פאָלקס־דייטשן, וואָס האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט ווי בעלי בתים.

די ווייטערדיקע טעטיקייט בעת דער אָקופּאַציע

באַזונדערס האָבן געליטן די ווייניק פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין רעזערוון פון פריער. זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו אויסערלעכער הילף. ביים יודנראַט האָט זיך געשאַפן אַן אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער הילף און נויטבאַדאַרפטיקע יידן האָבן אין די טויזנטער באַלאַגערט דעם יודנראַט.

דער יודנראַט האָט אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע געעפנט אַ פאָלקס־קיך אויף אילזשעצקע גאַס, ווו ס'איז ביז דער מלחמה געווען אַ „מזרחי־שול”. דאָרט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 2000 ביז

3000 מיטאָגן טעגלעך. די ערשטע צייט זענען די מיטאָגן געווען זייער גוטע און זעטיקע.

אַלע איינוווינער האָבן באַקומען שפּייז־קאַרטן, אויף וועלכע יעדער האָט אין דער ערשטער צייט באַקומען 400 גר. ברויט אַ טאָג אַ ביסל צוקער. פון צייט צו צייט אויך זייף. מיט דער צייט האָט מען צוגעטיילט נאָר ברויט, און די פּאַרציע איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ קלענער: צום ערשט 300 גראַם, שפּעטער 200 גר. ברויט אַ טאָג און אין מיטן 1940 האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט באַזאָרגן די יידישע באַפעלקערונג מיט שפּייז־פּראָדוקטן.

די אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכע הילף האָט זיך געמיט אַרויסצוגעבן דער אָרימער באַפעלקערונג פון צייט צו צייט צוקער, קאַרטאָפל, קוילן, קליידער, רפואות א.א.

אויסער די הילף פון יודנראַט האָבן זיך די פּליטים פון די פאַרשידענע שטעט אָרגאַניזירט אין אַזוי־גערופענע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אָסטראָוויצע וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די יידן פון זייערע שטעט. אַזוי זענען אַנטשטאַנען קיכן פון קאָנינער יידן, פון לאָדזשער יידן, וועלכע די פאַרמעגלעכע יידן פון יענע שטעט האָבן אויסגעהאַלטן אויף זייער חשבון.

אויך איז ביים יודנראַט אין די ערשטע חדשים געשאַפן געוואָרן אַן אַמבולאַטאָריום, ווו עס האָבן געאַרבעט דאָק־טוירים און אַנדערע מעדיצינישע פאַכלייט פרייוויליק און אומזיסט געגעבן מעדיצינישע הילף די אָרימע באַפעל־קערונג.

אין שפּיץ פון שפּיטאָל איז געשטאַנען ד״ר מאיער פון אָסטראָווצע. זייער פיל האָט מיטגעאַרבעט אַ מיטגליד פון יודנראַט, קופּערמאַן, וואָס האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם שפּיטאָל, איינשטאַטן און אָנפירן מיט אים. ער איז שפּעטער אַליין קראַנק געוואָרן אויף פלעקן טיפוס און געשטאָרבן.

עס האָט זיך געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון פרויען, צו העלפן די קראַנקע אין שפּיטאָל און אויסערן שפּיטאָל. איך האָב דאָרט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. דער פּרעזעס

אויסשרייב־צעטל פון יידישן שפּיטאָל

כרטיס־שחרור מבית החולים היהודי


Szpital [illegible]

w [illegible]

Liczba księgi głównej 234

KARTA WYPISOWA

P. Alman Dora był leczony w szpitalu

od dnia 20 VI. do dnia 2 VII 1940 r.

Ostrowiec dn. 13 XI 1940 r.

Dyrektor Szpitala

Wzór dr. szp. Nr. 17 — rozm. 148 X 210

Druk Z. Kaliszczak — Ostrowiec. 3[illegible]

פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען פרוי שטיין פון קראָקע. זי האָט איבערגעלאָזט איר שטוב מיט די קינדער אויף הפקר און מיט מסירת־נפש זיך איבערגעגעבן די נויטבאַדאַרפטיקע פון אָסטראָווצע. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין זאַמלען וועש און קליידער פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל, ווייל זיי זענען געלעגן אויף הוילע שטרוי אָדער שעניקעס. מיר האָבן געשאַפן געלט־מיטלען און איבערהויפּט עטלעכע צענדליק מיטאָגן טעגלעך. מיר האָבן אין דער אַרבעט אַריינגעצויגן פיל פרויען, באַזונדערס יינגערע. מיר האָבן אַלע זאַכן געקליבן ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך ברידערלעך אָפּגערופן. זיי האָבן געגעבן אייער, קוכן, צוקער, מילך, ציטרינען, א.א. די שפּייז פלעגן מיר געבן די קראַנקע, מיטן הסכם פון די דאָקטוירים. באַזונדערס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף די קראַנקע נאָכן קריזיס, בעת זייער צוריקקערן צום געזונט. בכלל איז די אַרבעט פון זאַמלען די מיטאָגן און זייער פאַנאַנדערטיילן געווען זייער גוט אָרגאַניזירט. מיר האָבן צעטיילט די שטאָט אין קוואַרטאַלן. די איינוווינער פון יעדן קוואַרטאַל האָבן אין געוויסע טעג געדאַרפט אויסטיילן די מיטאָגן וועלכע יונגע מיידלעך פלעגן צונויפזאַמלען און ברענגען אין שפּיטאָל. די רויע פּראָדוקטן האָבן מיר זעלבסט געקאָכט.

אין שפּיטאָל איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פאַר געווינעריגס. אויך זיי פלעגן מיר באַזאָרגן מיט פּראָדוקטן. די אַמבולאַטאָריע איז אַריבערגעטראַגן געוואָרן אין שפּיטאָל און הונדערטער יידן האָבן דאָרט באַקומען מעדיצינישע הילף ווי אויך רפואות. ביים שפּיטאָל איז אויך געווען אַן אַפּטייק, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט די פאַרמאַצעווטין מאַריאַ דיכטער.

די דייטשישע תליינים קומען אָן

אין יולי 1940 איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ דייטשע ס.א. אָפּטיילונג פון ראַדאָם. זיי האָבן געווילדעוועט, געשלאָגן יידן, און איינגעאָרדנט אַ פאָרמעלן פּאָגראָם. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ דאָנערשטיק, און דער טאָג איז פאַראייביקט געוואָרן אין אָסטראָווצע אונטער נאָמען „דער בלוטיקער דאָנערשטיק". פיל זענען נאָך דעם בלוטיקן טאָג געבליבן ליגן אין בעט אויף אַ לענגערע צייט.

ביי דער „געסטאַפּאָ" איז געווען אַ „ספּעציעלע אָפּטיילונג", בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דער דייטש ווייל ער. ער פלעגט אָנפאַלן אויף יידישע וווינונגען, דורכפירן רעוויזיעס, זוכן כלומרשט געווער און דערביי רויבן יידיש האָב און גוטס. אַזעלכע רעוויזיעס פלעגט ער דורכפירן על פי רוב אין דער באַגלייטונג פון זשאַנדאַרמען, ס.־ד. קרימינאַל־פּאָליציי א.א.

די פּוילישע פּאָליציי איז באַשטאַנען פון די זעלבע פּאָליציאַנטן וואָס זענען פאַר דער מלחמה געווען אין אָסטראָווצע. אייניקע האָבן זיך אויפגעפירט דערטרעגלעך און אייניקע זענען געווען ערגער פון די געסטאַפּאָ־לייט. באַזונדערס האָבן זיך איבער די יידן איזדעקעוועט קאָסטמאַרעק און באָמבעל פון פּויזן. זייער נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן אין שטאָט. זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער ס.ד. און זיך שטאַרק באַפריינדעט מיטן באַקאַנטן תלין פון די ס.ד. האַנס האָלצער, אַ פאָלקס־דייטש, וועלכער איז נאָך דער באַפרייונג פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן פּוילישן געריכט. האַנס האָלצער האָט אייגנהענטיק געהרגעט צענדליקער יידן.

דער טויט שפּאַצירט אין די גאַסן

ענדע מערץ 1941 איז אַרויס די פאַראָרדנונג וועגן שאַפן אַ יידישן געטאָ און דעם 12־טן אַפּריל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט וועגן טויט־שטראָף. אַזוי איז אין אויגוסט דערשאָסן געוואָרן איינער לעדערמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ שיין, אָבער ער האָט אים געהאַט פאַרגעסן מיטצונעמען. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס בעת מען האָט אים צוריק געבראַכט אין יידישן ראַיאָן האָט מען אַהין געבראַכט זיין שיין, האָט מען אים דאָך דערשאָסן.

בכלל איז דער פּעריאָד געווען רייך מיט טויט־שטראָפן. פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען געשאָסן. האָט מען ביי איינעם געפונען אַ שטיקל פלייש — האָט מען אים דערשאָסן (ווי באַוווסט האָבן די דייטשן פאַרבאָטן די יידן צו עסן פלייש); האָט מען וועמען געטראָפן אָן אַן אָרעמבאַנד — האָט מען אים דערשאָסן. אין דער זעלבער צייט איז געשען אַ פאַל, אַז איינער איז אַרויס פון שטוב, דורכגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט פאָלנע גאַס, וואָס האָט נישט געהערט צו יידישן ראַיאָן, און איז צוליב דעם דערשאָסן געוואָרן.

אין יידישן ראַיאָן איז די ענגשאַפט געווען זייער גרויס. עס זענען געווען פאַלן, ווו אין איין צימער זענען געווען מער ווי צען נפשות. איבערהויפּט האָבן זיך געשטיקט די אָרימע יידן. פּאָליאַקן האָבן געלייערט אויף די שענערע הייזער. אויף אילזשעצקע גאַס זענען 2 הייזער, נומ. 40 און 42, געווען באַוווינט דורך יידן. אָבער אַזוי ווי, לויט דער איינשטעלונג, זענען די הייזער געווען אויסערן ראַיאָן, האָבן פאַראינטערעסירטע פּאָליאַקן זיך באַמיט אַז מען זאָל די יידן פון דאָרט אַרויסשיקן. אַזוי איז אויך געווען אויף קאָשצעלנע גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, ווו עס איז געבליבן, ווי געזאָגט, אַ געמישטע באַפעלקערונג. די פּאָליאַקן, איבערהויפּט די נייגעקומענע פון פּויזן, האָבן די יידן פון דאָרט אַרויסגעיאָגט און אַליין פאַרנומען

זייערע וווינונגען. דער יקרות איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן און די לאַגע איז געוואָרן ערגער און ערגער. מען האָט זיך געפילט ווי אין אַ פאַרמאַכטן קאַסטן.

די נאכט־שחיטה

דעם 28־טן אפריל 1942 איז געווען אין אָסטראָווצע אַ יום צרה וחורבן. אַרום 5 אַזייגער אינדערפרי האָבן מיר דערהערט שיסערייען באַגלייט פון שרעקלעכע געשרייען און געוויינען.

אַרויסגיין אויפן גאַס האָט מען ניט געטאָרט. ווען מיר זענען שפּעטער אַרויס אין גאַס האָבן מיר זיך דערוווסט אַז ביינאַכט האָט דאָ געווילדעוועט די געסטאַפּאָ. כלומרשט אונטער דעם אויסרייד פון „אויסראָטן קאָמוניסטן” האָבן זיי אַרויסגענומען פון די בעטן זעקסאונדרייסיק יידן און אויף דער גאַס דערשאָסן. אַלע גאַסן זענען געווען באַפּאַרבט מיט בלוט. צווישן די דערשאָסענע זענען געווען 2 יונגע מיידלעך, וואָס דערהערנדיק די שיסעריי, זענען זיי אין די העמדער אַרויסגעלאָפן פון די הייזער און אויף די טרעפ האָט מען זיי דערשאָסן. אַזוי איז אויך דערשאָסן געוואָרן מיין ברודערס שוויגער־מוטער, ביילע צוקערפיין, אַ פרוי פון איבער 60 יאָר.

לויטן באַפעל פון דער מאַכט האָט די יידישע פאָליציי אַלע הרוגים אָפּגעפירט אויפן בית־עולם, זיי מקבר געווען אין אַ ברודער־קבר. אַלע יידן האָבן אָנטייל גענומען אין דער שרעקלעכער לויה און האָבן באַגלייט זייערע דערמאָרדעטע בני־עיר אויפן בית־עולם.

אין דער רציחה־נאַכט זענען אומגעבראַכט געוואָרן: ד״ר וואַכאָלדער, אַדוו. זייסעל, יאָסל מאַליניאַק, וויינבערגער, צוויי ברידער מינצבערג — זייער פרומע יידן, פאַנצער — מיטגליד פון יודנראַט, זיין ברודער מיט דריי זין, קאַצענעלבאָגען מיט צוויי זין, מאַיערטשיק מיט אַ זון און שוואָגער, גרינבערג, ד״ר גרינצווייג מיט א זון, זילבערמאַן, שטאָם, ביינערמאַן, וויגדאָראָוויטש א.א.

די מיטגלידער פון יודנראַט זענען געוואָרן אויפגעציטערט. אין דעם זעלבן בלוטיקן פרימאָרגן פון 28־טן אַפּריל האָט מען אַרעסטירט 42 מאַן און פאַרשפּאַרט אין אָרטיקן אַרעסט־הויז. דער יודנראַט האָט געזוכט מיטלען זיי צו בעפרייען. ביי טאָג האָבן די געסטאַפּאָווצעס געזאָגט אָפּן די שתדלנים, אַז דער גורל פון די אַרעסטירטע איז שוין באַשטימט און ער איז פיל ערגער פון די 36 געשאָסענע...

אין אַ טאָג אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מען האָט די לייט אַוועקגעפירט דורך קעלץ קיין אָשווענטשים. אין א קורצע צייט ארום האָבן איינִיקע משפּחות פון די אַרויסגעפירטע באַקומען פון דער דייטשער מאַכט אין אָשווענטשים אָפיציעלע געדרוקטע מעלדונגען, אַז זייערע נאָענטע זענען געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

אין די ערשטע טעג פון מאי האָט געטראָפן אַ בלוטיקער פאַל, וואָס האָט ווידער אַלעמען אויפגעטרייסלט. אין אַ פאָרצעליי געשעפט אויף מאַליסקע גאַס, וואָס האָט פריער געהערט צו איינעם גאָלדשטיין און דער לייטער איז איצט געווען קניאַווע, אַ פּאָליאַק פון פויזן, האָט געאַרבעט אַ 20־יאָריקער זון פון גאָלדשטיין. עס איז געשען אַ טעות אין אַ רעכענונג וואָס איז דערגאַנגען צו די ס.ד. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פאַראַנטוואָרטלעכער לייטער פון געשעפט איז געווען אַ פּאָליאַק, האָט דער תליין האָלצער דערשאָסן גאָלדשטיינען אין אָנוועזנהייט פון זיינע נאָענטע. האָלצער האָט געהייסן מקבר זיין דעם קרבן אויפן הויף ביים מיסט־קאַסטן...

אין יוני 1942 זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דער אויסזידלונג פון די יידן אין ראַדאָם. אין יולי זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן דער אויסזידלונג פון וואַרשע.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער אין וואַרשע, יעזשי קליינמאַן. איך פלעג מיט אים רעדן עטלעכע מאָל אין טאָג טעלעפאָניש און האָב געוווּסט וואָס דאָרט טוט זיך, און אויך וועגן די אויסזידלונגען אין וואַרשעווער געטאָ. מיין ברודער האָט מיך צוערשט פאַרזיכערט, אַז אים דראָט קיין געפאַר. אָבער ווען מען האָט גענומען זיין פרוי אויף אַרויסצופירן, איז ער געווען אויסער זיך. מיין ברודער האָט מיר דאַמאָלט באַפוילן, אַז איך זאָל מיט אַלע מעגלעכקייטן באַקומען אַרישע פאַפירן און אַוועק פון אָסטראָווצע, ווייל אין קעגנפאַל וועט מיך טרעפן דער זעלבער גורל.

אַ באַאַמטער פון מאַגיסטראַט, פלאָטווינסקי, האָט צוגעשטעלט קען־קאַרטן מיר, מיין שוועסטער, שוואָגער און שוועגערן. די עלטערן האָבן וועגן זיך ניט געטראַכט, זיי זענען געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט. צוערשט האָבן מיר זיך באַמיט צו פאַרזיכערן אונדזער שוועסטערס אַ קינד. אַ באַקאַנטע פוילישע פרוי האָט זי אַרויסגעפירט פון שטאָט. די יידן פון שטאָט האָבן געשפּירט ווי די כמאַרע באַדעקט וואָס ווייטער מער די הימלען פון אָסטראָווצע. ביי יעדן קלאַנג, און ביי יעדע ידיעה וועגן אָנקומען פון די דייטשן, זענען די אָסטראָווצער יידן געלאָפן זיך באַהאַלטן אין פאַרשידענע בונקערס און לעכער.

מיין מוטער איז געוואָרן קראַנק און האָט געהאַט 40 גראַד היץ. ניט געקוקט אויף איר שווערן צושטאַנד האָט זי מיך און מיין שוועסטער, דאָרע באומשטיין, אַרויסגעטריבן פון שטוב און געצווונגען פאַרלאָזן אָסטראָווצע. מיין שוועסטער איז אין די לעצטע טעג פון חודש יולי אוועק

אין וואַרשע און געהאָפט, אַז די פּוילישע פרוי וועט אַהינ־ברענגען איר קינד.

אין אָוונט בין איך געקומען אַהיים, נאָכדעם ווי איך האָב דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט אין שפּיטאָל ביי דער אַקציע פון הילף פאַר קראַנקע. מיין מוטער האָט שוין געהאַט פאַר מיר צוגעגרייט אַ פּעקל אויפן וועג, און אַ באַן־בילעט קיין וואַרשע. פאַרן הויז איז שוין געשטאַנען אַ דראָזשקע. מיין מוטער האָט מיך איבערגעטאָן, כדי איך זאָל וואָס ווייניקער ענלעך זיין צו זיך.

איך אנטלויף קיין ווארשע

מיין פאָטער איז נאָך געווען גאָר יונג. ער איז אַלט געווען 54 יאָר. ער איז אָבער געווען אַזוי פאַרשטיינערט, אַז ער האָט זיך מיט מיר ניט געקענט געזעגענען. מיין מוטער איז אַרומגעלאָפן מיט פערציק גראַד היץ און „געמאַלעוועט" מיין פּנים, אָנגעטאָן מיך און צוגעיאָגט אַז איך זאָל וואָס גיכער פאָרן. זי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך האַלטן מוטיק, און ניט פאַרלירן זיך...

מיין פאָטער האָט מיר אַריינגעשטעקט 2000 זלאָטעס אין טאַש. מיין ברודער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אינ־גאַנצן פאַרשוואַרצט פון די קוילן, ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט.

מיין שוואָגער, בער באומשטיין, האָט מיט זיינע פאַרוויינטע אויגן ביי מיר געבעטן רחמים, אַז איך זאָל אַכטונג געבן אויף זיין פרוי, מיין שוועסטער, און זיין קינד. איך האָב זיך באמת ניט אָפּגעגעבן קיין גענויען חשבון וואָס מיט מיר טוט זיך אין דעם מאָמענט. איך האָב געקוקט אין שפּיגל און געלאַכט פון מיין אויסזען, ווייל איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו מיר.

איך בין אַרויס פון שטוב, געזעצט זיך אין דער „דראָזשקע" און אָוועקגעפאָרן. 8.30 אָוונט איז אָפּגע־גאַנגען מיין צוג. מאָרגן פרי, דעם 29־טן יולי, בין איך געקומען קיין וואַרשע. איך בין אַוועק אין אַ האָטעל אויף ווידאַק 9, און געזאָגט, אַז איך בין געקומען צו אַ דאָקטאָר און וויל דאָ פאַרבלייבן איניקע טעג.

פון וואַרשע האָב איך גלייך טעלעפאָנירט קיין אָסטראָווצע צו באַקאַנטע פּאַליאַקן, אונדזערע שכנים, וואָס האָבן אַרויסגעפירט מיין פלימעניצע. איך האָב פאַר מיין אַרויס־פאָרן זיך אָפּגערעדט, אַז איך וועל זיי פון וואַרשע טעלע־פאָנירן — גראַטולירן זיי, כלומרשט צום יאָרטאָג פון זייער חתונה. זיי האָבן איבערגעגעבן מיינע עלטערן אַז איך בין בשלום אָנגעקומען קיין וואַרשע, כדי זיי צו באַרויקן.

איך בין אַוועק זוכן מיין שוועסטער און האָב זיך דערוווסט, אַז זי איז „באַשעפטיקט" אַלס דינסט ביי אַ פּוילישע פרוי.

אין איניקע טעג אַרום האָט מיר אונדזער שכנה פון אָסטראָווצע געבראַכט מיין 4־יאָריקע פלימעניצע.

די שכנה, וואָס האָט געבראַכט דאָס קינד, איז געווען אַ פרוי פון אַ בוכהענדלער פון פויזן, וויליאַך קאַרל. ער איז געקומען פון פויזן אין 1941, און געוואָלט ביי אונדז צונעמען אונדזער גרויס בוכגעשעפט. איך האָב מיט אים גערעדט, און אויף אים געווירקט אַז ער זאָל דאָס ניט טון. שפּעטער האָט ער זיך מיט אונדז באַפריינדעט און ער און זיין פרוי, קאַזשימעראַ, זענען געוואָרן אונדזערע גוטע שכנים, וואָס האָבן אונדז פיל טובות געטאָן.

שפּעטער האָט ער איבערגענומען אונדזער בוכגעשעפט מיט אונדזער הסכמה. ער האָט צו יענער צייט אויך געהאַט נאָך אַ געשעפט און איז געוואָרן דער אינהאָבער פון צוויי געשעפטן, וועלכע ער האָט פאַראייניקט צו איין גרויס געשעפט.

שפּעטער האָט זיך מיין שוועסטער מיט איר קינד איינגעגעבן אַרויסצופאָרן קיין סקאַווינא היינטער קראָקאָוו. און איך האָב פאַרלאָרן יעדער פאַרבינדונג מיט זיי.

מיט די עלטערן פלעג איך זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש דורך די שכנים וויליאַך. אָפּזייענדיק צוויי וואָכן אין האָטעל, האָב איך זיך געמוזט איבערטראַגן אין אַן אַנדער האָטעל. קיין זאַכן האָב איך מיט זיך ניט מיטגענומען ווען איך בין אַרויסגעפאָרן, און מיינע שכנים וויליאַך, קומענ־דיק קיין וואַרשע, פלעגן מיר ברענגען זאַכן פון שטוב.

בעת מיין שוועסטער האָט געדינט אַלס דינסט אין וואַרשע, איז איר טאָכטערל געווען מיט מיר אין האָטעל. דעם 20־טן אויגוסט 1942, איז די געגנט וווּ איך האָב געוווינט אין האָטעל, געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט דורך די סאָוועטן. דאָס קינד איז געווען זייער דערשראָקן און דענערווירט און האָט באַקומען אַ נערוון־שאָק.

מיינע איבערלעבענישן אין וואַרשע

נאָכן אָוועקפאָרן פון מיין שוועסטער מיט איר טעכטערל, האָב איך באַשלאָסן פאַר יעדע פּרייז געפינען אַ פּריוואַט־וווינונג. איך האָב מיינער אַ באַקאַנטער משומדת פון פאַר דער מלחמה, אָוועקגעגעבן מיין קענקאַרטע, אַז זי זאָל מיר דורך איר אַ באַקאַנטן באַאַמטן איינמעלדן. און גראַדע זענען אין יענער צייט געקומען אין האָטעל געסטאַפּאָ־לייט, דורכפירן אַ רעוויזיע. איך האָב דאַן ניט געהאַט קיין דאָקומענטן און זיי האָבן מיך געוואָלט נעמען אין געסטאַפּאָ, נאָר עפּעס טאַקע על פי נס האָבן זיי פאַרגעסן אָן מיר, ווען זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אַנדערע איינ־וווינער פון האָטעל, און האָבן מיך איבערגעלאָזט.

מאָרגן אינדערפרי בין איך אַוועק פון האָטעל. איך האָב זיך איינגעאָרדנט צייטווייליק, בלויז אויף איין חודש, ביי אַ באַקאַנטער פון דער משומדת, אויף מאָקאָטאָווסקא 73. איך האָב געציילט די טעג, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז נאָך אַ חודש אַרום מוז איך פון דאָרט אַוועק.

אין די לעצטע טעג האָט מיר מיין באַלעבאָסטע געזאָגט אַז זי דערקענט אַז איך בין אַ ייִדין און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל גלייך פון איר אַוועק. איך בין געבליבן דאָרט ביזן סוף חודש. דעם 1־טן אָקטאָבער 1942 האָט מיר מיין באַקאַנטע געפונען אַ שטענדיקע דירה אויף קאָשיקאָווע 37. איך האָב געוווינט מיט מיין באַלעבאָסטע זשולקאָווסקא אין איין דורכגאַנגס־צימער און איר געצאָלט 150 זלאָטעס אַ חודש. זי האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִדישע. זי איז געווען זייער אַ גוטע פרוי אָבער זי האָט געלעבט אין שטענדיקן פחד.

נאָך דער ערשטער נאַכט, האָט זי זיך דערשראָקן און געמאָלדן, אַז זי קען מיך מער ניט האַלטן, ווייל בשכנות האָט געוווינט אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פריער געאַרבעט אין ס.ד.

איך האָב אָבער ניט געהאַט וווּהין צו גיין. לבסוף האָט מיין באַלעבאָסטע מסכים געווען, אַז איך זאָל ביי איר בלייבן, ווייל איך האָב דאָך געהאַט אַ גוטן דאָקומענט אויפן נאָמען העלענאַ קאַוועצקאַ, געבוירן אין סוואַלק.

מיין באַלעבאָסטע זשולקאָווסקאַ איז געווען זייער אָרעם. איך האָב באַשלאָסן צו באַקן פאַר איר בולקעס צום פאַרקויפן. מיר איז געווען גוט וואָס זי האָט געוווּסט אַז איך בין אַ ייִדישע, און האָב זיך ניט געדאַרפט מאַסקירן. אויך האָב איך זיך ניט געדאַרפט היטן פאַר דעם געוועזענעם ס.ד.־מאַן. ער האָט געזען אַז איך באַק און אַרבעט און פון דעם לעבן מיר. איך האָב געבאַקט ביינאַכט.

מיינע שכנים ווילאַך פון אָסטראָווצע פלעגן מיר ברענגען פון צייט צו צייט פון די עלטערן פּאַקעטן מיט שפּייז, וועש, קליידער, בעטצייג און געלט. און דורך זיי האָב איך שטענדיק געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין אָסטראָווצע. איך האָב זיך דערוווּסט אַז מיין פאַטער האָט אין סעפּטעמבער פאַרלוירן זיין אַרבעטס פּלאַץ אין דער ציגל־פאַבריק, ווייל מען האָט דאָרט איבערגעלאָזט בלויז יונגע ביז 35 יאָר אַלט. אויך האָב איך זיך דורך זיי דערוווּסט, אַז מיין ברודער יעזשי קליימאַן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע. מיינע עלטערן זענען געווען אינגאַנצן פאַרצווייפלט און האָבן אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיך. זיי האָבן בלויז געווירקט אויף מיין שוואָגער בער באומשטיין, אַז ער זאָל זיך באַזאָרגן מיט אַרישע פּאַפּירן און אַוועק פון אָסטראָווצע.

אין גאַס פלעג איך אַרויסגיין זעלטן. איך האָב ביז דער מלחמה שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, און געהאַט באַקאַנטע סטודענטן. איך האָב מורא געהאַט צו באַגעגענען וועמען ניט איז אין גאַס. איך פלעג אַרויסגיין אין גאַס בלויז איינצוקויפן אָדער נעמען אַ בוך צום לייענען.

דעם 28־טן נאָוועמבער 1942 פאַרנאַכט בין איך אַוועק אויפן וואָקזאַל באַגעגענען ווילאַכן, וועלכער האָט מיר געזאָלט ברענגען אַ וואַרעמען מאַנטל פון אָסטראָווצע.

אַ פּוילישע פרוי דערקענט מיך

אַ פּוילישע פרוי פון אָסטראָווצע, ראַשאָקאָוואַ, האָט מיך באַמערקט און באַלד האָבן מיך אויף די יעראָזאַלימסקע אַלעיען אָנגעיאָגט צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן, מיך לעגיטימירט, צוגענומען מיין קענקאַרטע און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אַנטקעגן וואָקזאַל.

דער נאַטשאַלניק פון קאָמיסאַריאַט האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער גוט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די אומאַנגענעמלעכקייטן, וועלכע ער האָט מיר פאַרשאַפט, און זיך פאַרענטפערט אַז דאָס איז זייער אַן אומאַנגענעמער פליכט, וואָס ער מוז אויספירן אין פאַל פון אַ מסירה. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זיכער אַז איך בין גישט קיין ייִדין. ער האָט מיר אומגעקערט די קענטקאַרטע, נאָר אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען איינער פון די פּאָליציאַנטן וואָס האָט מיך אַרעסטירט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה... דער נאַטשאַלניק האָט מער מיט מיר ניט גערעדט. ער האָט אַריינגערופן אַ פּאָליציאַנט מיטן נאָמען מענדעראָווסקי. יענער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער צימער, און מיך עקזאַמינירט אויף „רעליגיע“, וואָס האָט זיך מיר גוט איינגעגעבן, טראָץ וואָס איך האָב ווייניק געקענט די „מאָדליטוועס“ און ניט געוווּסט דעם סדר ווי זיי ווערן געזאָגט אין דער קירכע. ער האָט מיר דאַן געראַטן, אַז איך זאָל זיך בעסער מודה זיין, ווייל אין קעגנפאַל וועט ער מיר שיקן קיין אָסטראָווצע. איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן. לסוף האָט מיך מענדעראָווסקע געפרעגט, צי האָב איך מיט זיך וואַרטזאַכן. דאָס וואָס ער פרעגט זיך נאָך אויף ווערט זאַכן האָט מיך אַ ביסל באַרויקט. איך האָב אים געזאָגט אַז איך וואָלט זיך לאָזן קאָסטן געלט פאַר אָפּפירן אַהיים, ווייל עס איז געווען נאָך דער צייט, ווען מען האָט געמעגט אַרומגיין איבער די גאַסן. אַזוי ווי איך וויל ניט, אַז מיין באַלעבאָסטע זאָל מיר חושד זיין, אַז איך פיר מיך אויף שלעכט און וועל אויף נאַכט אַהיים ניט קומען. האָב איך אים פאָרגעלייגט קומענדיק אַהיים צו געבן געלט. ער האָט צוערשט געבעטן 1000 זל. און צום סוף איינגעגאַנגען אויף 500 גילדן. ער האָט מיר אומגעקערט מיין קענקאַרטע, מיר געגעבן אַ פּאָליציאַנט אָפּצופירן אַהיים מיט דעם באַדינג,

אַז איך זאָל אים אין שטוב געבן די 500 זלאָטעס. אויפן וועג האָט מיין באַגלייטער־פּאָליציאַנט פאַרלאַנגט נאָך 200 גילדן פאַרן באַגלייטן מיך. איך האָב געפרעגט מיין באַגלייטער, אויב איצט, אַז זיי וויסן מיין אַדרעס, וועלן זיי מיר ווייטער ניט מאַטערן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען זיין אינגאַנצן רויק, און אויב מיר וועט עפּעס טרעפן, זאָל איך פאַררופן זיך אויף זיי און זיי וועלן מיר העלפן אָן געלט.

איך בין געקומען אַהיים. דער פּאָליציאַנט האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף די טרעפּ, איך האָב אים אַרויסגעטראָגן 700 גילדן און געווען שטאַרק צופרידן, און גלייכצייטיק שטאַרק אומרויק, פאַר מיין ווייטערדיקן גורל.

אין נאָוועמבער 1942 האָב איך זיך צופעליק דער־וווּסט וועגן מיין שוואָגער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער שרעקלעכער נאַכט פון 9־טן אויף דעם 10־טן אָקטאָבער 1942, איז ער אַנטלאָפן פון אָסטראָווצע קיין ראַדאָם אויף אַרישע פּאַפּירן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע און געפערלעכער טאַט און עס האָט זיך באמת געפאָדערט גרויס געוואַגטקייט און געשיקטקייט, כדי אַרויסצוקריגן זיך פון די דייטשע הענט. אין ראַדאָם האָט מיין שוואָגער געאַרבעט, אָבער מען האָט אים דאָרט שאַנטאַזשירט, און ער איז געווען געצוווּנגען אַנטלויפן אין וואַרשע.

מיין שוואָגער האָט געוווינט אויף לעשטשינסקע גאַס 5, און איז געווען אין קאָנטאַקט מיט אונדזער אַ באַקאַנטער צאָן־אַרצטין וועלכע איך האָב איינמאָל צופעליק באַגעגנט אויפן פּאָסט און זי האָט מיר דערציילט פון מיין שוואָגער. איך בין געווען איבערגליקלעך. פון מיין שוואָגער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין שוועסטער מיטן קינד זיינען נאָך אין סקאַווין, ביי קראָקע, אָבער זי קען דאָרט מער ניט פאַרבלייבן: ס'איז געפאַלן אויף איר אַ חשד, ווייל זי פאַרברייגגט אַזוי שפּעט אויף „זומער־וווינונג", און מען האָט זי געמוזט פאַר יעדער פּרייז פון דאָרט אַרויס־נעמען.

מיין שוואָגער האָט ענדע נאָוועמבער 1942, געעפנט אַ דענטיסטישע לאַבאָראַטאָריע אויף ניעמצעוויטש 9. ער האָט דאָרט געדונגען 2 צימערן. אַ דאַנק זיין באַקאַנטער צאָן־אַרצטין וואַלעריאַ מאַיער האָט ער געבראַכט זיין פרוי מיטן קינד פון סקאַווין קיין וואַרשע. אַ קורצע צייט האָט מיין שוועסטער געוווינט אין לאַבאָראַטאָריע, דאָרט איז אָבער געווען שרעקלעך קאַלט און דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן. מיין שוואָגער האָט דאַמאָלט געפּועלט ביי זיין באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל איבערגעבן זיין צימער דער פרוי מיטן קינד, אויף וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז זי איז זיינע אַ באַקאַנטע, און ער האָט זיך מיטן פּלי־מעניק איבערגעטראָגן אין לאַבאָראַטאָריע.

איך בין געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מיין ברודער, וואָס איז פאַרבליבן אין אָסטראָווצע און געאַרבעט אין אייזנפאַבריק. דורך באַקאַנטע פּיאַסעצקי, שיפּינסקי, און גרעלעצקי, וואָס האָבן אויך געאַרבעט אין דער פאַבריק, פלעג איך פון אים באַקומען בריף, פון צייט צו צייט אַ ביסל געלט, עסן, אַ זומער מאַנטל און שטיוול. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער ליידט גרויס נויט, און אַז די פירמעס, ווו מיינע עלטערן האָבן איבערגעגעבן סחורה מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן אויסצאָלן מיין ברודער, גיבן אים קיין זאַך ניט און ווען ער ווענדעט זיך צו זיי זאָגן זיי אים, אַז זאָל זיך אים דאַכטן אַז די דייטשן האָבן אַלעס צוגענומען.

אָנהויב פעברואַר 1943 האָב איך באַקומען פון מיין ברודער אַ בריף, אַז אין מערץ 1943 וועט מען אַלע יידן, וואָס אַרבעטן אין דער אייזנפאַבריק, אַריינטרייבן אין באַזונדערע באַראַקן און אין גאַנצן איזאָלירן פון דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט אויך געשריבן אַז ער קען זיך פאַרשאַפן אַרישע פּאַפּירן און וויל קומען קיין וואַרשע.

מיין ברודער קומט קיין וואַרשע

סוף מערץ איז ער געקומען אין וואַרשע. זיין לאַגע איז אָבער געווען זייער אַ שלעכטע, ווייל ער האָט געהאַט אַן עכט יידישן אויסזען.

עס איז אוממעגלעך געווען צו געפינען פאַר אים אַ דירה. ער האָט זיך געמאַטערט, אַרומגעוואַלגערט, געווען באַהאַלטן אין אַ קעמערל א.א.וו. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דער צווייטער העלפט אַפּריל 1943, ווען מיר האָט זיך איינגעגעבן ביי מיינער אַ באַקאַנטער שול־חברטע צו באַקומען פאַר אים אַ דירה אין מילאַנוּוועק, הינטער וואַרשע.

דער אויפשטאַנד אין געטאָ

וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר זיך באַלד דערוווּסט, ווייל אין שטאָט האָט מען פון דער געשעעניש גערעדט זייער פיל. אייניקע באַקאַנטע יידן, וואָס האָבן געוווינט אויסערן געטאָ אויף אַרישע פּאַפּירן, האָבן געהאַט פריינט אין געטאָ, און פלעגן פון צייט צו צייט אַריין אין געטאָ האָבן דערציילט, אַז אין געטאָ איז רויק און שטיל. אייניקע באַקאַנטע זענען אַפילו אויף פּורים 1943 געגאַנגען אין געטאָ צו זייערע נאָענטע. נאַטירלעך, איז דאָס גיין אין געטאָ און דאָס צוריק קומען געווען ניט פון די לייכטע זאַכן, אָבער ס'איז נישט געווען גענצלעך אוממעגלעך.

צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק,

אַז אין געטאָ איז רויק, זענען מיר געווען איבערראַשט, ווען מיר האָבן דערהערט וועגן דעם אויפשטאַנד. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז יידן האָבן געווער, אַז זיי שלאָגן זיך העלדיש, און אַז אין ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד זענען געפאַלן פיל דייטשן. מיר האָבן געזען פלאַמען פון ברענענדיקן געטאָ. מיר האָבן געזען גאַנצע עסקאַדרעס עראָפּלאַנען, וואָס פליען איבערן געטאָ. פעדערן פון געטאָ זענען פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן דורכן ווינט איבער דער גאַנצער שטאָט.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז יידן — מענער, פרויען און קינדער — אַנטלויפן פון געטאָ דורך דער קאַנאַליזאַציע, און אַז, צום באַדויערן, פאַלט דער גרעסטער טייל פון די אומגליקלעכע יידן אַריין, בעתן אַרויסגיין פון די קאַנאַלן, אין די הענט פון די דייטשן, פּוילישע פּאָליציי אָדער שאַנטאַזשיסטן.

איך האָב זעלבסט געזען, ווי אַ יידיש בחורל איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאָליציאַנט אין טראַמוויי. איך האָב אויך געזען, ווי צוויי יידישע יינגלעך מיט פּעקלעך אין די הענט זענען אויף שווענטאַ־קזשיסקאַ גאַס געוואָרן אַרומגערינגלט דורך פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן זיי אַוועקגעפירט.

די הויז־דינערין פון אונדזער וווינונג האָט אונדז אויך דערציילט, ווי שלעכטע שכנים האָבן אַרויסגעגבן דער פּאָליציי די אינהאַבערן פון הויז סאַסקע 28 מיט אַ זון און אייניקל, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע און זיך באַהאַלטן אין איר וווינונג.

די באַציונג פון די פּאָליאַקן צום אויפשטאַנד איז געווען אַ פאַרשידענע. עס האָבן זיך דאָ און דאָרט געהערט מיינונגען פון אַנערקענונג פאַר דער יידישער העלדישקייט, אָבער מערסטן טייל האָבן די פּאָליאַקן אָפּגעלאַכט, ווי „מאַשעק און ישראל׳יק" וואָס האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט דינען אין מיליטער, האָבן זיך גענומען צום געווער. עס האָבן זיך אויך געהערט פאָרווורפן קעגן די פּאָליאַקן, וואָס העלפן יידן.

אַ פרוי מיטן נאָמען פּאַיטאָוואַ פון סאָכנעצקע גאַס 17 האָט מיר דערציילט, אַז בעת אַ לעקציע פון רעליגיע אין אַ פּאָלקס שול האָט אַ שילער פון אַ העכערע קלאַס געפרעגט דעם לערער — אַ גלח — צי טוען די דייטשן גוט דערמיט, וואָס זיי מאָרדן אויס די יידן.

דער גלח האָט נאָך אַ קורצן פאַרטראַכטן זיך, געענטפערט, „יאָ", מאָטיווירנדיק דערמיט, אַז ווען דאָס וואָלט געווען ניט גוט, וואָלט גאָט אויף דעם ניט דערלויבט...

מיר, יידן, וואָס זענען געווען אויף דער אַרישער זייט, זענען געווען זייער דערשלאָגן און דערשיטערט.

די דייטשן פלעגן איינאָרדנען בלאָקאַדן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען זוכנדיק יידן. פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַלטן ביי זיך יידן, האָבן זיי אָנגעהויבן טרייבן פון זייערע דירות. אויך מיין באַלעבאָסטע האָט מיך געהייסן פאַרלאָזן די דירה. איך האָב אָבער ניט געהאַט וווּהין צו גיין, און האָב איר פאַרזיכערט, אַז אויב מען וועט מיך כאַפּן, וועל איך זאָגן, אַז איך בין אַליין געקומען, אַז זי ווייסט ניט דערפון אַז איך בין אַ יידין. מיין באַלעבאָסטע האָט מיר אָבער ניט געלאָזן רוען. זי פלעגט מיך שטענדיק שרעקן: אָט גייען דייטשן, אָט זוכט מען, אַז עס עפנט זיך דער טויער ביינאַכט — דאָס אַלעס כדי מיך צו צווינגען צו פאַרלאָזן מיין וווינונג. איך האָט געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך זוך אַ דירה, און צוליב דעם בין איך אַרומגעגאַנגען און אַרומגעוואַנדערט גאַנצע טעג. איינמאָל האָט זי מיר איראָניש געזאָגט, אַז ווי ס׳שיינט, פיל איך זיך גוט ביי איר און וויל פון איר ניט אַוועקגיין.

אויך מיין שוועסטער מיט איר קינד האָבן פאַרלוירן זייער דירה. די שוועסטער האָט געמוזט אָננעמען אַ שטעלע פון אַ דינסט און דאָס קינד האָט מען אַרויסגעפירט פון וואַרשע. די פּאָליאַקן האָבן בכונה פאַרשפּרייט פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן יידן, כדי זיי צווינגען צו אַנטלויפן. פיל פּאָליאַקן, צווישן זיי אויך באַקאַנטע און „פריינט". ביי וועלכע יידן האָבן באַהאַלטן ווערטפולע זאַכן, האָבן איבערגעגעבן פיל יידן אין דייטשישע הענט, כדי זיי אָפּצוירשענען.

די יידן זענען געלאָפן פון וואַרשע און אויפן וועג זענען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּוילישע רוצחים. די פּאָליאַקן האָבן אין זייער אַ גרויסן טייל זעלבסט פאַר־

געטאָ־קינדער צייכנען

ילדי הגיטו מציירים



ניכטעט יידן, אָדער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן, אָדער פון דער פּאָליציי.

דער געטאָ ברענט

דעם 12־טן און 13־טן מאַי 1943, איז וואַרשע געוואָרן שטאַרק באָמבאַדירט. שכנותדיקע הייזער זענען צושטערט געוואָרן און אויך דאָס הויז ווו איך האָב געוווינט, קאָשיקאַווע 27, איז שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. מיין ברודער האָט זיך דערפון דערוווּסט און געפּועלט ביי זיין באַלעבאָסטע, מיין חברטע אירענאַ מירקאָווסקאַ, אַז זי זאָל מיך אויפנעמען אין מאַלינאָווסק. זי איז געקומען צופאָרן נאָך מיר, און דעם 15 מאַי, גייענדיק צום באַנהויף, בין איך אַריין אין קאַפע־הויז פון פוקס אויף פּעלטראָווע גאַס קויפן צוקערקעס פאַר מיין חברטעס קינדער. עס איז גראָד דאָרט פאָרגעקומען אַן אָבלאַווע און מען האָט מיך אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אויפן פּאַוויאַק, צוזאַמען מיט נאָך 117 אַנדערע לייט.

אויפן פּאַוויאַק האָב איך זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פּוילישע פרוי. מען האָט מיך דאָרט אָפּגעהאַלטן 24 שעה. איך האָב געמוזט אָפּגעבן מיין זייגערל, אַ מעדאַליאָן, אַ פינגערל, איינציקע זלאָטעס — אַלעס וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט.

מען האָט מיך אָפּגעפירט אין אָפּטיילונג פאַר פרויען. דאָרט האָט מען מיך אויסגעטאָן נאַקעט און דורכגעפירט אַ רעוויזיע. אין מיין צעלע זענען געווען 24 פרויען.

נאָכן פאַרשליסן מיר איז אַריין אין צעלע אַ פאָלקס־דייטשקע, וואָס האָט געפרעגט אין פּויליש, צי איז נישטאָ צווישן אונדז קיין יידישע פרויען. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געהערט שיסערייען. דאָס פענצטער איז געווען אָפן און דער רויך וואָס איז אַריין דורכן פענצטער האָט אונדז געשטיקט. דאָס האָט אין יענער נאַכט געברענט די געטאָ. דורכן פענצטער האָב איך בייטאָג געהערט ווי יידישע קינדער וואָס האָבן גערעדט יידיש, שפּילן זיך אויפן הויף. דאָס זענען געווען קינדער פון יידישע עלטערן, וואָס זענען געווען אַרעסטירט אין פּאַוויאַק. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט אונדז.

די וועכטערין, וואָס האָט אונדז דערלאַנגט ברויט האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן מן הסתם ווערן צוגעטיילט צו אַ טראַנספּאָרט קיין מאַידאַנעק. זי האָב צוגעגעבן, אַז אין דריי טעג אַרום וועט מען אונדז דערלויבן שרייבן צו אונדזערע נאָענטע און בעטן שיקן אַ צודעק און שפּייז. מיר זענען געזעסן אין צעלע אינגאַנצן נאַקעט, ווייל מען האָט ביי אונדז צוגענומען די בגדים מיטן אויסרייד, אַז מען נעמט זיי אויף דיזנפּעקציע.

נאָך דער שרעקלעכער נאַכט האָט מען אונדז נאַקעטע אַוועקגעפירט אויף אַ מעדיציניִשער אונטערזוכונג און אין באָד. פון באָד האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין קליידער צימער, געהייסן זיך אָנטאָן, אַרויס אויפן קאָרידאָר און שנעל זיך אויסשטעלן אין רייען. דאָרט האָבן אונדז אָפּגעוואַרט די זעלבע געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן אונדז פאַרהאַלטן אין קאַפע־הויז. זיי האָבן אונדז אין געשלאָסענע רייען אַוועקגעפירט אויפן פּלאַץ פּאַוויאַק, דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַלע מענער וועלכע זענען צוזאַמען מיט אונדז אַרעסטירט געוואָרן.

ביים אַרויסגאַנג פון סעקרעטאַריאַט איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן ביי 10 געשטאַפּאָ־לייט און צווישן זיי אַן עלעגאַנטע איבערזעצערין. אַלע זענען זיי געווען זייער אויפגעלייגט און פרייליך. מיר זענען דאָרט אַזוי געשטאַנען פון האַלב צען פרי ביז 4 נ.מ., ניט־וויסנדיק, וואָס עס דערוואַרט אונדז. עס איז געווען זייער אַ קאַלטער טאָג. אַרום האָבן זיך געהערט שיסערייען. פון וואַרטעטורעם האָט די וואַך אַלע ווײַלע געשאָסן אין אַלע ריכטונגען. מיר האָבן אויך געוואַרט אַז מען זאָל אונדז דערשיסן. לינקס זענען געווען גריבער אָנגעפילט מיט געלאָשענעם קאַלך. פון אַ תפיסה־בנין רעכטס האָט דורך אַ פענצטער אַרויסגעקוקט אַ מאַן אין אַ ווייסן כאַלאַט. איך האָב צוערשט געמיינט אַז דאָס איז אַ דאָקטאָר. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ קונסט־מאַלער, וועלכער האָט דאָ געמאָלט פאַרשיידענע אָביעקטן. דער איבערזעצער וואָס איז געווען מיט די געשטאַפּאָ־לייט אין קאַפע־הויז, האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט און איז געווען זייער העפליך. ער האָט אַפילו

געטאָ קינדער צייכנען — ילדי גיטו מציירים



דערלויבט אַן עלטערן מאַן און אַ פרוי מיט קראַנקע פיס צו זעצן זיך אויף אַ באַנק. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר קערן זיך אום צו אונדזערע היימען, אַז די געשטאַפּאָ וויס, אַז מיר זענען אָרנטלעכע לייט, און אַז ס'זענען פאַרהאַלטן געוואָרן בלויז 11 מאַן — באַנדיטן.

אין אַ שעה אַרום האָט מען אָנגעהויבן אויסרופן די נעמען — צוערשט פון די מענער און שפּעטער פון די פרויען. בעתן צוגיין צום טיש, האָט מען אונדז פון אַלע זייטן פאָטאָגראַפירט.

אייניקע האָט מען ביים טיש פאַרהאַלטן לענגער, אויספרעגענדיק פאַרשיידענע זאַכן. לסוף האָט מען אומ־געקערט די קענקאַרטעס און געהייסן אומקערן זיך אַהיים. מיך האָט מען גאָרניט געפרעגט, מען האָט מיר בלויז פאָטאָגראַפירט און אומגעקערט די קענקאַרטע. דער איבערזעצער האָט מיך געפרעגט, צי האָב איך ניט קיין פאָטער און ברודער אין פּאַוויאַק מיטן נאָמען קאָוועצקי. דער נאָך איז אַרויס פון פּאַוויאַק אַ מאַן, וואָס האָט ביי אונדז בעתן אַריינקומען אין תפיסה צוגענומען אונדזערע ווערט־זאַכן.

מ'האָט אונדז געפרעגט, צי וועלן מיר דערציילן אין שטאָט, אַז מען האָט אונדז דאָ שלעכט באַהאַנדלט. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז מ'האָט אונדז דאָ געמאַכט אַ באַד, ווייל אין גאַנץ וואַרשע פונקציאָנירט נישט די וואַסער אינסטאַלאַציע.

צום סוף האָט אַ געשטאַפּאָ־מאַן געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע, זאָגנדיק אַז זיי טון קיין שלעכטס אַנשטענדיקע מענטשן, זיי זוכן בלויז פאַרברעכער און באַנדיטן, און דאָס קענען מיר פריי דערציילן אין שטאָט.

באַלד זענען אָנגעפאָרן אָפענע לאַסט־אויטאָס און אונדז אַרויסגעפירט פון פּאַוויאַק, פאָרנדיק דורך די נאַלעווקעס און קראַשינסקיס גאָרטן. מיר האָבן זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז מיר זענען פריי.

ווען איך האָב געזאָלט דעם 15־טן מאי פאָרן מיט מיין חברטע קיין מילאַנוּוועק האָב איך מיטגענומען מיין פּלי־מעניצע (מיין שוועסטערס טאָכטערל), וועלכע איז ביז דאַן געווען אויסבאַהאַלטן מיט מיין שוועסטער ביי אַ פוילישע פרוי. די לעצטע האָט מורא געהאַט זיי לענגער צו האַלטן און מען האָט געמוזט דאָס קינד אַרויספירן פון דאָרט. בעת איך בין געוואָרן פאַרהאַלטן אין קאַפע־הויז פון פוקס דורך די געשטאַפּאָ, האָט מיין חברטע אָוועקגע־פירט די 5־יאָריקע בינע (דעמאָלט האָט זי געהייסן זאָשע) צו זיך אין מילאַנוּוועק. דאָרט האָט זי דאָס קינד אָפּגעגעבן אירע אַ שכנה, אַ לערערין, וועלכע האָט זי גענומען צו זיך אין געהיים אָן איר מאַנס וויסן, און פאַר וועלכער מיר האָבן איר גוט געצאָלט.

ווען איך בין געקומען פון פּאַוויאַק קיין מילאַנוּוועק, האָב איך זיך געזען מיטן קינד. איר איז דאָרט געווען זייער גוט און זי האָט זיך דאָרט געפילט זיכער.

מיין ברודער ווערט פאַרשוואונדן

נאָכדעם ווי מיין ברודער איז פאַרשוואונדן (זע שפּעטער), האָב איך מיין פּלימעניצע געזען צווייטע מאָל. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די לערערין איז אָוועקגעפאָרן מיטן קינד אויף אַ זומער־וווינונג. מיר האָבן ניט געוווּסט וווּהין. און אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר ניט געוווּסט, ווו דאָס קינד געפינט זיך.

ערשט אין אָקטאָבער 1943, האָט די לערערין זיך באַוויזן און געבעטן געלט ביי מיין שוואָגער. ער האָט איר געהייסן ברענגען אים זיין טעכטערל. אין נאָוועמבער 1943 האָט די לערערין אים געבראַכט זיין מיידעלע. זי האָט אויסגעזען זייער שלעכט און איז געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס קינד איז געווען פאַרוואָרפן אין אַ דאָרף הינטער סאַלקין ביי דער לערערינס אַן אַלטע באָבע, אינגאַנצן אָן אויפזיכט און דאָרט געהונגערט. לאַנגע חדשים האָט געדויערט ביז דאָס קינד איז געקומען צו זיך, ווייל עס איז געווען פאַרלאָזט, שמוציק און פאַרלייזיקט. דער שוואָגער האָט דאַמאָלט צוריקצוגענומען דאָס קינד און איינגעאָרדנט ביי דער פריערדיקער פוילישער פרוי, עממאַ בעפּטער.

צומאָרגנס פרי בין איך אָוועקגעפאָרן צו מיין ברודער אויף מילאַנוּוועק. ער איז געווען אויסער זיך מיט זאָרג, ווייל ער האָט מיך דערוואַרט נאָך נעכטן. איך האָב אים דערציילט וואָס ס'איז געשען. איך בין דאָרט געווען אַ גאַנצן טאָג. ביי מיטאָג איז אַריינגעלאָפן אין צימער מיין חבר׳טע און מיט אַ פאַרכאַפּט אָטעם דערציילט, אַז אין דער שכנותדיקער ווילע האָט די זשאַנדאַרמעריע געפונען

יידן זיי אויפֿן אָרט דערשאָסן און דער הויז־וועכטער האָט זי׳ דאָרט באַגראָבן. זי איז געווען זייער אויפגערעגט, ווייל דער זון פון יענעם הויז־וועכטער האָט געוווּסט, אַז מיין ברודער געפינט זיך דאָ. מיר האָבן גענומען זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר מיין ברודער. צום סוף האָט זיך מיין ברודער באַהאַלטן אויפֿן בוידעם פון אַ וואַסער רעזערוואַר. ער איז דאָרט געזעסן אין די קליידער. נאָך איניקע שעה איז ער פון דאָרט אַרויס. פאַרנאַכט בין איך צוריק אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. מאָרגן אינדערפרי איז געקומען קיין וואַרשע מיין חברטע און האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געבראַכט מיין ברודער און אים איבערגעפירט צו מיין שוואָגער אין דענטיסטישן קאַבינעט. זי האָט איבערגעגעבן, אַז די זשאַנדאַרמען טרייסלען אויס אַלע ווילֿיעס אין דער אומגעגענט און זי וואָלט וועלן, אַז מיין ברודער זאָל זיין אַ געוויסע צייט אין וואַרשע.

ווען מיין ברודער איז געקומען צום שוואָגער, האָט די באַלעבאָסטע באַלד דערקענט אַז ער איז אַ ייד. זי האָט געזאָגט מיין שוואָגער, אַז זי וויל ניט אַז יידן זאָלן זיך דאָ אַרומדרייען. מיין שוואָגער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז זיינער אַ פאַציענט. מיין ברודער האָט פון דאָרט געמוזט אַוועק. ער האָט זיך געוואַלגערט אויף די מאָקאָטאָווער פעלדער. מיר האָבן פאַר אים בשום אופן נישט געקענט געפינען קיין אָרט. קיין געלט האָבן מיר שוין דאַמאָלט ניט געהאַט. ער האָט גענעכטיקט אויפֿן פעלד אין אַן עפענטלעכן קלאָזעט.

דער געטא ברענט — הגיטו עולה באש

צומאָרגנס איז ער געקומען צו מיין שוועסטער. ער האָט געהאַט פיבער, און אין גאַנצן־געציטערט. ער האָט ניט געוואָלט עסן. איך האָב אים געקויפט עטלעכע פאַפּיראָסן און אַ האַלב קילא ברויט. איך בין אַוועק צו אַ בעקאַנטע פאַרקויפן איניקע זאַכן, איבערלאָזנדיק דעם ברודער ביי מיין שוועסטער, און מער האָב איך אים ניט געזען. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט די שוועסטער פון דעם שוואָגערס באַלעבאָסטע אויפגעהויבן אַ טומל, אַז אין שטאָט קומען פאַר אָבלאַוועס פון דייטשן. זי האָט געטענה׳ט, אַז זי איז אַלט און קראַנק און קען עס ניט איבערטראָגן. זי האָט אָנגעהויבן שרייען אויף מיין שוועסטער, אַז זי זאָל צוזאַמען מיט מיין ברודער תיכף פאַרלאָזן די שטוב.

מיין שוועסטער האָט זיך קוים איינגעבעטן אַז זי זאָל איר דערלויבן בלייבן. מיין ברודער אָבער האָט געמוזט אַוועקגיין. בעתן געזעגענען זיך מיט מיין שוועסטער האָט דער ברודער געזאָגט: „מיר וועלן אַלע אומקומען, זאָל כאָטש בלייבן דאָס קינד...״

צומאָרגנס איז צו מיר ווידער געקומען מיין חברטע מיט אַ טומל, אַז מיין ברודער איז צו איר געקומען שפּעט אין אָוונט און זי האָט אים צו זיך אין שטוב ניט אַריינגעלאָזט. זי האָט אים דערלאַנגט אין קאָרידאָר איניקע קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט און עטלעכע פאַפּיראָסן און האָט אים געראַטן דורכגנבענען זיך ביינאַכט צו די אָטרעמבוסער וועלדער. זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז אינדערפרי וועט זי קומען צו מיר קיין וואַרשע און איך וועל קומען אים צונעמען פון דאָרט. איך בין גלייך אַוועקגעפאָרן אין די אויבנדערמאָנטע וועלדער, געזוכט אַ גאַנצן טאָג און קיין שפּור פון מיין ברודער ניט געפונען.

איך האָב זיך אומגעקערט קיין וואַרשע אַזוי צובראָכן, אַז איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשן. איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן און געוויינט. מיין שוועסטער, דערוויסנדיק זיך וואָס מיט אונדזער ברודער איז געשען, איז אינגאַנצן טויב געוואָרן, און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר זיך מיט איר געקענט פאַרשטענדיקן בלויז שריפטליך אָדער אויפן ווונק.

דער פרילינגס־אויפשטאַנד

אין פאַרלויף פון חדשים האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט פון דירה צו דירה ביז ס׳איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשע, און כ׳בין געווען געצוווּנגען, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן פאַרלאָזן וואַרשע. איך האָב זיך באַקענט מיט אַן אינטעליגענטע פּוילישע פאַמיליע אין מיכאַלאָווצע, מיטן נאָמען ראַדזשענסקע. איך דערמאָן זיך אין אַ שמועס אין מיכאַלאָווצע:

פרוי ראַדזענסקע האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט אין פרילינג 1943 געפונען ביים ברונעם א שטיקל אַרומגע־ברענטן פּאַפּירוס (פּאַרמעט) מיט יידישער הייליקער שריפט (מן הסתם פון אַ ספר תורה). פרוי ראַדזענסקע האָט געזאָגט, אַז מן הסתם איז דאָס מיטן ווינט געוואָרן פאַרטראָגן פון געטאָ. און זי האָט אויסגעדריקט איר באַ־דויערונג וואָס עס איז פאַרברענט געוואָרן. „עס איז אַ שאָד — האָט זי געזאָגט — וויל עס האָט אַן אַרכיוואַרן ווערט". דאַרויף האָט זיך אָפּגערופן פרוי אירענאַ גולאַוו־קאַ: „עס איז ניט קיין שאָד די פּערגאַמענט; גוט וואָס עס איז פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּאַרשיווע יידן"... אַלע אָנוועזענדע האָבן מיט איר מסכים געווען.

אין קאָמאַראָוו האָב איך זיך באַקאָנט מיט איינער אַ משפחה זאַבלאַצקאַ, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. זיי זענען געווען יידישע. איר האָב איך גלייך דערקענט, אַז זי איז אַ יידין. די זאבלאָצקיס האָבן זיך מיט מיר זייער אָפּגעגעבן.

אין אָנהויב נאָוועמבער 1944 זענען גאַנצע גרופּעס פּאָליאַקן פון אַרום וואַרשע געפאָרן, קיין וואַרשע, און פון דאָרט געבראַכט זאַכן פאַר די פּוילישע פליטים פון וואַרשע. אויך מיין בעל־הבית שוויסקאַווסקי, איז אַוועק מיט זיי און ער איז דאָרט געווען 10 טעג. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערציילט, אַז זוכנדיק חפצים האָבן זיי געפונען באַהאַלטענע יידן אין די קעלערן פון מאַקאַטאָווע און פּיוס גאַס. זיי האָבן די אומגליקלעכע יידן איבערגעגעבן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען.

געלעבט האָט זיך דאָ מיר ניט שלעכט, כאָטש שרעק האָט ניט געפעלט, ווייל זייער אָפט זענען דאָ פאָרגעקומען אָבלאַוועס. פּלוצלינג האָב איך באַקומען אַ ידיעה פון מיין שוועסטער און שוואָגער. איך בין געווען זיכער, אַז זיי זענען אומגעקומען. ווען איך האָב באַקומען די ערשטע ידיעה, אַז מיין שוועסטער לעבט בין איך כמעט אַראָפּ פון זינען פון פרייד. זי איז געווען צוזאַמען מיט איר קינד. בעתן אויפשטאַנד איז זי אַוועק פון וואַרשע אין אַ דאָרף און דאָרט געאַרבעט אין פעלד.

אויך מיין שוואָגער איז געווען אין אַ דאָרף לעבן גראָדזיסק, און איך בין מיט אים געווען אין קאָנטאַקט. איך האָב אַבער מורא געהאַט, אַז דער שוואָגער זאָל צו מיר קומען און מיר פלעגן זיך מיט אים באַגעגענען אין פּרושקאָוו. איך בין געווען די גאַנצע צייט אין קאָמאָראָוו ביז דער באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי אין דער נאַכט פון 17־טן אויף 18־טן יאַנואַר 1945.

(פּראָטאָקאָל אויפגענומען 14.7.48 מ. ראַיאָק)



אמנון אייזנשטאַדט

לידער און אימפּראָוויזאַציעס אין אסטראָווצער געטאָ

א) דביקות

ווי זאַנגען אין פעלד, וואָס שאָקלען זיך תפילהדיק אין ציטערדיקער דערוואַרטונג פון רעגן;

ווי איינזאַמע, רויטע מאָן־בלומען, וואָס בליען און וועלקן אויף זייטיקע פעלד־וועגן — נישט ווערנדיק באַוווּנדערט פון קיינעם.

...אַזוי תחנונימדיק און אומבאַקאַנט זענען מיינע ציטערנדיקע געטאָ־געבעטן, געפּליסטערטע אין טויאיקע פרימאָרגנס — ווען דאָס האַרץ איז מיט בענקשאַפט איבערגעלאָדן...

ב) עצבות

ס׳איז מיר אַזוי גרינג יענעם צו געבן אַן עצה,
נאָר ווי צו ראַטן זיך אַליין — ווייס איך נישט.
ס׳איז מיר אַזוי לייכט יענעם צו קלאַפּן אין פּלייצע,
נאָר דערמוטיקן זיך אַליין — קען איך נישט.
עס האָט די געטאָ מרה־שחורה מיט מיר
אַ געהיימען בונד געשלאָסן,
און אים פאַרזיגלט מיט טרויער
און פינסטערע פאַרדראָסן.
זע איך אַלץ נאָר אין שוואַרצע פאַרבן
און קען בשום אופן נישט ווערן מונטער —
ווי יענער פאַרצווייפלטער ים־מאַגנאַט,
וואָס איינס, נאָך איינס, גייען אים אַלע שיפן אונטער...

ג) נקמה

(מחבר פון ליד און מעלאָדיע איז דבורה׳לע טראָפּער הי״ד, מינצבערגס אַן איייניקל פון דער „הויכער צאָל״).

מיין האַרץ איז איין לידע פול מיט געוויין;
מיין גייסט צעבראָכן — אָן פאַרלאַנגען.
ווען איך קוק מיך אַרום און זע מיינע ברידער,
וואָס זענען אין געטאָ געפאַנגען.
ווי קען איך אַ וועג צו פרייהייט געפינען
כ׳זאָל איובדיק קלאָגן מיין ליד.
פון קללה און האַס צו די גערמאַנישע שפינען
וואָס מאַרדן אויס ייד נאָך ייד.
נאָר זאָלן נישט מיינען די בעסטיעס אין העלמען,
וואָס רופן זיך: וואַפן־עס־עס
אַז נישט פאַראַן איז אַ האַנט, וועלכע וועט נעמען נקמה
פאַר יעדן „געלינטשטן מת״.
עס גרייטן זיך געביילטע פון יסורים און צאָרן
טויזנטער פויסטיקע הענט.
און פון זיי וועט איר ווערן פאַרלענט...
וואָס וועלן אייך שלאָגן אין טאָג פון זכרון.

ד) פּאַרטיזאַנער־ליד

מיר וועלן נאָך דערלעבן פריי צו זיין,
און באַצאָלן פאַר געטאָ לייד און פּיין.
איך זע דעם טאָג: איך זע ער קומט שוין אָן.
הויבט הויך די פּאַרטיזאַנער פאָן.
פון שטעט און שטעטלעך יידישע אַהער
געקומען זענען מיר אין וואַלד מיט געווער.
אין האַרץ אַ פייער וואָס צינדט אָן דעם מוט,
נקמה־דורשט פליסט אין אונדזער בלוט.
עס האָט אונדז דער דייטש גוט געפילט,
דעם פּאַרטיזאַנער: דעם ייד.
מיט רייסן בריקן ביים שפּרינגען באַנען,
סאַבאָטאַזש פון יידן פּאַרטיזאַנען...
און ווען איינער פון אונדז פאַלט אין שלאַכט,
באַגראָבן מיר אים אין שטילקייט פון דער נאַכט.
קיינער קלאָגט, קיינער וויינט.
נאָר שטאַרקער שלאָגן מיר דעם פיינט.

ה) אומפאַרגעסבאַר

שטענדיק —
ווען איך גיי אַ וואַלד פאַרביי,
ציטערט מיר אויף דאָס האַרץ,
און די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.
אָבער —
ס׳איז נישט דאָס האַרץ צאַפּלען
פון אַנטציקטער ראָמאַנטיקער;
די טרערן
פון באַגייסטערטע דיכטער.

ס׳איז — האַרץ־קלעמונג פון איינפּאַכן צער;
טרערן פון פשוטן ווייטיק
ביים דערינערן זיך, אַז
דרינען ערגעץ אין אַ וואַלד
ליגן טאַטעס און מאַמעס,
שוועסטער און ברידער
אין קברים —
מיט די אייגענע הענט געגראָבענע...
און ווען איך הער נאָך
ווי דער וואַלד־ווינט
צעקרעכצט זיך פּייפנדיק מיט טרויער,
דערמאָן איך זיך באַלד,
אין אַגאָניע־קרעכץ פון אלטע;
אין גסיסה־פייף פון יונגע —
און דעריבער:
ווען איך גיי אַ וואַלד פאַרביי
ציטערט מיר אויף דאָס האַרץ
און די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.

ו) טרויערט

נאַכט.
דו ביסט היינט אַזוי שוואַרץ,
פול מיט נעגערישן אומעט
און צער פון דער נידעריקסטער
„אתה בחרתנו״ ראַסע...
איבערהויפּט
ביסטו עפּעס לעצטנס אַזוי אָבלדיק
אַזוי פאַרחושכט?
זאָל עס זיין צוליב דעם,
וואָס דו מוזט איבער
הונדערטער געטאָס זיין פאַרשפּרייט?..
אָדער:
אפשר איז עס צוליב פאַרדרוס,
וואָס יידן, דאָס אַלטע פאָלק פון
מאַמינים און טראַדיציע ליבהאָבער —
וועמענס טאַטעס און מאַמעס,
זיידעס און באָבעס — האָבן דורות־לאַנג
געזאָגט אַ „גוטע נאַכט״ —
זאָגן עס מער נישט.
ווי זיי וואָלטן צו דיר דעם צוטרוי פאַרלוירן?
ווי נאָר עס ווערט טונקל,
פאַרקריכן זיי אין די קעלערס;
פאַרשטעקן זיך אין די בונקערס —
שרעקנדיק זיך פאַר דיין אָנקום...
וועל איך אַ צוואַנציק יאָריקער,
וועלכער באַהאַלט זיך אויך אָפּט —
דיר מגלה זיין דעם סוד
פון מיינע ברידערס
געענדערטע באַציאונג צו דיר.
— זיי פאַראַכטן דיך נישט,
פאַרקערט.
זיי בענקען שטאַרק
נאָך דיין לייטזעליקער רו.
פאַר דיין שטילקייט אָבער,
האָבן זיי מורא.
ווייל זי ווערט כסדר געשענדעט
דורך נאַצישע טויט־שאָסן;
אומאויפהערלעך צעריסן
דורך געשרייען פון געמאָרדעטע קדושים.



מרדכי ראַזענבערג ז״ל

קאַצעטלער געבעט

מוזיק: חנינא קראַצ׳בסקי

אין אָנדענק פון מיין פאַרניכטעטען ברודער שמואל

אונטער די דראָטן שטייט אַ מענטש
איינגעבויגן איינזאַם אַליין
כאָטש דאָס האַרץ טוט אים שטאַרק וויי
הערט מען קיין געוויין.

גאָט טייערער, גאָט
ווי לאַנג נאָך אונזער פּיין
הער אויס מיין געבעט
ווי עלנט בין איך דאָ אַליין.

מען יאָגט מיך, מען פּלאָגט מיך ווי אַ הינט
אָן רחמנות ווי איך וואָלט קיין מענטש געווען
וויפל וואָלט איך געגעבן אַצינד
איך זאָל מיין פרייהייט נאָך זען.

מאַמע, ווו ביזטו אַצינד
קער אום דיינע אויגן צו מיר
דאָס שרייט דיין טייער קינד
איך וויל זיין צוזאַמען מיט דיר.

היינט שרייט שוין מער קיינער דאָרט
בלומען באַדעקן די בלוטיקע ערד
בלויז דער ווינט באַוויינט דאָס אָרט
אַ יונג לעבן צעשטערט
אַ יונג לעבן צעשטערט.



ירחמיאל וואַלדמאַן

איבערגעלעבט דעם נאַצי־גיהינום אין אַ גרוב

מיט אַ פּען געטונקען אין בלוט פון מיין האַרץ, וויל איך פאַרצייכענען מיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען, אַלס איינער פון „ראָמער קאָמאַנדאָ״, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ ליידיקן קבר אין פאַרלויף פון זעקס חדשים.

ביי דער ערשטער אויסזידלונג פון אָסטראָווצער יידן אין 1942, ווען מען האָט אַלעמען פאַרשיקט קיין טרעבלינקע, האָבן די נאַציס אויסגעקליבן 100 פערזאָן און זיי אָנגערופן די „ראָמער קאָמאַנדאָ״, צו וועלכער אויך איך האָב באַלאַנגט. די דאָזיקע קאָמאַנדאָ האָט געהאַט אַלס איר אויפגאַבע אויסצורייניקן די ליידיקע יידישע הייזער, צונויפברענגען אַלע חפצים אין אַ גרויסן לאַגער אַריין, סאָרטירן אַלע זאַכן, זיי פאַרפּאַקן און אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד.

די „ראָמער קאָמאַנדאָ״ האָט אויך געמוזט באַגראָבן די טויטע, איבערהויפּט די, וואָס די נאַציס, ימח שמם, האָבן דערשאָסן. איינמאָל האָבן זיי דערשאָסן 24 יידן, צווישן זיי יודל אייבעשיצ׳ס טאָכטער מיט אַ קינד. מיר האָבן די אַלע דערשאָסענע געבראַכט אויפן בית הקברות אויף דער קאָנאָווער גאַס. ווען מיר זענען געווען גרייט אַריינצולייגן די קרבנות אין די קברים, האָבן צוויי פרויען (איינע, געדענק איך איז געווען לאָלאַ ערלעך, זי איז אין ישראל) אויפגעהויבן זיך פון דער פאַרבלוטיקטער מאַסע און מען האָט געזען אַז זיי לעבן. עס איז געווען שפּעט באַנאַכט, האָבן מיר די צוויי פרויען געהאָלפן זיך אַרומוואַשן פון בלוט און זיי אַוועקגעשיקט אין דער ציגל פאַבריק, ווו עס האָבן מערסטנס געאַרבעט פרויען. אינדערפרי זענען זיי צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין.

אין לאַגער זענען געווען באַשעפטיקט אַרום 2,000 אָסטראָווצער יידן, די מערסטע האָבן געאַרבעט אונטער דער דייטשער קאָמאַנדאָ אין דער פאַבריק „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע״, ווו מען פלעגט אויסלאָדן אַלט אייזן. מיך האָט מען געשטעלט אַרבעטן ביי בוי־אַרבעט. יעדן טאָג, ווען מען אונדז געפירט צו דער אַרבעט, האָב איך באַמערקט, אַז עס ווערן ווייניקער מענטשן צווישן די אַרבעטער און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער לאַגער ווערט ביסלעכווייז ליקווידירט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען מען האָט אונדז געפירט צו דער אַרבעט, עס איז נאָך געווען טונקל אינדרויסן, בין איך אַרויס פון די מאַרשירנדיקע רייען און זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָגן. ווען די מאַרשירנדיקע זענען שוין געווען ווייט, בין איך אַוועק אין פעלד אַריין און זיך באַהאַלטן צווישן די הויכע זאַנגען.

עס איז געווען סוף זומער, אַלעס האָט געבליט און געוואַקסן אין די פעלדער, בין איך אַזוי אָפּגעלעגן עטלעכע שעה צווישן די זאַנגען און שפּעטער אָנגעהויבן קריכן אויף די קני מען זאָל מיר ניט באַמערקן. איך האָב געהאַט בדעה צוקריכן צום נאָענטסטן דאָרף, ווו איך האָב געהאַט אַסאַך באַקאַנטע פּויערים און געהאָפט אפשר וועט מיר געלינגען דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן. איך בין אַזוי געקראָכן איניקע שעה און געוואָרן מיד. ערשט איך הער ווי אַ גערויש צווישן די זאַנגען. איך בין אַ פאַרציטערטער אויפגעשפּרונגען און צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך פאַר זיך דערזען ישעיה צווייגמאַן און הערשל פּיש. מיר האָבן זיך ביטער צעוויינט אויף אונדזער קלאָגעדיקן מצב און אָנגעהויבן טראַכטן וווהין צו גיין, ווו זיך אויסבאַהאַלטן. דערווייל האָבן מיר באַשלאָסן

קינדער באהאלטן זיך אין די קאנאליזאציע פון ווארשעווער געטא

ילדים מסתתרים בצינורות הביוב של גיטו וארשה

צו בלייבן אין פעלד און זעען וואָס מ׳קען טאָן אויף זיך צו ראַטעווען.

איבער אַ חודש זענען מיר אַזוי געלעגן צווישן די זאַנגען אויפן פעלד. מיר האָבן זיך דערנערט מיט רעטערלעך, מייערן און אַנדער גרינוואַרג. מיר האָבן געציטערט פאַר יעדן גערויש, וואָס אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן גיין אין דעם נאָענטסטן דאָרף פּאָטשכאָזע, וואָס איז געווען אַרום זעקס קילאָמעטער פון אָסטראָווצע.

עס איז געוואָרן אָוונט. בין איך אַריין צו מיינס אַ באַקאַנטן פּויער, שליפּקע. צווייגמאַן און פיש זענען געבליבן ליגן הינטער דער סטאָדאָלע, ווייל איך האָב מורא געהאַט דער פּויער וועט דערזען דריי מענטשן וועט ער אונדז אַרויסטרייבן. דער פּויער איז פאַרציטערט געוואָרן קוקנדיק אויף מיר ווי איך בין פאַרוואָרלאָזט. ער האָט מיר געגעבן זיך אַרומצווואַשן און דערלאַנגט אָפּצועסן. עס איז געוואָרן שפּעט. האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר לאָזן איבערנעכטיקן ביי אים, האָט ער מיר אַריינגעפירט אין דער סטאָדאָלע און געהייסן זיך לייגן שלאָפן אויפן שטרוי. ווען ער איז אַוועק, האָב איך געעפנט דעם טויער און אַריינגעבעטן אין סטאָדאָלע ישעיהן מיט הערשלען.

אויף צו מאָרגנס בין איך אַריין אין פּויערס כאַטע און אים געבעטן ער זאָל מיר לאָזן זיך אויסבאַהאַלטן באַ אים. דער פּויער שליפּקע איז געווען געניגט צו לאָזן מיר זיך אויסבאַהאַלטן, נאָר די פּויערטע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געווענדעט צו מיר:

— פאַניע וואַלדמאַן — האָט זי זיך ביי מיר געבעטן — דו האָסט שוין פאַרלאָרן דיין פרוי און קינדער. איך האָב דאָ מיין פאַמיליע און אַז די דייטשן וועלן דיך דאָ כאַפּן, וועלן זיי אונדז אַלע אויסשיסן...

דער פּויער שליפּקע האָט איר געפּרוווט באַרואיקן: „זאָל זיך פאַן וואַלדמאַן אויסבאַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע... וועסט זען — האָט ער צו איר געטענהט — די מלחמה וועט זיך ענדיקן און די יידן פון אַמעריקע וועלן ממש אָפּגילטן יעדן, וואָס וועט נאָר האָבן געהאָלפן אַ יידן זיך ראַטעווען". מיר איז געלונגען צו באַרואיקן די פּויערטע, אַז איך וועל אומבאַמערקט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע. אָבער ווען דער פּויער איז אַריינגעקומען אין סטאָדאָלע און דערזען נאָך צוויי יידן, איז ער געוואָרן אויפגעצאָרנט און געהייסן אונדז אַלע אַרויס פון דער סטאָדאָלע.

איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט געלט ביים האָטעל אייגנטימער. פאַן ראַדזשיצקי, און ווייסנדיק, אַז דער פּויער האָב ליב דעם ביטערן טראָפּן, האָב איך אים איינגעשטילט, געבנדיק אים אַ צעטעלע צו פאַן ראַדזשיצקי ער זאָל אים געבן געלט אויף מיין חשבון. ביינאַכט איז דער פּויער צוריקגעקומען פון שטאָט אַ שיכורער, געמאַכט סקאַנדאַלן און מיר האָבן געציטערט ער זאָל ניט אַרויסכאַפּן זיך, אַז ער באַהאַלט אויס יידן אין זיין סטאָדאָלע.

אויף צו מאָרגנס איז דער פּויער שליפּקע אַריינגעקומען צו אונדז, געבראַכט אונדז עסן, געמאַכט אַ גרעסערער פּלאַץ פאַר אונדז אין סטאָדאָלע און צוגעזאָגט אונדז צו האַלטן באַ זיך. ער האָט אין שטאָט געהערט, אַז די רוסן דערנענטערן זיך קיין פּוילן און ער וועט אונדז ראַטעווען. אַרום זעקס וואָכן זענען מיר געלעגן אין סטאָדאָלע מיט די בהמות ביז עס איז געוואָרן קאַלט. האָט דער פּויער אויסגעגראָבן אַ גרוב אין פעלד און באַנאַכט אונדז אַהין אַריבערגעפירט.

אַרום זעקס חדשים זענען מיר דריי געלעגן אין דאָזיקן לעבעדיקן קבר. אין גרוב איז געווען הייס, זענען מיר געזעסן אינגאַנצן נאַקעט. באַנאַכט פלעגט דער פּויער אונדז אַריינברענגען עסן. מיר האָבן די גאַנצע צייט ניט געזען די ליכטיקע שיין, דער גרוב איז געווען פון אויבן פאַרדעקט ניט צו דערקענען, אַז עס איז ווער דאָרטן פאַרהאַנען. מיר זענען געוואָרן פאַרווילדעוועט, באַוואַקסענע און מיר האָבן מורא געהאַט פאַרן מינדעסטן רויש אינדרויסן איבער אונדזערע קעפּ. דער פּויער שליפּקע פלעגט אָפּט אַהיימקומען פון אָסטראָווצע שיכור און מיר האָבן געציטערט ער זאָל אונדז ניט אַרויסגעבן. מיר האָבן פיל מאָל געהערט ווי די דייטשן זענען געקומען נעמען ביים פּויער בהמות און אַנדערע שפּייז. מיר האָבן געהערט זייערע געוואַלדן און קולות איבער אונדזערע קעפּ. ווי מיר האָבן דאַן געפילט איז אוממעגלעך צו באַשרייבן מיט ווערטער...

אין לעבעדיקן קבר האָבן מיר אינגאַנצן פאַרלוירן די אייגנשאַפט פון דענקען און טראַכטן. עפּעס אַ באַהאַלטענער פונק האָט בלויז געטליעט אין מוח, וואָס האָט אונדז געגעבן האָפענונג צו ראַטעווען זיך. געווען טעג ווען דער פּויער האָט אינגאַנצן אָן אונדז פאַרגעסן. מיר פלעגן דאַן אָפּט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און עס פלעגט זיך אונדז ווילן אַרויסגיין פון גרוב און אומקומען מיט אַלע יידן. דער ווילן צו לעבן פלעגט אָבער שטענדיק גובר זיין און מיר פלעגן זיך מאַכן פלענער, אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און מיר וועלן זיין געראַטעוועט.

אין נאַכט איז דער פּויער שליפּקע אַריינגעקומען צו אונדז אין קבר אַריין, אונדז געבראַכט עסן און דערציילט, אַז די רוסן דערנענטערן זיך אַהער און אַז אין אָסטראָווצע הערט מען שוין זייער שיסעריי. די ידיעה האָט אַריינ־

געבראַכט אין אונדז אַ גאַנצע איבערקערעניש, עפּעס אַ קליינינקייט: זיין פריי! מיר האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן וואָס מיר וועלן טאָן. מיר האָבן פּלוצים דערפילט, אַז מיר זענען ווידער מענטשן. מיט צען טעג שפּעטער האָט דער פּויער שליפּקע געעפנט אונדזער לעבעדיקן קבר און אונדז אָנגעזאָגט, אַז די רוסן זענען שוין דאָ אין דאָרף. מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן און אַוועק קיין אָסטראָווצע.

איך בין אַריין אין האָטעל פון פּאַן ראַדזשיצקי, דער האָטעל איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן מיליטער, נאָר ער האָט דאָך געפונען פאַר מיר אַ צימער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען פיר יידן דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, איינער פון זיי איז געווען מיין קוזין, לייבל לוסטיק. ער איז געבליבן לעבן און זיך געגוויטיקט אין מעדיצינישער באַהאַנדלונג. איך האָב געוווּסט, אַז אין האָטעל איז פאַרהאַנען אַ רוסישער מיליטער־דאָקטאָר, האָב איך איין טאָג אָנגעקלאַפּט ביי אים און ווי ער האָט מיך דערזעען האָט ער געהייסן דעם באַדינער אַרויסגיין און פאַרשליסנדיק די טיר, איז ער מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיך צעוויינט. ער האָט גערעדט צו מיר יידיש:

— איך בין אויך אַ ייד — האָט ער מיט טרערן אָנגעהויבן — ווי אַזוי איז דיר געלונגען זיך צו ראַטעווען?... איך האָב געזעען די גרויסע בראָך, וואָס האָט אונדזער פאָלק דאָ אומעטום געטראָפן. אַנטלויף פונדאַנען וואָס שנעלער, די פּאָליאַקן וועלן אייך דאָ אַלע אויסמאָרדן. מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך אַוועק קיין קראָקע, פון דאָרטן קיין איטאַליע און פון איטאַליע קיין קאַנאַדע.

דעם פּויער שליפּקע האָבן מיר עד היום ניט פאַרגעסן. מיר דריי שיקן אים יעדעס מאָל קליידער, עסנוואַרג און מעדיצין. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר אַריבערגעבראַכט קיין קאַנאַדע דעם פּויער׳ס אַ מיידל און איר דאָ חתונה געמאַכט. זי וווינט אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ, ווו איך וווין. אַלע בקשות פון פּויער שליפּקע דערפילן מיר מיט פרייד, אים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער לעבן.

נאצים
דערטרינקן יידן

נאצים
מטביעים
יהודים

מרדכי ראָזענבערג ז"ל

אוי ווי שלעכט איז מיר

אָסטראָוויצער לאַגער ליד

מוזיק און ווערטער פון מרדכי רוזנברג.
געשאַפן אין אָסטראָוויצער לאַגער אין 1943.

נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט
צוגעדריקט און פאַרשמאַכט
מען פייניקט שרעקלעך מיך
מיין נשמה און מיין גוף.

אין די אויגן גלאַנצט איין טרער
איך קען נישט וויינען, קלאָגן מער
פאַרוואָס פאַר וועז ווייס איך נישט
דער קאָפּ טוט ווי — איך ווער צומישט.

שוין קיין טרייסט פאַר מיר
דאָס איז קיין לעבן מער
גוט — פרעג איך דיר
צו וואָס בין איך אויף דער וועלט אַהער.

אוי, ווי שלעכט איז מיר
אוי, מאַמע איך בענק נאָך דיר
אוי, איך קלאָג און וויין
איך וויל אַהיים, איך וויל אַהיים.

פאַר וועמען איז די שיינע וועלט
די גרינע ביימער און דאָס פעלד
פאַר וועמען איז די זונען שיין
קיינער קען מיין האַרץ פאַרשטיין.

ווען איך דערמאָן זיך אָן דער היים
אָן פרייען לעבן, אַך, ווי שיין
און יעצט עלענד ווי איין שטיין
צו וועמען האָב איך נאָך צו גיין.

(צי מיין משפחה אין אויסלאַנד)

ווען איר וועט קומען אַהער
וועט איר מיך נישט טרעפן מער
שוין פאַרענדיקט זיין
דאָס נאַריש לעבן
וואָס דויסט נאַר שיין.

(רעציטאַציע)

און איבּ די זון וועט יאָ אויפגיין!
וועט זיך הערן אַ שטיל געוויין
ווו איז מיין מאַמע, ברידער און שוועסטער?
ווו איז מיין פריינט דער בעסטער?
און איך וועל שוין אייביק וויינען קלאָגן
און פון מיין דאַרין וועט זיך דאָס זאָגן.

אוי! ווי שוועבט איז מיר
אוי מאַמע! איך בענק נאָך דיר
אוי! איך קלאָג און וויין
נישטאָ די היים, נישטאָ די היים.



שמואל נודלמאַן

דער איינציקער לעבן געבליבענער ייד פון קינעוו

קינעוו איז געווען אַכט מייל פון אָסטראָווצע, עס האָבן דאָרט געוווינט הונדערט יידישע משפחות. אויך אין די אַרומיקע דערפער זענען געווען איינצעלנע יידישע משפחות. די שטאָט איז באַשטאַנען פון אַ מאַרק און אַ גאָרטן און צוויי רייען יידישע געשעפטן פון ביידע זייטן. אין זייט האָט געפירט צום שאָסיי קיין אָסטראָווצע און די צווייטע — צו דער טומאה. דער שאָסיי האָט אויך געפירט ביז וואַרשע.

אין שטאָט איז געווען רב הרב לאַנדאַו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן רבי אין סטריקאָוו. זיין פּלאַץ אויפן כסא הרבנות האָט פאַרנומען זיין זון, אברהמ׳טשע, וואָס געפינט זיך איצט אין תל אביב. אין שטאָט איז אויך געווען באַקאַנט „דער שאַרפער קאָפּ", ר׳ דוד טענענבאום, וואָס איז געווען תמיד אַ בורר אין בית־דין פון אָסטראָווצע. די שטאָט האָט אויסגעהאַלטן צוויי שוחטים: ירחמיאל (שפּעטער — זיין זון הערשל) און נתן־בער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן שוחט אין זדונסקע וואָליע.

יעדן טאָג זיבן אינדערפרי פלעגן די צוויי באַלעגאָ־לעס פון שטעטל זיך אַוועקשטעלן מיטן געשפּאַן אויפן מאַרק און געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן צו פאָרן איינקויפן אין אָסטראָווצע. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ בר־מינן אין שטעטל האָט מען איין באַלעגאָלע געדונגען אויף צו פירן דעם מת קיין אָסטראָווצע, דאַן איז בלויז געבליבן איין באלעגאָלע צו באַדינען די פּאַסאַזשירן.

מיין פאָטער, משה, איז געווען אַ שניידער, אָבער די מערסטע פרנסה האָבן מיר געהאַט פון סאָד, וואָס מיר האָבן יעדעס יאָר אָפּגעדונגען. אַ גאַנצן זומער האָבן מיר דאָרטן געוווינט און געהיטן די פרוכט פון סאָד. צו ווינטער צו האָבן מיר אַראָפּגענומען די פרוכטן פון די ביימער און אַוועקגעלייגט אויפן בוידעם. במשך פון ווינטער האָבן מיר די פרוכט פאַרקויפט און דערפון געלעבט.

די מלחמה ברעכט אויס און דער דייטש רייסט זיך אַריין קיין פוילן. פיל פון די יוגנטלעכע אין שטעטל לויפן זיך ראַטעווען צו דער רוסישער גרענעץ. עס הייבט זיך אָן דער מאַרש פון די דייטשן דורך קאַליש, לאָדז, זאַגלעמביע — אויף מערב, און פון די רוסן קיין לעמבערג — אויף מזרח. מיינע צוויי עלטערע ברידער באַשליסן אויך צו לויפן, נאָר נאָך צוויי וואָכן מאַרשירן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט — זיי האָבן געבענקט נאָך דער משפחה. זיי זענען צוריקגעקומען פאַרהונגערטע, פאַרלייזיקטע און שמוציקע.

איניקע טעג שפּעטער רייטן אַריין אין שטאָט צוויי מאָטאָציקליסטן פון דער עס־עס, רייסן זיך אַריין אין לאָקאַל פון דער יידישער גמינע און מאַכן פון אַלץ אַ תל. צו דער זעלבער צייט זענען אָנגעפאָרן דייטשע טאַנקן און לאַסט־אויטאָס אויפן גרויסן פעלד בלאָני, אויסער דער שטאָט. אויפן צווייטן טאָג זענען די עס־עס־לייט געלאָפן איבער די גאַסן געשריגן אַז אַלע יידן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. מיר האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אויפן ספּעציעלן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט שטריק און די עס־עס־לייט האָבן אונדז געדראָט מיט שטעקנס. מיר זענען דאָרטן געווען ביזן אָוונט און דאַן האָט מען אונדז געפירט דורך אָסטראָווצע קיין זאַכטשין, אַזאַ פאָלוואַרק, אַ מייל פון אַפּט. אָן עסן און אָן טרינקען האָבן מיר אַזוי מאַרשירט אַרום דרייסיק מייל. אין דאָזיקן לאַגער האָט מען אונדז געהאַלטן דריי טעג און אויפן פערטן טאָג זענען געקומען יידן מיט רויטע אָרעמבענדער, פון אָסטראָווצער יידנראַט, און אונדז געבראַכט עסן. זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט אַז מען וועט אינגיכן באַפרייען די אַלע, וועלכע זענען די איינציקע שפּייזער פון זייערע משפחות.

אויפן זעקסטן טאָג האָט מען אַ טייל באַפרייט. מיינע עלטערן האָבן שוין געוווּסט פון מיין עלטערן ברודער, וואָס איז אויך באַפרייט געוואָרן, אַז מיר לעבן. אונדזער מוטער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געקומען מיך זעען אין לאַגער. שפּעטער זענען מיר אַלע באַפרייט געוואָרן און אומגעקערט זיך אַהיים. אין דער צייט האָבן די דייטשן צוגערויבט אונדזער גאַנצן לאַגער פון עפּל אויפן בוידעם און מיר זענען געבליבן אָן פרנסה. מען האָט נאָך געמוזט שיקן יעדן טאָג איינעם פון אונדז צו פאַר־שידענע אַרבעטן ביי דייטשן. איך פלעג גיין אַרבעטן פאַר מיין פאָטער און מיינע ברידער. איינמאָל האָט מיר דער אויפזעער באַ דער אַרבעט געגעבן אַ שטיקל ברויט פאַר מיין פלייסיקע אַרבעט. די דייטשן פלעגן אַלעמאָל פאָדערן אַנדערע זאַכן פון יידנראַט ווי למשל, פעלצן, שטיוול און געלט און געדראָט, אַז אויב מען גיט זיי נישט וועלן זיי אומברענגען דאָס גאַנצע שטעטל. אין די היימען

פון די יידן איז דערווייל געוואַקסן די נויט. אַזוי האָט עס זיך געשלעפּט ביזן זומער 1942.

איך האָב געאַרבעט בײַ אַן עלעקטרישער ליניע און אונדזער אויפזעער איז געווען אַ שרעקלעכער דײַטש, בערלינער האָט מען אים גערופן. ער פלעגט שלאָגן מכות־רצח פאַר יעדער קלייניקייט. וואַרטנדיק אויף דער צייט אַהיימצופאָרן, מעלדן אונדז אָבער די דײַטשן, אַז מיר פאָרן גאָר אין אַ לאַגער. מיר זענען געווען פופצן מאַן. איין טאָג האָב איך פאַרגעלייגט אַ דײַטש 500 זלאָטעס ער זאָל מיר צופירן אַ היים אויף אַ האַלבער שעה. ער באַשטימט מיר די צייט אויף זונטיק. עס איז אוממעגלעך צו באַשרײַבן די פרייד, וואָס איז געווען בײַ אונדז אין שטוב ווען זיי האָבן מיר דערזען. אָבער מײַן פאָטער איז געלעגן האַלב באַוווּסטלאָז צוליבן פעלן פון די מינימאַלסטע מעדיצינישע הילף און אפילו פון אַ פּשוט שטיקל ברויט. דער פאָטער איז טאַקע געשטאָרבן שמחת תורה, 1942. בלויז דער עלטסטער ברודער האָט אים באַגלייט צו קבורה אין אָסטראָווצע. די מאַמע האָט אַלץ געשריגן צו אונדז מיר זאָלן אַנטלויפן. זי האָט מיר מיטגעגעבן די תפילין און עטלעכע העמדער און איך בין צוריק אַוועק אין לאַגער אַרײַן.

דער לאַגער האָט געהייסן באַדזעכאָוו. דאָרטן זענען געווען 15 יידן פון קיניעוו און 5 פון וואַשניעוו. מען האָט עס גערופן „דער קיניעווער בלאָק". מיר פלעגן פאָרן מיט די לאַסט־אויטאָס דורך קיניעוו צו דער שטיין־האַקעריי. איינמאָל בעת דורכפאָרן דאָס שטעטל האָבן מיר געזען ווי עס איז אַרומגערינגלט דורך אוקראַינער אין שוואַרצע מונדירן, זיי פירן אַלעמען אַרויס און דערשיסן. איך האָב אויך געזען מײַן מוטער און איר גערופן. זי האָט געמיינט אַז מען וועט מיר אויך נעמען, האָט זי געשריגן צו מיר איך זאָל אַנטלויפן.

דעם רוב פון דער באַפעלקערונג האָט מען דערשאָסן, אָבער אַ טייל פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע. פונוואַנען קיינער איז ניט צוריקגעקומען. אַ צייט האָבן מיר געלעבט און געאַרבעט אין די שטיין־האַקעריי, ביז איין טאָג פאַרלאַנגט פון אונדז דער אָנפירער מען זאָל אים אַוועקגעבן דאָס געלט. אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז אָן געלט קענען מיר נישט עקזיסטירן, און מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו געבן. דאַן האָט מען אַ טייל פון אונדז אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. אויפן וועג אין דער באַן האָט אַ פאָטער מיט אַ זון, וועלוול און יהושע האַפּערט, געפּרוּווט שפּרינגען פון וואַגאָן. דער זון איז געוואָרן דערשאָסן און דער פאָטער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צוריק צו אונדז אין לאַגער אַרײַן. דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט וואָס עס איז אַזוינס טרעבלינקע.

מען הייבט אָן ווידער רעדן וועגן שיקן אין אַ צווייטן לאַגער אַרײַן און איך מיט נאָך צוויי באַשליסן צו אַנטלויפן אין די וועלדער פון ביקוווע, ווו מיר האָבן געהאַט אַ סך באַקאַנטע קריסטן. מיר גראָבן אויס אַ גרוב און וואַרטן איבער צוויי טעג אין וואַלד. אויפן דריטן טאָג גיי איך אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט, בײַ וועמען מײַן ברודער האָט געהאַט איבערגעלאָזט זאַכן, און געבעטן בײַ אים אַ שטיקל ברויט. דער פויער דראָט מיר, אַז ער גייט מעלדן די דײַטשן, בין איך אַוועק פון אים צו אַ צווייטן קריסט און ער גיט מיר עסן און אַ פּעקל עסן מיטצונעמען אין וואַלד אַרײַן צו מײַנע חברים. אין צוויי טעג אַרום גייט אַ צווייטער פון אונדז זוכן עסן און ער קומט צוריק אין בונקער מיט אַ קריסט וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ פּאַרטיזאַן און ער וועט אונדז יעדע פאַר טעג ברענגען עסן. אין אמת'ן איז ער אונדז נישט געפעלן געוואָרן, נאָר מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. מיר לעבן אין שרעק ער זאָל נישט ברענגען די דײַטשן און אונדז אומברענגען. דעם דריטן טאָג קומט ער צו אונדז מיט אַ פּעקל עסן און אַ ביקס און ער פאַרזיכערט, אַז ער וועט אונדז צונויפ־פירן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די לובלינער וועלדער.

עס זענען אַזוי אַוועק איניקע מאָנאַטן. איינמאָל איז ער אַוועק און עס איז שוין דער פינפטער טאָג ווי מיר זעען אים נישט צוריק און מיר זענען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען. שיקן מיר אונדזער חבר אברהם ער זאָל גיין אין לאַגער אין באַדזעכאָוו. אין לאַגער נעמט מען אים גוט אויף, מען גיט אים ברויט און מען זאָגט אים אַז דער לאַגער האַלט בײַ אויפגעלייזט ווערן און זיי ווילן אַריבער־קומען צו אונדז אין וואַלד אַרײַן. ער פאַרזיכערט זיי, אַז מען וועט אויסברייטערן דעם בונקער און עס וועט זײַן פּלאַץ פאַר אַלעמען.

נאָך אַ שטיקל צייט באַווײַזט זיך ווידער דער קריסט, דער פּאַרטיזאַן, און דערציילט אונדז, אַז דאָ ניט ווייט פון־דאַנען איז געווען אַ צווייטער בונקער און אויך זיי פלעגט ער באַזאָרגן מיט עסן און געווער. איצט איז ער דאָרטן געווען און געטראָפן דעם בונקער אויפגעריסן מיט גראַ־נאַטן. ער וויל מיר זאָלן מיט אים מיטגיין און זען דעם דאָזיקן חורבן. מיר גייען מיט אים און ווען מיר קומען צו נאָענט שפּירן מיר די ריחות פון פוילנדיקע קערפּערס. ווען מיר זענען אַרײַן אין בונקער זעען מיר אַלעס אויפ־געריסן. קיין זאַך האָט מען ניט צוגענומען. אויך געלט וואַלגערט זיך דאָרטן דאָס באַווײַזט, אַז עס איז נישט געווען קיין רויבעריי, נייערט דאָס האָבן אָפּגעטאָן די יונגוואַרג פון אַרום, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן.

מיר קערן זיך אום אין אונדזער בונקער נאָך מיט

מער שרעק. דער הונגער הייבט אונדז אָן דערקוטשען און מיר באַשליסן צו שיקן אונדזער חבר אברהם צו אַ פּאָליציאַנט אין שטעטל, וועמען זיין פּאָטער האָט אַוועקגעגעבן זיין האָב און גוטס, ער זאָל קריגן באַ אים ברויט. עס גייען אַוועק אייניקע טעג און אברהם קומט ניט צוריק. דער קריסטלעכער פּאַרטיזאַן דערציילט אונדז שפּעטער, אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים איבערגעגעבן די דייטשן און זיי האָבן אים דערשאָסן. מיר באַשליסן צו גיין צוריק אין לאַגער אין באָדזעכאָוו און ווייטער אַרבעטן אין דער שטיין האַקעריי.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ געוויסע צייט אין דער שטיין האַקעריי, איז אין פרימאָרגן אויסגעבראָכן אַ מהומה: עס איז אַן אָבלאַווע און יעדער מוז אָפּגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט. מענטשן לויפן אום ווי פאַרסמטע. מען וויל אַרויס פון לאַגער, נאָר דער גאַנצער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט עס־עס־לייט. ביי איינעם האָט מען געפונען 100 זלאָטעס און מען האָט אים אויפן אָרט דערשאָסן; אַ יינגל וואָס האָט געהאַט אַ קראַנקע הויט האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן. עס איז געווען דער אמתער שוואַרצער טאָג באַ אונדז.

מען האָט אונדז אויפגעזעצט אויף לאַסט אויטאָס און געפירט קיין סטאַראַכאָוויץ, אין דער דאָרטיקער אַמוניציע פאַבריק האָבן יידן זייער שווער געאַרבעט. דאָרט האָבן מיר געטראָפן דעם יונגן קינעווער רב, יחיאל. מיר זענען דאָרטן געבליבן איבער נאַכט און אינדערפרי האָט מען אונדז געפירט אין דעם אַרבעטס לאַגער אין בליזשין. דאָרטן האָט מען ווידער געזוכט באַ אונדז געלט, אָדער אַנדערע ווערטפולע זאַכן. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז פאַרטיילט אין גרופן צו פאַרשידענע אַרבעטן, דאָרטן איז געווען נאָך אַ קינעווער, שלמה שטיינער. באַ דער דאָזיקער זייער שווערער אַרבעט, ליידנדיק הונגער און קעלט זענען פיל ראַדאָמער אַוועקגעשטאָרבן. אין די באַראַקן זענען געווען אַרום 300 מאַן און פאַר יעדן פרווו אַרויסצוגיין פון באַראַק באַנאַכט האָט מען גלייך דערשאָסן. אַ טשענסטעכאָווער ייד, האָט געפרוווט אַנטלויפן און די וועכטער האָבן אים באַלד דערשאָסן, איך מיט נאָך איינעם האָבן געמוזט גראָבן אַ גרוב און אים באַגראָבן.

קומענדיק אינאָוונט צוריק פון דער אַרבעט,ביים אַפּעל, האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אויב עס וואָלט דעם ייד געלונגען צו אַנטלויפן וואָלטן זיי דערשאָסן צען אַנדערע. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן אַנדערע צו פּרווון זייער גליק און אַנטלויפן. איינמאָל זענען אַנטלאָפן פיר קיעלצער יידן, מען האָט אונדז אַלע אויסגעשטעלט אויף אַן אַפּעל און געהייסן מען זאָל זאָגן וווּהין זיי זענען געלאָפן, אויב ניט וועט מען דערשיסן די וואָס זענען געשלאָפן נעבן זיי. אין צוויי טעג אַרום האָבן זיי דערשאָסן דעם עלטסטן יידישן פּאָליציאַנט.

אַרבעטנדיק אויף די פרייע פעלדער איז מיר געלונגען עטלעכע מאָל אַרויסצוגנבענען פון די וואַרשטאַטן אין לאַגער אייניקע קלעצלעך פּאָדעם. איך האָב זיי באַגראָבן אין פעלד און אָפּגעשמועסט מיט אַ באַקאַנטן קריסט ער זאָל זיי אַרויסנעמען און פאַר דעם מיר ברענגען ברויט. עטלעכע מאָל איז עס מיר געלונגען נאָר איינמאָל האָט איינער פון די אוקראַינער וועכטער פון לאַגער עס באַמערקט און ער האָט גערופן די וואַך. אייניקע טעג פאַר דעם צופאַל איז אַ יינגל פון 18 יאָר אויפגעהאָנגען געוואָרן פאַר גנבהנען. נאָר צו מיין גליק איז דאָרט געווען אַ ייד פון דייטשלאַנד, טייכמאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון אָסטראָווצע, און ער האָט מיר אָפּגעראַטעוועט.

מיט אַ צייט שפּעטער בין איך קראַנק געוואָרן. איך האָב באַקומען הויכע היץ פון אַ בויך טיפוס און מען האָט מיר אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל אַריין. די שמוץ אין שפּיטאָל איז געווען זייער גרויס און מיר זענען געלעגן אויף די ליידיקע ברעטער. אַ פעלדשער, אייזיק ביינערמאַן, פון אָסטראָווצע, האָט מיר געגעבן טיי מיט סאַכאַרינקעס, און מיך ביסלעכוויז געזונט געמאכט. איך בין גלייך צוריק אין לאַגער אַריין און אַזוי האָב איך איבערגעלעבט די דייטשע מערדערס ימח שמם.

איך גלויב, אַז איך בין דער איינציקער לעבן געבליבענער ייד פון קינעוו.

פרויען און מענער ווערן געפירט צו צוואנגס-ארבעט

אין דער ערשטער ריי : פראנקא ראם, טושיא זשורקאווסקא און רעניע ווינער פון לאדזש

נשים וגברים מובלים לעבודת כפייה

דער טויטן־מארש...



מיצעד המוות...

אין איין טאָג, דעם 10־טן אקטאבער 1942, זענען 15.000 אסטראָווצער יידן איבערגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקי און דאָרט שוידערלעך אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן און אין קרעמאַטאָריום

פלטיאל גשרי־בריקמן, טאָראָנטאָ

אסטראָווצער יידן ווערן טראַנספּאָרטירט אין טויטלאַגער

אדאָלף אייכמאַן, ימח שמו, האָט געטענה׳ט, אַז ער האָט גאָרנישט געטאָן, נאָר טראַנספּאָרטירט די יידן אין די אומקום־לאַגערן. ווייל איך דערציילן, ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט אָט די טראַנספּאָרטן, און אדרבא, זאָל מען משפּט׳ן, צי פאַר דעם אליין קומט אים ניט קיין מיתה משונה.

די פייניקונגען פון די דאָרטיקע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד ווי עס זענען אריין די דייטשע חיילות, אָבער די ליקווידאַציע פון גאַנץ אָסטראָווצע איז באַשטימט געוואָרן אויף זונטיק נאָך סוכות 1942.

יענעם טאָג האָט מען צונויפגעיאָגט אַלע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער אויף איין פּלאַץ און אַזוי האָט מען זיי געהאַלטן אייניקע טעג, אָן עסן, אָן טרינקען.

דערביי האָבן די דייטשע, ליטווישע, לעטישע און אוקראַיִנישע מערדער געזעצט מיט קאָלבעס איבער די קעפּ און פאַר יעדער קלייניקייט געשאָסן.

קיין פּען קען ניט באַשרייבן, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. די געוואַלדן זענען געגאַנגען אין הימל אַריין. קינדער האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן און געיאָמערט. אַן עדה יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַזויפיל טייערע נשמות, האָט מען אויסגעשטעלט ווי אַ סטאַדע בהמות, וועלכע מען פירט צו דער שחיטה.

אָבער קעגן בהמות איזדעקעוועט מען זיך ניט. מען פייניקט ניט אומזיסט, און דאָ האָבן די מערדער מיט באַזונדערן פאַרגעניגן פאַרגאָסן בלוט, גרויזאַם געשלאָגן און דערביי אָפּגעלאַכט, געמאַכט שפּאַט.

איך מיט מיין יינגערן ברודער זענען געשטאַנען

אויף אַ בערגל אין דער פאַבריק „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע״, ווו מיר האָבן געאַרבעט און ביטער געוויינט, צוזעענדיק די גהינום־סצענעס אויפ׳ן זאַמל־פונקט.

פון זונטיק־אָן האָט מען אָנגעהויבן טרייבן אַהין יידן. ליטווינער, לעטן און אוקראַינער האָבן צוזאַמען מיט די עס־עס לייט און ציווילע דייטשן געשלאָגן מיט קאָלבעס, אַראָפגעצויגן די שטיוול ביי אַ טייל יידן און געשאָסן, אַוועקלייגנדיק זיי טויט אופן אָרט.

אין יידישן שפּיטאָל האָבן זיי דערשאָסן אויפן אַרט קראַנקן־שוועסטער און אַרצטן, און דער יונגער דאָקטאָר אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויפגעהאָנגן.

אַרום צוואַנציק טויזנט יידן, פרויען און קינדער, אויך פּליטים פון לאָדזש, זענען געווען פאַרזאַמלט ביים קאָניעווער באַרג און פון דאָרט פלעגט מען מאַרשירן צו די וואַגאָנעס. דאָס האָט געדויערט דריי טעג. מען האָט מאַרשירט הונגעריקע און דערשעפּטע. דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרזייט מיט טויטע, ווייל די מערדער האָבן געשאָסן אויף רעכטס און לינקס.

מען האָט די צאָן קדושים געשטופּט אין די וואַגאָנעס פיל ערגער ווי בהמות און די אוקראַינער, ליטווינער און דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין יאָגן און שלאָגן. זיי האָבן געוואָלט, אַז אין די וואַגאָנעס זאָלן אַריין אינגאַנצן דערשעפּטע און באַוווסטלאָזע יידן.

מען האָט געלייגט איינע אויף די אַנדערע צדיקים, רבנים, לומדים, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, און פאַרזיגלט די וואַגאָנעס. אויף יענער זייט זענען געבליבן פיל דערשאָסענע. די קרעכצן, געשרייען און געוואַלדן זענען געווען אומבאַשרייבלעכע.

די יידישע פּאָליציי־לייט האָבן געוווסט פריער וועגן דער זונטיק־אַקציע, אָבער זיי האָבן ניט אויסגעזאָגט. בלויז ביי צוויי יידישע פּאָליציי־לייט האָט זיך דערוועקט זייער רחמנות און צוזעענדיק די גהינום־סצענעס האָבן זיי אַ וואָרף געטאָן די פּאָליציי־היטלען מיט די לאַמפּאַסן און פרייוויליק אַריינגעשפּרונגען אין די וואַגאָנעס צוזאַמען מיט אַלע יידן. דאָס זיינען געווען: אַ זון פון אַברהם פונט און אַ לאָדזשער יונגערמאַן, אָנפירער פון דער סאַניטאַרער קאָמאַנדע ביים „יודן־ראַט״.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט מען אויך מיך מיט מיינע צוויי ברידער אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנעס. איך האָב געאַרבעט ביז דאַן אין „אי. גע. פאַרבן״, נעבן אוישוויץ, און אין יאַנואַר 1944, אין טאָג פון אַ גרויסן פראָסט און שניי האָט מען אונדז געפירט דורך דער יעלאַנקער ציגל־פאַבריק קיין גליוויץ.

מען האָט אַריינגעשליידערט הונדערט און פופציק פערזאָן אין אַן אָפענעם וואַגאָן און די זעלבע צאָל אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן און די אַלע וואַגאָנעס האָט מען אַרומגעפירט במשך צוועלף טעג און נעכט, אָן אַ טרונק וואַסער אַפילו. אפשר צוויי מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען אַריינגעוואָרפן אין יעדן וואַגאָן עטלעכע האַרטע, פאַרפרוירענע ברויטלעך. מיר זענען דורכגעפאָרן עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און דייטשלאַנד, און ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אָראַנבורג, אַ פאַבריק פון עראָפּלאַנען נעבן בערלין, זענען אַכציק פּראָצענט געווען טויט.

איך מיט מיינע צוויי ברידער זענען געבליבן לעבן, ווייל מיר זענען געפאָרן אין אַן אָפענעם וואַגאָן, האָבן מיר געהאַט לופט און דער עיקר — מיר פלעגן לעקן דעם שניי.

אַלע זענען געווען איינגעפרעסט ווי הערינג און די מענטשלעכע געברויכען פלעגט מען מאַכן אונטער זיך. מענטשן זענען ווילד געוואָרן און געביסן איינער דעם צווייטן. ווען מען האָט זיך געוואָלט איינבויגן האָט מען געמוזט אימיצן דערהרגענען, אָדער אַרויסוואַרפן אין מיטן לויף פון צוג. מענטשן זענען געשפּרונגען פון איין וואַגאָן צום צווייטן און די וואַך האָט זיי באַלד דערשאָסן, אָדער זיי זענען געפאַלן צווישן די רעדער און צעריבן געוואָרן.

מיך האָט אָפּגעגליקט. איך און מיינע צוויי ברידער זענען געווען די ערשטע אין וואַגאָן, האָבן מיר פאַרכאַפּט אַ ווינקל, פלעגן צוויי שטיין און דער דריטער זיצן צווישען די פיס, אַזוי האָבן מיר זיך געטוישט.

צום סוף וויל איך דערמאָנען צום גוטן די טשעכן. ווען מיר זענען דורכגעפאָרן זייער לאַנד, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן עסן. מיר איז געלונגען צו כאַפּן אַן עפּל, האָב איך זיך באַלד צעטיילט מיט די ברידער. אָבער פיל טשעכן האָבן דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן, ווייל די וואַך האָט געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי.

עס איז אויך געווען אַ פאַל, ווען מיר זענען דורכגעפאָרן אַ גרויסע באַן־סטאַנציע און נעבן אונזערע וואַגאָנעס איז געשטאַנען אַ פּאַסאַזשיר־צוג, האָבן די פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן וואַרפן זייער שפּייז צו אונז. מיין אינגסטן ברודער איז געלונגען צו כאַפּן אַן אוצר: אַ סענדוויטש, דאָס הייסט צוויי דינע שטיקלעך ברויט מיט שמאַלץ, האָבן מיר זיך ווידער צעטיילט.

די רייזע האָט געדויערט, ווי איך האָב געזאָגט, צוועלף טעג, און עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אין די וואַגאָנעס און וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. דערפרוירענע פון פאָרן אין אַן אָפענעם וואַגאָן בעת אַזאַ קנאַקעדיקען פראָסט, פאַרשמוציקטע פון מאַכן די געברויכן הינטער זיך און הונגעריקע און דאָרשטיקע, מיט טויט־שרעק יעדע ווילע, ווייל די וואַך־לייט האָבן געהאַלטן אין איין מאָרדן.

מרים גוטהאַלץ־פעלדמאַן

אין טרעבלינקע בין איך יאָ געוועזן

עס איז געווען יאַנואַר, 1943 דאָס יאָר פון אומקום און גבורה פון די לעצטע רעשטלעך פון פוילישן יידנטום.

גאַנץ קאָנגרעס פוילן, ווי אויך מיין היימאַטשטאָט אָסטראָווצע איז שוין געווען נאָך דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון 10־טן אָקטאָבער, 1942.

אין שטאָט זענען פאַרבליבן אומגעפער ביי א צוויי טויזנט נפשות, א גרויסער טייל פון זיי אומלעגאַלע, ד.ה. אַזעלכע וועלכע האָבן ניט געהאט קיין ארבעטס־פּלעצער. עס זענען ארומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשע בעסטיע גרייט צו אַ נייע אקציע. זיי פּלאַנירן אומצוברענגען די לעצטע רעשטלעך אויסגעמאַטערטע יידן, וועלכע האָבן זיך אייסבאַהאַלטן ביי די שרעקלעכסטע באַדינגונגען אין פאַרשיידענע באַהעלטענישן אין דער צייט פון דער ערשטער אויסזידלונג.

אין אָנפאנג האָט מען געגלויבט, אַז מען שיקט טאַקע אויף אַרבעט. דער תליון האָט אַליין צוגעטראַכט דעם ליגן. מען איז אָבער באַלד געוואָר געוואָרן דעם גרויזאַמען אמת, אַז די דעפּאָרטירטע זענען גרויזאַמע קרבנות צו ווערן פאַרגאַזט אין די קרעמאַטאָריעס פון מיידאַנעק און טרעבלינקע.

עס איז שוין געווען נאָך די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס און שחיטות פון די גרעסערע יידישע ישובים אין פּוילן, ווי: לובלין, וואַרשע און פיל אַנדערע שטעט. אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז אַ גרייסער, גרויזאַמער שטורעם הענגט איבער אונדזערע קעפּ. געקומען איז דער טראַגישער טאָג, עס איז געווען זונטיק, 10־טער יאַנואַר, 1943. אין דאָזיקן שרעקלעכן זונטיק האָט מען געפירט צום אומקום די רעשטלעך אויסגעפּייניקטע יידן פון קעלצער קרייז. מיט דער דאָזיקער דעפּאָרטאַציע בין איך אַוועק קיין טרעבלינקע.

5 פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער שדים־טאַנץ. דאָס געטאָ איז געווען באַוואַכט פון עס־עס, ליטווינער, פוילישע פּאָליציי און אַנדערע טונקעלע עלעמענטן. צו אונדזער גרויסן בזיון האָט דעם תליין ניט געפעלט אויך די הילף פון דער יידישער פּאָליציי.

אויסגעמאַטערטע, דערשראָקענע, טייל פון אונדז ארויסגעשלעפּטע אויף כוח פון פאַרשיידענע באַהעלטענישן, האָט מען אַלעמען געשלעפּט צום טראַנספּאָרט און אַלע צוזאַמען זענען געטריבן געוואָרן צו דער באַנסטאַציע

אין די צוגעגרייטע פראַכט־וואַגאָנעס. דער פראָסט איז געווען שטאַרק, דער וועג איז געווען גליטשיק, די אָנטרייבערס האָבן געטריבן אָן רחמנות און איז ווער אַוועקגעפאַלן, זיך אויסגעגליטשט, אָדער פון דערשעפּונג, איז ער גלייך דערשאָסן געוואָרן. דער וועג איז געוואָרן פאַרזייט מיט טויטע, אויפן ווייסן שניי זענען געווען פאַרגליווערטע קאַליוזשעס בלוט, יידיש בלוט פון די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט מיטהאַלטן מיטן געטריבענעם עולם.

אונדזער טויטן־צוג האָבן די מערדער באַגלייט דעם גאַנצן וועג מיט קלעפּ, אָפּטמאָל ביז באַוווסטלאָזיקייט, נאָר די אמתע אָרגיע האָט זיך אָפּגעשפּילט ערשט ביי דער באַנסטאַציע. ביים אַריינגיין אין צוג האָבן זיי צוגענומען יעדע מינדסטע ווערטפולע זאַך, שוין אָפּגערעדט פון געלט און צירונג; זיי האָבן באַפוילן אויסטאָן די שיך און דעם מאַנטל און אַזוי האַלב־אָנגעטאָן אונדז אַריינגעשטופּט צו 120 פּערזאָן אין די שמוציקע וואַגאָנעס, וועלכע האָבן זיכער שטענדיק געהאַט געפירט בלויז בהמות. מיר זענען געשטאַנען אינעווייניק צונויפגעפּרעסט איינער צום אַנדערן, די קליינע פענסטערלעך זענען געווען פאַרגראַטעוועט מיט שטעכלדראָט.

אינדרויסן האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע און דער פראָסט האָט געברענט. באַלד ווי די טירן פון די וואַגאָנעס זענען אינדרויסן אָפּגעשלאָסן געוואָרן, האָט די באַן געריכט אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג און קיינער האָט ניט געקאָנט דערטאָלקעווען אין אַ וואָסער ריכטונג מען פירט אונדז. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, אין וואַגאָן איז געווען זייער דושנע און אַלע האָבן אָנגעהויבן ליידן פון דורשט. טייל האָבן געחלשט, האָט מען אַראָפּגעקראַצט דעם פראָסט פון די ווענט און דערמיט געראַטעוועט די פאַרחלשטע. אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן זענען דערליידיקט געוואָרן אויפן אָרט... צוויי און אַ האַלב מעת לעת זענען מיר אַזוי געפאָרן אין דעם צוזאַמענגעפּרעסטן וואַגאָן אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

אויפן דריטן טאָג שלעפּן זיך אין פאַרשפּאַרטן וואַגאָן, האָבן די צום טויט אויסגעמוטשעטע באַמערקט דעם אויפשריפט פון טרעבלינקע, וווהין אויך אונדזער צוג האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן. וואָס טרעבלינקע באַטייט פאַר אונדז האָט מען שוין דאַן זייער גוט געוווסט. דער

צוג האָט זיך אַרייַנגעדרייט אין אַ זייטיקער ליניע, וואָס איז געווען האַרט ביים טויטן־לאַגער. אויף וואָס צו האָפן איז ניט געווען מער, דער טויט איז געווען כמעט ווי אַ זיכערער. מיין איינציקער פאַרלאַנג איז געווען כאָטש צו קענען אומקומען מיט אַ בכבודיקן טויט. פיל מענטשן אין וואַגאָן האָבן נאָך אַלץ ניט געוואָלט זיך גלויבן, אַז עס דערנענטערט זיך אונדזער סוף. דער פחד, וואָס איז דורך די מערדערס אָנגעוואָרפן געוואָרן אויף זייערע קרבנות, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געציטערט פאַרן מינדעסטן געדאַנק פון שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

איך האָב געגעבן אַלעמען צו פאַרשטיין, אַז מען מוז איצט שפּרינגען פון וואַגאָן. זאָל שפּרינגען יעדער ווער עס קאָן נאָר, האָב איך זיך ביי אַלעמען געבעטן, נאָר מיינע רייד זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן, קיינער האָט זיך צו מיר ניט צוגעהערט.

מיט שוועריקייטן און אַ דאַנק דער מיטהילף פון אונזערס אַ פאַמיליע פריינט, ר׳ לייבוש ראָזענבערג ז״ל, אַ לאָדזשער ייד, שוין ניט קיין צו יונגער, איז מיר געלונגען זיך צו דערשלאָגן צום פאַרקראַטעוועט פענסטערל. פאַרן אַרויסשפּרינגען האָט מיר דער קדוש ראָזענבערג נאָך צוגעגעבן מוט און געזאָגט:

— דו ביסט יונג, שפּרינג און דערצייל דער וועלט וועגן אומקום...

איך שפּרינג פון צוג

זיין ברכה איז מקוים געוואָרן. דער צוג איז געפאָרן אין אַ שנעלן טעמפּאָ און איך בין געשפּרונגען וואָס ווייטער אַוועק פון דער באַנליניע. די וואַך, וואָס האָט באַגלייט דעם טראַנספּאָרט, האָט מיר נאָכגעשאָסן. אָפּגעלאָפן אַ שפּאָר שטיק וועג אויפן ווייסן פאַרשנייטן פעלד, הייב איך זיך אָן אַרומקוקן ווו איך בין. איך בין טאַקע ניט פאַרווונדעט, אָבער איינער אַליין אין דעם אומענדלעכן ווייסן אַרום. אינדרויסן איז געווען אַ פראַכטפולער ווינטער טאָג און אויפן האָריזאָנט האָט זיך געזעען אַ ווייס־פאַרשנייטער וואַלד — אַלעס אַרום האָט געשיינט, נאָר מיר איז געווען חושך, איך האָב זיך געפילט ווי אַן איבעריקע אויף דער וועלט, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און שוין באַדויערט וואָס איך בין געשפּרונגען פון צוג. אין אַזאַ דערדריקטער שטימונג האָב איך זיך קוים מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צו אַ פויעריש הייזל און געבעטן מיר לאָזן אָנוואַרעמען אַביסל. די פויערים האָבן גלייך דערקענט אין מיר אַ יידישקע און מיר געטריבן פון הויז. אַנטלויפנדיק פון זיי בין איך אַריין אין אַ גרוב מיט שניי און שטאַרק דורכגעווייקט געוואָרן.

שוין דריי טעג ווי איך האָב ניט געהאַט געגעסן, אָבער קיין הונגער האָב איך ניט געפילט. עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן און אַ דערשעפּטע, פול מיט שרעק, האָב איך זיך קוים דערשלעפּט צום וואַלד. אויף אַ ווייַלע האָב איך זיך צוגעזעצט אָפּרוען און בין איינגעשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי בין איך געווען אינגאַנצן ווי פאַרגליווערט. איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם, אַז די פיס זענען בײַ מיר אָפּגעפרוירן געוואָרן איבער דער נאַכט אין וואַלד. איך בין אַרויס פון וואַלד און זיך דערנענטערט צו אַן אַנדער פויעריש הייזל, וואָס איז געווען ניט ווייט פון וואַלד. איך האָב אָנגעקלאַפּט און די פויערטע האָט מיר געעפנט. זי האָט מיר דערלויבט זיך אָנוואַרעמען, זי האָט מיר געגעבן הייסע קאַווע מיט ברויט. איך האָב זיך דערוואַרעמט און אָנגעהויבן פילן אַ בייסונג אין די פיס. האָב איך אויסגעטאָן די שיך, אָבער צוריק זיי אָנטאָן האָב איך שוין ניט געקאָנט. די פיס זענען מיר געווען געשוואָלן און די פינגער אינגאַנצן שטייף.

די קריסטין האָט מיר געגעבן אַ פּאָר גרויסע שיך מיט הילצערנע זוילן און איך האָב איר אָפּגעגעבן מיינע שיך; איך האָב בײַ איר געקויפט אַן אַלט מאַנטל מיט אַ פויערישן שאַל און ווי זי האָט מיר געראַטן, האָב איך זיך פאַרנומען אויפן וועג קיין קאָסאָוו־לאַצקי, ווו עס איז נאָך פאַראַנען אַ יידיש געטאָ און דאָרט וועל איך זיך קענען אויסבאַהאַלטן, ווייל ביי איר איז זייער געפערלעך מען זאָל מיר געפינען; אין אַזאַ פאַל פאַרברענען די עס־עס־לייט די גאַנצע ווירטשאַפט און טויטן די אייגנטימער.

אין געטאָ פון קאָסאָוו־לאַצקי

קיין קאָסאָוו־לאַצקי איז געווען אומגעפער אַכט קילאָמעטער. עס איז דאַן געווען אַ קריסטלעכע חגא. פון דער גאַנצער געגנט האָבן זיך פויערים געצויגן אין שטאָט אַריין, האָב איך זיך אויסגעמישט מיט די קריסטן און אַזויערנאָך אַרייַנגעקומען אין שטאָט אַריין. דעם יידישן געטאָ איז ניט געווען שווער צו דערקענען, האָב איך זיך אַ דורכגעשלייכט דורך אַן אָפענע ברעט אין פּלויט און אַזויערנאָך געוואָרן אַ תושבת אין געטאָ.

אין געטאָ זענען די סאַניטאַרע באַדינגונגען געווען זייער שרעקלעכע און דערצו האָט נאָך דאָרטן געבושעוועט אַ פלעקן־טיפוס און עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכער פחד פאַר די עס־עס־לייט, וועלכע פלעגן קומען פון שכנותדיקן טרעבלינקע און מיט העק דערהאַרגענען יידן אויף אַ בעסטיאַלן שטייגער. איך האָב זיך אָנגעשטעקט מיט

פלעקן־טיפוס און די איינציקע יידישע דאָקטאָרין (איר נאָמען געדענק איך, ליידער, ניט) האָט מיר געראַטעוועט, טראָץ דעם וואָס קיין מעדיקאַמענטן זענען ניט געווען צו קריגן. אין געטאָ האָב איך באַגעגנט נאָך אייניקע פון אונדזער טראַנספּאָרט, וועלכע זענען געשפּרונגען פון די וואַגאָנעס, ווי איך. איך האָב דאַרטן געטראָפן דעם לובלינער רבינ׳ס זון, אייגער, מיט נאָך אַ לאָדזשער ייד און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי גרייטן זיך צוריקפאָרן קיין אָסטראָוצע, ווו דעם רבינ׳ס גאַנצע משפחה איז געווען זינט דעם אַריינקום פון די דייטשן קיין לאָדזש. דער לאָדזשער בחור האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען, נאָר איך בין נאָך געווען קראַנק און ניט געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַריין אין אַזאַ מצב.

צוריק קיין אַסטראָווצע

דער לאָדזשער בחור מיטן אַרישן אויסזען האָט זיך דערשלאָגן קיין אָסטראָווצע און איבערגעגעבן מיינע עלטערן וועגן מיין לאַגע. זיי האָבן באַלד אָפּגעזוכט אַ קריסט, מאַריאַן כאַמעראַ, וועלכער איז געקומען קיין קאָסאָווער־לאַצקי און מיך אָפּגעזוכט אין געטאָ. ער האָט געקויפט פאַר מיר אַ בילעט צו פאָרן מיטן צוג. איך האָב זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּויערטע, מיט פיבער און שטאַרקע ווייטיקן אין די פיס האָב איך זיך געלאָזט אין וועג.

מיר זענען ניט געפאָרן אין זעלבן וואַגאָן, ווייל טאָמער כאַפּט מען מיר אַלס יידישע זאָל ניט פאַלן קיין שום חשד אויף אים. אָבער ער האָט מיר זייער פיל געהאָלפן און אָנגעוויזן ווו איך דאַרף איבערשטייגן. עד היום קען איך ניט פאַרשטיין ווי עס איז מיר געלונגען דורכמאַכן די רייזע אָן שום דאָקומענטן און דערצו נאָך קראַנק מיט פיבער. וואָס האָט אויך געקאָנט מיר אויסגעבן, דערצו האָבן די עס־עס־לייט אויף יעדער סטאַציע קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און ניט איינעם אַרעסטירט.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז מיט מיר געשען אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל, ווו איך האָב געוואַרט אויפן ווייטערדיקן צוג. קיין אָרט, ווו זיך צו פאַרשטעקן איז ניט געווען. קומט צו מיר צו אַן עלטערע פּוילישע פרוי און נאָכדעם ווי זי אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר, זאָגט זי מיר: „ווייסט, זעסט אויס זייער ענלעך אויף אַ יידישקע“... „יאָ, — האָב איך איר געענטפערט, — מען האָט עס מיר שוין אייניקע מאָל געזאָגט, עס קען זיין דערפאַר וואָס אין דאָרף האָבן מיר אַלע אַ טונקעלע הויט“...

דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט און איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז אָט אָט שיקט זי צו אַן עס־עס־מאַן, אָדער גאָר אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און מען פאַרנעמט מיך. די צייט ביז עס איז אָנגעקומען דער צוג האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַן אייביקייט. נאָר אָט איז אָנגעקומען דער צוג קיין סקאַרזשיסק, איך האָב זיך אַריינגעשטופּט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע און דעם זעלבן אָוונט בין איך אָנגעקומען אין אָסטראָווצער געטאָ, ווו מיין משפחה האָט געוואַרט אויף מיין צוריקקומען.

מיין געזונט צושטאַנד איז געווען אַ שרעקלעכער, מיינע פיס האָט מען געמוזט ווי אַמשנעלסטן אָפּערירן. צו מיין גרויס גליק איז אין אָסטראָווצער געטאָ געווען דער באַוווסטער פּראָפעסאָר פון פּויזנער אוניווערסיטעט, פּראָפ. דרעווס, וואָס איז געווען באַרימט אַלס כירורג און ער, צוזאַמען מיט ד״ר מאיר, האָט מיר אָפּערירט אין זיין וווינונג אין געהיים. אַסאַך האָט מיטגעהאָלפן צו מיין געזונט ווערן די זאָרגפעלטיקע באַהאַנדלונג פון אונדזער פעלדשער, נחמן אַלמאַן. פעלדשער אַלמאַן האָט געהאָלפן אַלע קראַנקע אין געטאָ מיט גרויס מסירת נפש. זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט.

פון אַרבעטס־לאַגער קיין אוישוויץ

סוף מערץ, 1943 האָט מען ליקווידירט דאָס געטאָ אין שטאָט און די רעשטלעך אויסגעפייניקטע יידן אַריבערגעפירט אין די קאָשאַרן ביי דער פאַבריק. דאָס איז געווען אַ לאַגער באַוואַכט פון אוקראַינער, ווו מיר האָבן געאַרבעט ביז 16 שעה אַ טאָג אין באַדינגונגען פון הונגער. צו דער זעלבער צייט האָבן די פאָראַרבעטער און יידישע פּאָליציי געלעבט אין די סאַמע גרעסטע לוקסוס באַדינגונגען. אין דאָזיקן אַרבעטס לאַגער זענען מיר געווען ביזן זומער, 1944. ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דעם ראַיאָן, האָט דער דייטש ליקווידירט אַלע לאַגערן אין דער געגנט און אַלעמען געשיקט קיין אוישוויץ. מיין אויסטאַטואירטער נומער אויף דער לינקער האַנט איז: 16922־א.

פון אוישוויץ זענען מיר געשיקט געוואָרן אין טראַנספּאָרטן אין פאַרשיידענע לאַגערן אין דייטשלאַנד און סודעטן־לאַנד. דאָרט זענען מיר באַפרייט געוואָרן דעם 9־טן מאַי, 1945.

די דערנידערונגען, הונגער, שמוץ און פּיין, וואָס מיר האָבן געליטן אין די אַלע אויבנדערמאָנטע לאַגערן, בין איך ניט בכוח צו באַשרייבן. זאָלן מיר די לאַנדסלייט אין לייענער מוחל זיין דעם דאָזיקן חלל אין מיין באַשרייבונג.

מרדכי און יהודה ראזענבערג (קאַצעט־נומער פון אוישוויץ: B4479)

סוכות תש"ד אין אוישוויץ

עס וועקט אונדז אויף פון שלאָף אַ האַסטיקער קלונג פון לאַגער־גלאָק. מיר אַלע ווערן אויפגעציטערט. וואָס שוין ווידער? ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרות דער היינטיקער טאָג וועט מיט זיך ברענגען! איך בין נאָך אַזוי נישט אויסגעשלאָפן, אַזוי מיד און פאַרמאַטערט ביז טויט. אַך, ווען מען לאָזט מיך נאָך שלאָפן כאָטש אַ פינף מינוט אויף די האַרטע ברעטער אונטער דער דינער דעק! דער מידער, מאָגערער און אָפּגעשוואַכטער קערפּער קנוילט זיך ביינאַכט צונויף און זוכט אַ ביסל וואַרעמקייט, וואָס איז אַזוי שווער צו באַקומען.

עס דערהערן זיך די ווילדע געוואַלדן און געשרייען פון די „שטובאָוועס", שטעקענעס טראַסקען איבער קעפּ און ווו עס לאָזט זיך נאָר. שטרענג קלינגען די באַפעלן: „הערויס!, הערויס! צו דער אַרבייט!" נישטאָ קיין צייט לאַנג צו טראַכטן און מען מוז וואָס שנעלער פאַרלאָזן דעם באַראַק און אַרויסגיין.

אינדרויסן איז נאָך שטאָק־פינצטער. עס גיסט אַ רעגן און אַ ביטערע קעלט נעמט דורך די ביינער. עס איז ממש נישט אויסצוהאַלטן! מיינע ערשטע דערשראָקענע בליקן פאַלן אויף די קוימענס פון די קרעמאַטאָריעס, פונוואַנען עס זעצט אַרויס אַ פייער, וואָס באַלויכט די גאַנצע אַרומיקע געגנט. אוי, דאָס שוידערלעכע בילד פון דעם פייער אין די קרעמאַטאָריעס, ווו עס ברענען זיך מענטשלעכע נפשות, ווו עס ווערן פאַרטיליקט מיינע שוועסטער און ברידער! ווי לאַנג נאָך, גרויסער גאָט, ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם?!

מאַרשירן מיר אַזוי, טויזנטער מענטשן, איינגעבויגענע, איינגעשרומפּענע און צוזאַמענגעדריקטע מיט צעקנאָדערטע און געגרונצעלטע פּנימער פון צרות. מיר קוקן איינער אויפן צווייטן, אָבער קיינער רעדט קיין וואָרט נישט אַרויס. פון צייט צו צייט דערהערט זיך אַ קרעכץ פון דעם אָדער פון יענעם, אַ ביז גאָר טיפער קרעכץ... פונדערווייטנס דערטראָגט זיך דאָס געשטאַנק פון די פאַרברענטע קערפּערס. שוין ווידער, שוין ווידער!

פון אונטער די לייכטע מלבושים פיל איך די קאַלטע פייכטקייט פון רעגן, וועלכער האָט מיך דורכגענעצט ביזן מאַרך פון די ביינער. ס'איז שרעקלעך קאַלט, דער ווינט בלאָזט גלייך אין פּנים און רייסט שטיקער. און מיט דעם פיינלעכן געפיל פון צער, שרעק און הונגער, אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי, מאַרשירן מיר צום טויער, ווו עס זאַמלען זיך צונויף אַלע קאַצעטניקעס, גרייט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.

דער שקלאַפן־מאַרש ווערט באַגלייט מיט מוזיק

אַן אָרקעסטער שפּילט פריילעכע מאַרשן און שיינע פאָקסטראָטן מיט גאַנצן קנאַק, און דאָס פייער פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס טאַנצט דעם שרעקלעכן קאַראַהאָד און שפּיגלט זיך אין די גלאַנציקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון דער קאַפּעליע, וואָס שפּילט דעם לעצטן מאַרש פאַר די אויסגייענדיקע יונגע לעבנס, וואָס זענען נאָך נעכטן דאָ געשטאַנען צוזאַמען מיט אונדז און געוואַרט אויף זייער גורל...

מיר דערנענטערן זיך צום טויער אין גרעסטער שפּאַנונג און אויפרעגונג. איך פיל שטאַרק דאָס פאַרשנעלערטע קלאַפּן פון מיין האַרץ, אין קאָפּ — אַ גערויש און דער מוח אַרבעט. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע מיינע כוחות זיך צו באַהערשן און מאַרשירן גענוי און פּינקטלעך צום טאַקט פון מאַרש, נישט שאָקלען, חלילה, מיט די הענט אָדער מיטן קאָפּ. אַלע קנעפּלעך מוזן זיין צוגעקנעפּלט ווי געהעריק, דער קאָלנער טאָר נישט זיין אויפגעשטעלט, די האָר אויפן קאָפּ אָפּגעגאָלט. נאָר אויסזען מונטער און נישט פאַרשלאָפן. עס הערט זיך די קאָמאַנדע: „לינקס! לינקס!"

ביים טויער וואַרטן שוין אויף אונדז פיל עס־עס־מערדער מיט שטעקנס און הינט. זיי זיינען אַלע פרישראַזירטע, זויבערע און עלעגאַנט געקליידעטע. אויף זייערע קליידער בלאַנקען פאַרשידענע מעדאַלן און אויסצייכענונגען — אין זכות פון באַגאַנגענע „העלדן־טאַטן" און מאַסן־מערדערייען. אַלע זעען זיי אויס צופרידענע, פריילעכע און זאָרגלאָזע.

דער קאַפּאָ פון דער קאָמאַנדאָ מעלדעט אויפן הויכן קול דעם קאָמענדאַנט ביים טויער: „אַרבייטס־קאָמאַנדאָ שטראַסן־באַו מיט 216 העפטלינגע. ביטע ערלאַובניס הערויסצוגיין צו אַרבייט". „הערויס! — ענטפערט דער קאָמענדאַנט פּודערמאַן — זייטן־ריכטונג! מיטצען אַב! מיט דען גלייכען פּוסטריט מאַרש! לינקס! לינקס!"

די רוצחים שטייען נישט מיט פאַרלייגטע הענט. ווי הונגעריקע וועלף גיבן זיי זיך אַ לאָז אויף זייערע קרבנות. ווער עס געפעלט זיי עפּעס נישט, ציען זיי צו אים אויס

דעם שטעקן מיטן האַלב־רונדיקן הענטל, כאַפּן אָן דערמיט דעם קרבן ביים האַלדז און שלעפּן אים אַרויס פון דער ריי. פון אַלע זייטן פאַלן שטעקענעס אויף פּלייצעס און אויף קעפּ. אין פיל פאַלן שפּריגט אויך אונטער אַ בייזער דרעסירטער הונט, און ער רייסט לעבעדיקע שטיקער פון זיין קרבן. און ווען אַזאַ אומגליקלעכער הערט שוין דעם באַפעל: „אַפּ! לאוס!" — איז אים שוין וואויל און גוט... צעשלאָגענע, צעריסענע, לויפן זיי נאָך זייער קאָמאַנדאָ, און ווידער צום טאַקט: לינקס! לינקס! און נישט איינער פילט, ווי דאָס בלוט פליסט אונטער די קליידער. קיינער זעט דאָס נישט און קיינער פרעגט נישט. מען ווייסט: דאָרט, וווּ עס זעצט אַרויס דאָס פייער פון די קוימענס — דאָרט איז דאָך נאָך ערגער... און אַזוי קאָמאַנדאָ נאָך קאָמאַנדאָ טאָג־איין טאָג־אויס: לינקס! לינקס! לינקס!

מיר געפינען זיך אויף יענער זייט פון טויער. די שפּאַנונג האָט דאָ אַביסל נאָכגעלאָזט. איך פיל זיך מיד, שוואַך און אויסגעמאַטערט פון שרעק, ווי נאָך אַ שווערן תענית. דערשלאָגענע און פאַרביטערטע, מיט אַדורכגעווייקטע קליידער פונעם רעגן, וועלכער הערט נישט אויף צו גיסן, קומען מיר ענדלעך אָן צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ. אונדזער אַרבעט באַשטייט אין אַריבערטראָגן שטיינער פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן.

פון אַלע זייטן זענען מיר אַרומגערינגלט דורך עס־עס־לייט — די זעלבע, וועלכע האָבן אונדז באַוואַכט אויפן וועג צו דער אַרבעט. מיט ביקסן, שטעקענעס און הינט, אָנגעטוענע אין פיינע רעגן־מאַנטלען, שטייען זיי און פּאַסן אויף, אַז מיר זאָלן גוט אַרבעטן. מיר טראָגן די שטיינער אָן אויפהער מיט די לעצטע כוחות, אָן אָפּצוסטעמען אַפילו. און מיר באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך איז, אַז אונדזערע איינגעבויגענע קערפּערס זאָלן נישט מיטגעריסן ווערן צו דער ערד, ווייל דאַן באַדייט דאָס — דער סוף.

דער רעגן האַלט אין איין גיסן אָן אויפהער, אָבער קיין זאַך האַלט אונדז נישט אָפּ פון דער שווערער אַרבעט. פון צייט צו צייט דערהערט זיך אַ ווילדער אויסגעשריי: „וואָלט איר אַרבייטען אָדער ניכטס?" און נאָך דעם דערפילט נישט איינער פון אונדז דעם אומדערבאַרעמדיקן שטעקן, וואָס פאַלט אכזריותדיק אויף די דאַרע ביינער פון קיים לעבעדיקן מענטש.

די צייט שטייט אויף איין אָרט. לאַנג, זייער לאַנג דויערט דער פאַרמיטאָג. ער ציט זיך און ציט זיך אָן אַ סוף און אָן אַן עק. ווי לאַנג עס דויערן אונדזערע צרות, ווי עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צו אונדזער עלנט, צו אונדזער פּיין...

דריי ברידער קלאַמערן זיך צוזאַמען

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט, אָט האָט מען געברענגט דעם קעסל מיט דער מאָגערער זופּ. צוזאַמען אָבער מיט דער זופּ, האָט מען אונדז אויך געבראַכט די ביטערע איוב־בשורה: אַ סעלעקציע אין לאַגער... אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיין לייב. איך דערפיל פּלוצים אַ שרעקלעכן ווייטיק אין האַרץ, די הענט פאַלן ביי מיר אַרונטער אָנמעכטיק און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. אין דערשטיל האַלט איך אין איין איבערחזרן פאַר זיך אַליין: אַ סעלעקציע, אַ סעלעקציע, אַ סעלעקציע...

נאָך אַלע ביז איצטיקע סעלעקציעס — מי לחיים ומי למוות — האָט זיך מיר, יידל און שמואל, דריי ברידער פון אַ פאַמיליע פון אַכט נפשות, איינגעגעבן צו בלייבן צוזאַמען אויף איין אָרט. דער יינגסטער ברודער, שמואל, איז היינט געבליבן אין לאַגער צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קאַצעטניקעס און נישט ארויס צו דער אַרבעט. צוליבן דערנענטערן זיך פון די רוסן, זענען מערערע אַרבעטפּלעצער געוואָרן איבעריק, הגם אויך די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אויסגעפירט, האָט נישט געברענגט קיין שום נוצן, און זיי זענען נאָר אויסן געווען אונדז צו פייניקן.

דריי ברידער צו בלייבן צוזאַמען אין לאַגער — דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג. אַלע אונדזערע מאַניפּולאַציעס, כדי צו קענען זיין צוזאַמען, האָבן אונדז געקאָסט זייער טייער. מיר האָבן נישט איין מאָל געפילט די קלעפּ פון שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ. עס איז אָבער אַלץ כדאַי געווען. מיר האָבן אַלע דריי צוזאַמען געליטן, אַרויסגעהאָלפן איינער דעם צווייטן אין אַן עת־צרה, געטרייסט איינער דעם אַנדערן אין טאָג פון יאוש און פאַרצווייפלונג, און צוזאַמען געהאָפט אויף בעסערע צייטן, אויף אַ שענערן מאָרגן וואָס מוז דאָך ווען קומען...

דער שרעקלעכער הונגער ברענגט מיך אין דער ריי צום קעסל. דער מאָגן פאָדערט דאָס זייניקע און אפילו די טרויעריקע בשורה וועגן דער סעלעקציע אין לאַגער האַלט קיינעם נישט אָפּ פון עסן. נאָך דעם אָפּעסן, וואָס האָט געדויערט זייער קורץ, באַפעלט דער קאַפּאָ צוריקצוטראָגן דעם ליידיקן קעסל אין לאַגער אַריין, און איך בין איינער פון די גליקלעכע צו קענען צוזאַמען מיט נאָך דריי מאַן אויספירן די דאָזיקע אַרבעט.

דער טויט־מאַרש פון די פרויען

מיר גייען זייער שנעל, ווייל מיר זענען נייגעריק צו וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט אונדזערע נאָענטע און טייערע דאָרט אין לאַגער נאָך דער סעלעקציע. און צוקומענדיק נאָענט צום אַריינגאַנג פון לאַגער, ווערן מיר ממש אויפ־

געציטערט ביז די טיפעניש֞ן פון דער נשמה פון דעם שרעקלעכן בילד, וואָס מיר האָבן דערזען: הונדערטער פרויען גייען אין געשלאָסענע רייען, באַגלייט דורך באַוואָפנטע עס־עס־מאַנקעס מיט נאַהייקעס אין די הענט און מיט הינט ביי די זייטן. פרויען אַלטע און יונגע מיט געבויגענע קעפּ און אויפגעריסענע אויגן פון שרעק. די פאַרחלשטע צווישן זיי ווערן אונטערגעהאַלט דורך אַנדערע פרויען. איך האָב נישט געהערט קיין שום געוויין, נאָר טרערן, פיל טרערן, האָבן זיך געגאָסן פון זייערע אויסלאָשענע אויגן. אַ טייל פון זיי זיינען געווען האַלב־נאַקעטע, ווייל ביים אַרויסיאָגן זיי פון בלאָק מיטן אויסגעשריי „הערַאוס!" האָבן זיי נישט באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך די קליידער. איינער פון אונדז האָט ריזיקירט און געגעבן אַ פרעג: „וווּהין גייט איר, פרויען?" און ווי פון אַ טיפן קעלער אַרויס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכע טרויעריקע שטימע: „צום טויט, ליבע יידן, צום טויט".

עס איז מיר היינט שווער צו באַשרייבן דאָס, וואָס כ'האָב דעמאָלט געפילט, קוקנדיק אויפן דאָזיקן טרויעריקן לוויה־צוג פון 500 יידישע פרויען, עלטערע און ייִנגערע, מאַמעס פון קינדער, וועלכע גייען איצט, נאָך אַזויפיל שווערע איבערלעבונגען, זייער לעצטן וועג... דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד האָט זיך איינגעקריצט טיף אין מיין זכרון און איך וועל עס נישט פאַרגעסן אויף מיין גאַנצן לעבן.

מיר זענען צוגעקומען צו דער קיך און אָפּגעגעבן דעם ליידיקן קעסל. אין לאַגער האָבן מיר קיינעם נישט געזען. ווי אַלץ איז אויסגעשטאָרבן. ביים בעסטן ווילן, האָבן מיר נישט געקענט געוואויר ווערן, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען בעת אונדזער אָפּוועזנהייט. אין א געדריקטער שטימונג און מיט צעבראָכענע הערצער האָבן מיר זיך אומגעקערט אויף אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ.

אויפן וועג האָט אונדז פאַרכאַפּט אַ שטאַרקער רעגן, און אָנקומענדיק אויפן אָרט, האָבן מיר שוין געטראָפן אַלע קאַצעטניקעס אין איין קאַמער. די עס־עס־לייט האָבן זיי אַריינגעטריבן אַהין נישט, חלילה, אויס רחמנות, וואָס די שקלאַפן זענען געווען דורכגענעצט און אויסגעווייקט פון רעגן, נאָר אַזוי האָבן זיי זיך נוהג געווען צו קאָנצענטרירן אַלע קאַצעטניקעס אויף איין אָרט, כדי צו זיין זיכער, אַז אין דער צייט פון אַ רעגן אָדער געדיכטן נעפּל זאָל, חלילה, קיינער פון די „באַנדיטן" נישט מאַכן ויברח.

אַלע האָבן אונדז באַוואָרפן מיט פראַגן און געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס עס הערט זיך אין לאַגער נאָך דער דורכגעפירטער סעלעקציע. מיר האָבן דערציילט אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען, די הונדערטער אומגליקלעכע פרויען, וועלכע זענען געפירט געוואָרן צום טויט. די געדריקטע שטימונג האָט זיך ביי אַלעמען נאָך מער פאַרשטאַרקט און אַלע זענען מיר געווען ווי געפּלעפּט.

דאָס געדראַנג אין קאַמער איז געווען גאָר גרויס, אָבער מיר האָבן זיך נאָך מער צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, כדי עס זאָל אונדז זיין אַביסל וואַרעמער. און אַזוי זענען מיר געשטאַנען צונויפגעדריקט, ביטערע קרעכצן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון טיפן האַרצן, און שטיל מיט פּשוטע ווערטער האָבן מיר מתפּלל געווען צו גאָט, געזאָגט תהילים און פאַרבראַכט מיט די הענט.

פון קרעמאַטאָריום זעצט אַ פייער...

אַ קאַפּאָ איז אַריינגעקומען אין קאַמער און אונדז אָנגעזאָגט די „פריילעכע" בשורה, אַז פון קרעמאַטאָריע־קוימען זעצט שוין אַרויס אַ שרעקלעך פייער... מיר זענען אַלע, בערך 100 מאַן, אויפגעציטערט געוואָרן ביז די טיפעניש֞ן פון דער נשמה. דאָרט ברענט שוין, הייסט עס, די קרבנות פון דער היינטיקער סעלעקציע. פון אַלע זייטן דערהערן זיך טיפע קרעכצן און אַ שרעקלעך געוויין. פּלוצלינג דערהערן זיך די ווערטער פון „אל מלא רחמים" וואָס אַמאָל העכער און העכער. דאָס האָט אַ חזן, וואָס האָט זיך געפונען צווישן אונדז, מיט אַ וויינענדיקן קול גענומען אויסזינגען די דאָזיקע תפילה „המצא מנוחה נכונה במעלת קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים..." מיר האָבן אין דעם מאָמענט פאַרגעסן אין דער גרויסער געפאַר, וואָס דראָט אונדז. מיר האָבן זיך צעוויינט ווי קליינע קינדער און מיט געבראָכענע שטימען גענומען מיטזאָגן מיטן חזן די דאָזיקע האַרציקע תפילה צום אָנדענק פון פאַרפייניקטע ברידער און שוועסטער. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגאָסן אַזוי פיל טרערן ווי דעמאָלט אין יענעם קאַמער אין אוישוויץ.

אָבער ניין, אויך דאָס איז אַ לוקסוס, אויך וויינען אין לאַגער איז שטרענג פאַרבאָטן. די טיר פון קאַמער האָט זיך פּלוצים געגעבן אַ פּראַל אויף און עס איז האַסטיק אַריין אַן עס־עס־מאַן און גענומען שרייען מיט רוגזה: „וואַס איז דאַס, לאַוס!" ער האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן און געהאַלטן אין איין שרייען: „ווער איסט היר דער פירער?" און ווי ער האָט באַמערקט, אַז מיר שטייען אַלע אַרום דעם חזן, איז ער צו צו אים און מיט פאַרביסענע ליפּן פון כעס גענומען געוואַלדעווען: „וואַס מאַכסטו היר, דו שווין!" ער האָט תיכף פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל זיין קאַצעט־נומער און צו אים געזאָגט: „הויטע נאַכט ווירסטו שאָן זינגען"... דאָס איז אַן אָנהערעניש אויפן קרעמאַטאָריום.

אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך אונדזערע באַוואָפנטע היטער מיט זייערע

הינט, מאַרשירן מיר צוריק אין לאַגער אַריין. עס הערט זיך כסדר די קאָמאַנדע: לינקס! לינקס! יאָ, מיר גייען אַהיים. דאָס איז אונדזער „היים" — דאָס דאָזיקע שווידערלעכע גיהינום וואָס די נאַציישע באַרבאַרן האָבן פאַר אונדז געשאַפן אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט אין האַרץ פון אייראָפּע.

ווען מיר דערנענטערן זיך צום לאַגער־טויער דערהערן מיר שוין פונדערווייטנס דעם אָרקעסטער, וועלכער שפּילט פאַרשידענע מאַרשן. דער קאַפּאָ לאָזט זיך שוין גאָר שטאַרק הערן און פֿודערמאַן הערט נישט אויף צו קאָמאַנדעווען: „זייטן־ריכטונג! לינקס, לינקס!" מיר גלייכן זיך אַלע אויס און אין פולסטער אָרדענונג, צום טאַקט פון מאַרש, מאַרשירן מיר אַריין אין לאַגער, ווו עס שטייען שוין די אויפזעער, זיי ציילן און קאָנטראָלירן מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט צי אַלץ שטימט און צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

ווי געוויינלעך יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, גייען מיר צו ביז אונדזער בלאָק, דאָרט ווערן מיר נאָכאַמאָל איבערגעציילט און קאָנטראָלירט דורכן בלאָק־עלטסטן און שטובאוויס, און ערשט דאַן ווערן מיר אַריינגעלאָזט אינעווייניק. היינט אָבער לאָזט מען אונדז שטיין אינדרויסן. דער רעגן גיסט אָן אויפהער, עס הייבט אָן ווערן פינצטער, דאָס פייער פון קוימען־קרעמאַטאָריע ווערט מיטן פינצטער ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער און בולטער, עס איז שווידערלעך צו קוקן אויף דעם. די נעץ און די קעלט דרינגען אַריין אין מאַרך פון די ביינער. און אַזוי שטייען מיר און האַלטן אין איין וואַרטן. אויף וואָס? ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אונדז ווידער!...

שטיי איך אַזוי און טראַכט: צו וואָס זיך נאָך ווייטער מאַטערן? איך פיל מיך רעזיגנירט און ס'איז שוין נישטאָ ביי מיר דער אַמאָליקער שטאַרקער ווילן צו לעבן. ניין! אַ שאָד דאָס מאַטערניש. ווער וועט אונדז נאָך העלפן און ווער עמען אינטערעסירן בכלל אונדזערע ליידן, אונדזערע צרות און פּיין?!

— היינט איז דער צווייטער טאָג סוכות — מיט די עטלעכע ווערטער רייסט איבער מיינע טרויעריקע געדאַנקען מיין שכן, וואָס שטייט נישט ווייט פון מיר. דאָס ווירקט אויף מיר זייער שטאַרק און איך פיל אין די פּאַר ווערטער אַ שטאַרקן פּראָטעסט און אַ ביטערן פאָרוואורף. גאָט מיינער, זעסטו דען נישט אונדזער קלאָגעדיקן מצב אין דעם טאָג פון היינטיקן יום־טוב? דער פריילעכער יום־טוב סוכות, אין וועלכן מיר האָבן אַמאָל מיט געזאַנג, פרייד און תפילות געלויבט דיין נאָמען, אָ! גרויסער גאָט! ווי שיין איז דאָס געווען! אין שטוב — ריין, ליכטיק, וואַרעם און פריילעך אין אַלע ווינקעלעך. די גאַנצע משפחה געזעסן מיט צעשטראַלטע פּנימער אין דער שיין־דעקאָרירטער סוכה, געגעסן, געטרונקען און אויסגעזונגען ביסלעכווייז אַלע זמירות און די ליבע און געטרייע מאַמע האָט דערלאַנגט דורכן פענצטער פון די בעסטע און שענסטע מאכלים... און אַלע זענען מיר געווען צוזאַמען. עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער, פעטערס און מומעס, באָבעס און זיידעס — אַלץ צוזאַמען. צי איז דאָס טאַקע נישט מער ווי אַ חלום, אָדער דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקייט? אַמאָליקער סוכות אין דער טייערער היים! אוי, ווי שנעל דאָס אַלץ איז אַוועק און פאַרשוווּנדן!...

מיין ברודער ראַטעוועט זיך פון אַ סעלעקציע

אַבטרעטן! — דערהערט זיך פּלוצלונג אַ ווילד געשריי. מיין ברודער און איך לויפן שנעל אַריין אין בלאָק און דאָרט טרעפן מיר אונדזער דריטן ברודער. די שמחה איז גאָרנישט צו באַשרייבן. מיר וואַרפן זיך אין די אָרעמס און די טרערן האַלטן זיך אין איין גיסן פון אונדזערע אויגן. און ער נעמט אונדז דערציילן וועגן דער גרויסער שרעק, וואָס ער האָט דעם טאָג איבערגעלעבט. עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע סעלעקציע ביי די פרויען, וואָס איך האָב נאָר אַ טייל דערפון געזען, און אויך אַ סעלעקציע ביי די מענער, וועלכע זענען דעם טאָג נישט אַרויס צו דער אַרבעט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, און ערשט שפּעטער נאָך דער סעלעקציע באַלד פאַר אונדזער אָנקומען, איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. מיין ברודער האָט זיך צוליב דער טויט־שרעק במשך פון דעם טאָג שרעקלעך געענדערט, כמעט נישט צו דערקענען. צוליב זיין אָפּגעשוואַכטקייט און אויפרעגונג, האָבן מיר קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט אונדז דערציילט. די הויפּט־זאַך, אַז מיר זענען ווידער, גאָט צו דאַנקען, אַלע דריי ברידער צוזאַמען.

מיר ציען אַרונטער פון זיך די נאַסע קליידער און צעהענגען זיי ווי ווייט מעגלעך אונטער דער פּריטשע. מיר הילן זיך איין אַלע דריי אין די צוויי דעקן, וואָס מיר פאַרמאָגן, און וואַרעמען זיך איינער ביי דעם אַנדערן. מען דערלאַנגט אונדז די צוטיילונג, וואָס באַשטייט פון דריי קליינע שטיקלעך ברויט, און מיר באַשליסן היינט צו עסן איין שטיקל און אויף מאָרגן איבערלאָזן צוויי שטיקלעך, באַלד אָבער נאָכן אויפעסן דאָס שטיקעלע ברויט, באַשליסן מיר צו עסן נאָך אַ שטיקעלע, און איינס איבערלאָזן אויף מאָרגן, ווייל די פּאָרציע ברויט דאַרף סטייען ביז מאָרגן מיטאָג.

און אַזוי ליגן מיר צוזאַמענגעדריקט אויף די האַרטע ברעטער. יעדער איינער פון אונדז וויל עפּעס זאָגן און דערציילן, אָבער קיינער וויל נישט זיין דער ערשטער. ביז איינער פון אונדז גיט שעמעוודיק אַ פרעג: אפשר עסן

מיר עפּעס? מיר זענען באַלד מסכּים, ווייל מיר זענען טויט־הונגעריק. עס דויערט נישט לאַנג און — אויס ברויט, קיין זכר נישט געבליבן...

אַ גרויזאַמע סעלעקציע

מידע און פאַרמאַטערטע פון דעם שרעקלעכן טאָג, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, שלאָפן מיר איין ווי געהרגעטע, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, וואָס עס דערוואַרט אונדז נאָך היינט. געוואַלטן און געשרייען, שלעק פון שטעקנס וועקן אונדז פּלוצלינג אויף פון האַרטן שלאָף. שנעל, שנעל הערונטער! — שרייען ווילד די שטובאָווים. אין בלאָק איז אַ גרויסער גערודער און קיינער ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. אַ טויט־שרעק באַפאַלט אונדז, ווען מיר זעען, אַז מען טרייבט אונדז אַלע אַריבער אויף איין זייט בלאָק, וועלכער איז פונאַנדערגעטיילט אינדערמיטן מיט אַ לאַנגער, נידעריקער מויער. אין מוח מישן זיך די געדאַנקען, הענט און פיס ציטערן. מיר כאַפּן זיך באַלד, אַז עס וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע. דער שרעקלעכער טאָג איז נאָך, הייסט עס, נישט פאַרענדיקט. דאָס מעסטל פון ליידן איז נאָך נישט איבערפולט. וויי, וויי, וויפל איז דער שיעור? וויפל קען אַ מענטש אויסהאַלטן?

מיר שטעלן זיך אויס אין אַ לאַנגע ריי אַלע אָדם־נאַקעט, די שפּאַנונג שטייגט פון מינוט צו מינוט און זי דערגרייכט דעם הויכפּונקט, ווען עס באַווייזן זיך די נאַצישע מלאכי־חבלה. די שטילקייט איז אַזוי גרויס, אַז איך הער דאָס קלאַפּן פון די ציין פון די אַלע, וואָס שטייען נעבן מיר אין דער ריי. אַכטונג! — דערהערט זיך אַ הויך געשריי פון בלאָק־עלטסטן, און מיר ווערן אַלע אויפגעציטערט. צופרידענע און פריילעכע, דערנענטערן זיך די סאַדיסטישע דאָקטוירים מיט זייערע געהילפן, וועלכע דאַרפן באַלד דעצידירן וועגן ווייטערדיקן גורל פון טויזנטער מענטשן, וועגן זייער לעבן און טויט. די ריי רוקט זיך פּאַמעלעך פאָרויס און עס הויבט זיך אָן דער פּאָרכטיקער יום־הדין: מי לחיים ומי למוות.

מיינע געדאַנקען הערן אויף צו אַרבעטן, איך האָב דאָס געפיל ווי אַלץ איז ביי מיר פּוסט און אָפּגעטעמפּט, אין קאָפּ רוישט ביי מיר ווי אין אַ מיל און איך געפין זיך אינגאַנצן ווי אונטער דער ווירקונג פון נאַרקאָזע. אויטאָמאַטיש גיי איך צו צו דער קאָמיסיע. די דאָקטוירים אונטערזוכן מיך און מיט אַ האַנט־באַוועגונג ווייזט מען מיר אָן צו גיין לינקס אויף דער אַנדערער זייט פון בלאָק. דאָס איז דערווייל צום לעבן. די אַנדערע, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צום טויט, זענען באַלד אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ באַזונדערן בלאָק און נאָך די זעלבע נאַכט פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע.

איך האָב זיך נישט געפרייט, וואָס כ'בין געבליבן לעבן, ווי איך וואָלט אין דעם מאָמענט נישט געוויינט, ווען מען שיקט מיך צום טויט. איך האָב נישט באַגריפן, אַז דאָס איז געווען אַ דעצידירנדיקער מאָמענט פון „זיין אָדער נישט זיין". כ'בין געווען אַזוי צעחושט, אַז כ'בין אַפילו נישט אימשטאַנד געווען צו טראַכטן וואָס איז מיט מיינע ברידער און בכלל נישט געדענקט, צי כ'האָב געהאַט ברידער. איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס האָט אַזוי געדויערט. ביז כ'בין צוריקגעקומען צום באַוואוסטזיין און געהאַט די מעגליכקייט צו טראַכטן, בין איך ווידער געלעגן אויף די האַרטע ברעטער צוזאַמען מיט מיינע ברידער, נישט קענענדיק אַרויסרעדן אַ וואָרט. איך האָב באַמערקט זייער אומרואיקן שלאָף, באַגלייט מיט קרעכצן און געשטיקטע געשרייען פון שלעכטע חלומות, פול מיט פּחד — חלומות, וואָס קענען נאָך היינט אָדער מאָרגן, חלילה פאַרוואַנדלט ווערן אין גרויער ווירקלעכקייט...

★

די אויבן־אָנגעשריבענע שורות זענען אידענטיש מיט דעם, וואָס איך האָב געזעען און איבערגעלעבט אין אוישוויץ. די שוידערלעכע געשעענישן פון צווייטן טאָג סוכות 1944 האָב איך באַשריבן לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן — נישט דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דער שווערסטער טאָג פון מיינע טראַגישע איבערלעבונגען אין די גרויזאַמע יאָרן פון מיין זיין פאַרשפּאַרט אין דאָזיקן לאַגער.

די געשעענישן אין צווייטן טאָג סוכות פון יענעם יאָר זענען בלויז אַ קליין רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון מיינע שווערע איבערלעבונגען אין משך פון פיל יאָרן, וואָס איך בין נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן, ווייל ביז גאָר שרעקלעך זענען די דאָזיקע דערינערונגען און מחמת מיין געזונט־צושטאַנד טאָר איך נישט אַרויסברענגען די דאָזיקע גרויליקע בילדער, וואָס זענען ווי אַ קאָשמאַר, פון וועלכן איך פּרוּוו און קען נישט אַנטלויפן. איך בין נישט אימשטאַנד צו שילדערן די אַלע גרויזאַמע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון און דריקן אויף מיר ווי אַ שווערע לאַסט אַלע טעג און נעכט פון מיין לעבן.

איך האָב באַשריבן די געשעענישן פון צווייטן טאָג סוכות דערפאַר, ווייל ראשית איז דאָס דער איינציקער טאָג סוכות". ושנית, דאָס שרעקלעכע בילד פון די 500 פאַרבאַהאַלטן אין מיין זכרון די דאַטע צוליב דעם, וואָס אַ ייד, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון מיר, האָט מיט אַ טיפן זיפץ אַ זאָג געטון: „היינט איז דער צווייטער טאָג סוכות". ושנית, דאָס שרעקלעכע בילד פון די 500

אומגליקלעכע פרויען, וועלכע איך האָב דעם טאָג געטראָפן אויף זייער לעצטן וועג צו דער קרעמאַטאָריע — שטייט שטענדיק פאַר מיינע אויגן נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווי דאָס וואָלט ערשט היינט פּאַסירט. איך האַלט דעריבער פאַר מיין הייליקן חוב צו דערמאָנען דעם טאָג פון זייער אכזריותדיקן אומקום דורך די סאַדיסטישע דייטשישע מערדער ימ״ש.

זאָלן מיינע דערינערונגען דינען ווי אַ „יזכור״ נאָך די מאַסן פרויען און מענער, וואָס זייער לעבן איז אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן דעם צווייטן טאָג סוכות 1944 (תש״ד). געהייליקט זאָל זיין אויף אייביק זייער אָנדענק!

זאָל דאָס אויך זיין אַ דערמאָנונג, קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן און אויך נישט לאָזן פאַרגעסן, די שוידערלעכע פאַרברעכנס פון די באַרבאַרישע נאַצישע טמאים, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי אונדזער פאָלק הינטער די שטעכל־דראָטן פון גרויזאַמען היטלערישן פאַרטיליקונגס־לאַגער — אוישוויץ.



אייזיק ביינערמאַן, טאַראָנטע־קאַנאַדע (קאַצעט נומער פון אוישוויץ: B 2083)

„עוד לא אבדה תקוותנו"

דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1944. נאָך די שטאַרקע באָמבאַרדירונגען אין אוישוויץ, ווען ס׳איז אויפגעריסן געוואָרן די קרעמאַטאָריע, האָט מען אונדז גענומען אַרויסשיקן פון בירקענאַו. מען שטעלט אונדז אויס אין רייען לויט די נומערן, ווייל דאָ, אין לאַגער, זיינען מיר דאָך נישט קיין מענטשן און מיר האָבן נישט קיין שום נעמען. מיר זיינען בלויז נומערן און מער גאָרנישט.

מען פרעגט אויס ווער פון אונדז ס׳איז אַ מישלינג, דאָס הייסט פון געמישטע עלטערן: די מאַמע אָדער דער טאַטע אַ קריסט. עס זענען געווען אַ זעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן, אַז זיי זענען מישלינגען. מען האָט געטראַכט: אפשר ווילן טאַקע די מערדער לאָזן לעבן די מישלינגען, ווייל קיין קריסטן האָט מען דאָך נישט פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס.

ביי מיר האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ און איך האָב מיר געשטעלט די פראַגע: ווען זאָל איך אָפּשמאַדן פון מיינע טייערע און ליבע עלטערן, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט מיט אַ צענדליק יאָר צוריק און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דאָס נאַצישע גיהינום?

מיין טאַטע איז געווען אַ פעלדשער, אַ פשוטער מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. מיין מוטער — אַ באַשיידענע פרוי, אַ האַרציקע יידישע מאַמע. מיר זענען געווען זעקס ברידער מיט איין שוועסטער. אונדזער שטוב איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע און מיר האָבן אַלע באַקומען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג. איך דערמאָן זיך, ווי מיר פלעגן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס זיצן אַרום דעם פיין־געדעקטן שבתדיקן טיש, געפּראַוועט די שבתדיקע סעודה און אויסגעזונגען אַלע זמירות. איך געדענק אויך ווי קליינערהייט האָבן מיר געמוזט פאַרן שלאָפן גיין לייענען קרישמע (קריאת שמע) הויך אויפן קול, אַז די עלטערן זאָלן הערן.

שטיי איך אַזוי און האַלט אין איין טראַכטן: וועמען פון זיי ביידע קען איך דאָ אָפּשמדן נאָך זייער טויט, אַז ביידע האָב איך אַזוי ליב געהאַט און אַזוי הויך געשעצט?

מיין געוויסן דערלויבט מיר נישט צו זאָגן, אַז איך בין אַ מישלינג, אַז די מאַמע אָדער דער טאַטע איז געווען אַ קריסט. האָב איך טאַקע נישט געענטפערט אויף דער פראַגע און אַזוי בין איך אַריין אין דער פּאַרטיע צוזאַמען מיט אַלע. און אַז כ׳האָב דערנאָך באַקומען מיט אַ שטעקן אַ שטאַרקן זעץ איבערן קאָפּ, האָב איך געוווּסט, אַז עס קומט מיר, אַז כ׳האָב דאָס כשר פאַרדינט, ווייל כ׳האָב נישט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ מישלינג און כ׳בין געווען צופרידן, וואָס כ׳האָב נישט באַקומען דעם קלאַפּ אומזיסט...

מען פירט אונדז צו דער זעלבער סטאַציע, וווּ מיר זענען אָנגעקומען אַהער מיט אַ פיר מאָנאַטן צוריק. עס שטייען שוין אויסגעשטעלט די וואַגאָנען וועלכע דאַרפן אונדז אַוועקפירן. יעדער איינער פון אינדז באַקומט צוגעטיילט אויפן וועג אַ גאַנץ לעבל ברויט מיט אַ גרויס שטיק וווּרשט.

און אַז כ׳קוק אויף דעם וווּרשט, קומען מיר אין קאָפּ פאַרשידענע געדאַנקען, פון וועלכע כ׳קען זיך נישט באַפרייען: אויב זיי האָבן אונדז געגעבן זייף מיט דער אויפשריפט ר. י. פ., וואָס דאָס מיינט „ריין יודען פעטס", טאָ פאַרוואָס טאַקע נישט אויך „ריין יודען פלייש" — פלייש געמאַכט און צוזאַמענגעשטעלט פון די קערפּערס פון די אומגעבראַכטע יידישע מענער, פרויען און קינדער? ווי דען וואָלטן די נאַצישע מערדער פּלוצלינג געוואָרן אַזוי גוט און צוגעטיילט פאַר אונדזער פּאַרטיע 5000 פונט וווּרשט? און אַזעלכע פּאַרטיעס זענען דאָך געווען אַ סך.

הגם קיינער פון אונדז ווייסט נישט וווּהין מען פירט אונדז און וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָרט אויפן נייעם פּלאַץ — ווילן מיר דאָך וואָס שנעלער אַנטלויפן פונדאַנען. אַוועק וואָס גיכער פון אוישוויץ־בירקענאַו, פון דעם דאָזיקן שוידערלעכן נאַצישן גיהינום, וווּ גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת שפּאַרט אַ פייער צום הימל פון די קוימענס פון די קרעמאַטאָריעס און די לופט איז אָנגעפילט מיטן שטיקנדיקן ריח פון פאַרברענטע קערפּערס...

ענדלעך איז געקומען די צייט איינצושטייגן אין די וואַגאָנען. די וואַגאָנען זענען נישט פאַרקראַטעוועט מיט קיין שטעכל־דראָטן, ווי די אין וועלכע מען האָט אונדז געבראַכט אַהער מיט מאָנאַטן צוריק קיין אוישוויץ. מיר זיצן צו 8 מאַן אין אַן אָפּטיילונג. יעדע אָפּטיילונג ווערט באַוואַכט דורך צוויי עס־עס־מענער, וועלכע שטייען איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער צווייטער זייט.

דער צוג רירט פון אָרט, הייסט עס, אַז מיר פאַרלאָזן טאַקע אוישוויץ. נעבן אונדז זיצט אַ ייד, וועלכער האָט זיך אויפגעגעבן פאַר אַ מישלינג. איך האָב אים גוט געקענט און אויך זיינע עלטערן. און איך פרעג אים: זאָג

מיר, כ׳בעט דיך, פאַרוואָס האָסטו דווקא דעם טאַטן דיינעם געמאַכט פאַר אַ קריסט און אים אָפּגעשמדט נאָכן טויט? לויט ווי איך ווייס, איז דיין טאַטע אַרויסגעקומען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איינגעהילט אין אַ טלית און די נאַציישע מערדער האָבן אים אויפן אָרט דערשאָסן. און צו די אַרו־מיקע יידן, צו מיינע אחים לצרה זאָג איך: יידן, עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן, אויב מיר זענען נישט אומגעקומען אין אוישוויץ, האָבן מיר נאָך האָפענונג, אַז מיר וועלן די מערדער איבערלעבן.

און אַזוי זענען מיר געפאָרן עטלעכע טעג און נעכט ביז מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ געוויסער סטאַציע. מען האָט אונדז איבערגעפירט אין אַנדערע וואַגאָנען — האַלב־אָפענע און פאַרמאַכטע און אונדז האָט איבערגענומען אַ פאַרשטאַרקטע דייטשישע וואַך. און אונטער אַ האָגל פון שטעקענעס, וועלכע זענען געפאַלן איבער אונדזערע קעפּ, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אויף אַ זייטיקן וועג, און נאָכן אָפּפאָרן אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר ענדלעך אויסגע־שטיגן אין אַ וואַלד.

מען שטעלט אונדז אויס צו פינף מאַן אין אַ ריי און מיר הויבן אָן מאַרשירן ביז מיר קומען אָן אין אַ שיינער אַלייע. אין דער לאַנגער אַלייע מאַרשירן מיר אַזוי ביי אַ צוויי מייל ביז מיר קומען ענדלעך אָן שטאַרק מידע און דערשעפּטע אין קאַצעט שטוטהאָף. מען טרייבט אונדז אַריין אין אויסגעליידיקטע הייזער אָן טירן און אָן פענצ־טער. מען שטופּט אַריין וויפל עס לאָזט זיך נאָר שטייענ־דיקערהייט, ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ איז נישטאָ. מיר זענען הונגעריק ווי די וועלף, אָבער קיין עסן גיט מען אונדז דערווייל נישט אַ גאַנצן טאָג.

צומאָרגנס אינדערפרי צעטיילט מען אונדז אין באַראַקן און מען שיקט אונדז אויף אַרבעט, וועלכע באַשטייט אין אַרויסרייסן פניאָקעס פון איבערגעזעגטע ביימער. מיר אַרבעטן זייער שווער ביי אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען. אונדזער אויפזעער איז אַ פוילישער קאַפּאָ, וועלכער האַלט אין איין שרייען און הערט נישט אויף צו שלאָגן.

מיר קומען פון דער אַרבעט און מען ברענגט מיט מזל דעם קעסל מיט דער זופּ. מיר שטייען אויסגעשטעלט אין אַ ריי און יעדער איינער גייט צו מיט זיין שיסעלע און דער קוכער מיטן גרויסן לעפל גיסט אָן דאָס ביסל זופּ בליץ־שנעל. פון ביידע זייטן שטייען צוויי יידן אויסוואַרפן מיט גראָבע שטעקענעס אין די הענט און ווער עס שפרינגט נישט שנעל אַוועק מיטן שיסעלע זופּ, באַקומט אַ לייג מיטן שטעקן איבערן קאָפּ, אַז עס ווערט אים אַזש פינצטער אין די אויגן.

אין די באַראַקן לאָזט מען אונדז דערווייל נישט אַריין ביז נאָך דעם אַפּעל, וועלכער קומט פאָר ערשט 9 אַזייגער אין אָוונט. אַפילו די טויטע, וועלכע זיינען במשך פונעם טאָג געשטאָרבן אָדער דערמאָרדעט געוואָרן — מוזן אַרויס־געברענגט ווערן צום אַפּעל. די דייטשן האָבן ליב פּינקט־לעכקייט און זיי מוזן נאָכקאָנטראָלירן און ציילן צי אַלץ שטימט גענוי לויטן חשבון.

ענדלעך לאָזט מען אונדז אַריין אין די באַראַקן, מיר באַקומען צוגעטיילט איין בעטל פאַר דריי מאַן, הגם אויף אַזאַ בעטל קען נאָר שלאָפן איין מענטש. די בעטלעך זענען אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז מען קען זיך קוים אַדורכשטופּן דורך זיי. די ענגשאַפט איז נישט אויסצוהאַלטן און מיר ליגן צוזאַמענגעדריקט ווי הערינג אין אַ פאַס אין די דאַזיקע נידעריקע בעטלעך, וועלכע זענען איינגע־אָרדנט צו דריי אין דער הויך. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך דער קאַפּאָ מיט זיינע געהילפן און ער פרעגט: איר שלאָפט נאָך נישט, איר פאַרשיווע קעץ?

ווען מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אוישוויץ, האָבן מיר קיין לייז נישט געהאַט, ווייל דאָרט האָט מען זיך ווי נישט איז געקענט אויסהיטן פון דעם צוליב די אָפּטע בעדער, דיזענפעקציעס און אינספּעקציעס. אָבער דאָ, אין שטוטהאָף, זענען מיר שרעקלעך פאַרלייזיקט געוואָרן, אַזוי אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. אַז מיר האָבן זיך אין אָוונט אַוועקגעלייגט שלאָפן, פלעגן מיר אינדערפרי אויפשטיין מיט מיליאָנען לייז, וועלכע האָבן באַדעקט אונדזערע לייבער און קליידער און געריסן פון אונדז לעבעדיקע שטיקער. די דאָזיקע פּלאָג איז געווען אַ צולאָג צו אונדזערע צרות און האָט אונדז נאָך מער פאַרביטערט דאָס לעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום מעלדעט מען אונדז, אַז מיר גייען אין באָד אַריין. מיר לויפן גערן, ווייל מיר ווילן זיך אַביסל אַרומוואַשן און ביי דער געלעגנהייט אפשר טאַקע אַראָפּוואַרפן פון זיך אַביסל לייז, וועלכע האַלטן זיך אין איין פאַרמערן און לאָזן אונדז נישט צורו.

מיר קומען אָן אויף אַ גרויסן פּלאַץ, ווו עס שטייט אַ הויז. מיר גייען אַריין און מען באַפעלט אונדז אויסטאָן זיך נאַקעט. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן, אָבער איך זע נישט קיין טראָפּן וואַסער. מען נעמט ביי אונדז צו אַלע וואָלענע זאַכן, ווי: סוועטערס, זאָקן, שאַליקעס און מיר באַקומען אַנדערע שמאַטעס. שפּעטער קומט אַ באַפעל צוריקצוגיין אין באַראַק אַריין. מיר שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און מאַרשירן צוריק אין באַראַק, מיטפירנדיק מיט זיך די לייז, פון וועלכע ס׳איז נישט פּטור צו ווערן.

אין אַזוי גייען מיר יעדן אינדערפרי צו דער שווערער אַרבעט. די טעג זענען רעגנדיקע און עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. פון דער אַרבעט קומען מיר צוריק דערשעפּטע, נאַסע און געפרוירענע, דורכגענעצטע ביזן מאַרך פון די ביינער. אין באַראַק לאָזט מען נישט אַריין און מיר מוזן אַזוי אָפּשטיין און וואַרטן אין דרויסן. מיר נעמען זיך

צוזאַמען אין אַ רעדל און טוליען זיך איינער צום צווייטן, כדי אויף אַזאַ אופן זיך אַביסל דערוואַרעמען. און מיר שטייען און דרייען זיך אַזוי לאַנג, ביז עס קומט אָן דער דייטשישער אויפזעער אונדזערער און ער נעמט אונדז ציילן און קאָנטראָלירן. און ערשט דערנאָך לאָזט מען אונדז אַריינגיין אין באַראַק.

אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר געקומען פריער פון דער אַרבעט. שטייען מיר אַזוי פאַרן באַראַק און וואַרטן ביז מ'וועט אונדז אַריינלאָזן אינעווייניק. עס קומט צו אונדז אַרויס דער פוילישער אונטער־קאַפּאָ באָלעק — אַ באַקאַנטער אויסוואורף און לאַגער. ער ווענדעט זיך צו אונדז אויף דייטש: „קעצע! מיר וועלן אַביסל מאַרשירן". אונדזער גרופּע באַשטייט פון אַ הונדערט מאַן און מיר שטעלן זיך אויס צו 5 אין אַ ריי. מיר מאַרשירן און ער האַלט אין איין ציילן. איך געפין זיך אין דער ערשטער ריי פון לינקן פליגל. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ קאָמענדע: „לינקס שווענק". איך האָב נישט געניי פאַרשטאַנען און געגאַנגען גלייך. איז באָלעק צוגעלאָפן און מיר דערלאַנגט מיט אַ שטעקן אַזאַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, אַז איך בין אַנידערגעפאַלן און נישט געוווּסט וואָס מיט מיר טוט זיך. איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, און נאָכן באַקומען פון אים נאָך עטלעכע קאַפּעס מיטן פוס אונטערן האַרץ, בין איך ענדלעך אויפגעשטאַנען און ווידער פאַרנומען מיין פּלאַץ אין דער ריי. מיט דעם קלאַפּ האָט ער מיר אויסגעזעצט די לעצטע פיר ציינער, וועלכע כ'האָב נאָך פאַרמאָגט אין מיין מויל.

עס פאַלט ווידער אַ באַפעל: „מאַרשירן ווייטער!" און מיר מאַרשירן. מען פירט אונדז צו אַ קאַלוזשע און צווינגט אונדז אַריינצוגיין אין וואַסער אַריין. עס קומט אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן שטיינבלייבן און זיך אַוועקזעצן מיט די הענט אויסגעצויגן פון פאָרנט. יידן וויינען אין דער שטיל, קרעכצן און זיפצן. נאָכן אָפּזיצן אַזוי אַ 15 מינוט אין וואַסער, קומט ווידער אַ באַפעל: „אויפשטיין און מאַרשירן!" דורכגענעצטע און אויסגעווייקטע, נעמען מיר ווייטער מאַרשירן.

און אַז מיר האָבן שוין אָפּמאַרשירט אַ היפּש שטיקל וועג, גיט באָלעק אַ באַפעל: „יודען, זינגען!" זינגען גאָר? ווי זענען מיר אומשטאַנד צו זינגען ביי אַזאַ מצב, ווען מיר זענען ביז גאָר פאַרביטערט. עס איז אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה און יעדן טאָג איז מען נישט זיכער מיטן לעבן זיין. עס זינגט זיך נישט ביי אַזעלכע אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, ווען יעדע רגע קוקסטו דעם טויט אין די אויגן.

ווען דער קאַפּאָ באָלעק באַפעלט אָבער, אַז מיר זאָלן זינגען — ווער איז זיך אימשטאַנד אַנטקעגנצושטעלן? באַפעל איז באַפעל! און ווי עס שטיקן מיך די טרערן, גיב איך דער ערשטער אַן עפן אויף דאָס מויל און אויפן הויכן קול הויב איך אָן זינגען: „עוד לא אבדה תקותנו, התקוה הנושנה..."

דאָס געזאַנג ווערט אונטערגעכאַפּט דורכן גאַנצן עולם. עפּעס ווי אַ נייער גייסט וואָלט אין אונדז אַריין. מען צעוואַרעמט זיך ביסלעכווייז און וואָס אַמאָל העכער און העכער לאָזן זיך הערן די דערהויבענע ווערטער פון דאָזיקן ליד פון אונדזער שטאָלץ און האָפענונג: „עוד לא אבדה תקותנו". און אַזוי מאַרשירנדיק און זינגענדיק מיט די ווערטער פון דער „התקוה" אויף די ליפּן, קומען מיר צו ביז צום טויער פון באַראַק. און פון צווישן עולם דערהערט זיך פּלוצלינג אַ שטים: „נישט געזאָרגט, יידן! עוד לא אָבדה תקותנו...".

עזריאל אורבאַס

דורכגעמאַכט דעם נאַצי־גיהינום

ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין אונדזער שטעטל, האָב איך מיך דעם ערשטן טאָג באַגעגנט מיט צוויי פון זיי, און האָב באַקומען דעם ערשטן כּיבוד: צוויי פּעטש מיטן אויסרוף „יודע פערפלוכטער, דו קאָמסט אין הימל־קאָמאַנדע!“, און דעם זעלבן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן א כאַפּעניש אויף אַרבעט. ביים גיין צו דער אַרבעט האָט מען באַקומען די ערשטע פּאָרציע קלעפּ. ביי דער אַרבעט — די צווייטע. ווער פון די יידן ס׳האָט ניט גוט געאַרבעט האָט תּיכף באַקומען די קויל. זעענדיק דאָס, האָב איך אַנגעשטרענגט אַלע מיינע כּוחות, כּדי גוט צו אַרבעטן. אַזוי איז געגאַנגען טאָג־טעגלעך.

איינמאָל האָט מען מיך געכאַפּט צו דער אַרבעט קיין סקאַרזשיסק. די ווילדע אוקראַיינער האָבן אַרומגערינגלט אַ גרופּע יידן וועמען מ׳האָט סאָרטירט אויף רעכטס און אויף לינקס. איין טייל האָט מען אַוועקגעפירט, און מיר האָבן געדענקט, אַז דאָס איז צום שיסן, און איך האָב זיך געפילט גליקלעך, וואָס איך בין צווישן זיי ניט אַריינגעפאַלן. אונדזער גרופּע האָט במשך פון 5 טעג געאַרבעט ביים גראָבן גריבער. ווען די גריבער זענען שוין געווען אויסגעגראָבן, האָט מען געבראַכט אַ טראַנספּאָרט יידן, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויסאַרבעטן גראַבאַטן. מען האָט זיי געהייסן לעבעדיקערהייט אַריינלייגן זיך אין גרוב, און מ׳האָט זיי פאַרשיט מיט זאַמד, אַזוי אַז די ערד האָט זיך מיט זיי געהויבן. דערביי איז געשטאַנען אַן „אונטערשטורמפירער“, וועלכער האָט געזאָגט „איר, יודן, קאָמט אַלע אין הימל־קאָמאַנדע“.

אין סקאַרזשיסק האָב איך געאַרבעט אַ שטיק צייט, און ווען איך האָב געזען, אַז איך וועל מער ניט קענען אויסהאַלטן, בין איך אַנטלאָפן אין מיין שטעטל אָסטראָווצע. ווען איך בין צוריק אַריינגעקומען, האָבן מיינע עלטערן מיך ניט דערקענט. איך האָב געווויגן 38 קילאָ, אַנשטאָט וואָס אין דער נאָרמאַלער צייט האָב איך געוויגן 68 קילאָ. איך בין אַ שטיק צייט געווען אין דער היים.

איינמאָל אינמיטן דער נאַכט קלאַפּט מען אָן און מען הייסט „אויפמאַכן, יודע!“ ווען איך האָב אויפגעמאַכט, זענען אַריינגעקומען 4 אַגענטן מיט מאַשין־געווער אין די הענט און זאָגן צו מיר: „דו לעבסט נאָך, מען האָט דיך נאָך ניכט דערשאָסן!“. זיי האָבן מיך אַרויסגעפירט אויפן יוגע און געהייסן לויפן. בין איך געלאָפן לינקס און רעכטס, לינקס און רעכטס און זיי האָבן מיר נאָכגעשאָסן, אָבער זיי האָבן אין מיר ניט געטראָפן. מיין גליק איז געווען, וואָס די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. פאַרטאָג בין איך אַהיימגעקומען און איך בין געווען ווייס ווי אַ טויטער, און געלעבט מיט שרעק פון טאָג צו טאָג.

אין אָסטראָווצער לאַגער בין איך געווען ביז 1944. ווען עס איז געקומען די צייט פון ליקווידירן דעם אָסטראָווצער לאַגער, האָט דער „לאַגער־פירער“ אונדז געזאָגט אז מיר פאָרן אין אַ צווייטן אַרבייטס־לאַגער. דערווייל זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון אָסטראָווצער לאַגער און אָנגעקומען קיין אַשוויענצים, דאָס איז געווען אין מאַי 1944.

אין אַשוויענצים 1944

אַזוי ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין אָשוויענצים, האָט מען אונדז געפירט צום באָדן און „ענטלויזן“ און דאַן האָט מען אונדז אריינגעפירט אין אַ צובראָכענעם באַראַק. מיר זענען געווען בערך 2.000 מענטשן, צווישן דעם 300 פרייען. די פרייען האָט מען באַלד איבערגעפירט אין אַ באַזונדערן לאַגער.

שפּעטער האָט מען אונדז געפירט אין באָד, מ׳האָט ביי יעדן צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַלע מלבושים האָט מען צוגענומען און נאָכן באָדן האָט יעדער באַקומען אַנדערע וועש ווי אויך „שטרייפלינגס“. אויף יעדן רעקל איז געווען אַ נומער מיט געלן „מגן־דוד“.

מ׳האָט אונדז אַריינגעיאָגט 1000 מאַן אין איין בלאָק. מיר האָבן דאָרט איבערגעשלאָפן אַ נאַכט. 3 אַ זייגער פאַרטאָג האָט דער „בלאָקאָווי“ אויסגעשריגן: „יודע, אויפשטייען!“, „יודע, אויפשטייען!“ „איינטרעטן!“, „איינטרעטן!“ און אַלעמען אַרויסגעיאָגט אונטערן פרייען הימל. מיר זענען אָפּגעשטאַנען אין דרויסן פון 3 פאַרטאָג, און דער בלאָקאָווי באַפעלט: „יודע, איינשטעלן צו 5 מאַן אין איין רייע!“. ביז מ׳האָט זיך איינגעשטעלט זענען געווען עטלעכע טויטע, דאַן האָט דער „בלאָקאָווי“ אויסגעשריגן: „יודע, רעכטום!“, „יודע, גראַדע אויס אין איין ליניע!“. „יודע, מיצן אויף, מיצן אַפּ, מיצן אַפּ, מיצן אויף!“ און „רעכטום, יודע!“. און מיר זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע טאָג לעבן בלאָק. 6 פאַרנאַכט האָבן

מיר באַקומען אַביסל ביטערע „קאַפּע״ און 200 גראַם ברויט, צו דעם האָבן מיר באַקומען 10 שטעקנס איבער די זייטן.

האַלב זיבן פאַרנאַכט ווידער אַן אַפּעל. אויף דעם אַפּעל זיינען מיר אָפּגעשטאַנען 3 שעה און דער „בלאָק־קאָווי״ האָט געגעבן אַ באַפעל ווידער איינצושטעלן צו 5 מאַן, און ווייטער דאָס זעלבע „מיצן אַפּפּ, מעצן אויף, מיצן אַפּפּ, מיצן אויף!״ און „יודע, ריכטום!, יודע, רעכטום!״ און „יודע, גלייך שריט מאַכט — לינקס, צוויי דריי, פיר, לינקס, צוויי, דריי, פיר, לינקס, לינקס, לינקס, צוויי, דריי, פיר, מיצן אַפּפּ, מיצן אויף, מיצן אַפּפּ, מיצן אויף, לינקס, לינקס, צוויי, דריי, פיר, לינקס, צוויי, דריי, פיר, מיצן אַפּפּ...!״

אַזוי האָט אויסגעזען די ערשטע 8 טאָג אין דעם „ציגיינער־לאַגער״ (אַזוי האָט זיך גערופן דער לאַגער). איידער מיר זענען געקומען קיין אַשוויענצים זענען געווען ציגיינער אין די בלאָקן 6—24. פאַר אונדזער קומען האָט מען זיי פאַרברענט. אין דעם לאַגער זענען אין איין טאָג דער׳הרג׳עט געוואָרן הונדערטער מענטשן, און אין איין טאָג האָט מען דאָרט צובראָכן איבער מענטשלעכע קערפּערס אַ פּאָר טויזנט שטעקנס. מ׳האָט מענטשן געוואָרגן מיט די שטעקענס ביי די העלזער. דאָס איז געווען דער „ציגיינער־לאַגער״.

די קרעמאַטאָריומס

ס׳זענען געווען 5 קרעמאַטאָריומס און 50 גריבער. אין די קרעמאַטאָריומס האָט מען פאַרגאַזט און אין די גריבער האָט מען פאַרברענט. דאָס פאַרגאַזונג פון די מענטשן איז פאָרגעקומען אויפן פאָלגענדן אופן: אינמיטן דער נאַכט האָט מען מיט דער הילף פון הינט אַריינגעיאָגט ביז 5,000 מענטשן אין אויוון אַריין. די געשטאַפּאָוצעס האָבן געשריגן צו די יידן: „איר גייט אייך ענטלויזן״, ד. ה. אַז מען דאַרף זיך גיין באָדן. יעדער איינער האָט באַקומען אַ האַנטוך מיט אַ שטיקל זייף געגנוי ווי מ׳גייט אין באָד אַריין. ווען אַלע 5,000 זענען שוין געווען אינעווייניק, האָט מען פאַרמאַכט די טיר. אַן עס־עס־מאַן האָט אויפגעמאַכט אַ פענצטערל און אַריינגעוואָרפן אַ פּושקע מיט גאַז און דאָס פענסטערל תיכף פאַרמאַכט, דער טויט איז געקומען במשך 10 מינוט. נאָך 10 מינוט זענען אַריינגעגאַנגען יידישע אַרבעטער, האָבן אַרויסגענומען די טויטע און זיי אַריינגעוואָרפן אין די גריבער, ווו עס האָבן געברענט פייערן. די פייערן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן באַלויכטן די גאַנצע געגנט פון אָשוויענצים.

איינמאָל האָט מען קיין אָשוויענצים געבראַכט אַ טראַנספּאָרט מיט קליינע קינדער אין עלטער פון 2 ביז 5 יאָר. ווען די מאַשינען זענען צוגעפאָרן צו די גריבער, האָבן זיי זיך אונטערגעהויבן און די קינדער אויסגעשאָטן אין די גריבער אַריין, ווו ס׳האָט שטאַרק געברענט. די קולות זענען געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל און די עס־עס־לייט זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט. איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און האָט געשאָסן אין גרוב אַריין. האָט ער דען אַלע געקענט דערשיסן? דער גרעסטער טייל איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

עס האָט געטראָפן אַ פאַל, אַז די עס־עס־לייט האָבן אויסגעקליבן אַ צאָל אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים פאַרברענען די טויטע מענטשן — אויף צום פאַרברענען. די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און גע׳הרג׳עט 8 עס־עס־מענער און זענען זיך צלאָפן, די איבעריקע עס־עס־לייט האָבן געעפנט אַ פייער אויף די אַנטלופנדע אַרבעטער און אַלעמען געטויט.

דער גורל פון די פרויען

די פרויען, וועלכע זענען געקומען אין לאַגער אָשוויענצים, האָט מען גלייך אָפּגעשוירן. 3 אַזייגער פאַרטאָג פלעגט מען זיי אַרויסיאָגן ווינטער אויפן שניי און אָפּהאַלטן ביז 7 אינדערפרי. יעדע נאַכט האָט מען פון די פרויען געשיקט אַ קאָנטיגענט אין די גאַז־קאַמערן. אַזוי ווי דער קאָנטיגענט פון די גאַז־אויוונס איז געווען 24 טויזנט אַ טאָג, האָט מען די גרעסטע טייל גענומען פון די פרויען, ווייל פון די מענער האָט מען געהאַט מער נוצן.

איך בין געווען אין אַן אַרבעטס־גרופּע. ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער אַרבעט האָט דער „קאַפּאָ״ באַקומען אַ באַפעל צוריקצוברענגען אַ העלפט פון די אַרבעטער, און דער „קאַפּאָ״ פלעגט פלייסיק אויספילן דעם באַפעל. ווען ער האָט אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט 100 מענטשן האָט ער צוריק געבראַכט 50. די עקזעקוציעס פלעגט דער „קאַפּאָ״ אויספירן אויף אַזאַ אופן: ער האָט גענומען אַ שטעקן אין דער האַנט און האָט געהייסן אַ ייד זיך אַנידערלייגן אויף דער ערד. ער האָט דעם שטעקן אַרויפגעלייגט אויפן ייד׳ס האַלז און זיך אַרויפגעשטעלט אויף אים. אַזוי פלעגט ער דערשטיקן יעדן טאָג עטלעכע צענדליק יידן, אָן שום סיבה.

מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ פלי־פלאַץ ביי עראָפּלאַנען, אויף דעם פלי־פלאַץ פלעגן אָנקומען צעבראָכענע עראָפּלאַנען און מיר האָבן זיי געמוזט אויפלאָדן אויף וואַגאָנען. אַזוי האָב איך געאַרבעט ביזן 18־טן יאַנואַר 1945, ד.ה. ביז דער ליקווידאַציע פון אָשוויענצים.

דער מערדערלעכער מאַרש

דעם 18־טן יאַנואַר האָט מען אונדז אַרויסגעשיקט פון אָשוויענצים. מען האָט אונדז געטריבן צופיס דעם גאַנצן וועג. ווער ס׳האָט ניט געקענט גיין גיך, אָדער ווער עס איז אָפּגעשטאַנען, האָט תיכף באַקומען אַ קויל אין קאָפּ. די דייטשישע מערדערס האָבן געשאָסן מיט „דום־דום״ קוילן, אַזוי אַז די קעפּ האָבן זיך צעשאָטן אויף שטיקלעך. מיר זענען דורכגעגאַנגען 120 קילאָמעטער. דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרגאָסן מיט יידיש בלוט. אינמיטן וועג האָט מען אונדז אַריינגעפירט אויף אַ ספּאָרט־פּלאַץ, וועלכער איז געווען פול מיט שניי און יעדער איינער האָט זיך געמוזט אַריינזעצן אין שניי. אַזוי האָט מען אונדז געפירט עטלעכע טעג, ביז מ׳האָט אונדז צוגעפירט צו אַ באַן־סטאַציע, וווּ עס האָבן אויף אונדז געוואַרט וואַגאָנען, און מ׳האָט אונדז אַריינגעזעצט צו 150 מאַן אין אַ וואַגאָן. וויפיל טעג מיר זענען געפאָרן האָב איך ניט געקענט באַגרייפן, נאָר ווען מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן אָפּלאָדן אין מאַוטהאַוזן זענען אין אונדזער וואַגאָן געווען 50 טויטע.

לאַגער מאַוטהאַוזן

ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער מאַוטהאַוזן, האָט די געסטאַפּאָ געגעבן אַ באַפעל אַז יעדער דאַרף זיך באָדן. צום עסן האָב איך באַקומען אַ ביסל זופּ פון פאַרפוילטע ריבן. נאָכן עסן בין איך געגאַנגען אין באָד. אָבער אַהין איז ניט מעגליך געווען צוצוטרעטן, אַזויפיל מענטשן האָבן דאָרטן געוואַרט. „קאַפּאָס״ זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן און פאַרגעלייגט דורכצולאָזן צום באָדן אָן אַ ריי פאַר געלט. צו מיר איז מען אויך צוגעקומען מיט אַזאַ פאָרשלאַג, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין געלט. אַזוי בין איך דאָרט אָפּגעשטאַנען דריי טעג, ביז עס איז ענדלעך געקומען מיין ריי. אין באָד איז געווען אַ קאַלטער שפּריץ, מ׳האָט מיך אַרונטערגעיאָגט אונטערן קאַלטן וואַסער, און נאַקעטערהייט אַרויסגעטריבן אין דרויסן, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען ענדע יאַנואַר. איך האָב זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן קאַלטן שניי און פראָסט, ביז מ׳האָט אונדז ענדלעך אַריינגעיאָגט אין אַ בלאָק. אין בלאָק האָט דער „בלאָקאָווי״ פון מיר פאַרלאַנגט גאָלד אָדער דאָלאַרן, כאָטש ער האָט געזען אַז איך בין מוטער נאַקעט און קען קיין דאָלאַרן ניט האָבן. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער אָוונט, האָט יעדער פון אונדז באַקומען 250 גראַם ברויט און אַביסל זופּ. צום שלאָפן זענען געווען אין בלאָק בערך צוויי טויזנט מאַן. דער „בלאָקאָווע״ האָט געפרווט אונדז איינצופּאַסן איינעם אויפן האָט ניט געקלעקט קיין אָרט. דאַן האָט ער איינעם אַריינגעפּאַסט אין צווייטן זיצנדיק. איך האָט אויף מיר געבעטן יעדע נאַכט דעם טויט. 11 ביינאַכט פלעגן מיר זיך לעגן שלאָפן און 3 פאַרטאָג האָבן מיר שוין געמוזט זיין אויף די פיס. ווי איז געווען צו מיינע יאָרן! אין דרויסן איז אַ רעגן מיט אַ שניי און אַ ווינט. פון 3 פאַרטאָג ביז 7 אינדערפרי שטייט מען אָפּ אויפן קאַלטן דרויסן און ערשט 7 אינדערפרי הייבן זיך אָן די טאָג־טעגלעכע שיקאַנעס: מען שטעלט זיך אייפן „אַפּעל״ אין אַ רייע און עס הויבט זיך אָן דאָס אַלטע לידל „מיצן אַפּ, מיצן אויף!״ א.א.וו. נאָכדעם האָט מען געטריבן אויף דער אַרבעט.

אונדזער קאָמאַנדע האָט געאַרבעט אין אַ שטיין־ברוך. ביי דער אַרבעט זענען אומגעקומען טויזנטער מענטשן. געיאָגט האָט מען ביי דער ארבעט פון אלע זייטן, און ס׳איז געווען ווער עס זאָל יאָגן: קאַפּאָס און אוקראַינער זענען געווען גענוג. אונדזער אַרבעט איז געווען אַרויפצוטראָגן גרויסע שטיינער פונם גרוב אַרויס, אויף אַ מהלך פון טויזנט שטיגן. כאָטש די דייטשן האָבן געהאַט גענוג מיטלען אַרויסצונעמען די שטיינער מעכאַניש, האָבן זיי בעסער דערצו אויסגענוצט די יידן. ביים טראָגן די שטיינער זענען געווען באַשעפטיגט 200 מאַן. יעדער האָט גענומען אַ שטיין און אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן. פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען „קאַפּאָס״ און אוקראַינער און האָבן אונטערגעיאָגט.

איינמאָל ווען איך בין ארויף מיט אַ שטיין, האָט דער קאַפּאָ, וואָס איז געשטאַנען אויבן — מיר געגעבן אַ שטויס און איך בין אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, וועלכע זענען געזען אויף די שטיגן. דער גרעסטער טייל איז גע׳הרג׳עט געוואָרן איך בין געווען דער גליקלעכער, האָב זיך פאַרטשעפּעט און בין ווייט ניט געפאַלן, נאָר האָב זיך גוט צוקלאַפּט.

לאַגער עבנזע

נאָך אַ צייט זיין אין מאַוטהאַוזן האָט מען מיך איבערגעפירט אין לאַגער „עבענזע״ (עסטרייך). ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַגער, האָב איך פון אַלע זייטן געזען נאָר בערג און ביימער. ס׳איז פינצטער געווען אינמיטן העלן טאָג. דעם ערשטן „ברוך־הבא״ האָב איך באַקומען פונם לאַגער־פירער: ער האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ נאַציע איך בין? ווען איך האָב געענטפערט אַז איך בין אַ פוילישער ייד, האָט ער אויסגעשריען „סאַקראַמענט, עס גיבט נאָך יודן!״ פון דעם אויסגעשריי אַליין איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מען האָט מיך געפירט אין צווייטן אַזוי ווי די הערינג, אָבער אויך אויף אַזאַ

רעקל, אַ פּאָר הילצערנע שיך און אַ העמד, דאָס לעבן איז ניט ניחא געווען. מען האָט זיך געווונטשן דעם טויט, אָבער מ׳האָט פאָרט געוואָלט לעבן...

דעם ערשטן טאָג האָט מען אונדז געפירט אויף דער אַרבעט אין אַ שטיין־ברוך. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, אַפילו פאַר אַ געזונטן מענטש. דערצו זענען מיר געווען אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט. מיר האָבן געאַרבעט צו 13 שעה אַ טאָג. ביי דער אַרבעט האָבן ניט געפעלט קיין קלעפּ.

נאָך דעם פאַרנאַכטיקן „אַפּעל״ איז דער „בלאָקאָווע״ אַרומגעגאַנגען די רייע און האָט יעדן איינעם אַריינגעקוקט אין די אויגן. דאַן האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע מענטשן פון דער רייע און זיי געהייסן מאַכן „ספּאָרט״ אויפן שניי, נאָכן „ספּאָרט״ האָט אונדז דער „בלאָקאָווי״ געפירט באָדן. ביים באַד איז געווען אַ קרעמאַטאָריום, ווו ס׳זענען געלעגן הונדערטער טויטע. מיר האָבן געמיינט אַז אויך אונדז פירט מען אין קרעמאַטאָריום, האָבן מיר זיך זייער דער־שראָקן. ווי שווער עס איז נישט געווען דאָס לעבן, האָט מען דאָך געהאַט די האָפנונג, אַז מ׳וועט איבערלעבן די שווערע צייט, ווייל ס׳איז שוין געווען עטלעכע וואָכן פאַר דער באַפרייאונג, און אפילו דורך די עלעקטריזירטע שטעכל דראָטן פונם „קאַצעט״ האָבן זיך דורכגעריסן די ידיעות, וועגן דעם פאָראויסמאַרש פון די באַפרייאונגס אַרמייען. צום גליק האָט מען אונדז געפירט באמת באָדן און ניט אין קרעמאַטאָריום.

ביי דעם 13־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג פון דער שווערס־טער אַרבעט ביים שטיינער האַקן, האָבן מיר באַקומען 150 גראַם ברויט און אַ ביסל וואַסערדיקע „זופּ״ פון קאַר־טאָפל־שאָלן, און צו דעם קלעפּ פון אַלע זייטן: ביים אויפשטיין — קלעפּ, ביים אַפּעל — קלעפּ, ביי דער אַרבעט — קלעפּ, ביים צוטיילן דאָס עסן — קלעפּ, ביים שלאָפן גיין — קלעפּ, און אפילו אינמיטן דער נאַכט, ווען די מענטשן זענען געשלאָפן טויט־מידע נאָך דער שווערער אַרבעט — האָט דער בלאָקאָווי אויך געשלאָגן.

3 אַזייגער פאַרטאָג האָט מען געוועקט צום אַפּעל, ווער ס׳איז צו דער מינוט ניט אַראָפּגעשפּרונגען האָט באַקומען פון „בלאָקאָווי״ אָדער פון „שטובדינסט״ 15 שטעקענס איבער די זייטן.

עס איז געווען אַ פאַל ווען אַ ייד האָט תיכף ניט געפאָלגט דעם „בלאָקאָווי״ האָט דער בלאָקאָווע דעם יידן אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויפן האַלדז אַרויפגעלעגט אַ שטעקן, זיך אויף אים אַנידערגעשטעלט, ביז דער ייד איז דערשטיקט געוואָרן, בכלל זיינען די מעטאָדן אין אַלע לאַגערן געווען כמעט די זעלבע.

איינמאָל, ווען אויפן הויף פון לאַגער איז געווען אָנגעשאָטן אַ גרויסער שניי, האָט דער בלאָקאָווע אונדז אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט, אונדז איבערגעגעבן די „קאַפּאָס״ און די לעצטע האָבן אונדז באַפוילן אָפּראַמען מיט די בלויזע הענט דעם שניי פון הויף. ווער ס׳האָט נישט שנעל געאַרבעט, האָט פון די „קאַפּאָס״ באַקומען טויט־קלעפּ, אַזוי אַז צענדליקער מענטשן זענען געבליבן טויט אויפן שניי.

די גאַנצע צייט האָב איך זיך אָנגעשטרענגט גוט צו אַרבעטן, כדי איך זאָל קענען איבערלעבן די שווערע צייט. אָבער די לעצטע טעג פון אַפּריל 1945, האָב איך געפילט אַז די כוחות גייען מיר אויס. די פיס זענען פון טאָג־צו־טאָג שוואַכער געוואָרן און איך האָב שוין ניט געהאַט קיין כוח צו אַרבעטן. דערצו האָבן די „קאַפּאָס״ אונדז ניט געגעבן די גאַנצע „פּאָרציע״ עסן, וואָס מיר האָבן געדאַרפט באַקומען, זיי האָבן נאָר געשלאָגן און געשלאָגן און געצווונגען צו דער שווערסטער אַרבעט. בכלל האָט מען ניט געמיינט אַזוי די אַרבעט, ווי פאַרניכטן דאָס ביסל איבערגעבליבענע מענטשן דורך שווערער אַרבעט. איך האָב געפילט אַז עס קומט מיין סוף, אַבער איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע לעצטע כוחות, כדי ניט אַרויס־צווייזן מיין שוואַכקייט, ווייל דאַן וואָלט געהייסן „טויט״. צום גליק איז אונטערגעקומען דער 6־טער מאַי, ווען די אַמעריקאַנער זענען אָנגעקומען קיין עבנזע און האָבן אונדז באַפרייט.

אָבער ערב דער באַפרייאונג האָבן די קאַפּאָס אינמיטן דער נאַכט אונדז אַלעמען נאַקעט אַרויסגעטריבן אויפן הויף, זיי האָבן אויסגעקליבן 30 מענטשן און זיי געזאָגט, אַז זיי פאָרן איבער אין אַ צווייטן לאַגער. אינדערפרי האָבן די עס־עס־לייט דערציילט, אַז די 30 מאַן זענען אַוועק אין „הימל־קאָמאַנדאָ״...



מנשה אונגער

אַרויס פון גאַז־אויוון און אַראָפּ פון דער תליה

אין „ונתנה תוקף״ אין מוסף פון ראש השנה זאָגן מיר „בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון״. אין ראש השנה ווערן זיי פאַרשריבן און אין יום כפור ווערן זיי געחתמ׳עט... „מי יחיה ומי ימות״, ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן, ווער עס זאָל שטאַרבן אין זיין צייט און ווער נישט אין זיין צייט... עס ווערן דאָרט אויסגערעכנט כל׳ערליי מיתות משונות. ווער עס זאָל שטאַרבן מיט וואַסער און ווער מיט פייער. ווער דורך אַ שווערד און ווער דורך אַ חיה, ווער פון הונגער און ווער פון דאָרשט, ווער פון שטורעם און ווער פון אַ מגפה, ווער עס וועט דערוואָרגן ווערן און ווער עס וועט פאַרשטיינערט ווערן.

אָט די אַלע מיתות משונות האָט דער יונגער קאַצעטלער דוד אַפּעלבוים, פון אָסטראָווצע, וואָס האָט געוווינט אין לאָדזש, דורכגעמאַכט און ער איז דאָך אַרויס אַ לעבעדיקער.

וואָס האָבן די דייטשן אַלץ נישט געטאָן צו דעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגן דוד אַפּעלבוים? זיי האָבן אים געהאָנגען און אַראָפּגענומען אַ לעבעדיקן פון דער תליה. זיי האָבן אים אַריינגעשטופּט אין אַ גאַז קאַמער און פאַר דער טיר פון גאַז אויוון איז ער געראַטעוועט געוואָרן, און נאָך כל׳ערליי פייניקונגען האָבן די דייטשן, ימח שמם, אים געפייניקט, און עס איז מיט אים געשען אַ נס און ער איז געבליבן לעבן.

איך זיץ מיט דוד אַפּעלבוים אין סאַן פראַנציסקאָ און איך הער זיך צו, צו זיינע איבערלעבונגען און איך פרעג זיך: ווי אַזוי האָט אַזאַ יינגל דאָס אַלץ געקאָנט איבערטראָגן און דערצו נאָך זיין היינט־צו־טאָג אַ נאָרמאַלער מענטש?

ווייזט אויס, אַז דער כוח פון לעבן איז גרעסער, ווי מיר שטעלן זיך פאָר; אַז דער מענטש האָט אַזעלכע געהיימע כוחות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין זיין נשמה, וואָס גיבן אים אַריין התחזקות צו קענען דאָס אַלץ איבערטראָגן, און אפשר האָט דעם יונגן דוד געהאָלפן די ברכה, ווי ער גלויבט, פון דעם אָסטראָווצער רבי׳ן, הי״ד, וואָס האָט אים אָנגעוווּנשען אין אַ בונקער, אַז ער, דוד, וועט בלייבן פון דער „שארית הפליטה״ — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ כוחות עס טליען אין מענטשלעכן גוף און נשמה...

דוד אַפּעלבוים איז געווען אין טויטן לאַגער, אין בלוזשען, נעבן סטאַרנאָוויץ ביי ראַדאָם.

דוד אַפּעלבוים האָט געאַרבעט אין דער קיך, ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן די דייטשן, ווייל ער האָט געגעבן אַן איבעריק ביסל עסן אַ יידן...

די דייטשן האָבן דערפון געוואָלט מאַכן אַ ספּעקטאַקל. זיי האָבן געמאַכט אַן אַפּעל, אַלע יידן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בוים, ווו דער יונגער דוד האָט געהאַנגען אויף די הענט און די דייטשן האָבן אים געהייסן שרייען: „די יידן זיינען טינופת און דייטשלאַנד איבער אַלעס!״

און דוד דערציילט מיר, אַז ער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ כוח עס האָט זיך דעמאָלט צו אים גענומען, אָנשטאָט ער זאָל שרייען ווי די דייטשן האָבן אים געהייסן, האָט ער גאָר אָנגעהויבן צו לאַכן זיי אין פנים אַריין...

די דאָזיקע שטאָלצקייט פון דעם יונגען „יודע״, האָט מוראדיק אויפגערעגט דעם דייטשן סאַדיסט, וואָס מען האָט אים גערופן אין טויטן לאַגער „די ראָנטשקע״ (ווער ווייסט צו ער האָט נישט היינט אַ גרויסן פּאָסטן אין מערב אָדער מזרח דייטשלאַנד?). האָט דער דייטש אין אים אַריינגעשטאָכן זעכצן טיפע שטעך מיט זיין שווערד, אָבער דוד האָט אָנגעהויבן מער צו לאַכן (ער אַליין זאָגט מיר איצט, אַז ער ווייסט נישט, וואָס פאַר א כוח עס האָט זיך דעמאָלט צו אים גענומען ער זאָל לאַכן), האָט דאָס נאָך מער אַרויסגעבראַכט די דייטשן פון די כלים.

דער יונגער דוד האָט זיי צעשטערט אַ וווּנדערלעכן ספּעקטאַקל, וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעגרייט. האָט די „ראָנטשקע״ געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דעם יונגן דוד אַראָפּנעמען פון בוים. עס איז צו גוט פאַר אים, ער זאָל שטאַרבן אויף דער תליה. אויך אַריינצושיסן אין אים אַ קויל איז צו אַ לייכטער טויט, פאַר אַזאַ ווידערשפּעניקטן „יודע״.

האָבן די דייטשע מערדער אים אַראָפּגענומען פון דער תליה. מען האָט אים געשלאָגן מיט אייזערנע ריטער און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער, וואָס איז געווען נידעריק און דריי פערטל מיט וואַסער. דאָרט, האָבן די דייטשע ריצחים געטראַכט, וועט דער יונגער דוד מוזן שטאַרבן. ווען זיינע כחות וועלן אים פאַרלאָזן און ער וועט זיך וועלן אַנידערזעצן, וועט ער דערטרונקען ווערן.

דריי מעת לעת איז דער יונגער דוד געלעגן אין

דעם דאָזיקן קעלער מיט וואַסער. די דייטשן האָבן אים אַרויסגענומען צוויי מאָל אַ טאָג און אים עפּענטלעך געגעבן פינף־און־צוואַנציק שמיץ.

דער יונגער דוד איז געוואָרן דער העלד פון גאַנצען טויטן־לאַגער אין בלוזשען. די יידען האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ הייליקן. ער האָט דאָך מיט זיין לאַכן די דייטשן אין פנים אַריין מקדש השם געווען און דער־הויבן די גאַנצע מענטשלעכע ווירדע...

אַזוי איז דוד געלעגן דריי מעת לעת אין קעלער און אויפן דריטן טאָג, ווען די דייטשן האָבן אים אַרויסגענומען און האָבן אים געשטעלט צום אַפּעל, איז שוין דוד געווען אין גוססדיקן צושטאַנד. האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין אַ טויטן־קאַמער צווישן אַ גרופּע טויטע...

וואָס עס איז ווייטער מיט אים געשען, ווייסט ער נישט, ווייל ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. אָבער חברים האָבן אים דערנאָך דערציילט, אַז ער איז אַרויס־געקראָכן פון אַ קופּע מתים און אין טויטן־לאַגער איז געווען אַ יידישער פעלדשער פון אָסטראָווצע מיט׳ן נאָמען ביינערמאַן, האָט ער געזען ווי אַ „מת״ שאַרט זיך אויף דער ערד אויף אַלע פיר, האָט ער אים געגעבן עפּעס אַ רפואה, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פאַרבאָר־געגנערהייט אין לאַגער אַריין. ער האָט אים דערמינטערט און אים אַריינגעשלעפּט אין אַ באַראַק. דער פעלשער האָט אים אַרומגעוואַשן, אים געגעבן אַ ביסל וואַסער. מען האָט צוגענומען אַ נומער פון אַ טויטן ייד, וואָס איז געשטאָרבן אויף טיפוס אין לאַגער און אָנגעהאַנגען דוד׳ן און דער יונגער דוד האָט אָנגעהויבן גיין צום אַפּעל.

עטלעכע פריינט זיינע פון לאַגער — איינער קאַופמאַן, פון עסטרייך, און איטשע גוטהאָלץ, וואָס איז היינט אין ישראל, — האָבן אים מיטגענומען צו דער אַרבעט אין אַ שטיין־ברוך. זיי האָבן אים אונטערגעהאַלטן בעתן גיין, די דייטשן זאָלן נישט באַמערקן, אַז זיי פירן צו דער אַרבעט כמעט אַ טויטן...

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דוד איז שוין געקומען צו זיך, האָט מען אים אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין קיך. איינער, מענדעלע הייבמאַן, האָט אים געגעבן צו שיילן קאַרטאָפל, און אַזוי האָט ער זיך דערהאַלטן אין בלוזשען ביז ער איז געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

אין אוישוויץ האָט דוד געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין יינגערן ברודער. איינמאָל האָט ער געהערט, אַז ד״ר מענגעלע האָט אויסגעקליבן 28 קינדער, וואָס זענען צוויי־לינגס, צו מאַכן איבער זיי עקספּערימענטן.

האָט דוד געזאָגט, אַז ער מיט זיין ברודער זענען אַ צווילינג, און מען האָט זיי אַריינגענומען אין אַ ספּעציעלן באַראַק, ווו ד״ר מענגעלע האָט געדאַרפט איבער זיי מאַכן עקספּערימענטן.

אין פאַר ראש השנה, 1944, איז אָנגעקומען אַ טראַנס־פּאָרט יונגע קינדער פון קאָוונע. דוד איז געווען אין באַראַק נומער 11, ער האָט זיך דערוווסט, אַז זיין פאָטער לעבט און איז אין אוישוויץ אין באַראַק נומער 3. אים האָט אָנגענומען אַ גרויסער חשק צו זעען זיין פאָטער, אים צו זאָגן, אַז ער, דוד, לעבט נאָך.

אין דעם טראַנספּאָרט פון קאָוונע זענען געווען 124 קינדער. ער האָט געהערט, אַז מען וועט זיי געבן עקסטרע פּאָרציעס זופּ, כדי בעסער צו דערנערן און זיי זאָלן קענען אַרבעטן אין לאַגער נומער דריי.

האָט דער יונגער דוד זיך אַריינגעדרייט צווישן די קאָוונער קינדער. ער זאָל מיט זיי מיטגיין אין לאַגער נומער דריי און דאָרט האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט זען זיין פאָטער און אים געבן אַ צייכן, אַז ער לעבט...

און ראש השנה, גאַנץ פרי, האָט מען אַלע 124 קינדער אויסגעשטעלט אין די רייען זיי זאָלן מאַרשירן אין לאַגער נומער דריי. דוד איז מיט זיי מיטגעגאַנגען, אָבער ווען עס איז געקומען אויפן שייד־וועג, וואָס פירט צום לאַגער נומער דריי, האָט דוד דערזען, אַז דער דייטשער „גרופּן־פירער״ פאַרקערעוועט זיך אויפן וועג וואָס פירט צום קרעמאַטאָריום.

באַלד האָט דוד דערהערט די „הימלישע מוזיק״, אַזוי האָבן די יידן גערופן די מוזיק, וואָס האָט געשפּילט פאַרן קרעמאַטאָריום, כדי מען זאָל נישט דערהערן די געוואַלטן פון די מענשן, וואָס ווערן פאַרברענט...

די קינדער האָבן געמיינט, אַז דאָס נעמט מען זיי אויף מיט מוזיק איידער זיי הויבן אָן צו אַרבעטן...

די דייטשע געסטאַפּאָ־פירער האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע קינדער זאָלן זיך אויסטאָן, מען גייט זיי געבן אַ באָד...

דוד האָט גוט געוווסט, וואָס פאַר אַ באָד דאָס איז...

האָט ער זיך נישט אַזוי שנעל אויסגעטאָן. די וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעאיילט, האָבן אָנגעהויבן צו קריגן שמיץ. די דייטשן האָבן געהאַט אַ סיסטעם אַז די גאַנצע אַקציע פון פאַרברענען מענטשען זאָל נישט דויערן לאַנג. די מוזיק האָט געשפּילט, מען זאָל נישט הערן די קולות פון די קינדער. דאָס איז געווען אין ראש השנה פון יאָר 1944, און די קינדער זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין קרעמאַטאָריום...

דוד איז געבליבן פון די לעצטע, די קינדער האָבן אויף אים געטרעטן, ער האָט זיך אָבער נישט געאיילט

פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קול „בוא הנה״ (קום אַהער)...

דאָס קול איז געקומען פֿון אַ גרוב, וואָס איז געווען נעבן דער אַריינגאַנג פון קרעמאַטאָריום.

דוד האָט נישט קיין סך צייט געהאַט צו טראַכטן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ מענטש האָט אים אַריינגעשלעפּט אין גרוב...

די נאַציס האָבען געוווּסט, אַז זיי האָבען געבראַכט הונדערט פיר־און־צוואַנציק קינדער פון קאָוונע און אַלע זענען פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריום (דוד האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זיי נישט לעגאַל) און אין גרוב האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די נאַציס האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז פערצן יידען זאָלן גראָבן אַ גרוב נעבן אַריינגאַנג פון קרעמאַטאָריום. האָט זיך געמאַכט, אַז עס האָט געפעלט אַ לאָפּעטע, איז איינער אַוועק ברענגען די לאָפּעטע און אַזוי ווי ער איז אַזוי שנעל ניט צוריקגעקומען האָט אַ ייד, ישראל סעק פון לויוויטש, דערזען ווי אַ יונג אינגעלע ליגט אויף דער ערד פאַרן קרעמאַטאָריום, האָט ער זיך געטראַכט, ער וועט אים ראַטעווען. עס זענען דאָך געקומען פערצן יידן גראָבען אַ גרוב, וועלען צוריקגיין פערצן. האָט ער גערופן אויף לשון קודש, „בוא הנה", ווייל אויף יידיש ער מורא געהאַט, די דייטשן וועלן דערהערן, פּויליש, קענען די פּוילישע רוצחים, וואָס געפינען זיך אַרום דעם קרעמאַטאָריום, דערהערן, וועט ער אים רופען אויף לשון קודש, וועט דאָס יינגעל פאַרשטיין לשון קודש איז גוט, ווען נישט, איז פאַרפאַלן...

און דער יונגער דוד, וואָס האָט געלערנט אין אַ ישיבה אין אָסטראָווצע, האָט גוט פאַרשטאַנען די ווערטער „בוא הנה". ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און די יידן האָבן אים אַריינגעשלעפּט אין גרוב אַריין און אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

דוד אַפּעלבוים האָט געלעבט אין אוישוויץ ביז די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים ליקווידירן דעם טויטן־לאַגער, ווייל די רויטע אַרמיי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו גאַליציע. ער איז דערנאָך געטריבן געוואָרן מיט נאָך יידן קיין אָראַניענבורג, און דאָ איז ווידער מיט דוד אַפּעלבוים געשען אַ נס. דער הויפּט־סאַניטאַר אין דעם טויטן־לאַגער איז געווען אַ גוטער, ער האָט פון אים אַראָפּגעריסן די געלע לאַטע און ער האָט אים געגעבן פּאַפּירן אַלס אַ פּאָליאַק אויפן נאָמען קאָוואַלסקי. ער האָט אים אַריינגענומען אין שפּיטאָל.

דודן האָט מען אין שפּיטאָל אַלס פּאָליאַק געגעבן צו עסן. עס איז געווען אַן „עס־עס־מאַן", וואָס איז געווען אַן אַנטי־נאַצי. ער האָט אין געהיים זיך צוגעהערט צו דער ראַדיאָ טראַנסמיסיעס פון לאָנדאָן. מ'האָט אין שפּיטאָל אַריינגעשמוגלט געווער, און מען האָט אים געגעבן א רע־וואָלווער. איינמאָל האָט מען אים געגעבן ציווילע קליידער און מען האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט אים פירען אין אַ גייענדיקן צוג און ווען ער וועט דערהערן אַ געשריי: „פאַרפלוכטער שווייך", זאָל ער אַנטלויפן...

און אַזוי איז טאַקע געשען... און דוד האָט זיך פּלוצלינג געפונען אויף דער פריי אַלס א פּאָליאַק. ער האָט געהאַט אַן אַדרעס צו איינעם, וואָס האָט געוווינט נעבן פראַנקפורט...

דוד איז געגאַנגען אין וועלדער ביז ער איז צוגעקומען נאָנט צו פראָנט. און פּלוצלינג האָט ער דערזען אָנקומען אַ רוסישן טאַנק, ער איז אַרויס פון וואַלד און געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד...

דער קאָמאַנדיר, וואָס איז געווען א ייד, אַנאַטאַלי מאָסעיעוו האָט ער געהייסען, האָט אים אַרעסטירט און האָט אים דריי טעג אויסגעפרעגט אין יידיש און דערנאָך האָט ער אים געפרעגט, וואָס ער וויל טאָן? דוד האָט געענטפערט, אַז ער וויל קעמפן קעגען די דייטשע מערדער. האָבען די רוסען אים געגעבן אַ ביקס און ער איז געגאַנגען מיט דער רויטער אַרמיי ביז בערלין. ער איז געוואָרן אַן איבערזעצער פון דייטש אויף רוסיש.

דוד איז דערנאָך אַוועק קיין פּוילן, און איז געפאָרן קיין לאָדזש. דאָרט האָט ער געפונען זיין מוטער, וועלכע איז היינט אין ישראל. ער האָט דערנאָך אויך געפונען זיינע צוויי ברידער. דערנאָך איז ער אַוועק קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, וווּ ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין איצטיקער פרוי, וועלכע אין געלעגן אַכצען חדשים אין אַ בונקער אין גאַליציע.

דוד האָט דערנאָך געדרוקט לידער אין יידיש, וואָס זענען אפילו געלויבט געוואָרן פון ש. ניגער.

און דוד אַפּעלבוים, וואָס איז אַנטלאָפן פין דריי לאַ־גערן, וואָס מען האָט אים שוין געהאַט געהאָנגען און איז שוין געלעגן ביי דער טיר פון קרעמאַטאָריום, זיצט פאַר מיר אין סאַן פראַנציסקאָ, ווו ער האָט אַן אייגענעם האָטעל, טאַקע מיט'ן נאָמען „האָטעל דוד". און ער דערציילט מיר די אַלע נסים, וואָס איז מיט אים געשען, און ער איז זיכער, אַז די ברכה וואָס ער האָט געקראָגן פון אָסטראָווצער רבין, הי"ד, אַז ער וועט בלייבן לעבען פון די „שארית הפליטה", איז אים בייגעשטאַנען.



מאיר בלאַנקמאַן, תל־אביב

אויף קבר אבות אין פאַרניכטונגס־לאַגער מאַידאַנעק

וועגן מאַידאַנעק — פונקט ווי וועגן אַלע אַנדערע נאַציִשע מאָרד־לאַגערן — איז שוין פאַראַן אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור. וועגן דאָזיקן טרויעריק־באַרימטן פאַרניכטונגס־לאַגער האָבן געשריבן מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס רעדן אויף פאַרשידענע לשונות. איר וועט קוים געפינען אַ מענטש אויפן ערד־קוגל, וואָס זאָל נישט האָבן געלייענט אָדער לפּחות געהערט וועגן דער דאָזיקער טויט־פאַבריק אין וועלכער עס זענען אומגעקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופן קרוב 360.000 מענטשן פון ארבע פּינות עולם און צווישן זיי 200,000 יידן. איר וועט זעלטן געפינען אַ מענטש, וועלכער זאָל נישט אויפציטערן ביים דערמאָנען בלויז דעם דאָזיקן שרעקלעכן נאָמען. מאַידאַנעק! — בלויז דער קלאַנג פון דאָזיקן וואָרט וואַרפט אָן אַ שרעק און מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

אָבער — עס איז ווייניק בלויז צו האָבן געלייענט אָדער געהערט דערציילן וועגן מאַידאַנעק. דעם אומקום־לאַגער מאַידאַנעק מוז מען אומבאַדינגט באַזוכן און זען מיט די אייגענע אויגן, זען צו וואָס עס האָבן זיך דערקייקלט די מאָדערנע קאַניבאַלן און „קולטור־טרעגער" פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אויף וואָס עס איז פעאיק דאָס דאָזיקע ציוויליזירטע „הערן־פאָלק", ווען עס באַקומט פרייע הענט און קאָן אומגעשטערט אַנטוויקלען זיין „טאַלאַנט"...

יאָ, איר מוזט אומבאַדינגט זען מיט אייערע אייגענע אויגן, צו וואָס עס קען דערפירן ראַפינירטע רשעות און אכזריות, וואָס האָבן נישט זייערס גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. איר מוזט דורכאויס זען די דערגרייכונגען פון דער נאַציסטישער „וויסנשאַפט" — דאָס „לעצטע וואָרט" פון זייער מאָרד־טעכניק.

יאָ, איר מוזט אומבאַדינגט זיין אין מאַידאַנעק, כדי צו באַנעמען און תופס זיין מיט אייערע אייגענע חושים דעם גאַנצן גרויל פון די נאַצישע אכזריותן און פון זייערע גרויזאַמע און ראַפינירטע מאָרד־מעטאָדן.

ווייל די טראַגעדיע פון מאַידאַנעק באַשטייט דאָך נישט אין דעם, וואָס דאָרט האָבן געפונען דעם טויט אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן און אין דער ערשטער ריי — יידן. עס גייט וועגן די שבעה מדורי גיהינום, וואָס די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן — צווישן זיי פיל זקנים, פרויען און קינדער — זענען אַדורכגעגאַנגען ביז זיי האָבן ענדלעך דעם טויט געפונען. ווייל אין די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פון מאַידאַנעק איז דאָך דער טויט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — געקומען ווי אַ טייערע מתנה פון גאָט, ווי אַן אויסלייזונג פון אַלע איבערגעלעבטע צרות... ווייל אין מאַידאַנעק — ווי אין אַלע אַנדערע היטלעריסטישע פייניקונגס־לאַגערן — האָט מען דאָך מבזה געווען, אויסגעלאַכט, געלעסטערט באַשפּיגן, באַשמוצט און געשענדעט אַלץ, וואָס איז טייער און הייליק ביים מענטש אין גאָר דער וועלט. דאָרט האָט מען דאָך געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט און ברוטאַל געטרעטן מיט די פיס אַלע מאָראַלישע און עטישע באַגריפן, וועלכע זענען פאַרהייליקט אין גאַר דער וועלט במשך פון פיל דורות.

יאָ, נישט בלויז לייענען אָדער הערן דערציילן וועגן מאַידאַנעק — דעם דאָזיקן שוידערלעכן אומקום־לאַגער מוז מען אומבאַדינגט זען מיט די אייגענע אויגן, זען און איבערצייגן זיך אויפן אָרט, אַז אַזוינס האָט טאַקע פּאַסירט אין דערווירקלעכקייט אין אונדזער תקופה, אין „ציוויליזירטן" צוואָנציקסטן יאָרהונדערט...

אויפן וועג אין אומקום־לאַגער

שפּעט ביינאַכט בין איך אָנגעקומען מיטן צוג פון וואַרשע קיין לובלין. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן מיר געעקבערט אין מוח און די שטימונג ביי מיר איז געווען אַ ביז גאָר געדריקטע. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס צו מיינעם אַ פריינט אין לובלין, און אָנקומענדיק אַהין, האָב איך אים אויפגעזוכט און ביי אים איבערגענעכטיקט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און גענומען פאָרן אין דער ריכטונג פון מאַידאַנעק. אויפן וועג דערציילט אונדז דער קריסטלעכער דראָזשקאַזש, וועלכער האָט דאָ איבערגעלעבט די גרויליקע מלחמה־יאָרן, אַז בעת מען האָט אין קרעמאַטאָריע פון מאַידאַנעק געברענט די קערפּערס פון די פאַרגאַזטע יידן, האָט מען דעם ריח געפילט אין דער גאַנצער סביבה אַרום און אַרום אויף מיילן ווייט...

מיר געפינען זיך אויפן „וועג פון די מאַידאַניקער קדושים" — אַזוי הייסט די גאַס אין לובלין, וואָס פירט קיין מאַידאַנעק. „אוליצאַ מענטשענניקוו מאַידאַנקאַ" (די גאַס פון די קדושים פון מאַידאַנעק). איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן און טראַכט מיר דערביי: ווען די שטיינער פון דאָזיקן ברוק וואָלטן געקענט רעדן — יעדער שוידער־לעכע טראַגעדיעס וואָלטן זיי אונדז געהאַט צו דערציילן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען דאָ געגאַנגען זייער לעצטן וועג!...

שוין פונדערווייטנס זעען זיך פיל באַראַקן און אַ גאָר הויכער קוימען. מיין פריינט, אהרן גיסענבוים, וועלכער באַגלייט מיך אויף מיין וועג קיין מאַידאַנעק, ווייזט מיר מיטן פינגער: זעסט, מאיר? אָט דאָרט איז עס... מיין באַאומרואיקונג — איך בין זיך אָפן מודה ומתוודה — שטייגט פון רגע צו רגע. איך קען מער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. עפּעס אַ מאָדנער געפיל באַהערשט מיך, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט מיך געדריקט אויפן האַרץ. איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרזינק אין טיפע פיינלעכע מחשבות...

און אָט שטייען מיר ביים לאַגער. אַ גרויסער אויפ־שריפט אין פויליש: „אָבוז שמיערטשי מאַידאַנעק" (דער טויט־לאַגער מאַידאַנעק). מיר גייען פּאַמעלעך אַריין אינעווייניק, און דאָס האַרץ ביי מיר פיל איך, נעמט קלאַפּן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. מיר גייען מיט געלאַסענע טריט ווי בעת אַ לוויה נאָכן ארון פון אַ פאַרשטאָרבענעם...

אַ לאַנגער געפלאַסטערטער וועג און פון ביידע זייטן — אַ סך באַראַקן און דראָט־פאַרצוימונגען. עס איז אַזוי שווער צו באַטרעטן דעם דאָזיקן שטח, ווי עס וואָלט געברענט דער באָדן אונטער דיינע פיס. ווייל יעדער שפּאַן ערד דאָ — דו פילסט עס בחוש — איז דורכגעווייקט מיט צער און פיין, מיט טרערן און בלוט פון די קינדער פון דיין פאָלק, פון דיינע נאָענטע און טייערע, וועלכע האָבן דאָ אויסגעהויכט אין פיין זייערע נשמות... עס ווילט זיך דיר אַראָפּוואַרפן די שיך פון די פיס, כדי נישט צו פאַרשווערן דאָס דאָזיקע הייליקע אָרט. עס טויכן אויף אין זכרון די ווערטער פון חומש: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא" (וואַרף אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס, ווייל דער באָדן אויף וועלכן דו טרעטסט איז הייליק).

★

מיר געפינען זיך אין אַלגעמיינעם מוזיי. די גרויסע מאַפּע באַלד ביים אַריינגאַנג ווייזט דיר, אַז אין די יאָרן 1941—1944, האָבן אַלע וועגן פון אומקום, טויט און פאַרניכטונג — געפירט קיין מאַידאַנעק. פון אומעטום, פון די ווייטסטע לענדער, פון ארבע פינות עולם, ווו עס האָט נאָר אַריינגעשטעלט אַ פוס דער נאַצישער „קולטור־טרעגער" — האָט מען אַהערגעבראַכט מענטשן פון פאַר־שידענע נאַציאָנאַליטעטן, און גאָר באַזונדערס יידן, כדי זיי דאָ צו „דערליידיקן"...

מיר באַטראַכטן די אַלע בילדער, דאָקומענטן און צייכענונגען, די אָן אַ שיעור איבערגעבליבענע צעריסענע שיך, געלאַטעטע רעקלעך, געפלעקטע הויזן, צעבראָכענע ברילן, פּראָטעזעס, פאַרבלוטיקטע העמדער... דאָרט אין ווינקל — אַ באַרג מיט היטלען, אַן איבערגעבליבענער זכר פון מענטשלעכע קעפּ...

אומקום פון די יידן אין פוילן

אין אָט געפינען מיר זיך אין יידישן פּאַוויליאָן. אַ גרויסער אויפשריפט אין יידיש, פויליש און העברעאיש: „דער אומקום פון די יידן אין פוילן". אָט איז דאָס קבר פון אַ גרויסן טייל פון מיין פאָלק, וואָס איז דאָ אַזוי אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן! אַ שוידער גייט דיר דורך איבערן לייב, און ווערסט דורכגענומען מיט אַ הייליקן ציטער. דו באַטראַכטסט די אַלע בילדער און איבערגעבליבענע זאַכן, און דו זעסט באַשיינפערלעך ווי אַזוי מען האָט באַליידיקט, דערנידעריקט, באַשפּיגן און געשענדעט די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע ווירדע פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער. און וואָסערע לייד און פיין, וואָסערע שבעה מדורי גיהינום זיי האָבן געהאַט אויסצו־שטיין פון זייערע נאַצישע הענקער ביז זיי האָבן ענדלעך געפונען דעם טויט!

און עס קומען מיר נישט ווילנדיק אויפן געדאַנק די אומגעבראַכטע יידן פון מיין היימשטאָט אָסטראָווצע. אויך פיל פון זיי, פון מיינע חברים, פריינט און באַקאַנטע, נאָענטע און טייערע — זענען דאָ, אין מאַידאַנעק, אויף אַן אַכזריותדיקן אופן פאַרפייניקט געוואָרן ביז טויט דורך די נאַצישע טמאים.

דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע שלמהלעך און חנהלעך

דעם פיינלעכסטן איינדרוק אָבער דאָ אין מאַידאַנעק מאַכן די זאַכן, וועלכע זענען איבערגעבליבן נאָך אונדזערע גרויזאַם־פאַרשניטענע קליינינקע משהלעך, שלמה־לעך, שרהלעך און חנהלעך — די קינדער־שיכלעך, קליידעלעך, הייזעלעך, בלוזקעלעך, היטעלעך, העמדעלעך און זייער פיל שפּילצייג. דו שטייסט אַ דערשיטערטער ביז די טיפעניש פון דער נשמה און ביסט נישט אימשטאַנד

אַרויסצוברענגען קיין איינציק וואָרט פון דיין מויל. דו פילסט ווי דאָס האַרץ ווערט דיר פאַרקלעמט און דאָס בלוט נעמט דיר גליווערן אין די אָדערן. אַ שוידער גייט דיר דורך איבערן לייב, ווען דו טראַכסט וועגן דעם טראַגישן גורל, וועגן־דעם גרויזאַמען צאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די קעפּלעך פון אונדזערע ליבינקע יידישע קינדערלעך!

ווער וועט זיך דאָך נוקם זיין פאַרן דאָזיקן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט פון אונדזערע טייערע יצחקלעך, הער־שעלעך, רחלעך און דבורהלעך, פון די דאָזיקע „תינוקות של בית רבן שלא חטאו", וועלכע זענען אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן, ווי נאָר זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לעבן און בליען? שוין זשע וועט דאָס אַלץ טאַקע בלייבן אומבאַשטראָפט?

און עס טויכן דערביי אויף אין זכרון די באַרימטע פערזן פון ביאַליקס „על השחיטה:

„וארור האומר: נקום!
נקמה כזאת, נקמת דם ילד קטן
עוד לא ברא השטן...
ויקוב הדם את התהום!"

דער לעצטער וועג

פונדאַנען גייען מיר ווייטער. און אָט געפינען מיר זיך אין באָד. דאָ פלעגן די נאַצישע סאַדיסטן דורכפירן די „דעזינפעקציעס". דאָס איז געווען דער גרעסטער שווינדל. פאָרמעל האָט עס געהייסן אַז מ׳גייט זיך כלומרשט וואַשן און אָפּבאָדן. יעדער איינער האָט באַקומען אַ שטיקל זייף מיט אַ האַנטוך. פאַקטיש פלעגט אָבער נאָך יעדער אַזאַ „דעזינפעקציע" דורכגעפירט ווערן אַ „סעלעקציע" — און פונדאַנען האָט געפירט אַ גלייכער וועג, פול מיט אומ־באַשרייבלעכע ליידן און פיין. דאָס איז געווען דער לעצטער וועג, דער וועג אין גאַז־קאַמער. פון וועלכער קיינער איז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

און אָט געפינען מיר זיך ביי דער גאַז־קאַמער. כ׳האָב געבעטן מיין פריינט, אהרן ניסענבוים, אַז ער זאָל מיך פאַרשליסן אויף עטלעכע מינוט אין גאַז־קאַמער. כ׳האָב געוואָלט באַקומען כאָטש דעם מינדעסטן באַגריף וועגן די טראַגישע איבערלעבענישן און לעצטע גסיסה־ראַנגלע־נישן פון אונדזערע פאַרפייניקטע ברידער און שוועסטער אין די דאָזיקע היטלעריסטישע אינקוויזיציע־קאַמערן פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

...אינעווייניק אין קאַמער — שטאָק־פינצטער ווי אין אַ טאָפּ. עס זעט זיך נאָר דאָס לאָך אין דאַך, דורך וועלכן די האַרצלאָזע נאַצישע רוצחים פלעגן אַראָפּשיטן דעם ציקלאָן־גיפט אויף די אויסגעמאַטערטע יידישע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך געשטיקט און געראַנגלט מיטן טויט. ביי דער זייט אין ווינקל — אַ קליינטשיק פאַרקראַטעוועט פענצטערל, דורך וועלכן אַן עס־עס־מאַן פלעגט פונדרויסן אַריינקוקן און זען צי די אינעווייניק־פאַרשפאַרטע מענטשן האָבן שוין אויסגע־הויכט זייערע נשמות, און מ׳קען שוין עפענען די טיר און זייערע פאַרגאַזעוועטע קערפּערס אַריבערפירן אין קרעמאַטאָריע איידער צו פאַרברענען. עס איז שווער צו באַגרייפן מיטן מענטשלעכן שכל די לעצטע גרויליקע מינוטן פון די פאַרפייניקטע קרבנות אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן...

היטלעריסטישע מאַרד־טעכניק

מיר שטייען און באַטראַכטן די קרעמאַטאָריע מיטן הויכן קוימען. אָט איז דער אויוון, וווּ מען האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין ברענען די טויטע קערפּערס פון די פאַרגאַזטע קרבנות. אָט דורך דאַנען האָט מען אַריינ־געריקט די קערפּערס און דאָרט פון יענער זייט, פלעגט מען אַרויסנעמען דאָס אַש ביים רייניקן דעם אויוון.

אָט האָט איר דאָס „לעצטע וואָרט" פון דער היטלע־ריסטישער מאָרד־טעכניק, איבער וועלכער עס האָבן געאַרבעט און אָנגעשטרענגט זייערע מוחות דעגענערירטע נאַצישע „געלערנטע" און „פּראָפעסאָרן". אָט זעט איר די רעזולטאַטן, די רייפע פרוכטן פון זייערע לאַנג־יאָריקע אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען...

און נישט ווייט פונדאַנען — אַ גרויסער קאַסטן, פול מיט ביינער און מענטשלעכע שאַרבנס. און אָט איז דער הייכער אַש־באַרג — דאָס איבערגעבליבענע אַש נאָך די גרויזאַם־אומגעבראַכטע קרבנות, וואָס האַלט אין איין שרייען און רופן נאָך נקמה עד לב השמים...

אויפן שטח פון מאַידאַנעק איז נאָך דער באַפרייאונג פאַרבליבן זייער פיל צעמענט, ציגל, געהילץ און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. עס איז אויך פאַרבליבן אַ גרעסערער קוואַנטום פון ציקלאָן־גאַז, מיט וועלכן מען וואָלט נאָך געקענט אומברענגען מיליאָנען מענטשן. די דייטשן האָבן, ווייזט אויס, געהאַט בדעה אויסצוברייטערן די „אונטער־נעמונג" און פילפאַכיק פאַרגרעסערן די „פּראָדוקציע".

און אַז דו פאַרלאָזט מאַידאַנעק נאָך דעם אַלעמען, וואָס האָסט דאָ געזען, געהערט, געפילט און איבערגעלעבט בעת דיין לענגערן באַזוך — רייסט זיך אַרויס פון דיין מויל אַ קללה, אַ וויסטע קללה אויף די קעפּ פון די ברוטאַלע צעשטערער פון אונדזערע ליבע היימען, פון די אכזריותדיקע פייניקער, מערדער און פאַרטיליקער פון אונדזערע שוועסטער און ברידער.

שפוך עליהם זעמך וחרון אפך ישיגם!

מאיר בלאַנקמאַן, תל־אביב

א באזוך אין אוישוויץ

איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פון אויבן, ווי מען האָט
די קינדער פון מיין פאָלק געפירט

איבער וואַקזאַלן, אויף באַנען און צופוס, אין טאָג אין העלן
און אין פינצטערן אין נאַכט, צום טויט.

מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרגעטע ווערן הענט צו אייך
געהויבן — מ'האָט אייך נישט גערירט

מיליאָנען מאַמעס אייִדעלע און טאַטעס — נישט פאַרציטערט
האָט אויף אייך די בלויע הויט.

(יצחק קאַצענעלסאָן—„דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק")

דער צוג, וואָס פירט אונדז פון וואַרשע קיין קאַטאָוויץ, לויפט מיט אַ ראַשיקער שנעלקייט. עס איז שוין גאָר שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. אָבער מיר איז פשוט אוממעג־לעך איינצושלאָפן. שווער ביז גאָר צו פאַרטרייבן די רעיונות, וואָס לאָזן דיך ממש נישט רוען.

די דאָזיקע נסיעה איז פאַר מיר די פיינלעכסטע אין מיין לעבן. דאָס פאָר איך דאָך באַזוכן דעם טויטן־לאַגער אוישוויץ. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער נאַכט הערט מיך נישט אויף צו מאַטערן און פייניקן דער געדאַנק: אָט מיטן זעלבן וועג זענען דאָך אין יענע גרויזאַמע היטלער־יאָרן געגאַנגען אָן אַ שיעור טראַנספּאָרטן מיט מענטשן, פון וועלכע עס האָט זיך זעלטן ווער אומגעקערט צוריק אַהיים... מיטן זעלבן וועג האָבן דאָך די פאָרשטייער פון „הערן־פאָלק" אין די אומדערטרעגלעכסטע באַדינ־גונגען געפירט אַ גרויסן טייל פון מיין פאָלק צו דער שחיטה.

אַרום 7 אַזייגער אינדערפרי שטעלט זיך אונדזער צוג אָפּ אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע, און ווען דער קאָנ־דוקטאָר רופט אויס הויך אויפן קול: אָש־וויענ־טשים — פּילסטו, ווי עס וואָלט זיך ביי דיר אָפּגעריסן אַ שטיק פון דיין האַרץ.

מיר האָבן נאָך צוצוגיין צופוס אַ קליין שטיקל וועג. אָט דאָרט נישט ווייט איז עס. עפּעס אַ מאָדנע געפיל באַהערשט אונדז אַלעמען און מיר ווערן ווי פאַרשטומט און פאַרגליווערט.

אין טיפסטן יראת־הכבוד דערנענטערן מיר זיך צום טויטן־לאַגער אָשוויענטשים.

„אַרבייט מאַכט פריי!"

מיר שטייען פאַר אַ גרויסן אייזערנעם טויער. גאָר אין דערהויך — אַן אויפשריפט אין דייטשישער שפּראַך: „אַרבייט מאַכט פריי!". שווער צו באַשרייבן דאָס וואָס איר פילט בעת אייערע פיס באַטרעטן דעם דאָזיקן באָדן. עפּעס ווי אַ שווערער שטיין וואָלט זיך אייך געלייגט אויפן האַרץ און ס'איז אייך ממש שווער אַרויסצוריידן אַ וואָרט...

מיר קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן: געפלאַסטערטע וועגן און ריזיקע הייזער־בלאָקן. לאַנגע רייען דראָט־פאַרצוימונגען מיט אויפשריפטן אין דייטש: „פאָרזיכטיק, הויכע שפּאַנונג, לעבענסגעפערלעך". די דאָזיקע דראָטן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטרישן שטראָם, כדי די קאַצעטניקעס זאָלן נישט קענען אַנטלויפן. פיל פון זיי פלעגן זיך אָבער באַוווסטזיניק וואַרפן אויף די דאָזיקע עלעק־טרישע דראָטן, כדי וואָס גיכער אויסגעלייזט צו ווערן פון דער אומדערטרעגלעכער אַרבעט, וואָס „מאַכט פריי"...

מיר געפינען זיך אויפן פּלאַץ, פונוואַנען די אומ־גליקלעכע קאַצעטניקעס פלעגן יעדן אינדערפרי אָפּמאַר־שירן אין געשלאָסענע רייען צו דער אַרבעט, און די דייטשן האָבן טאַקע געזאָרגט פאַר דעם, אַז עס זאָל זיין מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. ביי דער זייט פלעגט תמיד שטיין אַן אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון יידישע קלעזמאָרים, וועלכער האָט באַגלייט די אָפּמאַרשירנדיקע אַרבעטער מיט די פריילעכסטע נאַציִשע מאַרשן. און פון דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס „מאַכט פריי", האָבן זיך זייער פיל שוין מערער נישט אומגעקערט צוריק, ווייל אָדער

זיי זענען אויסגעמאַטערטע און דערשעפּטע געפאַלן אויפן וועג, אָדער — זיי זענען אויף אַ ברוטאַלן אופן ליקווידירט געוואָרן דורך זייערע נאַצישע שומרים...

„קאַנאַדע"

אָט געפינען מיר זיך אין די בלאָקן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „קאַנאַדע". מיר גייען פון איין צימער אין צווייטן. איר זעט: גאַנצע בערג מיט ברילן, קוישן, זאָקן, בלוזקעס, רעקלעך, וואַליזקעס, שערלעך, לעפל, גאָפּל, ריבאײַזנס, האַקמעסערס, מאַשינקעס, מצה־רעדלעך, קעמעלעך, קינ־דער־פּודער, צינד־מאַשינקעס, עמערס, אָן אַ שיעור פּראָטעזן און אַ סך קנעפּ.

עס ציט אײַער אויפמערקזאַמקייט אַ באַרג מיט טליתים און עטרות — דער איינציקער אָנדענק נאָך אונדזערע גאָטספאָרכטיקע ייִדעס און טאַטעס, וועלכע זענען אין די דאָזיקע אונדערטרעגלעכע באַדינגונגען, אין אָנבליק פון טויט — פּונקט ווי די אַמאָליקע אנוסים אין שפּאַניע — געגאַנגען אויף קידוש־השם און נישט מוותר געווען אויף דער אמונה פון זייערע אָבות. ווייטער שטויסט איר זיך אָן אין אַ ים מיט שיך, שיך און שיך. אין אַ דערנעבנדיקן צימער — קרוב צוויי טאָן פרויען־האָר, וואָס די דײַטשע ספּעציאַליסטן פלעגן סאָרטירן, רייניקן און מאַכן דערפון מאַטראַצן צו בעטן... און אָט שטעלט איר זיך אָפּ און איר ווערט ווי פאַרציטערט און אויפגעטרייסלט ביז די טיפענישן פון דער נשמה: אַ ים מיט קינדער־שיכלעך, בלוזקעלעך, הייזעלעך, קליידעלעך, היטעלעך, שפּילצייג און פאַריתומטע ליאַלקעס...

„על דאטפט אטפוך"

אין ייִדישן מוזיי. אַ שוואַרצער אָרון מיט אַ מנורה. אין דער הויך — אַ גרויסער אויפשריפט: „יזכור!" ביי דער זייט — אַ רשימה פון אומגעבראַכטע ייִדישע שרייבער, קינסטלער, דיכטער, דענקער און וויסנשאַפטלער. אַביסל ווייטער — אַ באַרג אַש און צונויפגעקליבענע ביינער — איבערגעבליבענע רעשטלעך פון אונדזערע פאַרטיליקטע ברידער און שוועסטער. מיר באַטראַכטן די פאַרשידענע עקספּאָנאַטן, די בילדער פון צער און פּיין. אָט וואַרפן זיך אײַך אין די אויגן שיך־זוילן, אויסאַרבעטע פון ספרי־תורות. און אַז איר גייט ווייטער, שטעלט איר זיך אָפּ ביי אַ בילד און איר ווערט ממש אויפגעשוידערט. דאָס בילד ווייזט, ווי אַ ייִדישע מאַמע באַשיצט איר קליינטשיק אויסגעמאַטערט־דערשראָקן קינד. דאָס פּנים פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער פרוי דריקט אויס אַזוי פיל צער און ווייטיק, אַז איר ווערט ממש גערירט ביז די טיפענישן פון דער נשמה. איר פילט ווי עס שטיקן אײַך די טרערן און ס'איז אײַך אַזוי שווער זיך צו באַהערשן... אָ, ייִדישע מאַמע! דײַן איבערגעגעבנקייט און מסירות־הנפש פאַר קינדער איז דאָך באַרימט אין דער גאַנצער וועלט!

און אַזוי שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ קליין סידורל —— אַן אַלט סידורל מיט צעריסענע און האַלב־אָפּגע־ברענטע בלעטלעך. און אַז איך שטרענג זיך אָן און נעם לייענען — שרייען צו מיר אַרויס די ווערטער פון פּרקי אבות: „אַף הוא ראה גלגולת אחת שצפה על פני המים, אמר לה: על דאַטפט אטפוך"...

„על דאטפט אטפוך!" — דאָ אין אַשוויענטשים קלינגען די דאָזיקע ווערטער ווי אַ סימבאָל ווי אַ שטרענגע וואָרענונג.

„על דאטפט אטפיך". פריער אָדער שפּעטער וועט אײַך, מערדער און תליינים פון אונדזער פאָלק, דערגרייכן די האַנט פון דער גערעכטיקייט און איר וועט באַקומען די געהעריקע שטראָף פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער און קיינער פון אײַך — אין דעם זענען מיר מער ווי זיכער — וועט נישט אויסמיידן דעם האַרבן גזר־דין פון דער געשיכטע!

די קאַצעטניקעס און זייערע תליינים

מיר באַטראַכטן די פאַרשידענע מאַלערייען און בילדער, וואָס עס האָבן געשאַפן די קאַצעטניקעס גופא. ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע גרויליקע היטלער־יאָרן, ביי די אומדערטרעגלעכסטע באַדינגונגען, האָבן פיל פון די פאַרפּייניקטע אין אָשוויענטשים געמאָלן בילדער, אין וועלכע זיי האָבן אָפּגעהוזקט און אָפּגעשפּעט פון זייערע פּייניקער און באַדריקער און געבראַכט צום אויסדרוק זייער שאַרפסטן פּראָטעסט. דעם צער און צאָרן קעגן זייערע מערדער און תליינים. איר געפינט דאָ קאַריקאַטורן פון אַלע גרעסערע און קלענערע „פירער" און „פירערלעך". אָט די אַלע, וועלכע האָבן דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון מיליאָנען מענטשן, און גאָר באַזונדערס די יעניקע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער רשעות און אכזריות לגבי זייערע אומגליקלעכע קרבנות. און די דאָזיקע בילדער לאַכן בייסיק אָפּ פונעם קוכער מיטן גראָבן בויך, פונעם גרויזאַמען קאַפּאָ, פון דער „שטובאָווע" און פון די אַלע, וועלכע האָבן אויף אַ וועלכן נישט אופן צוגעהאָלפן צו פאַרביטערן דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן פון די נומערירטע איינוווינער אין אָשוויענטשים...

נאַרעס און קלאָזעטן

מיר דערנענטערן זיך צום בלאָק, ווו עס געפינען זיך די נאַרעס צום שלאָפן. פרוי צוקערמאַן־לאַסקאָווסקאַ, אַ געוועזענע באַאַמטין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, וועלכע האָט אָפּגעשוואַרצט אין אָשוויענטשים צוויי יאָר און טראָגט דעם נומער 48462 — ווייזט אונדז אָן מיט דער האַנט: אָט דאָ איז געווען מיין געלעגער. און מען דערציילט אונדז וועגן ווערעם, מייז, פליי, וואַנצן און לייז; וועגן אומאויפהערלעכער בייסענייש, דיזענטעריע און אַנדערע חולאתן. מיר באַטראַכטן די ענגשאַפט דעם שרעקלעכן שמוץ, און הערן נישט אויף דערביי צו וווּנדערן זיך: רבונו של עולם! ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע פאַרשפּאַרטע מענטשן דאָ אויסגעהאַלטן כאָטש איין טאָג אין אַזעלכע שוידערלעכע־אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען? שווער, ממש אוממעגלעך דאָס צו באַגרייפן מיטן פשוטן שכל...

נישט ווייט פונדאַנען געפינען זיך די קלאָזעטן. און מיינט נישט, אַז דאָ אַהער האָט מען געקענט גיין ווען ווער עס האָט נאָר באַדאַרפן און אויפהאַלטן זיך ווי לאַנג עס נויטיקט זיך. די דייטשן, ווי באַוווּסט, האָבן ליב „אָרדענונג און דיסציפּלין". אויף צו באַפרידיקן די נאַטירלעכע באַדערפענישן פון די קאַצעטניקעס האָבן זיי באַשטימט געוויסע שעהן. אין קוים האָט זיך ווער אויפגעהאַלטן לענגער ווי עס איז פאַראויסגעזען אין רעגולאַמין — איז ער געוואָרן שטרענג באַשטראָפט. אַ קאַפּאָ איז תמיד געשטאַנען מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט און אָן אויפהער געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן דעם עולם. שנעלער! שנעלער! און אַך און ווי איז געווען צו דעם יעניקן קאַצעטניק, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט ביים דאָזיקן „עסק" כאָטש אויף איין רגע...

„וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג"

בלאָק נומ. 10 — דאָ געפינט זיך די „וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג". דאָ פלעגן נאַצישע פּראָפעסאָרן און „געלערנטע" זיצן גאַנצע טעג און נעכט, געקנייטשט די שטערנס און דורכגעפירט פאַרשידענע „וויסנשאַפטלעכע" עקספּערימענטן איבער יונגע פרויען, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון יידישע מיידלעך פון גריכנלאַנד. דאָ, אין דאָזיקן בלאָק, האָט מען זיך פאַרנומען מיט גינעקאָלאָגיע, מיט סטעריליזאַציע און קינסטלעכער באַפרוכפערונג. דאָ האָט מען געמאַכט געפערלעכע איינשפּריצונגען, און זעלטן וועלכע פרוי ס'איז אַרויס אַ לעבעדיקע פון דער דאָזיקער „וויסנשאַפטלעכער" לאַבאָראַטאָריע. און האָט שוין וועלכע נישט איז פרוי יאָ אָפּגעגליקט צו בלייבן לעבן — איז זי געבליבן אַ קאַליקע שוין ביזן טויט אַריין...

דער אומקום־פּלאַץ

בלאָק נומער 11. אין דאָזיקן בלאָק פלעגן זיך צונויפקומען די נאַצישע „ריכטער" און משפּטן די פאַרשולדיקטע און פאַרברעכער — און זעלטן ווער עס איז פון אַזאַ „געריכט" אַרויס אַ לעבעדיקער.

מיר באַטראַכטן גענוי דעם „שטייבונקער". דאָ אַהער פלעגט מען פאַרן קלענסטן „חטא" אַריינשליידערן קאַצעטניקעס און זיי פאַרשפּאַרן אויף אַ לענגערער צייט.

אַ ביז גאָר ענגע און פינצטערע קאַמער אָן לופט. די „פאַרזינדיקטע" פלעגן דאָ מוזן די גאַנצע צייט שטיין אויף די פיס און פלעגן דעריבער איינער דעם צווייטן דערשטיקן, כדי ס'זאָל זיין מער פרייער פּלאַץ. פיל ערגער אָבער איז געווען דער מצב אין דעם אַזוי גערופענעם „וואַסער־בונקער", ווו די „פאַרזינדיקטע" פלעגן נאָך אָן לופט און אין אומדערטרעגלעכער ענגשאַפט מוזן שטיין ביז איבער די קני אין וואַסער... און נישט ווייט פונדאַנען געפינט זיך דער אומקום־פּלאַץ ביי דער שוואַרצער „טויטן־וואַנט". דאָ אַהער פלעגט מען טאָג־טעגלעך אַרויספירן הונדערטער „פאַרזינדיקטע" קאַצעטניקעס, זיי אַוועקשטעלן ביי דער שוואַרצער וואַנט און אויף אַן אַכזריותדיקן אופן ליקווידירן. דער דאָזיקער פּלאַץ — ווי עס דערציילן אָפּגעראַטעוועטע עדי ראיה — האָט זיך תמיד געוויקט אין מענטשלעך בלוט.

יאָ ווען די דאָזיקע שוואַרצע „טויטן־וואַנט" וואָלט געקענט רעדן — פון וויפל מענטשלעכע טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט, וואָלט זי אונדז געהאַט צו דערציילן!...

דער לאַגער־מאָדעל

מיר באַטראַכטן דעם לאַגער־מאָדעל, וועלכן עס האָט געשאַפן דער באַקאַנטער סקולפּטאָר פון קראַקע — מיעטשיסלאַוו סטאַוויאַרסקי. דאָס איז אַ הערלעך קונסט־ווערק, אויסגעפאַרטיקט פון גיפּס.

דער דאָזיקער מאָדעל שטעלט פאַר דעם גאַנצן פּראָצעס, אַלע שבעה מדורי גיהינום, וואָס עס איז אַדורכגעגאַנגען דער אָשוויענטשימער קרבן, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער באַן־סטאַציע ביז מען שליידערט אים אַרויס אַ טויטן פון גאַז־קאַמער אין קרעמאַטאָריע אַריין. די אַלע פון גיפּס אויסגעקנעטעטע פיגורן רעדן מיט אַ ביז גאָר בולטער שפּראַך. איר זעט דאָ דעם לאַנגן יסורים־וועג, דעם

גאַנצן פֿיין און צער פֿון די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן —— און דאָס אַלץ קריצט זיך אייך גוט איין אין אייער זכרון אויף אייביק...

די קליינע קרעמאַטאָריע

צוערשט האָבן די דייטשן אויפֿגעשטעלט די קליינע קרעמאַטאָריע — אַן אויוון מיט ווענטילאַציעס און מיט נויטיקע איינריכטונגען לויטן לעצטן וואָרט פֿון דער דייטשישער טעכניק. אָט פֿון דער זייט — ווייזט מען אונדז — האָט מען אַריינגערוקט די פֿאַרגאַזטע קערפּערס און פֿון יענער זייט דאָרט פֿון אונטן פֿלעגט מען אַרויסשאַרן דאָס אַש...

און דו שטייסט און באַטראַכסט דאָס אַלץ — און עס ווילט זיך דיר פֿאָרט נישט גלויבן, אַז אַזוינס האָט טאַקע געקענט פּאַסירן אין דער ווירקלעכקייט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דאָס יאָרהונדערט פֿון קולטור, פּראָגרעס און ציוויליזאַציע.

די דאָזיקע קליינע קרעמאַטאָריע האָט אָבער גאַנץ ווייט נישט באַפֿרידיקט די אַפּעטיטן פֿון די נאַצישע קאַניבאַלן, ווייל זי איז נישט געווען אימשטאַנד צו יענער צייט צו באַאַרבעטן דעם גאַנצן „רוישטאָף״, וועלכן עס האָבן וואָס אַמאָל מערער צוגעשטעלט די גאַז־קאַמערן. און זיי האָבן דעריבער מיט דער צייט אויפֿגעשטעלט פֿיר נייע גרויסע קרעמאַטאָריעס אין נישט ווייטן בירקענאַו.

ביי דער תּליה פֿון רודאָלף העס

מיר געפֿינען זיך אויפֿן פּלאַץ, וווּ מען האָט אין יאָר 1947 אויפֿגעהאָנגען דעם קאָמענדאַנט פֿון אָשוויענטשימער לאַגער, דעם בלוטיקן תּליין רודאָלף העס, וועלכער איז זיינער צייט דורכן וואַרשעווער געריכט פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

רודאָלף העס — ווי מיר דערוויסן זיך — האָט אין אָשוויענטשים געלעבט ווי אין אַ גן־עדן התּחתּון. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע ווילע מיט אַ הערלעכן גאָרטן, מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און קאָמפֿאָרטן. דאָ, אין אָשוויענטשים, איז אים אפֿילו געבוירן געוואָרן אַ קינד.

העס פֿלעגט זיצן רויִק אין זיין שיינעם קאַבינעט און ווי אַ קאַלטער גזלן פֿלעגט ער אונטערשרייבן די טויט־אורטיילן. ביי אים אין די הענט איז געליגן דער גורל פֿון מיליאָנען מענטשן לחיים או למוות — און אָט שטייען מיר איצט ביים קבֿר אויפֿן פּלאַץ אין אָשוויענטשים, וווּ עס האָט באַקומען די געהעריקע שטראָף דער דאָזיקער גרויזאַמער סאַטראַפּ.

בירקענאַו־בזשעזשינקי

מיר געפֿינען זיך אין בירקענאַו. אָשוויענטשים האָט ביי די דייטשן געהייסן „מוסטער־לאַגער״, ווייל דאָ האָבן זיך געפֿונען די גרויסע אַרבעט־וואַרשטאַטן. דער ריכטיקער טויטן־לאַגער, וווּ עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיליאָנען מענטשן, איז געווען בירקענאַו.

בירקענאַו ציילט ביז 500 באַראַקן. די פֿיר קרעמאַ־טאָריעס און גאַז־קאַמערן זענען געווען איינגעאָרדנט לויטן לעצטן וואָרט פֿון דער דייטשישער טעכניק. דאָס איז געווען דער שטאָלץ פֿון דער דייטשישער „פֿאַרניכטונגס־וויסנ־שאַפֿט״. גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת האָט מען דאָ געהאַלטן אין איין גאַזעווען און ברענען און דער ריח און טשאַד האָבן זיך געלאָזט פֿילן העט ווייט אין דער אַרומיקער געגנט... און אַזוי ווי די אַלע פֿיר קרעמאַטאָריעס האָבן דאָך נישט באַוויזן צו פֿאַרברענען אַלע פֿאַרגאַזטע קרבנות, האָט מען די איבעריקע קערפּערס געמוזט פֿאַרברענען אויף אַ פּרימיטיוון אויפֿן אונטערן פֿרייען הימל...

אויף שריט און טריט שטויסן מיר זיך דאָ אָן אויף רעשטלעך פֿון מענטשלעכע קערפּערס. הגם די נאַצישע באַרבאַרן האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן פֿאַר זייער אַוועקגיין פֿון אוישוויץ צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון זייערע שוידערלעכע פֿאַרברעכנס.

יזכור!

און אָט שטייען מיר ביים מאָנומענט, וועלכן ס׳האָט דאָ אַוועקגעשטעלט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן. מיר לייענען אַ גרויסע אויפֿשריפֿט אין יידיש, פּויליש און העברעאיש:

„ יזכור

צום אָנדענק פֿון מיליאָנען יידן, מאַרטירער און קעמ־פֿער, וועלכע זענען דורך די היטלעריסטישע מערדער פֿאַרטיליקט געוואָרן אין אָשוויענטשים־בזשעזשינקי.

לזכר מאות ריבוא קדושי ישראל ולוחמיו שהושמדו באושבינצ׳ים־בז׳ז׳ינקי ע״י הרוצחים ההיטלריסטים״.

און קוקנדיק אויפֿן דאָזיקן מאָנומענט, טראַכט איך דערביי: ווער ווייסט וויפֿל פֿון מיינע משפּחה־מיטגלידער, פֿון מיינע נאָענטע און טייערע פֿון דער טראַגיש־פֿאַרשני־טענער יידישער אָסטראָווצע — געפֿינען זיך צווישן די צום טויט פֿאַרפּייניקטע יידן אין אָשוויענטשים!

אין טיפֿסטן יראת־הכּבֿוד בויגן מיר דעם קאָפּ פֿאַרן מאָנומענט צום אָנדענק פֿון אונדזערע פֿאַרטיליקטע ברידער און שוועסטער אין נאַצישן אומקום־לאַגער אָשוויענטשים.

דער לעצטער וועג

מיר קומען צו אַ גרויסן פּלאַץ, דאָ און דאָרט — ביינער און אַש. עס זעען זיך רעשטלעך פון צעשטערטע געביידעס. דאָ זענען געשטאַנען די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. דאָס האָבן די נאַצישע רוצחים פאַר זייער אַוועקגיין פון אוישוויץ זיך באַמיט אַלץ צו פאַרניכטן, כדי עס זאָל, חלילה, קיין זכר נישט בלייבן פון זייערע אָפּגעטועטע שענדלעכע מעשים.

דורך דעם וועג האָט מען געפירט די אומגליקלעכע קאַצעטניקעס אין באָד אַריין, כלומרשט וואַשן זיך און דורכפירן אַ דעזינפעקציע. און פונדאַנען — אַ גלייכער וועג אין גאַז־קאַמער. דאָס איז געווען דער פיינלעכסטער וועג, פול מיט צער, ווייטיק און יסורים — דער לעצטער וועג...

דאָס געשענדעטע צוואַנציקסטע יאָרהונדערט

אין אָשוויענטשים־בזשעזשינקי זענען אויף אַן אכזריותדיקן אופן, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אומגעבראַכט געוואָרן ביז דריי מיליאָן מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, צווישן זיי קרוב צוויי מיליאָן יידן.

אין אָשוויענטשים איז אויף אַ העסלעכן אופן דורכגע־פירט געוואָרן די שענדונג פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר פאַרלאָזן אָשוויענטשים

עס איז אַ הערלעכער זומער־פרימאָרגן ווען מיר פאַרלאָזן אָשוויענטשים. מיר וואַרפן אונדזערע לעצטע בליקן אויפן דאָזיקן טויטן־לאַגער, אויפן „שטאָלץ פון דער דייטשישער פאַרניכטונגס־וויסנשאַפט״. פונדערווייטנס שריַיט צו אונדז אַראָפּ פון אייזערנעם טויער די צביעותדיק־פאַרפירערישע אויפשריפט: „אַרבייט מאַכט פריי!״. ס׳איז אַזוי שווער אויפן הארצן פון דעם אַלעמען וואָס דו האָסט דאָ געהערט, געזען און איבערגעלעבט בעת דיין לענגערן באַזוך.

מיר וואַרפן אונדזערע לעצטע בליקן אויף אָשוויענ־טשים, און פון אונזערע ליפּן רייסט זיך אַרויס אַ קללה — ווילסטע קללה אויף די קעפּ פון אַלע נאַצישע מערדער און תליינים, וועלכע האָבן אומברחמנותדיק צעשטערט אונ־דזערע ליבע היימען און אויף אַן אכזריותיקן אופן אומ־געבראַכט און פאַרשניטן אַלע אונדזערע נאָנטע און טייערע. די אַלע וועלכע האָבן ברוטאַל געשענדעט דעם נאָמען מענטש און גרויזאַם פאַרניכטעט מער ווי א דריטל פון אונדזער פאָלק.

מאגאזינען פול מיט שוך פון דערמארדעטע יידישע קינדער אין אוישוויץ

מחסנים מלאים נעליים של ילדים יהודים, שהושמדו במחנה אושוויץ

ישראל גאַרפינקעל

קברים

און דער טוי אויף די גראָזן
ווי מיט טרערן באַדעקט,
און די בלעטעלעך אויף די צווייגעלעך
ווי מיט בלוט באַפלעקט.
און די ערד, די זאַמדן
אַ דורכגעזאַפּט מיט ווייטיק,
פון קערפּער האַלב לעבעדיק — האַלב טויט,
צונויפגעלייגט אין איין שטיק.

האָט אַ האַנט פון דער ערד זיך געריסן
געוואָלט זיך אַן עפּענונג מאַכן
האָט אַן אויג אין דער ערד זיך עפּענען געפּרוווט
און מיט ערד פול, מער נישט געקאָנט פאַרמאַכן.

האָט אַ מויל זיך עפּענען געפּרוווט
און דערשטיקט איז עס געוואָרן אין מיטן געשריי
און דאָס לעצטע וואָס האָט נאָך אַרויסגעזיפּצט
איז געווען: „מאַא...” „קינד...” אָדער „שמע...”

צוביסענע פון הינט,
דערשאָסענע פון מערדער דייטשן.
געגלעט האָט זיי בלויז דער ווינט,
אויף די גאַסן, הינטער פלויטן.
און די שטיינער וואָס זענען מיט בלוטברינען,
זאָלן קיינמאָל נישט ווערן אַנטרינען.
און דאָס איינגעזאַפּטע בלוט אין זייערע קאַרבן,
זאָל עדות זאָגן פון מענטשן־ראַנגלעניש ביים שטאַרבן.

אַ איר פאַרפייניקטע קדושים
געפּירטע מענטשן ווי רינדער
איך געפין זיך אַלץ אין די שלושים
און מיין ווייטיק ווערט גאָרנישט לינדער.

קברים!
פול זענען די קברים,
מיט יידן דאָרט ליגן.
און די וועלט האָט געשוויגן,
און די וועלט האָט געשוויגן!
ווו זענען וויגטן פולע,
ווו זענען שטורמען געווען?
צי האָט נישט געהאָלפן קיינעמס תפילה,
צי האָט גאָרנישט געשען?
צי האָט נישט געקאָנט קומען אַ מבול,
האָבן נישט געקאָנט אויסגיסן טייכן?
אָפּצווישענקן דאָס שלעכטס,
אז נישט בלייבן דערפון זאָל קיין צייכן?!

קיינער, קיינער איז מיט קיין הילף נישט געקומען
אין יענע פינסטערע טעג,
איירָאָפּע איז געווען אין איר גערָאַנגל פאַרנומען
און די אַנדערע זייט ים ווו איז געווען?
איך פרעג?!

איז צו זיי נישט דערגאַנגען דער היי הורך די ווינטן?
זענען די וויַעַן צו זיי נישט דערשווימען מיט די כוואַלעס פון ים?
פון אַ פאָלק וואָס ווערט אָן רחמנות פאַרשניטן,
וואָס ווערט אונטערגעריסן מיט זיין שטאַם?!

די שטנ׳ס זענען צו זיי דערטרעטן
און די אַשן זענען צו זיי דערפלויגן.
רחמים! — האָבן שטימען געבעטן —
נאָר זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן.
פאַרקאָוועט די פענסטער,
געקוקט בלויז דורך שפּאַרעס.
די מערבדיקע רעטער
אָן ווייטיק אין האַרץ.

אַ וועלט, פעלקער, האַרה,
האָט איר יידן, מען קאָן זיי שאַרן
אַנשיטן פולע זעק...
נאָר די ווינטן די אַשן טראָגן אַוועק
ווי די וועלט האָט נאָר אַן עק.

זיי קומען אָן פון ווייט, פון ווייט
און מאָנען ביי אייך גערעכטיקייט
פאַר די לײדן, פאַר די ווייען
פאַר די שוידערלעכע מערדערייען
פאַר די פאַרברעכער, פאַר די שענדער
וואָס לעבן פריי אין אײערע לענדער
פאַר דעם פאַרשווערטן גייסט
אין פאַרפייניקטן גוף.
פאַרוואָס קריגן זיי נישט
זייער פאַרדינטע שטראָף.

פאַרגליווערט זענען מיינע טרערן
אין ס׳קומט נישט קיין געוויין,
אייער וויי־געשריי טו איך הערן,
נאָר ווי אַ פעלז בלייב איך שטיין.
און איך שווער ביי אייערע אַשן,
וואָס קאָנען נישט רוען,
אַז געשטאַרקט איז מיין גלויבן
אין אונדזער המשך און קיום!

קברים:
מאַסן־קברים איבער איראָפּע צעשפּרייטע.
אַשן איבער פעלדער צעזייטע.
זיי מאָנען ביי אונדז — ביי די וואָס זיי לעבן.
איר זאָלט נישט פאַרגעסן, און איר זאָלט נישט פאַרגעבן!



וואָלף פיינשטאָק

אָסטראָווצער פּאַרטיזאַנער

איך בין געבוירן אין לובלין דעם 15־טן נאָוועמבער, 1919. איך בין געווען ביי די פאַרטיזאַנער פון 26־טן יולי 1944 ביז 17־טן יאַנואַר 1945. פאַרן איבערגיין צו די פאַרטיזאַנער בין איך געווען אין אָסטראָווצער לאַגער.

אין פעברואַר 1943 האָבן די יינגלעך אין געטאָ אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויפן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פאָליציי און האָבן באַ אים צוגענומען 40 גאָלד שטיקלעך. פאַר דעם געלט (אַרום 36 טויזנט זלאָטעס) האָבן מיר געקויפט 12 רעוואָלווערן. מיר האָבן געשיקט 17 פון אונדזערע בחורים קיין קאָנין אין די וועלדער. נאָר ליידער זענען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ” און ווען זיי זענען געווען מיט נאָך פאַרטיזאַנער אין אַ בונקער, האָבן די א. ק. אַהין אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט און אַלע זענען אומגעקומען. צוליבן דאָזיקן טראַגישן פאַל איז אונדזער אַקציע אין געטאָ אויפגעהאַלטן געוואָרן ביז מאַי 1944.

מיר זענען אין אָנהויב געווען 47 חברים און מיר זענען געבליבן בלויז 30. די אָנפירערס פון אונדזער גרופע זענען געווען די צוויי ברידער שטיין. זיי זענען אומגעקומען דורך די דייטשן ביי גאַנץ ספעציעלע אומשטענדן. זיי האָבן זיך געהאַט געטראָפן מיטן פירער פון דער אַרבעטער פאַרטיי אין אָסטראָווצע ריבאָווסקי (באַקאַנט אונטערן פסעוודאָנים: וואָיאַ), און אַרומגערעדט וועגן אַ פלאַן ווי צו אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון לאַגער. האָט דאָס אונטערגעהערט אַ געוויסער בלומענשטאָק און עס דערציילט די דייטשן. זיי זענען גלייך אַרעסטירט געוואָרן. אין משך פון צוויי טעג האָט מען זיי שרעקלעך געפייניקט און צום סוף האָט מען זיי דערשאָסן אויפן אָפענעם פלאַץ אין לאַגער און אַלע יידן האָבן געמוזט זיין אָנוועזנד.

נאָך זיי האָט איבערגענומען די קאָמאַנדאָ פון דער פאַרטיזאַנער גרופע דוד קעמפינסקי פון קאָנין. אונטער זיין אָנפירערשאַפט האָבן מיר איבערגעריסן די דראָטן פון לאַגער אין זומער 1944 און אַוועק אין די וועלדער. מיר האָבן דאַן געהאַט 14 רעוואָלווערן און צוויי קליינע ביקסן און אויך 3 גראַנאַטן. די יידישע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע פון וואַרשע, אונטער דער אָנפירונג פון אַנטעק צוקערמאַן, האָט אונדז געשיקט געלט אויף צו קויפן געווער און שפייז. דאָס געלט (25 טויזנט זלאָטעס) און אויך איניקע גראַנאַטן האָט אונדז געבראַכט די פאַרטיזאַנקע, פראַניאַ בעאַטאָס, וועלכע האָט געהאַט אַרישע פאַפירן. זי האָט זיך אַריינגעקריגן אין געטאָ מיט אַ גרופע יידן פון לאַגער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָט און איז אויפן זעלבן שטייגער אַרויס פון געטאָ אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אונז. ווען זי איז צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, האָבן איר איניקע דייטשן פאַרדעכטיקט, אַז זי איז אַ יידישקע, מען האָט איר אַרעסטירט און שפּעטער דערשאָסן. ערע איר ליכטיקן אָנדענקען!

דאָס געווער האָבן מיר געהאַט באַהאַלטן אין די שעניקעס, אויף וועלכע מיר זענען געשלאָפן. ווען מיר זענען אַריין אין וואַלד ביי קרזשעמיאַנעק, נעבן אָסטראָווצע, האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט אַ גרופע פון 9 רוסן, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן פון אַ דייטשן געפאַנגען־לאַגער. זיי זענען געווען גוט באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטן. מיט די רוסן האָט אונדז פאַרבונדן אַ פּאָליאַק פון דער פוילישער אַרבעטער פאַרטיי (נאָכן קריג איז ער געוואָרן דער פּאָליציי קאָמענדאַנט פון באָדזעכאָוו). מיר האָבן זיך אויסגעבויט אונטערערדישע בונקערס. מיר זענען געווען צוזאַמען איניקע און דרייסיק מאַן און צווישן אונדז אויך איניקע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער קיך און וועשעריי.

מיר זענען אַרויס פון אָסטראָווצער לאַגער, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז די דייטשן גייען ליקווידירן דעם לאַגער; מיר האָבן אויך געוואָלט דערמיט ראַטעווען אונדזערע משפחות און בכלל יידן פון געטאָ. ליידער האָבן מיר דאָס ניט באַוויזן צו טאָן, ווייל די דייטשן, ימח שמם, האָבן שנעל אַרויסגעפירט אַלע אונדזערע טייערסטע קיין אוישוויץ, ווייל דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער געגנט.

מיר פלעגן קויפן פון פאַרשידענע פויערים שפּייז־פראָדוקטן און געצאָלט דעם פרייז פון פאַרן קריג. ביינאַכט זענען מיר געגאַנגען באַוואָפנט אין די דערפער און טיילמאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן דייטשן ביי די פויערים און מיר האָבן געמוזט קעמפן מיט זיי. איינמאָל בעת אַזאַ צוזאַמענטרעף זענען געפאַלן פיר פון אונדזערע חברים און צוויי זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. מיר האָבן דאַן דערהאַרגעט 4 דייטשן. מיר האָבן צוגענומען זייערע מונדירן און געווער; אונדזער גרופע האָט איינמאָל אָנגעטראָפן אויף אַן אויטאָ,

אין וועלכן עטלעכע דייטשן האָבן געפירט פּאַפּיראָסן און קאָנסערוון. מיר האָבן אַטאַקירט דעם אויטאָ, צוגענומען די לאָדונג און דעם אויטאָ פאַרברענט; סוף יוני 1944 האָבן אונדזערע חברים אויפגעריסן אַ טראַנספּאָרט מיט אַמוניציע, וואָס איז געגאַנגען צום פראָנט. פון ווייטן האָבן מיר מיט פרייד צוגעזען ווי דער טראַנספּאָרט ברענט; אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר האָבן מיר אויפגעריסן אַ הויז אין דאָרף סודאַגאָראַ. דאָרטן האָט געוווינט אַ דייטשער הויפּטמאַן, אַ גרויסער באַנדיט. דאָס גאַנצע הויז איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן הויפּטמאַן דעם רשע.

אָנהויב נאָוועמבער פון זעלבן יאָר האָבן די דייטשן פאַרלייגט אַ לויערונג אויף אונדז. אַ גוי האָט אונדז וואַרשיינלעך פאַרראַטן און אָנגעוויזן אויף אונדזער בונקער. די דייטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט און שטאַרק באַשאָסן. מיר האָבן געענטפערט מיט פייער. בעת דער שיסעריי זענען געפאַלן 8 חברים, צווישן זיי די צוויי מיידלעך און איין רוס. די אַטאַקירער זענען געווען אַרום 60 פערזאָן און מיר האָבן זיך געמוזט צוריקציען. מיר זענען אַוועק אין דאָרף טשאַרנאָ גלינאָ, נעבן אָסטראָוועצע. מיר האָבן דאָרטן געבויט נייע בונקערס, נאָר אונדזער לאַגע איז געווען זייער אַ שלעכטע, ווייל פון אַלע זייטן האָט מען אונדז פאַרפאָלגט, אַי די דייטשן, אַי די פוילישע „אַרמיא קראַיאָוואַ", און צו די פויערעם האָבן מיר געמוזט קומען פאָדערן עסן און געלט אויף צו קענען עקזיסטירן.



אַרום פעברואַר 1945 האָט אונדז אַרומגערינגלט אַן אָפּטיילונג פון אונגאַרישע זעלנער, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די דייטשן, און פון זייער מערדעריש פייער זענען פיל פון אונדז געפאַלן. מיר זענען געבליבן בלויז זעקס. נאָך דער דאָזיקער באַשיסונג, זענען מיר אַוועק אין וואַלד לעבן רודאָ קאָשטשעלניא, ביי אָסטראָוועצע, דאָרט האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן דריי וואָכן ביז די רוסן זענען אַריין און אונדז באַפרייט. מיר זענען געווען אַ טייל פון פּאַרטיזאַנער פאָלקס־פראָנט און אונדזער פאַרבינדלער, סטערניק, פלעגט אונדז ברענגען די נייעסן פון הויפּט־שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע ער פלעגט אויפכאַפּן דורכן ראַדיאָ.

מיר ברענגען דאָ א רשימה פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אויף פאַרשידענע אופנים אומגעקומען אין קאַמף, באַ פאַרשיידענע אומשטענדן. ערע זייער אָנדענק!

1. וואַלמאַן מאָטל 20 יאָר אַלט
2. ווייַנבערג שפרה 20 " "
3. פליישמאַן מאיר 32 " "
4. פליישמאַן ישראל 24 " "
5. פּאַכלער טעבי 31 " "
6. פּאַכלער יעקב 22 " "
7. וואַסערמאַן מענדל 21 " "
8. פּאַכלער שמואל 29 " "
9. רובינשטיין אשר 18 " "
10. ווייַנבערג יוסף 22 " "
11. סלאָדקע ישראל 22 " "
12. קעמפּינסקי פייוול 21 " "
13. זיגלבוים אייזיק 23 " "
14. שמולעוויטש שלמה 34 " "
15. אַלויס שמואל 32 " "
16. זינגער יהודה 22 " "
17. אַקערמאַן הערש 30 " "
18. ניסקער דוד 23 " "
19. אַקערמאַן געצל 26 " "
20. זיגלבוים משה 21 " "
21. גאָלדמאַן הירש־מאיר
22. גאָלדמאַן בערעק

די לעבן געבליבענע פון דער גאַנצער גרופּע פּאַר־טיזאַנער זענען: 1. וויזער (אָדער ווייטער) משה; 2. שערמאַן בערל; 3. שערמאַן וואָלף; 4. קעמפּינסקי שמעון; 5. אייזמאַן מאָטל; 6. פיינשטאָק וואָלף.

פון פויליש: יהודה ראָזענבערג.

קבוצת פארטיזאנים מאוסטרובצה

בעיירה אוסטרובצה במחוז קאֶלצה הוחזקו מספר יהודים במחנה־עבודה. בפברואר 1943 התחילו היהודים להתארגן כדי לברוח מהמחנה ולהקים קבוצות פארטיזניות. מספר בחורים התנפלו על ראש־המחנה היהודי ולקחו ממנו מטבעות־הזהב שהיו ברשותו, ותמורתן קיבלו 36 אלף זהובים. בכסף זה קנו שנים־עשר אקדחים. שבעה־עשר בחורים עזבו הראשונים את המחנה. ביערות קונוב חצבו בונקר בתוך סלע. לאסונם של הבחורים התקשרו עם א.ק. (ארמיה קראיובה). תחילה היו היחסים תקינים. הבחורים קיבלו הכשרה צבאית והוכן טקס השבעתם החגיגית של הפארטיזנים היהודים. בעת הטקס הקיפו אנשי הא. ק. את היהודים ובמכונת־יריה קצרו אותם למוות. המעשה הזה הרתיע את שאר שלושים החברים במחנה לצאת היערה. רק בחודש מאי 1944 התארגנה במחנה הקבוצה השניה. בראש הקבוצה עמדו שני האחים שטיין. הם פתחו במשא־ומתן עם הפולני ריבובסקי הנודע בכינויו „וויי" („דוד") בדבר הוצאת יהודים רבים ככל האפשר מהמחנה. דבר המשא־ומתן נודע ליהודי בלומנשטוק, שהיה משתף פעולה עם הנאצים והוא הודיע על כך לגרמנים. הגרמנים אסרו את האחים שטיין והוציאום להורג בכיכר־המחנה.

אחרי מות האחים שטיין נטל את הפיקוד על הקבוצה דויד קמפינסקי מקונין. הקבוצה קיבלה עזרה כספית מהארגון היהודי הלוחם בוארשה. את הכסף היתה מביאה למחנה הקשרית מ„דרור", פראניה באטוס — בחורה יהודיה מקונין. היא הביאה 25 אלף זהובים, רימון וכן תעודות אריות. היא היתה מחביאה את כל זה על גופה והיתה חומקת־גולשת עם פלוגת־העבודה למחנה וממנו. רק בת שבע־עשרה היתה ואחת הקשריות הנועזות ביותר. סבורים, כי באחת השליחויות היא שלחה יד בנפשה אחרי שהצליחה להציל יהודים רבים. (לפי סברה אחרת נאסרה ברכבת כשזוהתה ע"י הגרמנים כיהודיה).

ב־25 ביולי חתכו צעירים יהודים את חוטי־התיל המקיפים את המחנה. עשרים ותשעה מהם, מזויינים ב־14 אקדחים, שני רובים קצרים ושלושה רימונים, הבקיעו להם דרך היערה. הקבוצה הגיעה ליער קז'ימיונק ושם הצטרפה לקבוצת רוסים, פליטי השבי, שמנתה תשעה אנשים. הרוסים היו מזויינים היטב. הקבוצה הצטרפה כולה לג.ל. קשר אותה העסקן הפולני השמאלי מאוסטרובצה, מטרניק (עדות וולף ויינשטוק).

אנשי הקבוצה לא ויתרו על חלומם הנועז לחזור למחנה אוסטרובצה כדי להציל את משפחותיהם. אך הם איחרו את המועד. ב־2 באוגוסט הועברו כל אסירי המחנה לאושוויץ.

בתקופה הראשונה היו חברי הקבוצה משלמים בעד המזון שקנו אצל האיכרים. אך עד מהרה נוכחו, כי הכסף לא יבטיח קיומם ונטלו מזונם בכוח. בקרבות הראשונים על הקיום נפלו שני גרמנים, ארבעה פרטיזאנים ושנים נפצעו. באחד הימים תפשו משאית גרמנית שהובילה סיגריות ושימורים. הם הרגו את המלווים הגרמנים, לקחו את הסחורה ואת המכונית העלו באש. ב־4 באוקטובר פוצצו בכפר סאדוגורה את הבית, בו נמצא האופטמאן גרמני, ואת הקצין הגרמני הרגו במקום. באחד המיבצעים הורידו מהפסים רכבת גרמנית שהובילה לחזית תחמושת וחומרי־נפץ.

יחידות ג.ל. ערכו התקפה על ס.ס. באוסטרובצה יערכו מסעות עד לקאֶלצה. היחידה היהודית־רוסית עם דוד קמפינסקי בראש השתתפה בכל המבצעים האלה.

בנובמבר הכינו הגרמנים מארב, בעזרת יערן פולני, אשר ידע את מקום־חנייתם ודרכי־מסעם של הפרטיזנים, נכנסו הגרמנים ליער. הם הגיעו עד לבונקר ופתחו באש. הלוחמים היהודים שהיו מופתעים התארגנו ככל שיכלו. שמונה מהם נפלו בקרב זה. הנותרים נאלצו לסגת לצ'ארנה גלינה ושם הקימו מחנה חדש בתנאים קשים פי־כמה, כשיחידות א.ק. מתקיפות אותם מהעורף. בסוף דצמבר התנגשה היחידה עם יחידות הצבא ההונגרי. היתה זאת התנגשות־דמים אכזרית. רק ששה פרטיזנים יצאו ממנה חיים, ביניהם רוסי אחד. חיים קשים ועלובים, כשהם נרדפים על צוואר על ידי א.ק. מזה והגרמנים מזה — היו מנת־חלקם של הנותרים, שהסתתרו בבונקרים ליד רודה־קושצ'ילנה. שם חיכו לבוא הצבא האדום.

(מתוך „ספר הפרטיזנים היהודים" כרך ב').

שלמה צווייגמאן ז״ל

מעשי הרצח של הפארטיזאנים הפולנים

מתוך עדותו לפני השלטונות הפולנים

שבועות אחדים אחרי גירוש יהודי אוסטרובצה, בנובמבר 1942, התקיימה התיעצות חשאית של מספר צעירים יהודים, שחיפשו דרך למחתרת הפולנית במטרה להצטרף אליה. כעבור שבועיים הצליח אחד מחברי הקבוצה, נח צוקרמן, להתקשר עם אחד מחברי המחתרת הפולנית, שעבד במחלקת התעבורה של „זאַקלאַדי אוסטרוביייצקה״ כנהג הקטר מס׳ 7. נובק הבטיח לצוקרמן למסור למפקדת המחתרת על רצונה של קבוצת צעירים יהודים להצטרף אליה. אחרי ימים אחדים נתקבל מכתב דרך נובק, בחתימת מטה המחתרת הפולנית באוסטרובצה, בו נקבעה פגישה בין נציגי המחתרת ונציגי הקבוצה היהודית, שבה עמדו לדון על התנאים להצטרף לפרטיזנים הפולנים.

סחיטת כספים מצד הפרטיזנים

ב־30 בנובמבר העביר אותנו השוטר היהודי, חנינה שרמאן, אשר שיתף פעולה אתנו, למקום המיועד לפגישה. נציגי המחתרת היו הסגן טופור והסמל יוזף, שניהם בלתי ידועים לנו לפני כן. מצד היהודים השתתפו בפגישה יצחק קניג, יוסף פרידלנד, נוח צוקרמן ואנוכי. נציגי הפרטיזנים היתנו את הצטרפותנו לשורותיהם בתשלום סכום של 10,000 זהוב לכל איש שיצטרף אליהם, ואת הסכום הזה הם רואים כמתנה של הישוב היהודי — אשר מנה אז לא יותר מ־1500 איש — למחתרת הפולנית. הודענו מיד, שאין באפשרותנו לשלם סכום עצום כזה ואז יעצו לנו לאסוף כל סכום כסף שיש בידינו ולמסור להם בפגישה הבאה, שנקבעה ל־8 בדצמבר.

לפגישה הבאה הלכו השוטר חנינה שרמאַן, צוקרמן ובאַלטר. מצד הפולנים באו לפגישה הסגן הנ״ל וליאון נובאק. הסגן הודיע, שלמען להקל עלינו את ההצטרפות למחתרת לא יעמוד עוד על הסכום של 10,000 זהוב דווקא, אלא ידרוש מאתנו את הסכום המכסימאלי שיש באפשרותנו לאסוף. את הכסף אפשר למסור לליאון נובאַק בשיעורים אחדים. ב־9 בדצמבר נפגשנו עם נובאק במקום מסויים בגיטו וליד שולחן ערוך עם משקאות חריפים וכיבוד אחר מסרנו לו את התשלום הראשון בסך 12.000 זהוב.

היציאה מן הגיטו

התשלום השני בסך 9,000 זהוב מסרנו לנובאק ב־15 בדצמבר. ב־12 בדצמבר קיבלנו מכתב ממטה המחתרת, ובו הוראה להרכיב מחברינו שלוש קבוצות של 6 איש כ״א, כדי להכין את היציאה מן הגיטו וההצטרפות למחתרת. אחרי ימים אחדים עזבה הקבוצה הראשונה את הגיטו בסיועו של השוטר חנינה שרמאן.

אחרי ימים אחדים נתקבל באמצעות נובאַק מכתב מן הקבוצה הראשונה, שהיה כתוב בסימני הצופן המוסכמים. במכתב ביקשו החברים למסור לנציגי המחתרת בדים לשלוש חליפות גברים, שני מעילים ועור למספר זוגות נעליים. כל החומרים האלה נמסרו אישית על ידי השוטר שרמאן ואחיו (שנהרג אחר כך) לנציגי המחתרת זיגמונט ופראנק בקרן הרחובות באלטוב ופולנה.

בשבת, 2 בינואר 1943, קיבלנו מכתב ממטה המחתרת המודיע לנו שהקבוצה השניה, בעלת 6 החברים, צריכה להיות מוכנה ליציאה באופן דומה כמו הקבוצה הראשונה. הקבוצה עזבה את הגיטו בזמן שנקבע וכעבור 15 דקות שמענו יריות ומיד אחרי כן חזר חלק מן הקבוצה לגיטו. התברר, שבן שוטר פולני הכיר את היהודים והחל לצעוק „יהודים״. הנער נורה בידי אנשי הקשר ובמצב שנוצר אי אפשר היה להגיע למקום בו חיכתה העגלה שהיתה צריכה להעביר את החברים. אחרי שעה נודע לנו מאוקראינים, שאלמונים התנפלו על הצרכניה שליד בית החרושת ושדדו 300,000 זהוב. העובדה, שהארגון הודיע לנו על כך מראש הגבירה את האימון שלנו בו והפיח בנו תקווה רבה לגבי העתיד שלנו כחברי המחתרת. למחרת היום יצאה מן הגיטו הקבוצה שלא הצליחה לצאת אמש.

זמן קצר אחר כך קיבלנו מכתב, בו אנו נדרשים להעביר לארגון סכום כסף ובדים למספר חליפות נשים. נובק קיבל מאתנו ב־4 בינואר 7,000 זהוב ובדים לשתי חליפות; לפי הדרישה היו הבדים חייבים להיות מטיב מעולה ומייצור שלפני המלחמה.

למחרת, 5 בינואר, עזבתי את הגיטו יחד עם הקבוצה האחרונה. בו בערב, אחרי שהגענו למחבוא בחורשה של עצי תות הופיעו אצלנו זיגמונט ופראנק ודרשו לשלם

להם 2000 זהוב לאיש. הבטחנו לשלוח למחרת שליח לגיטו כדי להשיג את הכסף.

כעבור ימים אחדים הופיעו בחורשה זיגמונט, פראנק ואורח חדש, שהציג עצמו כקפיטאן, שנשלח מן הממשלה הפולנית הגולה בלונדון, כדי לבקר במקומות הריכוז של קבוצות המחתרת, שמספרם מגיע ל־110. לפי דבריו, היינו הקבוצה מספר 40 ברשימת ביקוריו. כשנודע לו שהמטה דורש מאתנו מפעם לפעם סכומי כסף גדולים התרגש מאוד והבטיח לשוחח עם הסגן על כך.

נציגי המחתרת ביקרו אצלנו שלוש פעמים בשבוע וסיפקו לנו מזון, שתמורתו דרשו מאתנו מחירים מופרזים. לא רצינו לנגוע בבעיית המחירים, כי עיקר הדאגה שלנו היתה, איך להצטרף ליחידות הלוחמות של המחתרת הפו־עלות באזור הרי שוויינטוקזשיסקה. במשך הזמן צויידנו בשני אקדחים, במספר רימונים וברובה אחד.

במקרה היכרנו איכר, יוזף שווייצר, מכפר בוקובה הסמוך שגילה לנו סוד, שאחיו, פליקס, שייך לאותו ארגון. האיכר מכר לנו רובה תמורת 300 זהוב ומזמן לזמן סיפק לנו גם מזון.

ב־16 בינואר הופיעו זיגמונט ופראנק, אך הפעם לא נכנסו לחורשה אלא נעצרו לידה, ובשדה, במרחק־מה מהם, עמד איש בלתי ידוע לנו. שני הראשונים היו שתויים וטענו שאחד החברים שלנו, מאלניצקי היה בכפר וחקר את אחד האיכרים כדי להיוודע את השמות האמיתיים של חברי המחתרת. ידענו שזו עלילה, כי במשך כל הזמן לא ביקר מאלניצקי בכפר. נקראתי לאיש שעמד בשדה, והלה לקח ממני חמשים זהוב והחרים את הרובה שלי בטענה, שהוא נגנב ממחסן הנשק של הארגון.

הפרטיזנים שודדים את רכושנו

ב־19 בינואר ב־11 בערב נמצאו במחבוא 8 חברים. אחדים הלכו לגיטו להביא קארביד בשביל המנורות וחלקים של מכונות ירייה, שהוצאו על ידי חברינו מחדר המשמר הגרמני, ושלושה אחרים הלכו לכפר להביא מזון. פתאום שמענו צעדים מעל למחבוא. מיד אחר כך שמענו יריות בכניסה למחבוא ופקודות ברוסית: „לצאת! לצאת!" היינו נבוכים ונשארנו במקומותינו. האלמונים מילאו את פתח הכניסה בקש והשליכו עליו פצצות תבערה. העשן הסמיך התחיל לחנוק אותנו ונאלצנו לצאת מן המחבוא. בגלל הפתח הצר לא יכלנו להתנגד בכוח למתקיפים. אני יצאתי ראשון. כשרק הייתי בחוץ צעק איש שעמד משמאל לפתח „הידים למעלה! תן את הכסף, החפצים והזהב!" הוא ערך אצלי חיפוש ולקח ממני שעון, טבעת זהב וקצת כסף שהיה בכיסי. מסביבי עמדו כ־25־30 איש אשר שמרו עלי ועל פתח היציאה מן המחבוא. אחרי שכל שמונת החברים יצאו מן המחבוא שדדו מאתנו את כל רכושנו ודרשו למסור להם את מקום הימצאם של יתר החברים. הם נכנסו למחבוא והוציאו משם את הנשק ואת הבגדים שמצאו בו. אחר מעשה השוד חיכו לבואם של שלושת החברים שעמדו לחזור עם המזון מן הכפר, גם אלה נשדדו כמונו, יתוך כדי כך הצטדקו בכך, שהם פרטיזנים רוסיים החייבים לדאוג בעצמם למזון ולנשק. לשמע דברים מתחסדים אלה ענתה החברה היחידה שהיתה בינינו, דורקה ביננטל, אשר נפצעה בידה בשעת החיפוש: „אתם, חברים שלנו, יריתם בי ופצעתם אותי! הכך עושים חברים?" הפרטיזנים פרצו בצחוק ואחד השיב: „אין זה בטוח כלל, שאת פצועה: הדם הניגר ממך הוא בוודאי דם נידה..."

יש לציין שמכל הקבוצה שהתנפלה עלינו רק אחד דיבר רוסית, ואילו היתר דיברו פולנית. מאוחר בלילה עזבה קבוצת הבריונים את המקום ואנחנו נשארנו במקום מדוכאים ומיואשים מן המקרה הזה.

למחרת בבוקר עזב חלק מאתנו, ואני בתוכם, את המחבוא והלכנו לגיטו. מסרנו לצוקרמן על השוד והמכות וכתבתי מכתב למטה הארגון ובו מסרתי תיאור נאמן מצורת הסמל, שפקד על השוד. כעבור 3—4 ימים קיבלנו תשובה שמתנהלת חקירה בענין. נובאק שהביא את המכתב דרש מאתנו 500 זהוב וביקש שנשמור בסוד את דבר הכסף. איש הקשר השני, פראנק, תבע זוג מגפיים, וגם דרישה זו מילאנו.

טקס ההשבעה

ב־3 בפברואר קיבלנו מן המטה להיות מוכנים מחר במחבוא לטקס ההשבעה וליציאה משם. בשעת ההשבעה, שהתקיימה בשעה היעודה, ראיתי היטב את הסגן, אשר לא הרכיב אז משקפיים כהים כמו בפגישות הקודמות. ראיתי שזהו מלינרסקי, סגן־משנה בצבא הפולני, מי שהיה פקיד בפ. ק. או. באוסטרובצה, שחקן בקבוצת כדורגל של מועדון הספורט של המשטרה ובוגר סמינר המורים בעיר. כן היו נוכחים ליאון נובאק ועוד שלושה אנשים, ששמותיהם לא היו ידועים לי. מלינרסקי קרא את נוסח השבועה ואנו חזרנו בחגיגיות על הטקסט. חילקו לנו יי"ש ופרוסות לחם. פתאום הופיע זיגמונד עם ידיעה, ששוטרים גרמנים הגיעו לכפר וישניוב. לשמע ידיעה זו דחה מלינרסקי את היציאה ל־48 שעות. אחר כך נדחתה היציאה עוד פעם ולבסוף נקבעה היציאה ל־9 בפברואר תוך הבטחה שהיא לא תידחה עוד. השמחה שלנו היתה ללא גבול.

בשעה הקבועה נמצאו במקום 14 חברים בלבד. למקום הגיעו ליאון נובאק, זיגמונט ושני אנשי הקשר שהצטרפו תמיד לפגישותינו עם נובאק. בגלל הצפיפות

הרבה ששרה במחבוא, שהיה מורכב משני תאים תת־קרקעיים קטנים, סידרנו לנו מחבוא שני לא הרחק מן המקום. לפני היציאה שאלתי את הסרן אם כדאי לקחת אתנו גם את החפצים הנמצאים במחבוא השני? הלה נתן פקודה לנובק ללכת לשם כדי לראות איזה חפצים כדאי לקחת ואיזה יש להשאיר. לנובק הצטרף גם זיגמונט. כל הדרך החזיקו את הרובים מוכנים לפעולה. כשהגענו למקום שאלו אותנו אם יש יציאה שניה מן המחבוא.

הרצח המתועב

אחרי שחזרנו למחבואנו הקודם הסתדרנו בשני התאים ואכלנו ארוחת ערב. בתא הראשון נמצאו חמישה חברים שלנו וחמישה פרטיזנים, ויתר חברי הקבוצה נמצא בתא השני. פתאום שמענו יריות ואחד הפרטיזנים קרא „או, קבר אחים!" הבטתי בכיוון התא הראשון. היה שם שקט גמור ושרר חושך מוחלט, כי מן היריות נופצו מנורות הקרביד. במעבר בין שני התאים ראיתי את נובק ואחד הפרטיזנים מכוונים את אקדחיהם אלינו. על השאלה שלי „מדוע מגיע לירות בנו?" — ענה: „הס! הס!" הוא ירה וכדור עבר דרך המעיל ושרט את החזה שלי. נפלתי והע־מדתי פנים של הרוג. במסדרון עמד אחד החברים שלנו, טולק נאשלסקי. אחד הרוצחים נתן פקודה: „להרוג את את כולם!" מיד אחר כך קיבלתי כדור בסנטר, שנתקע כשני ס"מ מתחת למצח.

אחר כך כרעו נובק וזיגמונט לא הרחק ממני והחלו לירות בנאשלסקי, כשאחד מייעץ לחברו: „תן לו בין הרגליים..." לא היו להם תנאים טובים לבצע את זממם הרצחני, כי המסדרון היה ארוך ומפותל במקצת. בנסיון זה לרצוח את נאשלסקי השתמשו בעשרים כדורי אקדח.

נראה, שלא עלה על דעתם שאני עודני חי, מפני שמהחזה והסנטר שלי קלח דם רב. שני הרוצחים החלו לעזוב את המחבוא. אך ברגע זה התעוררו פצועים אחדים ופתחו בצעקות „אור! אור!". הרוצחים חזרו על עקביהם וירו שני כדורים בכל אחד מן הצועקים בהוסיפם: „הרי לך, בן־זונה, אור!.." אחרי שביצעו רצח מתועב זה עזבו את המחבוא. כעבור דקות אחדות חזרו לשם, כנראה כדי לטשטש את עקבות הפשע. אך לא הצליחו בכך ועזבו תיכף את המקום.

אנו מזהירים מפני המלכודת

אחרי חצי שעה זחל נאשלסקי, שהיה פצוע קל, מן המס־דרון בקראו את שמות החברים, שהראו קודם סימני חיים, אך איש לא ענה. גם אני שתקתי משום שפחדתי שהרוצ־חים עלולים לחזור עוד פעם למחבוא. ראיתי את הישארותי בחיים כנס שנעשה לי כדי שאוכל לחזור ולהזהיר את 18 החברים, שעמדו לעזוב את הגיטו כעבור ימים אחדים וליפול במלכודת שטמנו להם הפולנים הפטריוטים. ראיתי זאת כחובה קדושה שעלי למלא ללא שהיות.

הרצח בוצע ב־9 בפברואר 1943 אחרי 6 בערב. כל הלילה שכבתי בין החברים שנרצחו, לפנות בוקר יצאתי לגיטו. בגלל הפצע שהיה בראשי הגעתי לגיטו אחרי טל־טולים רבים ושם מצאתי כבר את נאשלסקי: מן הנערים שעבדו בבית החרושת נודע לפולנים אחדים על הטר־גדיה שלנו. נובק, שפחד מפני מעשה נקמה מצדנו, הסתתר ימים אחדים, שעה שצוקרמן חיפש אותו כדי לשאול אותו על סיבת הפשע. באחד הערבים הגיעו שני פולנים ושאלו על מקום מגוריו של נאשלסקי ושלי. לפי תיאור האנשים האלה התברר שאחד מהם היה נובק. אחרי שנובק חזר לעבודה שאל אותו צוקרמן לפשר הפשע והלה ענה: „היתה זו פקודה מטעם המפלגה".

אחרי שבועות אחדים נאסר צוקרמאן על ידי הגרמנים ונורה, איש לא ידע על מה הוצא להורג. נפוצה שמועה

שהוא עסק בזיוף פספורטים גרמנים, אך זה היה שקר, כי אני הייתי מן הרגע הראשון יחד אתו ויודע אני שהוא לא עסק בכך. יחד אתו נעצר והוצא להורג, הנער בלומאַן. אני משער שהעלילה עליהם באה מן הפרטיזנים, כי בזמן האחרון נפגש צוקרמן ויצחק בלום עם נציגי הפרטיזנים. ייתכן שהגרמנים החליפו את השם בלום בבלומאן, ולכן הוציאו להורג את הנער המיסכן ששמו היה דומה לזה של בלום.

אחרי חיסול הגיטו, ב־31 במרץ 1943, נשלחתי למחנה בליזין שליד סקאַרז׳יסק. שם נפגשתי עם אנשים שעבדו בבית חרושת גרמני לא רחוק מן המקום שם ביצעו הפר־טיזנים את הפשע המחריד. נערים אלה באו מקונוב וסיפרו שהמשטרה הפולנית ואנשי מכבי אש פשטו את בגדי ההרוגים, ואחר הרסו את המחבוא והנרצחים נקברו תחת הריסותיו.

מקום הפשע נמצא בין אודז׳יצוב־עלית ובין בוקוב, קרוב לכפר קונוב, המרוחק כ־9 קילומטר מצפון־מערב לאוסטרובצה, בדרך לראַדום.

את המקום המדויק יכול להראות גם יוזף שווייצר או אחיו פליקס, אשר ביקר אצלנו פעמים אחדות וניהל אתנו מו״מ על מכירת נשק. הוא קיבל דמי קדימה 500 זהוב מקניג, אך את הנשק לא סיפק. האח שלו, פליקס, ביקר אצלנו רק פעם אחת בלבד.

הרוצחים נהנים מחיי חופש אחרי המלחמה

בשנת 1945 ביקר חנינה שרמאן באוסטרובצה ורצה למסור את הענין לידי השלטונות, אך יו״ר הועד היהודי בימים ההם מנע ממנו לעשות זאת, משום שפחד, כפי שהתבטא, מפני מעשי נקמה על היהודים שחזרו למקום. בזמן ההוא נודע לשרמאן, שנובק עדיין גר בדירתו הישנה ברחוב טראוגוט 6 או 8. גם מולאַרסקי נמצא אז באוסטרוב־צה. שווייצר, שהיה כנראה שותף למעשיו, גר בכפר בוקוב ליד קונוב.

דורקה בּיננטאַל הפצועה הצליחה להגיע בסוף 1943 לוארשה, ולקחה חלק במרד הגיטו, ומאז נעלמו עקבותיה. טולק נאשלסקי עבר לצד הארי ושם נעלם בלי להשאיר עקבות. חנינה שרמן ברח לצד הארי בשעת מאסרו של צוקרמאן, ועתה הוא נמצא בישראל. הירש באַלטר הנזכר לעיל היה בדירתי שעה שמסרתי לנובק את הבדים לח־ליפות הגברות. ייתכן שעתה הוא נמצא בגרמניה ואני משתדל לאתר את כתובתו.

העדות הזו מתאימה לאמת ואני מוכן בכל רגע לאשר זאת בפני השלטונות, ומוכן גם להישבע על כך.

תורגם מפולנית על ידי ג. ז.

געיעג נאך פארטיזאנער

מצוד על פרטיזנים

מסיכומי הועדה ההיסטורית לגביית עדויות

דין־וחשבון ממחנה עבודה

בצריפי המחנה שורר אי־סדר. מקומות עבודה במחלקות השונים של בית החרושת הגדול מחוסלים והאנשים מועב־רים לעבודות הטענה ובנין. אני וקבוצתי הועברנו למחלקת הפריקה, המכונה וו. ה. ותפקידנו היה לפרוק מטעני עפרות ברזל, פחם, קוקס, מכונות וכו' וסידורם במקום.

ראש הקבוצה שלנו, המכונה „פוראַרבייטר", היה הרש מאיר רבינוביץ, ועליו הוטל להיות מבקר הקרונות — ולרשום את תנועת הקרנות הנכנסים והיוצאים במפעל. בית החרושת היה בשלב של התרחבות; בוצעה בנייה במ־מדים גדולים ובין היתר הקימו גם ביח"ר למלט. מגיעים טרנספורטים של יהודים מפיוטרקוב ומראדום.

הטרנספורט מפיוטרקוב צורף לוו. ה. ולרכבת, ואילו אנשי ראדום נשלחו לעבודות בניה ולבית החרושת למלט. ב־וו.ה. עבדו כ־300 פועלים. מנהל העבודה שלנו היה יצחק בלום.

מנהל הוו. ה. השתדל להשיג עבור בלום ורבינוביץ תפקיד של מבקרים בכל השטחים ודאג שיקבלו תעודות־מעבר מאת הקצין זבירז'ינה לצריפי המחנה וחזרה. באחת הישיבות של הנהלת המחנה פרץ ריב בין בלום ובין מנהלי המחנה שפיר וזייפמן. כתוצאה מריב זה רצה שפיר להראות עליונותו על בלום ולכן שכנע את מנהל וו.ה. לבטל את תעודות המעבר לבלום ורבינוביץ, באמתלה שהם קומוניס־טים והם עלולים לנצל את התעודות כדי לברוח. בלום הועבר כעבור זמן לאגף ה„מרטני" — שם בנתה פירמה „רידל". יחד עם פעולתו זו בחר שפיר את היהודים בעלי היכולת והעבירם לאגפים אחרים, כדי שגורזיאק לא יוכל לסחוט מהם כסף. רבינוביץ נתמנה למבקר ב־וו.ה.

הפלוגה היהודית חולקה ל־4—5 קבוצות קבועות, ובראש כל אחת „פוראַרבייטר" ומנהל קבוצה. מדי שבוע מתחלפות המשמרות. היו 7 „פוראַרבייטרים": רפליביץ, שטרקמן, זטמן, גראנטשטיין, דימנט, קורן וניינודל. לצידם היו 17 מנהלי קבוצות: מ. גולדפינגר, גראנטשטיין (הצעיר) גרבר, שמוקלרסקי, בלומנשטוק, בוטר, קרמר, ברגר, זינגר, רוזנטל, אנצר (אנקר), קנטור, גולדשטין (מפיוטרקוב) רוזנצויג, בלפר, אלטרמן ורוזנצויג (הצעיר). לפי הוראות ההנהלה היו מנהלי הקבוצות צריכים לעבוד ב־וו.ה. אך הם לא עבדו, והיו מופיעים בדו"ח כמוקצבים לעבודות שונות. כעבור זמן הועבר קורן לרכבת וניינודל — לתנור הגדול.

ב־וו.ה. התקיימו התיעצויות של ה„פוראַרבייטרים" ומנהלי הקבוצות במטרה להטבת תנאי החיים של הפועלים. כתוצאה מכך הצליחו להשיג תוספת מזון לעובדים עבודה מפרכת ונתקבלו מנות נוספות של לחם, שמן ומיצרכים אחרים. ה„פוראַרבייטרים" אספו תרומות לשם קניית מנות נוספות מן המטבח עבור פועליהם. אחדים מהם אפילו מסרו מספרים בלתי נכונים על מספרי פועליהם במשמרת. התארגנה פעולת עזרה לנזקקים. בעזרת מנהל ה־וו. ה. הצלחנו לארגן קבוצת סדרנים, שהורכבה ממבריאים אחרי מחלה, מקשישים ומתשושים. בגלל הפעילות המלחמתית המזורזת הורגשה אספקה גוברת של חומרים וכתוצאה מכך הורגש מחסור בידים עובדות.

גם בית־החרושת למלט התפתח והתרחב. הובאו לשם 400 יהודים ממחנה פלאשוב שע"י קרקוב. מראה האנ־שים האלה עורר רחמים: כולם הגיעו רעבים, תשושים, קרועים ובלויים. הם חיפשו באשפות שע"י מטבח המחנה, באספם את שיירי תפוחי אדמה המושלכים, שיירי לחם מאנשי המחנה הוותיקים.

ל־וו. ה. נשלחו מאה מאנשי פלאשוב. כתוצאה מתו־ספת האנשים, הורע המצב הכלכלי באופן רציני. בינתיים הגיעו בגדים ממחנה סטראכוביצה. בעריכת רשימת הניצ־רכים לביגוד לצורך חלוקת הבגדים, הפלה רבינוביץ את אנשי פלאשוב לטובה לעומת יוצאי ערים אחרות. בינתיים שופר מצב הפועלים במחנה. בסוף 1943 הפחית בית הח־רושת את הזמנותיו לחומרים, ונוצר חוסר עבודה. ההנהלה דרשה לפטר מספר פועלים, דבר שעוכב בכל מיני תחבו־לות מצידו של המנהל גורניאק לפי בקשת רבינוביץ. אולם החזקת 390 הפועלים לא יכלה להימשך, כי היו ימים שרק 10—15 קרונות הגיעו לבית חרושת, והמשמרות חזרו למחנה ללא עבודה. כמאה פועלים עם ראשי הקבוצות הועברו בחלקם לבנין ובחלקם לביהח"ר למלט. "המייס־טרים" היו גרמנים אשר האיצו בפועלים במגלבים שבי־דיהם או באגרופיהם והיכו בהם ללא רחמים. פריקת ה־קרונות הופחתה במידה כזאת שאי־אפשר היה להחזיק את המספר המועט של הפועלים, היות ומנהל בית־החרושת דרש נורמה של פריקה או טעינה של 7־6 טון לכל פועל ליום.

ננקטו כל האמצעים האפשריים לשם מניעת קיצוצים בפועלים. בסוף 1943 הובאו יהודים רבים מהצד הארי למחנה העבודה. הם הובאו לפני אנשי ס.ס. ואחרי ביקורת חזרו לעבודה. למחנה ז.או. הובאו גם יהודים שנתפשו בס־

ביבת אוסטרובצה. הדבר עורר בעיות, אבל קשה היה להתמצא במצב זה ולהחליט דבר. ב־16 בנובמבר ברחו 6 פועלים, ביניהם ברוקירר, קרינדלס, מרגוליס, והאחים קופלוביץ. לאחר הבריחה כינס סרן זבישינה את כל יושבי המחנה והודיע, כי בשל הבריחה הם צפויים לעונש מות ודרש שהבורחים ישובו למחנה. כעבור כמה שבועות ברח האלברשטאט, וזבישינה פקד להמית ביריה את ווהלר שישן בליל הבריחה יחד עם האלברשטאט, אך הודות לשוחד שנתן מנהל המחנה לזבישינה, נשאר ווהלר בחיים. לאחר מקרה זה ערך זבישינה חיפוש בין יהודי המחנה לשם החרמת חפצי ערך שונים וכספים שעדיין נמצאו בידיהם. בעת החיפוש נורו ללא עוול בכפם 2 האחים זאחצ׳ינסקי שקצין המשמר הטיל על מיתתם 70 דולר.

באפריל 1944 נערכה הסלקציה הראשונה של הפועלים ב־ז.או ואצל „יגר" שמשם נשלחו כ־30 איש לפרלי שליד ראדום ושם הומתו. לאחר המקרה הזה השתלטו על יושבי המחנה ופחד מפני אי־שקט, הישנות מקרים דומים. כעבור 3 ימים ברחו 3 נשים שהתנצרו והובאו קודם לכן מסאנדומיר׳ז. שוב הכריז המפקד כי עונש מוות צפוי לבורחים. ב־29 באפריל נעלמו ארבעה פועלים: נפתלי אלטרן, אחותו יוכבד, שמאי קודלוביץ ואחותו הניה. אחר המקרה הזה הוחרפו ההוראות: אסור היה להתהלך מחוץ למחנהבלי משמר אוקראיני, וכל ראש קבוצה היה אחראי בחוץ לעשרה פועלים במקרה של בריחת אחד מהם. במצב קשה מיוחד נמצאו „הפורארבייטרים" היהודים בענין בחירת ראשי הקבוצות. לאחר ישיבה של „הפוראַרבייטרים" הוחלט, כי לראשי קבוצות ימונו רק אלה שבדעתם לברוח מהמחנה.

רשימת ראשי הקבוצות האחרים היתה תמיד במשרד מנהל המחנה. בקורת הפועלים הוחרפה ואי־הופעה לעבודה גררה אחריה עונש מות. במחנה היתה המשטרה היהודית אחראית לבריחה. ליד השער בדקו אם אין בין היוצאים לעבודה אנשים שאינם שייכים לקבוצה זאת, ונערך מיפקד היוצאים והנכנסים. אלה שישנו יחד היו אחראים זה לזה במקרה של בריחה. הטלת אחריות זו הוצדקה בכך, שהשכן חייב היה להבחין בהכנותיו של הבורח. ביוני ברחו מביח״ר „יגר" האחים שטיין. „הפוראַרבייטר" בלומנשטוק עצר אותם, ובעת מיפקד כללי הם נורו למות. המצב נעשה ללא נשוא, השתרר יחס של חוסר אמון הדדי, ואלה שנחשדו בהכנה לבריחה לא נשלחו לעבודה. הצבא האדום שהתקרב ללובלין נמצא כ־200 ק״מ מאוסטרובצה. מרחוק נשמעו כבר הדי ירי התותחים. התקוה לשחרור קרוב הניעו את האנשים לחשוב על מחבואים לתקופה הקצרה עד לשחרורם ע״י הצבא האדום, אך חסר היה להם האומץ לכך, בשל הסכנות שנשקפו להם בחוץ מצד הגרמנים והפולנים כאחד, בעיקר בגלל המקרה שקרה לאחים ברמן ולאחים גולדשטיין שנרצחו בקלשונים ע״י האיכרים ליד דנקוב אחרי שהצליחו לברוח מהמחנה. גם החוזרים מהצד הארי סיפרו על הזוועות שארעו ליהודים שם.

ב־23 ביולי 1944 יצאתי מבית החולים של המחנה כשאני טרם הזרתי לאיתני אחרי מחלה קשה וטיילתי בשטח „התקרבו אלי ה„פוראַרבייטרים" בלומנפלד, נחמן קורן, גרשון פיפקופף, אברהם ניינודל והחלו בוכים על אודות אי־הסדרים שעלול להשתרר במקום, כי נודע להם שהשוטרים היהודים ומנהלי המחנה, שחיו ברווחה, בגרפם כסף על חשבון אסון הזולת, מתכננים לברוח כדי להציל את עורם ולהעמיד בסכנת מוות בטוח את כל הנשארים. תוך כדי השיחה התקרבו גם רפלוביץ, דימנט ואחרים שספרו, כי השוטר שטיינבוים ואחיו, (שוטר לשעבר), החליטו לברוח. הם הביעו דעתם שיש צורך לכנס את ה„פוראַרבייטרים" כדי להחליט אם להרשות את הבריחה המבוהלת או שיש למנוע אותה. הסבירו לי, שהענין נוגע לחייהם של פועלים עניים, זרים ונשים שאינם מכירים את הסביבה שמחוץ לשטח המחנה. להתיעצות התאספו 24 „פוראַרבייטרים" ופועלים בלי השתתפות הנהלת המחנה והמשטרה היהודית. בדיון השתתפו: י. בלומנפלד, רבינוביץ, רפלוביץ, שטרקמן, וטמן, גרנטשטיין, דימנט, ניינודל, בומבק, נ. זייפמן, י. רייך (הבן מראדום), פיפקופף, ויגנשפרג, זילברשטיין, לנגר (מראדום), מנדל וגנר, נימן, לנגר, קורן (מלובלין), צוקרפיין ואחרים. תוך תוך כדי הדיון נתקבלה הידיעה, כי אברהם זייפמן מנהל המחנה, עם אחיו השוטרים, לייב ומוטק, בורחים. יצאנו וראינו אותם ליד השער כשמפקד המשמר האוקראיני, בוריס, הנושא אקדח בידו, מוציאם מהשער. התאספנו שנית והיו הצעות שונות: להוציא את המשמרות לעבודה כרגיל וכל אחד יחליט על דעת עצמו מה לעשות, או לפתוח את השער ולפנות לכוון אפט אל הצבא האדום, או למנוע את בריחתם של החשודים בכך. נתקבלה ההצעה האחרונה, כי רוב יושבי המחנות היו נשים, חולים וילדים, שאינם מסוגלים לצאת, ואנו מצדנו לא היינו מאורגנים ליציאה הכללית, כי המשמר ליד השער היה פותח באש והסביבה שרצה צבא לרוב. כדי למנוע חשד מצד המשמר האוקראיני הוחלט שכל „פוראַרבייטר" יוציא את אנשיו, אבל אם יתעורר אצלו חשד לגבי מישהו יעכב אותו במחנה. כן הוחלט שתמיד יימצא „פוראַרבייטר" אחד ליד השער, כדי לא לתת לשוטרים, ל„פוראַרבייטרים" ולמנהיגי המחנה לצאת ממנו. בשעת ביצוע ההחלטות השתרר אי סדר ליד השער. בעת הוצאת הפועלים נמצא מפקד המשטרה פוציץ תחת השגחתם התמידית של יושבי המחנה — כי לאחר בריחת האחים זייפמאן, דרש מנהל העבודה הגרמני שפוצ׳יץ יופיע בפניו כל 30 דקות. בלילה הופיעו הפועלים מכל הצריפים כדי לשמור ליד גדרות התיל שמסביב למחנה.

המשמר האוקראיני שאל לסיבת ההתכנסות ופוצ׳יץ השיב, שאלה אוספים את האשפה.

ב־25 ביולי 1944 התארגנה משמרת ליציאה לעבודה. כל „פורארבייטר" הוציא את המשמרת שלו, בעצרו את החשודים. נוצר לחץ גדול מצד הפועלים והחלה יציאה בלתי מסודרת. אלה שנשארו בפנים המחנה רגנו ורטנו, כי ה„פורארבייטרים" בגדו בהם, וכי הוציאו מהמחנה את כל אלה הרוצים לברוח. השוטר יחזקאל פלמן, שפקד על הסדר ליד השער, שלח להעיר את המפקד פוצ׳יץ שהופיע מיד בחלוק שינה והחזיר את כל היוצאים למחנה. הוא איים על ה„פורארבייטרים", כי יזמין את המשטרה האוקראינית ויצווה לאסרם. לעומת זאת הוא הוציא בעצמו מחוץ למחנה את פועלי המשמרת בהעדיפו את אלה החשודים לבריחה. לשאלת איש המשמר האוקראיני לסיבת התנועה המוגברת ליד השער, ענה, כי חל איחור בחילופי המשמרות. כדי לא לעורר חשדות בלב המייסטרים הגרמנים נשלחו לביח״ר אותו מספר פועלים כרגיל. בהגיענו לבית החרושת היו מספר הגרמנים במחלקות מועט. אנו התחלקנו בין המחלקות ובדקנו את מספר הפועלים כאילו היה מצב מיוחד. בשעה 8 הגיעה פקודה שעל כולם לחזור למחנה. אין לשער את המהומה שהשתררה בבית החרושת לשמע הפקודה. אנשים נראו כבלתי שפויים. הופיעה המשטרה היהודית ויחד עם המשמר האוקראיני אספו את הפועלים והחזירו אותם למחנה.

לפי הצעת מנהל ה־וו.ה. הלכתי למשרדו וישבתי שם עד שעה 10. שמעתי שמחפשים יהודים בבית החרושת. בשעה 2 נפל הקרבן הראשון; חיים ליב בומשטין, שצעק לעומת האוקראינים: "רוצחים, למה אתם הורגים על לא עוול!".

מיד אחר כך גירשו אותי ממשרדו של המנהל החרושת. התברר, כי כולם חזרו למחנה וביניהם גם אלה שהתחבאו עד כה בבית החרושת.

בשעה שהייתי חבוי בבית החרושת נשלחו לאושויץ 1800 איש — ספרו לי שני הפולנים שהחביאו אותי. לאחר המשלוח נרצחו 16 פועלים יהודים מקרקוב ליד טחנת הקמח ו־2 אחרים נשרפו על ידי ה„מרטיני"; אצל „יגר" נרצחו 7 יהודים 18 ימים לפני השחרור. בחברת סמולופ ברחוב ז׳אביה נרצחו 4 יהודים ורבים מתו ביערות. מקבוצה אחת של 34 אנשים נשארו בחיים ארבעה בלבד. גם גורל הבורחים היה מר מאוד. מ־130 הבורחים נשארו כשלושים, ואילו מאלה שנשלחו לאושויץ נשארו כששים אחוז.

המספר המועט של הנשארים בחיים מבין הבורחים נבע מזה, שהבורחים היו בטוחים כי כניסת הצבא האדום לאוסטרובצה היא שאלה של ימים ספורים בלבד ולא היו מוכנים לסבל שנמשך 6 חדשים, עד ינואר 1945, מבחינה חמרית ונפשית כאחת ואף לא היו להם מקומות מחבוא מוכנים מראש אצל פולנים. רבים מהם התהלכו בשדות ימים ולילות, ובסופו של דבר התמסרו בידי הגרמנים ונרצחו. גם אלה שהתחבאו ביערות הסביבה ניצודו על־ידי האוכלוסיה הפולנית העוינת ונמסרו בסופו של דבר לידי האורבים הגרמנים. רבים מתו מרעב במחבואים תת־קרקעיים בטוחים.

לאחר השחרור טיפל משרד הבריאות של אוסטרובצה באיסוף הגוויות שנשארו בתעלות התת־קרקעיות של בית החרושת.

קטע זה מחיי היהודים באוסטרובצה בתקופת השואה כתבתי בשביל הועדה ההיסטורית באוסטרובצה.

תרגם לעברית **יחזקאל אראלי**



אפיציעלע דאקומענטן וועגן דער אויסראטונג אין אסטראווצע

געטאָס און ארבעטס־לאַגערן אין אַסטראָווצע

דער גרויסער געטאָ

דער גרויסער געטאָ איז געווען ביי 4 קוואַדראַט קילאָ־מעטער גרויס און האָט זיך געגרענעצט פון לינקס מיט דער מלינסקאַ גאַס ביז פּיעראַצקי, פון רעכטס — מיט דענקאָווסקאַ.

ער איז געגרינדעט געוואָרן אין אַפּריל 1941 און איז ליקווידירט געוואָרן 10־טן אָקטאָבער 1942.

זיינע איינוווינער זענען געווען הויפּטזעכלעך פּוילישע יידן, אָבער ס'האָבן זיך אויך געפונען ביי 1200 יידן פון עסטרייך.

בעתן שאַפן פון געטאָ איז די צאָל יידן געווען 18,000 און דער דורכשניטלעכע צאָל פון יידן אין געטאָ איז געווען ביי 16,000.

בעתן ליקווידירן פון גרויסן געטאָ זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט ביי 3000 יידן, 3000 זענען איבער־געבליבן, און 11,000 זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, ווו זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין קרע־מאַטאָריום.

די יידן אין געטאָ האָבן נישט באַקומען קיין שפּייז־פּראָדוקטן און זיי זענען געווען געצווונגען אַליין צו זאָרגן פאַר זייער באַשפּייזונג.

די שטערבלעכקייט אין געטאָ, בעיקר פון דער טי־פוס־עפּידעמיע איז געווען ביי 10 פּראָצענט פון די אַל־געמיינע צאָל איינוווינער.

דער קליינער געטאָ

דער קליינער געטאָ האָט זיך געגרענעצט פון לינקס מיט אילזשעצקאַ ביז צו פּיעראַצקי גאַס; פון רעכטס מיט שענקעוויטש 18. דער אומפאַנג איז געווען 30,000 קוואַד־ראַט מעטער. געשאַפן געוואָרן 15־טן אָקטאָבער 1942, און ליקווידירט געוואָרן דעם 31 מערץ 1943. אין געטאָ האָבן זיך געפונען דורכשניטלעך ביי 3000 מענטשן, איבערהויפּט פּוילישע יידן, אָבער אויך אַ קליינע צאָל ווינער יידן.

בעתן ליקווידירן דעם געטאָ איז די גרעסטע צאָל איינוווינער דערשאָסן געוואָרן און אַ טייל איז אַרויס־געפירט געוואָרן. בעתן עקזיסטירן פון געטאָ האָבן די אינטערנירטע געאַרבעט אין דייטשישע בוי־פירמען, אין די אָסטראָווצער פאַבריקן און אויך ביי שטאָטישע אַרבעטן. אין איינעם פון די באַראַקן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קראַנקען־צימער, בעיקר ווען ס'האָט געהערשט די טיפוס־עפּידעמיע.

אין געטאָ זענען פאָרגעקומען טעגלעכע עקזעקוציעס אויף יידן וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אין בונקערן. אין דעצעמבער 1942 זענען דערשאָסן געוואָרן פינף יידן: יאָסעק ריבה, ביילע רובינשטיין, רוס, שמואל מיעדזשי־גורסקי און אַ פינסטער אומבאַקאַנטער ייד. די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית עולם.

בעת'ן ליקווידירן דעם קליינעם געטאָ האָט מען די באַראַקן צונומען, און ס'זענען געבליבן נאָר די פונדאַ־מענטן.

אינטערנירטע פון געטאָ וואָס קענען עדות זאָגן זענען:

1. יעקב באַהאַריער, מלינאַרסקאַ 13.
2. אברהם שטאַרקמאַן, גוזשיסטאַ 4.
3. ואַדיה באַרענשטיין, רינעק 43.

די דייטשן וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיטן געטאָ זענען געווען:

שעף פון געסטאַפּאָ — סאַלדהיים.

עס־עס־לייט: — לאַנגער, פּעטער, ברונער, וואַגנער, אַסטמאַן, האַלוויג און הייער.

שעף פון „שופּאָ”: שוואַרץ, לוקע, האַלצער, ווילאַנד, ווירגין, מיכעלסקי.

זשאַנדאַרמעריע: פּעטערס און אַנדערע.

לאַגער „עלין”

לאַגער „עלין” אין באַדזעכאָוו, איז געעפנט געוואָרן דעם 1 אָקטאָבער 1942 און האָט עקזיסטירט ביז 16 פעברואַר 1943. די אינטערנירטע אין לאַגער זענען געווען כמעט אויסשליסלעך פּוילישע יידן און 10 יידן פון ווין. במשך

פון דער צייט זענען דורכן לאַגער דורכגעגאַנגען ביי 500 יידן.ביים ליקווידירן פון לאַגער זענען די אינטערנירטע איבערגעפירט געוואָרן קיין סטאַראַכאָוויץ. די אינטערנירטע האָבן געאַרבעט ביי דורכפירן רעמאָנטן אין לאַגער. אויסער דעם לאַגער האָבן זיי געאַרבעט אין איינפירן עלעקטרישע אינסטאַלאַציע אין שטאָט און אומגעגנט.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 180 גרם ברויט און צוויי פּאָרציעס שיטערע זופּ אַ טאָג. אין לאַגער איז נישט געווען קיין איינריכטונגען פאַר קראַנקע.

20־טן אָקטאָבער 1942 איז אָנגעקומען אין לאַגער אַ קאָמיסיע פון דייטשישע זשאַנדאַרמען, אין דער שפּיץ פון לייטנאַנט שוואַרץ און האָלצער, מיטן ציל דורכצופירן אַ רויב־אַקציע. אין פאַרלויף פון דער אַקציע זענען דערשאָסן געוואָרן גרשון ווינציגסטער, וואָס האָט געוווינט אויף דאַנקאָווסקע גאַס; רויטמאַן, פון סטאַדאַלנא 10; יחיאל עסווינג פון אָקאָלנא 13 און נאָך צוויי אינטערנירטע, וועמענס נעמען זענען אומבאַקאַנט. אין דעצעמבער איז דערשאָסן געוואָרן אַ ווינער יידישע פאַמיליע, קאופמאַן, אַ פּאָר פאָלק מיט אַ פינפיעריקן יינגעלע. די דערמאָרדעטע זענען באַגראָבן געוואָרן אין שטח פון לאַגער.

די דייטשישע אָנפירער פון לאַגער זענען געווען: לייטער פון לאַגער האַנס ווידמאַר און פרויליין רייסינג; רובערט שטרעקער — לייטער פון פאַבריק „עלין"; קינדערמאַן און אָלשלעגער, פון ווין.

„זאַקלאַדי אַסטראָוויעצקע"

דער לאַגער ביי די „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקע" האָט פאַרנומען ביי 10,000 קוואַדראַט־מעטער. ער איז געגרינדעט געוואָרן דעם 1־טן אַפּריל 1943 און ליקווידירט געוואָרן דעם 3־טן אוגוסט 1944. אין לאַגער זענען, חוץ אָסטראָווצער יידן געווען אויך יידן פון עסטרייך און רוסלאַנד.

בעתן ליקווידירן דעם לאַגער איז אַטייל אינטערנירטע אויסגעשאָסן געוואָרן און די איבעריקע איבערגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

די אינטערנירטע האָבן געאַרבעט אין די „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקיע", אין צעמענט פאַבריק און אין יעגערס ציגל־פאַבריק.

די באַשפּייזונג איז באַשטאַנען פון 180 גראַם ברויט און 2 פּאָרציעס וואַסערדיקע זופּ נאָך 18 שעה אַרבעט.

דעם 20־טן אָקטאָבער 1942 זענען דערשאָסן געוואָרן דריי אָסטראָווצער יידן: דער העברעאישער פּאָעט משה גוטמאַן, אברהם יוסף גרינבערג און אַ דריטער וועמענס נאָמען איז אומבאַקאַנט. דעם 1־טן אָקטאָבער 1943 זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין פירליי אין קרעמאַטאָריום ביי 40 פּערזאָן (צווישן אַנדערע: אסתר ביעזשאָנסקא, פייגע פרידנטאַל, שיינדל רעטער, נתן פענטשאָק, חוה שניידערמאַן, קערבל, אשר מינקאָווסקי, יחזקאל קראָנגאָלד, יחיאל וויינבערג, שוואַרצמאַן און קינד, די שוואַנגערע פרוי אורבאַך, יעקב ראָזנמאַן, הענעך וורמאַן. דעם 20־טן מערץ 1944, זענען בעת אַ רויב־רעוויזיע דערשאָסן געוואָרן די צוויי ברידער זאַכטשינסקי אויפן פּלאַץ פון לאַגער. אין חודש מאַי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן זעלבן פּלאַץ די ברידער שטיין. סוף יולי 1944 זענען דערשאָסן געוואָרן: דער 17 יעריק יינגל איזיק זייפמאַן, גוטהאָלץ, זיגלבוים און טאָכטער מירל; פיר יידן זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ברענענדיקן אויוון.

אַלע קרבנות פון דעם לאַגער זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן שטח פון לאַגער.

נאָכן ליקווידירן איז דער לאַגער געוואָרן צעשטערט און ס'זענען געבליבן בלויז די פונדאַמענטן פון די באַראַקן.

די דייטשן וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן לאַגער זענען: קאַפּיטאַן זוויעזשינאַ פון די סודעטן, שעף פון די פאַבריקס־וואַך מ. רהודע און גאָלדיטש. די אוקראַאינער: וואַשאַק, פירמאַן, פרעכט, פּאָפּיעל, באָריס, מעצקע, אינזש' וולאַדיסלאַוו גושקעוויטש, און עדואַרד הערבאַטשעווסקי (איצט אין לאָדזש).

עקזעקוציעס און ברידער־קברים אין אָסטראָווצע

28־טן מערץ 1942

דעם 28 מערץ איז אויסגעפירט געוואָרן אַ מאַסן־עקזעקוציע איבער יידן וואָס זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע היימען און דערמאָרדעט געוואָרן ביים אַריינגאַנג פון הויז.

די נעמען פון די דערמאָרדעטע זענען: ד"ר וואכאָלדער, אַדוואָקאַט זייסל, אלי היינערמאַן, יהושע מינצבערג, שאול מעטמאַכער, שלמה קאַצענעלבאָגן, שערמאַן,ביילע צוקערפיין, יצחק קודלאָוויטש, יוסף מאַליניאַק, אַלטער גרינבערג, הירש דויד פאנצער און זון, פּאָטער און זון

מאַיערטשיק, שמעון פישמאַן, חיים שטאַם, יונאַש זילבער־מאַן, גרינצוויג, אפרים בלום, דויד מאַנדעלבאַום, ישראל ראָזענבערג, וויגדאָראָוויטש, אברהם וואַלדמאַן.

סך הכל זענען דערמאָרדעט געוואָרן 32 מאַן.

די אַקציע איז געוואָרן דורכגעפירט דורך די געס־טאַפּאָ און שוץ־פּאָליציי. די מערדער זענען געווען: ברונער, פּעטער, האָלצער, האָלוויג, ווײַלער, טאָמס און וואַגנער.

די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית עולם, אין באַזונדערע קברים.

8־טן מאַי 1942

דעם 8־טן מאַי 1942 זענען אויף בראָוואַרנאַ גאַס דערשאָסן געוואָרן 18 אָסטראָווצער יידן, דורך עס־עס און עס־דע־לייט. די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית עולם אין אינדיווידועלע קברים.

16־טן נאָוועמבער 1942

דעם 16־טן נאָוועמבער זענען אויפן שטח פון די שול נומער 1 ביז דער פּאָסט געבייַדע דערשאָסן געוואָרן ביי 2000 אָסטראָווצער יידן. אין מאָרד האָבן אָנטיילגענומען עס־עס־לייט, געסטאַפּאָ, אוקראַינער, ליטווינער, אונטער דער אָנפירונג פון אויבערשטורמפירער שילד. וואָס איז ספּעציעס געקומען פון ראַדאָם. די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אין 4 מאַסן־קברים, צו 500 מאַן, אויפן יידישן בית־עולם.

20־טן אָקטאָבער 1942

דעם 20־טן אָקטאָבער 1942 זענען אין באַדזעכאָווער לאַגער „עלין" דערשאָסן געוואָרן 18 אָסטראָווצער יידן, צווישן זיי: גרשון ווינציגסטער, פון דענקאָווסקאַ, רענטמאַן, פון סטאַדאָלנאַ 10, יחיאל עלוויג, פון אָקאָלנאַ 13.

די עקזעקוציע איז געוואָרן דורכגעפירט דורך דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע אין דער שפּיץ פון שוואַרץ און האָלצער.

די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אין ברידער־קברים, צו 5 פּערזאָן אין אַ קבר, אויפן יידישן בית־קברות.

10־טן יאַנואַר 1943

דעם 10־טן יאַנואַר 1943 זענען אויף אילזשיצקאַ דערשאָסן געוואָרן, בעת דער צווייטער אויסזידלונג, ביי 300 אָסט־ראָווצער יידן. די אַקציע איז געוואָרן דורכגעפירט דורך עס־עס־לייט און שוץ־פּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פון ווילאַנד, לאַנגער, טומס, וואַגנער און ווײַלער. די דער־מאָרדעטע זענען טיילווייז פאַרברענט געוואָרן און די קערפּערס זענען באַגראָבן געוואָרן אין ברידער־קברים אויפן יידישן בית־קברות.

7־טן אָקטאָבער 1943

דעם 7־טן אָקטאָבער 1943 זענען אין לאַגער „פּירליי" ביי ראַדאָם פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריום ביי 40 אָסטראָווצער יידן. די עקזעקוציע. איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די ווערקשוץ אונטער דער אָנפירונג פון פראַנץ יעגער, שטאַבסקאַפּיטאַן זוויעזשינאַ און ווערק־שוץ־פירער מ. רהאָדע.

יולי 1944

אין חודש יולי 1944 זענען אין די „זאַקלאַדי אָסטראָ־וויעציע" פאַרברענט געוואָרן אין אויוון 4 יידן פון אָסט־ראָווצע, וועמענס נעמען זענען אומבאַקאַנט. די קערפּערס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די ברענענדע אויוונס פון פאַבריק און זענען פון דאָרט נישט אַרויסגענומען געוואָרן כדי צו ברענגען זיי צו קבר־ישראל.

אויגוסט 1944

אין חודש אויגוסט זענען אין די „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקיע" דערשאָסן געוואָרן 14 אָסטראָווצער יידן, וועמענס נעמען זענען אומבאַוווּסט. די עקזעקוציע איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אוקראַינער. די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן פּלאַץ נעבן די זאַקלאַדן צו 4—5 קערפּערס אין איין קבר. נאָך דער באַפרייאונג זענען די קערפּערס איבערגע־פירט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם און זענען דאָרט געקומען צו קבר ישראל.

אריאלה ראובני

צדיק אחד בסדום – הנוצריה אווה שמינסקה

אווה שמינסקה לובקו לפשינסקה, נוצריה מהעיר אוסט־רובצה בפולין, שהצילה בימי השואה כמה עשרות משפ־חות יהודיות, המתגוררות כיום בישראל, מידי הנאצים, הגיעה בחודש יולי 1966 לנמל חיפה על סיפון אניית הנוסעים „ונוס".

פגשתי את אווה אתמול על הכרמל בחיפה, בביתה של שושנה ווכולדר, אחות־רנטגן שיזמה ומימנה את ביקורה של האורחת. השתיים, חברות לספסל הלימודים בגימנסיה בפולין, גוללו לפני את קורותיהן בימי מלחמת העולם השניה.

אווה שמינסקה, אשה נאה בת 53, שחומת עור וכסופת שיער, היא אם לשלושה ילדים ומורה לספרות פולנית בגימנסיה בוואַרשה. הוריה, שהיו מורים במקצועם ופעי־לים במפלגה הסוציאליסטית ובמחתרת הפולנית בשנות הארבעים, חינכו את אווה ואת אחיותיה ליטול חלק פעיל בפעולות ההצלה של יהודים ואנשי מחתרת שנרדפו על־ידי הנאצים.

אווה הצילה כמה משפחות יהודיות וילדים יתומים מהעיר אוסטרובצה ומערים אחרות. כמה מהניצולים הוס־תרו תקופה ארוכה בביתה ולחלקם היא סיפקה תעודות ומסמכים מזוייפים. לשושנה, שהיא בעלת עצמות־לחיים בולטות, הכינה אווה תעודות ומסמכים מזוייפים של צעירה טאטארית, ושלחה אותה בלוויית שוטר פולני לעיר סמוכה, שם נתקבלה לעבודה אצל רופא פולני. בעזרת המסמכים המזוייפים ניצלה שושנה ובתום המלחמה עלתה לישראל והשתקעה בחיפה. לפני שנים אחדות היא חידשה את קשר המכתבים עם אווה וכאות תודה והוקרה החליטה להזמין את הושיעה לביקור בישראל.

אווה, שלא יצאה מעולם את גבולות פולין, קיבלה את ההזמנה בהתלהבות. היא קיבלה היתר־יציאה מהשל־טונות הפולניים ללא כל קושי, ונסעה במשך יומיים ברכ־בת מפולין ליוון. בנמל פיראוס עלתה אווה על אנית הנוסעים „ונוס" ובהגיע האניה לנמל חיפה נתקבלה בל־בביות רבה על־ידי כמה מניצוליה.

האורחת כבר הספיקה לסייר בארץ. היא התרשמה במיוחד מקצב הבניה והפיתוח, מהחנויות היפות, מתנאי הדיור הנאים ומנקיונה של חיפה.

אווה אומרת, כי אם היתה צריכה גם היום לסכן את חייה כדי להציל נרדפים על לא עוול בכפם היתה עושה זאת ללא היסוס. „זוהי מעין מלחמה עם מפיסטו, מלחמה שאין להימנע ממנה", אומרת היא.

"דבר", 11 ביולי 1966

אוסטרובצה
בלי
יהודים

דאס איז געבליבן פון אסטראווצע: חורבות פון דער אלטער שול...

מה שנשאר מאוסטרובצה היהודית: חורבות של בית-הכנסת...

רצוצים ואבלים חזר קומץ משרידי השואה לעירם החרבה, בתקוה להקים בה מחדש את ביתם ההרוס. אך הרצח השפל של ארבעה ניצולים על־ידי פולנים סתם את הגולל על החלום הזה ושיכנע את כולם שאין להם תקו־מה עוד בפולין, שהפכה לבית קברות עצום ליקיריהם

י. באַהאַריער

דער ערשטער אזכרה־טאָג אין אָסטראָווצע

אין צוזאַמענהאַנג מיט די טרויעריקע יאָר־צייט פון אומברענגען די יידישע קהלה אין אָסטראָווצע, וועלכע איז אויסגעפאַלן זונטיק דעם 7 אָקטאָבער, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו באַערן די קדושים.

אין די קאָמיסיע זענען פאַרטרעטן פאָרשטייער פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער קאָמיטעט, רעליגיעזע קהלה, ועד האיחוד א.א.וו. אין די פּערזאָנען פון פרידענטאַל, גאָלדפינגער, באַהאַריער, צוקערפיין, טויִ־מאַן. די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַ תענית־ציבור, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן שבת דעם 7.6.10 אָוונט און געענדיקט זונטיק ר״ה מרחשוון 4 נ.מ. די קאָמיסיע האָט אויך באַשלאָסן פּראָקלאַמירן אַ טרויער־וואָך פון שבת דעם 6.10. ביז פרייטיק דעם 12.10. אין די גאַנצע טרויער־וואָך איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו טראָגן שוואַרצע טרויער־בענדער אויף דעם אָרעם. אויך איז פאַרבאָטן געוואָרן אין די לויפנדע טרויער־וואָך אָנטיילנעמען אין קיין שום פאַרווילונג.

צו דעם צוועק איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אין לאָקאַל פון איחוד אַ ספּעציעלער אויפרוף, געשריבן מיט דער האַנט, וועגן דעם פּראָגראַם פון טרויעריקן יזכור־טאָג (זע זייט 451).

די באַערונג פון דעם טרויעריקן אָנדענקונג איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דעם פאָלגענדן סדר:

שבת דעם 6.10 איז פאָרגעקומען אַן אַזכרה אין צייט־ווייליקן בית־התפלה אויף וועלכע די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג איז געווען פאַרזאַמלט. מיט אַ גרויסע טרויער־רעדע איז אַרויסגעטרעטן דער פּרעזעס פון יידישן קאָמיטעט דער פּאָפּולערער ה׳ פרידנטאַל. זייער רירנד איז געווען שבת־צו־נאַכט, ווען עס איז געזאָגט געוואָרן איכה און קינות, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף אַלע פאַרזאַמלטע.

זונטיק 11 פרי האָט זיך די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג פאַרזאַמלט אין יידישן קאָמיטעט, פון וועלכן עס האָט זיך פאָרמירט אַ מאַניפעסטאַציע־צוג איבער פאַר־שידענע גאַסן ביז צום בית־הקבורות. פאַרן בית־הקברות, ווו עס געפינט זיך דער ברידער־קבר פון איבער 800 יידן וועלכע זענען אומגעקומען אין איין טאָג מיט אַ גרויזאַמען טויט, האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אָפּגעשטעלט און עס

זענען געזאָגט געוואָרן פאַרשידענע תפילות. דער פרעזעס פון דער רעליגיעזער יידישער קהילה, ה׳ גאָלדפינגער, האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״. הספדים זענען אויך געהאַלטען געוואָרן דורך ראַפּאָפּאָרט און גרינער. פון בית־הקברות האָט זיך דער מאַניפעסטאַציע־צוג געצויגן דורך אַ רייע גאַסן ביז צום טרויריק־באַוווסטן „סטאַלאַג״, ווי מיט דריי יאָר צוריק איז דאָרט פאַרזאַמלט געוואָרן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג גרייט צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. אויך דאָרט זענען געהאַלטן געוואָרן טרויער־רעדעס דורך שטיפטער און צוקערפיין. פון דאָרט איז דער צוג אַוועק אויף אַלע ערטער ווו עס זענען דאָ ברידער־קברים און אויך אויפן אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען די אַלטע באַרימטע שול וועלכע איז דורך די דייטשען פאַרניכטעט געוואָרן. פון דאָרט איז דער צוג אַוועק אין לאָקאַל פון „איחוד״, ווו עס איז פאָרגעקומען א גראַנדיעזע טרויער־אַקאַדעמיע. אויף די אַקאַדעמיע זיינען אַרויסגעטרעטן מיט טרויער רעדעס באַהאַריער, גאָלדפינגער, ראַפּאָפּאָרט, הרב גאָלדבערג און א. מיטן יזכור ליד איז די אַקאַדעמיע אויפגעלעזט געוואָרן ביי אַ געדריקטע שטימונג און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער תענית־ציבור.

עס איז זייער אינטערעסאַנט אַז דאָס געניע צופּאַסן זיך פון אָסטראָווצע יודענטום צו דעם פּראָקלאַמירטן תענית ציבור האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אונדזערע פוילישע שכנים.

די פאַרזאַמלטע אויפן אָסטראָווצער בית הקברות אין טאָג פון טראַגישן יאָרצייט

שארית יהודי אוסטרובצה מתאספים בבית הקברות ביום השנה הטראגי

צו

די איבערגעבליבענע יידן אין אסטראוויעץ

דעם היינטיגן זונטיק א' ר"ח מרחשון (7.10.1945) פאלט אויס די טרויריגע יאהר-צייט פין אומברענגען די יודישע קהלה אין אסטראוויעץ. יעדן איינס פין אונז שטייט דאס טרויער בילד פאר די אויגן, דאס בילד ווי מאמעס טאטעס און קינדער זיינן צוזאמן אומגעברענגט געווארן, דער קאשמאר אין די וואקכאנאליע פין די דייטשע מערדער וועלכע האבן צילאזט זייערע חיה'שע ווילדע אינסטינקטן אויף די אומשולדיגע יודישע קינדר, יודישע קינדר זיינען צוקלאפט געווארן ביי די מויערן און טעלעגראפישע און עלעקטרישע סלופעס, זויג קינדר זיינען צעריסן געווארן דורך איבעררייסן זייערע אומשולדיגע צאפעלדיגע קערפערלעך פין די פיסלעך ביז זייערע לויכטענדע אויגעליך. דייטשע מערדערישע בעשטיוועלטע פיס האבן דערווארגן צעהנדליגער הינדערטער יודישע קינדר טרעטענדיג אויף זייערע העלזלעך, עס איז ממש אומגלויבליך אז מענשן זאלן זיין אומשטאנד אזא חיה'שדיג אכזריות, מיר אבער זיינען לייגער עדות וועלכע האבן צו געזעהן די טרויריגע בילדער, מיר אלע געדענקן ווי דער דאמאלסדיגער חיות-עלטסטער דר' חמטשאלט, קרעדל, לאנגע, פואפ. לייטענאנט שווארץ און אנדערע אומציליגע מערדער זיינען געקומן מיטמאכן די שרעקליכע טראגעדיע זייענדיג הערליך געקליידעט אלע טראגענדיג ווייסע הענטשקיס צוגעגרייט אלס ווי צו א גאלא פארשטעלונג. צו דער גרויסע שחיטה, צו דעם גרויסן יודישן אומגליק האבן די דייטשע דיפלאמירטע דאקטוירים און פראפעסארן נישט פארגעסן מיט צו נעמען זייערע עלעגאנטע פרויען און באקאנטע דאמען. די אומגעקומענע יודן — אונזערע טאטעס מאמעס שוועסטער ברידער קינדר און זויג קינדר — זיינען אומגעקומען אינטער די גידישע בליקן פין די צושויער די עלעגאנטע העררן און דאמען פין דייטשן העררן פאלק וועלכע האבן זיך געקוויקט מיט דעם אומשולדיג פארגאסענעם בלוט פין די אסטראוויצער יודן.

די זיצונג פין אלע יודישע אינסטיטוציעס וועלכע איז פארגעקומען מאנטיק דעם (1.10.1945) האט באשלאסן צו פראקלאמירן צום אנדענק פין דעם גרויסן אומגליק א **טרויער-וואך** וועלכע הויבט זיך אן שבת ערב ר"ח מרחשון (6.10.1945) און ענדיגט זיך אין פרייטיק ה' מרחשון (12.10.1945) ~~די באשלאסענע דעם~~ טרויריגן אנדענקונג ~~איז באשלאסען געווארן יידן כפיהן~~ לויט דעם פאלגענדן סדר:

שבת

1) שבת 9 פריה **הזכרה**
2) פין שבת צו נאכט ביז זונטיק 4 נ.מ. **תענית-ציבור**
3) שבת צו נאכט פינקטליך 7 אווענד ווערט געזאגט בציבור **קינות-תהלים.**

זונטיק

1) זונטיק .9 פריה **תפלה בציבור**
2) - " - .11 " א מאניפעסטאציע אויפן בית הקברות, **הספדים** מיט א אל מלא רחמים.
3) - " - .2 נ.מ. א גראנדיזע **טרויער-אקאדעמיא**
4) - " - .4 " **תפלה בציבור**
5) - " - טאהר מען נישט אויפיהרן קיין שום ארבייט און האנדל

טרויער-וואך

1) עס איז פארפליכטעט צו טראגן די גאנצע טרויער וואך שווארצע בענדער
2) אין די לויפענדע טרויער וואך דארף מען אין קיין שום פארוויילונג נישט אנטייל נעמען

מיר ריפן די גאנצע באפעלקערונג די שארית הפליטה פין אסטראוויצער יודענטום צו באערן אונזערע קדושים דורך געבן זיך צו פאסן צו דעם פראקלאמירטן אויפגעגעבענעם סדר

די יודישע רעליגיעזע קהלה.
דער יודישער קאמיטעט.
דער ועד האיחוד.
די קאמיסיע צו באערן די קדושים.

ביים קבר פון די יידישע אסטראווצער פארטיזאנער

עס איז זונטיק, דעם 27־טן נאָוועמבער 1945 אין דער פרי. אויפן פלאַץ נישט ווייט פון אָסטראָווצער יידישן בית־עולם פאַרפאָרט אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַן ארון, באַדעקט מיט רויטע לייוונט און שוואַרצער קרעפּע. ביי דער זייט — צוויי מיליטער־לייט, וועלכע האַלטן די ערן־וואַך. דאָס איז דער ארון מיט די קערפּערס פון די 12 אומגעבראַכטע יידישע פּאַרטיזאַנער: יצחק קעניג, מאיר לייבוש וואַרצמאַן, דודעק גרויסקאָפּ, שלמה שערמאַן, ראובן יאַקובאָוויטש, אבוש קודלאָוויטש, לייבוש מאַוער, אַלעק גלאַט, יאָסעק פרידלאַנד, מאָטל וויינשטאָק, קלמן גרינבערג און מלך בראָנפמאַן.

נאָכן ארון גייען דער שטאָט־פּרעזידענט ק. בושקאַ, פּאָרזיצער פון שטאָטישן נאַציאָנאַל־ראַט נאָוואַק, פּאָר־שטייער פון צ.ק. פון די יידן אין פּוילן — ל. ברענער, פּאָרזיצער פון די אָסטראָווצער לאַנדסמאַנשאַפט אין שטשעטשין — משה קליימאַן, פּאָרשטייער פון רעד. „דאָס נייע לעבן" — מאיר בלאַנקמאַן, פּאָרשטייער פון דער בירגער־מיליץ, אַלע אָסטראָווצער יידן געקומענע פון אַלע שטעט און שטעטלעך און אַ גרויסער טייל פון דער אָרטי־קער פּוילישער באַפעלקערונג.

ביים אָפענעם קבר געזעגנט דער ערשטער די געפאַ־לענע פּאַרטיזאַנער דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט פון דער אָסטראָווצער לאַנדסמאַנטשאַפט אין שטשעטשין — משה קליימאַן.

אויפן ברידער־קבר ביים איינגאַנג פון בית הקברות. אין הינטערגרונד — די חורבות פון יידישן אסטראווצע

ליד קבר האחים בכניסה לבית הקברות

„מיר געזעגענען אייך אין נאָמען פון אַלע איבערגע־בליבענע אָסטראָווצער יידן, וועלכע זענען צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאָרער וועלט. איר זענט אַרויס אין קאַמף צוזאַמען מיט די בעסטע זין פון פאָלק קעגן היטלערישן אָקופּאַנט. אָבער אייך איז נישט באַשערט געווען צו דערפירן דאָס ווערק ביזן סוף. די פאַרעטערישע באַנדעס פון א.ק. — די שונאים פון פּוילישן און פון יידישן פאָלק — האָבן פריצייטיק אכזריותדיק פאַרשניטן אייערע יונגע לעבנס.

„אָבער אייער קאַמף איז נישט געגאַנגען לאיבוד. פּוילן איז אַ פרייע און זעלבשטענדיקע פאָלקס־רעפּובליק און נשטאָ מער קיין אָרט ביי אונדז אין לאַנד פאַר נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און ראַסן־האַס.

„ביי אייער קבר שווערן מיר צוזאַמען מיטן פּוילישן פאָלק פאָרצוזעצן דעם קאַמף פאַר פראָגרעס, שלום און דעמאָקראַטיע, כדי אַזעלכע מערדערייען זאָלן זיך מער נישט גאָנען איבערחזרן".

דער צווייטער טרעט אַרויס דער פאָרזיצער פון פאַר־באַנד פון קעמפער פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע — אָרטשעווסקי :

„— איהר זענט געפאַלן אין קאַמף פאַר אונדזער געמיינזאַמער זאַך — פאַר אַ פריי און דעמאָקראַטיש פּוילן. די וועלכע האָבן אייך אַזוי אַכזריותדיק דערמאָרדעט — זענען אויך שונאים פונעם פּוילישן פאָלק. דער קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיקט. פאַראַן נאָך ביי אונדז שוואַרצע כוחות, וועלכע פאַרטראָגן נישט די נייע אָרדנונג און מיר מוזן זען זיי אויסצוואָרצלען פון אונדזער לעבן. מיר געזע־גענען אייך אין נאָמען פון אַלע קעמפער פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע און אין טיפן יראת הכבוד בויגן מיר אונדזערע קעפּ איבער אייער קבר".

אין נאָמען פון אָרטיקן קאָמיטעט פון דער פאַראייניק־טער אַרבעטער־פאַרטיי (פּזפּר) געזעגנט די געפאַלענע דער פאָרזיצער פאזשאַגא.

„מיר — זאָגט דער רעדנער — גיבן אָפּ כבוד די געפאַלענע העלדן, וועלכע זענען אומגעקומען אין קאַמף „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט". מיר גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו העצן איין פאָלק קעגן צווייטן, כדי אַזוי אַרום צו דערפירן צו אַ דריטער וועלט־שחיטה. מיר פאַרזיכערן ביים דאָזיקן קבר, אַז די פּוילישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, אָנגעפירט דורך דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פאַרטיי, וועלן צוזאַמען מיט אַלע שלום־ליבנדיקע כוחות אין דער גאָרער וועלט פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבן".

דאָס וואָרט באַקומט דער פאַרשטייער פון צ.ק. פון די יידן אין פּוילן — ל. ברענער.

„מיר — זאָגט דער רעדנער — איז אויסגעפאַלן דער גרויסער כבוד בעת דער היינטיקער טרויער־פייערונג צו רעפּרעזענטירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער הייליקער חוב צו רעדן ביים דאָזיקן קבר פון 12 יידן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

„עס איז אוממעגליך אויסצודריקן מיט ווערטער דעם טיפן צער און ווייטיק נאָך די דאָזיקע אומגעקומענע און געפאַלענע. מיר זיינען נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דער גרויזאַמער היטלער־שחיטה.

„אין אָנבליק פון די אַלע געשעענישן, וועלן מיר, אָפּגעראַטעוועטע פון די גאַז־קאַמערן און טויט־לאַגערן, נישט שווייגן. ווען מיר ווילן בעת דער היינטיקער טרויער־פייערונג באַערן דעם אָנדענק פון אונדזער געפאַלענע קעמפער — שווייגן מיר נישט. נאָר מיר פאַרייניקן אונדזער שטים מיט דער שטים פון די קעמפער קעגן די מלחמה־אונטערצינדער און מיר סאָלידאַריזירן זיך מיט דער קעמ־

פנדיקער מענשהייט, וועלכע פאַרטיידיקט דעם שלום.

„אָפּגעבנדיק כבוד די געפאַלענע אין נאָמען פון צ״ק פון די יידן אין פוילן, דערקלער איך:

„טריי דעם אָנדענק פון אונדזערע העלדן און קדושים וועלן מיר זיך תמיד געפינען אין די פאָדערשטע רייען צווישן די קעמפער פאַר פרייהייט און שלום.

„כבוד די העלדן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט״.

דער לעצטער געזעגנט די געפאַלענע יידישע העלדן אין נאָמען פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג דער שטאָט-פּרע-זידענט ק. בושקא.

„מיר בויגן אונדזערע קעפּ אין טיפסטן יראת-הכבוד — זאָגט פּרעזידענט בושקא — איבערן קבר פון די דאָזיקע יידישע העלדן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר פרייהייט, אין קאַמף פאַר אַ פריי און דעמאָקראַטיש פאָלקס-פוילן. זיי האָבן זיך ליידער נישט דערוואַרט דעם טאָג פון באַפרייונג, ווערנדיק אכזריותדיק דערמאָרדעט דורך אונדזער היימישער רעאַקציע — דער געמיינזאַמער שונא פון יידישן ווי אויך פון פוילישן פאָלק.

„איך געזעגן אייך אין נאָמען פון אַלע בירגער פון אונדזער שטאָט און פאַרזיכער אייך, אַז אייער אָנדענק וועט אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער און מיר וועלן אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. כבוד אייער אָנדענק״.

דער אָנדענק פון די געפאַלענע העלדן ווערט באַערט דורך אַ מינוט שטילשווייגן. ביי די קלאַנגען פון „אינטער-נאַציאָנאַל״, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט דורך אַלע פאַר-זאַמלטע ווערט דער ארון אַראָפּגעלאָזט אין קבר. עס פאַלן די לעצטע לאָפּאַטעס ערד און שוין ליגן אויסגעלייגט קרענץ פון אַלע זייטן. אין טיפסטן יראת-הכבוד וואַרפט מען די לעצטע בליקן אויפן קבר פון די יידישע העלדן, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן... נאָכן ענדיקן דעם אָנדענק האָט נחום הערצלס געזאָגט קדיש.

✶

די פאַרוואַלטונג פון דער אָסטראָווצער לאַנדסמאַנשאַפט אין שטשעטשין האָט באַשלאָסן אויפן קבר פון די געפאַלענע 12 פאַרטיזאַנער אַוועקצושטעלן אַ דענקמאָל. מיט דער אויספאַרטיקונג פונעם דענקמאָל פאַרנעמט זיך דער באַ-קאַנטער מעטאַל-פּלאַסטיקער בנימין פּאַצאַנאָווסקי פון לאָדזש.

די שרעקלעכע אנטוישונג פון די „באפרייטע" אסטראווצער יידן

אין סעפטעמבער 1945, איניקע מאַנאַטן נאָך דער ענדע פון דער מלחמה, האָבן די אָסטראָווצער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע און קאַנאַדע באַקומען דעם פאַלגענדען בריף פון די יידן וואָס זענען צוריקגעקומען קיין אַסטראָווצע מיט דער האָפנונג דאָרט צוריק אויפצובויען זייערע היימען, וואָס זענען אויף אזאַ בעסטיאַלן אופן צושטערט געוואָרן :

„...מיר זענען דאָ איינגאַנצן פאַרטומט. ביי פיל נישט יידן איז נאָך אונדזער ייִדן־טראַגעדיע צו קליין. דאַרויף זאָגן עדות די אויפטריטונג פון פאַרשידענע פוילישע קרייזן. מען פאַרשפרייט אַלערליי בלבולים, למשל : מיר נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער אויף מצות אָדער אויף טראַנספוזיעס. פיל יידן, וואָס זענען מיט נסים אַפגעראַטעוועט געוואָרן פון די קרעמאַטאָריום־אויוונס און האָבן קוים דערלעבט צו זעען דעם סוף פון קריג זענען נאָכן צוריקקומען קיין אָסטראָווצע אומגעקומען דורך פוילישע „פאַטריאָטן". די קרעמאַטאָריום־אויוונס פון די מערדער האָבן פאַרברענט 16,000 אָסטראָווצער יידן, דאָס איז נישט קיין גוזמא, ווייל לעצטנס האָט די שטאָט פאַרמאָגט איבער 17,000 יידן.

מיט איין וואָרט : דאָס יידישע אָסטראָווצע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פון די רבנים איז קיינער נישט געבליבן ; פון די שולן און בתי־מדרשים איז נישטאָ קיין שפור — די באַנדיטן האָבן צעטומעט ביזן גרונט. אפילו דאָס בית־הקברות האָט מען נישט צורו געלאָזט : די קברים פאַרשוועכט, דעם פאַרקן פאַנאַנדערגענומען, כי און ציגן פיטערן זיך דאָרט. די באַרבאַרן האָבן באַשפיגן די טויטע און דער־מאָרדעט די לעבעדיקע.

פוסט און וויסט איז דאָס יידישע אָסטראָווצע. איר קענט נישט צוריק אויפשטעלן דאָס יידישע אָסטראָווצע. צי זייט איר אומשטאַנד אונדז צוריקצוגעבן אונדזערע עלטערן, ברידער, שוועסטער, קינדער און אַלע אונדזערע נאָענטע ? צי קענט איר צוריק אויפשטעלן אַ פאַמיליע־לעבן פון צובראָכענע ברעקלעך און שטיקלעך ? מיר דאַנקען אייך פאַר אייער וואַרעמען יידישן רוף. מיר ברויכן נישט קיין געלט־אונטערשטיצונג ; מיר ברויכן אָפענע טויערן ווו מיר זאָלן קענען עמיגרירן. פאַר אונדז איז דאָ קיין פלאַץ נישטאָ. מיר דאַרפן רעטונג און נישט קיין אויפבוי, ווייל מיר קומען דאָ כסדר אום. מען לויערט אויף אונדזערע קוים־געראַטעטע קינדער. יאָ, היטלערס דערציאונג האָט געווירקט — אונדזער לעבן איז נישט זיכער, ווייל דער כוליגאַניזם בושעוועט...

די יאָרצייט טעג נאָך די אָסטראָווצער יידן זענען : 10, 11 און 12 אָקטאָבער 1942 און 10־טן יאַנואַר 1943. אין די צוויי טרויער־דאַטעס זיינען אומגעקומען ביי 16,000 יידן".

ד״ר חיים שאַשקעס

אסטראָווצע אָן יידן

עס איז פינף אַזייגער פון אַ זומערדיקן פאַרטאָג, ווען איך געזעגן זיך מיטן אומהיילעכן היסטאָרישן אַלטן מאַרק אין צויזמיר און לאָז זיך מיטן אויטאָמאָביל אין לאַנגן וועג אַריין אין דער ריכטונג צו וואַרשע.

ווייטער... ווייטער... מיר פאָרן אַריין אין פאָרשטאָט פון אָסטראָווצע, — אַ גרויסע אידישע קהילה דאָ אַמאָל געווען, — איך גלויב, מער ווי פופצן טויזנט נפשות. די שטאָט האָט פאַרמאָגט ריזיקע מעטאַל־פאַבריקן און די יידישע באַפעלקערונג האָט עקאָנאָמיש געלעבט בעסער ווי אין די שכנות׳דיקע שטעטלעך.

אַ גרויסער חסידישער צענטער געווען און אויך אַ צענטער פון וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט.

איצט, ביים אריינפאר אין שטאט, לעבן אויף פאר די אויגן די ערשטע, וואָס איך האָב באַגעגנט דעמאָלט, ווען איך בין געקומען גרינדן די קאָאָפעראַטיווע פאָלקס־באַנק: דער מאַגיסטראַט מיטגליד בייגעלמאַן, דער אגודה־טוער ר׳ אברהם מינצבערג, דער דאקטאר וואכאלדער, דער דירעקטאָר העניך רויזמאַן...

איצט אָבער האָב איך דאָך ניט קיין שום אַדרעס. שטעל איך זיך גאָר אָפּ נעבן דער קירכע מיט שוואַרצע העלצערנע טורעמס, פון וועלכער עס טראָגט זיך אַ געזאַנג און די מוזיק פון אַן אָרגאַן. איך וואַרף אַ קוק אינעווייניק: זי איז פול, כאָטש עס איז נאָך זיבן אַזייגער

ברידער קבר פון 820 יידן, וואס זענען דערמארדעט געווארן בעת דער ערשטער אויסזידלונג

קבר האחים של 820 יהודים, שנרצחו ביום הראשון של הגירוש

אינדערפרי, פול מיט בעטנדע, וואָס האַלטן ליכט אין די הענט.

און אַזוי ווי איך שטיי אַזוי און קוק אַריין דורך די שטאַכעטן אין קלויסטער אַריין, — גייט אַרויס פון דעם הויז ביי דער קירכע אַ גלח אין אַ ווייס געשפּיצט העמד מיט אַ רויטן קראַגן, אַ סימן אויף זיין הויכן ראַנג אַלס גייסטלעכער.

איך וויל שוין פאַרשווינדן, אָבער דער גלח פאַרהאַלט מיך מיט אַ פריינטלעכן „גוט מאָרגען" און „גאָט זאָל איך בענטשן". ענטפער איך אויך העפליך.

דער גלח גייט אַרויס דורך דעם טירל אויפן גאַס, ווו איך וואַרט נעבן מיין אויטאָמאָביל.

שטעל איך זיך פאָר אַלס גאַסט פון אַמעריקע, אַלס יידישער שרייבער, וואָס פאָרט דאָ דורך און האָט געקענט די שטאָט פון אַמאָל. איך דערמאָן טאַקע איניקע נעמען פון אָנגעזעענע כלל־טוער, וועלכע איך האָב אויבן גע־בראַכט.

זאָגט מיר דער גלח, אַז ד"ר וואַכאַלדער און בייגעל־מאַן זענען געווען זיינע פריינט. ער זאָגט מיר אויך, אַז קיין איין ייד וווינט דאָ ניט מער. ער גיט צו מיט אַן אומעטיקן אויסדרוק פון געזיכט, אַז ליידער־ליידער האָבן זיך „מיינע קריסטליכע פוילישע מיטגלויבער" נישט גוט פאַרהאַלטן אין באַצוג צו דעם ביסל יידן, וואָס זענען צוריק געקומען קיין אָסטראָווצע שוין נאָכדעם, ווי די נאַציס זענען באַזיגט געוואָרן און פוילן איז ווידער אויפגעשטאַנען אַלס מלוכה.

ער דערציילט מיר נישט דעם גאַנצן אמת, וואָס שפּעטער האָט מיר דערציילט דער שרייבער קאָלעגע ק. חרמץ פון בראַזיל, וועלכער איז געווען איינער פון די צוריקגעקומענע נאָך דער מלחמה אין שטאָט. אַכציק יידן זענען צוריקגעקומען נאָכן חורבן אין זייער היימשטאָט אָסטראָווצע. האָבן פּאָליאַקן דערמאָרדעט זעקס פון זיי, אַלע יונגע מענטשן. זענען זיך די איבעריקע, פאַרשטענדלעך, צעלאָפן אין דער וועלט אַריין. די דער־מאָרדעטע האָט מען מקבר געווען און געשטעלט אַ שטיינערנע מצבה אויף דעם ברידער־קבר.

ווען אַן אָסטראָווצער ייד איז מיט יאָרן שפּעטער געקומען אויף אַ באַזוך, האָט ער געפונען די דאָזיקע מצבה צעבראָכן אויף שטיקלעך...

און דאָ דערציילט מיר דער גלח אַ געשיכטע, פון וועלכער עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן:

„איר זעט די דאָזיקע שטוב, פון וועלכער איך בין איצט אַרויס? דאָס איז דאָס פאַראַפיע־הויז, די דירה פאַר גלחים. אין דער צייט פון די נאַציס האָב איך דאָ אַליין געוווינט. איניקע יידישע פריינט, וועלכע מען האָט געטריבן אויף שחיטה קיין צויזמיר, האָבן מיר איבערגעלאָזן זייערע קינדער, — פינף יינגלעך, נישט עלטער פון זעקס יאָר.

האָט מען מיך געמסרט און עס זענען געקומען די מערדער אַרויסנעמען די קינדער. איך בין אויף די קני געפאַלן, געוויינט — מיט'ן צלם אין האַנט געבעטן. האָט מען מיך אָפּגעשטופּט, זיך אויסגעלאַכט און געסטראַשעט מיך אויך צו דערשיסן.

און די קינדער? מען האָט זי דערשאָסן דאָ אויפ'ן אָרט — איינער נאָך איינעם, מלאכים'לעך טייערע...

און עס קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן דאָס שטימעלע פון אַ זעקס־יאָריק יינגעלע, וועלכער איז געשטאַ־נען פאַר אַן עס־עס מאַן אויף די קני און זיך געבעטן מיט צונויפגעלייגטע הענטלעך:

„ניעך פּאַן מניע ניע זאַביאַ, — כ'צע יעשטשע זשיטש" („זאָל מיך דער הער ניט טויטן, איך וויל נאָך לעבן"). אָבער דער „הער" האָט געשאָסן און דאָס קינד איז געפאַלן.

די געשענדעטע מצבה פון שיינדל שפּיגל, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן נאָך דער באַפרייאונג.

ווען דער גלח האָט געפילט, אַז עס ווערט מיר קאַלט, אַז אָט־אָט פאַרליר איך מיינע חושים. איך שפּאַר אָן מיין קאָפּ אָן דעם אייזערנעם שטאַכעט און צעכליפּע זיך. דער גלח גלעט מיך איבער דער פּלייצע.

אַביסל זיך באַרואיקט. בעט איך דעם גלח אַריינשרייבן זיין נאָמען אין מיין נאָטיץ־ביכל. שרייבט ער אַריין: „קסיאָנדז־פּרעלאַט יאַן רוטקאָווסקי פון דער קירכע אונטער העכסטן רוף פון יעזוס׳עס האַרץ" (דאָס איז דער נאָמען פון קאָשטשיאָל).

איך זעגן זיך אינגאַנצן אַ צעבראָכענער מיט׳ן גלח רוטקאָווסקי און פאַר צום פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די אַלטע הילצערנע שול, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט צען יאָר פריער, איידער קאָלומבוס האָט אַנדעקט אַמעריקע.

זי איז געווען באַמאָלט מיט הונדערטער בילדער פון תנ״ך און באַהאַנגען מיט צענדליקער שווערע קופּערנע מנורות.

ערגעץ־ווו איז דאָ געשטאַנען דער אַלטער בית־המדרש. אַ גרויסער בעל־מנגן, ר׳ עקיבא מושקעס ע״ה, איז געווען חזן.

גיט זיך מיין געדאַנק אַ וואָרף אַריבער אין ווייטן ריאָ דע זשאַנעיראָ, ווו ר׳ עקיבא׳ס טאָכטער בלומע מיט איר מאַן ישראל סאָאובעל זענען איצט פון צווישן די פירנדע פּערזענליכקייטן אין בראַזיליאַנער יידנטום, — און אין זייער פּראַכטפולער שטוב זענען זיי די מכניסי אורחים פון אונדז אַלעמען, — די יידישע וואַנדערער. און דאָרט שטייט בלומע ביי דער פּיאַנאָ און זינגט נאָך איצט ניגונים, — ווייטע גלגולים פון אָסטראָווצער חזן, איר אַלטן טאַטן.

די יידישע קהילה אין אסטראווצע נאך דער באפרייאונג

הקהילה היהודית באוסטרובצה אחרי השחרור

אמנון אייזנשטאַדט

א באַזוך אין דער חרוב־געוואָרענער היים

הונדערט און דריי און זעכציק קילאָמעטער פון וואַרשע (דרייסיק מייל פון צויזמיר) צווישן דרילדזש און אַפּט פון איין זייט, און שיענבע און ניי־סלופּע פון דער אַנדערער זייט — געפינט זיך די שטאָט אָסטראָווצע.

קיין אָסטראָווצע קען מען היינט צופאָרן דירעקט מיט אַ מלוכהשן אויטאָבוס פון וואַרשע אין משך פון אַ פּאָר שעה פאַר אַ הונדערט און פופציק זלאָטעס (אין אַמעריקאַנער וואַלוטע אַן ערך אָנדערטהאַלבן דאָלאַר). איך האָב אָבער דעצידירט בעסער צו פאָרן מיט דער באַן טראָץ דעם וואָס מען דאַרף אין מיטן דער נאַכט איבערשטייגן אין סקאַרזשיסק צום ראָזוואַדאָווער צוג, וועלכער פירט אייך ערשט אַריין קיין אָסטראָווצע. געטאָן האָב איך עס צוליב פאַרשידענע מאָטיוון. ערשטנס, בין איך געווען נייגעריק ווי עס זעט אויס אַ באַן־רייזע אין איצטיקן טעכניזירנדיקן פּוילן, ווי כמעט אַלע צוגן־שלעפּנדיקע מאַשינען זענען נאָך אַלץ לאָקאָמאָטיוון געהייצטע מיט קוילן. צווייטנס, האָב איך בכוונהדיק אויסגערעכנט אַריינצוקומען קיין אָסטראָווצע פאַרטאָג, בכדי איך זאָל האָבן דעם גאַנצן טאָג צו מיין דיספּאָזיציע אויף צו דערלעדיקן מיינע ענינים און נישט דאַרפן איבערנעכטיקן. דריטנס, האָט מיך עפּעס אַן אינערלעכער אינסטינקט געשטויסן צו קויפן אַ באַן־בילעט און דווקא פאָרן מיטן צוג.

קען זיין, אַז דאָס איז געווען יענער געהיימער פאַרבאָרגענער דראַנג נאָכאַמאָל איבערצולעבן די געפּאַרפּולע מאָמענטן, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט אַלס „שגץ" צענדליקער מאָל זיך און אַנדערע געשמוגלט טאַקע אויף דער באַן־ליניע; עובר־געווען אַ דאָפּלטן גערמאַנישן „ייהרג ואל יעבור" — איינמאָל פאַר אַרויסגיין פון געטאָ, און ס'צווייטע מאָל פאַרן פאָרן אויף דער דאַמאָלסטיקער „גענעראַל־גאָווערנמענט" באַן, און נאָך דערצו אָן אַ „יידן־באַנד". און קען אויך זיין, אַז עס איז געווען אַ באַקרעפטיקונג פון דער פּסיכאָלאָגישער ווערסיע, אַז נישט נאָר דעם מערדער ציט צום אָרט פון פאַרברעכן, נאָר אויך דעם „קרבן" ציט צו זען דעם פּלאַץ ווו ער איז געפּייניקט געוואָרן.

יעדנפאַלס האָט זיך די בילעטן־פאַרקויפערן אויפן הויפּט־וואָקזאַל באַשטימט שטאַרק געוווּנדערט אויפן אויסלענדער, וואָס גייט אַזוי „בורזשואַז" אָנגעטאָן, באַהאָנגען מיט „קאָמעראַס" און פאַרלאַנגט אַ בילעט דריטע קלאַס קיין אָסטראָוויעץ־שווינטאָקזשיסקי.

— פאַניע — האָט זי מיך אפילו געפּרוּווט אויפקלערן, אַוועקלייגענדיק די פּרימיטיווע „ליטשידלע" (רעכן־קעסטל) פון דער האַנט — עס וועט אייך אפשר זיין באַקוועמער צו פאָרן ערשטע קלאַס, ווייל ווי איר ווייסט זענען איצט די צוגן געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע פאָרן אַהיים אויף „וויעלקאַנאָץ" (פּסחא).

— הערלעכן דאַנק אייך — האָב איך העפלעך געענטפערט — ענגשאַפט איז פאַר מיר נישט קיין פּראָבלעם. כ'האָב גראָד ליב צו פאָרן מיט דער פּראָסטער מאַסע. ס'איז היימלעכער און מען קען אויסרעדן אַ וואָרט...

אַרום חצות האָבן מיר פאַרלאָזן וואַרשע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייפט נאָסטאַלגיש, און אַרויסהעשענדיק כמאַרעס פאַרע אָנגעהויבן צו פאָרן. קעגנאיבער מיר זיצן צוויי סטודנטן ערשט צוריקגעקומענע פון אַ וואַקאַציע אין ענגלאַנד. ווי עס ווייזט זיך אַרויס אין לויף פון אונדזער פאַרבונדענעם געשפּרעך, איז איינער פון זיי ־ער זון פון באַרימטסטן פּוילישן כירורג, וואָס פאָרט אָפט קיין אויסלאַנד אויף אַדורכצופירן אָפּעראַציעס און איז דעריבער מאַטעריעליש גוט סיטואירט. דער צווייטער איז אַ יוריסטס אַ זון און שטודירט שוין אַליין אויך אויף אַדוואָקאַטור. דער ערשטער איז אַ טונקל־הויטיקער מיט אַ סעמיטיש געזיכט און אָדלערדיקע נאָז. אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט איבערצייג איך מיך באַלד, אַז זיין אויסזען איז נישט מער ווי אַ קאַפּריזנע צופעליקייט. דער יונגער פּאָלאַק איז אַ כשערער אַריער און חושד זיין אים אין יידישער אָפּשטאַמונג איז ווי דאָס פּוילישע פאָלקס־ווערטל זאָגט: „אַ טרוים פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ".

כאָטש איך ווייס, אַז עס איז לאָגיש כמעט אוממעגלעך עס זאָלן זיך ערגעץ ווו געפינען אַ ייד, פונדעסטוועגן וואַנדערט מיין בליק איבער די געזיכטער פון די אַרומזיצנדיקע — אפשר דאָך? פאָרן מיר דאָך איצטער אַדורך געגנטן, שטעט און שטעטלעך ווו עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע קאָמפּאַקטע פאַרצווייגטע יידישע ישובים: ראַדאָם, שידלאָווצע, וויערזשבניק, שוין זשע טאַקע איז אפילו קיין זכר נישט געבליבן פון דער אַמאָליקער יידישער באַפעלקערונג און איר טויזנטיאָריקן מי און מאַטער?

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום אָסטראָווצער ראַיאָן, אַלץ טרויעריקער ווערן מיינע רעיונות און אַלץ מער קומען מיר אויפן געדאַנק דורכגעלעבטע עפּיזאָדן פון דער קאָשמאַרפולער פאַרגאַנגענהייט אונטער דער נאַצישער

אָקופּאַציע צייט. בין איך שוין צופרידן פון דער מאָמענטאַלער פאַרלייכטערונג, וועלכע עס רופט ביי מיר אַרויס דער מאָנאָטאָנער אויסגעשריי פונם דורכלויפנדיקן קאָנדוקטאָר: סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ. פּאַסאַזשירן קיין סטראַכאָוויצע, אָסטראָוויעץ, סאַנדאָמיערזש, ראָזוואַדאָוו — דאָס פלוצלינגדיקע זיך פאַרלאַנגזאַמערן פון צוג; און אומשטייגן ביטע.

דער פּאַרטיזאַנער פארברעכערישער פּאַראַט

בכדי צו דערגרייכן די וואַרטנדיקע באַן פון דער ראָזוואַדאָווער ליניע, מוז מען צוערשט אַרויפגיין אויף אַן איבער די באַן־רעלסן אויפגעבויטע בריק און נאַכהער צוריק אַרונטערגיין אויף דער אַנדערער זייט, ווו עס שטייען די וואַרטנדיקע וואַגאָנען. קיין גרויסן באַגאַזש פיר איך דאָך ניט מיט זיך. ממילא אייל איך זיך נישט צופיל מיטן פאַרכאַפּן אַ זיץ־פּלאַץ. און עס אַרט מיך איבערהויפּט נישט ווען איך קען טאַקע שפּעטער אויסגעפינען אַן אָרט צום שטיין. דער צוועק פון מיין איצטיקער רייזע איז אַבסאָלוט נישט פיזישער קאָמפאָרט. אין אַ געווויסן זין בין איך אַפילו צופרידן, וואָס עס וועט מיר אויסקומען דעם לעצטן עטאַפּ פון מיין פאָרן קיין אָסטראָווצע אַדורכצומאַכן שטייענדיקערהייט. עפּעס פאָר איך דאָך איצט דורך די מזרחדיקע טעריטאָריע פון די סקאַרזשיסקער „פּיקרין״ פאַבריקן, ווו מיינע נאָנטסטע און טייערסטע האָבן אויסגעשוויצט זייערע לעצטע אַנגסטן אין שקלאַפּישע אַרבעט פאַר די נאַצישע משחיתים. פאָר איך דאָך איצט דורך איבערן שטח ווו טויזנטער פון מיינע שוועסטער און ברידער זענען אין געלע „פראַנקנשטיינס״ פאַרוואַנדלט געוואָרן, אויסהוסטנדיק זייערע פון שוועבל צעפרעסענע לונגען אין מוראדיקע שמערצן. טאָ איז וואָס אַז כ׳וועל מיך אַביסל קווען אַ צונויפגעפּרעסטער שטייענדיקערהייט? זאָל זיך מיר דאַכטן אַז איך פאָר דורך אַ בית־קברות־געביט פון געפאַלענע מאַרטירער און עלעהיי איך שטיי אויף אַכטונג פאַר זייער הייליקן אָנדענקונג.

אינדרויסן הייבט שוין אָן צו טאָגן. עס ווערן בולטער און הייבן זיך אַן באַווייזן פאַבריק געביידעס, רייכערנדיקע קוימענס, אויך ציגעלדיקע פאַרקאָפּטשעטע בנינים פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אַרומגעזוימט מיט גרינ־יאַדלענדיקע סאָסנע וועלדלעך. אַלץ אַרום איז אַזוי נאָר־

א הכשרה גרופּע פון חלוצים נאך דער באפרייאונג

קבוצת הכשרה משרידי השואה

מאַל אויסזעענדיק, אַזוי געמיטלעך רואיק, ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל גאָרנישט קיינעם קיין עוולה געשען. פונקט אַזוי אָפּנאַרעריש און אומשולדיק האָבן אַוודאי אויסגעזען די פּאַרמאַסקירטע גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע, אַרום וועלכע די „נעטע" דייטשן האָבן דופּטיקע בלומען געפלאַנצט.

נישט ווייט אַוועק שאָטנט זיך אויפן האָריזאָנט דער קיניווער וואַלד. דרייצן בחורים און איין מיידל (דאָראַ דעם וויינשענקערס), די „שמנה וסלתה" פון דער אָסטראָווער געטאָ־יוגנט, האָט דאָ אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער קרייז־קאָמאַנדע פון א. ק. („אַרמיא קראַיאָוואַ") און זיך מאָביליזירט צום אונטערערדישן פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די פעלקער־מערדער. דער ראַיאָן־שטאַב פון דער „לאַנדעס־אַרמע" האָט די בונטאַרישע יוגנטלעכע אָנגענומען אין זייערע רייען און סטאַציאָנירט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע קעמפער אין די געהיימע זשעמליאַנקעס פון קינעווער וואַלד.

דערהויבן זענען געוואָרן די ווידערשטאַנדס־געפילן צווישן יונגן דור אין אָסטראָווצער געטאָ פונם באַוווסטזיין, אַז אַ פאָרפּאָסטן פון אונדזער יוגנט געפינט זיך שוין אין וואַלד אַלס נקמה־נעמער פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט. כאָטש דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז און יעדן טאָג האָט מען דערוואַרט די ענטגילטיקע אויסזידלונג פון געטאָ, איז עס דאָך געווען אַ באַלזאַמירנדיקע דערלייכטערונג צו וויסן, אַז אָסטראָווצער יינגלעך זענען געוואָרן די „גואלי הדם" אין די שכנישע בערג און וועלדער, צונישט־מאַכנדיק די דערנידערנדיקע לעגענדע, אַז יידן זענען נאָר פעאיק צו זיין פּראָפּעסיאָנעלע, גוט־וויליקע שטאַרבערס און אויפוועקנדיק אַ האָפנונג, אַז אפשר וועט נאָך געלונגען אַרויסצוראַטעווען אין וואַלד אַריין די שטעטל'שע יוגנט, ווו זיי וועלן ווערן דער אַוואַנגאַרד פון אונדזער געליטן פאָלק אין זיין קאַמף מיט געווער אין דער האַנט קעגן די נידערטרעכטיקע פאַרטיליקער פון אונדזער נאַציע.

אין אָנבליק פון דער אומפאַרמיידלעכער ליקווידאַציע האָט זיך אין געטאָ אָנגעפאַנגען אַ פיבערהאַפטע מאָביליזאַציע פון וואַלד־גייערס. הונדערטער האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק, שטעלנדיק זייערע לעבנס אין רשות פון דער גרויסער אידייע: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט" (גרויס געוואַגטקייט האָט אין יענער



פאַרוואַלטונג פון ״איחוד״ אין אָסטראָווצע

ועד סניף ״איחוד״ שהקיף כל הארגונים

צייט אַרויסגעוויזן אַברהמעלע וויינבערג פון דער שיענגער גאַס, מיט זיין אומדערשראָקענעם איינקויף פון וואָפן, וועלכן ער האָט אָפּגעהאַנדלט אפילו פון דייטשע „ווער־מאַכטלער״).

מיט אומגעדולד האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון הייליקער קאָנספּיראַציע זיך געגרייט, געוואַרט אויף אַ צייכן פון דער ערשטער, אַרויסגעגאַנגענער גרופּע, אַז דער וועג איז פריי און די צווייטע פיל גרעסערע פאַרטיע קען נאָכקומען.

און דער צייכן האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. שלמהלע צוויגמאַן (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק פון שלעכטער בלוט־צירקולאַציע צוליב אָפּטע עפּענונגען פון די ווונדן), האָט אים געבראַכט. אַ בלוטיקן „קין־צייכן״ פון העסלעכסטן, הימל־שרייענדיקן ברודערמאָרד.

צוויי ביינאַכט האָט שלמהלע אַ פאַרוווּנדעטער זיך קוים צוריק דערשלעפּט אין געטאָ אַריין, דורכגעשאָסן אין דער באַק, האַנט און בויך פון גראַנאַטן־שפּליטערן און מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין דערציילט:

„קיינער לעבט נישט מער פון די וואָס זענען מיט מיר אין וואַלד געווען. נישט אין שלאַכט מיט די דייטשן זענען זיי געפאַלן, נאָר דערהרגעט געוואָרן אויפן בעסטיאַ־לישסטן אופן, דורכגעזיפּט געוואָרן מיט קוילן פון מאַשינען־ביקסן, צעפּערטלט מיט גראַנאַטן זענען זיי געוואָרן, דורך די אייגענע אַזוי גערופענע „געווער־קאַמעראַדן״, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען אין בשותפותדיקן פרייהייטס־קאַמף געזאָלט אַרויס. אין נחמן אַלמאַנס שטיבל אין דער וואַגאָנען פאַבריק איז דאַן שלמהלע צוויגמאַן געלעגן אַ קרעכצנדיקער אונטערן געניטן פעלדשערס האַנט, וואָס האָט זיך באַמיט די פאַרזינקענע שפּליטערן פון אים אַרויסצוקריגן, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן. צווישן איין באַנדאַזש און צווייטן האָט דער פאַרוווּנדעטער צוויג־מאַן איבערגעגעבן די דאַנטעאישע סצענעס, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן אין די קיניוווער בערג.

צוערשט האָבן זיי ביי אונדז די פאַרטיזאַנער שבועה גענומען ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן אָקופּאַנט צו קעמפן. נאָכהער האָבן זיי אונדז מיט לעקעך און בראָנפן מכבד געווען, מיר זאָלן גאָרנישט פאַרדעכטיקן און אונדז אָפיציעל גראַטולירט פאַר דער העלדישער דעציזיע אַרויסצוטרעטן מיט וואָפן קעגן דייטשישן שונא. שפּעטער ערשט האָבן זיי, אין נאָמען פון קאַפּיטאַן, צוגענומען אונד־זערע מיט אַזויפיל מסירת נפש פאַרשאַפענע רעוואָלווערן מכלומרשט פעסטצושטעלן זייער טויגלעכקייט און אונדז געהייסן אַריינגיין אין די ערדשטיבלעך און וואַרטן.

לאַנג האָבן מיר אָבער נישט באַדאַרפט וואַרטן. נאָכן אויסנאַרן אונדזער געווער האָבן זיי אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געעפנט אויף אונדז אַ מבולדיק קרייץ־פייער פון אויטאָמאַטיש געווער און גראַנאַטן. איינער אויפן צווייטן זענען מיר געפאַלן אין קאַלוזשעס בלוט,

מבולבלדיקע פון דעם פאַרעטערישן אַקט פון געמיינסטן ברודער־מאָרד. זאַלפן פון קוילן־כעריעס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט לעצטע שמע־ישראלס און זיך איינגעשטילט צוזאַמען מיטן גסיסה־כאָרכל פון די אָפּשטאַרבנדיקע.

ווען כ׳האָב צוריקבאַקומען דאָס באַוווסטזיין איז שוין געווען פינצטער. אין איינגבליק האָב איך זיך אַפילו נישט אָריענטירט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער באַלד האָב איך אין דער פולער מאָס באַגריפן די גאַנצע שוידערלעכקייט פונם געשעעניש. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרויסדראַפּען פון צווישן די נאָך וואַרעמע קערפּערס פון מיינע דערהרגעטע חברים. איך ווייס נישט מיט וועלכע קרעפטן עס איז מיר געלונגען דורכצופויזן די צען קילאָמעטער צוריק אין געטאָ אַריין. איך צו וואָרענען מער קיין מענטשן אין וואַלד אַריין נישט צו שיקן...”

און מער האָט מען טאַקע קיין מענטשן אין וואַלד אַריין נישט אַרויסגעשיקט. די פּראָוואָקאַטאָרישע אויפפירונג פון די קינעווער „פרייהייטס־פּאַטריאָטן” האָט דערשטיקט די לעצטע מעגלעכקייט פאַר די געוואַגסטע אין אָסטראָווצע, וועלכע האָבן זיך צום קאַמף געריסן און זענען אַזוי עקלהאַפטיק פאַרעטעריש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אייגענע אונטערגרונט סאָלדאַטן, וואָס זענען אַליין געווען אָסטראָווצער געבוירענע.

וואָס אַן אמת, האָט די נאָכמלחמהדיקע פּוילישע פּראָקוראַטור — אַ דאַנק דער העלדישער איניציאַטיוו און עדות־זאָגן פון לייביש ראָזנבלאַט (איצט אַ טאָראָנטער תושב), וועלכער האָט ממש מפקיר געווען זיין לעבן צושטעלנדיק באַווייזן — געכאַפּט און פאַראורטיילט דריי פון די פאַרברעכער. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען נאָכן קיעלצער פּאָגראָם, טאַקע אין קיעלץ גופא. און די באַנדיטן נאָוואַק און באַלאַרסקי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער דריטער רוצח פּעזשינסקי — צו אַ תפיסה־שטראָף פון פופצן יאָר.

אָבער די גרופּע פון אין גרוילן אומגעבראַכטע גבורים איז שוין מער קיינער נישט פעאיק געווען מחיה־מתים צו זיין...

דאַכט זיך מיר איצט אויס, בשעת איך שטיי אַזוי צוגעפּרעסט צום וואַגאָן־פענצטער און קוק אַרויס אויפן שאַריענדיקן טאָג, ווי עס וואָלט צו מיר דורכן רעדערגעלויף פון די וואַגאָנען טראַנסמיטירט געוואָרן אַ הזכרהדיקער עכאָ פון די קינעווער בערגס אָפּהילך. און איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דער געוויי פון לאָקאָמאָטיוו האָט אין זיך אויסטערלישע ענלעכקייטן צו יענעם לעצטן הילפלאָזן אויסגעשריי פון מיינע העראָאישע חברים, חנן שערמאַן, מאיר קודלאָוויטש, לייביש וואַרטסמאַן, קלמן גרינבערג, מאָטל וויינשטאָק, דוד גרויסקאָפּ, אלימלך בראַפּמאַן, נאַשעלסקי, און אַנדערע, וועמענס אַגאָניש זיפצן האָבן זיך באַשטימט אַזוי בהדרגהדיק געמוזט אויסלעשן, ווי עס פאַרלאַנגזאַמט זיך איצט סיסטעמאַטיש דער קרעכץ פון מיין פּאַסאַזשיר צוג, וואָס פאַרהאַלט זיך אין פּראָנט פון אָסטראָווצער רייטן וואָקזאַל, קעגנאיבער אַ שילד מיט שוואַרץ־ווייסע קידוש־לבנה אותיות: אָסטראָוויעץ־שווענטאָקזשיסקי.

יעדער שפּאַן דערוועקט זכרונות

דאָס לעצטע מאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דעם וואָקזאַל מיט פופצן יאָר צוריק. עס איז דאַן געווען נאָכן צוריקקומען פון מיינע וואַגאַבונדישע וואַנדערונגען אַלס אַריער אויף פּוילישע דאָקומענטן וועלכע עס האָט מיר אויסגעאַרבעט לוטעק אייזן ע״ה, דער קאָנינער געאַכטעטער כלל־טוער. דער עסקן בצרכי ציבור באמונה האָט מיר דורך זיינע פאַרבינדונגען פאַרשאַפט אַ קריסטלעכע קענקאַרטע און איז אַליין שפּעטער נפטר געוואָרן אין אָסטראָווצער געטאָ אַן אָנגעשטעקטער מיט פלעקן־טיפוס, וועלכן ער האָט באַקומען אַרומוואַנדערנדיק צווישן זיינע אַרויסגעטריבענע לאַנדסלייט, מיטן צוועק זיי צו העלפן מיט וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך. (אַ קרבן פון דער זעלבער ספּעציפישער געטאָ־מחלה, פון פלעקן־טיפוס, איז אויך געווען דער אַנדערער גוט באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן פון קאָנין, חיים פּיעקאַרטשיק — לוטעק אייזנס אַן אינטימער פריינט).

אַ פּאָר צענדליק צוריקגעקומענע יידן האָבן זיך דאַן פאַרזאַמלט אין לאָקאַל פון פּראָוויזאָרישן יידישן קאָמיטעט אין טומאה־געסל, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט אהרן פרידנטאַל. טייל פון די צוריקגעקערטע האָבן זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט דער פאַנטאַזיע אָפּצושאָקלען פון זיך דאָס אַש און זיך ווידער נעמען אויפצובויען אַ לעבן. זענען געקומען פאַרברעכערישע, אונטערוועלטישע יידן־האַסער און מיט רעוואָלווער־קוילן איבערגעהאַקט די לעבנס פון די, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען פון היטלערס גאַז־קאַמערן, צעברעקלענדיק די לעצטע אילוזיע פונעם ווידעראַמאָל זיך איינאָרדנען אין דער געוועזענער היימשטאָט (צווישן די שיין נאָכמלחמהדיקע קרבנות זענען געווען: חייקע שפּיגל, דעם אייזן־סוחרס טאָכטער; פּייטשע קראַנגאָלד און דער זיבעצן־יאָריקער בן־יחיד ישראל לייביש לוסטיק, וועמענס פאָטער, יעקב לוסטיק, איז באַלד נישט לאַנג דערנאָך אויך אָפּגעשטאָרבן פון גרויס צער).

אָט די אַלע טרויעריקע דעראינערונגען קומען מיר

אין קאָפּ אַריין גראָד איצט ווען כ׳גיי צופוס אין שטאָט אַריין פון דער אָנגעקומענער באַן, לענגאויס דעם רויט־ציגלנעם פּאַרקן פון דער אָסטראָווצער וואַגאָנען־פּאַבריק. אָט דאָ אונטער דער פאַרצוימטער מויער איז דערשאָסן געוואָרן מיין טאַלאַנטירטער שול־חבר פון וואַרשעווער מלוכהשן לערער־סעמינאַר — דער פּאָעט משה גוטמאַן, וועלכער וואָלט באַשטימט אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע דיכטער אין דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע. אויף יענער זייט פּאַרקן האָבן זיך געפונען די באַראַקן אין וועלכע עס זענען קאָשאַרירט געווען די סעלעקטירטע, אַרבעטס־פעאיקע, דערווייל נאָך עקספּלאָאַטירבאַרע יידן. ווי אַן אומגלויבלעך מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט, זעט מיר היינט אויס דער פאַקט, אַז אין 1943, אין אָנבליק פון אונטערגאַנג און פורעניותדיקן חורבן, איז נאָך אין איין באַראַק אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אומלעגאַלע הערצל אַקאַדעמיע, אויף וועלכער עס איז אַפילו אויפגעטראָטן אַן אָרגאַניזירטער מוזיקאַלישער קוואַרטעט אין באַשטאַנד פונם האַרציקן ווינער יידישן דאָקטאָר פעקער „טשעלאָ״ (געפינט זיך היינט־צו־טאָג צוריק אין ווין), סעווערין פּיעטרושקאַ, דיריגענט פונם לאָדזשער פילהאַרמאָניע אָרקעסטער — ערשטע פידל; בייגלמאַן — צווייטע פידל; און מיצמאַכער — דריטע פידל. קען זיך עמיצער פאָרשטעלן די באַדייטונג פון יענע אויפמונטערנדיקע „התקוה״־קלאַנגען פאַר די פאַרשפּאַרטע לאַגערניקעס אונטער דער נאָז פון יענע היטלעריסטישע ווערק־שוץ.

יעדער שפּאַן נענטער צו די אַלייען רופט אַרויס זכרונות, וואָס וועקן זיך אויף מיט אַזאַ בילדלעכע בולטקייט, ווי ערשט נעכטן האָט עס פּאַסירט. דערמאָן איך זיך ווי מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק בין איך דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אָסטראָווצע אין אַ גאַנץ אַנדערער שטימונג. איך בין דאַן, אַלס דעם רבינס בן־יחידל, מיטגעפאָרן מיט מיין פאָטער אַדמו״ר הרב אלכסנדר זושא אייזנשטאַדט הי״ד, וועלכער איז אויף דער איינלאַדונג פון זיינע חסידים געפאָרן פירן „טיש״ אין אָסטראָווצער בית־מדרש. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן יענע דערהויבענע גייסטיקע מאָמענטן, ווען דער אַלטער אָסטראָווצער צדיק, ר׳ מאיר יחיאל האַלשטאָק ז״ל, און מיין פאָטער, האָבן צוזאַמען אַ שלוש סעודות געפירט, תורה געזאָגט, און באַגייסטערט דעם טויזנט־קעפּיקן עולם מיט דער וווּנדערבאַרקייט פון חסידישער נגינה.

איצט אָבער גיי איך איינער אַליין אין אַ שבעה־שטימונג און מיט יעדן טריט ווייטער הויערט אויף מיר אַלץ מער און מער אַ דערדריקנדיקע אבילות פונם בלויזן באַוווּסטזיין, אַז עס קען אַמאָל זיין, אַז איך גיי אפשר אין די גענויע פוס־טריט פון מיינע אומגליקלעכע הייליקע טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען אויפן זעלבן וועג, נאָר אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג, געטריבן געוואָרן מיט נאַגייקעס צו זייער לעצטער רייזע קיין טרעבלינקע אין די אויסגעכלאָרקטע פּי־וואַגאָנעס.

באַמי איך זיך צו באַהערשן אַ פּלוצלינגדיקן אימפּולס, וואָס דיקטירט מיר די שיך אויסצוטאָן און באָרוועסערהייט אַריינצוגיין אין שטאָט. שטאַרק איך זיך נישט מיטגעריסן צו ווערן פונעם צודרינגלעכן געפיל וואָס עקבערט אין מיר: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא״...

אויף די אַלעיעס (די „פינפטע עוועניו״ פון אַמאָליקן אָסטראָווצע) איז פרימאַרגנדיק שטיל. אָבער מען זעט שוין גרופּקעלעך פון אַרבעטער שטיין אויף די ראָגן און וואַרטן אויף די אויטאָבוסן, וואָס קומען זיי אויפנעמען און אַוועקפירן צו די ווייטער־אַוועק ליגנדיקע אָפּטיילונגען פון די אָסטראָווצער זאַקלאַדן. ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק זעט מען אַהיימגייענדיקע אַרבעטער פון דער נאַכט־שיכט. מען קאָן זיי דערקענען אין די צוויי קילאָדיקע רונדיקע לאַבנס ברויט, וועלכע זיי טראָגן פונקט ווי אַמאָל אונטערן אָרעם. ווי אין די אַלטע פאַר די קריג־צייטן פאָרן אויך אַסאַך אַרבעטער אַהיים אויף ראָווערן. אין אַלגעמיין האָט אָסטראָווצע אין דעם טייל שטאָט פיל זיך נישט געענדערט. אַביסל ווייטער געפין איך אויס, אַז דער רעדער־פּאַרקער דורך די אַלייען צום מאַרק איז אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן, ווייל מען האָט צענומען די אַלטע האָלצערנע בריק איבער דער קאַמיענגע, אויף וועמענס אָרט דער שטאָטראַט וועט איצט אויפבויען אַ פיל שטאַרקערע און באַקוועמערע בריק, אַז אפילו די שווערסטע טראַקטאָרן און לאָקאָמאָציע־מאַשינען וועלן אָן שום געפאַר קענען דורכפאָרן. באַלד נאָך דער בריק, אויף דער רעכטער זייט, וווּ די שפּיגלס האָבן אַמאָל געהאַט זייער אייזן־אונטערנעמונג, געפינט זיך נאָך אַלץ דער אָסטראָווצער פאָרנעמסטער רעסטאָראַן, וווּ דער „יודנראַט״ פלעגט אויפנעמען די עס־עס׳ישע פּאַגראָמשטשיקעס פון דער קלימאַנטאָווער שטראָף־בריגאַדע און דורך די פיינסטע מאכלים און די טייערסטע ווײַנען ווירקן אויף די באַנדיטן, אַז זיי זאָלן פון זייערע ראַפּניקעס אָפּקייטלען די בלייערנע געוויכטן און שלאָגן מיט „רחמים״.

פאַרשווּנדן אַ יידישע שטאָט

אָנהייבנדיק פון די פּאַוואָרזשניקעס און אַרויף דורכן טומאה־געסל צום מאַרק צו, זענען מערסטנס געוועזענע יידישע געשעפטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּריוואַט־וווינונגען. אַנדערש זעט שוין אויס אויפן מאַרק אַליין, וווּ מען קאָן באַלד באַמערקן די פאָרגעקומענע ענדערונגען.

קודם כל איז דער גאַנצער מאַרק־שטח אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן מיט שטיינער־פּלאַטן און מאַכט איצט דעם איינדרוק פון אַן אַמפיטעאַטער מיט דער „הויכער צאָל” אַלס בינע־פּאָדיום.

אינמיטן מאַרק, קעגנאיבער דער אַפּטייק, אויפן פּראָמינענטסטן אָרט, שטייט איצט אַ דאַנקבאַרקייט־דענקמאָל פאַר דער באַפרייערישער רוסישער אַרמיי אין געשטאַלט פון אַ רויט־אַרמייאישן סאָלדאַט אין פולער באַוואָפענונג מיט אַ פאָן אין האַנט.

ווו קערבלס ביר־שענק איז אַמאָל געווען איז איצט פאַראַן אַ גרויסער קאָאָפּעראַטיווער שפּייז־מאַגאַזין, וועלכער פאַרטרעט איצט די צענדליקער יידישע „ספּאָזשיווטשע”־געוועלבלעך, וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען, האַנדלנדיק מערסטנס אויף קרעדיט ביז צו סוף־חודש.

פאַרשוווּנדן זענען די שלום־עליכם׳דיקע געסלעך פון דער „טילנע” און „זאַטילנע”. אויף זייער אָרט זענען אויפגעבויט געוואָרן גרויסע, מאָדערנע אַפּאַרטמענט־הייזער פאַר דער לאָקאַלער באַפעלקערונג. אויף דער קינעווער גאַס איז נישט צו באַמערקן קיין שום ראַדיקאַלע ענדערונגען חוץ דעם, וואָס דער אַמאָליקער יידישער בית־עולם אויפן באַרג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט־געפלעגטן גאָרטן, איבערלאָזנדיק קוים א שוואַכן שפּור פון זיין אַמאָליקן כאַראַקטער אַלס באַערדיקונגס־פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען הונדערטער היסטאָריש־זעלטענע מצבות פון יידישע פערזענלעכקייטן.

אויפן הינטערגרונט פון אַ נייער קירכע שטייען פאַרוקט אין אַ ווינקל אַ ביסל פאַרלאָזענע מצבות, ווי אַ טרויעריקער נישט אָנזעעוודיקער „מעמענטאָ” נאָכן יידישן אָסטראָווצע, וואָס איז פאַרשוווּנדן. פון הייליקן אָסטראָווצער צדיקס אוהל איז אפילו קיין סימן נישט געבליבן. אויסער דער אַלטע פירהונדערט יאָריקער בוים, וועלכער האָט מיט פענאָמענאַלער עקשנות זיך פאַרוווּרצלט אין געוועזענעם יידישן „גוטן־אָרט” און אויף צו להכעיס אַלעם פאָרגעקומענעם — גרינט ער נאָך אַלץ, טראָץ זיין טיפן עלטער.

ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס פאַרנעם איך זיך צו

דער אסטראווצער מארק־פלאץ ריין פון יידן

כיכר השוק בלי יהודים



דער שיעננער גאַס. אויך דאָ איז נישט צו זעען גרויסע שינויים. לעווקאָוויטשעס הויז שטייט נאָך אַלץ אין סאַמע צענטער שיעניעסקאַ, צווישן מאַרק און די בראָוואַרניע. נאָר אָנשטאָט די יידישע לאָקאַטאָרן פון וועלכע איך געדענק די אַלעקסאַדראָוויטשעס און די לאַנדאָס הי״ד, האָט דער „שליאַכעצקער גאָספּאָדאַזש״ איצט קריסטלעכע איינווינער, וואָס צאָלן מן הסתם דאָס דירה־געלט אין מאַגיסטראַט אַריין. אינדרויסן ביי זיין גרויסשטאָטישן בנין שטייט איינער פון די מיכאַנסקי ברידער, נישט צו עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט האַמער און זעג אין דער האַנט און רויכערט אַ ביליקן פּאַפּיראָס. דאָס איז דער זעלבער באַלעבאַטישער מיכאַנסקי, וואָס האָט יידן קיין שלעכטס נישט געטאָן, אָבער אין קיין פאַל נישט געלאָזן אַן אָרעמען ייד נעמען אַ וויאַדרע וואַסער פון זיין הויף־ברונעם...

פונקט קעגנאיבער איז נומער פיר־און־פופציק שיעננאַ גאַס. דאָס איז געווען דאָס הויז פון ר׳ אליעזר ברוקירער הי״ד, ווו עס זענען באַגראָבן מיין פאָטערס כתבים, וועלכע איך באַמי זיך איצט אויף אייגענער האַנט אַרויסבאַקומען.

וואָרט איך שוין מיט אומגעדולד דער מאַגיסטראַט זאָל זיך עפענען, איך זאָל קענען אינטערווענירן ביים פאָרזיצער פון שטאָטראַט וועגן א דערלויבניש און פּאָליציישע הילף אַריינצוגיין צו די נייע באַזיצער פונם באָדן, ווו די מאַנוסקריפטן זענען אין אַ האָלצערנעם קאַסטן באַהאַלטן אונטער דער פּאָדלאָגע פונם קליינעם אָפּיצינע הייזל אין אונטערשטן טייל הויף.

דערווייל איז נאָך נישט ניין אַזייגער, ווען עס הויבן זיך אָן די אָפיציעלע אַמט־שטונדן. גיי איך זיך אינצווישנצייט איבער אויף די אַמאָל היימישע גאַסן און באַמערק צום ביישפּיל, ווי „סאָקאָלס״ ספּאָרט־פּלאַץ איז פאַרבויט מיט שפּאָגל־נייע הייזלעך פון ווייסן קאָליר. אויף דער דרילדזשער גאַס — ווו עס איז פאָרגעקומען דער לעצטער אַקט פון דער געטאָ־דראַמע — שטייט נאָך אַלץ די „יודנראַט״ געביידע, אַן אויפגעפרישטע, מיט אַ רויט ווייסן אויפשריפט: דאָ געפינט זיך איצט די שטאָטישע, אינדוסטריעלע מיטלשול. דערנעבן דערקען איך קאַנטאָרס אַמאָליקן פריזיר־אַנשטאַלט — אַן אָפּגעלאָזענער מיט פאַרהאַקטע לאָדנס.

ווי אַנדערש זעען איצט אויס אין מיינע אויגן די שטילע מיט שפּיציקע שטיינער ברוקירטע געסלעך, ווו עס האָט אַמאָל געווימלט מיט קאָלירפול יידיש לעבן.

אַכט טויזנט יידן האָבן זיך דאָ געפונען ווען די מערדערישע באַצווינגער זענען אַריין קיין אָסטראָווצע; צען טויזנט יידן אין 1940, עלף טויזנט, צוזאַמען מיט די אַרייגעיאָגטע, אין 1941. די זיבצן טויזנט יידן וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אין 1942, זענען דעם 12־טן אָקטאָבער פונם זעלבן יאָר, אויסגעזידלט געוואָרן קיין טרעבלינקע, אונטער דער זאָרגלאָזער אויפזיכט פון די באַרימטע מאָרדמאַניאַקס: פיטער און ברונאָ, ביי דער מיטהילף פון די גירוש פּראָפעסיאָנאַלן: לאַנגער און ווילער פון דער „שוץ־פּאָליציי״ שוין נישט־רעדנדיק פון אַזעלכע נידערטרעכטיקע טיפּן פון דער „גראַנאַטענער פּאָליציי״, ווי: קאָטשמאַרעק, וועלכע האָבן ווי היענעס נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט זיי זאָלן קענען רויבן די געבליבענע רעשטלעך פון יידישן האָב און גוטס.

אין דער צייט ווען די אויבנדערמאָנטע וואַמפּירן האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דורכפירונג פון די ליקווידאַציע אַקציעס — איז אין מאַגיסטראַט געזעסן אַ ספּעציעל פון בערלין דעלעגירטער רייכס־דייטש מיטן נאָמען מאַטשאָל. אין דעם אַמט פון שטאָט־קאָמיסאַר איבער אָסטראָווצע. דער דאָזיקער מיטל־יאָריקער־יונקער, ציוויל אָנגעטאָן אין אַ ווייכן פילצענעם קאַפעלוש מיט די אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן און אויסגעפרעסענעם קיילעכדיקן פּרצוף — איז אין דער אמתן געווען דער טעאָרעטישער, טיראַנישער צוגרייטער פון אַלע גירושים, וועלכע ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פובליצירן אויף גרויסע אַרויסגעקלעפּטע אַפישן, אונטערגעחתמעט מיט זיין אָפיציעלן טיטל אַלס קאָמיסאַר פון דער שטאָט.

איך זוך מיין פאָטערס כתבים

זיץ איך איצט אין מאַטשאָלס קאַבינעט, וואָס איז היינט צו טאָג צוריק דאָס אַרבעטס־ביוראָ פונם פאָרזיצענדן פון אָסטראָווצער שטאָטראַט. אַ הויכער, אַן ערנסטער, מיט אַן איידל געזיכט איז ער צו מיר אַרויסגעקומען פון אינמיטן אַ פאָרקומענדיקער קאָנפערענץ, דערפאַרנדיק אַז כ׳בין אַ קאַנאַדער טוריסט און מיין פאָטער איז געווען דער אין אָסטראָווצער רעזידירנדיקער „סאַנדאָמיעזשער ראַבין״.

וואָס אַן אמת קווענקלט ער זיך אַביסל אין אָנהייב, נישט־וויסנדיק אין פאַרלעגנהייט ווי צו רעאַגירן אויף מיין פאַרלאַנג, ער זאָל מיר צוהעלפן אויסגראָבן דעם באַהאַלטענעם קאַסטן שריפטן. אָבער ווען איך דערקלער אים, אַז עס זענען אין קאַסטן נישט פאַראַן קיין שום מאַטעריעלע ווערטפולקייטן, נאָר מאַנוסקריפטן פון רעליגיעזן אינהאַלט, און אפשר גאָר טעגלעכע פאַרצייכענונגען פון דער אָקופּאַנטן־תקופה, אַ שטייגער ווי דודל ראַבינאָוויטשעס העפטן — טעלעפאָנירט ער מאָמענטאַל צום קאָמיסאַר פון דער שטאָטישער פאָלקס־מיליץ אויף די אַלייען און פאַראָרדנט מיר צו געבן עטלעכע מיליציאָנערן, וואָס זאָלן נישט בלויז האַלטן אָרדנונג און פונאַנדעריאָגן נייגעריקע, נאָר אויך טאַקע מיט לאָפּאַטעס אין די הענט העלפן גראָבן.

ליידער אָבער האָט מען כמעט גאָרנישט באַוויזן צו

דאָך גלייך צוגעטראָפן צום פּלאַץ, ווו איך האָב עס מיט די אייגענע הענט אין 1942 געהאָלפן באַגראָבן. די ווייכע דורכגעזיפּטע ערד אין וועלכע די לאַפּאַטעס זענען געזונקען אָן שום שוועריקייט, האָט שוין אָבער געהאַט אַלע סימ־ געפינען. נישט צוליבן נישט־וויסן ווו דאָס באַהעלטעניש

דער קבר פון ערשטן יידישן קרבן (באצייכנט דורכן שטעקן) נעבן דעם קבר פון די לעצטע יידישע קרבנות וואס זענען דערמארדעט געווארן דורך פּאלאקן אין אסטראווצע אין ינואר 1945.

הקבר של הקרבן היהודי הראשון בגיטו (מסומן על ידי המקל) ליד קבר האחים של הקרבנות האחרונים, שנרצחו על ידי הפולנים בינואר 1945.



באלקא גערטנער
דערמארדעט געווארן
אין קעלצער פאגראם
נאך דער באפרייאונג

באלקה גרטנר, נרצחה
בפרעות קילץ
אחרי השחרור

אָרט איז געווען. כאָטש דאָס קליינע הייזל אין אונטער־שטן הויף איז געווען צענומען ביזן פונדאַמענט, האָב איך נים, אַז עמיצער האָט זיך שוין דאָ מטריח געווען פאַר אונדז, זוכנדיק ווערט־זאַכן און געפינענדיק אַ פּנים באַ־שריבענע יידישע בלעטלעך, מיט אַנטוישונג זיי אַרויס־געוואָרפן.

פאָטאָגראַפיר איך די מיליציאַנערן אין אָנדענק פון זייער אָנטיילנעמען אין דער זוך־עקספּעדיציע, און בלית ברירה שטעל איך זיך צופרידן מיט מיין געפונענער געלער „יודן־קאַרטע”, אַ ביסל בילדער, עטלעכע מיט בלייפעדער געשריבענע נאָטיצן פון מיין פאָטער זצ״ל, און אַ קליין פּעקל שריפטן, וועלכע מיר נעמען אַרונטער פון אונטער אַ שיכט ליים אויפן קאַכליענעם אויוון אין געוועזענעם עס־צימער פון ר׳ אליעזר ברוקירער (אָפּגעזאָגט זיך צו גיין אין די וואַגאָנען אַריין און דערשאָסן געוואָרן פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד).

צווישן די קוים־לעזבאַרע ווערטער פון מיין פאָטערס אָפּגעריבענע האַנטשריפט דערקען איך און לייען אַ פלאַסטישן פראַגמענט פון אַ נישט־פאַרענדיקטן העברע־אישן געטאָ־שיר: „מיין הארץ איז אין הארפע פון ביטערן פיין; מיין נשמה פול עלנדע קלאַנגען”.

דאָס איז טאַקע דער גייסטיקער צושטאַנד אין וועלכן כגעפין זיך. דאָס איז טאַקע די טרעפלעכסטע באַצייכנונג פאַר מיין איובדיקער שטימונג, אין וועלכער איך פאָר צוריק קיין וואַרשע.

מאיר בלאנקמאַן

וועגן די געשענדעטע יידישע בתי־עולמין אין פולין

מיט אַ קורצער צייט צוריק בין איך געקומען קיין פּוילן נאָך אַן אַפּוועזנהייט פון העכער זעקס יאָר, בעת וועלכע כ׳בין געווען נע־ונד און פאַרטריבן ווייט פון מיין ליבער היים.

ווי נאָר כ׳האָב געשטעלט אַ פוס אויף דער פּוילישער ערד, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין הייליקן חוב אַראָפּ־צופאָרן אין מיין היים־שטעטל אָסטראָווצע, כדי זיך דער־וויסן וועגן גורל פון מיינע נאָענטע און טייערע, וועלכע זענען דאָרט פאַרבליבן נאָך מיין פאַרלאָזן פּוילן בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

צו מיין גרויסן צער און ווייטיק האָב איך זיך דער־ווּסט, אַז פון מיין גרויסער פאַרצווייגטער משפחה, פון אַלע מיינע קרובים, חברים, פריינט און באַקאַנטע — האָט זיך קיינער נישט אָפּגעראַטעוועט פון דער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע. אַלע זענען טראַגיש אומגעקומען אין די גרוילִיקע יאָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין פּוילן.

כ׳בין אַוועק אויף קבר־אבות אויפן יידישן בית־עלמין. כ׳האָב געוואָלט באַזוכן כאָטש די קברים פון מיינע נאָענטע און טייערע, וועלכע זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכען טויט נאָך פאַרן נאַצי־חורבן.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד: דער פאַרקאַן, וואָס האָט אַמאָל אַרומגעצוימט דאָס בית־עולם פון אַלע זייטן — איז צעשטערט און חרוב. אַסאַך מצבות — צעבראָכן און צעהאַקט אויף שטיקלעך.

דער געשענדעטער יידישער בית־הקברות אין אסטראווצע

בית הקברות המחולל

פון די פיל טויזנטער מצבות איז זייער ווייניק איבערגעבליבן. קי, ציגן און חזירים פּאַשען זיך פראַנק און פריי אויפן בית־עולם און קיינער שטערט זיי נישט. דאָס בית־עולם איז הפקר. דאָס ערגסטע איז, וואָס דאָס קליינע ביסל איבערגעבליבענע מצבות ווערט אויך צעשטערט, צעבראָכן, פאַראומרייניקט, פאַרשוועכט און געשענדעט דורך כוליגאַנעס.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָבן די דייטשן בעת דער אָקופּאַציע אַרויסגעריסן די מצבות פון די יידישע בית־עלמינס און מיט זיי אויסגעפּלאַסטערט די טראָטואַרן אין די גאַסן פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. איך אַליין האָב בעת מיין באַזוך אין אָסטראָווצע זיך אָנגעשטויסן אויף מצבות אויף די טראָטואַרן, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעשריגן די פיר־קאַנטיקע יידישע אותיות מיטן טראַדיציאָנעלן „פ״נ״ בראש... עס דראָט אַ געפאַר, אַז גאָר אינגיכן וועט דער בית־עלמין אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן און ס׳וועט פון אים קיין זכר נישט בלייבן!

איך האָב באַשלאָסן צו אינטערווענירן וועגן דאָזיקן פּיינלעכן ענין, וועלכער האָט מיך נישט געלאָזט רוען און שטאַרק געדריקט אויף מיין געוויסן. איך בין אַוועק אין מאַגיסטראַט צום שטאָט־פּרעזידענט, ה׳ בושקאָ. איך האָב אויפגעקלערט דעם פּרעזידענט, אַז יעדער בית־עולם אויף דער גאַנצער וועלט, פון וועלכן פאָלק עס זאָל נאָר נישט זיין — ווערט אָפּגעהיטן און רעספּעקטירט, און אַז ס׳איז זייער נישט שיין פאַרן נייעם פּוילן, אויב אין אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן און הפקרותדיקן מצב געפינען זיך די יידישע בית־עלמינס נאָך דער מלחמה...

דער שטאָט־פּרעזידענט, ה׳ בושקאָ, האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר מיין באַזאָרגטקייט צוליבן טרויעריקן מצב פון יידישן בית־עולם. ער האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג קאָן דאָ ווייניק וואָס העלפן. אַוועקשטעלן אַ נייעם פאַרקאַן אַרום דעם יידישן בית־עולם דאַרף אָפּקאָסטן אַ סאַך געלט, פּוילן איז רואינירט נאָך דער מלחמה און די מלוכה־קאַסע איז אויסגעליידיקט

פי פאשען זיך אויפן צעשטערטן בית־קברות

בית הקברות הפך למקום מרעה

און נישטאָ קיין געלט אויף די נויטיקסטע באַדערפענישן. דערצו איז די פוילישע יוגנט נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע שטאַרק דעמאָראַליזירט און זי צעשטערט דאָס און פאַרשווענכט די איבערגעבליבענע יידישע מצבות. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַוועקצושטעלן אַרום בית־עולם הילצערנע שילדלעך מיט וואָרנונגען, אַז ווער עס וועט צעברעכן מצבות אָדער פאַרשווענכן דעם בית־עולם, וועט ווערן שטרענג באַשטראָפט. צי ער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג ווייס איך נישט. איך האָב פאַרלאָזט דאָס יידן־ריינע אָסטראָווצע און אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע.

ווי ס׳גיבן מיר איבער יידן פון אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, הערשט אומעטום דער זעלבער טרויעריקער מצב. אַחוץ דעם גרויסן חילול הקודש, האָבן דאָך אונדזערע בית־עלמינס אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. אונדזערע בית־עלמינס — דאָס זענען שטיקער יידישע געשיכטע. דורות אויף דורות פון יידן, צווישן זיי פיל שרייבער, דיכטער, געלערנטע און קינסטלער, וועלכע האָבן געלעבט, געווירקט, געשאַפן און געשטאָרבן אויף דער דאָזיקער ערד.

איך מיין, אַז די יידישע געזעלשאַפט אומעטום, אונדזערע בריזער און שוועסטער אין דער גאָרער וועלט — טאָרן נישט בלייבן גלייכגילטיק און דאַרפן זיך גאָר ערנסט פאַראינטערעסירן מיט דער דאָזיקער אָנגעווייטיקטער פראַגע, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס וואָס ס׳לאָזט זיך נאָך, כל־זמן ס׳איז נישט צו שפּעט...



מרדכי רוזנבערג ז״ל

מיין טרייסט

מוזיק און ווערטער פון מרדכי רוזנברג (ראובן שפּילמאַנס אייניקל)
געשאַפן אין יאָר 1945.

ווען איך בין געווען אַ קינד
איז דאָס לעבן געווען זייער שיין
דערציייל איך אַ מעשה אַצינד
פון מיין אַלטער היים.

דער טאַטע האָט מיך אויף דער שויס געהאַלטן
און ציטערלעך מיך געגלעט
די מאַמע האָט אַ ליד געזונגען
און געלייגט מיך שלאָפן אין בעט.

היינט איז דאָרט מער קיינער!
עס זיינען מיר פרעמד די ערד און שטיינער!
עס איז מיר שלעכט און ביטער זייער
עס העלפט קיין קרעכץ קיין טרער.

ארץ, ארץ מיין
דו ביסט מיין גליק, דו ביסט מיין היים
טרויער, שרעק גייט אַוועק, אַלץ גייט פאַרביי
די ביסט מיין נשמה און מיין גייסט

ארץ ישראל
איך שטיי צו דיין באַפעל
דו ביסט מיין נשמה אין מיין גייסט
דו ביסט מיין איינציקע טרייסט.

געלאָפן זענען שיינע יאָרן
שיינע אָבער שנעל
געקומען זענען צייטן פון צאָרן
אין געמאַכט פון זיי אַ תל.

איך קען שוין מער נישט האַרציק לאַכן
דאָס לעבן האָט מער קיין צוועק
מיין גליק, מיין טרייסט, וואָס יעדער ווייסט
איז פון מיר אַוועק.

ווי ווילדע חיות האָבן זיי אונדז געפרעסן
אין מענטשליכע געפילן האָבן זיי פאַרגעסן
טאָג און נאַכט געלעבט אין שרעק
לאַנג אָן אַן עק — נאָר מיין טרייסט.

ארץ, ארץ מיין!
דו ביסט מיין גליק, דו ביסט מיין היים
טרויער, שרעק גייט אַוועק, אַלץ גייט פאַרביי
די מאַכסט מיין שווער האַרץ פריי.

ארץ ישראל
איך שטיי צו דיין באַפעל
דו ביסט מיין נשמה און מיין גייסט
דו ביזט מיין איינציקע טרייסט.

געלויכטן האָט איין שיינע זון
פון שלעכטס נישט געטראַכט
פלוצלינג איז זי אונטערגעגאַנגען
געבליבן איז די נאַכט.

מיינע געדאַנקען זענען טיף פאַרטראַכט
איז לויף איך זיך ביטאָג ביינאַכט.
איך וויין מיר שטיל ווען קיינער הערט
דער גורל האָט אַזוי באַשערט.

די גאַנצע וועלט איז גרויס און שיין
דאָך געפין איך מיר קיין אָרט
איך זוך מיין גליק, איך זוך מיין היים.
איך זוך אַ וואַרעם וואָרט.

אַרויס, אַרויס מיין
דו ביסט מיין גליק דו ביסט מיין היים
מוטער, שרעק גייט אַוועק, אַלץ גייט פאַרביי
דו מאַכסט מיין שווער האַרץ פריי.



דו"ח מפשעי הנאצים באוסטרובצה

גביית עדויות ע"י מפקח המשטרה — איתן (אוטו) ליף

דו"ח ביניים מס' 1

במשרדנו התיצבו המפורטים להלן, עדי ראיה של הפשעים:

ה' שיה וישליצקי (ישעיהו וישליצקי) רחוב בצלאל 10, תל־אביב.

ה' אליעזר לנגר, רחוב דיזנגוף 21, תל־אביב.

כללי

העיר אוסטרוביץ קילצקי נמצאת במחוז קילצה ומנתה לפני פרוץ המלחמה 33,000 תושבים, ביניהם כ־12,000 יהודים. בשנות המלחמה גדל מספר היהודים, על ידי כך ששלטון הכיבוש הגרמני העביר לאוסטרובצה יהודים ממקומות אחרים ואף מוינה.

בשנת 1942 מנתה האוכלוסיה היהודית בעיר בערך 15,000 נפשות.

באַפריל 1942 נורו 23 יהודים ולמעלה מ־30 יהודים הועברו לכיוון בלתי ידוע ולא נראו יותר.

באוקטובר 1942 נערכה פעולת החיסול הראשונה של יהודי העיר. כ־13,000 יהודים נשלחו למחנה ההשמדה טרבלינקה. אחרי „הפעולה" הזאת נוסד הגיטו.

בינואר או בפברואר 1943 נערכה פעולת החיסול השניה ובמרץ 1943 חוסל הגיטו.

העדים האלה מאשימים בעדויותיהם בין היתר את ממלאי התפקידים דלקמן:

1. פטר — קצין גיסטאַפו באוסטרובצה, שתיאורו כדלקמן: כבן 45 שנה, גבוה, רזה, בלונדיני כהה, פנים מוארכות, מוצאו מוינה. לפני המלחמה היה בעל כרכרה.

ב־28.4.42 הוצאו ע"י אנשי הגיסטאפו 23 יהודים מבתיהם והומתו ברחוב. מר וישליצקי היה עד ראיה להשתתפותו הפעילה של פטר בפעולה זו.

מיד לאחר הפעולה הנזכרת בפסקא א' — סיפרה גב' חנה רחל שטם לעד, ששני אנשי גיסטאַפו, וביניהם פטר, הוציאו את בעלה חיים שטם ועוד 3 יהודים, שגרו באותו בית, ורצחום נפש. גב' שטם היא בת־דודה של העד. היא אינה בחיים.

ביוני 1942 — לא ניתן לקבוע את התאריך המדויק — רצח פטר ביריה בבית הקברות היהודי אשה וגבר יהודים ששמותיהם לא ידועים. מר לנגר היה עד ראיה למקרה זה.

בקיץ 1941 — לא ניתן לקבוע את התאריך המדויק — המית פטר ביריה את האשה שטינבוק בבית הוריה. העד ראה את פטר עוזב את דירת משפחת שטינבוק, ומפיו של אבי הנרצחת נודע לו שפטר הרג אותה ביריה ולפני כך אנס אותה. העד ראה את גופת הנרצחת

ב־10 לאוקטובר 1942 בוצעה פעולת החיסול הראשונה של יהודי אוסטרובצה. בפעולת חיסול זו נשלחו כ־13,000 יהודים לטרבלינקה. העד לנגר היה חבוי בעת הפעולה במחסן בתחנת הרכבת, משם ראה שפטר הכניס לקרון בהמות את משפחת בוכנר, שמנתה 3 נפשות.

בינואר 1943 בוצעה פעולת החיסול השניה ע"י אנשי הגיסטאפו והז'נדרמיה. כאלף יהודים נשלחו למקומות־עבודה גרמניים ויתר תושבי הגיטו (כ־9,000) הוטענו בקרונות־בקר ונשלחו לכיוון בלתי ידוע. אחרי פעולה זו נערך ע"י הגיסטפו והז'נדרמיה ציד אחרי יהודים שהסתתרו בגיטו. בפעולה זו נהרגו כ־50 איש. ה' וישליצקי היה עד־ראיה להשתתפותו של פטר בפעולה זו. מפי אנשי המיליציה היהודית נודע לו ש־50 יהודים נרצחו בגיטו והעד השתתף אישית בקבורת קרבנות אלו.

פטר השתתף באופן פעיל בחיסול גיטו אוסטרובצה במרץ 1943. ה"ה לנגר ווישליצקי היו עדי ראיה של מאורעות אלו.

2. ברונר — קצין גיסטאַפו באוסטרובצה — מנהל המחלקה היהודית. כבן 45, נמוך, מבנה גוף חזק, שערות חומות — פרטים אחרים חסרים.

ב־28.4.42 השתתף בהמתת 23 יהודים באוסטרובצה. דבר זה נמסר לעד וישליצקי ע"י תושבי הגיטו. הוא אינו יכול להזכר בשמות המשתתפים האחרים.

בינואר 1943 — לא ניתן לקבוע את התאריך המדויק — השתתף ברונר בפעולת חיסול יהודי אוסטרובצה. העד וישליצקי היה עד ראיה של המקרה.

במרץ 1943 — קשה לקבוע התאריך המדויק — השתתף בחיסול גיטו אוסטרובצה. ה"ה וישליצקי ולנגר היו עדי־ראיה לכך.

בקיץ 1944 — אי אפשר לקבוע את התאריך המדויק — השתתפו שלושה פעילי גיסטאפו ששמותיהם לא ניתן לקבוע — בהמתת 4 אנשים בחצר בנין הגיסטפו.

3. לנגר — קצין גיסטאפו באוסטרוביץ. תאורו האישי: בערך כבן 45, גבוה, מבנה גוף נורמלי, שערות כהות.

ב־10.10.42 השתתף בחיסול יהודי אוסטרובצה, ויש־ליצקי היה עד ראיה של המקרים.

בינואר 1943 — השתתף בפעולת חיסול היהודים.

במרץ 1943 — אין לקבוע את התאריך המדויק — השתתף בחיסול גיטו אוסטרובצה. ה״ה ישליצקי ולנגר היו עדי ראיה.

4. מיכלסקי — מפעילי הגיסטאפו באוסטרובצה. פר־טים אישיים: כבן 50, גובה בינוני, שערות כהות, מבנה גוף חזק.

בינואר 1943 השתתף בפעולת חיסול יהודי אוסט־רובצה. ה׳ וישליצקי היה עד ראיה.

5. וגנר — מפעילי הגיסטאפו באוסטרובצה. פרטים אישיים: כבן 30, גבוה, רזה, שערות חומות. במרץ 1943 — אין לקבוע את התאריך המדויק — השתתף בחיסול גיטו אוסטרוביץ. אליעזר לנגר היה עד ראיה.

6. שורץ — סגן מפקד הז׳נדרמיה באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 45, גבוה, רזה. במרץ 1943 השתתף בחיסול גיטו אוסטרובצה. ה׳ לנגר היה עד ראיה למקרה.

7. וילנד — קצין הז׳נדרמיה באוסטרובצה תיאור אישי: כבן 40, גובה בינוני. במרץ 1943 השתתף בחיסול גיטו אוסטרובצה.

8. רודו: ממלא מקום המחנה באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 50, גבוה, שערות כהות, רזה. לעד וישליצקי נמסר לאחר המלחמה, כי לפי פקודת המפקד רודו נורה הסאניטאר של המחנה, גוטהולץ. הוא אינו יכול להזכר בחברו לנשק של רודו. העדים מזכירים את פעילי הגיס־טאפו האחרים, מבלי להאשימם:

9. הולצר — קצין הז׳נדרמיה באוסטרובצה. נדון למות אחרי המלחמה בפולין.

10. קרסטן — מפקד הגיסטאפו באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 50, גובה בינוני, שערות חומות.

11. נגלר — ממלא מקום מפקד הגיסטאפו באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 40 שנה, גבוה, מבנה גוף נורמלי, בלונדי־כהה.

12. טומס — מפעילי הגיסטאפו באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 40, גבוה, שערות חומות.

13. ווילר — מפעילי גיסטאפו באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 45, רחב גרם, נמוך, שערות כהות.

14. סמקו — מפעילי הגיסטאפו באוסטרובצה. תיאור אישי: כבן 50, גובה בינוני, רחב גרם, בלונדי כהה.

15. הולוג — מפעילי הגיסטאפו. תיאור אישי: כבן 40 שנה, גובה בינוני, בלונדיני.

16. וינקלר — מפעילי הגיסטאפו. תיאור אישי: כבן 55, גבוה, בלונדיני.

17. האיר — מפעילי הגיסטאפו. תיאור אישי: כבן 45, גובה בינוני, מבנה גוף נורמלי, שערות כהות, היה פולקס־דויטשע ומוצאו מלודז׳.

18. אוסטמן — מפעילי גיסטאפו. תיאור אישי: כבן 37, גובה בינוני, מבנה גוף נורמלי, שערות חומות.

19. זביז׳ינה — מפקד המחנה באוסטריבצה. נידון לאחר המלחמה למוות בפולין.

קרסטן — מפקד הגיסטאפו. נאגלר — ממלא מקום מפקד הגיסטאפו. הודו — ממלא מקום מפקד המחנה. אחראים לפעולותיהם של פיקודיהם.

תל־אביב, 30.9.63

דו״ח ביניים מס׳ 2

ערוך ע״י איתן (אוטו) ליף, רב סרן במשטרת ישראל

העידו: משה ליפשיץ — תל־אביב, רחוב צייטלין 27. מאיר פוקס — תל־אביב, רחוב ירמיהו 1. פנחס וידר (ויגדורוביץ) תל־אביב, רחוב הירשנברג 15. העדים הנ״ל מאשימים בעדויותיהם את 7 ממלאי התפקידים הבאים:

1. פטר — שנזכר כבר בדו״ח מס׳ 1.

באוקטובר 1942 — לא ניתן לקבוע תאריך מדויק — אנס בחורה יהודית כבת 23. אחרי כן הוא ירה בה ברחוב ברואנה ופצעה למוות. הנערה עצמה מסרה זאת לפני מותה.

ב־10.10.42 — השתתף אקטיבית יחד עם אנשי הגיסטאפו ברונר, אוסטמן, ויילר ווגנר בפעולת חיסול יהודי אוסטרובצה. הוא והנזכרים לעיל ירו ביהודים. בפעולה זו נורו במקום כ־300 יהודים וכ־15.000 יהודים נשלחו למחנה־השמדה. ה׳ ליפשיץ היה עד ראיה.

באוקטובר 1942 — אין לציין תאריך מדויק — רצח באוסטרובצה את המשפחה היהודית גולדואסר — בת 3 נפשות (בעל, אשה וילד). ה׳ ליפשיץ היה עד ראיה למקרה.

העד ליפשיץ מצהיר, כי היה לעתים קרובות עד ראיה שפטר, ברונר ווגנר הביאו לחצר המשטרה יהודים ורצחום במקום. הקרבנות היו בלתי ידועים לעד. העד השתתף אישית בקבורת הנרצחים.

2. וגנר — נזכר כבר בדו״ח מס׳ 1.

בפברואר 1943 — אין לקבוע תאריך מדויק — השתתף הנ״ל יחד עם ברונר, אוסטמן לנגר, ווילר בהש־מדת היהודים. כמה מאות אנשים נשלחו אז לכיוון בלתי ידוע ורבים נורו במקום. ה׳ ליפשיץ היה עד ראיה למקרים אלה.

ב־28.4.42 המית הנ״ל לעיני העד וידר (ויגדורוביץ) ברחוב סינקיביצ׳ה באוסטרובצה את אחיו של העד שלמה ויגדורוביץ, בן 18 שנה. ה׳ וידר היה עד ראיה למקרה. באותו זמן נרצחו כ־30 יהודים. העד ראה את הגופות בבית הקברות היהודי, הגם שאת ההמתות עצמן לא ראה. שעה שוגנר וברונר פרצו לתוך דירת העד כדי לרצוח את אחיו נתפס אביו של העד ויחד עם קבוצת יהודים נשלח לאושויץ. לאחר 3 שבועות קיבלה אמו של העד הודעה רשמית ממחנה אושוויץ שאביו של העד „מת״.

3. ברונר — נזכר כבר בדו״ח מס׳ 1.

4. ויילר — נזכר בדו״ח ביניים.

5. אוסטמן — נזכר בדו״ח מס׳ 1.

6. לנגר — נזכר בדו״ח הקודם.

7. שורץ — נזכר בדו״ה מס׳ 1. הוא מוזכר ע״י ליפשיץ כמפקד ה„שופ״.

בפברואר 1943 — לא ניתן לקבוע תאריך מדויק — השתתף בגרוש יהודי אוסטרובצה. בפעולה זו רצח במו ידיו כמה יהודים על־יד שער הגיטו. ליפשיץ היה עד ראיה.

בתחילת 1943 — יום אחרי חיסול הגיטו — פקד על המתת 11 יהודים בבית הקברות היהודי. העד ועוד שתי נערות יהודיות בשם קרבץ, הוצאו ע״י שוורץ מהקביצה ונשלחו למחנה עבודה באוסטרובצה. זה קרה בבית הקברות. העד שמע עוד את היריות כשעזב את בית הקברות, אבל אסור היה לו להפנות ראשו ולא יכול היה לדעת מי עוד השתתף בפעולה. עדות מאיר פוקס.

8. שילד — קצין גיסטאפו ברדום.

ב־10.10.42 פקד על גירוש יהודי אוסטרובצה.

דו״ח ביניים מס׳ 3

הסבר על פשעי הנאצים באוסטרובצה

נחקרו בקשר לנ״ל העדים דלקמן:

פנחס לנגר — רמת־גן ביאליק 13.
משה ליפשיץ — תל־אביב, ציטלין 27.
אריה ליאון קולינר — חיפה, אחוזה, רחוב אהוד 11.

העדים הנ״ל מאשימים בעדויותיהם את הנאצים דלקמן:

1. פטר — שרת בגיסטאפו באוסטרובצה.

במאי או ביוני 1941 הרג ביריה ברחוב סנדומירסקה את היהודי שטכלברג. ה׳ לנגר, גיסו של הקרבן, היה עד ראיה למקרה.

בסוף 1942 רצח פטר את המשפחה גולדואסר (זוג וילד) בחצר בנין המשטרה. ה׳ לנגר היה עד ראיה למקרה.

העד לנגר אישר את העובדות שנמסרו בדו״ח מס׳ 1 פסקא 1 ד׳.

באוקטובר 1942 רצח פטר ביריה בחצר בנין המשטרה היהודית ברחוב אילז׳צקה את גב׳ רצ׳ימורה. הוא שיסה בילד בן השנתיים של רצ׳ימורה את כלב הזאב שלו אשר טרף אותו.

בשנת 1942 לאחר הגירוש הראשון — אין לקבוע תאריך מדויק — רצח פטר ביריה את גב׳ גוטרמן. ה׳ קולינר היה עד ראיה למקרה.

בשנת 1941 או 1942 אין לקבוע תאריך מדויק המית פטר יחד עם ברונר את אביו של העד צוקר — שמעיה צוקר. הוא היה בביתו ברחוב גוז׳יסטה 18 בנוכחות העד. צוקר הוכה קשות ע״י פטר ונטרף ע״י הכלב.

העד פוציץ ראה את פטר משתתף באופן אקטיבי בגירושים ב־10.10.42 ובינואר 1943.

2. ברונר — איש גיסטאפו באוסטרובצה. הוא נזכר כבר בדינים וחשבונות הקודמים.

בפברואר 1943 רצח בחצר בית ברחוב אילזיצקה יהודי ששמו לא ידוע. ה׳ לנגר היה עד למקרה.

בנובמבר 1943 רצח ברונר פולני בבנין הגיסטאפו. העד לנגר נכח בעת היריה.

פולנים הודיעו שברונר רצח את בלומנפלד, מפקד המשטרה היהודית. הוא הוצא ע״י ברונר מהמחנה באוסטרובצה ולא חזר אליו עוד.

מפקד המשטרה היהודית סיפר שברונר ואיש הגיס־טאפו לנגה רצחו 8 חולים במרפאה שברחוב אילז׳צקה.

במרץ או אפריל 1944 ראה העד שברונר הביא למחנה 6 יהודים כבולים. ברונר שאל את השוטרים היהודים אם הם מכירים אותם, וכשקיבל תשובה שלילית, הובילם לכיוון בלתי ידוע. כעבור שעתיים הודיע המפקד של מש־טרת־העזר האוקראינית בוריס לעד, כי עליו לשלוח עובדים יהודים לבית הקברות היהודי לקבורת הקרבנות. העד הלך עם העובדים לבית הקברות וראה שם את גופות היהודים שהובאו קודם לכן למחנה.

בפעולות הגירוש נגד היהודים ב־10.9.42 ובינואר

1943 ובמרץ 1943 באוסטרובצה השתתף ברונר באופן פעיל. (עמ' 9).

3. לנגה — איש גיסטאפו באוסטרובצה.
השתתף באופן פעיל בפעולה בהמתת כ־30 יהודים באוסטרובצה ובגירוש 30 יהודים לאושוויץ.
השתתף באופן פעיל בהמתת כשלושים יהודים באוסטרובצה ובגירוש 30 יהודים לאושוויץ.

4. רודה — מ"מ מפקד המחנה באוסטרובצה.
ביולי 1944 רצח את הסניטר היהודי של המחנה — גוטהולץ.

5. אוסטמן — איש גיסטאפו באוסטרובצה.
השתתף באופן פעיל בפעולה שבוצעה ב־28.4.42.
השתתף בפועל בכל פעולות הגירוש של יהודי אוסטרובצה.

6. סמקו — איש גיסטאפו באוסטרובצה.
השתתף בפעולה ב־28.4.42.
השתתף בביצוע כל הגירושים של יהודי אוסטרובצה.

7. וילקר — איש גיסטאפו.
השתתף באופן פעיל בגירושין של היהודים שבוצעו באוסטרובצה.

8. שורץ — סגן. עדים מסוימים מכנים אותו כמפקד הז'נדרמיה, אחרים בתור מפקד ה"שופ". מוצאו מוינה.
פקד על הגירוש השני בינואר 1943. בפעולה זו נשלחו כ־1,000 איש למחנה השמדה.
במרץ 1943 רצח יחד עם אנשי ה"שופ" קבוצה של 10 יהודים (נשים, גברים וילדים) הדבר קרה ע"י בית המשטרה היהודית ברח' אליזצקה. לנגר היה עד ראיה למקרה.
31.6.66

החקירה נעשתה לפי פניית היועץ המשפטי הראשי ליד בימה"ש בהמבורג. סמוכין:

דו"ח ביניים מס' 4

בקשר לכך נחקרו העדים: אריה גלרמן — רמת־גן, רחוב השר משה 40 (1 עמ'); ג' לאה שרצקי — בני ברק, רחוב דסלר 13 (7־2 עמ'); שלמה רובינשטיין — קרית מוצקין, רחוב אושא 21 (14־8 עמ').
העדים מאשימים בעדותם את אנשי הגיסטאפו דלהלן:

1. סגן שורץ — מפקד ה"שופ" באוסטרובצה.
בחודש אפריל 1943 השתתף באופן פעיל בהמתת קבוצה של 7 יהודים בבית הקברות באוסטרובצה. העדה שרצקי, שהיתה באותה קבוצה ונפצעה, הצליחה לברוח מבית הקברות ולהציל עצמה.

2. הולצר — מאנשי ה"שופ" באוסטרובצה.
השתתף באופן פעיל בהמתת קבוצה של 97 יהודים באפריל 1943 בבית הקברות היהודי. העדה שרצקי ראתה שהולצר ירה בה.

3. פטר — מאנשי הגיסטאפו באוסטרובצה.
העד רובינשטין מאשר את העובדות שנזכרו במספר 2 סעיף משנה 1 (ג) מהעדות שנמסרה ב־30.9.63 ביחס להמתת משפחת גולדוואסר.
פטר השתתף בינואר 1943 באופן פעיל בביצוע גירוש יהודי אוסטרובצה. קרוב ל־1,000 יהודים נשלחו למחנה השמדה. העדות הלר וגרובנר ראו את פטר בשעת הפעולה.

4. וילנד — מאנשי הז'נדרמים או ה"שופ", באוסטרובצה.
בסוף אוקטובר 1942 הרג 20 יהודים, שחזרו מהעבודה בבית החרושת יגר.

5. ברונר — מאנשי הגיסטאפו באוסטרובצה.
בשעת הפעולה שבוצעה באוסטרובצה ב־28.4.42 הרג ברונר את ד"ר ואכודלר.
ברונר השתתף באופן פעיל בגירוש של ינואר 1943. בפעולה זו נשלחו היהודים למחנות השמדה.

תירגם לעברית: א. י.

דער קרעמאטאריום אין אוישוויץ. הקרמאטוריום באושוויץ



דער געיעג נאָך די פאַרברעכער

פראַנץ יעגער

די אָסטראָווצע אָפּטיילונג פון אַלגעמיינעם קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן, האָט זיך געווענדעט מיט פאָלגענדן בריף צו פּראָפעסאָר ד״ר עהרנפּרייז, הויפּט־ראַבינער פון די שוועדישע יידן, אין שטאָקהאָלם:

„זייער געערטער הער פּראָפעסאָר:

שלום: מיר ווענדן זיך צו אייך וועגן פּראַנץ יעגער און זיין פרוי. פּראַנץ יעגער איז אַ פאַרברעכער פון זייער אַ ברייטן פאַרנעם. אלס שעף פון דייטשישן געהיים דינסט געסטאַפּאָ אין אָסטראָווצע האָט ער אַרויסגעשיקט יידן צום פאַרברענען אין די אוישוויצער קרעמאַטאָריעס. ער האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיט די אויסזידלונגען אין פיל פּוילישע שטעט, ווי אָפּאָלע, וואָלבראָם, טשענסטאָכאָוו, וואָס אין זייער פאַרלויף זענען דערמאָרדעט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן. מיט אַ באַזונדערע באַרבאַרישקייט האָט ער זיך באַצויגן צו די אָסטראָווצער יידן. ער האָט אָרגאַניזירט מכלומרשטע אַרבעטס־פּאָזיציעס, ווי די „פיש־סטאַוו״ אָדער „ציגל פאַבריק״, ווו יידן האָבן געזאָלט אַרבעטן און בלייבן לעבן. פאַרן צונעמען צו דער אַרבעט האָט ער אויסגעפּרעסט פון די אומגליקלעכע קרבנות לעגענדאַרע סומען, און בשעת דער אויסזידלונג (10 ביז 20 אָקטאָבער 1942) האָט ער די אַלע יידן אַרויסגעשיקט אין די קרעמאַטאָריעס פון טרעבלינקי. אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער ראַפינירטער באַרבאַרישקייט זענען אומגעקומען ביי 3,000 קרבנות. אין נאָוועמבער 1943 האָט ער באַפוילן שיסן 50 יונגע און געזונטע מענטשן, ווי אויך אַזעלכע וואָס זענען נישט פעאיק צו אַרבעטן. צוויי יונגע ייִנגלעך, די ברידער קאָפּל און משה שטיין, האָט ער זעלבסט איבערגעפירט אין געסטאַפּאָ, ווו זיי זענען געוואָרן דערשאָסן. צוליב זיין גרויסע מערדערלעכע טעטיקייט, ברענגען מיר נישט דאָ פאַרברעכנס פון קלענערער ווערט, ווי אויספּרעסן געלט פון די אינטערנירטע יידן אויף די ציגל־פאַבריק.

דער פאַרברעכער און מערדער מיט זיין פרוי, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין אַלע זיינע אַקציעס, באַהאַלטן זיך איצט אויס אין שוועדן.

מיר ווייסן אַז דער פסוק „קול דמי אחיך צועקים אליך מן האדמה״ איז אייך נישט פרעמד און איר וועט אונטערנעמען די געהעריקע שריט, אַז די האַנט פון די גערעכ־טיקייט זאָל דערגרייכן דעם גרעסטן פאַרברעכער פון אונדזער געגנט״.

זוויעזשינאַ

דעם 8־טן יוני 1946 האָט די אָסטראָווצער אָפּטיילונג פון אַלגעמיינעם קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן געשיקט די פאָלגנדע ווענדונג צו דער ווינער הויפּט פּאָליציי, וועגן דער טעטיקייט פון „שטאַבסקאַפּיטאַן״ זוויעזשינאַ אין אָסטראָווצע אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקו־פּאַציע:

„דער דערמאָנטער פּערזאָן האָט אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע פאַרנומען דעם אַמט פון זיכערהייטס שעף אין די אָסטראָויצער פאַבריקן אין וועלכע ס׳זענען געווען באַשעפטיקט ביי 9,000 אַרבעטער, דערפון 2,000 אינטערנירטע יידן. די באַהאַנדלונג פון די יידישע אַרעסטירטע איז געווען אַ בעסטיאַלע, און זייער באַ־שפּייזונג איז באַשטאַנען פון איין פּאָרציע וואַסערדיקע זופּ, אָן ברויט, נאָך אַן אַכצן־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. פון די יידישע אינטערנירטע האָט מען צוגענומען אַלע זייערע פּערזענלעכע זאַכן, געלאָזט זיי שלאָפן אויף דער נאַקעטער ערד אין צעפוילטע באַראַקן. חוץ דעם זענען פאָרגעקומען אומאויפהערלעכע רעוויזיעס ביי יידן וואָס האָבן זיך געענדיקט מיטן דערמאָרדן אייניקע יידן אָן שום סיבה. אין נאָוועמבער 1942 האָט זוויעזשינאַ דערשאָסן די פאָלגענדע יידן: 1) גוטמאַן, 25 יאָר אַלט, אַ יונגער העברעאישער פּאָעט; 2) זלמן גרינבערג, 20 יאָר: 3) אַן אומבאַקאַנטער ייד פון קראַקע. ביי דער נעכסטער רעוויזיע זענען דערשאָסן געוואָרן די צוויי ברידער זאַכטשינסקי אין עלטער 18—25 יאָר. כדאי צו באַמערקן, אַז דער שעף פון דער אָסטראָווצער געסטאַפּאָ, ווינקלער, האָט באַמערקט, אַז זוויעזשינאַ האָט אָן רעכט דערשאָסן צוויי ייִנגלעך מיטן אויסרייד אַז זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אויסלענדישע וואַליוטע. נאָכדעם ווי ער האָט אים געבעטן זיי שענקען דאָס לעבן, האָט ער דאַרויף געענטפערט: „באַפעל איז באַפעל!״ און האָט באַפוילן אויספירן דעם טויט־אורטייל אויף די צוויי אומשולדיקע ברידער.

דעם 7 נאָוועמבער 1943 האָט ער אַרויסגעשיקט 50

ייִנגע ייִדן צום פאַרניכטן אין לאַגער „פּירלײַ“ נעבן ראַדאָם. די ווייטערע קרבנות פון זײַנע בעסטיאַלישע מערדערײַען זענען געווען די ברידער קופּל און משה שטיין. די רשימה פון זוויעזשינעס מערדערײַען איז ווײַט קיין דערגענצטע. בעת די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען וועלן מיר פאַרלייגן ווייטערע רשימות פון זײַנע מערדערישע רציחות. מיר גיבן נאָר צו, אַז בעת די רויטע באַפרײַאונגס אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו אָסטראָווצע האָט דער מערדער ספּעציעל איבערגעריסן זײַנע פּעריען און האָט נישט האָנאָרירט די פאַראָרדענונגען פון די דײַטשישע מאַכט־אָרגאַנען. ער האָט אַרומגערינגלט דעם לאַגער מיט אוקראַינער פּאָליצײַ, און אַרויסגעפירט פון דאָרט בײַ 2000 ייִדן פון וועלכע 90 פּראָצענט איז אויסגעראָטן געוואָרן. אין אָסטראָווצע איז באַקאַנט, אַז זוויעזשינאַ שטאַמט פון די סודעטן, גערעדט גוט פּויליש, טשעכיש און דײַטש. לויט באַקומענע אינפאָרמאַציע איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער ווינער פּאָליצײַ. מיר בעטן איבערפירן זוויעזשינאַ קיין אָסטראָווצע, וווּ ס׳געפינען זיך די עדות, וועלכע וועלן קענען צוהעלפן אַז דער פאַרברעכער זאָל באַקומען זײַן פאַרדינטע שטראָף“.

אהרן פרידענטאַל

אסטראָווצער תליין, זוויעזשינא, פאַראורטיילט צום טויט

מיט עטלעכע טעג צוריק אין פאַרן ראַדאָמער קרייזגעריכט אין אָסטראָווצע פאַרגעקומען דער פּראָצעס פון ליקווידאַטאָר פון דער דאָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג, שטאַבסלייטער קאַפּיטאַן זוויעזשינאַ.

דער באַשולדיקטער האָט בעת דער אָקופּאַציע אָנגעפירט מיטן לאַגער „זאַקלאַדי אָסטראָוויעצקיע“ (משנה שם געווען דורך די דײַטשן אויף „הערמאַן גערינג־ווערקע“). ער איז דירעקט שולדיק אין אומקום פון צוויי טויזנט ייִדן אין דערמאָנטן לאַגער.

אין אָקטאָבער 1942 האָט דער דאָזיקער מערדער, מיטן ציל אָפּצושרעקן די ייִדישע באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן דאָס געלט און ווערטזאַכן — אויסגעקליבן דריי קרבנות און זיי אויפן אָרט דערשאָסן.

אין נאָוועמבער 1943 האָט דער באַשולדיקטער אַרויסגעשיקט פון אָסטראָווצע 45 ייִדן אין לאַגער פּירלײַ בײַ ראַדאָם, וווּ זיי זענען אַלע אומגעקומען.

אין מערץ 1944 האָט דער מערדער בעת אַ הויז־רעוויזיע דערשאָסן די צוויי ברידער זאַכטשינסקי.

עס איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן אַ גאָר באַזונדערן אַכזריותדיקן אַקט מצד דעם באַשולדיקטן: א ייִדיש ייִנגל איז בעת דער אַרבעט פאַרווונדעט געוואָרן דורך אַ מאַשין וועלכע האָט אים אָפּגעשניטן בײַדע פיס. מען האָט אים תיכף געכאַפּט אין שפּיטאָל אַרײַן, וווּ עס האָט אים גענומען אָפּערירן ד״ר דרעווס. די אָפּעראַציע איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן דורך זוויעזשינאַ, וועלכער האָט ספּעציעל געשיקט אַן אוקראַאינישן ס״ס־מאַן מיטן באַפעל צוצונעמען דעם פאַרווונדעטן. מען האָט אים תיכף אַרויסגעפירט אויפן אָרטיקן בית־עולם און דאָרט דערשאָסן...

זוויעזשינאַ איז מגולגל געוואָרן קיין ווין, וווּ עס האָבן אים אין יאָר 1946 דערקענט עטלעכע אָסטראָווצער ייִדן, וועלכע האָבן געהאָלפן אים אַרעסטירן. עס איז אים אָבער געלונגען פון דאָרט אַנטלויפן.

אין יאָר 1947 ווערט ער דורך אָסטראָווצער ייִדן דערקענט אין מינכן און זיי לאָזן אים תיכף אַרעסטירן. סוף־כל־סוף ווערט ער אַרויסגעגעבן דער פּוילישער געריכטמאַכט.

באַשולדיקער פון פּראָצעס איז געווען פּראָקוראָר סאָקאָל, פאַרטיידיקער — זאַפּאָלסקי, געריכט־פּאָרזיצער — סאַוויצקי. אַלס עדות זענען אויפן פּראָצעס אַרויסגעטרעטן: שמאי קודלאָוויטש, איטשע מאיר בירנצווייג, פּינטשע לאַנגער, חיים לאַנגער און דער שרײַבער פון די שורות. די עדות האָבן דערציילט וועגן די „מעשים טובים“ פון באַשולדיקטן און אויפגעדעקט די גאַנצע שוידערלעכע טראַגעדיע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע בעת דער אָקופּאַציע.

זוויעזשינאַ איז דורכן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און צו פאַרלירן אַלע עפנטלעכע און בירגערלעכע רעכט.

„דאָס נײַע לעבן“, וואַרשע 28 סעפּטעמבער 1948.

ד״ר יעקב שאַצקין

ריוועלע שפּילמאַנס פידעלע

אַ מעשה וועגן דאָס פידעלע פון ריוועלע שפּילמאַנס הויז,
וואָס איז בשלום פון אַסטראָווצער געטאָ אַרויס.

און דורך נסים ניצל געוואָרן ווי צומאָל געשעט
און איז אַוועק נע־ונד׳עווען איבער חרובע שטעט.

האָט דאָס פידעלע געוואָגלט פאַרכמורעט, פאַרשמאַכט
געטרויערט אויף זיין קלעזמער וואָס מ׳האָט אים אומגעבראַכט.

דאָס פידעלע האָט געקלאָגט, די סטרונעס געוויינט
טאַקע וואָס טויג מיר דאָס לעבן אַן קלעזמער אַליין.

אַז דער קלעזמער איז פאַרברענט, זיינע מעלאָדיעס געשענדט
ווי קען איך איצט באַקומען אַט אַזעלכע גאָלדענע הענט.

ריוועלע איז נישטאָ, קיין באַדעקנס וועט מער נישט זיין,
נישטאָ קיין חתן־כלה־טאַנץ, נישטאָ קיין לעקעך און וויין.

כליפּעט דאָס פידעלע ביטער אויף זיינע סטרונעס פיר
אויס באַדעקנס, אויס מאַרשעליקס — אוי ווי איז מיר.

און איך וועל נאָך דיר אייביק מוזן קלאָגן
און דיין פידעלע וועט נאָך דיר און דיין קאַפּעלע קדיש זאָגן.

קומט אויף דעם נע־ונד־וועג דאָס פידעלע אַנטקעגן אַ יידיש קינד
און זאָגט : ווי גוט, פידעלע, וואָס איך טרעף דיר אַצינד.

מיין מאַמעניו פאַרברענט, נישטאָ אויך קיין טאַטעניו
זיי דו כאַטש, מיט מיר איצט, מיין טייער פידעלע.

נו, צעשמייכלט זיך דאָס פידעלע, וויש די טרערן אויס,
יינגעלע, כ׳וועל זיין מיט דיר ביז דו וועסט אי״ה ווערן גרויס.

ביז שפּילן וועסטו אויף חתונות ביזן טאָג אַריין
און דערציילן אין אַ פריילעכס אונדזער געוועזענע פּיין.

דערציילן אין טרויעריקס אונדזער געגאַרטע פרייד
וואָס טאַנצט פון אַש און בלוט אַרויס צו דער אייביקייט.

פון יידישן בטחון וואָס לעשט זיך קיינמאָל אויס
יינגעלע, כ׳וועל מיט דיר זיין ביז דו וועסט זיין גרויס.

אַזוי ענטפערט דאָס פידעלע און נעמט ס׳קינד ביי דער האַנט
און לאָזט זיך קיין ישראל, אין אונדזער אַלט לאַנד.

אליעזר קופערמאַן, ניו יאָרק

א דמיון

געווידמעט דער ערשטער אסטראָווצער קאָנפע־רענץ וועגן פאראייביקן דעם אנדענק פון די קדושים וטהורים, וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

עס איז פאַרהאַנען אַ מאמר חז״ל, אַז דאָס קומען קלאָגן אויף קבר אבות דערהייבט די נשמה צו העכערע מדרגות: די פאָלקס מסורה זאָגט, אַז אין צייטן פון יאָרצייט, תשעה באָב, חודש אלול און ערב יום כיפור נידערן די נשמות צוריק אין זייערע קברים, כדי ווידער זיך באַהעפטן מיט זייערע נאָענטע, וועלכע קומען אויף קבר אָבות.

דעם ערשטן תשעה באָב נאָכן חורבן אָסטראָווצע, זענען די טויזנטער נשמות, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, אַרונטער איבערן אַלטן בית עלמין און צוזאַמען מיט די נשמות פון דורות פאַרשטאָרבענע האָבן זיי געוואָלט זיך פאַרקלייבן אין די קברים און וואַרטן אויף די וועלכע פלעגן קומען אויף קבר אָבות. נאָר זיי האָבן אויפן אַלטן בית עלמין ניט געפונען ניט קיין קבר און ניט קיין מצבה. זענען אַלע פאַרוואָגלטע נשמות אַוועק און זיך באַזעצט אויף די פאַרבליבענע, האַלב פאַרוועלקטע ביימער פון וואַלד, וואָס אַנטקעגן בית עלמין.

פון אַ דין דאַר ביימל האָט זיך געטראָגן אַ כליפּנדיק געוויין פון אַן אַלטן, אַ זקן. דאָס האָט דער רבי יחיאל מאיר געכליפּעט באַגעגענדיק די נשמה פון זיין בן־יחיד, דער לעצטער מרא דאתרא פון שטעטל, וועמען די נאַצישע רוצחים האָבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין טלית און תפילין. ר׳ יחזקאלס נשמה איז געווען באַגלייט פון מלאכים און שרפים אַלס שכר פאַר זיינע יסורים ביים מקדש־השם זיין און צוזאַמען מיט זיי זענען געקומען די מחנה נשמות פון די פאַרפייניקטע און פאַרגאַזטע קדושים וטהורים. ווען דער תשעה באָב׳דיקער טאָג איז געווען פאַרגאַנגען און קיינער איז אויף קבר אָבות ניט געקומען אויפן אַלטן בית עלמין, האָבן די נשמות, פאַרשעמטע צוריק זיך געלאָזט אין די הימלען און זיך מער ניט אומ־געקערט אויפן אַלטן בית עלמין. איין נשמה, די נשמה פון גרויסן גאון העולם און צדיק הדור, רבי יחיאל מאיר ז״ל, נידערט אַראָפּ יעדן תשעה באָב, חודש אלול און ערב יום כפור אויפן אַלטן בית עלמין און וואַרט עמיצער פון זיינע פאַרוואָגלטע קינדער זאָל קומען און מיט אים צוזאַמען קלאָגן אויף דעם פאַרשניטענעם זכר פון דורי דורות פון זייערע אָבות.

אַזוי יאָר איין, יאָר אויס, וואָגלט די נשמה פון ר׳ יחיאל מאיר ביז עס דערנענטערט זיך ערב יום כפור פאַר כל נדרי און זיין זון ר׳ יחזקאלע קומט צופליען און בעט זיך ביי אים: — טאַטע, פאַרלאָז דעם אַלטן, וויסטן בית עלמין, וווהין קיינער וועט שוין מער ניט קומען אויף קבר אָבות...

ביידע נשמות פון די צדיקי הדור פליען צוריק אין די הימלישע היכלות.

אפשר וועלן די אותיות פון יזכור־ספר, אויסגעוויקטע אין טרערן און צער פון די לעבן געבליבענע אָסטראָווצער אין הייליקן לאַנד, פליען צום אָסטראָווצער בית עלמין און ווערן דער ציבורדיקער קדיש יתום און דער אל מלא רחמים, כדי די ביידע קדושים, דער טאַטע מיטן זון, זכרונם לברכה, זאָלן איבערברענגען די דאָזיקע תפילות צו אַלע קדושים וטהורים פון אָסטראָווצע און זיי אָנזאָגן, אַז זייערע יורשים אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט, דורך די אותיות פון יזכור, זאָגן קדיש נאָך זיי.

יתגדל ויתקדש שמי רבא...

ישראל גאַרפינקעל

דער שטיין

אויף דעם בית עולם אין די שטילקייט צווישן קברים און ביימער
איז אַוועקגעשטעלט אַ שטיין, אַ שטיין צווישן שטיינער.
אַנדערש איז דער שטיין פון אַנדערע שטיינער
נישטאָ אונטער אים קיין סימן פון ביינער
ווייל קערפּער פאַרברענטע און ביינער צוריבן.
בלויז נעמען זענען אויף דעם שטיין אויפגעשריבן.

דאָס זענען נעמען פון אונדזערע פליישן און בלוטן,
און וויפיל משפחות זענען אין גאַנצן פאַרשניטן ?
און פון וויפל משפחות איז נישט געבליבן קיינער
אין ס'וועלן נישט זיין פאַראייביקט זייערע נעמען אויף שטיינער ?

אָט זענען משהליך, שלמהליך, חוהליך, זיסעליך
מיט זייבערע קעפּעלעך, שיינינקע פיסעלעך,
אָפּגעוואַשענע, שיין פאַרקעמטע און אויסגעפּוצטע
זיי לייכטן אַרויס צווישן די נעמען די אויסגעקריצטע.

אַרויסגעריסענע קינדער פון די מאַמעס אָרעמס
געוואָרפן אין פייער — זיי האָבן נישט קיין קברים —
זאָל דאָ זיין דאָס אָרט ווי מיר וועלן זיי געפינען !
אויב נישט אין קברים, זאָל זיין בלויז אין זינען.

זאָל דאָס זײַן דאָס אָרט פֿון אונדזער קבר אָבֿות
פֿון דערהאַרגעטע קינדער ביז זיידעס און באָבעס
פֿון שוועסטער און ברידער, טאַטעס און מאַמעס
פֿאַרגאַזטע אין קאַמערן, פֿאַרברענטע אין פֿלאַמען!
זאָל דאָס זײַן דאָס אָרט װוּ מיר װעלן זיי דערמאָנען.

ס׳קומען און ס׳גייען אַװעק די יאָרן
די מענטשן זענען אין אונדזער זיכרון
מיר פֿילן זייערע װייען, מיר פֿילן זייערע ליידן
די נאָנטע געטרײַע מיר קאָנען זיך נישט שיידן.

און אַזוי װעלן דורי דורות גיין
כ׳גלויב אַז בעסער װעט װערן די װעלט,
נאָר װי אַ װאָרנונג קעגן שלעכטס זאָל בלײַבן דער שטיין
װאָס איז דאָ אַװעקגעשטעלט.

קאַנאַדע, טאָראָנטאָ 1966.

די צעשטערטע מצבה און דער קבר
פֿון אַלטן אָסטראָװצער רבין ז״ל



עולם אשר שקע... א וועלט אונטערגעגאנגען...

שארית הפליטה

צעזייט און צעשפרייט...

ישראל

⋆

אמעריקא

⋆

קאנאדע

⋆

בראזיל

⋆

ארגענטינע

חברי „ארגון עולי אוסטרובצה בישראל״ נוט־
עים עצים ב„יער הקדושים״ שבהרי ירושלים
לזכר קדושי עירם.

חברים פון „ארגון עולי אוסטרובצה בישראל״
פלאנצן בוימער אין „יער הקדושים״ אין די
בערג פון ירושלים צום אנדענק פון זייערע
קדושים.

ראשוני העולים מאוסטרובצה הגיעו לארץ ישראל בשנות העשרים. מאז נמשכה עליה מוגברת ובני אוסטרובצה לקחו חלק פעיל בבנין הארץ ובביצור בטחונה. עשרות בנים יקרים נפלו בקרבות השונים במערכות על בטחון ישראל

יחזקאל ארלי

„ארגון יוצאי אוסטרובצה בישראל" מרחיב פעולותיו

בימים ימי שלהי מלחמת העולם השניה האכזרית והאיומה, ממנה לקתה האומה היהודית שבעתיים ויותר מכל עם ולשון. בשורות איוב וקשות מאלו על גורל אחינו בארצית אירופה בכלל ובפולין בפרט הגיעו עם בוא הסנוניות הראשונות של שארית הפליטה — האודים המוצלים מהשריפה הגדולה. בחלקם היו אלה בני נוער שהועלו ארצה דרך ארצות נייטראליות שונות לפני כניעתה הסופית של גרמניה הנאצית. ובחלקם היו בני נוער משוכני המחנות בגרמניה המובסת, אשר הצליחו להשיג סרטיפיקטים משלטונות המנדט או פרצו בדרכים שונות ובעיקר ע"י „עליה ב"", את ההסגר הבריטי. כך התחילו להתלקט אחד־אחד שרידי השואה האיומה וזרם זה עלה וגבר עם כינון מדינת ישראל, עת נפתחו שערי הארץ לרווחה.

מנגנוני הקליטה כפי שקיימים כיום — טרם היו אז בארץ. מקורות כספיים למטרות קליטה לא עמדו לרשות המוסדות או המדינה, שנאבקה עדיין על עצם קיומה.

בלחץ הנסיבות והתנאים האלה התאסף בשנת 1946 קומץ מבין יוצאי אוסטרובצה, ובראשם ר' דוד טופל ז"ל ויבל"ח פנחס רוזנצויג, נחום ולרשטיין, פנחס סורוקה ואחרים — על מנת לדון כיצד לעזור לעולים החדשים מבני עירנו להיקלט בארץ ולבנות בה את ביתם החדש.

מיסדי ארגון יוצאי אוסטרובצה הציבו להם כמטרה ראשונה הושטת עזרה קונסטרוקטיבית לעולים חדשים מבני העיר תוך שימוש באמצעים המצומצמים שהיו בידיהם אשר רוכזו בעיקר מ„הלאנדסמאנשאפטים" שבארצות השונות.

האפשרות לספק אפילו במידה חלקית את הדרישות של כל הפונים לארגון היתה מצומצמת ביותר. במצב זה היה הכרח לבחור ביתר חומרה את האנשים הזכאים לעזרה הכספית, ולהגיש אותה רק לנזקקים ביותר, לפי ראות עיניה של הנהלת הארגון.

עובדה זו גרמה לא מעט נרגנות ותרעומת מצד אנשים וחוגים שונים, שהאשימו את הארגון במשוא פנים כביכול, לגבי פלוני או אלמוני.

תרעומת זו היתה מלווה ב„אכילת קורצא" אצל ה„לאַנדסמאנשאפטים" בחוץ לארץ וגרמה למניעת העזרה הכספית מן הארגון ודרישות דו"חות ו„תעודות־יושר" חדשים לבקרים.

נרגנות זו ומעשי־חתירה אלה נגד הועד, שהיה

מורכב מותיקי העולים מבני העיר בארץ מצאה לה בטוי באספה כללית שהתקיימה ביום 24/10/49, לאחר שחלה הפסקה של שלש שנים בקירוב, בקיום „אזכרות״.

לאחר נסיון־נפל לכונן ועד נפרד ביפו נבחר באספה ועד שאיחד בתוכו ותיקים ועולים חדשים כאחד ושלום־הבית הוחזר על כנו.

בתקופה זו הונחו יסודות הארגון, שאף נרשם כאגודה עותומנית רשמית במשרד הממונה על המחוז.

למרות החזרת שלום־הבית וכינון ועד שנבחר על ידי רוב הציבור, לא חל שיפור בתמיכה הכספית מצד הלאנדס־מאנשאַפטים בארצות הרווחה, בעיקר ארה״ב, לארגון בארץ, ובהשוואה לעזרה שהגישו לאנדסמאנשאפטים אחרים לאר־גוניהם בארץ היתה העזרה הכספית שזכינו לה מאחינו מעבר לים אפסית ממש.

אמנם, חלק מהעזרה הכספית שניתנה לעולים החדשים היתה בצורת הלוואה באמצעות בנק, אבל חלק ניכר מהלוואות אלו לא הוחזר, כי הלווים ראו בכך, בטעות, כסף, שניתן ע״י יוצאי אוסטרובצה מאמריקה לחלוקה ביניהם. הועד נמנע מלנקוט באמצעים משפטיים כדי לגבות את ההלוואות האלה.

מסיבה זו לא חזרו אלינו כספי הקרן, שהיו צריכים לשמש יסוד לקופת גמילות חסדים שוטפת, ופעילות הארגון שותקה לחלוטין.

משברים רבים עברו על הארגון ואף נעשה כפי שנזכר כבר, נסיון להקמת ועד מקביל לועד הנבחר. היה זה אמנם נסיון־נפל אבל הוא הפריע מאד להתפתחות הארגון ושלל ממנו אפשרות פעולה לתקופה ארוכה.

בינתיים הסתמן שטח פעולה חדש של הארגון — והיא הנצחת קדושי עירנו. הקרן הקיימת לישראל החלה אז בפעולות לנטיעת „יער הקדושים״ לזכר־עולם של קהילות הקודש באירופה שנגדעו והושמדו בידי זדים.

הארגון השתתף בפעולה זו והועד, שבראשו עמד מר

מסיבת חנוכה שנערכה על ידי ההנהלה הראשונה של הארגון. במרכז — היו״ר הראשון, דוד טופל ז״ל.

חנוכה־אוונט איינגעאָרדנט דורך דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון אָרגון. אין צענטער — דער ערשטער פאָרזיצער, ר׳ דוד טאָפּעל ז״ל.

משה צפרירי (מורגנלנדר), לקח חלק בנטיעת עצים ביער הקדושים שבהרי ירושלים לזכר קהילת אוסטרובצה. בטכס נטיעת החורשה השתתף גם קהל רב מיוצאי עירנו.

מאז נפתחה תקופה של פעילות מתמדת של הארגון, שהתבטאה בעריכת אזכרות־שנתיות בתחילת חודש מר־חשון, שהפכו למסורת של בני עירנו.

באזכרות אלו נישאו דברי הספד, נהי וקינה מטובי המרצים והאישים שהיו קרובים קירבה נפשית לעירנו או לפארה ותפארתה האדמו״ר מאוסטרובצה זצ״ל.

בשנים הראשונות נהגנו לשלב את טקס „האזכרה" עם האספה הכללית השנתית, ברם נוהג זה בוטל כעבור זמן, מאחר שבאספה הכללית השתלהבו הרוחות והגיעו לידי ויכוחים סוערים ומרים, שלא היו לכבוד הקדושים, שלמען העלאת זכרם התאספנו. מאז הפרדת שני האירועים התנהלו טקסי „האזכרה" על מי מנוחות והן הפכו ממש לרגעי התיחדות נעלים עם קדושי השואה.

התוועדויות אלו שימשו גם כמפגשי־רעים. הוחלפו בהן דברים על מצב בני עירנו בארץ ויוצאי עירנו צפו לאותו יום ההתיחדות וההתוועדות, שהפך גם למיפגש רעים חשוב של יוצאי אוסטרובצה.

יחד עם עריכת האזכרות השנתיות בתל־אביב נערכת מדי שנה עליה־לרגל למרתף השואה בהר ציון בירושלים. במעמד זה לומדים פרקי משניות, עורכים „אזכרה" ומד־ליקים נרות לנשמות הקדושים.

מסורת היא בידי אחד מחברי הועד, הח' שלמה הורביץ ורעיתו, לכבד את המשתתפים במעמד זה ב„לחיים". עם שחרור העיר העתיקה והכותל המערבי נוהג צבור בני העיר להתפלל מנחה ליד הכותל, המהווה מעין סיום הולם לשורת האירועים של יום־הזכרון השנתי למען קדושינו.

יש לציין, שלמרות החשיבות הרבה של המעמד הזה, השתתפותנו בעליה לרגל להר ציון עדיין מועטת, ולמרות המאמצים שנעשו על ידי הועד ופניותיו לבני העיר לא

אזכרה לקדושי אוסטרובצה, שנערכה ע״י ההנהלה השניה של הארגון. במרכז — היו״ר השני, מר משה צפרירי (מורגנלנדר).

אנדענק־אוונט נאך די אסטראווצער קדושים, איינגעארדנט דורך דער צווייטער פארוואלטונג פון ארגון.
אין צענטער — דער צווייטער פארזיצער, משה צפרירי (מורגנלנדר).

גדל במידה ניכרת מספר המשתתפים באירועים אלה.

שטח פעולה אחר, שבו הצלחנו במידת־מה, היו המ־סיבות החברתיות שערכנו בחנוכה, ט״ו בשבט, פורים, יום העצמאות וכו׳, וזה פרט לפגישות־רעים שנערכו בהזדמנות של קבלת אורחים שונים מחוץ לארץ.

הועד ניסה בדרכים שונות לעורר את בני העיר לפ־עילות בארגון, אבל הוא נתקל באדישות ובחוסר ענין מצד הציבור. יצויין, כי יש יוצאי אוסטרובצה, שלא השתתפו אף פעם באירוע או במסיבה שנערך על־ידי הארגון ויש גם כאלה שלא הופיעו ב„אזכרה״ השנתית.

יחס זה מרפה את ידי פעילי הארגון ושולל מהם את הרצון לפתוח בפעולות נוספות למען הרחבת פעילותו. אחד הליקויים מהם סבל הארגון ופעולותיו הוא העדר מזכירות מאורגנת. בשנים האחרונות השתנה המצב עת לקח כותב שורות אלה לידיו גם את עניני המזכירות, מלבד תפקידו כיו״ר.

למרות הקשיים הנובעים בעיקר מאדישות יוצאי העיר לפעולות הארגון, יש לציין אירועים שונים, שהצליחו למעלה מן המשוער, כגון: מסיבת־חברים עם הגרלות שנערכה ב„בית המלין״, מסיבת פורים שנערכה ב„בית ציוני אמריקה״ וביחוד המסיבה הגדולה לציון 20 שנות עצמאות ישראל שנערכה במצודת זאב בתל־אביב, בה השתתפו אורחים רבים מחוץ לארץ. מסיבה זו השאירה רושם רב על כל משתתפיה.

מיפגשי רעים נערכו לעתים מזומנות לרגל בקורם של בני עיר מחוץ־לארץ בישראל: הח׳ שמואל שטרייטמאַן מארה״ב, אלקנה חרמץ מסן־פאולו, עו״ד צוקר ואחרים מטורונטו וכד׳.

בשנים האחרונות התרכזה הפעילות העיקרית מסביב להוצאת ספר „יזכר״ להנצחת קדושי עירנו. הפעולה החלה לפני עשר שנים ורוכזה אז בידי הח׳ משה צפרירי (מורגנ־לנדר) ששימש בימים ההם יושב ראש הועד. ביזמתו הוצא פרוספקט על תוכן הספר וצורתו, שהופץ בארץ ובחוץ לארץ. ברם היחס האדיש של בני עירנו לפעולה חשובה

יו״ר ההנהלה הנוכחית של הארגון, עו״ד יחזקאל אראלי, מעלה את זכר קדושי העיר במרתף השואה שעל הר ציון בירושלים



דער איצטיקער פארזיצער פון ארגון, אדוו. יחזקאל אראלי, איז מספיד די קדושים פון אסטראוועצ אין מרתף השואה אויף הר ציון אין ירושלים.

זו שללה מהעוסקים בעבודת קודש זו את הרצון והיכולת להוציא את החלטתם מהכוח אל הפועל.

עברו שנים ללא כל תזוזה בשטח זה. הקפאון נגרם בשל משברים שונים שחלו בארגון והן בשל התחלפות חברי הועד פעמים אחדות.

בשלהי שנת 1964, עם היבחר ועד חדש, הממשיך, בשינויים קלים, לכהן עד היום, התעוררו כמה חברים לפעולה מחדש בשטח זה. הענין החל שוב לקרום עור וגידים ע״י התקשרות עם מר גשורי והעברת תפקיד רכוז החומר ועריכתו לידו.

החומר שרוכז ע״י הח׳ צפרירי הועבר לידי העורך. נאסף חומר נוסף ע״י העורך וע״י חברי הועד מבין יוצאי אוסטרובצה בארץ ובחוץ לארץ. אורגנה מגבית כספית בארץ שנתנה תוצאות שהיה בהן משום עידוד להמשך הפעולה. חודשו הקשרים עם ה„לאַנדסמאַנשאפטים״ בחוץ לארץ, בייחוד לאחר ביקורו של כותב השורות בניו־יורק, בריו־דה־ז׳אניירו ובטורונטו.

הפעילות במקומות הנ״ל הביאה תוצאות מעשיות. בניו־יורק התארגן ועד מיוחד למען הספר, שפעיליו הם בעיקר מאנשי שארית הפליטה. הם ריכזו כמה אלפי דולר שהועברו אלינו למטרה זו. — ייזכרו לטובה שמואל שטרייטמן, ברנרד ודוידקה בומשטין — שהיו הרוח החיה בועד הספר בניו־יורק. גם בטורונטו הביא הביקור תוצאות מעשיות ובעיקר נתהדק הקשר ע״י ביקוריהם של עו״ד צוקר, עבער ביינרמן ואחרים בארץ, וגם מהועד בטורונטו נתקבלו כמה אלפי דולר למטרה זו. גם בארץ הצלחנו לרכז סכומים לא קטנים מפעולות „ההנצחות״, וכך נוצרה קרן מכובדת שנתנה לנו האומץ לממש את הוצאת הספר.

ברם, את עריכת הספר פקד משבר חמור וחלו חילוקי דעות עם העורך הן על אופן עריכת הספר והוצאתו והן על בעיות התשלום.

אחרי דין ודברים ממושך ואחרי משבר קשה שנגרם בחלקו — מ„אכילת־קורצא״ בחוץ לארץ, התגברנו על הקשיים, נתיישרו ההידורים שכל החומר שרוכז והוכן ע״י

יוצאי אוסטרובצה מדליקים נרות נשמה לזכר קדושיהם במרתף השואה.

אסטראָווצער צינדן אן נשמה־ליכט צום אנדענק פון זייערע קדושים אין מרתף השואה.

מר גשורי — נמסר לעיבוד ועריכה סופית למר גרשון זילברברג האחראי גם להוצאתו בדפוס ולתיכנונו הגראפי.

הפעם סבור הועד, כי הצליח בבחירת האיש, שבידיו הופקדה הוצאת הספר לאור. בימים הקרובים ממש נברך על המוגמר — עת נגיש לבני עירנו באשר הם שם אשר יהיו מעונינים בכך — ספר נאה ומהודר, שיציב יד ושם לקהילת אוסטרובצה המעטירה.

התכניות לעתיד

אחרי הוצאת הספר בדפוס אין ועד הארגון חושב לקפל את דגלו ולסיים בזה את פעילותו. לדעתנו, יש מקום לחדש את פעולת קופת גמילות חסד — פעולה שהיתה ראשית דרכו של הארגון עם הווסדו ואשר אקטואליותה לא פסקה גם כיום.

רעיון אחר שהוגים אותו חברי הועד הוא הקמת בית אוסטרובצה. בביצוע משימה קשה זו הם נתמכים על ידי אנשי אוסטרובצה בטורונטו, בראשותו של עו"ד צוקר.

הפעילות במקומות הנ"ל, הביא תוצאות מעשיות. הפעולה. חודשו הקשרים עם ה„לאַנדמאַנשאַפטים" בחוץ שברשותם נמצא סכום נכבד מאד ממכירת „בית הכנסת אנשי אוסטרובצה" בטורונטו. אחינו מטורונטו סבורים שענין זה דורש את „תיקונו" ע"י ניצול כספים אלה למטרת הקמת „בית אוסטרובצה" בישראל.

נקווה, שיעלה בידינו בע"ה להגשים את הפעולות הנ"ל במהרה.

בסוף דברי אני מביע את תודת הארגון לכל אלה מחברי הועד ומחוצה לו, הועדים בניו־יורק, בטורונטו ולכל יתר בני עירנו בארץ ובתפוצות ולכל האחרים שסיימו בהגשמת מטרותינו ובייחוד בהוצאת הספר לאור. זכות הקדושים ששפתותיהם תהיינה מדובבות בקבר מתוך הספר תעמוד לכולנו ובפרט למדינת ישראל, שתיבנה ותכונן ותעמוד לעולמי עד ולנצח נצחים.

יוצאי אוסטרובצה מתייחדים עם זכר קדושיהם על ידי לימוד משניות במרתף השואה.

יחזקאל אראלי

„ארגון יוצאי אוסטרובצה בישראל" פאַרברייטערט זיין טעטיקייט

דאָס איז געווען ביים סוף פון דער אַכזריותדיקער און גרוילעכער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט איבערגעלאָזט אייביקע וווּנדן אין יידישן פאָלק.

איוב בשורות וועגן גורל פון אונדזערע ברידער אין אייראָפּע בכלל און פון פּוילן בפרט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צוזאַמען מיט די ערשטע שוואַלבן פון דער שאַרית הפליטה — איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דער גרויסער שריפה. אַ טייל פון זיי זענען געווען יוגנט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין לאַנד דורך פאַרשידענע נייטראַלע לענדער נאָך פאַר דער דייטשישער ענטגילטיקער קאַפּיטולאַציע, און אַ טייל איז געווען יוגנט פון די דייטשישע לאַגערן, ווען ס'האָט זיך איינגעגעבן נאָך דער מלחמה צו באַקומען סערטיפיקאַטן פון דער מאַנדאַט־מאַכט און האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער ענגלישער בלאָקאַדע מיט דער עליה ב'. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן איינס־ביי־איינס רעשטלעך פון דער שרעקלעכער שואה. דער דאָזיקער שטראָם איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, וועלכע האָט

אסטראווצער אין ישראל לערנען משניות אין מרתף השואה צום אנדענק פון זייערע קדושים.

ברייט צעעפנט די טויערן פאַר די יידן אין דער גאַנצער וועלט.

די קליטה־אָרגאַנען אין דער פאָרם ווי זיי עקזיסטירן היינט, זענען נאָך דאַן נישט געווען באַוווסט. קיין שום פינאַנציעלע קוועלן זענען נישט געשטאַנען אין רשות פון דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך נאָך דאַן שווער געראַנגלט מיט איר אייגענער עקזיסטענץ.

אונטערן דרוק פון דידאָזיקע באַדינגונגען האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ קליינע גרופּע פון אסטראָוויצער לאַנדס־לייט, אין דער שפּיץ פון ר׳ דוד טאָפּעל ז״ל, פּנחס ראָזענ־צווייג, נחום וואַלערשטיין, פּנחס סורוקה און אַנדערע, מיטן צוועק צו געפונען אַ וועג צו העלפן די נייע עולים פון אונדזער שטאָט זיך איינאָרדנען אין לאַנד און בויען דאָ זייער נייע היים.

די גרינדער פון ארגון יוצאי אוסטרובצה בישראל האָבן זיך געשטעלט אַלס ערשטער ציל דערלאַנגען קאָנס־טרוקטיווע הילף די ניי־געקומענע עולים פון אונדזער שטאָט באַנוצנדיק זיך מיט די באַשרענקטע מיטלען וואָס זענען געווען אין זייערע הענט, וואַס זענען געקומען בעיקר מעבר לים.

די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אפילו טיילווייז די פאָדערונגען פון אַלע וואָס האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף איז געווען זייער באַגרענעצט. אין דעם פאַל איז געווען נויטווענדיק אָנצווענדן אַ סעלעקטיוון צוגאַנג ביי דער־לאַנגען הילף די נייגעקומענע, באַטראַכטן יעדן פאַל באַזונ־דער און אויסצוקלייבן נאָר די נויטווענדיקסטע פאַלן לויט דעם באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג.

דערדאָזיקער פאַקט האָט דערפירט צו אומצופרידנקייט צווישן די ניי־געקומענע און פאַרשידענע קרייזן, וועלכע האָבן באַשולדיקט דער ארגון אין פּראָטעקציאָניזם, כביכול, ביים פאַרטיילן די פאַרהאַנענע מיטלען צווישן די נויט־באַדאַרפטיקע.

די אומצופרידנקייט איז געווען באַגלייט מיט „מסירות״ ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד, און דער רעזולטאַט איז געווען אַז עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די שטיצע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, צוזאַמען מיט אוימאויפהערלעכע פאָדערונגען פון זייער זייט, אַז דער ארגון זאָל זיך

חברי ארגון יוצאי אוסטרובצה בישראל עולים לירושלים להתייחד עם זכר קדושיהם במרתף השואה.

ריינוואַשן פון די באַשולדיקונגען וואָס ווערן אַרויסגערוקט קעגן אים.

די דאָזיקע אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען זענען געקומען צום אויסדרוק אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 10־טן אָקטאָבער 1949, נאָכדעם ווי במשך 3 יאָר זענען נישט פאָרגעקומען קיין „אזכרות״ נאָך די אָסטראָווצער קדושים.

נאָכדעם ווי ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ נישט-געלונגענער פּרוּב צו שאַפן אַ נייעם ועד אין יפו איז אויף דער פאַרזאַמלונג אויסגעוועלט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך אַלטע און נייע עולים און דער שלום-בית איז אומגעקערט געוואָרן אין ארגון עולי אוסטרובצה בישראל. אין דער צייט איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין צום ארגון, וואָס איז אויך פאַרשריבן געוואָרן אָפיציעל ביי די געהעריקע מלוכה־אָרגאַנען.

טראָץ דעם שלום-בית און דאָס אויסוויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג דורך אַ מערהייט, איז נישט פאַרגרעסערט געוואָרן די שטיצע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן פון אויסלאַנד, איבערהויפט אַמעריקע, און אין פאַרגלייך צו דער הילף וואָס איז געשיקט געוואָרן פון לאַנדסמאַנשאַפטן פון אנדערע שטעט צו זייערע ארגונים אין ארץ ישראל, איז דאָס געווען ממש נישטיק.

אמת, אַז אַ טייל פון דער הילף וואָס איז געגעבן געוואָרן די נייע עולים איז געווען אין פאָרם פון אַ הלוואה דורך אַ באַנק, נאָר די געלטער זענען נישט אָפּגעגעבן געוואָרן, ווייל די בעלי־חובות האָבן בטעות געזען דאָס ווי געלט וואָס איז געשיקט געוואָרן פון די אָסטראָווצער לאַנדסלייט אין דער וועלט אויף צוטיילן צווישן זיי. די פאַרוואַלטונג האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין געריכטלעכע מיטלען כדי אויפצומאָנען די דאָזיקע חובות. צוליב דעם איז דאָס געלט וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס יסוד צו אַ גמילות־חסדים קאַסע, נישט צוריקגעקומען צו אונדז און די טעטיקייט פון ארגון איז געוואָרן געגנצלעך פּאַראַליזשירט.

צווישנצייט האָט זיך אָנגעצייכנט אַ ניי געביט פאַר דער טעטיקייט פון ארגון — דאָס פאַראייביקן די קדושים פון אונדזער שטאָט. דער קרן הקיימת לישראל האָט אָנגעפאַנגען אַן אַקציע פון פלאַנצן אַ „יער הקדושים״, צום

אסטראָווצער אין ישראל זענען עולה קיין ירושלים צו באערן זייערע קדושים אין מרתף השואה.

אייביקן אָנדענק פון די הייליקע קהילות אין אייראָפּע וואָס זענען פאַרשניטן און פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס.

דער ארגון האָט גענומען אַן אַנטייל אין דער אַקציע, און דער ועד, וואָס אין דער שפּיץ איז געשטאַנען משה צפּרירי (מאָרגענלענדער) האָט זיך באַטייליקט אין פלאַנצן ביימער אין די ירושלימער בערג צום אָנדענק פון דער אָסטראָווצער קהלה. צו דער צערעמאָניע זענען געקומען אָסטראָווצער פון אַלע טיילן לאַנד.

פון דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע תקופה פון אומאיבערגעריסענע טעטיקייט פון ארגון, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איינאָרדנען יערליכע אזכרות אין אָנפאַנג חודש חשון. די־דאָזיקע אזכרות זענען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ טראַדיציע ביי די אָסטראָווצער אין ישראל.

אויף די אזכרות טרעטן אַרויס מיט הספדים און מיט טרויער־רעדעס די גרעסטע פּערזענלעכקייטן און רעדנער, וואָס זענען געווען נאָענט פאַרבונדן מיט אונדזער שטאָט אָדער מיט אונדזער שטאָלץ — דער גאון און אדמו״ר רבי מאיר יחיאל הלוי מאוסטרובצה זצ״ל.

אין די ערשטע יאָרן פון דערדאָזיקער טעטיקייט פלעגן מיר צוזאַמען מיט דער אזכרה אָנהאַלטן אונדזערע יערלעכע פאַרזאַמלונגען. נאָך אַ צייט איז דער מנהג בטל געוואָרן, ווייל די פאַרזאַמלונגען וואָס זענען געווען שטורמ־דיקע און האָבן דערפירט צו שאַרפע און ביטערע דיסקוסיעס, זענען נישט געווען צום כבוד פון אונדזערע טייערע, וואָס צו זייער באַערן זענען מיר זיך צונויפגעג־קומען. זינט דאָס אָפּטיילן צווישן די צוויי געשעענישן זענען די „אזכרות״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייליקער טראַדיציע, וואָס ווערט טייער אָפּגעהיטן דורך אַלע אָסט־ראָווצער אין לאַנד.

די דאָזיקע יערלעכע אזכרות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן צונויפטרעף פון פריינט און חברים. מען פאַרברענגט צוזאַמען און מען פרעגט זיך אויס וועגן זייער מצב און וועגן קרובים און בשותפותדיקע פריינט אין אַנדערע לענדער.

צוזאַמען מיט די יערלעכע אזכרות וואָס ווערן איינגע־אָרדנט אין תל־אביב, זענען אַלע אָסטראָווצער עולה־רגל צום מרתף־השואה אויפן הר־הרצל אין ירושלים, דאָרט לערנט מען אַ פּרק משניות, מען מאַכט אַן אַזכרה און מ׳צינדט אָן נשמה־ליכט צום אָנדענק פון די הייליקע נשמות.

אַ חבר פון אונדזער ועד, שלמה האָרוויץ און זיין פרוי, האָבן שוין אַ טראַדיציע מכבד צו זיין אַלע אָסטראָווצער, וואָס זענען עולה־רגל צום מרתף־השואה, מיט „לחיים״. זינט דער באַפרייאונג פון דער אַלט־שטאָט און די כותל מערבי גייען מיר איבער נאָכדעם צום כותל מערבי, און דאַוונען דאָרט „מנחה״. דאָס דינט אַלס פאַסנדער שלוס

חברי „ארגון יוצאי אוסטרובצה״ באסיפת זכרון בתל־אביב.

צו די רייע פון אזכרות וואָס קומט פאָר אין געדענק־טאָג וואָס איז באַשטימט פאַר די קדושים אין אָסטראָווצע.

אַן אַנדער טעטיקייטס־געביט זענען די צונויפטרעפונגען פון די חברים, וואָס מיר אָרדנען איין חנוכה, ט״ו בשבט, פּורים, יום העצמאות און אין יעדן פאַל ווען ס׳קומען קיין ישראל געסט — אָסטראָווצער לאַנדסלייט פון אַנדערע לענדער.

דער ועד האָט געמאַכט פיל באַזוכן אויף צו אַקטיווירן די אָסטראָווצער אין ישראל און באַוועגן זיי צו טעטיקייט אין ארגון, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין גלייכגילטיקייט און מאַנגל פון אינטערעס מצד די לאַנדסלייט. מען דאַרף פאַרצייכנען, אַז ס׳זענען נאָך דאָ אָסטראָווצער וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַטייליקט אפילו אין איין צונויפטרעף, און אייניקע — אפילו נישט אין די אזכרות. אַזאַ באַציאונג נעמט צו ביי די טעטיקע דעם טעם פון זייער אַרבעט, און וועלכן זיי לייגן אַריין זייער גאַנצע נשמה, און באַשווערט דאָס פאַרברייטערן די טעטיקייט פון ארגון אויך אויף אַנדערע געביטן.

איינס פון די פעלערן פון ארגון, וואָס האָט פאַרשאַפט פיל שוועריקייטן איז געווען דער מאַנגל אין אַן אָרגאַנעזירטער ביוּראָ. אין די לעצטע יאָרן, זינט דער שרייבער פון די שורות, האָט אויף זיך גענומען אויך די ענינים פון סעקרעטאַריאַט, חוץ זייענדיק פאָרזיצער פון ארגון, האָט זיך די לאַגע אין דעם הינזיכט פאַרבעסערט. טראָץ די שוועריקייטן, וואָס זענען בעיקר אַ רעזולטאַט פון דער גלייכגילטיקייט פון אונדזערע לאַנדסלייט צו דער טעטיקייט פון ארגון, קענען מיר פאַרצייכנען אייניקע זייער־געלונגענע פאַראַנשטאַלטונגען, ווי, למשל, אַ באַנקעט מיט אַ לאָטעריע און „בית המלין״, אַ פורים־באַל אין „בית ציוני אמריקה״ און ספּעציעל איז כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסן באַנקעט לכבוד דעם 20־יעריקן יאָרטאָג צום פּראָקלאַמירן ישראלס זעלבשטענדיקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין „מצודת זאב״. אין דעם באַנקעט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם ביי אַלע אַנטיילנעמער, זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן אָסטראָווצער געסט פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זענען דאַן געווען אין ישראל.

באַנקעטן זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אָסטראָווצער אורחים פון חוץ־לארץ: דער חבר שמואל שטרייטמאַן פון אַמעריקע, אלקנה חרמץ פון סאַן־פאולו, אַדוו. צוקער פון טאָראָנטע, חיים גאָלדזאַץ און אַנדערע.

ספר אַסטראַווצע

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די טעטיקייט פון ארגון קאָנצענטרירט בעיקר אַרום ספר יזכור, וואָס דאַרף פאַר־

אַנדענק־פאַרזאמלונג פון אסטראווצער אין תל־אביב.

אייביקן אונדזערע קדושים. די טעטיקייט אַרום ספר האָט זיך אָנגעהויבן מיט צען יאָר צוריק און האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון משה צפּרירי (מאָרגענלענדער), וואָס איז דאַן געווען דער פאָרזיצער פון ארגון. מיט זיין איניציאַטיוו איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פּראָספּעקט וועגן בוך אין לאַנד און אויסלאַנד, אָבער די גלייכגילטיקע באַציאונג פון אונדזערע שטאָטישע צו דער דאָזיקער וויכטיקער אונטערנעמונג האָט צוגענומען ביי די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער הייליקער טעטיקייט יעדן ווילן און מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם וויכטיקן פּלאַן.

עס זענען אַוועק יאָרן און דער ענין האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, צוטייל אויך ווייל אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך אייניקע מאָל געביטן די פאַרוואַלטונג פון ארגון.

סוף 1964, ווען ס׳איז געווילט געוואָרן אַ נייער ועד, וואָס זעצט פאָר, מיט קליינע ענדערונגען, די טעטיקייט ביז היינט, האָבן זיך אייניקע חברים איבערגעגעבן אויפסניי דער טעטיקייט. דער ועד האָט זיך פאַרבונדן מיט ה׳ גשורי, מיטן צוועק אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

דער מאַטעריאַל וואָס איז געזאַמלט דורך ה. צפּרירי איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם רעדאַקטאָר. ס׳איז געזאַמלט געוואָרן ווייטערדיקער מאַטעריאַל דורכן רעדאַקטאָר און דורך חברים פון ועד. אין ישראל איז דורכגעפירט אַ געלט־אַקציע, וואָס האָט געדינט אַלס אַ דערמוטיקונג צו ווייטערע טעטיקייט. ס׳זענען באַנייט געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן אין חוץ־לארץ, בעיקר נאָכן באַזוך פון שרייבער פון די שורות אין ניו־יאָרק, ריאָ־דע־זשאַניירא און טאָראָנטע.

די טעטיקייט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די דערמאָנטע ערטער האָט געגעבן ממשותדיקע רעזולטאַטן. אין ניו־יאָרק האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך. כדאי דאָ צו פאַרצייכנען צום גוטן שמואל שטרייטמאַן, בערנאַרד און דווידקע בוימשטיין — וואָס זענען דער לעבעדיקער גייסט אין דעם קאָמיטעט.

אויך אין טאָראָנטע האָט דער באַזוך געבראַכט וויכטיקע רעזולטאַטן און דער עיקר, עס זענען געשאַפן געוואָרן ענגע פאַרבינדונגען מיט ישראל אַ דאַנק די באַזוכן פון אַדוו. צוקער, עבער ביינערמאַן און אַנדערע אין ישראל, און פון דעם טאָראָנטער פאַרוואַלטונג האָבן מיר באַקומען 3000 דולאַר צו דעם צוועק. אויך אין ישראל האָבן מיר באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַ סומע געלט פאַר „הנצחות", און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד,

יוצאי אוסטרובצה מעלים זכר קדושיהם באסיפה בתל־אביב.

וואָס האָט אונדז געגעבן מוט צוצוטרעטן צו דער פאַרווירקלעכונג פון פּלאַן.

אָבער, אַ קריזיס איז אויסגעבראָכן צווישן אונדז און דעם רעדאַקטאָר און ס׳זענען אויסגעבראָכן סכסוכים מיטן רעדאַקטאָר וועגן אופן פון רעדאַגירן און פאַרעפנטלעכן פון בוך און אויך וועגן געלט ענינים.

נאָך לענגערע ויכוחים און נאָך אַ שווערן קריזיס, וואָס איז טיילווייז געווען דער רעזולטאַט פון „מסירות״ אין חוץ לארץ, האָבן מיר באַוויזן צו באַהערשן די לאַגע, די סכסוכים זענען אויסגעגליכט געוואָרן און דער מאַטעריאַל וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך ה׳ גשורי — איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם ה׳ גרשון זילבערבערג, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן דאָס בוך און אויך זאָרגן פאַר זיין עסטעטיש אויסזעען.

די פאַרוואַלטונג פון ארגון גלויבט אַז דאָס מאָל האָט זי מצליח געווען מיטן אויסוויל פון מענטש, וואָס אין זיינע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס אַרויסגעבן פון בוך, און אין די נאָנסטע צייט ממש וועלן מיר קענען דערלאַנגען אונדזערע אָסטראָווצער פריינט אין דער גאַנצער וועלט, וואָס וועלן זיין אינטערעסירט אין דעם — אַ בוך, וואָס וועט דינען אַלס אַ מצבה אויף די אומפאַרהאַנענע קברים פון אונדזערע קדושים. ווי מיר האָפן וועלן די אָסטראָווצער לאַנדסלייט אין דער גאַנצער וועלט קענען שטאָלצירן מיט זייער בוך, וואָס וועט זיך אויסצייכנען מיט זיין עסטעטישן אויסזעען.

נייע אויפגאַבן

נאָכן אַרויסגעבן דאָס בוך האָט דער ועד נישט בדעה צו ענדיקן דערמיט זיין טעטיקייט. לויט אונדזער מיינונג איז נויטיק צו באַנייען די גמילות־חסדים קאַסע, אַ טעטיקייט וואָס דערמיט האָט דער ארגון אָנגעהויבן זיין אַרבעט, און וואָס זיין אַקטואַליטעט איז נישט פאָריבער אויך היינט־צו־טאָג.

אַן אַנדער פּראָיעקט וואָס מיר טראַכטן וועגן אים איז דאָס אויפשטעלן „בית אוסטרובצה״ אין ישראל. מיט דער דורכפירונג פון דאָזיקן שווערן אָבער וויכטיקן פּלאַן געניסן מיר פון דער שטיצע פון די אָסטראָווצער לאַנדסלייט אין טאָראָנטע, אין דער שפּיץ פון אַדוו. צוקער, וואָס אין זייער באַזיץ געפינט זיך אַ גרויסע סומע געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון פאַרקויפן זייער שול אין טאָראָנטע. אונדזערע ברידער אין טאָראָנטע זענען אין דער מיינונג, אַז דער איינציקער „תיקון״ פאַרן פאַרקויפן אַ יידישע שול איז נאָר דאָס אויפשטעלן אַ „בית אוסטרובצה״ אין ישראל וואָס וועט דינען אַלס גייסטיקער צענטער פאַר אַלע אָסטראָווצער יידן אין דער גאַנצער וועלט. לאָמיר האָפן אַז ס׳וועט אונדז, מיט גאָטס הילף, געלונגען צו פאַרווירקלעכן דעם וויכטיקן פּלאַן אין דער נאָנטסטער צוקונפט.

צום סוף וויל איך אויסדריקן דעם דאַנק פון ארגון די חברים אין ישראל, די ספר קאָמיטעטן אין ניו־יורק, טאָראָנטע און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן פאַרווירקלעכן אונדזער געוואַגטן פּלאַן פון אַרויסגעבן דאָס בוך. דער זכות פון אונדזערע קדושים, וואָס לעבן אויף פאַר אונדזערע אויגן בעת מיר לייענען דאָס בוך, וועט ביישטיין אונדז אַלע און מדינת ישראל, וואָס וועט עקזיסטירן אימער און אייביק!

גילוי לוח הזכרון של קדושי העיר במרתף השואה.

אנטהילונג פון אנדענק־טאפעל אין מרתף השואה.

אסיפה סוערת שנסתיימה בחיזוק הארגון ובליכוד החברים סביבו

פרטיכל מאסיפה של יוצאי אוסטרובצה בשנת 1950

מר פנחס רוזנצויג מיוזמי אספת האזכרה פותח את האסיפה ומציע לבחור ביושב ראש.

פה אחד נבחר כיושב ראש האסיפה מר י. ארליך (ארלי).

מר ארלי מודה על הכבוד שחלקו לו בבחירתו ליושב ראש, ומזכיר, שעברו כבר שלש שנים מאז התכנסו יוצאי העיר להתיחד עם הקדושים והטהורים, היקרים והקרובים. לצערנו לא הצלחנו לערוך, בגלל אדישות הציבור בשנים האחרונות אזכרות, אבל יישר כוחם של יוזמי האסיפה הזאת, שהראו ע״י כך רצון לתקן את המעוות.

קשה לנו ובפרט לאלה מאתנו שלא חשו על גבם ממש את השואה, לעמוד ולשאת דברי נהי וקינה על מחמלי נפשנו שנפלו לפני צר ולפני בני עולה, על היותם יהודים.

לפני השואה חיינו בתקווה שיבוא היום והמשפחות, שנתפזרו לשבעה ימים, תתאחדנה במדינת ישראל.

אמנם המדינה קמה, אבל הקרע לא התאחה. שוכלנו ונתיתמנו. רק שרידים, אודים מוצלים מאש, פליטי תופת הגיעו אלינו ונמצאים כיום אתנו. מי יוכל לתנות את גודל החורבן, ההרס והשואה שעוללו לנו. לא אוכל ואינני מסוגל לשאת דברי הספד.

יתכן ומורנו ורבנו ראב״ד הרב ר׳ יוסף בלומנפלד — חבר הרבנות הראשית שזכה לצקת מים על ידי קדוש הדור האדמו״ר מאוסטרובצה הזקן זצ״ל, ואשר זכה ליהנות מזיו תורתו, ישכיל לעשות זאת, משום שמאור התורה, תורת הצדיק מאוסטרובצה, יאציל מרוחו עליו. לכן אבקש את כבוד הרב בלומנפלד לשאת את דברי ההספד ולקונן על השריפה הגדולה ששרף השם בעירנו.

בדברים נרגשים הספיד הרב בלומנפלד את קדושי העיר על רבניה, חכמיה, חסידיה ואנשי המעשה שהילכו בה. הוא ציין את העיר כמבצר היהדות, שנחרב עם גלות העיר למחנות ההשמדה.

בדבריו העלה הרב בלומנפלד זכרונות מלפני 35 שנה, עת בא לעירנו לקבל „סמיכה״ מאת גאון הדור זצ״ל. הוא נזכר איך התפעל אז מחיי היהדות, שפכו ושוקקו בכל פינה בעיר.

הוא מנה את מדותיהם התרומיות של יהודי העיר, אהבתם לארץ־ישראל, נכונותם לעזור בכל כושל ומך ולתמוך בכל יהודי נזקק.

לו היתה יהדות זו חיה אתנו פה במדינתנו, מה רב היה אשרנו. ואנו, דור יתום ואומלל, זכינו בכל זאת למה שמיליונים אחים ואחיות לא זכו.

„התכנסתם הערב להתיחד עם נשמות יקיריכם, שלפי דברי האגדה, אף הן משתתפות אתנו באזכרה; יהיה כינוס זה לא רק כינוס לשם הזכרת המתים, אלא בעיקר, להנצחת זכרם ולתועלת החיים״.

אחרי דברי ההספד אמר החזן מר זיגלמן תפילת, „אל מלא רחמים״ ו„יזכור״ לנשמות הקדושים.

בהזדמנות זו הספיד היושב ראש בדברים קצרים את הקדושים והגבורים מבני עירנו, שהקריבו נפשם במלחמת השחרור למען תקומת ישראל והרוו בדמם את אדמת המולדת ושיחררו אותה מעול הכובש והפולש. מר זיגלמן התפלל תפילת האזכרה לעילוי נשמותיהם.

כתום דברי האזכרה עבר היושב לחלק השני של האסיפה, והוא: דו״ח, ויכוחים, בחירת ועד חדש ושונות. הוא הקדים ואמר: זה עתה התיחדנו עם זכר יקירינו. למען כבודם מתבקשים המשתתפים לשמור על הסדר והשקט ועל הרמה התרבותית של הויכוחים, למרות חילוקי הדעות על פעולותיו או מחדליו של הועד הקודם. הוא ציין, שלרגל הפסקת פעולות הועד יכול למסור דו״ח, אבל יש להניח, כי אלה שעסקו מקודם בעניני הארגון ימסרו לנו על השתלשלות הענינים.

ראשון המתוכחים היה מר דוד טופל — אחד מיוזמי הארגון.

הוא ציין, שבגלל מעשי חתירה של חברים מסוימים בועד נפסקה הפעולה. הועד הצליח בשנה הראשונה לקיומו לרכז כ־1000 לירות, מזה רק כעשירית מהארץ, והיתר מחו״ל. העולים מבני עירנו שהגיעו ארצה אז נהנו מתמיכה ניכרת. אמנם לא קבענו נוהגים קבועים, אלא חלקנו סכומים שונים, לאחד יותר ולאחר פחות, לפי הבנתנו את הצרכים של העולה. אף לירה מכל ההלוואות שחלקנו, לא חזרה אלינו.

הכסף הלך ואזל, ומאידך החלו לרנן אחרי הועד, ולא עוד אלא אף החלו להפריע לפעולות הועד ולכתוב לועדים שבארצות הברית ככל העולה על רוחם. בתנאים כאלה אי אפשר היה לנהל פעולה. בשבועות האחרונים החלו להגיע מכתבים משיקגו ומארגנטינה ובהם הודיעו שקבלו הודעה, שנתארגן איזה ועד חדש ביפו המבקש עזרה ליסוד

קואופרטיבים. לכן רוצים הם לדעת מה טיבו של הועד הזה ואם אפשר למסור לידיו את הנאמנות על כך.

מצד שני מודיע הועד מארגנטינה, שיש בידו כסף ורוצה להקים פה במדינת ישראל מפעל הנצחה לעירנו ולבניה שהושמדו. מכתב זה הוא שגרם להתעוררות וכמה אנשים יזמו את האספה הערב.

הרב בלומנפלד קרא את הנאספים לחדול מפעולות חתירה, אלא להתאחד מסביב לועד ולפעול למען העולים החדשים, שהם בבחינת „עניי עירך" והם קודמים לכל. לא יהיה זה לכבוד הקדושים אם בכנוס־אבל זה יתחילו לעשות חשבונות פרטיים איש עם חברו.

„אני קורא לכם, בני אוסטרובצה — אמר הרב — להחלץ לפעולה קונסטרוקטיבית וממשית והשוכן בציון יהיה בעזרכם"

ה' צבי שרמן מחה על הביטוי של מר טופל „חתרנות". הוא התאונן שהועד נהג שלא בהגינות בחלוקת כספי התמיכה, והעדיף עולים מהמעמדות המיוחסים על בני המעמדות של בעלי מלאכה. הוא קובל כמו"כ על התערבות בני־משפחה של אחד מחברי הועד בניהול העניינים. מר שרמן הודיע, שקיים ועד אשר התקשר עם ארצות הגולה ואף קיבל כבר תמיכה כספית. לדעתו אין צורך לחזור לועד הישן, שלא פעל כהלכה.

ה' ולרשטין התרעם על צורת הויכוח ועל ההאשמות. הוא קרא לחדול מזה ובמקום החיכוכים יש צורך באיחוד לשם ביסוס הארגון. יש לבחור מיד ועד בעל כושר פעולה.

מר אורבס הסביר את הסיבות שהביאו להקמת הועד החדש: בשנה האחרונה הגיעו הרבה בני עיר שנחלצו מיד לשירות הצבא. הם באו בהוסר כל, ובעזבם את הצבא היו גלמודים, ללא כל אמצעים ולא היה להם למי לפנות. הועד הקודם טען שאינו קיים, וכך טולטלו האנשים מאחד לשני ללא כל מטרה. הוא תבע דאגה לעולים החדשים ולחיילים המשוחררים; לדעתו אין הועד הקודם משקף את הרכב בני העיר ויש על כן לתת ייצוג רב יותר לעולים אלה.

מר באום טען לעומתו, שהועד הקודם פעל במדת יכולתו ואף למעלה מזה. בהפסקת הפעולה אשמים אנשים, שבעצמם אינם מסוגלים לעשות כלום, וכל רצונם להרוס ולהחריב את אשר הקימו. האספה הזאת — אמר מר באום — צריכה לדחות את דברי האשמה שהושמעו כאן. יש מיד לבחור ועד חדש לשם ארגון הפעולה.

מר ז'אבנר סקר את הסיבות שהניעו את החיילים לארגן את הועד של העולים החדשים והודיע על פעילות הועד הזה. הוא הספיק רק להתקשר עם כמה ועדים בחו"ל, אשר תשובתם היתה שעליהם להתקשר עם הועד הקודם ויחד לפעול. הוא הודיע, שחברי הועד החדש ביפו הם: אורבס, הלשטוק, שנידר, ז'אבנר וטרלובסקי. הוא מסכים שיש צורך להתמזג ולפעול יחד לטובת העולים והחיילים המשוחררים, הזקוקים לעזרה ולסעד.

כתום הוכוחים הוצעו ההצעות דלקמן:

1. לבחור ועדה שתבא בדברים עם הועדים כדי לפעול למיזוגם וליצירת הארגון המשותף.
2. לבחור מיד בוועד חדש.
3. ליצור קרן מקומית בלי עזרה מחו"ל.
4. ליצור קופת גמילת־חסד ע"ש קדושי אוסטרובצה.

לגבי בחירת הועד היו 2 הצעות: ועד של 5 איש או של 7 אנשים.

כמו"כ דרשו העולים החדשים שייצוגם בועד יהיה מכריע.

ללא התנגדות נבחר ועד בהרכב הבא:

1. ד. טופל, 2. פ. רוזנצויג, 3. מאיר רוזנצויג, 4. שלמה שנידר, 5. יהושע אורבס, 6. שוכהנדלר, 7. שמחה ז'אבנר.

הוחלט על הקמת קופת גמ"ח והוטל על הועד החדש לבצע הדבר. בשירת „התקוה" „ואני מאמין" ננעלה האספה.

יחזקאל אראלי

זכור ואל תשכח!

דברי פתיחה בעצרת זכרון מיום ד׳ חשון תשכ״ז

זה קרוב לחדשיים אנו עומדים בסימן הזכירה. שפתותינו עוד לוחשות את התפלה: זכור לנו ברית שלוש־עשרה, זכור ברית אברהם ועקדת יצחק — את אלה עקדות זכור, אלה אזכרה, שבתפילות הימים הנוראים, דרך תפלת „יז־כור" שאנו אומרים ביום הכפורים וביום שמיני עצרת — שהוא גם יום שמחת תורה.

בעוד השמחה בעצומה, בעוד אנו שרים ורוקדים וספרי־התורה בידינו והנה נשמעת דפיקה על שולחן בית הכנסת: „יזכור". ואתה אדם, עמוד, עצור מלרקוד ותן דעתך על מה שהיה ועל מה שעתיד להיות.

הדלקת נרות־זכרון לקדושי העיר באסיפת זכרון במלאות 24 שנים לשואת יהודי אוסטרובצה.
במרכז — זקן ניצולי העיר, מר הירש אייזנמן, ישיש שגילו קרוב למאה שנה.

דאס אנצינדן פון נשמה־ליכט אויף א טרויער פארזאמלונג צום 24־טן יארצייט פון דער פארניכטונגס־אקציע אין אסטראווצע. אין צענטער — דער עלטסטער געראטעוועטער ייד פון אסטראווצע, ר׳ הירש אייזענמאן, אַ זקן נאָנט צו הונדערט יאָר.

אנו מזכירים בתפלתנו — תפלה הרוויה תוגה ועצב, תפילה המרטטת את נימי הלב ועד עומק נשמתך חודרת — את הנאהבים והנעימים שבחייהם ובמותם לא נפרדו, את אחינו ואחיותינו, אבותינו ואמותינו, קדושי עליון.

תפלה זו מלווה אותנו עוד זמן רב.

בסימן „יזכור" אנו ממשיכים. אף פרשת השבוע שקראנו בשבת האחרונה רצופה בזכירות: הנה ירד מבול על העולם שמחה את היקום כולו, המים גוברים והולכים — מחוץ לתיבה השטה מעל פני ההרים הגבוהים ובכל התבל אין סימן של חיים. ובמצב זה של חידלון נאמר: „ויזכור אלוקים את נח ואת כל החיה ואת כל הבהמה אשר אתו בתיבה ויעביר אלקים רוח על הארץ וישוכו המים".

ולא די בכך: ברית חדשה כורת אלוקים עם המין האנושי שלא יכרת כל בשר עוד מימי המבול ולא יהיה עוד מבול לשחת הארץ. וכסמל ברית זו קובע ד' את הקשת בענן. ונאמר: וזכרתי את בריתי... והיתה הקשת בענן לזכור ברית עולם בין האלוקים ובין כל נפש חיה אשר על הארץ.

לפי דברי אחד מגדולי פרשני התורה, ר' אליעזר הרופא בעל „מעשי ד'", הקשת אינה אלא אזכרה לאנושות לתקן מעשיה.

הקשת לכשעצמה היא בריאה טבעית מראשית היצירה, אלא השם רצה לומר לנו, כי מעתה הופעתה תהיה בזמן שיהיה צורך להזכיר לדור אשמתו.

מי עוד כדור האחרון — דור שמבשרו חזה את המבול: מבול האש, הדם ותמרות העשן הבוקעות ממאידאַנק, מאוש־ויץ, מבלז'יץ, מטרבלינקה וממקומות השמדה אחרים, זקוק לאות הזאת, הקשת בענן?

מי עוד כמונו חייב לזכור ולהזכיר.

על זכירה זו אנו מצווים, ככל שגדל מרחק הזמן. בל ניתן שיקוימו דברי דוד המלך „נשכחתי כמת מלב", כי לא אבל־יחיד אנו אבלים, אלא אבל עם, קדרנו והשמנו.

ואת תודעת הזכירה הזו אנו חייבים להחדיר לצא־צאינו ולצאצאי־צאצאינו.

אנו זקוקים לקשת בענן. ענן הוא חשכות, כדברי בעל „זכרון שמואל", שהיה רב באוסטרובצה לפני שנים: באם ח"ו חשכות בעולם, אזי צריכים אנו לקשת, שהם האבות ובזכותם מציל אותנו.

בדור אחרון זה, דור שחשכות גדולה ירדה על העולם בכלל ועל עולמו של עם ישראל בפרט, ובמיוחד על אחינו בני ישראל בגולת אירופה, עת עלה הכורת על בית ישראל והכריע לטבח ולמיתות אכזריות ומשונות את ארזי הלבנון ואדירי התורה, שעל זקנים לא חס ופני טף לא חונן.

למרות חילופי הזמן, למרות התמורות שחלו בעולם, למרות הקונסטלאציות הפוליטיות החדשות, כולל קשירת יחסים דיפלומטיים בין מדינתנו, שקמה על חורבות גולת אירופה, — ובין גרמניה החדשה, נמשיך לזכור ואל נשכח את אשר עשה לנו עמלק של ימינו.

ומתוך הכרה זו, ובסיסמה זו של: „זכור ואל תשכח", הנני פותח את עצרת הזכרון לקדושי קהילת אוסטרובצה אנשים, נשים טף, עצרת זכרון לקהלה קדושה רוויה תורה ויראת שמים, תום וטוהר. הבה נזכר ובל נשכח. נציב לה יד ושם־עולם, ננציח שמה וזכרה בספר ושמה יכון לעד.

הנני מכריז על פתיחת העצרת.



יחזקאל ארלי

הכורת עלה על עירנו - טבח ולא חמל

דברים שנאמרו באזכרה לציון יום השנה ה־27 להשמדת יהודי אוסטרובצה

ירח האיתנים, חודש תשרי, מאחורינו. הימים המשופעים במצוות חלפו עברו. זמן שמחתנו ששיאו הגיע בשמחת התורה — רשמיו הולכים ונמוגים ואנו נכנסים לימים אפורים, ימי השיגרה על כל תלאותיהם והתלבטויותיהם. אנו עומדים עתה בחודש מרחשון, החודש שנקרא כך בשל היותו מעורטל מכל חג וימי שמחה. בימיו הראשונים של חודש זה אנו קוראים בתורה על פרשיות של רצח־דמים ומבול־מים, מאורעות טראגיים ראשונים שהתרחשו על העולם שרק עתה יצא מתוהו ובוהו, שזה רק עתה הבזיק אורו של יוצר בראשית באומרו: „יהי אור". והנה הופיע הרוצח הראשון, שנדמה לו, כי בצדק הרג את אחיו, מחמת טענות ותביעות אליו. נדמה היה לו אפילו, שהוא צודק כלפי שמים, ומה אומרת עליו התורה שבעל פה: ביקש להחזיר את העולם לתוהו ובוהו — ביקש להחריב את כל הבריאה. ודור אנוש — חושך של עכו"ם בו. כבימים ההם כך היו שנות הארבעים הראשונות שנות חושך ואפלה, חושך ההולך ומתעבה עד על פני תהום, עד אסון המבול ועד בכלל.

וכאז כן בשנות השואה נשאלה השאלה הגדולה המ־זעזעת: עד מתי יהא העולם מתנהג באפילה? באותם הימים שלהי תשרי ותחילת מרחשון של שנת תש"ג, 1942 — עמד העולם על פי התהום ואחינו בני ישראל עמדו בפני מבול של דם ואש ממש.

לאחינו בני ישראל בפולין היה חודש מרחשוון שמ־לפני 27 שנים חודש, מר ונמהר בו החל הנגף — נגף ההשמדה והכליון.

ליל חושך וערפל השתרר על בית ישראל, עלה עליו הכרת, טבח ולא חמל.

והצדיקים התמימים — או יותר נכון: המיתממים — כאותו נוח צדיק תמים השומע דבר ד', כי מבול בא לעולם למחות את היקום, הוא מחריש, אף הם מחרישים ומתעלמים לגמרי מרצח עם.

וכנוח לפני המבול לא אנחה למשמע הבשורה המרה, לא תפילה ובקשה על בני דורו, וכדברי חז"ל „לא עלה בלבו רעתו של עולם". ספו תמו רגשי רחמים וצער.

עמי העולם „הנאור", שעמדו כביכול במאבק עם השטן הנאצי, חששו אפילו להרים קולם במחאה על מבול הדמים שהציף את יהדות פולין, שמא ידביקו למלחמתם תו של „מלחמה יהודית". כך עמדו על דם ישראל שניגר בחוצות עיירות וערי פולין. דם אנשים, נשים וטף שהציף את קרונות המות והדרכים למחנות ההשמדה של טרב־לינקי, בלזץ, מאידאנק, אושוויץ, ומקומות השמדה אחרים.

לעומת הצדיק התמים המחריש לא נמצא ה„אברהם" שיכריז קבל עולם: השופט כל הארץ לא יעשה משפט, לא נמצא ה„אברהם" שיעמוד על הנפש וינסה להצילה מכליון.

העולם עמד והחריש כנוח לפני המבול. והמבול בא ושטף, בא ומחה את היקום. יהדות פולין המעטירה נגרפה ונשטפה ורק אודים מוצלים מאש, שנים מעיר ואחד ממש־פחה, צפו ועלו ממי המבול לחוף המולדת, שקלטה אותם בזרועות פתוחות ובאהבה.

בדומה לנח הצדיק התמים שפרץ בבכי אחרי החורבן — כן העולם הנאור התחיל כביכול לבכות אתנו, לבכות את האבדה הגדולה.

עם ישראל המוכה, הפצוע והזב דם מעורר רחמים אצל אומות העולם. הוא זוכה לאהדה, אבל כשאותו עם מתנער מעפרו ומחליט החלטה איתנה שמבול דמים כבשנות הארבעים למאה זו לא יעבור עוד עלינו, כי הנה הופיעה הקשת בענן — קשתו של אביר יעקב המבשר לישראל ולעולם כולו כי לא יהיה עוד המים למבול לשחת כל בשר — כי שואה כזאת היה לא תהיה יותר, כי דם ישראל לא יהיה הפקר עוד וכי אנו מקיימים „ונקם ישיב לצריו" — פוסקת האהדה. מכנים אותנו תוקפנים, אימפריא־ליסטים, שתלטנים וכו'.

ראינו כבר תופעות כאלו: תופעה של אהדה ורגשי רחמים בימים המתוחים שלפני פרוץ מלחמת ששת הימים, מלחמת הישע והפדות מצד אחד וגינויים, ואבדן האהדה לאחר הנצחון המזהיר על שונאינו בנפש, אשר למרות כל המפלות שנחלו מידי אביר יעקב, אין פניהם לשלום, כדברי דוד המלך: „אני שלום וכי אדבר המה למלחמה".

עם ישראל מלומד הנסיונות לא יתיאש ממאמציו לשלום שאף על פי שיתמהמה בוא יבוא.

אנו, בני אוסטרובצה, התכנסנו כאן כמדי שנה בשנה לחלוק כבוד ויקר לנשמות הזכות והטהורות של אבותינו ואמותינו, אחינו, אחיותינו, בנינו ובנותינו ולהתיחד עם זכרם—זכר הקדושים והטהורים שנהרגו, שנשחטו, שנטבחו, שנשרפו ונקברו חיים. במות הקדושים שלהם ציוו לנו ולדורות הבאים את החיים, חיי הנצח, ובמותם הביאו לנו תקומת ישראל בארצו.

יהא זכרם ברוך.

לזכר בני עיר שנפטרו בישראל

בסוף דברי הרשו לי להעלות את זכר בני עירנו שהלכו לעולמם מאז יום הזכרון האחרון, ואלה הם:

- שאול מגרמן, איש ירושלים, שנפל קרבן לטרור הערבי בירושלים.
- גב׳ יוכבד פרידמן לבית ניידיק.
- חנה בוגייסקי לבית קרונגולד.
- יפה רוזנברג לבית ארליכזון. אמעל בתפקידי אם

לא אקדיש מלים ספורות לאשה פעילה זו, שהיתה חברה מסורה של ועד הארגון וידעה לא רק לפעול אלא גם להפ־עיל אחרים. מקומה לא נפקד בשום אירוע, מסיבה או ישיבה של ארגוננו, היא לא חסכה שוב מאמץ פיסי למען הארגון, תמיד מוכנה להושיט עזרה לבן־עיר. ביתה היה פתוח לרווחה בפני כל יוצאי עירנו. לא אחד מבני אוסטרובצה עשה את צעדיו הראשונים בארץ בביתה. תמיד היה החיוך נסוך על פניה וכולה טובת־לב ורוחשת ידידות. ישמשו מידותיה היפות דוגמה לנו.

יהא זכרם ברוך!

לוח הזכרון לקדושי אוסטרובצה במרתף השואה.

דער אנדענק־טאפעל פון די אסטראווצער קדושים אין מרתף השואה.



יחזקאל אראלי

דם מיטב בנינו קידש את אדמת הארץ הזאת, אשר תהיה לנו לנצח!

דברים שנאמרו במסיבה במלאת עשרים שנה למדינת ישראל ובקבלת פנים לאורחים מחו״ל

אורחים נכבדים,

מסיבה זו נערכת בין שני תאריכים חשובים ונכבדים — שבודאי ייחרתו וישתרשו עמוק־עמוק בתולדות עמנו בעת החדשה.

רק לפני שבוע ימים, בכ״ז בניסן, עמדה המדינה כולה בסימן „יום השואה והגבורה״ שנקבע ע״י המוסד המחוקק שלנו, הכנסת, לזכר מרד גיטו וארשה. מרד זה מהוה סמל ודוגמה למרידות ולהתקוממויות שפרצו בתקופת השואה גם במקומות אחרים בארצות הכבוש. נושאי המרד הזה היו צעירים, שיקדה בהם אש החרות, אש החופש. — הם שהשיאו את המשואות להודיע לכל בני הגולה המדוכאים והנאנקים, כי עוד לוחשת גחלת בערימת הדשן.

ביום זה התייחד הציבור עם זכר גיבוריו שהירוו מדמם אדמת נכר ושבמותם ציוו לנו את החיים, ובמותם מות קדושים הותירו לנו את הצוואה הגדולה: זכור ואל תשכח.

עבער ביינערמאַן

די פייערלעכע אַנטהילונג פון דער אַסטראָווצער מצבה

אין יאָר 1959 איז אַ גרופּע איבערגעגעבענע טוער, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער אַסטראָווצער ניו־יאָרקער סאָסייטי, אַרויסגעקומען מיט אַ באַגריסונגס־ווערטער איניציאַטיוו, אין אַ געוויסער מאָס אינספּירירט דורך דעם אַסטראָווצער לאַנדסלייט־פאַריין אין בוענאָס־איירעס — צו ווענדן זיך מיט אַן אַפּעל צו אַלע אַסטראָווצער ישובים אין דער גאָרער וועלט אויפצושטעלן אַ מאָנומענט נאָך די 18 טויזנט אומגעבראַכטע קדושים פון דער אָפּגעמעקטער יידישער קהילה אין אַסטראָווצע.

דעם 8־טן נאָוועמבער 1959 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון אַלע אַסטראָווצער פאַרבאַנדן (דער שרייבער פון די שורות האָט צו יענער צייט פאַרטרעטן די אַסטראָווצער לאַנדסלייט פון אַרגענטינע און בראַזיל). אויף דער קאָנפערענץ איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן שאַפן אַ יתומים־היים אין מדינת־ישראל און פאָרזעצן די אַרבעט פאַרן יזכור־בוך לזכר קדושי אַסטראָווצע, וואָס זאָל בקרוב דערשיינען אין תל־אביב.

די דעלעגאַציע פון דער אָסטראָווצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק צו דער קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון פאָלגענדיקע פערזאָנען: דוד זיסהאָלץ, הרב א. בלייבערג, אליעזר קופערמאַן, מחבר פון בוך „אַמאָליקע דורות“ און וואָלף ווייס ז״ל, וואָס איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

אין די דעבאַטן האָבן זיך באַטייליקט די טוער: שוכמאַן, פליישמאַן, אברהם בריקמאַן, י. גלאַד, שטרייטמאַן, פאַכלער, משה פיש, נ. גראָסמאַן און בוימשטיין (פון דער פרויען־דיוויזיע).

מצד דער אָסטראָווצער סאָסייטי צוזאַמען מיט דער אָסטראָווצער שול און לײדיס אוקזעלערי (פרויען־דיוויזיע) איז געקומען די איניציאַטיוו אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פון גראַניט, וועלכער זאָל זיין אַ ווירדיקער אָנדענק נאָך די אומגעבראַכטע אָסטראָווצער קדושים בעת דער נאַצי־תקופה.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון פאָלגענדיקע פערזאָנען: פאָרזיצער: ישעיה צווייגמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר: עבער ביינערמאַן, קאַסירער: שמואל פרידמאַן, פינאַנס־סעקרעטאַר: העינדל לינזאַן, הארצקע קודלאָוויטש, מעקס שטערן, יעקב ראַפּאָפּאָרט, מענדל וועלמאַן, ישראל זיסאַפּעל, שלמה שטיינהאַרט, איזי פרידמאַן, הערי פידלער, לואי שטאַרקמאַן, וואָלף פעלמאַן. פון דער פרויען־דיוויזיע: ד. גראָסמאַן, ש. ג. וואַקסמאַן, ר. נעשי; ר. זשאַבנער, א. זינגער, שרהלע פרידמאַן, ש. ווייסגלאַס.

זונטיק, דעם 23־טן אָקטאָבער 1966 איז אויפן יידישן בית־עולם אין טאָראָנטאָ פאָרגעקומען די פייערלעכע אַנטהילונג פונעם דענקמאָל. עס האָט זיך באַטייליקט אַן עולם פון העכער 500 אָסטראָווצער לאַנדסלייט, און אויך פאָרשטייער פון דער רעגירונג, פון דער אָרטיקער מוניציפּאַליטעט, פון יידישן קאָנגרעס, פון דער הסתדרות, פון דער ניו־יאָרקער אָסטראָווצער סאָסייטי און אַ דעלעגאַציע פון דעטראָיט. ביי דעם דאָזיקן פייערלעכן אקט איז אויך געווען פאַרטרעטן די פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

די צערעמאָניע פון אָפדעקן דעם דענקמאָל ווערט דורכגעפירט דורכן פאָרזיצער ישעיה צווייגמאַן, וועלכער פירט אָן מיטן פּראָגראַם. עס ווערן אַנגעצונדן זעקס ליכט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע יידן בעת דער פינצטערער נאַצי־תקופה. יעדעס ליכט ווערט אָנגעצונדן דורך צוויי פערזאָן: דאָס ערשטע ליכט ווערט אָנגעצונדן דורך שטרייטמאַן און שרהלע לאַקס (ראָזענמאַן), דאָס צווייטע ליכט — לייבוש ראָזענבלאַט און באַשקע קערבעל; דאָס דריטע ליכט — מאָטל צוקערפיין און מלכה מושקעס (אַנגעניצקי); דאָס פערטע ליכט — הערשל קודלאָוויטש און יהודית ניוטן (טשערניקאָווסקי); דאָס פינפטע ליכט — אברהם שטאַרקמאַן און לאָדזשע עפּעלשטיין (מיצמאַכער); דאָס זעקסטע — יחיאל אלתר ראַטשימאָרע און דבורה שטערן (ראַפּאַפּאָרט).

מיטן אָפדעקן דעם דענקמאָל ווערן באַערט די 4 עלטסטע אָסטראָווצער לאַנדסלייט: וועלוול שערמאַן, אייזיק ביינערמאַן, בוניע האָפמאַן (פרידלעווסקא) און פייגעלע קאָהן (איילקיכן).

די בלומען־קרענץ ביים מאנומענט זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן דורך די פאָלגנדיקע פאָרשטייער:

אין נאָמען פון דער אָסטראָווצער סאָסייטי אין טאָראָנטאָ: פאָרזיצער — לואי שטאַרקמאַן, וויצע־פאָרזיצער — וואָלף פאָלמאַן.

אין נאָמען פון דער אָסטראָווצער שול: פאָרזיצער — איזי פרידמאַן, יוקל סמאָלנער.

אין נאָמען פון דער פרויען־דיוויזיע ביי דער אָסטראָווצער סאָסייטי פאָרזיצער — דאָברע גראָסמאַן, וויצע־פאָרזיצער — שרה גיטל וואַקסמאַן.

אין נאָמען פון מאָנומענט־קאָמיטעט: שמואל פרידמאַן, העינדל לינזאַן.

אין נאָמען פון דער אָסטראָווצער סאָסייטי אין ניו־יאָרק: משה פיש, נעיטן גראָסמאַן.

מיט רעדעס ביים אָפדעקן דעם מאָנומענט זענען אַרויסגעטרעטן פאָרשטייער פון דער רעגירונג, פון דער יידישער קהילה און פון דער דעלעגאַציע פון די לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק — פסח שוכמאַן. מיט גרעסערע רעדעס זענען אויך אַרויסגעטרעטן די אָרטיקע טוער פון טאָראָנטאָ — ישעיה צווייגמאַן און עבער ביינערמאַן.

דעם הספד נאָך דער פאַרטיליקטער יידישער קהילה אין אָסטראָווצע — האָט געהאַלטן הרב ראָזענצווייג און דעם „אל מלא רחמים“ האָט אָפּגעריכט דער חזן קופער.

דער אַוועקגעשטעלטער מאָנומענט און די דורכגעפירטע צעראָמאָניע האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ טיפן איינדרוק.

אַ סימבאָלישער קבר פון די אסטראָווצער קדושים

רעדע פון פאָרזיצער שעיה צווייגמאַן

חשובע פאַרזאַמלטע!

מיר זענען געקומען באַערן די קדושים פון אָסטראָווצע און אומגעגנט, אומגעבראַכטע דורך דער נאַצישער בעסטיע. מיר ווייסן נישט, ווו עס איז אַהינגעקומען זייער געביין, צי ליגן זיי ערגעץ אין מאַסן־קברים, ווו זיי זיינען לעבע־דיקערהייט באַגראָבן געוואָרן, אָדער אפשר טראָגט זיך נאָך ערגעץ אַרום דאָס אַש פון זייערע פאַרברענטע גופים. צו דאָס איז געוועזן אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאַנעק, סאָביבאָר, בירקענאו, דאַכאַו, אָדער אַנדערע מיתה־משו־נה׳דיקע פלעצער וואָס האָבן געזייעט, און פאַרשפּרייט, טויט, פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג, ספּעציעל פאַר אונדזער יידיש פאָלק.

ווען מיר, די שארית הפליטה פון אונדזער אָסטראָווצע, זענען צוריקגעקומען פון דעם שרעקלעכן גיהנום, האָבן מיר זיך גלייך געשטעלט פאר אַן אויפגאַבע דורכצופירן עקסהומאַציעס פון אונדזערע קדושים, וואָס זענען געוועזן צעשפּרייט און שטאָט און אויסער דער שטאָט, און געבראַכט זיי צו קבורה אין איין מאַסן־קבר אויפן אָסטראָווצער בית עולם.

קיין מצבה האָט מען נאָך זיי נישט געשטעלט. איז

אסטראָווצער דענקמאל־קאמיטעט נעבן דער סימבאָלישער מצבה

דעריבער דאָס די מצבה, וואָס מיר דעקן דאָ אויף היינט. וועלן מיר יעדן יאָר קומען דאָ אַהער, מתייחד זיין זיך מיט אונדזערע נאָענטע, זאָגן קדיש בציבור, און פאַרגיסן טרערן אויף זייער און אונדזער בעסערן גורל.

מיט אַ געפיל פון רעספּעקט, יראת הכבוד, פּיעטעט און דרך ארץ פאַרן היינטיקן טאָג, וואָס איז געווידמעט די קדושי אָסטראָווצע, קאָנין און אומגעגנט, אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער, שוועסטער, פרויען, און קינדער, חברים און פריינד. אַ גאַנצע שטאָט יידיש לעבן, אַ גאַנצע שטאָט יידישע האָרעוואַניע, יידן וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם אויפן מזבח פון דעם באַרבאַרישן מולך, וואָס האָט זיך גערופן נאַציזם. פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן די הענקער אין יעדן ווינקעלע אויף דער ערד, ווו זייער געביין זאָל זיך נאָר נישט געפונען!

שוין איבער אַ פערטל־יאָרהונדערט טיילט אונדז אָפּ פון דער צייט ווען די גיפטיקע פיילן פון שונא האָבן געצילט אין די ערשטע רייען פון מזרח אייראָפּעאישן יידנטום און עס פאַרניכטעט. ווייל ווען כ׳זאָג „מזרח אייראָפּע״, מיין איך דערמיט אונטערצושטרייכן, דאָס געביט, ווו עס האָט געברויזט אַ שטאַרק יידיש לעבן. וואָס האָט אונדז געגעבן אונדזערע באַרימטע קלאַסיקער, מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש, וויסנבערג און ווי אויך די צוויי אומצעטיילבאַרע ריזן פון יידישן גייסט, — דעם „ווילנער גאון״ און דעם „אָסטראָווצער גאון״. און דאָס אַלעס איז שוין נישטאָ מער.

און די זעלבע צייט טיילט אונדז אָפּ פון אונדזער גרויסער טראַגעדיע: די ליבע און שיינע אָסטראָווצע, אונדזער פּראַכט און גלאַנץ, אונדזער שטאָלץ און צירונג, האָט אויסגעהויכט די נשמה. נישטאָ מער יידיש אָסטראָווצע, הייסט: אַז קיינמאָל וועט קיינער פון אונדז שוין נישט הערן דאָס קול נגינה פון דער שול, בתי־תפילה, בתי־מדרש, פאָלקס־שולן, ביבליאָטעקן. שוין קיינמאָל וועלן נישט דערגיין צו אונדז די זיס־קלינגענדיקע שטימעלעך פון די שרה׳לעך, אברהמ׳לעך, משה׳לעך און שלמה׳לעך. ווער האָט געהאַט אַ רעכט זיי אַזוי אומברחמנות׳דיק אויסצושעכטן? עס וועלן שוין אויך מער נישט פאָרקומען קיין חילוקי דעות צווישן רעכטע פועלי־ציון און לינקע פועלי־ציון, השומר הצעיר, השומר הלאומי, ראַטנער האַנטווערקער, סאָציאַליסטישע האַנטווערקער, אגודה, מזרחי. א ישוב איז חרוב געוואָרן, אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אומגעבראַכט געוואָרן מיטן שטאַם. אַ פרומער ייד אויף מיין פּלאַץ, וואָלט געזאָגט: נפלה עטרת ראשנו. ס׳איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ. „כי היינו ללעג ולקלס בגויים״ — מיר זענען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט ביי די פעלקער. יידיש לעבן איז געווען הפקר, אָסטראָווצער פאָלקסטימליכן אויסדרוק: יידיש בלוט איז גערונען פון טיר און טויער. מיט יידן האָט מען געקענט טוען וואָס מען האָט געוואָלט. נאָך מער, די גאַנצע וועלט האָט געוווסט וועגן אונדזער טראַגעדיע, אָבער — די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן!

דעריבער ווענד איך זיך צו אייך, מיינע ברידער פון דער שארית הפליטה, און צו אייך, גליקלעכע יידן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט וואָס פיזיש זייט איר נישט אַדורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהינום וואָס מיר, איבערגעבן דאָס צו אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, עד סוף כל הדורות, וואָס דאָס דייטשישע פאָלק האָט געטאָן אונדזער פאָלק.

זאָלן זיי ווערן פאַרשאָלטן און אָפּגעמעקט פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד, און זאָלן זיי קיין רו נישט האָבן אויך נאָכן טויט. זאָל זיי די הייליקע מאַמע ערד נישט צונעמען, נישט פאַרגעבן און נישט פאַרגעסן!

א ווירדיקער דענקמאל פאר אונדז און פאר אונדזערע קדושים

רעדע פון סעקרעטאר עבער ביינערמאן

מיינע האַרציקע ברכות פאַרן דענקמאָל־קאָמיטעט, פאַר דער אָסטראָווצע סאָסייטי מיט איר ליידיס־אוקזעלערי (פרויען־דיוויזיע) און די אָסטראָווצער קאָנגרעגעישן (שול), וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צום פאַראייביקן אונדזער פאַרשניטענעם אָסטראָווצער יידישן ישוב מיט אַזאַ גראַנדיעזן מאָנומענט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם און אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער

באַרבאַרישער נאַצישער בעסטיע.

דער דאָזיקער דענקמאָל וועט זיין אַ סימבאָל און באַווירקן, אַז יאָר־איין, יאָר־אויס, זאָלן דערמאָנט ווערן אויף אזכרות אונדזער הערלעכער אָפּשטאַם, אונדזערע קדושים, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט באַצאָלט פאַר אונדזער פרייהייט.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט מיט געציילטע ווערטער אויסדריקן מיין טיפע אָנערקענונג פאַר די חשובע טוער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט מיר, טאָג־איין, טאָג־אויס, מיטגעווירקט אַקטיוו, אַז דער דאָזיקער מאָנומענט, ביי וועלכן מיר זענען איצט פאַרזאַמלט, זאָל זיין אַ ווירדיקער אָנדענק נאָך אונדזערע העלדישע קדושים.

"יואל פרידמאַן און פון אַלע אַנדערע קאָמיטעט־מיטגל

ס'איז אויך ווערט צו דערמאָנען די איבערגעגעבנקייט פאָרזיצער פון אונדזער קאָמיטעט, ישעיה צוויגמאַן, פון זיינע קרובים און נאָענטע. זייער אָנדענק טראָגן מיר טיף דעם פינאַנס־סעקרעטאַר העינדל לינזאָן, פון קאַסירער היים, זיינע טאַטע־מאַמע, זיינע שוועסטער און ברידער, ביזן סוף פון אונדזערע טעג.

נישטא דאַרט מער קיינער אין דער אַלטער היים דער, וועלכע האָבן פיל ביי געטראָגן צום דערפאָלג פון אין אונדזערע הערצער און מיר ווען אים אַזוי דערטראָגן פאַרן אויפשטעלן דעם דאָזיקן מאַנומענט מצד דעם וואָס זאָל פאַרגיסן טרערן אויף זייערע קברים. קיינער, אויסער מיר, וועט זיי נישט דערמאָנען. מיט טיפן צער און ווייטיק דערמאָנען מיר יענעם שוידערלעכן האַרבסט פון טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק, ווען די האַק פון די נאַצישע טמאים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די קעפּ פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע אין אָסטראָווצע און אין די אַרומיקע שטעטלעך.

עס איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אָסטראָווצע שוין נאָך אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן און איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען אונדזער גרויסע בראָך. אויפן אָסט־ראָווצער יידישן בית־עולם איז פון אַלע ביימער איבער־געבליבן נישט מער ווי איין גרויסער אַלטער בוים, וועלכער סימבאָליזירט מיט זיין עלנטקייט אונדזער שוידערלעכע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון די פאַרשניטענע יידישע לעבנס. דאָס איז דער בוים ביים קבר פונעם גרויסן אָסטראָווצער גאון און צדיק — הרב ר' מאיר יחיאל הלוי האַלשטוק ז"ל.

זאָלן מיר דאָ אויך דערמאָנען מיט יראת־הכבוד דעם העראָאישן ווידערשטאַנד פון אונדזערע 14 אָסטראָווצער יידישע פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אכזריותדיק אומגע־בראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע הענקער.

כבוד זייער אָנדענק!

שווער צו געפינען פאַר אונדז אַ טרייסט נאָך דער גרויזאַמער פאַרטיליקונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. צום בעסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק דורך אונדזער אומפאַרגעסלעכן יידישן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש אין איינעם פון זיינע לידער:

וווי טרייסט מען אייך, ישובים מיינע!
נישטאָ קיין טרייסט אין אונדזער צייט
ווי אומבאַהאָלפן ווייט מיר זענען
און אפשר ווייטער נאָך ווי ווייט —
ס'איז קיין טרייסט נישטאָ

געהייליקט זאָל זיין דער אָנדענק פון די פאַרשניטענע יידישע ישובים, פון די אָפּגעמעקטע יידישע קהילות, אויף וועלכער עס האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן פון באַרבאַ־רישן נאַצישן צורר!

מיר נעמען דעם רוף צו נקמה פון זייערע מערדער פון אונדזערע אומגעבראַכטע ברידער און שוועסטער אויף זייער לעצטן פיינפולן וועג, זייער לעצטער אויסגעשריי פאַרן טויט:

נישט פאַרגעבן און נישט פאַרגעסן!

די דאָזיקע הייליקע צוואה זייערע וועלן מיר געטריי אָפּהיטן עד סוף כל הדורות!


1939
1945
DEDICATED TO THE MEMORY
OF OUR MARTYRED BRETHERN
VICTIMS OF BRUTAL NAZISM

טאָראָנטער לאַנדסלייט שטעלן זיך צום דינסט פון „יזכור בוך"

אַ ווענדונג צו אָסטראָווצער לאַדסלייט

אַלס פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַ „יזכור־בוך", צו הייליקן דעם אָנדענק פון דער פאַרטיליקטער יידישער שטאָט אָסטראָווצע, ווענדן מיר זיך צו אייך, אָסטראָווצער בכל מקום שהם זיך צו שטעלן מיט אונדז אין פאַרבינדונג, צוצושטעלן אונדז מאַטעריאַלן, זכרונות און היסטאָרישע שטודיעס פון טיפערן און ברייט־פאַר־נעמיקן ווערט פאַר דעם זכר פון אונדזער אָסטראָווצע און אירע אומגעקומענע על מות קדושים דורך דעם אכזריותדיקן טויט פון די נאַצי־באַנדיטן.

מיר דאַרפן אויפשטעלן אַ הייליקע מצבה דעם רייך־פולסירענדן, פולבלוטיקן יידישן לעבען אין אָסטראָווצע. מיר דאַרפן צונויפזאַמלען אַלע עפּיזאָדן אין שייכות מיטן אָרטיקן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. מיר דאַרפן צוזאַמענברענגען די געשיכטלעכע דאָקומענטן און גביות־עדות פון דער אומקום־טראַגעדיע, בילדער און ביאָגראַ־פיעס פון אָרטיקע ליכטיקע פּערזענלעכקייטן.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך, אָסטראָווצער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, לאַטיין־אַמעריקע, ישראל און אַנדערע לענדער: העלפט אונדז איז דער דאָזיקער זייער וויכטיקער אַרבעט, שטעלט צוזאַמען קאָמיטעטן פאַר פי־נאַנציעלעביישטייערונגען: קאָמיטעטן אויף צונויפזאַמלען דאָקומענטן, אַרטיקלען, זכרונות, בילדער, א.א.וו. און לאָמיר בשותפות שאַפן דאָס מאָנומענטאַלע ווערק אין אָנדענק פון אונדזער פאַרהייליקטער אָסטראָווצע.

שרייבט דירעקט צום פּראָוויזאָרישען קאָמיטעט, אין וועמעס נאָמען איך אַפּעליר צו אייך:

(אַדוואָקאַט) ל. י. צוקער
(לייביש, אלתר מאיר׳ל, יחיאל צוקער׳ס)

עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון אסטראווצער סאסייאטי אין טאראנטע

זיצן פון לינקס צו רעכטס: א. פרידמאן, מ. בריקס, עקס־פאַרזיצער: ל. שטאַרקמאַן, פאַרזיצער: א. ניימאן, וויצע־פאַרזיצער: י. שניידער, ה. לינזאן, א. רייכצייג. שטייען: וו. פאלמאן, מ. ווייסגלאס, ש. וואלפמאן, סעקרעטאר: ש. צווייגמאן, י. נעש, א. קארנבלוי.



אסטראווצער שול

אין טאראנטע

אין דער אָסטראָווצער שול אויף סיסעל סטריט, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין 1910 ביי אונדז אין טאָראָנטאָ, איז געהאָנגען אַ טאָוול, אויף וועלכן עס זענען געווען אויפגעקלעפּט אייניקע בילדער, וואָס דערציילן מיט זייער גרויליקער נאַקעטקייט די געשיכטע פון דעם חורבן פּוילן.

אמת, די בילדער דערציילן דעם סוף פון אַן איינציק יידיש שטעטל — דאָס שטעטל אָסטראָווצע — אָבער דער גורל פון אָסטראָווצע איז דאָך ניט אַנדערש פון דעם גורל פון אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. און ווען מ׳קוקט דאַריבער אויף די בילדער פון צושמעטערטע יידישע מצבות, פון חורבעס ציגעל און שטיינער, ווו אַמאָל זיינען געווען יידישע גאַסן, מיט יידישע שטיבער, מיט בתי־מדרשים, מיט תלמוד־תורה׳ס און אַלץ וואָס האָט פאַרפולקאָמט דאָס טראַדיציאָנעלע יידיש לעבן אין אַ קליין יידיש שטעטל, זעט מען פאַר זיך ניט בלויז דעם חורבן אָסטראָווצע, נאָר מ׳זעט דעם סוף פון גאַנץ יידיש פּוילן, וואָס האָט זיך אויסגעשטאַלטעט אין משך פון די פאַרגאַנגענע טויזנט יאָר און מער.

ווייל דאָס שטעטל אָסטראָווצע מיט אירע 18 טויזנט יידן, מיט אירע גרויסע רבנים, מיט איר יידישלעכער אייגנאַרטיקייט און מיט איר יידישן חן, איז דאָך געווען אַ טייל פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום, אַ טייל פון יענע 3 מיליאָן יידן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם סאַמע רוקנביין פון דעם יידישן פאָלק אין די לעצטע דורות.

איצט איז עס מער ניטאָ, ווי עס זאָגן עדות די מורא׳דיקע בילדער, וועלכע זענען אַרויפגעקלעפּט אויף אַ טאָוול מיט אַ שוואַרצער ראַם און וואָס איז אויפגעהאָנגען אין דער אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ. עס איז מער ניטאָ דאָס יידישע אָסטראָווצע און עס איז מער ניטאָ דאָס יידישע פּוילן. בלויז בילדער זענען געבליבן — בילדער וואָס זענען אַ זכר לחורבן.

מיטן אויפשטעלן די אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ האָבן די גרינדער און די בויער פון דער שול ניט פאָרויסזענדיק אויפגעשטעלט אַ „נר תמיד", אַ ליכט, וואָס וועט אויף אייביק דערמאָנען דעם אָנדענק פון יענע ליבסטע און טייערסטע וואָס זענען אַוועק אויף קידוש השם, אויפן וועג פון מאַרטירערטום.

צי מיר זענען פרומע אָדער ניט, מוזן מיר זעען אין דער עקזיסטענץ פון דער אָסטראָווצער שול אַ סימבאָל פאַר דעם אייביקן יידישן קיום. מיר מוזן זעען אין דער שול די פאַרקערפּערונג פון דעם יידישן דראַנג ניט אונטערצוגיין, ווייל אין דער צייט וואָס אָסטראָווצע איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן צוזאַמען מיט איר בליענדיק יידיש לעבן, איז אויפגעקומען אַ יידיש לעבן אין טאָראָנטאָ, וועלכעס איז אַ שפּראָצונג פון דעם לעבענס־שטייגער פון דער היים.

אויף אַזוי פיל איז די אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ סימבאָליש, ווייל עס דערמאָנט אונדז אַז עס איז געבליבן אַ המשך, אַ פאָרזעצונג פון יענעם לעבן אין דער היים,

וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזן הינטער זיך מיט אַ ציטער אין האַרצן, ווען מיר זענען מיט זעקס צענדליק יאָר צוריק אַריבערגעקומען אַהער אין דער נייער וועלט און פאַרפלאַנצט דאָ אויף דעם נייעם באָדן די געזונטע זאָמען פון אַ רעליגיעז יידיש לעבן.

די בויער און די גרינדער פון דער אָסטראָווצער שול האָבן זיך אַוודאי ניט פאָרגעשטעלט מיט זעכציק יאָר צוריק, אַז ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון אַן אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ, שטעלן זיי אויף אַ הערלעכן מאָנו־מענט, אַ פאַסיקן דענקמאָל פאַר די קדושים וטהורים, פאַר אונדזערע פאָטערס און מוטערס, פאַר אונדזערע שוועסטער און ברידער, פאַר אונדזערע משפחות און בכלל יידן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן „כצאן לטבח" דורך די הענט פון אַ מערדערלעכן רוצח.

קיינער האָט מיט זעכציק יאָר צוריק געוויס ניט געטראַכט, אַז די שול, וואָס זיי בויען אויף אין טאָראָנטאָ וועט ווערן, ניט בלויז אַ מקום קדוש צום דאַווענען פאַר די אָסטראָווצער לאַנדסלייט, נאָר עס וועט ווערן דאָס ברענענדיקע ליכט, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן, ווייל דער יידישער קיום קען קיינמאָל ניט איבער־געריסן ווערן.

תפארת ישראל ביקור חולים

אויף 57 סיסל סטריט, טאָראָנטאָ, אין דער וווינונג פון אונדזער אַ לאַנדסמאַן, לייביש צוקערמאַן, אויף עליזאַבעט סטריט, איז די ערשטע אָסטראָווצער שול געגרינדעט געוואָרן מיט 60 יאָר צוריק. אויף דער ערשטער אסיפה,

צענטע קאנפערענץ פון אסטראווצער הילפס־קאמיטעט אין שיקאגא אין 1948 מיטן אנטייל פון דעלעגאטן פון לאס־אנדזשעלעס, ניו־יארק און טאראנטע.

ווו ס'האָבן אַנטיילגענומען אַ פּאָר צענדליק אָסטראָווצער לאַנדסלייט, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען ביי צוקערמאַן אין הויז אויף עליזאַבעט סטריט, און ביי אַ גלעזל ביר מיט צובייסען, איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער אָסטראָווצער שול

צווישן די וואָס זענען געווען אָנוועזנד ביי יענער אסיפה זענען געווען: יצחק קעמפּאַל, פּיניע שטיינבאָק, אברהם ז'. לינזען, אברהם פּישער, הערשל לינזען, אהרן וואַרשאַווסקי, הערשל ניסקער, הערשל בוקאָווסקי, אברהם לירענבוים, לייביש צוקערמאַן, יעקב הירש פּיש, יעקב הערש פּאַכלער, שלמה קירשנבלאַט, אַבע פידלער, מאיר זינגער, הערשל לירענבוים, דוד זוסמאַן, אליהו מאַרקאָוועצקי, זעליג וויינבערג, ליפּע סילווערמאַן (גאָלדשמיט), לייביש בלום, אַביש רובינשטיין, שמואל וואַגנער, יעקל בלום, מאָטל פידלער, יעקב זינגער, יודל פיש (קאָרזשען), מאיר ראָכוואַרג, שלום דייווידסאָן, אלתר איטשע האַלפּערן און מאיר יחיאל פינקעלשטיין, וואָס אַ גרויסע טייל פון זיי זענען שוין אויפן עולם האמת.

עס איז מעגלעך, אַז ביי דער ערשטער גרינדונגספאַרזאַמלונג זענען אויך אָנוועזנד געווען איניקע אַנדערע, וועמעס נעמען זענען ליידער איצט ניט באַקאַנט.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען נאָך דאַמאָלסט געווען פאַרהעלטניסמעסיק יונגע מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַ היים, האָבן איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. איניקע האָבן איבערגעלאָזט פרוי און קינדער. מ'האָט איבערגעלאָזט אַן איינגעוואָרצלט יידיש לעבן;

אסטראווצער הילפס־קאמיטעט פון ניו־יארק און קאנאדע שיקט אן אמבולאנס צום „מגן דוד אדום" אין ישראל בשעת דער באפרייאונגס־קריג אין 1948.

מ׳האָט איבערגעלאָזן אַ וואַרעמע סביבה אין וועלכער מ׳האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און ווו מ׳האָט פאַרבראַכט די שענסטע יוגנט־יאָרן.

מ׳האָט עס אַלץ איבערגעלאָזן און מ׳איז געקומען קיין טאָראָנטאָ. מ׳איז געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט און אין אַ פרעמד לאַנד — אַ לאַנד מיט אַנדערע מנהגים, מיט אַן אַנדערע לשון מיט ווייניק פריינטשאַפט פאַר דעם ניי־איינגעוואַנדערטן.

יענע יונגע מענטשן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם היימישן באָדן אַזוי ווי אַ שטורם־ווינט רייסט אַרויס אַ יונג בוימל און פאַרטראָגט עס ערגעץ אויף אַ ווייטן אינדזל, אַזוי זענען די יונגע מענטשן געווען פאַרלאָרן און איבערגעשראָקן אין דעם נייעם לאַנד וווהין דער שטורם־ווינט האָט זיי אַריבערגעוואָרפן.

מ׳איז געווען פון איין וועלט אויסגעוואָרצלט און אין דער אַנדערער וועלט נאָך ניט איינגעוואָרצלט.

און ווי פאַרלאָרענע שעפסן האָבן די דאָזיקע איבערגעשראָקענע, עלענטע יונגע מענטשן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. מ׳האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען און מ׳האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי אויפצוהאַלטן אויף ווייטער די נאָענטקייט וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון אָסטראָווצע.

דאָס איז אַ מענשלעכער שטריך, וואָס מ׳קאָן עס געפינען ביי אַלע פעלקער און ביי אַלע גלויבנס. דער איינציקער חילוק איז דאָס, וואָס ביי די אומות העולם גרינדעט מען אַ פאַרוויילונגס־קלוב אָדער אַ ספּאָרט־פאַריין ווו מ׳טרעפט זיך פון צייט צו צייט און ווו מ׳האַלט אויף קאָנטאַקט צווישן זיך.

אין דעם פעריאָד פון דער שפּעטערדיקער יידישער אימיגראַציע האָבן אָנגעהויבן אויפקומען פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַריינען, פראַטערנאַלע קלובן, וועלכע האָבן פאַר דער ניי־איינגעוואַנדערטער יידישער יוגנט געדינט דעם זעלבן צוועק ווי ביי די אומות העולם האָט געדינט דער ספּאָרט־קלוב.

„לידיס אוקזילרי קומיטי״ ביי דער אָסטראָווצער לאנדסמאנשאפט אין טאראנטע

שטייען (פון רעכטס צו לינקס) : ר. בארענשטיין (פראָטאָקאל סעק.) ; שרהלע פרידמאן ; ר. נעש (פינאנץ סעק.) ; ר. קארפ ; שרהלע שערמאן (האספיטעלער) ; זיצן (פון רעכטס צו לינקס) : ס. וואקסמאן (וויצע פאָרזיצער) ; א. זינגער (קאסירער) ; דאָרא גראָסמאן (פאָרזיצער).

אָבער מיט 62 יאָר צוריק האָבן די יונגע מענטשן פון אָסטראָווצע געטראַכט אין טערמינען פון דעם היימישן שטעטל, ווו דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן, דאָס גאַנצע קהל׳שע קאָכעניש, האָט זיך געדרייט אַרום דעם בית המדרש.

אין אָסטראָווצע האָט מען ניט געוווּסט וועגן „סיק־בענעפיט״־פאַריינען אָדער וועגן לאַנדסמאַנשאַפטן־סאָסייטיס. דאָרט האָבן אַלע וויכטיקע טאָג־פראַגן פון אידישן לעבן זיך אויסגעדראשן אין דעם בית־המדרש אַדער ארום דער גרויסער שול. און עס איז דאַריבער פאַרשטענדלעך, אַז ווען די עטלעכע צענדליק יונגעלייט זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם הויז פון לייביש צוקערמאַן אויף עליזאַבעט סטריט, און מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי מען זאָל האַלטן די אָנגעלאָפענע יוגנט צוזאַמענגענומען, איז דער ענטפער געווען — אַן אייגענע אָסטראָווצער שול.

די שול האָט געזאָלט דינען מער ווי איין צוועק. עס האָט געזאָלט זיין אַ מקום קדוש צום דאַווענען. עס האָט געזאָלט זיין אַ מקום מנוחה ווו מ׳זאָל קענען דעם קאָפּ אַוועקלייגן ווען די נויט האָט דערצו געבראַכט.

ווייל צו יענער צייט איז עס ניט געווען קיין נאַווינע ווען מ׳האָט זיך פּליצלינג געפונען אָן מיטלען צום לעבן און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ניט ווייניק פון יענע מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען טעג אָן אַ ביסן אין מויל און ניט ווייניק פון זיי האָבן ממש ניט געהאַט אַ פּלאַץ פאַר נאַכטלעגער.

די שול האָט דאַריבער געזאָלט דינען אַ דרייפאַכן צוועק. דאָס איז געווען צו זען פון דעם נאָמען, וואָס די ערשטע אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ איז געגעבן געוואָרן. דער נאָמען איז געווען „תפארת ישראל ביקור חולים״.

אין דעם דאָזיקן נאָמען איז קאָמבינירט געוואָרן רוחניות מיט גשמיות צוזאַמען. דער ערשטער טייל פון דעם נאָמען איז רוחניות. דער צווייטער טייל איז גשמיות. עס איז דאָס גשמיות פון פּראַקטישע יונגעלייט, וועלכע האָבן באַגריפן די וויכטיקייט און דעם גרויסן ווערט פון ביקור חולים.

אָט אַזוי איז געקומען אויף דער וועלט די ערשטע אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אונטער אומשטענדן, ווי עס איז געווען לויט יענער שווערער צייט.

ווער זענען געווען די ערשטע אימיגראַנטען פון אָסטראָווצע?

ווען אַ יידישער מענטש האָט פאַרלאָזן אַ יידיש שטעטל אין פּוילן און האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבער די ווייטע ימים ערגעץ קיין אַמעריקע אָדער קאַנאַדע, איז עס געוויינלעך געווען ניט אויס ווילטאָג נאָר אויס נויט.

אין די מערסטע פאַלן איז אַ יידישער יונגערמאַן אַנטלאָפן פון דעם היימישן שטעטל צוליב מורא פאַר פריזיי. אויסער דעם איז מען געשטויסן געוואָרן פון דער אָרעמקייט צו אַוועקלאָזן זיך ערגעץ אין דער וועלט אַריין צו זוכן אַ מעגלעכקייט פאַר זיך און ווייב און קינדער.

אנדערע סיבות זענען אויך געווען. דער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם אונטערן רוסישן צאַר איז געווען בלויז איין סיבה. רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן איז געווען אַן אַנדערע סיבה. שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט געקענט זיין אַ דריטע סיבה, אָבער ועל כולם איז מען געשטויסן געוואָרן אַוועקצוגיין פון דער היים צוליב דער אויסזיכטלאָזיקייט פאַר דעם ענערגישן יונגן מענטשן, וועלכער האָט אין דער אָרעמקייט פון דעם היימישן שטעטל ניט געזען פאַר זיך קיין שום אויסזיכטן צו קענען זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל מעמד.

יונגעלייט פון פאַרמעגלעכע יידישע היימען זענען ניט געפאָרען קיין אַמעריקע. די אַזוי גערופענע „באַלעבאַטישע קינדער״ האָבן ניט געדאַרפט וואָגלען ערגעץ אין פרעמדע וועלטן דורכצומאַכן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס די אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען פון דעם פּיאָנער.

אַ סאַך פון די ערשטע איינגעוואַנדערטע אָסטראָווצער יונגעלייט זענען געווען באַלמעלאָכעס און זענען געקומען פון דעם אַרימען קוואַרטאַל פון אָסטראָווצע. דאָס זענען געווען האָרעפּאַשנע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך, ווען זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון דעם היימישן שטעטל. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס פּוילישע שטעטל מיט איר אָרעמקייט און דחקות האָט גאָרניט וואָס צו אָנבאָטן פאַר דער אָרימער יידישער יוגנט.

און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער וועלט זוכנדיק פאַר זיך אַ נייעם אָנהויב.

כדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף ווי ביטער, ווי שווער דערדאָזיקער „אָנהויב״ איז פאַר זיי געווען, וועט זיין גענוג צו דערציילן אַז פילע פון יענע פּיאָנערן זענען געפאָרן צוריק אין דעם היימישן שטעטל און די אַנדערע וואָס זענען ניט געפאָרן צוריק, וואָלטן עס זיכער געווען געטאָן ווען זיי וואָלטן פאַרמאָגט אויף הוצאות הדרך.

ניט ווייניק פון יענע פּיאָנערן האָבן אין דער שטיל געשלונגען די טרערן בענקנדיק נאָך דער וואַרעמקייט פון דער היים און פון משפחה. ניט ווייניק האָבן געפּראַוועט געצוווּנגענע תעניתים אָפּקומענדיק מיט אַ פאַרשימלט שטיקל ברויט און אַן איינגעזויערטער אוגערקע. ניט ווייניק

פון זיי האָבן געזאַמלט סענטן מיט דער האָפנונג צו קענען קויפן אַ שיפסקאַרטע צוריק אַהיים.

אָבער דערפאַר ווייל די נויטיקע סומע האָט מען קיינמאָל ניט געקענט צונויפקלייבן, איז מען געבליבן אין דעם נייעם לאַנד און מ׳האָט זיך געראַנגלט מיט די ביטערע אומשטענדן וויפל די כוחות האָבן דערמעגלעכט.

די ערשטע און די צווייטע אויסוואַנדערונג פון אַסטראָווצע

אין דער געשיכטע פון דער יידישער אויסוואַנדערונג פון אָסטראָווצע, זענען געווען עטאַפּן, וועלכע האָבן באַצייכנט געוויסע איבערגאַנגס־פּעריאָדן אין דעם יידישן לעבן פון דעם פוילישן שטעטל.

דער ערשטער עטאַפּ פון דער יידישער אויסוואַנדערונג איז פאָרגעקומען אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט. דאָס זענען געווען די יאָרן פון דעם אַטענטאַט אויף דעם רוסישן צאַר. איבער דער לופט פון דער אַמאָליקער רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן אַן אומרו, אַ מורא פאַר בלוטיקע קאָנסעקווענצן, פאַר נקמה־נעמען פון די רעוואָלוציאָנערן.

יידן האָבען אָנגעהויבן דערפילן די געפאַר אין דער לופט און מען האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן. דאָס איז געווען די פּעריאָדע פון אויסוואַנדערונג, וואָס מען וואָלט אויפן היינטיקן לשון געקענט אָנרופן די „עליה א״ — די ערשטע אויסוואַנדערונג.

דאַן, מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער, האָט זיך אָנגעהויבן די „עליה ב״ — די צווייטע אויסוואַנדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען פונקט ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַסאַך פון די ניי־אַריבערגעקומענע אין דער „עליה ב״ זענען באַלד נאָך זייער אָנקום אַהער אָפּגעשניטן געוואָרן פון וועלכן עס איז שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט דעם היימישן שטעטל צוליב דעם, וואָס די מלחמה האָט איבערגעריסן דעם פּאָסט־פאַרקער.

אין דער צווייטער אויסוואַנדערונג זענען אַוועקגעפאָרן יידן, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די ערשטע פּיאָנערן, אָדער עס זענען געפאָרן אַזעלכע, וואָס האָבן פשוט ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען אין דעם היימישן שטעטל. דער עלעמענט פון דער צווייטער עליה איז ניט באַשטאַנען פון יענעם פאַרהאַרטעוועטן אימיגראַנט פון אַ דור פריער.

דער אונטערשייד אין כאַראַקטער פון די צוויי סאָרטן „עליה״ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ, ווען פון אַן איינציקער שול וואָס איז געגרינדעט געוואָרן לכתחילה, איז אַנטשטאַנען אַ שפּאַלטונג און די „צווייטע עליה״ האָט געגרינדעט פאַר זיך אַליין אַ קליין שולכעל אויף טשעסטנאַט סטריט אין דער היים פון שלמה גראָסמאַן.

די אָפּאָזיציע־שול האָט נאָך מער ווי די ערשטע, געדינט אַלס פּלאַץ וווּ מען זאָל זיך קענען צוזאַמענטרעפן אין דעם עלענט און וווּ מען זאָל קענען טאַקע איבערנעכטיקן אַמאָל ווען מען האָט זיך פּלוצלינג געפונען אין דרויסן. מען האָט דאָרט אויך אויסגעטיילט טיי מיט ברויט פריי.

לאַנג האָט די צווייטע שול קיין קיום ניט געהאַט, ווייל זי האָט זיך פאַראייניקט מיט דער ערשטער, נאָכדעם ווי געוויסע רעפאָרמען זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער ערשטער שול. די רעפאָרמען זענען געווען: מער דעמאָקראַטיע, מער גלייכהייט, געוויסע אָנערקענונג און גלייכע רעכט פאַר די מתפללים פון דער „עליה ב״.

דאָ זעען מיר ווי אַזוי די קלאַסיפיקאַציע פון די צוויי סאָרטן אויסוואַנדערונגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַפילו אויף דער גרינדונג פון אַ מקום קדוש אין טאָראָנטאָ.

אַ פונקט אין דער קאָנסטיטוציע — „אנשי אסטראווצע״

נאָכדעם ווי די גרינדונג פון דער אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ איז דורכגעגאַנגען אירע ערשטע גלגולים, און נאָכדעם ווי די שול האָט שוין אָנגעהויבן באַקומען אַ פּנים, זענען געמאַכט געוואָרן צוויי וויכטיקע באַשלוסן ביים שרייבן די קאָנסטיטוציע פון דער שול.

באַשלוס נומער איינס איז געווען, אַז יעדער אָסטראָווצער ייד טאָר קיינמאָל ניט געשטערט ווערן פון אַריינגענומען ווערן אַלס מיטגליד פון דער שול.

באַשלוס נומער צוויי איז געווען, אַז אין דעם נאָמען פון דער שול טאָרן קיינמאָל ניט אויסגעלאָזן ווערן די צוויי ווערטער — „אַנשי אָסטראָווצע״. עס איז קיין חילוק ניט ווי אַזוי די שול וועט גערופן ווערן און וועלכע ענדערונגען אין איר נאָמען זי וועט דורכמאַכן, מוזן אָבער תמיד בלייבן אין דעם נאָמען די ווערטער „אַנשי אָסטראָווצע״.

אין דעם צווייטן באַשלוס קומען צום אויסדרוק צוויי פאַקטען מיט־אַמאָל. ערשטנס, די שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער היים־שטאָט; צווייטנס דאָס אַריבערפלאַנצן יענע צוגעבונדנקייט אַהער אויפן נייעם באָדן.

דאַמאָלסט ווען די קאָנסטיטוציע פון דער אָסטראָווצער שול איז געשריבן געוואָרן, איז עס געווען פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פונקט זאָל אַריינגעשריבן ווערן, ווייל אין דעם נאָמען איז געלעגן דער ענטפער פאַרוואָס די שול

איז בכלל געגרינדעט געוואָרן. דער נאָמען האָט דערציילט די גרויסע בענקשאַפט צוריק אַהיים, צום אַמאָליקן יידישן שטעטל.

בית הכנסת הגדול אנשי אָסטראָווצע

דער פולער נאָמען פון דער אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ איז „בית הכנסת הגדול אנשי אָסטראָווצע". אויף ענגליש ווערט די שול אָנגערופן „דהי אָסטראָווצע קאָנגרעגיישאָן" און צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין טאָראָנטאָ איז זי באַקאַנט פשוט אַלס „די אָסטראָווצער שול". וועלכע געפינט זיך אויף 58 סיסעל שטריט אַרום ספּעדיינע עוועניו. אין סאַמע האַרץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן ביי אונדז אין שטאָט.

היינט־צו־טאָג, אַז אַ פרעמדער ייד קומט צופאָרן קיין טאָראָנטאָ און ער לאָזט זיך אַרויס איבער דעם יידישן קוואַרטאַל, מוז ער באַמערקן די פּראַקטיקע אָסטראָווצער שול ווי זי הויבט זיך אַרויס מיט איר ברייטן פאַסאַד און מיט איר איינדרוקספולן פּאַרנעם.

אין דער דאָזיקער שול איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַסאַך מי, אַסאַך כוחות און ענערגיע, אַסאַך אויפריכטיקער ווילן פון אַזעלכע מענטשן ווי ישראל וויינבערג, איינער פון אירע טיכטיקסטע פרעזידענטן, אָדער אברהם זכריהו לינדזען, וועלכער איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פון דער נייער שול און וועלכער האָט פּאַקטיש די שול איבער־געבויט. אָדער דוד זוסמאַן, ה. גראָסמאַן, און מר י. ראָזענבערג, וועלכער האָט אָוועקגעגעבן דער שול 26 יאָר פון אומדערמידלעכער אַרבעט. אָדער פון דעם איבערגע־געבענעם טרעזשורער יצחק גאָטליב. אָדער פון די פריער־דיקע פרעזידענטן און באַאַמטע, צווישן וועלכע עס פאַר־דינען דערמאָנט צו ווערן: לאָיער לייביש צוקער, אברהם לינזען, אייבי לירענבוים. די ברידער אברהם און פייוועל פידלער, און אַנדערע.

אין דער שול איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ פאַרמעגן פון 75 טויזנט דאָלאַר, אָבער די איצטיקע טוער און באַאַמטע האָבן ניט בדעה אָפּשטעלן זיך ביי דער שול ווי זי איז אין איר איצטיקן צושטאַנד. די פּלענער זענען צו פאַרוואַנדלען די מאַיעסטעטישע געביידע אין אַן „אָסטראָווצער צענטער", ווו ס'זאָל זיך קאָנצענטרירן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אָסטראָווצע און מיט דעם געזעלשאַפטלעכן אימפּעט פון די היגע לאַנדסלייט.

עס ווערט געפּלאַנעוועט צו אויפבויען אַרום דער שול אַ גרויסן האָל, ווו די צווייטע און דריטע דורות פון די ערשטע פּיאָנערן, זאָלן קענען געפינען אַ פּאַסיק אָרט פאַר פאַרזאַמלונגען און אויף צוזאַמענטרעפן זיך. לויט דעם ווילן פון די עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט אָפּגעפרעמדט ווערן פון מקור, אַז זיי זאָלן בלייבן אויף ווייטער צוגעבונדן צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יענעם שורש פון וואַנען די היגע שפּראָצונגען, די היגע קנאָספּן זענען אַרויסגע־וואַקסן.

די אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ איז היינט דער איינציקער עקזיסטירנדער מאָנומענט פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, וואָס איז פאַרבליבן פון אונדזער היים־שטאָט. ניטאָ אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט נאָך אַן אָסטראָווצער שול, כאָטש עס זענען פאַראַן גענוג לאַנדס־מאַנשאַפטן און הילף־פאַריינען פון אָסטראָווצע. דערמיט איז די אָסטראָווצער שול אייגנאַרטיק און איינציק און דערפאַר מוז די אָסטראָווצער שול דערוועקן אַ רעליגיעזן ציטער, אָן אונטערשייד צי מען איז פרום אָדער ניט, אָן אונטערשייד צי מען איז רעליגיעז אָדער ניט.

עס איז דער איינציקער פּאַסיקער „נר תמיד" וואָס ברענט און וועט לויכטן אין אָנדענק פון די קדושים פון אַסטראָווצע.

די ערשטע שוהל אויף טיראַלי סטריט

מיט העכער זעכציג יאָר צוריק איז דער צענטראַלער פונקט פון דעם יידישן־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין טאָראָנטאָ גע־ווען אין דעם דאַונטאַון טייל פון שטאָט.

דאָרט ווו עס געפינט זיך היינט דער כינעזישער קוואַרטאַל, אָדער „טשיינאַטאַון", איז דאַמאָלט געווען קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. די יידישע באַ־פעלקערונג פון טאָראָנטאָ האָט צו יענער צייט זיך געציילט אַן ערך פופצן טויזנט, און די יידן האָבן באַוווינט די גאַסן צווישן דאַנדעס און קווין סטריט, און צווישן בעי און ספּעדיינע. אויף דער אַנדערע זייט פון ספּעדיינע איז שוין געווען „עק וועלט"...

עס איז געווען דאַריבער זייער נאַטירלעך, אַז ווען די גרינדער פון דער ערשטער אָסטראָווצער שול האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ פּאַסיק אָרט פאַר זייער בית התפילה, זאָל זייער בליק זיין געווענדעט אויף דעם דאַונטאַון.

די סאַמע ערשטע שול איז געעפנט געוואָרן אויף טיראָלי סטריט, די היינטיקע דאַנדעס סטריט, פון דאָרט האָט מען זיך אַריבערגעצויגן אויף עליזאַבעט סטריט.

דאָרט זענען אָפּגעדונגען געוואָרן אַ פּאָר צימערן הינטער דער וווינונג פון לייזער באָרענשטיין. לייזער איז אייגענטלעך ניט געווען קיין אָסטראָווצער, נאָר דווקא אַן איוואַנצקער.

דאָרט אין דעם הויז פון לייזער באָרענשטיין איז מיט

62 יאָר צוריק געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דעם היינטיקן פּרעכטיקן בנין, וועלכער באַצירט דעם בלאָק פון סיסעל און ספּעדיינע.

ווי יעדער אָנהויב אַזוי איז דער אָנהויב פון דער ערשטער אָסטראָווצער שול אויך געווען אַ שווערער און פול מיט געפאַרן. די שול האָט דורכגעמאַכט אייניקע וואַנדערונגען. פון טיראָלי אויף עליזאַבעט, פון עליזאַבעט אויף סט. פּעטריק, פון סט. פּעטריק אויף סענטער עוועניו, ווו מען האָט איינגעהאַנדלט אַן אייגענע געביידע. דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען הערשעל בוקאָווסקי. נאָך אים האָט נאָכגעפאָלגט אַלס פּרעזידענט אליהו מאַרקאָוויטש דער בעקער, דער פאָטער פון דעם פּראָמינענטן ד״ר טשאַרלז מאַרקסאָן אין טאָראָנטאָ, זעליג וויינבערג ע״ה.

טראָץ דעם ערנסטן ווילן פון די ערשטע בויער פון דער שול, זענען דאָך פאָרגעקומען אייניקע אומאַנגענעמע אינצידענטן, וועלכע זענען געווען פאַר דער שול ווי דאָס פּאָקן און מאָזלען פאַר אַ קינד.

אין דעמדאָזיקן שטיבעלע, וואָס איז געווען „גאָט׳ס הויז״ פאַר די אָסטראָווצער לאַנדסלייט, האָבן זיך אָפּגע־שפּילט מענטשלעכע טראַגעדיעס, וואָס האָבן דערציילט וועגן נויט און צער, און ס׳האָבן זיך אויך אָפּגעשפּילט אייניקע קאָמישע סצענעס, וועלכע רופן היינט אַרויס אַ שמייכל ווען מען דערמאָנט זיך אָן זיי.

איינע פון אַזעלכע קאָמישע סצענעס איז די געשיכטע מיט „די לעכער״.

אין דער נייער שול אויף סענטער עוועניו איז דער צווייטער שטאָק באַשטימט געוואָרן פאַר די פרויען צו דאַווענען. די מענער האָבן געדאַווענט אונטן און דאָס ווייבערשע שטיבל איז געווען אויבן. כּדי די פרויען זאָלן קענען אויפכאַפּן די תּפילות און דעם חזנ׳ס דאַווענען, האָט מען דורכגעשניטן לעכער צווישן דער שטעליע און דעם צווייטן שטאָק.

דאָס האָט געשאַפן אַן ענגשאַפט אַרום די לעכער, ווייל אַלע פרויען האָבן זיך געשטויסן נענטער צו די לעכער, כּדי מען זאָל קענען אויפכאַפּן אַ וואָרט.

היינט קען עס דערציילט ווערן אין לייכטן געמיט, אָבער דעמאָלסט איז עס באַטראַכט געוואָרן ווי אַן ערנסט פּראָבלעם מיט וועלכן מען האָט זיך ניט געקענט געבן קיין עצה, ביז גאָט האָט געהאָלפן און די קירך אויף סיסעל און ספּעדיינע איז אָנגעבאָטן געוואָרן צום פאַרקויפן.

דער ערשטער צו ברענגען דעם באריכט וועגן דער קירך און צו אָנרעגן אַלע מתפּללים צו קויפן די קירך פאַר אַ מקום קדוש איז געווען דוד זוסמאַן. ער האָט זייער גוט געוווסט, און דאָס זעלבע האָבן אויך געוווסט אַלע אַנדערע, אַז בעת ער האָט גערעדט און האָט פּראָיעק־טירט וועגן קויפן די קירך פאַר דעם פּרייז פון צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, איז אין דער קאַסע פון דער שול געלעגן פּונקט דריי הונדערט דאָלאַר.

וויסנדיק זייער פינאַנציעלן מצב, זענען געווען אַ סאך קעגנער צו זוסמאַנ׳ס אַוואַנטורע. מען האָט עס אָנגערופן משוגעת, מען האָט געזאָגט, אַז זוסמאַן שלעפּט די שול אין אָפּגרונט אַריין. אָבער דער האַרטנעקיגער דוד זוסמאַן האָט ניט אָפּגעלאָזן ביז עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג און עס איז געשאַפן געוואָרן אויפ׳ן אָרט די ערשטע צוויי טויזענט דאָלאַר אַלס איינצאָל אויף דער שול.

אָט אַזוי ווערן אונטערגענומען און עס ווערן געבויט יידישע אינסטיטוציעס. פריער זאָגט מען דעם „נעשה״ און נאָכהער ערשט קומט דער „נשמע״. מען קויפט אַ ריזיקע געביידע כאָטש מען האָט ניט קיין מעגלעכקייטן דערויף. אָבער אין לאַנגן סך־הכל זעען מיר, אַז גערעכט זענען די, וואָס שטעלען־איין און קויפן.

דער בעסטער באַוויז, די בעסטע באַשטעטיקונג דערויף איז די איצטיקע פּראַכטפולע שול אויף קאָרנער סיסעל און ספּעדיינע. זי איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער עקשנות און אַ דאַנק דעם ווילן פון אירע טוער און בויער, און מיט איר עקזיסטענץ איז זי סימבאָליש פאַר דעם אייביקן קיום פון דעם יידישן פאָלק.

די אָסטראָווצער שול אין טאָראָנטאָ לערנט אונדז, אַז זינט, לבן הארמי, האָט קיינער ניט געקענט פאַרטיליקן אָדער אָפּמעקן דעם יידישן קיום. ווו יידיש לעבן ווערט פאַרניכ־טעט, ווו עס ווערט אומגעבראַכט אין איין וועלט־טייל, שפּראָצט עס אַרויס מיט פרישער ענערגיע און מיט אַ פרישן ווילן צום לעבן אין אַ צווייטן וועלט־טייל.

פיר אָסטראָווצער גרופּירונגען אין שטאָט

אויסער דער אָסטראָווצער שוהל אַרום וועלכער עס גרו־פּירט זיך דער רעליגיעזער עלעמנט, זענען אויך פאַראַן פיר פּראָטערנאַלע פאַריינען, וועלכע זענען אַן אָפּשטאַם פון אָסטראָווצע.

די פיר זענען ווי פאָלגט: —

1) דער אָסטראָווצער הילפס פאַריין.
2) די אָסטראָווצער ליידיס אוקזילערי.
3) די אָסטראָווצער אינדעפּענדענט מיוטשועל בענעפיט סאָסייטי.
4) דער אָסטראָווצער ברענטש 7 ביים לייבאָר ליג.

די ערשטע צוויי אינסטיטוציעס: דער הילפס פאַריין און די ליידיס אוקזילערי, זענען אָריגינעל אַרויסגעוואַקסן

פון דער שול. דאָס הייסט, זיי האָבן אָנגעהויבן ווי אָפּטיילונ־גען פון דער שול און זענען שפּעטער אַריבער „אויף אייגענע קעסט", אָפּגעבנדיק זיך הויפּטזעכלעך מיט רעליף אַרבעט פאַר די יידן אין אָסטראָווצע.

דער הילפס פאַריין, וועלכער עקזיסטירט היינט, איז אַ צונויפשמעלצונג פון צוויי אינדיווידועלע פאַריינען, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַזוי ווי דער צוועק פון זייער עקזיסטענץ איז געווען דער זעלבער האָט מען באַשלאָסן פאַראייניקן די צוויי פאַריינען אין אַן איינציקער קערפּערשאַפט, און אַזוי זענען זיי געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג.

די לײדיס אוקזילערי

די געשיכטע פון דער לײדיס אוקזילערי איז זייער ענלעך צו דער געשיכטע פון הילפס־פאַריין. עס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַ לײדיס אוקזילערי פאַר דער שול. די פרויען אָרגאַניזאַציע האָטווירקלעך געטאָן אַ גוטע אַרבעט פאַר דער שול. די פרויען האָבן אַריינגעגעבן דעם אָרון הקודש. זיי האָבן געשאַפן דעם פּרוכת, די חופּה און האָבן בכלל געהאָלפן אין דעם אויפבוי פון דער נייער שול.

שפּעטער ווען זייער אַרבעט אַרום דער שול איז שוין ניט געווען אַזוי דרינגנד, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין הילפס אַרבעט פאַר די יידן פון אָסטראָווצע. די פרויען האָבן אָנגעקניפּט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אָסטראָווצע דירך דוד זוסמאַן, וועלכער פלעגט אָפט פאָרן קיין אייראָפּע.

זייער הילפס אַרבעט איז געווען פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער וואָס נאָר אַ פרוי קען פאַרשטיין און אָפּשאַצן. די דאָזיקע גוטע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן שטיל און באַשיידן און אַ סאַך מענטשן וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף זענען ווירקלעך געהאָלפן געוואָרן.

די אָסטראָווצער לײדיס אוקזילערי איז געגרינדעט געוואָרן מיט 45 יאָר צוריק און האָט געהאַט דורך דער צייט די פאָלגענדע טשערלײדיס: —

1) רחל'ע לירענבוים,
2) אַלטע רובינשטיין ע"ה,
3) טאָבעלע פאַרבער ע"ה,
4) רויזע שטערן,
5) חנה בלום,
6) שרה אַפּעל,
7) רחל'ע וויינבערג,
8) דאָרא גראָסמאַן.

עפּילאָג

דאָס אויבן געבראַכטע אַרטיקל, וואָס גיט איבער אַן אינטערעסאַנט בילד פון לעבן פון די ערשטע אָסטראָווצער אין טאָראָנטע, איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ הערלעכן יובל־בוך, וואָס די אָסטראָווצער לאַנדס־לייט האָבן אַרויסגעגעבן אין יאָר 1950 צום 40־יאָריקן יובל פון דער שול. אין צווישנצייט זענען פאָרגעקומען פיל ענדערונגען אין לעבן פון די אָסטראָווצער אין טאָראָנטע. פיל פון די אויבנדערמאָנטע עסקנים זענען געשטאָרבן, און די אָסטראָווצער, וועמענס לאַגע האָט זיך פיל פאַרבעסערט, האָבן פאַרלאָזט די געגנט פון דער שול און זענען אַריבער אין אַנדערע רייכערע קוואַרטאַלן פון שטאָט. די שול איז געבליבן כמעט איינזאַם אין אַ געגנט, וווּ ס'זענען כמעט נישט געבליבן קיין יידן.

אַלס רעזולטאַט דערפון האָבן די אָסטראָווצער לאַנדס־לייט באַשלאָסן פאַרקויפן די שול, און דאָס געלט פאַרנוצן אויף אויפשטעלן אין ישראל אַ „בית אוסטרובצה", וואָס זאָל דינען אי אַלס דענקמאָל און אי אַלס קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער צענטער פאַר אַלע אָסטראָווצער יידן אין דער גאַנצער וועלט.

דער פּלאַן געפינט זיך איצט אין באַהאַנדלונג און ס'איז צו האָפן אַז אַ דאַנק די לאַנדסלייט פון טאָראָנטע, וועט יעדער אָסטראָווצער, קומענדיק קיין ישראל געפינען אַ וואַרעם צונויפטרעף־פּונקט מיט אַנדערע אָסטראָווצער אין דער גאָרער וועלט.

אלי ראַסבערג (דעטרויט)

דער איינזאַמער לאַנדסמאַן

איך וואַנדער אין זוך אין פרעמדן לאַנד
אַ פּנים וואָס איז היימיש און באַקאַנט
אַ האַרץ וואָס קלאַפּט, און אויגן וואָס זאָגן:
„איך וועל דיך ווייט פון דיין בענקשאַפט טראָגן!"

פרעמד איז דאָס לאַנד, פול מיט זאָרגן,
נישטאָ, קיין היינט, נישטאָ קיין מאָרגן, —
שבת, יום־טוב, אינדערוואָכן,
שווערע אַרבעט, מיד, צובראָכן.

חיים, ווו ביזטו? כ'בין עלנט, אַליין,
אַן פריינט, אַן באַקאַנטע, איז אַזוי שווער צו זיין
קומט־זשע איר לאַנדסלייט, ווו זענט איר אַצינד?
פאַראייניקט אייך, פריינט, מיט אַן אַסטראָווצער קינד!

געקומען לאַנדסלייט, דעם אויפרוף דערהערט
אַן אַסטראָווצער פאַריין איז דאָך באַשערט!
געפונען האָט דער איינזאַמער, אין עלנט און פיין;
דעם אַסטראָווצער לאַנדסמאַן, וואָס וועט אַ ברודער זיין.

אַ מעמבער, וואָס איז גרייט אַ האַנט אויסצושטרעקן,
אַ ברודער, וואָס לאָזט זיך פון שלאָף אויפוועקן, —
צו העלפן אַ לאַנדסמאַן, אַ חבר, אַ פריינט,
ווייל געטראָפן האָבן זיך אייגענע ווידער היינט!

הימל און ערד זענען מייד,
כ'וועל שוין מער נישט עלנט זיין.
יעדעס וואָרט טוט ווי ווייַן פליסן,
ווען ברידער לאַנדסלייט טוען זיך באַגריסן.

זאָלן הענט אין הענט געפלאָכטן זיין,
זאָל אַסטראָווצער פריינטשאַפט אַ סימבאָל זיין,
פון גוט־האַרציקע מאַנירן, —
זאָל פריינטשאַפט עקזיסטירן!

אַסטראָווצער פריינטשאַפט פאַריין,
וואָס קען דען נאָך בעסער זיין,
ווען אייגענע קומען זיך צוזאַמען
ווי אין דער היים ביי טאַטע־מאַמען!

אכטונג,
לאנדסלייט פון אסטראווצע!

מיר מאַכן באַקאַנט אַלע לאַנדסלייט, אַז דער „ספר זכרון אָסטראָווצע״, וואָס ווערט צוגעגרייט אין מדינת ישראל, וועט דערשיינען אין קורצן. זייענדיק פאַראינטערעסירט אַז אין דעם בוך זאָל אָפּגעשפּיגלט ווערן דאָס יידישע לעבן פון אָסטראָווצע און דער חורבן ביי די נאַציס ווענדן מיר זיך צו אַלע אָסטראָווצער אין אַמעריקע, קאַנאַדע, לאַטײן־אַמע־ריקע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער, צו אָרגאַניזאַציעס און יחידים, צו העלפן אין דערדאָזיקער הייליקער אויפגאַבע מיט אַריינשיקן צו אונדז היסטאָרישע מאַטעריאַלן, זכרונות, בילדער, דאָקומענטן, ווי אויך פאַראייביקן זייערע אומגע־קומענע משפחות אין דער תקופה פון חורבן.

זאָלן די בלעטער פונעם דאָזיקן בוך זיין אַ מאָנומענט לדור דורות פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין אָסטראָווצע.

אָסטראָווצער יזכור־בוך קאָמיטעט אין ניו־יאָרק:

שמואל שטרייטמאַן — פּאַרזיצער,
דאָראַ בוימשטיין — סעקרעטאַר.

שמואל שטרייטמאַן
פאַרזיצער פון ניו־יאָרקער יזכור־בוך קאָמיטעט

אסטראָווצער סאָסייאַיטי אין ניו־יאָרק

פאַראייביקט דעם אָנדענק פון

משה פיש
איזידאָר ערליך

געוועזענע פּרעזידענטן
און לאַנג־יאָריקע אַקטיווע טוער אין דער
אַסטראָווצער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק.

עהרע זייער אָנדענק.

שמואל שטרייטמאַן, פּרעזידענט
דאָראַ בוימשטיין, סעקרעטאַר

אליעזר קופּערמאַן, ניו־יורק

ר׳ זאב־וואלף ווייס ז״ל

גערופן האָט מען אים מיט ליבשאַפט וועלוועלע ווייס. געווען איז ער אַן אידעלע געשטאַלט און מיט זיין לענגלעך פּנים, הויכן שטערן און לאַנגע האָר האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון אַ קינסטלער און אַרויסגערופן באַ אַלעמען דרך ארץ.

נאָך זיין חתונה מיט רבקהלה שפּילמאַן, די געראָטענע טאָכטער פון ראובעלע שפּילמאַן, איז וואָלף ווייס, דער יונגער קולטור מענטש און מעורב בין הבריות, געוואָרן אויך אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן און מיט זיין מתן בסתר און כוח השפּעה האָט ער געהאָלפן זייער פיל נויטבאַ־דערפטיקע אין אונדזער קהילה קדושה אָסטראָווצע. ער איז שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרנס אין דער קהילה און איז געווען דער יינגסטער פּרנס אין שטאָט.

קומענדיק קיין ניו יאָרק האָט ער פאָרגעזעצט זיינע כלל־טעטיקייטן, אין זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין ווי אויך

IN MEMORY OF

HEADY KRZEMINSKA-STEIN

WHO DIED IN JULY 1966

THE COMMITTEE OF THE

ISKOR BOOK FROM NEW-YORK CITY

צווישן די לאַנדסלייט פון אָסטראָווצע, וואָס ער באַטראַכט אַלס זיין געבוירן־שטאָט, כאָטש געשטאַמט האָט ער פון נאָענטן שטעטל דרילדזש.

ער איז געווען אַ שם דבר צווישן יידישע שרייבער און קולטור טוער. ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידישן בוך און געהאָלפן אַרויסגעבן יידישע ווערק פון שרייבער.

ווען עס איז מיט איניקע יאָר צוריק אויפגעקומען דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אין מדינת ישראל אַ יזכור־בוך פון אָסטראָווצע, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און כאָטש ער איז שוין דאַן געווען אַ קראַנקער און האַלב־צעבראָכענער האָט ער אַלעמען דערמוטיקט מיט זיין אַקטיוויטעט, גערופן אַלעמען זיך באַטייליקן אין דער הייליקער אַרבעט און אַ דאַנק אים איז צושטאַנד געקומען דער קאָמיטעט פון יזכור־בוך. טראָץ וואָס ער איז נישט געווען זייער פאַרמעגלעך, האָט ער אַליין אויסגעהאַלטן די הוצאות פון ערשטן אויפרוף און אַנדערע דרוקזאַכן. אויף זיין איניציאַטיוו איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע אָסטראָווצער פאַרזאַמלונג פון אַלע לאַנדסלייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון קאַנאַדע, האָט באַצאָלט די רייזע הוצאות פון אַ פאָרשטייער פון די אָסטראָווצער אין קאַנאַדע, כדי אויך די אָסטראָווצער פון קאַנאַדע זאָלן זיך מיטבאַטייליקן אין אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך.

צום געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך האָט ער זיך באַצויגן ווי צו אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. באַ אים עס געהייסן, אַז מיר שטעלן אויף דערמיט אַ מאָנומענט לזכר עולם דער אַלטער קהילה אָסטראָווצע. קראַנקערהייט

זיצן פֿון רעכטס אויף לינקס: משה פיש, סעקרעטאר שמואל שטרייטמאן, פארזיצער יוסף גלאט, וויצע־

פארוואלטונג פון דער אסטראווצער סאסייאטי אין ניו־יארק

פארזיצער ב. באמשטיין, פ. ארליך. שטייען: ה. ראזענבלום, צ׳ארלי סטון, נ. פאכלער, צ׳ארלי גראסמאן, בעריש גלאט, שלמה גראַסמאן, מ. בערסאָן — קאסירער.



פלעגט ער נישט פאַרפעלן צו קומען אויף אַלע מיטינגען פון דער אָסטראָווצער סאָסייטי און מיט די לעצטע כוחות פלעגט ער שטורעמען קעגן דער גלייכגילטיקער באַציונג, וואָס ער האָט באַמערקט באַ טייל לאַנדסלייט צום געדאַנק פון יזכור־בוך.

נאָכן באַזוך אין ניו יאָרק פון אונדזער לאַנדסמאַן ר׳ יחזקאל ארלי, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז פון אונדזער איצטיקן פאָרזיצער, ש. שטרייטמאַן, איז ער געווען דער ערשטער פון דער יחידים גרופּע לטובת דעם יזכור־בוך.

בעת אונדזערע באַזוכן באַ אים אין שפּיטאָל, שוין כמעט אַ חולה מסוכן, האָט ער זיך אַלץ נאָכגעפרעגט ווי עס האַלט מיטן יזכור־בוך.

באַ זיין גרויסער לויה האָבן מיר אים מספּיד געווען ווי אַ גרויסן צדיק הדור, אַ יחיד במינו. בעתן אויפדעקן די מצבה אויף זיין קבר אויפן בית עלמין פון די אָסטראָווצער, האָט דער שרייבער פון די שורות אים פאַרגליכן צו די למד וואָווניקעס, די צדיקים נסתרים. מיט זיינע מעשים, וואָס זענען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ לויטערער נשמה, איז ער געוואָרן דערהויבן צו דער געשטאַלטונג פון פרצ׳עס „אויב ניט נאָך העכער״.

אַלע, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו זיין נאָנט צום דאָזיקן איידעלען מענטש, וועלן מיט שטאָלץ טראָגן אין זיך זיין אָנדענק ביזן סוף פון די טעג.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

„יזכור־בוך״ קאמיטעט מיט אסטראווצער לאנדסלייט אויף א ספעציעלער פארזאמלונג אויף צו זאמלען געלט בשעת דער זעקס־טאג מלחמה אין ישראל.
זיצן פון רעכטס אויף לינקס: מרס. טשארלס סטורן, ר. גוטהאלץ־קעמפינסקי, שמואל שטרייטמאן, בערנארד באמשטיין, דארא באמשטיין, גוטא גוטוויל־בראון, מרס. ב. גלאט. שטייען אין דער ערשטער שורה: פעני באמשטיין, רבקה ווייס, משה פיש, העלען פיש, דזשאנעט שטרייטמאן, בערנארד גלאט, מרס. ווינטשעסטער, מרס. גלאט, יוסף גלאט. שטייען אין דער לעצטער שורה: שמעון קעמפינסקי, טשארלי סטורן, טשארלי גראסמאן, נטע פאכלער, לעאן שטיינמאן, י. מ. בירנצווייג, ש. בירנצווייג, דוד ווינטשעסטער, מרדכי טאפעל, הארי ראזענבלום.

מיר טאָרן ניטש פאַרגעסן די רוצחים און די יידישע העלפערס

רעדע פון א. בוימפעלד ביים אויפדעקן אן אנדענק־טאַפעל אין ריאו דע זשאנײרא

זונטאָג דעם 25־טן אָקטאָבער, 1953, ביים אויפדעקן דעם מצבה־טאָוול אין אוהל הקדושים נאָך דער אָסטראָווצער יידישער קהילה אויפן בית־החיים פון ווילא ראזאלי אין ריאָ דע זשאַנײראָ, האָט דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון די אָסטראָווצער לאַנדסלייט געהאלטן די פאָלגענדע רעדע:

לאַנדסלייט פון מיין געבורטס־שטאָט אָסטראָווצע.

מיט צעבראָכענע הערצער, בייגן מיר אונדזערע קעפּ מיט דעם גרעסטן יראת־הכבוד פאַר אונדזערע אייגענע, וואָס זענען אונדז טייער געווען און וואָס זייערע לעבנס זענען אוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז צוזאַמען מיט אַ דריטל פון דעם יידישן פאָלק דורך דער היטלערישער רוצחים־באַנדע און אירע העלפערס. די מענטשלעכע שפּראַך האָט נאָך נישט געפונען דעם געהעריקן אויסדרוק פאַר אָט דער גרויזאַמער פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן.

אונדזער ווייטאָג קען נישט פאַרגעסן ווערן און וועט נישט פאַרגעסן ווערן. ביי יעדן מענטשן וואָס האָט זיין אייגן־ווירדע, וועט אייביק זיין איינגעקריצט אין די געדאַנקן „זכור אשר עשה לך הנאצי”.

מיר אָסטראָווצער קענען נישט פאַרגעסן אינדזער גרויזאַמען פאַרלוסט.

יאָר־הונדערטער איז אָסטראָווצע געווען אַ מקום־תורה, אַ צענטער פאַר יידישקייט. פון אָסטראָווצע האָט זיך צעשטראַלט דאָס ליכט פון תורה, דורך פיל גאונים, לומדים, רבנים און רביים. אונדזערע לאַנדסלייט האָבן געלעבט אין אָסטראָווצע אַן עכט יידיש לעבן. יידן האָבן געלעבט יידיש, נישט נאָר שבת אָדער יום־טוב, נאָר אַ גאַנצע וואָך. עס האָט געלעבט יידיש יעדעס געסעל, יעדעס ווינקעלע, די פאַריינען, די קלובן, די בתי־מדרשים, די אַלטע שול פון איבער 400 יאָר, דאָס שניידער בית־המדרש מיט זיינע טראַדיציאָנעלע תהלים־זאָגער. מיר דערמאָנען זיך די קינדער־יאָרן, די הדרים, די חסידים־שטיבלעך מיט די בעלי־התפילות, ווי ר׳ בערל רויזנמאַן, חיים האַלפערן (חיים לובלינער), בערל ראָזענצווייג (בערל וועוויס), יהושוע קופּערמאַן, דעם ראש השוחטים ר׳ אייזיק מענדל באלקע, ר׳ יעקב מענדל גאָלדפינגער מיט זיין טראַדיציאָנעלן „מן־המיצר” ביי תקיעות־שופר, וואָס האָט יעדן פאַרגאַפּט.

